STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04613

# MAYNE TSVANTSIK YOR IN SOVETISHE TURMES

Eliezer Nanas

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Jack & Helen Gorelick*
*in memory of*
*Abraham & Lena Gorelick*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# „סובאַטאָ"

# מײַנע צװאַנציק יאָר
# אין סאָװעטישע טורמעס

פון

**אברהם נעצאַך**

◆

איבערלעבונגען פון אַ רוסישן אידן, װאָס האָט זיך געראַטעװעט
פון צװאַנציק יאָר געפאַנגענשאַפט אין טורמעס און שקלאַפן־
אַרבעטס־לאַגערן אין סאָװעט רוסלאַנד

— ערשטער טײל —

ברוקלין, ניו יארק
שנת תשמ"א לפ"ק

© Copyright 1980
by Author

דפוס אופסט „מוריה"
MORIAH OFFSET CO.
160 JOHN STREET
Brooklyn, N. Y. 11201
(212) 852-4141

# אינהאַלט

מען האָט מיך אַרעסטירט ........................ 7
די אויספאָרשונג אין טויט־שרעק ........................ 9
דער אָפרו אין „גן־עדן" ........................ 13
די תפיסה וואָס עסט אויף לעבעדיקע מענטשן ........................ 17
אַ ליכטיקער שטראַל אין דער פינסטערער נאַכט ........................ 23
דער שרעקלעכער אורטייל פון אַ גרופּע אידן פון פוילן ........................ 25
די דאָקטוירים פון תפיסה העלפן די אַרעסטאַנטן... שטאַרבן ........................ 29
מיטן „עטאַפּ" . . . ........................ 31
דער קאַלטער גיהנום ........................ 36
דער ערשטער שבת אין לאַגער ........................ 43
דער ערשטער פסח אין לאַגער ........................ 49
מען כאַפּט אונז ביים אַנטלויפן ........................ 54
דער גיהנם אין שניי ........................ 58
אַ שמועס מיטן טייוול ........................ 60
עבודת פרך ביים בעטאָן ........................ 63
איך אַרבעט אין קאַנטאָר ........................ 66
אין „בור" צווישן גזלנים ........................ 70
מען גיט מיר אַ „גרינגע" אַרבעט ........................ 74
דער „ליכטיקער" בריגאַדיר ........................ 82

# אינהאַלט

## צווייטער טייל

„כל נדרי" אין אַ פינסטערן קעלער ........ 3
מיין נייע „גרינגע" אַרבעט ........ 8
דער היטלער־סטאַלין פּאַקט — און די פּוילישע אידן ........ 20
אין דעם נייעם לאַגער ........ 31
איך ווער אַן אויוון־הייצער ........ 38
דער הונגעריקער פּסח ........ 46
איך אַרבעט אין „סעלכאָז" ........ 62
אין דער מעבל־פאַבריק ........ 69
מיר גראָבן אויס קאַרטאָפל וועלכע מיר טאָרן נישט עסן ........ 92

## דריטער טייל

אין צענטראַלן שפּיטאַל ........ 101
דער דריטער אַרעסט ........ 110
דער „גערעכטער" משפּט ........ 131
צוריק אין לאַגער־שפּיטאַל ........ 139
אַן אויסטערלישע באַגעגעניש אויפן וועג צום נייעם לאַגער ........ 151

# אינהאַלט

## דער פערטער טייל


אין נייעם לאַגער . . . . . . . . . . . 5
דער ערשטער פסח אין נייעם לאַגער . . . . . . . 12
אין דער לאַלקעס פאַבריק . . . . . . . . . 13
ווען עס האָבן זיך דערנעענטערט די ימים טובים . . . . . 23
אַ פאַרביטערטער קאַמף מיטן "אַפּער" . . . . . . . . 25
ווי אַזוי צבי הערשל האָט געוואָלט דערמאָרדן בעריען . . . . 32
די נקמה פון דער "אַפּער" און דער מסירות נפש
פון אַ יידישע טאָכטער . . . . . . . . . 38
איך אַרבעט אין בוכהאַלטעריע . . . . . . . . 52
איך אַנטלויף פון אונטער דעם מעסער . . . . . . . 62
דער באַפעל אָפּצושערן מיר די באָרד און פיאות . . . . . 68
מיין אַרבעט אין דער בוי־אונטערנעמונג . . . . . . 72
מיין נייער חבר לצרה אלכסנדר . . . . . . . . 78


## דער פינפטער טייל


איך אַרבעט ווידער אין בוכהאַלטעריע . . . . . . . . 87
דער וויזיט פון מיין פרוי . . . . . . . . . 93
מיין ערשטער אָפּרו אין לאַגער . . . . . . . . 96
אויף אַן אינזעל מיט היטלעריסטעשע מערדער . . . . . . 112
צום צווייטן מאָל אין צענטראַלן שפיטאָל . . . . . . . 135
די גנבים שטעלן מיך צו זייער משפט . . . . . . . 165
איך ווער בעפרייט פון לאַגער . . . . . . . . . 172

# פאָרוואָרט

מיט צוויי יאָר צוריק איז פון סאָוועט רוסלאַנד אָנגעקומען קיין ישראל אַ איד, וועלכער האָט צוואַנציק יאָר געשמאַכט אין סאָוועטישע טורמעס און שקלאַפן־לאַגערן. נאָך ווײַלן עטלעכע חדשים אין דער אידישער מדינה איז דער רוסישער איד געקומען צופאָרן אויף אַ באַזוך קיין אַמעריקע. דאָ האָבן זיינע פריינט און באַקאַנטע אים וואַרעם אויפגענומען און זיך שטאַרק געפרייט מיט זיין אויסלייזונג פון דעם סאָוועטישן גיהנום.

אינטימע פריינט פון דעם רוסישן אידן האָבן אים שטאַרק צוגערעדט, אַז ער מוז זיינע איבערלעבונגען און דעם גאַנצן קאָשמאַר וואָס ער איז דורכגעגאַנגען דערציילן פאַר דער אידישער וועלט.

דער איד האָט זיך געקווענקלט. ער איז ערשט אַרויס פון רוסלאַנד און האָט מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט אָנפאַנגען דערציילן וועגן דעם שוידערלעכן פעריאָד, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אויף זיינע פלייצעס, וועט עס קענען שעדיקן די פילע קרובים און פריינט וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין ראַטנפאַרבאַנד. נאָך פיל רייד און דינגעניש, איז געלונגען צו איבערצייגן דעם אידן, אַז ער איז אַ לעבעדיקער עדות פון אַ וויכטיקן פעריאָד פון אידישער געשיכטע אין רוסלאַנד און ער טאָר נישט דערשטיקן אין זיך דעם וויכטיקן מאַטעריאַל וואָס בלויז ער פאַרמאָגט. ענדלעך האָט זיך דער איד געזעצט צום שרייב־טיש און פאַרענדיקט אַ מאָנומענטאַל ווערק פון זיינע ערינערונגען און זכרונות.

דער אויטאָר פון די מעמואַרן האָט באַשלאָסן צו שרייבן זיינע זכרונות אונטער דעם פסעוודאָנים פון אברהם נעצאַך. זיין נאָמען קען ער נישט נוצן, מחמת דאָס קען ברענגען צרות זיינע נאָענטע אין רוסלאַנד.

אברהם נעצאַך איז איצט 70 יאָר אַלט. ער איז אַ זון פון אַ רייכער אידישער פאַמיליע וועלכע האָט פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דער אידישער געזעלשאַפטליכקייט פון אַמאָליקן ווייס־רוסלאַנד. אברהם נעצאַך האָט באַקומען אַ גוטע אַלגעמיינע און אידישע בילדונג. ער האָט שטודירט און געלערנט און איז געגאַנגען אין די פוסטריט פון זיינע עלטערן און זיידעס. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אידישער כלל־אַרבעט און געפירט אַ רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ער איז פון באַרוף אַ בוכהאַלטער און ער האָט פאַרוואַלטעט מיט פאַבריקן און געפירט די פינאַנסן פון גרויסע אונטערנעמונגען און אין דער זעלבער צייט געשטאַנען אין שפּיץ פון אידישער וואוילטעטיקער אַרבעט, געהאָלפן אידן אין נויט, אין זייערע רעליגיעזע און קולטורעלע באַדערפענישן און האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון אַ חשוב'ן באַלעבאָס אין דער טראַדיציע פון אַמאָליקן רוסלאַנד. זייענדיק אַ מענטש מיט הויכער בילדונג און אינטעליגענץ האָט ער געהאַט אַ צוטריט צו די אינטעלעקטועלע קרייזן פון רוסלאַנד און האָט דורך זיי געווירקט לטובת הכלל.

דעם 22־סטן נאָוועמבער 1937 האָט מען אים אַרעסטירט, כלומר׳שט אויף דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט געהאַט אינטימע קאָנטאַקטן מיט אויס־לאַנד.

1937 איז געווען איינער פון די סאַמע שווידערלעכסטע יאָרן פון סטאַלי־ניסטישן טעראָר אין סאָוועטן פאַרבאַנד. און אברהם נעצאַך איז געווען דער קרבן צוזאַמען מיט הונדערטער טויזנטער אַנדערע רוסישע מענטשן וואָס זיינען אָן קיין שום אורזאַך אַרעסטירט געוואָרן.

פון 1937 ביז 1957 האָט ער געשמאַכט אין אַלערליי סאָוועטישע טור־מעס און לאַגערן. און די דאָזיקע 20 יאָר שטעלן מיט זיך פאָר די קאַפּיטלען פון דאָזיקן ווערק.

אָט־די 20 יאָר זיינען אַ מורא׳דיקע עפּאָפּייע פון אידישן מסירת־נפש, פון פּיין און יסורים, פון שרעקלעכע פיזישע און גייסטיקע איבערלעבונגען, פון טויט און קרענק און פון אומגלויבלעכער גרויזאַמקייט און רויער אכזריות.

מען קען זיך קוים פאָרשטעלן ווי אַזוי אַ מענטש קען האָבן אַזויפיל כוחות צו קענען אַרויסגיין אַ לעבעדיקער פון אַזאַ פינסטערן און בלוטיקן גיהנום.

אברהם נעצאַך דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן דעם דאָזיקן גאַנצן קאָשמאַר. און וואָס איז אַמשטאַרקסטן אינטערעסאַנט אין זיי איז דער אידישער מאָמענט, די איבערלעבונגען און דערפאַרונגען פון אַ טראַדיציאָנעלן אידן, ווי ער איז אַריין אין קאַלך־אויוון און פון דאָרט אַרויס אַ לעבעדיקער נאָך אַזויפיל יאָרן פון פּיין.

אברהם נעצאַך דערציילט אין זיינע זכרונות ווי אַזוי אים איז געלונגען צו אָפּהיטן שבת אין די טורמעס און אַרבעטס־לאַגערן. זייענדיק אַ שטרענג רעליגיעזער איד האָט ער באַלד פון ערשטן טאָג זיך פעסטגעשטעלט, אַז ער וועט שבת נישט אַרבעטן. די פּייניקער האָבן געפּרובירט איט איינברעכן, אָבער זיי איז עס נישט געלונגען און איבער סאָוועטיש צוואַנגס־לאַגערן און אין די קאַמערן פון דער עג־קאַ־וועדע האָט זיך פאַרשפּרייט דער צונאָמען וואָס די אויספאָרשער און די קאָמענדאַנטן פון די לאַגערן האָבן געגעבן אברהם נעצאַכ׳ן, זיי האָבן אים גערופן „סובאָטאָ״ (סובאָטאַ אויף רוסיש מיינט שבת). צוליב דעם וואָס ער זאָגט זיך אָפּ צו אַרבעטן אום שבת.

יעדעס מאָל וואָס ער פלעגט אָנקומען אין אַ נייעם לאַגער, פלעגן די סאָוועטישע אָנפירער און נאַטשאַלניקעס אים רופן „סובאָטאָ״. זיי פלעגן צו אים שרייען „סובאָטאַ, קום אַהער! סובאָטאַ, גיי אַהין! סובאָטאַ, טו דאָס!

זייענדיק אַרעסטירט און פאַרשיקט אַזויפיל יאָרן האָבן זיך מיט נעצאַכ׳ן באַקאַנט די מערסטע קאָמענדאַנטן פון לאַגערן ווי אויך פילע אַרעסטאַנטן. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּערמאַנענטן אַרעסטאַנט. ער האָט גע־וואוסט ווי אַזוי אויסצוקומען מיט די פאַרשידענע רעזשימען און פירעכצן וואָס האָבן געהערשט אין די פאַרשידנאַרטיקע צוואַנג־לאַגערן.

„איך בין געוואָרן אַן אייביקער אַרעסטאַנט; איך האָב גערעדט די שפּראַך פון אַרעסטאַנטן, געלעבט אין דער וועלט פון שקלאַפן און מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שקלאַף און געטראָגן אויף זיך די גאַנצע מאַסע פון קלעפּ, הונגער, קרענק און שטענדיקן פאַרמעסט מיטן טויט״ . . .

20 יאָר איז כמעט אַ דריטל לעבן פון אַ מענטשן און אברהם נעצאַך האָט אין די דאָזיקע לאַנגע יאָרן דורכגעלעבט די בעסטע יאָרן פון זיין לעבן.

„ווען מען האָט מיך באַפרייט, האָב איך אַ לאַנגע צייט זיך נישט גע־קענט צוגעוואוינען צו דעם פרייען שטייגער פון לעבן. און עד היום פיר איך זיך לויט דער שטרענגער דיסציפּלין פון די לאַגערן״, באַמערקט ער.

ער דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן די פאַרשידענע אַרעסטן זיינע, זיינע דערפאַרונגען אין אַ טורמע וואָס עסט אויף לעבעדיקע מענטשן. ער שילדערט זיינע באַגעגענישן מיט אַנדערע אידישע אַרעסטאַנטן און זייער שרעקלעכן גורל. ער האָט קאַפּיטלעך, וועלכע דערשיטערן מיט זייער אומ־גלויבלעכער, פּשוט׳ער אָבער אין דער זעלבער צייט אויפטרייסלענדיקער באַ־שרייבונג פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט. די שפּיטעלער וואו מען האָט „געהאָלפן״ אַרעסטאַנטן שטאַרבן. און די גזלנים וואָס פלעגן פאַרשן און שלאָגן די אומשולדיקע קרבנות.

אין אברהם נעצאַכ׳ס מעמוּאַרן איז פאַראַן אַ שלל מיט שפּאַנענדן מאַטעריאַל, ווי דער באַשרייבונג פון זיין ערשטן שבת אין טורמע; ווי ער האָט פאַרבראַכט פּסח אין לאַגער; ווי ער האָט געפּרובירט אַנטלויפן מיט אַ גרופּע אַנדערע קאַטאָרזשניקעס און ווי מען האָט זיי געכאַפּט.

ער דערציילט וועגן זיינע לאַנגע געשפּרעכן מיט די טיזולאָגישע אויס־פאַרשער; ווי ער האָט געאַרבעט ביי גיסן בעטאָן און ווי אידן האָבן געזאָגט כל נדרי אין אַ פינסטערן פריזאָן־קעלער.

פון יעדן קאַפּיטל פון זיינע זכרונות שאַלט אַרויס דער געשריי פון דער ווייטאָג פון אַזויפיל צענדליקער טויזנטער מענטשן וואָס זיינען געווען אַרעס־טירט צוזאַמען מיט אברהם נעצאַך, אָבער וואָס זיינען קיינמאָל נישט צוריק־געקומען פון אַרעסט. ער איז אָבער יאָ אַרויס אַ לעבעדיקער און זיינע דערי־נערונגען זיינען די אָנקלאַגע פון די אַלע פאַרשניטענע און דערמאָרדעטע וואָס האָבן געטיילט מיט אים דעם ביטערן שיקזאַל און אים אָנגעזאָגט קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן און קיינמאָל נישט פאַרגעבן דעם חורבן און די פאַרניכטונג פון אַזויפיל יונגע לעבנס פון אומשולדיקע מענטשן.

עס איז זיכער, אַז אברהם נעצאַכ׳ס רעאַליסטישע שילדערונגען פון זיינע צוואַנציק יאָר אין סאָוועטישע טורמעס און אַרבעטס־לאַגערן, וועלן זיין אַ זייער וויכטיקער ביישטייער צו געבן די לייענער אַ באַגריף וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אונטער דער פינסטערער בלוטיקער סטאַליניסטישער דיקטאַטור און ספּעציעל אַרויסברענגען דעם אידישן מאָמענט פון דער פאַרניכטונג און דער־

שטיקונג פון אַזויפיל אידישע פירער, וואָרט־זאָגער, רבנים, דיכטער, דענקער און שעפער.

דאָס סאַמע אייגנאַרטיגסטע אין נעצאַכ׳ס מעמוארן איז דער גייסט אין וועלכן ער האָט פאַרצייכנט זיינע איבערלעבונגען. איר וועט פון די שילדע־רונגען זען דעם כוח פון אידישן בטחון, פון דער אידישער אמונה, די אומ־שטערבלעכקייט פון אידישקייט, וואָס בלויז מיט די דאָזיקע כוחות האָט אברהם נעצאַך באַוויזן איבערצולעבן און אַרויס אַ גאַנצער פון דעם קאָשמאַר פון צוואַנציק יאָר אין סאָוועטישע טורמעס און לאַגערן.

די קאַפּיטלעך פון זיינע זכרונות זיינען געשריבן אויף אַ פאַרכאַפּנדיקן, איינפאַכן אָבער אין דער זעלבער צייט דורכדרינגענדיקן אופן. די פּאָרטרעטן פון די העלדן און מערדער זיינען ביי אים פאַרצייכנט מיט אַ שאַרפער פען און אַ ציכטיק אויג. ער גיט איבער די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון דער מאָדערנער סאָוועטישער אינקוויזיציע און שילדערט עס אויף אַ פּערזענלעכן און רירנדיקן אופן.

אָן שום ספק, אַז אברהם נעצאַכ׳ס שילדערונגען וועלן אַרויסרופן גרויס אינטערעס צווישן אַלע וואָס וועלן לייענען אָט־דעם בוך.

**א. ש.**

# מיינע צוואַנציק יאָר אין סאָוועטישע טורמעס

## מען האָט מיך אַרעסטירט

דעם 22־סטן נאָוועמבער, 1937, איז צו מיר אין שטוב אַריין אַ מענטש, אין ציווילע קליידונג, וועלכער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַגענט פון נ.ק.וו.ד. (געהיימע פּאָליציי אין סאָוועט־רוסלאַנד). ער האָט דערקלערט, אַז ער איז געקומען מיך אַרעסטירן, און ביי דער געלעגנהייט מאַכן אַ רעוויזיע אין מיין וואוינונג.

ווען איך האָב ביי אים געפאָדערט צו וויזן אַ שריפטליכע פאַראָר־דענונג פון פּראָקוראָר צו אַרעסטירן מיך, און אַז ער זאָל, אין איינקלאַנג מיטן געזעץ, רופן צוויי עדות, וועלכע זאָלן בייזיין בעת דער רעוויזיע — האָט ער געענטפערט:

— דו ביזט אַ פאַרשיקטער, און לגבי דיר זיינען נישט גילטיג אָט די אַלע געזעצן.

און ער איז צוגעטראָטן דורכצופירן אַ רעוויזיע.

ער האָט גענישטערט אין אַלע ווינקלען — אָבער גאָרנישט געפונען.

— וואו האַלטסטו די בריוו, וועלכע דו באַקומסט פון אויסלאַנד? — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר מיט כּעס.

— איר קאָנטראָלירט דאָך מיין פּאָסט און לייענט געצנוי מיינע בריוו, נאָך איידער זיי קומען אָן צו מיר. ווייסט איר מסתמא, אַז איך האָב נישט קיין שום פאַרבינדונג מיט אויסלאַנד — האָב איך זיך פאַרטיידיקט.

— יאָ — האָט ער געענטפערט — אָבער מיר וועט איר נישט אָפּנאַרן, איך קען שוין אייערע שטיק. איר באַקומט בריוו אויסער דער פּאָסט.

איך האָב קאַטעגאָריש געלייקנט.

ער האָט געהייסן צונויפקלייבן אַלע מיינע בגדים. די בעסערע האָט ער אַריינגעלייגט אין אַ טשעמאָדאַן, וועלכן ער האָט פאַרשלאָסן און דעם שליסל צוגענומען צו זיך. די איבעריקע בגדים האָט ער געהייסן אַריינלייגן אין אַ זאַק.

— דעם טשעמאָדאַן מיט די זאַכן — האָט ער געזאָגט — וועלן מיר איבערשיקן דיין פרוי, ווייל דו וועסט זיי שוין ניט דאַרפן — דיך וועט מען שיסן.

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין נ.ק.וו.ד., אין אַ גרויסן צימער מיט אַ שטיינערנעם בריק. הינטער מיר האָט זיך פאַרשלאָסן די טיר. איך בין דאָרט געווען איינער אַליין. אין דעם צימער איז געווען אַ פענסטערל, מיט גערדיכטע גראַטעס און אויסגעהאַקטע שויבן, דורך וועלכע עס האָט גע־יאָגט אַ ביטערע קעלט. איך האָב גענומען נערוועז אַרומגיין איבערן צימער, כדי זיך אַביסל צו דערוואַרעמען. ס'האָט מיר אָן אויפהער געמאַטערט די פראַגע: פאַרוואָס האָט מען מיך אַרעסטירט? און פאַרוואָס האָט ער מיר גלייך געזאָגט, אַז מען וועט מיך שיסן?

פון מידקייט האָב איך מיך אַראָפּגעלאָזט און צוגעלייגט אויפן שמוציקן בריק. אָבער לאַנג האָב איך ניט געקענט שלאָפן. די שטיינערנע קעלט האָט מיך אויפגעוועקט — און איך האָב זיך ווידער גענומען אַרומגיין הין און צוריק איבער דעם קאַמער.

פון דער דערפאַרונג בעת מיינע פריערדיקע אַרעסטן האָב איך גע־וואוסט דעם „סדר" אין דער סאָוועטישער תפיסה. איך האָב דעריבער דער־וואַרט, אַז אינדערפרי וועט מען מיך אַרויסלאָזן פון קאַמער, כדי זיך אַרומ־צוואַשן און וועל דערנאָך באַקומען אַ שטיקל ברויט און אַ טעפּל וואַסער. ס'איז אָנגעקומען דער פרימאָרגן, איך האָב געדאַוונט (אָן תפילין פאַרשטייט זיך, ווייל דער אַגענט פון נ.ק.וו.ד. האָט בעת דער רעוויזיע מיר נישט דערלויבט צו נעמען די תפילין מיט זיך). איך האָב כסדר געוואַרט ס'זאָל זיך עפענען די טיר און מ'זאָל מיר ברענגען אַ שטיקעלע ברויט. אָבער קיינער איז נישט געקומען.

עס איז דאַן גראַד אין דרויסן געפאַלן אַ שניי, האָב איך פון צווישן די אָפענע פענסטער־גראַטעס צונויפגעשאַרט אַביסל שניי און עס אַראָפּגע־שלונגען. זאַטער בין איך פון דעם שניי נישט געוואָרן, אָבער כאָטש באַנעצט די אויסגעטריקנטע ליפּן.

ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָב איך מער ניט געקענט אויס־האַלטן פון הונגער און גענומען קלאַפּן אין טיר. ס'איז אָנגעקומען דער וועכטער און איך האָב ביי אים געבעטן אַ שטיקל ברויט. דער וועכטער האָט מיר געזידלט און געסטראַשעט מיט אַלדאָס בייז און איז אַוועק. מיין בקשה איז געבליבן הענגען אין דער נאַכטיקער שטילקייט.

אין עטלעכע שעה אַרום האָט דער הונגער גענומען דערקוטשען נאָך שטאַרקער, האָב איך אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו קלאַפּן אין טיר. דער אָנגעקומענער וועכטער האָט מיר ווידער געוואָרנט, אַז אויב איך וועל נישט אויפהערן מאַכן סקאַנדאַלן, וועט ער ביי מיר צונעמען די קליידער.

— ווען דו וועסט זיצן אין דער קעלט אַ נאַקעטער, וועסטו פאַרגעסן אין דיין הונגער — האָט ער געזאָגט.

איך האָב זיך שוין איבערצייגט, אַז פון זיי קען מען נישט דערוואַרטן קיין רחמנות — בין איך געבליבן זיצן אַ פאַרשטילטער.

די דריטע נאַכט האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. איך בין שוין געוואָרן אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז איך האָב זיך מער נישט געקענט האַלטן אויף די פיס. איך בין געלעגן אויפן בריק, אָבער דער הונגער און קעלט האָבן מיר ניט געלאָזן איינשלאָפן. ערשט פאַרטאָג האָב איך איינגעדרעמלט. און עס האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, אַז דער טאַטע ע"ה זאָגט צו מיר: „נאָר ניט שרעקן זיך פאַר זיי".

איך בין אויפגעשטאַנען אַ דערפרישטער, אַ דערמוטיקטער. דעם טאַטנס ווערטער האָבן מיר אָנגעפילט מיט נייע כוחות. איך האָב זיך גע־שטעלט דאַוונען און נאָכן דאַוונען האָב איך מיט שמחה אָנגעהויבן...טאַנצן.

— דו לעבסט נאָך, און האָסט נאָך אפילו כוח צו טאַנצן?! — האָט אַריינגעשריען דורך דער טיר דער אָנגעקומענער וועכטער — נאָך היינט וועסטו האָבן דעם אמת׳ן טאַנץ.

ער האָט מיר ווידער שטרענג באַפוילן זיך פאַרהאַלטן רואיק. איך האָב ביי אים ווידער געבעטן אַ שטיקל ברויט.

— פאַר אַזאַ שטיקל ברויט קען מען באַצאָלן מיטן לעבן — האָט ער געענטפערט.

פון פריערדיקע דערפאַרונגען האָב איך געוואוסט, אַז דאָס איז אַ מיטל פון „צוגרייטן" דעם קרבן צו דער אויספאָרשונג: ווען ער וועט זיין פול־שטענדיק אויסגעשעפּט, וועט ער אונטערשרייבן אַלע באַשולדיקונגען קעגן אים. איך האָב זיך דערפאַר ביי זיך באַשלאָסן, אַז פונקט ווי ביז איצט, וועל איך זיך אויך ווייטער ניט „מודה" זיין אויף קיין שום באַשולדיקונג.

מיט עטלעכע שעה שפּעטער האָט זיך געעפנט די טיר און מען האָט מיר געהייסן אַרויסגיין. פון הונגער און ליידעניש בין איך געווען אַזוי שוואַך, אַז ס׳האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ. דער וועכטער האָט מיך אונטער־געהאַלטן איך זאָל נישט פאַלן, און אַזוי האָט ער מיר אַריינגעפירט אין אַ צימער, וואו מען האָט מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל.

אַנטקעגן מיר איז געזעסן דער זעלבער וועלכער האָט מיך אַרעסטירט מיט דריי טעג פריער. ער האָט מיר לאַנג באַטראַכט און כלומר׳שט אין אַ טאָן פון מיטגעפיל געזאָגט: איר זעט אויס עפּעס זייער שלעכט. מיר האָבן איצט אַזויפיל אַרבעט, אַז איך האָב אויף אייך גאָר פאַרגעסן.

## די אויספאָרשונג אין טויט-שרעק

— מיין נאָמען איז מאַראָקאָ — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט — און איך ווייס גענוי פון אייערע שעדלעכע טעטיגקייטן. מיר האָבן גענוג מאַטעריאַלן קעגן דיר נאָך פון דער ערשטער „דיעלאָ" (קעיס). אויב דו וועסט זיך גלייך מודה זיין, וועסטו וויניקער ליידן און דיין אורטייל וועט זיין לייכטער; וועסט אָפּקומען מיט צען יאָר תפיסה; וועסט האָבן גענוג צייט צום פאַרטראַכטן זיך איבער דיינע מעשים, און אפשר אויך צו פאַרשטיין, אַז ס׳האָט ניט קיין שום זין צו פירן מיט אונז אַ מלחמה.

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין טעקע אַן אָנגעשריבענעם פּראָטאָקאָל און געגעבן מיר צו אונטערשרייבן.

איך האָב גענומען לייענען און מיר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

— דאָס אַלץ איז שקר — האָב איך אויסגערופן — איך וועל דאָס ניט אונטערשרייבן; איר וואַרפט מיר פאָר, אַז איך האָב אויפגעריסן אַן אָפּטיילונג אין דער אונטערנעמונג אין וועלכער איך אַרבעט; דערביי איז אָנגעגעבן אַז דאָס איז געשען אין טאָג פון שבת, אין דער צייט וואָס אַלע

ווייסן אַז שבת בין איך קיינמאָל ניט געקומען צו דער אַרבעט, ווייל איך בין אַ פרומער איד; איר וואַרפט מיר אויף פאַר, אַז איך בין אַ שעדלעכער מענטש און האָב געפירט פראָפּאַגאַנדע קעגן דער סאָוועטישער מאַכט, אין דער צייט ווען איר ווייסט קלאָר אַז איך האָב נישט אָנגעהאַלטן מיט קיינעם קיין שום קאָנטאַקטן.

בעת מעשה איז אין צימער אַריין אַ דיקער פאַרשוין אין אַ מונדיר פון נ.ק.וו.ד.

— נו, ווי גייט עס? — האָט ער זיך געווענדעט צו מיין פאַרפאָלגער — ער האָט נאָך נישט אונטערגעשריבן? — גיב איך צו מיר, ביי מיר זיינען נישטאָ קיין שטאַרקע.

ער האָט קוים באַוויזן אַרויסצוגיין ווי אין צימער איז אַריין דער נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד. ער האָט אַ ווײַלע מיר באַטראַכט און דאַן זיך געווענדעט צו מיין אויספאָרשער, מיט אַ ציניש שמייכל אויף זיין גזלנ׳ישן פּנים:

— דו זעסט דאָך, אַז דער איד איז אויסגעמאַטערט פון הונגער. גיב אים עפּעס אָפּצועסן! לאָז אים זיך אָפּרוען! דאַן וועט ער קומען צום נאָר־מאַלן שכל און וועט אונטערשרייבן.

מען האָט מיך טאַקע גלייך צוגענומען פון דער אויספאָרשונג און אַריינ־געפירט אין אַ קאַמער פון דער תפיסה. אַן ערך פופציק אַרעסטאַנטן זיינען דאָרט געזעסן אויף דער ערד, ענג איינער לעבן אַנדערן. איך האָב קוים באַוויזן אַריינשטופּן זיך אין אַ ווינקל. אַלע האָבן געצילט אין מיר מיט דער פראַגע: האָסט אונטערגעשריבן? — ניין? — ביזט אַ שוטה; זיי וועלן דיר אויסהונגערן און פאַרמאַטערן צום טויט — און צום סוף וועסטו סיי ווי אונטערשרייבן. אומזיסט דיינע יסורים.

זייערע ווערטער זיינען צו מיר ווי נישט דערגאַנגען. איך בין געזעסן איינגעדרייט און פון מידקייט גענומען דרעמלען.

— דאָ טאָר מען ניט שלאָפן בייטאָג — האָט מיך געוועקט דער „עלטסטער״ פון קאַמער.

נאָך אַ געוויסער צייט האָט זיך געעפנט די טיר. דער וועכטער האָט אויסגערופן אַלע אַרעסטאַנטן ביי די נעמען. יעדערער האָט באַקומען אַ פּאַרציע ברויט. מיין נאָמען האָט מען ניט גערופן.

— ברויט באַקומען נאָר די, וועלכע האָבן אונטערגעשריבן די פּראָטאָ־קאָלן פון זייער באַשולדיקונג — האָט מען מיר אויפגעקלערט.

ביינאַכט, ווען איך בין נאָר וואָס איינגעשלאָפן, האָט מיך אויפגעוועקט אַ יאָמערלעך געשריי, וואָס איז דערגאַנגען פון שכנות׳דיקן צימער.

— נעם זיך נישט איבער — האָט מיר געזאָגט דער אַרעסטאַנט, וואָס איז געזעסן לעבן מיר — דאָס איז אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. יעדער נאַכט הערט מען פון דעם צימער אַזעלכע געשרייען. דאָרט פירט מען די אויס־פאָרשונגען.

אַזוי איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג, ווען די געשרייען האָבן זיך איינגעשטילט און איך האָב קוים באַוויזן איינדרעמלען, האָט מען מיך אויפגעוועקט און אַריינגעפירט צו מיין אויספאָרשער מאַראָקאָ.

— איר האָט נאָך ניט אונטערגעשריבן אייער אַנקעטע — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר אין אַ טאָן פון אַנגעשטעלטער העפלעכקייט — ביטע זיצט.

ער האָט אַוועקגעלייגט פאַר מיר אַן אַנקעטע און אַליין געווען כלומר׳שט פאַרנומען מיט לייענען אַנדערע דאָקומענטן.

איך האָב אונטערגעשריבן דעם ערשטן בלעטל וואָס איז געווען שייכות צו מיין פּערסאָנאַליען. ווען איך האָב גענומען לייענען דעם צווייטן בלעטל, האָב איך דערזען אַז דאָרט זיינען פאַרשריבן די זעלבע באַשולדיקונגען וואָס זיינען געווען אין נעכטיקן פּראָטאָקאָל.

— דאָס וועל איך ניט אונטערשרייבן — האָב איך דערקלערט.

מאַראָקאָ איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט מיט כעס. ער האָט אַרויס־געכאַפּט דעם רעוואָלווער מיט וועלכן ער האָט גענומען מיר דראָען. אין דעם מאָמענט איז אין צימער אַריין דער נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד. און באַפוילן אַז איך זאָל גיין מיט אים.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער, וואו עס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין עטלעכע רייען אַן ערך דרייסיק מענטשן. אַרום די פיס פון יעדערן פון זיי איז געווען אַנגעצייכנט אַ רונדער קרייז, פון וועלכן זיי האָבן ניט געטאָרט זיך אַרויסרוקן. זיי זיינען געווען באָרוועס. ביי די מער־הייט פון זיי זיינען געווען געשוואָלענע פיס. ביי אַ טייל האָט די בלוט גע־טריפט פון אָפענע וואונדן. פון זייערע אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער פּחד. זיי זיינען געווען מער ענדלעך צו סקעלעטן ווי צו לעבעדיקע מענטשן. זיי זיינען, ווייזט אויס, געשטאַנען אין אַט־דער פּאָזיציע אַ לענגערע צייט. קיין עסן האָט מען ניט געגעבן. דאַקעגן האָט מען זיי געצוואונגען טרינקען אַ סך וואַסער. איינער פון זיי איז גראָד געפאַלן אין חלשות. מען האָט אים געמאַכט אַן איינשפּריצונג און צוריק אַוועקגעשטעלט אין דער פריערדיקער פּאָזיציע.

— דו זעסט ווי זיי זעען אויס? — האָט זיך געווענדעט צו מיר דער נאַטשאַלניק — דאָס זיינען די, וואָס שרייבן נישט באַלד אונטער. אין אַ פּאָר שעה אַרום וועסטו אויך אַזוי אויסזען.

ער האָט מיך אַוועקגעשטעלט אין דער ריי, אַנגעצייכנט אַ קרייז אַרום מיינע פיס, און איז אַוועק.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט איבער דעם צימער און באַמערקט, אַז אַנט־קעגן אין אַ ווינקל זיצט ביי אַ טיש אַן נ.ק.וו.ד.׳יסט מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. זיין אויפגאַבע איז געווען צו היטן אַז קיינער פון אונז זאָל זיך חלילה ניט אָנשפּאַרן אויף דער וואַנט, אָדער אַרויס פון דעם אַנגעצייכנטן קרייז. דער דאָזיקער נ.ק.וו.ד.׳יסט איז גראָד מיר געווען באַקאַנט — ער פלעגט קומען אין דער אונטערנעמונג וואו איך בין געווען באַשעפטיגט. איך האָב געוואוסט אַז ביי אים איז נאָך פאַרבליבן אַ פונק פון מענטשלעכקייט. איך האָב געהאַט

דעם איינדרוק, אַז די אויפגאַבע וועלכע ער פירט דאָ אויס, איז אים ניט צום האַרצן. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער לייענט אַ צייטונג און כלומר׳שט ניט באַמערקט ווען איינעם פון אונז איז געלונגען אויף אַ רגע אָנשפּאַרן זיך אין דער וואַנט. איך בין געשטאַנען נישט ווייט פון אים. איך האָב באַשלאָסן צו ריזיקירן.

— שוין פיר טעג ווי איך האָב נישט געגעסן — האָב איך זיך גע־ווענדעט צו אים זייער שטיל — דו וויסט דאָך, אַז איך בין אַן אומשולדיקער און אַ גלויביקער מענטש. זיי זיך מרחם און שאַף מיר אַ שטיקל ברויט. אין דעם זכות וועסטו האָבן פיל גוטס.

ער האָט מיך אָנגעקוקט אַ צעטומלטער. אין אַ ווילע אַרום האָט ער, צו מיין גרויסן איבערראַשונג, אַרויסגעצויגן פון זיין טאָרבעלע אַ שטיקל ברויט.

— עס נאָר שנעלער, ווייל מיר קענען ביידע באַצאָלן טייער דערפאַר — האָט ער געזאָגט.

איך האָב נאָך ניט באַוויזן צו דערפילן גוט דעם טעם פון דעם ברויט ווי אין צימער איז אַריין דער נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד. ער איז גלייך צוגע־גאַנגען צו מיר און האָט אַרויסגעריסן מיט גרויס רציחה דעם ביסן ברויט וואָס איז נאָך געבליבן אין מיין האַנט; ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און גענומען שרייען:

— אויב דו זאָגסט מיר ניט תיכף ווער עס האָט דיר געגעבן דעם ברויט, שיס איך דיך אויפן אָרט ווי אַ הונט!

אין דעם מאָמענט האָב איך זיך אויף אַן אמת דערשראָקן.

— נעכטן בעת דעם אויספאָרשונג — האָב איך גענומען שטאַמלען — האָב איך געבעטן ביים אויספאָרשער מאַראָקאַ . . . איך בין געווען שטאַרק הונגעריק, האָט ער מיר געגעבן אַ שטיקל ברויט.

— וויפל האָסטו אים באַצאָלט דערפאַר — האָט ער ווייטער געשריגן, דראָענדיק כסדר מיט דעם רעוואָלווער.

— דאָס מאָל גאָרנישט — האָב איך געענטפערט — אָבער מיט אַ צייט צוריק, נאָך פאַר מיין אַרעסט, האָב איך איינמאָל פאַרגעסן צו מעלדן זיך צו דער צייט אין נ.ק.וו.ד., איז מורא האָבנדיק פאַר אַ שטראָף, האָב איך אים געגעבן הונדערט רובל.

ער איז גלייך צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און אין אונזער אָנוועזנהייט באַפוילן צונעמען ביים אויספאָרשער מאַראָקאַ אַלע ענינים און אַוועקזעצן אים אין אַ באַזונדער צימער, נאָכהער זאָגט ער צו מיר:

— נו, דו טראַכסט נאָך לאַנג אַזוי שטיין, אָדער ביזט שוין גרייט אונטערצושרייבן דייך באַשולדיקונג־אַקט? מיין נישט אַז מען וועט דיר דאָ געבן ברויט, און אפשר נאָך קוכן. פריער צי שפּעטער וועסטו סיי ווי סיי אונטערשרייבן; וועסט נאָר שטיין דאָ נאָך אַביסל צייט, ווי די אַלע אידיאָטן — האָט ער אָנגעוויזן אויף די איבעריקע אַרעסטאַנטן.

איך האָב שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן; איך האָב ווייזט אויס שוין נישט געהערשט איבער זיך און נישט געווען פעאיק זיך אָפּצוגעבן אַ

חשבון פון די קאָנסעקווענצן פון מיין האַנדלונג. איך האָב אויסגערופן: איר זייט געדעכט, זיי זיינען באמת אידיאָטן, ווייל זיי לאָזן זיך אַזוי פייניקן . . .

און צו זיין גרויסן איבערראַשונג האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד.

ער האָט מיט רוגזה מיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער, אַרויסגעשלעפּט פונעם צימער און אַריינגעפירט אין דעם צימער פון דעם אויספאָרשער.

— פאַרענדיק וואָס שנעלער די אויספאָרשונג פון דעם סוואָלאַטש — האָט ער געזאָגט אַן אויפגערעגטער און איז אַרויס פון צימער.

דער אויספאָרשער האָט אפילו ניט געפּרואווט מער רעדן מיט מיר וועגן אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל פון מיין אויספאָרשונג. ער האָט אַרויס־גערופן אַ סאָלדאַט און געהייסן מיך אָפּפירן אין „תפיסה". אין דעם מאָמענט איז דאָס געווען פאַר מיר אַ דערלייזונג.

## דער אָפּרו אין „גן־עדן"

די תפיסה איז דורך די אַרעסטאַנטן באַצייכנט געוואָרן אַלס „גן עדן" — ווייל פון דאַנען האָט מען שוין ניט געשלעפּט יעדער נאַכט צו די פייני־קונגען פון די אויספאָרשערס; מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ קאַמער, וועלכער איז געווען בערך 10 מעטער די לענג און צוויי מעטער די ברייט. אויפן דיל זיינען געלעגן און געזעסן העכער 50 מענטשן. דער איינגעשטעלטער סדר איז געווען: פון פרימאָרגן ביז מיטאָג איז איין העלפט אַרעסטאַנטן געלעגן ביי דער וואַנט אויף איין זייט פון דעם קאַמער, בעת די אַנדערע העלפט איז געזעסן אַנטקעגן אויף זייערע פּעקלעך. נאָך מיטאָג האָט מען זיך געטוישט מיט די פּאָזיציעס: די וואָס זיינען געזעסן זיינען אַריבער אויף דער אַנדער זייט און זיך געלייגט, און די וואָס זיינען פריער געלעגן האָבן זיך געזעצט אויף די פּעקלעך. פאַר אַלעמען צו ליגן האָט ניט געסטייעט קיין פּלאַץ. ביי־נאַכט ווידער פלעגן אַ העלפט פון די אַרעסטאַנטן זיך אויסלייגן אויף איין זייט אין „באַקוועמע" פּאָזיציעס, בעת די אַנדערע העלפט איז געלעגן אין אַ האַלב־זיצנדיקע פּאָזיציע, אָנשפּאַרנדיק די פּיס אויף די ליגנדיקע. און נאָך האַלבע־נאַכט האָט מען זיך געטוישט: די האַלב־זיצנדיקע האָבן פאַר־נומען די „באַקוועמע" פּלעצער צום ליגן, דינענדיק איינצייטיק אַלס אָנשפּאַר פאַר די פּיס פון זייערע חברים. 5 אַזייגער פאַרטאָג האָט מען געוועקט און אַרויסגעפירט אויף 15 מינוט אויפן תפיסה־הויף. דאָרט איז געשטאַנען אַ פאַס מיט וואַסער, וואָס איז בדרך־כלל געווען פאַרפראָרן. מיר פלעגן צעקלאַפּן די אויבערשטע קריע און מיט די שניידנדיקע־קאַלטע וואַסער זיך אָרומגעוואַשן. נאָך דעם זיינען מיר צוריק אַריין אין קאַמער. ערשט איצט האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זען מיינע גורל־חברים. איך בין געווען צווישן זיי דער איינציקער איד. זיי האָבן מיר נאָך אַלץ באַטראַכט ווי אַ פרעמדן. קיינער האָט נישט גערעדט צו מיר קיין וואָרט. מען האָט מיר נישט אָפּגעטראָטן קיין שטיקל פּלאַץ, אפילו וואו צו אַוועקזעצן זיך. אַ לענגערע צייט בין איך געשטאַנען. פון הונגער און מידקייט בין איך געפאַלן אין חלשות.

— עפנט! אַ מענט איז געשטאָרבן! — האָבן זיי גענומען שרייען און קלאַפּן אין טיר. עס איז אָנגעקומען דער וועכטער. מען האָט מיך געשלעפּט פאַר די פיס און די קאָפּ האָט געקלאַפּט אין דער ערד. אַזוי האָט מען מיך אַרויסגעשלעפּט אויפן הויף. איך ווייס נישט ווי לאַנג בין איך געלעגן אין אַט־דעם צושטאַנד. ווען איך בין געקומען צום באַוואוסטזיין, האָב איך דער־פילט אַ שטאַרקן ווייטאָג אין מאָגן. איך האָב זיך דערמאָנט אַז שוין עטלעכע טעג ווי איך האָב כמעט נישט געגעסן. מען האָט מיך צוריק אַריינגעפירט אין קאַמער. גראָד אין דעם מאָמענט האָט מען פון דאָרט צוגענומען איינעם פון די אַרעסטאַנטן. איך האָב באַקומען זיין פּלאַץ און ענדלעך האָב איך געקענט אַוועקלייגן זיך אויף דער ערד.

מען האָט אַריינגעבראַכט די טעגלעכע פּאָרציע ברויט, אין וועלכע עס האָט באַדאַרפט זיין 600 גראַם ברויט, און פאַקטיש איז דאָרט געווען נאָר די העלפט. דאָס ברויט איז געווען שוואַרץ און קלעפּיק, און האָב מורא געהאַט אים צו עסן. פון מיין דערפאַרונג האָב איך געוואוסט, אַז דאָס ברויט קען גורם זיין שווערע יסורים. דער הונגער האָט אָבער גורם געווען, אַז איך האָב אָנגעהויבן עסן קליינע ביסנס, ביז איך האָב אויפגעגעסן אַ האַלבע פּאָרציע. איך האָב טאַקע ניט אויסגעמיטן די יסורים, פון וועלכע איך האָב אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפן.

צומאָרגנס האָב איך אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט מיין שכן פון דער רעכטער זייט. ער האָט געוואוינט נישט ווייט פון דעם שטעטל וואו מיר זיינען געזעסן אין תפיסה. גראָד אין דעם טאָג האָט מען אים געבראַכט אַ פּעקל עסן פון דער היים.

— איר וואוינט אַ וודאי ווייט פון דאַנען — האָט ער געזאָגט — איך זע אַז אייך ברענגט מען ניט קיין פּעקלעך. און אפשר האָט זיך אייער משפחה אָפּגעזאָגט פון אייך? אויך אַזעלכס טרעפט ביי אונז. איר קענט דערווייל עסן מיט מיר.

ער האָט אַרויסגענומען אַ שטיקל געבראָטענע פלייש און מיר דער־לאַנגט. „ביטע עסט".

איך האָב אים האַרציק געדאַנקט און דערקלערט, אַז דאָ עס איך נאָר ברויט, ווייל איך בין אַ רעליגיעזער איד, און געקאָכטע עס איך נאָר דאַן ווען עס איז צוגעגרייט נאָך דעם אידישן דין.

— איך פאַרשטיי אייך — האָט ער געזאָגט — איך בין אַ מוסלעמענער און כאָטש איך בין אַ קאָמוניסט, פירן זיך מיר אין שטוב שטרענג לויט אונזער גלויבן. אָבער דאָ אין תפיסה, מוז מען עסן וואָס מען האָט.

— מיין כוח באַשטייט אין דערויף, וואָס אומעטום, אפילו דאָ אין תפיסה, מוז איך פאַרבלייבן אַ איד — האָב איך אים געענטפערט.

מיט דער צייט האָבן מיר זיך באַפריינדעט און ער האָט זיך פאַר מיר אַראָפּגערעדט פון האַרצן.

— איך בין געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און האָב פאַרנומען אַ הויכן אַמט — האָט ער דערציילט — איך האָב אָנגעפירט

מיט אַ גרויסער אונטערנעמונג אין וועלכער עס זיינען געווען באַשעפטיגט פּיל אַרבעטער און אַנגעשטעלטע. איך האָב זיך אפילו אין חלום נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז איך וועל אַמאָל זיין אַן אַרעסטאַנט פון דער ראַטנמאַכט. ווען זיי זיינען איין יענער נאַכט געקומען מיך נעמען, האָב איך אין ערשטן מאָמענט ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי ווילן; אין דער ערשטער צייט בין איך געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ טעות. די דאַזיקע אילוזיעס האָב איך געהאַט ביז דער אויספאָרשונג. דאָרט האָב איך שוין נישט אויסגעהאַלטן. די פיזישע און מאָראַלישע פּייניקונגען האָבן מיר פולשטענדיק צעבראָכן; איך האָב אונטערגעשריבן אַ באַשולדיקונג־אַקט, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט, אַז איך און מיינע נאָענטע מיטאַרבעטער האָבן מיר במשך פון לאַנגע יאָרן געפירט אַ סאַבאָטאַזש־טעטיגקייט, כדי צו שעדיקן דער אונטערנעמונג מיט וועלכער איך האָב אָנגעפירט. איצט, ברודערקע, איז שווער אויפן האַרצן — האָט ער געזאָגט ווי צו זיך מיט אַ טיפן זיפץ — אומשולדיקע מענטשן וועלן ליידן צוליב מיר, זיי וועלן שוין וואַרשיינלעך נישט זען מער זייערע משפחות. שפּעטער האָב איך אפילו אַרויסגערופן דעם פּראָקוראָר און אים דערקלערט, אַז דאָס אַלץ וואָס איך האָב אונטערגעשריבן אין באַשולדיקונג־אַקט קעגן די מענטשן, איז שקר וכזב, און אַז איך האָב אונטערגעשריבן ווייל מען האָט מיך געצוואונגען דערצו מיט דער „הילף" פון פּייניקונגען. דער פּראָקוראָר האָט אָבער געענטפערט אַז עס איז שוין צו שפּעט, דער אורטייל קעגן זיי איז שוין אַרויסגעטראָגן. אַ לאַנגע צייט האָב איך געהאַט שלאָפלאָזע נעכט, איך האָב געמיינט אַז כ'וועל אַראָפּ פון זינען.

מיטן שמוציקן אַרבל האָט ער אויסגעווישט די אויגן פאַרלאָפענע מיט טרערן. ער איז אַ לענגערע צייט געזעסן שווייגנדיק. איך האָב געפילט, אַז דאָס האָט ער שוין מסתמא פון לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט צו קענען זיך אַראָפּ־ריידן פון האַרצן. און אפשר איז אים דערפון לייכטער געוואָרן?

— און קעגן וויפל מענטשן האָסטו אונטערגעשריבן? — האָט ער מיר געפרעגט נאָך אַ ווײַלע פון פּיינלעכער שטילקייט.

— אפילו ניט קעגן זיך אַליין — האָב איך אים געענטפערט — אין מיין ענין איז קיינער, אויסער מיר, נישט פאַרמישט.

— דאָס וועט דיר סיי ווי נישט העלפן — האָט ער געזאָגט — זיי וועלן אַן אַ משפּט דעם פאָראויס־צוגעגרייטן אורטייל אַרויסגעבן. אָבער דיר איז פאָרט גרינגער, האָסט כאָטש קיינעם נישט אויף דיין געוויסן.

— איך גלויב אין דעם אויבערשטן. ער זעט אונזער ליידן און וועט אונז אַרויסנעמען פון אַלע צרות. מען דאַרף קיינמאָל נישט פאַרלירן די האָפנונג. דער רבש"ע וועט אונז געבן כוח איבערצוהאַלטן און סוף־סוף שיקן די שטראָף אויף אונזערע הענקער.

מיין שכן האָט מיך אַ ווײַלע באַטראַכט, אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ טרויערדיקער שמייכל.

— איך בין דיר מקנא — האָט ער געזאָגט — מיט דיין אמונה, מיט דיין

בטחון. דאָס איז באמת אַ גרויסער שוץ אין אונזער אויסזיכטלאָזן מצב. אפשר וועט דאָס דיר העלפן איבערהאַלטן און וועסט נאָך זוכה זיין צו דערזען די ליכטיקע וועלט. איך דאַקעגן פיל, אַז לאַנג וועל איך שוין דאָ נישט אויס־האַלטן. דאָס געוויסן פייניקט מיר און דערצו קען איך זיך נאָך אַלץ נישט קיין עצה געבן מיט דער פראַגע וואָס מאַטערט מיר אָן אַ אויפהער: פאַרוואָס? פאַרוואָס פייניקט מען אומשולדיקע מענטשן?

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט אויך מיין שכן פון דער לינקער זייט מיר דערציילט זיין געשיכטע. ער איז געווען אַ רוס אין עלטער פון בערך 70 יאָר. ער איז געווען סעקרעטאַר פון אַ פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין אַ גרויסן אונטערנעמונג, אין וועלכן ער איז געווען באַשעפטיקט במשך פון לאַנגע יאָרן. אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אים אַרויסגערופן אין נ.ק.וו.ד. דאָרט האָט מען אים געצוואונגען אָנשרייבן אַ בריוו, וועלכער האָט באַדאַרפט זיין כלומר׳שט פון זיין אייגענער איניציאַטיוו. אין דעם בריוו האָט ער זיך „מודה״ געווען, אַז פון זיינע יונגע יאָרן נאָך איז ער געווען אַ שונא פון דער סאָוועטישער מאַכט, און במשך פון לאַנגע יאָרן האָט ער געפירט אַ סאַבאָטאַזש־טעטיגקייט כדי צו שעדיקן דער אונטערנעמונג אין וועלכן ער איז געווען באַשעפטיקט. דערביי האָט ער אָנגעוויזן, אַז דאָס אַלץ האָט ער געטאָן לויט דער אָנווייזונג פון זיין דירעקטאָר.

איך האָב דאָרט געשריבן — האָט ער דערציילט — אַז מיר האָבן געפירט די דאָזיקע שעדיקער אַרבעט במשך פון 60 יאָר. איך האָב עס גע־מאַכט בכיוון. איך האָב געטראַכט, אַז ווען עס וועט דערגיין צו אַ משפט וועט דאָך דער ריכטער זען, אַז דאָס האָט געשריבן אַ מענטש וואָס איז נישט ביים קלאָרן זינען, ווייל ווי אַזוי האָבן מיר געקענט פירן אַ סאַבאָטאַזש במשך פון 60 יאָר, אין דער צייט ווען די סאָוועטישע מאַכט האָט דאַן עקזיסטירט קוים 20 יאָר, און דער באַשולדיקטער דירעקטאָר פון דער אונטערנעמונג איז אַלט געווען בערך 50 יאָר. איך האָב אָבער געהאַט אַ פאַטאַלן טעות. עס איז בכלל נישט פאָרגעקומען קיין שום משפט. אויפן סמך פון מיינע שקרים האָט די „טרויקע״, אָן אַ געריכט, אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל אויפן דירעקטאָר.

— ווען איך האָב זיך וועגן דעם דערוואוסט — האָט ער פאָרגעזעצט — האָב איך גענומען קלאַפּן אין טיר פון קאַמער און געבעטן מען זאָל אַרויסרופן דעם פּראָקוראָר, כדי ער זאָל נאָכאַמאָל איבערקוקן די מאַטעריאַלן און וועט דאַן אַליין זיך איבערצייגן, אַז איך האָב אונטערגעשריבן אַ פאַלשע באַשולדיקונג קעגן מיר און קעגן מיין דירעקטאָר.

אָבער אָנשטאָט דעם פּראָקוראָר איז געקומען דער נאַטשאַלניק פון תפיסה, וועלכער האָט מיר דערקלערט, אַז פון בית־עלמין איז שוין נישטאָ קיין וועג אויפצוריק. „אויב דו וועסט זיך נישט באַרואיקן, האָבן מיר ספּע־ציעלע ערטער וואו מיר האַלטן משוגעים״.

פון דעמאָלט האָט ער שוין מערניט געקלאַפּט אין טיר און נישט געשריגן. גאַנצע טעג האָט ער גערעדט שטיל צו זיך. צי ער איז געווען פולשטענדיק נאָרמאַל, בין איך מסופק.

# די תפיסה וואָס עסט אויף לעבעדיקע מענטשן

דאָס איז געווען י״ח טבת תרצ״ח. דער דאָזיקער טאָג איז פאַר אונז — אַ גרופּע פון 20 אַרעסטאַנטן — געווען אַ מין תשעה־באב. מען האָט אונז געבראַכט אין דער צענטראַלער תפיסה, אויסגעשטעלט אין אַ ריי און געהייסן וואַרטן. עס איז אַריינגעקומען אַן אָפיצער און גענומען אויסלייענען אונזערע אורטיילן. פאַקטיש זיינען אַלע אורטיילן געווען די זעלבע: צען יאָר לאַגער. עס האָבן זיך נאָר געביטן די נעמען פון די וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן פון דער ריי און געהייסן אונטערשרייבן אַז מען האָט זיי באַקאַנט געמאַכט מיט דעם אורטייל. אַלע זיינען געווען צעטרייסלט. אייניקע זיינען געפאַלן אין חלשות. מיין נאָמען האָט מען אויפגערופן דעם לעצטן. איך האָב נישט גע־חלש׳ט און אפילו נישט געלאָזט קיין טרער. די גאַנצע „צערעמאָניע״ פון איבערלייענען די אורטיילן איז צו מיר אַזוי ווי ניט דערגאַנגען. איך בין געווען ווייט פון דעם אַלעמען, פאַרזונקען אין מיינע אייגענע מחשבות. איך האָב פאַר זיך געזען דעם געשטאַלט פון טאַטן און געהערט זיינע ווערטער: „נאָר נישט שרעקן זיך פאַר זיי״.

מען האָט אונז אַרויפגעפירט אויפן ערשטן שטאָק, געעפנט אַן אייזערנע טיר און אַריינגעשטופּט אונז אין אַ קאַמער. דער קאַמער איז געווען בערך 12 אויף 12 מעטער גרויס. נאָך פאַר אונז זיינען שוין דאָ געווען 98 אַרעסטאַנטן. זיינען איצטער צוזאַמען מיט אונז געווען 118 אַרעסטאַנטן. איך בין אַריין דער לעצטער און געבליבן שטיין ביי דער טיר, ווייל ס׳איז פּשוט נישט מעגלעך געווען צו באַוועגן זיך ווייטער.

— זעץ זיך דערווייל אויף דער פּאַראַשע — האָט געזאָגט דער „סטאַראָסטאַ״ (עלסטער פון קאַמער). די „פּאַראַשע״ איז געווען אַן אייזערנע פּעסל פאַרמאַכט מיט אַ דעקל פון אויבן און האָט געדינט אויף צו דערליידיקן די באַדערפענישן פון די 118 אַרעסטאַנטן אין אונזער קאַמער במשך פון גאַנצן טאָג און גאַנצער נאַכט. פונעם אומדערטעגליכן גערוך, האָט זיך מיר פאַר־דרייט דער קאָפּ און כ׳האָב גע׳חלש׳ט. מען האָט מיך דערמינטערט און אַוועק־געלייגט ביי דער וואַנט לעבן פענסטער. ווי געוויינליך אין אַלע תפיסות זיינען דאָרט די שויבן געווען אויסגעהאַקט, און פון דרויסן האָט געבלאָזן אַ ביטערע קעלט. אָט־דער דאָזיקער פּלאַץ ביי דער וואַנט איז נאָר וואָס ליידיק געוואָרן. דער אַרעסטאַנט וואָס איז דאָ פריער געלעגן האָט זיך שטאַרק פאַרקילט און מען האָט אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, וואו ער האָט נאָך עטליכע טעג אויס־געהויכט זיין לעצטן אָטעם. אַזוי האָבן פאַרענדיקט, מערסטנס, די יעניקע וועלכע מען האָט גענומען אין תפיסה־שפּיטאָל.

פון מיינע פריערדיקע אַרעסטן האָב איך וואָס אַן אמת געקענט די באַדינגונגען אין פאַרשידענע סאָוועטישע תפיסות. אָבער דאָס וואָס איך האָב דאָ אָנגעטראָפן האָט איבערגעשטיגן אַלע מיינע „דערוואַרטונגען״: דאָס איז געווען אַ מערדערלעכער רעזשים וואָס האָט געצילט צו צעברעכן דעם אַרעס־

טאַנט פיזיש און גייסטליך, צונעמען ביי אים יעטוועדן סימן פון צלם האדם, איך יעדן פונק פון האָפנונג און פאַרוואַנדלען אים אין אַ חי־ה, דערפירן צום צושטאַנד ווען דאָס לעבן האָט קיין שום ווערט.

פינף אַזייגער פאַרטאָג האָט מען אונז געוועקט און אַרויסגעפירט פון קאַמער אויף אַ האַלבער שעה. פאַר אָט־דער צייט האָבן מיר געמוזט דערליידיקן אונזערע באַדערפענישן, ווייל דאָס פעסל אין קאַמער איז געווען צו קליין פאַר אַזויפיל מענטשן במשך פון גאַנצן מעת־לעת. ווייל אויסליידיקן האָט מען דאָס געקענט נאָר איין מאָל אין טאָג, דעמאָלט ווען מען האָט אונז אַרויס־געפירט פון קאַמער. במשך פון אָט־דער האַלבער שעה האָבן מיר אויך בעדאַרפט זיך אָפּוואַשן. אַזוי ווי עס זיינען געווען ווייניק קראַנען, האָט זיך געמאַכט אַ געדראַנג און אַ לאַנגע ריי, און נאָר אַ טייל פון די אַרעסטאַנטן האָבן באַוויזן דערליידיקן ביידע, אָדער אפילו איינע פון די באַדערפענישן.

זעקס אַזייגער האָט זיך אָנגעהויבן דער אַפּעל. אויפן באַפעל פון דעם „סטאַראָסטאַ" האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אין גראַדע רייען צו 10 מענטשן. אין דער לעצטער ריי זיינען געווען 8 מענטשן. עס איז אַריינגעקומען דער תפיסה־וועכטער, וועלכער האָט אונז געציילט און פאַרשריבן אויף אַ ברעטל די צאָל מענטשן. דאַן האָט זיך באַוויזן אַ בעאַמטער אין דער אוניפאָרם פון נ.ק.וו.ד., מיר האָבן אים גערופן „מלאך המות". ער פלעגט זיך שטעלן אין טיר אַנטקעגן אונז, אַ לענגערע צייט באַטראַכטן אונז, און ווען ער פלעגט געבן אַ צייכן מיט דער האַנט, האָט דער אַרעסטאַנט וואָס איז געשטאַנען אין דער ערשטער ריי געדאַרפט שטעלן די פראַגע „איך"? און געבליבן שטיין אין טויט־שרעק פון דערוואַרטונג ביז ס'איז געקומען דער ענטפער פון „מלאך המות" — „ניין"! דאַן האָט דער ווייטערדיקער אַרעסטאַנט געשטעלט די זעלבע פראַגע „איך"? ביז עס איז געקומען דער ענטפער „יאָ"! און אָט־דער אַרעסטאַנט איז געווען דער „קרבן" פון דעם טאָג — ווייל דער „מלאך המות" פלעגט אים גלייך נעמען מיט זיך. ס'זיינען געווען פיל מאָל ווען דער אַרעס־טאַנט איז שוין צוריק נישט געקומען, און ווען עס האָט עמיצן אָפּגעגליקט אַז ער איז יאָ געקומען, איז ער שוין נישט געווען ענלעך צו אַ לעבעדיקן מענטשן.

דער אַפּעל האָט אינגאַנצן געדויערט בסך־הכל געציילטע מינוטן, אָבער פאַר אונז איז דאָס געווען אַן אייביקייט. די שרעק און די שפּאַנונג איז גע־ווען אַזוי שטאַרק, אַז אַ לענגערע צייט נאָכן אַפּעל האָבן מיר נישט געקענט קומען צו זיך. אייניקע האָבן באַקומען אַטאַקן פון היסטעריע.

ניין אַזייגער האָט מען געגעבן די פּאַרציע ברויט. זי איז געווען קליין, שוואַרץ און קלעפּיק. דאָס האָט געמוזט סטייען אויף אַ גאַנצן טאָג. אַביסל שפּעטער האָט מען געבראַכט די „באַלאַנדאַ"; דאָס איז געווען אַ שיסעלע מוטנע וואַסער אין וועלכער עס זיינען געשוואומען שטיקלאַך שוואַרצע קרויט אָדער בוראַקעס, מיט וועלכע מען האָט געוויינטליך געקאָרמעט בהמות און חזירים.

פאַרנאַכט האָט מען אונז ווידער אויסגעשטעלט אין רייען. עס איז געקומען דער וועכטער, וועלכער האָט אונז נאָכאַמאָל איבערגעציילט. דערנאָך האָבן מיר זיך גענומען גרייטן צום שלאָף. אַזוי ווי ס'איז איינג און ס'איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר יעדערן, איז געווען איינגעשטעלט אַ ספּעציעלער סדר, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער „סטאַראָסטאַ" פון קאַמער. דער סדר איז געווען, אַז צוערשט האָבן זיך אויסגעלייגט צו 20 מענטשן לעבן די וואַנט פון קאַמער. זיי האָבן פאַרנומען בערך אָנדערהאַלבן מעטער, ווייל די פיס האָבן זיי געהאַלטן אויף די קערפּער פון זייערע שכנים. וועלכע האָבן זיך אויסגעלייגט, אויך צו 20 מענטשן אין דער צווייטער ריי. און אינדערמיט האָבן זיך אַריינגעשטופּט די איבעריקע 38 מענטשן. מיר זיינען געלעגן צוזאַמענגעקוועטשט ווי הערינג אין אַ פאַס, און ס'איז נישט געווען די מעג־לעכקייט אויף דער מינדסטער באַוועגונג.

נאָך האַלבע נאַכט האָט דער סטאַראָסטע אונז געוועקט, און לויט זיין קאָמאַנדאַ האָבן מיר זיך אַלע איבערגעקערט, געשלאָפן ביז 5 פאַרטאָג. ווען מען האָט אונז ווידער געוועקט. וועגן דערליידיקן די באַדערפעניש, אַפילו ווען עס האָט געדראָט מיט סכנות נפשות, האָט קיינער נישט געקענט צוקו־מען צו דער „פּאַראַשע" ביינאַכט, ווייל מען האָט זיך ניט געטאָרט אויפהייבן אָן דער קאָמאַנדאַ פון דעם סטאַראָסטע. פון דער איינגעשאָפּט האָבן זיך די קערפּערס דערוואַרעמט, און די היץ איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. דער ריח פון דעם שווייס פון די קערפּערס האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם ריח פון דער „פּאַראַשע" און עס איז פּשוט נישט געווען קיין לופט צו אָטעמען.

איינער פון מיינע גורל־חברים אין קאַמער איז געווען אַן עלטערער מענטש מיט דעם נאָמען דאַווידאָוויטש. ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן מזל: מער ווי אַ העלפט פון זיינע 65 יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין די תפיסות; צוערשט אַלס אַרעסטאַנט פון דעם צאַר ניקאָליי, פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט, און שפּעטער האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה די ראַטנמאַכט, פאַר וועלכער ער האָט געקעמפט אין די יונגע יאָרן. זיין געשיכטע איז גאָר אַן אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטיש פאַר דער „גערעכטיגקייט" אין דעם לאַנד פון „סאָציאַלער פרייהייט". אָט וואָס דאַווידאָוויטש האָט מיר דערציילט:

אין יאָר 1918 האָט די „טשעקאַ" (געהיימע פּאָליציי) אַרעסטירט אַ געוועזענעם נאַטשאַלניק פון דער צאַריסטישער תפיסה, אין וועלכער דאַווידאָ־וויטש איז גראַד געזעסן לאַנגע יאָרן. דער פאָרזיצער פון „טשעקאַ" האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל אויף דעם דערמאָנטן נאַטשאַלניק, מאָטיווירנ־דיק דאָס דערמיט, אַז ער (דער געוועזענער נאַטשאַלניק) האָט געפּייניקט פּאָליטישע אַרעסטאַנטן בעת'ן אויספירן זיינע פליכטן. אין „טשעקאַ" האָט דאַן צופעליק געאַרבעט אַ געוועזענער צאַרישער אַרעסטאַנט, וואָס איז גע־זעסן אין דער תפיסה און געקענט פערזענליך אָט־דעם דאָזיקן נאַטשאַלניק. ער האָט דאַן אָנגעשריבן אַ בריוו צום פאָרזיצער פון „טשעקאַ" אין וועלכן ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער דאָזיקער מענטש, וועלכער איז פאַר'משפּט געוואָרן צום טויט, האָט זיך אויפגעפירט אָנשטענדיק צו די פּאָליטישע אַרעס־

טאַנטן און קיינעם נישט געפּייניקט. דער פּאַרזיצער פון „טשעקאַ" האָט דאָן געפאָדערט אַז נאָך איין עדות זאָל דאָס באַשטעטיקן.

— דאָס איז געווען דער אָנהויב פון מיינע צרות — האָט דערציילט דאַווידאָוויטש. — ער האָט מיך גערופן אַלס עדות, איך האָב באַשטעטיקט זיינע דערקלערונגען, וועלכע האָבן, פאַרשטייט זיך, געשטימט מיטן אמת. דער פאַרזיצער פון „טשעקאַ" האָט אָבער נישט געוואָלט אַזוי לייכט מסכים זיין מיט אונז. דער ענין איז דערגאַנגען ביז צו סטאַלינען אַליין. נאָכן באַקענען זיך מיט די פאַקטן און מיט דער ביאָגראַפיע פון דעם געוועזענעם נאַטשאַלניק פון דער צאַריסטישער תפיסה, האָט סטאַלין באַפוילן נישט נאָר אים צו באַפרייען, נאָר אויך אָנשטעלן אים אַלס אַרבעטער פון „טשעקאַ".

— מיט עטלעכע יאָר שפּעטער — האָט ווייטער דערציילט דאַווידאָוויטש — האָט מען מיך אַרעסטירט. ווען מען האָט מיך אַריינגעפירט צו דער אויספאַרשונג, האָב איך פשוט נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויגן. אַנטקעגן מיר איז געזעסן דער געוועזענער נאַטשאַלניק פון צאַרישער תפיסה וועלכן איך האָב געהאָלפן ראַטעווען פון טויט. ער איז איצט געווען מיין אויספאַרשער. און ער האָט טאַקע געקענט גוט די דאָזיקע מלאכה. ער האָט אָנגעווענדעט קעגן מיר די ראַפינירטסטע מעטאָדן כדי איך זאָל זיך „מודה זיין", אַז איך האָב זיך פאַרנומען מיט סאַבאָטאַזש קעגן דער סאָוועטישער מאַכט.

— דו ווייסט דאָך ווער איך בין און אַז דאָס אַלץ איז אַרויסגעזויגן פון פינגער; אַז דאָס איז הוילע שקרים — האָב איך צו אים גע׳טענה׳ט.

— איז צו וואָס צווינגסטו מיך אונטערשרייבן אַזאַ שקר־בילבול קעגן זיך אַליין?

— מיך דאַרפסטו ניט איבערצייגן — האָט ער געענטפערט מיט אַ ציניש שמייכל. — איך קען די דאָזיקע אַרבעט ניט פון היינט. אַז מען זאָגט דיר שולדיק, זאָלסטו ניט אַנטקעגנשטעלן זיך. שרייב אונטער, ברודערקע. וואָס שנעלער, ועט בעסער זיין פאַר דיר. ס׳וועט דאָך סיווי דיר גאָרנישט העלפן.

— און וואָס מיינסטו — האָט דאַווידאָוויטש געזאָגט אַ טרויעריקער.

— ער האָט מיך דערפירט צו אַזאַ צושטאַנד, אַז איך האָב אַלץ אונטערגעשריבן. מען האָט מיך פאַר׳משפט אויף 10 יאָר לאַגער. נאָכן אָפּזיצן די 10 יאָר, האָט מען מיך באַפרייט. אָבער נישט אויף לאַנג. עס האָט נישט געדויערט אַפילו קיין האַלב יאָר און מען האָט מיך ווידער אַריינגעזעצט אויף נאָך 5 יאָר. נאָכן אָפּזיצן דעם צווייטן אורטייל האָב איך געהאָפט, אַז איך בין שוין פטור פון זיי. אָבער וואו . . . איך בין אַפילו נישט דערפאַרן אַהיים צו מיין משפחה. אויפן וועג האָט מען מיך אַראָפּגענומען פון באַן און אַריינגערוקט נאָך אַ „צענערל" — און איצט זיץ איך מיט דיר. איך וועל שוין אַוודאי אַזוי זיצן אין די טורמעס ביזן סוף פון מיין לעבן. יאָ, ברודערקע — האָט ער געזאָגט צום סוף — מען דאַרף נאָר איין מאָל אַרויף אויף זייער רשימה, שפּעטער דרייט מען זיך שוין אויטאָמאַטיש אין זייער

רעדל. דו ווייסט דאָך ווי מען זאָגט אין רוסלאַנד: „נאַדאַ טאָלקאָ טשעלאָ־וויעקאַ, אַ דיעלאָ ווסעגדאַ נאַידיאָטסאַ" (מען דאַרף נאָר כאַפּן דעם מענטשן, אַ באַשולדיקונג וועט זיך שוין געפינען).

מיט דער צייט האָט זיך אין קאָמער איינגעשטעלט אַ סדר, אַז אין דער פרייער צייט האָבן די אַרעסטאַנטן, פון לאַנגווייליקייט, דערציילט זייערע ביאָגראַפיעס. איינער פון זיי איז געווען אַן אַראַבער, פון אַ רייכער משפחה אין קאַהיר. ער האָט געענדיקט אַ באַלעט־שול און געאַרבעט אין אַ טעאַטער, וואָס האָט גורם געווען אַ ברוגז צווישן אים און זיינע מיוחס־דיקע עלטערן, וועלכע עס איז נישט אָנגעשטאַנען די פּראָפעסיע פון זייער זון. זייער צאָרן איז געוואָרן נאָך שטאַרקער ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז זייער זינדל איז גאָר אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון עגיפּטן. ס׳האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און מען האָט דעם בחור איינגעזעצט אין תפיסה אויף 5 יאָר. זיינע עלטערן, וועלכע האָבן געהאַט גרויס איינפלוס און דערצו געלאָזט זיך קאָסטן אַ סך געלט, האָבן צום סוף אויסגעפּועל׳ט, מען זאָל אים באַפרייען פאַרן טערמין, אָבער מיטן באַדינג, ער זאָל גלייך פאַרלאָזן עגיפּטן. דירעקט פון תפיסה האָט מען אים ביינאַכט צוגעפירט צו אַ סאָוועטישער שיף, וועלכע האָט גראָד געאַנקערט אין דאָרטיקן פּאָרט, און אַזוי האָט אים „אָפּגעגליקט" אָנצוקומען אין „פּאַטערלאַנד פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט".

דאָס איז געווען אין יאָר 1936 ווען ער איז אָנגעקומען אין פּאָרט פון אָדעס. אָבער אַנשטאָט זיך מיט אים צו פרייען, האָט מען אים גלייך פון פּאָרט אָפּגעפירט אין נ.ק.וו.ד., וואו ער איז געזעסן אַ האַלב יאָר, ביז מען האָט „אויפגעקלערט" זיין ענין. נאָך דער „אויפקלערונג" האָט מען אים באַפרייט פון תפיסה, אָבער ער האָט באַקומען אַ פּאַספּאָרט מיט אַ ספּעציעלן פּאַראַגראַף פאַר נישט זיכערע עלעמענטן. מען האָט אים פאַר־באָטן צו וואוינען אין אָדעס און פאַרשיקט אויף אוראַל, וואו ער איז גע־ווען מחויב צו מעלדן זיך יעדע צען טעג אין נ.ק.וו.ד. ער האָט זיך איינ־געאָרדנט, געווען באַשעפטיקט אין אַ טעאַטער און אַפילו שוין געווען צו־פרידן מיט זיין גורל. איז אָבער געקומען דאָס באַקאַנטע יאָר 1937. דאָס דאָזיקע יאָר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט רדיפות און אַזוי־גערופענע „ריי־ניקונגען" אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, בעת וועלכע מען האָט פאַרשיקט אין די לאַגערן און דערמאָרדעט הונדערטער טויזנטער מענטשן, צווישן זיי כמעט אַלע אויסלענדישע קאָמוניסטן. אונזער אַראַבער איז געווען איינער פון זיי.

מען האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז אין יאָר 1930 איז ער אַריינגעשיקט געוואָרן אין דער עגיפּטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיטן ציל צו פאַר־מסר׳ן זיינע פּאַרטיי־חברים פאַר דער דאָרטיקער פּאָליציי, כדי צו צעברעכן די פּאַרטיי פון אינעווייניק. אויך זיין אַרעסט און דער אורטייל פון פינף יאָר תפיסה איז געווען אַן אָנשטעל, וואָס איז אינסצעניזירט געוואָרן דורך

דער עגיפּטישער פּאָליציי, כדי אויף אַזאַ אופן פאַרשטאַרקן דעם צוטרוי צו אים מצד די קאָמוניסטן און כדי צו געפינען אַ מעגלעכקייט צו שיקן אים קיין ראַטנפאַרבאַנד, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש לטובת עגיפּטן.

ער האָט זיך לאַנג פאַרטיידיקט. אָבער צום סוף האָט ער, ווי כמעט אַלע אַרעסטירטע אין יענער צייט, זיך מודה געווען אין אַלע „פאַרברעכנס״. ער האָט גוט אָפּגעשניטן — מען האָט אים פאַר׳משפּט „נאָר״ אויף צען יאָר. פון דער „אויספאָרשונג״ איז ער אָבער אַרויס אַ פולשטענדיק צעבראָכענער, מיט אַ שווערן האַרץ־פעלער און פאַרפאַלגונגס־מאַניע. ער האָט כסדר מורא געהאַט, אַז מען וועט זיין פּראָצעס באַנייען און דאָס מאָל וועט ער נישט אויסמיידן די טויט־שטראָף. אָן אויפהער האָט ער געשריבן בריוו צו סטאַ־לינען און געבעטן רחמים ביים „פאָטער און באַשיצער פון דער גאַנצער מענטשהייט״.

איינמאָל ביינאַכט האָט דער אַראַבער באַקומען אַ האַרץ־אַטאַקע. מיר האָבן אים געראַטעוועט — אַוועקגעלייגט אים אויף מיין פּלאַץ ביים אָפענעם פענסטער, וואו ער איז פון קעלט אַביסל דערמונטערט געוואָרן. ערשט אינדערפרי איז געקומען דער תּפיסה־דאָקטאָר, וועלכער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער טאָר זיך נישט דענערווירן, ווייל דאָס האַרץ איז ביי אים ביז גאָר אָפּגעשוואַכט. דערביי האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז אין אונזער קאַמער זיצן צוויי מאָל אַזויפיל מענטשן, ווי עס איז דערלויבט לויט די רעגולאַציעס. דאָס איז גורם, אַז פיל אַרעסטאַנטן, די מער שוואַכערע, ווערן קראַנק און באַצאָלן אַפילו מיטן לעבן. — איך האָב שוין וועגן דעם געשריבן עטלעכע ראַפּאָרטן צו דער תּפיסה־אַדמיניסטראַציע — האָט ער צוגעגעבן — אָבער ביז איצט אָן רעזולטאַטן. ער איז אַרויס פון קאַמער, צוזאָגנדיק דעם אַראַבער, אַז אויפן צווייטן טאָג וועט ער אים שיקן אַ מעדיצין.

די רפואה האָט ער שוין אָבער נישט באַקומען. צומאָרגנס אינדערפרי, בעת דעם אָפּעל, האָט דער „מלאך המוות״ אָנגעוויזן אויף אים מיטן פינגער און געהייסן אים גיין מיט אים. דער אַראַבער איז געפאַלן אָן באַוואוסטזיין. אַז עס איז געקומען דער דאָקטאָר האָט ער נאָר געקענט פעסטשטעלן די סיבה פון זיין טויט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז ס׳איז געשען אַ מיספאַרשטענדעניש. דער „מלאך המוות״ האָט דאַן געמיינט אַ צווייטן אַרעסטאַנט, אויך אַן אַראַבער, פון אַ שכנות׳דיקן קאַמער און על־פּי טעות גערופן דעם וואָס איז געזעסן מיט אונז.

# אַ ליכטיקער שטראַל אין דער פינסטערער נאַכט

ווי געזאָגט האָט אין תפיסה געהערשט אַ שטרענגער רעזשים. אָבער דאָך האָבן די אַרעסטאַנטן געפונען געוויסע וועגן, ווי אַזוי זיך צו פאַר־שטענדיקן מיט זייערע חברים פון אַנדערע קאַמערן, און אַפילו מיט דער אויסערלעכער וועלט. נאָך אַ געוויסער צייט בין איך אויך געוואָרן אַ דער־פאַרענער אַרעסטאַנט און באַהערשט דעם גאַנצן מעכאַניזם פון תפיסה־לעבן. איך האָב געוואוסט, אַז צווישן די אַרעסטאַנטן, הויפּטזעכלעך פון צווישן די געוועזענע הויכע באַאַמטע, זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן געטראַכט, אַז דורך מסירות אויף אַנדערע אַרעסטאַנטן וועלן זיי געפינען חן אין די אויגן פון זייערע פאַרפאָלגער און דערמיט לינדערן זייערעליידן. אייניקע האָבן דאָס נישט געטאָן פון נחת. מען האָט זיי געצוואונגען דערצו מיט דער הילף פון שאַנטאַזש. מען האָט זיי פשוט אַרויסגערופן אין דער תפיסה־אַדמיניסטראַציע און דערקלערט, אַז אויב זיי וועלן נישט אַרויסווייזן קיין סימנים פון חרטה... קען מען זיי „העלפן" זיי זאָלן לאַנג נישט ליידן, מען וועט זיי „שיקן אויף דער לבנה", וואָס האָט אין דער תפיסה־טערמינאָלאָגיע באַדייט טויט־שטראָף. נאָך אַזאַ „שמועס" איז דער גרעסטער טייל פון די גערופענע געוואָרן צוטראָגער. מען האָט דעריבער געמוזט זיין פאָרזיכטיק מיט יעדן וואָרט. דאָך, אין יעדער צרה שיקט ג־ט אַ נחמה.

אין אַ געוויסן טאָג איז אַריינגעקומען אין אונזער קאַמער דער פּרי־זירער און דערקלערט, אַז ער קען שערן און גאָלן, אָבער נאָר פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל. ווער ס'האָט נישט קיין געלט, וועט מוזן וואַרטן ביז מען וועט פירן אין באָד אַריין. דאָרט שערט מען בחינם. אָבער — האָט ער צוגעגעבן — ס'וועט דויערן זייער לאַנג ביז ס'וועט קומען אייער ריי, ווייל אין תפיסה זיינען איצט פאַראַן צען מאָל אַזויפיל אַרעסטאַנטן ווי מיט אַ יאָר צוריק.

איך האָב קיין געלט נישט געהאַט און דעריבער אַפילו נישט גע־טראַכט וועגן שערן זיך. ווען דער פריזירער האָט אָבער פאַרענדיקט די אַרבעט ביי זיינע קליענטן, איז ער צוגעקומען צו מיר און שטיל מיר גע־זאָגט: „ר' איד, אייך וועל איך שערן אומזיסט".

איך בין געווען דערשטוינט, ווייל ס'איז מיר ניט איינגעפאַלן אַז ער איז אַ איד. ווען איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר איבערלאָזן די באָרד און פּיאות, האָט ער מיר געזאָגט, אַז אויפן צווייטן שטאָק זיצן אויך צוויי פרומע אידן.

— אפשר קענט איר איבערגעבן די דאָזיקע אידן אַ גרוס פון מיר און דערביי זיך דערוויסן צי דאָס זיינען נישט מיינע פריינד — האָב איך אים געבעטן.

— אין זייער קאַמער וועל איך אַזוי גיך נישט זיין — האָט ער גע־ענטפערט — ווייל איך גיי איבער די קאַמערן לויט אַ שטרענגן סדר, וועל־

כער איז איינגעשטעלט דורך דער אַדמיניסטראַציע. דערביי האָט ער מיר געזאָגט, אַז כמעט דעם גאַנצן פאַרדינסט פון זיין אַרבעט נעמט ביי אים צו די נאַטשאַלסטווע. ער האָט מיר אָבער געגעבן אַן עצה ווי אַזוי איך קען זיך מיט זיי פאַרשטענדיקן: אין טואַלעט (וועלכער איז געווען איינער פאַר אַלע קאַמערן — וואוהין מען האָט אונז אַרויסגעלאָזן אין אָוונט) איז געווען אַ פינסטער ווינקל, אין וועלכן עס איז געווען אַ לאָך. אַהינצו האָט מיר דער פריזירער געהייסן אַריינלייגן אַ צעטל אויף אידיש, און ער וועט דורך אַ מענטשן איבערגעבן זיי אַז זיי זאָלן זוכן אין דעם ווינקל מיין צעטל.

פון אָנפאַנג האָב איך אַפילו ניט געוואָלט דאָס טאָן ווייל איך האָב ניט געוואוסט צי מען קען זיך פאַרלאָזן אויף דעם פריזירער. אָבער דערנאָך האָב איך באַשלאָסן יאָ אַריינצולייגן דעם צעטל, ווייל דער פריזירער איז דאָך פאָרט אַ איד . . .

מיט גרויס אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף אַן ענטפער. אין צווישן האָט מען מיך אַרויסגערופן צו דער אַדמיניסטראַציע, בין איך געוועזן איבערצייגט אַז די מעשה מיט דעם פריזירער איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע, און מען רופט מיך אַרויס ווייל מען האָט געפונען דעם צעטל.

צום גליק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. זאָל מיר דער אויבערשטער מוחל זיין וואָס איך האָב חושד געווען דעם אידן דעם פריזירער. מען האָט מיך געבראַכט אין בוכהאַלטעריע און דער בוכהאַלטער האָט געפרעגט מיין נאָמען און פאַמיליע־נאָמען. ער האָט מיר דערקלערט, אַז עס איז אָנגעקומען פאַר מיר הונדערט רובל און איך דאַרף אונטערשרייבן אַז איך האָב דאָס באַקומען. ער האָט מיר געזאָגט אויף אידיש שטילערהייט, אַז דאָס געלט איז פון מיין פרוי. ער האָט געפרעגט מיט וואָס איך האָב זיך באַשעפטיקט אויף דער פריי און אַז איך האָב אים געזאָגט אַז איך בין געווען אַ בוכהאַלטער, האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט בעטן מען זאָל מיר דערלויבן אַרבעטן אין בוכהאַלטעריע. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט באַקומען אַן אורטייל פון צוויי יאָר ווייל ער האָט געאַרבעט אין אַן אונטערנעמונג און מען האָט ביי אים געפונען פאַלשע רעכענונגען. און אַזוי ווי ער האָט גרויס באַקאַנטשאַפט צווישן די אַרטיקע פירער, האָט מען אים געלאָזן ער זאָל בלייבן אין זיין שטאָט און אַרבעטן אַלס בוכהאַלטער. מען האָט אים געגעבן אַ באַזונדער צימערל און די גאַנצע צייט אַרבעט ער אין בוכהאַלטעריע און ער איז אין קאָנטאַקט מיט זיין משפחה.

מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער פאַרשלאַג פון בוכהאַלטער איז קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט געוואָרן דורך דער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט מיר באַטראַכט פאַר אַ געפערלעכן פאַרברעכער. דאָס האָט מיר איבערגעגעבן דער זעלבער פריזירער, וועלכער האָט דערביי אונטערגעשטראָכן, אַז מיט זיינע באַמיאונגען פאַר מיר האָט דער בוכהאַלטער שטאַרק ריזיקירט און אַפילו געהאַט דערפון אומאַנגענעמלעכקייטן.

אַ אידיש האַרץ איז פאָרט נישט אָפּצושאַצן . . .

אין דער זעלבער צייט האָב איך אין באַהעלטעניש פון קלאָזעט גע־פונען אַן ענטפער אויף מיין בריוול. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די צוויי אידישע אַרעסטאַנטן פון צווייטן שטאָק זיינען מיינע לאַנגיאָריקע גוטע פריינד, הרב ר׳ יעקב און שמואל ל״ט. נאָך צוויי טעג האָב איך אָנגעשריבן נאָך אַ בריוול און צוגעלייגט 30 רובל, וועלכע איך האָב זיי איבערגעשיקט אויפן זעלבן אופן. און אַזוי האָט זיך איינגעשטעלט צווישן אונז אַ שטענדיקער קאָנטאַקט.

אין אַ געוויסן טאָג, דאָס איז געווען כ״ד טבת, האָט מען אונז אַרויס־געפירט אויפן טעגלעכן שפּאַציר, וועלכער האָט געדויערט 15 מינוט. בעת׳ן שפּאַציר האָבן מיר געמוזט גיין אָפּגערוקט עטלעכע טריט איינער פון דעם אַנדערן, מיט די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, כדי מיר זאָלן זיך חלילה ניט פאַרשטענדיקן צווישן זיך.

געוויינלעך האָט מען יעדע קאַמער אַרויסגעפירט באַזונדער. דאָס מאָל האָט מען צוזאַמען מיט אונז אַרויסגעפירט די אַרעסטאַנטן פון נאָך איין קאַמער. בעת׳ן שפּאַציר האָב איך, צו מיין גרויסער איבערראַשונג, פּלוצים זיך אָנגעטראָפן פנים אל פנים מיט מיין חבר הרב ר׳ יעקב. פון גרויס איבערראַשונג האָבן מיר ביידע פאַרגעסן וועגן רעגולאַציעס. איך האָב אויס־געשריי גערופן „יעקב!״ און ער האָט אַ געשריי געטאָן „אברהם!״ צום גליק האָט דער וועכטער דאָס ניט באַמערקט.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך שפּעטער נישט געקענט קומען צו זיך. הרב ר׳ יעקב איז שטענדיק געווען אַ מענטש פול מיט מוט און לעבן. מיט זיין ענערגיע און לוסטיקייט האָט ער משפיע געווען אויף די אַרומיקע סביבה. פאַר יעדן האָט ער תמיד געפונען אַ גוט וואָרט און ממשות׳דיקע הילף אין אַ שווערן מצב. איצט האָב איך אים באַגעגנט אַן אויסגעלאָשענעם און טרויעריקן. ער איז געווען אויסגעדאַרט און אויסגעמאַטערט, קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס. מער האָב איך שוין נישט זוכה געווען צו זען מיין האַרציקן חבר און הייליקן מענטש, וועלכער האָט אַ גאַנץ לעבן געאַרבעט און געזאָרגט לטובת הכלל.

## דער שרעקלעכער אורטייל פון אַ גרופּע אידן פון פּוילן

אין אָוונט פון כ״ה טבת תרצ״ח האָט מיין שכן פון קאַמער, וואָס איז געלעגן לעבן מיר, גע׳חלש׳ט. מען האָט אים צוגענומען אין תפיסה־שפּיטאָל. אַלעמען איז געוואָרן שווער אויפן האַרצן. מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז זיין לעצטער וועג, ווייל בדרך כלל איז מען פון שפּיטאָל שוין נישט צוריק־געקומען. נאָך דעם האָט מען אונז, פאַרן שלאָפן, אַרויסגעפירט, ווי געוויינלעך, אין דער „אובאָרנע״. ווען מיר זיינען צוריקגעקומען אין קאַמער, האָב איך געטראַכט, אַז היינט וועט מיר זיין באַקוועמער, איך וועל האָבן מער פּלאַץ,

ווייל מען האָט דאָך צוגענומען מיין שכן, און קיין נייער וועט שוין געוויס היינט נישט קומען. צום באַדויערן האָב איך געהאַט אַ טעות. דאָס אָרט איז שוין געווען פאַרנומען דורך אַ צווייטן. לכתחילה האָב איך אים אַפילו נישט באַמערקט, ווייל אין קאַמער האָט געברענט אַ קליין לעמפּל, וואָס איז געהאַנגען הויך אין דער סטעליע, אַזוי אַז ס'איז געווען פינסטער. ערשט ווען איך האָב זיך אַוועקגעלייגט, האָב איך דערזען לעבן זיך מיין נייעם שכן.

— איך בין אַ איד — האָט ער מיר געזאָגט שטיל אויפן אויער. פאַר־שטייט זיך, אַז די נאַכט זיינען מיר שוין נישט געשלאָפן.

— איך בין אַ פּוילישער איד פון דער שטאָט לאָדזש — האָט ער דערציילט. — איך האָב דאָרט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט 5 קינדער. פון פאַך אַ וועבער, האָב איך געהאַט אַ וועב־שטול, אויף וועלכער איך האָב גע־אַרבעט פאַר פאַרשידענע פאַבריקאַנטן אַלס היים־אַרבעטער. איז געווען אַר־בעט, האָט מען נאָך געקענט יאָקאָש אויסהאַלטן. לעצטנס זיינען אָבער געווען אַלץ לענגערע צייטן פון אַרבעטסלאָזיקייט, און ס'איז נישט געווען פון וואָס מפרנס צו זיין די משפּחה. האָט מען זיך אָנגעכאַפּט אין אַלע „גליקן".

אין 1934־טן יאָר האָבן זיך אין לאָדזש פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן די גליקן אין רוסלאַנד. מען האָט אַפילו דערציילט וועגן אַ אידישן וועבער פון דער שטאָט, וועלכער איז מיט צוויי יאָר פריער אַריבער אומלעגאַל די גרעניץ און איז באַשעפטיקט אין אַ גרויסער טעקסטיל־פאַבריק. לויט דער דאָזיקער ווערסיע האָט דער איד באַקומען אַ שיינע באַקוועמע דירה, פאַרדינט זייער גוט און אַפילו אָפּגעשפּאָרט געלט און גענומען צו זיך זיין משפּחה. מען האָט אַפילו געזאָגט, אַז די רייזע־קאָסטן פאַר דער משפּחה דעקט די פאַבריק, אין וועלכער ער איז באַשעפטיגט.

צוזאַמען מיט אַ גרעסערע גרופּע אידן פון לאָדזש האָט ער זיך פאַרבונדן מיט אַ שמוגלער, וועלכער האָט זיי געפירט איבער דער גרעניץ. אין דער ערשטער צייט האָבן זיי באמת געאַרבעט אין אַ טעקסטיל־פאַבריק אין מינסק און נישט שלעכט פאַרדינט. אָבער די „גליקן" האָבן געדויערט קוים עטליכע חדשים.

— אין 1935 — האָט דער איד דערציילט — האָט מען אונז אַלע אַרויסגערופן אין דער ען־קאַ־ווע־דע און דערקלערט, אַז ס'איז אונז פאַרבאָטן צו וואוינען אין מינסק. מען האָט אונז געגעבן בילעטן או באַפוילן צו פאָרן דאָ אין דער שטאָט וואו מיר געפינען זיך איצט. דאָ זיינען מיר אונטערוואָרפן אַ ספּעציעלן רעזשים. מען האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר טאָרן נישט אַרויספאָרן פון שטאָט, און יעדן 10־טן טאָג זיינען מיר געווען מחויב זיך צו מעלדן אין דער ען־קאַ־ווע־דע. קיין אַרבעט אין אונזער פאַך האָבן מיר נישט באַקומען, ווייל אין דער שטאָט זיינען נישט געווען קיין טעקסטיל־פאַבריקן. אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט זיך די מערהייט ווי־נישט־איז איינגעאָרדנט, און צו־ביסלעך צוגעוואוינט צו דער נייער לאַגע, ביז ס'איז געקומען יענער טאָג פון חודש יולי, 1937.

אין יענעם יאָר האָט מען אַלע פּוילישע אידן פון שטעטל אַרעסטירט. מען האָט אונז געהאַלטן אין באַזונדערע קאַמערן, אינגאַנצן איזאָלירט איינער פון צווייטן. דאָס מזל האָט געוואָלט, אַז מיך זאָלן זיי נעמען דעם ערשטן אויף דער אויספאָרשונג. ווי דאָס זעט אויס, דאַרף איך אייך געוויס נישט דערציילן. מיין אויספאָרשונג האָט געדויערט 5 טעג. מיט וואָס ער האָט מיך דאַן גע־שלאָגן, געדענק איך נישט. צומאָרגנס, ווען איך בין געקומען צום באַוואוסט־זיין, האָב איך דערזען, אַז איך געפין זיך אין אַ שפּיטאָל. מיין קאָפּ איז געווען באַנדאַזשירט, די הענט או פיס אין גיפּס. עס איז אַריינגעקומען אַ דאָקטאָרין, וועלכע האָט מיר געזאָגט: חולה, איר ליגט אין גיפּס. יעדע מינדסטע באַ־וועגונג איז פאַר אייך געפערליך. אויב איר וועט עפּעס דאַרפן, זאָלט איר קלינגען און די קראַנקן־שוועסטער וועט אייך העלפן.

דעם זעלבן טאָג איז געקומען צו מיר דער אויספאָרשער.

— איך האָב דיך געבעטן זאָלסט אונטערשרייבן מיט גוטן — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציניש אויסדרוק פון מיטגעפיל — צו וואָס האָבן דיר געטויגט די צרות און ליידן? האָסט נאָך סיי־ווי מזל, דיינס אַ חבר איז שוין אַוועק צו דער לבנה . . . (דאָס מיינט אין דער טערמינאָלאָגיע פון ען־קאַ־ווע־דע, אַז ער לעבט שוין נישט.)

אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען די דאָקטאָרשע, וועלכע האָט זיך געווענדעט צום אויספאָרשער:

— איך בעט אייך דערווייל נישט טשעפּען דעם חולה, ער איז נאָך אין אַ צושטאַנד פון סכנה. ווען ער וועט ווערן געזינטער, וועל איך אייך מעלדן און ער וועט דאַן זיין צו אייער דיספּאָזיציע.

ווען דער אויספאָרשער איז אַוועק, האָט די דאָקטאָרשע געזאָגט צו מיר:

— איר טאָרט זיך נישט דענערווירן, ביי אייך איז דער קאָפּ שטאַרק באַשעדיגט און יעדע נישט־פאָרזיכטיגע באַוועגונג איז פאַר אייך אַ לעבנס־געפאַר. זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער מיין בעט און שטיל געזאָגט צו מיר:

— איך קען נישט רעדן אידיש, אָבער איך בין אַ אידישע פרוי. מיט וואָס איך וועל קענען וועל איך אייך העלפן. דערווייל קען איך, צום באַדויערן, פאַר אייך נישט טאָן. איר זאָלט זיך נישט רירן אָן דער הילף פון מיר אָדער פון דער קראַנקן־שוועסטער, ווייל איר זייט באמת אין אַ שווערן צושטאַנד. איך וועל זיך באַמיען צו האַלטן אייך דאָ וואָס לענגער, דאָס איז דאָס איינציקע מיט וואָס איך קען אייך העלפן. מען האָט אייך געשלאָגן מיט עפּעס אַ שווערן אייזן. איר זייט נישט דער ערשטער, איך זע דאָ כסדר די פאַרברעכנס.

נאָך צוויי חדשים, ווען איך בין אַביסל געקומען צו זיך, איז אין אַ געוויסן טאָג אַריינגעקומען דער אויספאָרשער אין באַגלייטונג פון דער דאָק־טאָרין. ער האָט באַפוילן זי זאָל מיך תיכף אויסשרייבן פון שפּיטאָל און אָפּ־שיקן אין נ.ק.וו.ד. די דאָקטאָרין האָט געפרואווט פּראָטעסטירן און דערקלערט, אַז מיין צושטאַנד פאָדערט נאָך ווייטערדיקע מעדיצינישע אויפזיכט, אַז איך קען נאָך אַפילו נישט גיין אויף די פיס.

— איך וועל אים שוין אויסהיילן — האָט געענטפערט דער אויספאָר־שער — ביי מיר וועט ער נישט נאָר גיין, נאָר אַפילו לויפן . . .

מען האָט מיך אָפּגעשיקט צום אויספאָרשער. די דאָקטאָרין האָט זיך געזעגנט מיט מיר מיט טרערן אין די אויגן. אין דער זעלבער נאַכט האָט מען מיך אַרויסגערופן פון קאַמער און אָפּגעפירט צום אויספאָרשער. ער האָט מיר געגעבן אונטערצושרייבן דעם באַשולדיקונגס־אַקט. איך האָב ווייטער אָפּגע־זאָגט. אָבער דאָס מאָל האָט מיך דער אויספאָרשער נישט געשלאָגן, ער האָט אַפילו נישט געענטפערט מיט קיין וואָרט. ער האָט אַרויסגערופן אַ וועכטער, וועלכער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער, וואו אַלע שויבן פון די פענ־סטער זיינען געווען אויסגעהאַקט, עס האָט מיך אַרומגענומען אַ ביטערע קעלט. איך בין געבליבן אַליין, הינטער מיר האָט זיך פאַרמאַכט די טיר. פּלוצים האָט גענומען גיסן אויף מיר וואַסער פון דושן, וועלכע זיינען געווען אינסטאַלירט אין דער סטעליע. די טעמפּעראַטור פון וואַסער האָט זיך כסדר געביטן. פון אָנהויב איז עס געווען אייז־קאַלט, אַ מינוט שפּעטער — זודיק הייס, און דאַן ווידער קאַלט. אויף אַ מאָמענט האָט עס זיך בכלל אָפּגעשטעלט און דאַן ווידער אָנגעהויבן גיסן. צוליב דער קעלט אינעם צימער האָט געזעצט פון מיר אַ פּאַרע, איך האָב געפילט, אַז איך ווער דערפרוירן. ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט איז מיר שווער צו באַגרייפן. איך געדענק נאָר, אַז ביים סוף האָט זיך געעפנט די טיר און איך האָב דערהערט דאָס קול פונעם אויספאָרשער, וועלכער האָט געזאָגט : דאָ וועט שוין זיין דיין סוף. אויב דו וועסט אונטערשרייבן, וועל איך דיך גלייך אַרויסנעמען און ראַטעווען פון טויט.

וואָס ווייטער איז געשען ווייס איך נישט. איך האָב פאַרלוירן דעם רע־כענונג פון צייט. ווען איך בין געקומען צום באַוואוסטזיין האָב איך זיך גע־פונען אין אַ וואַרעמען צימער, די בגדים אויף מיר זיינען שוין געווען טרוקן. וויזט אויס, אַז אין דער זעלבער צייט האָב איך אונטערגעשריבן אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט. איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז איך האָב געבראַכט אַ גרויסע צרה אויף זיך און אויף די איבעריקע אידן פון פּוילן, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט מיר געווען אַרעסטירט. נאָך דעם בין איך במשך פון צוויי וואָכן געווען איזאָלירט אין אַן איינצל־קאַמער פון נ.ק.וו.ד. ביז מען האָט מיך אָפּגע־פירט אין תפיסה.

אין תפיסה האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ קאַמער וואו עס זיינען שוין געווען נאָך 35 אידן פון פּוילן.

12 מענטשן פון אונזער גרופּע זיינען שוין נישט געווען, זיי האָבן וויזט אויס נישט אויסגעהאַלטן און געשטאָרבן בעת זייער אויספאָרשונג.

אַלע אין קאַמער זיינען געווען ברוגז אויף מיר, און געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ מוסר. זיי האָבן גע'טענה'ט, אַז בעת דער אויספאָרשונג האָבן זיי אויסגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז מען האָט זיי געוויזן מיין אונטערשריפט אויף אַ פּראָטאָקאָל, אין וועלכן איך בין זיך מודה, אַז צוזאַמען מיט נאָך 47 אידן זיינען מיר געקומען פון פּוילן אַלס שפּיאָנען און איבערגעגעבן דעם פּוילישן אויס־שפּיר סודות פון ראַטנפאַרבאַנד, און הויפּטזעכלעך וועגן דער סאָוועטישער

אַרמיי. דאָן ערשט האָבן זיי זיך איינציקווייז איינגעבראָכן און איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי אַלע „מודה" געווען צו די שקרים.

אַ גאַנצע נאַכט זיינען מיר נישט געשלאָפן. דער איד האָט מיך אָן אויפהער געמאַטערט מיט דער פראַגע, וועלכע האָט אים נישט געגעבן קיין רו — צו בין איך באמת שולדיק?

אינדערפרי, בעת'ן אַפּעל נאָכן איבערציילן די צאָל אַרעסטאַנטן, האָט דער „מלאך המות" געפרעגט: ווער איז דאָ צוגעקומען? דער סטאַראָסטע האָט אָנגעוויזן אויף דעם איד. ער האָט אים באַפוילן גיין מיט אים. דער איד איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט און פון איבערראַשונג גענומען זיך קלאַמערן אין מיר, שרייענדיק: ראַטעוועט מיך!

מיט עטליכע טעג שפּעטער איז געקומען אונזער ריי פון גיין אין באָד. דאָרט איז געווען באַשעפטיקט אַן אַרעסטאַנט, אַ גוי, ביי וועלכן מיר פלעגן נאָכן אויסטאָן זיך איבערלאָזן דאָס געלט און פּאַפּיראָסן, כדי ס'זאָלן נישט זיין קיין גניבות. פון צייט צו צייט פלעג איך אים געבן אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און דערמיט געוואונען זיין צוטרוי. אויסנוצנדיק אַ פרייען מאָמענט האָט ער מיר דערציילט: „פאַריקע נאַכט האָט מען מיך אויפגעוועקט און געהייסן גיין צו דער אַרבעט, ווייל מען האָט געבראַכט אַ גרופּע אַרעסטאַנטן צום באָד. דאָס זיינען געווען די גרופּע פּוילישע אידן. בעת זיי האָבן זיך געבאָדן איז אָנגעקומען אַ גרעסערע גרופּע נ.ק.וו.ד.־יסטן. זיי האָבן אָפּגעשטעלט דאָס וואַסער, אַריין אין באָד־צימער. יעדערער פון זיי האָט געהאַט מיט זיך אַ זאַק, וועלכע זיי האָבן אַרויפגעוואָרפן אויף די אַרעסטאַנטן און אַריינגעשטויסן אין אַ לאַסט־אויטאָ. זיי זיינען אַוועק און מיך געהייסן וואַרטן. פון ווייטן איז צו מיר דערגאַנגען דער אָפּהילך פון זאַלפן פון מאַשין־געווער. צוריק זיינען זיי געקומען שוין אָן די אידן. זיי האָבן צוגענומען זייערע בגדים און די גראַשנס, וועלכע זיי האָבן מיר איבערגעגעבן ווען זיי זיינען געקומען אין באָד. דאָס איז נישט דער ערשטער פאַל, ווען זיי מאַכן אַזעלכע שטיק" — האָט ער צוגעגעבן.

## די דאָקטוירים פון תפיסה העלפן די אַרעסטאַנטן שטאַרבן...

אין אונזער תפיסה, וועלכע איז געווען אויסגערעכנט אויף טויזנט מענטשן, זיינען אין 1937־טן יאָר געזעסן העכער 10 טויזנט אַרעסטאַנטן. אין די קאַמערן האָט דעריבער געהערשט אַ געוואַלטיגע ענגשאַפט און שמוציקייט. קיין וועש האָט מען נישט געטוישט. אין באָד אַריין פלעגט מען אונז פירן איין מאָל אין דריי וואָכן. בכלל: די באָד איז געווען איינע פון די מעטאָדן צו פייניקן די אַרעסטאַנטן. דער סדר איז געווען אַזאַ: פּלוצים, אומגעריכט, פלעגט מען אונז אַרויסטרייבן אין באָד אַריין. דאָרט זיינען מיר געשטאַנען בערך אַ שעה צייט אין דער ריי אויפן הויף, וואו עס האָט אונז געוואָרפן פון

קעלט. שפּעטער זיינען מיר אַריין אין אַ גרויסן קאַלטן צימער, וואו די שויבן פון די פענסטער זיינען אייביק געווען אויסגעהאַקט. דאָרט האָט מען אונז, געזונטע צוזאַמען מיט קראַנקע, געשוירן די האָר און מיר האָבן זיך אויסגעטאָן. די אויבערשטע בגדים האָבן מיר געגעבן אין דיזענפעקציע, די וועש האָבן מיר גענומען מיט זיך. נאָך דעם זיינען מיר אַריין אין באָד־צימער וואו עס זיינען געשטאַנען עטלעכע בענק מיט שעפּעלעך. קיין פּלאַץ אויף די בענק און קיין שעפּעלעך איז קיינמאָל ניט געווען גענוג. ווען מען האָט שוין געהאַט דאָס גליק צו כאַפּן אַ שעפּעלע, האָט ווידער אויסגעפּעלט וואַסער. קיין זייף האָבן מיר בכלל נישט באַקומען. נאָכן אָפּשווענקען זיך האָבן מיר אין דעם זעלבן וואַסער געוואַשן אונזער וועש. אויך דאָ איז געווען שרעקלעך קאַלט און נאָך יעדן באָד זיינען די מערהייט אַרעסטאַנטן אַרויס קראַנקע. שפּעטער האָבן מיר צוריק באַקומען אונזערע אויבערשטע מלבושים וועלכע מיר האָבן אָנגעטאָן אויפן נאַקעטן לייב און מיט די נאַסע וועש אין האַנט זיינען מיר געגאַנגען צוריק אין קאַמער.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון באָד און צעהאַנגען אונזערע וועש אין קאַמער, צום טריקענען, פלעגט זיך גלייך באַווייזן דער תפיסה־דאָקטאָר און הייסן זיי אַראָפּנעמען — דאָס איז נישט היגיעניש — האָט ער געזאָגט. ווען דער „סטאַראָסטע" האָט אים אַמאָל געפרעגט: ווי זאָלן מיר טריקענען אונזער וועש? האָט ער געענטפערט:

אויף זיך וועלן זיי זיך אַמשנעלסטן אויסטריקענען . . .

— מיר קענען דאָך פון דעם קראַנק ווערן — האָט געזאָגט דער „סטאַראָסטע".

— וועט איך נישט זיין קיין גרויס אומגליק — האָט געענטפערט ציניש דער דאָקטאָר — וועט זיין מיט עטלעכע שונאים פון דער ראַטנמאַכט ווייניקער.

„געזיגט" האָט דער דאָקטאָר. מיר האָבן געטריקנט די וועש אויף אונזערע קערפּערס. 33 אַרעסטאַנטן פון מיין קאַמער זיינען דערפון קראַנק געוואָרן און באַקומען הויכע טעמפּעראַטור. מען האָט זיי גענומען אין שפּיטאָל אַריין, פון וואַנען די מערסטע זיינען שוין מער נישט צוריקגעקומען.

וועגן דער ראָל פון „דאָקטאָר" זאָגט עדות דער פאָלגענדיגער פאַקט. אין אַ געווויסן טאָג האָט מען מיך אַרויסגערופן אין שפּיטאָל אַריין. דאָרט בין איך געשטאַנען פאַר אַ קאָמיסיע פון עטליכע נ.ק.וו.ד. אָפּיצירן. זיי האָבן מיך אויסגעפרעגט מיט וואָס איך האָב זיך פאַרנומען ביז מיין אַרעסט. ווען איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך בין פון באַרוף אַ בוכהאַלטער, האָבן זיי מיר געשטעלט עטליכע פראַגן פון דעם געביט. מיינע ענטפערס האָבן זיי, ווייזט אויס, באַפרידיגט, ווייל זיי האָבן זיך געווענדעט צום נאַטשאַלניק פון תפיסה, אַז ער זאָל צוגרייטן מיינע דאָקומענטן און זיי וועלן מיך נעמען מיט זיך צו דער אַרבעט אין זייערס אַ ביוראָ. ווענדענדיק זיך צו מיר, האָט איינער פון זיי געזאָגט: „איר וועט אַרבעטן ביי אונז אין בוכהאַלטעריע און וואוינען נישט ווייט פון ביוראָ. אויב אייער משפחה וועט מסכים זיין, וועלן זיי קענען זיין צוזאַמען מיט אייך".

אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען דער תפיסה דאָקטאָר. ווען ער האָט זיך דערוואוסט צו וואָס פאַר אַן אַרבעט זיי ווילן מיך נעמען, האָט ער קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ער וועט מיר נישט דערלויבן צו פאָרן מיט זיי, ווייל איך בין שווער קראַנק אויפן האַרץ און וועל נישט אויסהאַלטן אַזאַ שווערע נסיעה.

עטליכע טעג שפעטער האָט מען מיך ווידער גערופן אין קאַנצעלאַריע. דאָס מאָל זיינען דאָרט געווען נאָר דער תפיסה נאַטשאַלניק און דער „דאָקטאָר". ער האָט מיך אונטערזוכט און דערקלערט „גאָדין", דאָס הייסט, ער טויג.

אפילו דער נאַטשאַלניק, וואָס איז אויך נישט געווען קיין קליינער סאַטראַפּ, האָט נישט אויסגעהאַלטן און געפרעגט דעם דאָקטאָר: „ערשט מיט עטליכע טעג צוריק האָסטו געזאָגט, אַז ער איז שווער קראַנק און וועט נישט אויסהאַלטן אַ ווייטע נסיעה, און איצט זאָגסטו אַז ער איז פעאיג. ווען דו ווייסט אַז עס האַנדלט זיך אין זייער אַ שווערער אַרבעט"?

דער „דאָקטאָר" האָט זיך צעלאַכט און נישט קרעמפּירט זיך אין מיין אַנוועזנהייט. „וועט זיין מיט איין שונא ווייניקער — האָט ער געזאָגט — דערצו נאָך אַ איד".

מיין גורל איז געווען געחתמ'עט. מען האָט מיך אָפּגעפירט צוריק אין קאַמער. במשך פון עטליכע טעג האָט מען גערופן כמעט אַלע אַרעסטאַנטן פון מיין קאַמער. מיר האָבן זיך געפרייט און גלייכצייטיק האָט אונז אויך באַהערשט אַ גרויסע שרעק. מיר האָבן זיך געפרייט וואָס מיר וועלן פטור ווערן פון דעם גיהנום אין תפיסה. מיר האָבן זיך אָבער געשראָקן פאַר דעם וואָס עס דערוואַרט אונז. מיר האָבן געוואוסט, אַז מען שיקט אונז אויף אַ שווערער קאַטאָרזשנער אַרבעט.

צוזאַמען מיט אַלע אַרעסטאַנטן פון מיין קאַמער בין איך גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן. אָן אויפהער האָט מיך געמאַטערט די פראַגע: וואָס דערוואַרט אונז אויף דעם נייעם וועג?

## מיטן „עטאַפּ" . . .

אין אַ געוויסן טאָג, דאָס איז געווען גלייך נאָך פורים, האָט מען אונז אַרויסגעפירט פון קאַמער און אַריינגעטריבן אין אַ קעלער, וואָס האָט זיך געפונען טיף אונטער דער תפיסה געביידע. דער צימער איז געווען אַ קליינער, אָן פענסטער, צו וועלכן עס איז נישט דערגאַנגען קיין לופט און נישט קיין ליכט. אויפן דיל זיינען געשטאַנען קאַלוזשעס מיט שמוציג וואַסער, אין וועלכע עס האָבן זיך געוואַלגערט פאַרפוילטע גרינסן און קאַרטאָפל, וואָס דאָס האָט עדות געזאָגט, אַז דאָ איז אַמאָל געווען אַ מאַגאַזין. אַרום די ווענט זיינען געווען פּאָליצעס. עס האָט מיר אָפּגעגליקט. גלייך נאָכן אַריינקומען האָב איך באַוויזן צו פאַרכאַפּן צוויי פּלעצער אויף די פּאָליצעס פאַר מיר און מיינעם אַ

חבר, שמואליק, וואָס איז געזעסן אין אַ שכנות׳דיקער קאַמער אין דער זעלבער תפיסה, און מיט וועמען איך האָב זיך איצט צופעליג באַגעגנט. די פּאַליצעס זיינען געווען שמאָלע און קורצע, אַזוי, אַז ליגן האָט מען אויף זיי נישט געקענט. אויך זיצן האָט מען געקענט נאָר איינגעבויגענערהייט. אָבער אויך דאָס איז געווען אַ גליק, ווייל אַנדערע, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו כאַפּן אַ פּלאַץ אויף די פּאַליצעס, זיינען געזעסן אויפן שמוציקן, נאַסן דיל. און געהאַלטן האָט מען אונז דאָ במשך פון 9 טעג.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען מיך אַרויסגערופן אין קאַנצעלאַריע. דער בוכהאַלטער האָט מיר געגעבן 100 רובל, וואָס מיין פרוי האָט מיר אַריינגעשיקט. ביי דער געלעגנהייט האָט ער מיר געזאָגט, אַז מען גרייט אונז צו צום עטאַפּ. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז מיר פאָרן זייער ווייט, אין אַ לאַגער, וואו מיר וועלן זיין פאַר׳משפּט צו זייער שווערער אַרבעט.

אויך דאָ האָט מען אונז יעדן פרימאָרגן אַרויסגעפירט אויפן אַפּעל, וואו מען האָט אונז געציילט צי דער חשבון שטימט און מיר האָבן באַקומען די פּאַרציע ברויט פאַרן טאָג. בעת די אַפּעלן האָט דער „מלאך המות" דורכגעפירט זיינע סעלעקציעס. יעדעס מאָל האָט ער אַרויסגערופן איינעם פון די אַרעסטאַנטן און גענומען מיט זיך. די דאָזיקע מענטשן זיינען שוין נישט געפאָרן מיטן עטאַפּ, זיי זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. מיט אונז אין קעלער איז געווען נאָך אַ איד, אַן אינזשעניר, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אויף אַ פאַראַנטוואָרטליכן פּאָסטן אין אַ סאָוועטישער אונטערנעמונג. אין 1935 האָט מען אים אַרעסטירט און פאַרשיקט אויף דריי יאָר קיין קאַזאַכסטאַן. אין 1938 איז ער צום צווייטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן און די „טרויקע" האָט אים פאַר׳משפּט אויף 10 יאָר לאַגער. ער האָט כסדר מורא געהאַט, אַז דערמיט וועט עס זיך נאָך נישט ענדיקן, נאָר אַז זיי וועלן אים דאָ דערמאָרדן. געשען איז אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט. אויפן דריטן טאָג וואָס מיר האָבן זיך געפונען אין קעלער האָט דער „מלאך המות" בעת׳ן אַפּעל אים געהייסן גיין מיט אים. ער האָט באַקומען אַן אַטאַקע פון היסטעריע, גענומען וויינען און שרייען, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער „מלאך המות" האָט אים גענומען מיט זיך. דער איד האָט זיך מיט אונז געזעגנט און געבעטן מיר זאָלן זאָגן קדיש נאָך אים. דאָס דאָזיקע געשעעניש האָט אויף אונז געמאַכט אַ שרעקליכן איינדרוק. אַ לאַנגע צייט זיינען מיר געווען ווי צעמישטע און זיך נישט געקענט באַרואיקן.

מיר האָבן זיך דערווייל געגרייט צום עטאַפּ. אין אַכטן טאָג האָט מען אונז אַלעמען געשוירן און ראַזירט. איך און שמואליק האָבן זיך נישט געלאָזט אָפּראַזירן די בערד. דער „דאָקטאָר", וואָס האָט קאָנטראָלירט אונזער „היגיענע", האָט פאַראָרדנט אַז פאַרן אָפּגאָלן זאָל מען נישט אַריינלאָזן אין באָד, און אַן דער באַשטעטיקונג אַז מען איז געווען אין באָד זאָל דער „קאָנוואָי" נישט נעמען אויפן עטאַפּ. מיר האָבן זיך אָבער ווייטער אָפּגעזאָגט צו ראַזירן די בערד. דאַן האָט דער „דאָקטאָר" באַפוילן מען זאָל אונז אַריינלאָזן אין באָד. מיר זיינען געווען צופרידן און געמיינט, אַז ער וועט אונז שוין נישט טשעפּען.

מיר האָבן אָבער געהאַט אַ טעות. ווי נאָר מיר האָבן זיך אויסגעטאָן און אַריין אין מרחץ, זיינען אָנגעלאָפן עטליכע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אונז געכאַפּט נאַקעטע און צוגעפירט צו אונז דעם פריזיער, וואָס האָט מיט געוואַלד אָפּ־געשוירן אונז די בערד. בעת מעשה איז דער „דאָקטאָר" געשטאַנען אין אַ זייט און צוגעקוקט זיך צו דעם ספּעקטאַקל, וואָס האָט אים, ווייזט אויס, זייער געוויילט, ווייל ער האָט שטאַרק געלאַכט און געהאַט דערפון גרויס הנאה.

צומאָרגנס פאַרטאָג האָט מען אונז אַרויסגעפירט פונעם קעלער אויפן תפיסה־הויף. דאָרט זיינען שוין געווען בערך 100 נ.ק.וו.ד. לייט אין מונדירן, באַוואָפנט מיט ביקסן און מאַשין־געווער, ווי אויך אַ גרויסע צאָל טרענירטע פאָליציייִשע הינט. דאָס איז געווען דער „קאָנוואָי" וואָס האָט אונז באַגלייט אויפן עטאַפּ פון תפיסה אין לאַגער אַריין.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָצעדור פון איבערנעמען דעם „באַגאַזש". מען האָט אונז אויסגעשטעלט צו פיר אַרעסטאַנטן אין אַ ריי און באַפוילן מיר זאָלן זיך אויסטאָן נאַקעט. די נ.ק.וו.ד.׳יסטן האָבן גענומען קאָנטראָלירן אונזערע מלבושים, צי מיר האָבן נישט עפּעס באַהאַלטן. זיי האָבן געניששטערט אין די טאַשן, געטאַפּט יעדן קנייטש און יעדן פאַלד. זיי האָבן דאָס געמאַכט זייער פּינקטליך און געלאַסן, און עס געדויערט העכער צוויי שעה צייט. מיר זיינען דערווייל געשטאַנען נאַקעטע אויפן פראָסט און שניי. אויב מען האָט געפונען ביי אימיצן אַ גלאָז, אַן אייזערנע טעפּל, לעפל, גאָפּל, אָדער אַ מעסער, האָט מען עס צוגענומען. פאָטאָגראַפיעס פון דער משפחה האָבן זיי אויפן אָרט צעריסן און פאַרניכטעט. נאָך דעם איז איינער פון „קאָנוואָי" (ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען דער פעלדשער) געגאַנגען איבער די רייען און גענוי באַטראַכט יעדן פון אונז. ערשט נאָך דעם האָט מען אונז דערלויבט זיך צוריק אָנצוטאָן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָצעדור פון קאָנטראָלירן אונזערע פּער־סאָנאַליען. די לעצטע פראַגע איז געווען, פון וועלכן פּאַראַגראַף און אויף וויפל יאָר מיר זיינען פאַר׳משפט. ביי מיר און שמואליקן ווי ביי אַ סך אַנדערע אַרעסטאַנטן איז נישט געווען קיין פּאַראַגראַף. אַנשטאָט דעם איז געווען פאַר־שריבן — „ק. ר." וואָס האָט באַדייט „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן". דאָס איז פאַרשטייט זיך געווען דער שווערסטער פאַרברעכן. וועגן די אַרעסטאַנטן האָט מען געזאָגט, אַז דאָס זיינען טיפּן, וועלכע מען קען שוין נישט ענדערן.

מען האָט אונז אויסגעשטעלט צו 4 פּערזאָן. איין גרופּע פון דער צווייטער איז געווען אָפּגעזונדערט אויף אַ באַשטימטער דיסטאַנץ. אַרום יעדער גרופּע האָט זיך אויסגעשטעלט דער קאָנוואָי, וועלכער איז באַשטאַנען פון סאָלדאַטן מיט הינט און געווער אין האַנט גלייך צום שיסן, ווי אויך סאָלדאַטן אויף פערד באַוואָפנטע מיט שווערדן. ווען מיר זיינען שוין געווען גרייט צום אַרויסמאַרש האָט דער נאַטשאַלניק פון קאָנוואָי געהאַלטן פאַר אונז אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געוואָרנט, אַז ווער ס׳וועט נישט אויספירן גענוי די באַפעלן פון קאָנוואָי וועט אויפן אָרט דערשאָסן ווערן. — יעדער טריט אויף רעכטס אָדער לינקס אויסער דער ריי וועט באַטראַכט ווערן אַלס פּרוואו פון

אַנטלויפן און דער קאַנוואָי וועט שיסן אָן וואָרנונג — האָט ער פּאַרענדיקט און געווענדעט זיך צו די סאָלדאַטן פונעם קאַנוואָי: וועמען פירן מיר? אויף וואָס זיי האָבן געענטפערט מיט אַ כאָראַלן אויסגעשריי: די שונאים פון פאָלק! — און וואָס וועט איר טאָן ווען זיי וועלן פּרואוון אַנטלויפן? — איז געווען די צווייטע פראַגע. — מיר וועלן שיסן אָן וואָרנונג! — איז ווידער געקומען דער כאָראַלער ענטפער.

נאָך דער „צערעמאָניע” האָט זיך געעפנט דאָס תּפיסה־טויער און מיר האָבן גענומען מאַרשירן. אויפן וועג האָבן אויף אונדז געוואַרט הונדערטער מענטשן, ווייבער, קינדער און קרובים פון די אַרעסטאַנטן. עס איז אויסגע־בראָכן אַ שרעקליכער טומל. די ווייבער און קינדער האָבן געוויינט און גע־שריגן: וואָס טוט איר מיט אונדזערע מענער! גיט אָפּ אונדזערע טאַטעס!

די סאָלדאַטן אויף די פערד האָבן זיי גענומען טרייבן פון אונדז. אַנדערע ווידער האָבן אָנגעהויבן טרייבן די אַרעסטאַנטן: גיכער! גיכער! אין גאַלאָפּ!

באַגלייט מיטן געוויין און געשרייען פון אונדזערע קרובים און פון די קלעפּ פון די סאָלדאַטן פונעם קאַנוואָי, זיינען מיר געלאָפן פּאַרסאָפּעטע ביז די לעצטע כוחות עטלעכע קילאָמעטער, ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו אַ באַן־קניפּ, וואו עס האָבן אונדז דערוואַרט צוגעגרייטע וואַגאָנען.

מען האָט אונדז אַריינגעטריבן צו 40 מענטשן אין איין וואַגאָן. דער צוג איז געווען אַרומגערינגלט מיט סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געהיט, אַז קיינער פון אונדזערע קרובים זאָל זיך חלילה נישט דערנענטערן צו אונדז. די וואַגאָנען זיינען געווען באַשטימט פאַר איבערפירן פערד און בהמות און מען האָט זיי גערופן „וואָסעם לאָשאדעי, סאָראָק טשעלאָוועק”, וואָס באַדייט אַכט פערד אָדער 40 מענטשן. פון ביידע זייטן זיינען געווען פּאָליצעס אויף וועלכע עס האָבן אין גרויס ענגשאַפט געקענט ליגן צו 7 מענטשן, וואָס האָט צוזאַמען געגעבן 28 פּלעצער. די איבעריקע 12, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו פאַר־כאַפּן אַ פּלאַץ זיינען געלעגן אויפן דיל. דאָס איז געווען אין סוף פעברואַר 1938. אין רוסלאַנד הערשן נאָך אין דעם מאָנאַט שטאַרקע פרעסט. אין וואַגאָן איז געשטאַנען אַן אייזן אייוועלע, אָבער הייצונג האָבן מיר זעלטן ווען באַ־קומען. אינמיטן פון וואַגאָן איז געווען אַ לאָך אינעם דיל, וועלכער איז געווען באַשטימט אויף דערליידיקן די פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן. הארט אונטערן דאַך איז געווען אַ קליין פענסטערל, באַדעקט מיט גראָבע אייזערנע קראַטן.

עס האָט זיך פאַרמאַכט די טיר און דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט. פון קעלט און גערויש פון וואַגאָן, וועלכער האָט שטאַרק געטרייסלט, האָבן מיר נישט געקענט שלאָפן. פאַרטאָג האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען אַ סאָלדאַט פונעם קאָנוואָי. ער האָט אונדז גענומען טרייבן פון איין זייט וואַגאָן אין אַנדערן אָן וועלכן עס איז סדר. מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס ער וויל פון אונדז. פון זיינע געשרייען און קללות זיינען מיר געלאָפן ווי צע'חוש'טע אַהין און צוריק. פּלוצים האָט דער צוג זיך גערירט פון אָרט און ער האָט נישט באַוויזן אַרויסצוגיין. ער

האָט זיך וויזט אויס דערשראָקן און מורא געהאַט מיר זאָלן אים נישט אָנטאָן עפּעס אַ מעשה. ער האָט אָנגעצילט אין אונז דאָס געווער און באַפוילן מיר זאָלן אַלע זיך אויסזעצן אויף איין זייט פון וואַגאָן. אַזוי זיינען מיר געזעסן צוזאַמענגעקוועטשט, און נישט געטאָרט מאַכן די מינדסטע באַוועגונג במשך פון לאַנגע שעה׳ן, ביז דער צוג האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט און דער סאָלדאַט, נאָך אַלץ אַן איבערגעשראָקענער, איז אַרויס. נאָך אים זיינען אַריין אַנדערע צוויי סאָלדאַטן, וועלכע האָבן ווידער געהייסן אונז אויפשטעלן זיך אויף דער רעכטער זייט פון וואַגאָן, מיט דעם אונטערשייד, וואָס זיי האָבן כאָטש אויפגעקלערט אין וואָס ס׳האַנדלט זיך. זיי האָבן דאָס געמאַכט כדי אונז איבערציילן. ווען זיי האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דער חשבון שטימט, האָט מען אַריינגעשטעלט אין וואַגאָן אַ פּעסל וואַסער. ווער ס׳האָט באַוויזן צו כאַפּן אַ טעפּל וואַסער איז געווען אַ גליקליכער, ווייל פאַר אַלעמען האָט נישט געסטייעט. באַנאַנד מיטן וואַסער האָט מען אונז געגעבן ברויט, איין ברייטל פון צוויי קילאָ אויף 4 מענטשן. דאָס ברויט איז געווען געפרוירן און האַרט ווי אַ שטיין. קיין מעסער האָבן מיר נישט געהאַט, ווייל מען האָט דאָס ביי אונז צוגענומען פאַרן אַרויספירן פון דער תפיסה, דעריבער האָבן מיר געמוזט דאָס ברויט ברעכן אויף שטיקלעך. עס איז געווען אוממעגלעך פאַנאַנדערצוטיילן ערלעך, אַז יעדערער זאָל באַקומען גענוי זיין פּאַרציע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אַרויסגערופן קריגערייען צווישן די אויסגעהונגערטע אַרעסטאַנטן. נאָכדעם האָט מען געבראַכט אַן עמער „זופּ״, און נישט געקוקט אויפן הונגער האָט מען דאָס נישט געקענט נעמען אין מויל. די וועלכע האָבן יאָ גענומען, האָבן מער געשפּיגן ווי געגעסן. ביינאַכט האָט מען אַריינגעוואָרפן אַביסל קוילן, אָבער קיין האָלץ אויף אונטערצינדן די קוילן האָט מען נישט געגעבן.

מיט אונז אין וואַגאָן זיינען געווען צוויי גנבים, וועלכע האָבן געהאַט אַ לאַנג־יעריקע דערפאַרונג פון סאָוועטישע תפיסות און לאַגערן. דער איינגערער פון זיי, מישקע האָט ער זיך גערופן, איז געווען ביי דער מיינונג, אַז מיר דאַרפן זיין גליקלעך וואָס זיי זיינען מיט אונז, ווייל זיי וויסן ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן אין אַלע אומשטענדן. זיי האָבן טאַקע גלייך אויסגעפונען הינטער דער פּאָליצע עמעצנס אַ פּאָר קאָלאָשן, מיט וועלכע זיי האָבן צעהייצט דאָס אייוועלע און עס איז געוואָרן וואַרעם.

איך מיט שמואל׳ן האָבן מיר זיך געהאַלטן צוזאַמען, בשותפות געגעסן און געטיילט זיך מיטן ביסל אַרעמקייט. מיר האָבן באַשלאָסן איינצוקויפן זיך „יחוס״ ביי די גנבים, דערמיט וואָס מיר האָבן זיי אָוועקגעגעבן אונזער זופּ, און אפילו אַביסל צוקער אָדער אַנדערע פּראָדוקטן, וועלכע מיר האָבן נאָך געהאַט מיט זיך אויפן וועג. זיי האָבן אונז צוגעזאָגט, אַז דערפאַר וועלן זיי אונז העלפן אין לאַגער, וואו זיי האָבן אַלטע באַקאַנטע. בדרך כלל האָבן די דאָזיקע לייט באמת געהאַט גרויסע איינפלוסן אין די לאַגערן, ווייל אויף זיי האָט זיך די אַדמיניסטראַציע געשטיצט ביים אָנווענדן די ראַפינירטסטע מעטאָדן קעגן די אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען דאָך אין דער גרעסטער מערהייט געווען אומשולדיקע, אָנשטענדיקע מענטשן.

אונזער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט שטענדיק אין אַ פרייען פעלד, ווייט פון באַן־סטאַנציעס, כדי די באַפעלקערונג זאָל נישט זען די עשאַלאָנען מיט אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען אין יענע יאָרן געגאַנגען מאַסנווייז טאָג און נאַכט איבער די באַן־ליניעס פון ראַטנפאַרבאַנד. אונזער עשאַלאָן איז אַריינגעפאָרן אַלץ טיפער אין צפון פון רוסלאַנד, און באַנאַנד דערמיט האָבן מיר אַלץ שטאַרקער געפילט די פרעסט און אַלץ מורא׳דיקער געליטן פון ביטערער קעלט. מיר האָבן געבעטן דעם נאַטשאַלניק פון קאָנוואָי מען זאָל אונז געבן אַביסל מער קוילן צום הייצן.

— זייט גליקלעך מיט דעם וואָס איר האָט, אויך דאָס וואָס איך גיב אייך מוז מען גנב׳ענען אויפן וועג, ווייל מען האָט אונז בכלל נישט געגעבן קיין קוילן פאַר דעם עשאַלאָן — האָט געענטפערט דער קאָמענדאַנט.

אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר שוין קיין קוילן נישט באַקומען. מיר זיינען שטייף געוואָרן פון דער פראָסט. ווען די סאָלדאָטן זיינען אין דער פרי געקומען און גערופן צום „אַפּעל" כדי אונז צו ציילן, האָבן מיר זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. זיי האָבן גערופן דעם נאַטשאַלניק, וואָס איז אַריין און מיט רוגזה זיך געוואָרפן אויף אונז מיט די פויסטן און זידלערייען. עטליכע סאָלדאַטן האָבן אונז מערדערליך געשלאָגן מיט די קאָלבעס פון ביקסן. מיר האָבן גענומען שרייען פון די יסורים און מיט די לעצטע כוחות זיך אויפגעשטעלט צום „אַפּעל".

— נאָכאַמאָל אַז איר וועט מאַכן אַזאַ בונט, וועל איך הייסן גלייך שיסן — האָט געוואָרנט דער נאַטשאַלניק.

אַזוי זיינען מיר געפאָרן 9 מעת־לעת. אויפן 9־טן טאָג, פאַרנאַכט, האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. די טיר האָט זיך געעפנט. אַ בייזער ווינט מיט אַ שניי זאַווערוכע האָט זיך אַריינגעריסן אין וואַגאָן, אַזוי ווי אַ צוגעגרייטער פאַר אַ קבלת פנים. מיר זיינען אָנגעקומען אינעם לאַגער.

## דער קאַלטער גיהנום

אין לאַגער האָט מען אונז אויפגענומען מיט קלעפּ און זידלערייען. מען האָט אונז אויסגעשטעלט אין רייען און געטריבן צו אַ באַראַק. דאָס איז געווען דאָס באָד. דאָ האָט מען אונז פאַנאַנדערגעטיילט צו 100 מענטשן אין אַ קאַלאָנע. די ערשטע קאַלאָנע איז אַריין אין באָד, די איבעריקע זיינען געבליבן שטיין אין שניי אויף דער פראָסט. נאָך אַ לענגערע צייט איז געקומען אונזער ריי. מען האָט אונז אַריינגעפירט אין באָד. אין ערשטן צימער האָט מען אונז געשוירן די האָר און די בערד, אַזוי, אַז מען זאָל פון דער ווייטנס גלייך דערקענען, אַז מיר זיינען אַרעסטאַנטן און דערמיט באַשווערן די מעגליכקייט פון אַנטלויפן. פון דאָרט זיינען מיר אַריין אין אַ צווייטן צימער וואו מיר האָבן זיך אויסגעטאָן און אָפּגעגעבן די מלבושים צו דיזענפעקציאָנירן.

ערשט נאָך דעם זיינען מיר אַריין אין אַ צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ פעסל מיט וואַרים וואַסער און אַרום אויף די ווענט זיינען געווען קראַנען מיט קאַלט וואַסער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פעסל וואַרימע וואַסער האָט געסטאַיעט קוים פאַר אַ קליינעם טייל, די איבעריקע האָבן זיך געמוזט וואַשן מיט שניידיק־קאַלטן וואַסער. צום סוף זיינען מיר אַריין אין לעצטן צימער, וואָס איז נישט געווען באַהייצט און די שויבן אין די פענסטער זיינען, ווי געוויינליך, געווען אויסגעהאַקט. דאָ זיינען מיר געשטאַנען אַ לענגערע צייט, נאַקעטע און נאַסע, ביז מען האָט געבראַכט אונזערע קליידער פון דער דיזענפעקציע. מיר זיינען אַרויס פון באָד און ווידער האָבן מיר געוואַרט עטליכע שעה.

ענדליך זיינען אַלע אַרעסטאַנטן פון אונזער עשאַלאָן פאַרטיק געוואָרן מיטן באָדן און מען האָט אונז אַוועקגעפירט אינעם לאַגער, וועלכער האָט זיך גערופן „פערעסילאָטשני", וואָס דאָס באַדייט: איבערגאַנגס־לאַגער, און איז באַשטאַנען פון פינף הילצערנע באַראַקן. די עטלעכע הונדערט מענטשן פון אונזער עשאַלאָן האָט מען אַריינגעטריבן אין צוויי באַראַקן. די ענגשאַפט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס איז נישט געווען וואו זיך אויסצודריידן. פון ביידע זייטן ווענט זיינען געווען דריי־גאָרנדיקע פריטשעס און ווער עס האָט געקענט האָט פאַרכאַפּט אַ פּלאַץ. דער באַראַק איז נישט געווען באַהייצט, עס איז נישט געווען קיין וואַסער און נישט קיין בית הכסא. מיר האָבן זיך געוואַרימט אין דער ענגשאַפט איינער ביים אַנדערן און פון מידקייט זיינען מיר איינגעשלאָפן. דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט אין אונזער נייעם לאַגער, וואָס מיר האָבן באַצייכנט אַלס „קאַלטן גיהנום".

פאַרטאָג האָט מען אונז אויפגעוועקט. מיר האָבן באַקומען די ערשטע פּאַרציע ברויט. גלייך נאָך דעם זיינען אַריין זעקס געזונטע יונגען. דריי פון זיי האָבן זיך געשטעלט ביי דער טיר, כדי קיינער זאָל נישט קענען אַרויס, און די אַנדערע דריי האָבן דערקלערט, אַז זיי זיינען קאָמענדאַנטן און מיר זאָלן בלייבן אויף אונזערע פּלעצער ווייל זיי וועלן מאַכן אַ רעוויזיע פון אונזערע זאַכן. זיי האָבן גענומען נישטערן אין אונזערע טשעמאָדאַנעס און צוגענומען אַלץ וואָס איז זיי געקומען אונטער דער האַנט: געלט, פוטערס, וואַרימע וועש, וואַלינקעס א.אַ.וו. פּלוצים זיינען אַנגעקומען אַנדערע, וואָס האָבן גענומען זידלען און שלאָגן מכות רצח די „קאָמענדאַנטן", דערקלערנדיק אַז דאָס זיינען אַפּעריסטן און סתם פאַרברעכער. זיי האָבן זיי צעשלאָגן ביז בלוט און אַרויסגעוואָרפן. „די אמת'ע קאָמענדאַנטן זיינען מיר", האָבן זיי דער־קלערט, און ווידער גענומען נישטערן אין אונזערע טשעמאָדאַנעס און אַפילו אין די מלבושים. מיר האָבן זיך שוין אָריענטירט ווער עס זיינען אָט די „קאָמענדאַנטן", און עטליכע פון אונז, מער דרייסטערע, האָבן זיך געוואָרפן אויף זיי. די איבעריקע זיינען צוגעשטאַנען צום געשלעג, און מיר האָבן זיי אַזוי צע'ממית'ט, אַז זיי האָבן גענומען שרייען: ראַטעוועט!

אויף זייער געשריי זיינען אָנגעקומען עטליכע סאָלדאַטן און נאָך זיי דער פאַקטישער קאָמענדאַנט פון לאַגער. אָבער אָנשטאָט צו טאַדלען די מעשים פון די פאַרברעכערס, וואָס זיינען געקומען ראַבעווען, האָט ער גאָר

געגומען אונז זידלען: — „שונאים פון פאָלק, איר פאַרגעסט וואו איר געפינט זיך? שוין אין ערשטן טאָג האָט איר געמאַכט אַן אַוואַנטורע און געשלאָגן אומשולדיקע מענטשן. דאָ איז אַ לאַגער און איר וועט טייער באַצאָלן פאַר דעם".

מיר האָבן זיך גלייך אָריענטירט, אַז דאָ הערשט די „גערעכטיקייט" פון סדום. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מיר זיינען נישט געווען די ערשטע קרבנות. מיר זיינען נאָר געווען די ערשטע וואָס האָבן זיך נישט געלאָזן און געגעבן זיי אַ גוטע לעקציע. דאָס איז געווען אַזאַ בשותפות'דיקע „ביזנעס" צווישן די פאַרברעכער און דער נאַטשאַלסטווע. זיי האָבן באַרויבט די אַרעסטאַנטן און עס אָפּגעגעבן דער נאַטשאַלסטווע, און דערפאַר האָבן זיי פון צייט צו צייט באַקומען אַ פלאַש בראַנפן פאַר זייער טירחא. דאָס איז געווען אַ ספּעציעל צוגעקליבענע גרופּע פאַרברעכער, וואָס האָבן אויך געהאַט די פּריווילעגיע, וואָס זיי זיינען קיינמאָל נישט געשיקט געוואָרן אויף די שווערע, קאַטאָרזשנע אַרבעטן.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען אונז געשטעלט פאַר אַ קאָמיסיע. דער דאָקטאָר האָט אַלעמען אונטערזוכט, אָבער עס האָט נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג, ווייל אויף אַלע פאַרמולאַרן האָט ער סיי־ווי אויפגעשריבן די אותיות „ט. ט.", וואָס האָט באַדייט „טיאַזשאָלי טרוד" (שווערע אַרבעט). נאָכדעם זיינען מיר אָנגעקומען צו אַ צווייטער קאָמיסיע, וואָס האָט געפרעגט ביי יעדערן מיט וואָס ער האָט זיך פאַרנומען אויף דער פריי. אייניקע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען ספּעציאַליסטן פון געוויסע פאַכן, האָט מען עקזאַמינירט אויפן אָרט. ווען עס איז געקומען מיין ריי און איך האָב געזאָגט, אַז איך בין אַ בוכהאַלטער, האָט מען מיך אָפּגעשיקט צו אַ טיש, ביי וועלכן עס איז געזעסן אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן מיין אַרבעט. דערביי האָט ער שטילערהייט מיר געזאָגט איך זאָל וואַרטן ביז ער וועט ענדיקן מיט די איבעריקע, ווייל ער וויל נאָך מיט מיר רעדן.

ווען מיר זיינען פאַרבליבן אויף אַ ווייל אַליין, האָט דער מאַן צו מיר געזאָגט:

— איר זייט אַ פרומער, איך פאַרשטיי איך, נאָר דאָ וועט אייך זיין שווער אויסצוקומען מיט אייער פרומקייט. מיט וואָס איך וועל קענען וועל איך אייך העלפן, כאָטש קיין סך קען איך נישט. קיין זעאונג מיט אייער פרוי וועט איר דאָ נישט באַקומען. אויף פּעקלעך זאָל זי נישט שיקן דורך דער אַדמיניסטראַציע פון לאַגער, ווייל מען וועט אַלץ צו'גנב'ענען. איך וועל זיך באַמיען מיט איר צו פאַרשטענדיקן, און וואָס מען וועט קענען וועל איך אייך איבערגעבן. היינט וועט מען אייך אָפּשיקן אין לאַגער, וואו איר וועט האָבן גאָר שווערע אַרבעט, וואָס איז איבער אייערע כוחות. אויף יעדן פאַל געדענקט דעם וועג, עס איז נישט ווייט פון דאַנען. אויב עס וועט אייך געלינגען צו אַנטלויפן, קענט איר שטענדיק קומען צו מיר. מעגליך, אַז מיר וועט געלינגען אייך ביי זיך צו באַהאַלטן. עטליכע טעג וועט מען אייך זוכן אויף אַלע וועגן אַרום אונזער לאַגער, און נאָך דעם וועל איך אייך געבן פּאַפּירן, אַז איר זאָלט קענען קומען קיין מאָסקווע, און דאָרט, גלויב איך, וועט איר זיך געבן

אַן עצה צו פאָרן ווייטער. נאָר געדענקט, ווי עס זאָל זיך נישט מאַכן, האָט איר מיט מיר גאָרנישט גערעדט, ווייל פאַר דעם שמועס קען מען אונז ביידן שיסן. פרעגט נישט קיין קשיות.

ווען ער האָט געזען מיין פאַרוואונדערונג און נישט־זיכערקייט, האָט ער געזאָגט: „מיין טאַטע איז אויך אַ פרומער איד", און איז אַוועק. איך בין געבליבן אַ צערודערטער.

ביינאַכט האָט מען אונז ווידער אויסגעשטעלט אין אַ קאָלאָנע, אַרומגערינגלט מיט אַ קאָנוואָי פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן און הינט, און מען האָט אונז אַוועקגעפירט פון דעם לאַגער „פערעסילאָטשני" צו אונזער שטענדיקן אַרבעטס־לאַגער.

הגם עס איז געווען פינסטער, האָב איך זיך געמאַכט סימנים, כדי צו געדענקען דעם וועג, אויב מיר וועלן אַנטלויפן פון לאַגער. נאָך האַלבער נאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין לאַגער. מען האָט אונז אַריינגעטריבן אין באַראַקן וואָס זיינען געווען לאַנג און שמאָל. פון ביידע זייטן פון באַראַק זיינען געווען פּריטשעס, דאָס מאָל צוויי־שטאָקיגע. יעדער פּריטש האָט געהאַט אַ לענג בערך פון אַכט מעטער און איז געווען באַשטימט פאַר צוואַנציק מענטשן. אינמיטן באַראַק (צווישן די פּריטשעס) איז געשטאַנען אַ טיש און אַן אייזערנע אויוון צו באַהייצן דעם באַראַק.

די נאַכט איז שוין אונז נישט אויסגעקומען צו שלאָפן. מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך אַוועקצולייגן שלאָפן, זיינען אָנגעקומען עטליכע באַאַמטע פון „שטאַב" און האָבן גענומען אויספילן אונזערע „פאָרמולאַרן". זיי האָבן ביי יעדערן געפרעגט נישט נאָר וועגן דעם אַרעסטאַנט אַליין, נאָר אויך גענוי וועגן אונזערע קרובים אויף דער פריי און זייערע אַדרעסן. עס האָט אונזערע אויספאָרשער אינטערעסירט אַפילו דער קאָליר פון זייערע האָר און אויגן. נאָך דעם האָט מען אונז צעטיילט אין באַזונדערע בריגאַדעס. פאַר יעדער בריגאַדע איז באַשטימט געוואָרן אַ בריגאַדיר, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטליך נישט נאָר פאַר אונזער אַרבעט, נאָר אויך פאַר אַלע ענינים פון די אַרעסטאַנטן.

מיר און שמואל'ן האָט אָפּגעגליקט, מיר ביידע זיינען צוגעטיילט געוואָרן צו דער זעלבער בריגאַדע. אונזער בריגאַדיר האָט געהאַט אַקאַדעמישע אויסבילדונג. ווי נאָר ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס בריגאַדיר האָט ער אונז אַלעמען צונויפגענומען און דערקלערט: „ביי מיר, זאָלט איר וויסן, דאַרף מען אַרבעטן גוט און שנעל. איך האָף, אַז פאַר אייער גוטער אַרבעט וועל איך איינגיכן נישט נאָר באַפרייט ווערן, נאָר אויך אַרויס פון דאַנען מיט אַן אָרדען" . . .

די „צערעמאָניע" איז נאָך כמעט נישט געווען געענדיקט, ווי אין באַראַק איז אַריין דער „נאַריאַדטשיק" און גענומען אונז זידלען. עס איז שוין געווען פינף אַזייגער פאַרטאָג. נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט זיינען מיר געשטאַנען הונגעריקע העכער אַ האַלבער שעה אויף דעם פראָסט, ביז אַלע בריגאַדעס האָבן זיך אויסגעשטעלט צום אַרויסמאַרש צו דער אַרבעט. מיר

האָבן געציטערט פון קעלט און עס איז געװען ביטער אויפן האַרצן. פּלוצים האָט אַן אָרקעסטער אָנגעהויבן צו שפּילן אַ פרײליכן מאַרש. אַזאַ ספּעקטאַקל מיט אַן אָרקעסטער אין אָט־די באַדינגונגען, האָט געקענט צוטראַכטן נאָר אַ טײװלאָנישער מוח. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערװואוסט, אַז אויך אין די היטלעריסטישע לאַגערן איז אָנגעװענדעט געװאָרן די זעלבע שפּיל מיט אַן אָרקעסטער. װער פון װעמען עס האָט געלערנט, װײס איך נישט.

דאָ װאו מיר האָבן זיך געפונען איז געװען נאָר אַ טײל פונעם לאַגער. אין דער אָפּטײלונג האָבן זיך געפונען בערך אַכט טויזנט מענטשן. מיר האָבן געאַרבעט אויף צװײ ערטער אויף צװײ „זמיאַנעס". אײן טײל האָט געאַרבעט פון זעקס פרי ביז זעקס פאַרנאַכט, און דער אַנדער טײל — פון זעקס פאַר־נאַכט ביז זעקס פרי. די אַכט טויזנט אַרעסטאַנטן זײנען געװען אײנגעטײלט אין צען קאָלאָנעס, יעדע קאָלאָנע איז געװען געטײלט אויף בריגאַדעס. איבער יעדער קאָלאָנע איז געשטאַנען אַ „נאַריאַדטשיק". זײן אויפגאַבע איז געװען צו טרײבן די מענטשן צו דער אַרבעט.

אונזער „נאַריאַדטשיק" איז געװען אַ יונגער רוס, אַ סטודענט פון אַ קונסט־שול. ער איז פאַר'משפּט געװאָרן אויף צען יאָר לאַגער פאַר פעלשן מלוכה'שע אָבליגאַציעס. מיט זײן פלײסיקײט בײם אונטערטרײבן אונז צו דער אַרבעט און מיט זײן איזדעקעװען זיך איבער אונז בכלל, האָט ער געװאָלט אָפּקויפן זײנע זינד און צואײלן זײן באַפרײאונג. װען ער האָט גע־טראָפן אימיצן ליגן אויף דער נאַרע נאָך פינף אַזײגער פאַרטאָג האָט ער מערדערליך געשלאָגן און געשלעפּט בײ די פיס. אַפילו שװער קראַנקע װאָס האָבן געהאַט אַ באַפרײאונג פון דאָקטאָר האָט ער אַרויסגעטריבן צו דער אַרבעט. און צו באַקומען אַ באַפרײאונג פונעם דאָקטאָר איז נישט געװען אַזױ פּשוט. אויף אַכט טויזנט אַרעסטאַנטן זײנען געװען צװײ דאָקטוירים. יעדער דאָקטאָר האָט געקענט באַפרײען פון דער אַרבעט נאָר צען מענטשן אַ טאָג. װער עס איז געװען דער עלפטער, װען אַפילו ער איז געװען מסוכן קראַנק און געהאַט הויכע טעמפּעראַטור, האָט קײן באַפרײאונג נישט באַקומען.

מען האָט אונז געבראַכט צום אַרבעטס־פּונקט. עס איז געקומען דער אָנפירער פון די אַרבעטן, װאָס האָט אונז גענוי באַטראַכט און געזאָגט צו אונזער בריגאַדיר: מער װי אַ העלפט פון דײנע מענטשן זײנען אַלטע לײט, און דער עיקר, עס זעט אויס, אַז זײ האָבן קײנמאָל נישט געאַרבעט פיזיש. בײ מיר איז די אַרבעט אַ שװערע און זײ װעלן דאָס נישט קענען מאַכן. אפשר װעסטו בעטן מען זאָל דײן בריגאַדע שיקן אין אַן אַנדערער אָפּטײלונג, װאו די אַרבעט איז אַ לײכטערע?

— נישט געזאָרגט — האָט געענטפערט אונזער בריגאַדיר — בײ מיר װעלן זײ מאַכן אַפילו צװײ נאָרמעס . . .

מען האָט אונז מכבד געװען מיט לאָפּעטעס, גראָבאײזנס, העק און מיר האָבן זיך געלאָזט אין װעג אַרײן. נאָך אַ לאַנגן מאַרש זײנען מיר אָנגעקומען צום ברעג פון אַ טײך. עס האָט געבלאָזן אַ פראָסטיקער װינט, װאָס איז אַרײנ־געדרונגען אין אַלע אבֿרים. דער בריגאַדיר האָט אָנגעמאָסטן אַ גרויס שטיק

פלאַץ, וואָס מיר דאַרפן צעגראָבן. דאָס איז געווען די אַנגעצייכנטע נאָרמע אויפן היינטיקן טאָג. „אַזוי לאַנג ווי די נאָרמע וועט נישט זיין געמאַכט, וועט איר נישט גיין אַהיים" — האָט דער בריגאַדיר געזאָגט.

מיר האָבן גענומען אַרבעטן ווי די טייוולאָנים, ווייל מיר זיינען בפועל ממש געפּרווירן געוואָרן. אָבער אונזערע אָנשטרענגונגען האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן. די ערד איז געווען שטאַרק און טיף פאַרפרוירן, און מיט אונזערע פרימיטיווע מכשירים איז געווען שווער זי צו גראָבן. פון דער שווערער האָרעוואַניע זיינען מיר געווען דורכגעזעצט מיט שווייס, עס האָט געזעצט פון אונז אַ פּאַרע און די מלבושים זיינען צוגעפּרווירן געוואָרן צום לייב. דער בריגאַדיר האָט כסדר אונטערגעטריבן: שנעלער! שנעלער! עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, עס איז שוין געווען 9 אַזייגער, און די נאָרמע איז נאָך אַלץ נישט געווען געמאַכט. דער בריגאַדיר איז געווען מלא רציחה. אָבער אונזערע כוחות זיינען אויסגעגאַנגען און אַלץ מער מענטשן האָבן זיך געזעצט האַלב פאַר'חלש'טע אויף דער ערד, וואו מיר זיינען צוגעפּרווירן געוואָרן און נישט געקענט זיך רירן פון אָרט. ערשט דאַן האָט ער אונז צוזאַמענגענומען און מיר זיינען אַוועק צוריק צו דער זאָנע (די זאָנע איז געווען דער אַרומ־געצוימטער פּלאַץ, וואו עס האָבן זיך געפונען אונזערע באַראַקן און די אַדמי־ניסטראַציע פונעם לאַגער).

ווען מיר זיינען צוגעקומען צום טויער פון דער זאָנע האָבן שוין דאָרט געוואַרט אַלע איבעריקע בריגאַדעס. זיי זיינען געווען אין כעס וואָס צוליב אונז האָבן זיי געמוזט אַזוי לאַנג שטיין הונגעריקע אויף דער קעלט, און זיי האָבן זיך געוואָלט וואַרפן אויף אונז. אונזער מזל איז געווען, וואָס ביים טויער איז פונקט געשטאַנען דער „נאַטשאַלניק אוטשאַסקאַ". ער האָט זיך, ווייזט אויס, אָריענטירט, אַז עס קען דערגיין צו אַ גרויסער אַוואַנטורע, האָט ער באַפוילן, אַז מען זאָל אונז דורכלאָזן אָן אַ רעוויזיע. געוויינליך פלעגט מען רעווידירן די אַרעסטאַנטן צוויי מאָל אין טאָג. אין דער פרי, ווען מיר זיינען אַרויס צו דער אַרבעט, האָט מען געזוכט צי עס האָט נישט ווער מיט־גענומען מיט זיך אַ שטיקל ברויט, וואָס דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. ביינאַכט, ווידער, האָט מען געזוכט צי עס האָט זיך ווער נישט איינגעשאַפט אַ מעסערל, אַ שטיקל ברויט, בראָנפן, אַ בריוול, אָדער געלט. אין דער פרי איז די רעוויזיע געווען אַ קורצע, ווייל זיי האָבן זיך געיאָגט, כדי מיר זאָלן וואָס שנעלער גיין צו דער אַרבעט. ביינאַכט, דאַקעגן, האָט דאָס געדויערט זייער לאַנג. זיי האָבן דאַן געהאַט גענוג צייט . . .

מיר זיינען אַריין אין דער זאָנע און צוגעגאַנגען צו אונזער באַראַק. אַריינגיין אינווייניק האָבן מיר נאָך נישט געטאָרט. מיר האָבן זיך געשטעלט צו דער „פּראָווערקע", דאָס איז געווען דער אַפּעל. בעת דעם אַפּעל האָבן זיך די קאָלאָנעס אויסגעשטעלט אין דער לענג פון גאַנצן ראַיאָן, ביי די באַראַקן, אין וועלכע זיי האָבן געוואוינט. דער דיזשורנער נאַטשאַלניק, אין באַגלייטונג פון עלטסטן נאַריאַדניק זיינען געגאַנגען פון איין קאָלאָנע צו דער צווייטער און געציילט די אַרעסטאַנטן. נאָך דעם זיינען זיי אַוועק אין שטאַב

מאַכן דעם סך־הכל. אויב דער חשבון האָט נישט געשטימט, האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן פונדאָסניי. און אין די מערהייט פאַלן האָט טאַקע דער חשבון נישט געשטימט. דאָס איז אויך געשען אין ערשטן טאָג נאָך אונזער אַרבעט. מיר זיינען געשטאַנען אויף דער גאַס, געפרוירענע, הונגעריקע און אויסגע־מאַטערטע, און נישט געטאָרט זיך רירן פון אָרט.

ענדליך, נאָך עטליכע שעה, האָט זיך פאַרענדיקט די פּראָוויערקע, און אונטער דער אָנפירונג פון אונזער בריגאַדיר זיינען מיר אַוועק עסן אין קיך. עס האָבן אונז באַגלייט באַוואָפנטע וועכטער, ווייל מיר זיינען נאָך געווען אויפן קאַראַנטין, וועלכער דויערט דריי וואָכן. אין משך פון דער צייט האָבן מיר נישט געטאָרט אַרויסגיין פון אונזער באַראַק אָן דער אויפזיכט פון וועכטער. מיר האָבן נישט געטאָרט קומען אין באַרירונג מיט אַרעסטאַנטן פון אַנדערע באַראַקן און פון אַנדערע בריגאַדעס.

דער גאַנצער ראַיאָן פונעם לאַגער האָט פאַרנומען אַ שטח פון בערך אַ קילאָמעטער די לענג. אין דער לענג פון דעם שטח זיינען געווען אויסגע־שטעלט דריי רייען באַראַקן, אין וועלכע עס האָבן געוואוינט די אַרעסטאַנטן. אין צענטער האָבן זיך געפונען די אַדמיניסטראַטיווע געביידעס, די קיך, מאַגאַזינען פון פּראָדוקטן און קליידונג, די אַמבולאַטאָריע, באָד און וועשעריי, און אַ שפּייז־קראָם, אין וועלכער עס איז זעלטן־ווען געווען וואָס צו קויפן . . .

איך מיט שמואל׳ן האָבן נישט געגעסן פון דער טריפ׳ער קיך. אין קראָם קויפן האָבן מיר אויך נישט געקענט, ווייל מיר זיינען נאָך געווען אין קאַראַנטין, ווען ס׳איז נישט דערלויבט אַליין זיך צו באַוועגן אויפן געביט פון לאַגער. דער נאַטשאַלניק האָט אויף אונז געהאַט „רחמנות״ און צוגעשיקט אונז אַ אינגל, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער וועט פאַר אונז קויפן עפּעס צו עסן אין דער קראָם. מיר האָבן אים געגעבן 5 רובל און געבעטן ער זאָל קויפן הערינג, צוקער און מאַכאָרקע. מער האָבן מיר אים שוין נישט געזען. מיר האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט טרוקן ברויט און וואַסער. צומאָרגנס האָב איך געפרעגט דעם נאַטשאַלניק, וואו ס׳איז דאָס אינגל, וועלכן ער האָט געשיקט צו אונז. ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט. ער האָט זיך גאָר געוואונדערט, וואָס מיר האָבן געגעבן געלט אַ פרעמדן מענטשן. דערביי האָט ער אונז געוואָרנט, אַז מיר זאָלן בעסער וועגן דעם נישט דערמאָנען מער, ווייל דאָס איז קעגן דעם רעגולאַמין און מיר קענען דערפאַר באַשטראָפט ווערן. דאָס איז געווען פאַר אונז נאָך אַ לעקציע וועגן די באַציאונגען אין לאַגער און דער צוזאַמענאַרבעט צווישן דעם טייל פון די דעמאָראַליזירטע קרימינעלע פאַרברעכער מיט דער נאַטשאַלסטוואַ.

# דער ערשטער שבת אין לאַגער

עס איז היינט דאָנערשטיק ביינאַכט, ערב דעם ערשטן שבת אין לאַגער. נאָך אַ טאָג פון שווערער, קאַטאָרזשנער אַרבעט, ליג איך צוזאַמען מיט שמואל'ן אויף אונזערע „געלעגערס" און מיר קענען נישט איינשלאָפן. עס עגבערן אין מוח מחשבות וועגן אונזער ביטערן מצב בכלל און וועגן אונזער בת־זוג, דעם שבת קודש בפרט. אַפילו לויט די סאָוועטישע געזעצן האָט יעדער בירגער אַ רעכט אויף איין טאָג רו אין דער וואָך. אָבער דאָ אין לאַגער זיינען נישט חל קיין שום געזעצן, דאָ אַרבעט מען אָן אָפּרו אַ גאַנץ יאָר, מיטן אויסנאַם פון נאָר צוויי טעג, דעם 7־טן נאָוועמבער און דעם 1־טן מאַי. וואָס וועלן מיר טאָן, כדי נישט מחלל שבת זיין?

מיר האָבן באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ בקשה צום נאַטשאַלניק אוטשאַסטקאַ, אין וועלכער מיר האָבן אים אויפגעקלערט, אַז שבת איז לויט אונזער אמונה אַ הייליקער טאָג, אין וועלכן מיר טאָרן גאָרנישט טאָן. כדי דאָס זאָל נישט אַרויסרופן קיין פאַרדרוס און אייפערזוכט ביי אַרעסטאַנטן פון אַנדערע אמונות, האָבן מיר געבעטן, אַז ער זאָל אונז דעם טאָג פאַרמאַכן אין קאַרצער. דאָס זיינען געווען איזאָלאַציע־קאַמערן, אין דער שטראָף־אָפּטיילונג, אין וועלכע עס זיינען איינגעזעצט געוואָרן אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן עובר געווען אויפן רעגולאַמין פון לאַגער.

פרייטיק אינדערפרי האָב איך אָנגעשריבן די בקשה, און פאַרן אַרויסגיין צו דער אַרבעט האָב איך עס געגעבן דעם סעקרעטאַר פון נאַטשאַלניק. גראָד אין דעם טאָג איז געקומען צו אונז אויף דער אַרבעט דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג. ער האָט געהאַלטן פאַר אונז אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז דאָס וואָס מיר זיינען נאָך לעבעדיקע, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם גרויסן הומאַניזם פון דער ראַטן־מאַכט, ווייל פאַקטיש האָט מען אונז, אַלס שונאים פון דער ערשטער זיגרייכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, געדאַרפט גלייך שיסן.

— אונזער מאַכט פון פאָלק — האָט ער אויסגערופן פּאַטעטיש — האָט אייך געגעבן דעם לעצטן שאַנס צו רעהאַביליטירונג. דאָס קענט איר באַווייזן נאָר מיט אייער אַרבעט. אויב איר וועט איבערשטייגן אייערע נאָרמעס, וועט איר גוט באַהאַנדלט ווערן און האָבן אויסזיכטן, נאָך די צען יאָר פון אייער אורטייל, צוריק צו קומען אין אייערע היימען און לעבן ווי אַלע פרייע און גליקליכע בירגער פון אונזער גרויסן סאָציאַליסטישן היימלאַנד. די, וועלכע וועלן נישט אַרבעטן ערליך און געוויסנהאַפט — האָט ער ווייטער געזאָגט, שוין אַביסל אין אַ נידעריקערן טאָן — האָבן מיר דאָ אַזעלכע מעטאָדן, אַז זיי וועלן שוין זייערע משפחות נישט זען. בלויז אין די ערשטע דריי טעג גיבן מיר אייך די פולע פּאַרציע פון 600 גראַם ברויט, אָן אונטערשייד פון די רעזולטאַטן פון אייער אַרבעט. נאָך די דריי טעג וועט דאָס זיין אָפּהענגיק פון אייער אַרבעט: די וואָס וועלן ניט אויספירן די אָנגעצייכנטע נאָרמעס, וועלן ניט באַקומען די פולע פּאַרציעס און וועלן אויסגיין פון הונגער.

זיין רעדע האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן גענומען אַרבעטן איבער די כוחות. ס'איז נאָך געווען ווייט פאַרן האַלבן טאָג, און מיר האָבן שוין געהאַט געמאַכט אַ העלפט פון דער טאָג־נאָרמע. אונזער בריגאַדיר איז געווען מלא שמחה און איז גלייך אַוועק צו דער נאַטשאַלסטוואָ איבערגעבן וועגן דעם גרויסן דערפאָלג. פון ביורא זיינען געקומען מענטשן, און ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז מיר האָבן שויןווירקליך געמאַכט אַ העלפט פון דער נאָרמע, האָבן זיי גענומען מיט זיך דעם בריגאַדיר, און פון דאָרט איז שוין איבערגעגעבן געוואָרן איבערן גאַנצן לאַגער, אַז מיר האָבן זיך אויסגעצייכנט, און שוין אין צווייטן טאָג פון אונזער אַרבעט איבער־געשטיגן די נאָרמע. מיר זיינען געוואָרן די שלאָגלער, פון וועלכע אַנדערע דאַרפן נעמען אַ ביישפּיל.

די האַלבע נאָרמע האָט אָבער אַזוי אויסגעמאַטערט אַלעמען, אַז ווי נאָר דער בריגאַדיר איז אַוועק, האָבן מיר שוין פּאַקטיש מער נישט געאַרבעט. עס איז געקומען דער אָוונט. איך מיט שמואל'ן האָבן זיך געוואַשן די הענט און געשטעלט דאַוונען מנחה. נאָך דעם האָבן מיר מקבל שבת געווען. דער־ווייל האָבן חברה גענומען צונויפקלייבן די אינסטרומענטן און געגרייט זיך צוריקצוגיין אין די באַראַקן. מיר האָבן נאָר געוואַרט אויפן בריגאַדיר, ווייל אָן אים האָבן מיר נישט געטאָרט קומען אין דער זאָנע.

דער בריגאַדיר איז געקומען אַ צופרידענער. ער האָט געזען, אַז מיר האָבן שוין מער ווי די האַלבע נאָרמע נישט געמאַכט, אָבער ער האָט דערויף נישט געלייגט קיין אַכט. דער עיקר איז געווען נישט דאָס וואָס מען האָט געמאַכט, נאָר דאָס וואָס איז געווען אָפיציעל פאַרשריבן. און מיר זיינען שוין געווען די העלדן פון טאָג, און ער האָט טריאומפירט מיט זיין זיג.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו דער זאָנע, איז איבערן טויער גע־האָנגען אַ גרויסער טראַנספּאַרענט, אין וועלכן אונזער בריגאַדע ווערט באַ־גריסט מיטן „גרויסן זיג", וואָס מיר האָבן שוין דעם צווייטן טאָג אויס־געפירט די נאָרמע אויף הונדערט פּראָצענט. ביים טויער האָבן אונז אָפּגעוואַרט די נאַטשאַלניקעס, וועלכע האָבן אונז באַגריסט און געשטעלט אַלס ביישפּיל פאַר אַלע בריגאַדעס פון לאַגער.

נאָכן „אַפּעל" האָבן מיר געמאַכט קידוש איבערן ברויט און וואַסער און געלייגט זיך אויף דער פּריטשע. דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט אין לאַגער ווען מיר זיינען רואיק געשלאָפן. אין דער פרי זיינען מיר אויפגע־שטאַנען צוזאַמען מיט אַלע און איך מיט שמואל'ן זיינען אַוועק צו דער באָד און מיר האָבן זיך פאַרשטעקט צווישן האָלץ. ווען אַלע זיינען אַוועק צו דער אַרבעט, זיינען מיר צוריק אַריין אין באַראַק, וואו מיר האָבן זיך באַהאַלטן אויף דער פּריטשע. דער נאַריאַדטשיק, וואָס האָט ווי געווינלעך קאָנטראָלירט דעם באַראַק, האָט אונז גלייך געפונען. ער האָט גענומען שרייען און זידלען. „אויב איר זייט נישט געזונט — האָט ער גע'טענה'ט — האָט איר מיר באַדאַרפט זאָגן, וואָלט איך זיך באַמיט צו באַקומען פאַר אייך

אַ באַפרייאונג פון דאָקטאָר. איצט וועט דאָס באַטראַכט ווערן, אַז איר האָט בכיוון דעזערטירט פון דער אַרבעט און איר וועט ברענגען צרות נישט נאָר זיך, נאָר אויך אויף מיין קאָפּ". ער האָט אונז אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ביטערע קללות און געזאָגט ווי צו זיך: „וואָס זאָל איך איצט מיט אייך טאָן? איך וועל אייך אַוועקפירן אויף אַ לייכטער אַרבעט דאָ אין דער זאָנע. איר וועט האַקן האָלץ פאַר דער קיך. דאָס וועט הייסן, אַז מען האָט אייך איבערגעלאָזט אויף אַרבעט אין דער זאָנע און איך וועל אויסמיידן אייך איבערצוגעבן דעם נאַטשאַלניק".

מיר האָבן שוין נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג ווי זאָגן אים דעם אמת. מיר האָבן אים געדאַנקט פאַר זיין גוטן ווילן און דערקלערט, אַז מיר זיינען נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט ווייל מיר זיינען פרומע אידן און טאָרן נישט אַרבעטן שבת, און אַז מיר האָבן וועגן דעם געשריבן אויך צום נאַטשאַלניק.

ווי נאָר ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער גענומען ציטערן פאַר שרעק. „אויב אַזוי — האָט ער אויסגערופן מיט באַדויערן — קען איך אייך שוין גאָרנישט העלפן. אוי, האָט איר גענומען אַ צרה אויף זיך... איך מוז אייך גלייך אָפּפירן מיט אַ ראַפּאָרט אין שטאַב, נאָר איך בין אייך נישט מקנא..."

אין שטאַב זיינען געזעסן דער נאַטשאַלניק און עטלעכע אָפיצירן. נאָכן אויסהערן דעם ראַפּאָרט פון נאַריאַדטשיק, האָבן זיי געקוקט אויף אונז ווי אויף מענטשן וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלן פון דער לבנה. זיי האָבן אונז גענו־מען זידלען, אָבער גלייכצייטיק האָב איך באַמערקט, אַז מיר האָבן אַרויס־גערופן זייער אינטערעס און אַפילו רעספּעקט פאַר אונז. דאָס איז אַוודאי געווען דער ערשטער פאַל פון דעם מין אין זייער לאַגעריאַריקער פּראַקטיק.

„אַ שאָד וואָס איך האָב ערשט היינט באַקומען אייער בקשה" — האָט זיך געווענדעט צו אונז דער נאַטשאַלניק — ווען איך וואָלט דאָס נעכטן באַקומען, וואָלט איך שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז איר זאָלט היינט זיין אויף דער אַרבעט. וואָס מיינט איר — האָט ער אויפגעהויבן אַביסל דעם טאָן — איר טראַכט אַוודאי, אַז איר זייט דאָ געקומען צו דער שוויגער אויף קעסט? . . . דאָ איז אַ לאַגער און נישט קיין אָפּרו־הויז. מיר קענען לגבי אייך אָנווענדן אַזעלכע מיטלען, אַז איר וועט מקנא זיין די טויטע. שוין דער פאַקט, וואָס איר האָט געשריבן אַ קאָלעקטיווע בקשה, באַדייט אַז איר אָרגאַ־ניזירט אַ בונט אין לאַגער, און דערפאַר קענען מיר אייך פאַר'משפט'ן צום טויט. מילא — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר — איך פאַרשטיי נאָך אייך, איר זייט אַן עלטערער מענטש און דערצויגן געוואָרן אין אָפּגעשטאַנענקייט. אָבער דער יונגער בחור — האָט ער געוויזן אויף שמואל'ן — ער איז דאָך געבוירן געוואָרן שוין נאָך דער רעוואָלוציע, ווי קומט צו אים אַזאַ פאַנאַטיזם? דאָס איז אַוודאי אונטער אייער איינפלוס... וואָס הייסט, איר ווילט נישט אַר־בעטן שבת? — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר שוין אין אַביסל אַ מילדערן טאָן — און וואָס האָט איר געטאָן אויף דער פריי? דאַרט האָט איר אויך נישט

געאַרבעט שבת? און אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס די אַרבעט איז פאַר אייך צו אַ שווערע. אָבער דאָ אין לאַגער מוזן אַלע אָפּאַרבעטן וויניגסטן אַ חודש צייט אויף דער שווערער אַרבעט. שפּעטער וועלן מיר זען; אויב איר וועט זיך אויפפירן אָנשטענדיק, וועל איך זיך באַמיען צו געבן אייך אַ לייכטערע אַרבעט דאָ אין דער זאָנע. און איצט, ווייל איר האָט מיך געטראָפן אין אַ גוטער מינוט, ראָט איך אייך צוריקצוגיין צו אייער אַרבעט. מען וועט אייך שטיל, אָן טומל, צופירן צו אייער בריגאַדע, און אַזוי ווי דאָס איז צום ערשטן מאָל, וועלן מיר אייך נישט באַשטראָפן פאַר דער היינטיקער נאַרישקייט".

איך האָב אים געדאַנקט און דערקלערט, אַז מיר זוכן נישט קיין לייכטע אַרבעט. מיר זיינען גרייט ווייטער צו גיין צו דער שווערער אַרבעט. מיר בעטן נאָר צו באַפרייען אונז פון דער אַרבעט שבת, ווייל דאָס איז אונזער הייליקער טאָג, און איך האָב נאָך קיינמאָל אין דעם טאָג נישט געאַרבעט.

מיין ענטפער האָט אַרויסגעפירט דעם נאַטשאַלניק פון גלייכגעוויכט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט כעס אַרויס פון צימער. עס זיינען גלייך אַריינגעקומען צוויי סאָלדאַטן, וואָס האָבן אונז אָפּגעפירט צום אָרט וואו אונזער בריגאַדע האָט געאַרבעט.

דאָ האָט מען אונז איבערגעגעבן צו דער אָנפירונג פון דער אָפּטיילונג. דער הויפּט נאַטשאַלניק איז דאָ געווען „אינזשינער סאָרוזשעניע", אַ יונגע אידישע פרוי. איר פאַרטרעטער איז געווען דער „סטאַרשי פּראָראַב" (אַר־בעטס־אָנפירער), אַ רוס, און דער קאָמענדאַנט פון דער אונטערנעמונג, אויך אַ איד. די אידישע פרוי האָט אונז גענומען איבערצייגן, אַז מיר זאָלן אַרבעטן די ערשטע צוויי שבתים. זי האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט אַלץ טאָן, כדי שפּע־טער מיך צו באַשעפטיקן אין דער בוכהאַלטעריע און שמואל'ן ביי אַ לייכטער אַרבעט אין דער זאָנע. דאָרט — האָט זי געזאָגט — וועלן מיר אפשר קענען אויסמיידן צו אַרבעטן שבת. זי האָט אונז פשוט געבעטן מיר זאָלן זי נישט צווינגען, אַז זי זאָל אונז מוזן איבערגעבן אין די הענט פון „סטאַרשי פּראַ־ראָב", וואָס וועט אונז מאַכן פאַר קאַליקעס. ווען מיר האָבן טראָץ דעם זיך אָפּגעזאָגט צו גיין צו דער אַרבעט, איז זי געוואָרן רויט פון כעס און איז אַוועק.

דער „סטאַרשי פּראָראַב" האָט געהייסן דעם אידישן קאָמענדאַנט ער זאָל אונז אויסטאָן און האַלב נאַקעטע אַרויפשטעלן אויף דער „ווישקע" ביזן סוף פון טאָג. די „ווישקע" איז געווען אַ טורעם, וואָס איז געשטאַנען אויף הילצערנע סלופּעס פון בערך זיבן מעטער הויך און האָט געדינט אַלס אָבסער־וואַציע־פּונקט פאַר די וועכטער, וואָס האָבן געהיט, אַז די אַרעסטאַנטן זאָלן נישט אַנטלויפן. די סאָלדאַטן זיינען אָבער געווען אָנגעטאָן אין ספּעציעלע פּעלצן מיט וואָלענקעס אויף די פיס, און דערצו האָבן זיי זיך געטוישט יעדע דריי שעה, ווייל לענגער האָבן זיי נישט געקענט אויסהאַלטן פון דער קעלט. דער פראָסטיקער ווינט האָט דאָ געשניטן ווי מיט מעסערס. מיר זיינען דאָ געשטאַנען האַלב נאַקעטע. אויפן האַלז האָט מען אונז אויפגעהאָנגען ברעט־לעך מיט דער אויפשריפט: „סובאָטאַ" (שבת).

אונזער בריגאַדיר איז עטלעכע מאָל צוגעקומען צו דער „ווישקע" און אַרויפגעשריגן צו אונז: „שוטים! גייט אַראָפּ און נעמט אייך צו דער אַרבעט. איר וועט דאָך פאַרפרוירן ווערן צום טויט. איר זעט דען נישט, אַז אייערע אידן האָבן אייך פאַרלאָזט און איבערגעגעבן אין די הענט פון „פּראַ־ראַב"? . . ."

דער פראָסט האָט גענומען אַלץ מער מאַטערן. פּלוצים איז געקומען צו לויפן אַ סאָלדאַט און עפּעס איבערגעגעבן אונזער בריגאַדיר. מיר האָבן געזען ווי ער נעמט אויף גיך צונויף די בריגאַדע און גייט אַוועק. פאַרן אַוועקגיין האָט ער נישט פאַרגעסן אין אונז און באַפוילן, אַז מיר זאָלן נישט וואַגן צו רירן זיך פון אָרט ביז ער וועט צוריקקומען.

אַביסל שפּעטער איז געקומען דער קאָמענדאַנט, דער איד, און האָט אונז אַראָפּגעשלעפּט פון דער „ווישקע". אַליין, מיט די אייגענע כוחות, האָבן מיר נישט געקענט אַראָפּגיין, ווייל מיר זיינען געווען שטייף פון פראָסט.

— איר האָט אַ נס — האָט ער געזאָגט — דאָ נישט ווייט האָט דאָס וואַסער איבערגעריסן אַ דאַמבע, האָט מען דאָרט אַריבערגעוואָרפן אייער בריגאַדע צו דער אַרבעט ביים פאַרהאַלטן דאָס וואַסער. איך האָב אויסגע־נוצט אַ מאָמענט און געקומען אייך באַפרייען. ביזן אָוונט וואָלט איר שוין דאָ נישט געווען קיין לעבעדיקע.

ער האָט אונז אַריינגעפירט אין זיין צימער, געגעבן אונז טיי מיט צוקער און ברויט. — איך מוז שוין צוריקגיין צו דער דאַמבע — האָט ער געזאָגט — איך וועל אייך פאַרשליסן פון דרויסן. אויב ס'וועט ווער ס'איז קלאַפּן, זאָלט איר זיך נישט אָפּרופן, ווי עס וואָלט קיינער נישט געווען אין שטוב. איך וועל קומען און צוריק אַרויספירן אייך אויף דער „ווישקע", אַז קיינער זאָל נישט דערקענען, אַז איר זייט אַראָפּ.

מיר האָבן זיך גלייך גענומען צו די הייסע טיי, און ווען מיר האָבן זיך אַביסל דערוואַרעמט, האָבן מיר געדאַוונט און געמאַכט קידוש איבערן לעבל ברויט, און מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט. מיר זיינען ווייזט אויס שטאַרק גע־שלאָפן, ווייל מיר האָבן נישט געהערט ווען דער קאָמענדאַנט איז צוריק־געקומען.

— איך בין געקומען אַביסל פריער — האָט ער געזאָגט — כדי צו כאַפּן מיט אייך אַ שמועס. איך האָב זיך געבעטן ביים פּראַראַב, ער זאָל אייך נישט אַוועקשטעלן אויף דער „ווישקע". אָבער דאָס איז אַ געמיינער אַנטי־סעמיט און סתם אַ גזלן. ער האָט געהאַט אַ סאַטיספאַקציע, וואָס איין איד מוז אָנטאָן אַזעלכע צרות אַנדערע אידן. איך בין אַליין פון אַ שטרענג אידי־שער משפחה פון האָמעל. איך האָב געלערנט אין חדר און קען אַביסל אידיש־קייט. איך בין אַ בוי־טעכניקער און כ'האָב געאַרבעט אין אַ טרעסט אין האָמעל. איינמאָל האָט מיך מיין דירעקטאָר געבעטן, איך זאָל ברענגען מאַטעריאַלן צו רעמאָנטירן זיין פּריוואַטע וואוינונג. איך האָב אָנגעלאָדן אַן אויטאָ מיט מאַטעריאַלן און געפירט צום דירעקטאָר. אויפן וועג האָבן מיך פאַרהאַלטן מיליציאָנערן און געפאָדערט פּאַפּירן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז דאָס פיר איך

אויף דער פאַרצײַרדענונג פונעם דירעקטאָר. זיי האָבן ביי אים געפרעגט טעלעפאָניש און ער האָט עס אָפּגעלייקנט, און אויך געהייסן מיך אַרעסטירן. מען האָט מיך פאַר׳משפט אויף 10 יאָר. אַ לאַנגע צייט בין איך געווען אויף שווערע אַרבעטן. שפּעטער האָט מען מיך באַשטימט אַלס קאָמענדאַנט פון די בוי אַרבעטן.

עס איז געוואָרן שפּעט און מיר האָבן געמוזט צוריק אויפהענגען אויף זיך אונזערע „שאַנד ברעטלעך״ און אַרויף אויף דער „ווישקע״. דער פראָסט איז ווידער געקראָכן ביז אונטער די ביינער. די צייט האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. ענדלעך איז געקומען דער בריגאַדיר.

— איר לעבט נאָך? — האָט ער געזאָגט מיט פאַרוואונדערונג — מען קען גאָר נישט פון אייך פּטור ווערן. איך האָב געמיינט, אַז איר זייט שוין לאַנג פאַרפרוירן ביז טויט. און איר זאָגט, אַז איר זייט שוואַכינקע און האָט נישט קיין כוח צו אַרבעטן . . .

מיר האָבן גענומען לויפן כדי זיך אַביסל דערוואַרימען און מיט דער גאַנצער בריגאַדע זיינען מיר אַוועק אויפן וועג צו דער זאָנע.

שוין ביים טויער האָט אונז אָפּגעוואַרט דער „נאַריאַדטשיק״, וועלכער האָט מיך מיר שמואל׳ן אָפּגעפירט אין קאַרצער. מיר זיינען באַשטראָפט געוואָרן מיט 5 טעג איזאָלאַציע. פאַרשטייט זיך, אַז צו דער אַרבעט האָבן מיר געמוזט גיין, מיר האָבן נאָר באַקומען אַ העלפט פון אונזער פּאָרציע ברויט, ד. ה. 300 גראַם אין טאָג.

ווי נאָר מיר זיינען אַריין אין קאַרצער האָבן די קרימינעלע פאַרברעכער גענומען אונז באַקוקן פון קאָפּ ביז די פיס. ס׳זיינען זיי ווייזט אויס געפעלן געוואָרן מיינע מלבושים. זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט און אָנגעהויבן אונטער־האַנדלען וועגן מאַכן אַ בייט . . . צווישן זיי איז געווען אונזער אַלטער באַ־קאַנטער פון עטאַפּ, וואַסקאַ. ער איז אַרויס צו מיר מיט אַ טענה, הלמאי איך האָב אים שוין לאַנג צוגעזאָגט צו בייטן זיך מיט אים, און איצט פיר איך אונטערהאַנדלונגען מיט אַנדערע. איך האָב געזען, אַז מיט זיי קען מען זיך נישט שפּילן, אַז זיי מיינען דאָס ערנסט. איך האָב זיך געטראַכט, איידער אַ פרעמדער, זאָל שוין בעסער געניסן אָן אייגענער גנב. איך האָב „צוגעקלאַפּט״ דאָס געשעפט מיט וואַסקאַ. מיינע בגדים זיינען וואָס אָן אמת געווען אַביסל גרויס אויף אים, פונקט ווי זיינע אַביסל צו קליין אויף מיר. אָבער איך בין געווען צופרידן, וואָס איך האָב אַזוי אָפּגעשניטן. ס׳האָט געקענט זיין ערגער, איך זאָל בלייבן אינגאַנצן אָן בגדים . . .

צומאָרגנס האָט דער נאַריאַדטשיק אונז גענומען צו דער אַרבעט אין אונזער בריגאַדע. מיר האָבן געאַרבעט איבער די כוחות, אָבער די נאָרמע האָבן מיר בשום אופן נישט געקענט מאַכן. עס איז געווען איינגעשטעלט אַ סיסטעם פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אויב אַפילו איינער האָט נישט געמאַכט די נאָרמע, האָט מען נישט אָפּגעלאָזט די גאַנצע בריגאַדע. ס׳איז שוין געווען אַכט אין אָוונט. אַלע האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט זייערע נאָרמעס, נאָר איך מיט שמואל׳ן נישט. אַלע אַרעסטאַנטן האָבן גענומען טומ־

לען, אַז צוליב די אידן־פּוילאַקעס מוזן זיי דאָ נאָך שטיין און פרירן. מירביידע זיינען שוין געפאַלן פון די פיס. אַ היפּשע צייט האָבן מיר געאַרבעט אַליין. צום סוף האָט דער בריגאַדיר באַפוילן, אַז אַלע זאָלן צוהעלפן, ווייל ס׳איז שוין זייער שפּעט און צוליב אונז וועט מען די גאַנצע קאָלאָנע נישט צולאָזן צום אַפּעל.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דער זאָנע איז שוין געווען צען אַזייגער. דער נאַטשאַלניק האָט געגומען שרייען, אַז „צוליב אונז האָט מען אויפגעהאַלטן דעם אַפּעל אויף צוויי שעה. ער האָט געסטראַשעט, אַז אויב דאָס וועט זיך נאָכאַמאָל איבער׳חזר׳ן, וועט ער שיקן די גאַנצע בריגאַדע אין קאַרצער.

— אַלץ צוליב די „סובאָטניקעס״ — האָט זיך פאַרענטפערט דער בריגאַדיר. שבת ווילן זיי נישט אַרבעטן, ווייל זיי זיינען הייליקע, און די איבעריקע טעג ווילן זיי סתם נישט אַרבעטן. מען דאַרף זיי אָנברעכן די ביינער, וועלן זיי זיך אויסלערנען אַרבעטן . . .

די בריגאַדע איז אַוועק אויפן אַפּעל. מיך מיט שמואל׳ן האָט מען אַפּגעפירט אין קאַרצער. אין עטלעכע שעה אַרום איז געקומען אַ שליח פון נאַטשאַלניק אוטשאַסטקאַ מיט אַ גוטע בשורה: מען האָט אונז אַמנעסטירט און באַפרייט פון קאַרצער.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען אין באַראַק האָט דער עלטסטער פון קאַמער מיר אָפּגעגעבן מיינע בגדים, וועלכע איך האָב אַ טאָג פריער געטוישט מיט וואַסקאָן. זיי זיינען געווען אויסגערייניקט און אויסגעפּרעסט. וואַסקאָ האָט דערביי געבעטן דעם עלטסטן פון אונזער קאַמער ער זאָל מיר איבערגעבן, אַז אַ גנב פאַרגעסט קיינמאָל נישט אין דעם, וואָס טוט אים אַ טובה . . . ווער קען וויסן ביי וועמען מען קען געפינען יושר . . .

## דער ערשטער פּסח אין לאַגער

ערב פּסח תרצ״ח האָט מען מיך אַרויסגערופן אין שטאַב. דער פאַרטרעטער פון נאַטשאַלניק אוטשאַסטקאַ האָט מיר מודיע געווען, אַז מיין פרוי האָט מיר איבערגעגעבן אַ פּעקל וואַרעם אָנטועכץ, הונדערט רובל און אַ פּעקל מצות. ער האָט מיר אַלץ אָפּגעגעבן, אויסער די מצות.

— צוליב דיין נישט אַרבעטן שבת דערוואַרטן דיר שוין גענוג צרות — האָט ער געזאָגט — דעריבער ראָט איך דיר, פאַר דיין טובה, זאָלסט נישט אָננעמען די מצות און שרייבן צום נאַטשאַלניק, מען זאָל דאָס צוריקשיקן אַהיים. דעמאָלט וועט מען קענען רעדן וועגן איבערפירן דיך, און אפשר אויך דיין חבר, אויף אַ לייכטע אַרבעט אין קאַנטאָר — האָט ער צוגעגעבן.

איך האָב אים געדאַנקט פאַר די גוטע עצות און פאַרן גוטן ווילן, און געבעטן, אַז ער זאָל מיר די מצות אָפּגעבן, ווייל פּסח וועל איך נישט עסן

קיין חמץ. דערביי האָב איך אויך געבעטן מען זאָל מיר דערלויבן צו זען זיך מיט מיין פרוי.

— איך בין דאָ אַ קליין מענטשעלע — האָט געזאָגט דער פאַרטרעטער פון נאַטשאַלניק — איך וויל דיר נאָר וואָרענען, אַז דו טוסט זיך, און הויפּט־זעכלעך דיין יונגן חבר אַ גרויסע רעה. אין לאַגער רעדט מען שוין, אַז איר דעמאָראַליזירט די איבעריקע אַרעסטאַנטן פון אייער בריגאַדע. דו ווייסט דאָך, אַז דאָ זיינען פאַראַן גענוג מיטלען ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון „נישט גע־וואונטשענע עלעמענטן". מען וועט אייך ערגעץ שיקן און אויפן וועג וועט שוין „עפּעס געשען", אַז קיינער וועט אַפילו נישט וויסן וואו אייער געביין איז . . . וואָס שייך אַ זעאונג מיט דיין ווייב, איז דאָס נישט דערלויבט, ווייל דו ביסט פאַר'משפט פאַר אַ שווער פאַרברעכן.

ער האָט מיר אָפּגעגעבן די מצות און מער האָט ער צו מיר קיין וואָרט נישט גערעדט.

איך בין אַוועק אַ גליקליכער, אַז מיר האָבן מצות אויף פּסח. ערב פּסח זיינען מיר אַרויס צו דער אַרבעט נאָרמאַל. אונזער בריגאַדע איז געווען באַ־שעפטיקט ביים צענעמען אַן אַלטע באַן־ליניע. אַ טייל מענטשן האָבן אויס־געגראָבן די אַלטע שפּאַלעס פון דער ערד און אַנדערע האָבן זיי אַוועקגע־טראָגן אויף אַ מהלך פון עטלעכע מעטער. מיר איז אויסגעקומען צו שלעפּן די שפּאַלעס.

— דו ביזט אַ געזונטער און דערוואַקסענער מענטש, קענסטו טראָגן — האָט געזאָגט דער בריגאַדיר — יעדערער מוז אַרבעטן לויט זיינע כוחות.

די אַרבעט איז באמת געווען זייער אַ שווערע. די שפּאַלעס זיינען לאַנגע יאָרן געלעגן אין דער ערד און געווען דורכגעזאַפּט מיט פייכקייט, און דערפאַר זיינען זיי געווען זייער שווער. דערצו נאָך האָט דער וועג געפירט באַרג־אַרויף, אַזוי אַז מיר האָבן געמוזט טראָגן זיי אין צווייען.

אינמיטן טאָג איז געקומען אַן אָפיציר פון נ.ק.וו.ד. און האָט אונז אַ לאַנגע צייט אָבסערווירט, און, ווייזט אויס, געקומען צום אויספיר, אַז מיר אַרבעטן נישט גענוג אינטענסיוו. ער האָט באַפוילן, אַז יעדער איינער זאָל אַליין טראָגן אַ שפּאַלע. די מערהייט פון אונז איז נישט געווען בכוח אויפצוהייבן אַליין די שפּאַלע, אַזוי אַז איינער האָט געמוזט אַרויפלייגן דעם צווייטן אויף די פּלייצעס די שפּאַלע. אַנדערע, ווידער, האָבן זיך איינגעבראָכן אונטער דער לאַסט און נישט געקענט אַרויפשלעפּן זיך אויפן באַרג. די אַרבעט איז נישט געגאַנגען און די רעזולטאַטן זיינען געווען קלענער ווי פריער. דער בריגאַדיר האָט געזען, אַז מיר וועלן נישט אויספירן די נאָרמע, האָט ער געבעטן ביים ענקאַוועדיסט, ער זאָל דערלויבן צו טראָגן אין צווייען, ווי פריער, ווייל אַזוי נעמט דאָס פיל לענגער.

יענער איז געוואָרן אין כעס. ער האָט אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער, אַזוי אַז דער בריגאַדיר איז פון שרעק אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט.

— איך וועל זיי באַלד אויסלערנען אַרבעטן — האָט ער געשריגן.
— איך וועל קוקן אויפן זייגער. ווער ס'וועט נישט צו דער באַשטימטער צייט אַרויפטראָגן די שפּאַלע און קומען צוריק, וועט אויפן אָרט דערשאָסן ווערן. ס'וועט זיין מיט עטליכע שונאים ווייניקער און די איבעריקע וועלן זיך אויסלערנען אַרבעטן . . .

מיר האָבן זיך זייער דערשראָקן און זיך אונטערגעיאָגט מיט די לעצטע כּוחות. דריי אַזייגער האָבן מיר שוין געהאַט אַריבערגעטראָגן אַלע שפּאַלעס, וואָס זיינען געווען צוגעגרייט אויף דעם טאָג. ווען דער פּראראב איז אָנגעקומען און געזען אַז מיר זיינען שוין פאַרטיק מיט אונזער נאָרמע, איז ער נתפּעל געוואָרן פון אונזער אַרבעט און דערלויבט אונז אַפילו אָפּצורוען זיך, ביז די אַנדערע בריגאַדעס וועלן ענדיקן.

אין אָוונט, ווען אַלע זיינען אַוועק עסן, האָב איך מיט שמואל'ן געדאַוונט. מיר האָבן אויסגעשפּרייט אויף אונזער נאַרע אַ צעמענט־זאַק און גענומען אָפּריכטן דעם סדר. מצות האָבן מיר געהאַט, מרור האָט אין לאַגער נישט געפעלט, די פיר כּוסות האָבן מיר געהאַט אין זינען, און דעם אַפיקומן האָבן מיר אויפגעגעסן אַ סך פריער ווי האַלבע־נאַכט.

ביינאַכט, ווען קיינער האָט נישט באַמערקט, האָבן מיר מכבּד געווען אונזער בריגאַדיר מיט מצה. ער האָט אונז געדאַנקט פאַר דער מתּנה און איז געווען שטאַרק גערירט, אַז מיר האָבן טראָץ אַלעם אין אים נישט פאַרגעסן. ביי דער געלעגנהייט האָבן מיר געזוכט אַן עצה, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך אַרויסדרייען פון אַרבעטן יום־טוב.

— אַרויסגיין וועט איר מוזן מיט דער גאַנצער בריגאַדע — האָט געזאָגט דער בריגאַדיר, אַנדערש וועל איך מוזן אָנשרייבן קעגן אייך. דאָרט אויפן אָרט וועלן מיר שוין געפינען אַן אויסוועג אַז איר זאָלט נישט מוזן אַרבעטן.

דאָס פּלאַץ וואו מיר האָבן געאַרבעט, האָט פאַרנומען אַ שטח פון עטליכע קילאָמעטער. עס זיינען דאָרט געווען באַשעפטיקט טויזנטער אַרעסטאַנטן און אַ גרויסע צאָל „פרייע מענטשן". וואָס האָט אונז אָפט מאָל געגעבן די מעגליכקייט אַרויסצודרייען זיך אויף אַ קורצער ווילע פון דער עבודת הפּרך. ס'איז דאָרט געווען אַ וואַסער־פּאָמפּע און אייניקע מאַגאַזינען, ביי וועלכע עס זיינען געווען באַהייצטע צימערלעך פאַר די אָנגעשטעלטע. ווען פון די אַרעסטאַנטן עס איז געלונגען, האָט זיך דאָרט אַריינבאַקומען אויף אַ רגע, כּדי זיך דאָרט צו דערוואַרעמען פון ביטערן פראָסט. די „פרייע" האָבן זיי געטריבן פון דאָרט, ווייל אויב די נאַטשאַלסטוואָ האָט דאָרט געכאַפּט אַן אַרעסטאַנט, האָבן זיי געהאַט דערפון צרות, און דעם אַרעסטאַנט האָט מען געשלאָגן מכּות רצח.

דעם ערשטן טאָג פּסח האָב איך מיט שמואל'ן זיך אַרויסגעדרייט פון דער בריגאַדע. דער בריגאַדיר האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַמערקט נישט ווי מיר זיינען אַוועק. מיר האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבערן פּלאַץ. עס האָט אונז דורכגענומען דער פראָסט און מיר האָבן געזוכט אַ פּלאַץ וואו זיך

אויסצובאַהאַלטן און זיך אָנוואַרעמען. מיר זיינען אַריין אין צימערל ביי דער וואַסער־פּאָמפּע. די אַרבעטער האָבן מורא געהאַט, און נאָך עטליכע מינוט האָבן זיי אונז אַרויסגעטריבן. מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ פּאַרלאָזט קעמערל, וואו מיר זיינען שטייף געוואָרן פון דער קעלט. פאַרנאַכט, ווען די בריגאַדע האָט געענדיקט די אַרבעט, זיינען מיר אַרויס. זיי האָבן אונז אויפגענומען נישט פריינטליך.

נאָכן אָפּעל זיינען אַלע אַוועק אין דער סטאָלאָווקע. איך מיט שמואל׳ן האָבן געדאַוונט און געפּראַוועט די צווייטע סדר־נאַכט און געלייגט זיך שלאָפן.

אינדערפרי האָט דער בריגאַדיר פאַרפירט מיט אונז אַ שמועס:

— איר ווייסט דאָך, אַז אין לאַגער זיינען נישט פאַראַן קיין סודות. מען האָט שוין צוגעטראָגן דעם נאַטשאַלניק, אַז איר האָט נעכטן נישט גע־אַרבעט צוליב אייער יום־טוב. מען שמועסט, אַז מען וועט אייך משפּט׳ן פאַר קאָלעקטיוון אָפּזאָג פון דער אַרבעט. איר ווייסט דאָך גוט — האָט ער געזאָגט — אַז דערפאַר קענט איר באַקומען אַ „שטריקל״ . . . איך וויל אייך נישט צווינגען צו אַרבעטן אין אייערע ימים־טובים, אָבער איך וויל אויך נישט זיין צוזאַמען מיט אייך אויף דעם משפּט. טוט ווי איר פאַרשטייט, נאָר אָן מיר. איך וויל דערמיט נישט האָבן קיין שום שייכות.

אין דעם טאָג איז אונז געווען פיל שווערער, אָבער מיר האָבן נישט געאַרבעט. געפּרווירענע און הונגעריקע האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט איבערן פּלאַץ. ווען ס׳איז געוואָרן טונקל, האָבן מיר געדאַוונט, צוריקגעגאַנגען צו אונזער בריגאַדע און אָנגעהויבן אַרבעטן.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען צו דער זאָנע, האָט ביים וואַך־טויער געוואַרט אויף אונז דער נאַריאַדטשיק, וועלכער האָט אונז גענומען מיט זיך.

— מילא, אויב איר ווילט מקריב זיין אייער לעבן, איז דאָס אייער זאַך — האָט ער אָנגעהויבן — אָבער צו וואָס שלעפּט איר אַריין אין דעם אומגליק דעם יונגן בחור? ער איז דאָך געבוירן געוואָרן אונטער דער ראַטנמאַכט און איר האָט אים גענומען אונטער אייער השפּעה. דאָס באַשווערט נאָך מער אייער לאַגע, ווייל איר וועט גע׳משפּט ווערן פאַר קאָלעקטיוון אָפּזאָגן זיך פון דער אַרבעט. איצט וואַרט אויף אייך דער נאַטשאַלניק סידאָראָוו, צו וועלכן איך דאַרף אייך פירן. הערט זיך צו צו מיין עצה — האָט ער געזאָגט, — איך ווינטש אייך חלילה נישט קיין שלעכטס. דער נאַטשאַלניק איז בכלל נישט פאַראינטערעסירט אין אייער משפּט, ווייל דאָס וואַרפט אַ שאָטן אויף זיין קאַריערע. ער קען אייך שיקן אויף יענער וועלט אָן אַ משפּט. ער האָט דאָס שוין נישט איין מאָל באַוויזן. דעריבער זייט פאָרזיכטיק און באַטראַכט זיך גוט, ווי אַזוי איר קענט זיך נאָך אַרויסדרייען פון דער געפאַר.

מיר זיינען אַריין אין קאַבינעט פונעם נאַטשאַלניק פון דער אָפּטיילונג. אויפן סידאָראָוו איז דאָרט געווען אַ מענטש אין אַ מונדיר פון נ.ק.וו.ד., מיט אָפּצייכנס פון אַ פּאָלקאָווניק. דער פּאָלקאָווניק האָט גערעדט רואיג און געלאַסן, ווי ער וואָלט געציילט זיינע ווערטער.

— וואָס פאַרא כאַראַקטער טראָגט אייער אָפּזאָגן זיך פון דער אַרבעט שבת און די אידישע ימים־טובים? — האָט ער געפרעגט.

— נאָר אַ רעליגיעזן — האָב איך געענטפערט.

— מיר האָבן זיך ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין דער פראַגע. מען האָט אונז געענטפערט, אַז לויטן אידישן דין מעג מען אַרבעטן שבת, אויב דאָס איז פאַרבונדן מיט סכנות נפשות. דעריבער איז פאַר אונז קלאָר, אַז אייער אָפּזאָגן זיך פון דער אַרבעט, דערצו נאָך אויף אַ קאָלעקטיוון אופן, טראָגט אַן אויסגעשפּראָכן־פּאָליטישן כאַראַקטער. איך וויל אייך נאָר וואָר־רענען, אַז פאַר אַזעלכע פאַרברעכנס קען מען אייך פאַר׳משפּט׳ן צום טויט. מיר ווילן אייך אָבער געבן נאָך איין שאַנס. אויב איר וועט זיך פאַרפליכטן, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועט איר אַרבעטן ערליך און פלייסיק אַלע טעג אין דער וואָך, צוגלייך מיט אַלע, וועלן מיר אייך געבן דעם אורטייל מיט אָט־דעם תנאי. מיט דער צייט, אַז איר וועט זיך גוט אויפפירן, וועלן מיר אפשר אויך איבערפירן אייך צו אַ לייכטערע אַרבעט.

ער האָט געוואָרט אויף אונזער ענטפער. אין צימער האָט אַ ווײַלע געהערשט אַ פּיינליכע שטילקייט.

— נו, וואָס זאָגט איר? — האָט זיך דער פּולקאָווניק געווענדעט צו מיר.

— שבת און יום־טוב וועל איך בשום אופן נישט אַרבעטן — האָב איך געענטפערט קאַטעגאָריש. דאָס זעלבע האָט געזאָגט שמואל.

— איך גלויב, אַז איר וועט זיך נאָך פאַרטראַכטן — האָט געזאָגט, אַביסל אין כעס און מיט פאַרלעגנהייט, דער פּולקאָווניק. — דערווייל גייט שלאָפן.

צומאָרגנס האָט מען אונז געפירט אויף אַ נייעם אַרבעטס־פּלאַץ. מען האָט אונז געגעבן גרויסע לאָפּעטעס און אויסגעשטעלט צו זעקס מאַן לעבן יעדן לאַסט־אויטאָ. מען האָט אונז געהייסן גראָבן די ערד און לאָדענען אויף די אויטאָס. די ערד איז געווען פייכט און קלעפּיק. די לאָפּעטעס זיינען גע־זונקען אין דער ליימיקער ערד. ס׳האָט זיך געפאָדערט גרויס אָנשטרענגונג כדי זיי אַרויסצושלעפּן. מיט גרויס מי און שווייס האָבן מיר באַוויזן אָנצו־לאָדענען איין מאַשין במשך פון צוויי שעה. די שאָפערן, וועלכע באַקומען זייער לוין לויט דער צאָל אַרויסגעפירטע מאַשינען ערד, האָבן זיך אויפגערעגט, אַז צוליב אונז וועלן זייערע פאַרדינסטן זיין נישטיקע . . . זיי האָבן אַרויס־גערופן דעם אויפזעער פון נ.ק.וו.ד. און גע׳טענה׳ט, אַז מיר סאַבאָטאַזשירן די אַרבעט און פאַרהאַלטן בכיוון זייערע מאַשינען.

— ס׳איז אייך, ווייזט אויס, ווייניק דער אורטייל פון 10 יאָר — האָט געגומען שרייען דער ענקאַוועדיסט. — פאַר אַזאַ אַרבעט וועט מען אייך שיקן אויף יענער וועלט. ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און, ווי געווײנליך, גענומען סטראַשען, אַז ווער ס׳וועט נישט אַרבעטן אינטענסיוו, וועט אויפן אָרט דערשאָסן ווערן . . .

מיר האָבן געהאָרעוועט מיט די לעצטע כוחות. אייניקע זיינען געפאַלן

אין חלשות. פּלוצים האָט איינער פון אונזער בריגאַדע, אַ באַקאַנטער שונא ישׂראל, אויסגערופן:

— די אַלע צרות האָבן מיר פון די צוויי אידן! צוליב דעם, וואָס זיי גלוסט זיך נישט צו אַרבעטן שבת, ווערן מיר אַלע באַשטראָפט מיט שווערער אַרבעט. אויב מיר וועלן נישט פון זיי פּטור ווערן, וועלן מיר אַלע שטאַרבן ווי הינט . . .

זיינע ווערטער האָבן גלייך געהאַט די געהעריקע ווירקונג. זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף אונז. זיי וואָלטן אונז, מיך מיט שמואל'ן, אַוודאי גע'הרג'עט, ווען נישט די אינטערווענץ פון בריגאַדיר, וועלכער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט טראָגן די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם סקאַנדאַל.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין באַראַק, האָב איך באַמערקט, אַז קיינער רעדט נישט מיט אונז. אַלע האָבן זיך באַמיט צו האַלטן זיך פון וויטן פון אונז און געקוקט אויף אונז מיט רוגזה. איך האָב געקענט די „געזעצן" פון לאַגער און פאַרשטאַנען, אַז אַ ליאַדע טאָג וועלן זיי אונז „אַפּרוימען" און קיינער וועט אַפילו נישט וויסן וואו אונזער געביין איז . . . דער איינציקער אויסוועג איז — וואָס שנעלער אַנטלויפן, כל זמן ס'איז נישט צו שפּעט. אָבער ווי אַזוי טוט מען עס?

# מען כאַפּט אונז ביים אַנטלויפן

די נאַכט זיינען מיר נישט געשלאָפן. מיר האָבן געטראַכט וועגן אַ פּלאַן צו אַנטלויפן. דער לאַגער איז געווען איינגעטיילט אין צוויי ראַיאָנען: אַ וואוינונגס־ראַיאָן און אַן אַרבעטס־ראַיאָן. ביים אַרויסגאַנג פון וואוינונגס־ראַיאָן האָבן אונז געהיט פּאָליציי מיט טרענירטע הינט. דעם אַרויסגאַנג פון אַרבעטס־ראַיאָן האָבן געהיט סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף הויכע טורעמס, „ווישקעס". איין אַרויסגאַנג פון דעם ראַיאָן איז געווען באַשטימט פאַר די געדונגענע שאָפערן און זייערע אויטאָס. יעדן אָוונט נאָך דער אַרבעט, ווען די שאָפערן זיינען צוריקגעפאָרן אין זייערע באַזעס, האָט זיך ביים אַרויס־גאַנג געשאַפן אַ לאַנגע ריי פון אויטאָס, וועלכע זיינען קאָנטראָלירט געוואָרן דורך דריי סאָלדאַטן, וועלכע זיינען דאָרט געשטאַנען אויף דער וואַך. מיר האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן דעם מאָמענט ווען די סאָלדאַטן זיינען פאַרנומען מיט קאָנטראָלירן די לאַסט־אויטאָס און פּרוּוון זיך אַרויסבאַקומען פון דער זאָנע. פון דאָרט האָב איך געטראַכט צו גיין צו דעם איד אין איבערגאַנגס־לאַגער, וועלכער האָט מיר צוגעזאָגט זיין הילף.

צומאָרגנס זיינען מיר אַרויס נאָרמאַל, מיט דער גאַנצער בריגאַדע. אין דעם טאָג האָבן מיר גראָד באַקומען אַ לייכטע אַרבעט, און די שטימונג אין דער בריגאַדע איז געווען אַ גוטע. נאָך עטלעכע שעה האָב איך מיט

שמואל׳ן געבעטן דעם בריגאַדיר, ער זאָל אונז געבן אַ צעטל צום דאָקטאָר, ווייל מיר פילן נישט גוט.

קיין באַפרייאונג האָבן מיר נישט באַקומען, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין היץ, אָבער צו דער אַרבעט זיינען מיר, פאַרשטייט זיך, נישט צוריקגעגאַנגען. מיר זיינען אַוועק צו אונזער וואַך־פונקט. און ווי מיר האָבן פאַראויסגעזען, איז דאָרט געווען אַ גרויסער טומל. די סאָלדאַטן פון דער וואַך האָבן זיך געקריגט מיט די שאָפערן, וועלכע זיינען געווען אויסגעשטעלט אין אַ ריי ביי דער זייט פון צענדליקער אויטאָס.

מיר זיינען מיט מזל אַרויס. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט און די פינ־סטערניש איז איצט געווען אונזער שוץ. איך האָב זיך באַמיט אויפצופרישן אין זכרון גענוי דעם וועג, וועלכן איך האָב זיך באַמיט צו פאַרגעדענקען בעת מען האָט אונז אַהער געפירט. נאָך עטלעכע קילאָמעטער זיינען מיר צוגעג־קומען צו אַ קרייצונג. איין וועג האָט געפירט צום שטעטל, וואו עס האָט געוואוינט מיין באַקאַנטער, ביי וועלכן איך האָב געהאַפט צו באַקומען הילף, דער צווייטער וועג האָט געפירט צום שטאַב פון דער סאָוועטישער געהיים־פּאָליציי. אין וועלכער ריכטונג דאַרפן מיר גיין? דאָס האָב איך, צום באַ־דויערן פאַרגעסן.

פלוצים האָבן מיר דערזען אַ שאָטן פון אַ מענטשן. דאָס האָרץ האָט גענומען קלאַפּן האַסטיקער. ווען ער האָט זיך דערנענטערט און מיר האָבן געזען, אַז ער איז אָנגעטאָן אין אַרעסטאַנטישע קליידער, האָבן מיר זיך אַביסל באַרואיקט, ווייל עס זיינען געווען אַרעסטאַנטן וואָס האָבן באַקומען שריפטלעכע דערלויבענישן אַרויסצוגיין פון לאַגער אין פאַרשידענע שליחות׳ן. איך האָב אַרויסגענומען אַ פעקל „מאַכאָרקע״ (טאַבאַק), וואָס איז אין לאַ־גער געווען אַ יקר המציאות, און געטראַכט, אַז מיר וועלן זען ווי אַזוי ער וועט מיט אונז האַנדלען — לויט דעם וועלן מיר וויסן ווי ווייטער צו באַציען זיך מיט אים. אָבער אַנשטאָט צו נעמען ביי אונז דאָס פעקל „מאַכאָרקע״, האָט ער גאָר אָנגעצילט אויף אונז אַ רעוואָלווער און האָט אויסגערופן: „רוקי ווערך!״ (די הענט אין דער הויך!). עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַן איבערגעטאַנענער ענקאַוועדיסט, וועלכער האָט אויף אַזאַ אופן גע־טשאַטעוועט אויף די וועלכע אַנטלויפן פון לאַגער.

אויף זיין פראַגע, ווי אַזוי מיר האָבן זיך דאָ געפונען, האָב איך גע־ענטפערט, אַז מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט און זוכן אַ וועג צו דער זאָנע פון לאַגער. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט נישט אָנגענומען אונזער אויסרייד און אַנשטאָט צו נעמען אונז אין לאַגער, האָט ער אונז צוגעפירט אין שטאַב פון דער געהיים־פּאָליציי.

דער נאַטשאַלניק אינעם ראַנג פון אונטער־פּולקאָווניק פון נ. ק. וו. ד. האָט זיך זייער דערפרייט מיט דער „גוטער אַרבעט״ פון דעם „אָפּעראַטיוווניק״ (דער ענקאַוועדיסט וואָס כאַפּט אַנטלאָפענע אַרעסטאַנטן) און האָט אים געהייסן גיין עסן און דערנאָך זיך אָפּרוען.

— אַנטלויפן האָט זיך אייך פאַרגלוסט — האָט ער זיך געווענדעט צו אונז ווען מיר זיינען פאַרבליבן מיט אים אַליין. — טוט זיך אויס, איך וויל זען וואָס איר האָט דאָרט באַהאַלטן אונטער די בגדים — האָט ער באַפוילן, און דערביי אַרויסגערופן טעלעפאָניש אַ סאָלדאַט. פון מיינע אַרעסטאַנטישע דערפאַרונגען האָב איך געוואוסט, אַז מען הייסט אויסטאָן און דערנאָך שלאָגט מען מכות רצח. איך האָב אָבער בעת מעשה געטראַכט וועגן טאַטן, וואָס האָט מיר געזאָגט: „זאָל דער פחד פאַר זיי נישט האָבן אויף דיר קיין שליטה".

מיר זיינען ביידע געשטאַנען נאַקעטע, דער סאָלדאַט האָט גענישטערט אין אונזערע בגדים, ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע עטליכע מצות, 16 רובל און אַ פּעקל מאַכאָרקע.

דערזעענדיק אונזערע טליתים קטנים און יאַרמולקעס און דערצו נאָך די מצה, איז דער נאַטשאַלניק אויפגעשפּרונגען פון כעס. „איך זע שוין ווער איר זייט — האָט ער אויסגערופן אין רציחה — קלעריקאַלן, שונאים פון דער ראַטנמאַכט. איך וועל אייך אַנלערנען, אַז מער וועט איר שוין נישט אַנטלויפן פון לאַגער. ניין — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציינישן שמייכל — האָט נישט קיין מורא, איך וועל אייך נישט הרג'ענען. איך וועל אייך אַזוי צורעכט מאַכן, אַז איר וועט בעטן אויפן טויט".

אויף זיין באַפעל איז אָנגעקומען די „מאַנעוורענאָווי גרופּע". אַז איך האָב דערזען די פאַרשוינען איז מיר געוואָרן טרויעריק אויפן האַרצן. דאָס איז געווען אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פון סאַדיסטן, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין פּייניקן אַרעסטאַנטן וועלכע מען האָט געכאַפּט ביים אַנטלויפן אָדער ביי אַנדערע זינד פון עובר זיין אויפן רעגולאַמין פון לאַגער. אַ סך אַרעסטאַנטן זיינען שוין אַרויס פון זייערע הענט קאַליקעס, און זייער אָפט האָבן זיי דערשלאָגן אַ מענטש צום טויט. אין אַזעלכע פאַלן האָבן זיי אָוועקגעפירט דעם קרבן אין שפּיטאָל, וואו מען האָט צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, אַז דער אַרעסטאַנט איז געשטאָרבן פון „אַ פאַרפאַל ביי דער אַרבעט".

— איר זעט די זשידעס — האָט דער נאַטשאַלניק זיי אָנגעוויזן אויף אונז — דאָס זיינען רבנים, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. מען האָט זיי געכאַפּט ביים אַנטלויפן פון לאַגער. ווי מיינט איר, נאָך אייער „אונטערזוכונג" וועלן זיי נאָך האָבן חשק צו לויפן? . . .

מיר זיינען געלעגן נאַקעטע אויף דער ערד, גרייט צום פּסק־דין. אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריין אַ פאַרשוין אין אַ פוטערנעם מאַנטל און אין אַ פוטערן היטל. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דער־וואוסט, איז דאָס געווען אַ הויכער באַאַמטער פון זיכערקייט־מיניסטעריום, „או. ג. ב."

דער נאַטשאַלניק איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, געשטעלט זיך אויף אַכטונג און געבעטן דעם גאַסט זיצן.

— וואָס טוט זיך דאָ ביי אייך אין שטאָב? — האָט געפרעגט דער גאַסט.

— מיר האָבן געכאַפּט די צוויי לייט ביי אַ פּרואוו פון אַנטלויפן — האָט געענטפערט דער נאַטשאַלניק.

— און זיי וואָס טוען דאָ? — האָט געפרעגט דער גאַסט, אָנווייזנדיק אויף די לייט פון דער „מאַנעווראָווי גרופּע״, און געהייסן זיי אַרויסגיין פון צימער.

— וואָס טוט זיך דאָ ביי אייך? — האָט ער זיך געווענדעט צום נאַ־טשאַלניק ווען יענע זיינען אַרויס — פאַרוואָס ליגן די מענטשן נאַקעטע אויפן דיל? וואָס איז דאָ, אַ פאַשיסטישער לאַגער? — האָט ער געזאָגט שוין אַביסל אין אַן אויפגערעגטן טאָן. — איך זע, אַז עס איז אמת דאָס וואָס מען דער־ציילט וועגן נישט דערלאָזבאַרע מעטאָדן, וואָס איר ווענדט אָן לגבי אַרעס־טאַנטן. זאָלן די מענטשן אויפשטיין און אָנטאָן זיך, דאַן וועלן מיר קענען ווייטער פירן די אויספאָרשונג.

מיר האָבן זיך אָנגעטאָן. ווען איך האָב אויפגעהויבן מיין טלית קטן, וואָס דער נאַטשאַלניק האָט פריער פון כעס צעריסן, האָב איך באַמערקט ווי דער גאַסט האָט זיך שטאַרק צוגעקוקט און געוואונדערט.

— און איצט דערציילט וואָס עס איז מיט זיי געשען — האָט ער זיך געווענדעט צו אונזער נאַטשאַלניק.

— זיי האָבן געמאַכט אַ פּרואוו צו אַנטלויפן פון לאַגער — האָט גע־ענטפערט דער נאַטשאַלניק. — דער אָפּעראַטיוואָניק האָט זיי געכאַפּט און געבראַכט אין שטאַב צו מיר.

— וואָס האָט מען ביי זיי געפונען? — האָט ווייטער געפרעגט דער גאַסט.

— 16 רובל און מצה — האָט געענטפערט דער נאַטשאַלניק.

— עפּעס איז דאָס פאַר מיר נישט קלאָר — האָט געזאָגט דער גאַסט — מענטשן אַנטלויפן פון לאַגער אָן דאָקומענטן, אָן עסן און כמעט אָן געלט? איר האָט אין באַראַק נאָך עפּעס געלט אָדער שפּייז? — האָט ער זיך גע־ווענדעט צו אונז.

— יאָ — האָב איך געענטפערט — מיר האָבן נאָך מצה, ווייל עס איז נאָך פאַרבליבן פיר טעג פּסח און ביים „דניעוואַלני״ האָב איך נאָך 50 רובל.

— פאַרוואָס האָט איר געוואָלט אַנטלויפן? דערציילט ווי אַזוי דאָס איז געשען — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר.

איך האָב זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים און דערזען אין אים אַ שטאַרקע ענליכקייט צו די גרוזינישע אידן. דאָס האָט מיר צוגעגעבן מוט. „און אפשר טאַקע״? האָב איך געטראַכט . . .

— איך געפין זיך אין איין באַראַק מיט דעם יונגן בחור — האָב איך געוויזן אויף שמואל׳ן. — מיר זיינען פרומע אידן, וואָס היטן שטרענג אונזערע דינים. היינט איז ביי אונז דער יום־טוב פּסח, האָבן מיר נישט געטאָרט אַר־בעטן. זיינען מיר אַוועק פון אונזער בריגאַדע. מיר האָבן אָבער פאַרבלאָנדזשעט און נישט געפונען דעם וועג צוריק צו דער זאָנע. דערזעענדיק פון דער ווייטנס

אַ מענטש, האָבן מיר אים גערופן. איך האָב אים געפרעגט דעם וועג און דערביי פאַרגעלייגט צו פאַרדיכערן. ער האָט אָבער אָנגעשטעלט אויף אונז דאָס געווער, נישט געוואָלט אויסהערן אונזער אויפקלערונג, נאָר אָפּגעפירט אונז צום שטאָב, באַשולדיקנדיק אונז, אַז מיר האָבן געוואָלט אַנטלויפן.

— אַזוי גאָר? — האָט אויסגערופן דער גאַסט — איר מאַכט זיך ימים־טובים אין לאַגער. אַן אַ דערלויבעניש זייט איר אַוועק פון דער אַרבעט. איך וועל אייך אויסשרייבן אַ רעצעפּט וואָס וועט אייך אויסהיילן פון אייער פויל־קייט . . .

ער האָט אָנגעשריבן אַ באַפעל, אַז פאַרן פאַרלאָזן די אַרבעט אָן אַ דערלויבעניש ווערן די צוויי אידישע אַרעסטאַנטן באַשטראָפט מיט פינף טעג קאַרצער, וואָס באַפרייט זיי נישט פון אַרויסגיין אין די טעג צו דער אַרבעט מיט זייער בריגאַדע.

אַ סאָלדאַט האָט אונז אַוועקגעפירט פון שטאָב אינעם לאַגער. אויפן וועג האָט ער זיך אין אונז נוקם געווען, געשלאָגן אונז מיט דער קאָלבע פון זיין ביקס.

# דער גיהנם אין שניי

ביים וואַך־טויער האָט אונז באַגעגענט אונזער בריגאַדיר, דער „נאַר־יאַדטשיק" און דער נאַטשאַלניק אוטשאַסטקאַ.

— איך האָב געמיינט, אַז איר זייט מענטשן מיט שכל — האָט געזאָגט צו אונז דער נאַטשאַלניק אוטשאַסטקאַ — פון דער היינטיקער מעשה פון אייער אַנטלויפן זע איך, אַז איר זייט נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען. ווען מיר מיט אייך האַנדלען ווי מיט נישט נאָרמאַלע. אָבער איך וואָרן אייך צום לעצטן מאָל: וואַרפט אַוועק די פוילע שטיק און נעמט אייך אַרבעטן ווי אַלע מענטשן, ווען נישט, וועט איר סוף־כל־סוף שלעכט ענדיקן.

מען האָט אונז אָפּגעפירט אין איזאָלאַטאָר. די גנבים האָבן שוין גע־וואוסט וועגן אונזער פרואוו צו אַנטלויפן, וואָס האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַרקט אונזער אָנזען אין זייערע אויגן. זיי האָבן אונז טראַקטירט ווי אייגענע און נישט געטשעפּעט. די פּאַרציע ברויט וואָס מען האָט אונז דעם אָוונט געבראַכט האָבן מיר נישט גענומען צוליב פּסח. די גנבים האָבן געהאַט פּאַראיבל פאַר־וואָס מיר האָבן נישט גענומען דאָס ברויט פאַר זיי.

צומאָרגנס האָט מען אונז אַרויסגעפירט פון איזאָלאַטאָר. מיר האָבן נאָך באַוויזן אַריינצוכאַפּן זיך אין אונזער באַראַק, איבערבייסן אַ שטיקל מצה, און צוזאַמען מיט דער גאַנצער בריגאַדע זיינען מיר אַרויס צו דער אַרבעט. פון די איבערלעבונגען און פונעם הונגער זיינען מיר געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז מיר האָבן נישט געקענט מאַכן אונזער נאָרמע. צו אונזער גרויסן וואונדער האָט אונז קיינער נישט געזאָגט קיין שלעכט וואָרט, אַפילו דער בריגאַדיר

אויך נישט. ער האָט נאָר, ווייזט אויס, געזוכט אַן עצה ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אונז.

ביינאַכט האָט מען אונז צוריקגעפירט אין איזאָלאַטאָר. מיר האָבן געהאַט ביי זיך אַ שטיקל מצה, וואָס האָט געדאַרפט פאַרטרעטן אונזער יום־טוב׳דיקן מאָלצייט.

צומאָרגנס, דאָס איז געווען פרייטאָג, שביעי של פסח, האָב איך גע־זאָגט דעם בריגאַדיר, אַז היינט איז יום־טוב, און מיר וועלן נישט אַרבעטן.

— צום טייוול מיט אייערע ימים־טובים! — האָט ער געזאָגט מיט כעס. — טראָגט אייך אָפּ פון דאַנען, עס זאָל אייך כאָטש קיינער נישט זען. נאָר געדענקט צו קומען צו דער צייט, ווען מיר וועלן צוריקגיין אין דער זאָנע. איך וועל אויף אייך נישט וואַרטן, און היינט, אַז איר וועט נישט קומען, וועט שוין זיין אייער סוף און איך וועל שוין אפשר פּטור ווערן פון אייך. מאָרגן וועל איך אייך בכלל נישט אַרויסנעמען פון איזאָלאַטאָר.

צומאָרגנס, שבת, האָט מען אונז טאַקע נישט אַרויסגעפירט פון איזאָ־לאַטאָר. ווען אַלע זיינען אַרויס צו דער אַרבעט און מיר זיינען געבליבן אַליין, האָב איך און שמואל געדאַוונט און געמאַכט קידוש אויף שטיקלעך מצה. נאָך עטליכע שעה איז געקומען דער נאַריאַדטשיק פון איזאָלאַטאָר און באַפוילן מיר זאָלן גיין מיט אים. עס האָט געוואַרט אויף אונז אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט אונז צוגעפירט צו אַ פאַרם־הייזל, אַרומגערינגלט מיט אַ פּאַרק. ער האָט אונז אַריינגעפירט אין הויף און דערקלערט:

— איר האָט צוויי שעה צייט אויף אָפּרייניקן דאָס פּלאַץ פון שניי. דאָ וואוינט אַ הויכער נאַטשאַלניק — האָט ער צוגעגעבן — און איר דאַרפט ווייזן וואָס איר קענט, כדי ער זאָל זיין צופרידן פון אייך.

צום באַדויערן קענען מיר דאָס נישט טאָן — האָב איך אים געזאָגט — ווייל אויב מיר וואָלטן געמעגט אַרבעטן שבת, וואָלטן מיר דאָך נישט געזעצן אין איזאָלאַטאָר.

— ביי מיר וועט איר נישט פּראָווען אייערע פוילע שטיק — האָט זיך צעשריגן דער סאָלדאַט. — טוט אויס די קליידער! — האָט ער באַפוילן און אָנגעשטעלט אויף אונז זיין ביקס גלייך צום שיסן.

מיר האָבן זיך אויסגעטאָן און אַוועקגעלייגט אונזערע מלבושים אויפן שניי.

— פאַלן! — האָט ווייטער באַפוילן דער סאָלדאַט. מיר זיינען געפאַלן אויף דער ערד.

האַלב נאַקעטע זיינען מיר געלעגן אויפן שניי. די קעלט האָט געשניטן די אברים. דער סאַדיסטישער סאָלדאַט איז געשטאַנען קעגן אונז מיט דער אָנגעשטעלטער ביקס.

— איר וועט דאָ אַזוי געפרוירן ווערן ביז טויט — האָט ער געזאָגט מיט אַ סאַדיסטישער סאַטיספאַקציע. איך האָב געפילט אַז דאָ קען זיין אונזער סוף און געקומען צום אויספיר, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו פאַרלירן. איך האָב

זיך אָנגענומען מיט מוט און אויפגעשטעלט זיך. נאָך מיר האָט דאָס זעלבע געטאָן שמואל. איך האָב געכאַפּט מײַנע קליידער און זיי אָנגעטאָן.

דער סאָלדאַט האָט גענומען נאָך שטאַרקער זידלען און סטראַשען, אַז ער וועט אונז שיסן.

— וועסט נישט שיסן — האָב איך אים געענטפערט. מיר געפינען זיך אין אַ פאַרמאַכט פלאַץ און וועסט נישט האָבן דעם אויסרייד, אַז מיר האָבן געוואָלט אַנטלויפן. אויב דו וועסט אונז שיסן, וועסטו שפּעטער באַקומען טויט־שטראָף. מיר איז אַלץ איינס; שיס, איך וועל שוין סײַ־ווי נישט אַהיים־קומען צו מײַן משפחה . . .

ער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ ווילדער רציחה, אָבער מײַנע ווערטער האָבן, ווייזט אויס, געווירקט אויף אים. ער האָט זיך געוואָרפן אויף אונז שלאָגן מיט דער קאָלבע פון דער ביקס. ער האָט זיך אָבער גלייך צוריקגעצויגן, דערמאָנענדיק זיך ווארשײַנליך, אַז לויט די פאַרשריפטן מוז ער זיך האַלטן דריי מעטער אָפּגערוקט פון אונז, כדי דער אַרעסטאַנט זאָל נישט קענען אַרויסרײַסן די ביקס. איז ער געשטאַנען אַ דערצאָנטער אַנטקעגן אונז. נאָך אַ לענגערע צײַט, ווען ער האָט אויך שוין נישט געקענט מער אויסהאַלטן די קעלט, טראָץ דעם וואָס ער האָט געהאַט אויף זיך אַ פעלץ, האָט ער אונז אָפּגעפירט צוריק אין איזאָלאַטאָר, צוזאָגנדיק, אַז ער וועט וועגן דעם אָנשרײַבן אַ רעפּאָרט. אַפילו דער קאַרצער איז אין דעם מאָמענט פאַר אונז געוואָרן אַ פאַלאַץ. נאָך דער שטאַרקער קעלט האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ איז אַ וואַרעמקייט. מיר האָבן געבענטשט „הגומל" וואָס מיר זײַנען אַרויס פון נאָך איין טויט־געפאַר, געדאַוונט מנחה און מעריב און געגאַנגען שלאָפן.

מיר האָבן געזען באַשײַנפּערליך, אַז אין יעדן אונזער קער, אין אַלע אונזערע מעשים, העלפט אונז דער אויבערשטער און היט אונז אויס פון אַלע סכנות, וועלכע לויערן אויף אונז מצד די מערדער, די נ. ק. וו. ד.

זאָל זײַן געבענטשט זײַן נאָמען אויף אַלע אייביקייטן.

## אַ שמועס מיטן טיוול

נאָך דעם נישט־געלונגענעם פּרוּוו פון אַנטלויפן האָט זיך אונזער לאַגע פיל פאַרערגערט. אין די שבתים האָבן מיר אַרומגעדרייט זיך אויפן פּראָסט און געשוואָלן געוואָרן פון קעלט. קיינער האָט אונז נישט אַרײַנגעלאָזט זיך אָנוואַרעמען, אויס מורא מען זאָל זיי נישט חושד זײַן, אַז זיי העלפן אונז. אין לאַגער איז געווען אַ אידישער דאָקטאָר אַן אַרעסטאַנט, וואָס האָט גע־אַרבעט אין שפּיטאָל פון לאַגער. ער האָט געהאַט רעכט צו באַפרײַען פון דער אַרבעט קראַנקע אַרעסטאַנטן. אָבער מיך און שמואל'ן האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט באַפרײַען, אַפילו ווען מיר זײַנען געווען באמת נישט געזונט. אין לאַגער האָבן אַלע געוווּסט, אַז מיר זײַנען פרומע אידן, און ער האָט מורא

געהאַט, אַז די גאַטשאַלסטוואַ זאָל אים נישט חושד זיין, אַז ער שטייט מיט אונז אין פאַרבינדונג.

ספּעציעל האָט דער דאָקטאָר געהאַט אַ בייז האַרץ אויף מיר.

— איר זייט דער באַלעבאָס איבער אייער לעבן — האָט ער גע'טענה'ט צו מיר. — אָבער צו וואָס מאַכט איר אומגליקליך דעם יונגן בחור. ער איז נאָך כמעט אַ קינד, און גאָרניט געגאָסן פון לעבן. ער איז צו־שוואַך און וועט ניט אויסהאַלטן די שווערע אַרבעט און דעם הונגער. איר וועט עס האָבן אויף אייער געוויסן, ווייל ער איז אַרונטערגעפאַלן פולשטענדיק אונטער אייער השפעה. איר דאַרפט דעריבער ווירקן אויף אים ער זאָל אַרבעטן שבת און דערמיט ראַטעווען זיין לעבן.

צי דער דאָקטאָר האָט געקענט פאַרשטיין אונזער אמונה, אַז דווקא דורך אָפּהיטן דעם הייליקן שבת און אידישקייט — וואָס דאָס איז אונזער אינהאַלט אין לעבן — וועלן מיר זוכה זיין צו לעבן און זיין פרייע מענטשן — זעט אויס אַז ניט.

אין די וואָכן־טעג פלעג איך שווער האָרעווען, כדי נישט אָפּצושטיין פון אַנדערע. איך האָב געוואָלט דערמיט צונעמען ביי די אַרעסטאַנטן דעם אַרגומענט, אַז דער איד אַרבעט נישט שבת, ווייל ער איז פויל. אָבער שמואל איז געווען אַ שוואַכער און האָט נישט געקענט דאָס באַווייזן. זיין שוואַכקייט איז אָבער געווען נאָר אַ פיזישע. גייסטיק איז ער געווען אַ גיבור. וועגן דעם האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן. דאָס איז געשען אונטער די פאָלגנדע אומשטענדן.

איין טאָג איז אונזער בריגאַדע באַשטימט געוואָרן צו אַרבעטן ביים דורכזיפּן זשוויר. מיר האָבן געמוזט אָננעמען אַ גרויסע לאָפּעטע מיט זשוויר, וועלכע איז געשטאַנען אויף אַ הויכן פּלאַץ, כדי דאָס זאַמד זאָל זיך אַראָפּ־שיטן און אין זיפּ זאָלן בלייבן ריינע שטיינדלעך. די אַרבעט איז געווען גאָר אַ שווערע. אַפילו אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען פון דער פריי געווען גע־וואוינט צו פיזישער אַרבעט, האָבן זיך שטאַרק געמאַטערט און נישט געקענט אויספירן די נאָרמע. דערצו נאָך האָט דער בריגאַדיר געיאָגט כסדר, ווייל די נאָרמע איז געווען אַ גרויסע.

איך האָב זיך געמאַטערט איבער די כוחות און נישט געמאַכט ווייניקער פון די אַנדערע, אָבער שמואל האָט נישט געקענט אַפילו אויפהויבן די לאָפּעטע.

שפּעטער, אינמיטן טאָג, איז אָנגעקומען אויפן פּלאַץ וואו מיר האָבן געאַרבעט אַן אויטאָ, פון וועלכן עס איז אויסגעשטיגן אַ נידעריקער און דיקער מענטש. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ מונדיר פון נ. ק. וו. ד. אָן דיסטינקציעס, אַזוי, אַז מען האָט נישט געקענט וויסן וואָס פאַר אַן אָפיצירן־ראַנג ער האָט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס איז געווען דער הויפּט נאַטשאַלניק פון לאַגער, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס סאַדיסט און רוצח, פאַר וועמען עס האָבן גע־ציטערט פון שרעק נישט בלויז די אַרעסטאַנטן, נאָר אויך די אַדמיניסטראַציע פון לאַגער.

אַ לענגערע ווײַלע האָט ער אָבסערווירט אונזער אַרבעט. אַלע נאַטשאַל־ניקעס פון קלענערן ראַנג זײַנען געשטאַנען אַרום אים אויף אַכטונג און גע־קוקט אויף אים מיט שרעק. זײַן אָנקומען האָט אָנגעוואָרפן אויף אַלעמען אַ פּחד. מיר האָבן נאָר מער פאַרשטאַרקט די אינטענסיווקייט פון אונזער אַרבעט. אַרום האָט געהערשט אַ טויט שטילקייט, עס האָט זיך נאָר געהערט דער ריט־מישער קלאַנג פון די שטיינער וואָס זײַנען האַסטיק און שנעל געפאַלן אויף דער זיפּ. פּלוצים האָט ער זיך דערנענטערט צו שמואל׳ן, אַרויסגענומען פון זײַן האַנט די לאָפּעטע און גענומען מיט איר אַרבעטן ווי אַ טייוול. די לאָפּעטעס מיט זשוויר זײַנען בײַ אים געלאָפן ווי פון אַן אויטאָמאַט. קיינער פון אונז האָט אים נישט געקענט דעריאָגן.

נאָך עטלעכע מינוט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, צוריקגעגעבן שמואל׳ן די לאָפּעטע און געזאָגט צו אים: „האָסט געזען ווי מען דאַרף אַרבעטן? דאָ איז נישט קיין אָפּרו הויז״ . . .

אַלע זײַנען געבליבן פאַרשטיינערט אין דערוואַרטונג. איין מענטש איז געווען רואיק און קאַלטבלוטיק. דאָס איז געווען שמואל. ער האָט זיך גע־שטעלט אין דער פּאָזיציע פון אַכטונג און צו אַלעמענס איבערראַשונג געזאָגט:

— בירגער נאַטשאַלניק! פון אַ שטיקל טרוקן ברויט וואָס מיר באַקומען אויף אַ גאַנצן טאָג און פון שלאָפן בלויז עטלעכע שעה אין מעת־לעת אויף גאָלע ברעטער, קען מען נישט אַזוי אַרבעטן אַ לענגערע צײַט.

עס איז געוואָרן אַ שטיקל קאָנסטערנאַציע. אַלע זײַנען געווען זיכער, אַז שמואל איז שוין אַ פאַרשפּילטער, אַז עס דערוואַרט אים אַ גרויסע שטראָף. אויף אַזאַ חוצפּה האָט זיך נאָך קיינער נישט דערלויבט. אויך דער נאַטשאַלניק האָט נישט איבערגעריסן די שטילקייט. ער האָט געקוקט אויף שמואל׳ן, ווי דער ענטפער וואָלט אים שטאַרק געוואונדערט, און נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט איז ער אַרײַן אין אויטאָ און איז אָפּגעפאָרן.

ווען די איבערראַשונג איז פאַרבײַ האָבן אַלע גענומען באַדויערן שמואל׳ן, וואָס איז אין די אויגן פון אַלעמען אויסגעוואַקסן ממש צו אַ העלד און דער־וואָרבן זיך גרויס אויטאָריטעט.

איך בין פון דער מעשה געווען באַאומרואיגט. איך בין געווען איבער־צייגט, אַז דער מערדער וועט נישט אַדורכלאָזן אַזאַ אינצידענט אָן אַ גע־העריקער שטראָף. דערצו נאָך האָט דער בריגאַדיר מיר געזאָגט: דו טראַכסט, אַז זיי ווייסן נישט, אַז אין דעם שטעקט אויך דײַן האַנט. איר קענט זיך שוין ביידע גרייטן צו גיין אויף יענער וועלט, דאָרט וועט איר נישט דאַרפן אַרבעטן שבת . . .

עס זײַנען אַוועק טעג, און צו אַלעמענס פאַרוואונדערונג האָט שמואל נישט באַקומען קיין שום שטראָף. אַלע האָבן זיך געבראָכן די קעפּ און נישט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָ איז געשען. מיר זײַנען געווען איבערצייגט, אַז דאָס האָט די השגחה פון אויבערשטן געראַטעוועט שמואל׳ן.

# עבודת פּרך ביים בעטאָן

י״ד כסלו תרצ״ט איז געקומען דער הויפּט־אָנפירער פון די אַרבעטן און אָנגעזאָגט אונז די בשורה, אַז מיר ווערן אַריבערגעפירט אין אַ בריגאַדע וואָס וועט אַרבעטן ביי בעטאָן. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז דאָס איז ממש אַ גליק, ווייל מיר וועלן אַרבעטן נאָר אַכט שעה אין טאָג און באַקומען בעסער עסן. לויט די פאָרשריפטן אין לאַגער האָבן מיר געדאַרפט אַרבעטן 10 שעה אַ טאָג. פאַקטיש האָט מען געאַרבעט 12 און אַפילו 14 שעה. אויב מען זאָל צורעכענען די צייט וואָס עס האָט פאַרנומען דאָס גיין צו דער אַרבעט און צוריק, ווי אויך די צייט פון די אַפּעלן, זיינען בסך־הכל פאַרבליבן נאָר 4־5 שעה צום שלאָפן. מיט איין וואָרט: מיטן אַריבערפירן אונז צו דער אַרבעט ביים בעטאָן האָבן מיר געהאַנדלט אַ מציאה . . .

זעקס אַזייגער פאַרטאָג זיינען מיר שוין געווען ביי דער וואַכטע. דער פראָסט האָט געבריט און אַלע האָבן געוואַרט מען זאָל אַרויסלאָזן צו דער אַרבעט. די „בעטאָנטשיקעס״ זיינען געווען „יחסנים״, האָט מען אונז אַרויס־געלאָזט די ערשטע.

מיר זיינען אָנגעקומען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ. דאָס איז געווען אַ גרוב פון 100 קוואַדראַט מעטער און בערך 30 מעטער טיף, אין וועלכן מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטריק־לייטער. פון גרויסע רערן האָט זיך אָן אויפ־הער געשאָטן בעטאָן, וואָס מיר האָבן פונאַנדערגעשאָטן אויפן גאַנצן שטח פון גרוב. ווען עס איז שוין געווען אָנגעשאָטן בערך 30 צענטימעטער, האָבן מיר דעם בעטאָן צונויפגעפּרעסט מיט דער הילף פון אַ וויבראַטאָר. דאָס איז געווען אַן עלעקטרישע מאַשין וואָס האָט געטרייסלט מיטן מענטש און אַרויסגעצויגן פון אים די לעצטע כוחות. אַחוץ דעם איז זי געווען זייער שווער און דאָס אַריבערשלעפּן זי פון איין זייט גרוב צום אַנדערן האָט געפאָדערט איבער־מענטשלעכע אָנשטרענגונג. לויט די פאָרשריפטן האָבן די מענטשן וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט ביים וויבראַטאָר געדאַרפט באַקומען גומענע שטיוול און גומענע מאַנטלען, כדי צו שיצן זיך געגן עלעקטרישן שטראָם, וואָס האָט גורם געווען טויט־פאַלן. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, זיינען צוויי מענטשן פון דער בריגאַדע וואָס האָט דאָ געאַרבעט פאַר אונז דער׳הרג׳עט געוואָרן. אין אַזעלכע פאַלן האָט מען אָנגעשריבן אַן אַקט, אַז ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, און דער וויבראַטאָר האָט זיך ווייטער געדרייט.

דער בעטאָן האָט זיך געשאָטן אָן אויפהער און נישט געגעבן קיין מעג־לעכקייט פון אָפּרו אַפילו אויף אַ רגע. נאָך אַכט שעה זיינען מיר געווען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז מיר האָבן קוים געקענט אַרויפגיין אויף דעם לייטער. ביים וואַך־טויער האָבן מיר באַגעגנט אַנדערע בריגאַדעס וואָס האָבן שוין פריער געאַרבעט ביים בעטאָן און געקענט די גליקן . . . זיי האָבן טאַקע געלאַכט פון אונז ווען מיר האָבן זיך אינדערפרי געפּרייט, אַז מיר וועלן נאָר אַרבעטן אַכט שעה. פולשטענדיק אויסגעשעפּט זיינען מיר געקומען אין באַראַק און

געפאַלן אויף די נאַרעס. מיר זיינען געווען אַזוי מיד, אַז ביים אַפּעל האָט מען אונז דערלויבט צו זיצן, ווייל מיר האָבן נישט געקענט שטיין אויף די פיס. דערפאַר אָבער האָבן מיר געהאַט די זכיה, וואָס דער אָנפירער פון די אַרבעטן האָט אונזער בריגאַדע אויסגעצייכנט אַלס די וועלכע האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט, אויספילנדיק די נאָרמע אויף 156 פּראָצענט. דערביי האָט ער געהאַלטן אַ דרשה, אַז וועגן די בריגאַדעס וואָס אַרבעטן ביים בעטאָן און פילן אויס מער ווי 150 פּראָצענט פון דער נאָרמע ווערן איבערגעשיקט ספּעציעלע רעפּאָרטן אין דעם צענטראַלן אָפיס פון נ. ק. וו. ד. אין מאָסקווע און די דאָזיקע מענטשן וועלן פאַר דער צייט באַפרייט ווערן פון לאַגער. פאַקטיש איז דאָס געווען נאָר אַ בלאָף. דער אמת איז געווען, אַז די דאָזיקע מענטשן זיינען „באַפרייט״ געוואָרן דורך דעם, וואָס זיי זיינען פריער געקומען אויפן עולם האמת . . .

די נאַכט זיינען מיר געשלאָפן זעקס שעה. אָבער אויפשטיין איז געווען זייער שווער. אַלע זיינען געווען צעבראָכן, מען האָט נישט געפילט די הענט און פיס פון מידקייט. אָבער פינף אַזייגער האָט מען אונז אויפגעוועקט און מיר זיינען ווידער אַרויס צו דער אַרבעט. דאָס מאָל איז די אַרבעט געווען אַן אַנדערע, כאָטש נישט קיין לייכטערע. מיר האָבן אָנגעלאָדן דעם בעטאָן אויף וועגעלעך, וואָס האָבן געהאַט איין רעדל און צוויי הענטלעך. די וועגעלעך האָבן מיר געשטופּט באַרג אַרויף איבער אַ שמאָל ברעט, פון וואַנען מיר האָבן זיי אויסגעשאָטן אין לאַסט־אויטאָס. נאָך דעם זיינען מיר מיטן ליידיקן וועגעלע געלאָפן צוריק. איבערן ברעט האָבן זיך מיט איין מאָל באַוואויגן 50 וועגעלעך, און איינער האָט געיאָגט דעם צווייטן. דאָ האָב איך ערשט פאַרשטאַנען דעם אמת'ן זין פון עבודת פּרך פון די אידן אין גלות מצרים. יעדעס וועגעלע האָט געוואויגן איבער 100 קילאָ. מיר זיינען געלאָפן הין־און־צוריק. עס האָט זיך פון אונז געגאָסן דער שווייס, עס האָט געקלעמט ביים האַרץ און געשווינדלט פאַר די אויגן. אייניקע פון אונז זיינען אַראָפּגעפאַלן פון ברעט צוזאַמען מיטן וועגעלע. דאָס האָט גורם געווען, אַז אַלע וועגעלעך האָבן זיך פאַרהאַלטן. דאַן האָט דער אויפזעער געזידלט און אַפילו געשלאָגן דעם אומגליקלעכן ביי וועמען דאָס האָט פּאַסירט ביז ער האָט מיט די לעצטע כוחות צוריק אַרויפגעשלעפּט דאָס וועגעלע אויפן ברעט.

צוויי מענטשן פון אונזער בריגאַדע האָבן דעם טאָג גע'חלש'ט. מען האָט אַרויסגערופן דעם דאָקטאָר. דער אויפזעער האָט אָבער געזאָגט, אַז דאָס מאַכן זיי נאָר אַן אָנשטעל, ווייל זיי ווילן נישט אַרבעטן. די מענטשן האָבן זיך אָבער נישט געקענט רירן פון אָרט. זיינען זיי אַזוי געלעגן ביז מיר האָבן געענדיקט די אַרבעט. נאָך דעם האָבן מיר זיי אַרויפגעלייגט אויף ברעטער, און כאָטש מיר האָבן נישט געהאַט קיין כוח צו שלעפּן די פיס האָבן מיר זיי געטראָגן ביז צו דער זאָנע. דאָרט האָט מען זיי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. זיי זיינען ביידע געשטאָרבן.

זייער טויט האָט אויף אונז געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. מיר

זיינען געווען פיזיש און מאָראַליש צעבראָכן. איינינקע האָבן געזאָגט, אַז עס האָט נישט קיין זין צו פּײניקן זיך ווייטער אין אַזעלכע שרעקלעכע באַדינגונגען, ווייל פריער צי שפּעטער וועלן מיר דאָ אַלע אומקומען. אינדערפרי, ווען מען האָט אונז אויפגעוועקט, איז איינער פון אונזער בריגאַדע געלעגן אַ טויטער אונטער דער נאַרע. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אין באַראַק איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. מיר זיינען נישט אַרויס צו דער אַרבעט. עס זיינען אָנגעקומען וועכטער וואָס האָבן מיט קלעפּ און זידלערייען אונז אַרויסגעטריבן. צו דער אַרבעט זיינען מיר אָנגעקומען מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג. מען האָט אונז באַפוילן אַז מיר זאָלן זיך נישט רירן פון אָרט. אַ לענגערע צייט זיינען מיר אַזוי געשטאַנען, ביז עס איז אָנגעקומען אַן אָפיציר פון נ. ק. וו. ד.

— דאָס וואָס איר האָט היינט געטאָן — האָט ער געזאָגט — באַדייט, אַז איר האָט אָרגאַניזירט אַ קאָלעקטיוון סאַבאָטאַזש, און מיר האָבן אַ רעכט צו פאַר׳משפּט׳ן אייך צום טויט. אָבער אַזוי ווי די אָנפירונג נעמט אין אַכט די אומשטענדן אין וועלכע דאָס איז געשען, און הויפּטזעכלעך אייער ביזאיצטיקע אַרבעט, האָבן מיר באַשלאָסן צו האַנדלען מילד לגבי אייך. היינט וועט איר אַרבעטן אַן איבעררייס צוויי שיכטן. מיר גלויבן, אַז מיט אייער ערלעכער אַרבעט וועט איר באַווייזן, אַז דאָס איז געווען אַ צופעליקייט און וועט זיך שוין מער נישט איבער׳חזר׳ן.

דעם טאָג האָבן מיר בכלל געהאַט מזל. צוליב דעם וואָס מיר האָבן זיך פאַרשפּעטיקט איז אונזער אַרבעט ביים בעטאָן שוין געווען פאַרנומען דורך אַ צווייטער בריגאַדע. אונז האָט מען געשיקט אויף אַ צווייטן אַרבעטס־פּלאַץ, וואו דער אויפזעער איז גראָד געווען אַ איד. ער האָט מיך גלייך דערקענט און מיר געגעבן אַ לייכטע אַרבעט. אויף דער צווייטער שיכט האָבן מיר נאָר געאַרבעט ביז האַלבער נאַכט, ווייל מער קיין אַרבעט האָט ער נישט געהאַט פאַר אונז. ער האָט אונז דערלויבט אַריינצוגיין אין קאַנטאָר, וואו מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן אויפן דיל. אינדערפרי האָט ער אונז געגעבן אַ באַשטעטיקונג, אַז מיר האָבן געאַרבעט פולע צוויי שיכטן און אויסגעפירט אונזער נאָרמע אויף 200 פּראָצענט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען מיין בריגאַדע און דער בריגאַדיר זיינען געווען צופרידן פון מיר, זייער איד. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן זיי געגנאָסן אין מיין זכות . . .

מיט דער צייט האָב איך זיך באַפריינדעט מיט דעם זעלבן אויפזעער. ער האָט מיך גענומען אויף עטלעכע טעג צו אַרבעטן אין זיין קאַנטאָר (ביוראָ), האָט מיר געגעבן ברויט און צוקער, און ביי אַ געלעגנהייט האָט ער מיר דערציילט ווי אַזוי ער איז געקומען אויף זיין איצטיקן פּאָסטן.

— מיין זיידע איז געווען אַ פרומער איד — האָט ער מיר דערציילט — דער טאַטע איז געשטאָרבן זייער יונג און איך בין דערצויגן געוואָרן ביי מיין פעטער, אַן אינזשעניר, וואָס האָט מיר געגעבן בילדונג און איך בין אויך

געוואָרן אַ בוי־אינזשעניר. איך בין שוין נישט געווען קיין חסיד, אָבער אַ רעליגיעזער מענטש בין איך געווען. יום טוב פלעג איך גיין צום דאַווענען און געגעבן סטאַבילע נדבות פאַר דער שול. מיטאַמאָל איז געקומען אַ באַפעל צו פאַרמאַכן די שול. האָבן די אידן פון דער שטאָט געזאַמלט אונטערשריפטן פאַר אַ בקשה צו דער מאַכט אַז מען זאָל אָפּרופן די גזירה. איך האָב אויך אונטערגעשריבן די בקשה. די גזירה האָט מען נישט אָפּגערופן, דאַקעגן האָט מען מיך אַרעסטירט און באַשולדיקט אַז איך פיר אַן אַגיטאַציע געגן דער ראַטנמאַכט דורך פּראָפּאַגירן פאַנאַטיזם צווישן דער יוגנט. מען האָט מיך פאַר׳משפט אויף צען יאָר, וואָס איך בין אָפּגעזעסן אין דעם לאַגער. ווען דער טערמין האָט זיך געענדיקט האָבן זיי מיר „פאַרגעלייגט" אַז איך זאָל בלייבן דאָ אַרבעטן, ווייל זיי האָבן נישט קיין ספּעציאַליסט וואָס זאָל מיך קענען פאַרטרעטן. איך האָב געוואוסט, אַז אויב איך וועל נישט מסכים זיין וועלן זיי סיי־ווי מיך צווינגען צו פאַרבלייבן, אָבער שוין נישט אַלס פרייער אַרבעטער, נאָר אַלס אַרעסטאַנט אויף ווייטערדיקע 10 אָדער אַפילו 20 יאָר. האָב איך „מסכים" געווען . . .

ער האָט געהאַט גרויס מיטלייד מיט מיר און צוגעזאָגט אַז ער וועט זיך באַמיען צו טאָן וואָס ער וועט נאָר קענען אַז מען זאָל מיך איבערפירן צו אַ לייכטערער אַרבעט אין קאַנטאָר ביי מיין ספּעציאַליטעט.

## איך אַרבעט אין קאַנטאָר

דאָס איז געווען שבת. איך בין געזעסן אין קאַרצער דערפאַר וואָס איך האָב נישט געאַרבעט. אימיטן טאָג איז געקומען דער „נאַריאַדטשיק" און באַפוילן איך זאָל צוריקגיין אין באַראַק. דאָרט האָט געוואַרט אויף מיר דער נאַטשאַלניק פון דער פּלאַנירונג אָפּטיילונג וואָס האָט מיר געזאָגט, אַז לויטן באַפעל פון אַ סאַניטאַרישער קאָמיסיע האָט מען מיך באַפרייט פון דער אַרבעט ביים בעטאָן און צוגעטיילט צו דער אַרבעט אין זיין אָפּטיילונג. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט נישט געשטימט מיטן אמת. פאַקטיש איז וועגן מיר געווען אַ באַפעל, אַז ביז איך וועל נישט מסכים זיין צו אַרבעטן שבת זאָל מען מיך שיקן צו די שווערסטע אַרבעטן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מיר געהאָלפן דער אידישער אינזשעניר, ביי וועמען מיר האָבן מיט עטלעכע טעג צוריק געאַרבעט צוויי שיכטן. שפּעטער האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז נישט געווען בלויז צוליב מיין טובה. זיי האָבן באַדאַרפט דרינגענד אַרויסשיקן אַ פּלאַן קיין מאָסקווע און נישט געהאַט קיין מענטש מיט מיינע קוואַליפיקאַציעס, וואָס זאָל זיי קענען מיט דעם העלפן.

זונטאָג בין איך אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט נאָרמאַל מיט מיין בריגאַדע. ווען מיר זיינען געקומען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ האָט דער בריגאַדיר מיך געשיקט אין קאַנטאָר פון דער פּלאַנירונג אָפּטיילונג און אָנגעזאָגט, אַז

אין אָוונט זאָל איך צוריקקומען מיט אַ באַשטעטיקונג פון נאַטשאַלניק, ווייל די אַרבעט אין קאָנטאָר איז נאָר אַ צייטווייליקע.

אַכט אַזייגער איז אָנגעקומען דער נאַטשאַלניק פון דער פּלאַנירונג אָפּ־טיילונג, מיכאַאיל אַלעקסאַנדראָוויטש. ער האָט מיר דערקלערט, אַז אָפיציעל טאָר מען מיך נישט באַשעפטיקן אין קאָנטאָר, ווייל איך בין באַשטראָפט פאַר מיין נישט אַרבעטן שבת, אָבער במשך פון דריי וואָכן מוז מען צוזאַמענ־שטעלן דעם פינאַנץ־פּלאַן פאַר די בויאונגען אויפן יאָר 1939, און ער איז נישט בכוח אַליין דאָס צו מאַכן צו דער באַשטימטער צייט. „די פאַרוואַלטערן האָט מסכים געווען איך זאָל אייך צייטווייליק דאָ באַשעפטיקן — האָט ער געזאָגט — נאָר מיטן באַדינג, אַז אין פאַל ווען די דריטע אָפּטיילונג פון נ.ק.וו.ד. וועט זיך דערוויסן, נעמט איר אויף זיך די פולע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, און אַז זי האָט פון דעם נישט געוואוסט. דעריבער מוזט איר זיין פאָרזיכטיק און נישט וואַרפן זיך אין די אויגן. איך וועל אייך פאַרשליסן אין מיין צימער און איר זאָלט דאָרט קיינעם נישט אַריינלאָזן. איך אַליין וועל אייך ווייניק קענען העלפן — האָט ער געזאָגט צום סוף — ווייל איך בין פאַרנומען מיט אַנדערע אַרבעט".

ער האָט מיר געגעבן אַ פּאַק פּאַפּירן און איז אַרויס. די דאָקומענטן זיינען געווען צעוואָרפן אָן אַ סדר און איך האָב זיך לאַנג געמאַטערט ביז איך האָב זיי געבראַכט אין אָרדענונג. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין צוזאַמענ־שטעלן דעם פינאַנציעלן פּלאַן, וויפל געלט מען וועט דאַרפן אויף די בוי־אונגען במשך פון יאָר, מיט אַ גראַפיק, וויפל געלט מען וועט דאַרפן אויף די באַזונדערע אויסגאַבן יעדן חודש. אויף דער פריי, ווען איך האָב געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער, איז מיר אויסגעקומען צו מאַכן ענלעכע פּלענער, אָבער קיינמאָל נישט פון אַזאַ גרויסן פאַרנעם. דערצו האָב איך שוין נישט געאַרבעט דערביי אַ לענגערע צייט, און עס איז מיר דעריבער נישט אָנגעקומען לייכט.

איך האָב זיך אַריינגעלאָזט אין דער אַרבעט, און נישט באַמערקט, אַז ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. איך האָב נישט געוואוסט ווי שפּעט ס'איז, ווייל אַרעסטאַנטן האָבן נישט געטאָרט האָבן ביי זיך קיין זייגערס. דער ברי־גאַדיר האָט מיר אָבער אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל נישט שפּעטער ווי אַכט אַזייגער זיין אויף דער וואַכטע, כדי די גאַנצע בריגאַדע זאָל נישט דאַרפן וואַרטן אויף מיר, ווייל אויב איינער האָט געפעלט, האָט מען די גאַנצע בריגאַדע נישט אַריינגעלאָזט אין דער זאָנע פון לאַגער.

ווען דער נאַטשאַלניק איז געקומען און געזאָגט, אַז ס'איז שוין ניין אַזייגער, בין איך אויפגעשפּרונגען פאַר שרעק. ער איז געווען זייער צופרידן פון מיין אַרבעט, און אַפילו מיך געוואָלט מכבד זיין מיט אַ טרונק בראָנפן. איך האָב, צו מיין באַדויערן, זיך געמוזט אָפּזאָגן. איך בין געלאָפן צו דער וואַכטע, ווי עס וואָלט מיך געיאָגט אַ סטאַדע וועלף. מיין מזל איז געווען, וואָס אַ גאַנצע בריגאַדע האָט זיך גראָד פאַרשפּעטיקט, און די גאַנצע קאָלאָנע האָט געוואַרט אויף איר קומען.

דער בריגאַדיר האָט מיר געוואָרנט, אַז אויב איך וועל אַ צווייט מאָל פאַרשפּעטיקן און זיי וועלן דאַרפן אויף מיר וואַרטן, וועלן זיי מאַכן פון מיר קאָטלעט. בכלל זיינע זיי באַלד פון ערשטן טאָג אָן געווען אין כעס אויף מיר צוליב דעם וואָס איך האָב אַ לייכטע אַרבעט. אין באַראַק האָט קיינער צו מיר נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. זיי האָבן זיך נישט צוריקגעהאַלטן און אָפן גערעדט צווישן זיך:

— דער איד אַרבעט זיך אין אַ וואַרעמער קאַנטאָר און מיר דאַרפן אַרויסגיין אויף שווערער אַרבעט אויפן פראָסט . . . פאַרשטייט זיך, אַז דער בריגאַדיר האָט זיי אונטערגעהאַלטן — אַז אַלע אידן דרייען זיך אַריין אויף לייכטע אַרבעטן . . . איך האָב געמוזט שווייגן.

די נאַכט בין איך געשלאָפן בלויז עטלעכע שעה. אינדערפרי בין איך אויפגעשטאַנען מיט אַלעמען גלייך און אַרויסגעגאַנגען מיט מיין בריגאַדע. איך בין געווען גליקלעך וואָס איך מוז נישט גיין צו דער שווערער אַרבעט ביים בעטאָן. אין קאַנטאָר בין איך געווען אַליין. מיכאַאיל אַלעקסאַנדראָוויטש האָט נאָך פריער געזאָגט, אַז היינט וועט ער נישט קומען, ווייל ער איז פאַר־נומען מיט אַנדערע ענינים. פּלוצים איז אַריינגעקומען די פּאַרוואַלטערן.

— וואָס טוט איר דאָ? פאַרוואָס זייט איר נישט אויף דער אַרבעט מיט אייער בריגאַדע? — האָט זי געפרעגט, מיט אַן אָנשטעל ווי זי וואָלט פון גאָרנישט געוואוסט. דער שומר האָט זיך דערשראָקן און איז אַרויס פון צימער. ערשט דאַן האָט זי מיך געבעטן, איך זאָל איר דערציילן וואָס איך האָב שוין געמאַכט. זי איז געווען זייער צופרידן פון מיין אַרבעט.

— וואָס פאַר אַ שולע האָט איר געענדיקט? האָט זי געפרעגט.

איך האָב איר געזאָגט דעם אמת, אַז איך האָב געלערנט נאָר אין אַ ישיבה, און אַז בוכהאַלטעריע האָב איך זיך אויסגעלערנט ביי פּראַקטישער אַרבעט. זי האָט זיך שטאַרק געוואונדערט.

— איך האָב געמיינט, אַז די וואָס לערנען אין ישיבה טויגן זיך נישט אויס צו קיין וועלטלעכע ענינים. כאָטש מיינט נישט, אַז איך האָב בכלל נישט קיין אַנונג אין אידישקייט — האָט זי צוגעגעבן. — מיינע עלטערן זיינען שוין נישט געווען קיין רעליגיעזע מענטשן, אָבער מיין זיידע איז געווען אַ שוחט. איך וואָלט אייך גערן געהאָלפן — האָט זי ווייטער געזאָגט — נאָר לגבי אייך איז דאָ אַ ספּעציעלע רעקאָמענדאַציע פון נאַטשאַלניק פון נ. ק. וו. ד. זיי האָבן וועגן אייך זייער אַ שלעכטע מיינונג צוליב דעם, וואָס איר ווילט נישט אַרבעטן שבת. צי איז דאָס באמת אַזוי וויכטיק? אויב איר וואָלט רעזיגנירט פון אייער עקשנות, וואָלט איך מיט דער צייט געקענט זיך באַמיען, אַז איר זאָלט סטאַביל אַרבעטן אין קאַנטאָר, בפרט ווען דאָ נויטיקט מען זיך אין אַ מענטש מיט אייערע קוואַליפיקאַציעס.

איך האָב איר ג'עדאַנקט און דערקלערט, אַז דאָס איז פאַר מיר אַ לעבנס־פראַגע, און אונטער קיינע באַדינגונגען וועל איך נישט מותר זיין פון אָפּהיטן די הייליקייט פון אונזער שבת.

— איך באַוואונדער איך באמת — האָט זי געזאָגט. — אויב אַזוי, וועט איר דערווייל דאָ אַרבעטן ווי לאַנג ס׳וועט זיך לאָזן.

זי האָט זיך מיט מיר געזעגנט און איז אַרויס.

זיבן אַזייגער אין אָוונט איז געקומען מיכאַאיל אַלעקסאַנדראָוויטש. ווען איך האָב אים דערציילט וועגן דעם וויזיט פון דער „באַלעבאָסטע" (אַזוי האָט מען גערופן די פאַרוואַלטערן אין לאַגער), איז ער געווען צופרידן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט מיך נישט לאָזן אַרבעטן אין קאַנטאָר. יענעם טאָג בין איך געווען ביי דער וואַכטע צו דער באַשטימטער צייט. דער בריגאַדיר איז געווען צופרידן, ווייל דעם טאָג האָט מען פאַרשריבן, אַז די בריגאַדע האָט אויסגעפירט איר נאָרמע אויף 150 פּראָצענט, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געשטימט מיטן אמת. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן זיי מיר צו פאַרדאַנקען.

דעם אָוונט נאָכן אַפּעל האָט מען אונז געפירט אין דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג אויף אַ מעדיצינישער קאָמיסיע. די קאָמיסיע האָט כלומר׳שט געדאַרפט קוואַליפיצירן צו וואָס פאַר אַן אַרבעט דער געגעבענער אַרעסטאַנט איז פּייאיק. אָבער ווי אַלץ אין דעם לאַגער, איז דאָס אויך געווען אַ פאָרמעלע פּיקציע. אין דער קאָמיסיע איז געזעסן אַ דאָקטער, וועלכער איז אָבער אויך געווען אַן אַרעסטאַנט. דעצידירט האָט סיי־ווי דער נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד ווען איך בין צוגעקומען צום טיש, האָט די דאָקטאָרשע, אַ פרוי, געקוקט אויף מיר מיט רחמנות, אָבער איינגעשריבן אין פאָרמולאַר האָט זי מיך אין דער ערשטער קאַטעגאָריע, ווייל אַזוי האָט געוואָלט דער נאַטשאַלניק, און איך בין ווייטער געווען באַשטימט צו שווערער אַרבעט.

דערווייל אָבער בין איך נאָך געווען אַ גליקלעכער. איך האָב געאַרבעט אין קאַנטאָר. אַ גאַנצן טאָג בין איך געווען אַליין. מיין באַלעבאָס, מיכאַאיל אַלעקסאַנדראָוויטש, פלעגט קומען אין אָוונט אַ שיכור׳ער און קאָנטראָלירן וואָס איך האָב געטאָן אַ גאַנצן טאָג.

פרייטיק האָב איך געאַרבעט נאָר ביז ליכט־בענטשן. מיכאַאיל אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געוואוסט, אַז איך וועל שבת נישט אַרבעטן, אָבער כדי מיר איינשפּאָרן צרות, האָט ער געזאָגט, איך זאָל קומען אין קאַנטאָר, און וועל דאָ קענען זיך אָפּרוען און שלאָפן אַ גאַנצן טאָג.

ווען איך האָב שבת אינדערפרי דערקלערט דעם בריגאַדיר, אַז איך גיי היינט אַרויס נאָרמאַל צו דער אַרבעט, איז ער געווען זייער צופרידן. ענדליך, האָט ער געטראַכט, בין איך געקומען צום שכל . . . איך בין אויך געווען צופרידן. דאָס איז געווען דער ערשטער שבת, ווען איך בין נישט געווען אין קאַרצער. איך האָב זיך פאַרשלאָסן אין קאַנטאָר. איך האָב נאָר באַוויזן אָפּצודאַווענען, האָט מיר מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש געבראַכט ברויט, און אַפילו אַ ביסעלע משקה.

איך האָב אָפּגעגעסן און געלייגט זיך שלאָפן. פאַרנאַכט האָב איך גע־דאַוונט מנחה, געפּראַוועט שלוש־סעודות, און אין אָוונט איז געקומען מיכאַיל

אַלעקסאַנדראָוויטש, וועלכער האָט מיר געגעבן אַ צעטל צום בריגאַדיר, אַז איך האָב דעם טאָג ערלעך געאַרבעט. אַזאַ שבת האָב איך שוין באמת לאַנג נישט געהאַט.

די גליקן האָבן אָבער שוין נישט לאַנג געדויערט. אויפן קומענדיקן זונטאָג האָט די פּאַרוואַלטערן געמוזט פּאָרן מיטן פּלאַן קיין מאָסקווע. איך האָב אים געמוזט האָבן גרייט צו דער באַשטימטער צייט. פּרייטיק פּאַרנאַכט האָב איך איר אַלץ איבערגעגעבן. אַלס אָנערקענונג האָט זי מיר געשאָנקען אַ וואַרעמען פּוטער און אַ קילאָ צוקער. ביידע זאַכן זיינען אין לאַגער געווען פון אַזאַ ווערט, אַז עס לאָזט זיך גאָרנישט שאַצן. צומאָרגנס האָב איך ווידער פּאַרבראַכט דעם שבת אין קאַרצער.

# אין „בור" צווישן גזלנים

די גליקן פון מיין אַרבעט אין קאַנטאָר האָבן זיך שנעל געענדיקט. מען האָט מיך ווידער געשיקט אין מיין בריגאַדע צו דער אַרבעט ביים בעטאָן. דער בריגאַדיר האָט מיך געשטעלט צו דער שווערסטער אַרבעט ביי דעם וויבראַטאָר. די מאַשין האָט במשך פון טאָג מיך אויסגעטרייסלט ביז צו די לעצטע כוחות. דערצו נאָך איז די דאָזיקע אַרבעט געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות גע׳הרג׳עט צו ווערן פון עלעקטרישן שטראָם. עס איז מיר אָבער געלונגען שנעל צו באַהערשן דעם מעכאַניזם פון דער מאַשין און איך האָב אויסגעפירט העכער 150 פּראָצענט פון דער נאָרמע. דער בריגאַדיר האָט מיר אָבער פאַרשריבן קוים 100 פּראָצענט. דאָס איבעריקע האָט ער צוגעשריבן אַ צווייטן וואָס איז געווען פון זיינע מענטשן. ברויט האָב איך אויך באַקומען וויי‏ניקער פון אַנדערע, ווייל איך בין געווען כסדר באַשטראָפט צוליב מיין נישט אַרבעטן שבת. צוליב די זעלבע סיבות האָט מען מיר אויך נישט אויס־געצאָלט גאָרנישט פון מיין געלט, וואָס איך האָב געהאַט אין דעפּאָזיט, און איך האָב זיך גאָרנישט געקענט קויפן. איך האָב געשוויגן, ווייל איך האָב נישט געוואָלט נאָך מער פאַרערגערן מיין לאַגע. אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצע וואָך. איך בין געווען אַזוי אויסגעמאַטערט און שוואַך, אַז איך האָב זיך שוין קוים געהאַלטן אויף די פיס.

דאָנערשטאָג ביינאַכט האָט מען מיך אויפגעוועקט פון שלאָף און געהייסן אָנטאָן. לעבן באַראַק האָבן אויף מיר געוואַרט צוויי סאָלדאַטן מיט טרענירטע הינט. זיי האָבן מיך געהייסן גיין פאַראויס. איך האָב נישט געוואוסט וואוהין זיי פירן מיך. ווען מיר זיינען אַרויס פונעם טויער פון לאַגער האָבן זיי מיך גענומען טרייבן איך זאָל לויפן. זיי האָבן אָנגערייצט די הינט און מיטן געשריי: גיכער, גיכער, זיינען מיר געלאָפן אַ היפּשע צייט ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו אַ צוויי־שטאָקיקער געביידע. עס איז נישט געווען קיין שום שילד, און

ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז געווען די דריטע אָפּטיילונג.

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער. ביי אַ שרייב־טיש איז געזעסן אַ דיקער מענטש אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר אויגן וואָס נעמען דורך און געלאָזט מיך שטיין ביי דער טיר נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. אויפן טיש איז געלעגן אַן אָפענע טעקע, אין וועלכער ער האָט געבלעטערט. נאָך עטלעכע מינוט פון פיינלעכער שטילקייט האָט ער אויפגעהויבן זיין בליק און געזאָגט:

— דו מיינסט, אַז מיר ווייסן נישט, אַז דו האָסט געאַרבעט אין קאָנטאָר און דערביי נאָך געפּראַוועט דיינע שבתים? דאָס האָבן מיר דיר געוואָלט ווייזן, אַז מען קען ביי אונז אַרבעטן אין אַ וואַרימען צימער און נישט ביי אַ שווער פיזישער האַרעוואַניע. איך מוז דיר מודה זיין, אַז פון דיין אַרבעט אין קאָנטאָר זיינען מיר געווען צופרידן. וויזט אויס, אַז דו קענסט באמת די דאָזיקע אַרבעט. איצט האָסטו אַ שאַנס צו לעבן ווי אַ מענטש. אויב דו וועסט אַרבעטן אין קאָנטאָר וועלן מיר דיך אויך אַריבערפירן פון לאַגער אין באַראַק פאַר אָנגעשטעלטע, וואו דו וועסט האָבן אַ מאַטראַץ, אַ קאָץ און אַ קישן, און אפילו אַ ליילעך. נאָר אויף איין באַדינג, דו מוזט אויפהערן צו פּראַווען די משוגענע שטיק מיט דיין זשידאָווסקן שבת. איך גיב דיר עטלעכע טעג צייט אויף צו באַטראַכטן. אויב דו וועסט אַרויסגיין נאָרמאַל צו דער אַרבעט דעם קומענדיקן שבת מיט דיין בריגאַדע און וועסט זיך אויפפירן ווי געהעריק, וועלן מיר דיך נאָך עטלעכע וואָכן איבערפירן צו דער אַרבעט אין קאָנטאָר. ווי דו זעסט — האָט ער פאַרענדיקט — איז דער גורל פון דיין לעבן אין דיינע אייגענע הענט.

— איך פאַרשטיי דאָס זייער גוט — האָב איך געזאָגט — אָבער אונזער תורה פאַרבאָט אונז שטרענג צו אַרבעטן שבת, דעריבער קען איך אייך שוין געבן מיין תשובה . . .

אויף אַזאַ ענטפער האָט ער, ווייזט אויס, זיך נישט געריכט. ער איז געוואָרן רויט פון כעס און געגומען שרייען: „דו פאַרגעסט וואו דו געפינסט זיך? דו מיינסט, אַז דאָס איז אַ סאַניגאָגע?" ער האָט זיך צוגערוקט צום טיש, געגעבן אַ דריק אינעם קנעפּל פון גלעקל און אויף זיין רוף זיינען אַריין מיינע צוויי באַגלייטער.

— פירט אָפּ דעם סוואָלאָטש אין בור — האָט ער אויסגערופן — און זאָל ער דאָרט פאַרבלייבן ביז מיין וויטערדיקער פאַראָרדענונג . . .

דער „בור" איז געווען אַן איזאָלירטע תפיסה אין לאַגער. דאָרט האָט מען געהאַלטן מערדער־רעצידיוויסטן, וואָס האָבן געהאַט לאַנג־טערמיניקע אורטיילן, הפקר־מענטשן וואָס האָבן זיך נישט גערעכנט מיט קיין שום זאַך. זיי האָבן נישט טאָלערירט קיינעם פון אויסער זייער סביבה. אויב די אַדמיניסטראַציע פון לאַגער האָט געוואָלט פּטור ווערן פון אַ נישט באַקוועמען אַרעסטאַנט, האָבן זיי אים אַריינגעזעצט אין „בור" און פאַר אַ פּלעשל בראָנפן האָבן די גזלנים אים גע'הרג'עט.

מיר זיינען אָנגעקומען צו אַ הילצערנער געביידע, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָטן. פון אַלע זייטן זיינען געווען אָבסערוואַציע־טורעמס, אויף וועלכע עס זיינען געשטאַנען וועכטער. אַן אָפיציר האָט געעפנט דאָס טויער און אַ כאַפּטע הינט איז מיך באַפאַלן און גענומען בילן. דער אָפיציר האָט פאַרשריבן מיינע פערסאָנאַליען און מיך אַריינגעפירט אין אַ באַראַק. הינטער מיר האָט זיך פאַרשלאָסן אַן אייזערנע טיר. איך בין געווען אין „בור”.

דאָס איז געווען אַ גרויסער קאַמער. אין דער לענג פוןביידע זייטן ווענט זיינען געווען אייזערנע, צוויי־שטאָקיקע פריטשעס, אינמיטן איז גע־שטאַנען אַן אויוון אין וועלכן עס האָבן זיך געברענט גרויסע ברעווגעס האָלץ. כאָטש אין דרויסן איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט איז אין קאַמער געווען אַ היץ ווי אין אַ באָד. איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז איך געפין זיך צווישן וועלף. פון מיין דערפאַרונג האָב איך שוין געקענט די פּסיכאָלאָגיע פון אַזעלכע פאַרברעכנס. איך האָב געוואוסט, אַז מיט מורא אָדער דורך בעטן רחמנות קען מען ביי זיי נישט געווינען. דער איינציקער מעטאָד איז מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ שטאַרקן מענטשן.

איך האָב פאַרנומען אַ פרייען פלאַץ לעבן אויוון, אויסגעטאָן מיינע נאַסע מלבושים וואָס איך האָב אָוועקגעלייגט טריקענען, געלייענט קריאת־שמע, און ווי איך וואָלט שוין דאָ געווען פון לאַנג אַן איינוואוינער האָב איך פאַר־נומען אַן אָרט אויף דער פּריטשע. אַ מידער פון אַ גאַנצן טאָג אַרבעט ביים בעטאָן און פון לויפּעלישן און איבערלעבונגען אין דעם אָוונט בין איך גלייך איינגעשלאָפן. פלוצים האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן ווייטאָק. איך האָב זיך אויפגעוועקט און דערזען, אַז דאָס האָט מיר איינער פון דער חברה דערלאַנגט מיט אַ שטיק האָלץ.

— וואָס איז מיט דיר געשען — האָב איך אים געפרעגט אין אַ טאָן פון אויפרעקונג — וואָס דו וועקסט מיך מיט קלעפּ?

— איך וועק דיך שוין אַ לענגערע צייט און דו מאַכסט זיך נישט הערנדיק — האָט ער געזאָגט — קריך אַראָפּ פון דער נאַרע וועלן מיר זיך דורכשמועסן.

— מיר וועלן נאָך האָבן גענוג צייט צו שמועסן, דערווייל איז נאָך פינסטער און איך וויל שלאָפן — האָב איך אים געענטפערט און אויסגעדרייט זיך אויף דער אַנדערער זייט, ווי ניט מיר מיינט מען.

— ווייזט אויס, אַז דו ווייסט נאָך נישט וואו דו געפינסט זיך — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער פון די גזלנים — איך האָב געהערט, אַז דו ביזט אַ גלויביקער, איז קריך אַראָפּ פון דער פריטשע און זאָג אָפּ ווידוי פאַר דיין אידישן רבונו של עולם, ווייל עס קען זיין אַז דו זאָלסט נישט באַווייזן אַרויסצוקומען אַ לעבעדיקער פון דאַנען.

— אויב אַזוי, האָב איך דאָך אַוודאי צייט — האָב איך געענטפערט מיט אַ געמאַכטער קאַלט־בלוטיקייט — איז טשעפּעט מיך נישט, וועל איך קומען אויף יענער וועלט אַן אויסגעשלאָפענער.

מיינע ווערטער האָבן, ווייזט אויס, אַרויסגערופן ביי זיי אַ קאָנסטער־נאַציע. איך האָב ווייטער געמאַכט דעם אָנשטעל אַז איך שלאָף, אָבער איך האָב באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט אַ שטיק האָלץ אין פּוס נאָכאַמאָל, האָב איך זיך אויפגעזעצט און געפרעגט „ווער איז דאָ דער ׳באַטקאָ׳ ״? („באַטקאָ״ באַדייט אויף רוסיש טאַטע, אַזוי באַצייכנט מען אין דער אונטערוועלט דעם פירער פון אַ באַנדע).

— ווער ביזטו, וואָס מיר דאַרפן זיך פאַר דיר פאַרשטעלן — האָט זיך אָנגערופן איינער, וואָס איז טאַקע געווען דער „באַטקאָ״.

— איך בין נישט קיין גרעסערער יחסן פון אייך — האָב איך גע־ענטפערט — אָבער אַזוי ווי איר הייסט מיך זאָגן ווידוי, וויל איך כאָטש וויסן פאַר וועלכע זינד איר דאַרפט מיך הרג׳ענען.

— דו הויבסט מיר אָן צו געפעלן — האָט אויסגערופן אַ צופרידענער דער „באַטקאָ״ — מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביזט אַ פרומער און אַ פּאָליטישער שונא פון לאַנד. אָבער ווען איך האָב נעכטן געזען ווי דו ביזט אַריינגעקומען, האָסט אויפגעהאָנגען דיינע זאַכן צום טריקענען און נישט מורא געהאַט אַז מיר וועלן דיר עפּעס צונעמען, האָסטו באַלד געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַן אייגענעם. איצט פאַרשטיי איך שוין גאָרנישט.

— פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט? זיי האָבן דיר אַוודאי עפּעס צוגע־זאָגט, אַז דו זאָלסט מיך אָוועקלייגן, און שפּעטער וועלן זיי דיך פאַר׳משפּט׳ן צום טויט. אויף אַזאַ אופן ווילן זיי פון אונז פּטור ווערן, מיר זאָלן זיך אַליין אויס׳הרג׳ענען.

און אַזוי איז אַוועק אַ לאַנגער שמועס, און זיי האָבן מיך שוין באמת באַטראַכט פאַר אַן אייגענעם. דערווייל איז געוואָרן טאָג. צוויי אַרעסטאַנטן זיינען אַוועק ברענגען עסן. צו מיין איבערראַשונג האָט דער „באַטקאָ״ מיר געגעבן צוויי פּאַרציעס ברויט, און נאָך דערצו אַ פּאָרציע צוקער.

— נעם — האָט ער געזאָגט — היינט איז ביי דיר שבת, וועסטו האָבן צו דער סעודה. דו וואונדערסט זיך פון וואַנען איך ווייס דאָס — האָט ער צוגעגעבן — ביי אונז אין דאָרף האָט געוואוינט אַ איד. דאָס איז געווען פאַר דער רעוואָלוציע, איך בין נאָך דאַן געווען אַ קליין אינגל. יעדן שבת פלעג איך דאָרט קומען פאַרלעשן דעם לאָמפּ, איינהייצן דעם אויוון, פּאַשען די פערד. דערפאַר פלעג איך דאָרט עסן און פאַרברענגען מיט זיי שבתים. איך קען קיינמאָל נישט פאַרגעסן די נאַכט פון פרייטיק. די ליכט אויפן טיש, די גוטע מאכלים און די ניגונים וואָס זיי האָבן געזונגען . . .

אַ גאַנצן טאָג איז קיינער נישט געקומען אין „בור״. מיינע „חברים״ האָבן געשפּילט אין קאָרטן און איך בין געשלאָפן אויף מיין וואַרימען פּלאַץ לעבן אויוון. קיינער האָט מיך מער נישט געטשעפּעט. איך האָב געדאַוונט און דאַן געפּראַוועט די שבת׳דיקע סעודה און געזונגען זמירות אויפן קול. דער דאָזיקער שבת צווישן גזלנים איז געווען דער רואיגסטער פון אַלע שבתים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין לאַגער. נאָך דער סעודה האָבן זיי מיך געבעטן

איך זאָל זיי דערציילן פאַרוואָס מען האָט מיך געמשפּט, און דער עיקר האָט זיי אינטערעסירט ווי אַזוי איך בין אַנטלאָפן. אגב, האָט די מעשה מיטן אַנטלויפן שטאַרק געהויבן מיין אַנזען ביי זיי און אין אַ גרויסער מאָס געווירקט דערצו וואָס זיי האָבן מיך נישט גע׳הרג׳עט.

צוויי וואָכן בין איך געווען אין „בור״. זיי האָבן מיך אַהין געשיקט מיטן ציל מען זאָל מיך דאָ פייניקן און אפשר גאָר הרג׳ענען. פאַקטיש האָב איך דאָ געהאַט אַ גוטן אָפּרו. דאָס האָט זיך אָבער געענדיקט. מען האָט די גזלנים אַוועקגעשיקט מיטן עטאַפּ און איך בין געבליבן איינער אין „בור״.

אין צווישנצייט איז דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג אַוועק אויף אורלויב און זיין פאַרטרעטער האָט באַפוילן, אַז מען זאָל מיך צוריקשיקן צו מיין בריגאַדע.

## מען גיט מיר אַ „גרינגע אַרבעט״

נאָך דעם צוויי וואָכיקן „אָפּרו״ אין דעמפּיקן „בור״ בין איך ווידער אַרויס אויף דער פרייער לופט צו דער אַרבעט ביים בעטאָן. אין דעם טאָג האָבן מיר גראָד אָנגעהויבן צו אַרבעטן 12 שעה, אַנשטאָט 8, ווי מען האָט אונז פריער געהאַט פאַרזיכערט. דאָס אָפּרייניקן די מכשירים און אָפּגעבן די גומענע שטיוול האָט פאַרנומען נאָך אַ שעה, אַזוי, אַז מיר זיינען צוריקגעקומען אין דער זאָנע שפּעט, שוין נאָך דער „פּראָווערקע״, און טויט מידע געפאַלן אויף די נאַרעס.

אָבער די נאַכט איז אונז נישט געווען באַשערט צו שלאָפן. אַרום צוויי אַזייגער איז אָנגעקומען דער „נאַריאַדטשיק״. ער האָט אונז אויפגעוועקט און דערקלערט, אַז היות די בריגאַדע פון ערד אַרבעטער האָט נישט אויסגעפירט דעם פּלאַן, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז מיר זאָלן אויפשטיין און גיין זיי העלפן. מיר זיינען אָבער געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז מיר האָבן פּשוט נישט געהאַט קיין כוח אויפצושטיין. קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער איז אַוועק און עס איז אָנגעקומען דער „נאַטשאַלניק קאָלאָני״, וועלכער האָט אונז גענומען זידלען. ווען אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט ער אונז גענומען סטראַשען, אַז דאָס איז אַן אָרגאַניזירטער בונט, פאַר וועלכן מיר וועלן באַצאָלן מיטן לעבן. „איך וואָרן אייך, איצט טוט ווי איר ווילט. דער גורל פון אייער לעבן איז אין אייערע הענט. מען וועט אייך אַלעמען אויסשיסן ווי די הינט״, האָט ער געזאָגט און איז אַרויס.

די חברה האָבן זיך אויף אַן אמת דערשראָקן און איינציקווייז גענומען אַראָפּקריכן פון די נאַרעס. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויפן פּלאַץ זיינען שוין דאָרט געווען טויזנטער אַרעסטאַנטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז געקומען נאַטשאַלסטוואָ אַזש פון מאָסקווע, פאַר וועמען מען האָט באַדאַרפט דעמאָנסטרירן די „דערגרייכונגען״. אונזער בריגאַדע האָט מען גאָר

אויפגענומען ווי יחסנים. מען האָט אונז געשטעלט צו דער אַרבעט אין צענטער פון פּלאַץ און געוויזן אונז אַלס מוסטער פאַר אַנדערע. דער נאַטשאַלניק פון לאַגער האָט געמאָלדן דורכן ראַדיאָ־הילכער: די בריגאַדע פון „בעטאָנשטשי־קעס" האָט געוויזן אַ מוסטער פון פּראָלעטאַרישן פּאַטריאָטיזם. פון אייגענער איניציאַטיוו זיינען זיי געקומען העלפן מאַכן דעם פּלאַן, נאָך אַ טאָג פון 12 שעה אַרבעט ביים בעטאָן.

נאָך אים איז אַרויף אונזער בריגאַדיר, וואָס האָט דערקלערט פאַר אַלעמען:

— אונזער בריגאַדע פאַרפליכטעט זיך צו אַרבעטן אַזוי לאַנג ביז מיר וועלן מאַכן אַ פולע נאָרמע, און נאָך דעם, צומאָרגנס, צו אַרבעטן נאָרמאַל ביים בעטאָן.

נאַטשאַלסטוואָ האָט געפּאַטשט בראַוואָ פאַר אונז. דער בריגאַדיר און עטלעכע נאַטשאַלניקעס פון קלענערן ראַנג זיינען געשטאַנען איבער אונז און אונטערגעיאָגט: „דאַוואַי! דאַוואַי!" פון אונז האָט זיך געגאָסן דער שוויס, כאָטש עס איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט. אַזוי האָבן מיר געאַרבעט ביז די נאַטשאַלסטוואָ איז אַוועק. ערשט דאַן האָט דער בריגאַדיר אונז דערלויבט אָפּצורוען זיך אַ ווײַלע. און אַזוי איז אַוועק די צייט ביז פאַרטאָג, ווען מיר האָבן ווידער באַדאַרפט גיין צו אונזער נאָרמאַלער אַרבעט ביים בעטאָן.

ווען מיר זיינען געקומען אויף אונזער אַרבעטס־פּלאַץ האָט שוין גע־וואַרט אויף אונז אַ מענטש פון דער זאָנע, וואָס האָט געבראַכט ברויט און „באַלאַנדע". עס איז נאָך געווען פינסטער און אַלע האָבן זיך געוואָרפן מיט שמוציקע הענט אויפן עסן. מען האָט אונז נישט דערלויבט אָפּצורוען זיך אַפילו עטלעכע מינוט. דער בריגאַדיר האָט געטריבן מיר זאָלן זיך וואָס שנעלער שטעלן צו דער אַרבעט. מיר זיינען געווען מיד, פאַרשלאָפן, און קיין גרויסע נוצן האָבן זיי פון אונזער אַרבעט דעם טאָג נישט געהאַט. צומאָרגנס האָט מען געמוזט אַלץ איבעראַרבעטן אויפסניי. אָבער נישט געקוקט דערויף האָט מען אונז געהאַלטן גאַנצע 12 שעה. ווען מיר זיינען צוריקגעגאַנגען זיינען מיר געווען אַזוי מיד און פאַרשלאָפן, אַז איינער פון אונזער בריגאַדע איז אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ לאַסט־אויטאָ און געבליבן ליגן אַ טויטער אויפן אָרט.

דאָס איז געשען פאַר אונזערע אויגן און האָט געמאַכט אויף אַלעמען אַ שרעקלעכן איינדרוק. דאָס האָט אויך פאַרשפּעטיקט אונזער אומקערן זיך צו דער זאָנע. עס איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל, ממש אַ בונט. די מערהייט האָט גענומען שרייען אויפן קול, אַז מער וועלן מיר נישט גיין צו דער אַרבעט.

דער בריגאַדיר האָט געוואוסט, אַז פאַר אַזאַ קאָלעקטיוון אָפּזאָגן זיך פון דער אַרבעט וועט מען נישט נאָר אונז אויסשיסן, נאָר אויך אים דערוואַרט אַ שווערע שטראָף. איז ער גלייך אַוועק אַלאַרמירן די נ.ק.וו.ד. גאַראַנטעוועט האָט אונז דער פאַקט, וואָס ערשט מיט אַ טאָג פריער זיינען מיר געשטעלט געוואָרן אַלס מוסטער פון דיסציפּלין פאַר דער נאַטשאַלסטווע פון מאָסקווע,

וואָס זיינען נאָך געווען אין לאַגער. דאָס האָט געדראָט מיט אַ קאָמפּראָמיטאַציע פאַר דער אָנפירונג. האָבן זיי געפונען אַ צווייטן אויסוועג. נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט מען אונזער בריגאַדע אויפגעלייזט און צעוואָרפן צו עטלעכע מענטשן צווישן אַנדערע בריגאַדעס וואָס האָבן געאַרבעט אין וואַלד.

די אַרבעט אין וואַלד איז געווען נאָך שווערער ווי ביים בעטאָן. ביז צום אַרבעטס־פּלאַץ זיינען מיר געגאַנגען 6־7 קילאָמעטער אין טיפן שניי, אַזוי, אַז צו דער אַרבעט זיינען מיר געקומען שוין מידע. די וועכטער האָבן אָנגעצייכנט אַ באַשטימטן פּלאַץ אין וואַלד, אין וועלכן מיר האָבן זיך גע־קענט באַוועגן. אויב עס איז ווער על פּי טעות אַרויס פון תחום, האָבן די וועכטער געשאָסן אָן אַ וואָרענונג. דאָס האָט געהייסן, אַז מען וויל אַנטלויפן. יעדער האָט געהאַט אַ באַשטימטע צאָל מעטסט־מעטער האָלץ, וואָס מען האָט געמוזט אָפּהאַקן אין משך פון טאָג. אויב אימיצער האָט נישט געמאַכט די נאָרמע, האָט מען אַלעמען פאַרהאַלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויך ביי דער אַרבעט זיינען מיר געשטאַנען אין טיפן שניי, און אָפּט מאָל האָט געטראָפן, אַז נאָכן אונטערשניידן אַ בוים האָט מען נישט באַוויזן צו אַנט־לויפן און דער בוים איז געפאַלן אויפן מענטש, טויטנדיק אים אויפן אָרט, אין בעסטן פאַל איז ער אַרויס אַ קאַליקע.

מיר זיינען געווען נאַאיוו, מיינענדיק, אַז די אָנפירער פון לאַגער האָבן רעזיגנירט פון נקמה נעמען פאַר אונזער בונט. נאָך דריי טעג אַרבעט אין וואַלד, ווען די נאַטשאַלסטווע פון מאָסקווע איז אַוועק, איז דער בריגאַדיר אַריין ביינאַכט אין באַראַק און מיט אַ טומל און געשריי אונז אויפגעוועקט. פאַרשלאָפענע האָט מען אונז געטריבן אין קאַנטאָר פון נאַטשאַלניק. דער־שראָקענע און פאַרפרוירענע זיינען מיר געשטאַנען אַ לענגערע צייט, ביז ס'איז געקומען דער נאַטשאַלניק מיט זיין סוויטע.

ער האָט אָנגעהויבן פון דעם, אַז במשך פון די לעצטע עטלעכע טעג איז דער פּלאַן ניט אויסגעפירט געוואָרן. ווען דער וואַלד־מייסטער האָט געפּרואווט זיך פאַרטיידיקן, און אָנגעוויזן, אַז אונזער בריגאַדע האָט אויס־געפירט דעם פּלאַן אויף 110 פּראָצענט, האָט אים דער נאַטשאַלניק איבער־געריסן און דערקלערט:

— דער פּלאַן רעכנט זיך נאָר דאַן, ווען די ביימער זיינען אָפּגערייניקט פון די צווייגן און קאָרע און אָפּגעפירט אין מאַגאַזין, גרייטע צום עקספּעדירן.

פאַקטיש האָט דאָס ניט געהערט צו אונזערע אויפגאַבן, אָבער פאַרן נאַטשאַלניק איז דאָס געווען אַ גענוגנדיקער פּרעטעקסט צו באַשטראָפן אונז מיט הונגער. מען האָט אונז צוגענומען אַ העלפט פון אונזער ברויט־נאָרמע, און מיר האָבן באַקומען נאָר 300 גראַם ברויט אַ טאָג. דאָס איז נאָך אָבער נישט געווען דער סוף. פּלוצים איז דער נאַטשאַלניק אַריין אין כעס און אויסגערופן:

— דאָס אַלץ וואָס איז געשען ביי אונז אין די לעצטע טעג, איז נישט קיין צופאַל. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס מיר זיינען צופיל ליבעראַל און

טאָלערירן מענטשן, וועלכע האָבן די העזה נישט אונטערצואוואַרפן זיך די סאָוועטישע געזעצן, און ווילן זיך נישט אָפּזאָגן פון זייער קלעריקאַלער, אונטערגראָבערישער טעטיקייט קעגן דער ראַטנמאַכט. דער דאָזיקער „סו־באָטניק" וועט באַשטראָפט ווערן אַזוי, אַז אַנדערע זאָלן זיך שוין מער נישט גלוסטן צו גיין אין זייערע וועגן.

דאָ האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר, און פאַר די אויגן פון דער גאַנצער בריגאַדע באַפוילן דעם קאָמענדאַנט, ער זאָל מיך אָפּפירן אין קאַרצער.

דער קאַרצער האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע אַרעסטאַנטן. בדרך כלל האָט מען דאָרט געהאַלטן די גרעסטע פאַרברעכער. זייער אָפט זיינען מענטשן דאָרט געשטאָרבן פון הונגער און אויסשעפּונג. די דאָקטוירים און אַפילו וועכטער, האָבן מורא געהאַט דאָרט אַריינצוגיין. דער נאַטשאַלניק האָט מיך דאָרט געשיקט מיט דער כוונה, אַז דאָס וועט שוין זיין מיין סוף.

איך בין אָנגעקומען אין קאַרצער שוין זייער שפּעט אין דער נאַכט. איך האָב זיך געלייגט אין אַ ווינקל. די גנבים האָבן געשפּילט אין קאָרטן. איך בין געווען אַזוי שטאַרק מיד, אַז אַפילו דער טומל, וואָס איז געווען ביי דער קאָרטן־שפּילעריי, האָט מיר ניט געשטערט. איך בין אַזוי שטאַרק געשלאָפן, אַז אינדערפרי, ווען מען האָט געבראַכט די פּאַיקע ברויט פון 300 גראַם אויפן טאָג, האָב איך נישט געהערט. עס איז דאָרט געווען אַ סדר, אַז אויב עמעצער האָט פאַרשלאָפן, האָבן אַנדערע צוגענומען זיין ברויט. פאַר די, וואָס זיצן אַ לענגערע צייט אין קאַרצער, איז דאָס געווען אַ פראַגע פון לעבן און טויט. אָבער, צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג, האָבן די גנבים אויף מיר רחמנות געהאַט. זיי האָבן מיך אויפגעוועקט, און איך האָב באַקומען מיין פּאָרציע ברויט.

איך האָב זיך געוואַשן און געשטעלט דאַוונען. דאָס האָט געמאַכט אויף זיי אַ גרויסן איינדרוק. זיי זיינען געזעסן שטיל און אָבסערווירט. נאָך דעם האָב איך אויפגעגעסן אַ האַלבע פּאָרציע. די אַנדער העלפט פון ברויט האָב איך איינגעוויקלט אין פּאַפּיר און אַוועקגעלייגט אויפן פענסטער. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זייער פאַרוואונדערונג, ווייל יעדער האָט געהיט דאָס שטיקל ברויט און נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט. אָבער מיין ברויט האָט קיינער נישט גערירט.

אין קאַרצער איז געווען זייער ענג און דעמפּיק. דעם קאַמער האָט מען קיינמאָל נישט געלופטערט און אונז האָט מען אויך נישט אַרויסגעלאָזט אין משך פון וואָכן אויף דער לופט. דערצו האָט נאָך געפּייניקט דער הונ־גער, ווייל מיר האָבן באַקומען נאָר 300 גראַם ברויט אַ טאָג און קאַלט וואַסער. נאָך עטלעכע טעג האָב איך גע'חלש'ט. די אַרעסטאַנטן האָבן גענומען קלאַפּן אין טיר און שרייען, אַז אַ מענטש שטאַרבט. ס'איז אָנגעקומען אַ וועכטער און מען האָט מיך אַוועקגעטראָגן אין שפּיטאָל. מען האָט מיר געמאַכט אַן איינשפּריצונג און אַוועקגעלייגט אויף אַ בעטל. איך בין געווען גליקלעך.

אין שפּיטאָל איז געווען באַשעפטיקט אַ אידישע דאָקטאָרין. אויף

מאָרגן, ווען זי האָט מיך דערזען האָט זי מיך אַרויסגערופן אויף אַן אונטער־זוכונג צו זיך אין קאַבינעט.

— דאָ אין שפּיטאָל קען איך אייך לאַנג נישט האַלטן — האָט זי געזאָגט — ווייל לויט די פאַרשריפטן איז דער שפּיטאָל נאָר פאַר קראַנקע, וועלכע האָבן גאָר הויכע טעמפּעראַטור. אָבער איר האָט גראָד מזל: מאָרגן וועט אַ ספּעציעלע סאַניטאַרע קאָמיסיע באַטראַכטן עטלעכע צענדליק אַרעס־טאַנטן, וועלכע זיינען זייער אָפּגעשוואַכט נאָך פאַרשידענע קראַנקייטן און פון זיי וועט מען שאַפן אַ ספּעציעלע בריגאַדע, א. ג. „סלאַבאַ־קאָמאַנדאָ", וועלכע וועלן זיין באַשעפטיקט ביי גרינגע אַרבעט און באַקומען בעסער עסן. די דאָזיקע „קאָמאַנדאָ" וועט זיין אונטער מיין רשות. דאָס איינציקע וואָס איך קען פאַר אייך טאָן, איז באַמיען זיך מען זאָל אייך צוטיילן צו דער „קאָמאַנדאָ".

און אַזוי בין איך אָנגעקומען אויף אַ גרינגער אַרבעט. מען האָט מיך באַשטימט אַלס שליח ביי דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג. איינדערפרי נאָכן אָפּעל פלעג איך גיין אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג און געזעסן אין קאָרידאָר פון דער דאָקטאָרין. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין ברענגען פאַרשידענע קראַנקע אָדער אָפּפירן זיי צוריק, און אויספירן אַנדערע שליחות'ן. נאָכמיטאָג בין איך געווען פריי. דאַן האָב איך געטראָגן וואַסער פאַר די מענטשן פון מיין באַראַק. איך האָב דאָס געטאָן פריוויליק, אויס רחמנות פאַר די מענטשן, זיי זאָלן האָבן אַביסל וואַסער ווען זיי קומען פון דער אַרבעט.

איינמאָל האָט מיך די דאָקטאָרין געשיקט אין אַ באַראַק ברענגען אַ קראַנקן וועלכער האָט נישט געקענט קומען מיט אייגענע כוחות. ער איז געווען אין באַראַק פון די „דאכדיאגעס". דאָס איז די זעלבע באַצייכענונג ווי „מוזלמאַן", וועלכע מען האָט באַנוצט אין די היטלעריסטישע לאַגערן. מיט דעם באַגריף האָט מען באַצייכנט די מענטשן וועלכע זיינען געווען פאַר'משפּט צום טויט פון הונגער און אויסשעפּונג.

איך בין געקומען און געטראָפן אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט שוין אויסגעזען ווי אַ שאָטן פון אַ מענטש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גראָד פון מיין שטאָט. ער איז געווען אַ רעזיגנירטער און דערקלערט, אַז ער האָט שוין נישט קיין כוח און קיין ווילן צו גיין, אַפילו צום דאָקטאָר. ער האָט שוין באמת נישט געקענט גיין און איך האָב אים געמוזט שלעפּן אויף דער פּלייצע. אויפן וועג האָב איך זיך עטלעכע מאָל געמוזט אָפּרוען, און ביי דער געלעגנהייט האָט ער מיר דערציילט די געשיכטע פון זיינע ליידן. פון באַרוף איז ער געווען אַ פאָטאָגראַפיסט און קיינמאָל נישט געהאַט צו טאָן מיט לאַנד־ווירטשאַפט. אָבער אַזוי ווי ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט מען אים געשיקט אָנפירן מיט אַ קאָלכאָז. איין יאָר איז נישט געווען קיין גערעטעניש, און עס האָט פּשוט געדראָט, אַז די מיטגלידער פון קאָלכאָז זאָלן שטאַרבן פון הונגער. האָט ער דאָס ביסל תבואה, וואָס מען האָט אַראָפּגענומען פון די פעלדער, צעטיילט צווישן די פּויערים, און עס איז נישט געבליבן וואָס אָפּצושיקן אין די מלוכה מאַגאַזינען. האָט מען אים דערפאַר אַרעסטירט און פאַר'משפּט אויף 4 יאָר לאַגער.

ער האָט נאָך זייער גוט אָפּגעשניטן, ווייל דאָס איז געווען פאַרהאַלטניס־מעסיק אַ קליינער אורטייל. ער איז אָבער געווען אַ שוואַכער און נישט גע־קענט אויספירן די נאָרמעס, האָט ער במשך פון אַ לענגערער צייט באַקומען נאָר 300 גראַם ברויט אַ טאָג, ביז ער האָט דערגרייכט צו דעם צושטאַנד. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים העלפן און ראַטעווען פון טויט.

איך האָב אים פאָרגעשטעלט פאַר דער דאָקטאָרין אַלס אידן־פריינט און אָנשטענדיקן מענטש פון מיין שטאָט, און געבעטן אַז זי זאָל אים העלפן ווי ווייט מעגלעך. זי האָט אים גלייך אַריינגענומען אין שפּיטאָל און פאַרשריבן אַ ספּעציעלע דיעטע, וואָס האָט באַדייט אַז ער האָט באַקומען מער און בעסער עסן. זי האָט מיר אויך צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיך באַמיען צו באַשעפטיקן אים אין דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג, וואו מען האָט גראָד באַדאַרפט אַ מענטש וואָס זאָל ברענגען די רפואות פון דער צענטראַלער אַפּטייק אין לאַגער אַריין. ביי דער אַרבעט איז אויך געווען אַ מעגלעכקייט צו באַקומען אַ „פּראָפּוסק 2״. דאָס איז געווען אַ דאָקומענט, אויפן סמך פון וועלכן דער אַרעסטאַנט האָט געהאַט אַ רעכט זיך צו באַוועגן אָן אַ קאָנוואָי אויסער דער זאָנע פון לאַגער. די אַרעסטאַנטן מיט „פּראָפּוסקן״ זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס די אַריסטאָ־קראַטן פון לאַגער. זיי זיינען געווען באַשעפטיקט אין דער אַדמיניסטראַציע. און אַזוי ווי ער איז אויף דער פריי געווען אַ קאָמוניסט און געהאַט אַ קליינעם אורטייל, זיינען געווען שאַנסן אַז ער וועט באַקומען אַזאַ פּראָפּוסק.

נאָך עטלעכע טעג האָט זי מיר געזאָגט מיט פרייד, אַז מען האָט באַ־שטעטיקט פאַר אים אַ פּראָפּוסק און זי האָט מיך געשיקט צו אים מיט אַ פאָרמולאַר, וואָס מען האָט געדאַרפט צו דעם צוועק אויספילן. ער האָט מיר זייער געדאַנקט און צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיר דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן און מיט וואָס ער וועט נאָר קענען וועט ער מיר אָפּדינען. און ער האָט געהאַלטן וואָרט.

דערווייל זיינען אַוועק צוויי חדשים ווי איך בין געווען אין דער „סלאַ־באַ־קאָמאַנדאַ״. עס האָט מיר אָבער געדראָט מען זאָל מיך צוריקשיקן אין מיין בריגאַדע. האָט מיר ווידער צוגעשפּילט דאָס מזל. גראָד אין דער צייט האָט מען באַפרייט אַן אַרעסטאַנט וואָס איז געווען באַשעפטיקט אַלס נאַכט־שומר אין דער סאַניטאַר אָפּטיילונג, האָט די דאָקטאָרין אויסגענוצט די געלעגנהייט און מיך באַשטימט אויף זיין אָרט.

אין אַ געוויסן טאָג פון חודש ניסן האָט מיך די דאָקטאָרין אַריינגערופן צו זיך און דערציילט, אַז אין דער אָפּטיילונג פון לאַגער אויפן רעכטן ברעג פון טייך איז אָנגעקומען אַן עטאַפּ מיט אַרעסטאַנטן, צווישן וועלכע זי האָט געזען מיין חבר שמואל.

— ער זעט אויס נישט ווי אַן 18־יאָריקער בחור, נאָר ווי אַ צעבראָ־כענער זקן — האָט זי געזאָגט — און דאָס ערגסטע איז, וואָס דער עטאַפּ גייט ווייטער, קיין קאָלימאַ.

דער נאָמען „קאָלימאַ" האָט אין גאַנץ רוסלאַנד אַרויסגערופן אַ געפיל פון גרויל. דאָרט זיינען געווען די ערגסטע לאַגערן, פון וועלכע זעלטן ווער איז צוריקגעקומען. בלויז דער עטאַפּ פון אונז ביז דאָרט האָט געדויערט אַרום דריי חדשים, און שמואל וואָלט דאָס נישט אויסגעהאַלטן, ער וואָלט אומגע־קומען אויפן וועג. איך האָב געבעטן די דאָקטאָרין זי זאָל מיר געבן אַן עצה ווי אַזוי צו ראַטעווען מיין חבר. זי האָט מיך געראָטן, איך זאָל אַליין בעטן דעם נאַטשאַלניק פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג, ער זאָל אים שטעלן פאַר אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים, וואָס וועלן געוויס פעסטשטעלן אַז ער איז צו שוואַך און וועט נישט אויסהאַלטן דעם עטאַפּ אויפן וועג ביז קאָלימאַ.

אויפן צווייטן טאָג האָב איך אין אָוונט, בעת מיין דינסט אַלס שומר, באַמערקט ביי אונז אין לאַגער דעם נאַטשאַלניק. ער האָט מיך געקענט און אַפילו געהאַט צו מיר אַ גוטע באַציאונג. איך האָב אים געבעטן רחמים, אָבער ער האָט זיך אויפגערעגט און דערקלערט אַז עס איז שוין צו שפּעט און ער קען שוין גאָרנישט טאָן.

— הייסט עס, אַז איר שרייבט אונטער אַ טויט אורטייל אויף אַן 18־יאָריקן מענטש — האָב איך געזאָגט — ווייל אין דעם צושטאַנד וואָס ער איז וועט ער קיין קאָלימאַ נישט דערפאָרן קיין לעבעדיקער.

ער איז נאָך מער געוואָרן אין כעס און אויסגערופן:

— וואָס זאָל איך טאָן? איך קען דאָך נישט באַפרייען איין מענטש, און דערצו נאָך גראָד אַ איד. כדי אים צו באַפרייען מוז איך פאַרהאַלטן דעם גאַנצן עטאַפּ, רופן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע און באַפרייען כאָטש נאָך עטלעכע מענטשן. אָבער וויפל צרות איך האָב פון אייך וועל איך זיך דאָך פאַרטראַכטן וואָס מען קען טאָן — האָט ער געזאָגט צום סוף.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך באַקומען אַ גרוס פון שמואל'ן. געבראַכט האָט עס מיר מיין נייער פריינט, דער פאָטאָגראַפיסט פון מיין שטאָט, וואָס האָט געהאַלטן וואָרט. מיט זיין הילף האָב איך אויך איבערגעשיקט שמואל'ן אַביסל עסנוואַרג און מיר האָבן אָנגעהאַלטן אַ סטאַבילן קאָנטאַקט.

איינמאָל אין אָוונט, דאָס איז געווען עטלעכע טעג פאַר פּסח, איז אָנ־געקומען דער פאָטאָגראַפיסט מיט עטלעכע קעסטלעך מעדיקאַמענטן. ער האָט אַריינגעלייגט דעם באַגאַזש אין מאַגאַזין און איין קעסטל געגעבן מיר. „דאָס איז אַ מתנה פאַר דיר" — האָט ער געזאָגט.

דאָס איז געווען אַ פּעקל מצות, וואָס מען האָט מיר געשיקט פון דער פרייַ. נאָר איך בין נאָך אַלץ געווען באַשטראָפט און קיין שום פּעקלעך פון דער פריי האָט מען מיר נישט דערלויבט אָפּצונעמען, בפרט נאָך מצות. אָבער ער האָט אונטערגעקויפט דעם אַרבעטער פון דער פּאָסט, וואָס איז אויך גע־ווען אַן אַרעסטאַנט, און מיר געבראַכט די הייליקע מתנה. דאָס קעסטל האָבן מיר גלייך פאַרברענט, און די מצות האָב איך באַהאַלטן אין אַ ליידיקן שאַנק אין מעדיצינישן פּונקט, וואו איך בין געווען דער נאַכט־שומר. אַ העלפט פון די מצות האָב איך אַוועקגעלייגט פאַר שמואל'ן. דער פאָטאָגראַפיסט האָט מיר

צוגעזאָגט, אַז צומאָרגנס ווען ער וועט אַ טייל פון די מעדיקאַמענטן איבערפירן אינעם לאַגער אויפן רעכטן ברעג, וועט ער ביי דער געלעגנהייט אַריבער־שמוגלען די מצות פאַר שמואל'ן. צוויי מצות האָב איך אויך גוט פאַרפּאַקט, מען זאָל נישט דערקענען וואָס דאָס איז, און אַוועקגעלייגט ביינאַכט אין קאַ־בינעט פון דער אידישער דאָקטאָרין. אינדערפרי, ווען זי איז געקומען, האָט זי מיך אַריינגעבעטן צו זיך. זי האָט מיר זייער געדאַנקט. „שוין לאַנגע יאָרן האָב איך נישט געזען קיין מצה — האָט זי געזאָגט — דאָס דערמאָנט מיך אין מיין היים, אין מיין באַבען״. . .

איך האָב געפּראַוועט די סדרים בעת מיין נאַכט־דינסט אין דער סאַני־טאַרער אָפּטיילונג און בייטאָג בין איך געגאַנגען אין מיין באַראַק שלאָפן. אויפן דריטן טאָג חול המועד פּסח האָט מען מיך אויפגעוועקט פון שלאָף. איך האָב געעפנט די אויגן און נישט געגלויבט זיך אַליין — פאַר מיר איז געשטאַנען שמואל, אַ צעשטראַלטער פון פרייד. ער האָט מיר געוויזן אַ שריפט־לעכע באַשטעטיקונג, אַז צוליב מאַנגל אין באַוויזן ווערט ער באַפרייט פון לאַגער. כאָטש איך בין נאָך געבליבן אין געפענגעניש איז אונזער פרייד געווען זייער גרויס. מיר האָבן באַשטימטביידע צוזאַמען: נאָר נישט פאַרלירן דעם בטחון אין אויבערשטן.

פיר חדשים האָט געדויערט מיין גליק אין דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג. אין אַ געוויסן פרימאָרגן, סוף אויגוסט, האָט די אידישע דאָקטאָרין מיך אַריינגערופן אין קאַנטאָר און דערקלערט:

— איך מוז צום באַדויערן אָנזאָגן אייך אַ ביטערע בשורה. באמת האָב איך זיך שוין לאַנג געוואונדערט וואָס די „או.ג.ב.״ (די אָפּטיילונג פאַר מלוכה זיכערקייט) האָט זיך די לעצטע צייט נישט אינטערעסירט מיט אייך ווי פריער. איצט האָט זיך אַלץ אויפגעקלערט. דער נאַטשאַלניק פון או. ג. ב. איז אַ לאַנגע צייט נישט געווען אויף זיין אָרט, און די טעג איז ער צוריקגעקומען און זיך דערוואוסט אַז איר געפינט זיך אויף אַזאַ גרינגער אַרבעט. האָט ער פאַראָרדנט, אַז נאָך היינט זאָלט איר גיין אויף אַרבעט מיט אייער בריגאַדע. אפשר וועט איר זיך איבערטראַכטן וועגן אַרבעטן שבת? דאָס איז דאָך פאַר אייך — דאָס אַמפּערן זיך מיטן נאַטשאַלניק פון או. ג. ב. דעם רשע — אַן ענין פון סכנת נפשות. אין אַזאַ פאַל מעג מען אפשר עובר זיין אויפן דין — האָט זי געזאָגט מיט אַן אויסדרוק פון מיטלייד.

איך האָב איר האַרציק באַדאַנקט פאַר איר מיטלייד און פאַר דעם אַלע־מען וואָס זי האָט געטאָן פאַר מיר. „נישט קוקנדיק אויף אַלע געפאַרן, וועל איך ווייטער פאָרזעצן מיין וועג און זיך פאַרלאָזן אויף ג־ט. אַלץ איז אין זיינע הענט״ — האָב איך איר געזאָגט.

# דער „ליכטיקער" בריגאַדיר

אין אַ געוויסער נאַכט פון סעפּטעמבער 1939 האָט מען מיך אויפגעוועקט פון שלאָף. צוויי באַוואָפנטע סאָלדאַטן האָבן מיך אַרויסגעפירט פון לאַגער און געהייסן גיין פאָראויס. זיי האָבן מיך געטריבן העכער צוויי שעה. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ צוויי־שטאָקיגער געביידע. איינער פון די סאָלדאַטן האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער. דער סאָלדאַט האָט גענומען אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג, אַז ער האָט מיך געבראַכט צו דער באַשטימטער צייט, און איז אַרויס.

אין צימער ביי אַ שרייב־טיש זיינען געזעסן זעקס מענטשן אין אוניפאָרמס פון או. ג. ב. מיט דיסטינקציעס פון הויכע באַאַמטע.

— ווי פילט איר זיך אין אייער געזונט — האָט איינער געפרעגט.

— אַ דאַנק דעם אויבערשטן — האָב איך געענטפערט — עס וואונדערט מיר נאָר, וואָס אַזעלכע אידעלע מענטשן ווי איר האָבן פאַרגעסן צו געבן מיר אַ שטול צו זיצן. איך האָב דורכגעמאַכט אַ וועג פון 10 קילאָמעטער בערך, דערצו האָבן מיך די סאָלדאַטן די גאַנצע צייט געטריבן, און איר פאַרשטייט אַוודאי אַז עס איז מיר שווער צו שטיין.

— ביי אונז איז פאַראַן אַ כלל, אַז אַ שונא וואָס גיט זיך נישט אונטער דאַרף מען פאַרניכטן — האָט געענטפערט איינער פון זיי, וואָס איז געווען דער עלטערער אין ראַנג — דו ביזט שוין אין לאַגער אַ לענגערע צייט און האַלטסט זיך נאָך אַלץ ביי דיינע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן. פאַקטיש האָט מען דיך שוין לאַנג באַדאַרפט שיקן אין גן־עדן אַריין. מיר האָבן אָבער באַשלאָסן צו מאַכן מיט דיר נאָך איין פּרוואו. מיר ווילן דיר פּשוט העלפן צו ווערן אַ מענטש מיט אַלע מענטשן גלייך. דערווייל מוזן מיר אויפקלערן עטלעכע זאַכן: וואָס, אייגנטלעך, איז לויט דיין מיינונג דער אינהאַלט פון אידישקייט, און פאַרוואָס טרעט איר, פרומע, אַרויס קעגן דער ראַטנמאַכט?

איך האָב נישט געענטפערט. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגע׳חזר׳ט די פראַגע. איך האָב ווייטער געשוויגן. ער איז געוואָרן אין כעס, אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און אויסגערופן: „אויב דו וועסט ווייטער שווייגן, וועסטו שוין קיינמאָל נישט רעדן".

איך האָב ווייטער געשוויגן. אין צימער האָט געהערשט אַ שטילקייט. איינער פון זיי, וואָס האָט ביז איצט זיך נישט באַטייליקט אין דער אויספאָרשונג, ווי דער ענין וואָלט אים נישט אינטערעסירט, האָט אָנגעשריבן עפּעס אויף אַ צעטעלע און עס דערלאַנגט דעם אויספאָרשער. ער האָט עס איבערגעלייגט און נאָך דעם אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער צוריק אין טאַש.

— פאַרוואָס האָט איר באַלד נישט געזאָגט, אַז איר ענטפערט נישט ווען מען ווענדט זיך צו אייך אויף „דו" — האָט ער געזאָגט צו מיר, שוין אין אַ מילדערן טאָן — מוזט איר מיר אַנטשולדיקן. אָבער איך וואָרן אייך, אַז איר דאַרפט ענטפערן אויף אונזערע פראַגן.

— ביטע זייער — האָב איך געזאָגט — איך דאַרף ענטפערן, אָבער איר דאַרפט אויך האַנדלען לויט די געזעצן. דעריבער בעט איך, אַז די אויספאָרשונג זאָל פּראָטאָקאָלירט ווערן שריפטלעך.

— אַזוי ווי מיר האָבן היינט נאָך אַ סך אַרבעט — האָט געזאָגט דער עלטסטער, וואָס האָט געשריבן דאָס צעטעלע — וועלן מיר אייער אויספאָרשונג אָפּלייגן אויף אַ צווייטן מאָל. אָבער היינט קען איך אייך שוין פאַרזיכערן — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר — אַז אויב איר וועט ווייטער נישט אַרבעטן שבת, וועלן מיר אייך שיקן אין דער בריגאַדע פון „ליכטיקער". מיר גלויבן, אַז נאָך עטלעכע חדשים אין דער בריגאַדע וועט איר פאַרשפּאָרן צו אַרבעטן נישט נאָר שבת, נאָר אויך אין דער וואָכן . . .

ער האָט אַריינגערופן אַ סאָלדאַט און געהייסן מיך אָפּפירן צוריק אין לאַגער.

„דער ליכטיקער" איז געווען איינער פון די גרעסטע רוצחים אין רוסלאַנד. אַזעלכע זיינען אויך געווען די מענטשן פון זיין בריגאַדע. בדרך כלל האָבן די גנבים און מערדער זיך געפירט אין לאַגער לויט זייער אייגענעם שטייגער. זיי האָבן זיך געפירט לויטן „וואָראָווסקאָי זאַקאָן", וואָס באַדייט: דאָס געזעץ פון גנבים. איינער פון די וויכטיגסטע פּרינציפּן פון דעם געזעץ איז געווען: נישט אַרבעטן אין לאַגער — נישט געקוקט אויף אַלע רעפּרעסיעס און שטראָפן וואָס מען האָט אָנגעווענדעט קעגן זיי.

דער „ליכטיקער" האָט זיך נישט געהאַלטן ביי די דאָזיקע „געזעצן", נאָר איינגעפירט זיינע אייגענע פּרינציפּן. ער האָט געהאַט אונטער זיך אַ בריגאַדע וואָס האָט געאַרבעט, און דערצו זייער גוט. דערפאַר אָבער האָבן זיי געהאַט ספּעציעלע באַדינגונגען און ספּעציעלע פּריווילעגיעס. די וויכטיקסטע איז געווען, אַז זיי האָבן געקענט ראַבעווען ביי די אַרעסטאַנטן אַלץ וואָס זיי האָט זיך פאַרגלוסט. אין די טעג ווען די אַרעסטאַנטן האָבן באַקומען פון זייערע קרובים אויף דער פּריי פּעקלעך און געלט, פלעגן ביינאַכט קומען די לייט פונעם „ליכטיקנס" בריגאַדע און צונעמען דאָס בעסטע, קודם כל געלט, און קיינער האָט אַפילו נישט געטאָרט זיך באַקלאָגן, אויב ער האָט נישט געוואָלט באַצאָלן מיטן לעבן. פאַרשטייט זיך, אַז די נאַטשאַלסטוואָ האָט אויך באַקומען אַ חלק דערפון. . . מיט די דאָזיקע רוצחים האָב איך עס באַדאַרפט נישט נאָר אַרבעטן, נאָר אויך וואוינען צוזאַמען.

צומאָרגנס, פינף אַזייגער פאַרטאָג, האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין באַראַק פון מיין נייער בריגאַדע. איך האָב געעפנט די אויגן פון פאַרוואונדערונג. דאָס האָב איך נאָך אין קיין שום לאַגער נישט געזען. מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ שיינעם זאַל מיט גרויסע פענסטער. אַנשטאָט פּריטשעס, ווי געוויינלעך, זיינען פוןביידע זייטן געשטאַנען ריינע בעטלעך מיט מאַטראַצן. אויף יעדן בעטל איז געווען אַ ליילעך, אַ קישעלע און אַ וואַטענע קאָלדרע.ביים סוף פון זאַל האָט זיך געפונען אַ צימער וואו די ווענט זיינען געווען געפאַרבט אויף רויטן קאָליר. עס איז דאָרט געשטאַנען אַ טיש מיט בענק.

אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פּאַטעפאָן. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַן אויפשריפט: „היט די שטילקייט און ריינקייט פון באַראַק, דאָס איז דיין היים".

עס האָט מיך אויפגענומען דער „דניעוואַלני". ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ בעטל און דערקלערט: „דאָ איז אייער פּלאַץ. פינף אַזייגער אינדערפרי דאַרפט איר אויפשטיין, אָפּוואַשן זיך און פאַרבעטן אייער בעט. אין באַראַק דאַרף מען זיך האַלטן ריין, נישט שפייען אויפן דיל. עסנוואַרג אָדער געשיר וואָס איר האָט, דאַרפט איר האַלטן אין שענקל וואָס שטייט ביי אייער בעט".

עטלעכע מינוט שפּעטער זיינען אַריין אין באַראַק 88 מענטשן, די מיטגלידער פון דער בריגאַדע. לויט זייערע פּנים׳ער האָב איך גלייך געזען וואָס פאַר אַ ברואים דאָס זיינען. איינער פון זיי, אַ הויכער געזונטער גוי, מיט רויטע האָר און אַ שאַרפן בליק אין די אויגן, איז צוגעגאַנגען צו מיר און אויסגעשטעקט זיין האַנט.

— מיין נאָמען איז אַלעקסאַנדער דער ליכטיקער. איך בין בריגאַדיר. פון היינט אָן זייט איר אַ מיטגליד אין מיין בריגאַדע. ביי מיר, זאָלט איר וויסן, מוז מען גוט אַרבעטן און אויספירן אַלע מיינע באַפעלן. מיר זיינען מענטשן שאַרפע. מיר באַשטראָפן פאַר יעדן פאַרברעכן, אָבער מיט דער גרע־סטער גערעכטיקייט.

— איר זייט אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער — האָט ער ווייטער געזאָגט — און מיר זיינען פאַר דער ראַטנמאַכט. איר זייט, לויט אייער מיינונג, אַן אָרענטלעכער מענטש, און מיר זיינען גנבים, רוצחים. אָבער דאָ, אין מיין בריגאַדע, מוז מען פאַרגעסן וואָס מען איז געווען אויף דער פריי. דאָ זיינען מיר אַלע אַרעסטאַנטן, אַלע זיינען גלייך און דאַרפן זיך באַציען צווישן זיך ווי ברידער. אויב אימיצער פון דער בריגאַדע וועט אייך אָנרופן קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, אָדער איר וועט וועמען אָנרופן גנב צי מערדער, וועט איר ביידע באַקומען פון מיר די פאַרדינטע שטראָף. און מיין האַנט שלאָגט גוט... — האָט ער פאַרענדיקט, ווייזנדיק מיר זיין פויסט.

— איצט — האָט ער געזאָגט — גיי איך נעמען ברויט פאַר דער ברי־גאַדע. פאַר אייך וועל איך נעמען וויים ברויט. איך וויים שוין, אַז אַחוץ ברויט און וואַסער עסט איר דאָ גאָרנישט, און דערצו נאָך האָט איר אַ קראַנקן מאָגן. איר ווייסט — האָט ער צוגעגעבן — פאַר אייך איז אָנגעקומען אַ פּעקל. נאָר אַזוי ווי איר אַרבעט נישט שבת, האָט מען דאָרט אָנגעשריבן, אַז מען זאָל עס אייך נישט אַרויסגעבן, נאָר פאַרקויפן די זאַכן צו די אַרעסטאַנטן אויפן מלוכה׳שן פּרייז. נאָר נעמט אייך נישט איבער — האָט ער ווייטער גע־זאָגט — ביי מיר וועלן זיי אַזעלכע שטיק נישט מאַכן. נאָך היינט ביינאַכט וועט איר באַקומען דאָס פּעקל. אַלץ וואָס איר וועט באַקומען קענט איר האַלטן אין אייער שענקל. זייט רואיק, קיינער וועט ביי אייך גאָרנישט צונעמען.

דער בריגאַדיר איז צוריקגעקומען און יעדער האָט באַקומען אַ פּאָרציע ברויט פון 1,200 גראַם. איך האָב באַקומען נאָר 800, אָבער דערפאַר וויים ברויט. דער „דניעוואַלני" האָט אַריינגעטראָגן פיר טשייניקעס און פיר גרויסע

עמערס זודיק וואַסער. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום דעם טיש און געגעסן ברויט מיט טיי.

נאָכן עסן זיינען מיר אַרויס אויפן „ראַזוואָד". דאָרטן זיינען שוין געווען אַרום 100 בריגאַדעס, אויסגעשטעלט אין רייען איינע אונטער דער אַנדערער. דער בריגאַדיר האָט אויסגערופן די נעמען פון אַלע מיטגלידער פון זיין בריגאַדע און דער אויפזעער האָט קאָנטראָלירט צי קיינער פעלט נישט.

זעקס אַזייגער האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל. מיר זיינען אַרויס צו דער אַרבעט. פון ביידע זייטן טויער פונעם לאַגער זיינען געשטאַנען וועכטער, וואָס האָבן ווידער קאָנטראָלירט און געציילט די אַרעסטאַנטן.

מיר זיינען אָנגעקומען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ. מיט אַ לייטער האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ טיפן גרוב. דאָרט האָבן מיר געלייגט אַ בעטאָנענעם פונדאַמענט אונטער אַ גרויסן בנין. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע. במשך פון זעקס שעה, אָן איבעררייס, האָבן מיר געשלעפּט שווערע קאַדיעס מיט צעמענט.

צוועלף אַזייגער איז געווען אַן איבעררייס. פון גרוב זיינען מיר נישט אַרויס, נאָר מיט דער הילף פון שטריק האָט מען אַראָפּגעלאָזט טעפּלעך קאַשע מיט פלייש. אַלע, צוזאַמען מיטן בריגאַדיר, האָבן זיך געזעצט עסן מיטאָג. מיך האָבן זיי אַפילו נישט גערופן. זיי האָבן געוואוסט, אַז איך עס נישט קיין טריפות. נאָכן עסן האָבן מיר געאַרבעט ווייטער פיר שעה און דאַן זיינען מיר צוריקגעגאַנגען אין לאַגער אַריין.

אין באַראַק האָט אונז דער „דניעוואַלני" באַגעגנט מיט אַ ברייטן ברוך הבא. אַלץ איז געווען ריין און אויפגערוימט. די טישן זיינען געווען צוגעגרייט ווי אין אַ רעסטאָראַן אויף דער פרייַ. די טעלער, גלעזער און לעפל זיינען געווען אויסגעשטעלט שיין און מיט אַ סדר, און צוויי אַרעסטאַנטן האָבן פונאַנדערגעטיילט דאָס עסן.

מען האָט דערלאַנגט צום טיש געזאַלצענע פיש מיט קרויט און קאַרטאָפל, קאַשע מיט פלייש, און צום סוף טיי. איך האָב זיך געוואַשן, געמאַכט אַ ברכה און געגעסן מיין ווייס ברויט מיט טיי.

די אַרעסטאַנטן האָבן אָבסערווירט מיין אויפפירונג, געהערט מיין בענשן נאָכן עסן און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. ווייזט אויס, אַז עס איז געווען אַ שטרענגער באַפעל פון בריגאַדיר מען זאָל מיר נישט שטערן, נישט אָפּלאַכן פון מיר און נישט באַליידיקן מיך.

ווען מיר האָבן זיך שוין געהאַט גוט אָפּגערוט אויף די בעטלעך, זיינען ערשט אָנגעקומען די איבעריקע בריגאַדעס פון דער אַרבעט. זיי זיינען געלאָפן ווילד אין דער „סטאָלאָווע" אַריין, כדי צו פאַרכאַפּן אַן אָרט, ווייל אויף 4,000 מענטשן זיינען געווען 300 פּלעצער צום עסן.

אַ שעה דערנאָך האָט זיך דערהערט דער סיגנאַל צום אַפּעל, די אַזוי גערופענע „פּראָווערקע". אַלע בריגאַדעס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען און מען האָט גענומען ציילן די אַרעסטאַנטן. געוויינלעך זיינען די „פּראָווערקעס" פאָרגעקומען צוויי מאָל אין טאָג, אין דער פרי, פאַרן אַרויס־

גיין צו דער אַרבעט, און אין אָוונט. עס האָט אָבער געטראָפן, אַז עס איז ווער אַנטלאָפן און די וואַך האָט באַמערקט טריט ביים אַרויסגאַנג פון לאַגער, דאַן פלעגט מען מיט אַ סיגנאַל אויפוועקן אינמיטן דער נאַכט אַלע אַרעסטאַנטן און אַרויסטרייבן אונז פון די באַראַקן. בדרך כלל האָט זיך געמאַכט אַ בהלה און פיל האָבן נישט באַוויזן אָנצוטאָן די קליידער, זייגען זיי געשטאַנען אויף דער קעלט אין די אונטערוועש ביז מען האָט אויסגעציילט אַלע בריגאַדעס און זיך דערוואוסט ווער עס פעלט.

אויב אַלץ איז געווען נאָרמאַל, פלעגט אונזער בריגאַדע זיך צונויפנעמען נאָך דער „פּראָוויערקע" אין רויטן צימער, אָנשטעלן אַ פּאַטעפאָן מיט פּלאַטן און פאַרברענגען. טייל האָבן געטאַנצט, טייל האָבן געשמועסט, ביז צום סיג־נאַל, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַז מיר מוזן גיין שלאָפן. איך האָב אין די פאַר־ווײַלונגען נישט גענומען קיין אָנטייל. איך האָב געדאַוונט מעריב און זיך געלייגט שלאָפן. איך בין געווען גליקלעך אַז כ'קען ליגן אַביסל אין אַ בעט.

פון צייט צו צייט פלעגט אונזער בריגאַדע מאַכן אַ שטיקל „נאַכט־אַרבעט". דאָס איז געווען אין די טעג ווען די אַרעסטאַנטן האָבן באַקומען פּעק־לעך און געלט פון זייערע קרובים אויף דער פריי. זיי האָבן זיך צעטיילט צו דריי מענטשן אויף אַ באַראַק. איינער איז געבליבן היטן ביי דער טיר, בעת די אַנדערע צוויי זיינען אַריין אין באַראַק מיט מעסערס אין די הענט. זיי האָבן אויפגעוועקט די אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן און געהייסן אַרויסלייגן דאָס געלט און די פּעקלעך, פון וועלכע זיי האָבן אַרויסגענומען די מער ווערטפולע זאַכן. אויב אימיצער האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד האָבן זיי אים אַרויסגעטריבן אַ נאַקעטן אויף דער גאַס און אים דערפירט צו אַזאַ מצב, אַז עס האָט אָפּ־געשראָקן אַנדערע. שפּעטער האָבן זיי אַלץ אָפּגעגעבן דעם בריגאַדיר, וועלכער האָט געמאַכט די חלוקה.

איינמאָל אינדערפרי האָט דער „דניעוואַלני" מיר געבראַכט מיין חלק געלט און זאַכן. איך האָב אים געדאַנקט און דערקלערט אַז איך קען דאָס נישט נעמען, ווייל איך האָב ביינאַכט נישט „געאַרבעט". ער האָט עס צוגענומען פאַר זיך, און מער האָט מען מיך שוין נישט אַריינגענומען אין „שותפות".

אויפן דריטן טאָג פון געהערן צו דער בריגאַדע פון דעם „ליכטיקן", נאָכן אָוונט־ברויט, האָט זיך דער בריגאַדע געווענדעט צו מיר: „קומט, מיר וועלן גיין צום צענזאָר נאָך אייער פּעקל".

דער צענזאָר איז געווען אַ באַאַמטער פון או. ג. ב. וואָס האָט קאָנטראָ־לירט די פּעקלעך און די בריוו פון די אַרעסטאַנטן וועלכע האָבן געהאַט אַ דערלויבעניש צו קאָרעספּאָנדירן זיך מיט זייערע קרובים אויף דער פריי. דער צענזאָר האָט געלייענט די בריוו פון די אַרעסטאַנטן, געעפנט די פּעקלעך און דורכגענישטערט יעדע זאַך. ברויט און וואורשט האָט ער צעשניטן אויף שטיקלעך, פּאַפּיראָסן האָט ער צעבראָכן און טיי האָט ער בכלל נישט אָפּ־געגעבן.

מיין בריגאַדיר האָט זיך געווענדעט צום צענזאָר ער זאָל מיר אַרויס־געבן מיין פּעקל.

— דו ווייסט דאָך — האָט געזאָגט דער צענזאָר — אַז עס איז דאָ אַ באַפעל פון נאַטשאַלניק, אַז ביז ער וועט נישט אַרבעטן שבת קען ער נישט באַקומען קיין בריוו און קיין פּעקלעך.

— דער מענטש אַרבעט איצט אין מיין בריגאַדע — האָט געזאָגט דער „ליכטיקער" — און וועגן מיינע מענטשן דעצידיר איך.

דער צענזאָר האָט טעלעפאָנירט צום נאַטשאַלניק פון או.ג.ב. און צו מיין פאַרוואונדערונג האָט יענער אים דערלויבט אַרויסצוגעבן מיר מיין פּאָסט. דערווייל זיינען שוין אין מאַגאַזין געווען פאַר מיר צוויי פּעקלעך.

ביים קאָנטראָלירן האָט דער צענזאָר אַלץ אויסגעמישט און צעבראָכן, אַזוי, אַז עס איז געווען שווער דאָס צוזאַמענצונעמען. דער בריגאַדיר איז אַוועק אין באַראַק און געשיקט עטלעכע אַרעסטאַנטן מיט קעסטעלעך און זיי האָבן מיר געהאָלפן דאָס אַריבערטראָגן.

אין באַראַק האָבן מיר אַלץ אַוועקגעלייגט אויפן טיש, געמאַכט אַן אָר־דענונג און אַלץ אַריינגעלייגט אין מיין שענקל. איך האָב געבעטן דעם „דניע־וואַלני" ער זאָל צוגרייטן דעם טיש אין עס צימער. עטלעכע אַרעסטאַנטן האָבן געבראַכט זודיק וואַסער און אַ טשייניק מיט פאַרבריטע טיי. אַ העלפט פון די פּראָדוקטן וואָס איך האָב באַקומען האָב איך אַוועקגעלייגט אויפן טיש און אַלע האָבן געגעסן.

דער בריגאַדיר איז בעת מעשה נישט געווען. ווען ער איז צוריקגע־קומען האָב איך אים אויך געוואָלט מכבד זיין. ער האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט: „מיינע מענטשן ברענגען מיר אין איין נאַכט מער ווי איר האָט דערהאַלטן איןביידע פּעקלעך"... דערביי האָט ער מיך געפרעגט צי איך האָב געגעבן די אַרעסטאַנטן צו עסן פון אייגענעם ווילן, אָדער זיי האָבן דאָס פון מיר געפאָדערט. „האָט נישט קיין מורא — האָט ער געזאָגט — ביי מיר וועט אייך קיינער נישט טשעפּען. איך האָב באַשלאָסן אייך צו געבן אַ פּלאַץ וואו איר וועט קענען דאַווענען אומגעשטערט" — האָט ער צוגעגעבן.

בשכנות פון אונזער באַראַק איז געווען אַ באַהייצט צימערל, וואָס איז געווען באַשטימט אויף טריקענען די אַרבעטס־קליידער. מיר זיינען געווען די איינציקע אין לאַגער וואָס האָבן געהאַט ספּעציעלע אַרבעטס־קליידער. דאָס איז געווען איינע פון די פּריווילעגיעס, וואָס „דער ליכטיקער" האָט אויסגעקעמפט פאַר זיינע מענטשן. ער האָט אָנגעזאָגט דעם „דניעוואַלני" אַז ווען איך וועל זיין אין דער „סושילקע", זאָל מיר קיינער נישט שטערן.

צומאָרגנס האָט מען אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר וועלן אָנפאַנגען צו אַרבעטן אין דער נאַכט־שיכטע. דאָס איז געווען פּרייטיק. איך בין געווען פאַרזאָרגט ווי אַזוי צו האַנדלען וועגן שבת. אין דער פריערדיקער בריגאַדע איז דאָס שוין געווען ביי מיר פּשוט. איך בין געגאַנגען צום קאָמענדאַנט, און ער האָט מיך איינגעזעצט אין קאַרצער. דאָ איז דער באַלעבאָס געווען „דער ליכטיקער" און מיט אים טאָר מען נישט מאַכן קיין עקספּערימענטן. וואָס טוט מען?

דערווייל איז צוגעפאַלן די שקיעה און איך האָב געדאַוונט מנחה. דער „ליכטיקער" האָט מיך אַוועקגערופן אין אַ זייט און דערקלערט: „היינטיקן שבת וועסטו נישט דאַרפן גיין אין קאַרצער. מיינע מענטשן טאָרן נישט באַ־שטראָפט ווערן. וועסט אַרויסגיין בייַנאַכט מיט דער גאַנצער בריגאַדע. זאָרג זיך נישט, אַרבעטן שבת וועסטו נישט" . . .

איך האָב נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי ער וועט דאָס באַווייזן. איך האָב אָבער געפילט, אַז איך מוז זיך אונטערוואַרפן זיינע באַפעלן. איך האָב מקבל שבת געווען, געמאַכט קידוש איבער זיס וואַסער, און אַזוי ווי איך האָב נאָך געהאַט ברויט מיט פוטער האָב איך אָפּגעגעסן אַ „שבת'דיקע סעודה" און געדאַנקט דעם אויבערשטן פאַר זיין השגחה איבער מיר.

צוזאַמען מיט אַלע בין איך אַרויס צו דער אַרבעט. דער בריגאַדיר האָט אַלעמען פונאַנדערגעטיילט און דערמאָנט: „מיר אַרבעטן אויף אַנדערע באַ־דינגונגען. אַלע אַרבעטן 12 שעה און מיר נאָר לויט דער נאָרמע, פון דער צאָל מעטער בעטאָן וואָס מיר דאַרפן אָפּלייגן. די אַרבעט איז טאַקע אַ שווערע, אָבער מיר ווערן נישט אויסגעריסן אויף דער קעלט 15־16 שעה אין מעת־לעת. מיר האָבן ספּעציעלע באַדינגונגען און פּריווילעגיעס, און דאָס וויכטיק־סטע — מיר זיינען בייַנאַכט די באַלעבאַטים אין לאַגער און קענען צונעמען ביי יעדן אַרעסטאַנט וואָס אונז גלוסט זיך נאָר. דערפאַר מוזן מיר אַרבעטן גוט און שנעל, אויספירן אונזערע נאָרמעס. ווען נישט, וועלן מיר ווערן אויס יחסנים און אויסגעריסן ווערן ווי אַלע אַרעסטאַנטן".

ווען אַלע האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט, האָט ער מיך אַוועקגעפירט צו אַ קעמערל, וואָס האָט געדינט אַלס מאַגאַזין פון בעזעמער, מיט וועלכע מיר האָבן פאַרקערט דעם צעמענט. „קריך אַריין — האָט ער געזאָגט — איך וועל דיך פאַרשליסן פון דרויסן. נאָר דו זאָלסט נישט געבן קיין סימן פון לעבן, עס זאָל קיינער נישט באַמערקן. ווען נישט זיינען מיר ביידע פאַר־שפּילטע".

אינדערפרי, ווען דער בריגאַדיר האָט געעפנט די טיר, האָב איך זיך געטרייסלט פון קעלט. ער האָט מיך צוגעפירט צו דער בריגאַדע און צוזאַמען מיט אַלע בין איך צוריקגעגאַנגען אין לאַגער אַריין. אין אונזער באַראַק איז געווען וואַרים. אַלע האָבן אָפּגעגעסן פרישטיק און זיך געלייגט שלאָפן נאָך דער נאַכט־אַרבעט. איך האָב זיך געשטעלט דאַווענען און נאָך דעם געפּראַוועט מיין שבת'דיקע סעודה. ברויט האָב איך באַקומען, פוטער און צוקער האָב איך געהאַט פון מיין פּעקל און הייסע טיי איז געווען אין אונזער באַראַק. מיט איין וואָרט: דאָס איז געווען איינער פון די געציילטע רואיקע שבתים, וואָס איך האָב נישט פאַרבראַכט אין קאַרצער.

איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו בענטשן נאָך דער סעודה איז אָנגעקומען דער בריגאַדיר, זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר און פאַרפירט מיט מיר אַ געשפּרעך.

— איידער דו ביזט געקומען צו מיר אין דער בריגאַדע — האָט ער

אַנגעהויבן — האָט מיך אַרויסגערופן דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּ־טיילונג און מיר געזאָגט, אַז ער שיקט אין מײַן בריגאַדע אַן אידישן אַרעס־טאַנט, וואָס איז פאַר׳משפּט פאַר סאַבאָטאַזש און ער טוט ווײַטער דאָס זעלבע אין לאַגער, ווײַל ער וויל נישט אַרבעטן שבת. דער נאַטשאַלניק האָט מיר געגעבן אָנווייזונגען ווי אַזוי מיט דיר צו האַנדלען, כּדי וואָס שנעלער פון דיר פּטור צו ווערן. ער האָט מיר געזאָגט — האָט ווײַטער דערציילט דער בריי־גאַדיר — אַז איך זאָל דיך נישט צווינגען צו אַרבעטן שבת, ווײַל דאָס וועט סיי־ווי נישט העלפן. דאַקעגן זאָל איך דיר געבן אַזאַ שווערע אַרבעט, אַז דו זאָלסט נישט זײַן בכוח זי אויסצופירן, וועסטו מיט דעם שטערן די איבעריקע אַרעסטאַנטן פון דער בריגאַדע און אַרויסרופן זייער צאָרן קעגן דיר. דאַן וועט מען דיר קענען מאַכן אַ נײַעם משפּט פאַר סאַבאָטאַזש און דיך פאַר׳משפּט׳ן צום טויט. דער נאַטשאַלניק האָט אָבער נישט געוואוסט — האָט ער ווײַטער געזאָגט — אַז ביי מיר ביזטו זיכערער ווי אויף יעדן אַנדערן פּלאַץ. נעם זיך נישט איבער, איך וועל דיר נישט לאָזן טאָן קיין עוולה. דו וואונדערסט זיך אַוודאי וואָס איך שטעל זיך אַזוי איין פאַר דיר, וועל איך דיר דערציילן וועגן זיך, וועסטו זיך אויפהערן צו וואונדערן.

— ניין, איך בין נישט קיין איד — האָט ער ווײַטער געזאָגט, ווי ער וואָלט געלייענט מײַנע געדאַנקען — אָבער עס האָט אַ שייכות דערמיט. געוועזן אַ גרויסער הונגער און כמעט אַלע איינוואוינער פונעם דאָרף האָבן

— איך בין געבוירן געוואָרן אַלס דאָס 9־טע קינד ביי אָרימע פּויערים אין אַ דערפל אין ווייס־רוסלאַנד. אין יענע יאָרן איז אין אונזער געגנט אויסגעוואַנדערט צו זוכן ברויט. מײַן משפּחה איז פאַרבליבן, ווײַל אונזער פערד איז גע׳פּגר׳ט און דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער וויל זיך נישט אַרומשלעפּן אין דער פרעמד מיט קליינע קינדער.

— איך בין געוועזן דער אינגסטער — האָט ער פאַרגעזעצט — און די מאַמע האָט נישט געקענט צוקוקן ווי איך גיי אויס פון הונגער. איז זי אַוועק צו באַקאַנטע אין שטעטל און זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן מיך נעמען צו זיך אויף עטלעכע מאָנאַטן, ביז דער הונגער וועט אַדורך. אָבער אין אַ קורצער צייט שפּעטער זײַנען מײַנע עלטערן געשטאָרבן און איך בין פאַרבליבן ביי די באַקאַנטע. דאָס איז געווען אַ אידישע משפּחה פון יעקב דעם רימער. זיי האָבן געהאַט פינף קינדער. דער אינגסטער, לייבעלע, איז געווען אין מײַן עלטער, אַ קינד פון צוויי יאָר, און מיר זײַנען דערצויגן געוואָרן צוזאַמען ווי צוויי ברידער.

— ביי דער משפּחה בין איך געווען צען יאָר. מען האָט מיך געהאַ־דעוועט ווי אַן אייגן קינד. איך האָב קיינמאָל נישט געפילט קיין אונטערשייד צווישן מיר און די אַנדערע קינדער אין שטוב. צוזאַמען מיט לייבעלען האָב איך זיך אַפילו אויסגעלערנט זאָגן אינדערפרי די ברכות, וואַשן זיך צום עסן א. ד. גל. נאָר שבת האָב איך זיך אונטערשייד פון די איבעריקע קינדער — איך אַלס גוי האָב געמעגט אויסלעשן דעם לאָמפּ, געבן עסן די בהמות און מעלקן די קי.

— ווען איך בין אַלט געוואָרן 10 יאָר האָבן זיך מיינע קרובים דער־וואוסט, אַז איך לעב און געפינען זיך ביי יעקב דעם רימער, האָבן זיי פון אים געפאָדערט ער זאָל מיך גלייך ברענגען צו זיי, אויב נישט, האָבן זיי געדראָט, אַז זיי וועלן אים אָנקלאָגן אין געריכט אַז ער וויל צווינגען אַ קריסטליך קינד זיך מגייר צו זיין. מיין אָרימער יעקב האָט מורא באַקומען און קעגן מיין ווילן מיך אָפּגעפירט צו מיינע קרובים.

— פון דעם וואָס מען האָט מיר דערציילט, האָב איך געוואוסט אַז אין יענע הונגער־יאָרן, ווען מיין מאַמע האָט זיך געווענדעט צו די קרובים, האָט קיינער פון זיי מיך נישט געוואָלט נעמען צו זיך. איך האָב זיי דערפאַר גע־האַסט און נישט געוואָלט האָבן מיט זיי צו טאָן. ווען איך בין קעגן מיין ווילן געבראַכט געוואָרן צו זיי האָב איך זיי געפרעגט צי עס איז אמת, אַז דאַן האָבן זיי מיך נישט געוואָלט נעמען צו זיך.

— צו וואָס דערמאָנען אַלטע מעשיות — האָט מיין מומע מיר געזאָגט — דאָס איז געווען אַ שווערע צייט פון הונגער, און דאָס לייב איז שטענדיק נענטער ווי דאָס העמד.

— אויב אַזוי — האָב איך איר געענטפערט — האַלט איר דאָך מיך פאַר אַ פרעמדן און איר האָט מיך דאָ געבראַכט, כדי איך זאָל פאַר אייך אַרבעטן. וויל איך אייך אין פאָראויס וואָרענען, אַז פאַר קיין פאַל וועל איך ביי אייך נישט זיין.

— נאָך אַזעלכע דיבורים האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז קיין נחת וועלן זיי פון מיר נישט האָבן און זיי האָבן מסכים געווען, אַז יעקב זאָל מיך צוריק־נעמען מיט זיך.

— דאָס איז געווען אין 1917, גלייך נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. יעקב דער רימער האָט געהאַט אַן אייגן הייזל, אַ וואַרשטאַט. ער איז געווען אַ גוטער בעל מלאכה, די עלטערע קינדער האָבן צוגעהאָלפן אין דער אַרבעט און עס איז אים געגאַנגען נישט שלעכט. ביי די באָלשע־וויקעס האָט דאָס געהייסן, אַז ער איז אַ בורזשוי און אין אַ געוויסן טאָג האָט מען די משפחה פאַרשיקט פון שטעטל. מיך האָט מען איבערגעלאָזט, ווייל איך בין דאָך געווען אַ פרעמדער. אַזוי ווי איך בין געבליבן אַ קינד אָן אויפזיכט, האָט מען מיך אַריינגעגעבן אין אַ קינדער־אַנשטאַלט. דאָרט האָב איך געליטן הונגער און קעלט. מיר האָבן פיינט געהאַט אונזערע דער־ציער און דעם גאַנצן אַנשטאַלט. איר ווייסט דאָך, אַז הונגער ברענגט צום גרעסטן אומגליק, האָב איך צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע קינדער זיך אָרגאַ־ניזירט אין אַ גרופּע. מיר פלעגן ביינאַכט אַרויס דורך די פענסטער און פאַרקלייבן זיך אין אַ שפּייז־קראָם, און דאָס ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן וואָס מיר האָבן גע׳גנב׳עט האָבן מיר געבראַכט און פונאַנדערגעטיילט צווישן די קינדער. דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען אַ לענגערע צייט, ביז די פּאָליציי האָט אונז געכאַפּט און אַרעסטירט. מיר זיינען אַלע פאַר׳משפט געוואָרן צו דריי יאָר אין אַ ספּעציעלן לאַגער פאַר קינדער־פאַרברעכער.

— דער רעזשים אין לאַגער איז געווען אַ שרעקלעכער. פיר שעה אַ טאָג האָבן מיר געאַרבעט און פיר שעה געלערנט. מיר האָבן קיינמאָל נישט באַקומען קיין עסן צו דער זעט און די עסנס וואָס מיר האָבן שוין יאָ באַקומען זיינען געווען זייער שלעכטע. די גוטע פּראָדוקטן האָבן צוגע׳גנב׳עט די אָנ־פירער פון דער אַדמיניסטראַציע און מיר האָבן באַקומען דעם אָפּפאַל.

— עטלעכע חדשים האָבן מיר געאַרבעט, געליטן און געשוויגן. צום סוף האָבן מיר נישט אויסגעהאַלטן. אַ גרופּע מער דרייסטע, צווישן וועלכע איך בין אויך געווען, האָבן באַשלאָסן צו שיקן אַ פּעטיציע צו דער העכערער מאַכט אין מאָסקווע. מיר האָבן געשריבן דעם אמת וועגן אונזער לעבן און געבעטן, אַז מען זאָל בייטן די אָנפירונג אויף מער ערלעכע מענטשן.

— דער ענטפער פון מאָסקווע איז געווען: אַלע וואָס האָבן אונטערגע־שריבן די פּעטיציע, זאָל מען גלייך אַוועקשיקן אין אַ לאַגער פון שווערער אַרבעט פאַר דערוואַקסענע . . .

— אין נייעם לאַגער האָב איך אין אָנפאַנג שווער געאַרבעט. אָבער צוביסלעך האָט מען מיך אַריינגעצויגן אין דער סביבה פון אַלטע גנבים. צוערשט האָב איך באַהערשט זייער שפּראַך און שפּעטער אויך די ספּעציאַ־ליטעט. איך האָב שוין געוואוסט, אַז „קאַרמאַנשטשיק" דאָס איז אַ קעשענע־גנב; אַ „דאָמאַשניק" מיינט שטוב גניבות, אויסגעפּירט מערסטנס ביינאַכט, און פון אַ העכערער מדריגה איז געווען אַ „מעדוועזשאַטניק", וואָס באַדייט קאַסע־ברעכער. אַזאַ „שטיקל אַרבעט" האָבן שוין געמוזט אויספירן עטלעכע מענטשן, דערצו נאָך באַוואָפנטע. די ערשטע אויפגאַבע ביי דער דאָזיקער „אַרבעט" איז געווען צו ליקווידירן די וועכטער פון דער באַנק אָדער ביוראָ, וואו די קאַסע האָט זיך געפונען.

— אין קינדער־לאַגער האָב איך זיך געלערנט שלאָסעריי, און אַפילו געהאַט פעאיקייטן צו דעם פאַך. דאָס האָט מיר טאַקע שפּעטער זייער געהאָלפן אין מיין נייער „ספּעציאַליטעט". די גנבים האָבן זיך דערוואוסט פון מיינע פעאיקייטן און גענומען מיך צוגרייטן אַלס ספּעציאַליסט צו ברעכן קאַסעס, עפענען שלעסער, איבעררייסן עלעקטרישע סיגנאַליזאַציע א. ד. גל.. צו דעם צוועק האָבן זיי מיך איינגעאָרדנט אין די לאַגער־וואַרשטאַטן ביי עלעקטרישע און שלאָסעריי אַרבעטן.

— ווען מען האָט מיך באַפרייט פון לאַגער האָב איך שוין געהאַט אַן אַדרעס צו מיין באַנדע. אין דער ערשטער צייט האָבן זיי מיך געהאַלטן אין אַ ספּעציעלער דירה. זיי האָבן אַפילו באַקומען פאַר מיר אַ באַשטעטיקונג, אַז איך בין אַ שילער פון טעכניקום, כדי איך זאָל נישט אַרויסרופן קיין חשד. אין דער דירה האָב איך געהאַט אַ וואַרשטאַט און צוגעגרייט מכשירים פאַר מיינע חברים, שליסלען און וויטריכעס צו עפענען שלעסער און קאַסעס. מיט דער צייט בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין „פּראַקטישע" אויפגאַבן. איך בין געוואָרן אַ „ספּעציאַליסט" אין איבעררייסן סיגנאַליזאַציעס און אויפ־ברעכן קאַסעס. איין זאַך, צו וועלכער איך האָב זיך נישט געקענט שנעל צוגעוואוינען איז געווען די „נאַסע אַרבעט", דאָס מיינט צו מאָרדן מענטשן.

— אין דער „בראַנזשע״ איז דאָס אָבער, װײזט אױס, אומפאַרמײדלעך, און אױך צו מיר איז דערגאַנגען די רײ. אײנמאָל, בעת מיר האָבן אױפֿ־געריסן אַ קאַסע אין אַ באַנק, איז דורכגעגאַנגען אַ שיכור. ער איז גראָד אַרײַן אינעװײניק װען מיר האָבן געהאַלטן בײַם פֿאַרענדיקן די „אַרבעט״, און ער האָט דערזען אַלץ. איך האָב צופֿעליק געהאַט בײַ זיך אַ פֿלעשל בראַנפֿן, האָב איך אים צוגערופֿן און מכבד געװען. װי נאָר ער האָט גענומען טרינקען, האָב איך זיך געװאָרפֿן אױף אים, און אײדער ער האָט באַװיזן אױסצושרײַען אַ װאָרט, איז ער שױן געלעגן אַ דערשטיקטער.

— אין די אױגן פֿון מײנע חברים בין איך געװאָרן אַ העלד. זײ זײַנען נתפּעל געװאָרן פֿון דער שנעלקײט מיט װעלכער איך האָב געהאַנדלט. איך בין געװען דער אײנציקער װאָס האָט זיך נישט פֿאַרלױרן, און דערבײַ האָב איך עס געמאַכט „טרוקן און שטיל״.

— נאָך דעם האָב איך טאַקע אַװאַנסירט. דער „באַטקאַ״ (אַזױ רופֿט מען דעם הױפּטלינג פֿון אַ באַנדע) האָט מיך באַשטימט צו די פֿאַראַנטװאָרט־לעכסטע אױפֿגאַבן, צום „אַראָפּנעמען״ די װאַך (אין דער שפּראַך פֿון פֿאַר־ברעכער הײסט דאָס מאָרדן). די דאָזיקע אַרבעט פֿאָדערט אַ סך אײַנפֿאַל און געװאַגטקײט. איך האָב פֿאַרמאָגט בײדע.

— כּמעט אַ יאָר צײַט האָבן מיר געאַרבעט אומגעשטערט. מיר האָבן זיך עטלעכע מאָל איבערגעטראָגן פֿון אײן שטאָט אין דער אַנדערער, אָבער עס האָט אונדז אָפּגעגליקט. מיר זײַנען רײַך געװאָרן און געהאַט אַ סך געלט. װאָס טוט מען, אַז מען האָט אַ סך געלט? מען שיכּור׳ט. אײנער פֿון אונדזערע חברים האָט זיך פֿאַרליבט אין דער טאָכטער פֿונעם באַלעבאָס פֿון דער דירה װאו ער האָט געװאױנט, און אײנמאָל, אין אַ שיכּור׳ן צושטאַנד, האָט ער געװאָלט באַאײַנדרוקן זײַנע באַלעבאַטים מיט זײַן גרױס רײַכקײט, כּדי זײ זאָלן מסכּים זײַן צו געבן אים זײער טאָכטער פֿאַר אַ װײַב, האָט ער זײ געװיזן זײַן רענצל װאָס איז געװען פֿול מיט געלט. אַזעלכע גרױסע סומעס געלט האָט דער באַלעבאָס נאָך נישט געזען אין זײַן לעבן. אַזױ װי אין דער שטאָט האָט זיך גראָד געטומלט פֿון עטלעכע רױב־אָנפֿאַלן װאָס מיר האָבן געהאַט אױסגעפֿירט אין דער לעצטער צײַט, איז זײ באַפֿאַלן אַ פּחד, אַז זײער שכן איז אַװדאי פֿון דער דאָזיקער באַנדע. האָבן זײ גלײַך געמאָלדן דער מיליץ (פּאָליצײ), װאָס האָט דעם חברה־מאַן באַלד אַרעסטירט. ער האָט אונדז אַלע־מען אױסגעגעבן און מיר זײַנען פֿאַר׳משפּט געװאָרן יעדער אױף 10 יאָר לאַגער.

— מען האָט אונדז פֿאַרשיקט װײַט אין אַן אומבאַװױנטער טאַיגע פֿון סיביר. עס זײַנען דאָרט געװען זײער שטאַרקע פֿרעסט און גרױסע שנײען. בערך 2,000 מענטשן האָבן געװױנט אין ברעזענטענע פּאַלאַטקעס. מיר זײַנען דאָרט געװען די ערשטע. מיר האָבן געדאַרפֿט אױסהאַקן די װעלדער און בױען די ערשטע הײַזער פֿאַר זיך. די אַרעסטאַנטן זײַנען געװען פֿון פֿאַר־שידענע טײלן פֿון סאָװעט־רוסלאַנד און זײַנען פֿאַרשיקט געװאָרן פֿאַר פֿאַר־שידענע חטאָים. די מערהײט איז באַשטאַנען פֿון פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

אונזער גרופּע פון גנבים און רויבער איז באַשטאַנען פון פופציק מאַן. מיר זיינען געווען די יחסנים. דעם ערשטן הילצערנעם באַראַק וואָס מען האָט אויסגעבויט האָבן מיר באַקומען. ווען אַלע זיינען געשוואָלן געוואָרן פון קעלט אין די פּאַלאַטקעס איז ביי אונז געווען אַ היץ. דער אויוון אין אונזער באַראַק האָט געברענט בייטאָג און ביינאַכט.

— לויטן אַנגענומענעם שטייגער ביי גנבים, האָבן מיר נישט געאַרבעט. אַלע אַרעסטאַנטן, און אַפילו די אַדמיניסטראַציע, האָבן פאַר אונז מורא געהאַט. אין דער ערשטער צייט האָט די אַדמיניסטראַציע געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי ווייסט נישט דערפון אַז מיר גייען נישט אַרויס צו דער אַרבעט. דער פּלאַן אויסהאַקן דאָס האָלץ ווערט אָבער געגעבן לויט דער צאָל אַרעסטאַנטן. דערצו נאָך איז די נאָרמע פאַר יעדן אַרעסטאַנט געווען גאָר אַ גרויסע, זעקס קובי־מעטער אַ טאָג, וואָס קיינער האָט נישט געקענט מאַכן, און דאָ האָט נאָך גע־פעלט די אַרבעט פון פופציק מענטשן! נאָך אַ קורצער צייט האָבן שוין גע־פעלט צום פּלאַן טויזנטער מעטער האָלץ.

— אין אַ געוויסן טאָג האָט מיך דער נאַטשאַלניק גערופן צו זיך און דערקלערט:

— איך ווייס, אַז דו האָסט אַן אויטאָריטעט ביי דיינע גנבים, וויל איך מיט דיר מאַכן אַן אָפּמאַך. דו וועסט באַשטימט ווערן אַלס בריגאַדיר און זאָלסט באַווירקן די 50 מענטשן פון דיין באַראַק זיי זאָלן אַרויסגיין נאָרמאַל צו דער אַרבעט.

— איך האָב אים געענטפערט, אַז איך קען נישט אָננעמען זיין פאָרשלאָג, ווייל מיר האַלטן זיך ביים פּרינציפּ נישט צו אַרבעטן אין לאַגער, און ווען אַפילו איך זאָל מסכים זיין, וועלן מיינע חברים זיין קעגן מיר.

— איך האָב געוואָלט דורכקומען מיט אייך מיט גוטן — האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט אַן אויפגערעגטער — נאָר אויב איר וועט זיך נישט אונטערוואַרפן דער דיסציפּלין, וועלן מיר אייך צווינגען.

— איך האָב נאָך נישט באַוויזן צו רעדן וועגן דעם מיט מיינע חברים, ווי אין באַראַק זיינען אַריין העכער הונדערט סאָלדאַטן. זיי האָבן אונז אַלע־מען געשמידט אין קייטן. דער אָפיציר האָט דערקלערט: „איר וועט זיין געשמידט אַזוי לאַנג, ביז איר וועט צוזאָגן אַז איר וועט אַרבעטן".

— עס איז אַוועק אַ לענגערע צייט, די קייטן האָבן זיך אַלץ שטאַרקער איינגעשניטן אין לייב, די יסורים זיינען געוואָרן אַלץ גרעסערע און מיר האָבן אָנגעהויבן צו שרייען. צום סוף האָבן מיר זיך אַרויסגעריסן פון באַראַק און געשמידטע זיינען מיר געלאָפן צו דער געביידע פון דער אַדמיניסטראַציע און געזאָגט: „אויב מען וועט נישט באַלד אַראָפּנעמען פון אונז די קייטן, וועלן מיר הרג'ענען דעם נאַטשאַלניק און יעדן איינעם וואָס וועט אונז קומען אונטער די הענט". זיי האָבן זיך דערשראָקן און אַראָפּגענומען פון אונז די קייטן. זיי האָבן אָבער נישט רעזיגנירט. אינמיטן דער נאַכט, בעת מיר זיינען געשלאָפן, האָבן מיר פלוצים דערפילט, אַז עס גיסט זיך וואַסער אויף אונז.

ביז מיר האָבן זיך אָריענטירט וואָס עס איז געשען, זיינען מיר שוין געווען געבונדענע. באַוואָפנטע סאָלדאַטן האָבן אונז, נאַקעטע און נאַסע, אַרויסגע־טריבן אויף דער גאַס, אַריינגעשליידערט אין מאַשינען און אָפּגעפירט אין צענטראַלן איזאָלאַטאָר.

— עטלעכע טעג האָט געדויערט די אויספאָרשונג. מען האָט אונז באַשולדיקט אין אַ פּרואוו צו דערמאָרדן דעם נאַטשאַלניק פון לאַגער. זעקס מענטשן האָט מען פאַר׳משפּט צום טויט און דערשאָסן, די איבעריקע האָבן באַקומען אַן אורטייל פון 25 יאָר לאַגער. מען האָט אונז שוין נישט געשיקט צוזאַמען, נאָר צעוואָרפן איבער פאַרשידענע לאַגערן.

— איך זיץ שוין 14 יאָר — האָט פאַרגעזעצט דער „ליכטיקער״ — דריי מאָל האָב איך געפּרואווט אַנטלויפן, אָבער עס איז מיר נישט געלונגען. ווען מען האָט מיך געכאַפּט צום דריטן מאָל, האָב איך באַקומען טויט־שטראָף על תּנאַי, דאָס הייסט, אַז אויב איך וועל אַרבעטן, וועט דער אורטייל נישט אויסגעפירט ווערן.

— דאַן האָט דער נאַטשאַלניק מיך גערופן און פאַרגעלייגט מיר צו ווערן בריגאַדיר. ער האָט מיר געגעבן 85 אַרעסטאַנטן, אַלע דרייסטע און גע־וואַגטע, וואָס האָבן שוין אַפילו אין לאַגער נישט איינעם אָוועקגעלייגט. כמעט איבער אַלע הענגט דער זעלבער אורטייל וואָס איבער מיר. דער נאַטשאַלניק האָט מיט מיר געמאַכט אַן אָפּמאַך, אַז אויב מיר וועלן גוט אַרבעטן, וועלן מיר האָבן ספּעציעלע באַדינגונגען און פרייע הענט לגבי אַנדערע אַרעסטאַנטן. איך האָב אָנגענומען די באַדינגונגען. איצט פאַרשטייסטו שוין פאַרוואָס אונזער בריגאַדע איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע?

דער „ליכטיקער״ האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און זיך געווענדעט צו מיר מיט אַ פריינטלעכן טאָן:

— ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, האָט מען דיך געשיקט אין מיין בריגאַדע, כדי איך זאָל דיך ליקווידירן. אָבער איך האָב זיך מיינע פּרינציפּן פון גערעכטיקייט. דו קענסט וועגן מיר טראַכטן וואָס דו ווילסט, אָבער איך פאַרגעס קיינמאָל נישט איינעם וואָס האָט מיר געטאָן עפּעס גוטס; דו האָסט מזל וואָס דו דערמאָנסט מיך אין יעקב דעם רימער, און איך וועל נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל דיר אימיצער טאָן שלעכטס. קענסט זיין רואיק — ווי לאַנג איך וועל נאָר קענען, וועל איך דיר העלפן.

איך בין אַוועק פון דעם שמועס אַ צעטומלטער. עס איז מיך באַפאַלן אַ מידקייט און איך האָב זיך געלייגט אַביסל אָפּרוען. איך האָב אָבער נישט געקענט שלאָפן. לאַנגע שעה׳ן האָב איך געטראַכט וועגן דער מורא׳דיקער לעבנס־געשיכטע פון מיין בריגאַדיר, ביז עס האָט זיך דערהערט דער סיגנאַל וואָס האָט גערופן צו דער נאַכט־אַרבעט.

דאָס איז געווען ערב ראש השנה, און פאַר מיר איז ווידער געשטאַנען אַ שווער פּראָבלעם: פאַרלאָזן זיך אויף מיין בריגאַדיר, אָדער גיין אויפן אַלטן וועג — אין קאַרצער. אויפן וועג צו דער אַרבעט האָב איך געזאָגט דעם

„ליכטיקן" אַז איך האָב באַשלאָסן צו גיין אין קאַרצער אַריין, כדי נישט צו פאַרשאַפן אים נייע צרות. ער האָט מיך אָנגעקוקט אַ באַליידיקטער און גע־זאָגט: „פאַרלאָז זיך אויף מיר, איך וועל דיך שוין איינאָרדענען".

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ האָט ער מיך געהייסן וואַרטן ביז ער האָט פונאַנדערגעטיילט די אַרבעט צווישן דער בריגאַדע. נאָך דעם האָט ער מיך אַוועקגעפירט צום קעמערל וואָס האָט געדינט אַלס מאַגאַזין פון בעזעמער. איך בין אַריין און ער האָט מיך פאַרשלאָסן פון דרויסן, אָנ־זאָגנדיק מיר, אַז איך זאָל קיינעם נישט עפענען.

— איך ווייס, אַז היינט איז ביי אייך אַ גרויסער יום־טוב — האָט ער געזאָגט — דאָ קענסטו רואיק דאַווענען ביידע טעג. כאָטש איך בין אַ גוי, בעט פאַר מיר אויך — האָט ער צוגעגעבן און ווינטשנדיק מיר אַ גוט יאָר, איז ער אַוועק.

איך האָב געדאַוונט מיט אַ צעבראָכן האַרץ. מיך האָבן דערוואָרט נאָך אַכט אַזעלכע ראש־השנה׳ס. נאָכן דאַווענען האָב איך געפּראַוועט סעודת יום־טוב מיט סוכאַרעס, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך פונעם פּעקל וואָס איך האָב באַקומען. נאָכן עסן האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף די בעזעמער און גע־זאָגט תהילים.

פאַרטאָג איז געקומען דער „ליכטיקער". ער האָט געעפנט די טיר און צוזאַמען מיט דער גאַנצער בריגאַדע בין איך אַוועק צוריק אין באַראַק. נאָך דער „פּראָוויערקע" האָב איך געדאַוונט, געגעסן סעודת יום־טוב און זיך גע־לייגט שלאָפן. איך האָב זיך אויפגעוועקט ערשט צום „ראַזוואָד", ווען מיר זיינען אַרויס צו דער אַרבעט.

ווידער בין איך אַריין אין מיין שטיבל און איך האָב זיך געשטעלט דאַווענען. דאָס מאָל איז מיר געווען גרינגער אויפן האַרץ. איך האָב זיך גע־טראַכט: דער אויבערשטער האָט מיר פאַרט געהאָלפן, אַז אַפילו אין לאַגער קען איך פּראַווען ראש השנה ווי אַ איד. די נאַכט בין איך גוט געשלאָפן אויף די בעזעמער, כאָטש עס איז געווען קאַלט. איך האָב זיך אויפגעוועקט ערשט פאַרטאָג, ווען דער „ליכטיקער" איז געקומען מיך נעמען צוריק אין לאַגער.

פאַרנאַכט האָט מיר דער בריגאַדיר געזאָגט, אַז היינט ביינאַכט וועט וואַרשיינלעך קומען צו אונז אויף דער אַרבעט אַ קאָנטראָל פון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע, זאָל איך זיך דעריבער באַמיען צו אַרבעטן מיט אַלע כוחות, כדי נישט אויסצוטיילן זיך פון די אַנדערע.

אינמיטן דער נאַכט זיינען טאַקע אָנגעקומען צוויי נאַטשאַלניקעס אין ציווילע קליידער. זיי זיינען געגאַנגען איבער אַלע אָפּטיילונגען, געשמועסט מיט די בריגאַדירן און אַרעסטאַנטן. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו מיר האָב איך גראָד געשלעפּט אַ וועגעלע מיט צעמענט. די אַרבעט איז ביי מיר גע־גאַנגען גוט און שנעל. אַ ווײַלע האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן ביי מיר און אָבסער־ווירט מיין אַרבעט. זיי האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקן און אַוועק, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

# מיינע צוואַנציק יאָר
# אין סאָוועטישע טורמעס

פון

**אברהם נעצאַך**

איבערלעבונגען פון אַ רוסישן אידן, וואָס האָט זיך געראַטעוועט
פון צוואַנציק יאָר געפאַנגענשאַפט אין טורמעס און שקלאַפן־
אַרבעטס־לאַגערן אין סאָוועט רוסלאַנד

— צווייטער טייל —

# אינהאַלט

## צווייטער טייל

„כל נדרי״ אין אַ פינסטערן קעלער ........................ 3
מיין נייע „גרינגע״ אַרבעט ........................ 8
דער היטלער־סטאַלין פּאַקט — און די פּוילישע אידן ........................ 20
אין דעם נייעם לאַגער ........................ 31
איך ווער אַן אויוון־הייצער ........................ 38
דער הונגעריקער פּסח ........................ 46
איך אַרבעט אין „סעלכאָז״ ........................ 62
אין דער מעבל־פאַבריק ........................ 69
מיר גראָבן אויס קאַרטאָפל וועלכע מיר טאָרן נישט עסן ........................ 92

# — צווייטער טייל —

## „כל נדרי" אין אַ פינסטערן קעלער

עס האָט זיך דערנענטערט דער הייליקער טאָג, יום כיפּור. די זאָרג האָט צוגענומען ביי מיר דעם שלאָף. גיין אין קאַרצער האָב איך נישט געט־טאָרט. דאָס וואָלט באַוויזן די אָנמאַכט פון מיין בריגאַדיר, דעם „ליכטיקן", אַז ער האָט נישט באַוויזן דורך דער צייט מיך איינצוברעכן צו אַרבעטן שבת און יום־טוב. דאָס וואָלט אויך גלייכצייטיק צעשטערט מיין פאַרהעלטניסמעסיק רואיק לעבן וואָס איך האָב געהאַט אין דער בריגאַדע און וואָלט באַדייטענדיק פאַרערגערט מיין לאַגע; אין קעמערל פון די בעזעמער האָב איך אויך נישט געקענט גיין, דאָרט האָבן איצט געאַרבעט עטלעכע מענטשן ביים פלעכטן בעזעמער. וואָס טוט מען? די טעג זיינען געלאָפן און עס איז שוין געווען ערב יום כיפּור.

אין אָונט, ווען מיר האָבן שוין געדאַרפט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, האָט דער בריגאַדיר באַמערקט מיין אויפרעגונג. ער האָט געזען, אַז איך בין פשוט צעבראָכן. ווען איך האָב אים געזאָגט אין וואָס ס׳האַנדלט זיך, איז ער געוואָרן רויט פון כעס. איך האָב פשוט מורא געהאַט ער זאָל מיך נישט נעמען שלאָגן. איך האָב געפילט, אַז ער הערשט איבער זיך מיט די לעצטע כוחות.

— פאַרוואָס האָסטו מיר פריער נישט געזאָגט — האָט ער געשריגן אַ פאַרצווייפלטער. — איך דאַרף געדענקען וועגן דיין יום־טוב? דאָס איז דאָך אייער הייליקסטער טאָג! איך געדענק, אַז יעקב דער רימער פלעגט דאַן אַוועק אויף אַ גאַנצע נאַכט אין שול. אָבער קום — האָט ער געזאָגט נאָך אַ ווײַלע פון פאַרטראַכטן — מען וועט שוין מוזן געפינען עפּעס אַן אויסוועג. איך וועל דאָך דיך נישט פאַרלאָזן, גראַד אין דער נאַכט . . .

מיר זיינען אָנגעקומען אויפן פּלאַץ. איך בין געשטאַנען אין גרויס דערוואַרטונג ביז ער האָט פאַנאַנדערגעטיילט די אַרבעט צווישן דער בריגאַדע. צום סוף האָט ער זיך געווענדעט צו מיר: קום!

מיר זיינען אַוועק עטלעכע הונדערט מעטער פונעם אַרבעטס־פּלאַץ, וואו עס איז געשטאַנען אַ נישט־געענדיקטע געביידע. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ פינסטערן קעלער. דער קעלער איז געווען פאַרגאָסן מיט וואַסער אין דער טיף פון העכער אַ מעטער. פון וואַסער זיינען אַרויסגעשטאַנען היל־צערנע סלופּעס, איינער פון דעם אַנדערן אָפּגעטיילט אויף אַ שטח פון העכער אַ מעטער. פון אויבן זיינען פון צייט־צו־צייט געפאַלן גרויסע שטיינער אין וואַסער אַריין. אַ לענגערע צייט זיינען מיר געשטאַנען, ביז די אויגן האָבן זיך צוגעוואוינט צו דער פינסטערניש.

— שטעלט זיך אויף אַ סלופּ — האָט געזאָגט דער „ליכטיקער" — נאָר איר זאָלט זיך נישט שטאַרק שאָקלען אין דאַוונען, ווייל איר קענט אַריינפאַלן אין וואַסער און עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל אייך ראַטעווען. נאָר אַזוי ווי איר זייט זיך אַזוי מקריב פאַר אייער גלויבונג, וועט אייך דער אויבערשטער אויסהיטן פון אַן אומגליק. איך בעט אייך, אַז איר זאָלט נישט אַרויסגיין פון דעם אָרט ביז איך וועל נישט קומען צו אייך.

איך בין געבליבן איינער אַליין. איך בין געשטאַנען אויף אַ סלופּ וואָס האָט געהאַט 30 סענטימעטער די גרעב, איז מיר געווען שווער איינצוהאַלטן די גלייכגעוויכט. איך האָב געזען, אַז אַ גאַנצע נאַכט וועל איך נישט אויסהאַלטן אין דער פּאָזיציע. איך האָב זיך גענומען קלעטערן ווייטער און איבערגעשפּרונגען פון איין סלופּ אויף דעם צווייטן, ביז וואַנען איך האָב דערגרייכט צו אַ וואַנט, און האָב זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין דער וואַנט. אויסער דעם, זיינען ביי דער וואַנט נישט געפאַלן די שטיינער אַזוי אָפט. איך בין געוואָרן אויסגעמאַטערט פון דעם קלעטערן — און אין שרעק פאַר די שטיינער וואָס זיינען געפאַלן לעבן מיר פון אויבן. עס האָט געדויערט אַ צייט ביז איך האָב זיך אַביסל אָפּגערוט און איך האָב זיך באַהערשט. איך האָב זיך גענומען גרייטן צו כל־נדרי.

בעת מעשה איז פאַר מיינע אויגן און מיין זין דורכגעגאַנגען דער גורל פון די אידן וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער דאַזיקער וואונדערלעכער תפילה אין די צייטן פון דער אינקוויזיציע אין שפּאַניע — ביז צו די צייטן פון מיינע יונגע יאָרן, ווען איך בין געווען ביי מיין טאַטן, וואָס איז איינגעקריצט אין מיין זכרון. איך האָב זיך דערמאָנט אויף אַ מעשה. דאָס איז געווען אין יאָר 1905. איך בין דאַן געווען אַ קליין אינגל. איך בין דעמאָלט צום ערשטן מאָל געווען אין שול בעת דער תפילה. אין יענער צייט האָט זיך איבער די אידישע שטעט און ישובים פון רוסלאַנד צעגאָסן אַ כוואַליע פון פּאַגראָמען. די צייטונגען האָבן אַן אויפהער געפירט אַן אויסגעלאַסענע אַנטיסעמיטישע העצע, באַשולדיקנדיק די אידן אין גורם זיין אַלע צרות, וועלכע זיינען דעמאָלט געפאַלן אויפן רוסישן פאָלק. „בעי זשידאָוו, ספּאַסאַי ראָסיו" (שלאָגט די אידן, ראַטעוועט רוסלאַנד). דער דאַזיקער לאָזונג האָט אַרויסגעשריגן פון אַלע ווינקלען, פון אַלע ווענט אין די שטעט און דערפער פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע. יעדן טאָג האָט מען געהערט ידיעות וועגן אויסגעמאָרדעטע אידישע פרויען, קינדער און זקנים.

אין אונזער שטאָט האָט זיך געגרייט אַ פּאָגראָם. אין דער געדריקטער שטימונג און אין פּחד, וועלכע האָט זיך איבערגעטראָגן אַפילו צו קינדער, זיינען אידן געגאַנגען יענעם יום־כיפּור נאַכט צו כל־נדרי. ווען אַלע זיינען שוין געווען אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען און טליתים און דער חזן האָט זיך געגרייט אָנצוהויבן די תפילה, האָט אַן אַלטער איד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער האַנט אין עמוד און אויסגערופן: אידן! מיר זיינען אַלע אין אַ גרויסער סכנה. די גויים גרייטן אויף אונז אַ פּאָגראָם.

זיי האָבן אָנגעזאַמלט געווער, זיי האָבן אַ כּוח, און מיר האָבן זיך נישט מיט וואָס צו פאַרטיידיקן, מיט וואָס זיך צו באַשיצן. אונזער איינציק געווער איז „כּל נדרי". אונזער איינציקער באַשיצער איז דער רבונו של עולם. נאָר ער מוז רחמנות האָבן אויף אונזערע פרויען און קינדער, נאָר ער קען אונז ראַטעווען פון די גוי'אישע הענט. לאָמיר דעריבער מתפלל זיין מיט התלהבות!

איצט, אין קעלער, האָב איך זיך געשטעלט צו כּל־נדרי, אין נישט קיין קלענערער סכּנה ווי די אידן פון מיין שטאָט מיט 34 יאָר צוריק. דאַן בין איך נאָך געווען אַ קינד, און די געפאַר איז נישט דערגאַנגען אין דער פולער מאָס צו מיין באַוואוסטזיין. איצט האָט זי געלויערט אויף מיר יעדע מינוט, יעדע רגע. ביי דער קלענסטער אומפאָרזיכטיקער באַוועגונג, האָב איך געקענט אַראָפּ־פאַלן און דערטרונקען ווערן אין וואַסער. אויב אימיצער וועט דערהערן, אַז איך בין דאָ, וועט מען מיך כאַפּן און פאַר'משפט'ן צום טויט. דער אָפּקלאַנג פון די שטיינער, וועלכע זיינען פון צייט־צו־צייט געפאַלן איבער מיין קאָפּ אין וואַסער אַריין, האָט זיך אין מיין פאַרשטעלונג אויסגעמישט מיטן וויי־געשריי פון די אידן פון מיין שטאָט אין יענער יום־כּיפּור נאַכט. צום דאַזיקן געשריי האָט זיך איצט פאַראייניקט מיין געוויין, און איך האָב אין די דאָזיקע אומשטענדן אָנגעהויבן מיין תּפילה — כּל נדרי . . .

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געזאָגט תּהילים. די דאָזיקע נאַכט האָט גע־דויערט אַן אייביקייט. ענדלעך האָב איך דערהערט דאָס קול פון בריגאַדיר.

— וואו ביסטו? קום אַרויס!

איך האָב זיך געפילט ווי מען האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף, כאָטש איך בין די גאַנצע צייט געווען וואַך. ערשט איצט האָב איך דערפילט, אַז איך בין אויסגעשעפּט. אָבער ווי קען איך אַרויס אין אַזאַ פינסטערניש? דער ברי־גאַדיר האָט געבראַכט צוויי פּאַפּירענע זעק פון צעמענט, וועלכע ער האָט אָנגעצונדן, און ביים ליכט פון דעם פייער האָב איך מיט די לעצטע כּוחות געקלעטערט איבער די סלופּעס, ביז איך האָב דערגרייכט דעם אַרויסגאַנג פון קעלער.

איך האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. דער „ליכטיקער" האָט מיך אונטערגעהאַלטן. איך האָב דערזען טרערן אין זיינע אויגן. רבונו של עולם, — האָב איך געטראַכט, — עפּעס אַ נאַכט פון ניסים. שוין נאָר דער פאַקט וואָס איך האָב איבערגעלעבט אַזאַ שרעקלעכע נאַכט פון געפאַרן, און איך האָב נישט מחלל געווען דעם הייליקן יום־כּיפּור און געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זאָגן כּל נדרי, און איצט — טרערן אין די אויגן פון „ליכטיקן", דער מענטש, וואָס בלויז זיין נאָמען רופט אַרויס שרעק, נישט נאָר ביי די אַרעסטאַנטן, נאָר אויך ביי דער אַדמיניסטראַציע. דער מענטש וואָס האָט שוין נישט איינעם געשיקט אויפן עולם האמת און אַליין נישט איינמאָל געזען דעם טויט פאַר די אויגן — אָט דער מענטש האָט איצט געוויינט. ווען ער האָט דערזען אין וואָס פאַר אַ מצב איך בין געווען אין דער נאַכט פון יום כּיפּור.

— זייט מיר מוחל — האָט ער געזאָגט, אַרומנעמענדיק מיך — איך

האָב נישט געהאַט קיין צווייטן אויסוועג. איך האָב נישט געפונען אַן אַנדער פּלאַץ וואו דיך צו באַהאַלטן. איך גלויב שוין איצט אויך, אַז דער אויבערשטער האָט זיך מרחם געווען אויף אייך.

ווען מיר זיינען אַריין אין באַראַק, בין איך געפאַלן פון שוואַכקייט. דער „ליכטיקער" האָט געבעטן אַן אַרעסטאַנט ער זאָל מיר העלפן זיך אויס־טאָן. זיי האָבן מיך אַריינגעלייגט אין בעט, צוגעדעקט מיט עטלעכע קאָצן, ווייל איך האָב געציטערט פון קעלט, און אַרויסגערופן אַ דאָקטאָר. ער האָט מיר געמאַכט אַן איינשפּריצונג און געגעבן אַ דערלויבעניש צו ליגן צוויי טעג אין בעט. איך בין געווען גליקלעך, איך האָב געקענט אַ גאַנצן טאָג רואיק דאַווענען און גוט אויסרוען זיך.

ביינאַכט, ווען אַלע זיינען אַוועק צו דער אַרבעט, האָב איך געמאַכט הבדלה און געגעסן מיין מאַלצייט. די נאַכט בין איך גוט געשלאָפן, איך האָב אַפילו נישט געהערט ווען אַלע זיינען אינדערפרי צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. דאָס האָט דער „ליכטיקער" זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך פאַרהאַלטן שטיל, כדי זיי זאָלן מיך נישט אויפוועקן.

נאָך די צוויי טעג האָב איך געמוזט אַרויסגיין צו דער אַרבעט. איך האָב זיך אָבער נאָך געפילט זייער אָפּגעשוואַכט. דער בריגאַדיר האָט דאָס אויך באַמערקט און צוגעשטעלט צו מיר אַ ספּעציעלן מענטש, וועלכ״ער זאָל מיר העלפן אויספירן די שווערע אַרבעטן. דער מענטש האָט מיך פשוט געראַטעוועט.

נאָך צוויי טעג האָט דער בריגאַדיר מיר געזאָגט, אַז ער האָט אַ באַפעל צוצושטעלן מיך אין דער פּלאַניר־אָפּטיילונג. דאָרט האָט מיך אויפגענומען די אידישע אינזשינעריין, וועלכע איז געווען די הויפּט־אָנפירערין פון די בוי־אַרבעטן. זי האָט זיך זייער דערפרייט מיט מיר און דערקלערט, אַז עס האַנדלט זיך ווייטער וועגן פינאַנס־פּלאַן אויפן יאָר 1940. דאָס מאָל, האָט זי געזאָגט, האָבן זיי דעם פּלאַן שוין געמאַכט אַליין. מיין אויפגאַבע וועט זיין צו קאָנטראָלירן, צי ער איז גוט געמאַכט און פאַרריכטן די פעלערן און שרייבן די אויסבעסערונגען. לויט איר מיינונג, האָט דאָס געדאַרפט פאַרנעמען 10 טעג אַרבעט.

ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז מאָרגן הויבט זיך אָן סוכות און צווישן וועט נאָך זיין שבת, אַזוי, אַז פאַקטיש וועל איך האָבן נאָר 5 טעג צו דער אַרבעט, איז זי געווען זייער נישט צופרידן. איך האָב איר אָבער פאַרזיכערט, אַז איך וועל אַלץ טאָן, כדי דער פּלאַן זאָל זיין צו דער צייט, און מיטן אויבערשטנס הילף, וועט דאָס מיר געלינגען.

איך האָב צו אייך צוטרוי — האָט זי געזאָגט. — איך בין אויך צופרידן, וואָס ביי דער געלעגנהייט וועט איר האָבן אַ מעגלעכקייט אָפּצוריכטן אויף אַ מענטשלעכן אופן אייער יום־טוב — האָט זי צוגעגעבן, און געוואונטשן מיר, איך זאָל דערלעבן דעם קומענדיקן יום־טוב צו פייערן אויף דער פריי.

איך האָב זיך פאַרמאַכט אין מיין צימער און געאַרבעט אינטענסיוו אַ גאַנצע נאַכט. איך בין געווען צופרידן ווען איך האָב געזען, אַז דער פּראָיעקט

איז געמאַכט נישט שלעכט און איך וועל זיכער באַווייזן אויסצופירן מיין אויפגאַבע צו דער צייט.

פאַרטאָג בין איך אַוועק צו מיין בריגאַדע און צוזאַמען מיט אַלעמען געגאַנגען צוריק אין לאַגער. אויפן וועג האָט מיר דער בריגאַדיר געזאָגט, אַז דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג ווייס וועגן דעם, אַז איך אַרבעט אין קאָנטאָר. ער האָט דערויף מסכים געווען, ווייל זיי מוזן מיך דאָרט האָבן אַלס ספּעציאַליסט, נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער האָט נישט געוואָלט מסכים זיין צו באַפרייען מיך פון דער בריגאַדע. אָפיציעל פאַר דער אַדמיניס־טראַציע האָט עס געהייסן, אַז איך אַרבעט ווייטער ביי פיזישער אַרבעט אין מיין בריגאַדע.

איך בין אויך געווען צופרידן, וואָס דער אויבערשטער האָט מיר גע־האָלפן און איך וועל נישט מוזן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער, אָדער גיין אין קאַרצער אויף יום־טוב. ביינאַכט, ווען מיר זיינען אַרויס צו דער אַרבעט, האָב איך גענומען מיט זיך ברויט און פוטער, כדי צו פּראַווען די סעודת יום־טוב. אַלע זיינען אַוועק צו דער שווערער אַרבעט, איך בין געגאַנגען אין דער פּלאַניר־אָפּטיילונג. איך האָב זיך פאַרשלאָסן אין מיין צימער. דאָ האָב איך ערשט געקענט רואיק דאַווענען. איך בין געווען זיכער, אַז קיינער וועט מיר נישט שטערן.

אויפן טיש איז געשטאַנען אַ קרוג וואַסער צום טרינקען. אַ קוואַרטל האָב איך געהאַט מיט זיך. האָב איך זיך געוואַשן און געפּראַוועט סעודת יום־טוב, ווי איך וואָלט געווען ביי זיך אין דער היים. איך האָב געטראַכט: רבונו של עולם, וואָס פאַראַ ניסים דו קענסט באַווייזן. אין דער היים שטעלט זיך קיינער נישט פאַר, אַז איך פיל זיך אין דעם מאָמענט אַ גליקלעכער, אַז אין דער נאַכט האָט מיר גאָרנישט געפעלט — אויסער דאָס באַפרייען זיך פון לאַגער. נאָכן עסן האָב איך געזאָגט תהילים און געלייגט זיך שלאָפן. אַזוי איז אויך אַדורך די צווייטע נאַכט יום־טוב.

אינדערפרי, ווען מיר זיינען געקומען אין באַראַק, האָט געוואַרט אויף אונז אַ נייעס: מען האָט אונזער בריגאַדע אַריבערגעפירט אויף דער טאָג־שיכטע. איך בין געווען דערפון צופרידן, ווייל בייטאָג גייט די אַרבעט בעסער און שנעלער. צום סוף, נאָך שמחת תורה האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז איך וועל נישט באַווייזן צו מאַכן דעם פּלאַן צום טערמין. איך האָב דאַן פאַרגע־שלאָגן דער פאַרוואַלטעריך, זי זאָל דערלעדיקן, אַז איך זאָל נישט דאַרפן אין דער נאַכט פון דינסטיק צוריקגיין אין לאַגער שלאָפן, וועל איך אַרבעטן אָן איבעררייס ביז מיטוואָך ביינאַכט, און דאַן וועט שוין זיכער אַלץ זיין פאַר־ענדיקט.

איך האָב טאַקע געאַרבעט צוויי מעת־לעת אָן איבעררייס. און דאַנער־שטיק אינדערפרי האָב איך אָפּגעגעבן דעם פּלאַן צום טערמין. די אָנפירערין איז געווען זייער צופרידן און צוגעזאָגט, אַז זי וועט מאַכן אַלע באַמיאונגען,

כדי איך זאָל באַקומען אַ גרינגערע אַרבעט. מיר האָבן זיך געזעגנט. זי האָט מיר געוואונטשן הצלחה און גיכע באַפרייאונג פון לאַגער

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מיך אַרויסגערופן אין דער אַדמיניסטראַציע, דאָרט האָט מען צו מיר דערקלערט, אַז איך ווער איבערגע־שיקט צו אַ צווייטער אַרבעט, אויפן געביט פון לאַגער גופא. איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס נאַכט־שומר איבער דריי מאַגאַזינען.

איך בין אַוועק אין מיין באַראַק און דערציילט דעם „ליכטיקן", אַז מען האָט מיך אַריבערגעפירט אין אַ צווייטער בריגאַדע און דערפאַר וועל איך אויך מוזן זיך אַריבערטראָגן אין אַ צווייטן באַראַק. ער איז געווען שטאַרק איבער־ראַשט און אַפילו גערירט.

— איך באַדויער זייער — האָט ער געזאָגט — וואָס דו וועסט מער נישט זיין מיט מיר, כאָטש איך בין צופרידן, ווייל דו וועסט פּטור ווערן פון די פיזישע ליידן ביי דער שווערער אַרבעט, און גיין שבת אין קאַרצער, און דער עיקר — וועסט זיין אַביסל ווייטער פון דער דריטער אָפּטיילונג.

ער האָט צוזאַמענגערופן אַלע מענטשן פון דער בריגאַדע. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום טיש און ער האָט געהאַלטן אַן איינדרוקספולע געזעגע־נונגס־רעדע.

— איר זעט דעם מענטשן, וואָס האָט געלעבט מיט אונז אַ קורצע צייט — האָט ער געזאָגט, — ער איז אַ איד, און דערצו אַ פרומער איד. פאַראַן פיל מענטשן ביי אונז וועלכע טראַכטן אויס אויף אידן בלבולים. אויף דעם אידעלן מענטשן האָט איר זיך געקענט איבערצייגן, אַז דאָס אַלץ איז שקר. לאָמיר אים ווינטשן, אַז ער זאָל דערלעבן באַפרייט צו ווערן פון דעם גיהנום און אומקערן זיך צו אַ נאָרמאַל לעבן . . .

דער „ליכטיקער" וועלכן אַלע האָבן באַטראַכט אַלס אַ שרעקלעכער מערדער, האָט מיר געטאָן פיל טובות. אָבער אויף אַזאַ געזעגענונג, האָב איך זיך נישט געריכט.

## מיין נייע „גרינגע" אַרבעט

איך בין אַוועק אין באַראַק פון מיין נייער בריגאַדע, געמאָלדן זיך ביים „דניעוואַלני" און געבעטן ער זאָל מיר אָנווייזן אַ פּלאַץ, וואו איך וועל שלאָפן. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך קום פון „ליכטיקנס" בריגאַדע, האָט ער אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן פון פאַרוואונדערונג.

— פון „ליכטיקנס" בריגאַדע צו אונז? דאָס קען נישט זיין! — האָט ער געזאָגט. — איר האָט מסתמא אַ טעות. אונזער בריגאַדע איז באַשעפטיקט ביים שטאָב פון לאַגער.

איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז איך בין באַשטימט אַלס שומר פון די

מאַגאַזינען און מען האָט מיך געהייסן וואוינען אין אָט־דעם באַראַק. ער האָט מיר נישט געגלויבט און איז אַוועק פרעגן ביים „נאַטשאַלניק קאָלאָני".

ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער שוין גערעדט אַנדערש. ער האָט באַשטימט פאַר מיר אַן אָרט צום שלאָפן און אַ שענקל וואו צו האַלטן מיינע זאַכן.

אָט־דער באַראַק איז אויך געווען בעסער איינגעאָרדנט פון אַנדערע, כאָטש נישט מיט אַזאַ „לוקסוס" ווי אין מיין פריערדיקער בריגאַדע. פון ביידע זייטן ווענט זיינען געשטאַנען צוויי שטאָקיקע פריטשעס, צונויפגעקלאַפּט פון פּראָסטע ברעטער. אויף די ברעטער זיינען געווען מאַטראַצן, אַ קישעלע און אַ קאָץ.

צומאָרגנס אינדערפרי, נאָך דער „פּראָווערקע", האָט מען מיך אַרויסגערופן אין שטאַב פון „טשיס". דאָס איז געווען אַן אָפּטיילונג, וואָס שטעלט צו עסנוואַרג און קליידונג פאַרן לאַגער. ער האָט מיר געשטעלט די געוויינלעכע פראַגן: מיין עלטער, געזונט־צושטאַנד און פאַרוואָס איך בין געשיקט געוואָרן אין לאַגער. ווען ער האָט געהערט, וואָס פאַראַ „חטאים" איך האָב אויף זיך, האָט ער זיך געוואונדערט, וואָס מען האָט מיך געשיקט צו אָט־דער אַרבעט.

— איר וועט דאָ האָבן זייער אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע — האָט ער געזאָגט. — איר וועט דאַרפן היטן דריי אָביעקטן: די „כלעבאַרעזקע" (דאָס איז דער מאַגאַזין וואו מען צעטיילט דאָס ברויט אויף פּאַרציעס), די מאַגאַזינען פון קליידער און פון פּראָדוקטן. איר מוזט געדענקען, אַז איר זייט דאָ אַ נייער מענטש און איר וועט האָבן צו טאָן מיט דערפאַרענע גנבים, וועלכע זיינען כיטרע און טראַכטן צו כסדר אַלץ נייע מעטאָדן. אויב ס'געשעט אַ גניבה, זייט איר פאַראַנטוואָרטלעך, און מען וועט אייך דערפאַר משפט'ן.

ער האָט געוואָרט אַ ווילע און געווען איבערצייגט, אַז נאָך דעם ווי ער האָט אָנגעוואָרפן אויף מיר אַזאַ פּחד, וועל איך שוין נישט האָבן קיין חשק אָנצונעמען די אַרבעט. ווען איך האָב טראָץ דעם מסכים געווען, האָט ער מיר געגעבן אַ צעטל אויף אַ פעלץ און אַ פּאָר וואַלענקעס.

— דעם פעלץ — האָט ער געזאָגט — האָט איר אַ רעכט צו טראָגן נאָר ביינאַכט, בעת דער אַרבעט. אויף בייטאָג דאַרפט איר אים אָפּגעבן אין מאַגאַזין. — דאַקעגן די וואַלענקעס האָב איך געקענט נעמען מיט זיך, כדי זיי קענען אויסטריקענען. צום סוף האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך באַקענען מיט די אויפגאַבן וואָס איך דאַרף אויספירן, און מאָרגן אים געבן אַן ענדגילטיקן ענטפער.

איך האָב געזען, אַז דער נאַטשאַלניק איז ספּעציעל פאַראינטערעסירט, אַז איך זאָל נישט זיין דער שומר. ביינאַכט האָב איך אין באַראַק זיך באַקענט מיט די מענטשן פון מיין נייער בריגאַדע. דאָס זיינען געווען אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע באַדינונגס־אַרבעטן אין שטאַב: אין בעקעריי, קיך, וועשערייי, באָד, אין מאַגאַזינען, ביי קלענערע רעמאָנטן, רוימען די צימערן אין קאַנטאָר א. ד. גל. זיי האָבן מיך אויפגענומען זייער נישט

פריינטלעך. איך בין געווען דער איינציקער איד צווישן זיי, און דער עיקר — איך בין געווען אַ פרעמדער, וואָס קען שטערן... דאָס איז אויך געווען די סיבה, פאַרוואָס דער נאַטשאַלניק האָט מיך געוואָלט אָפּשרעקן פון דער אַרבעט.

צומאַרגנס אינדערפרי בין איך אַוועק זיך באַקענען מיט מיינע נייע באַלעבאַטים. אין מאַגאַזין פון ברויט האָבן געאַרבעט 8 מענטשן. זיי האָבן געשניטן און געוואויגן דאָס ברויט אויף פּאַרציעס. ווי עס איז געווען פאַר־אויסצוזען, האָט מיך דער אָנפירער פון מאַגאַזין אויפגענומען נישט פריינטלעך.

— זאָלסט נישט זיין ווי דער פריערדיקער שומר, וועלכער איז כסדר געקומען בעטלען — האָט ער געזאָגט מיט כעס און אין אַ טאָן וואָס האָט געצילט מיך צו באַליידיקן. — ביי מיר איז נישטאָ קיין איבעריק ברויט — האָט ער צוגעגעבן, — אַלע באַקומען דאָס, וואָס ס׳קומט זיי . . .

איך האָב אים באַרואיקט און דערקלערט, אַז ער זאָל זאָרגן פאַר זיך. וואָס שייך מיר, זאָל אים דער קאָפּ נישט ווייטאָן.

אויף דעם מאַגאַזין האָבן נאָכאַנאַנד געלויערט די גנבים. ער האָט אָבער געהאַט די מעלה, וואָס ער איז געווען געשלאָסן דריי שעה אין מעת־לעת. זיי האָבן געאַרבעט ביז 11 אַזייגער ביינאַכט, און צוויי אַזייגער נאָך האַלבע נאַכט האָט מען שוין געבראַכט פריש ברויט פון דער בעקעריי.

נישט בעסער האָבן מיך אויפגענומען די אָנפירער פון די איבעריקע צוויי מאַגאַזינען, וועלכע האָבן זיך געפונען אין שכנות׳דיקע באַראַקן. דער פון מאַגאַזין פון פּראָדוקטן, אויך אַן אַרעסטאַנט, האָט אַפילו פאַרפירט מיט מיר אַ „גוט־ברודערישן" שמועס, און מיר געגעבן אַן עצה ווי אַזוי איך זאָל זיך צוריקציען פון דעם געשעפט . . .

— איך וואונדער זיך — האָט ער געזאָגט — וואָס אַ מענטש אין דיינע יאָרן האָט זיך אונטערגענומען אַזאַ געפערלעכע אַרבעט. זיי האָבן שוין לאַנג געזוכט אַ שומר, אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט אָננעמען. איצט האָבן זיי דיך געפּאַקט. דו ביזט איינער אויף דריי מאַגאַזינען און וועסט האָבן אין האַנט נאָר אַ שטעקן. זיי, די גנבים, קומען עטלעכע צוזאַמען באַוואָפנט מיט מעסערס, און הרג׳ענען אַ מענטשן איז ביי זיי, ווי ביי דיר אויסטרינקען אַ גלאָז וואַסער. אויב דו ווילסט מיך פאָלגן — האָט ער געענדיקט — מאַך זיך נישט נאַריש, און ווי לאַנג ס׳איז נישט צו שפּעט, זאָג זיך אָפּ פון דער אַרבעט.

איך האָב אים געדאַנקט פאַר דער גוטער עצה און דערקלערט: איך בין גאַרנישט אַזאַ נאַר ווי דו מיינסט. איך האָב שוין אין לאַגער נישט איינס איבערגעלעבט און איך בין נישט נתפּעל געוואָרן. ביז איצט האָט מיך דער אויבערשטער אויסגעהיט פון אַלע צרות און איך האָף, אַז ער וועט מיך ווייטער היטן אונטער זיין השגחה.

ביז מיין אָנקומען האָט דער אָנפירער פון קליידער־מאַגאַזין און זיין געהילף גענעכטיקט אין אַ צימערל אין מאַגאַזין. האָב איך זיי געזאָגט, אַז פון היינט אָן וועלן זיי שלאָפן אין באַראַק. — ביינאַכט, ווען איך וועל זיין

אויף דער אַרבעט, וועל איך איך אין מאַגאַזין נישט אַריינלאָזן, סיידן אַז איר וועט קומען מיטן נאַטשאַלניק.

— דו ווילסט אונז שרעקן מיטן נאַטשאַלניק? — האָט ער געזאָגט מיט כעס און מיט אַ רמז, וועלכן איך האָב גוט פאַרשטאַנען.

— איך בין נישט קיין קאָנטראָלער — האָב איך אים געענטפערט — און מיך אינטערעסירט נישט אייערע געשעפטן. אָבער ביינאַכט, ווען איך בין פאַראַנטוואָרטלעך, וועט קיינער דאָ נישט אַריינגיין. פון אויסערלעכע גנבים וועל איך זיך קענען אויסהיטן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך בין צווישן וועלף און אויב איך וועל נישט האַנדלען דעצידירט, בין איך גלייך אַ פאַרשפּילטער. אויפן האַרצן איז מיר נישט געווען אַזוי פריילעך, אָבער דאָך בין איך געווען צופרידן וואָס איך בין פּטור געוואָרן פון דער שווערער פיזישער אַרבעט, און דער עיקר — פון גיין אין קאַרצער אויף די שבתים.

ביי טאָג האָב איך זיך גוט אויסגעשלאָפן און 9 אַזייגער אין אָוונט בין איך צום ערשטן מאָל געווען אויף מיין נייער אַרבעט. דער מאַגאַזין פון פּראָ־דוקטן איז שוין געווען געשלאָסן. ביים ברויט האָט דער מאַגאַזינער געמאַכט דעם טעגלעכן חשבון. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער אויסגערופן מיט כעס: דאָ איז דער איינטריט פאַר פרעמדע פאַרבאָטן. אויב דו האָסט צו מיר אַן ענין, קלאַפּ אָן אין פענסטערל פון דרויסן, וועל איך דיר ענטפערן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך בין דאָ אַן איבעריקער מענטש, וואָס קען שטערן. איך בין אַוועק צום קליידער־מאַגאַזין, וועלכן זיי האָבן נאָר וואָס געשלאָסן. איך האָב קאָנטראָלירט די דריי שלעסער וואָס זיינען דאָרט געהאַנגען, און איינער פון זיי איז געווען אָפן. איך האָב געבעטן איינעם פון די אַרעסטאַנטן, וועלכער איז צופעליק דורכגעגאַנגען, ער זאָל רופן דעם מאַגאַזינער. ער איז גלייך געקומען. ער האָט אָבער נישט געוואוסט, אַז דאָס האָב איך געשיקט אים רופן. ער איז צוגעגאַנגען צו קאָנטראָלירן די שלעסער און גלייך געוויזן מיר דעם אָפענעם שלאָס.

— דו זעסט? — האָט ער אויסגערופן — אַזוי זעט אויס דיין היטן.

— ער האָט דערביי געמאַכט אַ סקאַנדאַל, אַז עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן עטלעכע מענטשן.

איך האָב אים געלאָזן, אָבער דעצידירט, געזאָגט: דאָס האָב איך דיך געשיקט רופן. איך האָב אָבסערווירט ווי דו האָסט פאַרמאַכט דעם מאַגאַזין; דאָס מאָל בין איך דיר מוחל. נאָר אויב דאָס וועט זיך נאָכאַמאָל טרעפן, וועסטו שוין מער דאָ נישט קומען. פאַרגעס נישט, אַז דו ביסט אַן אַרעסטאַנט פונקט ווי איך. און איצט פאַרשליס און איך זאָל דיך מער דאָ נישט זען.

די מענטשן וואָס האָבן אונז אָבסערווירט האָבן מיר געגעבן גערעכט. ער איז געווען אין כעס, און איז אַוועק נישט אויסרעדנדיק מער קיין וואָרט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע נאַכט פון מיין נייער אַרבעט.

5 אַזייגער פאַרטאָג, נאָכן סיגנאַל צום אויפשטיין, זיינען אָנגעקומען פיל

אַרעסטאַנטן נאָך ברויט און דער „באַלאַנדע", אַזאַ וואַסער־זופּ, וואָס מען האָט געגעבן אויף פרישטיק. באַלד האָט זיך אויך אָנגעהויבן די „פּראַוויערקע" און איך האָב נישט געקענט אַוועקגיין, ווייל די מאַגאַזינערן זיינען נישט געקומען.

גלייך נאָך דער „פּראַוויערקע" איז געקומען אַן אַרעסטאַנט מיר אָנזאָגן, אַז דער קאָמענדאַנט רופט מיך צו זיך. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך קען נישט אַוועקגיין ווייל די מאַגאַזינערן זיינען נאָך נישט געקומען. אין עט־לעכע מינוט אַרום איז דער קאָמענדאַנט אַליין געקומען און גענומען מיך זידלען, פאַרוואָס איך בין נישט געווען אויף דער „פּראַוויערקע". איך האָב אים געענטפערט, אַז די טענה זאָל ער האָבן צו די מאַגאַזינערן, וועלכע פאַר־שפּעטיקן זיך צו דער אַרבעט. איך קען נישט איבערלאָזן די מאַגאַזינען און שפּעטער זיין פאַראַנטוואָרטלעך אויב ס'וועט געשען אַ גניבה.

פאַרנאַכט האָט מיך אַרויסגערופן דער נאַטשאַלניק. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דער קאָמענדאַנט האָט אָנגעשריבן אַ ראַפּאָרט קעגן מיר, אַז איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו שטיין צו דער „פּראַוויערקע". איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז לויט די פאַרשריפטן טאָר איך נישט פאַרלאָזן מיין פּאָסטן, ביז די מאַגאַזינערן נעמען נישט איבער די שלעסער פון די מאַגאַזינען. איך וויל נישט גע'משפט ווערן אויף וויטערדיקע 10 יאָר, אַלס שותף צו גניבות. איך זאָג זיך נישט אָפּ צו שטיין אויף די „פּראַוויערקע", נאָר די מאַגאַזינערן מוזן קומען פּונקטלעך 7 אַזייגער צו דער אַרבעט.

נאָך אַיין פּראָוואָקאַציע איז זיי נישט געלונגען. זיי האָבן געהאַט נאָך איין האָפענונג, אַז שבת וועל איך נישט אַרויסגיין צו דער אַרבעט. זיי האָבן טאַקע אויף דער נאַכט צוגעגרייט זייערס „אַ שטיקל אַרבעט".

פרייטיק פאַרנאַכט האָב איך, אין אַ ווינקל הינטער דער טיר, מקבל שבת געווען, קידוש געמאַכט איבער צוויי שטיקלעך ברויט, און 9 אַזייגער אין אָוונט בין איך געווען אין קליידער־מאַגאַזין, אַראָפּגענומען מיין פעלץ און בין אַרויס. דער מאַגאַזינער, וועלכער איז גראָד געווען פאַרנומען מיט מענטשן, האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי איך בין אַריין און בין אַרויס. ווען די מענטשן זיינען אַוועק האָט ער זיך געכאַפּט, אַז מיין פעלץ איז נישטאָ. ער איז אַרויס אין גאַס און אָנגעטראָפן זיך מיט מיר פנים אל פנים. פון גרויס איבעררעאשונג האָט ער אויסגערופן: „דו ביזט געקומען"? אָבער ער האָט זיך געכאַפּט און צוגעגעבן: „איך מיין אַזוי פרי".

איך בין געקומען נאָרמאַל צו דער באַשטימטער צייט — האָב איך גע־ענטפערט, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז איך פאַרשטיי גאָרנישט. — דער זייגער איז דאָך שוין 9.

ער האָט גלייך פאַרשלאָסן דעם מאַגאַזין און שנעל אַוועק. ער איז מסתמא געלאָפן וואָרענען זיינע מענטשן, אַז זיי זאָלן נישט קומען, ווייל דער פּלאַן זייערער איז צעשטערט געוואָרן.

נישט געקוקט אויף דעם, האָבן זיך אין דער נאַכט געדרייט מער גנבים ווי געוויינלעך. איך האָב פריער געטראַכט, אַז איך וועל קענען ביינאַכט זאָגן

תהילים. דאָס איז מיר אָבער נישט געלונגען. איך האָב כסדר געמוזט טרייבן די גנבים. ווען איך האָב אינדערפרי דערהערט דעם סיגנאַל צום אויפשטיין, בין איך געווען אַ גליקלעכער.

בייטאָג האָט מען מיך אויפגעוועקט פון שלאָף. עס האָט מיך גערופן צו זיך דער קאָמענדאַנט.

— פאַרוואָס שערט איר נישט אָפּ די באָרד און פאות? — האָט ער מיך געפרעגט אין אַ שאַרפן טאָן, ווי נאָר איך בין אַריין.

— איך האָב אַ דערלויבעניש פון דער פאַרוואַלטערין פון דער סאַני־טאַרער אָפּטיילונג — האָב איך געענטפערט.

— ביי מיר וועט איר נישט זיין אויף קיין ספּעציעלע רעכטן — האָט ער געזאָגט מיט כעס. — איר ווייסט געוויס, אַז לויט די היגיענישע פאַר־שריפטן טאָר מען נישט טראָגן קיין האָר און קיין באָרד. מאָרגן זאָל איך אייך מער נישט זען מיט אייער באָרד און פאות. אויב איר ווילט נישט גיין אין קאַרצער — האָט ער פאַרענדיקט.

די קאָמענדאַנטן זיינען געווען פון צווישן די געוועזענע אַרעסטאַנטן און האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו באַשטראָפן. זיי האָבן העכסטנס געקענט שרייבן אַ ראַפּאָרט צום נאַטשאַלניק. איך האָב זיך דעריבער ווייניק איבער־גענומען מיט זיינע דראָאונגען.

אין דער צווייטער נאַכט פון מיין אַרבעט האָט מיך דערוואַרט אַ נייער סיורפּריז: אַרום 10 אַזייגער, ווען דער מאַגאַזין פון ברויט איז נאָך געווען טעטיק און עס האָבן זיך דאָרט געפונען אַלע אַכט באַשעפטיקטע, האָט זיך דאָרט דערהערט אַ טומל. איך בין אַהין נישט געגאַנגען. אַזוי ווי איך האָב נאָך נישט געהאַט איבערגענומען דעם מאַגאַזין, האָב איך נישט געוואָלט האָבן דערמיט קיין שום שייכות. מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער, בעת׳ן שליסן דעם מאַגאַזין, האָט מיר דער מאַגאַזינער דערציילט, אַז עס זיינען אַריין צו זיי דריי אַרעסטאַנטן, באַוואָפנט מיט מעסערס און צוגערויבט עטלעכע לעבלעך ברויט. ווי אַזוי 8 געזונטע מענטשן, וועלכע זיינען אויך נישט געווען קיין מפּל־קינדער, און האָבן אויך געהאַט גרויסע מעסערס, מיט וועלכע זיי האָבן געשניטן ברויט, האָבן זיך געלאָזט טעראָריזירן פון דריי מענטשן, איז געווען זייער סוד. איך האָב זיך אין דעם נישט געוואָלט מישן.

צומאָרגנס אָבער, נאָך דער „פּראָווירקע״ האָט דער קאָמענדאַנט מיר געזאָגט איך זאָל אַריינגיין. נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט האָט ער אַרויסגע־נומען אַ צוגעגרייטן אַקט, אין וועלכן ס׳איז געווען געשריבן, אַז ביינאַכט האָבן אומבאַקאַנטע אַרויסגע׳גנב׳עט פון מאַגאַזין 5 לעבלעך ברויט — און געהייסן מיך אונטערשרייבן.

— לויט ווי מען האָט מיר דערציילט איז דאָס געשען איידער איך האָב איבערגענומען דעם מאַגאַזין צום היטן. איך בין דערביי נישט געווען. דעריבער וועל איך דאָס נישט אונטערשרייבן — האָב איך געזאָגט מיט רואיקייט, וואָס איך האָב גאָרנישט געפילט. דער קאָמענדאַנט האָט געזען מיין דעצידירטקייט,

ער איז געוואָרן רויט פון כעס, אָבער ער האָט מער נישט אויסגערעדט קיין וואָרט און געהייסן מיך גיין.

איך בין אַוועק אין מיין באַראַק, אָפּגעדאַוונט שטילערהייט און אָפּגעגעסן מיין שטיקל ברויט. איך האָב זיך נאָך נישט באַוויזן צו לייגן שלאָפן, ווי עס איז געקומען אַ שליח, איך זאָל שנעל גיין צום נאַטשאַלניק.

ווי נאָר איך בין אַריין האָט ער גענומען שרייען אויף מיר פאַרוואָס איך האָב נישט גלייך אינדערפרי צוזאַמענגעשטעלט אַ ראַפּאָרט וועגן דער גניבה אין ברויט־מאַגאַזין, וואָס איז געשען די נאַכט.

— בעת מיין דיזשור איז גאָרנישט געשען — האָב איך געענטפערט.

— איך האָב נאָר געהערט אַז אַזאַ מעשה איז געשען איידער דער מאַגאַזין איז געשלאָסן געוואָרן. איך פאַרשטיי נאָר נישט — האָב איך צוגעגעבן — ווי אַזוי 8 מענטשן האָבן זיך געלאָזט טעראָריזירן פון 3 אָנפאַלער. אָבער איך בין נישט קיין קאָמענדאַנט און עס איז נישט מיין אויפגאַבע דאָס צו פאָרשן און שרייבן ראַפּאָרטן.

ער האָט מיך גוט פאַרשטאַנען און געזאָגט: „איר זייט פריי״.

נאָך דעם האָב איך געהאַט מנוחה. זיי האָבן ווייזט אויס דערוויילע רע־זיגנירט פון ווייטערדיקע פּרוּוון מיך צו באַזייטיקן. נאָך עטלעכע טעג האָט מיך גערופן צו זיך דער הויפּט־נאַטשאַלניק פון שטאַב.

ער האָט מיך אויפגענומען זייער העפלעך און אַפילו געבעטן מיר זיצן.

— איך האָב איבערגעקוקט אייערע אַקטן און געזען, אַז איר זייט אויף דער פריי געווען אַ הויפּט־בוכהאַלטער פון אַ גרויסער אונטערנעמונג. איך האָב אייך דעריבער גערופן, כדי איר זאָלט אונדז העלפן לייזן אַ געוויסן ענין — האָט ער געזאָגט. — אין ברויט מאַגאַזין פעלט כסדר ברויט צו דער וואָג. איך ווייס, אַז זיי נעמען צו ביי יעדן אַרעסטאַנט 20 גראַם פון דער פּאָרציע. דאַרף זיי פאַקטיש בלייבן עטלעכע צענדליק קילאָגראַם ברויט יעדן טאָג. אָבער נאָכן חשבון פעלט זיי גאָר פון 30 ביז 40 קילאָ אַ טאָג. משפּט׳ן זיי פאַר גניבה — האָט ער געזאָגט — ווילט זיך מיר נישט. איך האָב נישט ליב, אַז ס׳זאָל ווער עס איז מיר קענען פאַרוואָרפן, אַז ביי מיר אין לאַגער האָט מען זיך דערלויבט צו גנב׳ענען.

איך האָב אים געענטפערט, אַז כדי צו דערגיין די סיבה, מוז איך מאַכן אַ גענויען חשבון. ער האָט אַרויסגערופן דעם בוכהאַלטער און מיר האָבן זיך געזעצט צו דער אַרבעט.

נאָכן אַנאַליז האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין געקומען צום אויספיר, אַז נישט נאָר אין מאַגאַזין, נאָר שוין אין דער בעקעריי גנב׳עט מען, און דערפאַר איז דער היזק אַזאַ גרויסער. דער איינציקער אויסוועג איז — טוישן דעם מאַגאַזינער. אויב דער נאַטשאַלניק איז מסכים — האָב איך צוגעגעבן — קען איך פאָרשטעלן אַן אַרעסטאַנט, וועלכער איז גע׳משפט געוואָרן פאַר נישט גענוגנדיקער אויפזיכט איבערן פאַרמעגן פון דער אונטערנעמונג, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט. ער איז אָבער אַן אָנשטענדיקער מענטש און וועט נישט גנב׳ענען. ער האָט מיר געדאַנקט און געהייסן שיקן צו אים דעם מענטשן.

מיין קאַנדידאַט איז געווען חנא איזראַאילעוויטש. דער זעלבער איד וואָס פלעגט מיך און שמואל'ן אַריינלאָזן אַנוואַרעמען און אָפּרוען זיך אין מאַגאַזין, וועלכן ער האָט געפירט אויף די בוי־אַרבעטן. די דאָזיקע אַרבעט איז אין לאַגער געווען אַ גליק. חנא האָט אָבער מורא געהאַט, אַז די באַנדיטן וועלן אים דער'הרג'ענען. איך האָב אים איבערצייגט, אַז מען דאַרף מער גאָר־נישט מורא האָבן, נאָר פאַרלאָזן זיך אויף דער השגחה פון דעם אויבערשטן.

מיר זיינען אַוועק צום נאַטשאַלניק און אויפן צווייטן טאָג האָט חנא איבערגענומען דעם ברויט־מאַגאַזין. ביסלעכווייז האָט ער געטוישט די מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט אין דעם מאַגאַזין. עס האָט אויפגעהערט צו פעלן ברויט. די פּאָרציעס זיינען געווען ערלעך געוואויגן און אַלע זיינען געווען צופרידן.

מיין אַרבעט איז אויך שוין געגאַנגען נאָרמאַל. די חברה האָט באַקומען פאַר מיר דרך ארץ. זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז מיט מיר איז נישט ליכט צו געווינען. אַפילו דער נאַטשאַלניק פון „טשיס" האָט מורא געהאַט מיך ווייטער צו טשעפּען און איך האָב שוין געהאַט מנוחה.

עס זיינען אָנגעקומען די גרויסע פרעסט און עס איז געווען שווער אויס־צוהאַלטן 10 שעה אין דער נאַכט אַפילו אין אַ פעלץ. איך בין אַרומגעלאָפן אַ גאַנצע נאַכט איבערן פּלאַץ כדי זיך צו דערוואַרעמען. נאָכן פאַרענדיקן מיין אַרבעט האָב איך ערשט געמוזט שטיין אַ לענגערע צייט אויפן „אַפּעל" און אויף דער „פּראָווערקע".

אין אַ געוויסן טאָג, ווען איך בין געקומען אין באַראַק אַריין אַ געפרוי־רענער, האָט געוואַרט אויף מיר אַ אידיש אינגל פון אַ יאָר 15. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. זיין פּנים איז געווען בלייך און אויסגעמאַגערט. עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף די ליידן פון דעם קינד. קודם־כל האָב איך אים געהייסן זיך וואַשן און מיר האָבן זיך געזעצט עסן.

— איך האָב זיך דערוואוסט וועגן אייך, בין איך געקומען בעטן איר זאָלט מיר העלפן, ווייל איך גיי פּשוט אויס — האָט ער געזאָגט.

ער איז געווען פון אַ קליין שטעטל אין ווייס־רוסלאַנד. זיין פאָטער איז געווען אַ פרומער איד און נישט געוואָלט אַרבעטן שבת, האָט מען אים דער־פאַר נישט געוואָלט באַשעפטיקן אין קיין שום אונטערנעמונג. איז ער געוואָרן אַ מלמד, געלערנט מיט קינדער אידישקייט. פאַרשטייט זיך — אומלעגאַל. האָט זיך די מאַכט דערוואוסט פון דעם און מען האָט דעם טאַטן פאַרשיקט אין אַ לאַגער ווייט אין סיביר, און מער האָבן זיי פון אים נישט געהערט. מיט אַ צייט שפּעטער איז געקומען פון דאָרט אַ מענטש, וואָס האָט דערציילט, אַז ער האָט אין לאַגער נישט געוואָלט אַרבעטן שבת, האָט מען אים דערפאַר פאַרפאַלגט. צום סוף האָבן זיי אים דערשאָסן און געמאַכט אַן אַקט אַז ער האָט געוואָלט אַנטלויפן.

מאָטעס — אַזוי האָט געהייסן דאָס אינגל — איז געווען דער עלטסטער פון די פינף קינדער אין שטוב. ער איז אַוועק צו זיינס אַ פעטער אין מאָסקווע.

דאָרט האָט ער זיך געלערנט און געאַרבעט. פון צייט צו צייט פלעגט ער קויפן אַ קעסטל פוטער און שיקן עס צו דער מאַמען, וואָס האָט עס פאַרקויפט און דערמיט פאַרדינט אויף חיונה פאַר די קינדער.

איין מאָל האָט אים די פּאָליציי אַרעסטירט מיט אַ קעסטל פוטער. ער האָט נישט אויסגעגעבן ביי וועמען ער האָט דאָס געקויפט, האָט מען אים פאַר׳משפט אויף פינף יאָר לאַגער. שוין העכער אַ האַלב יאָר צייט ווי ער איז פאַרשיקט און די משפחה ווייס אַפילו נישט וואו ער געפינט זיך.

איך האָב גערעדט מיט חנא׳ן און מיר האָבן מאַטעס׳ן איינגעאָרדנט ביי אים אין מאַגאַזין ביים שניידן ברויט. ער איז געווען זייער אַ פעאיק אינגל, דערצו אויך אַ פרומער. יעדן טאָג האָט ער געדאַוונט, נישט געגעסן קיין טריפות. אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, פלעג איך מיט אים לערנען אַביסל תורה.

חנא האָט געהאַט אין לאַגער אַ באַקאַנטן אידן, אברהם מאָסעיעוויטש. ער איז געווען אַ געבילדעטער מענטש. אויף דער פריי האָט ער פאַרנומען אַ הויכן אַמט. זיינע שונאים האָבן אים געוואָלט באַזייטיקן פון אַמט, האָבן זיי אויסגעטראַכט אויף אים אַ בלבול, אַז ער האָט כלומר׳שט גענומען שוחד. מען האָט אים פאַר׳משפט אויף פינף יאָר לאַגער. אַזוי ווי ער איז געווען אַ פעאיקער מענטש, האָט מען אים באַשטימט אויף אַן אַרבעט ביים באַזאָרגן דעם לאַגער מיט פּראָדוקטן. ביים באַראַק לעבן מאַגאַזין האָט ער געהאַט אַ צימערל, וואָס איז געווען זיין קאַנטאָר און אין וועלכן ער האָט אויך געוואוינט.

זייער אָפט, ווען ער איז געפאָרן נאָך פּראָדוקטן, האָט ער מיר אָפּגע־געבן זיין „קאַבינעט״. שפּעטער האָבן מיר שוין דאָרט געוואוינט צוזאַמען. איינער דעם צווייטן האָט נישט געשטערט. ער פלעגט שלאָפן ביינאַכט, ווען איך האָב געאַרבעט. בייטאָג, ווען ער איז געווען פאַרנומען, בין איך געשלאָפן. פון צייט צו צייט פלעגט ער ברענגען עטלעכע קאַרטאָפל. מיר האָבן זיי גע־בראָטן אויף דעם אויוועלע וואָס איז דאָרט געשטאַנען, און מיר אַלע, צוזאַמען מיט חנא׳ן און מאַטעס׳ן, האָבן געהאַט אַ גוטן מאָלצייט.

איין מאָל האָט אברהם מאָסעיעוויטש געבראַכט אַ קילאָ ווייס מעל, אייער און אַ גלאָז בוימל. „איר ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן — האָט ער געזאָגט, — מיר וועלן זיך מאַכן אַ קוגל אויף שבת. פאַרוואָס נישט? טאַקע אויף צעפּיקעניש די שונאים״ . . .

ער האָט געבראַכט אַ נייַ טעפל, איך האָב עס אויסגעבריט און פרייטיק האָב איך געמאַכט אַ קוגל. מיר האָבן זיך קוים איינגעהאַלטן נישט צו פאַרזוכן אים. ערשט שבת נאָך דער „פּראָוויערקע״ האָבן מיר זיך געזעצט צום טיש און געגעסן דעם קוגל, וואָס האָט אונז אַלעמען דערמאָנט אין אונזערע היימען.

איך האָב פאַרגעלייגט אברהם׳ען, ער זאָל יעדע וואָך ברענגען מעל און די צוגאָבן. פון דאַן אָן האָבן מיר יעדע וואָך געפּראַוועט אַ שבת׳דיקע סעודה מיט קוגל.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מיר מאַטעס דערציילט, אַז ער האָט באַגעגנט אין לאַגער אַ איד וואָס איז זייער אָפּגעשוואַכט. ער קען נישט אויסאַרבעטן

די נאַרמע און קריגט דעריבער נישט מער ווי 300 גראַם ברויט אַ טאָג. דער איד גייט אויס פון הונגער. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַחוץ אים זיינען פאַראַן נאָך עטלעכע אידן אין אַזאַ לאַגע. מיר האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַ פאָנד פון דעם ברויט וואָס בלייבט ביי חנא'ן אין מאַגאַזין יעדן טאָג און דערמיט אונטערהאַלטן די דאָזיקע הונגעריקע אידן. ברויט איז אין לאַגער געווען דאָס וויכטיקסטע אַרטיקל און איז געווען זייער שווער צו באַקומען אפילו פאַר גרויסע געלטער.

אַזוי האָבן מיר איבערגעלעבט נאָך אַ שווערן ווינטער אין לאַגער. עס האָט זיך דערנענטערט דער פרילינג און צוזאַמען דערמיט אונזער יום־טוב פּסח. מיר האָבן געמוזט זאָרגן וועגן מצה. נאָך אין יאָר תרח"ץ (1938) האָב איך אָפּגעמאַכט מען זאָל מיר אַרויסשיקן די מצה אין לאַגער אַריין מיט צוויי חדשים פריער. איך האָב געהאָפט, אַז די מצות וועלן אָנקומען אין צייט. חנא האָט אָבער געהאַט ספיקות. „פון וואַנען האָט איר די זיכערקייט, אַז די חברים אייערע זיינען בכלל אויף דער פריי, און אַז עס איז פאַראַן ווער צו באַקן מצות"? — האָט ער געפרעגט.

עס איז שוין געווען חודש ניסן, און קיין מצה איז נישט געווען.

אין אַ געוויסן טאָג איז חנא געקומען צו מיר און געפרעגט: „וואָס זאָגט איר מכוח דעם אַז מיר זאָלן אַליין אָפּבאַקן מצות אויף פּסח"?

איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. דאָ אין לאַגער, אין אונזערע אומשטענדן, באַקן מצות? דאָס האָב איך זיך אפילו נישט געקענט פאָרשטעלן.

חנא האָט געזען מיינע ספיקות און צוגעגעבן: „איר וועט נאָר זיין דער ממונה איבער כשרות. דאָס איבעריקע לאָזט פאַר מיר" . . .

צומאָרגנס האָט חנא דערליידיקט ביים נאַטשאַלניק, אַז מען מוז מאַכן אַ רעמאָנט אין מאַגאַזין פון ברויט. מען האָט געקאַלעכט די ווענט און די סטעלע, אָפּגערייניקט די פּאָלקעס און אפילו געמאַכט נייע טישן. איצט האָב איך געזען, אַז חנא קלייבט זיך אויף אַן אמת צו באַקן מצות. ווען דער רעמאָנט איז שוין געווען פאַרענדיקט האָט מיך חנא אַריינגערופן צו זיך פאַרן פאַרמאַכן דעם מאַגאַזין. ער האָט מיך צוגעפירט אין אַ ווינקל וואו עס איז געווען באַהאַלטן אַ זעקל מעל.

— איר זעט — האָט ער געזאָגט — פאַרן מאָלן דאָס מעל זיינען די מיל־שטיינער געניי אָפּגערייניקט געוואָרן. דאָס מעל איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אין אַ נייעם, נישט גענוצטן זאַק, און גלייך געבראַכט געוואָרן דאָ־אַהער. איז עס כשר? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ — האָב איך געזאָגט — כשר איז עס. אָבער צו וואָס גיין אויף אַזאַ ריזיקע. איך האָף, אַז מיינע מצות וועלן באַלד אָנקומען און עס וועט סטייען פאַר אונז אַלעמען.

— צי אייערע מצות וועלן אָנקומען, ווייס איך נישט, אָבער אַז איר וועט עסן פון די מצות וואָס איך וועל באַקן, בין איך זיכער — האָט ער

געענטפערט מיט אַ צופרידענעם שמייכל. — קומט אַריין אין אַ צוויי שעה אַרום, וועט איר עפּעס שוין זען . . .

אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט בין איך אַריין אין ברויט־מאַגאַזין. איך בין געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער. אין אַ ווינקל, הינטער אַ קאַרטענעם ווענטל איז געזעסן אַן עלטערע פרוי און געקנאַטן אַ טייג. מיין תּלמיד, מאַטעס, איז געשטאַנען ביים טיש, געוועלגערט אַ מצה און גערעדלט זי מיט אַ רעדל פון אַ זייגער. חנא איז געשטאַנען ביים אויוון און אַרויסגענומען געבאַקענע מצות. איך האָב נישט געגלויבט מיינע אויגן. רבונו של עולם! ווי פיל כּוח און מסירת נפש האָסטו געגעבן דיינע אידן, זיי זאָלן זיין פעאיק איינצושטעלן דאָס לעבן פאַר אונזער אמונה — באַקן מצות אין אַ סאָוועטישן לאַגער! . . .

צומאָרגנס איז אין „קאַבינעט" פון אברהם מאַיסעיעוויטש געלעגן, אין אַ ניי קעסטל, פאַרפּאַקט אין אַ ווייסער ליילעך 15 קילאָ מצות. איך בין געווען גליקלעך, אָבער עסן די מצות האָב איך נישט געהאַט קיין חשק. איך בין אַליין נישט געווען זיכער צי זיי זיינען מהודר. איך האָב נאָך געהאָפט, אַז דער אויבערשטער וועט מיר העלפן און איך וועל באַקומען מיינע מצות פון דער פריי. איך האָב אויפגעזוכט מיין באַקאַנטן פאָטאָגראַפער און געבעטן, ער זאָל זיך דערוויסן, צי עס איז נישט אָנגעקומען אויף דער צענטראַלער פּאָסט אַ פּעקל פאַר מיר. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס פּעקל קען דאָרט ליגן ביז דער פּסח וועט אַריבער.

צומאָרגנס האָט ער מיר געזאָגט, אַז ס'איז טאַקע אָנגעקומען פאַר מיר אַ פּעקל, נאָר מען האָט עס נישט געוואָלט אים אַרויסגעבן. בדרך כּלל האָט די פּאָסט צו די אַרעסטאַנטן, פּעקלעך און בריוו, געמוזט אַדורך די צענזור פון לאַגער. די צענזאָרין איז געווען די פרוי פונעם אויספאָרשונגס־ריכטער פון דער נ. ק. וו. ד., וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס אַ גרויסער אכזר.

איך בין אַוועק צו איר און געבעטן רחמים. זי האָט מיר געענטפערט ווי זי פלעגט געוויינטלעך ענטפערן אַלעמען: איר האָט נישט צו וואָס צו קומען און דרייען אַ קאָפּ. אַז ס'וועט אָנקומען פאַר אייך אַ פּעקל, וועט מען אייך אַרויסרופן. קיינער וועט ביי אייך גאָרנישט צונעמען...

איך האָב איר געענטפערט, אַז איך האָב חלילה נישט מורא, אַז ס'וועט ווער ביי מיר צונעמען. עס האַנדלט זיך נאָר דערין, וואָס אין פּעקל איז דאָ פאַר מיר אַ היימיש געבעקס. איך בין קראַנק אויפן מאָגן און קען נישט עפּעס אַנדערש עסן. בעט איך זי אַ טובה, זי זאָל מיך פּשוט ראַטעווען פון הונגער.

פאַרנאַכט האָט מיך אַרויסגערופן די צענזאָרין. מיין פרייד איז געווען נישט צו באַשרייבן — איך האָב געזען מיין פּעקל. זי האָט עס געעפנט אין מיין אַנוועזנהייט, און געקוקט מיט גרויס וואונדער אויף די מצות, וועלכע זי האָט געזען צום ערשטן מאָל אין איר לעבן.

איך האָב זי מכבד געווען. זי האָט פאַרזוכט און אויסגערופן: דאָס איז דאָס געבעקס וואָס דאַרף אייך ראַטעווען דאָס לעבן? דאָס האָט דאָך נישט קיין

מענטשלעכן טעם, אָן זאַלץ, אָן פעפער, אָן צוקער. און צוליב דעם האָב איך עס געדאַרפט ספּעציעל פאָרן אויף דער צענטראַלער פּאָסט?

איך האָב געזען, אַז זי איז אויף אַן אמת אין כעס, טראַכטנדיק אַז איך האָב זי אָפּגענאַרט. האָב איך געזאָגט דעם אמת: איך בין אַ רעליגיעזער איד און פּסח טאָר איך נישט עסן קיין ברויט. אויב זי וואָלט מיר דאָס נישט גע־בראַכט, וואָלט איך געמוזט הונגערן אַכט טעג. דעריבער האָט זי געטאָן אַ גרויסע מצוה, פּאַס וואָס איך וועל איר זיין דאַנקבאַר.

ערב יום־טוב האָב איך אויסגעגליט דעם אויוון. אברהם מאָיסעיעוויטש האָט געבראַכט נייע כלים, אַלומיניע טעפּלעך, שיסלעך און לעפל. ער האָט אויך געבראַכט קאַרטאָפל. מרור האָט אין לאַגער נישט געפעלט... מיר האָבן נאָר געבענקט נאָך אַביסל וויין. אָבער די פיר כוסות האָבן מיר געהאַט. מיר האָבן פאַרבריט שטאַרקע זיסע טיי — און מיר האָבן געפּראַוועט דעם סדר.

אין דער סדר־נאַכט האָבן מיר געבעטן איינעם פון די אַרבעטער אין ברויט־מאַגאַזין ער זאָל מיך פאַרטרעטן אויף עטלעכע שעה. מאָטעס האָט גע־פרעגט די קשיות און מיר האָבן אַלע געזאָגט די הגדה, געגעסן מצה מיט געבראָטענע קאַרטאָפל און פאַרטרונקען מיט זיסע טיי.

פאַרטאָג בין איך אַוועק אויף מיין פּאָסטן און פאַרביטן דעם אַרבעטער וואָס האָט מיך פאַרטראָטן, כדי קיינער זאָל נישט וויסן, אַז איך בין נישט געווען אויף מיין אַרבעט.

איצט, ווען איך שרייב אָט־די שורות, שטייען פאַר מיינע אויגן די אַלע מענטשן וועלכע עס האָט פאַרבונדן דער גורל אין יענער טראַגישער און איינ־ציִיטיק דערהויבענער סדר־נאַכט. חנא איז שוין אין גן־עדן, אונז צו לאַנגע יאָרן; מאָטעס, אויב ער געפינט זיך נאָך אין יענעם לאַנד, פּראַוועט געוויס דעם יום־טוב פּסח אין אַלע אומשטענדן, וואו ער זאָל זיך נאָר נישט געפינען; אַפילו אברהם מאָיסעיעוויטש, וואָס איז שוין איצט געוויס אויף פּענסיע, פּראַוועט אַוודאי אויך דעם סדר שטילערהייט. ס׳וואָלט זיך געוואָלט נאָכאַמאָל אין לעבן באַגעגענען מיט אָט־די טייערע מענטשן. אידן וואָס האָבן אַרויס־געוויזן אַזוי פיל מסירת נפש פאַר אונזער אמונה, וועלן זיך קיינמאָל נישט אָפּרייסן פון אידישקייט און אייביק פאַרבלייבן צוגעבונדן צו אונזער שווער געפּרואוווטן אידישן פאָלק.

# דער היטלער־סטאַלין פּאַקט — און די פּוילישע אידן

דאָס איז געווען אַ וואָך פאַר שבועות ת״ש (1940) ווען מען האָט פּלוצים אָפּגעטיילט פון אונזער לאַגער כמעט אַ העלפט פונעם שטח און פאַרצוימט מיט שטעכל־דראָט.ביידע זייטן לאַגער האָט איצט פאַרבונדן אַ טויער, ביי וועלכן עס איז געווען אַ „ווישקע" אין וועלכער עס איז אַ גאַנצן מעת־לעת געשטאַנען אַ באַוואָפנטער וועכטער און געהיט אַז קיינער זאָל נישט אַריבער־גיין פון איין זייט לאַגער אין צווייטן. אין אָפּגעטיילטן טייל לאַגער האָט זיך געפונען דער קלוב, די באָד, די וועשעריי און די פריזירעריי.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז אָנגעקומען אַן „עטאַפּ" פון עטלעכע הונדערט מענטשן, וועלכע מען האָט איינקוואַרטירט אין באַראַק פון קלוב. איך בין גראָד געשלאָפן נאָך מיין נאַכט־אַרבעט. ווען איך בין אין אָוונט אַריין צו חנא׳ן אין מאַגאַזין, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ס׳זיינען אָנגעקומען פּוילישע אידן. לויט אַ באַפעל פון דער נאַטשאַלסטוואָ, האָט ער דאָרט אַריינגעטראָגן 654 פאָרציעס ברויט. ער האָט געזען די אידן, אָבער רעדן מיט זיי האָט ער נישט געקענט, ווייל די אָנפירונג פון לאַגער האָט אַרויסגעגעבן אַ שטרענגע פאַראָרדענונג, אַז מיר טאָרן נישט האָבן מיט די ניי־געקומענע קיין באַציאונגען.

— דו קענסט זיי זען פון דער ווייטן — האָט ער צוגעגעבן — ווייל מען וועט זיי באַלד פירן אין באָד אַריין.

איך בין אַריין אין אַ באַראַק וואָס איז געשטאַנען לעבן דער אָפּצוימונג און געהאָט אַ מעגלעכקייט צו אָבסערווירן ווי זיי זיינען געגאַנגען אין באָד. זיי זיינען געווען גוט אָנגעטאָן און די מערהייט האָט געהאָט מיט זיך גרויסע וואַליזעס. ווען זיי זיינען אַריין אין באָד, האָבן זיי די וואַליזעס געלאָזט שטיין אין דרויסן. עטלעכע גנבים האָבן דאָס גלייך אויסגעשפּירט. זיי זיינען אַדורך די שטעכל־דראָטן און גענומען זיך צו די וואַליזעס פון די נייע געסט. צום גליק האָט דאָס באַמערקט דער קאָמענדאַנט, וועלכער האָט געהייסן זיינע מענטשן אַריינטראָגן די וואַליזעס אין קלוב.

ווען די אידן זיינען אַרויס פון באָד און נישט געפונען זייערע זאַכן, האָבן זיי געמאַכט אַ געשריי. דער קאָמענדאַנט האָט זיי באַרואיקט און אויפגע־קלערט, אַז זיי דאַרפן געדענקען נישט איבערלאָזן מער אויף הפקר זייערע זאַכן, ווייל די גנבים האָבן זיך שוין געוואָלט צו זיי נעמען. זיי האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט. מען האָט זיי געזאָגט, אַז מען פירט זיי אין אַן אינטער־נירונגס־לאַגער, ווייל זיי זיינען בירגער פון אַ פיינטלעכע מלוכה. פון וואַנען נעמען זיך גנבים אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער?

מען האָט זיי אַריינגעפירט אין קלוב. דאָס איז געווען אַ גרויסע היל־צערנע געביידע, וואָס האָט געקענט אַריינעמען העכער טויזנט מענטשן. עס איז אַרויסגעטראָטן פאַר זיי דער הויפּט־נאַטשאַלניק פון לאַגער. די פּוילישע אידן

האָבן אים טיטולירט „הער גענעראַל". ער האָט זיי באַרואיקט, אַז דאָס איז נאָר אַ טראַנזיט־לאַגער און נאָך עטלעכע טעג וועט מען זיי אַוועקפירן אין אַ ספּעציעלן לאַגער פאַר אינטערנירטע, וואו זיי וועלן נישט דאַרפן אַרבעטן און וועלן האָבן זייער גוטע באַדינגונגען.

די נאַאיווע מענטשן, וועלכע האָבן נאָך נישט געקענט די סאָוועטישע באַדינגונגען, האָבן אים געפרעגט: הער גענעראַל, דאָרט אין דעם לאַגער וועלן מיר קענען באַקומען פּראָדוקטן, ווי פּוטער, צוקער, מילך, פּרוכטן א.ד.גל.?

— דאָרט וועט איר אַלץ באַקומען — האָט געענטפערט דער נאַטשאַל־ניק. — דאָ וועט איך אויסקומען צו פאַרבלייבן נאָר עטלעכע טעג. נאָר אַזוי ווי איר ווייסט שוין, אַז דאָ זיינען פאַראַן פיל גנבים פון וועלכע מיר קענען איך נישט באַשיצן, דאַרפט איר, פאַר אייגענער טובה, אָפּגעבן אין דעפּאָזיט אַלע אייערע ווערט־זאַכן: גאָלט, זילבער, אויסלענדישע וואַלוטע, אַפילו אייערע בעסערע קליידער. איר וועט באַקומען אַ קבלה, און ווען איר וועט קומען אויף אייער אָרט, וועט איר אַלץ צוריק באַקומען.

די רעדע האָט געווירקט צוטרוי ביי די מענטשן. אַ טייל פון זיי האָבן טאַקע אָפּגעגעבן זייערע גאָלדענע זייגערס, בעסערע אַנצוגן און אַנדערע ווערט־פולע זאַכן, וועלכע זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, שוין קיינמאָל נישט באַקומען צוריק.

חנאַ׳ן איז געלונגען צו רעדן מיט אַ טייל פון די אידן. ער האָט זיך דער־וואוסט, אַז זיי זיינען איינוואוינער פון פּוילין, אַנטלאָפן אין רוסלאַנד, אין לוואָוו (לעמבערג). אין אַ געוויסן טאָג האָט מען זיי אַרעסטירט אָן וועלכער עס איז באַשולדיקונג, אַריינגעזעצט אין לאַסט־וואַגאָנען און אַוועקגעפירט אין אַן אומ־באַקאַנטער ריכטונג. זייערע ווייבער און קינדער האָט מען געשיקט באַזונדער, און זיי ווייסן נישט וואוהין. זיי ווייסן נישט וואָס מיט זייערע משפחות איז געשען און די משפחות ווייסן נישט פון זיי. צווישן זיי זיינען געווען קאָמוניסטן, וועלכע האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, אַז אין אַ קאָמוניסטיש לאַנד זאָל מען אַרעסטירן און פאַרשיקן מענטשן אָן אַ פאַרוואָס... צווישן די אומגליקלעכע קרבנות איז אויך געווען אַ רב און אַ ישיבה־בחור.

נאָך עטלעכע טעג האָט מען זיי אָפּגעשיקט מיטן ווייטערדיקן עטאַפּ. וואוהין? דאָס האָבן מיר זיך דערוואוסט ערשט נאָך עטלעכע טעג.

אין חודש אלול ת״ש, סעפּטעמבער 1940, זיינען די זעלבע אידן צוריק־געקומען מיטן עטאַפּ אין אונזער לאַגער. ס׳איז פאַרבליבן ווייניקער ווי אַ העלפט פון זיי. די איבעריקע זיינען פאַר דער צייט אויסגעשטאָרבן. אויך די, וואָס זיינען צוריקגעקומען זיינען געווען אויסגעמאַטערט, אָפּגעריסן און אויס־געהונגערט. מען האָט זיי איינקוואַרטירט אין קלוב. אין דעם גרויסן זאַל האָט מען אויפגעשטעלט דריי־שטאָקיקע נאַרעס, וואו זיי זיינען געשלאָפן אויף גאָלע ברעטער. חנא האָט געהאָט צו זיי אַ צוטריט צוליב דעם, וואָס ער האָט יעדן טאָג צוגעשטעלט ברויט פאַר זיי. אים האָבן זיי דערציילט וואָס זיי האָבן איבער־געלעבט במשך פון די עטלעכע חדשים.

ווען מען האָט זיי דאַן אַרויסגעפירט פון אונזער לאַגער זײַנען זיי געגאַנגען מיטן עטאַפּ צופוס 5 טעג און נעכט. זיי זײַנען געווען אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן מיט דרעסירטע הינט. די סאָלדאַטן האָבן זיי געטריבן גיין שנעל. די וואָס זײַנען אָפּגעשטאַנען, האָט מען אונטערגעטריבן מיט אָנגערייצטע הינט. במשך פון טאָג האָבן זיי באַקומען 600 גראַם ברויט און וואַסער. פון פאַרטאָג ביז זון־אונטערגאַנג האָט מען זיי געטריבן. בײַנאַכט זײַנען זיי געשלאָפן אונטערן הימל אין פעלד.

נאָך פינף טעג זײַנען זיי אָנגעקומען אין אַ לאַגער, וואו עס זײַנען געווען 5 אָפּגעלאָזענע און שמוציקע באַראַקן. דאָרט זײַנען אַפילו נישט געווען קיין נאַרעס. טויט־מידע נאָכן שווערן און לאַנגן וועג, האָבן זיי זיך אויסגעלייגט אויף דעם שמוציקן דיל. ס'איז געווען זייער ענג און זיי זײַנען געלעגן ווי הערינג אין אַ פאַס. זיי זײַנען געווען שמוציק און די לופט אין באַראַק איז געווען אַ שרעקלעכע, פיל מענטשן האָבן גע'חלש'ט.

אָבער אויך אין די באַדינגונגען האָט מען זיי נישט געלאָזט לאַנג רוען. שפּעט בײַנאַכט איז געקומען דער נאַטשאַלניק און אײַנגעטיילט אַלע אין 10 בריגאַדעס. צו יעדער בריגאַדע איז באַשטימט געוואָרן אַ בריגאַדיר. די בריגאַדירן האָט ער גלײַך גערופן צו זיך, און ער האָט צו זיי דערקלערט: — בײַ אונז אין ראַטן־פאַרבאַנד אין פאַראַן אַ געזעץ: „ווער ס'אַרבעט נישט — דער עסט נישט". פון מאָרגן וועלן דעריבער אַלע בריגאַדעס אַרויסגיין צו דער אַרבעט אין וואַלד. די אַרבעטס־נאָרמע אויף איין מענטש איז 5 פעסט מעטער האָלץ אַ טאָג. דערווײַל וועט איר אַלע באַקומען 400 גראַם ברויט אין טאָג. ווער ס'וועט נישט אויספירן די אַרבעטס־נאָרמע, וועט באַקומען נאָר 300 גראַם. דאָס דאַרפט איר איבערגעבן די מענטשן פון אײַערע בריגאַדעס. איר זײַט פאַראַנטוואָרטלעך, אַז ס'זאָל זײַן אַ דיסציפּלין און אַלע זאָלן ערלעך אַרבעטן.

ווען די בריגאַדירן זײַנען צוריקגעקומען האָבן זיי שוין נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן. אויסגעמאַטערטע פונעם שווערן וועג, זײַנען זיי גלײַך אײַנגעשלאָפן. צומאָרגנס, 5 פאַרטאָג האָט מען זיי אויפגעוועקט און אַרויסגעפירט אויף דער אַרבעט. זיי זײַנען געגאַנגען בערך 8 קילאָמעטער ביז דעם אַרבעטס־פּלאַץ. דאָרט אין וואַלד האָבן די סאָלדאַטן אָנגעצייכנט די „אַרבעטס־זאָנע", זיי האָבן געמאַכט סימנים אויף די בוימער, אָנזאָגנדיק, אַז ווער עס וועט אַרויסגיין פונעם אָנגעצייכנטן אָרט, וועט דערשאָסן ווערן אָן וואָרענונג.

ערשט דאָ האָבן די בריגאַדירן איבערגעגעבן צו די מענטשן, וואָס מען האָט זיי באַפוילן. צווישן די פּוילישע אידן איז געווען אַ יונגער בחור, אַ קאָמוניסט. ער האָט אויפן אָרט אָרגאַניזירט אַ מיטינג, בעת וועלכן ער האָט דערקלערט: מען האָט אונז אַרעסטירט און פאַרשיקט נישט אָנגעבנדיק קיין שום מאָטיוון. אין לאַגער האָט אונז דער גענעראַל, מיט עטלעכע טעג צוריק געזאָגט, אַז מיר זײַנען אינטערנירט אַלס פּוילישע בירגער. דערפאַר וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אַ פרײַנטשאַפטס־אָפּמאַך מיט היטלער־דײַטשלאַנד, וואָס געפינט זיך אין מלחמה־צושטאַנד מיט פּוילן, ווערן מיר באַטראַכט אַלס שונאים

פון אַ באַפרײַנדעטע מלוכה, און דערפאַר זײַנען מיר אינטערנירט געוואָרן. לויט די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן קען מען אונז, אַלס מלחמה־אינטערנירטע, נישט צווינגען צו די דאָזיקע שווערע אַרבעטן. מען מוז אונז געבן עסן און מענטשלעכע באַדינגונגען. און דערפאַר דאַרפן מיר זיך אָפּזאָגן קאַטעגאָריש אויסצופירן די אַרבעט. ווער איז דערפאַר, דער זאָל אויפהויבן די האַנט.

אַלע האָבן דאָס באַשטעטיקט דורך אויפהויבן די הענט. זיי האָבן געבעטן דעם קאָנוואָי, זיי זאָלן זיי אָפּפירן צוריק אין לאַגער אַרײַן. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן אָפּגעזאָגט. אָבער קיינער האָט זיך נישט אויסגעשלאָסן פון דער סאָלידאַריטעט. קיינער איז נישט צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. זיי זײַנען געזעסן אין וואַלד אַ גאַנצן טאָג.

אין אָוונט, נאָכן צוריקקומען אין לאַגער, האָט מען זיי אויסגעשטעלט אויף אַן אַפּעל, א.ג. „פּראָווערקע". דער נאַטשאַלניק האָט זיי געזידלט און געדראָט:

— דאָס וואָס איר האָט געטאָן — האָט ער געשריגן — באַדייט קאָלעקטיווער בונט. פאַר אַזאַ פאַרברעכן קומט אייך טויט־שטראָף. נאָר איר האָט אַ מזל, וואָס איר זייט נאָך פּוילישע בירגער. אָבער איר דאַרפט וויסן, אַז קיינער פון אונזערע שונאים האָט נאָך בײַ אונז נישט געוואונען. אויב איר וועט ווײַטער זיך אָפּזאָגן צו אַרבעטן, וועלן מיר אײַך האַלטן אויף 300 גראַם ברויט און וואַסער, און איר וועט דערגיין צו אַזאַ מצב, אַז אַפילו איר וועט שוין וועלן אַרבעטן, וועט איר נישט קענען. אַזוי ווי איר זייט בײַ אונז נײַע, נישט דערפאַרענע מענטשן, וועלן מיר אײַך נאָך געבן אַ שאַנס. אויב איר וועט פון מאָרגן גיין רעגולער אויף דער אַרבעט, וועלן מיר דעם הײַנטיקן טאָג פאַררעכענען אַלס אָפּרו און נישט אַרויסציען קיין קאָנסעקווענצן דערפון.

די מענטשן האָבן נישט געהאַט קיין דערפאַרונג און נישט פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט אַ מלוכה וועלכע רעכנט זיך נישט מיט קיין שום געזעצן. דער יונגער בחור, דער קאָמוניסט, איז ווידער אַרויסגעטראָטן און דערקלערט: — מיר זײַנען אינטערנירטע און איר האָט נישט קיין רעכט אונז צווינגען צו אַרבעטן. אויב איר וועט אונז וועלן צווינגען מיט הונגער, וועלן מיר זיך ווענדן מיט אַן אָנקלאָגע צום אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ.

אויף אַזאַ חוצפּה האָט זיך נאָך קיינער נישט דערלויבט אין אַ סאָוועטישן לאַגער. דאָס האָט אַרויסגעבראַכט דעם נאַטשאַלניק פון גלײַכגעוויכט. ער האָט זיך אָבער באַהערשט. „דאָ אין לאַגער — האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט מיט דער גאַנצער ציניזם — בין איך באַלעבאָס. קיין שום רויטער קרייץ וועט אײַך נישט העלפן. קיינער וועט אַפילו נישט וויסן ווען איר זייט דאָ געווען און ווען איר וועט אויסגיין".

פון דאַן אָן האָבן זיי באַקומען 300 גראַם ברויט און אַ שיסעלע „זופּ" פון פאַרפוילט קרויט במשך פון גאַנצן טאָג. זיי האָבן שרעקלעך געהונגערט און אָפּגעגעבן אַלץ פאַר אַ שטיקל ברויט. פאַר אַ קילאָ ברויט האָט מען בײַ זיי אַרויסבאַקומען אַן אָנצוג אָדער אַ מאַנטל. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ געווען

ווייניק. אין אַ געוויסער נאַכט איז אַריין איז זייערע באַראַקן אַ כאַפּטע סאָל־דאַטן און אַרויסגעטריבן זיי אין די אונטערוועשע אויפן הויף. מען האָט זיי אויסגעשטעלט אויף אַן „אַפּעל". נאַטשאַלסטוואָ האָט דערקלערט, אַז מען האָט געפונען שפּורן פון מענטשן וואָס זיינען אַנטלאָפן פון לאַגער. דאָס קאָנטראָ־לירן האָט געדויערט ביזן פרימאָרגן. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט קיינעם נישט געפונען און קיינער האָט נישט געפעלט. די גאַנצע מעשה איז געווען אַ פּראָ־וואָקאַציע. ווען זיי זיינען, דערפרוירענע און אויסגעמאַטערטע, צוריק אַריין אין די באַראַקן, האָבן זיי דערזען דעם בראָך. זייערע זאַכן זיינען געווען צעוואָרפן, די קעשענעס אויסגעליידיקט. אויב עס האָט נאָך אימיצער געהאַט אַ בעסער מלבוש אָדער אַ ווערטפולע זאַך, ווי אַ זייגער, אַ רינגל, האָבן זיי עס צוגענומען.

די בריגאַדירן זיינען גלייך אַוועק אין שטאַב און געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי אָפּגעבן די צוגענומענע זאַכן. זיי זיינען שוין אָבער נישט צוריקגעע־קומען. פאַר זייער „חוצפה" האָט מען זיי געשיקט אין קאַרצער. אַלע דיינען שוין דאַן געווען גלייך. קיינער האָט שוין נישט געהאַט מיט וואָס צו קויפן אַ שטיקל ברויט...

צוויי חדשים זיינען זיי דאָרט געווען. אין משך פון דער צייט איז די מערהייט אויסגעשטאָרבן. געבליבן זיינען בערך 200 מענטשן, וועלכע מען האָט איצט ווידער געבראַכט צו אונז אין לאַגער.

דער פאַרוואַלטער פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג אין אונזער לאַגער איז דאַן געווען אַ אידישע דאָקטאָרין. איך בין אַוועק צו איר און דערציילט וועגן מצב פון די פּוילישע אידן, און געבעטן איר הילף. זי האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע, וואָס האָט פעסטגעשטעלט, אַז די מערהייט פון זיי איז נישט פעאיק צו קיין שווערער אַרבעט. מען האָט זיי אויך פאַרשריבן פאַרשידענע רפואות, כדי זיי צו דערהאַלטן ביים לעבן.

צו דער אַרבעט זיינען זיי טאַקע נישט געגאַנגען, אָבער זיי האָבן באַ־קומען בלויז 400 גראַם ברויט אַ טאָג. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס לעבן פון די דאָזיקע פּוילישע אידן איז איצט אין אַ גרויס־ער מאָס אין אונזערע הענט. צוזאַמען מיט חנאַ'ן האָבן מיר באַשלאָסן צו ווענדן זיך צום פאַרוואַלטער פון דער בעקעריי, ער זאָל אונז געבן יעדן טאָג 42 קילאָגראַם ברויט, וואָס זאָלן נישט זיין פאַרשריבן אין חשבון.

אַזאַ סכום ברויט צו נעמען יעדן טאָג איז געווען אַ גרויס געפאַר. דער פאַרוואַלטער האָט דעריבער לאַנג געקלערט. אָבער צום סוף האָט ער מסכים געווען. פאַר אונז איז איצט געשטאַנען די פראַגע ווי אַזוי פונאַנדערצוטיילן דאָס ברויט. מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן יעדן טאָג 70 פּאַרציעס צו 600 גראַם, כדי עס זאָל זיין לייכטער צו צעטיילן. מיר האָבן זיך צונויפגערעדט מיט אַ ישיבה־בחור, וואָס איז געווען צווישן די פּוילישע אידן, און אים געהייסן מאַכן דריי רשימות. און אין יעדער רשימה זאָלן זיין 70 נעמען, און יעדער פון זיי וועט באַקומען יעדן דריטן טאָג אַ גרעסערע פּאַרציע ברויט. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז עס זיינען פאַראַן 225 אידן, וואָס דאָס

האָט באַדייט, אַז יעדן וועלן אויספעלן 5 פּאַרציעס. מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג ווי אים צו זאָגן, אַז דערווייל זאָל ער נישט אַריינשטעלן אין דער רשימה די מענטשן וואָס האָבן נאָך געלט אָדער ווערט־זאַכן און קענען זיך קויפן אַ שטיקל ברויט.

דאָס איז געווען פון אונזער זייט אַ גרויסער פעלער. אין אַ געוויסן טאָג האָט דער נאַטשאַלניק פּלוצים מיך אַרויסגערופן צו זיך. ווען איך בין אַריין צו אים אין קאַבינעט האָט ער פאַרשלאָסן די טיר און געזאָגט: „איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז איר וועט גיין אויף אַזעלכע אַוואַנטורעס. מילא, חנא איז אַ נישט־גראַמאַטנער מענטש. אָבער איר גיט זיך דאָך געוויס אָפּ אַ חשבון דערפון, אַז איר שטעלט אים און זיך אין אַ גרויסער געפאַר. איר מאַכט נאָך דעם אַנשטעל, אַז איר ווייסט נישט וועגן וואָס איך רעד — האָט ער ווייטער געזאָגט. — איר האָט נאָך מזל וואָס דער איד האָט נישט געטראָפן אויפן ריכטיקן אַדרעס. ווען ער גייט אַריין אין קאַבינעט אַנטקעגן איבער (דאָרט איז געווען דער שטאַב פון דער נ. ק. וו. ד.)... דאַן וואָלט איר און חנא שוין מער נישט געהאַנדלט מיט ברויט, נאָר אַריינגעכאַפּט ווייטערדיקע 10 יאָר; לאָמיר רעדן ווי מענער — האָט ער פאַרענדיקט — איך בין נישט פאַראינ־טערעסירט אָפּצוזאָגן חנא׳ן פון דער אַרבעט. פּונקט פאַרקערט. זינט ער איז אין ברויט־מאַגאַזין האָב איך מנוחה. עס פעלט נישט קיין ברויט און די אַרעס־טאַנטן האָבן אויפגעהערט צו קומען מיט טענות".

אויף מיין בקשה האָט ער מיר געזאָגט דעם נאָמען פונעם איד, וואָס האָט אונז גע׳מסר׳ט. איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל דערליידיקן דעם ענין בשתיקה און מער וועט דאָס נישט פּאַסירן.

ווען איך האָב דאָס דערציילט דעם ישיבה־בחור, וואָס איז געווען אונזער פאַרמיטלער מיט די פּוילישע אידן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט גאָלד און קויפט יעדן טאָג ברויט פאַר זיך, דערפאַר האָט ער אים אויסגעלאָזט פון דער רשימה. ער איז געווען ביי דער מיינונג, אַז לטובת הכלל דאַרף מען דעם מסור הרג׳ענען.

איך האָב אים באַרואיקט און דערקלערט, אַז אַזוי שנעל הרג׳עט מען נישט קיין איד. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל דעם איד שיקן צו מיר. ביינאַכט איז ער געקומען. זיין ערשטע רעאַקציע איז געווען: „פון וואַנען האָט איר זיך דאָס דערוואוסט"? איך האָב אים געענטפערט, אַז דער גוי, פאַר וועמען ער האָט אונז גע׳מסר׳ט, האָט מער רחמנות אויף די פּוילישע אידן ווי ער. דער איד האָט זיך דאַן צעוויינט און געשוואוירן, אַז ער האָט שוין מער נישט קיין געלט און שוין מער ווי אַ וואָך צייט ווי ער האָט נישט געקויפט קיין שטיקל ברויט. ווען דער בחור האָט אים נישט געוואָלט אַריינשטעלן אין דער רשימה, איז ער געוואָרן אין כעס און אַוועק צום נאַטשאַלניק. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער האָט גרויס חרטה אויף דער מעשה וואָס ער האָט אָפּגעטאָן.

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך גלויב אַז זכות אבות איז אים ביי־געשטאַנען, ווייל פאַר מוסרים איז אין לאַגער פאַראַן נאָר איין שטראָף . . .

נאָר אַזוי ווי מיר זיינען אידן, בין איך איבערצייגט, אַז ער האָט תשובה געטאָן, דערפאַר וועלן מיר אים אויך העלפן.

דער דאָזיקער איד איז אויף דער פריי געווען אַ קוכער און מענטשן פון אַט־דער פּראָפעסיע האָבן שטענדיק געפעלט אין לאַגער. אויף מיין בקשה האָט דער נאַטשאַלניק פון „טשיס" אים באַשעפטיקט אַלס קוכער.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, ווען איך האָב אים באַגעגנט, איז שוין געווען שווער אים צו דערקענען. ער איז געווען אַ זאַטער און האָט נאָך געהאָלפן אַנדערע אַרעסטאַנטן מיט אַביסל עסן. ער האָט מיר אַפילו געזאָגט אַז איך זאָל אים געבן מיינס אַ כלי, וועט ער מיר אָפּקאָכן יעדן טאָג אַביסל קאַרטאָפל מיט בוימל, כדי עס זאָל זיין כשר. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים געדאַנקט און זיך אָפּגעזאָגט צו געניסן דערפון. איך האָב קיינמאָל נישט אויסגענוצט מיין באַקאַנטשאַפט פאַר אייגענע צוועקן. דערפאַר האָט אויך די נאַטשאַלסטוואָ געהאַט דרך ארץ פאַר מיר, און אַז איך בין געקומען בעטן אַ טובה פאַר אימיצן, האָבן זיי מיך נישט חושד געווען, אַז עס האָט מיך ווער אונטערגעקויפט.

צווישן די פּוילישע אידן איז געווען אַ אינגל פון אַ יאָר 15. זיינע עלטערן זיינען פאַרבליבן אין פּוילן און ער איז אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. דאָס אינגל איז געווען קלוג און פעאיק, אָבער זייער אַ שוואַכער. קיין פאַך האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט און קיין רוסיש האָט ער אויך נישט געקענט. אין באַראַק פון די אַרעסטאַנטן מיט „פּראָפּוסקן" האָט מען גראָד באַדאַרפט האָבן אַ „דניעוואַלני". האָבן מיר גערעדט מיטן נאַטשאַלניק פון זייער קאָלאָנע, און ער האָט מסכים געווען צו באַשעפטיקן דאָס דאָזיקע אינגל אויף דער אַרבעט.

די מענטשן וואָס האָבן געהאַט „פּראָפּוסקן" (אַ דערלויבעניש אַרויס־צוגיין פון לאַגער אָן אַ וואַך) זיינען געווען באַשעפטיקט אין דער אַדמיניס־טראַציע און האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו באַוועגן זיך פריי אין גאַנצן ראַיאָן. זיי זיינען געווען די הויפּט־סוחרים און די „אַריסטאָקראַטיע" פון לאַגער. זיי האָבן אויסגענוצט די מעגלעכקייט פון באַוועגן זיך אויף דער פריי און געקויפט פאַרשידענע פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן שפּעטער פאַרקויפט אין לאַגער מיט אַ גרויסן פּראָפיט. פאַר זיך האָבן זיי שטענדיק געהאַט אין באַראַק קאַר־טאָפל, פרישע פיש, ציבעלעס, צוקער, מילך און אַנדערע פּראָדוקטן, וועגן וועלכע אַ געוויינלעכער אַרעסטאַנט האָט אַפילו נישט געקענט חלום׳ען.

דער פּאָסטן פון „דניעוואַלני" אין דעם באַראַק איז געווען אַ גרויס גליק פאַר דעם אינגל. זיין אויפגאַבע איז געווען צו היטן די ריינקייט און קאָכן פאַר די „פּראָפּוסטניקעס" פאַרשידענע מאכלים פון די פּראָדוקטן וואָס זיי האָבן געבראַכט. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז שוין אויך נישט געבליבן קיין הונגע־ריקער. מיט דער צייט איז ער געוואָרן זייער באַליבט ביי אַלע איינוואוינער פון דעם באַראַק און ער האָט שוין אַפילו געקענט העלפן אַנדערע. מיר האָבן אים גערופן „עמך". יעדן אָוונט פלעגט ער קומען אין ברויט־מאַגאַזין און אָנקלאַפּן אין פענסטערל. ווען מען האָט געפרעגט: „ווער איז דאָרט"? האָט

ער געענטפערט: „עמך״. חנא פלעגט אים געבן אַ ברויטל, און ער האָט זיך געטיילט דערמיט מיט די גויטבאַדערפטיקע. ער האָט בכלל געזאָרגט פאַר זיינע ברידער, די פוילישע אידן, און דורך דער פאַרמיטלונג פון די פּראָפּוסט־ניקעס האָט ער זיי באַזאָרגט מיט פאַרשידענע פּראָדוקטן. ער האָט אפילו באַקומען יעדן טאָג אַביסל מילך פאַר אַן אַלטן רב. פון צייט צו צייט האָט ער אויך באַקומען מאַנע־גריפּן און געקאָכט אַ שיטערע זופּ פאַרן רב, וואָס איז געווען קראַנק, און אַזוי אַרום אים דערהאַלטן ביים לעבן.

עס איז געקומען חודש אלול. דער רב האָט געשיקט צו מיר דעם ישיבה־בחור, איך זאָל בעטן ביים נאַטשאַלניק אַ דערלויבעניש צו דאַווענען מיט אַ מנין. איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל אַזאַ דערלויבעניש נישט באַקומען, האָב איך זיי געראָטן, מען זאָל בעסער וועגן דעם בכלל נישט רעדן, נאָר אָוועקשטעלן אַ שומר פאַר דער טיר פון באַראַק און ווען ער וועט זען אַז עס קומט ווער פון דער נאַטשאַלסטוואָ, זאָל ער וואָרענען. זיי האָבן אַזוי געטאָן און אַ גאַנצן חודש געדאַוונט מיט אַ מנין. ראש השנה אין אָוונט האָבן זיי אָבער געדאַוונט אַזוי הויך, אַז מען האָט געהערט פון דער ווייטנס. דער נאַ־טשאַלניק איז געקומען צו לויפן זען וואָס עס איז געשען. ווען ער איז אַריין אין באַראַק און געזען מיט וואָס פאַר אַ התלהבות די אידן דאַווענען, איז ער געוואָרן דערשטוינט. ער איז אַרויס נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. שפּעטער האָט ער אָנגעזאָגט, זיי זאָלן דאַווענען שטילער, מען זאָל נישט הערן אין גאַנצן לאַגער.

דער רב האָט מיך געבעטן איך זאָל קומען צו זיי דאַווענען אין די ימים נוראים. איך האָב אָבער מורא געהאַט. ערב יום כיפור האָבן מיר צו־זאַמענגענומען אַ מנין אידן ביי מיר אין דער קאַבינקע. מיר האָבן זיך פאַר־פאַסט מיט ברויט, קאַרטאָפל און טיי. מוצאי יום כיפור זיינען ווידער אַלע געקומען צו מיר. מען האָט געבראַכט אַ הערינג און אַפילו אַ פלעשל בראַנפן. מיר האָבן געפּראַוועט אַ סעודה און זיך געוואונטשן אַ גוט יאָר, אַז מיר זאָלן זוכה זיין אַרויסצוגיין אויף דער פריי און זיך זען מיט אונזערע משפחות.

אין דער זעלבער נאַכט האָבן מיר באַקומען אַ טרויעריקע בשורה, אַז דער רב פון די פוילישע אידן איז נפטר געוואָרן. איך האָב געבעטן די דאָק־טאָרין מען זאָל דעם רב נישט פּאַלמעסן. אין דער זעלבער נאַכט האָט מען דעם רב מטהר געווען און אָנגעטאָן תכריכים. פאַרטאָג זיינען אברהם מאָיסע־יעוויטש מיט חנא׳ן אָוועק מיט אַ וואָגן און געבראַכט ברעטער פאַר אַן אָרון און אויף דעם זעלבן וואָגן אָוועקגעפירט דעם רב אויפן בית עלמין. זיי האָבן אים מקבר געווען כדת וכדין, אָפּגעזונדערט פון אַנדערע קברים.

פאַרן טויט האָט דער רב געגעבן דעם ישיבה־בחור זיין סידור, מיטן אָנזאָג, ער זאָל דעם סידור מיר געבן אַלס מתנה פון אים. דער סידור איז געווען אַלט, צעריסן און אין פיל ערטער דורכגעווייקט מיט טרערן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דעם סידור געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. אָבער דאָך האָט דער נאַטשאַלניק אים געפונען און צוגענומען.

איך בין אַוועק אין שטאָב און געבעטן דעם נאַטשאַלניק מען זאָל מיר צוריקגעבן דעם סידור. ווען ער האָט מיר געענטפערט אַז אין לאַגער איז פאַרבאָטן צו האָבן מיט זיך רעליגיעזע ספרים, האָב איך אים געפרעגט פאַר־וואָס דאָס איז דערלויבט פאַר גלחים און מאָנאַכן, און נישט מיר. איך האָב געדראָט, אַז אויב מען וועט מיר נישט אָפּגעבן דעם סידור וועל איך אָנפאַנגען אַ הונגער־סטרייק. דער נאַטשאַלניק האָט געזען אַז איך מיין דאָס ערנסט, האָט ער אָפּגעגעבן דעם סידור, נאָר מיטן תנאי אַז קיינער אויסער מיר טאָר נישט געניסן פון אים.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ווינטער, וואָס איז געווען אַ שווערער, און מיר האָבן שוין געמוזט טראַכטן וועגן פּסח. מיר האָבן געשיקט אַ בריוו קיין מאָסקווע, מען זאָל פון דאָרט אַרויסשיקן מצות פאַר די פּוילישע אידן. נאָך עטלעכע וואָכן זיינען טאַקע אָנגעקומען 30 פּעקלעך מצות. מיר האָבן גע־וואוסט, אַז דאָס וועט געניג זיין קוים אויף די סדרים. האָבן מיר געטראַכט וועגן קויפן קאַרטאָפל, כדי די פּוילישע אידן זאָלן האָבן וואָס צו עסן במשך פון אַכט טעג פּסח. אברהם מאָיסעיעוויטש איז אַוועק ביינאַכט אין די קאָלכאָזן און אָנגעקויפט פינף טאָן קאַרטאָפל, וואָס ער האָט געבראַכט ביינאַכט אין לאַגער. אין קראָם פונעם לאַגער האָט ער אָפּגעגעבן נאָר דריי טאָן, די איבע־ריקע צוויי טאָן האָט ער באַהאַלטן אין קלוב, וואו עס האָבן געוואוינט די פּוילישע אידן.

נאָך פּסח איז אַרויס אַ נייע גזירה. די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן זיינען אָפּגעטיילט געוואָרן פון די איבעריקע. העכער דריי טויזנט מענטשן האָט מען צונויפגעקוועטשט אין אַכט באַראַקן. די ענגשאַפט איז געווען אַ שרעקלעכע. בכלל האָט זיך געפילט אַ פאַרערגערונג אין דער לאַגע פון די אַרעסטאַנטן. דאָס ברויט, ווען עס איז געווען פריש האָט זיך עס געקלעפּט, און ווען מען האָט עס געהאַלטן אַ טאָג איז עס געוואָרן האַרט ווי אַ שטיין, נישט צום עסן. אויך דער רעזשים איז געוואָרן שטרענגער.

אויפן פּלאַץ פונעם לאַגער האָט מען אויפגעהאָנגען אויף אַ הויכן סלופּ אַ ראַדיאָ־הילכער. דעם 22־טן יוני אינדערפרי, דאָס איז געווען 17 טעג אין סיון תש״א, האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ קול פון ראַדיאָ. דער ספּיקער האָט איבערגעגעבן, אַז די דייטשן האָבן באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיי באָמ־באַרדירן אונזערע שטעט, הרג׳ענען די ציווילע באַפעלקערונג, און פיל פרויען און קינדער זיינען שוין אומגעקומען.

דעם זעלבן טאָג האָט מיך אַרויסגערופן דער נאַטשאַלניק פון לאַגער און דערקלערט, אַז מער טאָר איך זיך נישט געפינען אין דעם טייל לאַגער וואו עס זיינען די קרימינעלע פאַרברעכער. אַזוי ווי איך בין פאַר׳משפּט לויטן פּאַראַגראַף 58, מוז איך זיין צוזאַמען מיט אַלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן און פאַשיסטן.

צום ערשטן מאָל אין אַ לאַנגער צייט האָב איך ווידער דערהערט דעם

אויסדרוק „פּאַשיסט". מיט העכער אַ יאָר צוריק, נאָך דעם ווי עס איז געשלאָסן געוואָרן דער „פרייַנטשאַפט־אָפּמאַך" מיטן היטלעריסטישן דייטשלאַנד, האָט מען אונז אויפגעהערט צו רופן פּאַשיסטן, כדי נישט פוגע בכבוד צו זיין אין אונזער „פריינט", דער דייטש. איצט, ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, האָט מען אונז ווידער געקרוינט מיט דעם נאָמען.

צוזאַמען מיטן וואוין אָרט האָב איך פאַרלוירן מיין גרינגע אַרבעט. מען האָט מיך געשיקט אין אַ בריגאַדע פון בוי־אַרבעט און מיר האָבן גראָד געאַרבעט אויף דער נאַכט־שיכטע. איך בין געווען באַשעפטיקט ביים מאַכן די „פּאָלובקע". איך האָב געדאַרפט אַרומקלאַפּן מיט ברעטער דאָס אָרט וואו מען האָט אַריינגעגאָסן דעם בעטאָן. די ברעטער האָב איך געמוזט שלעפּן איבער צעבראָכענע, צייטווייליקע טרעפּ אויף די הויכע שטאָקן. אָבער דאָס האָט געהייסן, אַז איך האָב אַ גרינגע אַרבעט.

פרייטיק פאַרנאַכט בין איך שוין אַליין אַוועק אין קאַרצער. מוצאי שבת האָט מען מיך אַרויסגערופן אין דער דריטער אָפּטיילונג. דער נאַטשאַלניק דאָרט איז געווען אַ נייער מענטש, וואָס האָט מיך נאָך נישט געקענט.

„איך האָב זיך דערוואוסט, אַז איר אַרבעט נישט שבת — האָט ער אָנגעהויבן. — איך האָב זיך אויך באַקענט מיט אייערע פּערזענלעכע אַקטן און געזען וואָס פאַר אַ פאַרברעכנס קעגן דער ראַטנמאַכט איר זייט באַגאַנגען אויף דער פריי. איך וויל אָבער, אַז איר זאָלט וויסן, אַז איצט איז מלחמה. מיר פירן אַ ביטערן קאַמף מיט די דייטשע פּאַשיסטן. דאָס וואָס מיר האָבן געדולדיקייט אין פרידנס־צייט, וועט איך איצט שוין מער נישט אָנגיין. אויב איר וועט ווייטער נישט אַרבעטן שבת און פירן אייער פיינטלעכע טעטיקייט אין לאַגער, וועל איך געפינען אַן אופן ווי אַזוי צו שיקן אייך אויף דער לבנה" . . .

אויך ביי דער אַרבעט האָב איך געהאַט צרות. דער נייער בריגאַדיר איז געווען אין כעס אויף מיר און געזאָגט: „איך האָב געהאַט אויף אייך רחמנות און געגעבן אייך אַ לייכטע אַרבעט. איר האָט מיר אָבער גוט אָפּגעדינט דערפאַר. אין דער לאַגער־צייטונג איז אָפּגעדרוקט, אַז איך בין אַ שלעכטער בריגאַדיר, אַז מיינע מענטשן ווילן נישט אַרבעטן און זיצן אין קאַרצער. איצט וועל איך אייך שוין געבן דערפאַר אַזאַ אַרבעט, אַז איר וועט פאַרגעסן ווען עס איז שבת".

ער האָט מיך אַוועקגעשטעלט ביי אַן אַרבעט פון ציען דראָטן איבער אַרמאַטורן אויף אַ הויך פון 30־40 מעטער. בעת דער אַרבעט זיינען מיר געווען צוגעבונדן צו די אַרמאַטורן, כדי נישט אַראָפּצופאַלן. נאָך עטלעכע שעה האָבן זיך אָבער די שנורן אַזוי איינגעשניטן אין פלייש, אַז מען האָט נישט געקענט אויסהאַלטן. ביים אויפבינדן די שנורן, ווען מען האָט זיך געמוזט אַראָפּבייגן, האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ, און עס האָט אָפט מאָל געטראָפן, אַז דער מענטש איז אַראָפּגעפאַלן און דער׳הרג׳עט געוואָרן. קיינער האָט דע־ריבער נישט געוואָלט גיין אויף דער אַרבעט. איך האָב אָבער געמוזט דאָס טאָן.

צום גליק האָט מען מיך באַשטראָפט מיט פינף טעג קאַרצער דערפאַר וואָס איך האָב נישט געאַרבעט שבת. איך האָב טאַקע געהונגערט אין קאַרצער, ווייל איך האָב באַקומען בלויז 300 גראַם ברויט און וואַסער אויף אַ גאַנצן טאָג, כ׳בין אָבער עטלעכע טעג געווען פּטור פון דער שווערער אַרבעט.

אויפן זעקסטן טאָג, נאָכן אָפּזיצן מיין שטראָף אין קאַרצער, האָט מען מיך אַרויסגעפירט פון קאַרצער. עס האָט געוואַרט אויף מיר אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס. לויטן אויסזען האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער איז אַ איד. ער האָט מיך געהייסן גיין פאָראויס. אויפן וועג האָט ער נישט געוואָלט מיט מיר רעדן קיין וואָרט. מיר זיינען אַזוי געגאַנגען בערך פינף קילאָמעטער. פּלוצים האָט דער זעלנער מיר באַפוילן צו פאַלן. איך האָב זיך דערשראָקן, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען אַז ער וויל מיך שיסן. איך האָב זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים און דערזען, אַז ער שטייט טאַקע מיט דער ביקס גרייט צו שיסן. איך האָב גענומען שרייען.

אין דעם מאָמענט איז אָנגעלאָפן אַן אומבאַקאַנטער מענטש, וואָס האָט פון הינטן אַרויסגעכאַפּט דעם ביקס ביים סאָלדאַט, וועלכער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. ער האָט אונז ביידן צוגעפירט צו דער מעכאַנישער פאַבריק, וואָס האָט אויך געהערט צום לאַגער און האָט זיך געפונען אויפן וועג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען דער דירעקטאָר פון דער באַפריק. דאָרט האָט ער אונז איבערגעגעבן צו זיינע סאָלדאַטן און געהייסן אַרויסרופן דעם קאָמענדאַנט פון דער וואַכטע (די וואַכטע, דאָס איז אַן אָפּטיילונג פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געהיט די אַרעסטאַנטן וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט אין דער פאַבריק).

ווען דער קאָמענדאַנט איז געקומען האָט דער דירעקטאָר אים געהייסן אין אונזער אַנוועזנהייט אָנשרייבן אַ פּראָטאָקאָל, אַז גייענדיק אויפן וועג צו דער פאַבריק האָט ער, דער דירעקטאָר, באַמערקט אַז אַ סאָלדאַט האָט געוואָלט דערשיסן אַן אַרעסטאַנט אָן שום סיבה. ער האָט אַנטוואָפנט דעם סאָלדאַט און אים צוזאַמען מיטן אַרעסטאַנט געבראַכט אויף דער וואַכטע פון דער פאַבריק. ווען ער האָט געהייסן דעם סאָלדאַט אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל, האָט ער זיך צעוויינט און דערציילט, אַז דאָס האָט דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג אים געגעבן אַ באַפעל אַרויסצופירן דעם דאָזיקן אַרעסטאַנט און אויפן וועג אים דערשיסן.

דערהערנדיק אַזעלכע רייד, האָט דער דירעקטאָר צוגענומען דעם פּראָטאָקאָל, צוריקגעגעבן דעם זעלנער דעם ביקס און געהייסן אים גיין אין קאַזאַרמע. „איך וועל דאָס שוין אַליין דערליידיקן מיטן נאַטשאַלניק״, האָט ער געזאָגט. מיך האָט ער געהייסן דערווייל פאַרהאַלטן און אָפּשיקן צוזאַמען מיט די אַרעסטאַנטן וואָס אַרבעטן אין דער פאַבריק. ביינאַכט האָט מען מיך גלייך צוריקגעשיקט אין קאַרצער. מיט וואָס דאָס האָט זיך געענדיקט צווישן זיי, ווייס איך נישט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך צופעליק באַגעגנט דעם סאָלדאַט,

וואָס האָט מיך געוואָלט שיסן. ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר מיר. איך האָב אים באַרואיקט, אַז איך האָב נישט בדעה צו טאָן אים שלעכטס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז טאַקע אַ איד. איך האָב נאָר געוואָלט וויסן פֿאַרוואָס ער האָט מסכים געווען צו שיסן אַן אומשולדיקן מענטש.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז פֿון פּוילן. אין יאָר 1939, ווען די היטלעריסטן האָבן פֿאַרכאַפּט פּוילן, איז אים געלונגען צו אַנטלויפֿן קיין רוס־לאַנד און ער האָט אָנגענומען די סאָוועטישע בירגערשאַפֿט. אַזוי ווי ער איז דאַן געווען אין עלטער פֿון 18 יאָר, האָט מען אים גענומען אין דער אַרמיי, און שפּעטער אים געשיקט אין דעם לאַגער, וואו ער איז געשטאַנען אויף אַ וואַך־טורעם. יענעם טאָג האָט דער נאַטשאַלניק אים גערופֿן צו זיך און דער־קלערט, אַז אויב ער וועט נישט אויספֿירן דעם באַפֿעל (מיך צו שיסן), וועט מען אים, דעם סאָלדאַט, שיסן. ער האָט זיך דערשראָקן און געקומען מיך נעמען. אָבער שפּעטער, ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך נאָך מער דערשראָקן.

„איך וואָלט איך סיי־ווי נישט דערשאָסן — האָט ער געזאָגט — אַפֿילו ווען דער דירעקטאָר וואָלט נישט אָנגעקומען".

ער איז מיר געפֿאַלן אין די אָרעמס און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. מיין פּנים האָט זיך אויך פֿאַרגאָסן מיט טרערן. איך האָב געקוקט אויף דעם איינזאַמען אינגל, כמעט נאָך אַ קינד. איך האָב געטראַכט: צו וואָס די דאָזיקע מערדער קענען דערפֿירן אַ מענטש!

# אין דעם נייעם לאַגער

די מלחמה האָט זיך געצויגן. אין לאַגער איז געוואָרן אַלץ שווערער מיט פּראָדוקטן. אַ פּאַרציע ברויט פֿון 600 גראַם האָט געקאָסט אויפֿן שוואַרצן מאַרק 100 רובל. די גניבות צווישן די אַרעסטאַנטן איז געוואָרן אַ פּלאָג נישט צו באַקעמפֿן. ביי חנא'ן אין מאַגאַזין האָט מען צע'גנב'עט דאָס ברויט און ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. ער האָט געבעטן דעם נאַטשאַלניק, ער זאָל מיך צוריק באַשטימען אַלס שומר. דער נאַטשאַלניק האָט מסכים געווען. אָבער שלאָפֿן האָב איך געמוזט אין באַראַק פֿון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

די אַרבעט אַלס שומר איז איצט געווען פֿיל שווערער ווי פֿריער. פֿאַר־טאָג, נאָך איידער מען האָט געעפֿנט דעם מאַגאַזין, פֿלעגן קומען גאַנצע באַנדעס אָרגאַניזירטע גנבים. באַוואָפֿנט מיט מעסערס פֿלעגן זיי מיך דראָען, אַז אויב איך וועל זיי שטערן וועלן זיי מיך הרג'ענען. די מענטשן זיינען געווען אויס־געהונגערט, זייער לעבן איז געווען הפקר, און איך האָב פֿאַרשטאַנען אַז איך וועל מיט זיי נישט געווינען. איך האָב זיך געווענדעט צו מיין אַלטן פֿריינט, דעם „ליכטיקן", ער זאָל מיר העלפֿן. אָבער אויך דאָס האָט נישט געגעבן קיין גרויסע רעזולטאַטן.

ראש השנה תש״ב האָט מען באַפרייט פון לאַגער אברהם מאָיסעיע־וויטש׳ן. מאַטעס׳ן האָט מען געשיקט אין אַ צווייטן לאַגער. נאָך סוכות האָט מען חנא׳ן אויך באַפרייט. איך בין געבליבן אַליין. דער נייער באַלעבאָס פון מאַגאַזין האָט שוין נישט געוואָלט מיך האָבן אַלס שומר. מיך האָט שוין אויך די אַרבעט נישט אינטערעסירט. זי איז איצט געווען פיל שווערער, ווייל מען האָט געקענט באַצאָלן מיטן לעבן. איך בין דעריבער געווען צופרידן ווען מען האָט מיך צוריקגעשיקט אין מיין בריגאַדע.

מיר האָבן איצט געאַרבעט אין וואַלד. זעקס אַזייגער פאַרטאָג האָט מען אונז אַרויסגעפירט אונטער אַ קאָנוואָי פון אַכט סאָלדאַטן. ביז צום וואַלד זיינען מיר געגאַנגען אין טיפע שנייען אַ מהלך פון זעקס ביז אַכט קילאָמעטער. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ זיינען מיר שוין געווען אויסגע־מאַטערטע. די זעלנער האָבן באַשטימט דעם פּלאַץ וואו מיר דאַרפן אַרבעטן, פון וואַנען מיר האָבן נישט געטאָרט אַרויס, און דער בריגאַדיר האָט פאַר יעדן באַשטימט זיין נאָרמע בוימער, וואָס מען האָט געמוזט אויסהאַקן. אויב עס זיינען גראָד געווען דינע בוימער, איז נישט מעגלעך געווען צו מאַכן די נאָרמע.

איך בין געווען פון די אַרבעטער, וואָס אַפילו ווען איך האָב געהאָט גראָבע בוימער, האָב איך נישט באַוויזן צו מאַכן מיין נאָרמע. אין אַזאַ פאַל פלעגט מען פאַרהאַלטן די גאַנצע בריגאַדע ביז די נאָרמע איז געמאַכט געוואָרן. אַלע זיינען דעריבער געווען אין כעס אויף מיר. זיי האָבן נישט געוואָלט פאַר־שטיין, אַז איך בין אַ שוואַכער מענטש און אַז איך בין נישט געוואוינט צו קיין פיזישער אַרבעט. זיי האָבן נאָר געזען, אַז צוליב מיר מוזן זיי בלייבן לענגער און אַרבעטן שווערער. איך האָב זיי יאָ פאַרשטאַנען, אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן. זיי זיינען דעריבער געווען צופרידן ווען עס איז געקומען שבת און מען האָט מיך פאַרשפּאַרט אין קאַרצער.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין באַראַק אַריין האָב איך געזען, אַז די לאַגע איז אַ געשפּאַנטע. אַלע אַרעסטאַנטן זיינען געווען אומרואיק. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אין דער געביידע וואָס מיר האָבן געבויט איז איינגעפאַלן אַ וואַנט. מען האָט אונז חושד געווען, אַז דאָס איז סאַבאָטאַזש פון אונזער בריגאַדע, וואָס איז באַשטאַנען פון פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. די נאַכט איז קיינער פון אונז נישט געשלאָפן.

צומאָרגנס האָט מען אונז נישט אַרויסגעפירט צו דער אַרבעט. די באַ־ראַקן זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ ספּעציעלער וואַך און קיינער האָט נישט געטאָרט אַרויסגיין. אַרום 12 אַזייגער בייטאָג האָט מען אונז געהייסן נעמען אונזערע זאַכן און אַרויסגיין אין דרויסן. מען האָט אונז אויסגעשטעלט אין רייען, און אַרומגערינגלט פון סאָלדאַטן מיט הינט האָט מען אונז אַרויס־געפירט פון לאַגער.

מיר זיינען געווען אַ קאָלאָנע פון העכער 3000 מענטשן, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַ ווייטן מהלך. צווישן אונז זיינען געווען זקנים אין די זיבע־ציקער און קראַנקע וואָס מען האָט אַרויסגעטריבן פון שפּיטאָל. דער אָוונט

איז גראָד נישט געווען קיין קאַלטער, עס איז אָבער געפאַלן אַ געדיכטער שניי וואָס האָט דורכגענעצט אונזערע מלבושים. פונעם שווייס און פון די נאַסע מלבושים האָט געזעצט פון אונז אַ פּאַרע און עס איז געוואָרן אַלץ שווערער צו גיין, אַזוי, אַז טייל אַרעסטאַנטן האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע אָרימע זעקלעך מיט זייער לעצטן ביסל „פאַרמעגן".

ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן האָבן מיר שוין געהאַט הינטער זיך אַ וועג פון העכער 10 קילאָמעטער. אָבער מיר האָבן נאָך נישט געזען קיין סוף און אויך נישט געוואוסט וואוהין מיר גייען. דערווייל איז געוואָרן וואַרימער, דער שניי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ רעגן און אונזערע מלבושים זיינען שוין געווען אַזוי שטאַרק אַדורכגענעצט, אַז דאָס וואַסער האָט גערונען פון אונז. דאָס האָט נאָך מער געשטערט אונזער גיין. די שוואַכערע זיינען געפאַלן און אונז האָט מען געטריבן ווייטער. מיט די וואָס זיינען אָפּגעשטאַנען זיינען פאַרבליבן צוויי סאָלדאַטן. ווען מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג האָבן מיר געהערט עטלעכע שאָסן. די סאָלדאַטן האָבן אונז דעריאָגט, אָבער זיי זיינען געקומען אַליין . . .

מיר האָבן שוין געהאַט הינטער זיך אַ וועג פון העכער 20 קילאָמעטער. איך האָב געפילט אַז די כוחות פאַרלאָזן מיך. איך בין געפאַלן און נישט געקענט ווייטער גיין. די קאָלאָנע איז אַוועק און לעבן מיר איז געבליבן שטיין אַ סאָלדאַט מיט אַ ווילדן הונט אויף דער קייט. ער האָט אָנגערייצט דעם הונט צו לויפן צו מיר, ער האָט אים אָבער געהאַלטן ביי דער קייט. דער הונט האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס. ווען איך האָב דערזען זיינע ווילדע אויגן און די שאַרפע ציין אין זיין אָפענעם פיסק, גרייט מיך צו צערייסן, האָב איך פון שרעק זיך אויפגעשטעלט און גענומען לויפן. דער סאָלדאַט האָט מיך אונטערגעטריבן און אַזוי האָבן מיר דעריאָגט די קאָלאָנע. צום גליק זיינען מיר שוין געווען נאָענט צום „עטאַפּני־פונקט".

דער „עטאַפּני־פונקט" איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ, אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט, וואָס האָט זיך געפונען יעדע 25 קילאָמעטער אויפן וועג, דורך וועלכן מען האָט אונז געפירט, און איז געווען באַשטימט פאַר אונזער אָפּרו. דאָרט איז געווען האַלץ, האָבן מיר געמאַכט אַ פייער און געטריקנט אונזערע מלבושים.

ווען איך בין דאָרט געזעסן, האַלב באַוואוסטלאָז פון דער מידקייט, איז צוגעקומען צו מיר דער סאָלדאַט וואָס איז געבליבן מיט מיר אויפן וועג, און געפרעגט: „דו דערקענסט מיך"? זעענדיק אַז איך האָב נישט קיין אָנונג ווער ער איז, האָט ער געזאָגט:

„מיט זיבן יאָר צוריק בין איך אויך געווען אַזאַ אַרעסטאַנט. מיר זיינען געווען צוזאַמען אויף אַן עטאַפּ פון איין תפיסה צו דער אַנדערער. מיר האָבן דאַן שטאַרק געהונגערט און איך האָב שוין נישט געהאַט קיין כוח צו גיין ווייטער. דו האָסט מיר דאַן געגעבן עטלעכע שטיקלעך צוקער און דערמיט מיך געראַטעוועט פון טויט. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט מען מיך באַפרייט.

איצט, ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, האָט מען מיך מאָביליזירט. זיי האָבן אָבער צו מיר נישט קיין צוטרוי, און אַנשטאָט אויפן פראָנט, האָט מען מיך געשיקט אין לאַגער היטן אַרעסטאַנטן. ווען איך האָב געזען, אַז דו ביזט געפאַלן, בין איך ספּעציעל געבליבן מיט דיר, כדי דיך צו ראַטעווען. דאָס האָב איך ספּעציעל אָנגערייצט דעם הונט אַז ער זאָל דיך איבערשרעקן. דאָס איז געווען דער איינציקער אויסוועג, אַז דו זאָלסט אויפשטיין. אונזערס אַ מענטש פאַרגעסט נישט אַ טובה. אָבער האַלט זיך, ווייל מיר האָבן נאָך אַ וויטן וועג".

עס זיינען אַוועק עטלעכע שעה און מיר האָבן ענדלעך באַקומען אַ שטיקל ברויט. מיר האָבן נאָך נישט געהאַט באַוויזן זיך רעכט אָפּצורוען און אויס־טריקענען אונזערע קליידער און מען האָט שוין גענומען אונז וויטער טרייבן.

ביינאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין ערשטן לאַגער־פּונקט. מען האָט אונז אַריינגעפירט אין שמוציקע, פינסטערע באַראַקן, אָבער מיר זיינען נישט געווען בכוח אַפילו אויסצוטון די נאַסע מלבושים. הונגעריקע און אויסגעשעפּטע זיינען מיר געפאַלן און איינגעשלאָפן. מען האָט אונז אָבער נישט געלאָזט לאַנג רוען. פּלוצים האָבן מיר דערהערט אַ געשריי אַז מיר זאָלן אויפשטיין, עס וועט זיין אַ „שמאָן". אַזוי האָט מען אין לאַגער־זשאַרגאָן באַצייכנט אַ רעוויזיע, בעת וועלכער מען האָט געזוכט מעסערלעך, קאָרטן, זייגערס, געלט און אַנדערע זאַכן, וואָס אַן אַרעסטאַנט האָט נישט געטאָרט האַלטן ביי זיך. געוויינלעך האָבן אַזעלכע רעוויזיעס געמאַכט סאָלדאַטן, דאָס מאָל זיינען עס אָבער נישט געווען קיין סאָלדאַטן, נאָר פּשוט'ע גנבים. זיי האָבן צוגענומען ביי די אַרעסטאַנטן אַלץ וואָס זיי האָבן געפונען. ביי איניקע האָבן זיי אַפילו צוגענומען די „פּר־פּייקעס", מיינענדיק אַז דאָרט איז פאַרנייט געלט. שפּעטער האָבן זיי דאָס אונטערגעוואָרפן, אָבער שוין צעריסענע.

פינף אַזייגער פאַרטאָג האָט מען אונז אויפגעוועקט, איינגעטיילט אין בריגאַדעס. אַלס בריגאַדירן זיינען באַשטימט געוואָרן קרימינעלע פאַרברעכער. פאַרן אַרויסגיין צו דער אַרבעט איז געקומען דער נאַטשאַלניק און געהאַלטן פאַר אונז אַ רעדע:

„מיר וויסן — האָט ער געזאָגט — אַז אויף דער געביידע וואו איר האָט פריער געאַרבעט האָט אימיצער פון אייך דורכגעפירט סאַבאָטאַזש, און דאָס — אין אַ צייט ווען דאָס גאַנצע פאָלק איז מקריב זיין לעבן ביים פאַר־טיידיקן אונזער לאַנד פון פאַשיסטישן שונא. אָבער די סאָוועטישע מאַכט היט אָפּ די גערעכטיקייט און האָט נישט געוואָלט אַז צוליב עטלעכע פאַררעטער זאָל מען אומברענגען טויזנטער מענטשן. דעריבער האָט מען אייך געשיקט אַהער אין דעם לאַגער, כדי איר זאָלט קענען מיט אייער איבערגעגעבענער אַרבעט אַרויסווייזן אייער חרטה. איך גלויב, אַז איר האָט מיך גוט פאַרשטאַנען".

נאָך דער רעדע האָט מען אונז געגעבן 300 גראַם ברויט מיט אַ באַ־לאַנדע (אַזאַ זופּ פון שוואַרצן קרויט), געזאַלצענע פיש און עטלעכע לעפל טרוקענע קאַרטאָפל, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי גומי. זיבן אַזייגער זיינען מיר, נישט אויסגעשלאָפענע, פאַרפרוירענע, אַרויס צו דער אַרבעט.

מיר זיינען אָנגעקומען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ. דער וואַלד איז שוין געווען אויסגעהאַקט און מיר האָבן באַדאַרפט אַרויסרייסן די איבערגעבליבענע וואָרצלען. אויף רוסיש האָט דאָס געהייסן „קאַרטשאָווקאַ פּנעי״. מען האָט אונז געגעבן מכשירים — אַ גראַב־אייזן, לאָפּעטעס און העק. פריער האָט מען געמוזט אויסגראָבן גריבער און נאָך דעם אַרויסשלעפּן דעם וואָרצל פון דער ערד. די וואָרצלען זיינען געזעסן טיף און די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע.

מיר האָבן געאַרבעט אָן אָפּרו אַ גאַנצן טאָג. עס איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט און מיר האָבן נאָך נישט געהאַט געמאַכט קיין העלפט פון דער נאָרמע. די עלעקטרישע לעמפּ וואָס זיינען דאָרט געווען האָבן באַלויכטן בלויז אַ קליי־נעם שטח, אַזוי, אַז די מערהייט האָט סיי־ווי געאַרבעט אין דער פינסטער. נישט געקוקט אויף דער גרויסער אָנשטרענגונג האָבן מיר נישט באַוויזן צו מאַכן די גאַנצע נאָרמע.

הונגעריקע, פאַרמאַטערטע האָבן מיר זיך געשלעפּט אויפן וועג צוריק. מיר האָבן נאָך געמוזט טראָגן אויף זיך די פאַרוואונדעטע חברים, וואָס זיינען באַשעדיקט געוואָרן בעת דער אַרבעט.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין לאַגער האָט מען אונז אַריינגעפירט אין נייע באַראַקן. עס איז געווען ריין און עס זיינען געווען צוגעגרייט פאַר אונז פעסלעך הייסע וואַסער. מיר האָבן נאָכאַמאָל באַקומען 300 גראַם ברויט און אַ באַלאַנדע. שפּעט אין אָוונט איז אָנגעקומען דער נאַטשאַלניק, וואָס איז גע־ווען אין כעס, הלמאי מיר האָבן נישט געמאַכט די נאָרמע. „אַזוי ווי דאָס איז דער ערשטער טאָג, בין איך אייך מוחל. אויב דאָס וועט זיך נאָכאַמאָל איבער־חזר׳ן, וועט איר אַלע איינגעזעצט ווערן אין קאַרצער״ — האָט ער געזאָגט און איז אַרויס.

צומאָרגנס האָבן מיר געאַרבעט אויפן זעלבן פּלאַץ. דאָס מאָל האָט מען אונז געהאַלטן ביז 10 אַזייגער ביינאַכט. אָבער מיר האָבן סיי ווי נישט געמאַכט די נאָרמע. מיר זיינען אָבער געפאַלן אויף אַ המצאה. אַנשטאָט אַרויסרייסן די וואָרצלען פון דער ערד, וואָס האָט געפאָדערט אַ סך כוח און פיל צייט, האָבן מיר אָפּגעהאַקט דעם טייל וואָרצל וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון דער ערד און דאָס איבעריקע פאַרשאָטן מיט ערד. אויף אַזאַ אופן האָט עס געהייסן, אַז מיר האָבן געמאַכט די נאָרמע און מען האָט אונז דערלויבט, נאָך 14 שעה אַרבעט אָן איבעררייס, צוריקצוגיין אין לאַגער.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען האָט אונז דערוואַרט אַ גרויסע איבער־ראַשונג. ביים אַריינגאַנג אין לאַגער איז אויף אַ גרויסן טאָוול געווען אויפגע־שריבן, אַז אונזער בריגאַדע האָט זיך היינט אויסגעצייכנט און געמאַכט 150 פּראָצענט פון דער נאָרמע. מיר זיינען דערפאַר באַלוינט געוואָרן מיט 500 גראַם ברויט און אַ גוטן מיטאָג. די אַרעסטאַנטן פון אַנדערע בריגאַדעס האָבן מיר דערציילט, אַז זיי האָבן באַקומען די זעלבע באַלאַנדע וואָס אינדערפרי, נאָר מען האָט זיי געזאָגט, אַז אויב זיי וועלן נאָכטאָן אונזער ביישפּיל און אויספירן די נאָרמע אויף 150 פּראָצענט, וועלן זיי מאָרגן באַקומען מער ברויט

און אַ דריטן געריכט צום מיטאָג, וואָס מיר האָבן גערופן נאָכשפּייז. דאָס איז געווען אַביסל קרויט איינגעוויקלט אין טייג און געבאַקן אין אויוון. דער דאָזיקער נאָכשפּייז איז געווען דער גרעסטער דעליקאַטעס אין לאַגער, און אַלע אַרעסטאַנטן האָבן געטרוימט פון דעם.

אויפן דריטן טאָג זיינען מיר ווידער געקומען אויפן זעלבן אַרבעטס־פּלאַץ אין וואַלד. דער מייסטער האָט אונז געזאָגט, אַז היינט וועט די אַרבעט זיין גרינגער, ווייל די וואָרצלען זיינען קליינע, פון יונגע ביימער. דערפאַר אָבער איז דער שטח וואָס מיר האָבן באַדאַרפט מאַכן געווען אַ גרעסערער. די צרה איז אָבער געווען, וואָס דעם טאָג איז דער מייסטער געשטאַנען די גאַנצע צייט איבער אונז און אַכטונג געגעבן ווי אַזוי מיר אַרבעטן. מיר האָבן שוין נישט געקענט טאָן דעם זעלבע קונץ וואָס נעכטן, אָפּהאַקן די וואָרצלען און פאַרשיטן מיט ערד. האָבן מיר טאַקע נישט געקענט מאַכן די נאָרמע.

עס איז שוין געווען טיף אין דער נאַכט און מיר האָבן ערשט געהאַט געמאַכט אַ העלפט פונעם אָנגעצייכנטן שטח. מיר האָבן מורא געהאַט אַז מיר וועלן דאַרפן בלייבן אַ גאַנצע נאַכט אין וואַלד. פּלוצים האָט דער מייסטער צוגערופן אונזער בריגאַדיר און פאַרגעלייגט אים אַזאַ מסחר: מיר זאָלן אים אָפּגעבן אַלע 65 פאַרציעס, וואָס מיר וועלן באַקומען, און דערפאַר וועט ער אונז שוין אָפּלאָזן פון דער אַרבעט און פאַרשרייבן, אַז מיר האָבן אויסגעפירט 150 פּראָצענט פון דער נאָרמע.

אויפן שוואַרצן מאַרק אין לאַגער האָט מען פאַר איין נאָכשפּייז באַקומען דעם פּרייז פון 50 רובל. פאַר אונזערע נאָכשפּייזן האָט דער מייסטער געקענט קויפן צוויי ליטער בראָנפן, וואָס ער האָט ווידער געקענט פאַרקויפן אין לאַגער צו די גנבים פאַרן פּרייז פון פיר טויזנט רובל, און אָפּט מאָל נאָך מער.

דעם טאָג זיינען מיר געקומען גאַנץ פרי צום „אַפּעל". אויף דעם „ערן־טאָוול" איז ווידער געווען אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות, אַז אונזער ברי־גאַדע האָט היינט אויסגעפירט 200 פּראָצענט פון דער נאָרמע. ביים עסן האָט יעדער פון אונזער בריגאַדע באַקומען אַ נאָכשפּייז. אַלע האָבן געקוקט דערויף מיט פאַרגלאָצטע אויגן און מען האָט זיך קוים באַהערשט נישט איינצובייסן עס. מיר האָבן אָבער געוואוסט, אַז מיר מוזן מוותר זיין דערויף, ווען נישט וועלן מיר כסדר מוזן אַרבעטן איבער די כוחות און דערצו נאָך פאַרבלייבן הונגעריקע.

ווען איך בין געקומען אין באַראַק אַריין האָט מען מיר געזאָגט, אַז עס האָט זיך געפרעגט אויף מיר אַ יונגערמאַן וואָס הייסט יעקב און אַרבעט אין שטאָב פון לאַגער. איך בין אַוועק אין באַראַק פון די שטאַב־אַרבעטער, וואו עס האָט טאַקע געוואַרט אויף מיר אַ אידישער יונגערמאַן אָנגעטאָן אין ציווי־לער קליידונג. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך אַרבעט נישט שבת און איך עס נישט פונעם קעסל, ווייל איך היט אָפּ שבת און כשרות, וויל ער מיר העלפן.

יעקב האָט געאַרבעט אין קאַנטאָר פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג. דאָרט זיינען געווען 20 צימערן וואָס מען האָט באַדאַרפט באַהייצן, און דאָס האָט טאַקע באַדאַרפט זיין מיין נייע אַרבעט. יעדן טאָג האָב איך באַדאַרפט פאָרן אין וואַלד אַריין, ברענגען אַ וואָגן האָלץ, און פאַרטאָג, איידער די באַאַמטע קומען צו דער אַרבעט, איינהייצן די אויוונס אין אַלע צימערן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מסכים געווען.

צומאָרגנס בין איך אַוועק צו יעקב׳ן אין קאַנטאָר. ער האָט מיך אַריינ־געפירט צום נאַטשאַלניק פון דער פּלאַנירונג־אָפּטיילונג און מיך פאָרגעשטעלט אַלס ערלעכן מענטש, אויף וועלכן מען קען זיך פאַרלאָזן. דער נאַטשאַלניק האָט מסכים געווען און גלייך אָנגעשריבן אַ באַפעל מען זאָל מיר געבן אַ פערד און וואָגן צו ברענגען האָלץ און אַז מען זאָל מיך אַריינלאָזן ביינאַכט אין קאַנטאָר.

איך בין אַוועק אין דער באַזע פון פערד און געוויזן מיין באַשטעטיקונג. זיי האָבן אַרויסגעפירט אַ פערד פון שטאַל און געוויזן מיר אַ וואָגן, איך זאָל מיר איינשפּאַנען דאָס פערד. אָבער ווי אַזוי מען שפּאַנט איין אַ פערד, האָב איך נישט געוואוסט. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, געלאַכט פון מיר. זיי האָבן פשוט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ מענטש אין מיינע יאָרן קען נישט איינ־שפּאַנען אַ פערד... איך האָב נישט געהאַט קיין אויסוועג און האָב איינעם פון זיי צוגעזאָגט אַ פּעקל מאַכאָרקע ער זאָל איינשפּאַנען פאַר מיר דאָס פערד, הגם איך האָב נישט געוואוסט פון וואַנען איך וועל נעמען די מאַכאָרקע, וואָס איז אין לאַגער געווען אַ יקר המציאות. נאָך צוויי טעג האָב איך שוין די דאָזיקע מלאכה אויך געקענט.

נאָך עטלעכע טעג האָט מיך דער נאַטשאַלניק אַריינגערופן צו זיך און געזאָגט, אַז ער איז צופרידן פון מיין אַרבעט. ער האָט מיר געגעבן אַ צעטל, אַז איך זאָל באַקומען 800 גראַם ברויט אַ טאָג. אין לאַגער, בפרט אין דער צייט פון מלחמה, איז דאָס געווען דער העכסטער לוין.

איך בין אויך געווען צופרידן פון מיין נייער אַרבעט. בייטאָג בין איך געפאָרן אין וואַלד אַריין נאָך האָלץ און ביינאַכט האָב איך איינגעהייצט 20 אויוונס. אין פאַרגלייך צו דער קאַטאָרזשנער אַרבעט אין וואַלד איז דאָס געווען אַ גן־עדן. וואָס טוט מען אָבער מיט שבת?

בשכנות פון דער קאַנטאָר איז געווען אַ מאַגאַזין פון ברעטער. דער שומר פון דעם מאַגאַזין איז געווען אַן אָנשטענדיקער אַרעסטאַנט, אַ רוס. ביי־נאַכט, ווען איך האָב שוין געהאַט איינגעהייצט די אויוונס און מיר האָבן ביידע געהאַט געענוג צייט, פלעגן מיר שמועסן וועגן פאַרשידענע ענינים, און אַזוי האָבן מיר זיך אַביסל באַפריינדעט. איך האָב אים געבעטן ער זאָל יעדן פריי־טיק צו נאַכט מיך פאַרטרעטן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב פריער צוגעגרייט האָלץ ביי יעדן אויוון. זיין אויפגאַבע איז נאָר געווען אונטערצוצינדן און שפּעטער פאַרמאַכן דעם אויוון. דערפאַר האָב איך אים צוגעזאָגט צו געבן יעדע וואָך אַ פּעקל מאַכאָרקע. ער האָט מסכים געווען.

איך האָב וועגן דעם דערציילט יעקבֿ׳ן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיט מאַכאָרקע איז שווער, אָבער ער וועט זיך באַמיען. צום סוף האָט ער דער־לידיקט ביים נאַטשאַלניק, אַז איך האָב יעדע וואָך באַקומען אַ פּעקל מאַכאָרקע. אַלע זיינען מיר געווען צופרידן. דער רוס האָט געהאַט וואָס צו רויכערן, און איך האָב געקענט אָפּהיטן דעם הייליקן שבת. ווידער האָט מיר דער אויבערשטער געהאָלפן, איך האָב געהאַט אַ לייכטע אַרבעט.

# איך ווער אַן אויוון־הייצער

מיין „גרינגע״ אַרבעט ביים הייצן די אויוונס אין שטאַב איז מיט דער צייט געוואָרן אַלץ שווערער. דאָס צוגעגרייטע האָלץ אין מאַגאַזין האָט זיך געענדיקט. אַחוץ הייצער האָב איך אויך געמוזט זיין דער האָלץ־העקער. נאָך אַ גאַנצער נאַכט הייצן אין צוואַנציק אויוונס איז מיר פאַרבליבן זייער ווייניק צייט צום שלאָפן. אינדערפרי האָב איך געמוזט איינשפּאַנען דאָס פערד און פאָרן אין וואַלד אַריין. דאָרט האָב איך אַליין אונטערגעזעגט די ביימער, אַרומ־געהאַקט די צווייגן און געבראַכט דאָס האָלץ אין שטאַב אַריין. דאָ האָב איך געמוזט דאָס האָלץ האַקן און פונאַנדערטראָגן אין צוואַנציק צימערן. איך האָב קוים באַוויזן צו גיין אין לאַגער און נעמען מיין פּאַרציע ברויט, און איך האָב שוין געמוזט צוריקלויפן אין שטאַב אַריין און איינהייצן די אויוונס.

דאָס האָלץ איז געווען נאַס און ביז עס האָט זיך פונאַנדערגעברענט האָט געדויערט 3־4 שעה. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געמוזט לויפן פון איין צימער אין צווייטן, אונטערגיסן נאַפט און בלאָזן, כדי דאָס פייער זאָל זיך פונאַנדער־פלאַקערן. ערשט אינדערפרי האָב איך געקענט פאַרמאַכן די אויוונס. אַזוי ווי די פראָסטן זיינען נאָך דערצו געווען שטאַרקע, 40 גראַד מינוס, האָבן זיך די צימערן נישט אָנגעוואַרעמט, און ווען די באַאַמטע זיינען געקומען צו דער אַרבעט איז געווען אַ קעלט, און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַקלאָגן. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען דער שולדיקער.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיך אַרויסגערופן צו זיך דער נאַטשאַלניק פון דער פּלאַנירונגס־אָפּטיילונג. ער האָט מיך געגומען זידלען, פאַרוואָס איך סאַבאָטאַזשיר מיין אַרבעט. ער האָט מיר פאַרגעוואָרפן, אַז איך הייץ ספּעציעל שלעכט, כדי צו שעדיקן די אַרבעט פון שטאַב. צום סוף האָט ער מיך גע־וואָרנט, אַז איך וועל באַקומען די פאַרדינטע שטראָף.

איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז איך באַקום נישט קיין צוגעגרייט האָלץ, אַז איך מוז אַליין פאָרן אין וואַלד אַריין און האַקן דאָס האָלץ, און דערפאַר איז עס נאַס. דאָס איז גורם, אַז איך מאַטער זיך אַ גאַנצע נאַכט און צום סוף איז אין די צימערן קאַלט. איך האָב אים פאַרגעשלאָגן אָוועקצושטעלן אין יעדן צימער אייזערנע אויוועלעך, איך וועל פאַרטאָג איינהייצן און שפּעטער וועלן די באַאַמטע נאָר דאַרפן צווואַרפן אַ פּאָר שפּענדלעך האָלץ, וואָס איך

וועל צוגרייטן. ער האָט אָבער אָפּגעוואָרפֿן מיין פֿאָרשלאָג. „איך וועל נישט מאַכן פֿון מיינע באַאַמטע קיין אויוון־הייצער" — האָט ער געזאָגט.

איך האָב געמוזט געפֿינען אַן אויסוועג. דער הויפּט־פּאַרוואַלטער פֿון די מאַגאַזינען אין לאַגער איז געווען אַ איד. איך בין אַוועק צו אים, דערציילט אים מיינע צרות, בעטנדיק, אַז ער זאָל אַריינשטעלן אין צימער פֿון הויפּט־נאַטשאַלניק פֿון שטאַב אַן אייזערנעם אויוון. דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר אָוועקגעשטעלט אין צימער פֿון נאַטשאַלניק אַ גרויסן אייזערנעם אויוון, וואָס מיר האָבן פֿאַרשטעלט מיט אַ ווענטל. איך האָב צוזאַמענגעקליבן אַלטע ברעטער, אָפּפֿאַלן פֿון בוי־מאַטעריאַלן, און דערמיט געהייצט אַ גאַנצע נאַכט דעם אויוון. אינדערפֿרי, ווען זיי זיינען געקומען צו דער אַרבעט, איז אין דעם צימער געווען הייס ווי אין אַ באָד. די סעקרעטאַרין, וואָס איז געקומען די ערשטע צו דער אַרבעט, איז געווען פֿאַרוואונדערט. איך האָב איר געוויזן דעם נייעם אויוון און דערקלערט, אַז זי וועט פֿון צייט צו צייט דאַרפֿן צולייגן עטלעכע שטיקלעך האָלץ, אָבער דערפֿאַר וועט איר זיין וואַרעם אַ גאַנצן טאָג. זי איז געווען זייער צופֿרידן.

ווען איך בין צוריקגעקומען פֿון וואַלד מיטן נאָסן האָלץ, האָט מיך דער נאַטשאַלניק פֿון דער פּלאַנירונג־אָפּטיילונג אַריינגערופֿן צו זיך און דערקלערט, אַז איך ווער באַפֿרייט פֿון מיין אַרבעט אַלס הייצער און באַשטראָפֿט מיט פֿינף טעג קאַרצער פֿאַר נישט אויספֿירן ווי געהעריק מיין אויפֿגאַבע, וואָס האָט גורם געווען אַז די באַאַמטע פֿון שטאַב זיצן אין דער קעלט און קענען נישט אַרבעטן. דער בעסטער באַווייז אַז מען קען אָנוואַרימען די צימערן איז דער פֿאַקט, וואָס אין קאַבינעט פֿון הויפּט־נאַטשאַלניק איז וואַרים. „איר זייט אַ פּוילאַק און ווילט פּשוט נישט הייצן אין די איבעריקע צימערן" — האָט ער זיך געבייזערט.

איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיט מיר אַריינגיין אין קאַבינעט פֿון נאַטשאַלניק, וועל איך אים וויזן דעם סוד, פֿאַרוואָס דאָרט איז וואַרעם. ווען ער האָט דערזען דעם אויוון האָט ער שוין מער נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. ער האָט אָנולירט די שטראָף פֿון קאַרצער און צוריקגעצויגן דעם באַפֿעל פֿון באַפֿרייען מיך פֿון דער אַרבעט. אין אַלע צימערן האָט מען אַריינגעשטעלט אייזערנע אויוונס און איך בין געבליבן ווייטער דער הייצער. עס האָבן מיך אָבער דערוואַרט נייע פּראָוואָקאַציעס.

אין איינעם פֿון די צימערן פֿון שטאַב האָט זיך געפֿונען די סאַניטאַרע אָפּטיילונג פֿון לאַגער. דאָרט איז געווען באַשעפֿטיקט אַלס פֿאַרוואַלטער אַ יונגער שייגעץ, וואָס איז פֿריער געווען אַן אַרעסטאַנט פֿון דעם לאַגער פֿאַר גניבות. דער דאָזיקער שייגעץ האָט געהאַט אַ פֿאַרבינדונג מיט זיינע פֿריערדיקע חברים פֿון לאַגער, די ערגסטע גנבים און גזלנים, וועמען ער האָט צוגעשטעלט בראָנפֿן אין אויסטויש פֿאַר די קליידער און ווערט־זאַכן וואָס זיי האָבן געראַבעוועט ביי די אַרעסטאַנטן.

אין אַ געוויסן אָוונט, ווען איך בין, ווי געוויינלעך, געקומען אין צימער

פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג איינהייצן דעם אויוון, האָב איך דערזען אַ מורא׳דיק בילד: די שרייב־טישן זיינען געווען צעבראָכן, די שופלאָדן אַרויס־געוואָרפן און אויפן דיל האָבן זיך געוואַלגערט צעריסענע דאָקומענטן. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ גרויסע פּראָוואָקאַציע קעגן מיר, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן דורך דעם סעקרעטאַר. וואָס טוט מען? אַלאַרמירן די וואַך האָב איך מורא געהאַט. איך האָב געוואוסט, אַז די גנבים וועלן נעמען דערפאַר נקמה און מיך דער׳הרג׳ענען.

איך בין אַוועק צו יעקב׳ן און אים דערציילט וועגן מיינע צרות. ער האָט מיך באַרואיקט. „שרעקט זיך נישט״ — האָט ער געזאָגט — „איך וועל שוין דעם ענין דערליידיקן מיטן נאַטשאַלניק פון דער פּלאַנירונגס־אָפּטיילונג״.

איך האָב קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן. ווען דער נאַטשאַלניק פון דער פּלאַנירונגס־אָפּטיילונג איז אַריין אין צימער האָט ער שוין אַלץ געוואוסט פון יעקב׳ן. ער האָט דאָס גלייך איבערגעגעבן דעם הויפּט־נאַטשאַלניק פון שטאַב, וועלכער איז אויך געקומען אין דעם צימער. נאָך זיי איז ענדלעך גע־קומען דער פאַרוואַלטער פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג. ער האָט באַלד דער־קלערט, אַז צווישן די פּאַפּירן וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם געעפנטן טיש זיינען אויך געווען געהיימע דאָקומענטן. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז אין שופלאָד זיינען אויך געווען דריי פלעשלעך בראָנפן, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַלטן אויף אַ „בויט־פאַל״ פאַר דער אָנפירונג פון שטאַב.

— דאָס איז זיכער אַ שטיקל אַרבעט פון דעם איד מיט דער באָרד — האָט ער געזאָגט. — עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ פּשוט׳ער גנב. ער האָט צוגענומען דעם בראָנפן און ביי דער געלעגנהייט אויך אַריינגעקוקט אין די געהיימע דאָקומענטן.

— אָט דאָס הייסט אַ שלאַנג, וויפל מען זאָל זי נישט גלעטן, וועט זי פאַרט בייסן. — מיט די ווערטער האָט זיך געווענדעט צו מיר דער הויפּט־נאַטשאַלניק פון שטאַב. — מיר האָבן אייך דאָ אַהער גענומען, כדי איר זאָלט נישט אויסגיין פון הונגער. איר באַקומט 800 גראַם ברויט אַ טאָג און איר האָט אַ לייכטע אַרבעט, און פאַר אונזער גוטס האָט איר אָנגעטאָן אַזאַ מיאוס שטיקל אַרבעט. וואָס האָט איר געטראַכט, אַז דאָס וועט אייך אָנגיין גלאַטיק? איר מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ הייליקן און פּלוצים האָט זיך אייך פאַרגלוסט צו טרינקען בראָנפן, אָדער אפשר גאָר צו האַנדלען מיטן בראָנפן. ביי דער גע־לעגנהייט האָט איר אויך אַרויסגעצויגן געהיימע דאָקומענטן. איר וועט שוין איצט נישט אַרויס קיין לעבעדיקער פון דער דאָזיקער אַפּערע.

ווען איך האָב געפּרוווט זיך פאַרטיידיקן, איז ער גאָר געוואָרן נאָך מער אין כעס.

„ווען איר וואָלט געהאַט ווייניקער חוצפה און אַביסל מער רעספּעקט, וואָלט איר געוואָרט ביז מען וועט אייך דערלויבן צו רעדן״ — האָט ער גע־שריגן — „אייער העזה שטייגט שוין איבער אַלע גרעניצן״. און ווענדנדיק זיך צום נאַטשאַלניק פון דער פּלאַנירונג־אָפּטיילונג האָט ער ווייטער געזאָגט: „און

אַט דעם איד האָט איר רעקאָמענדירט אַלס ערלעכן מענטש. איצט זעט איר שוין, אַז מען טאָר פאַר קיינעם נישט גאַראַנטירן, בפרט פאַר אַ איד. איר ווייסט נאָך געוויס נישט וויפל חוצפה זיי האָבן. אומעטום שטופּן זיי זיך אויף די הויכע פּאָסטנס. אַפילו אין לאַגער גלייכן זיי אַרויסצודרייען זיך פון אַרבעט און לעבן אויף יענעמס חשבון".

דער פאַרוואַלטער פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג, וואָס איז געווען אַ נישט קלענערער אַנטיסעמיט פונעם נאַטשאַלניק, האָט געשעפּט נחת פון די רייד און געווען זיכער, אַז זיין פּראָוואָקאַציע איז אים געלונגען. אָבער אין דעם מאָמענט האָט דער נאַטשאַלניק פון דער פּלאַנירונג־אָפּטיילונג מיך גע־הייסן פאַרלאָזן דעם צימער און וואַרטן הינטער דער טיר.

איך בין אַרויס. איך האָב זיך באַמיט צו לאָזן אַביסל אָפן די טיר, ווייל איך האָב געוואָלט הערן וואָס זיי רעדן. עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט וועגן מיין לעבן, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. צו מיין גליק, און אפשר האָט ער עס געטאָן בכיוון, האָט דער נאַטשאַלניק פון דער פּלאַנירונגס־אָפּטיילונג גערעדט הויך, אַז איך האָב כמעט אַלץ געהערט.

— חבר נאַטשאַלניק פון שטאַב — האָט ער געזאָגט — איך האָב אייך שוין אייניקע מאָל געמאָלדן, אַז דער מענטש וואָס האַלט זיך פאַר אַ קאָמוניסט און איז אַ מיטגליד פון אונזער פּאַרטיי און פירט אָן מיט אַזאַ וויכטיקן אָנ־שטאַלט ווי די סאַניטאַרע אָפּטיילונג, אַט ער פאַרנעמט זיך מיט גאָר נישט קיין שיינע מעשים. דאָס דעמאָראַליזירט ער די אַרעסטאַנטן פון לאַגער. עס איז נישט קיין סוד, אַז די גנבים און מערדער באַפאַלן די ניי־געקומענע אַרעסטאַנטן און רויבן ביי זיי צו די בעסערע קליידער און ווערט־זאַכן. אפשר וואָלט דער פאַרוואַלטער פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג אויך געקענט אויפקלערן פאַר־וואָס זיין פרוי און שוועגערין זיינען שוין עטלעכע מאָל פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער מיליץ בעת זיי האָבן די דאָזיקע זאַכן פון די אַרעסטאַנטן פאַרקויפט אויפן מאַרק? איך וועל אייך דאָס אויפקלערן — האָט ער ווייטער געזאָגט — דער דאָזיקער בראַנפן, וואָס איז באַשטימט כלומר'שט פאַר די באַאַמטע פון שטאַב, וואַנדערט פּאַקטיש אין לאַגער אַריין. דאָס איז דער פּרייז פאַר די צוגערויבטע זאַכן. דער פאַרמיטלער אין דעם געשעפט איז טאַקע דער פאַר־וואַלטער פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג. די שולד פונעם איד, דעם אויוון־הייצער, באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס ער איז געווען נאַאיוו. זעענדידק דאָ אין קאַנטאָר די דאָזיקע זאַכן פון די אַרעסטאַנטן, האָט ער געפרעגט ביים פאַרוואַלטער פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג וואָס דאָס איז. זיי האָבן, ווייזט אויס, זיך דערשראָקן און באַשלאָסן פּטור צו ווערן פון אים.

אין דעם מאָמענט איז אויסגעבראָכן אין צימער אַ סקאַנדאַל. איך האָב מורא געהאַט ווייטער זיך אונטערצוהערן און זיך אָפּגערוקט אַביסל ווייטער פון דער טיר. מיט אייניקע שעה שפּעטער האָט דער נאַטשאַלניק פון דער פּלאַניר־אָפּטיילונג מיך אַריינגערופן צו זיך.

— איך הויב שוין אָן צו גלויבן, אַז עס איז פאַראַן אַ ג־ט אויף דער

וועלט — האָט ער אויסגערופן צו מיר אין אַ גוט־ברודערישן טאָן ווי נאָר איך בין אַריין אין צימער. — איר ווייסט גאָרנישט ווי נאָענט איר זייט געווען פון טויט. ווען נישט דער פאַקט וואָס יעקב האָט באַוויזן מיך פריער צו אינ־פאָרמירן וועגן דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען, וואָלט איך נישט געווען צו־געגרייט צו דער גאַנצער אַוואַנטורע. אָבסערווירנדיק אייך, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איר זייט אַ הייליקער מענטש אויב איר קענט אַזוי פיל ליידן צוליב אייער אמונה. איר האָט דעריבער דערוועקט ביי מיר דעם גרעסטן צוטרוי, און דערפאַר האָב איך זיך אַזוי שטאַרק אָנגענומען פאַר אייך. און אפשר איז דאָס אייער זכות, וואָס איך האָב געוואונען דעם פאַרמעסט מיט אַזאַ מנוול... אַלנפאַלס דאַרפט איר דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר דעם וואָס ער האָט מיט אייך געטאָן דורך דער פאַרמיטלונג פון יעקב׳ן.

איך האָב אים באַדאַנקט און בין אַוועק אין לאַגער. מיין „נאַריאַד־טשיק״, וואָס האָט שוין געוואוסט פון דער גאַנצער מעשה, האָט מיר געזאָגט אַז איך דאַרף שטעלן אַ ליטער בראָנפן וואָס איך בין ניצול געוואָרן פון אַזעלכע מערדער.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז יעקב געקומען צו מיר און געזאָגט, אַז ער האָט דערציילט דעם נאַטשאַלניק פון דער פּלאַניר־אָפּטיילונג וועגן מיין אַרבעט אין דעם פריערדיקן לאַגער ביי צוזאַמענשטעלן דעם יערלעכן פּלאַן־באַלאַנס, האָט דער נאַטשאַלניק געבעטן איך זאָל קומען צו אים, ווייל ער דאַרף אויך מאַכן אַזאַ אַרבעט.

ווי געוויינלעך איז ער געווען פאַרשפּעטיקט מיטן טערמין. עס איז געהאַט פאַרבליבן בלויז צוויי וואָכן צו דער דאַטע ווען דער פּלאַניר־באַלאַנס מוז געשיקט ווערן קיין מאָסקווע. איך האָב געזאָגט דעם נאַטשאַלניק פון דער פּלאַניר־אָפּטיילונג, אַז כדי דאָס צו מאַכן צום באַשטימטן טערמין, וועל איך מוזן אַרבעטן טאָג און נאַכט.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער, אַ טאָג פאַרן טערמין, צוויי אַזייגער ביינאַכט, האָב איך פאַרענדיקט דאָס צונויפשטעלן דעם פּלאַניר־באַלאַנס. אַלץ וואָס מען האָט נאָך געדאַרפט טאָן איז געווען איבערצושרייבן עס אויף ריין אין די ספּעציעלע פאָרמולאַרן.

אַזוי ווי איך בין געווען שטאַרק מיד, נאָך אַזוי פיל נעכט נישט שלאָפן, האָב איך דעם פאַרטיקן באַלאַנס אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט, מיט אַ צעטל צום נאַטשאַלניק, אין וועלכן איך האָב אים געבעטן, ער זאָל דאָס געבן איבער־צושרייבן אויף ריין אויף דער מאַשין, ווייל איך בין שוין נישט בכוח דאָס צו טאָן. איך האָב דאָס איבערגעלאָזט אונטערן גלאָז אויף זיין שרייב־טיש און איך בין אַוועק שלאָפן.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז איבער מיר געשטאַנען דער „נאַר־יאַדטשיק״ און געשריגן: „מען קען דיך גאָרנישט דערוועקן. שוין אַ לענגערע צייט רייס איך פון דיר שטיקער און דו הערסט נישט. דער נאַטשאַלניק פון דער פּלאַניר־אָפּטיילונג האָט געקלונגען, אַז דו זאָלסט גלייך קומען. איך בין

דיך נישט מקנא. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט פאַר דיר אַ מתנה — פופצן טעג קאַרצער״.

איך בין געשטאַנען אַ צעטומלטער. איך בין געווען איבערצייגט, אַז דער באַלאַנס איז שלעכט געמאַכט, און היינט איז דער לעצטער טאָג ווען מען דאַרף עס אָפּשיקן קיין מאָסקווע מיטן לאַגער־עראָפּלאַן. אויב אַזוי, האָב איך געטראַכט, איז שוין מיין לעבן אויף אַן אמת פאַרשפּילט.

פאַרשטייט זיך, אַז אַהין בין איך שוין נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן ווי אַ ווינט וואָלט מיך געטראָגן. די סאָלדאַטן אויף די ווישקעס (טורעמס) האָבן מיר אַפילו אָפּגעשטעלט און געפרעגט פאַרוואָס איך לויף אַזוי. ווען איך בין אַריין אין ביוראָ האָב איך געזען ווי דער נאַטשאַלניק שפּאַנט איבערן צימער אַן אויפגערעגטער. זיין פּנים איז געווען רויט און די אויגן האָבן געברענט מיט רציחה. פון כּעס האָט ער נישט געקענט אויסרעדן קיין וואָרט. צום סוף האָט ער זיך אַביסל באַרואיקט און געזאָגט:

— איך האָב אייך געוואָרנט, אַז אויב איר קענט נישט מאַכן דעם באַ־לאַנס צו דער צייט, זאָלט איר זיך דערצו נישט נעמען. וואָס וועל איך איצט טאָן?

איך בין געווען איבערצייגט, אַז עס האָט מיר ווער ווידער אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און צוגענומען דעם פּאַרטיקן באַלאַנס, וואָס איך האָב ביינאַכט איבערגעלאָזט אויף זיין טיש. אָבער ווען איך בין אַריין אין זיין קאַבינעט און דערזען אַז אַלץ ליגט אַזוי ווי איך האָב עס געלאָזט, איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ.

ווען ער האָט דאָס דערזען איז ער אַריין אין גרויס התפּעלות. ער האָט מיר איבערגעבעטן און גלייך טעלעפאָנירט צום „נאַריאַדטשיק״ אַז דאָס וואָס ער האָט פריער געזאָגט איז געווען אַ טעות; אַז איך האָב געמאַכט מיין אַרבעט גוט און צו דער צייט. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז איך האָב פון אים באַ־קומען פינף טעג אָפּרו, ביז ער וועט צוריקקומען פון מאָסקווע.

איך בין שוין פאַרבליבן אין ביוראָ ביז מען האָט דאָס איבערגעשריבן אויף דער מאַשין און אַליין קאָנטראָלירט צי עס זיינען נישט געמאַכט געוואָרן קיין טעות׳ן. איך האָב זיך געזעגנט מיטן נאַטשאַלניק און ער האָט מיר גע־זאָגט, אַז נאָכן צוריקקומען פון מאָסקווע וועט ער מיך אַרויסרופן צו זיך.

נאָך די פינף טעג אָפּרו האָט מיר דער „נאַריאַדטשיק״ געמאָלדן, אַז היינט ביינאַכט דאַרף איך גיין צו מיין פריערדיקער אַרבעט, הייצן די אויוונס. איך בין אַרויס אַביסל פריער פאַר דער באַשטימטער צייט און קודם־כּל אַריינ־געגאַנגען צום נאַטשאַלניק פון דער פּלאַניר־אָפּטיילונג. ער האָט מיך אויפגע־נומען זייער גוט און געזאָגט, אַז דער באַלאַנס איז געווען זייער גוט געמאַכט, מען האָט נישט געדאַרפט ענדערן קיין איין ציפער, און אַז ער האָט אַפילו באַקומען אַ פּרעמיע פאַר דער אויסגעצייכנטער אַרבעט.

אַלס אָנערקענונג האָט ער מיר געבראַכט אַ שיינע מתנה: אַ טשעמאָדאַן,

צווײ פּעקלעך פּוטער, צווײ פּעקלעך צוקער, 10 ווײסע בולקעס און נאָך אײניקע קלײניקײטן. איך האָב אים געדאַנקט און געזאָגט אַז איך קען דאָס פון אים נישט נעמען.

— עס איז אַ שווערע צײט פון מלחמה, גיט בעסער די בולקעס און די פּוטער צו אײַערע קינדער — האָב איך געזאָגט.

— איר האָט זיך דאָס פאַרדינט פאַר אײַער גוטער אַרבעט — האָט ער געענטפערט — נאָר נעמט עס נישט מיט זיך צו אײַך אין באַראַק, ווײל דאָרט וועט מען עס צונעמען בײ אײַך. איך וועל אײַך געבן אַ פּלאַץ אין מײן אײַזער־נער שאַנק. לײגט דאָס אַרײן און ווען איר וועט קומען צו דער אַרבעט, וועט איר עס קענען עסן. אגב — האָט ער צוגעגעבן — פון מאָרגן אָן וועט איר אַרבעטן בײ מיר אין ביוראָ.

איך האָב געאַרבעט בײם נאַטשאַלניק אין זײן צימער. צום באַדויערן האָט מײן פרײד דאָס מאָל געדויערט נאָר צווײ טעג. אויפן דריטן טאָג, דאָס איז געווען דאָנערשטיק, האָט דער נאַטשאַלניק מיר געזאָגט, אַז טראָץ זײן בעסטן ווילן, וועל איך נישט קענען ווײטער פאַרבלײבן אין ביוראָ. אויב דער נאַטשאַלניק פון שטאַב, דער גרויסער אַנטיסעמיט, וועט זיך דערוויסן אַז איך אַרבעט נישט שבת, וועל איך שוין נישט קענען פאַרבלײבן אַפילו בײם הײצן די אויוונס. איז שוין בעסער איך זאָל צוריקגײן צו דער פריערדיקער אַרבעט און ווײטער באַקומען 800 גראַם ברויט אַ טאָג.

איך בין ווידער געפאָרן אין וואַלד אַרײן זעגן בוימער, האַקן האָלץ און בײַנאַכט געהײצט די אויוונס. און אַזוי איז אַוועק נאָך אַ ווינטער.

עס איז געקומען פּסח. ווי אין די פריערדיקע יאָרן, האָט מען מיר געשיקט פון דער הײם מצות. אַ טײל פון זײ האָב איך אָפּגעגעבן אַ אידן, וואָס האָט צונויפגענומען נאָך עטלעכע אידישע אַרעסטאַנטן און צוזאַמען האָבן זײ געפּראַוועט דעם סדר אין אַ פינסטערן, נישט־באַוואוינטן, צעבראָכענעם באַראַק. יעקב האָט באַקומען אַביסל קאַרטאָפל און צוזאַמען האָבן מיר בײדע געפּראַוועט דעם סדר אין קאַנטאָר פון שטאַב.

יעקב האָט מיר דערצײלט, אַז אַלע מאָל האָט ער פּסח געגעסן נאָר מצה. אַפילו נאָך דעם ווי די רויטע אַרמײ איז אַרײן קײן פּוילן און ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער פּאַרטײ, האָט ער אויך געפּראַוועט פּסח. דאָס איז בײ אים געווען דער ערשטער פּסח אין לאַגער און ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז ער וועט דאָ האָבן מצה. „ווײזט אויס — האָט ער געזאָגט — אַז אויב אַ מענטש ווײל אָפּהיטן מצוות, העלפט אים דער אויבערשטער״.

שוין אַ לענגערע צײט ווי איך האָב געליטן פון מאָגן־ווײטיקן, אָבער אַן אַרעסטאַנט אין לאַגער האָט נישט קײן גרויסן ווערט. יעדן טאָג זײנען געשטאָרבן צענדליקער מענטשן פון פאַרשידענע קראַנקײטן, פון הונגער, אָדער גע׳הרג׳עט געוואָרן בײ דער אַרבעט. איך האָב, ווײזט אויס, געהאַט גרויס מזל, ווײל דער דאָקטאָר האָט באַוויליגט מיך אונטערצוזוכן און אַפילו

מיך געשיקט מאַכן אַ רענטגען, וואָס האָט באַוויזן אַז איך האָב אַ געשוויר אין מאָגן.

מיט יעדן טאָג איז מיר געוואָרן אַלץ שווערער צו זעגן די בוימער און האַקן האָלץ. איך האָב גערעדט מיט יעקב׳ן און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז ער זאָל זיך ווענדן צום נאַטשאַלניק פון דער פּלאַנירונגס־אָפּטיילונג וועגן דער מעגלעכקייט פון איינאָרדענען מיך אויף אַ גרינגערער אַרבעט. דער נאַטשאַל־ניק האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט מיך גערן באַשעפטיקט ביי זיך, ווייל ער נויטיקט זיך אין אַ מענטש מיט מיינע קוואַליפיקאַציעס, אָבער צוליב דעם וואָס איך אַרבעט נישט שבת קען ער דאָס נישט רעאַליזירן. די איינציקע זאַך וואָס ער קען פאַר מיר טאָן איז איבערשיקן מיך אין אַ צווייטער אָפּטיילונג פון דעם לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען ווייט פון אונז. דאָרט איז דער הויפּט־נאַטשאַלניק אַ איד, אפשר וועט ער מיר קענען איינאָרדענען אויף אַ לייכטע־רער אַרבעט. דאָרט איז אויך פאַראַן אַ שפּיטאָל, וואו איך וואָלט זיך קענען היילן. עס מוז אָבער דויערן אַ געוויסע צייט ביז עס וועט אַהין געשיקט ווערן אַן עטאַפּ. דערווייל האָב איך זיך ווייטער געמוטשט פייניקן ביים הייצן די אויוונס.

יעדן טאָג גאַנץ פרי, איידער די באַאַמטע זיינען געקומען צו דער אַרבעט, פלעג איך דאַווענען אין קאַבינעט פון הויפּט־נאַטשאַלניק, ווייל דאָרט איז געווען זייער וואַרים. געוויינלעך האָב איך פאַרשלאָסן די טיר און אַרויס־גענומען דעם שליסל. אין אַ געוויסן פרימאָרגן, ווי נאָר עס איז געוואָרן טאָג און איך האָב זיך געשטעלט דאַווענען, האָט אימיצער געעפנט די טיר מיט זיינס אַ שליסל. איך האָב נישט באַוויזן אַראָפּצונעמען די תפילין ווי אין צימער איז אַריין דער נאַטשאַלניק פון שטאַב, דער מערדער און אַנטיסעמיט. פון גרויס איבערראַשונג בין איך אין די תפילין אַרויס אין קאָרידאָר. דאָרט האָב איך זיי ערשט אַראָפּגענומען און באַהאַלטן אינעם אייזערנעם קאַסטן, וואו איך האָב פריער געהאַלטן די מצות. איך בין געווען זיכער, אַז דער נאַטשאַלניק וועט מיך גלייך אַרויסרופן און איך וועל באַקומען אַ גרויסע שטראָף. עס איז אָבער אַדורך אַ שטיקל צייט און עס איז געווען שטיל.

ווען איך האָב דערציילט יעקב׳ן וואָס עס איז געשען, האָט ער מיך באַרואיקט:

— דער נאַטשאַלניק האָנדלט זייער שנעל — האָט ער געזאָגט — און אויב ער האָט אייך נישט באַשטראָפט גלייך אויפן אָרט, איז אַ סימן אַז דאָס מאָל האָט איר זיך אַרויסגעדרייט פון זיינע לאַפּעס. ס׳קען זיין, אַז ער האָט צום ערשטן מאָל געזען אַ איד אין תפילין, און אַפילו אויף דעם מערדער האָט דאָס אַזוי געווירקט, אַז ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער האָט אייך נישט באַמערקט. פונדעסטוועגן וועל איך רעדן מיטן נאַטשאַלניק פון דער פּלאַנירונגס־אָפּטיילונג, אַז מען זאָל אייך וואָס שנעלער אָפּשיקן אין שפּיטאָל אַריין.

יעקב איז אַוועק צום נאַטשאַלניק פון דער פּלאַניר־אָפּטיילונג און דער־

ציילט די מעשה, אַז דער הויפּט־נאַטשאַלניק האָט מיך געזען בעת איך האָב געדאַוונט אין תּפילין, און ער האָט אים געבעטן ער זאָל צוויילן דאָס אַרויס־שיקן מיך אין שפּיטאָל.

אין דעם זעלבן טאָג איז יעקב געקומען מיט דער גוטער בשורה, אַז דער הויפּט־נאַטשאַלניק פון שטאַב האָט מסכּים געווען מען זאָל מיך שיקן מיט אַ ספּעציעלן קאָנוואָי אין דער אָפּטיילונג פון לאַגער וואו עס געפינט זיך דאָס שפּיטאָל. מער האָב איך שוין נישט געדאַרפט גיין אין קאָנטאָר אַריין הייצן די אויוונס. איך האָב געוואַרט אויפן עטאַפּ צו די נייע גליקן.

# דער הונגעריקער פּסח

דינסטיק, פיר טעג אין חודש אייר, תש״ב, דעם 21־טן אַפּריל, 1942, איז געקומען צו מיר אַ קאָנוואָיענט מיט אַ וואָגן און געמאָלדן, אַז איך דאַרף פאָרן מיט אים. וואוהין ער פירט מיך האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט געזאָגט. אַן אַרעסטאַנט אין לאַגער האָט קיינמאָל נישט געטאָרט וויסן וואוהין מען פירט אים. צום ערשטן מאָל אין מיין לאַנגיאָריקער לאַגער־קאַריערע האָב איך גראָד יאָ געוואוסט. מען האָט מיך געפירט אינעם לאַגער וואו עס געפינט זיך דאָס שפּיטאָל, כּדי צו היילן מיין מאָגן.

נאָך אַ גאַנצן טאָג פאָרן זיינען מיר פאַרנאַכט אָנגעקומען אין אַ פאַר־שטאָט. דאָ האָט זיך געפונען דער לאַגער. ביים טויער האָט מען מיך אונטער־זוכט און דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן מען זאָל מיר אָפּשערן די באָרד און די פּאות. איך האָב זיך נישט געלאָזט און געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. דאַן האָט דער קאָמענדאַנט אַרויסגערופן דעם נאַטשאַלניק. איך האָב אים דער־קלערט, אַז איך בין אַ איד און לויטן אידישן דין דאַרף איך טראָגן די באָרד און פּיאות.

— ביי אונז — האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט — זיינען חל די געזעצן פון לאַגער און נישט די אידישע דינים. צוליב סאַניטאַרע טעמים איז נישט דערלויבט צו טראָגן קיין האָר און איר קענט נישט זיין קיין אויסנאַם.

— איך בין שוין געווען אין עטלעכע לאַגערן און אומעטום האָב איך, לויט אַ דערלויבעניש פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג געטראָגן די באָרד און פּיאות — האָב איך געענטפערט, און געבעטן ער זאָל מיר דאָ אויך דערלויבן צו ווענדן זיך וועגן דעם צו דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג.

ער האָט געהייסן מיך דורכלאָזן און דער קאָמענדאַנט האָט מיך אַוועק־געפירט אין אַ באַראַק וואָס איז געווען איבערפולט און איך האָב נישט גע־פונען קיין פּלאַץ וואו זיך אַוועקצולייגן.

נאָך עטלעכע שעה איז געקומען צו מיר אַ איד און מיך געבעטן איך זאָל מיט אים גיין. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער צימער, וואָס

מיר האָבן אין לאַגער גערופן אַ קאַבינקע, וואו עס זיינען געשטאַנען צוויי בעטן.

— איר וועט דאָ וואוינען מיט מיר צוזאַמען — האָט ער געזאָגט — מיין נאָמען איז דוד גולוד און איך בין דער פּאַרוואַלטער פון לאַגער־מאַגאַזין. יעקב האָט מיט מיר גערעדט טעלעפאָניש און מיך געבעטן איך זאָל אייך איינאָרדענען. האָב איך אַריינגעשטעלט נאָך אַ בעטל אין מיין קאַבינקע. וואוי־נען וועט איר אַלזאָ מיט מיר צוזאַמען. אייער אַרבעט וועט נישט זיין קיין שווערע, איר וועט מאַכן די טאָג־ראַפּאָרטן פון די מאַגאַזינען. אָבער ברויט וועל איך אייך צום באַדויערן נישט קענען געבן אַזוי פיל וויפל איר האָט געקראָגן אין פריערדיקן לאַגער. ביי אונז באַקומט מען נאָר 400 גראַם ברויט אַ טאָג. שפּעטער, ווען איר וועט זיך נעענטער באַקענען מיט די קיך־אַרבעטער וועט איר אפשר קענען נעמען ביי זיי אַביסל רויע פּראָדוקטן, ווי קאַרטאָפל, הערינג, פיש, אָדער בוימל. איך נעם גאָרנישט אין קיך — האָט ער צוגעגעבן — הגם איך בין דער פּאַרוואַלטער פון מאַגאַזין פון די שפּייז־פּראָדוקטן. איך געדענק שטענדיק, אַז איך בין אַ איד, און איך וויל נישט אַז זיי זאָלן ווען עס איז קענען זאָגן, אַז איך האָב עפּעס גענומען.

איך האָב אים געדאַנקט און דערקלערט, אַז איך האַלט זיך אויך ביי די זעלבע פּרינציפּן. הגם איך עס נישט פון קעסל און האָב אומעטום געקענט נעמען רויע פּראָדוקטן, האָב איך דאָס קיינמאָל נישט געטאָן. בדרך כלל לעב איך פון ברויט און צוקער וואָס מען גיט מיר יעדן חודש.

דוד איז געווען צופרידן פון מיין שטעלונג. מיר האָבן זיך גלייך באַ־פריינדעט. ער האָט מיך באַקענט מיטן לאַגער. מיר זיינען אַריין אין די באַ־ראַקן פון די קראַנקע. עס זיינען דאָרט נישט געווען קיין בעטלעך. אויף די זעלבע באַרעס ווי אין אַלע באַראַקן זיינען זיי געלעגן איינער לעבן אַנדערן אין גרויס ענגשאַפט. אויך דאָס עסן איז געווען דאָס זעלבע. דערצו האָבן זיי באַקומען קלענערע פּאָרציעס ברויט און די זעלבע „באַלאַנדע" ווי אין אַלע לאַגערן. בלויז די וואָס האָבן געליטן פון אַ מאָגן־געשוויר האָבן פון צייט צו צייט באַקומען 200 גראַם ברויט און אַ האַלב גלאָז וואַרימע מילך.

דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל האָט זיך געפונען אין אַ באַזונדערן באַראַק, וואָס איז געווען געטיילט אין צוויי טיילן. אין איין טייל האָבן גע־וואוינט די דאָקטוירים און אין צווייטן טייל — דער געהילפס־פּערסאָנאַל. חוץ דעם זיינען געווען באַראַקן פאַר געזונטע מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט אין וואַלד. די דאָזיקע מענטשן איז אויך געווען שווער צו באַצייכענען אַלס גע־זונטע. זיי זיינען געווען אָפּגעשוואַכט און קיינמאָל נישט געקענט מאַכן די באַשטימטע אַרבעטס־נאָרמע. דערפאַר האָבן זיי באַקומען אַלס שטראָף נאָר 400 גראַם ברויט אַ טאָג, וואָס דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, גורם געווען אַ וויטערדיקע אָפּשוואַכונג. צוליב דעם האָט מען דעם לאַגער באַצייכנט אַלס קראַנקן־לאַגער. אַן אויסנאַם זיינען געווען דריי בריגאַדעס, וואָס זיינען באַ־שטאַנען פון געזונטע מענטשן. זיי האָבן געאַרבעט אין וואַלד און אַפילו אויס־

געפירט 200 פּראָצענט פון דער נאָרמע. זיי זיינען געווען די איינציקע וואָס האָבן באַקומען גוט צו עסן.

דער נאַטשאַלניק פון לאַגער איז געווען אַ איד, וואָס איז פריער געווען במשך פון דריי יאָר אַן אַרעסטאַנט. נאָכן באַפרייען איז ער דאָ פאַרבליבן אויפן דאָזיקן אַמט. דוד איז געווען אין לאַגער שוין צוויי יאָר. אויף דער פריי איז ער געווען אַ דירעקטאָר פון אַ גרויסער פאַבריק. גלייך ווי ער איז געקומען האָט אים דער נאַטשאַלניק באַשטימט אַלס פאַרוואַלטער פון די מאַגאַזינען. אין דעם זכות האָט ער אויך קיינמאָל נישט געוואוינט אין די באַראַקן, נאָר באַקומען די דאָזיקע קאַבינקע, אין וועלכער מיר האָבן איצט געוואוינט צו־זאַמען.

מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין צוזאַמענשטעלן דעם חשבון פאַרן פאַרגאַנגענעם טאָג און איבערגעבן עס טעלעפאָניש יעקב׳ן, וועלכער איז געווען דער הויפּט־מאַגאַזינער אין צענטראַלן לאַגער, פון וואַנען איך בין געקומען. אַחוץ דעם האָב איך יעדן טאָג אויסגעשריבן די „נאַריאַדן״ פאַר די מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט אין וואַלד. „נאַריאַד״ דאָס איז אַ פאָרמולאַר, אין וועלכן מען שרייבט־איין וואָס יעדער מענטש האָט געטאָן פאַרן טאָג, אויף וויפל פּראָצענט ער האָט אויסגעפירט זיין נאָרמע. איין מאָל אין צוויי וואָכן האָב איך געדאַרפט אונטערציען דעם סך־הכל אין די נאַריאַדן און צום סוף פון חודש צוזאַמענשטעלן דעם באַלאַנס פון דער אַרבעט פון יעדן אַרעסטאַנט און פון דער גאַנצער בריגאַדע.

אַרבעט האָב איך געהאַט אויף 18 שעה אין מעת־לעת, אָבער איך בין געווען צופרידן. איך האָב געוואוינט צוזאַמען מיט דוד׳ן אין אַ ריין צימער, וואו עס איז געווען וואַרים. איך האָב געהאַט אַ בעט מיט אַ מאַטראַץ, אַ ליילעך, אַ קישן און אַ קאָלדרע, וואָס איז אין לאַגער געווען אַ זעלטנהייט. דעריבער האָב איך זיך באַמיט צו מאַכן מיין אַרבעט וואָס בעסער. שבת בין איך געווען פריי פון מיין אַרבעט.

איך האָב אָבער אַלץ שטאַרקער געליטן פון מיין מאָגן־קראַנקייט. דאָס ברויט אין לאַגער איז געווען זייער שלעכט, נישט אויסגעבאַקן, דערצו איז אין ברויט געווען בלויז 20־30 פּראָצענט מעל, דאָס איבעריקע איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע סורראָגאַטן פון גערשטן און קאַרטאָפל. מיין מאָגן האָט דאָס נישט פאַרדייעט און איך האָב געליטן פון שטאַרקע ווייטיקן. די דאָקטוירים זיינען געווען גרויסע אַנטיסעמיטן. זיי האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן וואָס מיר, צוויי אידן, האָבן בעסערע באַדינגונגען פון די אַנדערע אַרעסטאַנטן און זיי האָבן דערפאַר נאָך מער אונז פיינט געהאַט. דעריבער האָב איך קיינמאָל נישט באַקומען פון זיי קיין שום רפואות. די דאָזיקע דאָקטוירים האָבן מיר געזאָגט, אַז מען דאַרף מיך אָפּערירן. אָבער דוד האָט מיך אָפּגערעדט דערפון. ער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו זיי. „זיי וועלן דיך אַזוי אָפּערירן, אַז דו וועסט בלייבן ביי זיי אונטערן מעסער״ — האָט ער מיר געזאָגט.

מיט יעדן טאָג איז דער הונגער אין לאַגער געוואָרן גרעסער. די מענטשן

זיינען אַלץ מער געפאַלן פון די כוחות און מיט יעדן טאָג האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל געשטאָרבענע. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז עס האָט זיך איינגעשטעלט אַן אייגנאַרטיקער מאָראַלישער קאָדקעס. פאַר צו׳גנב׳ענען די פּאָרציע ברויט ביי אַן אַרעסטאַנט, האָט דער געליטענער געהאַט דאָס רעכט צו הרג׳ענען דעם גנב, ווייל דאָס ברויט האָט מען גערופן „קראָוונאַיאַ פּאַיקאַ" — די בלוטיקע פּאַיקע. פון הונגער און פון נישט האָבן גענוג וויטאַמינען האָט זיך פאַרשפּרייט די אויגן־קראַנקייט „הינער בלינדקייט". דאָס הייסט, אַז ביינאַכט, ווען עס איז געוואָרן טונקל, האָט מען גאָרנישט געזען. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז כדי צו באַקעמפן די דאָזיקע קראַנקייט דאַרף מען עסן פיש. איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו אָרגאַניזירן אין לאַגער בריגאַדעס פאַר פיש־פאַנג.

איך בין אַוועק צום נאַטשאַלניק און אים פאָרגעלייגט דעם פאָלגנדן פּלאַן: אין לאַגער איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל מענטשן, וואָס קענען נישט אויספירן די שווערע אַרבעטן אין וואַלד. זיי וואָלטן אָבער געקענט אויספירן אַ לייכטע אַרבעט, צו מאַכן נעצן צו כאַפּן פיש. דערביי זיינען צווישן די אַרעסטאַנטן געווען עטלעכע קאָזאַקן, וואָס האָבן אויף דער פריי פאַרנומען זיך מיט פיש־פאַנג, און זיי וואָלטן געקענט אויסלערנען די איבעריקע די דאָזיקע מלאכה.

כדי צו פאַראינטערעסירן די קראַנקע מיט דער אַרבעט, האָב איך פאָרגעשלאָגן צו באַשטימען אַ נאָרמע פון 20 גראַם ברויט פאַר יעדן קוואַדראַט מעטער נעץ. דאָס ברויט וועלן מיר באַקומען דורך צושרייבן די אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין וואַלד יעדן טאָג, אַ גרעסערן פּראָצענט פון דער נאָרמע וואָס זיי האָבן פאַקטיש געמאַכט. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר געהאַט יעדן טאָג 20־30 קילאָ ברויט אויף פּרעמיעס פאַר די קראַנקע.

דער נאַטשאַלניק האָט געבעטן, אַז איך מיט דוד׳ן זאָלן אים צושטעלן אַ גענוי צוגעגרייטן פּלאַן.

נאָך אַ חודש צייט האָבן מיר שוין געהאַט אַזוי פיל נעצן, אַז מען האָט געקענט מיט זיי באַשעפטיקן בערך 60 מענטשן ביים פיש־פאַנג. מיר האָבן אויסגעקליבן פון צווישן די קראַנקע די מער שטאַרקע מענטשן און במשך פון אַ וואָך צייט האָבן זיי באַקומען 800 גראַם ברויט אַ טאָג, ווי אויך אַ פּאָרציע קאַשע. דאָס האָט זיי געשטעלט אויף די פיס. זיי זיינען געווען די ערשטע בריגאַדע, וואָס איז מיט אַ קאָנוואָי פון 10 סאָלדאַטן אַרויס צום טויער צו דער נייער מלאכה. מען האָט דאָרט אויפגעשטעלט ברעזענטענע געצעלטן, וואו זיי האָבן צייטווייליק געוואוינט, ווייל דער וועג פון טייך צום לאַגער איז געווען אַ ווייטער.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז אָנגעקומען אין לאַגער אַריין דער ערשטער טראַנספּאָרט פון צוויי טאָן פיש. קאָכן האָט מען געקענט נאָר אַ העלפט דערפון, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט גענוג זאַלץ. האָבן מיר באַשלאָסן די צווייטע העלפט צו באַקן אין אויוון אויף בלעכן, ווייל געבאַקענע פיש קען מען עסן אויך אָן זאַלץ.

די אַרעסטאַנטן אין לאַגער האָבן אויפגעלעבט. די אָפּגעשוואַכטע פון הונגער האָבן זיך מיט יעדן טאָג געפילט אַלץ בעסער, מענטשן האָבן אָנגע־הויבן צוריק צו זען בייבאַכט, און עס איז כסדר געוואַקסן די צאָל בעלנים צו אַרבעטן ביי דער נייער מלאכה. נאָך אַ קורצער צייט האָבן שוין געאַרבעט ביים וועבן די נעצן אַרום 800 מענטשן און פינף בריגאַדעס זיינען געווען באַשעפטיקט דירעקט ביים פיש־פאַנג, וואָס האָט דערגרייכט פון זעקס ביז צען טאָן טעגלעך. די פיש זיינען געשיקט געוואָרן אין אַלע אַרומיקע לאַגערן.

אַלע האָבן אויפגעלעבט. איך איינער האָב אָבער פון דעם נישט גע־נאָסן. איך האָב ווייטער געלעבט אויף מיינע 400 גראַם ברויט און ווייטער געהונגערט. ווען דער נאַטשאַלניק האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, האָט ער געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל פאַר מיר מאַכן אַ באַזונדער בלעכל און יעדן טאָג האָב איך באַקומען אַ פיש, וועלכן איך האָב אַליין געבאַקן. אויך איך בין שוין נישט געווען אַזוי הונגעריק, און האָב אָנגעהויבן צו זען ביינאַכט.

עס איז געקומען דער ווינטער און צוזאַמען מיט דעם האָבן זיך גע־ענדיקט אונזערע גליקן. דער פיש־פאַנג האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיטן אָנקום פון די גרויסע פרעסט האָט מען אויך נישט געקענט אַרבעטן אין וואַלד און די אַרעסטאַנטן האָבן באַקומען אַלץ וויניקער ברויט. איז געוואַקסן די צאָל פון טויט־פאַלן. יעדן טאָג זיינען געשטאָרבן צווישן 20 און 30 מענטשן, וועלכע מען האָט מקבר געווען אינגאַנצן נאַקעט אין איין גרוב.

אין חודש אדר א׳ האָב איך באַקומען אַ בריוו פון דער היים, אין וועלכן מען האָט מיר געשריבן, אַז אינגיכן וועלן זיי מיר אַרויסשיקן מצה אויף פסח. דער בריוו איז געקומען אויפן אַדרעס פון מיין ערשטן לאַגער. איך האָב מורא געהאַט, אַז אויב זיי וועלן שיקן די מצה אויף יענעם אַדרעס וועל איך זיי נישט דערהאַלטן, ווייל דער צענזאָר וועט אָנשרייבן אַז איך בין שוין נישטאָ און צוריקשיקן דאָס פּעקל. איך האָב גלייך אָנגעשריבן אַ בריוו, אין וועלכן איך האָב געבעטן אַז מען זאָל מיר די מצות שיקן אויפן נייעם אַדרעס. איך האָב געבעטן דוד׳ן ער זאָל דעם בריוו איבערשיקן דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ מענטש אויף דער פריי, וואָס פאַרט קיין מאָסקווע. אַזוי איז געשען, און דעריבער בין איך געווען זיכער, אַז זיי האָבן דעם בריוו באַקומען.

דערווייל האָב איך אַלץ שטאַרקער געליטן פון מיין מאָגן־קראַנקייט. איך האָב שוין גאָרנישט געקענט עסן און איך בין געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט אַז איך האָב שוין נישט געקענט גיין אויף די פיס. די דאָקטוירים האָבן גע־זאָגט דוד׳ן, אַז איך מוז גיין אין באַראַק פון די קראַנקע. זיי האָבן אים צו־געזאָגט, אַז זיי וועלן מיר געבן אַ פּלאַץ וואו עס ליגן נישט קיין סך קראַנקע; אַז איך וועל באַקומען ווייס ברויט און רפואות, און אַז איך האָב שאַנסן במשך פון צוויי וואָכן זיך אויסצוהיילן.

אין שפּיטאָל האָב איך טאַקע באַקומען יעדן טאָג 200 גראַם ווייס ברויט

און אַ קאָטלעט פֿון פֿלייש, וואָס איך האָב אָוועקגעגעבן דעם סאַניטאַר. גע־היילט האָט מען מיך מיט אָפּיום־טראָפּנס.

איין מאָל אין אָוונט האָב איך באַקומען אַזאַ פּאָרציע אָפּיום, אַז איך בין גלייך איינגעשלאָפֿן. ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט ווייס איך נישט. ווען איך האָב זיך אויפֿגעוועקט האָב איך דערפֿילט אַ שרעקלעכע קעלט. אַרום מיר איז געווען שטאַרק פֿינסטער און איך האָב אַפֿילו נישט געזען וואו איך געפֿין זיך. איך האָב נאָר געפֿילט אַרום זיך פֿאַרפֿרוירענע מענטשלעכע קער־פּערס. איך האָב אָנגעטאַפּט אין דער פֿינסטער אַרום זיך קעפּ, פֿיס, הענט, און איך אַליין בין געלעגן נאַקעט. ביסלעכווייז בין איך געקומען צום באַ־וואוסטזיין און איך האָב זיך געכאַפּט, אַז איך ליג אינעם קעלער, אין וועלכן מען וואַרפֿט אַריין די וואָס שטאַרבן אין שפּיטאָל ביז מען פֿירט זיי אַרויס צו באַגראָבן.

פּלוצים האָב איך דערהערט ווי צוויי מענטשן זיינען אַריינגעקומען אין קעלער. איך האָב געוואָלט זיי עפּעס זאָגן, אָבער איך האָב נישט געקענט אויס־רעדן קיין וואָרט. ערשט ווען זיי האָבן אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף מיר אַ מת, האָב איך געמאַכט אַ געוואַלד. זיי האָבן זיך דערשראָקן און אַנטלאָפֿן. נאָך אַ ווײַלע זיינען זיי צוריקגעקומען מיט ליכט כדי צו זען וואָס עס איז געשען. ערשט דאַן האָב איך געזען, אַז איך ליג נאַקעט אויף דער גאָלער ערד צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע מתים. איך האָב זיי געבעטן זיי זאָלן מיך אָוועקטראָגן צו דוד׳ן אין דער קאַבינקע. איך האָב שוין נישט געוואָלט צוריקגיין אין שפּיטאָל. איך האָב שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן זיי געוואָלט אויף אַזאַ אופֿן פּטור ווערן פֿון מיר.

דוד איז אַוועק אין אַפּטייק און האָט געבראַכט אַ פֿלעשל ספּירט. מיט איין טייל האָט ער מיר איינגעריבן דעם קערפּער און דעם צווייטן טייל האָט ער מיר געגעבן צו טרינקען. איך האָב זיך אַביסל דערוואַרימט און בין איינ־געשלאָפֿן.

ווען איך בין אויפֿגעשטאַנען איז ביי מיין בעט געלעגן אַ שטיקל ווייס ברויט, וואָס דוד האָט פֿאַר מיר באַקומען. איך האָב אָפּגעגעסן און געקומען אַביסל צו זיך. דוד האָט מיר דערציילט, אַז דעם זעלבן טאָג ווען מען האָט מיך אַריינגעוואָרפֿן אין קעלער צווישן די טויטע, איז דער דאָקטאָר געקומען צו אים און דערקלערט, אַז מיין קרענק וועט לאַנג דויערן. ביי דער געלעגנ־הייט האָט ער רעקאָמענדירט צו דער אַרבעט אויף מיין אָרט זיינס אַ באַקאַנטן שייגעץ. דאָס הייסט, אַז ער האָט געוואָלט פֿון מיר פּטור ווערן וואָס גיכער.

עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט ביז איך בין צוריק געזונט געוואָרן און אָנגעהויבן אַרבעטן נאָרמאַל. אין אַ געוויסן טאָג איז אַריין צו מיר אַ אידישער אַרעסטאַנט מיטן נאָמען בערקאָוויטש. איידער ער האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו זאָגן איז ער געפֿאַלן חלשות. איך האָב אַרויסגערופֿן אַ דאָקטאָר, וואָס האָט פֿעסטגעשטעלט אַז דער מענטש איז פּשוט געפֿאַלן פֿון הונגער. דוד האָט אים געבראַכט פֿון קיך אַ שיסעלע קאַשע און מען האָט געזען, אַז דער מענטש האָט

ממש אויפגעלעבט. פון דאַן אָן איז ער שוין געוואָרן ביי אונז אַן אָפּטער אַריינ־גייער. דוד האָט פאַר אים דערליידיקט, אַז יעדן טאָג זאָל ער באַקומען אין קיך אַ פּאָרציע קאַשע. דאָס איז אין די באַדינגונגען פון לאַגער געווען אַ גרויסע הילף.

אין חודש ניסן, שוין נאָענט צו פּסח, איז אַריינגעקומען צו מיר דער נאַטשאַלניק פון דער פּאָליטישער אויפקלערונגס־אָפּטיילונג, אַ פּרוי, וועלכע איז אויך געווען די צענזאָרין פון די בריוו און פּעקלעך, וואָס זיינען אָנגעקומען צו די אַרעסטאַנטן. דאָס איז געווען אַ פּרוי אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן, וואָס איז אין לאַגער געווען גאָר אַ הויכער ראַנג. זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל איר מאַכן אַ חשבון אויף וויפל פּראָצענט די וואַלד־אַרבעטער האָבן נעכטן אויסגעפירט זייערע נאָרמעס. ביי דער געלעגנהייט האָט זי מיך געפרעגט וואָס אַזוינס איז מצה.

איך האָב איר אַלץ גענוי אויפגעקלערט, און אויף איר פראַגע האָב איך איר געענטפערט, אַז פּסח פאַלט אויס גענוי אין 10 טעג אַרום.

— וואָס וועט איר טאָן, אויב עס וועט נישט אָנקומען פאַר אייך קיין מצה פון דער היים? — האָט זי געפרעגט.

— איך קען זיך שפּייזן מיט קאַרטאָפל. און אויב איך וועל דאָס אויך נישט האָבן, וועל איך פּשוט הונגערן די דאָזיקע 8 טעג — האָב איך געענט־פערט. מיט דעם האָט זיך אונזער שמועס געענדיגט. צו וואָס זי האָט געצילט, האָב איך זיך ערשט שפּעטער דערוואוסט.

דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער פּסח. דוד האָט אויסגעקאָלכט אונזער קאַבינקע. ער האָט אַריינגעזעצט אַ נייע פּליטע אין אויוון, געבראַכט ניי געשיר. אַלץ אויף פּסח איז שוין געווען. עס האָט נאָר געפעלט מצה, וועלכע איז ווי אויף להכעיס דאָס מאָל נישט געקומען. דוד האָט געזוכט ערגעץ־וואו צו באַקומען אַביסל קאַרטאָפל, אָבער דאָס איז אים נישט געלונגען. ער איז געווען זייער באַאומרואיקט. קענענדיק מיין כאַראַקטער, האָט ער געוואוסט, אַז איך וועל גאָרנישט עסן אין משך פון גאַנצן יום־טוב.

עס איז געקומען די ערשטע סדר־נאַכט. איך האָב איינגעלאַדן דוד׳ן און בערקאָוויטש׳ן. אויפן טיש האָבן מיר אָנגעלייגט אַ ריין פּאַפּיר אָנשטאָט אַ טישטוך. מיר האָבן אויפגעקאָכט אַ טשייניק וואַסער. איך האָב אָנגעגאָסן דריי גלעזער טיי, וואָס האָבן אונז פאַרטראָטן די ארבע כוסות, און צו זייער פאַרוואונדערונג האָב איך פאַר יעדן אָוועקגעלייגט דריי מצות, און אַזוי האָבן מיר געפּראַוועט דעם ערשטן סדר.

צו דער צווייטער סדר־נאַכט האָבן מיר קיין מצות שוין נישט געהאַט. איך האָב זיי אויפגעקלערט, אַז אין לאַגער האָב איך תמיד איבערגעלאָזט עטלעכע מצות פון איין יאָר אויפן צווייטן. אין דער ערשטער פּסח־נאַכט האָבן מיר טאַקע אויפגעגעסן די מצות וואָס איך האָב געהאַט פון אַ יאָר פריער. איך האָב זיי בכיוון נישט געזאָגט, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי

וועלן נישט וועלן טועם זיין. איך האָב זיי אויפגעקלערט, אַז איך האָב דאָס געטאָן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל אין דער ערשטער סדר־נאַכט איז יעדער איד מחוייב צו עסן מצה. די איבעריקע טעג פון פסח טאָר מען נישט עסן קיין חמץ, אָבער מען מוז נישט עסן קיין מצה. מען קען אויסקומען מיט קאַרטאָפל, פּירות א. אַ. צווייטנס, ווען זיי וואָלטן נישט האָבן די מצה, וואָלטן זיי געמוזט עסן חמץ, ווייל קיין אַנדער עסן איז נישט געווען.

דוד איז געווען זייער אין כעס אויף מיר. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אַוועק פון שטוב ביז נאָך פסח, ווייל ער וועט נישט קענען צוזען ווי איך הונגער.

דעם דריטן טאָג פסח איז געקומען צו מיר די צענזאָרין, וועלכע איז אויך געווען די פּאַרוואַלטערין פון דער קולטור־אָפּטיילונג, וואָס האָט געהאַט פאַר איר אויפגאַבע צו פירן אַ קולטור־פּאָליטישע דערציאונג צווישן די אַרעס־טאַנטן און מאַכן פון זיי „אַרענטלעכע מענטשן". זי האָט געבעטן, איך זאָל איר מאַכן דעם חשבון אויף וויפל פּראָצענט די אַרבעטער האָבן אויסגעפירט זייערע נאָרמעס פאַר די לעצטע צוויי טעג. זי איז די לעצטע צוויי טעג נישט געקומען, ווייל דוד האָט איר געזאָגט, אַז איך היט־אָפּ יום־טוב.

ווען איך האָב איר געגעבן דעם דאָקומענט האָט זי באַמערקט, אַז די הענט ציטערן ביי מיר פון שוואַכקייט. זי האָט געפרעגט, וואָס ס'הערט זיך מיט מיין מאָגן־קראַנקייט. זי האָט געוואוסט פון דער מעשה, ווי אַזוי מען האָט מיך אַריינגעלייגט צווישן טויטע אין קעלער. איך האָב איר געדאַנקט און געזאָגט, אַז דער מאָגן רוט ביי מיר איצט, ווייל איך האָב נישט וואָס צו עסן.

זי האָט געמיינט, אַז איך קען נישט עסן דאָס שוואַרצע ברויט צוליב מיין מאָגן־קראַנקייט. איז זי נאָך עטלעכע מינוט צוריקגעקומען און געבראַכט פאַר מיר אַ פרישע וויסע בולקע, וואָס האָט ממש געשמעקט פון פרישקייט. זי האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דאָס איז געבאַקן געוואָרן אין אַ ניי ריין בלעכל און אַז איך מעג דאָס עסן.

איך האָב איר געדאַנקט און אויפגעקלערט, אַז פסח טאָר איך דאָס נישט עסן, נאָר מצות, קאַרטאָפל אָדער פּירות. זי האָט דאָס בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין.

— איר וועט דאָך נישט אויסהאַלטן אַזויפיל צו פאַסטן — האָט זי גע'טענה'ט. — אין דער היים וואַרט דאָך ווער אויף אייך. איז שוין בעסער עסן די בולקע ווי שטאַרבן . . .

פון דעם ריח פון דער פרישער בולקע האָט זיך מיר אַזש פאַרדרייט דער קאָפּ. איך האָב זי געבעטן, זי זאָל מיך איצט לאָזן צורו, ווייל איך פיל זיך נישט גוט.

צומאָרגנס האָב איך זיך געפילט נאָך שוואַכער, איז זי ווידער געקומען. דאָס מאָל האָט זי געבראַכט עטלעכע קיכלעך פון ווייסן מעל מיט צוקער און בוימל.

— איך האָב דאָס אַליין געבאַקן פאַר אייך — האָט זי געזאָגט — כדי

צו ראַטעווען אייער לעבן. איר מוזט עסן, ווייל איר וועט אומקומען. זי האָט מיר דערציילט, אַז איר מאַן איז געווען אַן אָפיציר דאָ אין לאַגער. מען האָט אים געשיקט אויפן פראָנט, און נאָך עטלעכע וואָכן האָט זי באַקומען אַ מעלדונג, אַז ער איז געפאַלן אין שלאַכט. זי איז געבליבן אַליין מיט דריי פּיצלעך קינדער. דעריבער קען זי נישט צוקוקן רואיק אַז איך זאָל אויסגיין פון הונגער.

איך האָב גאָרנישט געענטפערט. איך האָב נאָר געפילט ווי דער ריח פון די פרישע קיכלעך צערייסט מיינע געדערים. איך האָב געפילט, אַז אָט־אָט וועל איך פאַלן אין חלשות. פּלוצים איז אַריינגעקומען דער דאָקטאָר, כדי צו דערוויסן זיך וועגן מיין געזונט־צושטאַנד. ער האָט מיך אונטערזוכט און גע־זאָגט צו דער צענזאָרין:

— אַזאַ פאַר־עקשנ׳טן פּאַציענט האָב איך נאָך נישט געהאַט אין מיין פּראַקטיק. צי קען די אידישע רעליגיע פאָדערן, אַז אַ מענטש זאָל אָפּגעבן זיין לעבן פאַר אַ מנהג פון פּסח? ער ווייל נישט וויסן, אַז נאָך די עטלעכע טעג וועט ער נישט אויסהאַלטן אָן עסן.

דער דאָזיקער „באַרמהאַרציקער" דאָקטאָר, וואָס האָט אַזוי באַדויערט מיין לעבן, איז געווען דער זעלבער, וואָס האָט געהייסן מיך אַריינוואַרפן אַ לעבעדיקן אין קעלער צווישן מתים. איצט איז ער געקומען מיך „ראַטעווען".

ס׳איז געווען שבת חול־המועד. דוד האָט געפּרואווט ווירקן אויף מיר, איך זאָל עסן.

— צי מעג מען פאַסטן אום שבת? — האָט ער געפרעגט. אַפילו דער דאָקטאָר דער אַנטיסעמיט האָט אים געזאָגט, אַז ער, דוד, זאָל ווירקן אויף מיר אַז איך זאָל עסן, ווייל סיי־ווי וועל איך נישט אויסהאַלטן. איך האָב אים באַרואיקט און געזאָגט, אַז איך האָב אַ ברכה פון מיין טאַטן, אַז איך וועל אי״ה קומען בשלום אַהיים. דעריבער בין איך רואיק, און איך האָף, אַז אי״ה, מיטן אויבערשטנס הילף, וועל איך אַלץ אויסהאַלטן.

מאָנטיק איז ווידער געקומען די צענזאָרין. ווייזט אויס, אַז דאָס געוויסן האָט זי נישט געלאָזט רוען. איך בין געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן פון אויס־מאַטערונג, אָבער איך בין נישט געשלאָפן. איך האָב גראָד געהאַט שטאַרקע בויך־שמערצן. זי האָט אָנגעגאָסן אין אַ גלאָז הייסע וואַסער און מיר אַריינגע־גאָסן אין מויל אַריין. איך האָב שוין מיט אייגענע כוחות נישט געקענט האַלטן דאָס גלאָז. דערפון זיינען ביי מיר צייטווייליק קלענער געוואָרן די שמערצן אין בויך. זי האָט געוואָלט מיט געוואַלד מיר אַריינשטופּן אין מויל אַ שטיקל ווייסע בולקע. אָבער איך האָב דאָס נישט דערלויבט. זי איז אַרויס אָן אויפ־געגטע. אין דעם מאָמענט איז אַריינגעגאַנגען בערקאָוויטש און האָט זיך געזעצט לעבן מיר. ער האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר געוויינט. (שפּעטער האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט דעמאָלט געוויינט ווייל עס האָט אים ווי געטאָן דאָס האַרץ, ווייל ער האָט געזען אַז איך שטאַרב און ער קען מיר גאָרנישט

העלפן). אַ גאַנצע נאַכט איז ער געבליבן זיצן ביי מיין בעט. עטלעכע מאָל האָט ער מיר געגעבן וואַרעם וואַסער צו טרינקען.

אחרון של פסח בין איך שוין געלעגן אַ האַלב־פאַר־חלש׳טער. אינדער־פרי האָט מיר בערקאָוויטש אָפּגעגאָסן די נעגל־וואַסער, ווייל אַליין האָב איך שוין נישט געקענט דאָס טאָן. ער האָט מיר געגעבן דעם סידור און איך האָב קוים־קוים געזאָגט די ווערטער פון דאַווענען. וואָס ס׳איז ווייטער געשען, ווייס איך נישט — — —

ווען איך בין געקומען צו זיך איז ביי מיין בעט געשטאַנען די פאַר־וואַלטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג. זי האָט מיר, ווייזט אויס, געמאַכט אַן איינשפּריצונג, פון וועלכער עס איז מיר געוואָרן זייער הייס. איך האָב געגעבן אַ קרעכץ. זי האָט דאַן אויסגערופן: איצט וועסטו שוין לאַנג לעבן.

מעריב האָב איך שוין נישט געקענט דאַווענען. דוד האָט געבראַכט עטלעכע ווייסע סוכאַרעס און אַביסל צוקער. זיי האָבן געווייקט די סוכאַרעס אין זיסע טיי און מיך געקאָרמעט ווי אַ קינד. נאָכן עסן בין איך שטאַרק גע־שלאָפן און אויפגעוועקט זיך ערשט צומאָרגנס אַכט אינדערפרי. איך בין געווען אַזוי שוואַך, אַז דוד האָט מיר געמוזט העלפן לייגן די תפילין.

דעם זעלבן טאָג האָט מען בערקאָוויטש׳ן אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז ער ווערט באַפרייט פון לאַגער. פון גרויס פרייד האָט ער געשוואוירן, אַז ער וועט פאַרבלייבן אין דער שטאָט פונעם לאַגער, כדי מיר צו קענען יעדן טאָג אַריינשיקן עפּעס עסן ביז איך וועל צוריק געזונט ווערן.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מען טאַקע בערקאָוויטש׳ן באַפרייט. איך האָב אים געבעטן ער זאָל נישט האַלטן וואָרט און נישט פאַרבלייבן לאַנג אין דער שטאָט, נאָר וואָס שנעלער אַהיימפאָרן. איך האָב אים נאָר געבעטן, אַז פאָרן אָפּפאָרן זאָל ער גיין אויף דער פּאָסט און זיך דערוויסן; צי עס איז נישט דורך דער צייט געווען פאַר מיר אַ בריוו אָדער אַ פּעקל. איך האָב אים אַפילו געגעבן אַ שריפטלעכע באַפולמעכטיקונג אָפּצונעמען מיין פּאָסט.

נאָך אין דעם זעלבן טאָג, אין אָוונט, איז בערקאָוויטש געקומען צום וואַך־טויער פון לאַגער, וואו איך מיט דוד׳ן האָבן אויף אים געוואַרט. ער האָט אונז געזאָגט, אַז מיט אַ צייט צוריק, נאָך פאַר פּסח, איז אָנגעקומען פאַר מיר אַ פּעקל. מען האָט עס צוריקגעשיקט, ווייל די צענזאָרין, וואָס איז געווען באַפולמעכטיקט אָנצונעמען די פּאָסט פאַר די אַרעסטאַנטן, האָט געגעבן אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג, אַז איך בין געשטאָרבן. שפּעטער איז פאַר מיר אָנגעקומען נאָך אַ פּעקל און אַ בריוו, אָבער די צענזאָרין האָט עס געהייסן צוריקשיקן.

איצט האָבן מיר ערשט פאַרשטאַנען פאַרוואָס די צענזאָרין האָט אַזוי איבערגעלעבט ווען איך האָב געהונגערט פּסח. דאָס האָט איר דאָס געוויסן נישט געלאָזט רוען. מיר זיינען אַוועק צום נאַטשאַלניק און דערציילט וואָס די צענזאָרין האָט אָפּגעטאָן מיט מיין פּעקל מצות, און אַז איך בין שיער נישט געשטאָרבן צוליב דעם. „אויך איצט ליגט אויף דער פּאָסט אַ פּעקל פאַר מיר

— האָב איך צוגעגעבן — און די צענזאָרין וויל עס נישט אָפּנעמען, און הייסט עס צוריקשיקן״.

דער נאַטשאַלניק איז געוואָרן אין כעס. ער האָט אַרויסגערופן די צענזאָרין און געפרעגט צי עס איז אמת, אַז אויף דער פּאָסט ליגט מיינס אַ פּעקל. זי האָט זיך דערשראָקן און דאָס באַשטעטיקט. דאַן האָט ער איר באַפוילן, אַז נאָך היינט, פאַר 12 בייטאָג, זאָל דאָס פּעקל זיין ביי אים אין קאַבינעט.

זי איז געוואָרן בלאַס פון אויפרעקונג און שרעק. נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט איז זי אַוועק און נאָך צוויי שעה איז דאָס פּעקל געווען ביים נאַטשאַלניק אין קאַבינעט. דער נאַטשאַלניק האָט אַרויסגערופן די פּאַרוואַל־טערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג און אין איר אָנוועזנהייט באַפוילן דער צענזאָרין צו עפענען מיין פּעקל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס זיינען דאָרט געווען צוויי פּעקלעך פּוטער, וועלכע זיינען צוליב דער לאַנגער צייט וואָס זיי זיינען געווען פאַרפּאַקט, פאַרשימלט און גרין געוואָרן. אויך אַ טייל פון דעם קילאָ צוקער וואָס איז דאָרט געווען איז צוליב דעם קאַליע געוואָרן.

אין דעם מאָמענט איז אומגעריכט אָנגעקומען אַן אויטאָ מיטן הויפּט־נאַטשאַלניק פון די לאַגערן. ווען ער איז אַריין אין קאַבינעט איז אונזער נאַ־טשאַלניק אויפגעשפּרונגען און זיך געשטעלט אויף אַכטונג. מיר אַלע זיינען געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט און נישט געוואוסט ווי אַזוי צו האַנדלען.

— זינט ווען גיסטו אַרויס פּעקלעך אין דיין קאַבינעט? — האָט גע־פרעגט דער הויפּט־נאַטשאַלניק ביי אונזער נאַטשאַלניק.

— דאָס איז אַ ספּעציעלער פאַל — האָט אונזער נאַטשאַלניק געענט־פערט, און דערציילט די גאַנצע מעשה וואָס די צענזאָרין האָט אָפּגעטאָן מיט מיין פּאָסט.

דער גאַסט האָט געפרעגט ביי דער צענזאָרין צי עס איז אָנגעקומען פאַר מיר אין דער לעצטער צייט פּאָסט, וואָס זי האָט מיר נישט אָפּגעגעבן.

זי האָט מודה געווען, אַז עס זיינען געווען פאַר מיר צוויי בריוו, אָבער זי האָט זיי צעריסן, כדי איך זאָל זיך נישט דערוויסן וועגן פּעקל מצות וואָס זי האָט געהייסן צוריקשיקן.

דער נאַטשאַלניק האָט דאַן באַפוילן, אַז איך זאָל אָנשרייבן אַן אָנקלאַגע צום פּראָקוראָר קעגן דער צענזאָרין און עס אים גלייך געבן. ער פּערזענלעך וועט זיך באַמיען, אַז זי זאָל באַקומען די פאַרדינטע שטראָף.

די צענזאָרין האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און גענומען בעטן דעם נאַטשאַלניק ער זאָל רחמנות האָבן אויף אירע יתומים, וועמענס פאָטער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן פאַרן פאָטערלאַנד.

— נישט ביי מיר, נאָר ביי דעם מענטש, וועלכן דו האָסט געקענט אומברענגען, דאַרפסטו בעטן — האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט.

איך האָב דערקלערט, אַז צוליב דעם וואָס דער טאַטע פון אירע קינ־דער איז טאַקע געפאַלן אויפן פראָנט קעגן די היטלעריסטן בין איך גרייט

מוותר צו זיין אויף מיין אָנקלאַגע, נאָר מיטן באַדינג, אַז זי וועט שווערן אַז זי וועט שוין מער זיך נישט איזדיעקעווען איבער אַרעסטאַנטן.

מיין דערקלערונג האָט, ווייזט אויס, געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן נאַטשאַלניק. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט דעם ענין נישט איבערגעבן צום פּראָקוראָר, אָבער זי ווערט באַפרייט פון איר איצטיקן אַמט.

בערקאָוויטש האָט געהאַלטן וואָרט. במשך פון צוויי וואָכן איז ער פאַר־בליבן אין דער שטאָט און יעדן טאָג געבראַכט מיר אין לאַגער אַ פלעשל מילך, קאַרטאָפל, ווייס ברויט, אַביסל צוקער, אַ פּעקל גרינע ציבעלעס. אין די דעמאָלטיקע באַדינגונגען האָט ער געמוזט אויסגעבן אויף דעם אַ גרויסע סומע געלט. איך בין אָבער פון דעם געזונט געוואָרן. איך האָב זיך שוין גע־פילט בעסער און איך האָב אים שטאַרק געבעטן, ער זאָל שוין פאָרן אַהיים צו זיין משפחה. מיר האָבן זיך געזעגנט און ער איז אַוועקגעפאָרן.

צווישן די אַרעסטאַנטן אין לאַגער איז געווען אַ יונגער סערב מיטן נאָמען נימישטש. פון דער ערשטער מינוט אָן האָט ער געהאַט אַ לייכטן לעבן. אָפיציעל איז ער געווען אַ פייערלעשער. ער האָט געהיט, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין שריפות אין לאַגער. פאַקטיש איז ער געווען אַ מסור פון דער נ.ק.וו.ד. מען האָט זיך געמוזט פאַר אים אויסהיטן מיט יעדן שריט. יעדערן האָט ער נאָכשפּיאָנירט און איבערגעגעבן אַלץ אין דער נ.ק.וו.ד. צו אונז אין דער קאַבינקע האָבן מיר אים קיינמאָל נישט אַריינגעלאָזט.

איין מאָל אַ פאַרטאָג, ווען איך האָב געדאַוונט, ווי געוויינלעך, איז אומ־גערירכט אַדורכגעגאַנגען דער סערב און געזען ווי איך שטיי מיט תפילין אויפן קאָפּ. איך בין גראָד געשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער, וואָס האָט אַרויס־געקוקט אויף אַ צעאַקערט פעלד, אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט, וואו קיינער האָט זיך נישט געטאָרט באַוועגן. איך בין דעריבער געווען זיכער, אַז קיינער וועט מיך דאָרט נישט באַמערקן. אָבער דער דאָזיקער סערב האָט געמעגט גיין אין אַלע פלעצער. ווען איך האָב אים דערזען האָב איך גע־טראַכט, אַז ער ווייס געוויס נישט וואָס אַזוינס תפילין זיינען און במילא וועט ער נישט וויסן וואָס איבערצוגעבן אין דער נ.ק.וו.ד.

עס איז אַוועק אַ לענגערע צייט און איך האָב שוין וועגן דעם געהאַט פאַרגעסן. פּלוצים, אין אַ פרייטיק צו נאַכט, אין יולי 1943, האָט מען אונז אויפגעוועקט פון שלאָף און געהייסן זיך גרייטן אין וועג אַריין. אונזער לאַגער ווערט געשלאָסן און מיר אַלע ווערן איבערגעפירט אויף אַ צווייטן פּלאַץ. איך האָב געהאַט גרויס זאָרג וועגן מיינע תפילין. אָנטאָן זיי אויפן קאָפּ קען איך נישט, ווייל בעת אַ רעוויזיע קען מען זיי צונעמען ביי מיר; טראָגן מיט זיך קען איך אויך נישט, ווייל מען טאָר דאָך שבת נישט טראָגן. אָבער ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן אין לאַגער, האָט מיר דער אויבערשטער געהאָלפן אויך אין דעם. צו אונז אין קאַבינקע איז אַריין דער נאַטשאַלניק און ער האָט געזאָגט דוד׳ן, אַז ער האָט געגעבן אַ וואָגן אויף איבערצופירן די זאַכן פון

די קראַנקע און שוואַכע אַרעסטאַנטן, אויף וועלכער מיר קענען אויך אָרויפֿ־לייגן אונזערע זאַכן.

איך האָב זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויפֿן וואָגן, ווייל איך האָב געמוזט גיין מיט אַלע צוזאַמען אין עטאַפּ. דוד האָט מיך באַרואיקט, אַז ער וועט שוין אַרויפֿלייגן מיין טשעמאָדאַן. ער האָט מיר נאָר אָנגעזאָגט, איך זאָל אים גוט פֿאַרשליסן, און גלייך ווי איך וועל אָנקומען אין נייעם לאַגער, זאָל איך אויפֿזוכן דעם וואָגן און אָפּנעמען מיינע זאַכן, ווייל די גנבים קענען זיי צעשלעפּן.

דער קאָנוואָי האָט אונז שטאַרק געטריבן, כדי מיר זאָלן נאָך אין זעלבן טאָג אָנקומען אין נייעם לאַגער. די היץ איז געווען גרויס. קיין וואַסער האָבן מיר נישט געהאַט, און עס האָט זיך זייער געוואָלט טרינקען. שפּעט אין דער נאַכט זיינען מיר ענדלעך אָנגעקומען אין ערשטן לאַגער, וואו מיר האָבן גע־קענט באַקומען אַ טרונק וואַסער. איך בין געווען זייער באַאומרואיקט וועגן די זאַכן וואָס איך האָב געגעבן אויפֿן וואָגן. אויפֿן וועג האָב איך אָפּגעזאָגט „אתה חוננתנו", כדי איך זאָל קענען אָפּזוכן מיין טשעמאָדאַן מיט די תפילין ווי נאָר מיר וועלן אָנקומען. איך בין טאַקע גלייך אַוועק צום טויער און גע־פֿונען מיין טשעמאָדאַן אָן אויפֿגעריסענעם. דאָס דעקל איז געווען צעבראָכן. עס האָט אָבער גאָרנישט געפֿעלט פֿון מיינע זאַכן. אַפֿילו די 200 רובל וואָס איך האָב דאָרט געהאַט, זיינען נישט צוגענומען געוואָרן. די איינציקע זאַך וואָס איך האָב נישט געפֿונען, זיינען געווען די תפילין.

איך האָב גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט סתם אַ גניבה, נאָר אַ ספּעציעל שטיקל אַרבעט קעגן מיר. איך האָב זיך אָנגעהויבן נאָכפֿרעגן, און גלייך זיך דערוואוסט, אַז ביי די טשעמאָדאַנעס האָט געווישטערט נימשיטש. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז נאָר־וואָס אַוועק אין דער „קיפּיעטילקע" (אַ צימער וואו מען האָט געקאָכט וואַסער צום טרינקען).

ווען איך בין דאָרט אָנגעקומען, האָב איך זיך באַגעגנט מיט נימשיטש'ן ווען ער איז שוין אַרויס פֿון דאָרט. ער איז געווען שיכור, און ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט און אויסגערופֿן:

— דיינע שאַכטלעך מיט די באַקסעס, אין וועלכע דו דאַוונסט, זיינען שוין איצט אין גן־עדן. איך האָב זיי דאָרט געשיקט מיטן פֿייער.

איך בין געוואָרן צעמישט. פֿון גרויס איבערראַשונג בין איך געלאָפֿן צום אויוון. איך האָב דערזען, אַז פֿון מיינע תפילין זיינען געבליבן נאָר שטיקלעך אָפּגעברענטע רצועות. נימשיטש איז געשטאַנען און געלאַכט אויפֿן קול.

— פֿאַרוואָס האָסטו פֿאַרברענט מיינע תפילין? — האָב איך אויסגעע־שריגן אויפֿן קול.

— איך האָב געוואָלט פֿאַרברענען דיין אמונה — האָט ער געענטפֿערט מיט אַ ציניש געלעכטער.

איך בין געווען אין גרויס כעס. איך האָב אויסגערופֿן: דערפֿאַר וועסטו

האָבן אַ מיתה משונה, נאָר דו וועסט נישט גיין אין גן־עדן, נאָר אין גיהנום אַריין. עס האָט זיך געמאַכט אַ סקאַנדאַל און עס איז דערגאַנגען צו אַ געשלעג. די אַרעסטאַנטן, וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן, האָבן אונז צעשיידט.

מיט גרויס האַרצווייטיק בין איך אַוועק צום שטאָב פון לאַגער, וואו מען האָט צונויפגעקליבן די מענטשן פון אונזער עטאַפּ. מען האָט אונז איינ־געטיילט אין בריגאַדעס. צו 40 מענטשן אין אַ בריגאַדע. די נאַכט בין איך נישט געשלאָפן. איך האָב געזוכט דוד'ן, כדי כאָטש קענען זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. איך האָב אים אָבער נישט געפונען.

פאַרטאָג האָט מיך אַרויסגערופן דער נאַטשאַלניק פון לאַגער. איך בין געווען צוגעגרייט דערצו. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַ סקאַנדאַל מיט נימ־שיטש'ן, וועלכער איז אַן אָפיציעלער אַגענט פון נ.ק.וו.ד., קען נישט אָפּגיין גלאַטיק. דער נאַטשאַלניק איז געווען שטאַרק אין כעס.

— צוליב אייערע תפילין, וועלכע איר האָט, אגב, געהאַט מיט זיך אַן אַ דערלויבעניש, זייט איר גרייט צו הרג'ענען אַ מענטש? — האָט ער גע־שריגן צו מיר. — איר וועט אַרבעטן אַ חודש צייט ביי קאַרטשעווען פּניאַקעס, וועט זיך אייך שוין נישט גלוסטן צו דאַווענען און צו שיקן מענטשן צום טויט.

ער האָט מיך נישט געלאָזט אויסריידן אַ וואָרט, נישט געוואָלט אויס־הערן מיין טענה. איך בין אַוועק מיט מיין נייער בריגאַדע צו דער אַרבעט. דער טאָג איז געווען אַ שווערער. מיר זיינען געווען אָפּגעשוואַכט פונעם עטאַפּ. מיר זיינען געווען הונגעריק, ווייל מען האָט אונז נישט געגעבן קיין ברויט. מיר האָבן קוים דערצויגן ביז פאַרנאַכט, ווען דער מייסטער האָט אונז אַראָפּ־גענומען פון דער אַרבעט. מיר זיינען צוריקגעגאַנגען אין לאַגער, וואו דער „דניעוואַלני" האָט אונז מכבד געווען מיט 400 גראַם ברויט פאַר אַ מענטש.

אויפן צווייטן טאָג, ווען איך בין צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָט מען מיר געזאָגט, אַז עס רופט מיך דער נאַטשאַלניק פון לאַגער. ווען איך בין דאָרט אַריינגעקומען, האָב איך דאָרט געטראָפן אויך דעם נאַטשאַלניק פון דער פּלאַניר־אָפּטיילונג, ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש, פון צענטראַלן לאַ־גער, וואו איך האָב געמאַכט דעם באַלאַנס, און וועלכער האָט זיך באַצויגן צו מיר מיט פריינטשאַפט.

— הגם עס טוט מיר זייער לייד — האָט געזאָגט ניקאָלאַי אַלעקסאַנד־ראָוויטש — אָבער איך בין געצוואונגען אייך צו באַשטראָפן. מאָרגן ווערט איר געשיקט מיטן עטאַפּ אין לאַגער נומער דריי (די לאַגערן זיינען באַצייכנט גע־וואָרן לויט די נומערן 1, 2, 3 א.אַז.וו.).

פון אָט־דער שטראָף בין איך גראָד געווען צופרידן. אין דריטן לאַגער בין איך געווען עטלעכע יאָר. דאָרט איז געווען נאַטשאַלניק פון דער סאַני־טאַרער אָפּטיילונג אַ אידישע פרוי, וועלכע וועט געוויס נישט לאָזן מיך אויף אַזאַ שווערער אַרבעט ווי איך האָב דאָ. וועגן דעם האָט געוואוסט אויך ני־קאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש, כאָטש מיר האָבן ביידע געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך נעם דאָס אָן ווי אַ שטראָף.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז צוליב דעם סקאַנדאַל מיטן סערב, פונדעסטוועגן האָב .זיך געפרעגט, מיט וואָס איך האָב זיך פאַרזינדיקט.

— איר פרעגט נאָך פאַרוואָס — האָט אויסגערופן דער נאַטשאַלניק פון לאַגער. — איר האָט דאָך דער׳הרג׳עט אַ מענטשן!

איך האָב זיך אויף אַן אמת דערשראָקן, אָבער באַלד האָט זיך אַלץ אויפגעקלערט. צוליב זיינע „פאַרדינסטן״ האָט נימשיטש געהאַט אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין פון לאַגער אַן אַ וואַך. אין דער זעלבער נאַכט, ווען עס איז געווען דער סקאַנדאַל צוליב מיינע פאַרברענטע תפילין, איז נימשיטש אַוועק אין שכנות׳דיקן דאָרף אויף אַ חתונה. ער האָט דאָרט געהוליעט און גע׳שיכור׳ט. פאַרטאָג, ווען ער איז צוריקגעקומען בגילופין, איז ער אַריין אין דער פאַרבאַטענער זאָנע פון לאַגער. ווער עס האָט זיך דאָרטן באַוויזן האָט געמוזט וויסן דעם פּאַראָל פון דער וואַך, וועלכן עס האָבן געוואוסט נאָר די אָפיצירן, וואָס האָבן פונאַנדערגעפירט די וועכטער.

דער סאָלדאַט אויפן וואַך־טורעם, דערזעענדיק אַ פרעמדן, האָט גע־פרעגט ביי אים דעם פאַראָל. אַנשטאָט אַן ענטפער האָט נימשיטש גענומען אים זידלען. ווען ער האָט אויך צום צווייטן מאָל נישט געענטפערט, האָט דער סאָלדאַט אָפּגעגעבן צוויי זאַלפן אין דער לופט און דעם דריטן שאָס אין נימשיטש׳ן, וועלכער איז געפאַלן אַ טויטער אויפן אָרט.

די נאַטשאַלסטוואָ האָט אָנגענומען, אַז דאָס איז מקויים געוואָרן מיין קללה אויף אים, און דערפאַר מיך באַטראַכט ווי אַ געפערלעכן מענטש, פון וועלכן מען דאַרף פּטור ווערן וואָס שנעלער . . .

ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען איבעררעאשט פון דער מעשה. איך האָב געפילט, אַז מיטן האַרץ איז ער מיט מיר. „אויב אַזוי — האָט ער געזאָגט — זייט איר טאָקע אַ שעדלעכער מענטש און עס איז זייער ריכטיק וואָס מען שיקט אייך אַרויס פון דאַנען״.

שפעטער האָט ער ביי אַ געלעגנהייט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געוואוסט, אַז אויב עס האָט זיך אַזוי אָנגעהויבן מיין ערשטער טאָג אין דעם לאַגער, וועל איך שוין דאָ האָבן אַ פאַרביטערט לעבן, דערפאַר האָט ער גורם געווען מען זאָל מיך איבערשיקן אינעם לאַגער נומער 3.

דעם זעלבן טאָג איז אויך געקומען דוד. ער האָט גאָרנישט געוואוסט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען דורך דער צייט. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר מיר פאַרוואָס ער איז נישט געקומען פריער, ווייל ער איז געווען פאַרנומען מיטן עוואַקויאירן אַלע זאַכן פון דעם ליקווידירטן לאַגער. ווען איך האָב אים דער־ציילט די מעשה מיטן סערב האָט ער געזאָגט: תפילין וועט איר מיט ג־ט׳ס הילף האָבן אַנדערע, אָבער דערפאַר איז מקויים געוואָרן דער פסוק „כן יאבדו כל אויביך״ (אַזוי זאָלן אומקומען אַלע דיינע שונאים).

דוד האָט זיך אָבער שטאַרק איבערגענומען מיט דער שטראָף פון איבערשיקן מיך אין אַ צווייטן לאַגער. ער האָט געטראַכט, אַז מיט דער גרויסער פּראָטעקציע וואָס ער האָט אין ערשטן לאַגער, וואָלט ער מיך געקענט איינ־

אָרדענען אויף אַ גרינגער אַרבעט און איך וואָלט געקענט אומגעשטערט האַלטן שבת. איך האָב אים באַרואיקט און פאַרזיכערט, אַז ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָ־וויטש האָט דאָס נישט געטאָן פון שנאה צו מיר, נאָר פאַרקערט, ער האָט דערמיט געמיינט מיין טובה. דאָרט, אין לאַגער נומער 3, איז פאַראַן אַ לאַנד־ווירטשאַפט, וואו איך וועל קענען באַקומען אַ גרינגע אַרבעט און דערביי קענען פון צייט צו צייט באַקומען אַביסל פרישע גרינסן און אַביסל מילך.

איך און דוד האָבן זיך געזעגנט ווי ברידער און איך בין אַוועק צום וואַך־טויער צו מיין נייעם עטאַפּ. דאָרט האָבן שוין געוואַרט אויף מיר עטלעכע און פערציק מינדעריעריקע גנבים, אין עלטער פון 13־14 יאָר. זיי זיינען געווען מיינע „חברים" אויפן וועג צום נייעם לאַגער.

מיר זיינען אַרויס אַרום 10 אַזייגער אין דער פרי. די שקצים׳לעך האָבן גאָרנישט געהאַט מיט זיך, דערצו זיינען זיי דאָך געווען יונג, איז זיך זיי געגאַנגען לייכט. מיר איז געווען שווערער. ווי אַן אַלטער לאַגערניק, האָב איך געהאַט מיט זיך אַ זעקל מיט מיינע ווינטער־מלבושים. זיי האָבן עס מיר אָבער געהאָלפן טראָגן. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, מיר זיינען געגאַנגען דורך אַ וואַלד און אויפן וועג איז נישט געווען קיין שום ישוב, וואו מיר זאָלן קענען באַקומען אַ טרונק וואַסער. צו אונזער גליק האָבן אונז אַנגעיאָגט צוויי ליידיקע לאַסט־אויטאָס. דער קאָנוואָי האָט אונז אַריינגעזעצט אין די מאַשינען און פאַרנאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אויפן באַשטימטן אָרט. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דוד האָט אַרויסגעשיקט די מאַשינען.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום וואַך־טויער פון לאַגער איז אַרויס דער נאַטשאַלניק אונז אויפנעמען. ווען ער האָט דערזען די קינדער וואָס מען האָט געשיקט, איז ער אַוועק אין שטאָב און אונז געהייסן וואַרטן. עס איז אָנ־געקומען אַן אָפיצירין פון נ.ק.וו.ד. דאָס איז געווען די זעלבע וואָס איז געווען די צענזאָרין אין לאַגער נומער 1, מיט וועלכער איך האָב געהאַט דעם קאָנפליקט צוליבן פּעקל מצות, וואָס זי האָט מיר נישט אָפּגעגעבן. ווען זי האָט דערזען די „סחורה" וואָס מען האָט דאָ געשיקט, האָט זי געזאָגט צום נאַטשאַלניק פון קאָנוואָי אַז די דאָזיקע קינדער האָבן דאָ נישט וואָס צו טאָן און דעריבער נעמט זי נישט אָן דעם עטאַפּ. מיך האָט זי געהייסן אַריינגיין אין דער וואַכטע און די איבעריקע זיינען אַוועק צוריק.

— ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מיר טעלעפאָנירט, אַז איר קומט צו אונז אין לאַגער — האָט זי געזאָגט אין אַ טאָן פון פריינטלעכקייט. — איצט וועט איר האָבן אַ געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן, אַז איך בין נישט אַזאַ שלעכטע ווי איר האָט געמיינט. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז איר האָט געהאַנדלט לגבי מיר גרויסמוטיק און איך וועל זיך באַמיען אייך אָפּ־צודינען מיט וואָס איך וועל נאָר קענען. מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט קראַנק אויף „צינגאַ" (אַ קרענק וואָס קומט מחמת מאַנגל אין וויטאַמינען, וואָס קומט פון נישט עסן קיין גרינסן, און פאַראורזאַכט דאָס אַרויספאַלן פון די ציין און אויך געשווירן אויפן לייב. די מערסטע אַרעסטאַנטן אין די סאָ־

וועטישע לאַגעןליידן פון דער קרענק). איך וועל זיך באַמיען, אַז איר זאָלט אַרבעטן אין דער לאַנד־ווירטשאַפט, וואו איר וועט האָבן גרינסן, וואָס וועלן אייך ראַטעווען פון דער קרענק.

זי האָט גלייך אַרויסגערופן איר סעקרעטאַר, וואָס איז אויך געווען אַ איד, און אים געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער וואוינט איינער אַליין אין אַ באַזונדערער קאַבינקע, זאָל ער דאָרט אַריינשטעלן נאָך אַ בעטל פאַר מיר. דעם ערשטן טאָג האָט זי מיר געגעבן פריי, כדי איך זאָל זיך קענען אויסרוען נאָכן עטאַפּ. זי האָט מיר אויך צוגעזאָגט, אַז מאָרגן וועט זי רעדן מיטן נאַטשאַלניק פון דער לאַנדווירטשאַפט און באַשטימען וואָס פאַר אַן אַרבעט מיר צו געבן.

ביי דער געלעגנהייט האָט זי ווידער פאַרפירט אַ שמועס וועגן דעם ענין מיט די מצות:

גלויבט מיר — האָט זי געזאָגט — אַז מען האָט מיך געצוואונגען אַזוי צו האַנדלען. איך האָב מורא געהאַט, אַז מען וועט מיך אַרויסוואַרפן פון דער אַרבעט און איך וועל אויסגיין פון הונגער צוזאַמען מיט מיינע קינדער. ווען מען האָט מיך געצוואונגען אָפּצושיקן צוריק אייערע מצות, האָב איך געטראַכט, אַז איך וועל אַלע טאָג אייך ברענגען בולקעס וואָס איך וועל אַליין באַקן און דערמיט אייך פאַרגיטיקן. איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז איר טאָרט באמת נישט עסן עפּעס אַנדערש. ווען איך האָב געזען, אַז איר ווילט בשום אופן נישט נעמען אין מויל מיינע בולקעס און איר ליידט אַזוי שטאַרק פונעם הונגער, האָט מיך דאָס געוויסן אַזוי שטאַרק געמאַטערט, אַז איך האָב נישט געקענט שלאָפן. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת. איך האָב זיך שטאַרק געוואונדערט ווען נאָך דעם אַלעם האָט איר מיר גלייך מוחל געווען און מיך געראַטעוועט, אַז מען האָט מיך נישט גע׳משפט און אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט. איך בין דעריבער גליקלעך, וואָס איך וועל קענען כאָטש מיט עפּעס אייך אָפּדינען. איר זייט באמת אַ זעלטענער מענטש.

# איך אַרבעט אין „סעלכאָז"

ראש חודש אב תש״ג, דעם 2־טן אויגוסט 1943, בין איך געשיקט געוואָרן צו דער אַרבעט אין „סעלכאָז" ביים לאַגער נומער 3. דער נאַטשאַלניק האָט מיך אויפגענומען נישט פריינטלעך. איך האָב דאָס אָבער פאַראויסגעזען. איך האָב אים געקענט אַלס שיכור און גנב און איך האָב פאַרשטאַנען אַז מיין אָנוועזנהייט אין דער ווירטשאַפט וועט נישט זיין באַקוועם פאַר אים. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין ברירה. ער האָט באַקומען אַ באַפעל צו באַשעפטיקן מיך אויף דער נאַכט־שיכט ביי די ספּעקטן און אָראַנזשעריעס.

אין די ספּעקטן האָט מען געהאָדעוועט פאַרשידענע גרינסן, ווי אוגער־קעס, טאָמאַטן, מייערן א. אַנד. אויפן שטח פון דער ווירטשאַפט זיינען געווען בערך דרייסיק ספּעקטן און אַ גרויסע אָראַנזשעריע פון בלומען. דאָס אַלץ איז

געוואָרעמט געוואָרן מיט דער הילף פון וואַסער־דאַמף. די קעסלען פון דער צענטראַלער באַהייצונג האָבן זיך געפונען בשכנות פון דער אָראַנזשעריע און מען האָט זיי געהייצט בייטאָג און ביינאַכט.

אין דער אָראַנזשעריע זיינען געווען גרויסע קאַסטנס מיט שוואַרצער, פעטער ערד, וואָס זיינען געווען איינגעגראָבן אין דער טיף פון אַנדערהאַלבן מעטער. עס זיינען דאָרט געהאָדעוועט געוואָרן גרינע ציבעלעס, דיניעס און אַרבוזן. אויף יעדן קעסטל איז געווען אַן אויפשריפט מיט אינפאָרמאַציע ווען די דיניע אָדער דער אַרבוז איז איינגעפלאַנצט געוואָרן און ווען עס האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן.

אַלס הייצער פון די קעסלען איז געווען באַשעפטיקט אַ שטומער שייגעץ. מיין אויפגאַבע איז געווען צו קאָנטראָלירן און רעגולירן די וואַרעמקייט אין די ספּעקטן און אָראַנזשעריע. גאַנץ פרי, ווי נאָר די זון איז אויפגעגאַנגען, האָב איך אויך אַראָפּגענומען די גלעזערנע דעקן פון די ספּעקטן, כדי די זון־שטראַלן זאָלן דערגיין צו די געוויקסן.

ביים וויזן מיר מיינע אויפגאַבן און פליכטן האָט דער נאַטשאַלניק מיר אָנגעזאָגט, אַז איך טאָר, חלילה, נישט איינשלאָפן אויף קיין איין מינוט. אַ גאַנצע נאַכט מוז איך אָן אויפהער קאָנטראָלירן די טערמאָמעטער, כדי עס זאָל איינגעהאַלטן ווערן אַ סטאַבילע טעמפּעראַטור. אויסער דעם דאַרף מען אויך היטן פון גנבים. צו דעם צוועק האָב איך געהאַט צו מיין דיספּאָזיציע אַ „פרינץ״. דאָס איז געווען דער נאָמען פון אַ גרויסן טרענירטן הונט, וואָס איז געווען צוגעבונדן אויף אַ לאַנגער קייט, וואָס האָט אים דערלויבט צו באַוועגן זיך איבערן גאַנצן שטח פון דערווירטשאַפט.

ביים אויפקלערן אין וואָס עס באַשטייען מיינע אויפגאַבן, האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט, אַז אויב איך וועל דערהערן, אַז „פרינץ״ בילט, מוז איך גלייך אַרויס, ווייל דאָס איז אַ סימן, אַז עס זיינען געקומען גנבים, וועלכע מען דאַרף פאַרטרייבן.

— איך האָב דעם איינדרוק, אַז איר זייט נישט קיין שרעקעוודיקער — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט באַדייט, אַז ער מיינט פּונקט פאַרקערט. — דעריבער פירט אַרויס דעם הונט פונעם ביידל, טוט אים אָן די קייט און דאַן קענט איר זיין רואיק אַ גאַנצע נאַכט.

דער נאַטשאַלניק איז געווען זיכער, אַז איך וועל מורא האָבן צוצורירן זיך צום הונט, און אויב איך וועל יאָ וואַגן דאָס טאָן, וועט דער הונט זיך וואַרפן אויף מיר, און דאַן וועט ער האָבן דעם בעסטן אויסרייד, אַז איך טויג נישט צו דער אַרבעט. איך בין צוגעגאַנגען צום ביידל און דערזען אַ גרויסן, שוואַרצן הונט, ווי אַ וואָלף. וואָס אַן אמת, האָב איך זיך גוט דערשראָקן. אָבער איך האָב זיך גלייך באַהערשט, און אָנרופנדיק דעם הונט ביים נאָמען, האָב איך אַ געשריי געטאָן, ער זאָל גיין פאַראויס. דער הונט איז געגאַנגען אויטאָמאַטיש דעם וועג צו וועלכן ער איז געווען געוואוינט אַלע טאָג. ער האָט דערפילט אין מיר אַ נייעם באַלעבאָס. ערשט ווען איך האָב אים צוגעבונדן צום דראָט, האָט ער אַ וואָרטשע געטאָן, אָבער איך בין שוין געווען וייט פון אים.

איך האָב געהאַט מיט זיך עטלעכע שטיקלעך צוקער, וואָס מיין „פרינץ" האָט זייער ליב געהאַט און מיט וועלכע איך האָב גלייך אין דער ערשטער נאַכט פון מיין אַרבעט געוואונען זיין צוטרוי צו מיר. ווען איך האָב אים פאַרטאָג צוריקגעפירט אין זייןביידל, האָט ער שוין געוואָרטשעט צו מיר, ווי צו אַן אַלטן באַלעבאָס זיינעם.

דער נאַטשאַלניק האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך טאָר נישט אַרויסרייסן און אויפעסן, אַפילו אויפן אָרט, קיין שום גרינס, ווייל דאָס וועט באַטראַכט ווערן אַלס גניבה. נישט געקוקט אויף דעם, האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געגעסן גרינע ציבעלעס, אַז ס'איז מיר אַזש געווען ביטער אין מויל. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיי געריסן פון די ברעגן, כדי עס זאָל נישט זיין קענטיק. אינ־דערפרי האָט דער נאַטשאַלניק גענוי קאָנטראָלירט יעדעס ווינקל. איך האָב באַמערקט, אַז ער האָט גרויס עגמת נפש, וואָס ער האָט מיך נישט געכאַפּט ביים אָפּרייסן אַ טאָמאַט אָדער אַן אוגערקע.

ווען איך האָב זיך געקליבן צוריקצוגיין אין לאַגער, האָב איך באַמערקט, אַז מיין מאַנטל איז עפּעס שווערער ווי נאָרמאַל. איך האָב אַריינגעלייגט די האַנט אין די קעשענעס, און צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג האָב איך דערזען אַז עס ליגן דאָרט אוגערקעס און טאָמאַטן. איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך האָב גאָרנישט באַמערקט. די „מציאה" האָב איך באַהאַלטן טיף אין גראָז און בין אַוועק צום וואַך־טויער, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

ביים טויער האָט מיך פאַרהאַלטן דער קאָמענדאַנט פון דער וואַך, און מיט זיכערקייט, אַז ער האָט מיך שוין געכאַפּט, באַפוילן מיר צו ווייזן אים וואָס איך האָב אין די טאַשן.

איך האָב אַרויסגענומען מיין סידור און אים געוויזן.

— ניין! — האָט ער אויסגערופן. — נישט דאָס מיין איך. שלעפּ אַרויס דאָס, וואָס דו האָסט גע'גנב'עט.

בעת מעשה האָב איך באַמערקט, אַז אויף זיין טישל ליגט אַ צוגע־גרייטער אַקט וועגן מיין „גניבה". איך האָב אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם מאַנטל און אים געוואָרפן צום קאָמענדאַנט, אויסרופנדיק: נעמט! זוכט!

ווען דער קאָמענדאַנט און דער נאַטשאַלניק האָבן אָנגעהויבן טאַפּן און זוכן אין מאַנטל די גרינס, האָב איך אין דער זעלבער צייט אַראָפּגעצויגן דעם צוגעגרייטן אַקט.

צום סוף, אַז זיי האָבן גאָרנישט געפונען ביי מיר, האָט דער קאָמענדאַנט געזאָגט צום נאַטשאַלניק, אַז דאָס איז געווען אַ טעות, און געהייסן מיך גיין...

ווען איך בין אָנגעקומען אין דער זאָנע פון לאַגער, האָבן שוין געוואַרט אויף מיר די פאַרוואַלטערין און ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש. זיי האָבן מיך אַריינגערופן אין ביוראָ און געפרעגט, וואָס איז געשען מיט מיר, ווייל דער נאַטשאַלניק פון סעלכאָז האָט שוין באַוויזן אָנזאָגן טעלעפאָניש די בשורה, אַז איך בין אַ גנב, און דערפאַר קען ער מיך נישט האַלטן מער אויף דער

אַרבעט, און אַז ער וועט גלייך שיקן דעם אַקט, אַז מען זאָל מיך שטרענג באַשטראָפן.

איך האָב זיי באַוויזן דעם נישט־אונטערגעשריבענעם אַקט און דער־ציילט די גאַנצע מעשה.

— איך הויב שוין אָן גלויבן אין ג־ט! — האָט אויסגערופן די פאַר־וואַלטערין. — דאָס איז דאָך ממש אַ נס. ווען איר וואָלט נישט באַמערקט וואָס מען האָט אייך אַריינגעלייגט אין מאַנטל און מען וואָלט דאָס געפונען ביי אייך אויף דער וואַכטע, וואָלט אייך נישט געהאָלפן אונזער פאַרטיידיקונג. פאַר גניבה פון די גרינסן, וואָלט איר באַקומען פון דעם נאַטשאַלניק אופּראַ־ווליעניאַ פון דעם גאַנצן לאַגער, 15 טעג שטרענגן קאַרצער, וועלכע איר וואָלט נישט אויסגעהאַלטן.

די פאַרוואַלטערין האָט דערקלערט, אַז זי וועט ריידן, אַז מען זאָל באַפרייען דעם נאַטשאַלניק פון סעלכאָז פון זיין אַמט. זי האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט הייסן באַשעפטיקן מיך ביים הייצן די קעסלען, און דאַן וועל איך באַ־קומען אַלע טאָג 800 גראַם ברויט. „נעמט זיך נישט איבער — האָט זי מיר געזאָגט — און עסט גרינע ציבעלעס וויפל איר וועט קענען. דאָס איז די איינציקע רפואה, אַז איר זאָלט פּטור ווערן פון דער „צינגאַ" („שקאָרבוט").

ביינאַכט ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט איז דער נאַטשאַלניק נישט געווען אין קיין גוטער שטימונג, כאָטש ער האָט זיך באַמיט צו זיין העפלעך צו מיר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז פון היינט אָן וועל איך אַרבעטן אַלס הייצער. דאָס האַלץ דאַרף איך זיך אַליין באַזאָרגן. ער האָט גערעכנט, אַז איך וועל נישט וויסן ווי אַזוי דאָס צו באַקומען, און אויף אַזאַ אופן וועט ער פון מיר פּטור ווערן.

נישט ווייט פון „סעלכאָז" האָט זיך געפונען אַ מעבל־פאַבריק, וועלכע האָט אויך געהערט צום לאַגער. איך האָב גענומען דריי טאָמאַטן און דריי אוגערקעס פון די, וועלכע איך האָב מיט אַ טאָג פריער באַהאַלטן אין גראָז, און בין אַוועק צום שומר פון דער מעבל פאַבריק. ווען איך האָב אים געגעבן די מתנה, איז ער געווען גליקלעך און גרייט געווען מיר אָפּצודאַנקען מיט וואָס איך וועל נאָר פאַרלאַנגען. איך האָב אים פאָרגעשלאָגן אַ טראַנזאַקציע, אַז ער וועט פון מיר באַקומען יעדן טאָג אַזאַ פּאָרציע גרינס. דערפאַר דאַרף ער צונויפקלייבן פאַר מיר יעדן טאָג האָלץ־אָפּפאַלן, מיט וועלכע איך וועל קענען הייצן די אויוונס.

אין דער זעלבער נאַכט האָט ער מיר געבראַכט דריי זעקלעך האָלץ, וואָס האָט געסטייעט אויף הייצן ביז אינדערפרי. און מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז ער וועט פּריטיק ביינאַכט הייצן די אויוונס פון צענטראַל באַהייצונג.

אַז איך בין שוין געווען באַזאָרגט מיט האָלץ, האָב איך אַרויסגעלאָזט דעם הונט אויף דער קייט און האָב געקענט רואיק דאַווענען מעריב. איך האָב געגעסן ברויט מיט ציבעלעס און די צוויי טאָמאַטן און אוגערקעס, וואָס דער נאַטשאַלניק האָט פאַר מיר „גע׳גנב׳עט" אין דער פאַריקער נאַכט.

איך האָב נאָך נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דאָס בענטשן, ווי איך האָב דערהערט אַז אימיצער דרייט זיך אויפן הויף ביי די ספּעקטן. דער הונט האָט געַנומען שטאַרק בילן. איך בין אַרויס און באַמערקט אַן אומבאַקאַנטן מענטש, וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס מיטאַרבעטער פון דער דריטער אָפּטיילונג, און דערקלערט אַז ער באַקומט דאָ יעדע נאַכט צוויי קילאָ טאָמאַטן און צוויי קילאָ אוגערקעס. איך האָב זיך פאַר אים אַנטשולדיקט און דערקלערט אַז איך קען אים גאָרנישט געבן, ווייל דער נאַטשאַלניק האָט מיר נישט געגעבן קיין שום פאַראָרדענונג, און דערצו האָב איך אויך נישט קיין וואָג. ביי דער געלעגנהייט האָב איך אים געפרעגט: ווי קומט עס וואָס דער הונט האָט אים נישט געטשעפּעט? ער האָט מיר געענטפערט, אַז פריער האָט ער געאַרבעט ביים טרענירן הינט און „פרינץ" איז איינער פון די הינט וואָס ער האָט גע־האָדעוועט.

צומאָרגנס אינדערפרי, ווען דער נאַטשאַלניק איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט ער קאָנטראָלירט די טערמאָמעטערס, צי די טעמפּעראַטור איז אַ געהעריקע, געקוקט צי עס פעלט גאָרנישט און צום סוף געפרעגט צי עס איז קיינער נישט געווען ביינאַכט. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז געווען אַ מענטש וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס מיטאַרבעטער פון דער דריטער אָפּטיילונג און געבעטן גרינס, איז ער אויפגעשפּרונגען: „און דו האָסט אים נישט געגעבן? — האָט ער געפרעגט אַ דענערווירטער. — אַ צווייט מאָל זאָלסטו אים געבן וויפל ער וועט בעטן". ער האָט דאָס באַטאָנט אַלס אַנצוהערעניש, אַז איך דאַרף פאַרשטיין, אַז מיט אַזעלכע מענטשן דאַרף מען לעבן בשלום.

אין דער צווייטער נאַכט איז דער זעלבער גאַסט ווידער געקומען. ער האָט געוואָלט אַליין אויסקלייבן טאָמאַטן און אוגערקעס פאַר זיך. איך האָב אים אָבער געזאָגט, אַז דער נאַטשאַלניק מיינער איז אַ שטרענגער און ער האָט מיר פאַרבאָטן צו לאָזן ווען עס איז אויסקלייבן, ווייל ער וועט נישט קענען קאָנטראָלירן צי עס פעלט נישט. דעריבער מוז איך אים געבן דאָס גרינס לויט דער ריי ווי עס וואַקסט.

ער איז געוואָרן אין כעס און אויסגערופן: „מאָרגן וועל איך אים שוין קאָנטראָלירן וויפל ער גנב'עט יעדן טאָג".

צומאָרגנס, ווען איך האָב מיט אַ כיוון דערציילט דעם נאַטשאַלניק, אַז איך האָב דעם גאַסט נישט דערלויבט אויסצוקלייבן אַליין, צוגעבנדיק אַז יענער האָט זיך דערפון באַליידיקט, האָט ער שוין נישט אויסגעהאַלטן און גענומען שרייען אויף מיר:

— דו ווייסט וואָס דער מענטש קען אָנטאָן? ער קען אונז אַלעמען איינזעצן.

— אַז מען עסט ניט קיין קנאָבל, שמעקט נישט פון מויל — האָב איך אים געענטפערט. ער האָט מיך גוט פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער האָט נישט געהערט וואָס איך האָב געזאָגט.

צומאַרגנס, ווען איך בין געקומען פון דער אַרבעט, האָט מיך די פאַר־וואַלטערין פון לאַגער גערופן צו זיך. זי האָט מיר געמאַכט אַ פאָרוואורף, פאַרוואָס איך האָב זיך נישט באַצויגן העפלעך צום מיטאַרבעטער פון דער דריטער אָפּטיילונג.

— מיר וויסן — האָט זי געזאָגט — אַז דער נאַטשאַלניק פון „סעל־כאָז" איז אַ גנב און שטעלט זיך אַרום מיט זיינע מענטשן, כדי מען זאָל אים נישט קענען כאַפּן ביי דער האַנט. אָבער אַזוי איז שוין דאָס לעבן דאָ אין לאַגער, און נישט נאָר אין לאַגער — האָט זי צוגעגעבן, אַז איך זאָל פאַרשטיין אין וואָס עס האַנדלט זיך. — אָבער מיט דער דריטער אָפּטיילונג איז בעסער צו לעבן בשלום — האָט זי געזאָגט צום סוף.

„איך האָב עס געטאָן מיט אַ כוונה — האָב איך איר געענטפערט. — איך האָב געוואָלט אַז ער זאָל פאַרשטיין, אַז מיך וועט ער נישט קענען טער־ראָריזירן כדי צו באַפרייען מיך פון דער אַרבעט. איך שטעל זיך נישט די אויפגאַבע אויפצודעקן זיינע גניבות, ער קען טאָן וואָס ער וויל. איך האָב נאָר געוואָלט, אַז ער זאָל פאַרשטיין אַז אויף מיין חשבון וועט ער גאָרנישט פאַרדינען".

ביי דער געלעגנהייט האָב איך איר דערציילט, אַז דער נאַטשאַלניק גיט מיר נישט קיין האָלץ צו הייצן, און איך מוז דאָס אַליין אָרגאַניזירן אויף אַ נישט לעגאַלן אופן. זי האָט גלייך אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז מען זאָל יעדן טאָג צושטעלן האָלץ־אָפּפאַל פון דער מעבל פאַבריק. איך האָב איר געדאַנקט פאַר איר הילף.

אין אַ געוויסער נאַכט, בעת דער אַרבעט, האָב איך דערהערט אַז „פרינץ" האָט גענומען שטאַרק בילן. ווען איך בין אַרויס האָב איך דערזען ווי דער הונט ראַנגלט זיך מיט דריי גנבים. איינער פון זיי האָט זיך געוואָרפן אויפן הונט מיט אַ מעסער. ווען דער הונט איז אָפּגעשפּרונגען האָבן די אַנ־דערע צוויי זיך באַמיט אים צו פאַרטומלען. ווען זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי פון דער ווייטנס מיר געוויזן מיט דער האַנט אַז איך זאָל צוריק אריין אין דער אָראַנזשעריע. איך בין אָבער צוגעגאַנגען צו זיי. זיי האָבן מיך גענומען דראָען און געראָטן, אַז איך זאָל בעסער מאַכן דעם אָנשטעל אַז איך האָב זיי נישט באַמערקט. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך וועל זיי נישט שטערן, אָבער איך ראָט זיי אַז זיי זאָלן בעסער נישט גנב'ענען קיין אוגערקעס און טאָמאַטן, ווייל זיי וועלן דאָס נישט קענען אַרויסטראָגן דורך דער וואַך, וואָס וועט זיי כאַפּן. דאַקעגן האָב איך זיי געוויזן, אַז נישט ווייט אויפן פעלד וואַקסן צוקער־בוראַקעס, פאַר וועלכע מען קען נעמען אַ הויכן פּרייז אין לאַגער, און מען דאַרף זיי נישט טראָגן איבערן וואַך־טויער. זיי זיינען אַוועק, און די צווייטע נאַכט האָבן זיי מיר געבראַכט עטלעכע גרויסע בוראַקעס, אַלס מתנה פאַר מיין גוטער עצה . . .

פאַרטאָג איז געקומען צו מיר דער שומר פון די בהמות, וואָס האָבן זיך געפונען אין „סעלכאָז". ער האָט אויך געליטן פון דער „צינגאַ"־קראַנקייט

און געבעטן ביי מיר עטלעכע גרינע ציבעלעס, וועלכע זיינען געווען די איינ־ציק מעגלעכע רפואה וואָס מען האָט דאָן אין אונזערע באַדינגונגען געקענט קריגן. איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, געגעבן, נאָך מיט אַ צולאָג פון עטלעכע בוראַקעס. פאַר דאַנקבאַרקייט האָט ער מיר געבראַכט אַ גלאָז מילך, און אַזוי איז שוין יעדן טאָג פאָרגעקומען צווישן אונז אַן אויסטויש פון אונזערע „סחורות״. אַחוץ דעם האָב איך נאָך באַקומען אַ מעגלעכקייט אויסצוטוישן בוראַקעס, וואָס איך האָב כסדר באַקומען פון מיינע נייע „פריינט״, די גנבים, אויף געמאַלענעם האָבער, וואָס איך האָב געקאָכט אין דער מילך און געהאַט אַ גוטע קאַשע. מיט איין וואָרט: איך האָב זיך אָנגעהויבן גוט דערנערן, ווי קיינמאָל נישט ביז איצט אין לאַגער. מיט יעדן טאָג האָב איך זיך געפילט אַלץ בעסער און געזינטער.

אויך דער נאַטשאַלניק פון „סעלכאָז״ האָט באַקומען צוטרוי צו מיר. ער האָט מיר פאַרטרויט זיינע סודות און אַפילו פאַרעלייגט, אַז איך זאָל איבערנעמען דעם מאַגאַזין פון גרינס, וואו מען קען „מאַכן געלט״. ער האָט מיך געלערנט, אַז מען פאַרשרייבט נאָר אַ העלפט פון דער פאַקטישער וואָג, און שפּעטער קומט גלייך אַ מענטש פון דער קראַם און נעמט צו דעם עודף, פאַר וועלכן ער צאָלט אַ גוטן פּרייז. פאַרשטייט זיך, אַז מיטן „פאַרדינטן״ געלט דאַרף מען זיך שפּעטער טיילן. אַחוץ דעם איז אין מאַגאַזין פאַראַן מילך, פּוטער סמעטענע און אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס איך וועל יעדן טאָג קענען עסן אומ־באַגרענעצט.

איך האָב אים געדאַנקט און געזאָגט, אַז ער זאָל בעסער זוכן פאַר דעם אַ צווייטן, ווייל איך קען נישט די מלאכה און געפין זיך נישט אין לאַגער פאַר גניבות. ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי איך וואָלט געווען אַ נישט נאָרמאַלער מענטש. דערביי האָט ער שטאַרק חרטה געהאַט וואָס ער האָט מיר פאַרטרויט זיינע סודות.

איך האָב אים באַרואיקט, אַז ער קען מיט מיר זיין זיכער אַז איך וועל אים נישט מסר׳ן, ווייל עס איז נישט מיין אויפגאַבע צו כאַפּן די גנבים פון לאַגער. ער קען ווייטער טאָן וואָס ער וויל און איך פאַרגין דאָס אים מיטן גאַנצן האַרצן. פונדעסטוועגן, פאַר זיכערקייט, האָט ער מיך געוואָרנט, אַז אויב איך וועל וואַגן צו דערציילן וועגן דעם, קען ער פאַר אַ פלעשל בראַנפן דינגען אַ מענטש, וואָס וועט מיך שטיל־מאַכן אויף אייביק. נישט געקוקט אויף דעם, האָט ער מיר פאַרזיכערט אַז ער איז מיין פריינט און איך קען עסן גרינס וויפל איך וויל.

נאָך אַ געוויסער צייט האָט מיר די פאַרוואַלטערין געזאָגט, אַז מען פירט זי איבער צו דער אַרבעט אין אַ צווייטן לאַגער. אַזוי ווי זי האָט געוואוסט, אַז ווען זי וועט אַוועק וועט דער נאַטשאַלניק פון „סעלכאָז״ מיך באַפרייען פון דער אַרבעט, איז אפשר כדאי, אַז זי זאָל פריער אויפזוכן פאַר מיר אַ צווייטע גרינגע אַרבעט. אין צווישנצייט האָב איך זיך אָבער באַקענט מיטן באַלעבאָס פון „שירפּאָטרעב״.

„שירפּאַטרעב" איז געווען אַ קאָמפּלעקס פון וואַרשטאַטן, וואו מען האָט אויסגעאַרבעט מעבל, ליימענע טעפּ, מעטאַלענע כלים און אַנדערע אַרטיקלען. דער נאַטשאַלניק פון „שירפּאַטרעב" איז געווען אַ גלויביקער קריסט, וועלכער איז געזעסן אין לאַגער 10 יאָר, און נאָכן באַפרייען איז ער געבליבן אַרבעטן אויף דעם אָמט. ער האָט געהאַט צו מיר אַ געפיל אַלס מענטש וועלכער ליידט צוליב זיין אמונה. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיך נעמען צו דער אַרבעט אין דער מעבל־פאַבריק, וואו איך וועל האָבן אַ מעגלעכקייט נישט צו אַרבעטן אום שבת. איך וועל דאָרט באַקומען 800 גראַם ברויט אַ טאָג, און ער וועט זיך באַמיען, אַז מיין אַרבעט זאָל נישט זיין קיין שווערע. איך האָב אים געדאַנקט און געבעטן, ער זאָל מיך לאָזן נאָך אַרבעטן אין „סעלכאָז" ווי לאַנג עס וועט זיך לאָזן, כדי איך זאָל זיך אויסהיילן פון מיין צינגאַ־קרענק.

## אין דער מעבל־פאַבריק

אָנהויב חודש אלול, תש"ג, סעפּטעמבער 1943, האָט דער נאַטשאַלניק פון „שירפּאַטרעב" מיר פאַרגעלייגט אַן אַרבעט אַלס מאַגאַזינער פון נייעם צעך פון קאָלדרעס, וועלכער איז נאָר־וואָס געשאַפן געוואָרן. איך האָב געוואוסט, אַז נאָך דעם ווי די פּאַרוואָלטערין פון לאַגער, וועלכע איז געווען מיין אַפּוטרופּס פּאַרט אַוועק אויף אַ צווייטן פּלאַץ, וועל איך גלייך פאַרטריבן ווערן פון „סעלכאָז", האָב איך גערן אָנגענומען זיין פאָרשלאָג.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מיך אַרויסגערופן אין שטאָב. אין קאַבינעט איז, צוזאַמען מיט דער פּאַרוואָלטערין, וועלכע איז שוין געווען אָנגעטאָן צום אָפּפאָרן, געזעסן אויך דער נייער נאַטשאַלניק, אין אַ מונדיר מיט דיסטינקציעס פון אַ פּאָלקאָווניק. אין קאַבינעט זיינען אויך געווען אירע דריי קינדער, צו וועלכע זי האָט זיך געווענדעט:

— איר זעט דעם מענטשן — האָט זי געוויזן אויף מיר. — דאָס איז דער וועגן וועלכן איך האָב דערציילט, אַז נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער האָט איבער מיר געהונגערט אַכט טעג, האָט ער אין מיר נישט גענומען נקמה ווען ער האָט געהאַט די געלעגנהייט. אומעטום וואו איר וועט אין לעבן באַגעגענען אַזעלכע מענטשן, דאַרפט איר זיי העלפן.

זי האָט געהייסן די קינדער זיי זאָלן זיך מיט מיר געזעגענען. ווענדנדיק זיך צום נייעם נאַטשאַלניק האָט זי געזאָגט:

— דאָס איז אַן ערלעכער מענטש, פון וועלכן אויך מיר קאָמוניסטן קענען נעמען אַ ביישפּיל. איך בעט אייך, איר זאָלט אים גוט באַהאַנדלען.

די דאָזיקע רעקאָמענדאַציע האָט מיר קיין סך נישט געהאָלפן. אָבער וועגן דעם האָב איך זיך איבערצייגט ערשט שפּעטער. דערווייל האָב איך געאַרבעט אין צעך פון קאָלדרעס. מיר האָבן געאַרבעט אין דער נאַכט־שיכטע. מיין אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין אַרויסגעבן פון מאַגאַזין דעם פאָדעם און

אַנדערע צודאַטן, און פאַרטאָג, נאָכן ענדיקן די אַרבעט, האָב איך אָפּגענומען די קאָלדרעס. פאַר מיין אַרבעט האָב איך באַקומען 600 גראַם ברויט אַ טאָג.

דער נייער נאַטשאַלניק האָט איינגעפירט אַ האַרבן רעזשים. ס'איז פאַר־שאַרפט געוואָרן דער קאָנטראָל פון די סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך. זיי האָבן שטרענג רעווידירט יעדן אַרבעטער. פאַר אַ פּרואוו אַרויס־צוטראָגן עטלעכע מעטער פאָדעם האָט מען באַשטראָפט מיט קאַרצער, און נאָך דעם זיי אַוועקגעשיקט אויף שווערסטע אַרבעטן. די אַרעסטאַנטן פון אונזער צעך האָבן גאָרנישט געקענט אַריינברענגען אין לאַגער, כדי אויסצובייטן אויף אַ שטיקל ברויט, ווי דאָס איז געווען פריער. די אַרבעטער זיינען געווען הונ־געריק און בייז, וואָס האָט שטאַרק באַווירקט זייער אַרבעט. זיי האָבן נישט אויסגעפירט די באַשטימטע נאָרמעס און די קוואַליטעט פון די קאָלדרעס איז געווען אַ שלעכטע. פון דעם ווידער האָבן געליטן דער נאַטשאַלניק פון „שיר־פּאָטרעב" און איך, ווייל מיר זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּראָ־דוקציע.

אין אַ שמועס מיטן נאַטשאַלניק פון „שירפּאָטרעב" האָב איך אים גע־זאָגט די סיבות פאַרוואָס מיר קענען נישט אויספירן דעם פּלאַן, און די קוואַ־ליטעט פון דער פּראָדוקציע איז אַ שלעכטע. איך האָב אים געגעבן אַן עצה, אַז מיר זאָלן זאָגן אונזערע אַרבעטער, זיי זאָלן אויסטוישן פאָדעם אויף פּראָ־דוקטן ביי די אַרבעטער פון „סעלכאָז", וואָס האָט זיך געפונען אין אונזער זאָנע, און מען האָט נישט געמוזט דורכגיין דורך דער וואַך. די אַרבעטער פון „סעלכאָז" האָבן געהאַט אונטערגעקויפטע וועכטער, און אויף אַזאַ אופן געקענט אַלץ אַרויסטראָגן אומגעשטערט.

איך האָב די עצה געגעבן נאָר איין אַרבעטער, וועלכער האָט שוין דאָס איבערגעגעבן אַנדערע. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אַנטוויקלט אַ האַנדלס־אויס־טויש. די אַרבעטער האָבן געהאַט גוט צו עסן, זיינען זיי געוואָרן פאַראינטע־רעסירט אין דער אַרבעט. זיי האָבן געהיט, אַז דער פּלאַן זאָל אויסגעפירט ווערן און די פּראָדוקציע איז געוואָרן אַ גוטע. אַלע זיינען געווען צופרידן. אַזוי האָט עס געדויערט אַ גאַנצן ווינטער. אין ניסן תש"ד, אַפּריל 1944, האָט זיך פאַרענדיקט דער פאָדעם, וואָס מיר האָבן געהאַט אין מאַגאַזין. דער צעך איז געשלאָסן געוואָרן, און מיך האָט מען איבערגעפירט אַרבעטן אין דער מעבל־פאַבריק.

מיין אַרבעט איז איצט באַשטאַנען אין טראָגן די ברעטער צום וואַר־שטאַט. דעם ערשטן פרייטיק פאַרנאַכט האָב איך איבערגעריסן מיין אַרבעט. ווען דער מייסטער האָט מיך געפרעגט, ווער ס'וועט טראָגן מאָרגן די ברעטער, האָב איך געזאָגט, אַז שבת אַרבעט איך נישט, און יעדער סטאָלער וועט מוזן אַליין ברענגען די ברעטער.

מיין ענטפער האָט אים נישט געפעלן. און ווען זיין אָנקלאַגע קעגן מיר ביים נאַטשאַלניק פון „שירפּאָטרעב" האָט אויך נישט געהאָלפן, איז ער אַוועק מיך מסר'ן פאַרן נאַטשאַלניק פון לאַגער.

דעם זעלבן פרייטיק־צו־נאַכט האָט מיך אַרויפגערופן צו זיך דער נאַטשאַלניק פון לאַגער. ער האָט מיר אויסגערעכנט אַ גאַנצן צעטל מיט חטאים: פאַר דער גאַנצער צייט וואָס איך אַרבעט אין „סעלכאָז" און אין „שירפּאָטרעב" בין איך נישט געקומען אויף די טאָג־אַפּעלן, און איך האָב נישט געאַרבעט שבתים. דערווייל האָט ער מיר געגעבן דריי טעג קאַרצער פאַר נישט קומען אויף די אַפּעלן. פאַר די שבתים האָט ער צוגעזאָגט מיך שפּעטער צו באַשטראָפן.

שבת אינדערפרי האָט מען מיך אָפּגעפירט אין קאַרצער. אין אָוונט איז געקומען דער נאַטשאַלניק פון „שירפּאָטרעב". עס איז אים געלונגען מיך צו באַפרייען. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אינטערווענירט ביים נאַטשאַלניק און גענומען אויף זיך די שולד פאַר דעם וואָס איך בין נישט געקומען אויף די אַפּעלן, ווייל איך האָב געמוזט יעדן טאָג וואַרטן ביז ער וועט קומען.

עטלעכע טעג האָב איך געאַרבעט אין דער סטאָלעריי. פרייטיק אינדערפרי האָט דער נאַטשאַלניק פון „שירפּאָטרעב" געטוישט מיין אַרבעט און מיך געשיקט צו באַדינען די „סושילקע" אין די נאַכט־שיכטן. די „סושילקע" איז געווען אַ גרויסער מאַגאַזין, אין וועלכן עס האָבן זיך געטריקנט ברעטער, מיט דער הילף פון ספּעציעלע טעמפּעראַטור־איינריכטונגען. מיין אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין רעגולירן די טעמפּעראַטור און פאַרהיטן דעם מאַגאַזין פון שריפות. איך האָב געהאַט גענוג צייט צו דאַוונען און עסן.

איינער פון די שומרים אין „שירפּאָטרעב" איז געווען מיינער אַ באַקאַנטער, מיט וועלכן איך בין געקומען אין איין עטאַפּ. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל פאַר מיר אויסשאַלטן די אַפּאַראַטן פרייטיק־צו־נאַכט, כדי איך זאָל נישט מחלל שבת זיין, און דערפאַר האָב איך אים געגעבן אַ פּעקל מאַכאָרקע. די אַרבעט איז געווען אַ לייכטע, איך האָב נישט געהאַט קיין צרות מיט דער אַרבעט אום שבת, און איך בין געווען צופרידן.

וועגן דעם האָט זיך אָבער דערוואוסט דער נאַטשאַלניק פון לאַגער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער רשע און שונא ישראל. ער האָט מיך גלייך גערופן צו זיך און דערקלערט, אַז אַזאַ פאַרברעכער ווי איך דאַרף אויספירן אַ שווערע אַרבעט, און נישט זיין אויף אַ פונקציע וואָס קען אויסגעפירט ווערן דורך אַ אינגל.

מיין באַלעבאָס פון „שירפּאָטרעב", וואָס איז צופעליק אָנוועזנד געווען ביי דעם געשפּרעך, האָט מיך פאַרטיידיקט, דערקלערנדיק דערביי, אַז דאָס איז אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, ווייל מען מוז היטן אַז דער אַפּאַראַט זאָל נישט קאַליע ווערן און עס זאָלן נישט אויסברעכן קיין שריפות. „פאַרוואָס פאַרפאָלגט איר אַ מענטש וואָס פירט אויס פּינקטלעך זיינע פליכטן"? — האָט ער געפרעגט.

דער נאַטשאַלניק פון לאַגער האָט אים געענטפערט מיט כעס, אַז ער שטעלט זיך צופיל איין פאַר אַ איד וואָס וויל נישט אַרבעטן שבת.

אויפֿן באַפֿעל פֿון נאַטשאַלניק האָט מען מיך געשטעלט צו דער געפֿער־לעכסטער אַרבעט וואָס איז געווען אין דער מעבל־פֿאַבריק — ביי אַן עלעקטרישער קרייץ־זעג. איך האָב געמוזט שלעפּן שווערע קלעצער, אַרונטעררוקן אונטער דער זעג און צעשניידן אויף ברעטער. אַחוץ דעם וואָס די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, איז מען יעדע מינוט געווען איינגעשטעלט מיטן לעבן. צוליב אַ קליינער נישט אויפֿמערקזאַמקייט אָדער נישט פֿאָראויסגעזעענער סיבה איז דער קלאָץ צוריקגעשפּרונגען מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז זייער אָפֿט זיינען געווען פֿאַלן ווען מענטשן זיינען געוואָרן אינוואַלידן אָדער גאָר גע׳הרג׳עט געוואָרן. דערפֿאַר איז געווען שווער צו געפֿינען אַ מענטש וואָס זאָל קענען באַדינען די דאָזיקע מאַשין.

כדי נישט צו אַרבעטן שבת, האָב איך אַ גאַנצע וואָך געמוזט אָניאָגן, און אָפֿט מאָל אַרבעטן לענגער, כדי צוצוגרייטן אַ זאַפּאַס ברעטער פֿאַר די סטאָליערס אויף דעם טאָג. דער נאַטשאַלניק האָט זיך דערוואוסט, אַז איך אַרבעט נישט שבת, אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, ווייל ער איז געווען צופֿרידן אַז ער האָט אַ מענטש וואָס אַרבעט אויף דער עלעקטרישער זעג.

עס האָט זיך דערנענטערט נאָך אַ פּסח און קיין מצה האָב איך נישט באַקומען. איך בין געווען זייער אומרואיק. איך האָב זיך דערמאָנט ווי איך האָב געהונגערט אין פֿאַרגאַנגענעם יאָר און פֿאַרשטאַנען, אַז דעם יאָר וועט מיר זיין פֿיל שווערער. חול־המועד וועל איך מוזן אַרבעטן ביי דער עלעקטרישער זעג, און אָן עסן וועל איך נישט אויסהאַלטן.

אַ טאָג פֿאַר ערב יום טוב איז מיך געקומען באַזוכן אַ מענטש, וואָס איז ווי אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל. דאָס איז געווען דער פֿאָטאָגראַפֿיסט, מיט וועלכן איך בין געווען אין איין לאַגער מיט דריי יאָר צוריק. ער האָט מיר דער־ציילט, אַז נאָך זיין באַפֿרייאונג איז ער געבליבן אין דער שטאָט וואו עס געפֿינט זיך אונזער לאַגער. ערשט די טעג האָט ער זיך דערוואוסט אַז איך געפֿין זיך דאָ, איז ער געקומען מיך באַזוכן. „איך וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן, אַז איר האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן, ווייל איך אייך העלפֿן מיט וואָס איך וועל נאָר קענען״ — האָט ער געזאָגט.

איך האָב אים דערציילט וועגן מיינע דאגות און צוגעגעבן, אַז פֿון מיין דערפֿאַרונג ווייס איך אַז מיינע מצות זיינען מעגלעך אָנגעקומען און ליגן אויף דער פּאָסט, ווייל די אַדמיניסטראַציע פֿון לאַגער איילט זיך נישט זיי אָפּצו־נעמען. איך האָב אים געבעטן ער זאָל אַריינגיין אין דער הויפּט־פּאָסט פֿון שטאָט, דאָס אויסגעפֿינען און עווענטועל אַרויסבאַקומען די מצות פֿאַר מיר.

צומאָרגנס, ערב פּסח, איז געווען פֿרייטיק. איך האָב אַ גאַנצן טאָג שווער געאַרבעט, כדי צוצוגרייטן וואָס מער ברעטער אויף צוויי טעג פּסח. פֿאַרנאַכט האָב איך זיך אַרומגעוואַשן לכבוד יום טוב און זיך געגרייט צו פּראַוון דעם סדר אָן מצות. איך בין פֿאַרבליבן אין דעם הייזל וואו עס האָט זיך געפֿונען

די זעג, כדי קיינער זאָל מיר נישט שטערן. איך האָב זיך איינגעשאַפּט אַ ביי־טעפּל, כדי אויפצוקאָכן דערין אַ ביסעלע כשר׳ע טיי, וואָס זאָל מיר פאַרטרעטן די ארבע כוסות. פלוצים האָט זיך געעפנט די טיר. עס איז אַריין דער פּאָטאָ־גראַפיסט מיט אַ פּעקל מצות אין דער האַנט.

מיין פרייד איז געווען אין לשער. ער האָט מיר דערציילט, אַז גלייך אינדערפרי איז ער אַוועק אויף דער פּאָסט און נאָך לאַנגע זוכענישן האָט ער אויסגעפונען אַז עס איז טאַקע אָנגעקומען פאַר מיר אַ פּעקל נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק. ער האָט אונטערגעקויפט דעם באַאַמטן, וועלכער האָט אים אַרויס־געגעבן דאָס פּעקל מיט אַ תנאי, אַז ער וועט אים שפּעטער ברענגען מיין אונטערשריפט אַז איך האָב עס דערהאַלטן. פאַקטיש, לויט די פאַרשריפטן, האָט ער עס באַדאַרפט אָפּגעבן אין פּאָסט פון לאַגער, אָבער ער האָט עס געבראַכט גלייך צו מיר. „וואָס עס וועט שפּעטער זיין זאָלן מיר נישט זאָרגן — האָט ער געזאָגט — דערווייל וועט איר נישט הונגערן".

שבת אינדערפרי בין איך אַריין אינעם צימערל וואו עס איז געשטאַנען די זעג. כ׳האָב פאַרשלאָסן די טיר און שטיל געדאַוונט, געגעסן מיין מצה און זיך אָפּגערוט. דאָ האָב איך אויך געפּראַוועט די צווייטע סדר־נאַכט און פאַר־בראַכט דעם יום־טוב.

מאָנטיק ביינאַכט, דעם ערשטן טאָג חול המועד, האָט מען מיך אַרויס־גערופן אין שטאַב פון לאַגער. ווען איך בין אַריין אין קאַבינעט פון נאַטשאַלניק האָט ער מיך געפרעגט צי איך בין געזונט און ווי איך פיל זיך. מיך האָט שטאַרק געוואונדערט די דאָזיקע פראַגע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזי־קער רשע נעמט זיך נישט איבער מיט מיין געזונט־צושטאַנד, נאָר מסתמא האָט ער שוין צוגעטראַכט עפּעס אַ פּראָוואָקאַציע קעגן מיר. און כך הווה.

— אייער בריגאַדיר האָט מיר איבערגעגעבן, אַז שוין דריי טעג נעמט איר נישט קיין ברויט — האָט ער געזאָגט אין אַ שטרענגן טאָן. — איר טראַכט אַוודאי וועגן אַ הונגער־שטרייק, אָדער סתם זיך הונגערן, כדי מען זאָל אייך נעמען אין שפּיטאָל אַריין; איר ווילט זיך אויף אַזאַ אופן באַפרייען פון אייער איצטיקער אַרבעט. וויל איך אייך וואָרענען, אַז ביי מיר וועט איר מיט די שטיקלעך נישט געווינען.

איך האָב אים באַרואיקט, אַז איך האָב בכלל וועגן דעם נישט געקלערט אַפילו. איך האָב פּשוט אַ געשוויר אויפן מאָגן און דעריבער קען איך נישט עסן דאָס שוואַרצע ברויט. איך דערנער זיך מיט קאַרטאָפל וואָס איך גראָב אויס ביינאַכט אויפן פעלד.

צומאָרגנס איז געקומען צו מיר דער נאַטשאַלניק פון „סעלכאָז" און מיר געראָטן, כלומר׳שט ווי אַ גוטער ברודער, איך זאָל נישט גיין ביינאַכט אויפן פעלד נאָך קאַרטאָפל, ווייל דאָס איז ריזיקאַליש. „קום בעסער אין מאַ־גאַזין — האָט ער געזאָגט — מיין אַרבעטער וועט דיר געבן קאַרטאָפל און גרינס וויפל דיר איז נויטיק".

איך האָב אים געדאַנקט פאַר זיין „גוט האַרץ". און אים געזאָגט: „מיין

נישט, אַז איך בין אַזאַ נאַר. איך ווייס אַז בעסער איז שוין גנבֿ'ענען ביי־נאַכט פון פעלד, איידער אַרויסצוטראָגן פון דיין מאַגאַזין, אַז די סאָלדאַטן זאָלן מיך פאַרהאַלטן״ . . .

ער האָט געזען, אַז איך האָב פאַרשטאַנען וואָס זיי זיינען אויסן געווען און זיך נישט געלאָזט כאַפּן אין זייער פּאַסטקע, און ער איז אַוועק ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

דער נאַכט־שומר, וואָס איז געווען מיין באַקאַנטער, פלעגט ביינאַכט טאָקע גיין אויסקאָפּען זיך קאַרטאָפל. וויסנדיק וואָס דאָ גרייט זיך, האָב איך אים געוואָרנט אַז דער נאַטשאַלניק פון „סעלכאָז״ גרייט צו אויף היינטיקער נאַכט אַ פּאַסטקע און האָט געהייסן אַרויסלאָזן דעם הונט, וואָס קען צערייסן אַ מענטש. איך האָב אים געראָטן, אַז ער זאָל גיין צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע מענטשן און נעמען מיט זיך שטעקנס.

צומאָרגנס, ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט, האָט מיר דער שומר דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט די פאַריקע נאַכט. זיי זיינען אַרויס אויפן פעלד פיר מאַן. איינער האָט געהיט און די איבעריקע האָבן גענומען גראָבן קאַרטאָפל. פּלוצים איז אָנגעקומען דער הונט. דער וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך האָט געגעבן אַ סיגנאַל און די איבעריקע האָבן זיך געוואָרפן אויפן הונט מיט אייזערנע דרענגער. דער הונט איז געפאַלן אַ ראַנירטער און זיך פאַרגאָסן מיט בלוט. באַלד איז אויך אָנגעקומען דער נאַטשאַלניק פון „סעל־כאָז״. זיי האָבן אים אויך דערלאַנגט מיט אַ שטעקן און אים צעבראָכן אַ האַנט און דאַן אַנטלאָפן אין דער פינסטער.

שפּעט אין דער נאַכט זיינען געקומען סאָלדאַטן און זיך געפרעגט אויף מיר. דער שומר האָט זיי געזאָגט אַז איך אַרבעט דאָ נאָר בייטאָג און אַיצט שלאָף איך אינעם באַראַק פון לאַגער. זיי האָבן אים נישט געגלויבט. אָבער ווען זיי האָבן באַלויכטן דאָס צימער פון דער קרייץ־זעג וואו איך האָב געאַרבעט און זיך איבערצייגט, אַז עס איז דאָרט ווירקלעך קיינער נישט פאַראַן, זיינען זיי אַוועק.

דער שומר האָט מיר געדאַנקט דערפאַר וואָס איך האָב אים גע־וואָרנט און געראַטעוועט פון אַ דורכפאַל. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַז ער וועט מיר תמיד העלפן שבת און נישט נעמען דערפאַר פון מיר קיין שום זאַך.

דעם זעלבן טאָג זיינען נאָכאַמאָל געקומען צו מיר סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט, וויפל מאָל איך בין געווען ביינאַכט גראָבן קאַרטאָפל. איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך דאַרף נישט גנבֿ'ענען קאַרטאָפל ביינאַכט פון פעלד, ווייל דער נאַטשאַלניק פון „סעלכאָז״ האָט מיר דערלויבט צו נעמען פון מאַגאַזין גרינס וויפל איך וויל. און אַזוי ווי דער נאַטשאַלניק איז אַנוועזנד געווען בעת דעם געשפּרעך און נישט געקענט דאָס אָפּלייקענען, זיינען זיי ווידער אַוועק מיט גאָרנישט.

ביינאַכט האָט מען מיך אויפגעוועקט פון שלאָף. עס האָט מיך גערופן צו זיך דער נאַטשאַלניק פון לאַגער. ווידער האָט ער מיך גענומען פאָרשן,

פאַרוואָס איך נעם נישט מיין ברויט יעדן טאָג. איך האָב ווייטער אָנגעגעבן די זעלבע אַרגומענטן, אַז איך טאָר נישט עסן דאָס שוואַרצע ברויט, צוליב מיין געשוויר אין מאָגן. איך האָף — האָב איך געזאָגט — אַז נאָך עטלעכע טעג וועלן די וויטיקן פאַרשווינדן און איך וועל קענען דאָס ברויט טריקענען און עסן מיט הייס וואַסער.

ביי דער געלעגנהייט האָט ער מיך געפרעגט, צי איך האָב געהערט וואָס ס'האָט פּאַסירט ביינאַכט, אַז מען האָט דעם נאַטשאַלניק פון „סעלכאָז" צעבראָכן אַ האַנט און פאַרוואונדעט דעם הונט, אַזוי אַז מען האָט אים געמוזט דערשיסן.

איך האָב געענטפערט, אַז מיך וואונדערט, ווי אַזוי דאָס האָט געקענט פּאַסירן, אַז דער נאַטשאַלניק פון „סעלכאָז", באַוואָפנט מיט אַ רעוואָלווער, האָט דערלאָזט דערצו, אַז גנבים זאָלן אים שלאָגן און מען זאָל זיי אַפילו נישט כאַפּן. „אויב איר מיינט — האָב איך צוגעגעבן — אַז כ'האָב אַ שייכות דערמיט, קענט איר זיך אינפאָרמירן ביי די וועכטער. אַלע קענען באַשטעטיקן, אַז ביי־נאַכט בין איך געווען אין מיין באַראַק אין לאַגער, און במילא קען איך נישט וויסן וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען".

מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל אויף די ליפּן האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט: „איך ווייס אַז דו ביזט דאָרט נישט געווען. דאָס איז טאַקע דיין מזל. ווייזט אויס, אַז ס'איז דיר טאַקע אַזוי געווען באַשערט פון הימל. אָבער איך וועל דיך נאָך פאַכן"...

צומאָרגנס, ווען איך האָב געהאַט אַ פרייע מינוט ביי דער אַרבעט, בין איך אַריין צום נאַטשאַלניק פון „סעלכאָז". ער האָט מיך אויפגענומען מיט אַן אָנגעשטעלטער פריינטלעכקייט. די האַנט איז ביי אים געווען אין גיפּס, געהאָנגען אויף אַ באַנדאַזש. איך האָב אים געפרעגט, מיט „מיטלייד", וואָס ס'איז מיט אים געשען. און ער האָט מיר דערציילט וועגן אומגליק וואָס האָט מיט אים געטראָפן אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט. איך האָב אים דערמאָנט, אַז ער האָט מיר אַמאָל צוגעזאָגט צו געבן אַביסל גרינס. אַזוי ווי איך פיל זיך שלעכט און האָב מורא, אַז ס'זאָל זיך ביי מיר נישט אומקערן די צינגאַ־קרענק, בעט איך אַביסל גרינע ציבעלעס. ער האָט מיר געגעבן אַ פּעקל פאַרשידענע גרינסן און אַריינגעבעטן מיך אין דער אַראַנזשעריע, ווייל ער וויל מיט מיר זיך דורכשמועסן.

— ווען ביסטו געווען דאָס לעצטע מאָל אויפן קאַרטאָפל־פעלד? — האָט ער געפרעגט אָן הקדמות.

— איך בין דאָרט קיינמאָל נישט געווען — האָב איך געענטפערט.

ער האָט אויפגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגן פול מיט פאַרוואונדערונג.

— דו האָסט דאָך אַליין דערציילט, אַז דו גייסט דאָרט אָפּט גראָבן קאַר־טאָפל — האָט ער געזאָגט.

— דאָס האָב איך געמאַכט אַזאַ שפּאַס. דו ווייסט אַליין, אַז איך האָב פיינט צו גנב'ענען. דו האָסט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך איבערצוציייגן אין דעם

דאַן ווען דו האָסט געוואָלט מאַכן אויף מיר אַ בילבול. נאָר אַזוי ווי ביז איצט, האָט מיך דער אויבערשטער אויסגעהיטן פאַר אַייך.

פון דאַן האָט ער מיך שוין מער נישט געטשעפּעט. ער האָט שוין מורא געהאַט פאַר מיר.

מיין אַרבעט ביי דער קרייץ־זעג איז געוואָרן פאַר מיר מיט יעדן טאָג אַלץ שווערער. צוויי מאָל אין דער וואָך האָב איך געאַרבעט כמעט אַ גאַנצן מעת־לעת, כדי אַנצוגרייטן ברעטער אויפן שבת׳דיקן טאָג. אין די פריערדיקע יאָרן זיינען מיר די פיס אָפּגעפרוירן געוואָרן אין לאַגער. איצט, נאָך אַ לענגע־רער צייט פון שטייענדיקער אַרבעט, האָט זיך ביי מיר אָפּגערופן אויף די דאָזיקע קרענק. צו דעם אַלעמען האָט דער נאַטשאַלניק נישט אויפגעהערט טשעפּען זיך צו מיר. ער האָט מיך אַרויסגערופן און דערקלערט, אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך אַרבעט ווייטער נישט שבתים.

— איך גיב דיר אַ וואָך צייט צו באַדענקען זיך. אויב דו וועסט נישט אַרבעטן ווי אַלע, וועל איך דיך ברענגען צום משפט פאַר סאַבאָטאַזש.

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב זיך נישט וואָס צו באַדענקען. שבת האָב איך קיינמאָל נישט געאַרבעט און וועל אין דער צוקונפט אויך נישט אַרבעטן.

דער דאָזיקער רשע האָט זיך אויך געטשעפּעט צום פּוילישן אינגל, וועלכן מיר האָבן גערופן „עמד״. ווען דאָס דאָזיקע אומגליקלעך קינד איז אין 1939 געקומען פון פּוילן קיין רוסלאַנד, האָט ער זיך אָנגעגעבן אַלס ענגלישער בירגער, צוליב דעם וואָס זיין משפחה איז געוועזן אין ענגלאַנד. ווען מען האָט די פּוילישע אידן באַפרייט פון לאַגער, האָט מען אים „באַהאַנדלט״ אַלס ענג־לישן בירגער און אים נישט באַפרייט. דאָס אינגל האָט געשריבן צום ענג־לישן קאָנסול און געבעטן אַן אינטערווענץ, ווייל אַלס ענגלישער בירגער האָט ער דאָך בכלל נישט געדאַרפט גענומען ווערן אין לאַגער. דעם בריוו האָט אָבער איבערגענומען די צענזור פון נ.ק.וו.ד., און פאַר שרייבן צו אַ פאָרשטייער פון אַ פרעמדער מלוכה איז ער באַשטראָפט געוואָרן מיט 5 טעג קאַרצער.

ווען איך האָב זיך וועגן דעם דערוואוסט, בין איך אַוועק צום נאַ־טשאַלניק בעטן, ער זאָל אים באַפרייען.

— ערשטנס, איז ער דאָך נאָך אַ קינד — האָב איך גע׳טענה׳ט. — צווייטנס, איז ער דאָך נישט טאַקע קיין סאָוועטישער בירגער און מען האָט אים געדאַרפט באַפרייען צוזאַמען מיט די פּוילישע אידן.

דער נאַטשאַלניק איז אָבער געוואָרן אין כעס, פאַרוואָס איך האָב די העזה זיך צו מישן אין פרעמדע ענינים, און אויך מיך געשיקט אין קאַרצער אויף 5 טעג. דערביי האָט ער מיך געסטראַשעט, אַז ער וועט מיך אַוועקשיקן אויף קאָלימאַ. (דאָס דאָזיקע אָרט געפינט זיך אויפן ווייטן צפון, און איז דער סינאָנים פון די ערגסטע פייניקונגס־לאַגערן. פון דאָרט קומט זעלטן ווער צוריק

אַ לעבעדיקער). ווען איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך אים געענטפערט, אַז היינטיקע צייטן ווייסט קיינער נישט וואו ער וועט זיין מאָרגן, און ווען ער דראָט מיר מיט אַוועקשיקן אין די הרי חושך פון קאַלימאַ, קען ער אַליין נישט וויסן, וואָס מאָרגן קען געשען מיט אים . . .

דאָס האָט אים שוין גאָר אַרויסגעפירט פון די כלים. אויף אַזאַ חוצפה האָט ער זיך נישט געריכט. ער האָט געהייסן מיך גלייך אָפּפירן אין קאַרצער. דאָס איז געווען גראָד פריטיק פאַרנאַכט. אין קאַרצער האָב איך זיך געפונען צוזאַמען מיט „עמך". איך האָב געהאַט מיט זיך אַ פּאַרציע ברויט, האָבן מיר צוזאַמען געפּראַוועט אַ שבת׳דיקע סעודה. אַזוי ווי אין די טעג איז גראָד אויסגעפאַלן שבועות, זיינען מיר געווען צופרידן, וואָס מיר זיינען דאָ און וועלן נישט מוזן זאָרגן ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון דער אַרבעט אום יום־טוב. אַזוי ווי ס׳איז גראָד, אויסער אונז ביידע, קיינער נישט געווען אין קאַרצער, האָב איך געלערנט מיטן אינגל דאַוונען, זאָגן די ברכות און לייענען קריאת־שמע.

ווען מען האָט אונז, נאָך 5 טעג, באַפרייט פון קאַרצער, זיינען מיר געוואָרן זייער אויסגעהונגערט. איך האָב געבאַרגט ביים „דניעוואַלני" פון מיין באַראַק אַ פּאַרציע ברויט פון 800 גראַם און מיר האָבן אָפּגעגעסן.

צומאָרגנס, ווען איך בין אַרויס צו דער אַרבעט, האָב איך ביים וואַך־טויער באַגעגנט אַ נייעם נאַטשאַלניק פון לאַגער. ביי דער אַרבעט אין מעבל־פאַבריק האָט דער נאַטשאַלניק פון „שירפּאַטרעב" מיר דערציילט, אַז מאָנטיק ביינאַכט, ווען איך בין געווען אין קאַרצער, איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז אונזער געוועזענער נאַטשאַלניק זאָל זיך גלייך צושטעלן אין זיין מיליטערישן איינהייט אויפן פראָנט. דער נייער נאַטשאַלניק, וועלכער איז נעכטן געקומען, איז אַן עלטערער מענטש, אויך אַ פּאָלקאָווניק, וועלכער זעט אויס צו זיין נישט קיין שלעכטער מענטש.

ביי דער געלעגנהייט האָב איך דערציילט דעם נאַטשאַלניק פון „שיר־פּאַטרעב" וועגן דעם אינגל „עמך", און געבעטן, ער זאָל אים אַריינגעמען צו דער אַרבעט אין מעבל־פאַבריק. ער האָט מיר נישט אָפּגעזאָגט. איך האָב געגעבן דעם בריגאַדיר פון די פּאַליטורער צוויי פּעקלעך מאַכאָרקע, כדי ער זאָל אויסלערנען דאָס אינגל די דאָזיקע מלאכה. נאָך עטלעכע וואָכן איז „עמך" געווען איינער פון די בעסטע פּאַליטורער אין דער מעבל־פאַבריק און האָט באַקומען 800 גראַם ברויט אַ טאָג.

אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען צו מיר אַ איד מיטן נאָמען מאַשקאָוויטש. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז פון טשערנאָוויץ. אין 1940 האָט מען אים פאַרשיקט אויף 8 יאָר אין לאַגער, ווייל ער איז געווען אַ „בורזשוי". דאָס איז געווען אַן עלטערער מענטש, אָפּגעריסן פון זיין משפּחה, פון וועלכער ער האָט נישט געהאַט קיין שום ידיעה. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך האָב שוין געהאָלפן פיל מענטשן אין לאַגער, איז ער געקומען צו מיר, אפשר וועל איך קענען טאָן עפּעס אויך פאַר אים. ער האָט אַ גאַנצע צייט שווערע אַרבעטן, און דערצו איז ער אויסגעשעפּט פון הונגער. ווידער האָט מיר אַרויסגעהאָלפן

דער נאַטשאַלניק פון „שירפּאַטרעב". אויף מיין בקשה האָט ער באַשטימט מאָשקאָוויטש'ן אַלס „דניעוואַלני" פון אונזער באַראַק. האָבן מיר געהאַט נאָך איין איד אין אונזער קאָמפּאַניע.

אין דער צייט פון דער מלחמה איז אין לאַגער געווען אַ גרויסער הונ־גער. ברויט האָט מען באַקומען ווייניק און די אַרבעט איז געווען אַ שווערע. דאָס האָט גורם געווען, אַז דאָס שפּיטאָל איז שטענדיק געווען איבערפולט, און פיל מענטשן זיינען געלעגן אָפּגעשוואַכטע אין די באַראַקן ביז זיי זיינען געשטאָרבן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מיר דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז אין פערטן באַראַק ליגט אַ איד וועלכער גייט אויס פון הונגער. דער איד האָט זיך דער־וואוסט, אַז אין לאַגער איז פאַראַן אַ מענטש וואָס אַרבעט נישט שבת, האָט ער געבעטן דעם דאָקטאָר ער זאָל מיר רופן צו אים.

ווען איך בין אַריין אין פערטן באַראַק, האָב איך דערזען פאַר זיך לע־בעדיקע מתים. די מענטשן האָבן זיך שוין נישט געקענט רירן פון אָרט פון שוואַכקייט. זיי זיינען פשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער. אַפילו דאָס ביסל עסן וואָס איז געווען פאַר זיי באַשטימט, האָבן די סאַניטאַרן צוגענומען ביי זיי. עס איז נישט געווען פאַר ווער ממען זיך צו באַקלאָגן. אויסער דעם: זיי זיינען שוין געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז זיי זיינען נישט געווען בכוח זיך צו באַקלאָגן.

פון אַ בעטל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, איז דערגאַנגען צו מיר אַ שוואַך קול. עמיצער האָט מיך גערופן. ווען איך בין צוגעקומען נאָענטער, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן. ער איז געווען אויסגעמאַגערט און זייער אָפּגעשוואַכט. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז פאַר'משפט אויף פינף יאָר, פון וועלכע ער איז שוין אָפּגעזעסן אַ העלפט. קיין קאָרעספּאָנדענץ מיט דער משפחה איז אים נישט דערלויבט צו פירן, דעריבער וויסן זיי אַפילו נישט וואו ער געפינט זיך, און ער באַקומט נישט פון קיינעם קיין שום הילף.

זיין אויספאָרשונג האָט געדויערט ניין חדשים, בעת וועלכער מען האָט אים געהאַלטן אין תפיסה, וואו ער האָט באַקומען נאָר 300 גראַם ברויט אַ טאָג. פון הונגער און לאַנגע חקירות במשך פון גאַנצע נעכט איז ער דער־פירט געוואָרן צו אַזאַ מצב, אַז ווען ער איז געקומען אין לאַגער, האָט ער נישט געקענט אויספירן אַפילו אַ העלפט פון דער נאָרמע. דערפאַר האָט ער באַקומען נאָר 300 גראַם ברויט. מיט יעדן טאָג האָבן אים די כוחות אַלץ מער פאַרלאָזט, ביז ער איז אין אַ געוויסן טאָג געפאַלן אין חלשות בעת דער אַרבעט. מען האָט אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. ער איז דאָרט געווען כמעט אַ יאָר צייט. מען האָט אים אָבער נישט אויסגעהיילט, ווייל זיין היילונג איז — עסן, און דאָס האָט ער נישט באַקומען. איצט האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין דעם

באַראַק, וואו יעדן טאָג שטאַרבן אַלץ מער מענטשן פון הונגער. ער האָט מיך געבעטן רחמים: „נעמט מיך אַרויס פון דאַנען אַ לעבעדיקער" . . .

צוזאַמען מיט מאַשקאָוויטשן האָבן מיר באַשלאָסן צו נעמען דעם אידן, וועלכן מען האָט גערופן יאַנקל, צו אונז אין באַראַק. אויף מיין בקשה האָט דער נאַטשאַלניק פון „שירפּאַטרעב" אים באַשטימט אַלס שומר פון די גרינסן, וועלכע די אַרבעטער פון די פאַבריקן האָבן פאַרזייט אַרום דעם לאַגער. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר לעגאַליזירט זיין אָנוועזנהייט אין אונזער באַראַק. און דאָס וויכטיקסטע — ער האָט באַקומען 500 גראַם ברויט אַ טאָג. די אַרבעט אַלס שומר האָבן מיר אויסגעפּירט פאַר אים אין דער ערשטער צייט.

„עמך" איז געווען זייער באַליבט ביי אַלע אין לאַגער. אַפילו די וואַך האָט אים קיינמאָל נישט רעווידירט. ער האָט געוועקט סימפּאַטיע קודם־כל דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ פּעאיקער און שטענדיק געווען גרייט צו העלפן אַ צווייטן. אויסער דעם האָט יעדער געהאַט מיטלייד מיט אים. ער איז געווען אַ קינד, אָן עלטערן, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון די היטלעריסטישע מערדער און דאָ האָט מען אים, אָן אומשולדיקן, געהאַלטן אין אַ לאַגער.

אויסנוצנדיק די דאָזיקע געלעגנהייט האָב איך יעדן טאָג אים געגעבן אַביסל גרינס, וואָס איך האָב באַקומען אין מאַגאַזין פון סעלכאָז. ער האָט דאָס אַריבערגעטראָגן דורך דער וואַך און אָפּגעגעבן יאַנקלען. מיר האָבן אים אויך געשאַפן אַביסל האָבער אויף קאָכן קאַשע. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַלץ מער קרעפּטיקער, ער האָט שוין געקענט אַליין אויספירן זיינע פליכטן אַלס שומר און אַפילו העלפן מאַשקאָוויטש'ן אין זיין אַרבעט ביים רוימען דעם באַראַק.

אין חודש אלול האָט מיך אַרויסגערופן די צענזאָרין, וועלכע האָט מיר געוויזן אַ שריפטלעכע מעלדונג, אַז מען האָט מיר אַרויסגעשיקט מיט דער באַן אַ פּעקל פּראָדוקטן. ווען איך האָב איר געבעטן מיר געבן אַ קאָפּיע פון דער מעלדונג, האָט זי זיך שטאַרק באַליידיקט. „איך וועל אייך גאָרנישט באַ־גנב'ענען פון אייער פּעקל", האָט זי געזאָגט.

איך האָב איר אויפגעקלערט, אַז איך האָב צו איר דעם פולן צוטרוי. נאָר ס'קען געשען פאַרשידן. פון מיין דערפאַרונג ווייס איך, אַז ס'זיינען געווען פאַלן ווען פּעקלעך זיינען פאַרלוירן געגאַנגען. בפרט איצט, ווען פיל מענטשן הונגערן, נישט נאָר אין לאַגער נאָר אויך אויף דער פריי, קען מען דאָס גנב'ענען.

זי האָט מסכים געווען און געגעבן מיר אַ קאָפּיע. דערביי האָט זי מיר צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר דאָס וועט אָנקומען, וועט זי דאָס מיר גלייך ברענגען.

עס זיינען אַוועק וואָכן און איך האָב נישט געזען מיין פּעקל. איך בין ווידער אַוועק צו דער צענזאָרין, וועלכע האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס פּעקל איז נאָך נישט געקומען. איך האָב שוין מורא געהאַט, אַז ס'זאָל זיך נישט

איבער׳חזר׳ן די געשיכטע פון פריער׳דיקן לאַגער, ווען מען האָט מיר נישט אָפּגעגעבן מיין פּעקל. אויסער דעם האָט די מעלדונג געקענט פאַרלוירן ווערן. אין אַזאַ פאַל האָבן זיי אָפּגעשאַצט די זאַכן און פאַרקויפט אויפן מלוכה׳שן פּרייז. צום ביישפּיל: אַ קילאָ צוקער, וועלכער האָט געקאָסט אויפן שוואַרצן מאַרק טויזנט רובל, און איז בכלל שווער געווען צו באַקומען, האָבן זיי באַצאָלט פיר רובל. איך האָב דאָס געזאָגט די צענזאָרין און געבעטן נאָכאַמאָל, זי זאָל זיך ספּעציעל פאַראינטערעסירן מיט דעם ענין. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי איז געווען אויף דער פּאָסט און עס איז פאַר מיר גאָרנישט געקומען.

איך האָב דאַן געשריבן צום פּאָטאָגראַפער, וועלכער האָט מיר געבראַכט די מצות און געבעטן אים אַז ער זאָל מיר באַזוכן. ער איז גלייך געקומען און איך האָב אים געגעבן די קאָפּיע פון דער באַשטעטיקונג, אַז מען האָט מיר אַרויסגעשיקט אַ פּעקל מיט פיר חדשים צוריק, און געבעטן אים ער זאָל אַליין זוכן אויף דער פּאָסט.

צומאָרגנס אין אָוונט איז ער געקומען און דערציילט, אַז דאָס פּעקל ליגט שוין אַנדערהאַלבן חדשים אין מאַגאַזין פון דער פּאָסט, און ס׳קען זיין אַז די פּראָדוקטן זיינען שוין קאַליע געוואָרן. אויב מען וועט עס נישט אַרויסנעמען במשך פון צען טעג, וועט מען דאָס פאַרקויפן.

ווען איך האָב דערציילט וועגן דעם דער צענזאָרין, איז זי געוואָרן אַביסל צעטומלט. עס האָט זי פאַרדראָסן וואָס איך האָב זי געכאַפּט ביי אַ ליגן. אָבער זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז דאָס איז די שולד פון דער פּאָסט. „און אפשר האָט דער מענטש געהאַט אַ טעות״ ? — האָט זי געפרעגט.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט זי מיך גערופן צו זיך. איך האָב מיטגענומען מיט זיך מאַשקאָוויטש׳ן און „עמך״. מיר זיינען אַוועק מיט צוויי זעק, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז אין פּעקל איז פאַראַן אַ שפּאָר ביסל פּראָדוקטן. לויט די אָנגענומענע פאַרשריפטן האָט די צענזאָרין געעפנט דעם קאַסטן אין מיין אָנוועזנהייט. איך האָב באַקומען בערך 10 קילאָ גרויפּן, 4 קילאָ צוקער, 3 קילאָ איבערגעקאָכטע צוקער, אַ זעקל ווייסע סוכאַרעס און עטלעכע פּעקלעך מאַכאָרקע.

ווען איך האָב איבערגענומען די פּראָדוקטן האָב איך געזען דורכן פענסטער, אַז דאָרט דרייען זיך שוין די גנבים, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אונז כדי נעמען „זייער חלק״.

איך האָב דעריבער געזוכט אַן אויסוועג ווי אַזוי זיך ראַטעווען פון זיי, אַז זיי זאָלן מיר נישט צורויבן אַלץ. איך האָב דעריבער געלאָזט פון אויבן 5 פּעקלעך טאַבאַק און ווי נאָר איך בין אַרויס פון דער טיר, האָב איך געמאַכט דעם אָנשטעל אַז דער טאַבאַק איז ביי מיר אַראָפּגעפאַלן. דערביי האָב איך זיך באַמיט, אַז זיי זאָלן פאַלן וואָס ווייטער פון אונז. עס איז מיר געלונגען. ווי נאָר די גנבים האָבן דערזען דעם טאַבאַק, האָבן זיי זיך געוואָרפן אים כאַפּן.

אין דער צייט האָבן מיר דערווייל באַוויזן נעלם צו ווערן. אין באַראַק האָב איך גענומען מיט זיך נאָר אַ קליינעם טייל פון די פּראָדוקטן, דאָס איבעריקע האָב איך באַהאַלטן אויף אַ זיכערן פּלאַץ. די גנבים זיינען טאַקע באַלד גע־קומען. איך האָב זיי געוויזן, אַז איך האָב זייער ווייניק באַקומען און דערצו נאָך האָבן זיי שוין גענומען פאַר זיך דעם טאַבאַק. נישט געקוקט דערויף האָב איך זיך געמוזט ביי זיי אויסקויפן מיט אַ האַלבן קילאָ צוקער און אַ קילאָ גרויפּן.

צומאַרגנס האָב איך מיטגענומען צו דער אַרבעט צוויי פּעקלעך טאַבאַק, וועלכע איך האָב געגעבן אַ מתנה דעם נאַטשאַלניק פון „שירפּאַטרעב". ער האָט מיר געדאַנקט און נישט געוואָלט נעמען, דערקלערנדיק, אַז דאָס האָט אַ ווערט פון טויזנט רובל. איך האָב אים באַרואיקט און געענטפערט, אַז דאָס וואָס ער טוט פאַר מיר און מיינע חברים האָט בכלל נישט קיין פּרייז, און איך בין גליקלעך וואָס איך קען אים אויך מיט עפּעס מהנה זיין. ער איז געווען זייער צופרידן פון דער מתנה און פונעם קאָמפּלימענט.

ווען איך בין אין אָוונט געקומען פון דער אַרבעט איז יאַנקל געלעגן אַ קראַנקער. ער האָט געהאַט שטאַרקע בויך־שמערצן. ווען איך האָב גענומען דערגיין וואָס מיט אים איז געשען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווי נאָר איך בין אַוועק צו דער אַרבעט, האָט ער אָנגעקאָכט אַ גאַנץ טעפּל גרויפּן מיט דריי לעפל פּוטער און אויפגעגעסן מיטאַמאָל. „איך האָב זיך געפילט אַ גליקלעכער — האָט ער געזאָגט — איך בין שוין לאַנג נישט געווען אַזוי אָנגעזעטיקט...

זיין אויסגעהונגערטער מאָגן האָט דאָס אָבער נישט געקענט פאַרדייען. צום גליק איז עס אַריבער בשלום, אָן קאָמפּליקאַציעס. נאָך עטלעכע טעג האָט ער זיך צוגעוואוינט נאָרמאַל צום עסן און ער האָט קאָנסומירט כמעט דאָס גאַנצע פּעקל במשך פון עטלעכע וואָכן. דאָס האָט אים טאַקע געשטעלט אויף די פיס. עס איז אים נישט געווען צו דערקענען.

דאָס פּעקל האָט מיר אויך פאַרשאַפט שונאים. איינער פון זיי איז גע־ווען דער נאַטשאַלניק קאָלאָני, אַליין אויך אַן אַרעסטאַנט. ער איז געווען ברוגז הלמאי איך האָב אים געגעבן נאָר טאַבאַק, בעת די גנבים האָבן באַקומען אויך פּראָדוקטן. צוליב דעם האָט ער מיך פאַר׳מסר׳ט ביים נאַטשאַלניק פון לאַגער, אַז איך אַרבעט נישט שבת.

דער נייער נאַטשאַלניק פון לאַגער האָט מיך אַרויסגערופן צו זיך.

— איך האָב געהערט — האָט ער אָנגעהויבן — אַז איר זייט אַן ער־לעכער מענטש, און איך וואָלט נישט געוואָלט אָננעמען קעגן אייך שטרענגע מיטלען. איך בין אָבער אַ מיליטער־מאַן, דערצויגן אין גייסט פון דיסציפּלין. בפרט אין לאַגער מוז די דיסציפּלין זיין שטאַרק ביז גאָר. עס קען נישט זיין אַז איר זאָלט זיין אַן אויסנאַם פון אַלע איבעריקע און נישט אַרבעטן שבת. איר פאַרשטייט געוויס גוט, אַז איר איינער קענט נישט געווינען אַ מלחמה מיט אַ מדינה פון 180 מיליאָן מענטשן. איך גיב אייך דעריבער אַ חודש צייט צום פאַרטראַכטן — האָט ער געזאָגט צום סוף.

איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט. עס האָבן זיך דערנענטערט די ימים נוראים. אין אַזאַ צייט, ווען איך וועל דאַרפן פיל טעג נישט אַרויסגיין אויף דער אַרבעט, איז בעסער דערווייל נישט קריגן זיך מיט אים.

זונטיק, ערב ראש השנה, איז „עמך" קראַנק געוואָרן. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ לונגען־אַנטצינדונג. די טעמפּעראַטור איז ביי אים דערגאַנגען ביז העכער 40 גראַד. אין שפּיטאָל אַריין האָב איך מורא געהאַט אים צו געבן, ווייל דאָרט האָט מען נישט געהיילט, נאָר פאַרקערט. איך האָב געגעבן דעם דאָקטאָר אַ פּעקל טאַבאַק, כדי ער זאָל אים קומען באַזוכן און מאַכן איינשפּריצונגען. פאַר יום־כיפור איז ביי אים די טעמפּעראַטור געפאַלן, ער האָט זיך שוין געפילט בעסער.

ערב ראש השנה איז געווען פאַר מיר אַ ביז גאָר שווערער טאָג. צו דער אַרבעט בין איך אַרויס שוין שבת־צו־נאַכט און געאַרבעט אַן איבעררייס העכער 20 שעה, כדי צוגרייטן גענוג ברעטער אויף די צווי טעג יום־טוב, וועלכע זיינען יענעם יאָר אויסגעפאַלן מאָנטיק און דינסטיק. נאָך דער אַרבעט האָב איך זיך פאַרשלאָסן אין דעם צימער פון מיין וואַרשטאַט, און בין דאָרט פאַרבליבן אויף ביידע טעג יום־טוב. איך האָב געדאַוונט און גערוט. אויך יום כיפור בין איך דאָרט פאַרבליבן דאַוונען און פאַסטן. מוצאי יום־כיפור בין איך אַוועק אין דער קאַבינקע פונעם סעקרעטאַר פון לאַגער־נאַטשאַלניק. דאָרט זיינען געווען עטלעכע אידן. מען האָט געמאַכט הבדלה און זיך געוואונטשן „לשנה הבאה בירושלים".

סוכות איז אויסגעפאַלן מאָנטיק און דינסטיק. איך בין שוין געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט און געפילט, אַז איך וועל נישט באַוויזן אָנצוגרייטן אין איין טאָג אַזוי פיל ברעטער אַז ס'זאָל סטייען אויף יום טוב. איך בין אַוועק צו דער פאַרוואַלטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג און אויף מיין בקשה האָט זי מיך באַפרייט אויף עטלעכע טעג פון דער אַרבעט. דעם יום־טוב האָב איך געקענט פראַווען אָפיציעל, אומגעשטערט. חול־המועד האָב איך געאַרבעט טאָג און נאַכט, כדי אָנצוגרייטן ברעטער אויף די צווייטע טעג יום־טוב. נישט געקוקט דערויף האָב איך געבעטן דעם נאַטשאַלניק ער זאָל מיר געבן אַ טאָג אָפּרו, אַז איך זאָל בלייבן אין לאַגער. שמחת תורה ביינאַכט האָבן מיר, אַלע אידן, ווידער זיך צונויפגעקליבן אין דער קאַבינקע פונעם סעקרעטאַר, וואו מיר האָבן פאַרברענגט ביז פאַרטאָג.

אין לאַגער איז געווען אַ סיסטעם, אַז איין מאָל אין דריי חדשים זיינען די אַרעסטאַנטן געשטעלט געוואָרן פאַר אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, וועלכע האָט באַשטימט די קאַטעגאָריע פון זייער אַרבעט. איך האָב געבעטן די פאַרוואַל־טערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג אַז זי זאָל זיך באַמיען צו באַשטימען יאַנקלען אין דער קאַטעגאָריע פון אינוואַלידן. דאָס האָט אים געגעבן אַ מעג־לעכקייט צו באַקומען אַ לייכטע אַרבעט. דערביי האָט ער אויך געהאָלפן מאַש־

קאָוויטש׳ן רוימען דעם באַראַק, און באַקומען דערפאַר 400 גראַם ברויט אַ טאָג צוגאָבלעך, אַזוי, אַז ער איז שוין נישט געווען הונגעריק.

עס זיינען אַריבער צוויי חדשים ביז דער נאַטשאַלניק פון לאַגער האָט מיך גערופן צום צווייטן מאָל צו זיך. דאָס איז געווען אין אַ זונטיק, דעם 17־טן נאָוועמבער 1944, ראש חודש כסלו.

— עס איז שוין אַוועק אַ לענגערע צייט און איך וואַרט נאָך אַלץ אויף אייער ענטפער — האָט ער געזאָגט.

אַנשטאָט אַן ענטפער, האָב איך אים דערציילט מיין ביאָגראַפיע:

— איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ שטרענג פרומער משפחה. 6 יאָר האָב איך געלערנט אין אַ רעליגיעזע שול און שפּעטער אין אַ ישיבה. נאָך דעם האָב איך געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען. נאָך דער רעוואָלוציע האָב איך געאַרבעט במשך פון 18 יאָר אין פאַרשידענע סאָוויעטישע אונטערנעמונגען, ביז צום טאָג פון מיין אַרעסט. קיינמאָל האָב איך נישט געאַרבעט שבת. מען האָט קעגן מיר אָנגעווענדעט פאַרשידענע מיטלען. קיינעם איז אָבער ביז איצט נישט געלונגען אַרויסצורייסן פון מיין האַרץ מיין אמונה. ווי אַ קאָמוניסט און אינטעלעגענטער מענטש ווייסט איר מן הסתם, אַז לויט דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע האָט יעדער בירגער אַ רעכט צו גלויבן אין זיין רעליגיע. נישט געקוקט דערויף וואָר איך שוין במשך פון יאָרן באַשטראָפט נאָר דערפאַר, ווייל איך היט די געבאָטן פון דער תורה. איר מוזט דעריבער מודה זיין, אַז דאָס פאַרשפּאַרן מיך אין לאַגער, איז פאַקטיש קעגן די געזעצן. איך האָב אין מיין לעבן קיינעם נישט אָפּגענאַרט, נישט גע׳גנב׳עט, און אַפילו אין לאַגער האָב איך נישט געטאָן קיין שום שלעכטס. איך היט בלויז מיין אמונה. איך אַרבעט נישט שבת, אָבער איך באַמי זיך, אַז דאָס זאָל נישט האָבן קיין איינפלוס אויף דער אַרבעט אין דער פאַבריק. יעדע וואָך אַרבעט איך דערפאַר צוויי טעג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דער נאַטשאַלניק האָט מיך אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט און געזאָגט:

— איך פאַרשטיי אייך זייער גוט און דערפאַר האָב איך אייך גערופן אויף דעם שמועס. איך וויל נאָר אייער טובה. עס קען זיין, אַז אין דער נאָענטער צייט וועט מען מיך רופן אויפן פראָנט, און איך ווייס נישט ווער ס׳וועט קומען אויף מיין אָרט. איך וויל אייך דעריבער געבן אַן עצה: איר מוזט נישט אַרבעטן אַ גאַנצן שבת. איר דאַרפט נאָר אינדערפרי לאָזן אין באַוועגונג די זעג, כדי מען זאָל מיינען, אַז איר אַרבעט. איר דאַרפט נאָר זיין אויפן אָרט, כדי דאָס זאָל נישט מאַכן קיין איינדרוק פון אַ דעמאָנסטראַציע.

איך האָב אים געדאַנקט פאַר זיין גוטן ווילן און באַציאונג צו מיר, און איך האָב אים דערקלערט, אַז איך בין נישט אויסן צו מאַכן וועלכע עס איז דעמאָנסטראַציע. איך וויל קיינעם נישט אָפּנאַרן, ווייל מיין גאַנץ לעבן

בין איך געגאַנגען מיטן וועג פון אמת. קיינער וועט מיך נישט צווינגען מיט קיין שום מיטלען צו אַרבעטן שבת און עובר צו זיין אויף די דינים פון דער תורה.

מער האָט ער מיט מיר נישט גערעדט אויף דער טעמע.

דערווייל האָבן מיר איבערגעלעבט נאָך איין ווינטער און עס איז אָנגעקומען דער חודש ניסן. ווידער איז געווען די זאָרג וועגן באַקומען מצה אויף פסח. איך האָב ווידער אָנגעשריבן צו מיין פריינט דעם פאָטאָגראַפער, און גראָד ערב פסח האָט ער מיר געבראַכט אַ פּעקל מצות. אָבער דאָס מאָל האָב איך געמוזט זאָרגן נישט נאָר פאַר מיר, נאָר פאַר נאָך דריי מענטשן, יאַנקל, מאָשקאָוויטש און „עמך". דער זעלבער פאָטאָגראַפער האָט אונז געקויפט 15 קילאָ קאַרטאָפל. אָבער דאָס אַלץ איז געווען ווייניק פאַר פיר מענטשן. האָבן מיר אַביסל אונטערגעהונגערט לכבוד יום־טוב...

אין סדר־נאַכט האָבן מיר געפּראַוועט צוזאַמען אין אונזער באַראַק שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן. די צווייטע סדר־נאַכט האָב איך געפּראַוועט צוזאַמען מיט „עמך" אין צימער פון מיין אַרבעט.

חול המועד איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט, כדי צוצוגרייטן ברעטער אויף די אַנדערע טעג פסח. עסן צו דער זעט האָב איך נישט געהאַט, בין איך געווען זייער אָפּגעשוואַכט. איך האָב געבעטן די פאַרוואַלטערין פון דער סאַניטאַר־אָפּטיילונג זי זאָל מיך באַפרייען אויף די אַנדערע טעג פסח. זי האָט מיר אָבער אָפּגעזאָגט, מיטן מאָטיוו, אַז דאָס קען גורם זיין גרויסע צרות פאַר מיר און פאַר איר, ווייל מען קען זי באַשולדיקן, אַז זי האָט מיך באַפרייט ספּעציעל צוליב דעם יום־טוב.

עטלעכע טעג נאָך יום־טוב איז געקומען אין מעבל־פאַבריק אַ קאָמיסיע אויף אַ קאָנטראָל. זיי זיינען אויך געווען ביי מיר. זיי האָבן מודה געווען, אַז מיין אַרבעט איז זייער אַ שווערע און איך דאַרף דערפאַר באַקומען לכל הפחות אַ קילאָ ברויט אַ טאָג. איך האָב זיי געדאַנקט און דערקלערט, אַז איך וואָלט זיך שוין באַגנוגנט מיט די 800 גראַם וואָס איך באַקום, נאָר מען זאָל מיר געבן כאָטש אַ העלפט דערפון ווייס ברויט, ווייל איך בין קראַנק אויפן מאָגן. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט צו אינטערווענירן אין דער פראַגע און אויסגעדריקט דעם גלויבן, אַז מיין בקשה וועט באַפרידיקט ווערן.

מיט אַ וואָך שפּעטער האָט די פאַרוואַלטערין פון דער סאַניטאַר־אָפּטיילונג מיר געזאָגט, אַז עס איז דאָ אַ באַפעל צו געבן מיר יעדן טאָג 400 גראַם ווייסע ברויט. די אָנפירונג פון דער דריטער אָפּטיילונג פון נ. ק. וו. ד. האָט אָ[illegible] נישט דערלויבט אויספירן דעם באַפעל, דערקלערנדיק, אַז איך בין [illegible] שווערער פּאָליטישער פאַרברעכער, וואָס האָט שוין געמאַכט אַפילו אַ [illegible]אוו צו אַנטלויפן פון לאַגער. דעריבער דאַרף מען מיך באַהאַנדלען אָן רח[illegible]. זי האָט מיך שטאַרק באַדויערט, אָבער דער דריטער אָפּטיילונג טאָר מען זיך נישט אַנטקעגנשטעלן...

דעם 10־טן מאַי, 1945, איז אין לאַגער געווען אַ גרויסע שמחה. אין דעם טאָג איז אָנגעקומען צו אונז די ידיעה, אַז די מלחמה האָט זיך פאַר־ ענדיקט און באַנאַנד דערמיט איז דערקלערט געוואָרן אַן אַמנעסטיע. פון דער דאָזיקער אַמנעסטיע האָבן געניאָסן נאָר קרימינעלע פאַרברעכער. מיר פּאָלי־ טישע, וועלכע זיינען געמשפט געוואָרן לויטן טרויעריק באַרימטן אַרטיקל 58 זיינען אַפילו ביי דער גרויסער געלעגנהייט אויסגעשלאָסן געוואָרן פונעם חסד פון דער ראַטנמאַכט.

צווישן די וועלכע האָבן גענאָסן פון דער אַמנעסטיע, איז געווען אויך יאַנקל. ער איז געווען גליקלעך און צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט אַהיימ־ קומען בשלום, וועט ער מיר אַרויסשיקן אַ פּעקל. איך האָב אים געדאַנקט און דערמאָנט דעם פּסוק „אל תבטחו בנדיבים וגו׳״, וואָס באַדייט, אַז אַ מענטש דאַרף זיך נישט פאַרלאָזן אויפן חסד פון אַ צווייטן, אַפילו ווען יענער איז אַ נדיב.

יאַנקל איז געווען זייער איבערראַשט פון מיין ענטפער. „ווי קענט איר גאָר טראַכטן, אַז איך וועל אייך פאַרגעסן״ — האָט ער געפרעגט אַ באַליי־ דיקטער. „איר האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן און איך בין פּשוט אַ בעל־ חוב לגבי אייך״ — האָט ער געזאָגט.

מיט פרייד האָבן מיר, איך, „עמך״ און מאַשקאָוויטש באַגלייט יאַנקלען פון לאַגער. איך האָב אים נאָר געבעטן, ער זאָל מיר שרייבן פון צייט צו צייט אַ קאַרטל. ער האָט אָבער באַלד דערקלערט, אַז שרייבן וועט ער נישט, ווייל ער וויל נישט נאָכאַמאָל אַריינפאַלן אין לאַגער. אַזוי איז טאַקע געווען. נאָך זיין באַפרייאונג האָב איך מער נישט געהאַט פון אים קיין שום ידיעה. (מיט 5 יאָר שפּעטער האָט ער זיך דערמאָנט אין מיר און דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ פריינט צוגעשיקט מיר אַ געוויסע סומע געלט).

עס האָט זיך דערנענטערט דער יום־טוב שבועות, וועלכער איז אויס־ געפאַלן אויף פרייטיק און שבת, דער 18־טן און 19־טן מאַי, 1945. ווידער איז אויפגעקומען די אייביקע פראַגע: ווי אַזוי באַפרייט מען זיך פון דער אַרבעט? גראָד האָט באַדאַרפט קומען אַ קאָמיסיע פון מאָסקווע. האָב איך פאַרגעלייגט דעם נאַטשאַלניק פון „שירפּאָטרעב״, ער זאָל מיך איבערפירן אויף דער נאַכט־שיכטע. דאַן וועל איך נישט דאַרפן אַרבעטן בייטאָג, און ביינאַכט איז סיי־ווי קיינער נישטאָ אין מיין אַרבעטס־צימער, וועל איך קענען שלאָפן.

דעם ערשטן טאָג שבועות בין איך פאַרבליבן אין באַראַק. פרייטיק־ צו־נאַכט בין איך אַוועק צו מיין אַרבעט. צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג האָט אויף מיר געוואַרט דער נאַטשאַלניק פון „שירפּאָטרעב״. ער האָט מיר געבראַכט אַ מתנה צום יום־טוב, אַ גוטן הערינג און אַ ווייס ברויט. איך האָב געהאַט אַ גוטע יום־טוב׳דיקע און שבת׳דיקע סעודה. דער נאַטשאַלניק איז אָבער

— איך שטעלט זיך אַוודאי נישט פאָר, אַז איך בין אַ איד — האָט ער נישט געקומען סתם אַזוי. ער האָט געוואָלט זיך אַראָפּריידן פון האַרצן, פאַר־טרויען מיר זיין לעבנס־סוד. די נאַכט זיינען מיר ביידע נישט געשלאָפן. אָנגעהויבן.

איך בין באמת געווען איבערראַשט פון דער אַנטפּלעקונג.

— אָבער כמעט פונעם ערשטן טאָג פון מיין געבורט, איז מיין לעבן איין גרויסער קניפּ פון קאָמפּליקאַציעס — האָט ער פאָרגעזעצט. — אדרבא, הערט:

— מיינע עלטערן זיינען געווען אידישע פּויערים אין אוקראַינע און געהאַט 50 דעסיאַטין ערד. דאָס איז שוין פאַררעכנט געוואָרן צו דער קאַטע־גאָריע „קולאַקעס", און מען האָט זיי, צוזאַמען מיט אַנדערע „קולאַקעס" פאַר־טריבן פון דאָרף. דאָס איז געווען אין ווינטער, ווען די טשעקיסטן זיינען ביינאַכט באַפאַלן זייער שטוב און אונטער אַ קאָנוואָי פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן געפירט צום וואָקזאַל אין נאָענטן שטעטל. דאָרט האָט מען זיי אַריינגעזעצט אין וואַגאָנען פאַר בהמות און פיר וואָכן צייט געשלעפּט איבער די וועגן קיין סיביר. במשך פון דער צייט האָבן זיי געהונגערט. איין מאָל אין טאָג האָט מען געעפנט די וואַגאָנען און אַריינגעוואָרפן צען ברויטלעך פאַר פופ־ציק מענטשן, און אַרויסגענומען די טויטע, וועלכע זיינען געשטאָרבן אויפן וועג.

— נאָך פיר וואָכן זיינען מיר דערפאָרן צו אַ באַשטימטן אָרט. מיר זיינען אַרויס פון די וואַגאָנען. עס האָבן אונז אַרומגערינגלט אַ קאָנוואָי פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אונז געפירט איבער אַ טאַיגע, וועלכע האָט זיך געצויגן אויף הונדערטער קילאָמעטער. אין די נעכט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אָפּרו אין וואַלד. אַרום אונז האָט מען אָנגעצונדן קאָסטיאָרן, ביי וועלכע מיר האָבן זיך געוואַרעמט און וועלכע האָבן אונז געשיצט קעגן ווילדע חיות פון וואַלד.

— אַזוי האָבן מיר זיך געשלעפּט צוויי וואָכן ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו אַ ישוב וואָס האָט זיך געפונען אויפן ברעג פון אַ גרויסן טייך. דער גאַנצער ישוב איז באַשטאַנען פון עטלעכע הילצערנע הייזלעך, אין וועלכע עס האָבן שוין געוואוינט פיל מענטשן, אַזעלכע ווי מיר. מען האָט אונז אַריינ־געזעצט צו פופציק מאַן אין אַ קליין צימערל, אַן וועלכע עס איז איינריכ־טונגען. אַפילו אויפן דיל איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַלעמען, זיינען אַ טייל געשלאָפן בייטאָג און אַ טייל ביינאַכט. עסן האָבן מיר באַקומען אַ פונט ברויט און אַ שטיקל געזאַלצענע פיש במשך פון טאָג. ווער ס׳האָט געהאַט אַ סך געלט, האָט געקענט קויפן פאַר אַ הויכן פּרייז, דורך דער פאַר־מיטלונג פון קאָמענדאַנט, אַ געשאָסענעם האָז אָדער וואַלד־פויגל. דאָס האָט גורם געווען אַן עפּידעמיע פון טיפוס. קיין מעדיצינישע הילף איז נישט גע־ווען, און במשך פון צוויי וואָכן זיינען פון דער קרענק געשטאָרבן טויזנטער, און פון גאַנצן טראַנספּאָרט זיינען פאַרבליבן קוים 1200 מענטשן. צווישן די

געשטאָרבענע זיינען אויך געווען מיינע עלטערן, צוויי שוועסטער און צוויי ברידער. פון דער גאַנצער משפחה, בין איך דער אינגסטער געבליבן איינער אַליין.

— איך בין דאַן געווען אַ אינגל פון 12 יאָר, האָבן מיר אַדאָפּטירט אַ רוסיש פּאָרפּאָלק, ביי וועלכע עס איז געשטאָרבן זייער איינציקע טאָכטער. די נייע עלטערן האָבן מיך זייער ליב געהאַט און מיר זיינען קעגנזייטיק געווען צופרידן מיט זיך.

— מיטן אָנקום פון זומער, ווען דער טייך האָט אויפגעטייעט, האָט מען אונז אַרויפגעזעצט אויף אַ דאַמף־שיף און געפירט ווייטער אויף צפון. נאָך אַ וואָך פון דער נסיעה האָט מען אַרויסגעזעצט אויף אַ ברעג 120 משפחות. מיר זיינען געווען צווישן זיי. דאָ האָט איבערגענומען איבער אונז די השגחה אַ פונקציאָנער פון „טשעקאַ״, וועלכער איז געווען אַן אַרטיקער מענטש און געקענט די געגנט. פיר טעג האָט ער אונז געפירט איבער די טאַיגע, ביז מיר זיינען צוגעקומען צו אַ קליין טייכל. אַרום איז געווען אַ יונגער, נישט געדיכטער וואַלד. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ קרייז און ער האָט געהאַלטן פאַר אונז אַ דרשה:

— פון היינט, מיטן אָנקומען אויף דעם אָרט, זייט איר פרייע מענטשן. קיינער האָט נישט מער קיין רעכט אייך צו טשעפּען. איר זייט די ערשטע איינוואוינער פון דעם אָרט. אין דעם טייך זיינען פאַראַן פיל פיש. איר וועט קענען לעבן פון פיש־פאַנג און פון יעגעריי אויף חיות אין וואַלד, וואָס אויסער פלייש וועט עס אייך געבן פעל אויף מלבושים. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען אייך ברענגען זעגן, לאָפּעטעס און אַנדערע מכשירים. איר וועט דאַרפן אויסהאַקן בוימער פון וואַלד און פון דעם האָלץ אויסבויען הייזער צום וואוינען. מען וועט אייך אויך ברענגען פעל און געזאַלצענע פיש, וואָס וועט אייך סטייען דערוייל אויפן ערשטן חודש.

— נאָך דער רעדע — דערציילט ווייטער דער נאַטשאַלניק פון „שיר־פּאַטרעב״ — האָט מען אויפן פּאַרשלאַג פון „טשעקיסט״ אויסגעקליבן דריי מענטשן, וועלכע האָבן באַדאַרפט אָנפירן מיטן לעבן פון דעם ישוב און געהאַט רעכט צו משפּט׳ן פאַר גניבה אָדער אַנדערע פאַרברעכנס. דעם פאָרזיצער פון דער אויסגעקליבענער קאָמיסיע האָט ער געגעבן אַ יעגער־ביקס און צוגעזאָגט, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט קומען אַ מענטש פון „טשעקאַ״, וועלכער וועט אָנפירן מיטן ישוב.

— ווען דער „טשעקיסט״ איז אַוועק האָבן די מענטשן זיך באַראַטן וועגן זייער ווייטערדיקן גורל. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די אַרבעט זאָל זיין אַ קאָלעקטיווע, אָנהויבנדיק פון קינדער אין עלטער פון 10 יאָר. די ערשטע אויפגאַבע איז געווען צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר אויסשטעלן הייזער. די ריי פון באַקומען די הייזלעך איז איינגעשטעלט געוואָרן לויט אַ גורל. צווישן די משפחות איז געווען אַן אַגראָנאָם, וועלכער האָט באַקומען די אויפ־

גאָבע צוצוגרייטן אַ פּלאַן פאַר באַאַרבעטן די ערד. אַזוי, אַז יעדער וועט באַקומען אַזאַ סכום ערד, וויפל ער מיט זיין משפּחה וועט זיין בכוח צו באַאַרבעטן.

— מיט עטלעכע טעג שפּעטער זיינען אָנגעקומען עטלעכע וואַגאַנס מיט מכשירים, ווי זעגן, לאָפּעטעס, העק אד״גל. זיי האָבן אויך געבראַכט נעצן פאַר פיש־פאַנג און פינף יעגער־ביקסן. אויסער דעם האָבן זיי געבראַכט פעל, זאַלץ און עטלעכע קעסלען צום קאָכן עסן.

— די מענטשן וואָס האָבן געבראַכט די פּראָדוקטן, האָבן אונז אויסגעלערנט באַקן ברויט אויף אַ ביז גאָר פּרימיטיוון אופן. דאָס ברויט האָט מען געבאַקן אין אַ גרוב און שפּעטער האָט מען געמוזט עס אָפּרייניקן פון ערד. 30 מענטשן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן צו דער אַרבעט ביי פיש־פאַנג און די איבעריקע האָבן אָנגעהויבן די מלחמה מיט דער טייגע.

— מען האָט אויסגעהאַקט דאָס וואַלד אויף אַ גרויסן פּלאַץ. ביינאַכט האָט מען אָנגעצונדן אַ פייער, און דאָס האָט געשיצט נישט נאָר קעגן דער קעלט, נאָר אויך קעגן די מאָסקיטן, וועלכע האָבן זיך דאָ געפונען אין די מיליאָנען און פשוט אויפגעפרעסן די מענטשן, בעיקר די קינדער.

— נאָך עטלעכע חדשים זיינען שוין געווען הייזלעך פאַר כמעט אַלע משפּחות און עס איז אויך אויסגעהאַקט געוואָרן אַ גרויסער שטח פון וואַלד, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אויף פאַרזיי־פעלדער. עס איז אָבער נישט געווען וואָס צו פאַרזייען. אויסער דעם האָט זיך אויך דערנענטערט דער ווינטער.

— די פרעסט זיינען געווען שטאַרקע. עס האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס פעל און עס איז נישט געווען וואָס צו עסן. דער סטאַראָסטע האָט אויסגעקליבן צוויי פון די שטאַרקסטע מענטשן, וועלכע האָבן מסכים געווען צו לאָזן זיך אויפן שווערן וועג צום גרויסן טייך. נאָך פיר טעג האָבן זיי זיך אומגעקערט מיט ליידיקע הענט. זיי האָבן דערציילט, אַז אין דער אָפּטיילונג פון דער מיליץ, צו וועלכער זיי האָבן געטראָפן, האָט מען זיי געזאָגט, אַז אויף פּראָדוקטן מוז מען וואַרטן ביז פרילינג, ווען דער טייך וועט אויפטייען פונעם אייז און עס וועלן אָנהויבן קורסירן די דאַמפּערס. דערווייל דאַרף מען לעבן ווי די עסקימאָסן, וועלכע באַוואוינען די דאָזיקע געגנט און וועלכע האָבן אין זייער לעבן נישט געזען קיין פעל און קיין ברויט. זיי דערנערן זיך מיט פיש און פלייש פון חיות, וועלכע זיי דעראָבערן אויפן יאַגד.

— אַזוי איז אַדורך דער ערשטער ווינטער. פאַר דער צייט האָבן אַלע שוין געהאַט זייערע הייזלעך. עס זיינען אויך געווען אויסגעבויט צוויי גרעסערע הייזער פאַר דעם נאַטשאַלניק און פאַר דעם פעלדשער, וועלכע האָבן באַדאַרפט אָנקומען. עס איז אויך געווען אויסגעקאָרטשעוועט דער גאַנצער שטח פון וואַלד, וואָס איז געווען צוגעגרייט צו פעלד־אַרבעט. די ערד האָט מען געגראָבן מיט לאָפּעטעס, ווייל קיין אַקער־אייזנס זיינען נישט געווען.

— ערשט אינמיטן זומער איז אָנגעקומען אַ קאָנוואָי פון עטלעכע צענ־דליק פורן. זיי האָבן געבראַכט מעל, אָקער־אייזנס, זריעה און אַנדערע נויטיקע מאַטעריאַלן פאַר דער לאַנד־ווירטשאַפט. צוזאַמען מיט זיי איז געקומען דער נאַטשאַלניק און דער פעלדשער. אין דעם טאָג איז געווען אַ גרויסע שמחה.

— צומאָרגנס האָט דער נאַטשאַלניק גערופן אַלעמען אויף אַ פאַר־זאַמלונג. אָנגעהויבן האָט ער פון דעם, אַז אין גאַנצן לאַנד האָט זיך געענדערט דאָס פנים פון דאָרף. עס האָט געזיגט די אידייע פון קאָלעקטיוויזאַציע. ער האָט אונז דערציילט די גליקן פון די „קאָלכאָזן״ און פאַרענדיקט מיט אַ קאָנקרעטן פאָרשלאָג, אַז אונזער ישוב זאָל גלייך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאָלכאָז און באַשטימען דעם אַגראָנאָם אַלס פאָרזיצער. ער האָט אונז צוגע־זאָגט, אַז נאָך דעם וועלן מיר באַקומען גרויסע הילף פון דער מלוכה, בהמות, מכשירים, זריעה אד״גל.

— דער סטאַראָסטע האָט געבעטן מען זאָל אונז געבן אַ טאָג אויף באַטראַכטן דעם ענין, ווייל דאָס איז פאַר אַלע אַ נייעס.

— אין אָוונט האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט אָן דעם אָנטייל פון נאַטשאַלניק. מיין „פאָטער״, דער רוס וואָס האָט מיר געהאָדעוועט, איז אַרויסגעטראָטן דער ערשטער זייער שאַרף קעגן דעם קאָלכאָז. „אויב דאָס איז אַזאַ גליק — האָט ער געזאָגט — צו וואָס האָט מען אונז פאַרטריבן פון אונזערע היימען, פון אונזער ערד, אין דער וויסטער טייגע, וואו די מערהייט פון אונז איז אויס־געשטאָרבן. זיי ווילן אונז צוריקשלעפּן צו די צייטן פון קנעכשאַפט, וואו מיר וועלן אַרבעטן ווי די פערד און שטאַרבן פון הונגער״!

אויך פיל אַנדערע זיינען געווען ביי דער זעלבער מיינונג. אין רעזול־טאַט, ווען דער נאַטשאַלניק האָט צומאָרגנס גערופן נאָך אַ פאַרזאַמלונג, האָבן אַלע געענטפערט מיט איין קול: מיר דאַרפן נישט קיין קאָלכאָז; מיר ווילן לעבן אַזוי ווי מיר האָבן געלעבט אין אונזער אַלטער היים, אויף אונזער אייגן שטיקל ערד.

— דער נאַטשאַלניק איז אָבער נישט נתפעל געוואָרן פון דעם בונט. „איר ווייסט גאַנץ גוט — האָט ער געזאָגט — אַז די ראַטנמאַכט קען זיך אַן עצה געבן מיט אַלע אירע שונאים״.

— אין דער זעלבער נאַכט זיינען אָנגעקומען עטלעכע סאָלדאַטן פון „טשעקאַ״. דער נאַטשאַלניק איז געגאַנגען מיט זיי פון שטוב צו שטוב. אין רעזולטאַט האָט מען אַרעסטירט 9 מענטשן, צווישן זיי מיין פאָטער און מוטער. קיינער האָט מער נישט געוואוסט וואו זייער געביין איז אָוועקגעקומען. אין ישוב איז געוואָרן שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. קיינער האָט זיך מער נישט געבונטעוועט. צום צווייטן מאָל בין איך געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום. מיך האָבן זיי נישט גענומען, ווייל מען האָט זיי געזאָגט, אַז איך בין אַן אַדאָפּ־טירטער זון און געלעבט מיט זיי סך־הכל איין יאָר צייט.

— דער סטאַראָסטע האָט רחמנות געהאַט אויף מיר און מיך גענומען צו זיך. ער האָט געהאַט אַן איינציקע טאָכטער און באַהאַנדלט מיך ווי אַן אייגענעם זון.

— מיר האָבן געלעבט אין אַ קאָלכאָז. אין דעם זעלבן יאָר איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ שולע, אין וועלכער איך האָב אויך געלערנט. אַזוי ווי איך בין געווען פֿון די בעסטע שילער, האָט מען מיך שפּעטער געשיקט לערנען אין אַ מיטל־שול אין שטאָט. איך האָב דאָרט געוואוינט ביי אַ לערער, זייער אַ גוטער מענטש, וועלכער האָט מיר פֿיל געהאָלפֿן אין דער לערע. ער האָט זיך אויך באַמיט, אַז איך זאָל זיך ווייטער לערנען אין אַ דריי־יעריקן לערער־סעמינאַר. ווען איך האָב באַקומען דעם דיפּלאָם אַלס לערער פֿון געשיכטע און געאָגראַפֿיע, בין איך אַלט געווען 19 יאָר.

— איך האָב זיך אומגעקערט אין אונזער קאָלכאָז אַלס לערער אין דער אָרטיקער שולע. אויסער די קינדער פֿון ישוב האָב איך אויך געלערנט לייענען און שרייבן די עלטערע מענטשן. אין די לערן־ביכער האָט זיך דערציילט וועגן דעם, ווי פֿריי און גליקלעך עס לעבן די סאָוועטישע פּויערים אין די קאָלכאָזן. די מענטשן האָבן מיך ביי דער געלעגנהייט געשטעלט די פֿראַגע, פֿאַרוואָס זעט מען ביי אונז נישט די דאָזיקע גליקן; מיט אַכט יאָר צוריק האָט אונז דער נאַטשאַלניק אויך צוגעזאָגט די זעלבע גליקן, וועגן וועלכע מיר לייענען אין די ביכער. אָבער פֿון דעם אַלעם האָט ער זיך אַליין באַשטימט אַלס אונזער פֿאָרזיצער, ער לעבט זיך גוט, און מיר האָבן נישט אַפֿילו אַ שטיקל ברויט צו דער זעט, פֿאַר אונזער שווערער האָרעוואַניע. דערצו נאָך האָבן מיר נישט קיין רעכט צו באַקומען פּאַספּאָרטן. מיר זיינען ווי לייב־קנעכט צוגעפֿעסטיקט צום קאָלכאָז און האָבן נישט קיין רעכט צו פֿאָרן אויף אַ צווייטן פּלאַץ.

— אויסהערנדיק כסדר די דאָזיקע גערעכטע טענות און געדענקענדיק מיין אייגענע משפּחה־טראַגעדיע, האָב איך איינמאָל באַשלאָסן אָנשרייבן אַ בריוו צום פֿאָרזיצער פֿון אויבער־ראַט קאַלינין. איך האָב דאָרט איבערגעגעבן אַלץ וואָס איז געשען מיט מיין משפּחה, ווי אַזוי מען האָט אונז פֿאַרטריבן פֿון אונזער היים, וואָס איך האָב איבערגעלעבט פֿאַר דער גאַנצער צייט און ווי אַזוי עס זעט אויס דאָס לעבן אין אונזער קאָלכאָז. איך האָב דאָס געשריבן מיט די בעסטע כוונות. איך האָב פֿיל געגלייבט וועגן דער פּשטות און גוטמוטיקייט פֿון קאַלינינען. איך בין געווען טיף איבערצייגט, אַז ער וועט אונז העלפֿן.

— איך האָב געוואַרט פֿיר חדשים צייט אויף אַן ענטפֿער. ער איז געקומען אין געשטאַלט פֿון צוויי ענקאַוועדיסטן, וועלכע האָבן זיך ביינאַכט אַריינגעריסן אין מיין צימער, אַרעסטירט און אַוועקגעפֿירט מיך אין תּפֿיסה אין אַ גרויסער שטאָט.

— ביי דער אויספאַרשונג האָט מען מיר געוויזן דעם בריוו וועלכן איך האָב געשיקט צו קאַלינינען. זיי האָבן נאָר געפאָדערט איך זאָל זיך מודה זיין, ווער עס האָט נאָך אָנטייל־גענומען אין שרייבן דעם בריוו. איך האָב זיי געזאָגט דעם אמת, אַז איך האָב דאָס אַליין געשריבן, אָן דעם אָנטייל און אָן דעם וויסן פון וועמען עס איז. זיי האָבן מיך אָבער געפייניקט און געדראָט מיט שיסן, ביז איך האָב אונטערגעשריבן, אַז מיין שוועסטער האָט אויך גענומען אין דעם אַן אָנטייל. נאָך 6 חדשים תפיסה און אויספאַרשונגען האָט מען מיך פאַר׳משפט אויף 10 יאָר לאַגער. אין דער מאָטיווירונג איז געזאָגט געוואָרן, אַז איך ווער פאַר׳משפט דערפאַר, ווייל איך האָב אויסבאַהאַלטן פאַר די מאַכט־אָרגאַנען מיין אָפּשטאַמונג, ווייל בעת איך האָב געלערנט אויפן סע־מינאַר און שפּעטער ווען איך האָב געאַרבעט אַלס לערער, האָב איך נישט אָנגעגעבן, אַז איך בין אַ זון פון אַ קולאַק.

— אין לאַגער האָב איך געאַרבעט אין אַ מעבל־פאַבריק. איך האָב שנעל באַהערשט די מלאכה און מען האָט מיך באַשטימט אַלס מייסטער. ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט מיין טערמין פון אורטייל, האָט מען מיך פאַרגע־שלאָגן דעם איצטיקן פּאָסטן.

איצט ווייסט איר שוין ווי אַזוי איך בין דערגאַנגען צו דער „קאַריערע״ פון נאַטשאַלניק פון „שירפּאָטרעב״?

— ווען איר זייט געקומען — האָט ער ווייטער געזאָגט — האָב איך זיך ווידער דערמאָנט אין מיינע אידישע עלטערן. איך האָב אַלץ געטאָן כדי צו פאַרלייכטערן אייך דאָס לעבן, איר זאָלט קענען אָפּהיטן די אידישע דינים, פון וועלכע איך האָב אָפילו נישט קיין אַנונג. איך האָב אייך דאָס אַלץ דער־ציילט, ווייל מיר וועלן וואַרשיינלעך זיך מוזן צעשיידן. אין די נאָענטע טעג קומען אָן צו אונז אין לאַגער דייטשע געפאַנגענע, און אַלע רוסישע אַרעס־טאַנטן וועט מען אָפּשיקן אין אַ צווייטן לאַגער. ווער עס וועט אייך דאָרט העלפן, ווייס איך נישט . . .

אַ לאַנגע ווייִלע האָט געהערשט אַ טויט־שטילקייט. איך האָב געטראַכט וועגן גורל פון דורות מענטשן, הויפּטזעכלעך פון אונז אידן, וועלכע זיינען געשטראָפט געוואָרן מיט דער קללה צו לעבן אין אַזאַ פינסטערן רעזשים. וואָס שייך מיר, האָב איך אים באַרואיקט: דער אויבערשטער האָט געהאָלפן ביז איצט, האָב איך די האָפענונג, אַז ער וועט מיך אויך ווייטער נישט פאַרלאָזן. איך האָב אים געראָטן, ער זאָל פאַרלאָזן די דאָזיקע אַרבעט, ענדערן די נאַציאָנאַליטעט אין זיין פּאַספּאָרט און פאָדערן מען זאָל איינשרייבן, אַז ער איז אַ איד, און אַריבערפאָרן אין אַ שטאָט וואו עס זיינען פאַראַן אידן, וואו ער וועט קענען חתונה האָבן מיט אַ אידישע טאָכטער. איך האָב אים אַרומגענומען און מיר האָבן זיך צעקושט ווי ברידער.

# מיר גראָבן אויס קאַרטאָפל, וועלכע מיר טאָרן נישט עסן

דער לאַגער האָט זיך געגרייט אויפצונעמען די דייטשע קריגס־געפאַנגענע. די מעבל־פאַבריק, פונקט ווי אַלע אַנדערע אונטערנעמונגען, איז געווען געשלאָסן. אַלע אַרעסטאַנטן זיינען געווען באַשעפטיקט ביים רעמאָנטירן און צוגרייטן די באַראַקן פאַר די נייע איינוואוינער. די דייטשע קריגס־געפאַנגענע האָט מען ווייזט אויס נישט געקענט האַלטן אין אַזעלכע אוממענטשלעכע באַדינגונגען ווי די רוסישע אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען געשלאָפן אויף שמוציקע, שטאָקיקע פּריטשעס. פאַר זיי האָט מען אַריינגעשטעלט נייע בעטלעך מיט שענקלעך, מען האָט געמאַכט טאָפּלטע פענסטער און אַנדערע באַקוועמלעכקייטן, וועגן וועלכע די רוסישע אַרעסטאַנטן האָבן אפילו נישט געחלומ׳ט. דאָס אַלץ האָט מען געמוזט צוגרייטן במשך פון דריי טעג. אַלע בריגאַדעס פון לאַגער האָבן געאַרבעט פון 12 ביז 15 שעה אין טאָג. אָבער צום באַשטימטן טערמין איז אַלץ געווען גרייט.

צומאָרגנס נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט (דאָס איז געווען ט״ז באב, דעם 26־טן יולי 1945, האָט מען אונז אַריבערגעפירט אין אַ צווייטן לאַגער. פאַר אונז האָט אָבער קיינער נישט צוגעגרייט אַפילו קיין אָרט וואו צו שלאָפן. די פאַראַנענע באַראַקן זיינען געווען איבערפולט מיט אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען פריער געקומען. פאַר אונז האָט מען אויפגעשטעלט ברעזענטענע פּאַלאַטקעס אין וועלכע מיר זיינען געשלאָפן אויף דער גאָלער ערד.

דאָס מזל האָט מיר ווידער צוגעשפּילט. איך האָב דאָ באַגעגנט מיינעם אַן אַלטן באַקאַנטן, מיט וועלכן איך בין מיט 8 יאָר צוריק געפאָרן אין איין עטאַפּ. ער איז שוין דאָ געווען אַן אַלטער תושב און געהאַט אַפילו אַ גוטע פונקציע. אין דעם זכות האָט ער געוואוינט אין אַ באַזונדערע קאַבינקע. ער האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט, אָוועקגעפירט מיך גלייך צו זיך. ער האָט אויפגעקאָכט טיי, געבראַכט אַ לעבל ווייסן ברויט מיט פּוטער, וואָס איך האָב שוין לאַנג נישט געזען. מיר האָבן געגעסן געשמאַק און די נאַכט איז אונז אַוועק אויף דערינערונגען. און צו ריידן איז געווען זייער פיל. ווען מיר האָבן דערמאָנט יענע צוויי וואָכן פון אונזערע געמיינזאַמע איבערלעבונגען, האָט זיך אונז אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז געווען אַ קאָשמאַרער חלום, וואָס אין פאַרגלייך דערצו האָט אונזער היינטיקע לאַגע אויסגעזען ווי אַ גן־עדן. האָבן מיר געדאַנקט השם יתברך, וואָס האָט אונז געגעבן כוח אויסצוהאַלטן אַזעלכע צרות במשך פון 8 יאָר און מיר האָבן געהאָפט, אַז ער וועט אונז אויך ווייטער העלפן.

מיין חבר האָט מיך נישט געלאָזט גיין אין דער פּאַלאַטקע, וואו עס איז געווען ענג און מען האָט דאָרט געקענט דערשטיקט ווערן פונעם שלעכטן

ריה. כאַטש דאָס צימערל איז געווען קליין האָט געסטייעט פּלאַץ צו שלאָפן פאַר אונזביידע.

אין דעם נייעם לאַגער זיינען מיר אָנגעקומען דאָנערשטיק. אין די ערשטע טעג איז געווען אַ באַלאַגאַן, אַז די באַאַמטע האָבן זיך נישט אָריענ־טירט צי עס פעלט ווער אויף דער אַרבעט. האָב איך זיך געמאַכט אַן אָפּרו אויף צוויי טעג.

פרייטיק־צו־נאַכט האָבן מיר מקבל שבת געווען. מיין חבר האָט גע־האַט אַ „פּראָפּוסק", וואָס האָט אים דערמעגלעכט צו באַוועגן זיך פריי אויסער דער זאָנע פון לאַגער. האָט ער געהאַט אַ מעגלעכקייט איינצושאַפן זיך פּראָ־דוקטן. מיר האָבן געהאַט ווייס ברויט מיט פּוטער, הערינג און אייער און מיר האָבן געפּראַוועט אַ שבת׳דיקע סעודה כיד המלך.

זונטיק אינדערפרי איז געמאַכט געוואָרן אַ גענעראַל־אַפּעל, וועלכער האָט געדויערט ביז נאָך האַלבן טאָג. מען האָט פאַרשריבן יעדן אַרעסטאַנט לויט די פאָרמולאַרן און צעטיילט אונז אויף בריגאַדעס. מען האָט אונז אָנ־געזאָגט, אַז צומאָרגנס מוזן מיר אַלע אַרויסגיין צו דער אַרבעט.

מאָנטיק 6 אַזייגער אינדערפרי האָט מען אונז אויסגעשטעלט, בערך 300 מענטשן, איינגעטיילט אין 5 בריגאַדעס. באַגלייט דורך אַ קאָנוואָי פון 15 סאָלדאַטן מיט איין אָפיציר און דריי הינט, האָט מען אונז געפירט אויף אַ וועג פון בערך 10 קילאָמעטער. מיר זיינען אָנגעקומען צו אַ גרויס פעלד פאַרזייט מיט קאַרטאָפל. דאָ האָט מען יעדער בריגאַדע צוגעטיילט אַ באַ־שטימטן שטח פעלד, פון וועלכן מיר האָבן באַדאַרפט אויסקאָפּען די קאַרטאָפל. דערביי האָט מען אונז געזאָגט, אַז ווי נאָר מיר וועלן פאַרענדיקן דעם באַ־שטימטן שטח, וועלן מיר קענען גיין אין לאַגער זיך אָפּרוען.

ווי נאָר מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן האָט גענומען פאַלן אַ שטאַרקער רעגן. די ערד איז געוואָרן בלאָטיק און געקלעפּט זיך צו דער לאָפּעטע, אַז מען האָט פּשוט נישט געקענט זי אַרויסשלעפּן. מיר זיינען געווען דורכגענעצט ביז צום גוף. עס האָט געפיבערט פון קעלט. די סאָלדאַטן האָבן געהאַט רעגן־מאַנטלען, זיינען זיי נישט אַדורכגענעצט געוואָרן אַזוי שטאַרק ווי מיר. אָבער זיי זיינען געווען יונגע מענטשן, וועלכע מען האָט מאָביליזירט אין דער אַרמיי און זיי האָבן געהאַט מיטלייד מיט אונז. האָבן מיר געטראַכט, אַז זיי וועלן אונז באַפרייען פון דער אַרבעט און דערלויבן צוריקגיין אין לאַגער. דער אָפּי־ציר האָט אָבער איבערגעגעבן אונזערע בריגאַדירן, אַז ביז מיר וועלן נישט מאַכן אונזער נאָרמע, וועלן מיר נישט צוריקגיין אין לאַגער.

ביים אַרויסגיין פון לאַגער האָבן מיר מיטגענומען מיט זיך טעלעכע עמערס. מיר זיינען געווען איבערצייגט, אַז אַרבעטנדיק ביים גראָבן קאַר־טאָפל, וועט מען אונז דערלויבן נעמען מיט זיך און אָפּקאָכן אַביסל קאַרטאָפל אויף מיטאָג. אָבער ווי נאָר מיר האָבן דאָס געפּרואווט טאָן, איז אָנגעקומען אַ שליח פון נאַטשאַלניק פון סעלכאָז, וועלכער האָט געוואָרנט, אַז אויב מיר

װעלן װאָגן אָפּקאָכן כאָטש אײן עמער קאַרטאָפל, װעלן מיר אַלע אָפּגעשיקט װערן גלײַך נאָך דער אַרבעט אין קאַרצער.

דאָס האָט אַרױסגערופן אַזאַ שטאַרקן אױפּברױז, אַז אַלע האָבן מיט־אַמאָל אַװעקגעװאָרפן די לאָפּעטעס און געמאַכט אַ שטרײַק. די סאָלדאַטן האָבן זיך פאַרהאַלטן גלײַכגילטיק. זײ זײַנען אױך געװען הונגעריקע. דער אָפיציר איז אַװעק אין לאַגער בעטן דעם נאַטשאַלניק ער זאָל אונז באַפרײַען פון דער אַרבעט, װײַל דער רעגן הערט נישט אױף און די אַרבעט האָט סײ־װי נישט קײן גרױסן װערט. נאָך אַ שעה װאַרטן איז געקומען אַ שליח מיט אַ דערלױבעניש פון נאַטשאַלניק, אַז מיר קענען זיך אומקערן אין לאַגער.

דער נאַטשאַלניק פון לאַגער איז געװען אַ צעדרײטער. אַלץ איז געװען אָפּהענגיק אין װאָס פאַר אַ שטימונג ער האָט זיך געפונען יענעם טאָג. מיר האָבן שױן אָפילו געהאַט אַ סימן: אויב ער איז געקומען צו דער אַרבעט און דאָס היטל איז געװען בײַ אים אָנגעטאָן נאָרמאַל, איז געװען אַ סימן אַז ער איז אין אַ גוטער שטימונג. אין אַזאַ טאָג האָט ער באַפרידיקט יעדע בקשה, סײ פון די סאָלדאַטן און סײ פון די אַרעסטאַנטן. דאַקעגן אויב דאָס היטל איז געװען בײַ אים אַראָפּגערוקט אױף די אױגן, איז געװען אַ סימן, אַז ס׳איז שלעכט און מען האָט אים געמוזט אױסמײַדן. יעדן באַגעגנטן אַרעסטאַנט האָט ער דאַן, אָן שום סיבה, באַשטראָפט מיט דרײַ טעג קאַרצער, און יעדער באַגעגנטער סאָלדאַט האָט אַרײַנגעכאַפּט דרײַ טעג אַרעסט.

און יענעם טאָג האָבן מיר געהאַט מזל, װאָס בײַם נאַטשאַלניק איז דאָס היטל געשטאַנען גלײַך, װען נישט װאָלט ער אונז אַלע גע׳משפט פאַר סאַבאָטאַזש . . .

אױפן צװײטן טאָג װען מיר זײַנען געקומען צו דער אַרבעט, האָט שױן געװאַרט אױף אונז דער נאַטשאַלניק פון סעלכאָז. װי שטענדיק איז ער גע־װען שיכור נאָך פון דער נעכטיקער כוסה. ער איז געװען שטאַרק אין כעס, הלמאי מיר זײַנען נעכטן אַװעק פון דער אַרבעט. ער האָט געזידלט און גע־דראָט, אַז אויב מיר װעלן הײַנט נישט אױספירן די באַשטימטע נאָרמע, װעלן מיר אַלע גע׳משפט װערן פאַר סאַבאָטאַזש. דערבײַ האָט ער צוגענומען בײַ אונז די עמערס און איבערגעגעבן זײ אין רשות פון די סאָלדאַטן, װאָ־רענענדיק, אַז אויב זײ װעלן אונז דערלױבן אָפּקאָכן קאַרטאָפל, װעלן זײ גע׳משפט װערן צוזאַמען מיט אונז.

מיר זײַנען געװען הונגעריקע, און אַ סך אַרעסטאַנטן האָבן גענומען עסן רױע קאַרטאָפל. איך האָב אױך געפּרואװט דאָס טאָן, אָבער מײַן קראַנקער מאָגן האָט דאָס נישט געקענט פאַרדײַען. פאַרנאַכט האָבן אונז די סאָלדאַטן צוריקגעגעבן די עמערס און דערלױבט נעמען קאַרטאָפל און אַװעקטראָגן מיט זיך אין לאַגער. אָבער װי נאָר מיר זײַנען אָנגעקומען אין דער זאָנע, האָבן זײ בײַ אונז דאָס צוגענומען און אָפּגעטראָגן צו זיך אין קאַזאַרמע. מיר זײַנען װײַטער געבליבן הונגעריקע. װאָס אַן אמת האָבן מיר אין דעם טאָג אױסגע־

גראָבן 35 טאָן קאַרטאָפּל, אָבער דאָס איז נאָך געווען ווייט פון דער אָנגע־צייכנטער נאָרמע, דערפאַר האָבן מיר באַקומען נאָר 400 גראַם ברויט.

ביינאַכט האָב איך באַקומען שטאַרקע מאָגן־שמערצן. מיין חבר, מיט וועלכן איך האָב געוואוינט, איז אַוועק רופן אַ דאָקטאָר. אָבער ער איז נישט געקומען. ערשט אינדערפרי בין איך אַליין אַוועק און געבעטן דעם דאָקטאָר מען זאָל מיך נעמען אין שפּיטאָל, ווייל איך בין שוין פון לאַנג קראַנק אויף אַן אולקוס אין מאָגן. די לעצטע טעג האָב איך כסדר גרויסע שמערצן און איך האָב מורא, עס זאָל ביי מיר נישט קומען צו אַן אויסגוס. דער דאָקטאָר האָט גענומען מיינע דאָקומענטן און נאָכן באַקענען זיך מיטן דיאַגנאָז, האָט ער מיר געגעבן אַ צעטל אַז מען זאָל מיך אָננעמען אין שפּיטאָל. איך בין אָבער דאָרט געווען קוים אַ האַלבן טאָג. איך האָב זיך אַביסל אָפּגערוט. באַ־פרייען זיך פון דער אַרבעט האָט מען אָבער געקענט נאָר דאַן, ווען דער מענטש האָט געהאַט הויכע טעמפּעראַטור. מיין קרענק האָב אָבער נישט גורם געווען קיין הויכע טעמפּעראַטור, האָט דער מאָגן געקענט אַפילו פּלאַצן, אָבער קיין באַפרייאונג פון דער אַרבעט האָב איך נישט באַקומען.

צומאָרגנס 6 אַזייגער אינדערפרי האָב איך געמוזט אַרויסגיין צו דער אַרבעט צוזאַמען מיט אַלע. אין דעם טאָג איז גראָד געווען אַ רעגן און אַ האָגל. מיר זיינען געזונקען אין בלאָטעס. דער וועג צום אַרבעטס־פּלאַץ האָט געפירט דורך אַ וואַלד. ווי נאָר מיר זיינען דאָרט אַריין איז איינער פון אונזער ברי־גאַדע אַנטלאָפן. דער קאָנוואָי האָט גראָד נישט געהאַט מיט זיך קיין הינט, האָבן די סאָלדאַטן באַפוילן מיר זאָלן זיך אַלע אַוועקזעצן אין דער בלאָטע. 5 סאָלדאַטן זיינען פאַרבליבן אונז היטן, אַז מיר זאָלן זיך אַלע נישט צעלויפן, און די איבעריקע האָבן זיך געלאָזט נאָכיאָגן דעם אַנטלאָפענעם. זיי האָבן אַרומגערינגלט אַ גרויסן שטח פון וואַלד, אָבער זיי האָבן אים נישט געפונען. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ שאַרך אויף אַ בוים. אַ סאָלדאַט האָט אויסגע־שאָסן און דער מענטש איז געפאַלן אַ טויטער אויף דער ערד. צוויי סאָלדאַטן זיינען אַוועק אין לאַגער, געבראַכט אַ וואָגן און אָפּגעפירט דעם דערשאָסענעם.

מיר האָבן פאַרגעזעצט די וועג צום אַרבעטס־פּלאַץ. אַלע זיינען מיר געווען אין אַ ביז גאָר שלעכטער שטימונג. די אַרבעט איז נישט געגאַנגען און נאָך אַ האַלבן טאָג האָבן מיר געהאַט אויסגעגראָבן קוים 5 טאָן קאַרטאָפל. די סאָלדאַטן פון קאָנוואָי האָבן דאָס אָבסערווירט און געשוויגן. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אין אַזאַ אויפגערעגטן צושטאַנד ווי מיר זיינען געווען, קען ביי אַ סך דערגיין צו אַ בונט און מיר וועלן זיך וואַרפן אויף זיי. מיר זיינען גראָד מיט דעם קאָנוואָי געווען אין גוטע באַציאונגען. זיי האָבן אונז קיינמאָל נישט געשלאָגן, ווי דאָס איז בדרך כלל געווען מיט אַנדערע קאָנוואָיען, און דאָ האָבן די דאָזיקע „גוטע" סאָלדאַטן דערשאָסן אַ מענטש פאַר אונזערע אויגן.

זיי האָבן דאָס ווייזט אויס געפילט און דער אָפיציר האָט זיך גענומען פאַר אונז פאַרטיידיקן, אַז דאָס האָט ער געמוזט אויספירן זיין פליכט, ווען נישט וואָלט מען אים פאַר'משפט אויף לאַנגע יאָרן לאַגער.

אין אָוונט ווען מיר זיינען צוריקגעקומען אין לאַגער האָט מען אונז פאַרהאַלטן ביים וואַך־טויער. עס איז געקומען דער נאַטשאַלניק פון לאַגער. דאָס היטל איז ביי אים געווען פאַררוקט אין אַ זייט, אַ סימן אַז ער איז אין אַ שלעכטער שטימונג. נאָך אַ קורצן שמועס מיטן אָפיציר פון אונזער קאָנ־וואָי האָט ער זיך געווענדעט צו אונז מיט אַ רעדע:

— ווען מען האָט אייך געבראַכט אין דעם לאַגער האָב איך געטראַכט, אַז איר זייט ליטישע מענטשן, אַז איר וועט אַרבעטן ערלעך און איך וועל האָבן אַ געלעגנהייט אייך אָרנטלעך צו באַהאַנדלען. אָבער עס זיינען שוין פאַרביי 4 טעג און איר האָט נאָך קיין איין מאָל נישט אויסגעפירט אייער נאָרמע. דאָס איז אַ קאָלעקטיווער סאַבאָטאַזש, פאַר וועלכן מען קען אייך פאַר'משפט'ן צום טויט. אָבער דאָס וואָס איר האָט היינט באַוויזן, גרענעצט זיך מיט אַ בונט. איר האָט געוואָלט דער'הרג'ענען דעם קאָנוואָי און אַנטלויפן, נאָר אַ דאַנק דער איינגעהאַלטנקייט פונעם אָפיציר, וועלכער האָט נישט רעַ־אַגירט אויף אייערע פּראָוואָקאַציעס, איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ גרעסערע בלוט־פאַרגיסונג. מיר וועלן אייך אָבער דערפאַר נישט גלעטן איבער אייערע קעפּלעך . . .

נאָך דעם האָט מען ביי אונז אַלעמען געמאַכט אַ פּערזענלעכע רעוויזיע און מיר זיינען אַוועק אין די באַראַקן. ווען איך בין געקומען אין באַראַק, האָט געוואַרט אויף מיר אַ קראַנקן־שוועסטער מיט אַ צעטל צו נעמען מיך אין שפּיטאָל.

איך האָב ווידער געהאַט גרויס מזל. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין דער זעלבער נאַכט האָט מען אַלע פון די 300 מענטשן אַרויסגעשיקט מיטן עטאַפּ קיין קאָלימאַ. מער האָט מען פון זיי נישט געהערט.

# מײנע צװאַנציק יאָר
# אין סאָװעטישע טורמעס

פון

**אברהם נעצאַך**

איבערלעבונגען פון אַ רוסישן אידן, װאָס האָט זיך געראַטעװעט
פון צװאַנציק יאָר געפאַנגענשאַפט אין טורמעס און שקלאַפן־
אַרבעטס־לאַגערן אין סאָװעט רוסלאַנד

— דריטער טײל —

# אינהאַלט

## דריטער טייל

אין צענטראַלן שפּיטאָל ........ 101
דער דריטער אַרעסט ........ 110
דער „געךעכטער" משפּט ........ 131
צוריק אין לאַגער־שפּיטאָל ........ 139
אַן אויסטערלישע באַגעגעניש אויפן וועג צום נייעם לאַגער ........ 151

# אין צענטראַלן שפּיטאָל

דעם 3־טן אויגוסט 1945 האָט מען מיך אָפּגעפירט אין צענטראַלן שפּיטאָל פון לאַגער.ביים אַריינגאַנג האָט מיך די וואַך שטרענג רעווידירט און דער אינספּעקטאָר פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג האָט מיך געפירט צום פריזירער. איך האָב אים גלייך געמאָלדן, אַז איך וועל נישט דערלויבן מיר אָפּשערן די באָרד און פּיאות. ער האָט אַרויסגערופן דעם קאָמענדאַנט, וועלכער האָט געפרוווט מיך איבערצייגן און גערעדט צו מיר זייער העפלעך.

— אייגנטלעך — האָט ער געזאָגט — קענען מיר דאָס מאַכן אויך קעגן אייער ווילן. איך וויל אָבער נישט אָנווענדן לגבי אייך צוואַנג. מען דערקענט אין אייך, אַז איר האָט שוין אַ סך געליטן, אַז איר זייט באמת קראַנק און מיר ווילן אייך היילן. ס׳איז אויך אמת, אַז אייער באָרד איז ריין, אָבער דאָס זיינען סאַניטאַרע געזעצן, אויף וועלכע מיר טאָרן נישט עובר זיין. אויב איר וועט נישט דערלויבן אָפּשערן, וועלן מיר אייך נישט קענען אָננעמען אין שפּיטאָל.

איך האָב אים דערקלערט, אַז ער זאָל מיך צוריקשיקן אין לאַגער, ווייל איך וועל נישט דערלויבן בשום אופן אָפּשערן די באָרד און פּיאות. ער איז געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט. צום סוף איז ער אַוועק און געהייסן מיך וואַרטן. נאָך עטלעכע מינוט איז ער צוריקגעקומען מיט אַ פאַראָרדענונג פון דער לייטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג, אַז מען זאָל מיך שערן נאָר ווי איך וויל און מען זאָל מיך לייגן אין אַ סעפּעראַטן צימער ביי דער כירורגישער אָפּטיילונג, וואו מען וועט מיך צוגרייטן צו אַן אָפּעראַציע אויפן מאָגן.

דער פריזיער איז געווען אַ פּוילישער איד און האָט געוואוסט ווי צו שערן אַ אידן, איבערלאָזנדיק די פּיאות. צומאָרגנס איז געקומען די לייטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג. זי האָט מיך אונטערזוכט און געזאָגט, אַז איך בין זיכער אָפּגעשוואַכט און דאַרף האָבן אַן אינטענסיווע דערנערונג, כדי קומען צו די כוחות. איך האָב איר געבעטן אַז זי זאָל מיר פאַרשרייבן אַ מילכיקע דיעטע, ווייל צוליב כשרות וועל איך נישט קענען עסן קיין אַנ־דערע מאכלים. דערביי האָב איך געבעטן, מען זאָל מיר געבן רויע מילך און גלעזערנע כלים. זי האָט מיך אָנגעקוקט אַביסל פאַרוואונדערט און געזאָגט מיט אַ שמייכל: אוי, האָב איך דאָס פון אייך צרות . . .

אין אַ קורצע צייט אַרום, איך האָב קוים באַוויזן אָפּצודאַוונען, האָט מען מיר געבראַכט 200 גראַם ווייסן ברויט, אַ גלאָז מילך, 10 גראַם פּוטער און אַן ערך 25 גראַם צוקער. נאָכמיטאָג האָט מיך אונטערזוכט אַ כירורג. ער האָט געזאָגט, אַז מען מוז מיר מאַכן אַ רענטגען און פאַרשידענע אַנאַליזן, וואָס וועט דויערן בערך צוויי וואָכן צייט.

אין צוויי וואָכן אַרום איז געקומען צו מיר אַ קאָנסיליום מיטן אַנטייל פון כירורג, אַ קאַרדיאָלאָג און די לייטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג. די דאָקטוירים זיינען געווען ביי דער מיינונג, אַז מען דאַרף מיך וואָס שנעלער אָפּערירן. די פּאַרוואַלטערין איז געווען ביי דער מיינונג, אַז איך בין נאָך צו שוואַך און וועל נישט אויסהאַלטן די אָפּעראַציע. דעריבער דאַרף מען וואַרטן נאָך אַ געוויסע צייט און דערווייל אָנווענדן אַנדערע היילונגס־מיטלען, וועלכע וועלן מיך שטאַרקן. נאָך אַ לענגערע באַראַטונג איז אָנגענומען גע־וואָרן די מיינונג פון דער פּאַרוואַלטערין.

איך האָב געוואוסט, אַז די פּאַרוואַלטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיי־לונג איז אַ אידישע. אָבער דאָך האָב איך זיך שטאַרק געוואונדערט, הלמאי זי שטעלט זיך אַזוי אײַן צוליב מיר. דאָס רעטעניש האָט זיך מיר אויפגע־קלערט מיט עטלעכע טעג שפּעטער.

אין אַן אָוונט, ווען די קראַנקע זיינען שוין געשלאָפן, איז זי געקומען צו מיר. אין אונזער אַ לאַנגן שמועס, האָט זי מיר דערציילט, אַז זי שטאַמט פון אַ פרומער אידישער משפחה. זי האָט אַ סך געהערט וועגן מיר און מיינע צרות אין לאַגער. זי האָט שוין לאַנג געוואָלט מיר העלפן און אַריינבעמען אין שפּיטאָל, אָבער דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג האָט נישט דער־לאָזט דערצו. איצט איז איר דאָס ענדלעך געלונגען.

— אָבער — האָט זי געזאָגט — מיר מוזן ביידע זיין זייער פאָרזיכטיק. אָפיציעל אין דער אָנוועזנהייט פון אַנדערע, וועל איך טראַקטירן זייער שטרענג. איך וועל אייך מאַכן אַ פאָרוואורף, פאַרוואָס איר עסט נישט די געקעכץ פון דער קיך, און אַפילו דראָען אַז איך וועל אייך אַרויסוואַרפן פון שפּיטאָל. ווען די מוסרים וועלן דאָס איבערגעבן אין דער דריטער אָפּטיילונג, וועט זיך דער רשע אפשר אַביסל באַרואיקן. דאָס וועט זיין פאַר אייך לטובה. איך וועל צו אייך נישט קומען. אַלץ וואָס איר וועט דאַרפן, קענט איר מיר איבערגעבן דורך מיין סעקרעטאַרין, אַ אידיש מיידל און אַ גוטע נשמה. דורך איר וועל איך אייך אַלץ דערליידיקן. קען זיין אַז דער אויבערשטער וועט העלפן און מיר וועלן נאָכאַמאָל אויף דער פריי דערמאָנען אין פריידן אונזערע היינטיקע צרות — האָט זי געזאָגט ביים אַוועקגיין, ווען מיר האָבן זיך גע־זעגנט.

אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מיך אַרויסגערופן אין קאַנטאָר פון שפּיטאָל און מען האָט מיר פאָרגעלייגט איך זאָל אַרבעטן עטלעכע שעה אין טאָג אין דער בוכהאַלטעריע. דערביי האָט דער הויפּט־בוכהאַלטער געזאָגט, אַז ער ווייס, אַז איך בין אַ פרומער איד וואָס אַרבעט נישט שבת און יום־טוב, אָבער דאָס שטערט אים נישט. דערפאַר האָט ער געזען פון מיין דאָסיע אין לאַגער אַז איך בין אַ גוטער ספּעציאַליסט. נאָך בעסער, ער וועט מיר דער־מעגלעכן, אַז אַנשטאָט דעם עסן וואָס יעדער חולה באַקומט פון קיך, זאָל איך באַקומען פּראָדוקטן אין רויען צושטאַנד אין מאַגאַזין. ער וועט הייסן אַז מען זאָל מיר אַרויסגעבן פון מאַגאַזין נייע כלים, איך זאָל קענען אָפּקאָכן זיך אַזעלכע מאכלים וואָס פּאַסן מיר.

איך האָב אים צוגעזאָגט צו געבן ענטפער אויפן צווייטן טאָג. איך האָב געוואָלט פרעגן די מיינונג פון דער פּאַרוואַלטעריך. ווען איך בין אין אָוונט אַריין צו דער סעקרעטאַריך, האָט זי שוין געוואוסט וועגן דעם ענין. זי האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס האָט זי אַרויסגערוקט מיין קאַנדידאַטור, ווען דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט זיך צו איר געווענדעט, זי זאָל דורכקוקן די אַנקעטעס, ווייל עס איז נישט פאַראַן צווישן די קראַנקע אַרעסטאַנטן אַ בוכהאַלטער, ווייל ער דאַרף נויטיק האָבן אַ מענטש צו דער אַרבעט. אויך די לייטערין איז געווען וועגן דעם אינפאָרמירט און אויסגעדריקט איר הסכמה. נאָר זי האָט אָנגעזאָגט, אַז צוליב מיין געזונט־צושטאַנד זאָל איך אַרבעטן נאָר 3־4 שעה אין טאָג, און איין טאָג זאָל איך אַרבעטן אינדערפרי און אַ צווייטן טאָג נאָכמיטאָג, כדי עס זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, אַז איך אַרבעט נישט שבת.

אין ערשטן טאָג האָב איך געאַרבעט דריי שעה. ווען דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט איבערגעקוקט וואָס איך האָב געמאַכט פאַר דער צייט, האָט ער מודה געווען, אַז זיינע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט אָט־דעם פאַך ערשט דאָ אין לאַגער, וואָלטן דאָס נישט געמאַכט במשך פון צוויי טעג. דעם זעלבן טאָג האָב איך באַקומען פון מאַגאַזין פּראָדוקטן, קאַרטאָפל, מאַנע־גרויפּן, בוימל, צוקער אויף אַ וואָך צייט. איך האָב יעדן טאָג געקאָכט צו־ביסלעך און שטופּנווייז געקומען צום געזונט.

נאָך אַ געוויסער צייט האָט מיך אַרויסגערופן צו זיך דער קאָמענדאַנט און געפרעגט, פאַרוואָס איך שער נישט אָפּ די באָרד און פּיאות. „איר טוט דאָס צוליב שיינקייט, אָדער צוליב רעליגיעזע טעמים״? — האָט ער געפרעגט.

איך האָב אים געענטפערט, אַז אין לאַגער האָב איך שוין לאַנג אויפ־געהערט צו טראַכטן וועגן שיינקייט. איך בין אַ פרומער איד און אַזוי פאָדערט מיין רעליגיע. ער האָט מיר גענומען זאָגן „מוסר״, אַז איך בין אַן אומדאַנק־באַרער מענטש לגבי דער לייטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג. זי האָט זיך אויף מיר מרחם געווען, אַריינגענומען אין שפּיטאָל, כדי איך זאָל נישט דאַרפן אַזוי שווער אַרבעטן. זי האָט מיר געגעבן באַשעפטיקונג אין דער בוכ־האַלטעריע און דערלויבט צו באַקומען פּראָדוקטן פון מאַגאַזין, און איך טו איר גאָר אָן צרות, דערמיט וואָס איך פיר זיך נישט אין הסכם מיט די אָנ־גענומענע פאָרשריפטן א.ד.גל.

איך האָב זיך גלייך אָריענטירט, אַז דאָס אַלץ איז אַ פּראָוואָקאַציע מצד דעם קאָמענדאַנט, און נישט געלאָזט זיך כאַפּן אין זיין נעץ. איך האָב אים דערקלערט, אַז די לייטערין איז פאַר מיר גאָרנישט אַזאַ גוטע. איך געפין זיך אין שפּיטאָל נישט פון איר טובה, נאָר דערפאַר ווייל די דאָקטוירים האָבן דאָס אויף איר אַרויפגעצוואונגען צוליב מיין ביז גאָר שלעכטן געזונט־צושטאַנד. וואָס שייך די פּראָדוקטן, ווייס זי אַפילו נישט וועגן דעם. דאָס האָט מיר דערליידיקט דער הויפּט־בוכהאַלטער, ווייל ער דאַרף מיך האָבן צו דער אַרבעט. אַלס קראַנקער האָב איך געהאַט די רעכט און מעגלעכקייט צו ליגן אין בעט און וואַרטן אויף מיין אָפּעראַציע. איך אַרבעט נאָר פון מיין גוטן ווילן, און

איך מאַך בעסער ווי אַנדערע צוויי בוכהאַלטערן. אויב ער וועט מיר נישט געבן קיין פּראָדוקטן, וועל איך טאַקע נישט אַרבעטן.

דער קאָמענדאַנט איז געווען איבערראַשט פון מיינע ווערטער. דאָס אַלץ האָט נישט געשטימט מיט דער מסירה קעגן מיר, אַז די אידישע לייטערין האָט מיך דאָ איינגעאָרדנט און געשאַפן ספּעציעלע באַדינגונגען, וואָס האָט, אגב, געשטימט מיטן אמת. אָבער מיין דערקלערונג האָט אויף אים אַזוי גע־ווירקט, אַז איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זיין חשד קעגן דער לייטערין איז נישט באַגרינדעט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מיר די סעקרעטאַרין פון דער ליי־טערין דערציילט, אַז דער קאָמענדאַנט האָט ביי איר געפרעגט צי איך קום אָפּט צו דער לייטערין. זי האָט מיר געזאָגט, אַז איינער פון די אַרעסטאַנטן וואָס איז באַשעפטיקט אין דער בוכהאַלטעריע האָט מיך גע'מסר'ט, און דער־פאַר וועל איך אַ געוויסע צייט מוזן רעזיגנירן פון די פּראָדוקטן, וועלכע איך באַקום פון מאַגאַזין. ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט וועט זי זיך באַמיען אויסצושרייבן דעם מסור פון שפּיטאָל און במילא וועלן מיר פון אים פּטור ווערן און אַלץ וועט ווייטער זיין נאָרמאַל ווי געווען.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז דער מסור, צוזאַמען מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן וועלכע האָבן זיך אויסגעהיילט, אָפּגעשיקט געוואָרן אין לאַגער. איך האָב ווייטער באַקומען די זעלבע פּראָדוקטן און ווייטער געאַרבעט עט־לעכע שעה אין טאָג אין דער בוכהאַלטעריע. פאַר דער צייט זיינען אַדורך די ימים־טובים, ראש־השנה, יום כיפּור און סוכות. קיינער האָט אַפילו נישט באַמערקט, אַז איך האָב נישט געאַרבעט און אַז איך האָב געדאַווענט. איך האָב געבעטן די סעקרעטאַרין אַז זי זאָל מיר אָנגעבן די נעמען פון די אידישע קראַנקע אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין שפּיטאָל, כדי איך זאָל זיי קענען מבקר חולה זיין און עווענטועל העלפן.

דער ערשטער חולה, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט, איז געווען אַ איד פון דעברעצין, אין אונגאַרן. ער איז געווען אַ קליינער און שוואַכער, אין עלטער פון 45 יאָר. אין די דרייסיקער יאָרן האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין פּוילן. נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה איז ער אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. ווען מען האָט אים, אין 1940, אַרעסטירט צוזאַמען מיט נאָך פּוילישע אידן, האָט ער געזאָגט דעם אמת, אַז ער שטאַמט פון אונגאַרן. אין נ.ק.ו.ד. האָט מען אים געגעבן אונטערשרייבן אַן אַקט, אין וועלכן עס איז כלומר'שט געווען געשריבן זיין דערקלערונג, אַז ער איז פון אונגאַרן. ווען ער איז געקומען אין לאַגער, האָט מען אים אַרויסגערופן אין דער „צווייטער אָפּטיילונג", וואו מען האָט אים איבערגעלייענט אַ פּראָטאָקאָל, לויט וועלכן ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז געקומען פון אונגאַרן קיין רוסלאַנד אַלס שפּיאָן פון דער היט־לעריסטישע רעגירונג, פאַר וואָס ער איז פאַר'משפט געוואָרן אויף 5 יאָר שווערער אַרבעט. דערווייל איז ער שוין אָפּגעזעסן 6 יאָר און מען טראַכט אַפילו נישט וועגן באַפרייען אים. פון גרויס צרות און שווערער אַרבעט,

האָט ער באַקומען אַ האַרץ־פּעלער און מען האָט אים געשיקט אין צענטראַלן שפּיטאָל. ער האָט מיר דערציילט, אַז די אידישע לייטערין האָט אים אַ סך געהאָלפן און ממש געראַטעוועט דאָס לעבן. איצט פילט ער זיך שוין גוט. נאָר ער האָט מורא, מען זאָל אים נישט שיקן צוריק צו דער שווערער אַרבעט, וואו ער וועט מיט זיין שלעכטן געזונט נישט אויסהאַלטן.

ער איז געווען פון פאַך אַ צוקער־בעקער און געהאַט אין דעברעצין אַן אייגענע קאַנדיטעריי. איך האָב זיך געווענדעט צו דער סעקרעטאַרין זי זאָל בעטן ביי דער לייטערין, איבערפירן אים צו דער אַרבעט אין קיך פון שפּיטאָל, וואו ער וועט קענען באַקן פאַר די קראַנקע און אויך פאַר דער נאַטשאַלסטווע. נאָך עטלעכע טעג האָט ער טאַקע דאָרט אָנגעהויבן אַרבעטן. איך האָב אויך דערפון געניאָסן. יעדע וואָך האָב איך געהאַט אויף שבת עט־לעכע ווייסע בולקעלעך.

עס איז אָנגעקומען דער יום־טוב חנוכה. מיר האָט זיך שטאַרק פאַר־בענקט צו חנוכה־ליכט. פון אַ שטיקל אַלטע בלעך האָב איך געמאַכט אַ חנוכה־לעמפּל און געבעטן די סעקרעטאַרין, זי זאָל מיר דערלויבן צו צינדן חנוכה־ליכט אין צימער פון אַרכיוו, וואו קיינער קומט נישט אַריין. זי האָט מיר געגעבן דעם שליסל און מיטן בוימל וואָס איך האָב באַקומען צווישן מיינע פּראָדוקטן האָב איך געצונדן דאָס חנוכה־לעמפּל.

איין מאָל, ווען איך בין געקומען בענטשן חנוכה־ליכט האָט מיר די סעקרעטאַרין געזאָגט, איך זאָל נישט פאַרמאַכן די טיר און איך זאָל וואַרטן, ווייל די לייטערין האָט געזאָגט אַז זי וועט קומען. זי איז טאַקע גלייך אָנגע־קומען און געבראַכט אַ מתנה אַ פּעקל ווייסן מעל. „ביי אונז איז געווען אַ מנהג צו באַקן חנוכה־לאַטקעס — האָט זי געזאָגט — האָב איך אייך דאָס געבראַכט, כדי מיר זאָלן זיך קענען מאַכן אַן אמת׳ן חנוכה־אָוונט. מאָרגן איז זונטיק, ווען קיינער קומט נישט אין קאַנטאָר, וועט איר דאָס קענען מאַכן״.

דער בלעכער פון שפּיטאָל האָט מיר געמאַכט אַ פּראָוויזאָרישע פּאַטעל־ניע און איך האָב געבאַקן לאַטקעס. אין אָוונט איז געקומען די לייטערין פון דער סאַניטאַר־אָפּטיילונג צוזאַמען מיט דער סעקרעטאַרין. איך האָב געבענטשט חנוכה־ליכט און מיר האָבן געגעסן לאַטקעס און געטרונקען טיי.

— שוין מער ווי 20 יאָר ווי איך האָב נישט פאַרזוכט קיין לאַטקעס — האָט געזאָגט די לייטערין מיט טרערן אין די אויגן. — דער היינטיקער אָוונט דערמאַנט מיך אין מיינע קינדער־יאָרן, מיינע עלטערן, מיין היים. דאָס איז געווען ביי אונז אַ פריילעכער יום־טוב. די שטוב איז געווען באַלויכטן, עס זיינען געקומען געסט, דער טאַטע האָט אונז, קינדער, געגעבן חנוכה־געלט. רבי, ווי מיינט איר — האָט זי געפרעגט — וועלן מיר נאָך אַמאָל דערלעבן צו צינדן חנוכה־ליכט אָן מורא? מיר וועלן נאָך קענען זיך פרייען מיטן נס פון חנוכה אַזוי ווי דאָס איז געווען אַמאָל? און אפשר לעבן מיר אין משיח׳ס צייטן, ווייל מען זאָגט דאָך, אַז דעמאָלט וועלן אידן האָבן אויסצושטיין שווערע ליידן.

איך האָב זי געטרייסט, אַז זי וועט נאָך געוויס דערלעבן גוטע צייטן פאַר אידן. די גמרא זאָגט, אַז דער וואָס ראַטעוועט דאָס לעבן פון איין איד, איז פונקט ווי ער וואָלט געראַטעוועט די גאַנצע וועלט. און איר האָט דאָך גע־ראַטעוועט אַ סך אידן — האָב איך געזאָגט — איז אין דעם זכות וועט איר דערלעבן אויך משיח׳ס צייטן, איר וועט נאָך זען גרויסקייט און שיינקייט ביים אידישן פאָלק.

זי האָט זיך צעוויינט. — איך בין אייך מקנא מיט אייער אמונה — האָט זי געזאָגט. — דאָ אין לאַגער, ווען מען קוקט זיך צו צו אַזויפיל צרות, זיינען פאַראַן מאָמענטן ווען עס ווילט זיך שוין מער נישט לעבן.

עטלעכע טעג נאָך חנוכה האָט מיך אַרויסגערופן דער קאָמענדאַנט און דערקלערט, אַז ער האָט אַ באַפעל פון דער דריטער אָפּטיילונג אַריבערצופירן מיך צוריק אין לאַגער, נאָר עס פעלט נאָך די הסכמה פון דער פאַרוואַלטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג.

— אויב איר זייט איר באמת אַ גוטער פריינט — האָט ער געזאָגט — דאַרפט איר אַליין בעטן זי זאָל אייך אויסשרייבן פון שפּיטאָל. אין קעגנפאַל דראָט, אַז מען וועט זי באַפרייען פון דער אַרבעט און זי וועט נאָך דערצו באַקומען אַ גרויסע שטראָף. דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג האָט שוין פון לאַנג געמאַכט איר אויפמערקזאַם, אַז זי שטעלט זיך צופיל איין פאַר אַלע אידישע אַרעסטאַנטן, וועלכע געניסן פון איר פּראָטעקציע, וואָס איז נישט דערלאָזבאַר. ווי לאַנג אָבער עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן סתם אַ אידן — האָט ער אונטערגעשטראָכן — האָבן מיר דאָס פאַרשוויגן. אָבער מיט אייך וועט עס נישט אָנגיין אַזוי גלאַטיק. זי דערלויבט אייך צו טראָגן אין שפּיטאָל אַ באָרד און פּיאות, איר באַקומט ווייטער פּראָדוקטן פון מאַגאַזין, כדי איר זאָלט נישט עסן פון דער קיך, ווייל איר ווילט זיין אַן אויסנאַם פון אַלע אַרעס־טאַנטן, און צום סוף האָט איר זיך גאָר דערלויבט צו צינדן חנוכה־ליכט. איר מיינט אַז מיר וויסן נישט וועגן אַלץ וואָס איר טוט דאָ אויף? פאַר אונז זיינען נישטאָ קיין סודות. דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג האָט מיר אַפילו אויפגעקלערט דעם באַדייט פון אייער יום־טוב חנוכה. דאָס צינדט איר ליכט כדי דערמאָנען די צייטן, ווען איר האָט אויסגעהרג׳עט די גריכן, וועלכע האָבן געוואָלט ברענגען ליכט און וויסן צו די אידן. סוף־כל־סוף — האָט ער געזאָגט — זייט איר, אידן, אַ פאָלק פון רוצחים, און דערפאַר האָט מען אייך נישט ליב. אויך היינט זייט איר גרייט אויסצוהרג׳ענען אַלע אַראַבער און פאַרכאַפּן מיט כוח פאַלעסטינע, כדי דאָרט ווידער צו שאַפן אייער מלוכה.

צום סוף האָט ער מיר געוואָרנט אַז איך זאָל וואָס שנעלער צוריקגיין אין לאַגער און דערמיט פאַרשפּאָרן פיל צרות זיך און דער לייטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג.

איך האָב ווייטער געלייקנט, אַז איך זאָל האָבן וועלכע עס איז ספּע־ציעלע פאַרבינדונגען מיט דער פאַרוואַלטערין. איך בין אין שפּיטאָל דערפאַר, ווייל איך בין קראַנק, וואָס קען באַשטעטיקט ווערן דורך אַ קאָמיסיע פון דאָק־

טוירים. דעריבער דאַרף מען מיך נישט שרעקן, ווייל מען האָט מיר שוין סיי־ווי אָנגעטאָן די גרעסטע צרות און אומשולדיקט מיך פאַר׳משפט.

דער ענין האָט אָבער ביי מיר געוועקט אומרו. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאַכט דער דאָזיקער רשע פון אייגענער איניציאַטיוו. איך האָב אָבער נישט געוואוסט, אויף וויפל דאָס קען אים געלונגען. ביי די מערדער איז דאָך נישט אויסגעשלאָסן די ערגסטע געמיינהייט. בין איך טאַקע גלייך אַוועק צו דער סעקרעטאַרין און געבעטן זי זאָל וואָס שנעלער איבערגעבן דאָס אַלץ דער לייטערין. דערביי האָב איך געבעטן, זי זאָל זיך פאַרטראַכטן, צי איך זאָל טאַקע נישט צוריקגיין אין לאַגער, ווייל איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז זי זאָל צוליב מיר ליידן.

צומאָרגנס האָט מיך די סעקרעטאַרין באַרואיקט. די לייטערין האָט מיר איבערגעגעבן, אַז איך זאָל זיך נישט זאָרגן. וואָס שייך איר פּאָסטן, איז זי זיכער, ווייל זי איז אין גוטע באַציאונגען מיטן הויפּט־נאַטשאַלניק פון לאַגער, זי היילט אים און זיין משפחה. די גאַנצע מעשה האָט צוגעטראַכט דער קאָ־מענדאַנט, וועלכער האָט זיך דערוואוסט, אַז מען שיקט אים איבער אין אַ צווייטן לאַגער. דאָס האָט ער געוואָלט מיט אַן אינטריגע קעגן דער לייטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג געווינען סימפּאַטיע ביי דער אָנפירונג, און דערמיט ראַטעווען זיין פּאָזיציע. ער ווייס אָבער נישט, אַז ער האָט דערמיט נאָך מער פאַרשפּילט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז דער זעלבער קאָמענדאַנט געקומען אין בוכהאַלטעריע בעטן אַ צעטל, אַז ער איז נישט פאַרשולדיקט. דאָס איז אים נויטיק געווען אין צוזאַמענהאַנג מיטן איבערגיין צו דער אַרבעט אין אַ צווייטן לאַגער. דער הויפּט בוכהאַלטער איז גראָד געווען פאַרנומען, האָט ער געהייסן איך זאָל אים אַרויסגעבן דעם צעטל. איך האָב אויפגעזוכט זיין קאַר־טאָטעקע און דערזען, אַז ער האָט אַ חוב פון 600 רובל פאַר פּראָדוקטן, וועלכע ער האָט גענומען אין מאַגאַזין. איך האָב זיך אָבער געמאַכט נישט ווויסנדיק און אָנגעשריבן, אַז ער איז גאָרנישט שולדיק. דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט אונטערגעשריבן און דער קאָמענדאַנט איז אַוועק אַ צופרידענער. ער האָט אַוודאי געטראַכט, אַז דאָס האָב איך געטאָן אויס מורא פאַר אים און געוואָלט אים דערמיט קויפן. איך האָב אָבער געהאַט מיין אויסרעכענונג — איך האָב געוואָלט וואָס שנעלער פון אים פּטור ווערן.

צומאָרגנס האָב איך געמאָלדן דעם הויפּט־בוכהאַלטער, אַז על־פּי טעות האָב איך נעכטן אַרויסגענומען די קאַרטאָטעקע פון אַ צווייטן אָפיציר מיט אַן ענלעכן נאָמען. שפּעטער ערשט האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דער קאָמענ־דאַנט איז שולדיק־געבליבן 600 רובל. כדי דאָס צו פאַרריכטן האָב איך אָנ־געשריבן אַ בריוו אין דעם לאַגער וואו דער קאָמענדאַנט געפינט זיך איצט און געבעטן אַז מען זאָל אים אַראָפּרעכענען דאָס געלט פון זיינע שכירות און איבערשיקן צו אונז.

דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט זיך געוואונדערט וואָס איך האָב געמאַכט

אַזאַ טעות, אָבער איינציייטיק איז ער געווען צופרידן, וואָס איך האָב זיך באַצייטנס געכאַפּט, און זיי וועלן נאָך באַווייזן צו שיקן דאָס געלט פאַרן שליסן דעם יערלעכן בילאַנס.

ווען איך האָב, ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט דערציילט וועגן דעם דער פּאַרוואַלטערין, האָט זי שטאַרק געלאַכט, ווי אַזוי איך האָב זיך נוקם געווען אין דעם רשע. זי איז אויך געווען ביי דער מיינונג, אַז דאָס איז געווען אַ ביז גאָר געלונגענער איינפאַל פון מיין זייט, ווייל צוליב דעם חוב האָט מען נאָך געקענט דעם דאָזיקן מנוול פאַרהאַלטן ביי אונז אין לאַגער.

עס איז געקומען די צייט פון מאַכן דעם בילאַנס פאַרן יאָר 1945. דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט זיך געווענדעט צו מיר, איך זאָל אַרבעטן לכל־הפּחות 6 שעה אין טאָג, ווייל דער בילאַנס מוז זיין גרייט ביזן 20־טן יאַנואַר און עס איז דאָ זייער אַ סך אַרבעט. איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס איז אָפּ־הענגיק אין מיין געזונט־צושטאַנד. בפּרט איצט, בעת די גרויסע פרעסט, ווען די פיס זיינען ביי מיר כסדר געשוואָלן. איך האָב אים דערביי צוגעזאָגט, אַז איך וועל טאָן אַלץ, אַפילו איבער מיינע כוחות כדי דער בילאַנס זאָל זיין געמאַכט צו דער באַשטימטער צייט.

במשך פון די צוויי וואָכן האָב איך באמת געאַרבעט איבער די כוחות. צוויי טעג פאַרן טערמין איז דער בילאַנס אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער צענ־טראַלע. דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט אַלס אָנערקענונג באַקומען אַ פּרעמיע פון 1400 רובל. 400 רובל האָט ער מיר געגעבן. „איך ווייס — האָט ער גע־זאָגט — אַז דאָס האָב איך איך צו פאַרדאַנקען, און פאַקטיש האָט איר פאַר־דינט די גאַנצע פּרעמיע.

אין פעברואַר האָט מען געבראַכט אין שפּיטאָל אַן אַלטן איד אין זייער אַ שווערן צושטאַנד. ער האָט געהאַט אַ פאַרפאַל ביי דער אַרבעט. מען האָט אים שלעכט פאַרבאַנדאַזשירט די וואונדן, וואָס האָט גורם געווען אַ גרויסן בלוט־אָפּפלוס. מען האָט באַדאַרפט וואָס שנעלער מאַכן אים אַ בלוט־טראַנס־פוזיע. עס האָט זיך געטראָפן נאָר איין אַרבעטער מיט דער נייטיקער בלוט־גרופּע. ער האָט מסכים געווען צו געבן בלוט, נאָר מיטן באַדינג, אַז ער וועט דאַרפן באַקומען אַ קילאָ פּוטער, וואָס האָט דאַן געקאָסט אויפן שוואַרצן מאַרק בערך 400 רובל, וועלכע דער איד האָט פאַרשטייט זיך נישט געהאַט.

די סעקרעטאַרין, וועלכע האָט מיר וועגן דעם דערציילט, האָט צוגע־געבן, אַז זי האָט אים געוואָלט געבן בלוט, נאָר איר גרופּע האָט אים נישט געפּאַסט.

איך האָב דאַן געזאָגט, אַז דאָס האָט מיר מן־הסתם ג־ט צוגעשיקט די 400 רובל, וועלכע איך האָב באַקומען, כדי מיר זאָלן האָבן פאַר וואָס צו ראַטעווען אַ אידן. איך האָב געגעבן דאָס געלט און אַ קראַנקן־שוועסטער האָט געבראַכט אַ קילאָ פּוטער. נאָך דעם זעלבן טאָג האָט מען געמאַכט די טראַנספוזיע און געראַטעוועט דעם איד פון אומקום.

אין אָוונט האָט מיך די פאַרוואַלטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג גערופן צו זיך. זי איז געווען אונטער דעם איינדרוק פון דער הילף, אַ דאַנק וועלכער מיר האָבן געהאָלפן ראַטעווען דעם אידן.

— איך קום אַלץ מער צו דער איבערצייגונג — האָט זי געזאָגט — אַז דאָס פירט דער אויבערשטער מיט אונז.

זי האָט מיר אויסגעדריקט אַ דאַנק, דערפאַר וואָס איך בין אַ מענטש וואָס לעבט נישט נאָר פאַר זיך, נאָר שטענדיק גרייט צו העלפן אַ צווייטן.

פון דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, וועלכע איך האָב געהאָט ביים באַ־לאַנס, בין איך געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט. די פאַרוואַלטערין האָט דאָס באַ־מערקט און געהייסן מיר גיין אויף אַן אונטערזוכונג צום ספּעציאַליסט פון האַרץ־קראַנקייט.

דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז איך מוז זיך אָפּרוען און לכל־הפּחות אַ חודש צייט נישט אַרבעטן. אויסער דעם האָט ער מיך געשיקט צום כירורג, ער זאָל זאָגן זיין מיינונג בנוגע צו דעם געשווילעכץ פון די פיס.

דינסטיק, בעת דער וואָכנטלעכער וויזיטאַציע איז אַריינגעקומען אין מיין צימער אין שפּיטאָל די פאַרוואַלטערין אין באַגלייטונג פון ביידע דאָק־טוירים, וועלכע האָבן מיר געהיילט. זיי האָבן מיר גענוי אונטערזוכט און נאָך אַ באַראַטונג פאַרשריבן פאַר מיר אַ ספּעציעלע דיעטע, מיט אַ גרעסערע דאָזע פּוטער. איך האָב באַקומען יעדן טאָג אַ גלאָז מילך און 25 גראַם צוקער, און יעדע וואָך 5 קילאָ קאַרטאָפל און דריי הונדערט גראַם פּוטער. די דאָק־טוירים האָבן מיר געהייסן אַרויסגיין יעדן טאָג אויף דער לופט. האָב איך שפּאַצירט אין די אָוונטן צוזאַמען מיט אַ איד וואָס האָט געאַרבעט אין קיך אַלס בעקער. מיר פלעגן שמועסן וועגן השגחה פּרטית, אַז דער אויבערשטער פירט אַן מיט יעדערן פון אונז, און ספּעציעל אין לאַגער זעט מען דאָס יעדן טאָג באַשיינפּערלעך.

אין איינעם פון יענע טעג איז געקומען אין שפּיטאָל אַ איד, וועלכער האָט מיר געבראַכט אַ בריוו פון מאָטעס'ן. מיין גוטער פריינד האָט זיך אָנ־געפרעגט אין בריוו אויף מיין געזונט, און האָט געבעטן אַז איך זאָל אים שרייבן אין וואָס איך נויטיק זיך, וועט ער מיר שיקן.

איך האָב אים גלייך געענטפערט, אַז איך דאַנק אים פאַר זיין זאָרגן וועגן מיר. איך האָב אים געבעטן אַז ער זאָל מיר גאָרנישט שיקן און נישט שרייבן מער קיין בריוו. איך האָב אים אַזוי געשריבן, ווייל איך האָב נישט געוואָלט אַז ער זאָל ליידן צוליב מיר.

דעם בריוו האָב איך געגעבן אַן אַרעסטאַנט, וואָס האָט זיך באַדאַרפט באַפרייען פון לאַגער. איך האָב אים געבעטן אַז ער זאָל אין מאָסקווע אַריינ־וואַרפן דעם בריוו אין אַ פּאָסט־קעסטל.

# דער דריטער אַרעסט

אַכט טעג אין חודש אדר א׳ תש״ו (9־טער פעברואַר 1946), מוצאי שבת, ווען איך האָב גראָד געפּראַוועט מלוה־מלכה, זיינען אַריין צו מיר צוויי סאָלדאַטן מיט אַ באַפעל פון קאָמענדאַנט מיך צו אַרעסטירן. זיי האָבן געמאַכט ביי מיר אַ פּערזענלעכן רעוויזיע און געהייסן גיין מיט זיי.

מיר זיינען אַרויס פון לאַגער און נאָך אַ לענגערן וועג זיינען מיר צוגעקומען צו אַן איין־שטאָקיקע הילצערנע געביידע, וועלכע איז געווען אַרומ־געצוימט מיט אַ פּאַרקאַן פאַרצויגן מיט שטעכל־דראָט. אַרום דער געביידע זיינען געווען הויכע וואַך־טורעמס, אויף וועלכע עס זיינען געשטאַנען באַ־וואָפנטע סאָלדאַטן. די געביידע האָט מען גערופן „טיזא״, וואָס האָט באַדייט אַ תפיסה פאַר מענטשן וועלכע האָבן געוואַרט אויף זייער משפט פאַר פאַר־ברעכנס, וועלכע מ׳איז באַגאַנגען אין לאַגער.

מען האָט מיך אַריינגעפירט צום נאַטשאַלניק פון תפיסה. צוויי סאָלדאַטן האָבן מיך נאָכאַמאָל באַזוכט, צוגענומען ביי מיר דעם פּאַסעק פון די הויזן, אַ מעסער, אַ בליי־פעדער און די ברילן. נאָך דעם האָט מען מיך אַריינגע־פירט אין אַ קליינעם קאַמער, וואו עס איז געווען פּלאַץ נאָר פאַר איין פּערזאָן. אַלע טאָג האָט מען מיר געגעבן 400 גראַם ברויט און אַ מיטאָג מיט געקאָכטע פליישׁ. די געקאָכטע מאכלים האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט גענומען. דער סאָלדאַט האָט זיך נישט געשעמט און דאָס גלייך אויפגעגעסן.

אויפן פערטן טאָג האָט מען מיך אַרויסגעפירט, צום ערשטן מאָל, אויף אַ 15־מינוטיקן שפּאַציר. נאָך דעם האָט מען מיך אַריינגעפירט צום נאַטשאַל־ניק פון תפיסה, וועלכער האָט מיך געקענט פון די פריערדיקע לאַגערן. ער האָט מיך אויפגענומען זייער פריינטלעך און צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג מיר פאַרגעלייגט איך זאָל ביי אים קויפן טאַבאַק. ווען איך האָב ביי אים געקויפט אַ גלאָז טאַבאַק האָט ער מיר נאָך צוגעגעבן אַ פרישן צייטונג צום לייענען, הגם דאָס איז געווען פאַרבאָטן. אָבער ער האָט מיך געקענט און גע־וואוסט, אַז איך וועל אים נישט אויסגעבן. סיי־ווי האָט ער נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. אַן אַרעסטאַנט האָט נאָך קיינמאָל נישט געוואונען קעגן אַ נאַטשאַלניק.

אין דער זעלבער נאַכט האָט זיך געעפנט די טיר פון מיין קאַמער און אַ סאָלדאַט האָט מיר געגעבן אַ פוטער, אַ וואַרעם היטל און וואַלענקעס. די אַלע בגדים זיינען געווען שרעקלעך גרויס אויף מיר. דער סאָלדאַט האָט מיר געגעבן אַ שטריק אַרומצובינדן די בגדים, כדי זיי זאָלן פון מיר נישט אַראָפּפאַלן. ער האָט מיך אַרויסגעפירט פון תפיסה און געהייסן גיין.

דער וועג איז געווען פאַרשאָטן מיט שניי, וועלכער האָט דערגרייכט ביז דער קני. ער האָט מיך אונטערגעטריבן איך זאָל גיין שנעלער. איך בין שוין כמעט ווי געלאָפן און ער האָט אַלץ געשריגן: גיכער, פאָראויס! אַזוי

בין איך געלאָפן בערך אַ שעה צייט אין טיפן שניי. איך בין געווען נאָס פון שווייס, כאָטש די פראָסט איז געווען בערך 40 גראַד מינוס. ווען מיר זיינען שוין געווען נאָענט צו אַ צוויי־שטאָקיקער הילצערנער געביידע, וואוהין ער האָט מיך געפירט, האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און איך האָב זיך געזעצט אויפן שניי.

ער האָט מיך אָבער נישט געלאָזט זיצן. מיט די לעצטע כוחות בין איך אַרויף אויפן צווייטן שטאָק, וואו דער סאָלדאַט האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער.ביים שרייב־טיש זיינען געזעסן זיבן מענטשן אין מונדירן פון נ.ק.וו.ד., פון וועלכע איינער איז געווען אין ראַנג פון אַ פּאָלקאָווניק. אין צימער איז געווען שטאַרק הייס. דער אייזערנער אויוון וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל איז געווען אָנגעגליט אויף רויט. איך בין געשטאַנען אין מיינע שווערע בגדים, נאָך דעם אויסמאַטערנדיקן וועג. איך האָב געפילט, אַז איך וועל נישט אויסהאַלטן. איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פון מיר דאָס פוטער.

דער פּאָלקאָווניק איז געוואָרן אין כעס. „איר זייט אַ דערפאַרענער אַרעסטאַנט און ס'איז שוין צייט אַז איר זאָלט קענען די כללים פון דיסציפּלין. מיר האָבן אייך נישט דערלויבט אויסטאָן דעם פוטער, דעריבער דאַרפט איר עס שוין אָנטאָן צוריק".

ער האָט מיר גענומען דראָען מיט פאַרלייגן קייטן אויף די הענט. אָבער איך האָב שוין מער נישט געהערט. אין בין געפאַלן אין חלשות. מען האָט מיר באַגאָסן מיט קאַלטע וואַסער און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיין האַרץ ווערט צעריסן. ס'איז מיר געווען שרעקלעך הייס, און זיצנדיק אויף דער ערד האָב איך אויך אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם בושלאַט (אַ וואַרעמער בגד פון וואַטע). דער פּאָלקאָווניק איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט באַפוילן איך זאָל גלייך אָנטאָן צוריק דעם בושלאַט און דעם פוטער. אין קעגנפאַל האָט ער געדראָט, וועט ער מיר אָנטאָן קייטן.

איך האָב אָבער נישט געקענט קומען צו זיך. האָבן זיי אַרויסגערופן אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט מיר אונטערזוכט. „דער מענטש האָט אַ האַרץ־אַטאַקע — האָט ער דערקלערט. — אויב איר וועט אים דאָ האַלטן, וועט איר נישט האָבן וועמען צו משפּט'ן, ווייל ער וועט נישט אויסהאַלטן.

ווען דער דאָקטאָר איז אַוועק, האָט דער פּאָלקאָווניק אַרויסגענומען פון זיין טעקע דעם בריוו וועלכן איך האָב געשריבן מאַטעס'ן.

דער בריוו — זאָגט דער פּאָלקאָווניק — איז אַ קעגנדיקער באַווייז, און אויפן סמך פון דעם קענען מיר אייך באַשטראָפן מיט טויט־שטראָף. אָבער מיר זיינען נישט קיין מערדער. מיר זיינען נישט פאַראינטערעסירט צו הרג'ענען מענטשן. מיר ווילן אייך איבער־דערציען, כדי איר זאָלט ווערן אַ נוצלעכער בירגער פון אונזער פאָטער־לאַנד. דערצו איז אָבער נויטיק, אַז איר זאָלט זיך מודה זיין אויף די פאַרברעכנס וועלכע איר זייט באַגאַנגען אין לאַגער. דאָס וועט זיין פאַר אונז דער ערשטער סימן, אַז איר ווילט ווירקלעך ווערן אַן ערלעכער סאָוועטישער בירגער.

דאָ האָט ער גענומען אויסרעכענען אַ לאַנגן צעטל פון מיינע „פאַר־ברעכנס״:

— פון דעם ערשטן מאָמענט ווען איר זייט געקומען אין לאַגער, האָט איר אָן אויפהער געפירט אַן אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע. שוין אין יאָר 1937, ווי נאָר איר זייט אַרויס פון דעם וואַגאָן, מיט וועלכער איר זייט געקומען, האָט איר אויסגערופן, אַז די אַלע מענטשן וואָס זיינען געקומען מיט אייער עטאַפּ זיינען אומשולדיקע קרבנות, וועלכע מען האָט מיט פּייני־קונגען בעת דער אויספאָרשונג געצוואונגען זיך מודה זיין אויף פאַלשע באַ־שולדיקונגען. איר האָט זיך אַפילו דערלויבט אויסדריקן, אַז מיר — די נ. ק. וו. ד. — האָבן געמאָרדעט מענטשן.

— מיט זיבן יאָר צוריק — האָט ער פאָרגעזעצט — ווען מען האָט געבראַכט אין לאַגער די פּוילישע אידן און עס איז געווען אַ בפירוש׳ע פאַר־אָרדענונג, אַז מען טאָר מיט זיי נישט האָבן קיין שום מגע־ומשא, האָט איר דער ערשטער מיט זיי אָנגעבונדן קאָנטאַקטן. מיר האָבן די דאָזיקע מענטשן אַריינגענומען צו זיך אין לאַנד, געגעבן זיי דירות, אַרבעט און פּרנסה. אָבער אַנשטאָט דאַנקבאַרקייט צו דער ראַטנמאַכט, האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט שפּעקולאַציע און רכילות קעגן דער סאָוועטישער אָרדענונג, אָפּגעזאָגט זיך אָנצונעמען די סאָוועטישע בירגערשאַפט; איר זייט געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די דאָזיקע בלוטיקע שונאים אונזערע, און נישט נאָר אַליין, נאָר אויך אָרגאַניזירט אַנדערע צו געבן זיי הילף אין זייער קאַמף קעגן אונז.

— די גאַנצע צייט וואָס איר זייט אין לאַגער ווילט איר נישט אַרבעטן שבת. אויב דאָס איז נאָך ווייניק, אָרגאַניזירט איר אויך אַנדערע צו דער פינסטערער פּראַקטיק. אַפילו דאָס אינגעלע וואָס איז געווען צוזאַמען מיט אייך אין לאַגער, אַ קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן שוין בעת דער ראַטנמאַכט און האָט נישט קיין אַנונג וועגן דעם פאַרשאָלטענעם קאַפּיטאַליזם, האָט איר אויך אים באַוויזן צו פאַרדרייען אַ מוח און אַריינגעצויגן אים אין אייערע פינסטערע אָבערגלויבנס, אַז ער זאָל נישט אַרבעטן שבת, נישט זיין גע־האָרכזאַם צו דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע.

— איר האָט זיך אויך פאַרנומען מיט רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע אויסער דעם לאַגער. אָט האָבן מיר פאַר זיך צוויי בריוו, וועלכע איר האָט אַרויס־געשיקט אומלעגאַל דורך דער פאַרמיטלונג פון אַן אַרעסטאַנט, וועלכער איז באַפרייט געוואָרן. מיר ווייסן, אַז איר האָט אַ גוטן זכרון און איר וועט אונז זאָגן, וויפל אַזעלכע בריוו און צו וועמען איר האָט נאָך געשיקט.

— אויב איר וועט זיך מודה זיין אויף אייערע פאַרברעכנס, וועט דער אורטייל זיין אַ מילדער. איר וועט באַקומען 5 יאָר. מיר ווייסן, אַז איר זייט אַ קוואַליפיצירטער בוכהאַלטער. מיר וועלן אייך געבן אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין אייער פּראָפעסיע, און פאַר גוטער אַרבעט קענט איר דערגרייכן, אַז מען זאָל אייך שענקען אַ העלפט פון דער שטראָף. איר וועט דאַן אַרויס פונעם לאַגער מיט אַ גוטע רעקאָמענדאַציע און באַקומען די מעגלעכקייט צו

לעבן ערלעך ווי אַלע סאָוועטישע בירגער. אויב איר וועט ווייטער זיין פאַר־עקשנ׳ט און נישט אויסדריקן חרטה אויף אייערע מעשים, וועט איר אַליין טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם טויט־אורטייל, וועלכן איר וועט באַקומען. מיר וועלן אייך געבן אַביסל צייט צום איבערטראַכטן זיך — האָט פאַרענדיקט דער פּולקאָווניק.

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך דאַרף זיך נישט איבערטראַכטן, ווייל איך האָב שוין פון לאַנג באַשלאָסן נישט אונטערצושרייבן קיין שום פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן מיר.

ער האָט מיר אַפילו נישט געענטפערט. ער האָט אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל מיך אָפּפירן אין דעם קאַמער נומער 3.

עס איז אַריינגעקומען אַ סאָלדאַט און האָט מיך אָפּגעפירט צוריק אין תפיסה. דער נאַטשאַלניק פון תפיסה האָט מיר אָנגעזאָגט אַ גוטע בשורה: עס האָט טעלעפאָנירט צו אים די פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל, און האָט געבעטן, מען זאָל מיר געבן יעדן טאָג אַ ליטער מילך, ווייל איך בין אַ קראַנקער. ער האָט מיר אויך געגעבן אַן עצה, אַז איך זאָל אָנשרייבן אַ באַפּולמעכטיקונג, מען זאָל אים אויסצאָלן דאָס געלט וואָס איך האָב אין לאַגער און ער וועט מיר קויפן דערפאַר פּראָדוקטן.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ איז געווען שקר וכזב. ווי נאָר איך האָב אונטערגעשריבן די באַפּולמעכטיקונג, האָט ער זיך גלייך געביטן און געגומען מיך זידלען, אַז איך וויל מלחמה האַלטן מיט דער ראַטנמאַכט. „קיינער האָט נאָך מיט אונז נישט געוואונען״ — האָט ער געזאָגט. און געהייסן מיך אָנ־פירן מיטן קאַמער נומער 3.

דאָס איז געווען אַ קאַמער פון גרויל און פּיין. ווי נאָר איך בין דאָרט אַריין, בין איך געבליבן שטיין אַ פאַרטומלטער. די גרויס פון צימער איז געווען אַ האַלבן מעטער. ס׳איז נישט געווען קיין פענסטער און ס׳איז נישט דערגאַנגען קיין לופט און קיין ליכט. אַ גאַנצן מעת־לעת האָט געברענט אַן עלעקטריש לעמפּל, מיט גאָר אַ קליינער גרויער ליכט, פון וועלכער עס האָבן ווי־געטאָן די אויגן. מען האָט נישט געוואוסט ווען ס׳איז טאָג און ווען נאַכט. אין דער לינקער זייט איז געשטאַנען אַן אייזערנער עמער מיט אַ הילצערנעם דעקל. פון דער רעכטער זייט איז געשטאַנען אַ גרויסער אויוון באַדעקט מיט בלעך, וועלכער איז געווען באַהייצט פון דרויסן. די היץ איז געווען שטאַרק, און ס׳איז נישט געווען קיין לופט צום אָטעמען.

קיין טיש און קיין בענקל וואו זיך צו זעצן איז נישט געווען. אָנשטאָט אַ בעט איז געווען ברעטער פאַרהאַנגען הויך אונטער דער סטעליע, צו וועלכע מען האָט געדאַרפט אַרויפקלעטערן דורך דריי שטיקלעך האָלץ, וועלכע זיינען געווען צוגעקלאַפּט צו דער וואַנט. לאַנג שטיין אויף מיינע קראַנקע פיס האָב איך נישט געקענט. איך האָב אַרויפגעקלעטערט אויף מיין „בעט״, וואָס איז

געוועז קוים אַ האַלבן מעטער פון דער סטעלע, אַזוי, אַז מען האָט געקענט ליגן נאָר אין איין פּאָזיציע, אויסדרייען זיך איז נישט געווען מעגלעך. אויבן איז געווען נאָך הייסער. איך האָב זיך געבאָדן אין שווייס, און נישט געקוקט אויף מיין מידקייט האָב איך נישט געקענט רואיק שלאָפן. איך האָב קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן.

וועגן דעם, אַז ס'איז שוין טאָג, האָב איך זיך משער געווען, ווען איך האָב דערהערט, אַז מען האָט די אַרעסטאַנטן פון די אַנדערע קאַמערן אַרויס־געלאָזט צום וואַשן. איך האָב נישט געהאַט די רעכט דערצו. דער וועכטער האָט געעפנט דאָס פענסטערל אין טיר און מיר געגעבן אַ טעפל וואַסער פון בערך צוויי ליטער און אָנגעזאָגט, אַז דאָס דאַרף מיר סטייען אויף אַ גאַנצן מעת־לעת, נישט נאָר צום טרינקען, נאָר אויך צום וואַשן, און נישט נאָר זיך, נאָר אויך דעם דיל. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט מיר געקלעקט קוים אויף וואַשן די הענט און דאָס פּנים און אַ קליין ביסל צום טרינקען נאָכן אויפעסן דאָס שטיקל ברויט וואָס איך האָב באַקומען. דעם דיל האָב איך שוין נישט געוואַשן.

אַ שעה שפּעטער איז אַריינגעקומען דער פעלדשער. ער האָט געבראַכט דריי טאַבלעטן און געזאָגט, אַז דאָס האָט מיר געשיקט די לייטערין פון שפּי־טאָל, איך זאָל דאָס נעמען דריי מאָל אין טאָג. איך האָב פאַרשטאַנען וואָס פאַראַ טאַבלעטן דאָס זיינען און פאַר די אויגן פון פעלדשער האָב איך זיי אַריינגע־וואָרפן אין עמער. ער איז געווען אַן אָנשטענדיקער מענטש, כאָטש ער האָט געמוזט אויספירן די דאָזיקע פינסטערע מיסיע פון אָפּנאַרן. ער האָט געוואוסט, אַז די טאַבלעטן ווירקן אויף צעטומלען דעם מענטש כדי ער זאָל בעת דער אויספאָרשונג אונטערשרייבן אַלץ וואָס מען הייסט. ער איז אַרויס נישט אויס־רעדנדיק קיין וואָרט.

פאַרנאַכט האָט מען מיר געבראַכט, אין אַ שוואַרץ שמוציק טעפל, געקאָכטע מילך. איך האָב דאָס נישט געוואָלט צונעמען און דערקלערט דעם סאָלדאַט, אַז דער נאַטשאַלניק האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל קענען די מילך קאָכן אין אַ ספּעציעל טעפּל ביי אים אין צימער. ער האָט זיך צעלאַכט און געענטפערט, אַז איך בין נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער, וועמען ער האָט אָפּגענאַרט. „אונזער נאַטשאַלניק איז זייער אַ גוטער — האָט געזאָגט דער סאָלדאַט — ביז ער באַקומט נישט אַרויס ביים אַרעסטאַנט זיינע פּאָר אָרעמע קאָפּיקעס. שפּעטער ווייזט ער ערשט וואָס ער קען.

די נאַכט איז געווען ביי מיר זייער אַ שווערע. איך האָב נישט געקענט איינליגן אויף מיין „בעט". די היץ איז געווען גרויס און איך האָב נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען. ווען איך בין אַראָפּ פון מיין געלעגער, האָב איך ווידער נישט געקענט שטיין אויף מיינע קראַנקע פיס. האָב איך אַזוי געקלעטערט אַהין און צוריק אַ גאַנצע נאַכט און נישט געקענט זיך געפינען קיין אָרט.

אינדערפרי האָט מיר דער פעלדשער ווידער געבראַכט די פּאָרציע

טאַבלעטן, וועלכע איך האָב ווידער גלייך אַריינגעוואָרפן אין עמער. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט באַדויערן און פאַרגעלייגט מיר טראָפּנס צום שטאַרקן דאָס האַרץ. „דאָס קענט איר נעמען — האָט ער געזאָגט — דאָס גיב איך אייך פון אייגענער איניציאַטיוו״, וואָס איז געווען אַ רמז און אַ פאַרענטפערונג פאַר די טאַבלעטן. איך האָב מסכים געווען. ער האָט אַריינגעגאָסן אין אַ ריין פלעשעלע מיט וואַסער וואַלעריאַן־טראָפּנס. איך האָב עס אויסגעטרונקען און עס איז מיר געוואָרן גרינגער. מיר האָבן מער נישט אויסגערעדט צווישן זיך קיין איין וואָרט.

אַ גאַנצן טאָג בין איך געשטאַנען אויף די פיס. אָוועקלייגן זיך אויפן „בעט״ האָב איך נישט געקענט צוליב די גרויסע היץ וואָס איז דאָרט געווען. פאַרנאַכט, ווען מען האָט מיר געבראַכט עסן, האָב איך זיך אָפּגעזאָגט דאָס אָנצונעמען און געבעטן, עס זאָל צו מיר קומען דער נאַטשאַלניק פון תפיסה, אָדער ער זאָל מיך רופן צו זיך.

פאַרשטייט זיך, אַז קיינער איז נישט געקומען. דאַקעגן האָט זיך אין דער נאַכט געעפנט די טיר און מען האָט מיך געהייסן אַרויסגיין. דער סאָלדאַט האָט מיר דערלאַנגט דאָס פוטער, דאָס היטל און די וואַלענקעס און באַפוילן איך זאָל זיך אָנטאָן. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם באַפעל און געפאָדערט עס זאָל קומען דער נאַטשאַלניק. ער איז טאַקע געקומען, מיט קייטעלעך אין האַנט.

איך האָב שוין נישט איין מאָל געפילט דעם טעם פון טראָגן קייטן. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער ווייטאָק. די קייטן פאַרציען זיך אויף די הענט אַזוי שטאַרק, אַז די רינגען בייסן זיך איין אין די הענט, אויף וועלכע עס ווערן טיפע וואונדן. די יסורים דערפון זיינען געווען אוממענטשלעכע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם גזלן וועל איך גאָרנישט אויספירן. איך האָב אָנגעטאָן די בגדים און דער סאָלדאַט האָט מיך אָוועקגעפירט.

ווידער האָט ער מיר געטריבן אויף דער זעלבער וועג וואָס נעכטן, צום נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד. פון לאַגער.

ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען צום נאַטשאַלניק, האָב איך געפּרואווט אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס שווערע פוטער און געוואָלט זיך זעצן אויף אַ בענקל. דער נאַטשאַלניק האָט אָבער גענומען שרייען, אַז איך בין דאָ נישט קיין בעל־הבית און קיינער האָט מיר נאָך נישט געהייסן אויסטאָן אָדער זעצן זיך. דעריבער דאַרף איך שטיין און ענטפערן אויף פראַגן. „אין קעגנ־פאַל — האָט ער געוואָרנט — וועל איך אָננעמען לגבי אייך אַזוינע מיטלען, אַז איר וועט שוין נישט קענען זיצן אַפילו דאַן ווען איך וועל אייך דערלויבן.

איך האָב שוין מער נישט געענטפערט און געשטאַנען ווי אַ מאָנומענט. באַטש אין דרויסן איז געווען אַ גרויסער פראָסט, האָט זיך פון מיר געגאָסן טייכן שוויס. דער נאַטשאַלניק האָט מיך גענומען באַשיטן מיט פראַגן: ווער זיינען אייערע גוטע פריינט אין לאַגער? ווער זיינען אייערע שונאים? וואָס פאַראַ באַציאונגען האָט צו אייך געהאַט די פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל? האָבן

איך די דאָקטוירים פון שפּיטאָל גוט באַהאַנדלט? ווער איז דער איד מאַטעס, צו וועלכן איר האָט אַרויסגעשיקט דעם בריוו? מיט וואָס האָט איר געהאָלפן די פּוילישע אידן, וועלכע זיינען געווען אין לאַגער? ווי אַזוי האָט איר באַקומען דעם סידור פונעם רב פון די פּוילישע אידן?

איך האָב געענטפערט לויט דעם סדר פון די פראַגן:

— צווישן די אַרעסטאַנטן פון לאַגער, פּונקט ווי צווישן די באַאַמטע פון דער אַדמיניסטראַציע, האָב איך נישט קיין ספּעציעלע פריינט און אויך נישט קיין שונאים; וואָס שייך די דאָקטוירים, באַציען זיי זיך צו מיר, ווי צו אַלע אַרעסטאַנטן, נישט בעסער און נישט ערגער, און איך באַקלאָג זיך נישט. דאַקעגן די פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל, וועלכע האָט מיך עטלעכע מאָל אונטערזוכט, באַציט זי זיך צו מיר נישט פריינטלעך. עטלעכע מאָל האָט זי מיר אַפילו געדראָט אַרויסצוואַרפן פון שפּיטאָל, ווייל איך האָב נישט גע־געסן דאָס געקעכץ פון דער קיך; וואָס שייך מאַטעס'ן, זיינען מיר מיט עט־לעכע יאָר צוריק געווען צוזאַמען אין לאַגער. נאָך זיין באַפרייאונג האָב איך פון אים באַקומען אייניקע בריוו, אָבער איך האָב אים נישט געענטפערט, ווייל בדרך כלל פיר איך נישט קיין קאָרעספּאָנדענץ פון לאַגער; וואָס שייך די פּוילישע אידן, האָב איך זיי מיט גאָרנישט געקענט העלפן, אַפילו ווען איך זאָל דאָס וועלן טאָן, ווייל זיי זיינען געווען אָפּגעזונדערט פון אונז. דאַקעגן דעם סידור האָט מיר געגעבן דער „דניעוואַלני״ פון די פּוילישע אידן לאחר ווען זיי זיינען אַוועקגעפאָרן פון לאַגער. דעם רב גופא האָב איך נישט געקענט.

די גאַנצע אויספאָרשונג איז נישט פּראָטאָקאָלירט געוואָרן. דריי שעה האָט ער מיך געמאַטערט. די גאַנצע צייט בין איך געשטאַנען אָנגעטאָן אין די שווערע בגדים. ער האָט מיר נישט דערלויבט זיך זעצן. ווען ער האָט געוואָלט שטעלן מיר ווייטערדיקע פראַגן, האָב איך דערקלערט, אַז מער קען איך שוין נישט און איך וועל נישט ענטפערן. דער נאַטשאַלניק האָט אַרויס־גערופן דעם סאָלדאַט און געהייסן מיך אָפּפירן צוריק אין תפיסה.

די נאַכט האָב איך זיך געפילט זייער שלעכט. איך האָב גענומען קלאַפּן אין טיר און געפאָדערט, מען זאָל אַרויסרופן אַ דאָקטאָר. פון אָנפאַנג האָט דער וועכטער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער הערט נישט. ווען איך האָב אָבער נישט אויפגעהערט קלאַפּן, האָט ער אַריינגעשריגן דורכן פענסטערל, אַז אויב איך וועל זיך נישט באַרואיקן, וועט ער מיך שמידן אין קייטן. מיר איז שוין דאַן געווען אַלץ איינס וואָס ער וועט מיט מיר טאָן, האָב איך ווייטער גע־קלאַפּט. ווען ער האָט ענדלעך געעפנט די טיר און דערזען מיין מצב, האָב איך אַפילו ביי אים דערוועקט רחמנות. ער האָט אויף אַ ווײַלע געלאָזט אָפן די טיר, און פון דער פרישער לופט וואָס איז אַריין, בין איך אַביסל געקומען צו זיך. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַרן צווייטן וועכטער וואָס איז געשטאַנען פון דרויסן, האָט ער צוריק פאַרמאַכט די טיר, און קיין דאָקטאָר האָט ער נישט גערופן.

איך האָב קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן. עס איז געקומען דער פעלד־

שער, וועלכער האָט מיר געגעבן זיין איינציקע רפואה — וואַלעריאַן־טראָפּנס. עס איז מיר געוואָרן אַביסל בעסער. ווען מען האָט געבראַכט מיין פּאַרציע ברויט, האָב איך דאָס נישט גענומען און דערקלערט אַ הונגער־שטרייק, פּאַ־דערנדיק, אַז דער נאַטשאַלניק זאָל צו מיר קומען.

ער איז געקומען ערשט נאָך עטלעכע שעה. איך האָב אים דערקלערט, אַז יעדער אַרעסטאַנט, אַפילו ווען ער איז פאַר־משפט צום טויט, האָט אַ רעכט אויף אַ 15־מינוט שפּאַציר במשך פון טאָג. מיר האָט מען אויך די דאָזיקע רעכט צוגענומען. דעריבער דערקלער איך אַ הונגער־שטרייק.

דער נאַטשאַלניק האָט מיר געענטפערט, אַז ער קען גאָרנישט ענדערן, ווייל איך געפין זיך אין אויסשליסלעכן רשות פון נ.ק.וו.ד. און מיט מיינע אַלע טענות קען איך זיך ווענדן נאָר צו זיי. ער איז אַוועק און גלייך מיר אַריינגעשיקט צוריק דאָס ברויט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיט מיין הונגערן וועל איך גאָרנישט אויספירן. פאַרקערט, זיי זיינען פאַראינטערעסירט, אַז איך זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן און דאַן וועל איך בעת די אויספאָרשונג זיין אין אַזאַ צושטאַנד, אַז איך וועל אונטערשרייבן אַלץ וואָס זיי ווילן. האָב איך גענומען דאָס ברויט און צעטיילט אויף צוויי פּאַרציעס, איינע האָב איך אויפגעגעסן און די צווייטע האָב איך געלאָזט אויף ביינאַכט, ווען מען וועט מיך ווידער פירן אויף דער אויספאָרשונג.

שפּעט ביינאַכט האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט די פּראָצעדור. מען האָט מיך ווידער געפירט צום אויספאָרשער. אויפן וועג האָט מיר דער סאָלדאַט אַזוי געטריבן, אַז ווען איך בין שוין צוגעקומען צו דער געביידע פון נ.ק.וו.ד. בין איך געפאַלן אויפן שניי און נישט געקענט אויפשטיין. עס זיינען געקומען נאָך צוויי סאָלדאַטן, זיי האָבן מיך גענומען אונטער די אָרעמס און אַרויפ־געשלעפּט אויפן צווייטן שטאָק. איך בין געווען פאַר׳חלש׳ט און נישט געקענט שטיין אויף די פיס. האָבן זיי מיך אַוועקגעלייגט אויפן דיל.

דעם פוטער מיט די וואָלענקעס האָבן זיי מיך אויסגעטאָן ערשט דאַן ווען עס איז געקומען דער אַרויסגערופענער דאָקטאָר. ער האָט מיך אונטער־זוכט און אָנגעשריבן אַ צעטל, וועלכן ער האָט דערלאַנגט דעם נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד. נאָכן איבערלייענען האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט, אַז ער קען צום באַדויערן נישט אויספירן זיינע אָנווייזונגען, ווייל איך האָב נאָך נישט אונטערגעשריבן דעם באַשולדיקונגס־אַקט. דער דאָקטאָר איז אַוועק.

צוויי סאָלדאַטן האָבן מיך אויפגעהויבן און אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל. דער נאַטשאַלניק האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר פון וועלכן ער האָט אויסגע־לייענט די זעלבע פראַגן וואָס ער האָט מיר געשטעלט מיט אַ טאָג פריער.

— איצט, אויב איר וועט ענטפערן ווי מען דאַרף — האָט ער געזאָגט — וועל איך אייערע ענטפערס פאַרשרייבן אין פּראָטאָקאָל און מיר וועלן קענען וואָס שנעלער מאַכן דעם משפט. איר וועט דאַן צוריקגיין אין לאַגער, וואו איר וועט האָבן גענוג פרישע לופט — האָט ער זיך מיט מיר גערייצט.

— צי ער וועט אונטערשרייבן אָדער נישט, וועט מען אייך סיי־ווי

נישט אַרויסלאָזן אַזוי שנעל פון לאַגער — האָט ער ווייטער געזאָגט — איר זייט נאָך אַ יונגער מענטש און עס לוינט באמת נישט צו שטאַרבן. איך גיב אייך אַ גוטע עצה און אַ שאַנס צו לעבן.

אינמיטן דער אויספאָרשונג איז אַריינגעקומען אין צימער אַ הויכער און דאַרער מענטש, אין אַ מונדיר פון נ.ק.וו.ד. מיט דיסטינקציעס פון אַ מאַיאָר. ער האָט מיך באַטראַכט און דורכגענומען מיט זיינע בייזע אויגן און אויסגערופן: „וואָס זיצט ער אַזוי בעת דער אויספאָרשונג ווי אין אַ קאַפע״?

מיט רוגזה האָט ער מיך אָנגענומען ביים קאָלנער און אויפגעשטעלט מיט כוח. איך האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. דער אויספאָרשער האָט זיך ווידער געווענדעט צו מיר, איך זאָל ענטפערן אויף די פראַגן. איך האָב אים געענטפערט, אַז אין אַזאַ מצב ווי איך געפין זיך בין איך נישט בכוח בכלל צו ענטפערן, און אַז זיי זיינען מחוייב צו געבן מיר מעדיציניש הילף.

דער מאַיאָר איז געוואָרן אין כעס. ער האָט אַרויסגעצויגן פון טאַש אַ צייטונג מיט וועלכן ער האָט מיר געגעבן אַ קלאַפּ אין קאָפּ. איך האָב דערפילט אַ שטאַרקן ווייטאָק און געפאַלן אין חלשות. ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן ווייס איך נישט. ווען איך האָב זיך אויפגעמינטערט איז איבער מיר געשטאַנען דער מאַיאָר. ער האָט זיך ווידער פאַרמאָסטן מיר שלאָגן. אָבער ווי נאָר ער האָט אויפגעהויבן די צייטונג איז פון איר אַרויסגעפאַלן אַ שטיק אייזן אויף דער ערד. דער נאַטשאַלניק האָט צוגענומען דאָס אייזן און געבעטן דעם מאַיאָר ער זאָל אַרויסגיין.

— איר האָט געזען דעם מאַיאָר — האָט זיך געווענדעט צו מיר דער נאַטשאַלניק. — אַז ער פירט אַן אויספאָרשונג, מאַכט ער דעם אַרעסטאַנט אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן. ער איז דאָ אַריין צופעליק. נאָר אַז ער דערהערט, אַז עס וויל ווער נישט אונטערשרייבן דעם באַשולדיקונגס־אַקט, קען ער זיך נישט באַהערשן. נישט צופעליק רופט מען אים ביי אונז „דער טיגער״. איך האָב אים נישט געגעבן קיין דערלויבעניש צו פירן אייער אויספאָרשונג. ביי אים וואָלט איר שוין לאַנג געהאַט אַלץ אונטערגעשריבן. איר האָט מזל: מיין אַלטע מאַמע האָט געהערט וועגן אייך און זי האָט פאַר אייך זיך איינגעשטעלט. איך האָב איר געגעבן מיין ערן־וואָרט, אַז איך וועל אייך נישט שלאָגן, אַז איר וועט אַרויס אַ לעבעדיקער. אָבער איר דאַרפט מיט דעם נישט מיסברויכן. די אויספאָרשונג מוז פאַרענדיקט ווערן. וואָס שנעלער דאָס וועט געשען, אַלץ בעסער וועט דאָס זיין פאַר אייך, ווייל איר וועט נאָך האָבן אַ האָפענונג צו לעבן און זיין אַ מענטש אויף דער פריי.

איך בין געלעגן אויף דער ערד אַ האַלב פאַר׳חלש׳טער און גאָרנישט געענטפערט. ער האָט אַרויסגערופן אַ סאָלדאַט און באַפוילן מיר צוריק אָפּפירן אין תפיסה. איך בין געווען שרעקלעך אויסגעמאַטערט. איך האָב זיך אָפּגע־געבן אַ חשבון פון מיין לאַגע, אָבער נישט געקוקט דערויף האָב איך זיך ווייטער געהאַלטן ביי מיין באַשלוס: נישט אונטערשרייבן קיין פאַלשע באַ־שולדיקונגען קעגן זיך און נישט קעגן וועמען עס איז! איך האָב פאַרשטאַנען,

אַז די אויספֿאָרשונג מוז זיך דאָך אַמאָל ענדיקן, אָבער דאָס וואָס איך וועל אונטערשרייבן, בלייבט אויף אייביק ווי אַ שאַנד־פֿלעק.

שפּעט ביינאַכט האָט זיך געעפֿנט די טיר און מען האָט אַריינגעפֿירט אין מיין קאַמער אַ הויכן און דיקן מענטש אין עלטער פֿון בערך 30 יאָר. די הענט און דער קאָפּ זיינען געווען ביי אים באַנדאַזשירט. ער האָט שטאַרק געקרעכצט און געבעטן, איך זאָל אים העלפֿן אַרויפֿקריכן אויף דער נאַרע. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געקרעכצט. איך בין געלעגן אין מיינע צרות און האָב נישט געקענט איינשלאָפֿן. מיר זיינען ביידע געלעגן אין דער פֿינסטער און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט.

אינדערפֿרי איז געקומען דער פֿעלדשער און געבראַכט מיר מיין פּאָר־ציקע טאַבלעטן. ער האָט מיר געגעבן אַ צייכן איך זאָל די טאַבלעטן היינט נישט אַריינוואַרפֿן אין עמער. ער האָט מיר געגעבן נאָך דריי טאַבלעטן פֿאַר מיין נייעם שכן. איך בין אַרויפֿגעקראָכן אויף דער נאַרע, וואו עס איז געלעגן דער נייער אַרעסטאַנט, און געזאָגט אים, ער זאָל דאָס נעמען דריי מאָל אין טאָג. מיין שכן האָט אָבער גלייך אַוועקגעוואָרפֿן דאָס אויפֿן דיל, דערקלערנדיק, אַז ער ווייסט צו וועלכן צוועק זיי גיבן די דאָזיקע טאַבלעטן, און ער וועט זיי נישט נעמען.

ווען מיר האָבן זיך נענטער באַקאַנט האָט ער מיר געזאָגט, אַז דאָס האָט אים דער מאַיאָר אַזוי צעשלאָגן מיט אַן אייזן בעת דער אויספֿאָרשונג, אַז מען האָט אים באַנדאַזשירט די הענט און דעם קאָפּ און צום סוף אים אָפּגעשיקט אין תּפֿיסה. ער האָט מיר דערציילט די געשיכטע ווי אַזוי ער איז געקומען צום איצטיקן מצב:

ער איז געווען אַ פֿרייער באַאַמטער אין צענטראַלן מאַגאַזין פֿון לאַגער, וועלכער איז באַשטימט פֿאַר די אָפֿיצירן און הויכע באַאַמטע. זיי פֿלעגן ביי אים שטענדיק נעמען פֿיל פּראָדוקטן אויף קרעדיט. איין מאָל איז געקומען אַ קאָנטראָל און פֿעסט־געשטעלט, אַז עס פֿעלט ביי אים סחורה אויף אַ סומע פֿון עטלעכע צענדליק טויזנט רובל.

ער האָט אָפּגעגעבן אַ רשימה פֿון אַלע אָפֿיצירן, וועלכע זיינען שול־דיק דאָס געלט. די רעווידענטן האָבן דאָס אָבער נישט געוואָלט נעמען אין אַכט און געפֿאָדערט, ער זאָל אין משך פֿון עטלעכע טעג באַצאָלן די גאַנצע סומע. אַזוי ווי ער האָט דאָס נישט געקענט באַצאָלן, האָט מען אים אַרעס־טירט. מען פּייניקט אים ער זאָל אונטערשרייבן אַ באַשולדיקונגס־אַקט, אַז דאָס געלט האָבן צוגעגנב׳עט ער און זיינע מיט־אַרבעטער. ער האָט זיך אָפּ־געזאָגט אונטערצושרייבן, האָט מען איבערגעגעבן די אויספֿאָרשונג צו דעם מאַיאָר „טיגער", וועלכער האָט אים אַזוי צעשלאָגן מיט אַן אייזן.

— ווען מען האָט מיך נעכטן דאָ געבראַכט — האָט ער ווייטער דער־ציילט — האָב איך געטראַכט, אַז איר זייט זייערס אַ מענטש און דערפֿאַר גיט איר מיר זייערע טאַבלעטן. איך אַרבעט שוין דאָ לאַנג און איך ווייס וואָס דאָס איז. אָבער ווען איך האָב זיך איינגעקוקט אין אייך האָב איך אייך דער־

קענט. איך האָב אייך געזען צום ערשטן מאָל אין צענטראַלן שפּיטאָל, אין צימער פון דער פאַרוואַלטערין. זי האָט מיר דאַן געזאָגט, אַז איר זייט זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש, כאָטש איר זייט אַ פרומער און איר ווילט נישט אַרבעטן שבת. זי האָט מיר דאַן געזאָגט, אַז זי העלפט אייך מיט פּראָדוקטן און מיט וואָס נאָר זי קען.

בעת ער האָט מיר דערציילט זיין מעשה האָט ער זיך גוט איינגעקוקט אין מיר, ווי ער וואָלט געפּרוּווט וואָס פאַראַ איינדרוק עס מאַכן אויף מיר זיינע ווערטער. איך האָב זיך גלייך אָריענטירט, אַז דער חברה׳מאַן איז אַ „זאַנטער״, דאָס מיינט אַן אונטערגעשטעלטער אַגענט פון נ. ק. וו. ד., וועלכער שפּילט די ראָלע פון אַן אַרעסטאַנט, אַ קרבן. איך האָב זיך געמאַכט תם׳עוואַטע, אַז איך פאַרשטיי נישט וואָס ער וויל פון מיר.

די נאַכט האָט מען מיך נישט געפירט אויף דער אויספאָרשונג. איך בין געבליבן אין קאַמער מיט מיין נייעם „חבר״. שלאָפן האָב איך נישט געקענט. איך האָב פשוט פאַר אים מורא געהאַט. איך האָב קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן. עס איז ווידער געקומען דער פעלדשער און געגעבן פאַר מיר און פאַר אים טאַבלעטן. דאָס מאָל האָט ער מיר אויך געגעבן וואַלעריאַן־טראָפּנס. מען האָט מיר אויך געבראַכט די געקאָכטע מילך אין שמוציקן טעפּל, וועלכע איך האָב גלייך אויסגעגאָסן אין עמער. אין אָוונט האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט די „נאָרמאַלע״ פּראָצעדור: מען האָט מיר געבראַכט די ווינ־טער־בגדים און געפירט צום אויספאָרשער.

ווען מען האָט מיך אַריינגעפירט אין צימער פון נאַטשאַלניק, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ נייעם אויספאָרשער. דאָס איז געווען אַ מענטש פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ בלאַסן פּנים און פאַר׳חלום׳טע אויגן. צו מיין גרויס פאַרוואונ־דערונג האָט ער מיך באַגריסט העפלעך און געגעבן אַ שטול צו זיצן. ער האָט מיר אויך דערלויבט אויסטאָן דעם פעלץ. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר מיר, אַז ער איז דער פאַרטרעטער פון נאַטשאַלניק פון נ. ק. וו. ד. ער האָט מיר אַפילו געזאָגט זיין נאָמען. ער האָט מיך מכבד געווען מיט פּאַפּי־ראָסן, וועלכע זיינען גראָד געווען פון בעסטן סאָרט. אָבער איך האָב אָפּגעזאָגט.

אין לאַגער איז געווען באַקאַנט, אַז דער פאַרטרעטער פון נאַטשאַלניק איז אַ נאַרקאָמאַן, האָב איך מורא געהאַט צי די פּאַפּיראָסן זיינען נישט נאַקאָ־טיזירט. אגב איז אויך געווען באַקאַנט, אַז אין דעם טאָג ווען ער באַנוצט נאַר־קאָטיקעס, איז ער זייער אויפגעלייגט און באַציט זיך גוט צו די אַרעסטאַנטן. דאַקעגן איז אַך־און־ווי אויב מען פאַלט אַריין אין זיינע הענט אין אַ טאָג ווען ער האָט נישט קיין נאַרקאָטיקעס, דאַן איז מען נישט זיכער מיטן לעבן. איך האָב געזען, אַז איך האָב מזל, איך בין אַריין צו אים אין אַ „גוטן טאָג״.

איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און גענומען אַ פּאַפּיראָס. ער האָט מיר העפלעך דערלאַנגט אַ שוועבעלע און אָנשטאָט צו באַשיטן מיך מיט פראַגן, האָט ער גאָר אָנגעהויבן פון איבערבעטן מיך.

— איר דאַרפט נישט האָבן קיין פאַראיבל אויף אונז, הלמאי מיר באַ־

גייען זיך אָפּט מאָל צופּיל שטרענג מיט אַרעסטאַנטן. די ראַטנמאַכט איז אַ נייע אָרדענונג, וועלכע האָט פּיל שונאים. קען זיין — האָט ער צוגעגעבן — אַז אין קאַמף מיט זיי פאַלן צו אונז אַריין אויך אומשולדיקע מענטשן. און אפשר זייט איר אויך צווישן זיי. אָבער, ווי עס זאָגט זיך אין אַ רוסישן שפּריכוואָרט: „אַז מען האַקט האָלץ פאַלן שפּענער". איר ווייסט דאָך, אַז אין יאָר 1937 האָבן די קאַפּיטאַליסטן און קולאַקעס געגרייט אַן אויפשטאַנד קעגן דער ראַטנמאַכט. אָבער אַ דאַנק דער געניאַליטעט פון אונזער גרויסן סטאַלין האָבן מיר זיי פאַרניכטעט. ס׳קען זיין, אַז עס זיינען אויך געווען קרבנות צווישן אומשולדיקע מענטשן. אָבער אין אַזאַ קאַמף איז דאָס אומפאַרמיידלעך. וואָס שייך די פרומע מענטשן, זיינען מיר, לויט מיין מיינונג באַגאַנגען אַ פעלער לגבי זיי. פּאָליטיש זיינען זיי נישט געווען אַזוי שעדלעך, זיי האָבן נאָר געוואָלט לעבן לויט זייער אמונה. ליידער בין איך אָבער נאָר אַ קליין מענטשעלע און איך מוז אויספירן די באַפעלן פון דער העכערער מאַכט.

— גלויבט מיר — האָט ער ווייטער געזאָגט — אַז איך בין גאָרנישט צופרידן דערפון וואָס איך דאַרף פירן אייער אויספאָרשונג. איך וואָלט אייך גערן געוואָלט העלפן. איר וואונדערט זיך? וועל איך אייך דערציילן עפּעס פון מיין לעבן, וועט איר פאַרשטיין מיין לאַגע:

— איך בין אַ קינד פון אָרעמע פויערים, וועלכע זיינען געשטאָרבן אין די יאָרן פון הונגער. ביז אין עלטער פון 15 יאָר האָב איך זיך דערצויגן אין אַ אידישער שטוב. איך האָב אַפילו געקענט אידיש, און אַביסל געדענק איך נאָך די שפּראַך ביז היינט. שפּעטער בין איך אַוועק אין שטאָט זוכן אַרבעט. ווי אַנדערע קינדער אַן אויפזיכט פון עלטערן, בין איך אַריין אין אַ סביבה פון קינדער־גנבים. מען האָט מיך געכאַפּט און געגעבן אין אַ ספּעציעלן קינדער־אַנשטאַלט. אַ דאַנק מיינע פעאיקייטן האָט מען מיך געשיקט לערנען אין אַ מיליטערישער הויך־שול און אַזוי בין איך געוואָרן אַן אָפיציר אין נ.ק.וו.ד. אָבער די דערציאונג אין דער אידישער משפחה האָט געהאַט אויף מיר אַ גרויסע השפעה, וועלכע איז נאָך פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. ס׳קען זיין, אַז עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס מיין פרוי איז אַ אידישע. איצט פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס איך האָב מיט אַלע כוחות זיך באַמיט נישט צו פירן אייער אויספאָרשונג?

— איך ווייס, אַז איר זייט אומשולדיק. איך גיב זיך אויך אָפּ אַ חשבון, אַז ס׳איז נישט אַנשטענדיק צו פאָדערן פון אַ מענטש, ער זאָל זיך מודה זיין אויף נישט באַגאַנגענע פאַרברעכנס. איך קען אייך אָבער גאָרנישט העלפן. אויב איך וועל נישט דערפירן אייער אויספאָרשונג ביזן סוף, אַזוי ווי מען האָט מיר באַפוילן, וועל איך באַקומען שטרענגע פאָרוואורפן און דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ גרויסע קאָמפּראָמיטאַציע.

— דאָס איינציקע וואָס איך קען פאַר אייך טאָן, איז איינשפּאָרן אייך די ליידן, ווייל אונטערשרייבן וועט איר סיי־ווי; מען וועט אייך איבערגעבן אין די הענט פון „טיגער" וועלכער וועט אייך פאַרפּייניקן צום טויט. אויב

איר זייט מסכים, וועל איך רעדאַגירן אַזוי דעם פּראָטאָקאָל, אַז איר זאָלט נישט באַקומען מער ווי 5 יאָר. איך וועל זיך באַמיען, אַז דער משפּט זאָל זיין וואָס שנעלער און נאָך דעם וועט מען אייך צוריקשיקן אין לאַגער־שפּיטאָל, וואו איר וועט קומען אַביסל צו זיך. אויסער דעם, עס גייען ביי אונז צו בעסערע צייטן. ס'קען זיין, אַז אין צווישן־צייט וועט מען אייך רעהאַביליטירן און איר וועט נאָך קענען רואיק לעבן. פאַרטראַכט זיך וועגן דעם און איך וואַרט אויף אייער תשובה.

ער האָט אַריינגערופן דעם סאָלדאַט און געהייסן אָפּפירן מיך אין תפיסה. איך בין אַרויס פון אים נאָך מער אַ צעטרייסלטער ווי פון אַלע פריער־דיקע, שווערע אויספאַרשונגען. איך האָב כסדר געטראַכט, צי מיינט ער דאָס אויפריכטיק אָדער ער איז אַ געפערלעכער שאַרלאַטאַן.

אויך אין דער תפיסה האָט זיך אַלץ פּלוצים געענדערט ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע. מען האָט מיר געגעבן מילך אין אַ גלעזערנע כלי, אַזוי ווי איך האָב אַמאָל געבעטן, מיט 200 גראַם ווייסן ברויט. איך האָב אָפּגעגעסן אין קאָרידאָר, אָפּגעבענטשט און מען האָט מיך אַריינגעפירט אין קאַמער. איך האָב דערקענט, אַז פאַר דער צייט פון מיין אָפּוועזנהייט איז מיין שכן אויך נישט געווען אין קאַמער. ער האָט אַפילו פאַרגעסן צוריק צו פאַרבינדן די הענט און קאָפּ, וועלכע זיינען געווען פאַרשמירט מיט יאָד, אויף וועלכע מען האָט אָבער נישט געזען קיין שום סימנים פון קלעפּ, וועלכע ער האָט כלומר'שט באַקומען. הייסט עס, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין טעות . . .

גלייך ביים אַריינקומען האָט דער שכן מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דער אויוון איז קאַליע געוואָרן. אין קאַמער איז טאַקע געווען פרישע לופט, אַז איך האָב פּשוט אויפגעלעבט. דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט נאָך אַ לענגערע צייט אַז איך בין רואיק געשלאָפן. אינדערפרי איז געקומען דער פעלדשער און געבראַכט די טאַבלעטן. ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג און אין אַ פריילעכן טאָן געזאָגט: „נו, קיין אַנדערע רפואות דאַרפט איר דערוויל נישט". מיט דעם האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיין לאַגע האָט זיך געענדערט.

מיין נאַאיווער „גוטער" אויספאַרשער איז געווען איבערצייגט, אַז ער איז שוין מיט מיר דורכגעקומען. מיר איז אָבער פון דער „גוטסקייט" געווען זייער נישט גוט. איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל נאָך האָבן גענוג צרות און אויסשטיין פּייניקונגען ביז איך וועל באַקומען מיינע ווייטערדיקע 10 יאָר. מיין איינציקע שטרעבונג איז געווען, אַז דער משפּט זאָל זיך שוין וואָס שנעלער ענדיקן.

אין דעם טאָג האָט מיך דער נאַטשאַלניק פון תפיסה גערופן צו זיך אין קאַבינעט. ער האָט מיט מיר פאַרפירט אַ שמועס, בעת וועלכן ער האָט מיר דערציילט, אַז די פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל האָט זיך געפרעגט וועגן מיר. ער האָט איר דערציילט וועגן מיין לאַגע. ווען ער האָט איר געזאָגט, אַז ער האָט געהערט, אַז איך וועל באַקומען אַ קליינעם אורטייל, נאָר 5 יאָר, האָט זי

געזאָלט ענטפערן, אַז זי וועט מיך נעמען צו זיך אין שפּיטאָל און לערנען פעלד־שעריי, כדי איך זאָל נישט מוזן שווער אַרבעטן און האָבן גוטע באַדינגונגען.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע מעשה איז אַן אָנגעשטעלטע. דאָס איז געווען די טאַקטיק פון דעם „גוטן" אויספאָרשער, כדי איך זאָל וואָס שנעלער אונטערשרייבן דעם באַשולדיקונגס־אַקט. איך האָב גאָרנישט געענט־פערט און בין צוריק אַוועק אין מיין קאַמער.

פאַר דער צייט האָט מען דערוייל צוגענומען מיין שכן. ווייזט אויס, אַז מיט מיר זיינען זיי שוין געווען זיכער, האָט מען אים איבערגעשיקט אין אַ צווייטער קאַמער מיט אַן ענלעכע אויפגאַבע.

שפּעטער האָט זיך געעפנט די טיר און אַ סאָלדאַט האָט מיר פריילעך געזאָגט: „פּאַטערל, מען דאַרף זיך אַרומוואַשן און גרייטן צום משפּט". ווען איך האָב אים געפרעגט, פון וואַנען וויס ער ווען מיין משפּט וועט זיין, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אין תפיסה פירט מען די אַרעסטאַנטן אין באָד נאָר אַ טאָג פאַרן משפּט.

אין באָד האָב איך באַגעגענט זעקס מענטשן, אָנגעטאָן אין מיליטערישע מונדירן. ביי אַלע איז די לינקע האַנט געווען באַנדאַזשירט. ס'איז זיי געווען שווער זיך אויסצוטאָן, האָב איך זיי געהאָלפן. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז זיי זיינען געווען אָפיצירן אין דער רויטער אַרמיי. אין יאָר 1945 האָבן זיי בעת אַ שמועס, נאָך אַ גלעזל בראָנפן, קריטיקירט דעם היטלער־סטאַלין פּאַקט. אין דער זעלבער נאַכט האָט מען זיי אַלע אַרעסטירט און פאַר'משפּט אויף 10 יאָר לאַגער. מען האָט זיי צוגעטיילט צו אַ בריגאַדע פון גנבים און מער־דער, מיט וועלכע זיי האָבן נישט געקענט אויסקומען. האָבן זיי דערקלערט אַ הונגער־שטרייק, דערקלערנדיק, אַז זיי זיינען אָפיצירן פון דער סאָוועטישער אַרמיי און ווילן נישט זיין צוזאַמען מיט אַזעלכע קרימינעלע פאַרברעכער.

אין דער זעלבער נאַכט האָט מען זיי אַריינגעזעצט אין לאַסט־אויטאָס און אַוועקגעפירט אין אַ ספּעציעלן לאַגער פון מערדער, וועלכע מען האָט פאַרביטן די טויט־שטראָף אויף לעבנסלענגלעכע קאַטאָרגע אַרבעט. ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט אין וואָס פאַראַ „געזעלשאַפט" זיי זיינען ווידער אַריין, האָבן זיי דערקלערט אַ שטרייק און נישט געוואָלט גיין צו דער אַרבעט. האָט מען זיי געשמידט אין קייטן. נאָך עטלעכע שעה, ווען זיי האָבן געפילט, אַז זיי קענען שוין מער נישט אויסהאַלטן די יסורים, האָבן זיי קאַפּיטולירט און מסכים געווען צו אַרבעטן נאָרמאַל.

זיי זיינען געווען יונגע, געזונטע מענטשן, האָבן זיי געקענט אַרבעטן און אויסגעפירט מיט אַן עודף זייערע נאָרמעס, דערפאַר האָבן זיי באַקומען אַ גרויס פּאָרציע פון 800 גראַם ברויט. זיי האָבן אָבער קוים באַוויזן דאָס אָפּצונעמען, ווי די באַנדיטן זיינען זיי באַפאַלן, געשלאָגן מכות רצח און צוגע־נומען ביי זיי דאָס ברויט. זיי זיינען געבליבן הונגעריקע און נישט געטאָרט אַפילו זיך באַקלאָגן, ווייל די דאָזיקע לייט האָבן שוין נישט איינעם דער־הרג'עט אויך אין לאַגער.

צומאָרגנס זיינען זיי געגאַנגען הונגעריקע צו דער אַרבעט. זיי זיינען געווען אָפּגעשוואַכט און נישט געקענט אויספירן זייער נאָרמע. האָבן זיי באַקומען נאָר 500 גראַם ברויט. אָבער אויך דאָס איז נישט געווען פאַר זיי. די באַנדיטן האָבן דאָס ווידער צוגערויבט ביי זיי. אַזוי האָט זיך דאָס איבערגע׳חזר׳ט עטלעכע טעג.

זיי, געזונטע יונגע מענטשן, אָפּיצירן מיט ווירדע, זיינען מיטאַמאָל געוואָרן הילפסלאָזע קרבנות. די מאָראַלישע דערנידערונג און די פיזישע ליידן פון הונגער, האָבן גורם געווען, אַז זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ שטימונג פון דעפּרעסיע. אין אַ געוויסן טאָג, ווען זיי זיינען געווען אויף אַרבעט אין וואַלד, האָבן זיי אַלע אָפּגעהאַקט זיך די פינגער פון די לינקע האַנט. מען האָט זיי גלייך איזאָלירט און איינגעזעצט אין תּפיסה. דאָ האָט מען זיי גע׳משפּט. זיי האָבן באַקומען נאָך 10 יאָר און איצט גרייט מען זיי צום שיקן מיטן עטאַפּ. אין וואָס פאַראַ לאַגער זיי וועלן ווידער אַריינפאַלן, האָבן זיי נישט געוואוסט.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין קאַמער, איז דאָרט געווען מיין פּאַרציעסן, וועלכע איך האָב אָפּגעגעבן דעם וועכטער. די נאַכט בין איך געשלאָפן נאָך בעסער ווי פריער. איך בין געווען אַליין אָן מיין שכן. אינדערפרי האָט מיר דער פעלדשער ווידער געבראַכט טאַבלעטן. דאָס מאָל האָט ער מיך אויך געגעבן וואַלעריאַנע טראָפּנס. „היינט דאַרפט איר האָבן כּוח אויסצוהאַלטן", האָט ער געזאָגט אויפן אויער, אַז דער וועכטער זאָל נישט הערן.

ביינאַכט האָט מען מיר געגעבן מילך אין אַ ריין גלאָז. דער סאָלדאַט האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס האָט צו מיר געשיקט די פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ ליגן, און דאָס איז אין די ראַמען פון דער טאַקטיק פון „גוטן" אויספאָרשער.

אַביסל שפּעטער איז געקומען אַ סאָלדאַט, געגעבן מיר דעם פעלץ מיט די וואַלענקעס און ווידער־אַמאָל האָט מען מיך געפירט אויף דער אויספאָרשונג. אויפן וועג האָט מיך דער סאָלדאַט שטאַרק געטריבן אין טיפע שנייען. ווען מיר זיינען שוין ענדלעך אָנגעקומען אויפן אָרט, איז די טיר פון אויספאָרשער געווען געשלאָסן. מען האָט מיך געהאַלטן אונטער דער טיר העכער צוויי שעה צייט. איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז די היינטיקע אויספאָרשונג וועט שוין זיין אַ שווערע.

צום סוף האָט זיך געעפנט די טיר. ביים שרייב־טיש איז געזעסן דער „גוטער" אויספאָרשער. דער קאָפּ איז ביי אים געווען אַראָפּגעלאָזן, און ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק ווי ער וואָלט בכלל נישט באַמערקט מיין אַריינקומען. איך בין געשטאַנען אינמיטן צימער, אָנגעטאָן אין שווערן פוטער און עס האָט זיך געגאָסן פון מיר דער שוויס.

פּלוצים האָט מיך גענומען שווינדלען און איך בין געפאַלן אין חלשות.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז איבער מיר געשטאַנען אַ סאָלדאַט און באַגאָסן מיך מיט קאַלט וואַסער, ער האָט געזאָגט צום נאַטשאַלניק פון

דער דריטער אָפּטיילונג, וועלכער האָט זיך געפֿונען אין צימער: „זשיוואַי", ער לעבט. דער נאַטשאַלניק איז אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער. דער „גוטער" אויספֿאָרשער האָט אַפֿילו נישט אויפֿגעהויבן די אויגן, כּדי זען וואָס מיט מיר איז געשען. וואָרשיינלעך איז ער געווען געוואוינט דערצו, אַז אַרעסטאַנטן פֿאַלן אַוועק בעת אויספֿאָרשונגען.

דער סאָלדאַט האָט מיך אויפֿגעהויבן און אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל. דער אויספֿאָרשער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין פּלאַץ, ער איז צוגעגאַנגען צו מיר נאָענטער און נישט אויסערגעוויינטלעך קיין וואָרט זיך איינגעקוקט אין מיר, ווי ער זאָל מיך וועלן היפּנאָטיזירן. זיין פּנים איז געווען בלאַס און באַוועגט זיך אין אַ גרימאַס; די אויגן רויט און בייז ווי ביי אַ ווילדן הונט. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז איך בין אַריינגעפֿאַלן אין אַ שלעכטן טאָג. היינט האָבן אים וואָרשיינלעך אויסגעפֿעלט נאַרקאָטיקעס. ער האָט ווייטער זיך איינגעקוקט אין מיינע אויגן. איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

פּלוצים האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפֿאָן אין צימער. דער אויס־פֿאָרשער האָט געענטפֿערט, אַז דער נאַטשאַלניק פֿון דער דריטער אָפּטיילונג איז נאָר וואָס אַוועקגעפֿאָרן. נאָך דעם האָט ער איבערגע'חזר'ט אַ באַפֿעל, וועלכן ער האָט וואָרשיינלעך באַקומען פֿון יענער זייט פֿון קאָבעל: „יאָ, דעם גאַנצן מאַטעריאַל פֿון די פּאַר'משפּט'ע אָפּיצירן אַרויסשיקן גלייך צום מי־ניסטער קיין מאָסקווע". אויף אַ ווייטערדיקע פֿראַגע האָט ער געענטפֿערט, אַז מען האָט זיי באַנדאַזשירט די פֿאַרוואונדעטע הענט און נעכטן זיינען זיי גע־שיקט געוואָרן מיטן עטאַפּ אין באַשטימטן לאַגער.

ווען ער האָט אַוועקגעלייגט דעם טעלעפֿאָן־טרייבל, האָט ער זיך גע־ווענדעט צו מיר:

— איך האָב מורא, אַז מיר וועלן היינט נישט ענדיקן אייער אויספֿאָר־שונג. איך פֿיל זיך נישט גוט און בין שטאַרק דענערווירט. אין אַזאַ מאָמענט קען דערגיין צו אַן אומגליק און איר וועט פֿאַרשפּאָרן האָבן אַ פּראָצעס.

ער האָט גענומען נערוועז שפּאַנען איבערן צימער. פּלוצים האָט ער אויסגערופֿן: „אינגיכן וועל איך דאָ זיין אַליין בעל־הבית און איך וועל פֿאַר־ענדיקן אייער ענין לויט ווי איך פֿאַרשטיי".

ער האָט אַרויסגערופֿן דעם סאָלדאַט און געהייסן אָפּפֿירן מיך אין תּפֿיסה. דער נאַטשאַלניק פֿון תּפֿיסה האָט מיך געפֿרעגט, ווי עס איז אַדורך די אויספֿאָרשונג. איך האָב אים געזאָגט, אַז נאָך דעם ווי איך האָב גע'חלש'ט האָט מיך דער אויספֿאָרשער בכלל נישט אויסגעהערט און געהייסן אָפּפֿירן מיך צוריק אין תּפֿיסה. איך האָב אים געזאָגט אויך, אַז איך פֿיל זיך זייער שלעכט און געבעטן אַביסל קאַלט וואַסער. ער האָט מיר נישט געגעבן. ער איז געווען אין כּעס אויף מיר, הלמאי איך דערצייל אים נישט גענוי וואָס דער אויספֿאָרשער האָט מיט מיר גערעדט. ער האָט דאָס באַדאַרפֿט וויסן, כּדי קענען איבערגעבן דעם נאַטשאַלניק פֿון דער דריטער אָפּטיילונג, לגבי וועלכן ער איז געווען טריי ווי אַ הונט. ער האָט געהייסן אַריינפֿירן מיך אין

קאַמער. דער אויוון איז געווען אָנגעגליט, אין קאַמער איז געווען אַ היץ, ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען.

מיט עטלעכע שעה שפּעטער האָט מיך דער נאַטשאַלניק פון תּפיסה אַרויסגערופן צו זיך אין קאַבינעט. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פלעשל קאַלטע וואַסער מיט אַ גלאָז. ער האָט אַרויסגענומען אַ שטיקל ווייסן ברויט פון בערך 200 גראַם און געזאָגט, אַז דאָס האָט געשיקט פאַר מיר די פאַר־וואַלטערין פון שפּיטאָל. איך האָב געגעסן און געטרונקען מיט פאַרגעניגן. נאָך דעם האָט ער מיר פאָרגעלייגט אַ „טראַנזאַקציע״:

— איך וועל אייך אַריבערפירן אין אַ גוטער קאַמער, מיט אַ סך לופט, וואו איר וועט האָבן אַ בעט צום שלאָפן און בכלל גוטע באַדינגונגען. דער איינציקער באַדינג איז: איר זאָלט אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל פון אייער באַשולדיקונג. אויב איר זייט מסכּים, וועל איך אַרויסרופן אַן אויטאָ און מיר וועלן צופאָרן אין דער דריטער אָפּטיילונג און איר וועט שוין ענדלעך פּטור ווערן פון דעם אַלעמען.

איך האָב אים געדאַנקט פאַרן ברויט און וואַסער און דערקלערט, אַז איך וועל זיך קיינמאָל נישט מודה זיין אויף מעשׂים וועלכע איך בין נישט באַגאַנגען.

ער איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען צופרידן פון מיין ענטפער.

— איך וויל נאָר אייער טובה — האָט ער געזאָגט. — איך האָב שוין דאָ געזען נישט איינעם אין וואָס פאַראַ צושטאַנד ער איז צוריקגעקומען פון דער אויספאָרשונג. מיט אייך איז היינט געשען ממש אַ נס. אָבער נישט שטענדיק טרעפן זיך נסים . . .

מען האָט מיך צוריק אָפּגעפירט אין קאַמער. די נאַכט איז געווען אַ ביטערע. דער אויוון איז געווען שטאַרק צעהיצט און פון דער היץ האָב איך נישט געקענט שלאָפן.

אינדערפרי, ווען דער פעלדשער איז געקומען מיט דער פאַרציע טאַבלעטן, האָט ער מיך אַפילו נישט געפרעגט ווי איך פיל זיך. ס'איז גענוג געווען מיך אָנצוקוקן. ער האָט מיר געגעבן וואַלעריאַן־טראָפּנס און בכיוון געהאַלטן אָפן די טיר, כּדי ס'זאָל אַריין אַביסל פרישע לופט. ער האָט מיר געמאָסטן די טעמפּעראַטור און אונטערזוכט.

— לאַנג אין אַזאַ צושטאַנד וועט איר נישט אויסהאַלטן — האָט ער געזאָגט. — דאָס האַרץ איז ביי אייך גאָר אָפּגעשוואַכט. איר מוזט זיך באַמיען, מען זאָל פאַרענדיקן וואָס שנעלער די אויספאָרשונג, אויב איר ווילט בלייבן אַ לעבעדיקער.

ביינאַכט האָט מען מיך ווידער געפירט, שוין צום צוועלפטן מאָל, אויף דער אויספאָרשונג. דער וועג איז געווען פאַרשאָטן הויך מיט שניי. דער סאָל־דאַט האָט מיך געטריבן אַזוי שטאַרק, אַז ווען איך בין צוגעקומען צום בנין, בין איך שוין געווען פולשטענדיק אויסגעשעפּט. גלייך ביים אַריינגיין האָב איך באַמערקט, אַז היינט איז ער אין אַ גוטער שטימונג.

— איר זייט געבוירן געוואָרן אין אַ ייִדן העמדל — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר, ווי צו אַן אַלטן פריינט. — נעכטן האָט איך געדראָט, אַז איר זאָלט שוין נישט אַרויס פון דאַנען אַ לעבעדיקער. איך האָב זיך באַהערשט מיט די לעצטע כוחות. אָבער פאַרגעסט דעם נעכטיקן טאָג. איך בין גאָרנישט אַזאַ שלעכטער ווי עס האָט זיך מסתמא נעכטן אויסגעוויזן. איר דאַרפט אָבער וויסן, אַז אייער אויספאָרשונג דויערט שוין אַביסל צו לאַנג. איר זייט אַן אינטעליגענטער מענטש און גיט זיך אויך געוויס אָפּ אַ חשבון דערפון, וואו איר געפינט זיך. אייער עקשנות האָט נישט קיין זין. איר מאַטערט זיך נאָר אומזיסט און נעמט אונז צו צייט, וועלכע מיר האָבן נישט צופיל. דערביי שטעלט איר אין סכנה אייער לעבן.

— אויב איך וועל נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן מיט אייך וואָס שנעלער, וועט מיין באַלעבאָס, דער נאַטשאַלניק פון נ. ק. וו. ד. אַליין איבערנעמען אייער ענין, און אפשר אויך נעמען זיך צו הילף דעם „טיגער״, דאַן זייט איר אַ פאַרשפּילטער.

— היינט איז גראָד ביי מיר אַ שטיקל משפּחה־שמחה, דער געבוירן־טאָג פון מיין ווייב. איר ווייסט דאָך, אַז זי איז פון אייער נאַציע. איך האָב איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל היינט מיט אייך פאַרענדיקן די אויספאָרשונג. איך בעט אייך דעריבער און איך ראָט אייך אויך, פאַר אייער טובה: לייענט איבער די פראַגן און ענטפערס, ווי איך האָב זיי רעדאַגירט. איך גיב אייך אויף דערויף אַביסל צייט, כדי איר זאָלט קענען באַטראַכטן יעדעס וואָרט, און אונטערשרייבן.

ער האָט מיר דערלאַנגט דעם פּראָטאָקאָל. ווען איך האָב גענומען לייענען האָב איך געזען, אַז ער האָט געענדערט נאָר דעם סטיל. אַנשטאָט יורידישע אויסדרוקן, זיינען באַנוצט געוואָרן ווערטער פון דער טאָג־טעגלעכער שפּראַך. דער אינהאַלט איז אָבער געווען דער זעלבער וועלכן עס האָט מיר געגעבן ביים אָנהויב אונטערצושרייבן דער פריערדיקער אויספאָרשער.

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך קען דאָס נישט אונטערשרייבן.

דאַן האָט ער געהייסן איך זאָל אַליין אָנשרייבן די ענטפערס אויף די באַזונדערע פראַגן, אַזוי ווי איך פאַרשטיי. איך האָב איבערגעשריבן די ערשטע פראַגע, און דער ענטפער איז געווען אַ קורצער, איין וואָרט: ניין.

ער האָט די גאַנצע צייט אַריינגעקוקט אין פּאַפּיר און דערזעענדיק דעם ענטפער, איז ער געוואָרן אין כעס און אַרויסגעריסן דאָס פּאַפּיר פון מיין האַנט. ער האָט אַרויסגערופן צוויי סאָלדאַטן און געהייסן אַראָפּלאָזן מיך אין קעלער.

דער קעלער איז געווען זייער טיף אין דעם זעלבן הויז. ער איז געווען פאַרגאָסן מיט וואַסער, וואָס איז געווען פאַרפרוירן מיט אַ דינעם אייז־שיכט. ווי נאָר איך האָב געשטעלט עטלעכע טריט, האָט זיך דאָס אייז איינ־

געבראָכן און איך בין אַריינגעפאַלן אין שניידיק־קאַלטן וואַסער. איך האָב פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין.

ווי לאַנג איך בין דאָרט געלעגן ווייס איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז ווען איך בין געקומען צום באַוואוסטזיין האָב איך דערזען, אַז איך געפין זיך אין צימער פון אויספאָרשער. דאָס וואַסער אין קעלער איז געווען פאַר־שמעקט, און דער דאַזיקער ריח האָט זיך אויך איינגעזאַפּט אין מיינע קליידער און פאַרפולט איצט דעם צימער.

דער „גוטער" אויספאָרשער האָט דעריבער געהייסן מיך איבערטראָגן אין אַ צווייטן צימער. דאָ האָב איך זיך אויסגעטאָן און געטריקנט די קליידער ביים אויוון. אָבער פון דעם ריח און אָפּגעשוואַכקייט האָב איך גע'חלש'ט. די סאָלדאַטן האָבן מיך געמינטערט מיט קאַלט וואַסער.

נאָך עטלעכע שעה האָט מען מיך געהייסן זיך אָנטאָן. דער אויספאָר־שער האָט מיט מיר גאָרנישט גערעדט, ער האָט געהייסן דעם סאָלדאַט מיך אָפּפירן אין תּפיסה. ווי אַזוי איך בין געגאַנגען דעם וועג ביז דער תּפיסה, קען איך זיך ביז היינט נישט פאָרשטעלן. איך האָב וואַרשיינלעך געהאַט גאָר הויכע טעמפּעראַטור. עס האָט מיך געשווינדלט אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב נישט געזען אויף די אויגן.

אין קאַמער איז דער אויוון געווען פאַרלאָשן, וואַרשיינלעך נישט צו־פעליק. די קעלט איז געווען נישט אויסצוהאַלטן. מיר האָט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. עס האָט מיך געטרייסלט, אַז איך האָב זיך נישט געקענט אויסטאָן און אַרויפגיין אויף דער נאַרע זיך אַוועקלייגן. אַפילו דער וועכטער האָט באַ־קומען אויף מיר רחמנות. ער האָט מיר געהאָלפן אויסטאָן זיך און אַרויפגיין אויף דער נאַרע. שלאָפן האָב איך אָבער נישט געקענט. די היץ האָט מיך געברענט. איך האָב גערופן און געבעטן אַביסל וואַסער. קיינער איז אָבער צו מיר נישט אַריינגעגאַנגען. איך האָב קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן.

עס איז געקומען דער פעלדשער און געמאָסטן מיר די היץ. דער טער־מאָמעטער האָט געוויזן העכער 40 גראַד. ער האָט גלייך אַרויסגערופן דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט, אַז ביי מיר איז אַ לונגען־אַנט־צינדונג.

— צום באַדויערן — האָט ער געזאָגט — קען איך אייך נישט נעמען פון דאַנען אין שפּיטאָל, ווייל אייער אויספאָרשונג איז נישט פאַרענדיקט. איר מוזט זיך דעריבער באַמיען, אַז מען זאָל דאָס וואָס שנעלער פאַרענדיקן, און איך וועל אינטערווענירן, אַז דער משפּט זאָל גלייך פאָרקומען, כדי מען זאָל קענען אייך איבערפירן אין שפּיטאָל און ראַטעווען אייער לעבן.

איך האָב פאַרשטאַנען די כוונה פון דעם „דאָקטאָר". איך האָב אים נאָר געבעטן, ער זאָל מיר געבן אַ רפואה צום שטאַרקן דאָס האַרץ, און זאָגן דעם נאַטשאַלניק, מען זאָל מיך נישט נעמען אויף די אויספאָרשונגען ביז די טעמפּעראַטור וועט נישט דערגיין צום נאָרמאַלן צושטאַנד.

ער האָט מיר צוגעזאָגט דאָס טאָן, אָבער איינצייטיק האָט ער מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער האָט אויף דעם קיין שום ווירקונג.

שפּעטער האָט מען מיר געבראַכט מיין פּאַרציע ברויט. איך האָב דאָס נישט צוגענומען און געבעטן דעם וועכטער, ער זאָל איבערגעבן דעם נאַטשאַלניק, אַז איך דערקלער אַ הונגער־שטרייק, ווייל אין אַזאַ צושטאַנד טאָר מען מיך נישט האַלטן אין תפיסה. איך פאָדער מען זאָל מיך איבערפירן אין שפּיטאָל.

דער נאַטשאַלניק איז גלייך געקומען, און גענומען מיר זידלען. ער האָט אַוועקגעלייגט פאַר מיר דאָס ברויט און אויסגערופן: „אונז וועסטו נישט אָפּשרעקן מיט דיין הונגערן. וועסט גאַר דערמיט העלפן מיר זאָלן שנעלער פון דיר פטור ווערן". ער איז אַרויס און פאַרהאַקט מיט כעס די טיר.

ביינאַכט איז געקומען אַ סאָלדאַט און האָט מיך ווידער געפירט אויף דער אויספאַרשונג. דאָס מאָל האָט מען מיר אָבער נישט געגעבן דאָס פוטער און די וואַלענקעס. די פראָסט איז געווען אַ שטאַרקע. די באָרד איז ביי מיר באַדעקט געוואָרן מיט אייז. מען האָט מיך גלייך אַריינגעפירט צום „גוטן" אויספאַרשער.

ער איז געזעסן אָנגעטאָן אין פוטער און אין וואַלענקעס אויף די פיס. אין צימער איז דאָס מאָל געווען קאַלט, ווי אויף דער גאַס. מיך האָט ער געהייסן זיך זעצן אויפן דיל.

— ווי פילט איר זיך נאָך דער נעכטיקער וואַנע? — האָט ער געפרעגט מיט אַ ציניש שמייכל אויף די ליפּן. — איך האָב געהערט, אַז איר האָט זיך פאַרקילט. דער דאָקטאָר האָט מיר אַפילו געגעבן אַ צעטל, אַז מען דאַרף אייך וואָס שנעלער אָפּשיקן אין שפּיטאָל, ווייל עס דראָט אַ סכנה פאַר אייער לעבן. דעריבער האָב איך אַלץ צוגעגרייט, אַז מאָרגן גאַנץ פרי זאָל מען קענען מאַכן אייער משפּט און נאָך דעם אָפּשיקן אייך אין שפּיטאָל. איצט איז אייער לעבן באמת נאָר אין אייערע הענט.

איך האָב אים געענטפערט, אַז אומזיסט האָט ער גע׳פּטר׳ט צייט. אויסער דעם — האָב איך געזאָגט — מען האָט מיך גע׳משפּט שוין צוויי מאָל אָן מיין אונטערשריפט. הייגט צוליב וואָס איז דאָס גראָד איצט אַזוי נויטיק מיין חתימה?

— טאָקע דערפאַר — האָט ער געענטפערט — מאָנען מיר איצט ביי אייך די חתימה פאַר אַלע משפּטים צוזאַמען.

ער איז צוגעגאַנגען נאָענטער צו מיר, איינגעקוקט זיך אין מיר, און ווידער האָט זיך באַוויזן דער ציניש ער שמייכל אויף זיין פּרצוף.

— עס איז מיר באמת אַ רחמנות אויף אייך — האָט ער געזאָגט. — אָבער ווייזט אויס, אַז מיינע מעטאָדן זיינען נישט פּאַסיק פאַר אייער כאַראַקטער. לגבי אייך דאַרף מען אָנווענדן מער שטאַרקערע מיטלען. אָבער נישט געקוקט דערויף לאָז איך אייך היינט נישט אָפּ. איך בין איבערצייגט, אַז מאָרגן וועט איר אַליין בעטן מען זאָל אייך געבן אונטערשרייבן.

ער האָט אַרויסגערופן אַ סאָלדאַט און געהייסן אָפּפירן מיך צוריק אין תפיסה.

די דאָזיקע נאַכט איז פאַר מיר געווען נאָך שווערער ווי די פריער־דיקע. איך האָב אָן אויפהער געשריגן פון היץ און געבעטן אַביסל וואַסער. איך האָב עס נישט באַקומען. אינדערפרי האָב איך געפילט, אַז איך בין שוין ביי די לעצטע כוחות. אויפן טיש איז געלעגן מיין פאַרציע ברויט, וועלכע דער נאַטשאַלניק האָט מיר צוריקגעשיקט. איך האָב שוין נישט געטראַכט וועגן שטרייקן, איך האָב אָבער נישט געקענט עסן. איך האָב נאָר געוואָלט טרינקען, אָבער קיין וואַסער האָב איך נישט באַקומען.

מיט עטלעכע שעה שפּעטער, דאָס מאָל בייטאָג, האָט מען מיך ווידער געפירט אויף דער אויספאָרשונג. ווידער האָט מען מיר נישט געגעבן קיין וואַרעמע קליידער. ווי אַזוי איך האָב אין מיין צושטאַנד דורכגעמאַכט דעם וועג, איז פאַר מיר אַליין נישט פאַרשטענדלעך. די טעמפּעראַטור איז געווען ביי מיר וואַרשיינלעך איבער 40 גראַד. אין מויל איז ביי מיר געווען טרוקן, די קאָפּ האָט ווײ־געטאָן, די פיס האָבן זיך אונטער מיר איינגעבראָכן.

פאַרן בנין פון נ.ק.וו.ד. בין איך געפאַלן און גענומען שלינגען שניי פון דער ערד. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דער קאַלטער שניי לעשט דאָס פייער וואָס האָט געברענט אין מיין גוף. דער סאָלדאַט האָט געהייסן איך זאָל אויפשטיין און אַפילו געדראָט מיט שיסן. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין כוח צו שטעלן זיך אויף די פיס. ער האָט מיך גענומען מיט כוח און אַזוי מיך אַרויפגעשלעפּט אויפן צווייטן שטאָק.

אין צימער זיינען געווען דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג פון נ.ק.וו.ד. און דער „טיגער". אויפן טיש זיינען געלעגן מיינע פּאַפּירן. דער נאַטשאַלניק האָט געזאָגט, אַז דער פּראָטאָקאָל איז אָנגעשריבן געוואָרן אַזוי ווי איך האָב געוואָלט און ווי נאָר איך וועל אונטערשרייבן, וועט ער אַרויסרופן אַן אויטאָ, וועלכער וועט מיך אָפּפירן אין שפּיטאָל, ווייל מיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט.

איך האָב געבעטן, אַז איך וויל פריער איבערלייענען, וואָס איך דאַרף אונטערשרייבן. דער נאַטשאַלניק איז געוואָרן אין כעס, הלמאי איך האָב נישט צו אים קיין צוטרוי.

— איך בין שוין 20 יאָר אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איר האָט די העזה צו באַצווייפלען מיין ערלעכקייט — האָט ער געשריגן.

ער האָט מיך געהייסן אַרויסגיין אין קאָרידאָר און דאָרט וואַרטן ביז מען וועט מיך רופן.

איך האָב נישט געקענט שטיין און געוואָלט זיך אַוועקזעצן אויפן דיל. דער סאָלדאַט וואָס האָט מיך געהיטן האָט עס מיר נישט דערלויבט. ער האָט מיר נישט דערלויבט אַפילו זיך אָנשפּאַרן אין דער וואַנט. אַזוי בין איך גע־שטאַנען העכער אַ שעה צייט. ענדלעך האָט דער „טיגער" געעפנט די טיר און געהייסן מיך אַריינגיין. זיי האָבן מיר געגעבן אונטערשרייבן אַ פּראָטאָקאָל

אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט, אַז איך באַשטעטיק אַז איך האָב נישט מער קיין עדות אָנצוגעבן און איך בעט פאַרענדיקן די אויספאָרשונג און איבער־געבן מיין ענין צום געריכט.

איך האָב געזאָגט דעם נאַטשאַלניק, אַז איך האָב דאָך נישט אונטער־געשריבן קיין שום באַשולדיקונגס־אַקט, היינט ווי אַזוי קען איך בעטן מען זאָל איבערגעבן מיין ענין צום געריכט?

דער נאַטשאַלניק האָט זיך ווידער אויפגערעגט און געזאָגט:

— איר האַלט זיך פאַר אַן אינטעלעגענטן מענטש און פאַרשטייט נישט, אַז לויטן געזעץ קען מען נישט צוטרעטן משפּט׳ן אַ מענטש, ביז ער באַשטעטיקט נישט, אַז ער האָט נישט מער וואָס צו דערווייזן.

— פאַרשטייט זיך — האָט ער צוגעגעבן — אַז בעת׳ן משפּט וועט איר קענען אַרויסרוקן אייערע טענות, באַווייזן אַז איר זייט אומשולדיק און אַפילו אַרויסרופן עדות צום פאַרטיידיקן. אויב אָבער איר וועט נישט אונטער־שרייבן וועלן מיר זיין געצוואונגען אייך ווייטער האַלטן דאָ אין תּפיסה און איך קען אייך נישט גאַראַנטירן, צי איר וועט אַרויס אַ לעבעדיקער, נעמענ־דיק אין אַכט אייער געזונט־צושטאַנד.

איך האָב זיך פאַרטראַכט און געקומען צום אויספיר, אַז אין דער לאַגע וועל איך לאַנג נישט אויסהאַלטן. איך האָב אונטערגעשריבן, און גלייך נאָך דעם בין איך געפאַלן אין חלשות.

ווי לאַנג איך בין געלעגן אַן באַוואוסטזיין ווייס איך נישט. ווען איך בין געקומען צו זיך האָב איך צו מיין פאַרוואונדערונג דערזען, אַז איך געפין זיך אין מיין קאַמער נומער 3. דער אויוון איז נישט געווען איינגעהייצט. ס׳איז געווען אַ ביטערע קעלט, מיר האָט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

אינדערפרי איז געקומען דער פעלדשער. ער האָט מיר געגעבן וואַ־לעריאַן־טראָפּנס און געזאָגט, איך זאָל זיך שטאַרקן, ווייל איך דאַרף האָבן גענוג כּוח צום משפּט, וועלכער איז באַשטימט אויפן צווייטן טאָג.

# דער „גערעכטער" משפּט

פרייטיק אינדערפרי, 21 טעג אין חודש אדר א׳ תש״ו, האָט מיך אַרויס־גערופן צו זיך דער נאַטשאַלניק פון תּפיסה. ער האָט מיר געגעבן מיין באַ־שולדיקונגס־אַקט און געהייסן באַשטעטיקן מיט מיין אונטערשריפט, אַז איך האָב אים דערהאַלטן. ערשט נאָך דעם האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך קען עס האַלטן אַ האַלבע שעה צייט אויף באַקענען זיך מיטן אינהאַלט.

דער אַקט האָט געהאַט העכער אַ צענדליק בויגן מאַשין־שריפט. כּדי צו באַקענען זיך גענוי מיט אַלע איינצלהייטן האָט אַ געזונטער מענטש געמוזט האָבן עטלעכע שעה צייט. איך בין געווען אין אַ שווערן מצב. איך האָב גע־ציטערט פון היץ און קעלט, די טעמפּעראַטור איז ביי מיר געווען העכער 40

גראַד. עס האָט מיר געשווינדלט אין די אויגן און די אותיות האָבן זיך צוזאַ־מענגעגאָסן אין איין שוואַרצע מאַסע. נישט געקוקט דערויף האָב איך געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג כדי באַקומען אַ געוויסע אָריענטאַציע וועגן דעם וואָס דאָרט איז געשריבן. אָבער ווי נאָר איך האָב גענומען לייענען, האָט דער נאַטשאַלניק ביי מיר צוגענומען דעם אַקט און געהייסן מיך אָפּפירן אין קאַמער. ער האָט נאָר באַדאַרפט מיין אונטערשריפט, אַז מען האָט מיר געוויזן דעם אַקט. פאַר די פאָרמאַליטעטן איז דאָס געווען גענוג . . .

איך האָב געבעטן דעם נאַטשאַלניק מען זאָל איינהייצן ביי מיר אין קאַמער, ווייל דאָרט איז שרעקלעך קאַלט און איך ווער ממש געפרוירן, און דאָס גראַד דאַן, ווען איך בין שווער קראַנק מיט הויכע טעמפּעראַטור.

— איר זייט אַ ביז גאָר אומרואיקער לאַקאַטאָר אין מיין האָטעל — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציניש[ן] שמייכל. — מען קען אייך קיינמאָל נישט באַפרידיקן. הייצט מען, שרייט איר, אַז ס'איז אייך הייס, הייצט מען נישט, שרייט איר ווידער, אַז ס'איז אייך קאַלט.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין קאַמער איז דאָרט די טיר געווען אָפן. זיי האָבן פאַר דער צייט בכיוון נאָך מער אויסגעקילט דעם קאַמער, אין וועלכער עס איז איצט געווען ממש אַ פראָסט. איך האָב זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט פון דער קעלט, און געבעטן דעם וועכטער, ער זאָל מיר ברענגען אַביסל וואַרעם וואַסער. ער האָט זיך צעלאַכט און דערקלערט, אַז באַלד וועט מען ברענגען די „באַלאַנדע״, וועל איך זיך דערוואַרעמען. ווען איך האָב אים געענטפערט, אַז ער ווייס גוט אַז איך עס נישט די באַלאַנדע במשך פון דער גאַנצער צייט וואָס איך געפין זיך אין לאַגער, האָט ער געזאָגט מיט סאַרקאַזם: ספּעציעלע געריכטן לויטן געשמאַק, וועסטו דיר בעטן אין אַן עלעגאַנטן רעסטאָראַן. אין תפיסה עסט מען, וואָס מען גיט . . .

ביי טאָג האָט מען מיר געגעבן די פּאָרציע ברויט און אַ ליטער קאַלטן וואַסער. איך האָב נישט געקענט עסן פון גרויסער היץ, אָבער איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז איך וועל פאַרלירן די לעצטע כוחות. האָב איך איינ־געווייקט דאָס ברויט אין וואַסער און אויפגעגעסן. ביינאַכט איז די טעמפּע־ראַטור ביי מיר ווייטער נישט געפאַלן און איך האָב נישט געקענט שלאָפן.

פאַרטאָג האָט מען מיר מודיע געווען, אַז היינט קומט פאַר מיין פּראָצעס. אַזוי ווי עס איז שבת און מען האָט נישט געוואָלט רייצן מיינע רעליגיעזע געפילן, וועט מען מיר נישט געבן קיין וואָגן צום פאָרן, נאָר איך וועל מוזן גיין צופוס . . .

איך בין שוין געווען געוואוינט צו גרעסערע פּערפידיעס מצד די סאָט־ראַפּן, אַזוי אַז די דערקלערונג האָט מיך נישט איבערראַשט. איך האָב קוים באַוויזן אָפּדאַוונען ווי עס זיינען געקומען צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן, וועלכע האָבן מיך געפירט צום געריכט. לויט די אָנגענומענע פאָרשריפטן האָבן זיי מיר פאַרגעלייגט דעם באַפעל ווי איך דאַרף זיך נוהג זיין אויפן וועג: איך טאָר נישט אָפּשטיין. איך טאָר נישט מאַכן קיין איין שפּאַן אויף רעכטס אָדער

לינקס. איך טאָר נישט . . . פאַר יעדער אָפּווייכונג פון די פאָרשריפטן, האָט דער קאָנוואָי אַ רעכט צו שיסן אָן וואָרענונג.

דאָס איז געווען פאַר מיר אַ וועג פון פּיין. עס האָט מיך געוואָרפן פון קעלט. די קאָפּ האָט ווײ־געטאָן און איך האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. דער קאָנוואָי האָט מיך אונטערגעטריבן, ביז מיר זיינען ענדלעך צוגעקומען צו אַן איין־שטאָקיקע הילצערנע געביידע, אויף וועלכער עס איז געווען אַן אויפשריפט: „געריכט פון לאַגער״.

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער, וואו ביי אַ גרויסן טיש, באַדעקט מיט רויטע לייוונט, זיינען געזעסן דריי מענטשן. דער פאָרזיצער פון געריכט און צוויי בייזיצער. איינער פון זיי איז געווען אַ יונגער מענטש, וועלכער איז געווען באַשטעטיקט אין דער בוכהאַלטעריע פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון לאַגער. ער האָט מיך געקענט פון דער צייט, ווען איך האָב געאַרבעט אין דער בוכהאַלטעריע פון שפּיטאָל. אין צימער זיינען אויך געווען דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג פון נ. ק. וו. ד. און דער „טיגער״.

דער פאָרזיצער האָט געעפנט די פאַרהאַנדלונגען און דערקלערט, אַז היות דער פּראָקוראָר איז נישט געזונט און האָט נישט געקענט קומען צום משפט, קען אויך נישט אַרויסטרעטן דער פאַרטיידיקער. דעריבער וועל איך דאַרפן זיך אַליין פאַרטיידיקן.

איך האָב געבעטן אַ וואָרט און דערקלערט, אַז איך בין אין אַ שווערן געזונט־צושטאַנד. דערצו נאָך באַקום איך נישט קיין מעדיצינישע הילף. במילא בין איך נישט בכוח אין אַזאַ לאַגע זיך אַליין פאַרטיידיקן און איך בעט דעריבער צו אָפּלייגן מיין פּראָצעס אויף אַ צווייטן טערמין.

דער פאָרזיצער האָט זיך געווענדעט צו די בייזיצער אויף רעכטס און אויף לינקס, און כלומר׳שט געפרעגט זייער מיינונג, און גלייך געענט־פערט, אַז דאָס „געריכט״ וואַרפט אָפּ מיין בקשה אַלס נישט באַגרינדעטע און באַשלאָסן וויטער פירן די פאַרהאַנדלונגען.

אויף מיין פראַגע צי די פאַרהאַנדלונגען ווערן פּראָטאָקאָלירט, האָט דער פאָרזיצער געענטפערט, אַז דער סעקרעטאַר זיצט אין שכנות׳דיקן צימער, הערט גענוי דעם פאַרלויף פון פּראָצעס און פּראָטאָקאָלירט אַלץ, לויט די פאָרשריפטן. דאַן האָב איך געבעטן, מען זאָל אַריינטראָגן אין פּראָטאָקאָל, אַז איך האָב געבעטן, אַז צוליבן פעלן פון אַ פאַרטיידיקער האָב איך געבעטן אָפּלייגן דעם פּראָצעס און דאָס געריכט האָט אָפּגעוואָרפן מיין בקשה. דער פאָרזיצער האָט זיך ווידער כלומר׳שט באַראַטן מיט די בייזיצער און דער־קלערט, אַז אויך די בקשה ווערט אָפּגעוואָרפן.

איך האָב דאַן געבעטן אַריינטראָגן אין פּראָטאָקאָל, אַז איך פּראָטעסטיר קעגן דעם, וואָס דער פּראָצעס ווערט נישט געפירט אין הסכם מיט די געזעצן פון סאָוועטישן געריכט־וועזן. אויף דעם האָט דער פאָרזיצער מודיע געווען, אַז פאַר באַשמוצן דאָס סאָוועטישע געריכט, ווער איך באַשטראָפט מיט פינף טעג קאַרצער, וועלכע איך דאַרף אָפּקומען גלייך נאָכן פאַרענדיקן דעם משפט.

דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאַקטישע פּאַרהאַנדלונגען. דער פּאָרזיצער האָט מיך געפּרעגט, וואָס איך האָב צו זאָגן בנוגע די באַשולדיקונגען, וועלכע זיינען אויסגערעכנט אין באַשולדיקונגס־אַקט.

איך קען גאָרנישט זאָגן — האָב איך דערקלערט — דערפאַר, ווייל מען האָט מיר נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דעם אַקט. מען האָט מיר אים געוויזן נאָר אויף עטלעכע מינוט, כדי אויסנאַרן פון מיר דעם אונטערשריפט, אַז איך האָב אים דערהאַלטן. לויט די אָנגענומענע פאָר־שריפטן, דאַרף איך באַקומען דעם באַשולדיקונגס־אַקט ווייניקסטן דריי טעג פאַר די געריכט־פאַרהאַנדלונגען. איך האָב אים בכלל נישט באַקומען;

— צווייטנס — האָב איך ווייטער געזאָגט — געפינען זיך אין זאַל דער נאַטשאַלניק און נאָך איין מיטאַרבעטער פון נ.ק.וו.ד. וועלכע האָבן געפירט מיין אויספאָרשונג, וואָס איז קעגן די פאָרשריפטן פון געזעץ. דע־ריבער בעט איך, מען זאָל זיי באַזייטיקן, כדי זיי זאָלן נישט האָבן קיין איינ־פלוס אויף די געריכט־פאַרהאַנדלונגען. דערביי וויל איך אונטערשטרייכן, אַז אויך די אויספאָרשונג האָבן זיי געפירט נישט געזעצלעך: זיי האָבן מיך גע־פייניקט און צום סוף אַריינגעשליידערט אין אַ נאַסן קעלער, אין רעזולטאַט פון וואָס איך בין קראַנק געוואָרן. און צום סוף — איך זיץ מיט 40 גראַד היץ, מיין געזונט־צושטאַנד דערלויבט מיר נישט, נישט נאָר זיך פאַרטיידיקן, נאָר אַפילו נישט פאַרשטיין דעם פאַרלויף פון פּראָצעס. דעריבער האַלט איך אונטער מיין פּראָטעסט און בעט נאָכאַמאָל אָפּלייגן דעם משפּט.

דאָס האָט שוין אַרויסגעפירט דעם פּאָרזיצער פון געריכט פון די כלים. ער האָט שוין אַפילו נישט געמאַכט דעם אָנשטעל פון באַראַטן זיך מיט די בייזיצער און אויסגערופן מיט כעס:

— איך מאַך אייך אויפמערקזאַם, אַז איר פאַרהאַלט זיך חוצפּה׳דיק און דערלויבט זיך אויף רכילות לגבי דעם סאָוועטישן געריכט און לגבי די מאַכט־אָרגאַנען פון דער ראַטנמאַכט. איך באַשטראָף אייך צוגאָבלעך מיט נאָך פינף טעג קאַרצער און מאַך אייך אויפמערקזאַם, אַז אויב איר וועט שטערן אין די פאַרהאַנדלונגען פון געריכט און באַנוצן זיך מיט שקרים, וועל איך אָנווענדן לגבי אייך שטרענגערע מיטלען. . . .

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער אינצידענט און דאָס געריכט איז צוגעטראַטן צו די ווייטערדיקע פאַרהאַנדלונגען.

— פאַרוואָס האָט מען אייך פאַר׳משפט אויף 10 יאָר לאַגער? — האָט געפרעגט דער פּאָרזיצער.

— אין יאָר 1937 האָט מען מיך אַרעסטירט — האָב איך געענטפערט — און אַן וועלכן עס איז משפט מיך פאַרשיקט אויף 10 יאָר לאַגער. דאָס איז געווען אַן אומגעזעצלעכער אַקט און איך זיץ די גאַנצע צייט אַלס אומ־שולדיקער. דעריבער בעט איך מען זאָל מיך באַפרייען.

דער פּאָרזיצער האָט זיך צעלאַכט און געפרעגט, צי איך וויל שפּילן

די ראָל פון אַ משוגענעם, דאַן קען ער מיר דעריין העלפן, דורך אָפּשיקן מיך אין אַ משוגעים־הויז.

דאַן האָב איך געבעטן אַרויסרופן עדות צו מיין פאַרטיידיקונג. צווישן אַנדערע האָב איך געבעטן רופן אַלס עדות דעם פעלדשער פון תפיסה, וועל־כער וועט קענען באַשטעטיקן אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד איך בין צוריק־געקומען פון דער אויספאָרשונג.

מיין בקשה איז ווידער אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיטן מאָטיוו, אַז איך האָב שריפטלעך באַשטעטיקט, בעת מען האָט פאַרענדיקט די אויספאָרשונג, אַז איך האָב נישט מער קיין שום עדות.

נאָך דעם איז דאָס געריכט צוגעטראָטן אויסהערן די באַשולדיקונגס־עדות. דער ערשטער עדות איז געווען אַן אַרעסטאַנט, וועלכער איז פאַר׳־משפט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן לאַגער פאַר מיט־אַרבעט מיט די היטלעריס־טישע אָקופּאַנטן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס איז געווען אַן אוק־ראַינישער פויער, וואָס האָט נישט געקענט לייענען און שרייבן.

אויף דער ערשטער פראַגע, צי ער קען מיך, דעם באַשולדיקטן, פער־זענלעך — האָט ער געענטפערט: יאָ.

— צי איז אייך באַקאַנט, אַז דער אַנגעקלאָגטער איז אַ קעגנער פון דער ראַטנמאַכט — איז געווען די צווייטע פראַגע פון ריכטער.

דער עדות האָט געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, וואָס דער ריכטער האָט אָנגענומען אַלס באַשטעטנדיקן ענטפער און געהייסן פּראָטאָקאָלירן.

דער מיטגליד פון געריכט־קאָמפּלעט, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער בוכהאַלטעריע פון לאַגער, וועלכער האָט מיך געקענט, און געהאַט אַפילו סימפּאַטיע פאַר מיר, האָט שוין ווייזט אויס נישט געקענט אויסהאַלטן און געבעטן דעם עדות, ער זאָל זאָגן דעם געריכט פאַר וואָס ער איז פאַר׳משפּט געוואָרן.

דער עדות האָט גענומען שטאַמלען און צום סוף געזאָגט:

— מען האָט מיך פאַר׳משפט דערפאַר וואָס בעת דער אָקופּאַציע האָב איך גע׳הרג׳עט 80 אידן פון אונזער שטעטל אין אוקראַינע. אָבער וואָס בין איך שולדיק? די דייטשן האָבן מיך געצוואונגען.

— אפשר קענט איר זאָגן דעם געריכט אין וואָס עס האָט זיך אויס־געדריקט די אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע פון באַשולדיקטן צווישן די אַרעס־טאַנטן? — האָט ווייטער געפרעגט דער זעלבער מיטגליד פון געריכט.

דער עדות האָט ווידער לאַנג געטראַכט און צום סוף זיך דערמאָנט:

— נאָך מיט אַ יאָר צוריק האָט דער באַשולדיקטער געבראַכט אין לאַגער די ציַיטונג „איזוויעסטיאַ" און געלייענט זי צוזאַמען מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן.

איך זאָל איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער. דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג האָט נישט אויסגעהאַלטן און אויסגערופן: „אידיאָט"...

מער קיין פראַגן האָט מען אים שוין נישט געשטעלט. דער פאָרזיצער

פון געריכט איז געווען זייער נישט צופרידן פון די פראַגן פון זיין בייזיצער, וועלכער האָט אַלץ קאַליע געמאַכט. מען האָט דעם עדות אַרויסגעפירט פון געריכט־זאַל.

איך האָב זיך געווענדעט צום געריכט, מען זאָל געבוי פּראָטאָקאָלירן די דערקלערונגען פון דעם עדות. דער פּאָרזיצער האָט זיך ווידער געווענדעט צו זיינע בייזיצער און נישט וואַרטנדיק אויף זייער תשובה, דערקלערט, אַז דאָס געריכט וואַרפט אָפּ מיין בקשה.

איך האָב דאַן געבעטן אַ וואָרט און דערקלערט, אַז הגם אַ מיטגליד פון געריכט האָט בולט באַוויזן די פאַלשקייט פון די דערקלערונגען פון דעם עדות, איז דאָס אַפילו נישט פּראָטאָקאָלירט געוואָרן. איך האַלט דעריבער, אַז דער גאַנצער משפט איז אַ פּאַריאָדע. הגם איך ווייס, אַז מיינע דערקלע־רונגען וועלן אויך נישט פּראָטאָקאָלירט ווערן, און דער פּאָרזיצער פון גע־ריכט וועט מיך דערפאַר מכבד זיין מיט נאָך עטלעכע טעג קאַרצער, בין איך אָבער איבערצייגט, אַז איך וועל נאָך דערלעבן אַ גערעכטן משפט, אין וועלכן נישט איך וועל זיין דער אָנגעקלאָגטער.

דער פּאָרזיצער פון געריכט האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער האָט נישט געהערט וואָס איך האָב געזאָגט און נישט רעאַגירט אויף מיין דערקלע־רונג. ער האָט געהייסן אַריינרופן דעם צווייטן עדות. דאָס איז געווען אַ באַנדיט אין עלטער פון 42 יאָר, און 25 פון זיי איז ער געזעסן אין תפיסה און לאַגערן פאַר מאָרד־טאָטן. ער האָט זיך מודה געווען צו 12 פאַלן פון הרג'ענען מענטשן, אויסער 13, צו וועלכע ער האָט זיך נישט מודה געווען.

ווען ער איז אַריין אין געריכט־זאַל האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און נישט געקענט מיר קוקן אין די אויגן. דער דאָזיקער באַנדיט האָט גע־לעבט אַ לענגערע צייט צווישן אידן און געקענט אַביסל רעדן אידיש. ער האָט מיר דערציילט אַ צוגעטראַכטע מעשה, אַז זיין מוטער איז געווען אַ אידישע און ער איז דערצויגן געוואָרן אין שטוב פון זיין אידישן זיידן.

מיט אַ צייט צוריק איז ער קראַנק געוואָרן אויף „צינגאַ". דער גאַנצער קערפּער איז ביי אים געווען פול מיט וואונדן. איך האָב אים דאַן געהאָלפן באַקומען אַ רפואה פון מאָסקווע, אַ דאַנק וועלכער ער האָט זיך געראַטעוועט. איך האָב אים דאַן אויך נישט געגלויבט אין זיין באָבע־מעשה וועגן זיין אידישקייט. איך האָב אַפילו געוואוסט, אַז ער איז אַ שלעכטער מענטש און געזען, אַז ער איז נישט איין מאָל זיך באַגאַנגען ברוטאַל מיט זיינע לאַגער־חברים. נישט געקוקט דערויף האָב איך אים געהאָלפן, אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפּונקט, אַז מיטן העלפן, אַפילו אַ שלעכטן מענטשן, מאַכט מען אים בעסער.

איצט האָט ער באַדאַרפט אַרויסטרעטן מיט פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן מיר. אַפילו ביי דעם רוצח האָט זיך ערגעץ־וואו אויפגעוועקט אַ פונק פון מענטשלעכקייט. ער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער און נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט. דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג האָט אים גענומען העלפן מיט פּראָוואָקאַטאָרישע פראַגן.

— צי דערמאָנט זיך דער עדות — האָט ער געפֿרעגט — אַז בשעת מען האָט איך געבראַכט אין לאַגער אין יאָר 1938, האָט דער אָנגעקלאָגטער דערקלערט אין דער אָנוועזנהייט פֿון פֿיל מענטשן, אַז איר אַלע זייט איר אומשולדיקע קרבנות; אַז אַ טייל האָט מען שוין אַפֿילו געשאָסן; אַז מען האָט איך געבראַכט אין לאַגער, כדי מאַכן פֿון איך שקלאַפֿן פֿון אומזיסטער אַרבעט?

מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ האָט דער עדות באַשטעטיקט אַלץ, וואָס דער נאַטשאַלניק האָט פֿאָרמולירט אין זיין פֿראַגע. דאָס איז אויך געווען די ערשטע דערקלערונג, וואָס האָט פֿיגורירט אין פּראָטאָקאָל.

איך האָב געבעטן דעם עדות, ער זאָל אָנרופֿן דעם נאָמען פֿון דעם לאַגער אין וועלכן איך האָב כלומר׳שט געזאָגט די דאָזיקע ווערטער. ער איז ווידער געשטאַנען אַ צעטומלטער און נישט געקענט ענטפֿערן. איך האָב דאַן געבעטן פּראָטאָקאָלירן, אַז די פּראָוואָצירנדע פֿראַגן פֿון דעם נאַטשאַלניק פֿון נ.ק.וו.ד. זיינען קעגן געזעץ, ווייל דער אויספֿאָרשער טאָר זיך בכלל נישט געפֿינען אין זאַל בעת׳ן פּראָצעס, און אַוודאי נישט מאַכן קיין דרוק אויף די עדות און אויף דער געריכט־פֿאַרהאַנדלונג בכלל.

דער פֿאָרזיצער פֿון געריכט האָט זיך ווידער געגעבן אַ נויג אויף רעכטס און אויף לינקס, צו זיינע בייזיצער, און ווי פֿריער געגעבן דעם זעלבן ענטפֿער, אַז מיין בקשה ווערט אָפּגעוואָרפֿן.

מען האָט אַריינגערופֿן דעם דריטן עדות. דער דאָזיקער עדות האָט מיך גראָד גוט געקענט. ער האָט געאַרבעט אין שטאַב פֿון לאַגער און איז געווען אַ נישט אָפֿיציעלער מיט־אַרבעטער פֿון נ.ק.וו.ד. זיין קאַריערע האָט ער אַפֿילו אָנגעהויבן אַלס אָפֿיציר פֿון נ.ק.וו.ד. נאָר ס׳האָט זיך אים אויס־געגליטשט אַ פֿוס. פֿאַר אַ גרויסע סומע געלט האָט ער באַפֿרייט נאָך דער אויספֿאָרשונג אַ באַקאַנטן באַנדיט. ער האָט באַקומען דערפֿאַר 5 יאָר לאַגער. אָבער אַזוי ווי ער איז פֿאָרט געווען אַן „אייגענער", האָט מען אים נישט געטאָן קיין עוולה. ער האָט געהאַט אַ פֿונקציע פֿון אינספּעקטאָר קעגן שריפֿות אין לאַגער. פּאַקטיש האָט ער גאָרנישט געטאָן. ער האָט געלעבט זייער גוט, געהאַט אַן אייגן צימערל און באַקומען גוט עסן. זיין הויפּט־אויפֿגאַבע איז געווען צו זיין אַ „יאָר־עדות" קעגן אומשולדיקע אַרעסטאַנטן. אים האָט מען נישט באַדאַרפֿט לערנען און נישט ציען פֿאַר דער צונג, ער האָט גוט געקענט די דאָזיקע מלאכה.

אויף דער פֿראַגע פֿון פֿאָרזיצער, וואָס ער ווייס וועגן מיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, האָט ער געזאָגט:

— איך קען דעם אָנגעקלאָגטן שוין אייניקע יאָרן. די גאַנצע צייט אין לאַגער טראָגט ער די באָרד און פּיאות. ער רעכנט זיך קיינמאָל נישט מיט די פֿאָרשריפֿטן פֿון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע. ער זאָגט זיך אַפֿילו אָפּ צו עסן פֿון דער אַלגעמיינער קיך. ער מאַכט דעם אָנשטעל פֿון אַן אַלטרואיסט. אָפֿטמאָל העלפֿט ער טאַקע אַנדערע אַרעסטאַנטן, אָבער ער טוט דאָס נאָר מיטן ציל צו געווינען זייער צוטרוי, כדי זיין אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע

זאָל האָבן אויף זיי אַ גרעסערע ווירקונג. ער סימולירט אויך כסדר, אַז ער איז אַ קראַנקער און געמאַכט אַפילו דעם אָנשטעל, אַז שוין שטאַרבט ער, כדי אויף אַזאַ אופן באַוויזן, אַז די אַדמיניסטראַציע באַציט זיך שלעכט צו די אַרעסטאַנטן און איינציייטיק וועקן ביי זיי רחמנות צו זיך. דערביי האָט ער אויך געטריבן רכילות אויף דער אַדמיניסטראַציע, באַשולדיקנדיק זי, אַז מען גנב'עט פּראָדוקטן, וועלכע זיינען באַשטימט פאַר די הונגעריקע אַרעסטאַנטן.

איך האָב דערקלערט, אַז דער עדות האָט נישט געבראַכט קיין שום קאָנקרעטע פאַקטן קעגן מיר, נאָר איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַשולדיקונגס־רעדע ווי אַ פּראָקוראָר. דעריבער האָב איך געבעטן, מען זאָל מיר געבן אַ מעגלעכקייט צו אָנשטעלן אַן אַדוואָקאַט פאַר מיין געלט, כדי זיך קענען פאַר־טיידיקן קעגן דעם נישט־ערנסטן משפּט.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך די בקשה מיינע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. ווען איך האָב געבעטן, מען זאָל איינשרייבן אין פּראָטאָקאָל, אַז מען האָט צום צווייטן מאָל אָפּגעוואָרפן מיין פאָרשלאָג, פון דערמעגלעכן מיר צו אָנשטעלן אַ פאַרטיידיקער, האָט דער פאָרזיצער געענטפערט, אַז אין דער פראַגע האָט שוין דאָס געריכט פריער באַשלאָסן . . .

מיט דעם האָבן זיך פאַרענדיקט די פאַרהאַנדלונגען און איך האָב באַ־קומען אַ וואָרט צום פאַרטיידיקן זיך. איך האָב דערקלערט, אַז היות דער משפּט ווערט נישט געפירט אין הסכם מיט די געזעצן, זאָג איך זיך אָפּ פון דער פאַרטיידיקונג און פונעם לעצטן וואָרט פון באַשולדיקטן.

מיין דערקלערונג האָט וויזט אויס זיי צעטומלט און זיי האָבן דערויף בכלל נישט רעאַגירט. דער פאָרזיצער פון געריכט האָט געהייסן אַרויספירן מיך אין אַ צווייטן צימער. דאָרט איז געזעסן די סעקרעטאַריך, וועלכע האָט, ווייזט אויס, גראָד געענדיקט שרייבן אויפן מאַשין מיין אורטייל.

נאָך עטלעכע מינוט האָט מען מיך צוריק אַריינגעפירט אין געריכט־זאַל. עס איז אַריינגעקומען דאָס געריכט און דער פאָרזיצער האָט געלייענט דעם אורטייל, לויט וועלכן איך בין פאַר'משפּט געוואָרן אויף וויטערדיקע 10 יאָר לאַגער. אין דער מאָטיווירונג איז געזאָגט געוואָרן, אַז אין יאָר 1937 בין איך צום ערשטן מאָל פאַר'משפּט געוואָרן אויף 10 יאָר פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אָבער אָנשטאָט אַרויסצואוויזן חרטה, האָב איך וויטער געפירט אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע. איך האָב געפּרעדיגט רע־ליגיעזן פאַנאַטיזם און אָבער־גלויבנס און סאַבאָטירט די פאַראָרדענונגען פון דער אַדמיניסטראַציע . . .

איך האָב באַקומען די רעכט צו אַפּעלירן קעגן דעם אורטייל במשך פון 72 שעה.

# צוריק אין לאַגער־שפּיטאָל

פון געריכט האָט מען מיך אַוועקגעפירט צוריק אין תּפיסה, אין דער זעלבער קאַמער נומער 3. ער איז דאָרט געווען אַ ביטערע קעלט, דערצו האָב איך געהאַט הויכע טעמפּעראַטור און איך האָב נישט געקענט עסן. אין עטלעכע שעה אַרום איז געקומען דער נאַטשאַלניק אין באַגלייטונג פון אַ סאָלדאַט. מען האָט מיך אַרויסגעפירט פון קאַמער און אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל.

מען האָט מיך געלייגט אין אַ גוטע פּאַלאַטע. עס איז געקומען די פּאַרוואַלטערין, אין באַגלייטונג פון צוויי דאָקטוירים. זיי האָבן מיך אונטער־זוכט, צוגעלייגט וואַרעמע קאָמפּרעסן און געמאַכט איינשפּריצונגען פון אַנטי־ביאָטיקעס.

ביינאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, איז געקומען צו מיר אַן אַרבעטער פון דער בוכהאַלטעריע, מיט וועלכן איך בין געווען באַפריינדעט, און האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אים דיקטירן, וועט ער אָנשרייבן מיין אַנקלאַגע קעגן אורטייל, ווייל עס איז פאַרבליבן קוים דריי טעג אויף אָפּ־געבן די אַפּעלאַציע. נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב זיך געפילט זייער שלעכט, האָבן מיר אָפּגעשריבן די אַפּעלאַציע. ער האָט מיר צוגעזאָגט איבערשיקן דאָס גלייך צום נאַטשאַלניק פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון לאַגער.

אינדערפרי האָט מען מיר געגעבן אַ גלאָז מילך, ווייס ברויט און פּוטער. שפּעטער איז געקומען די פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל. זי האָט מיך נאָכאַמאָל אונטערזוכט און פאַראָרדנט, מען זאָל מיר מאַכן דריי מאָל אין טאָג איינשפּריצונגען פון אַנטי־ביאָטיקעס. ביינאַכט האָב איך זיך דערפילט זייער שלעכט. די קראַנקן־שוועסטער האָט אַרויסגערופן די פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל. זי איז גלייך געקומען און געמאַכט מיר צוויי איינשפּריצונגען. איך האָב כמעט ווי פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין. די פאַרוואַלטערין איז פאַרבליבן לעבן מיר די גאַנצע נאַכט. פּלוצים איז מיר געוואָרן זייער שלעכט. מען האָט מיר אַריינגעגאָסן אין מויל אַ רפואה. איך האָב דערפילט, אַז אינווייניק אין מיר האָט גענומען שטאַרק ברענען. צום סוף האָב איך, ווי אין חלום, גע־הערט די ווערטער פון דער פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל, וועלכע האָט געזאָגט צו דער קראַנקן־שוועסטער: אַ דאַנק דעם אויבערשטן, דער קראַנקער וועט לעבן.

ערשט נאָך עטלעכע וואָכן בין איך געקומען צו זיך און געקענט צוביסלעך אַראָפּגיין פון בעט. אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען צו מיר דער נאַטשאַלניק פון דער צווייטער אָפּטיילונג פון נ.ק.וו.ד. און געבראַכט אַ פּאַפּיר פון מאָסקווע, אין וועלכער ס׳איז געווען געשריבן, אַז אַזוי ווי איך האָב נישט אָנגעגעבן קיין אַפּעלאַציע אין דעם באַשטימטן טערמין — איז דער אורטייל פון מיין משפּט אַריין אין קראַפט.

איך האָב דערקלערט דעם נאַטשאַלניק, אַז נישט געגוג וואָס מען האָט מיך גע׳משפט נישט געזעצלעך, האָט מען מיך אויך באַשווינדלט. איך האָב דערלאַנגט צו דער באַשטימטער צייט מיין אַפּעלאַציע, נאָר עס ווייזט אויס, אַז די וועלכע האָבן אינסצענירט מיין פּראָצעס, האָבן אויך פאַרניכטעט מיין אַפּעלאַציע. דעריבער וועל איך שיקן אַן אָנקלאַגע אין דער הויפּט־פּראָקוראַטור, אין וועלכער איך וועל באַווייזן, אַז דער גאַנצער משפט איז געפירט געוואָרן קעגן די פאַרפליכטנדיקע געזעצן פון לאַנד.

דער נאַטשאַלניק האָט מיר געגומען באַרואיקן און דערקלערט, אַז עס איז נאָך פאַראַן אַן אויסוועג, היות אַז איך בין געווען אין דער צייט שווער קראַנק, זאָל איך בעטן אַז מען זאָל מיר אָנערקענען, אַז דער טערמין איז נאָך נישט פאַרביי, און איך זאָל טאַקע גלייך אָנשרייבן אַן אַפּעלאַציע, וועלכע ער וועט נאָך דעם זעלבן טאָג אַרויסשיקן קיין מאָסקווע. דערביי האָט ער פאַרזיכערט, אַז די אַפּעלאַציע וועט זיכער באַטראַכט ווערן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל ער מיך ווידער בכיוון אַריינפירן אין אַ טעות. איך האָב אים געדאַנקט פאַר זיין גוטן ווילן און געזאָגט, אַז די אַפּעלאַציע האָט זיכער צוגענומען דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג, וועלכער מיידט נישט אויס קיין שום געלעגנהייט מיך צו פאַרפאַלגן. דעריבער, אויב ער וויל מיר ווירקלעך העלפן, זאָל ער אָפּנעמען ביי אים די אַפּעלאַציע מיט דער דאַטע, וועלכע איך האָב געשריבן צו דער באַשטימטער צייט, און דאָס אַרויסשיקן צום געריכט קיין מאָסקווע, מיט אַ צושריפט, אַז על פי טעות איז זי פאַרהאַלטן געוואָרן אין לאַגער. דאַן קען איך נאָך אפשר האָבן אַ שאַנס, אַז מיין אַפּעלאַציע זאָל אָנגענומען ווערן.

— איבער דער דריטער אָפּטיילונג בין איך נישט קיין באַלעבאָס — האָט ער געענטפערט. — דאָס איינציקע מיט וואָס איך קען אייך העלפן איז, אָפּנעמען פון אייך אַ נייע אַפּעלאַציע.

כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז נאָר אַן אָנשטעל, האָב איך אָנגעשריבן פון־דאָס־ניי און צומאָרגנס איז געקומען אַ מענטש פון דער צווייטער אָפּטיילונג, וועלכן איך האָב איבערגעגעבן מיין נייע אַפּעלאַציע.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז געקומען די פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי פאַרשטייט נישט פאַרוואָס דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג איז אַזוי פאַרהאַסט אויף מיר. ער האָט איר אויך געדראָט, אַז זי וועט טייער באַצאָלן דערפאַר, וואָס זי האָט מיך אַרויסגענומען פון תפיסה אין שפּיטאָל אַריין, און דערביי נאָך אָפּגענאַרט דעם נאַטשאַלניק פון תפיסה, אַז דאָס איז געווען מיט זיין דערלויבעניש.

— איך האָב אים דערקלערט — האָט זי געזאָגט — אַז איך האָב זיך אויף אים נישט פאַררופן, ווייל דער חוב פון אַ דאָקטאָר איז צו ראַטעווען יעדן מענטשן, אַפילו אַן אַרעסטאַנט, וואָס איז פאַר׳משפט צום טויט, און דערצו דאַרף איך נישט קיין דערלויבעניש פון קיינעם. כאָטש דעם אמת גע־זאָגט — האָט זי צוגעגעבן — האָב איך זיך יאָ אויף אים פאַררופן, ווייל

אַנדערש וואָלט איך נישט אַרויסגעשלעפּט אייך פון תּפיסה און געבראַכט אייך אַהער אין שפּיטאָל, אָבער ער קען מיר דאָס נישט באַווייזן, ווייל איך האָב דאָס געמאַכט טעלעפאָניש און ער האָט נישט קיין שום דאָקומענט דערויף. אָבער ער האָט מיר געדראָט, אַז איך וועל דערפאַר טייער באַצאָלן. אָבער לאָמיר האָפן צום אויבערשטן, אַז ער וועט אונז באַשיצן קעגן דעם רשע.

איך האָב איר דערציילט די געשיכטע מיט מיין אָפּעלאַציע. „איך פאַרשטיי — האָט זי מיך געטרייסט — ווי שווער עס איז אָנצוהויבן דאָ צו זיצן נייע 10 יאָר, אָבער אַזאַ פרומער מענטש ווי איר, דאַרפט קיינמאָל נישט פאַרלירן די האָפענונג“.

— דערווייל — האָט זי פאַרגעזעצט — דאַרפט איר היטן דעם געזונט, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך אין אייערע באַדינגונגען. כדי איר זאָלט נישט האָבן צופיל צייט צו טראַכטן וועגן אייערע צרות, איז כדאַי איר זאָלט צוריקגיין צו אַן אַרבעט, וועלכע וועט זיין אין די ראַמען פון אייערע פיזישע מעגלעכקייטן. ווי לאַנג איך קען נאָך, וועל איך אייך העלפן איר זאָלט געפינען עפּעס אין דער ווירטשאַפט פון שפּיטאָל. קוקט זיך אַרום און איר וועט אפשר אַליין געפינען עפּעס אַרבעט, וואָס קען אייך אַנטשפּרעכן.

איך האָב באַקומען מיינע קליידער און האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט צו שפּאַצירן עטלעכע שעה אין טאָג אויפן הויף פון שפּיטאָל. צוביסלעך בין איך געקומען צו די כּוחות און אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך וועגן עפּעס אַרבעט. דערווייל אָבער האָט זיך דערנעענטערט פּסח. האָב איך געטראַכט, בעסער איבערוואַרטן ביז נאָך יום־טוב.

צען טעג אין חודש ניסן איז געקומען צו מיר מיט אַ וויזיט אין שפּיטאָל אַריין דער פאָטאָגראַף, מיין פריינט מיט וועלכן איך בין געזעסן אין לאַגער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אָפּגענומען אויף דער פרייער פּאָסט דעם פּעקל מצות וואָס איז אָנגעקומען פאַר מיר. ער קען דאָס אָבער נישט אַריינברענגען אויפן געביט פון לאַגער, ווייל די וואַך וועט דאָס נישט דורכלאָזן.

איך בין אַוועק צו דער סעקרעטאַרין פון דעם שפּיטאָל פרעגן, צי זי קען מיר העלפן אין דערויף. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט אַ דערלויבעניש אַרויסגיין פון שפּיטאָל אין צענטראַלן אַפּטייק וואָס איז אויסערן לאַגער, און אין צוויי טעג אַרום וועט מען איר שיקן ברענגען מעדיקאַמענטן פון דעם צענטראַלן אַפּטייק, וועט זי קענען פאַרכאַפּן מיינע מצות און אַריינברענגען אין שפּיטאָל. איך האָב זי באַקאַנט מיטן פאָטאָגראַף און זיי האָבן באַשטימט אַז ער וועט איר איבערגעבן דעם פּעקל מצות, און זי וועט עס ברענגען מיט די מעדיקאַמענטן. מיט צוויי טעג שפּעטער האָב איך באַקומען מיין פּעקל מצות.

דעם ערשטן סדר, מאָנטיק דעם 15־טן אַפּריל, האָב איך געפּראַוועט אַליין. אויפן האַרצן איז געווען ביטער, ווייל עס האָט זיך אָנגעהויבן דער

ערשטער פון די 10 פּסח'ן וואָס וואַרטן אויף מיר דאָ אין די לאַגערן. אָבער דער אידישער בטחון מיט וועלכן איך בין דורכגעגאַנגען די פריערדיקע יאָרן אין לאַגער, האָט זיך ביי מיר געשטאַרקט און דער יום־טוב פון זמן חרותנו האָט מיר צוגעגעבן מוט אַז איך זאָל האָבן דעם בטחון אַז דער אויבערשטער וועט מיר העלפן אויף ווייטער איבערקומען אַלע שוועריקייטן וואָס וואַרטן אויף מיר, און איך וועל אי"ה קומען אַהיים.

שטענדיק האָב איך געדענקט די ברכה פון טאַטן אַז איך וועל קומען אַהיים אין מיין היים. ביי מיר איז געווען געוויס, אַז מיין אמת'ע היים איז נישט אין רוסלאַנד.

די מצות האָב איך באַהאַלטן אין ביוראָ ביי דער סעקרעטאַרין פון דער שפּיטאָל־פּאַרוואַלטערין. דאָס דאָזיקע אידישע מיידל האָט געהאַט איר טראַגעדיע און כאָטש זי איז נישט דערצויגן געוואָרן אין רעליגיעזן גייסט, איז זי אָבער געווען שטאַרק צוגעבונדן צו די אידישע טראַדיציעס.

איר פאָטער איז געווען אַ קאָמוניסט אויף אַ הויכן אַמט. מען האָט אים גע'מסר'ט, אַז ער האָט זיך אויסגעדריקט קריטיש וועגן סטאַלינען, און דערפאַר האָט מען אים פאַרשיקט אין לאַגער און שפּעטער דערשאָסן. זי ווידער האָט מען אַרעסטירט דערפאַר, ווייל זי האָט געהערט ווי איר פאָטער האָט גערעדט שלעכטס וועגן סטאַלינען און זי האָט נישט איבערגעגעבן וועגן דעם אין נ.ק.וו.ד. דערפאַר האָט מען זי, לויטן פּאַראַגראַף 58, אָנערקענט אַלס שונא פון דער ראַטנמאַכט און פאַר'משפּט אויף 10 יאָר לאַגער. זי האָט געהאַט גרויס מזל וואָס זי האָט באַגעגנט די אידישע דאָקטאָרין, וועלכע איז געווען פּאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל און עס איז איר געלונגען איינצואָרדענען זי אַלס סעקרעטאַרין ביי זיך.

דערזעענדיק די מצה, האָט די סעקרעטאַרין געבעטן איך זאָל איר דערלויבן נעמען איין מצה פאַר זיך און פאַר דער פּאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דערלויבט נעמען נישט נאָר איין מצה. איך האָב אויך באַזאָרגט מיט מצות דעם אונגאַרישן אידן, וואָס האָט געאַרבעט אין דער בעקעריי.

חול המועד פּסח האָב איך זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן וועגן אַן אַרבעט, וואָס איך וואָלט געקענט אויספירן. איך האָב שוין געהאַט אַ געוויסע דערפאַ־רונג אַלס הייצער און געטראַכט, אפשר איז כדאי צו נעמען זיך צו אָט־דער אַרבעט, כדי קענען פאַרבלייבן אין שפּיטאָל. דאָ איז די דאָזיקע אַרבעט גע־ווען אַ לייכטערע ווי אין פריערדיקן לאַגער, ווייל עס איז געווען צענטראַל־באַהייצונג. דאָס זיינען געווען גרויסע אויוונס, וועלכע זיינען געהייצט גע־וואָרן מיט האָלץ־זעגעכץ. אין פאַרגלייך צו דער עבודת־פּרך אין לאַגער, איז דאָס נישט געווען קיין גאָר שווערע פיזישע אַרבעט. די איינציקע מניעה איז נאָר געווען דער שבת און די ימים־טובים.

ביי דער דאָזיקער אַרבעט זיינען געווען באַשעפטיקט דריי אַרעסטאַנטן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַקאַנט. איינער פון זיי האָט געמאַכט באַמיאונגען צו ווערן אַ סאַניטאַר אין שפּיטאָל. איך האָב אים צוגעזאָגט אין דעם צו

העלפן, מיט דער אויסרעכענונג, אַז איך וועל קענען אָנקומען אויף זיין אָרט. וואָס שייך שבת, האָב איך זיך דערעדט מיט די איבעריקע הייצער, וועלכע זיינען געווען פרומע קריסטן, אַז איך וועל פאַר זיי אַרבעטן זונטיק אַ גאַנצן טאָג און זיי וועלן מיך פאַרטרעטן אין די שבתים.

איך האָב דערציילט דער סעקרעטאַרין וועגן מיין פּלאַן און געבעטן איבערגעבן דער פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל מיין בקשה. מיט צוויי טעג שפּעטער איז געקומען אַ פאַראָרדענונג, לויט וועלכער איינער פון די הייצער איז באַשטימט געוואָרן אַלס סאַניטאַר, און איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס הייצער אויף זיין פּלאַץ.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַרבעט איז נישט אַזאַ לייכטע. אָבער איך האָב באַקומען 800 גראַם ברויט אַ טאָג. אויסער דעם האָב איך באַקומען רויע פּראָדוקטן איין מאָל אין וואָך: דריי קילאָ קאַרטאָפל, 100 גראַם מאַנע־גרויפּן אָדער רייז, 40 גראַם פּוטער, און צוויי קילאָ געזאַלצענע פיש, וועלכע איך האָב סיי־ווי נישט געקענט עסן. איך האָב דאָס אָפּגעגעבן מיינע חברים, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט מיר ביי די אויוונס. דאָס האָט מיר געסטייעט איך זאָל נישט זיין אויסגעהונגערט און איך בין געווען צופרידן.

איך האָב געוואוינט אין באַראַק פון די פעלדשערס. מיר זיינען געווען בערך 30 מענטשן. יעדער האָט געהאַט זיין בעטל, מיט אַ מאַטראַץ, אַ ליילעך און אַ קישעלע. מיינע מיטוואוינער זיינען געווען אידעלע און גוטע מענטשן, פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען גע׳משפּט געוואָרן לויטן פּאַראַגראַף 58, מיט וועלכע איך האָב געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך און קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש אין די געמיינזאַמע ליידן.

עס האָט זיך דערנענטערט דער יום־טוב שבועות, וועלכער איז אויס־געפאַלן אין די טעג פון מיטוואָך און דאָנערשטיק. איך האָב זיך דערעדט מיט מיינע מיטאַרבעטער, אַז זיי וועלן מיך פאַרטרעטן ביידע טעג יום־טוב און איך וועל פאַר זיי אַרבעטן אין דער צווייטער וואָך זונטיק און מאָנטיק. גראָד איז דאַן אויסגעפאַלן מיין געבוירן־טאָג. דער אונגאַרישער איד האָט מיר געבראַכט אַ מתנה, אַ ספּעציעל אָנגעבאַקענעם לעקאַך און עטלעכע ווייסע בולקעלעך. ביי דער געלעגנהייט האָט ער אויך געבאַקן אַ לעקאַך פאַר דער פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל און דער סעקרעטאַרין, אַלס מתנה לכבוד יום־טוב. מיר האָבן דעם דאָזיקן יום־טוב געפּראַוועט ווי קיינמאָל אין לאַגער. עס איז מיר אָבער ווייזט אויס נישט געווען באַשערט צו האָבן מנוחה אַ לענגערע צייט.

נאָך יום־טוב האָט מיך גערופן צו זיך די פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל. זי האָט מיר איבערגעגעבן אַ ביטערע בשורה: עס איז געווען ביי איר דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג פון נ.ק.וו.ד. און געפאָדערט, זי זאָל מיך אויסשרייבן פון שפּיטאָל. עס איז דאָ אַ באַשלוס אַרויסצושיקן מיך אין אַ לאַגער אויפן ווייטן צפון, אין קאָלימאַ.

— ער קען אייך נישט מוחל זיין — האָט זי דערציילט — וואָס איר האָט זיך פאַרהאַלטן חוצפּה׳דיק בעת אייער פּראָצעס, און דערצו, זאָגט ער, האָט איר אים געדראָט, אַז פאַר אייער עוולה, וועט ער נאָך אַליין גע׳משפּט ווערן. ער האַלט, אַז איר האָט אויף אים געוואָרפן אַ קללה, ווייל ער האָט צוליב אייך אַ צעשטערטן שלום־בית. זיין שוויגער, אַן עלטערע פרומע קריסטין, האָט אים געזאָגט, אַז צוליב דעם וואָס ער האָט אייך פאַלש באַשולדיקט און גורם געווען אַז איר זאָלט פאַר׳משפּט ווערן אויף נייע 10 יאָר, וועט ער געשטראָפט ווערן; זי רעדט־אָן זיי פרוי, אַז זי זאָל צונעמען ביי אים די קינדער און אַוועקפאָרן פון אים. דערפאַר וויל ער אין אייך נקמה נעמען און אַרויסשיקן אייך אין דעם שווערסטן לאַגער פון צפון סיביר.

— איך האָב אים קאַטעגאָריש דערקלערט — האָט וויטער דערציילט די פאַרוואַלטערין — אַז ווי לאַנג איך וועל זיין אויף מיין אַמט, וועל איך נישט דערלויבן שיקן אַ קראַנקן מענטשן צום טויט, און איך וועל אייך נישט אויסשרייבן, ביז איר וועט נישט זיין פולשטענדיק געזונט. אָבער ער האָט געדראָט, אַז ער וועט געפינען אַ וועג ווי פּטור צו ווערן פון אונזביידן.

איך האָב איר געדאַנקט פאַר איר רירנדיקער הילף פאַר מיר, און אויסגעדריקט די מיינונג, אַז אפשר איז נישט כדאי זי זאָל ריזיקירן צוליב מיר, כאָטש איך בין איבערצייגט, אַז מיט דעם אויבערשטנס הילף, וועט ער האָבן די מפּלה, איידער ער וועט באַוויזן אונז שלעכטס־טאָן. נישט דערפאַר וויל איך שטרעב צו נקמה, נאָר ווייל אין משנה אבות איז געשריבן „על דאַטפת אַטפוך" (ווייל דו האָסט דערטרונקען, האָט מען דיך דערטרונקען).

דערווייל בין איך פאַרבליבן אויף מיין נייער אַרבעט, כאָטש קיין רו האָב איך נישט געהאַט. יעדע פאַר וואָכן האָט מען מיר געוואָרנט, אַז אָט וועט מען מיך סוף־כל־סוף אַרויסשיקן. דער רשע פון נ.ק.וו.ד. האָט נישט אויפגעהערט צו זוכן אַ וועג ווי אַזוי דאָס דערגרייכן. איך האָב זיך שוין אַפילו צוגעוואוינט מיט דעם געדאַנק. סוף־כל־סוף וועלן זיי מיר נישט איבערלאָזן צו זיין אין שפּיטאָל ביזן סוף פון מיין זיין אין לאַגער.

דערווייל איז אַדורך דער זומער. מיין איינציקע שטרעבונג איז איצט געווען, איך זאָל קענען דאָ פאַרבלייבן איבער די ימים־נוראים — דעם חודש תשרי.

אין דעם צווייטן טאָג פון ראש חודש אלול איז געקומען צולויפן צו מיר די סעקרעטאַרין פון דער פאַרוואַלטערין און איבערגעגעבן, אַז נאָך אין דעם זעלבן טאָג וועל איך גערופן ווערן צום נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג, וועלכער איז שוין אויפן וועג צום שפּיטאָל.

ווי אַזוי די פאַרוואַלטערין האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, ווייס איך נישט. אָבער זי האָט געשיקט מיך וואָרענען, אַז דער דאָזיקער רשע וויל אַרויסבאַקומען פון מיר, אַז איך זאָל אַליין בעטן, מען זאָל מיך באַפרייען פון שפּיטאָל, דערפאַר וועט ער וואָרשיינלעך רעדן מיט מיר העפלעך און אפשר אויך עפּעס צוזאָגן.

די סעקרעטאַרין האָט קוים באַוויזן אַוועקגיין, ווי מען האָט מיך גע־רופן אויף דער וואַכטע. אין אַ באַזונדערן צימער איז דאָרט געזעסן דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג. ער האָט מיך אויפגענומען ביז גאָר העפלעך, אָנגערופן ביים נאָמען, ווי אַן אַלטן פריינט. איך האָב אים דערויף אַפילו נישט געענטפערט. נישט געקוקט דערויף האָט ער מיך געבעטן זיצן. איך האָב אים נישט געדאַנקט נאָר געזאָגט, אַז מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט מיך אויך אַזאַ מענטש ווי ער געבעטן אין זייער אַ העפלעכן טאָן איך זאָל זיך זעצן און ביזן היינטיקן טאָג קען איך נאָך דערפון נישט אויפשטיין . . . ער האָט זיך צעלאַכט און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז דער וויץ געפעלט אים.

— איר זייט אַליין שולדיק אין אייערע צרות — האָט ער געזאָגט. — ווען איר וואָלט זיך מודה געווען צו אייער שולד גלייך פון אָנהויב, וואָלט איר אפשר אויסגעמיטן נישט נאָר דעם צווייטן אורטייל פון 10 יאָר, נאָר אויך דעם ערשטן און איר וואָלט שוין לאַנג געווען אויף דער פריי און גע־לעבט ווי אַלע סאָוועטישע בירגער. מיר קענען נאָך מסכים זיין — האָט ער ווייטער גערעדט — אַז איר זאָלט זיין אַ פרומער מענטש פאַר זיך. מיר קענען אָבער נישט דערלויבן דערויף, אַז איר זאָלט האָבן אַן איינפלוס אויף אַרומיקע מענטשן, בפרט נאָך אויף קינדער, מיט וועלכע איר האָט אומלעגאַל געלערנט אידישע רעליגיע, איינגעפלאַנצט אין זיי רעאַקציאָנערע באַגריפן, וואָס איז קעגן די געזעצן פון דער ראַטנמאַכט.

— גלויבט מיר — האָט ער ווייטער געזאָגט — אַז נישט איך האָב איניציאירט אייער צווייטן פּראָצעס, אין רעזולטאַט פון וועלכן איר האָט באַ־קומען ווייטערדיקע 10 יאָר. איך האָב באַקומען אַזאַ באַפעל פון מיניסטעריום פון מאָסקווע: ווי לאַנג איר וועט זיך נישט מודה זיין צו אייער ערשטער באַשולדיקונג פון יאָר 1937, אַזוי לאַנג וועט מען אייך נישט באַפרייען פון לאַגער. איך האָב געוואָלט נאָר אייער טובה. וואָלט איר געהערט מיין עצה און אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל, וואָס איך האָב אייך פאַרגעלייגט, דאַן וואָלטן מיר זיך באַמיט איר זאָלט באַקומען אַ קלענערע שטראָף. מיר וואָלטן אייך איבערגעלאָזט אין שפּיטאָל און אויסגעלערנט זיין אַ פעלדשער און נישט געווען אָנגעוויזן אויף שווערע באַדינגונגען. אָבער איצט איז שוין שפּעט צו רעדן וועגן דעם. מען דאַרף דעריבער טראַכטן, אַז איר זאָלט האָבן אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס וועלן אייך דערמעגלעכן אַרויסצוגיין פון דאַנען אַ לעבעדיקער און אומקערן זיך צו אייער משפחה. לויט די אָנגענומענע פאַר־שריפטן קענט איר נישט נאָכן משפט פאַרבלייבן אין דעם זעלבן לאַגער.

דאָ האָט ער מיר געוויזן אַ באַפעל פונעם הויפּט־נאַטשאַלניק פון די לאַגערן, אין וועלכן עס זאָגט זיך, אַז מען זאָל מיך תיכף אַפּשיקן אין אַ צווייטן לאַגער.

— איך וויל אייך געבן נאָך אַ שאַנס — האָט ער געזאָגט — כאָטש דאָס איז מיר נישט אָנגעקומען לייכט. איך האָב דערליידיקט מען זאָל אייך איבערשיקן אין דעם לאַגער, וואו איר זייט שוין אַמאָל געווען און מען קען

איך דאָרט אַלס גוטער בוכהאַלטער. איר וועט דאָרט באַשעפטיקט ווערן אין דער בוכהאַלטעריע און האָבן די מעגלעכקייט אָפּצוהיטן אייערע רו־טעג, לויט אייער רעליגיעזער איבערצייגונג.

— איר וואונדערט זיך וואָס איך האָב פּלוצים געענדערט מיין באַציאונג צו אייך — האָט ער ווייטער געשפּילט זיין ראָל פון אַ צדיק — איך וועל אייך זאָגן דעם סוד דערפון: ווען איך בין געווען אין מאָסקווע איז געקומען צו מיר אויף אַ באַגעגעניש אַ דאָרטיקער רב, וועלכער האָט אינטערווענירט אין אייער ענין. וואָס אַן אמת האָב איך געפּרואווט זיך אַרויסדרייען. דער רב האָט אָבער קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ער ווייס, אַז ביי מיר אין לאַגער געפינט זיך אַ פרומער איד, וועלכן קיינער איז נישט בכוח איינצוברעכן. ער האָט מיך געבעטן און באַשוואָרן, אַז איך זאָל דעם איד נישט צווינגען עובר צו זיין אויף זיינע רעליגיעזע מנהגים און נישט אָנוואַרפן אויף אים קיין שווערע אַרבעט. איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און געגעבן אים מיין וואָרט, אַז איך וועל אייך העלפן. איצט פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס איך וויל אייך געבן אַ שאַנס?

ער האָט אַרויסגענומען אַ צוגעגרייטע בקשה געשריבן אין מיין נאָמען, וועלכע איך האָב נאָר באַדאַרפט חתמ׳נען. איך האָב גענומען לייענען: „היות איך פיל זיך שוין געזונט און וויל זיין נוצלעך פאַר אונזער לאַנד, בעט איך מען זאָל מיך איבערפירן אין מיין פריערדיקן לאַגער און באַשעפטיקן אין מיין ספּעציאַליטעט אַלס בוכהאַלטער.

איך האָב גענומען פון אים די פען, וועלכע ער האָט מיר דערלאַנגט. אָבער אַנשטאָט צו חתמ׳ענען זיך, האָב איך אָנגעשריבן, אַז איך דאַנק פאַרן פאָרשלאָג פון אַריבערפירן מיך אין דער בוכהאַלטעריע, אָבער היות אַז מיין געזונט־צושטאַנד איז אַ שווערער וואָס פאָדערט אַ כסדר׳דיקע אויפזיכט פון דאָקטוירים, בעט איך מען זאָל מיך איבערלאָזן אין שפּיטאָל, וויל נאָר דאָקטוירים קענען דעצידירן, ווען איך דאַרף פון דאָרט באַפרייט ווערן.

ווי נאָר ער האָט דאָס דערזען האָט ער זיך גלייך געביטן. עס איז פאַרשוואונדן זיין העפלעכער שמייכל, די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעגאָסן מיט בלוט און ער האָט אויסגערופן מיט כעס:

— איר וועט שטאַרק חרטה האָבן! איך האָב אייך געוואָלט טאָן אַ טובה. אָבער איר ווייסט, אַז מיט דער נ. ק. וו. ד. האָט נאָך קיינער נישט געוואונען. איר זייט שוין אויף אַזוי פיל אַ דערפאַרענער אַרעסטאַנט, וואָס ווייס געוויס, אַז כדי פון אייך פּטור ווערן, מוזן מיר אייך נישט שיקן אין אַ ווייטן לאַגער. ס׳קען אויך דאָ, אַפילו אין שפּיטאָל, געשען מיט אייך עפּעס „צופעליק״ און קיינער וועט נישט וויסן פון וואַנען אייער טויט איז געקומען . . .

נאָך אַ ווײַלע האָט ער צוגעגעבן: „פונדעסטוועגן גיב איך אייך צייט צום איבערטראַכטן. דער אמת איז, אַז איך מיין נישט בלויז אייער טובה. איר האָט אַ מזל, וואָס מיין שוויגער האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין אייער ענין. איך וויל פּשוט האָבן שלום בית״.

איך האָב גאָרנישט געענטפערט און איך בין אַרויס צוריק אין מיין באַראַק. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז נאָך מיין אַוועקגיין האָט ער אויסגערופן אין כעס: „דער דאָזיקער מענטש איז נישט נאָרמאַל".

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מיר די סעקרעטאַרין געמאָלדן, אַז ס'איז געקומען אַ באַפעל פון נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג, מען זאָל מיר נישט אַרויסגעבן קיין פּראָדוקטן, נאָר איך זאָל עסן פון דער גע־מיינזאַמער קיך. די פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל האָט שוין אונטערגעשריבן אַזאַ פאַראָרדענונג, כאָטש זי האָט דאָס געטאָן מיט גרויס האַרץ־ווייטאָג. זי האָט אָבער נישט געוואָלט נאָך מער פאַרשאַרפן די באַציאונגען מיט דעם רשע, ביי וועלכן מיין ענין איז שוין געוואָרן אַ זאַך פון אַמביציע, און ער וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום מיטלען, כדי פון מיר פּטור צו ווערן. זי האָט מיך דערביי געוואָרנט, אַז איך זאָל זיין פאָרזיכטיק, ספּעציעל אין די ימים־נוראים, ווייל דער נאַטשאַלניק האָט אומעטום זיינע צוטראָגער.

עס איז מיר געווען זייער שווער צו לעבן בלויז פון דער פּאָרציע ברויט ביי אַזאַ שווערער אַרבעט. אמת, איך האָב שוין אין לאַגער נישט איין מאָל געליטן הונגער און פּיין, איך האָב זיך שוין צוגעוואוינט דערצו. אָבער וואָס ווייטער, אַלץ מער האָבן מיר פאַרלאָזט די כוחות. נאָך עטלעכע וואָכן בין איך געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט. דערוויל האָט זיך דערנענטערט ראש השנה.
געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט.

דערוויל האָט זיך דערנענטערט ראש השנה.

אַ וואָך פאַר יום־טוב איז געקומען צו מיר דער פאָטאָגראַף און איבער־געגעבן מיר אַ גרוס פון אַ אידן, מיט וועלכן איך בין מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען אין לאַגער. דער איד האָט מיר צוגעשיקט אַ פּעקל מיט פּראָדוקטן. פאַר אַ פּעקל פאַפּיראָסן האָב איך זיך איינגעשאַפט אַ בלעכענע קעסטל, אין וועלכן איך האָב געקענט פאַרפּאַקן די פּראָדוקטן און באַהאַלטן אין שאַנק אין ביוראָ פון דער סעקרעטאַרין. איך בין געווען גליקלעך וואָס דער אויבער־שטער האָט מיר געהאָלפן, אַז איך זאָל נישט מוזן אָנקומען צו קיינעם נאָך אַ שטיקל ברויט, אַפילו דאָ אין דעם לאַגער פון הונגער און פּיין.

ראש השנה איז אויסגעפאַלן דאָנערשטיק און פרייטיק. צוזאַמען מיט שבת האָב איך זיך געמוזט באַפרייען פון דער אַרבעט אויף דריי טעג. איך האָב זיך געווענדעט צו דער סעקרעטאַרין זי זאָל איבערגעבן דער פאַרוואַל־טערין מיין בקשה, צו באַפרייען דעם סאַניטאַר פון זיין אַרבעט אויף די טעג, כדי ער זאָל מיך קענען פאַרטרעטן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים דער־פאַר באַצאָלט אַ האַלבן קילאָ צוקער פון מיין פּעקל, וואָס איך האָב באַקומען. אָבער דערפאַר האָב איך געהאַט אַ רואיקן ראש השנה. איך האָב געשמאַק געדאַוונט, און כאָטש אויפן האַרצן איז מיר געווען טרויעריק, בין איך אָבער נישט געפאַלן פון מוט. איך האָב געזען ווי דער אויבערשטער העלפט מיר אויף יעדן שריט און טריט און פירט מיך אַרויס פון אַלע געפאַרן. דאָס האָט מיר געגעבן כוח אויסצוהאַלטן די ליידן.

ערב סוכות בין איך געווען שטאַרק באַזאָרגט. ווידער זיינען אָנגעקומען צוויי מאָל צו דריי טעג יום־טוב נאָכאַנאַנד: די ערשטע טעג סוכות, נאָך דעם שמיני עצרת, שמחת תורה און שבת. ווידער אַמאָל האָט מיך די סעקרעטאַרין אַרויסגעראַטעוועט פון אַ שווערע לאַגע.

יעדער סאַניטאַר האָט באַקומען איין מאָל אין יאָר אַ וואָך צייט אָפּרו. האָט זי דערליידיקט, מען זאָל דעם סאַניטאַר, וואָס האָט מיך פאַרטראָטן, געבן אָפּרו גראָד אין דער וואָך פון סוכות. דאָס איבעריקע האָב איך מיט אים דערליידיקט, מיט דער הילף פון אַביסל פּראָדוקטן.

אָט־די אַלע ימים טובים האָב איך געפּראַוועט אין איינזאַמקייט. איך האָב שוין מורא געהאַט אַריינצוגיין אַפילו צום אונגאַרישן איד אין בעקעריי.

אַ וואָך נאָך סוכות, איז געקומען צו מיר די סעקרעטאַרין מיט אַ שלעכטע בשורה: די פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל האָט זיך דערוואוסט, אַז דעם נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג איז געלונגען צו באַקומען אַ באַפעל פון מאָסקווע אַרויסצושיקן מיך אויף קאַלימאַ. זי האָט מיך גערופן צו זיך, כדי זיך פאַרטראַכטן וואָס מען קען נאָך טאָן.

איך האָב זי געטראָפן אין זייער אַן אויפגערעגטן צושטאַנד.

— איך האָב מורא — האָט זי געזאָגט כמעט מיט טרערן אין די אויגן — אַז איצט וועל איך אייך נישט קענען ראַטעווען. די דערלויבעניש אַז מען קען אייך שיקן מיטן עטאַפּ וועט אונטערשרייבן דער נאַטשאַלניק פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג, וועלכער וועט זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דער נ. ק. וו. ד.

„וואָס טוט מען"? — האָט זי גערעדט ווי צו זיך, שפּאַנענדיק איבערן צימער. אויף אַ ווייל האָט זי זיך פלוצים פאַרהאַלטן און אויסגערופן:

— איר ווייסט וואָס? מען דאַרף נאָך מאַכן דעם לעצטן פּרואוו. סיי־ווי האָט איר נישט וואָס אָנצוּוואַרן; הײַנט, פּונקט ווי יעדן שבת, קומט צו אונז אין שפּיטאָל דער נאַטשאַלניק פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג זיך באָדן. איר דאַרפט אים אָפּוואַרטן ביים אַריינגאַנג אין באָד און פּשוט, אויף אַ נאַכאַלנעם אופן, אָפּשטעלן אים און בעטן, מען זאָל באַשטימען אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים, וועלכע זאָלן פעסטשטעלן, צי מען קען אייך שיקן אויפן עטאַפּ מיט אייער געזונט־צושטאַנד. איך פון מיין זייט וועל אייך אוועקלייגן אין שפּיטאָל, ווי נאָר מיר וועלן זיך דערוויסן, אַז זיי גרייטן דעם עטאַפּ.

איך בין גלייך אַוועק, און ווי נאָר דער נאַטשאַלניק פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג איז אַריין אין באָד־צימער, איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרשליסן די טיר, בין איך אַריין צו אים. אין ערשטן מאָמענט האָט ער זיך דערשראָקן, צי דאָס איז נישט קיין אָנפאַל. אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען, ווער דער „אָנפאַלער" איז, האָט ער זיך באַרואיקט און אַפילו געפרעגט, וואָס איך מאַך מיטן געזונט. איך בין גלייך צוגעטראָטן צום ענין:

— איר ווייסט גוט, אַז מיין געזונט־צושטאַנד איז אַ שווערער. נישט געקוקט דערויף פיר איך אויס אַ ביז גאָר שווערע אַרבעט און לעב פון אַ

שטיקל טרוקן ברויט. אויב דאָס איז נאָך ווייניק, פאַרפאָלגט מיך נאָך אַן אויפהער דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג. אָבער אויף אים האָב איך זיך שוין אויפגעהערט וואונדערן. סוף־כל־סוף איז זיין באַרוף צו פּייניקן מענטשן. דאַקעגן וואונדערט מיך אויף אייך: איר זייט אַן אינטעליגענטער און קולטורעלער מענטש, וועמענס באַרוף, אַלס דאָקטאָר, איז צו ראַטעווען מענטשן — ווי אַזוי קענט איר אונטערשרייבן אויף מיר אַ טויט־אורטייל? ווייל אונטערשרייבן אַ באַשטעטיקונג, אַז מען קען מיך שיקן מיטן עטאַפּ קיין קאָלימאַ, באַדייט פאַקטיש שיקן מיך אויפן טויט. איר ווייסט דאָך, אַז איך וועל נישט אויסהאַלטן דעם עטאַפּ, וועלכער דויערט 6 חדשים, דערצו נאָך אין די ווינטער־חדשים.

ער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער:

— איר שטעלט מיך אין אַ שווערע לאַגע — האָט ער געזאָגט. — גלויבט מיר, אַז נישט איין מאָל האָב איך געטאָן אַלץ, וואָס איז געווען אין מיינע מעגלעכקייטן, כדי אייך ראַטעווען פון זיינע לאַפּעס. אָבער איצט ווייס איך נישט צי דאָס וועט נאָך געלינגען. ער האָט געשטעלט אַלץ אויף דער קאָרט און אויף וויפל איך קען זיין כאַראַקטער, וועט ער מיט אַלע מיטלען דערגרייכן זיין ציל. אויב איך וועל נישט אונטערשרייבן, וועט ער ברענגען אַ דאָקטאָר פון אַ צווייטן לאַגער, וועלכער וועט דאָס מאַכן, און דאַן וועט זיין נאָך ערגער און נישט נאָר פאַר אייך, נאָר אויך פאַר אונז. דאָס איינציקע וואָס מען קען נאָך טאָן: איך וועל פאַרשרייבן, אַז דעם גאַנצן וועג זאָל מען אייך האַלטן אין סאַניטאַרן וואַגאָן. איר וועט דאָרט האָבן במשך פון דער צייט די אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר, איר וועט באַקומען ווייסן ברויט, פּוטער און צוקער. דאָס איז אַ געוויסע גאַראַנטיע, אַז איר זאָלט אָנקומען בשלום אין קאָלימאַ.

איך האָב אים געדאַנקט און דערקלערט, אַז דאָס וועט מיר אַ סך נישט העלפן.

— איר ווייסט דאָך, אַז דאָרט שיקט מען מענטשן אויף פאַרניכטונג — האָב איך געזאָגט. — דעריבער האָב איך אַ צווייטן אויסוועג, און דאָס איז מיין בקשה: לויט די פאַרשריפטן האָט איר אַ רעכט צו באַשטימען אַ סאַני־טאַרע קאָמיסיע, וועלכע זאָל אונטערזוכן אַלע אַרעסטאַנטן, וועלכע ווערן גע־שיקט מיטן עטאַפּ. איר דאַרפט נאָר דאַן העלפן דערמיט, וואָס איר וועט דעם פּראָטאָקאָל פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט אַ שייכות צו מיר, פאַרהאַלטן ביזן לעצטן מאָמענט, כדי דער רשע זאָל נישט באַוויזן צו געפינען אַן אויסוועג צו אַנולירן דעם באַשלוס פון דער קאָמיסיע.

ער האָט זיך לאַנג פאַרטראַכט און איך האָב געפילט, אַז ער שלאָגט זיך מיט דער דעה.

— איר ווייסט — האָב איך געזאָגט — אַז איך לייד דערפאַר וואָס איך בין אַ פרומער און וויל זיך נישט אָפּזאָגן פון מיין אמונה. אין אונזערע היי־ליקע ספרים איז געשריבן, אַז ווער עס ראַטעוועט דאָס לעבן פון איין איד,

איז גלייך ווי ער וואָלט געראַטעוועט די גאַנצע וועלט. איך גלויב דעריבער, אַז איר וועט נישט דערלאָזן מען זאָל מיך שיקן אויפן טויט — האָב איך פאַרענדיקט און פאַרלאָזט דעם צימער.

מאָנטיק איז געקומען די סעקרעטאַרין און מיך גענומען מיט זיך אין שפּיטאָל אַריין. דאָרט האָט מען מיך געלייגט אין בעט. מיט עטלעכע שעה שפּע־טער איז געקומען אַ קאָמיסיע פון דריי דאָקטוירים. זיי האָבן זיך געהייסן געבן די רענטגען־בילדער וואָס מען האָט מיר געמאַכט און די געשיכטע פון מיין קרענק. פון זייערע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן פעסטגע־שטעלט, אַז איך נויטיק זיך אין באַלדיקע אָפּעראַציע פון מאָגן. זיי האָבן אָנגעשריבן אַן אַקט אין עטלעכע עקזעמפּלאַרן. איינעם פון זיי האָבן זיי איבער־געלאָזט דער קראַנקן־שוועסטער, זי זאָל דאָס איבערגעבן דער פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל. די איבעריקע האָבן זיי געזאָגט, וועלן איבערגעשיקט ווערן צום נאַטשאַלניק פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג.

ווען זיי זיינען אַוועק האָט מיר די סעקרעטאַרין געזאָגט, אַז די פאַר־וואַלטערין פון שפּיטאָל איז בכיוון נישט געקומען מיט דער קאָמיסיע, כדי נישט געבן קיין אַרגומענט, אַז זי האָט מיט איר אויטאָריטעט געווירקט אויפן באַשלוס פון דער קאָמיסיע. זי האָט מיט זיי פריער וועגן אַלץ באַשטימט.

עטלעכע טעג שפּעטער, דאָס איז געווען פרייטיק־צו־נאַכט, ווען איך האָב גראָד מקבל שבת געווען, איז געקומען אַ דערשראָקענע די סעקרעטאַרין און דערציילט, אַז נאָר־וואָס האָט טעלעפאָנירט דער נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג און אַרויסגערופן צו זיך די פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל. „איך האָב אַ פאַרגעפיל, אַז דאָס באַדייט עפּעס שלעכטס — האָט זי געזאָגט — ווייל דאָס איז געשען גלייך נאָך דעם ווי דער עטאַפּ איז אַוועק".

אַ גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן. איך האָב געזאָגט תהילים און געבעטן ג־ט באַשיצן די גוטע אידישע פרוי, וועלכע האָט זיך מקריב געווען כדי ראַטעווען אַ צווייטן איד. איך האָב זיך קוים דערוואַרט דעם פרי־מאָרגן. אָבער די פאַרוואַלטערין איז נישט צוריקגעקומען. ערשט מאָנטיק האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז מען האָט זי באַפרייט פון איר אַמט און נישט דערלויבט צוריקגיין אין שפּיטאָל אַפילו צו געזעגענען זיך מיט אירע מיט־אַרבעטער. אויף איר אָרט איז באַשטימט געוואָרן צייטווייליק איינער פון די דאָקטוירים.

איך האָב ווייטער געאַרבעט אויף מיין שעדלעכער אַרבעט. עס איז פאַרביי צוויי חדשים און איך האָב נאָך אַלץ געוואַרט אויף אַ גרוס פון מיין באַשיצעריי, וועלכע איז נישט געקומען. זי איז שוין געווען אַן עלטערע פרוי און דערצו אַ קראַנקע. אויב מען האָט זי געשיקט אין אַ וויטן לאַגער, איז ווער ווייסט ווי עס וועט זיין איר גורל. איך האָב געהאַט עגמת־נפש, אַז דאָס אַלץ איז געשען צוליב מיר.

מאָנטיק, זיבן טעג אין חודש שבט, דעם 30־טן דעצעמבער 1946, איז אָנגעקומען אַ נייע פאַרוואַלטערין אין שפּיטאָל, אַ רוסישע אין ראַנג פון אָפּי־

ציר. מיט צוויי טעג שפּעטער איז געקומען די סעקרעטאַרין, דאָס אידישע מיידל, און דערציילט, אַז היינט האָט די נייע פאַרוואַלטערין איר דיקטירט אַ פאַראָרדענונג, לויט וועלכן איך ווער באַפרייט פון שפּיטאָל צו דער דיס־פּאָזיציע פון דער דריטער אָפּטיילונג. „איצט — האָט זי געזאָגט — קענט איר זיך שוין גרייטן צום עטאַפּ".

צומאָרגנס האָט מיך גערופן דער נאַריאַדטשיק און געזאָגט, אַז אין אַ שעה אַרום וועל איך אַוועקגעשיקט ווערן צוריק אין דעם לאַגער, פון וואַנען איך בין געקומען.

איך בין אַוועק צו דער נייער פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל. כאָטש זי האָט מיך געזען צום ערשטן מאָל, האָט זי פאַרשטאַנען ווער איך בין.

— איר זייט אַ דאָקטאָר? — האָב איך געפרעגט — היינט ווי קענט איר אונטערשרייבן אַ דעציזיע וועגן אַ מענטש, וועלכן איר האָט אַפילו נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו זען און אונטערזוכן?

— איר וועט מיך נישט לערנען מעדיציניש עטיק! — האָט זי אויס־געשריגן מיט כעס. — איך בין אַ דאָקטאָר און דערצו אַ קאָמוניסטין שוין צענדליקער יאָרן און קען מיינע פליכטן. עס האָבן זיך געענדיקט אייערע פוילע שטיק, וועלכע איר האָט דאָ געמאַכט צוזאַמען מיט אייער אידישע באַשיצערין. איר זייט אַ שונא פון דער ראַטנמאַכט, וועלכער איז שוין דריי מאָל גע'משפּט געוואָרן לויטן אַרטיקל 58 און איר מוזט אָפּקומען אייער שטראָף, אַז עס זאָל זיך אייך שוין מער נישט גלוסטן צו פירן אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. אין נייעם לאַגער וועט איר אפשר פאַרשטיין, אַז דאָ איז אייך געווען אַביסל צו גוט.

איך האָב געזען, אַז איך האָב נישט מיט וועמען צו רעדן. איך בין אַוועק געזעגענען זיך מיט דער סעקרעטאַרין. איך האָב איר געוואונטשן, מיר זאָלן דערלעבן צו באַגעגענען זיך ווי פרייע מענטשן, און איך בין אַוועק זיך גרייטן צום עטאַפּ.

# אַן אויסטערלישע באַגעגעניש אויפן וועג צום נייעם לאַגער

דער „נאַריאַדטשיק" מיט אַ סאָלדאַט זיינען געקומען נאָך מיר אין שפּיטאָל און אַוועקגעפירט מיך אין לאַגער פון וואַנען איך בין געקומען. דאָרט האָב איך אויפגעזוכט מיין פריינט, דעם אידישן פאָטאָגראַף, וועלכער האָט געהאַט אַביסל פּראָטעקציע ביי דער נאַטשאַלסטווע פון לאַגער. ווען איך האָב אים דערציילט וואָס עס וואַרט אויף מיר, איז ער אַוועק זיך דערוויסן וועגן מיין ווייטערדיקן גורל. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ נישט פריילעכע בשורה:

— עס דערוואַרט אייך אַ שווערער עטאַפּ פון אַ לאַנגן וועג, וואָס וועט דויערן ווייניקסטן 6 וואָכן, אויב נישט נאָך מער — האָט ער געזאָגט. — דערווייל דאַרף מען זאָרגן, איר זאָלט אויפן וועג נישט געפרוירן ווערן.

ער איז אַוועק אין מאַגאַזין פון קליידער פאַר די אַרעסטאַנטן און באַקומען פאַר מיר וואַרעמע בגדים, אַ גוטן פוטער און וואַלענקעס. אויפן פוטער און די וואַלענקעס האָט מען אויפגענייט לאַטעס, כדי די גנבים זאָלן נישט האָבן קיין חשק דאָס צונעמען ביי מיר. ער האָט מיר אויך געגעבן דריי באַנקנאָטן צו דרייסיק רובל. צוויי באַנקנאָטן האָבן מיר איינגענייט אין פוטער און איינעם איבערגעלאָזט אין די אויבערשטע קעשענע פון די הויזן, כדי צו קענען עווענטועל פאַרנוצן אויפן וועג. צום סוף איז ער אַוועק מיט מיר אין בוכהאַלטעריע, וואו מען האָט מיר געגעבן אַ ביכל אין וועלכן עס איז פאַר־שריבן אַלץ וואָס דער אַרעסטאַנט פאַרמאָגט. מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט און געוואונטשן, אַז דער אויבערשטער זאָל אונז העלפן מיר זאָלן דערלעבן צו באַגעגענען זיך אַלס פרייע מענטשן.

עלף אַזייגער ביינאַכט איז געקומען אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט מיך אַרויסגעפירט פון לאַגער. אין דרויסן איז געווען אַ מורא׳דיקע פראָסט. מיר זיינען דערגאַנגען צו דער אייזן־באַן ליניע פון לאַגער. דאָרט איז געשטאַנען איין וואַגאָן, אין וועלכן מיר זיינען אַריין. דער סאָלדאַט האָט מיר באַפוילן זיצן און דערקלערט, אַז אויב איך וועל נאָר פּרוּוון זיך אויפשטעלן, וועט ער גלייך שיסן אין מיר. מיר זיינען געשטאַנען פיר שעה צייט און כאָטש איך בין געווען וואַרעם אָנגעטאָן, בין איך שטייף געוואָרן פון קעלט. נאָך ערגער איז געווען דעם סאָלדאַט, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין פוטער און נישט קיין וואַלענקעס. ער האָט אַוועקגעשטעלט די ביקס אין אַ זייט, גענומען שפּרינגען און קלאַפּן מיט די הענט, כדי זיך אַביסל דערוואַרעמען און דערביי געשאָלטן די גאַנצע וועלט און אירע מענטשן, וועלכע פּייניקן די סאָלדאַטן און אַרעסטאַנטן.

פּלוצים האָט זיך געעפנט די טיר פון וואַגאָן און עס איז אַריין אַ מענטש, איינגעהילט אין אַ קאָץ איבערן קאָפּ. איך, און נאָך מער דער סאָלדאַט, האָבן מיר זיך דערשראָקן, מיינענדיק, אַז דאָס איז אַן איבערפאַל. דער סאָל־דאַט האָט געכאַפּט אין האַנט די ביקס און גענומען שרייען: „פאַרלאָז תיכף דעם וואַגאָן, ווייל איך וועל שיסן״!

דער מענטש האָט אַראָפּגענומען דעם קאָץ און מיר האָבן דערזען, אַז דאָס איז דאָס אידישע מיידל, די סעקרעטאַרין פון דער פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל. זי האָט אַרויסגענומען צוויי פּעקלעך צוקערלעך און דערלאַנגט איינס מיר און איינס דעם סאָלדאַט. „דאָס האָב איך געבראַכט פאַר אָט דעם גוטן מענטש, וועלכער איז אַזאַ לאַנגע צייט געווען מיט אונז צוזאַמען אין לאַגער און איצט טרייבט מען אים, אַ שווער קראַנקן אין אַזאַ ווייטן עטאַפּ״ — האָט זי געזאָגט.

דער סאָלדאַט האָט זיך נאָך געפּרואווט ווערן. „נעם צו — האָט ער אויסגערופן — דאָס איז נישט דערלויבט".

— זיי נישט קיין שוטה — האָט זי געזאָגט אין אַ ווייכן טאָן. — אַרום דעם וואַגאָן איז נישט פאַראַן קיין לעבעדיק באַשעפעניש. קיינער האָט נישט געזען און קיינער וועט נישט וויסן. דאָס וועט איך צונויף־קומען אויפן וועג, ספּעציעל אים.

זי האָט מיר געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן צום געזעגענען, אָבער זי האָט זיך צעוויינט און אַרויס פון וואַגאָן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ באַשעפעניש — האָט זיך אָנגערופן דער סאָל־דאַט, וועלכער איז נאָך געווען צעטומלט פון דעם אינצידענט, וועלכער איז געשען אַזוי בליץ־שנעל און אומגעריכט. — זי איז אַוודאי נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען. צוליב אַ פּעקל צוקערלעך האָט זי איינגעשטעלט דאָס לעבן? איך האָב דאָך זי געקענט דערשיסן!

— זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער אין לאַגער־שפּיטאָל, וואו איך בין געלעגן — האָב איך אים געזאָגט. — איך בין אַ שווער קראַנקער און מען האָט מיך געוואָלט אָפּערירן. היינט בייטאָג האָב איך איר געגעבן געלט, זי זאָל מיר קויפן זיס־וואַרג. וויזט אויס, אַז ווען זי איז צוריקגעקומען און מיך שוין נישט געטראָפן אין שפּיטאָל, האָט זי דאָס געבראַכט אין לאַגער, און ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז מען האָט מיך שוין גענומען אויפן עטאַפּ, האָט זי דאָס געבראַכט דאַ אַהער. דאָס זאָגט גאָר, אַז זי איז אַן אַנשטענדיק קינד.

דער סאָלדאַט איז געווען באַרואיקט. איך נישט. דערפאַר האָב איך צוגעטראַכט די מעשה. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז סתם צוליב אַ פּאָר צוקערלעך האָט זי זיך נישט איינגעשטעלט צו מאַכן אַזאַ ריזיקאַלן וועג. איך האָב גענו־מען נישטערן אין מיין פּעקל און אָנגעטראָפן אויף אַ האַרט פּאַפּיר. דאָס איז געווען די רענטגען־פּאַטאָ פון מיין מאָגן און דער דיאַגנאָז פון מיין קרענק. אין דער פינסטער האָב איך דאָס אַרויסגעשלעפּט און פאַרשטעקט אין מיינע הינטערשטע בגדים.

נאָך עטלעכע שעה האָט מען אונזער וואַגאָן צוגעטשעפּעט צו אַ לאָקאָ־מאָטיוו און מיר האָבן זיך גערירט פון אָרט. נאָך בערך צוויי שעה רייזע האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט. אין וואַגאָן זיינען אַריין צוויי סאָלדאַטן. זיי האָבן מיך געהייסן אַרויסגיין. איינער פון זיי איז פאַרבליבן מיך היטן, בעת דער צווייטער האָט דערליידיקט די פאָרמאַליטעטן פון איבערנעמען אַ פּאָר־חתמ׳עטן פּאַקעט מיט מיינע דאָקומענטן, אויף וועלכן עס איז פון אויבן געווען אויפגעשריבן מיט גרויסע רויטע ציפערן „58". יעדער פון די צוויי סאָלדאַטן האָט געוויס געהאַט פריינד אָדער גאָר קרובים, וועלכע זיינען אין יאָר 1937 אַרעסטירט געוואָרן אויפן סמך פון דעם אַרטיקל. האָבן זיי דעריבער גלייך פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן נישט פאַר זיך קיין גנב אָדער מערדער.

זיי האָבן מיך צוגעפירט צו אַ תפיסה, וועלכע האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דער סטאַנציע. איינער פון די סאָלדאַטן איז אַריין אין קאַנצעלאַריע

פון תפיסה דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן. דער צווייטער איז געבליבן מיך היטן. לויט די אָנגענומענע פאָרשריפטן האָט ער מיך געהייסן זיצן אין שניי. ס'איז געווען פאַרטאָג און די פראָסט האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט. איך בין געווען שטייף פון קעלט און דער סאָלדאַט נישט ווייניקער פון מיר, ווייל ער איז געווען אָן אַ פוטער.

ענדלעך איז דער סאָלדאַט צוריקגעקומען מיט דער בשורה, אַז אין דער תפיסה איז נישטאָ קיין פרייער פלאַץ פאַר מיר. מיר זיינען צוריקגעגאַנגען צו דער סטאַנציע, וואו מיר האָבן געוואַרט אויף אַ באַן. אויף דער טראַסע האָבן די מערהייט באַנען געפירט ספּעציעלע וואַגאָנען פאַר אַרעסטאַנטן, וועלכע מען האָט, פונקט ווי מיך, געטריבן פון איין תפיסה אין דער צווייטער.

די סאָלדאַטן האָבן מיך באַדויערט, הלמאי מען טרייבט מיך אויף אַזעלכע פרעסט פון איין אָרט צום אַנדערן און דערביי אויך געשאָלטן זייער גורל, וואָס מען צווינגט זיי אויסצופירן אַזאַ ביטערע שליחות. ענדלעך איז אָנגעקומען די באַן. זיי האָבן מיך איבערגעגעבן דעם נייעם קאָנוואָי. ווידער בין איך געווען דער איינציקער „פּאַסאַזשיר" אין דעם וואַגאָן. מיר זיינען געפאָרן אַ גאַנצן טאָג. קיין עסן האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט באַקומען. אין אָוונט זיינען מיר אָנגעקומען אויף אַ סטאַנציע פון אַ גרעסערע שטאָט. בערך פינף קילאָמעטער זיינען מיר געגאַנגען צו־פוס, ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו דער תפיסה. דאָ האָט מען מיך שוין באַוויליקט אָנצונעמען.

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין באָד און נאָך דעם אין אַ קאַמער, וואו עס זיינען געווען אַ סך מענטשן. מיינע „חברים" זיינען מיר גלייך באַפאַלן און צוגענומען ביי מיר דאָס פוטער און די וואַלענקעס. זיי האָבן גלייך אויפגעטרענט די לאַטעס און געפונען צוויי באַנקנאָטן צו 30 רובל, וועלכע זיי האָבן צוגענומען פאַר זיך. דאָס פוטער און די וואַלענקעס האָבן זיי מיר אָפּגעגעבן. אין קאַמער איז געווען זייער ענג, ס'האָט נישט געסטייעט קיין פלאַץ פאַר אַלע. צוליבן געלט וואָס מען האָט ביי מיר צוגענומען, האָט מען מיך טראַקטירט ווי אַ יחסן, דעריבער האָב איך באַקומען אַ פלאַץ, דערצו נאָך ביים אויוון.

נאָך עטלעכע שעה האָט מען מיך אַרויסגערופן אין קאַנצעלאַריע פון תפיסה. דאָ האָט מען מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן מיך אָנגענומען על־פּי טעות, ווייל די תפיסה איז באַשטימט פאַר אַרעסטאַנטן, וועלכע געפינען זיך נאָך אין דער אויספאָרשונג פאַרן משפּט. „אָבער — האָבן זיי צוגעגעבן — דאָס איז פאַר דיר אַ גליק, ווייל מיר וועלן דיך לאַנג נישט האַלטן און וועסט שנעלער אָנקומען אויפן באַשטימטן פלאַץ". איך האָב זיי געוויזן מיינע פּאַפּירן, אַז איך בין אַ שווער קראַנקער מענטש און יעדע מינוט דראָט מיר אַן אַטאַק און מען וועט מיר דאַרפן אָפּערירן. זיי האָבן מיר געראַטן, איך זאָל בעסער וועגן דעם שווייגן. דאָס איינציקע מיט וואָס זיי קענען מיר העלפן, איז וואָס

שנעלער מיך שיקן ווייטער. דערווייל האָבן זיי מיר צוגעזאָגט געבן יעדן טאָג 400 גראַם ווייסע ברוט און 10 גראַם פּוטער.

— וואו איז מיין ברויט פאַרן היינטיקן טאָג? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב שוין העכער אַ מעת־לעת צייט נישט געגעסן.

— דער קאָנוואָי וואָס האָט איך געבראַכט, האָט פאַרשריבן אין אייער צעטל, אַז איר האָט אויפן היינטיקן טאָג באַקומען 600 גראַם ברויט און 25 גראַם צוקער. דעריבער וועל איך מוזן וואַרטן ביז צומאָרגנס אינדערפרי. דערווייל האָב איך געהונגערט העכער דריי מעת־לעת.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין קאַמער זיינען מיך די גנבים באַפאַלן און געמאַכט ביי מיר אַ געגויע רעוויזיע. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס האָט מען מיר אין קאַנצעלאַריע אָפּגעגעבן מיין געלט, וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך פון לאַגער, צו וועלכן זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, געוואָלט זיין אַ שותף . . .

ביינאַכט האָט מען פאַרלאָשן דעם אויוון, און כאָטש איך בין געלעגן אַנגעטאָן אין פוטער און וואָלענקעס, האָט מיך געוואָרפן פון קעלט. אַ טויט־מידער פון מיינע נסיעות, בין איך אָבער געשלאָפן פעסט. פאַרטאָג האָט מען אונז אויפגעוועקט און אַרויסגעטריבן אויפן הויף. העכער הונדערט מענטשן האָבן מיר במשך פון מינוטן געמוזט באַווייזן צו דערליידיקן די פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן און אַרומוואַשן זיך. ווען מיר זיינען צוריקגעגאַנגען אין קאַמער איז ביי דער טיר געשטאַנען אַ וועכטער, וועלכער האָט געגעבן יעדן אַ פּאָר־ציע ברויט און צוקער. די ערשטע זיינען אַריין די גנבים־ווילדע יונגען, וועלכע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין קאַמער אין אַ ריי פון ביידע זייטן טיר. ווי נאָר עס איז אַריין אַן אַרעסטאַנט, וואָס איז נישט געווען פון זייער חברה, האָבן זיי, אויף די אויגן פון וועכטער, אַרויסגעריסן ביי אים די נאָר־וואָס באַקומענע פּאָרציע ברויט און צוקער.

זעענדיק די פּראָצעדור, האָב איך זיך געשטעלט דער לעצטער אין ריי. ווי נאָר איך האָב באַקומען מיין פּאָרציע, האָב איך גלייך געמאַכט אַ ברכה און אויפגעגעסן אַלץ מיט־אַמאָל, אַז זיי האָבן אַפילו נישט באַוויזן צו זען, וואָס איך האָב באַקומען.

די טיר האָט זיך פאַרמאַכט. די חברה פון בערך 20 גנבים האָבן געהאַט 100 פּאָרציעס ברויט. דער „באַטקאָ“ (עלטסטער ביי פאַרברעכער) האָט אַרויס־געגעבן אַ באַפעל: „ווער ס'וועט אָפּגעבן דאָס באַהאַלטענע געלט וואָס ער האָט, דער וועט באַקומען זיין ברויט“.

עטלעכע און צוואַנציק אַרעסטאַנטן האָבן מיט אַ שטיקל גלאָז אויפגעט־טרענט זייערע קליידער און אַרויסבאַקומען פון די טיפע באַהעלטענישן די לעצטע פּאָר קאָפּקעס, וועלכע עס איז זיי געלונגען ביז איצט אויסבאַהאַלטן פון די ענקאַוועדיסטן בעת פיל־צאָליקע רעוויזיעס, און אָפּגעגעבן די גנבים, וועלכע זיינען געווען צופרידן פון זייער געלונגענעם איינפאַל. זיי האָבן אָבער געהאַלטן וואָרט. זיי האָבן אָפּגעגעבן די אומגליקלעכע, אויסגעהונגערטע מענטשן זייער שטיקל ברויט. מען האָט געבראַכט אַ טשייניק זודיק וואַסער. די „גליק־

לעכע" האָבן געגעסן ברויט מיט וואַסער. די איבעריקע, העכער 60 מענטשן, ביי וועלכע מען האָט שוין פריער צוגענומען ביזן לעצטן קאָפּיק, האָבן זיך געמוזט באַגנוגענען בלויז מיטן ביסל הייסן וואַסער.

נאָך האַלבן טאָג האָט זיך געעפנט אַ פענסטערל אין טיר. דער וועכטער האָט געגעבן יעדן אַרעסטאַנט אַן אַלימיניום שיסל מיט אַ לעפל. איינער פון די גנבים, וועלכער איז געווען דער רעדל־פירער אין קאַמער, האָט גענומען פון יעדן די שיסל און דערלאַנגט דעם וועכטער, וואָס איז געשטאַנען פון דער צווייטער זייט טיר. דער וועכטער האָט אַריינגעגאָסן אין שיסל די באַלאַנדע (אַזאַ זופּ פון געזאַלצענע פיש מיט זויער קרויט) און עטלעכע קאַרטאָפל מיט אַ שטיקל פלייש. דאָס גאַנצע פלייש איז אָבער אַריינגעפאַלן נאָר אין די ערשטע צוואַנציק שיסלען, וועלכע זיינען געווען באַשטימט פאַר די גנבים. די איבעריקע שיסלען זיינען שוין אָנגעפילט געוואָרן מיט אַביסל געזאַלצענע וואַסער, אין וועלכן עס איז געשוואומען אַ פּאָר שטיקלעך פאַרפוילטע קרויט. ביינאַכט האָט מען נאָך געגעבן אַביסל הייסע וואַסער. דאָס איז געווען די דערנערונג פאַרן גאַנצן טאָג.

אויף אַט־דער „קעסט" בין איך געזעסן פיר טעג. וועגן די פוטער, וואָס זיי האָבן מיר צוגעזאָגט, האָבן זיי פאַרשטייט זיך „פאַרגעסן". אין דער פערטער נאַכט האָט מען מיך אויפגעוועקט פון שלאָף, געהייסן נעמען מיינע זאַכן און אַרויסגיין פון קאַמער. צוויי סאָלדאַטן האָבן מיך אַוועקגעפירט צו דער באַן־סטאַנציע, אַריינגעשטופּט אין אַן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן, מיט וועלכן איך בין אַוועק אויפן ווייטערדיקן עטאַפּ צום נייעם לאַגער.

דער וואַגאָן איז געווען פאַנאַנדערגעטיילט אויף זעקס טיילן, וועלכע זיינען געווען פאַרצוימט איינע פון דער אַנדערע מיט קראַטעס. בלויז אין דער לעצטער אָפּטיילונג זיינען געווען צוויי יונגע רוסישע פרויען. די איבעריקע „פּאַסאַזשירן" זיינען געווען מענער. אין יעדער אָפּטיילונג זיינען פוןביידע זייטן געווען דריי־שטאָקיקע פּאָלקעס. אָפיציעל איז פאַר יעדן אַרעסטאַנט געווען באַשטימט אַ פּאָלקע צו זיצן אָדער ליגן. נאָר אַזוי ווי זיי האָבן אָנגענו־מען מער מענטשן ווי עס איז געווען פלעצער, איז דער וואַגאָן געווען איבער־פולט. יעדער האָט פאַרכאַפּט אַ פּלאַץ וואו עס איז געלונגען און איינער איז געלעגן אויפן אַנדערן. כאָטש יעדער אָפּטיילונג איז געווען אַרומגעצוימט מיט קראַטעס און פאַרמאַכט פון דרויסן מיט ספּעציעלע שלעסער, איז ביי דער טיר געשטאַנען אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט געהיט, אַז קיינער זאָל נישט אַנטלויפן. אויסער דעם זיינען איבערן קאָרידאָר געגאַנגען סאָלדאַטן און יעדן אָוונט האָבן מיר זיך געמוזט אויסלייגן מיט די קעפּ צו די קראַטעס און זיי האָבן געציילט צי די צאָל שטימט . . .

אין ערשטן טאָג פון דער רייזע האָט מען יעדן פון אונז געגעבן צוויי פאַרציעס ברויט און אַ הערינג. אַזוי ווי דער עולם איז געווען אויסגעהונגערט האָט מען אַלץ אויפגעגעסן מיט־אַמאָל. נאָך דעם האָט זיך געוואָלט שטאַרק טרינקען. וואַסער האָט מען אָבער געגעבן איין מאָל אין טאָג. אַ גאַנצע נאַכט

האָבן מיר נישט געקענט שלאָפן פון דאָרשט. אַלע האָבן געשריגן: „וואַסער! וואַסער"! קיינער האָט זיך אָבער דערמיט נישט איבערגענומען. ערשט איב־דערפרי האָבן די סאָלדאַטן געבראַכט צוויי עמערס וואַסער און אָנגעגאָסן יעדן אַ טעפּעלע. ברויט האָבן מיר בכלל נישט באַקומען, ווייל אין פריערדיקן טאָג האָבן מיר באַקומען טאָפּעלע פּאָרציעס. אַזוי ווי ביי קיינעם איז שוין פון יענעם ברויט נישט געווען קיין אָנצייכן, זיינען מיר געווען הונגעריקע און דאָרשטיקע. דער עולם האָט ווידער גענומען שרייען: „ברויט, וואַסער! ברויט, וואַסער"! נאָך עטלעכע שעה איז געקומען דער נאַטשאַלניק פון דער וואַך און דערקלערט, אַז אויב מיר וועלן זיך נישט גלייך באַרואיקן, וועט מען אונז אַלע שמידן אין קייטן אויף דער צייט פון דער גאַנצער רייזע. זיינע „אַרגומענטן" האָבן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג. עס איז געוואָרן רואיק. מער האָט שוין קיינער נישט געשריגן.

פאַרנאַכט האָט דער סאָלדאַט פון קאָרידאָר געעפנט די קראַטע פון דער אָפּטיילונג וואו עס האָבן זיך געפונען די פרויען און געהייסן איינער פון זיי אַרויסגיין און וואַשן דעם קאָרידאָר פון וואַגאָן. ווען זי האָט שוין געהאַט אויס־געוואַשן דעם קאָרידאָר און צוגעקומען צום אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דער סאָלדאַט, וואָס האָט געהיט די טיר, האָט זי אים געבעטן ער זאָל אַוועקגיין אַביסל ווייטער, כדי זי זאָל קענען אָפּוואַשן אויך דעם פּלאַץ. ווי נאָר ער איז אַוועק, האָט זי פּלוצים געעפנט האַסטיק די טיר און אַרויסגעשפרונגען פון לויפנדיקן צוג.

דער סאָלדאַט האָט גענומען שיסן, געבנדיק אַ סיגנאַל, אַז דער צוג זאָל זיך אָפּשטעלן. עס איז געווען שוין פינסטער און מיר האָבן זיך גראָד געפונען אין דער טאַיגע. דער נאַטשאַלניק מיט עטלעכע סאָלדאַטן זיינען געקומען צולויפן דערנערווירטע. זיי האָבן אונז גענומען ציילן, צי עס פעלט נישט קיינער פון אונז. דער נאַטשאַלניק האָט דערקלערט, אַז מיר וועלן בלייבן אין וועג, ביז מען וועט נישט געפינען די אַנטלאָפענע. „ווער ס'וועט מאַכן אַ פּרואוו צו אַנטלויפן, אָדער רעדן אַ הויך וואָרט — האָט ער געוואָרנט — וועלן מיר אויפן אָרט דערשיסן".

מיר זיינען צוגעפאָרן צו דער נאָענסטער סטאַנציע. אונזער וואַגאָן האָט מען אָפּגעשטעלט און דער צוג איז אַוועק ווייטער. דריי מעת־לעת זיינען מיר דאָרט געשטאַנען, בעת וועלכע מיר האָבן גאָרנישט באַקומען צו עסן. זיי האָבן ווייזט אויס נישט געקענט געפינען די אַנטלאָפענע. די אַטמאָספער איז געווען זייער אָנגעשטרענגט. נישט געקוקט אויף אונזער ליידן פון הונגער, האָבן מיר מורא געהאַט אויסצורעדן אַ וואָרט. זיי זיינען באמת געווען גרייט אונז אַלעמען אויסצושיסן. אויפן דריטן טאָג, ווען איך בין שוין געווען ביז גאָר אָפּגע־שוואַכט, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב ביי זיך באַהאַלטן אַ שטיקל צוקער. איך האָב עס אַרויסגעשלעפּט און געטיילט זיך מיטן אַרעסטאַנט וואָס איז געזעסן לעבן מיר.

אויפן פערטן טאָג איז אַריינגעקומען צו אונז דער נאַטשאַלניק און

דערקלערט, אַז מען האָט שוין געכאַפּט די אַנטלאָפענע. מען האָט זי אָפּגעפירט אין אַ תפיסה פון אַ דערבייאיקע שטאָט, וואו מען וועט זי משפּט'ן פאַרן אַנט־לויפן.

מיר, די מער דערפאַרענע אַרעסטאַנטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ צוגעטראַכטע מעשה. בדרך כלל האָט מען יעדן אַנטלאָפענעם צוריקגעבראַכט, אַ לעבעדיקן אָדער טויטן, צום פריערדיקן אָרט, כדי וויזן די איבעריקע, אַז פון זיי קען מען נישט אַנטלויפן. אויב זיי האָבן זי נישט געבראַכט צו אונז, איז אַ סימן, אַז זיי האָבן זי נישט געכאַפּט.

מיר זיינען געווען צופרידן וואָס דער ענין האָט זיך שוין געענדיקט און מיר פאָרן ווייטער. צומאָרגנס אינדערפרי זיינען מיר געבליבן שטיין אויף אַ סטאַנציע. מען האָט אונז אַרויסגעפירט פון וואַגאָן. מיר זיינען געווען אין אַ גרויסער שטאָט. מען האָט אונז אויסגעשטעלט אין רייען און אַוועקגעפירט צו אַ תפיסה.

דאָס איז געווען מיטוואָך, דעם אַכטן יאַנואַר 1947, 16 טעג אין חודש טבת תש"ז. עס איז געווען העכער 40 גראַד פראָסט. פאַר דער תפיסה האָט מען אונז געהייסן זיך אויסזעצן אויפן שניי. די סאָלדאַטן האָבן אונז אַרומגערינגלט מיט אָנגעצילטע ביקסן גרייט צום שיסן.

קרימינעלע פאַרברעכער האָבן זיך זייער אָפּט אויסבאַהאַלטן אונטער פאַלשע נעמען. זיי האָבן אָבער אַ טבע צו טאַטואירן אויפן קערפּער פאַרשי־דענע צייכנס. די מאַכט האָט דעריבער זיי אינדענטיפיצירט נישט אַזוי ווייט לויט די נעמען, צו וועלכע זיי האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי, נאָר לויט די אויסטאַטואירטע צייכנס, וועלכע זיינען פאַרשריבן געוואָרן אין זייערע פער־סאָנעלע אַקטן.

איצט, ביים אָפּנעמען אין דער תפיסה, האָט מען יעדן פון זיי געהייסן זיך אויסטאָן, כדי קענען פאַרגלייכן צי די צייכנס אויף זייערע קערפּערס שטימען מיט די וועלכע זיינען פאַרצייכנט אין זייערע דאָקומענטן. דאָס האָט פאַרנומען עטלעכע שעה צייט, בעת וועלכע מיר זיינען געהאַלטן געוואָרן אויף דער פראָסט. מיר זיינען שוין געווען שטייף פון קעלט.

ענדלעך זיינען שוין אַלע געווען פאַרשריבן. מען האָט אונז אַריינגע־פירט אין באָד. ווי אין אַלע תפיסות אין רוסלאַנד, האָט אין באָד נישט גע־סטייעט קיין וואַסער פאַר אַלעמען. יעדער האָט באַקומען אַ קליין שעפּעלע וואַסער, מיט וועלכן מען האָט זיך קוים געקענט איינגעצן, אָבער נישט אָפּוואַשן. נאָך דעם האָט מען אונז אַריינגעטריבן אין אַ גרויסן זאַל אין וועלכן די שויבן פון די פענסטער זיינען, ווי געווינלעך, געווען אויסגעהאַקט. עס האָט גע־יאָגט אַ ווינט און די קעלט איז געווען ממש נישט אויסצוהאַלטן. אַזוי זיינען מיר געשטאַנען נאַקעטע העכער אַ האַלבע שעה צייט. מיר האָבן געוואַרט אויף אונזערע קליידער, וועלכע זיינען נאָך געווען אין דעזינפעקציע. ענדלעך האָט מען אונז אַריינגעוואָרפן דורך אַ פענסטערל די מלבושים, וועלכע זיינען געווען אַרויפגעצויגן אויף אייזערנע שטאַנגען. קיינער האָט נישט געוואַרט,

אַז די דאָזיקע שטאַנגען זיינען אָנגעגליט ביז 100 גראַד היץ. ווער עס האָט נישט געהאַט אַזאַ אַרעסטאַנצקע דערפאַרונג ווי איך, האָט געכאַפּט די שטאַנגען און אָפּגעבריט די הענט.

נאָך דעם האָט מען אונז, העכער 70 אַרעסטאַנטן אַריינגעזעצט אין אַ קאַמער, וואָס איז געווען באַשטימט אויף 50 מענטשן און דאָס אויך נישט צופיל באַקוועם. מיר האָבן געמאָנט ביי די באַלעבאַטים פון דער תפיסה, זיי זאָלן אונז אָפּגעבן דאָס ברויט וואָס מיר האָבן נישט באַקומען במשך פון די לעצטע דריי טעג פון אונזער נסיעה. ווידער האָט מען אונז געוויזן דעם ראַפּאָרט פון קאָנוואָי, לויט וועלכן מיר האָבן באַקומען ברויט נישט נאָר בעת דער נסיעה, נאָר אויך פאַר דעם טאָג, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דער תפיסה. דעריבער האָבן מיר די ערשטע פאַרציע ברויט באַקומען ערשט צו־מאָרגנס אינדערפרי. דערווייל זיינען מיר געווען הונגעריקע.

איך האָב זיך גלייך אָריענטירט, אַז איך מוז געווינען די סימפּאַטיע פון די „שטאַרקע״. איך האָב דעריבער אָנגעקלאַפּט אין טיר און דערלאַנגענדיק דעם וועכטער אַ דרייסיק־רובל׳דיקן באַנקנאָט געבעטן, ער זאָל מיר באַזאָרגן אַ פּעקל טאַבאַק און אַ שטיקל פּוטער. ער האָט אויסגעפירט מיין בקשה און אין אַ האַלבע שעה אַרום האָב איך באַקומען מיין באַשטעלונג. דעם טאַבאַק האָב איך גלייך געשאָנקען דעם עלטסטן פון די קרימינעלע פאַרברעכער, דערפאַר האָב איך באַקומען אַ פּלאַץ צום שלאָפן לעבן אויוון.

צומאָרגנס האָט מען אונז אויפגעוועקט פאַרטאָג. מען האָט אונז אַרויסגעטריבן אויפן הויף אַן די אויבערשטע בגדים, נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז געווען אַ שטאַרקע פראָסט. מען האָט געמאַכט אַ „שמאָן״ (אַ רעוויזיע), בעת וועלכער מען האָט געזוכט מעסערלעך, קאָרטן, געלט און אַנדערע זאַכן, וועלכע זיינען נישט דערלויבט, אַז דער אַרעסטאַנט זאָל האָבן מיט זיך אין קאַמער. מען האָט אַרויסגעטראָגן אַלץ פון קאַמער און געהייסן די אַרעסטאַנטן, אַז יעדער זאָל נעמען זיינע זאַכן.

ווען אַלע האָבן שוין געהאַט אָפּגענומען זייערע זאַכן, זיינען געבליבן ליגן עטלעכע גוטע קאָסטיומען און מאַנטלען. דער נאַטשאַלניק האָט געפרעגט צו וועמען אַט די זאַכן געהערן. ווען קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן, האָט דער נאַטשאַלניק דאַן דערקלערט, אַז דאָס האָבן די קרימינאַליסטן מן־הסתם צוגענומען די דאָזיקע זאַכן ביי אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען אַוועק מיט אַ וווּיטערדיקן עטאַפּ. דעריבער ווערן די זאַכן קאָנפיסקירט און בערך 20 מאַן פון די קרימינאַליסטן זיינען באַשטראָפט געוואָרן מיט דריי טעג קאַרצער.

מיר, די געבליבענע, זיינען געווען צופרידן דערפון, וואָס מען האָט אונז באַפרייט כאָטש אויף דריי טעג פון די „שטאַרקע״, וועלכע האָבן זיך איבער אונז איזדיעקעוועט. כאָטש איך האָב זיך ביי זיי איינגעקויפט מיטן פּעקל טאַבאַק, האָבן זיי, גלייך אין דער ערשטער נאַכט, צוגענומען ביי מיר אויך דאָס שטיקל פּוטער. זיי האָבן נאָך געהאַט צו מיר אַ טענה, הלמאי איך האָב זיך גלייך נישט געטיילט מיט זיי. דאַן וואָלט איך כאָטש געהאַט מיין

חלק. נאָר אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַנדלט ערלעך לגבי זיי, האָב איך גאָרנישט באַקומען . . .

נאָך דריי טעג זיינען די 20 קרימינאַליסטן צוריקגעקומען. זיי האָבן אָבער נישט אויסגעזען ווי נאָך אַ קאַרצער, נאָר ווי זיי וואָלטן קומען פון אַ פּאַרוויילונג. אין דעם טאָג איז גראָד געווען אַ גרויסע פראָסט און די מערהייט אַרעסטאַנטן זיינען נישט אַרויס אַפילו אויף דעם פופצן־מינוטיקן שפּאַציר. איך בין יאָ אַרויס, צוזאַמען מיטן „באַטקאַ" (אַזוי באַצייכנט מען דעם עלטסטן צווישן קרימינעלע פאַרברעכער). בעת'ן שפּאַציר האָט ער מיר דערציילט דעם אמת: במשך פון די דריי טעג זיינען זיי נישט געווען אין קאַרצער, נאָר אין אַ באַזונדערע קאַמער, וואו זיי האָבן באַקומען ווייס ברויט, פּוטער, וואורשט און אַפילו בראָנפן. „דאָס איז פאַר די מלבושים, וועלכע זיי האָבן „קאָנפיסקירט" — האָט ער געזאָגט".

— פאַרשטייט זיך — האָט ער צוגעגעבן — אַז זיי האָבן אונז נישט געגעבן אַפילו קיין צענטן חלק פון דעם, וואָס זיי האָבן אָפּגענומען פאַר די מלבושים. אָבער וואָס קענען מיר טאָן, זיי זיינען נאַטשאַלסטוואָ, און מיר זיינען אַרעסטאַנטן; אַז מיר וועלן נישט צונעמען ביי אַרעסטאַנטן די גוטע מלבושים, וועלן זיי וואָס אַן אמת נישט האָבן וואָס צו פאַרקויפן, אָבער מיר וואָלטן אויך גאָרנישט געהאַט. אַזוי האָבן מיר כאָטש דריי טעג זיך אָנגעגעסן צו דער זעט און דערצו נאָך געכאַפּט אַ שנאַפּסל . . .

נאָך אַזוי פיל טעג הונגער האָט מיין מאָגן געגעבן צו וויסן וועגן זיך. איך האָב זיך פאַרשריבן צום דאָקטאָר, ווייל איך האָב געהאַט שטאַרקע ווייטאָקן. ווען איך בין אַריין אין דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג פון תפיסה בין איך געבליבן שטיין אַ דערשטוינטער. איך האָב נישט געגלויבט מיינע אויגן — פאַר מיר איז געשטאַנען די פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל, פון וועלכן מען האָט מיך פאַרטריבן; די זעלבע אידישע דאָקטערין, וואָס איז צוליב מיר באַזייטיקט געוואָרן פון איר פריערדיקן אַמט.

זי האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זי וואָלט מיך געזען צום ערשטן מאָל, און געהייסן דער קראַנקן־שוועסטער מיר געבן אַ רפואה. נאָך דעם האָט זי מיך געהייסן וואַרטן אין צווייטן צימער. דעם סאָלדאַט האָט זי געזאָגט, ער זאָל ברענגען מיינע זאַכן פון קאַמער, ווייל איך וועל גיין אין שפּיטאָל אַריין.

די קראַנקן־שוועסטער האָט פאַרשריבן מיינע זאַכן, וואָס דער סאָלדאַט האָט געבראַכט און געגעבן מיר אונטערשרייבן. ערשט דאַן האָט זי מיך אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט. דאָ האָבן מיר זיך האַרציק באַגריסט. ענטפערנדיק אויף אירע פראַגן האָב איך איר דערציילט דעם פאַרלויף פונעם עטאַפּ פון לאַגער ביז דער תפיסה. וועגן זיך האָט זי גאָרנישט דערציילט. פּלוצים האָט זי אויפגעהויבן דאָס טרייבל פון טעלעפאָן און געבעטן, מען זאָל שיקן צו איר דעם אַרעסטאַנט, וואָס זיצט אין אַן איינצל קאַמער. אַוועקלייגנדיק דאָס טרייבל האָט זי זיך געווענדעט צו מיר:

— איר ווילט אפשר זען אייער „בעסטן פריינד" — דעם נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג פון אונזער לאַגער? . . .

איך האָב זי אָנגעקוקט אַ פאַרוואונדערטער. אָבער אײדער איך האָב נאָך באַוויזן אויסצורעדן אַ וואָרט פון באַראַשונג, האָט זיך געעפנט די טיר פון קאַבינעט און עס איז אַריינגעקומען אַ מענטש, וועלכן איך האָב נישט געזען, ווייל איך בין געזעסן מיט דער פלייצע צו דער טיר. שטייענדיק ביי דער טיר האָט דער מענטש געענטפערט אויף דער פראַגע פון דער דאָקטערין, אַז ער פילט זיך נישט גוט, ווייל דאָס האַרץ טוט אים וויי און געבעטן טאַבלעטן קעגן שלאָפלאָזיקייט. זיין קול איז מיר געווען באַקאַנט, איך האָב זיך אָבער נישט געקענט כאַפּן ווער דאָס קען זיין.

פלוצים האָט די דאָקטאָרין אויסגערופן: — און ווען איר האָט גע־וואָלט מיך אַריינשליידערן אין לאַגער אויף ווייטערדיקע 15 יאָר, האָט אייך דאָס האַרץ נישט וויי־געטאָן? און ווען איר האָט דעם דאָזיקן אידן, וועלכער זיצט דאָ, געגעבן צום צווייטן מאָל 10 יאָר, האָט אייך דאָס האַרץ נישט וויי־געטאָן? . . .

ווענדנדיק זיך צו מיר, האָט זי געזאָגט מיט איראָניע: — איר ווילט זיך גאָר נישט באַגריסן מיט אייער אַפּוטרופּס, מיט דעם נאַטשאַלניק פון דער דריטער אָפּטיילונג פון נ.ק.וו.ד.?

דאָס אַלץ איז געשען אַזוי שנעל און אומדערוואַרט, אַז איך האָב אַלץ נישט געקענט באַגרייפן, צי דאָס איז אַ חלום, אָדער איך זע דאָס טאַקע אין דערווירקלעכקייט. פאַר מיר איז געשטאַנען דער דאָזיקער גזלן. ער איז נאָך געווען אין מונדיר פון נ.ק.וו.ד. אָבער שוין אָן די עפּאָלעטן און אָפּיצירן־דיסטינקציעס. ער איז גאָר נישט געווען ענלעך צו יענעם פאַרשייטן סאַטראַפּ, וועלכן איך האָב געקענט פון לאַגער. ער איז איצט געשטאַנען מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ. דאָס פּנים איז געווען ביי אים שוואַרץ ווי ערד, ער האָט מיר נישט געקענט קוקן אין די אויגן.

— ווי איך זע — האָט געזאָגט די דאָקטאָרין — פאַרהאַלט איר זיך נישט ווי אַלטע באַקאַנטע . . . וויפל האָט איר באַקומען? — האָט זי געפרעגט.

— 15 יאָר — האָט ער געענטפערט מיט אַ צעבראָכענע שטימע, נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ.

— דאָס האָט אייך דער אויבערשטער געשטראָפט פאַר די ליידן פון דעם אידן און דערפאַר וואָס איר האָט געפּייניקט אומשולדיקע מענטשן. פאַר וואָס רעדט איר גאָרנישט צו אים — האָט זי זיך געווענדעט צו מיר. — איצט וועט ער אייך שוין נישט זידלען. איר זעט ווי נעבעכדיק ער איז גע־וואָרן, ממש אַן אומשולדיק קינד . . .

— אַ איד טאָר נישט נעמען קיין נקמה — האָב איך געזאָגט — דעריבער וויל איך אים נישט נאָך מער דערנידעריקן. דעם אויבערשטנס שטראָף האָט ער שוין באַקומען. איך האָף אַז אין לאַגער וועט ער האָבן גענוג

צייט צו בעטראַכטן זיינע שלעכטע מעשים און האָבן שטאַרק חרטה, און נעמען אויף זיך ווערן אַ גוטער ערלעכער מענטש.

די דאָקטאָרין האָט אים געגעבן אַ רפואה צום האַרץ און טאַבלעטן צום שלאָפן. — איר מוזט היטן אייער געזונט — האָט זי געזאָגט. — עס דערוואַרט אייך אַ שווער לעבן. זיין אַן אַרעסטאַנט אין לאַגער איז נישט דאָס זעלבע וואָס זיין אַ נאַטשאַלניק . . . אָבער אפשר וועט איר טאָקע תשובה טאָן און זיין אַן אָרנטלעכער מענטש.

זי האָט אָנגעקלונגען צו דער וואַך און געבעטן מען זאָל צוריק אָפּפירן דעם אַרעסטאַנט אין זיין קאַמער.

ווי נאָר ער איז אַרויס האָט די. דאָקטאָרין מיר דערציילט: גלייך נאָך דעם ווי עס איז געמאַכט געוואָרן דער אַקט, אַז מען טאָר אייך נישט שיקן אין אַ וויטן עטאַפּ, איז דער דאָזיקער גזלן געוואָרן ווילד אין כעס. ער האָט מיך אַרויסגערופן צו זיך אין ג.ק.וו.ד. און צונויפגעשטעלט קעגן מיר אַ שרעקלעכן באַשולדיקונגס־אַקט. ער האָט אויסגעטראַכט אויף מיר אַ שרעק־לעכן בלבול, אַז איך האָב אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אין שפּיטאָל שווער־קראַנקע און דערמיט גורם געווען דעם טויט פון הונדערטער אַרעסטאַנטן, און נאָך מער, אַז איך האָב כלומר׳שט קאָנצענטרירט אַלע סאַניטאַרע אויטאָמאָבילן אין צענטראַלן שפּיטאָל, כדי די באַזונדערע לאַגערן זאָלן נישט קענען שיקן די שווערע קראַנקע אין צענטראַלן שפּיטאָל. און אַז ווען מען האָט זיך געווענדעט צו מיר טעלעפאָניש, האָב איך שטענדיק געענטפערט אַז עס זיינען נישטאָ קיין פרייע אויטאָמאָבילן. דאָס אַלץ האָב איך געטאָן בכיוון, כדי אויף אַזאַ אופן באַווייזן אַז די אַדמיניסטראַציע פון לאַגער פאַרפייניקט די אַרעסטאַנטן צום טויט און דערמיט האָב איך געשטרעבט צו שעדיקן די ראַטנמאַכט און אַרויסרופן אומצופרידנהייט צווישן די אַרעסטאַנטן. דער צווייטער הויפּט־פאָר־וואורף איז געווען אין סתירה צום ערשטן. און נעמלעך, ער האָט מיך באַ־שולדיקט, אַז איך האָב געהאַלטן אין שפּיטאָל מענטשן עטלעכע חדשים צייט, כדי זיי זאָלן נישט מוזן אַרבעטן. דערביי האָבן זיי באַקומען גוט עסן און טרינקען. פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט האָב איך גורם געווען גרויסע שאָדנס דעם לאַגער און דער ראַטנמאַכט.

— דער דאָזיקער טעמפּער מנוול — האָט זי ווייטער דערציילט האָט געהאַט די חוצפה צו פאָדערן פון מיר, איך זאָל זיך מודה זיין צו די דאָזיקע אַבסורדאַלע באַשולדיקונגען. נאָך מער: ער האָט געפאָדערט, איך זאָל דאָס אַלץ אַליין אָנשרייבן, ווי אַן אַקט פון חרטה פון מיין זייט. און ווען איך האָב אים קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, האָט ער מיך אַרעסטירט און איינגעזעצט אין אַ קאַלטער קאַמער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ טיפן קעלער.

— צו מיין גליק איז דעם פעלדשער געלונגען צו קומען צו מיר עטלעכע מאָל. דורך אים האָב איך איבערגעשיקט אַ בריוו צום נאַטשאַלניק פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג. איך האָב אים געוואָרנט, אַז אויב ער וועט דערלויבן מיך אומברענגען, וועט אויך זיין לעבן און דאָס לעבן פון אַלע דאָקטוירים

קיינמאָל נישט זיין געזיכערט. אין נאָמען פון אונזער פאַך־סאָלידאַריטעט פון מעדיצינער, וועלכע זיינען באַרופן צו ראַטעווען דאָס לעבן פון מענטשן, האָב איך אַפּעלירט צו אים, ער זאָל אַדורכפירן אַ גענויע אויספאָרשונג, כדי אויפצואווייזן די פאַלשקייט פון דער באַשולדיקונג קעגן מיר.

— ער האָט, פאַרשטייט זיך אָן דעם וויסן פון נ.ק.וו.ד. באַשטימט אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים, וועלכע האָבן, אויפן סמך פון דאָקומענטן, צונויפּגעשטעלט אַקטן, אַז במשך פון דער גאַנצער צייט פון מיין אָנפירונג מיטן שפּיטאָל איז נישט געווען קיין איין פאַל פון אָפּזאָגן אָנצונעמען אַ קראַנקן. אויפן סמך פון קאַרטאָטעקעס פון די קראַנקע איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז לענגער ווי אַ חודש צייט איז קיינער נישט געלעגן אין שפּיטאָל.

— אין דער זעלבער צייט ווען דער באַנדיט האָט איבערגעגעבן דעם פּראָקוראָטור דעם באַשולדיקונגס אַקט קעגן מיר — האָט זי ווייטער דערציילט — האָט דער נאַטשאַלניק פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג איבערגעשיקט דעם זעלבן פּראָקוראָר די מאַטעריאַלן פון דער קאָמיסיע פון דאָקטוירים. דער פּראָקוראָר איז שוין געווען געצוואונגען גענוי אויספאָרשן דעם גאַנצן ענין, און זעענדיק, אַז ער קען נישט צונויפשטעלן קעגן מיר קיין שום באַווייזן, האָט ער מיך באַפרייט.

— אָבער נישט צוליב מיר האָט מען אים פאַר'משפט. פאַרקערט, נאָך דעם דורכפאַל איז ער ווייטער נישט געווען רואיק. צום ערשטן מאָל אין זיין פאַרברעכערישע קאַריערע האָט זיך אים געטראָפן, אַז מען זאָל באַפרייען אַ מענטש, וועלכן ער האָט באַשולדיקט. ער האָט אַלאַרמירט אין מאָסקווע, אַז מיר ביידע אין איין לאַגער קענען מיר ווייטער נישט זיין, ווייל דאָס רייסט אַרונטער זיין אויטאָריטעט . . . פון מאָסקווע איז געקומען אַ באַפעל, אַז מען זאָל מיך באַפרייען פון מיין אַמט, אַלס פאַרוואַלטערין פון שפּיטאָל. נאָר נעמענדיק אין אַכט, אַז איך בין אַ גוטע ספּעציאַליסטין, האָבן זיי מיך געשיקט אין דער אטאַ־תפיסה אַלס פאַרוואַלטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג.

— איר ווילט אַודאי וויסן פאַר וואָס ער האָט באַקומען 15 יאָר? — האָט זי געפרעגט. — איך האָב געהאַט צופעליק אַ געלעגנהייט אַריינצוקוקן אין זיין באַשולדיקונגס־אַקט. דאָרט האָט זיך געזאָגט, אַז ער ווערט באַשולדיקט אין אומברענגען אומשולדיקע מענטשן, אָבער ווען, וויפל און ווער די מענטשן זיינען געווען, דאָס ווייס איך נישט.

דאַן האָב איך איר דערציילט די מעשה פון די 6 אָפיצירן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעהאַקט די פינגער פון דער האַנט. דער דאָזיקער מערדער האָט דאַן נישט דערלויבט זיי געבן מעדיצינישע הילף. זיין פאַרטרעטער האָט דאַן איבערגעשיקט וועגן דעם ענין אַ ראַפּאָרט קיין מאָסקווע. קען זיין, אַז פאַר דעם איז ער פאַר'משפט געוואָרן.

— איר ווייסט — האָט זי געזאָגט נאָך אַ ווײַלע — איך בין שוין באַלד אַזאַ גלויביקע ווי איר. ווייל ווי אַנדערש קען מען דאָס אַלץ פאַרשטיין, אויב

נישט די השגחה פון אויבערשטן; אָט האָט מיך דער גזלן געוואָלט אומ־ברענגען, און אָט איז ער גאָר געוואָרן אַן אַרעסטאַנט, און דווקא אין דער תפיסה וואו איך בין דאָקטאָר; אָט שלעפּט מען אייך פון איין תפיסה אין דער צווייטער און צום סוף קומט איר גאָר אָן אַהער, כדי איך זאָל אייך קענען העלפן . . .

— נו, גענוג שוין פילאָזאָפירט — האָט זי געזאָגט צום סוף. — מען דאַרף צוטרעטן צו פּראַקטישע ענינים. איך וועל אייך דאָ פאַרהאַלטן עטלעכע וואָכן אין תפיסה־שפּיטאָל. איך וועל אייך אַביסל אויסהיילן דעם מאָגן און באַמיען זיך, אַז איר זאָלט קומען צו די כוחות, כדי קענען אויסהאַלטן דעם ווייטערדיקן וועג צום לאַגער. און אפשר? — האָט זי צוגעגעבן. — איך וועל אייך דערציילן אַ סוד. איך האָב אַ זיכערע ידיעה, אַז אין קורצן וועט מען באַפרייען אַ געוויסע צאָל אַרעסטאַנטן וועלכע ליידן אויף באַשטימטע קראַנקייטן. איך האָב שוין אַפילו אַ רשימה, וועלכע קראַנקייטן ווערן גענומען אין באַטראַכט. אייער קרענק איז אויך אין דער רשימה. איך ווייס נאָר נישט צי דאָס וועט אויך זיין אָפּהענגיק פון פּאַראַגראַף, לויט וועלכן דער אַרעס־טאַנט איז גע'משפּט געוואָרן. וואָס שייך מיר, איז שוין געמאַכט געוואָרן אַן אַקט וועגן מיין קראַנקייט. אַזוי ווי ס'איז מיר פאַרבליבן נאָך איין יאָר ביזן סוף פון מיין אורטייל, האָף איך, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט מען מיך אפשר באַפרייען. דעריבער מוז איך זיך צואיילן מיטן דערליידיקן אייער ענין. איך וועל גלייך מאָרגן צוגרייטן אַן אַקט וועגן אייער קראַנקייט און פאַרבעטן אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים, וועלכע וועלן דאָס באַשטעטיקן.

איך האָב איר געדאַנקט און דערקלערט, אַז ס'איז אפשר נישט כדאי, אַז צוליב מיר זאָל זי ווידער־אַמאָל גיין אויף אַ גרויסע ריזיקע, נאָך דעם ווי זי האָט געליטן אין לאַגער. נאָר איך האָף, אַז זי וועט באַפרייט ווערן, ווייל ס'איז נאָך פאַרבליבן איין יאָר. וואָס שייך מיין גורל, גלויב איך, אַז דער אויבערשטער וועט מיך נישט פאַרלאָזן פונקט ווי ביז איצט, ווען ער האָט מיך אַרויסגעפירט פון אַזוי פיל געפאַרן.

אין שפּיטאָל בין איך געלעגן אין אַ צימער צוזאַמען מיט 20 קראַנקע. עס איז געווען ענג, מיר זיינען געלעגן ממש איינער לעבן אַנדערן. די לופט איז געווען אַ שווערע, אָבער קיין פענסטער האָט מען נישט געקענט עפענען, ווייל אינדרויסן איז געווען אַ שטאַרקע פראָסט, פון וועלכע די קראַנקע האָבן זיך געקענט פאַרקילן. יעדן פרימאָרגן האָט מיך די קראַנקן־שוועסטער אַריינ־געפירט אין ביוראָ פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג, וואו איך האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט צו דאַוונען.

גלייך נאָכן אָנקומען אין שפּיטאָל האָב איך אָנגעשריבן אַ בריוו אַהיים, וועלכן די דאָקטאָרין האָט אַרויסגעשיקט דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ קראַנקן־שוועסטער פון דער פריי. מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָב איך אַלס ענטפער באַקומען אַ פּעקל פּראָדוקטן.

אין צווישנצייט האָט די דאָקטאָרין צוגעאײלט דאָס קומען פון אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז איך בין שווער קראַנק, וואָס האָט צום באַדויערן געשטימט מיטן אמת. זיי האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַן אַקט און איך האָב אָנגעהויבן לעבן מיט דער האָפענונג, אַז דאָס געריכט וועט אויף דעם סמך מיך באַפרייען.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ באַפעל, וואָס שייך דער דאָקטאָרין: היות זי האָט זיך במשך פון דער גאַנצער צייט אויסגעצייכנט אין איר אַרבעט אין לאַגער, ווערט איר געשאָנקען דאָס יאָר, וואָס איז פאַרבליבן ביזן סוף פון אורטייל. זי האָט מיך אַריינגערופן צו זיך און אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז היינט ווערט זי באַפרייט. איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט. זי האָט אָבער זייער באַדויערט, וואָס זי קען נישט זיין קיין עדות פון מיין באַפרייאונג.

אויפן צווייטן טאָג נאָך דער באַפרייאונג פון דער אידישער דאָקטאָרין האָט מען מיך אויסגעשריבן פון שפיטאָל און צוריקגעשיקט אין פריערדיקן קאַמער. צומאָרגנס האָט מען מיך אַרויסגערופן אין קאַנצעלאַריע פון תפיסה. עס איז דאָרט געווען אַ ריכטער, וועלכער האָט איבערגעקוקט מיינע אַקטן. „לויט אייער קראַנקייט — האָט ער געזאָגט — דאַרף מען אייך באַפרייען. נאָר אַזוי ווי איר זייט גע׳משפט געוואָרן שוין צום צווייטן מאָל, און דאָס אויף גרויסע אורטיילן פון 10 יאָר, וואָס באַווייזט, אַז איר זייט אַ ביז גאָר שעדלעכער עלעמענט פאַר דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, וועט איר דעריבער מוזן אָפּקומען אייער שטראָף ביזן סוף".

בין איך שוין, הייסט עס, געווען פאַרזיכערט מיט ווייטערדיקע 10 יאָר פון מיין לעבן.

דערווייל איז אין קאַמער געוואָרן אַלץ ענגער. מיר זיינען שוין געווען הונדערט מאַן. עס איז געווען אַזוי ענג, אַז מיר זיינען געלעגן ווי הערינג איינער לעבן אַנדערן. אָבער טראָץ דער דאָזיקער ענגשאַפט, איז אין קאַמער געווען קאַלט ווי אויפן גאַס. נישט געקוקט דערויף האָב איך נאָך אַ חודש צייט זיין אין תפיסה זיך געפילט בעסער מיט מיין געזונט. די צוויי וואָכן אין שפיטאָל האָבן מיר אַ סך געהאָלפן.

דערווייל האָט מען געבראַכט צו אונז אַרעסטאַנטן פון אַלץ נייע עטאַפּן. צווישן זיי איז געווען אַ יונגער מאַטראָס, אַ הויכער, געזונטער בחור, פאַר וועלכן אַפילו מיינע „העלדן" פון צווישן די קרימינעלע האָבן געהאַט רעספּעקט. זיי האָבן טאַקע באַשלאָסן, אַז איך זאָל אים אָפּטרעטן מיין פּלאַץ ביים אויוון. אָבער איך בין געבליבן זיין שכן. צייט האָבן מיר געהאַט גענוג, האָט ער מיר דערציילט פיל וועגן זיך.

ער איז געווען אַ זון פון אַ גלח. אַלס אינגל איז ער באַגייסטערט גע־וואָרן מיט דער קאָמוניסטישער אידייע. ער איז אָנגענומען געוואָרן אין אַן אָפיצירן־שולע און שפּעטער געדינט אַלס אָפיציר אין סאָוועטישן קריגס־פלאָט. ער האָט זיך אָבער געשעמט מיט זיין „יחוס" און נישט פאַרשריבן אין די פערסאָנאַלע אַנקעטעס, אַז זיין פאָטער איז אַ גלח. אגב, האָט שוין דער

פאָטער דאָן נישט געלעבט. ער איז געשטאָרבן אין אַ לאַגער, וואוהין ער איז פאַרשיקט געוואָרן.

צו זיין „מזל" איז אין אַ געוויסן טאָג אָנגעקומען אויף דער שיף, וואו ער האָט געדינט, זיינס אַ באַקאַנטער, וועלכער האָט דערציילט דער נאַטשאַל־סטווע, ווער זיין טאַטע איז געווען. מען האָט אים גלייך אַרעסטירט. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט צוזאַמענגעשטעלט קעגן אים אַ באַשולדיקונגס־אַקט, לויט וועלכן עס איז אויסגעקומען, אַז ער האָט שיעור נישט געוואָלט אומברענגען דעם גאַנצן סאָוועטישן קריגס־פלאָט. ער האָט דערקלערט: „איך קען זיך מודה זיין דערצו, אַז מיין טאַטע איז געווען אַ גלח און איז געשטאָרבן אין לאַגער. אָבער איך האָב דאָך געטריי געדינט דער סאָוועטישער מאַכט".

מען האָט אים אָבער אַזוי לאַנג געפייניקט, ביז ער איז אַראָפּ פון זינען. ער האָט אַפילו נישט געוואוסט וואָס זיי האָבן אים פאָרגעוואָרפן און אַז ער האָט אונטערגעשריבן, אַז ער איז זיך מודה צו דעם. מען האָט אים פאַר־משפט אויף 10 יאָר. איצט האָבן זיי ווידער פעסטגעשטעלט, אַז ער איז נישט נאָרמאַל. פירט מען אים אין אַ ספּעציעלן לאַגער פאַר משוגעים.

ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער ליידט באמת אויף אַ פּסיכישע קרענק. אין אַלגעמיין איז ער נאָרמאַל, ביז ער באַקומט נישט קיין אַטאַק. — דאָן קענען מיט מיר געשען די ערגסטע זאַכן — האָט ער געזאָגט. — די קרענק אַטאַקירט מיך מערסטן ביינאַכט, ווען מען לעשט אויס די ליכט און עס ווערט פינסטער. נעכטן — האָט ער ווייטער געזאָגט — האָב איך ביינאַכט דער־שטיקט דעם אַרעסטאַנט, וואָס איז געלעגן לעבן מיר. ווען איך האָב איינ־דערפרי דערזען, אַז ער איז טויט האָב איך זיך דערשראָקן. איך האָב בשום אופן נישט געגלויבט, אַז איך האָב דאָס געטאָן. און אפשר האָבן זיי ווידער צוגעטראַכט אַ בלבול קעגן מיר? — האָט ער געזאָגט צום סוף.

דאָס מאָל האָבן זיי שוין נישט אויסגעטראַכט אויף אים קיין בלבול. די מעשה איז געווען אמת. די אַדמיניסטראַציע האָט געמאַכט אַן אַקט, אַז דער אַרעסטאַנט איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק, כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן פירן קיין אויספאָרשונג, וועלכע וואָלט דאָך באַוויזן זייער שולד דערמיט, וואָס זיי האָבן איינגעזעצט אין קאַמער צווישן נאָרמאַלע מענטשן אַ משוגענעם. די גנבים האָבן אויך געוואוסט דערפון, דערפאַר האָבן זיי אים געלייגט לעבן מיר. ווען זיי האָבן געהערט, אַז ער דערציילט מיר די מעשה, האָבן זיי נאָר אָב־סערווירט מיין רעאַקציע. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז איך וועל אַראָפּ־שפּרינגען פון דער נאַרע און מורא האָבן צו שלאָפן.

איך האָב רואיק אויסגעהערט דעם מאַטראָס. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב אויך אַ לאַנג־יעריקע דערפאַרונג פון תפיסות און לאַגערן, און האָב שוין איבערגעלעבט פיל ערגערע צרות. דער אויבערשטער האָט מיך אָבער אויסגעהיטן פון שלעכטס, און איך האָף, אַז ער וועט מיך ווייטער באַשיצן. איך האָב אים אויך געדאַנקט, וואָס ער האָט צו מיר צוטרוי און האָט מיר אַלץ דערציילט, דערפאַר וועל איך וויסן ווי אַזוי זיך באַשיצן פון

וויינע אַטאַקעס. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער מוז געדענקען, אַז ווי נאָר איך וועל דערשפּירן, אַז ער רירט זיך פון אָרט, וועל איך אים אַראָפּוואַרפן פון דער הויכער נאַרע און ער וועט אומקומען. אויב ער וויל לעבן, האָב איך אים געראָטן, זאָל ער אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן בכלל, כדי ער זאָל געדענקען, אַז ער טאָר נישט הרג'ענען, אָדער ער מוז שלאָפן רואיק.

ווען איך האָב זיך פאַרטאָג אויפגעוועקט האָב איך געזען, אַז ער ליגט טאַקע מיט אָפענע אויגן און קעמפט מיטן שלאָף. איך האָב אים באַרואיקט, אַז היות ס'ווערט שוין ליכטיק, קען ער איינשלאָפן, ווייל ס'דראָט אים שוין גאָרנישט.

אינדערפרי, ווען מען האָט אונז אַרויסגעפירט צום וואַשן האָבן זיי אַלע געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ ביין וואונדער. איך האָב זיי געענטפערט מיט אַ איראָנישן שמייכל. מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען אָן ווערטער. אָבער איינער פון זיי האָט נישט אויסגעהאַלטן און געפרעגט: — דו האָסט באמת נישט מורא געהאַט צו שלאָפן לעבן אים אַ גאַנצע נאַכט?

— איך האָב אַזאַ אַנטשפּרעכעניש, וואָס איז אַ מיטל קעגן אַלע געפאַרן — האָב איך געענטפערט אין שפּאַס.

זיי האָבן דאָס אָבער גענומען ערנסט, און געפרעגט דעם מאַטראָס צי עס איז אמת. צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג האָט יענער געענטפערט: „ער האָט מיר עפּעס געזאָגט, וואָס האָט מיך טאַקע באַרואיקט און איך האָב נישט מורא געהאַט פאַר דער פינסטערניש". דעם זעלבן טאָג האָט מען צוגענומען דעם מאַטראָס פון אונזער קאַמער, אָבער מיין אויטאָריטעט ביי דער „חברה" איז ביז גאָר אויסגעוואַקסן . . .

אין אָוונט איז אָנגעקומען אַ נייער עטאַפּ. צווישן די אַרעסטאַנטן וועלכע מען האָט געבראַכט אין אונזער קאַמער, זיינען געווען צוויי אידן אין עלטער פון העכער 70 יאָר. זיי זיינען ביידע געווען פון פוילן. ביים אויסברוך פון דער מלחמה אין יאָר 1939 זיינען זיי אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. ביז דער מלחמה זיינען זיי געווען עסקנים אין דער אידישער קהלה פון זייער שטעטל. ביים אַנטלויפן האָבן זיי גענומען מיט זיך דעם סטעמפּל פון דער קהלה. אין יאָר 1946, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן רעפּאַטריאַציע פון די פוילישע אידן, האָבן פיל פון זיי נישט געהאַט קיין דאָקומענטן, וועלכע זאָלן באַשטעטיקן, אַז זיי זיינען פוילישע, וואָס איז געווען אַ באַדינג פאַר באַקומען אַ רעפּאַטריאַציע־דאָקומענט. האָבן זיי אַרויסגעגעבן באַשטעטיקונגען פאַר עטלעכע אידן פון זייער שטעטל און גע'חתמ'עט עס מיטן דאָזיקן סטעמפּל.

ווען די מיליץ האָט באַקומען עטלעכע אַזעלכע באַשטעטיקונגען, האָבן זיי דאָס איבערגעגעבן דער נ.ק.וו.ד. אויף דעם סמך האָט מען זיי אַרעסטירט און באַשולדיקט אַז זיי האָבן געפירט אַ פיינטלעכע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פוילישע אידן, כדי צו באַווירקן זיי, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד און דערצו נאָך האָבן זיי אַרויסגעגעבן פאַלשע צעטלען, וואָס האָט זיי דערמעגלעכט צו פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

— אמת — האָבן געזאָגט די באַשולדיקטע אידן — מיר האָבן אַרויס־געגעבן צעטלען צו אידן וואָס זיינען נישט געווען פון אונזער שטעטל, אָבער דאָס זיינען געווען פוילישע אידן וואָס האָבן נישט געקענט דערווייזן אַז זיי זיינען פון פוילן, און מיר האָבן זיי דערמעגלעכט אומקערן זיך צו זייער היים אין פוילן. במילא זיינען דאָס נישט געווען קיין פאַלשע צעטלען.

אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער געהיימער „משפט" האָט זיי פאַראורטיילט יעדערן צו צען יאָר תפיסה.

אָט די אידן זיינען ביי זיך נישט געווען אַראָפּגעפאַלן. זיי זיינען געווען פול מיט אמונה. זיי האָבן געזאָגט: — אונזערע משפחות האָבן די היטלעריסטן אויסגעמאָרדעט, מיר האָבן שוין אויך אָפּגעלעבט אונזערע יאָרן, היינט וואָס קענען אונז אָט־די רשעים נאָך מער טאָן? מיר האָפן צום אויבערשטן אַז מען וועט אונז באַפרייען און מיר וועלן קומען אַהיים.

זיי האָבן געזאָגט, אַז ווען זיי האָבן דערזען אין תפיסה אַ איד מיט אַ באָרד און פיאות, וועלכער האָט אויסגעהאַלטן אין תפיסה מער ווי צען יאָר און האָט נישט געגעסן קיין טריפה און נישט געאַרבעט אום שבת — האָט דאָס זיי שטאַרק דערמוטיקט. זיי האָבן מיר געבענטשט, אַז אינגיכן זאָל איך זיך באַפרייען און קומען צו מיין אמת'ער היים, און איך האָב זיי געוואונטשן דאָס זעלבע, אַז זיי זאָלן אינגיכן קומען אַהיים.

צומאָרגנס האָבן מיר זיך געזעגנט האַרצליך. קיינער פון אונז האָט נישט געוויינט. מיר זיינען געווען שטאָלץ מיט אונזער אידישקייט. מיר זיינען געווען איבערצייגט, אַז מיטן אויבערשטנס הילף וועלן מיר פּטור ווערן פון אַלע אידישע שונאים און מיר וועלן קומען אַהיים צו אונזער טייער פאָלק אידן.

מיך האָט מען גענומען אויפן ווייטערדיקן עטאַפּ. מען האָט אונז צו־נויפגענומען עטלעכע צענדליק אַרעסטאַנטן. דער אָפיציר פון קאָנוואָי האָט אַרויסגערופן יעדן ביים נאָמען. מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ באַזונדערן צימער. דאָ האָב איך זיך געמוזט אויסטאָן נאַקעט און זיי האָבן געמאַכט אַ שטרענגע רעוויזיע. זיי האָבן געפונען אַ פאָטאָגראַף פון מיין מוטער ע"ה, וועלכע ער האָט צעריסן פאַר מיינע אויגן. דעם רענטגען און דיאַגנאָז פון מיין קראַנקייט האָבן זיי איבערגעלאָזט ביי מיר. נאָך דעם האָבן זיי אונז אַרויס־געפירט אויפן תפיסה־הויף, וואו מיר האָבן געוואַרט אַ לענגערע צייט.

ענדלעך האָבן זיי אונז אויסגעשטעלט אין רייען, אָנגעזאָגט דעם באַ־קאַנטן פּזמון, וועגן דעם, אַז ביים פּרואוו פון אַנטלויפן וועלן זיי שיסן אָן וואָרנונג, און מיר האָבן זיך גערירט פון אָרט. מיר זיינען געווען אַרומגע־רינגלט דורך סאָלדאַטן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן און פאָליציי־הינט. זיי האָבן אונז אונטערגעיאָגט, מיר זאָלן גיין שנעלער. אויסגעמאַטערטע זיינען מיר אָנגעקומען אויפן באַן־וואָקזאַל, וואו מען האָט אונז אַריינגעזעצט אין ספּע־ציעלע וואַגאָנען פאַר אַרעסטאַנטן. מיר האָבן באַקומען אַ פּאָרציע ברויט און געזאַלצענע פיש. נאָך אַ מעת־לעת זיינען מיר אָנגעקומען אויף אַ סטאַנציע פון אַ גרעסערע שטאָט. מען האָט אונז אַרויסגעפירט פון וואַגאָן און אַריינגע־

זעצט אין אַן אויטאָבוס פֿאַר אַרעסטאַנטן. 12 אַזייגער ביינאַכט האָט מען מיך אַריינגעפֿירט אין אַ תּפֿיסה.

איך האָב געהאַט מזל, וואָס איך בין ווידער נישט געווען אויפֿן ריכ־טיקן אַדרעס. נאָך עטלעכע מינוט איז געקומען דער נאַטשאַלניק פֿון תּפֿיסה. ווען ער האָט זיך באַקאַנט מיט מײַנע דאָקומענטן האָט ער געזאָגט, אַז מען מוז מיך אָפּפֿירן אין אַ טראַנזיט־תּפֿיסה. ער האָט גענומען קלינגען דורכן טעלעפֿאָן. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָרט איז נישט געווען קיין אויטאָ און נישט קיין וועכטער, וועלכער זאָל מיך צופֿירן. איך בין געווען דערפֿון צופֿרידן, ווײַל דאָס האָט מיר געגעבן שאַנסן, אַז מען זאָל מיך דאָ נישט האַלטן לאַנג און איך זאָל וואָס שנעלער אָנקומען אין באַשטימטן פֿאַר מיר לאַגער.

דער נאַטשאַלניק פֿון תּפֿיסה איז נישט געווען צופֿרידן מיט זײַן „גאַסט". ער האָט נישט געהאַט קיין פּלאַץ פֿאַר מיר, האָט ער מיר אַריינגעזעצט אין אַ „באָקס". דאָס איז געווען אַזאַ קאַמער־קאַסטן, אין וועלכער מען האָט געמוזט אַרײַנקריכן דורך אַ קליין טירל, ווי אין אַ בודע פֿאַר הינט. דאָרט איז געווען אַ נאַרע צום ליגן, זיצן האָט מען נישט געקענט.

אַ מידער פֿון דער „רייזע" בין איך גלייך אײַנגעשלאָפֿן. אינדערפֿרי האָט מען מיך אויפֿגעוועקט. איך האָב באַקומען אַ טעפּל געקאָכטע וואַסער מיט צוקער. קיין ברויט האָט מען מיר נישט געגעבן. זיי האָבן געזאָגט, אַז אין דער פֿריערדיקער תּפֿיסה, פֿון וואַנען איך בין געקומען, האָב איך באַ־קומען ברויט אויף צוויי טעג. ערשט אין אָוונט האָט מען מיר געגעבן 200 גראַם ברויט.

איך האָב אָבער אויף אַן אמת געהאַט מזל, וואָס איך האָב אָנגעטראָפֿן אַ נאַטשאַלניק וואָס האָט נאָך געהאַט אין זיך אַ פֿונק פֿון מענטשלעכקייט. ער איז געקומען צו מיר און דערקלערט, אַז איבערקוקנדיק מײַנע דאָקומענטן האָט ער געזען, אַז איך בין אַ מאָגן־קראַנקער.

— איך קען אײַך איבערפֿירן אין שפּיטאָל פֿון אונזער תּפֿיסה — האָט ער געזאָגט — אָבער דאָס וועט נישט זײַן פֿאַר אײַך קיין גרויסע טובֿה. פֿון שפּיטאָל וועט מען אײַך אַזוי שנעל נישט צונעמען, און איר קענט דאָ בלײַבן אויף אַ לענגערע צײַט. פֿון דאַנען דאַקעגן, פֿון דעם „באָקס" האָט איר שאַנסן וואָס שנעלער אָנצוקומען אין לאַגער. איך וועל געבן אַ באַפֿעל, מען זאָל אײַך געבן עסן לויט אַ דיעטע.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט מען מיר געגעבן אַ שיסל קאַשע, גע־קאָכטע וואַסער מיט צוקער. די קאַשע האָב איך אָפּגעגעבן, דערקלערנדיק, אַז איך בין אַ רעליגיעזער ייִד און קען נישט עסן פֿון דער אַלגעמיינער קיך. איך האָב געבעטן, זיי זאָלן מיר געבן אַ שטיקל פּוטער. זיי האָבן מיר טאַקע

געבראַכט 10 גראַם פוטער. דאָס זעלבע עסן האָב איך באַקומען במשך פון דריי טעג וואָס איך בין דאָרט געווען.

מוצאי־שבת, ווען איך האָב נאָר־וואָס באַוויזן צו מאַכן הבדלה, איז געקומען דער נאַטשאַלניק און געזאָגט, אַז מאָרגן גאַנץ פרי גייט גראָד אַן עטאַפּ אין דעם לאַגער, וואו איך דאַרף פאָרן.

זונטיק אינדערפרי איז געקומען אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט מיך אַוועק־געפירט צו דער באַן־סטאַנציע. דאָרט האָט ער מיך איבערגעגעבן דעם קאָנוואָי פון וואַגאָן פאַר אַרעסטאַנטן. צומאָרגנס, דעם 17־טן פעברואַר 1947, 27 טעג אין שבט, בין איך אָנגעקומען אויף אַ באַן־סטאַנציע, פון וואַנען מען האָט מיך געפירט צופוס אין לאַגער, וואו עס האָבן מיך דערוואַרט וויטערדיקע 10 יאָר פון ליידן און פיין.

# מיינע צוואַנציק יאָר
# אין סאָוועטישע טורמעס

פון

**אברהם נעצאַך**

איבערלעבונגען פון אַ רוסישן אידן, וואָס האָט זיך געראַטעוועט
פון צוואַנציק יאָר געפאַנגענשאַפט אין טורמעס און שקלאַפן־
אַרבעטס־לאַגערן אין סאָוועט רוסלאַנד

— פערטער טייל —

# אינהאַלט

## דער פערטער טייל


אין נייעם לאַגער . . . . . . . . . . . 5
דער ערשטער פסח אין נייעם לאַגער . . . . . . . 12
אין דער לאַלקעס פאַבריק . . . . . . . . 13
ווען עס האָבן זיך דערנענטערט די ימים טובים . . . . . . 23
אַ פאַרביטערטער קאַמף מיטן ״אַפער״ . . . . . . . 25
ווי אַזוי צבי הערשל האָט געוואָלט דערמאָרדן בעריען . . . . . 32
די נקמה פון דער ״אַפער״ און דער מסירות נפש
פון אַ יידישע טאָכטער . . . . . . . . 38
איך אַרבעט אין בוכהאַלטעריע . . . . . . . . 52
איך אַנטלויף פון אונטער דעם מעסער . . . . . . . 62
דער באַפעל אָפצושערן מיר די באָרד און פיאות . . . . . . 68
מיין אַרבעט אין דער בוי־אונטערנעמונג . . . . . . 72
מיין נייער חבר לצרה אלכסנדר . . . . . . . . 78

# אין דעם ווייטן לאַגער

ר״ח אָדר תש״ז, דאָס מיינט דעם 21־טן פעברואַר 1947 יאָר בין איך אָנגעקומען אין ווייטען לאַגער. איך האָב געהאַט אונטער זיך 10 יאָר לאַגער און לאַנגע וואָכן פון אויסמאַטערנדיקע וואַנדערונגען אין די עטאַפּן. מען האָט אונדז אוועקגעפירט אין אַ פוסטן פּלאַץ. אַלץ אַרום, ווי ווייט דאָס אויג קען גרייכן, איז געווען ווייס פאַרדעקט מיט אומענדלעכע שנייען. דער פראָסט איז דערגאַנגען צו 35 גראַד אונטערן נול. מיר זענען געווען שטייף פון קעלט.

אין דער לופט האָט זיך געטראָגן דעם געשריי פון די וועכטער, באַוואָפנט מיט ביקסן, און באַגלייטונג פון הינט, האָבן זיי אונדז אַריינגעטריבן אויף אַ גרויסן פּלאַץ, וועלכער איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַפּאַרקן פון 5 מעטער הויך און פאַרענדיקט מיט שטעכל־דראָטן. אין דער לענג פונעם פּאַרקען האָבן זיך אַרויסגעהויבן הויכע אבסערוואַציע פּונקטן, אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען וועכטער אָנגעטאָן אין גראָבע פּיטערס, טיפּע פּיטערנע היטלען און מיט אויטאָמאַטישע ביקסן אָנגעצילט אין אונדזער ריכטונג. אין דער טיף פון פּלאַץ זענען געשטאַנען דריי באַראַקן. איבערן אַריינגאַנגס טויער איז געהאַנגען אַן אויפשריפט: ״פּערעסילני פּונקט״, — וואָס באַדייט אויף יידיש — איבערזידלונגס־פּונקט.

דאָס איז געווען דער צענטעראַלער זאַמל־פּונקט פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג. אַהער האָט מען געבראַכט אַלץ נייע קרבנות פין די עטאַפּן, וועלכע זיינען געקומען פון אַלע ווינקלען פונעם גרויסן ראַטנפאַרבאַנד. דאָ זענען די אַרעסטאַנטן קאָמפּלעטירט און פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן אין די באַזונדערע לאַגערן, וועלכע האָבן זיך געצויגען אויף אַ שטח פון צענדליקער קילאָמעטער אויף צפון.

ווי נאָר מיר זענען אַריין אין דעם פאַרמאַכטן פּלאַץ האָט מען אונדז באַפוילן זעצן זיך אויף דער ערד. מיר זענען געזעסן אין שניי און עס איז נישט דערלויבט געווען צו מאַכן וועלכע עס איז באַוועגונג. דאָס האָט געדויערט עטלעכע שעה. ענדלעך איז אָנגעקומען אַ גרופּע אָפיצירן פון נ.ק.וו.ד. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס איז די קאָמיסיע, וועלכע וועט דעצידירן וועגן אונדזער ווייטערדיקן גורל. זיי זענען אַריין אין איינעם פון די באַראַקן און נאָך דעם האָט מען אונדז אַרויסגערופן לויטן דער ריי.

ענדלעך איז געקומען מיין ריי. איך האָב געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג כדי קענען שטעלן אַ טריט. אַלע אבֿרים זענען געווען ביי מיר שטייף פון דעם פראָסט. איך בין אַריין אין באַראַק. אין אַ גרויסן צימער, ביי אַ לאַנגען טיש זענען געזעסן דער נאַטשאַלניק פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט 5 אָפיצירן פון פאַרשידענעם ראַנג. פון דער צווייטער זייט טיש איז געזעסן איינער

אליין, א מענטש אין ציווילער קליידונג. איינער פון די אפיצירן האט קאנטראלירט מיינע פערסאנאליען, נאך דעם האט מיך דער נאטשאלניק געפרעגט אין וואס פאר א פראפעסיע איך בין געוועז באשעפטיקט אויף דער פריי. ווען איך האב אים געענטפערט, אז איך האב לאנגע יארן געארבט אלס בוכהאלטער, האט ער מיר געהייסן צוגיין צו דעם מענטש אין ציווילער קליידונג.

שפעטער האב איך זיך דערוווסט, אז דאס איז געוועזן דער הויפט־־בוכהאלטר פון די לאגערן. ער האט מיך אויסגעפרעגט גענוי פון פאכמענישן שטאנדפונקט וועגן מיין ארבעט. ער האט עפעס פארצייכנט ביי זיך אין נאטעס און געהייסן מיר ארויסגיין. קען זיין אז די ענדערונגען אין דער טעמפעראטור, דאס איבערגיין פון דעם פראסט אין אן אונגעווארמטן צימער, אדער צוליב די אלגעמיינע אויסמאטערונג פון דעם שווערן עטאפ, ווי נאר איך האב געעפנט די טיר צום ארויסגיין בין איך געפאלן אין חלשות, איך האב פארלוירן דעם באוווסטזיין.

ווען איך האב זיך אויפגעוועקט האב איך דערזען צווי פרויען אין ווייסען. איינע האט מיר געמאכט אן איינשפריצונג און די צווייטע האט מיך באטראכט מיט מעדיצינישע טרייבלעך אויף די אויערן. זיי האבן מיר געגעבן עפעס טרינקן און זענען ארויס. איך בין געקומען צו זיך און דערזען, אז איך געפין זיך אין א מעדיצינישן קאבינעט.

נאך א ווײלע איז צוריקגעקומען די דאקטערין אליין, זי איז געוועזן א פרוי אין די מיטעלע יארן, מיט שווארצע אויגן און א סימפאטיש פנים. זי האט מיך געפרעגט, וואס ס'איז מיט מיר געשען, צו איך לייד אויף עפעס א ספעציעלע קרענק, א.א.וו. ווען איך האב איר דערציילט, אז איך געפון זיך שוין 10 יאר אין לאגער, און אנשטאט א היים, (אין הסכם אפילו מיט זייער אורטייל), האבן זיי מיך געשיקט דא אהער אויף וויטערדיקע 10 יאר, האב איך באמרקט, ווי אין אירע אויגן האבן זיך באוויזן טרערן. מיט גרויס נייגעריקייט האט זי מיך אויסגעפרעגט אלץ מער פרטים פון מיין ביאגראפיע און פון מיינע איבערלעבונגען. צום סוף האט זי געזאגט, אז זי איז די פארוואלטערין פונעם לאגער־שפיטאל, אין וועלכן איך געפון זיך. זי האט מיר צוגעזאגט, אז זי וועט מיך דא פארהאלטן ווי לאנג דאס וועט נאר זיין מעגלעך, כדי איך זאל קומען אביסעל צו די כוחות, און נאך דעם וועט זי זיך באמיען אז איך זאל באקומען א לייכטע ארבעט. דערביי האט זי מיך געווארנט, אז איך זאל זיך פאר קיינעם נישט פארטרויען וועגן דעם, ווייל זי איז אן אפיציר, און פאר ארויסווייזן וועלכע עס איז ספעציעלע באציאונג לגבי אן ארעסטאנט, קען זי געמשפט ווערן אלס פארעטערין.

דאס ״שפיטאל״ איז געוועזן א גרויסער באראק. איבער דער גאנצער לענג פוןביידע זייטן ווענט, האבן זיך געפונען נארעס, צוויפגעקלאפטע פון נישט געהיבלוועטע שמוציקע ברעטער. אויף די דאזיקע גאלע ברעטער, אן וועלכן עס איז מאטראץ, קאלדרע אדער ליילעך, זענען געלעגן העכער הונדערט קראנקע אנגעטאן אין די אויבערשטע, שמוציקע ארעסטאנטסקע קליידער. עס זענען געלעגן צוזאמען שווער קראנקע, וועלכע האבן זיך געפונען אין א

צושטאַנד פון גסיסה, מענטשן מיט הויכער טעמפּעראַטור, און מענטשן וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק דאָ אַריינ־צובאַקומען זיך צוליב אויסמאַטערונג און אויף אַזאַ אופן דערוויל אָפּגעשטיפּט פון זיך די מינוט פון טויט. אין אַ ווינקל לעבן דער טיר איז געשטאַנען אַ פעסל מיט וואַסער, אַ שיסל צום וואַשן זיך און עס איז געהאַנגען איין האַנטעך פאַר העכער הונדערט קראַנקע, וואָס איז שטענדיק געווען נאַס און שמוציק.

היות קראַנקע אַרבעטן נישט, און בכלל דאַרפן דאָך קראַנקע ווייניקער עסן, האָבן מיר באַקומען: אינדערפרי 200 גראַם ווייסן ברויט און אַ גלאַז זיסע קאַווע מיט מילך אויף מיטאָג די באַלאַנדע״, דאָס מיינט די וואַסערדיקע זופּ, געקאָכט אויף געזאַלצענע פיש, איין מאָל אין אַ יובל האָט מען אויך געקענט געפונען אַ שטיקל פלייש. אין אָוונט האָט מען ווידערבאַקומען 200 גראַם ברויט, דאָס מאָל שוואַרצע, און אַ גלאַז זיסע קאַווע מיט מילך.

איך האָב געגעסן נאָר פונעם ברויט. פון דער קאַווע און זופּ האָב איך זיך אָפּגעזאָגט צוליב טעמים פון כשרות. אַזוי זענען אַדורך די ערשטע דריי טעג. אויפן פערטן טאָג איז געקומען צו מיר אַ ייד. אַ קליינער און אַ דאַרער, ער האָט אויס־געזען צו זיין אין עלטער פון 55 יאָר. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען צבי הערשל. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז אין שפּיטאָל ליגט אַ קראַנקער ייד וואָס אַ חוץ ברויט עסט ער גאָרנישט, האָט ער משער געווען, אַז דאָס מוז זיין א שומר מצוות. איצט, ווען ער האָט דערזען, אַז איך טראָג א באָרד און פיאות, איז שוין פאַר אים אַלץ קלאָר געווען.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז באַשעפטיקט אין דער בוכהאַלטעריע און פאַרנעמט זיך מיט אויסשרייבן די פּראָדוקטן פאַר דער קיך. ער האָט מיר צוגע־זאָגט דערלעדיקן, אַז אַנשטאָט די קאַווע און זופּ זאָל איך יעדן טאָג באַקומען אַ ביסל מילך און צוקער, אין די ראַמען פון דער נאָרמע וואָס איז באַשטימט פאַר יעדן אַרעסטאַנט צומאָרגנס האָב איך יעדן טאָג באַקומען אחוץ די 200 גראַם ווייסן און 200 גראַם שוואַרצן ברויט, אויך א פערטל גלאַז רייגע מילך, 10 גראַם פּוטער און 50 גראַם צוקער. שבת האָט צבי הערשל מיר געבראַכט ווייסע סוכאַרעס, און נאָך דעם האָט ער יעדן אָוונט מיר געבראַכט ווייסע סוכאַרעס, א חוץ מיינע נאָרמאַלע פּאַרציעס וואָס איך האָב באַקומען פון דער קיך.

אַזוי האָט עס געדויערט דריי וואָכן ביז איך בין געקומען אַביסל צו די כוחות. צבי הערשעל האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט רעדן מיט דער דאָקטערין, די לייטערין פון שפּיטאָל זי זאָל מיך אויסשרייבן פון שפּיטאָל און ער וועט זיך באַמיען, איך זאָל באַקומען אַ לייכטע אַרבעט אין לאַגער.

שבת, ר״ח ניסן, ד.ה. דעם 22־טן מערץ איז אַריינגעקומען אין שפּיטאָל אַ מעדיצינישע קאָמיסיע אין שפּיץ מיט דער לייטערין פון שפּיטאָל, די דאָקטערין וואָס האָט מיך דאָ אויפגענומען, זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן ביי ייעדן קראַנקן, אויסגעפרעגט און באַשטימט, ווער עס דאַרף נאָך פאַרבלייבן און ווער עס דאַרף גיין אין לאַגער צו דער אַרבעט. ווען זיי זענען געקומען צו מיר האָט מיך

די דאָקטערין געפרעגט, ווי איך פיל זיך. איך האָב איר געענטפערט, אַז פיל בעסער ווי פריער, זי האָט געהייסן די איבעריקע דאָקטוירים, וועלכע זענען אין דער מערהייט געווען אויך אַרעסטאַנטן, פאַרשרייבן עפּעס אויף לאַטייניש, און זיי זענען אוועק.

אין אָוונט איז געקומען צבי הערשל און האָט מיר געזאָגט, אַז מען האָט מיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל און באַשטימט צו שיקן אין דעם לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען בשכנות פון דער "פּערעסילקע", (דער איבערזידלונגס פּונקט), ווי מיר האָבן זיך געפונען. דאָס איז געווען אַ גרויס גליק. ווייל אַ חוץ דעם וואָס ער האָט זיך געפונען אין צענטער, איז דאָרט די אַרבעט אויך געווען אַ לייכטערע. די אַרעסטאַנטן פון דער אָפּטיילונג זענען געווען באַשעפטיקט אין אַ פאַרמאַכטן רוים, דאָס איז געווען אַ פאַבריק פון לאַלקעס פאַר קינדער, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן צום פאַרקויפן אין גאַנצן לאַנד. די אַנדערע אָפּטיילונגען פון לאַגער האָבן זיך געפונען אויף אַ מהלך פון צענדליקער קילאָמעטער און די אַרעסטאַנטן פון דאָרט זענען געווען באַשעפטיקט ביי שווערע אַרבעטן ביי בויאונג און קאָרטשעווען וועלדער. דערצו בין איך אויך באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט אויף ווייטערדיקע דריי וואָכן.

צומאָרגנס האָט מען מיך איבערגעפירט פון שפּיטאָל אין לאַגער. דער וועכ־טער וואָס האָט מיך געפירט, האָט מיך איבערגעגעבן דעם "נאַריאַדטשיק" צוזאַמען מיט צוויי פאַרמוליאַרן פון מיינע פּערזענלעכע אַקטן. איין פאַרמוליאַר איז געווען פון די פריערדיקע לאַגערן, וווּ אייך האָב זיך געפונען במשך פון 10 יאָר, פון 1937, און דער צווייטער וועלכן מען האָט אויסגעשריבן דאָ, נאָך מיין קומען. אין די דאָזיקע פאַרמוליאַרן איז געווען פאַרשריבן אַלץ וועגן מיר, אַלע מיינע חטאים און אַלע פאַרדינסטן.

דער נאַריאַדטשיק איז געווען אַ געהיימער מענטש פון דער נ.ק.וו.ד. ער האָט באַשטימט די אַרבעט פון יעדן אַרעסטאַנט. צוויי מאָל אין טאָג זענען פאַרגעקומען אַפּעלן, בעת וועלכע עס געווען קאָנטראָלירט געוואָרן, צו אַלע אַרעסטאַנטן געפונען זיך אויפן אָרט אין פאַל ווען עס האָט ווער געפעלט בעת דעם אַפּעל, איז גלייך דערקלערט געוואָרן אַן אַליאַרם. די וועכטער מיט הינט האָבן געמאַכט רעוויזיעס אין אַלע ווינקלען פון לאַגער און מיר האָבן געמוזט שטיין. צו אויף רעגן אָדער פראָסט, ביז עס איז געפונען געוואָרן ווער איז דער אַנטלאָפענער.

דער נאַריאַדטשיק האָט געגנוי זיך באַקענט מיט מיינע פאַרמוליאַרן און ווייזט אויס, אַז ער האָט שוין פון פריער געוווּסט וועגן מיר, ווייל ער האָט מיך געפרעגט, צו צבי הערשל איז מיינער אַ קרוב. איך האָב געענטפערט, אַז מיר זענען נישט קיין קרובים און איך האָב אים באַקענט ערשט נאָך מיין אָנקומען אין דעם לאַגער. ער האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ באַראַק, אָנגעוויזן מיין פּלאַץ און געזאָגט, אַז במשך פון דריי וואָכן וואָס איך בין באַפרייט פון אַרבעט וועל איך דאַרפן העלפן דעם "דניעוואַלני".

"דניעוואַלני" דאָס איז געווען אַ פונקציע אויף וועלכער עס זענען באַשטימט

געוואָרן אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען נישט געווען פעיק צו קיין שום אַרבעטן. זייער אויפגאַבע איז געווען צו היטן און רוימען דעם באַראַק, ווען אַלע זענען ארויס צו דער אַרבעט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ באַראַק פֿאַר גנבים. דאָס איז געווען זונטיק, אַ פרייער טאָג פון אַרבעט און די מערהייט פון זיי האָבן זיך געפונען אין באַראַק. דער עלטסטער פון זיי האָט מיך באַטראַכט מיט נייגיריקייט. צום ערשטן מאָל אין זיין לאַנגיאָריקער לאַגער קאַריערע האָט ער וואַרשיילעך געזען אַן אַרעסטאַנט מיט באָרד און פּיאות.

נאָך אַ ווײַלע האָט ער מיך צוגערופן צו זיך און גיפרעגט פון וואָס פאַר אַרטיקל איך בין גמשפט. ווען ער האָט דערהערט, אַז פון אַרטיקל 58, האָט ער זיך שטאַרק געוונדערט, ווייל בדרך כלל זענען פּאָליטישע געהאַלטן געוואָרן אין באַזונדערע באַראַקן, נישט צוזאמען מיט געוויינלעכע פֿאַרברעכער. אָבער ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב שוין הונטער זיך אַ דערפאַרונג פון 10 יאָר לאַגערן, און אַז דאָס בין איך איצט געקומען אויף די ווייטערדיקע 10 יאָר, האָב איך געפילט, ווי מיין חשיבות וואַקסט אין זיינע אויגן.

— איצט — האָט ער געזאָגט — פאַרשטיי איך שוין אַלץ. דאָס האָבן זיי דיך געשיקט צו מיר אין באַראַק, כדי מיר זאָלן דיר אָנטאָן צרות. אָבער זיי רואיק. — האָט ער צוגעגעבן, — אויב די וועסט זיך אויפפירן אָנשטענדיק און נישט זיין קיין צוטראָגער, וועט דיר קיינער דאָ קיין עוולה נישט טאָן. און ווי כדי צו באַשטעטיקן זיינע רייד, האָט ער מיר אָנגעוויזן אויפן בעטל ביים אויוון, (וואָס אין געווען אין ווינטער צייט דאָס בעסטע אָרט אין באַראַק), און געזאָגט ; — דאָס איז דיין פּלאַץ. אויך דאָס שענקעלע — האָט ער צוגעגעבן — איז נאָר פאַר דיר. קענסט דאָ אַלץ האַלטען, קיינער וועט ביי דיר גאָר נישט נעמען.

איך האָב אים האַרציק געדאַנקט, זיך אויסגעטאָן, אַוועקגעשטעלט די וואַלענקעס צום טריקענען, געלייגט זיך אויפן "בעט" אויך איך בין געשלאָפן ביז צומאָרגנס פרי.

עס האָט זיך אָנגעהויבען מיין ערשטער טאָג, אין נייעם לאַגער. איך האָב באַקומען 600 גראַם ברויט אויף אַ גאַנצן טאָג און דריי טאַלאָנען אויף זופן אין דער קיך. די טאַלאָנען האָב איך געקענט פאַרקויפן פאַר אַ גוטן פרייז. איך האָב אָבער געוווסט, אַז דאָן קען איך פאַרלירן מיין אויטאָריטעט ביי מיינע שכנים־גנבים. איך האָב די טאַלאָנען אַוועקגעגעבן אומזיסט דעם יונגסטן פון די גנבים, ממש נאָך אַ קינד. דער עלסטער פון באַראַקט האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט און גערפּעגט מיך, פאַר וואָס איך עס נישט די זופן און דערצו נאָך האָב איך די טאַלאָנען אוועקגעגעבן אומזיסט.

איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז מיין אמונה, צוליב וועלכער איך געפין זיך שוין 10 יאָר אין לאַגער, פאַרפליכטעט מיך אָפּצוהיטן כשרות און צו דעם צוועק מוז איך האָבן אייגענע כלים, אַפילו אַ טעפּל אויף קאַלט וואַסער, מיט וועלכע קיינער אויסער מיר טאָר זיך נישט באַנוצן.

איך האָב באַמערקט, אַז דער דאָזיקער פאַרברעכער, וועלכער האָט אַ גאַנצן לעבן פאַרשטאַנען נאָר די שפּראַך פון כּוח, איז געווען שטאַרק גערירט. ער האָט גערופן אַלע אײַנוווינער פון באַראַק געזאָגט; — איר זעט דעם נײַעם שכן אונדזערן? דאָס איז אַ ייִד וואָס לײַדט צוליב אמונה. שוין 10 יאָר ווי ער געפינט זיך אין לאַגערן און די גאַנצע צײַט עסט ער נישט פון דער אַלגעמיינער קיך. אָבער די טאַלאַנען אויף זײַנע זופּן האָט ער נישט פאַרקויפט נאָר אָפּגעגעבן אומזיסט דעם יאַט פון אונדזער באַראַק. דעריבער זאָלט איר וויסן, אַז קיינער זאָל זיך נישט וואַגן צו טשעפּן זײַנע זאַכן, און דער עיקר זײַנע כּלים, אַפילו נישט דאָס טעפּל צו וואַסער. און ווענדנדיק זיך צו מיר האָט ער צוגעגעבן: — איך האָב געלעבט צווישן ייִדן און איך קען די דאָזיקע מנהגים. איך וועל דיר העלפן באַקומען נײַע כּלים.

איך האָב געזען, אַז דער אויבערשטער העלפט מיר לינדערן מײַנע לײַדן אויך אין נײַעם לאַגער. שפּעט אין אָוונט איז געקומען צו מיר צבי הערשל. ער האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט הלמאַי דער נאַריאַדטשיק האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין אַ באַראַק פון גנבים. ווען ער האָט נעמאַכט באַמיאונגען איך זאָל אַנקומען אין באַראַק פון די אַנגעשטעלטע אין דער בוכהאַלטעריע. אָבער ווען איך האָב אים דערציילט וועגן דער באַציאונג פון די גנבים צו מיר, האָט ער גזאָגט; — גם זו לטובה, עס דערנענטערט זיך פּסח און עס וועט מיר זײַן לײַכטער אָפּצוהיטן כּשרות צווישן די גנבים ווי מיט די בוכהאַלטערן, צווישן וועלכע עס איז פאַראַן אַ סך אַנטיסעמיטן. צבי הערשל האָט מיר אויך צוגעזאָגט צו ברענגען אויפן צווייטן טאָג אַ נײַ טעפּל אויף וואַסער, אַ לעפל און אַ "קאָטיעלאָק", דאָס איז געווען אַ בלעכן טעפּל אין וועלכען מען האָט געקענט עפּעס אָנקאָכן.

אויפן צווייטן טאָג האָט מיר צבי געבראַכט די נײַע כּלים. ער האָט מיך אויך געהייסן גיין אין כלעבאַרעזקע, דאָס איז דער מאַגאַזין ווו מען האָט אַרויסגעגעבן דאָס ברויט פאַר די אַרעסטאַנטן. דאָרט האָב איך באַקומען 350 גרם צוקער און 800 גראַם ווײַסן ברויט וואָס איז געווען אין די באַדינגונגען פון לאַגער אַ פאַרמעגן. צוזאַמען מיט די נײַע כּלים האָב איך דאָס אַרײַנגעשטעלט אין מײַן שענקל. במשך פון אַ וואָך צײַט האָב איך אַ חוץ די 600 גראַם שוואַרץ ברויט, וואָס איך האָב איצט באַקומען יעדן טאָג, גענוצט צו ביסלעך דעם צוקער און דאָס שטיקל ווײַסע ברויט. און מערקווירדיק. קיינער פון די גנבים אין באַראַק האָט נישט אַנגערירט מײַן "פאַרמעגן"...

10 טעג אין ניסן, דאָס איז געווען מאַנטיק, האָט מען מיך גערופן קומען אויף דער "וואַכטע". דאָס איז דער אַמט, ווו עס האָבן זיך געפונען די סאָלדאַטן וואָס האָבן געהיטן דעם לאַגער. מען האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַ צימער, ווו עס איז געזיצן אַן אָפיציר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז געקומען פאַר מיר אַ פּעקל שפּײַז און 100 רובל. אין הסכם מיטן רעגולאַמין האָט ער אין מײַנע אויגן אויפגעפּאַקט דאָס פּעקל. ווער ער האָט דערזען, אַז דאָרט זענען מצות, איז ער געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט.

— אין דער רשימה פון פראָדוקטען וואָס זענען דערלויבט פאַר אַרעסטאַנטן זענען נישט פאַראַן קיין מצות. — האָט ער געזאָגט — אָבער איך ווייס, אַז איר זייט אַ פרומער ייד און וועט נישט עסן קיין חמץ אין פסח, אַז איר קענט אויסגיין פון הונגער, וועל איך אייך דאָס געבן אויף אייגענער אחריות, דערביי האָט ער מיך געוואָרנט, אַז אויב איך וועל נעמען די מצות אין באַראַק אריין קענען די גנבים מיר דאָס צעשלעפּן און איך וועל בלייבן אויף פסח אָן עסן. איך האָב אים געדאַנקט און אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג און קיינער וועט מיך דאָרט נישט טשעפּן.

און איך האָב קיין טעות געהאָט. איך בין געקומען אין באראק האָט מיר איינער פון מיינע מיטוויינער געבראַכט אַ נייעם בויגן פּאַפּיר, איך האָב אויסגעוואַשן מיין שענקעל, פאַרפּאַקט די מצות אין פּאַפּיר און קיינער האָט זיי נישט גערירט.,

צומאָרגנס איז געווען מיין ריי צו גיין אין באָד און אָפּצושערן זיך. דער פאַרוואַלטער פון דער באָד און פריזעריי איז געווען אַ יידישער אַרעסטאַנט, איך האָב אים געבראַכט אַ מתנה צווי מצות. ער איז נתפעל גיוואָרן — פון וואַנען איך האָב גינומען מצות? שוין לאַנגע יאָרן ווי ער האָט קיין מצות ניט געזען. אויף דער פריי איז ער געווען אַ קאָמוניסט און מורא גיהאָט אַפילו צו טראַכטין וועגען מצות אויף פסח. און דאָ דוקא אין לאַגער האָט ער באַקומען אַ מעג־ליכקייט חאָטש טועם זיין מצה. ער האָט אויסגעפילט מיין בקשה און אַנגיזאָגט דעם פריזיער ער זאָל מיר אָפּשערען נאָר די האָר און ניט רירן מיין באָרד און פיאות.

ווען איך בין שוין געווען אָפּגעשוירן איז אַנגיקומען דער אָפיציר, וואָס האָט געהאט די אויפזיכט איבער דער סאַניטאַרער ריינקייט. דערזעענדיק מיין באָרד האָט ער גינומען שרייען און זידלען און האָט באַפוילן, איך זאָל זיך גלייך אַוועקזעצן צוריק אויפן שטול אַז מען זאָל אָפּשערן די באָרד און פיאות.

איך האָב קאַטעגאָריש אָפּגיזאָגט אויסצופירן זיין בעפייל, דאַן האָט ער מיך פערזענליך אָפּגעפירט צו דער לייטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג. דאָס איז געווען די זעלבע דאָקטערין, וועלכע האָט מיר גיגעבין די ערשטע הילף אין שפיטאָל. איך האָב איר דערקלערט, אַז שוין 10 יאָר ווי איך געפין זיך אין לאַגער און במשך פון אַלע יאָרן האט מען מיר דערלויבט צו טראָגן באָרד און פיאות, ווייל דאָס איז ביי מיר ניט אַ קאַפּריז, נאָר אַ נעבאָט פון ג־ט, אויף וועלכען איך וועל ניט עובר זיין.

זי האָט אויסגיהערט די טענות פוןביידע און גיזאָגט, אַז זי קען מיר אַלס אַ ריינעם מענש און דערפאַר דערלויבט זי מיר אויסנאַמווייס צו טראָגן די באָרד. דערביי האָט זי מיר געוואָרנט אז איך מוז שטרענג אָפּהיטן די ריינקייט.

דער אָפיציר איז געווען שטאַרק נישט צופרידן פון דער דעציזיע. ווען מיר זיינען אַרויס האָט ער מיר גערדראָט, אז ער וועט אנשרייבן אַ ראַפּאָרט צו דעם הויפּט־אַנפירונג פון לאַגער קעגן מיר און קעגן דער דאָקטערין.

# דער ערשטער פסח אין דעם נייעם לאַגער

די ערשטע סדר נאַכט איז אויסגעפאַלן אין פרייטיקצנאַכט. דאָנערשטיק אין אָוונט האָט מיר אַרויסגערופן די דאָקטערין, די לייטערין פון דער סאַניאַרער־אָפּטיילונג. זי האָט מיך געפרעגט ווען ס׳איז פסח און צו איך האָב מיט וואָס זיך צו דערנערן, ווייל זי פאַרשטייט, אַז קיין חמץ וועל איך נישט עסן. איך האָב זי באַרואיקט און געזאָגט, אַז איך האָב באַקומען אַ פּעקל מצות און מאָרגן ביי־נאַכט וועל איך אי״ה קענען אָפּריכטן דעם סדר. זי האָט מיך געבעטן איך זאָל איר געבן אַ שטיקל מצה, כדי דאָס זאָל איר דערמאָנען אין די קינדער יאָרן פון דער היים. איך האָב איר געבראַכט עטלעכע מצות. זי איז געווען גערירט און געווונטשן מיר אַ פריילעכן יום־טוב.

פרייטיק אינדערפרי איז געקומען צבי הערשל און געפרעגט, צו איך האָב שוין ווו צו פּראַוועז די סדרים. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך ווייס נאָך נישט, אָבער מסתמא וועט דער אויבערשטער ווייזן. דאַן האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט שוין געזאָרגט דערפאַר. עס איז פאַראַן אַ באַזונדער צימערל ווו עס געפינט זיך דער אַרכיוו פון דער בוכהאַלטעריע. דאָרט קומט קיינער נישט און ער האָט דעם שליסל פון דעם אַרכיוו. דאָס וועט זיין דער פּאַסיקסטער פּלאַץ, ווו קיינער וועט אונדז נישט שטערן.

ער האָט באַקומען אַ נייעם טשייניק, אַ טעפּל און עטלעכע גלעזער, אַפילו אַ ניי עלעקטריש אייזועלע צום קאָכן. די צימערל האָט נישט געהאַט קיין פענסטער, אַזוי אַז קיינער האָט נישט אַפילו געקענט באַמערקן, צו עס געפינט זיך דאָרט ווער. פרייטיק פאַרנאַכט זענען מיר דאָרט ביידע אריין, אויפגעקאָכט טיי און צוגעגרייט אַלץ צום סדר.

די פיר כוסות האָבן מיר געטרינקען טיי. מיר האָבן שטיל געזאָגט די הגדה. מיט גרויס פרייד האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז צבי הערשל האָט נישט פאַרגעסן עברי און ער האָט געלייענט די הגדה פון מיין סידור. די גאַנצע צייט האָט פון זיינע אויגן גערינען טרערן. ער האָט דערציילט דערינערונגען פונעם סדר ביי זיין טאַטן אין שטוב, ווען עס איז נאָך געווען אַ נאָרמאַלע וועלט און די ימים־טובים האָבן אריינגעבראַכט פרייד אין שטוב.

נאָכן סדר זענען מיר שטיל אַרויס פון דער הייזל, גלייך ווי מיר וואָלטן אויס־געפירט אַ גרויסע פאַרשווערונג, ווען איך האָב זיך אומגעקערט אין באַראַק איז צוגעקומען צו מיר דער עלטסטער פון די גנבים או געפרעגט, ווען ס׳איז פסח ביי יידן. ער האָט מיר ביי דער געלעגנהייט דערציילט, אַז ער שטאַמט פון אַן אוקראַיניש שטעטל, ווו די מערהייט אייַנוווינער זענען געווען יידן. ער האָט אַפילו געאַרבעט ביי יידן, וועלכע האָבן זיך באַצויגן צו אים זייער גוט. ער גע־דענקט די יידישע מנהגים, צוו. אנד. אויך דאָס, אַז פּסח עסט מען מצה. דערביי האָט ער מיר געגעבן אַנהערן, אַז ער וואָלט גערן געוואָלט כאָטש פאַרזוכן אַ שטיקל מצה.

איך האָב פאַרשטאַנען דעם רמז און מכבד געווען אים מיט אַ מצה, דערביי האָב איך אים געבעטן, ער זאָל דאָס קיינעם נישט ווייזן, ווייל פאַר אַלע וועט נישט סטייען, און איך עס נישט קיין חמץ במשך פון אַלע אַכט טעג פסח. דאַן האָט ער מיר פאַרגעשלאָגן, אַז ער וועט מיר פאַרקויפן פאַר א גוטן פרייז מיין ברויט, וואָס איך דאַרף באַקומען אין די טעג. איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס ברויט קען ער נעמען פאַר זיך אָדער געבן וועמען ער וויל, נאָר קיין געלט קאָן איך דערפאַר נישט נעמען, ווייל איך טאָר דערפון נישט האָבן קיין הנאה.

מיין ענטפער האָט אים שטאַרק פאַרוואונדערט — איצט זע איך, אַז דו ביסט אַן אמתער ייד. — האָט ער אויסגערופן. — אין ענינים פון דיין אמונה גייסט דו נישט אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן. דערפאַר זאָג איך דיר צו, אַז איך וועל דיר העלפען מיט וואָס איך וועל נאָר קענען, קיינער פון באַראַק וועט דיך נישט וואָגן צו טשעפּן. מיין נישט — האָט ער געזאָגט — אַז איך בין אייביק געווען אַזא ווי איצט. דאָס מאַכן זיי פון אונדז פאַרברעכער. ווען איך בין געווען אַ יונגל און נישט געהאַט וואָס צו עסן, האָב איך פון צייט צו צייט עפּעס געגנבעט. מען האָט מיך פאַרשיקט אין אַ לאַגער און פון יענערצייט קען איך שוין נישט אַרויס פון זייערע הענט.

דעם צווייטן סדר האָבן מיר געפּראַוועט שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. מיר האָבן מורא געהאַט ס׳זאָל ווער נישט באַמערקן, אַז מיר גייען צו אָפט אין אַרכיוו.

דאָס מאָל האָט צבי געבראַכט אויך קאַרטאָפל, דערביי אין אַזא סכום, וואָס האָט געסטייעט נישט נאָר צום סדר, נאָר אויף אַלע טעג פסח. אַזוי האָב איך אַ גאַנצן יום־טוב געהאַט צו עסן צו דער זעט. היות איך האָב אין דער צייט נאָך נישט געאַרבעט, בין איך געקומען צו די כוחות.

# אין דער לאַלקעס פאַבריק

אין לאַגער איז געווען אַ פאַבריק פון לאַלקעס, אין וועלכער עס זענען (פאַרשטייט זיך) געווען באַשעפטיקט אַרעסטאַנטן. אַריינבאַקומען זיך אַרבעטן אין דער פאַבריק איז געווען אַ גליק. די אַרבעט איז דאָ געווען אַ לייכטע, און דער עיקר, אין אַ פאַרמאַכטען רוים, מען איז נישט געפרוירן געוואָרן פאַר קעלט און אַ גאַנצן טאָג זענען ניט געשטאַנען איבער דיר די וועכטער מיט די ביקסען. די פּראָדוקציע איז געווען אַ פּרימיטיווע. די לאַלקעס זענען געמאַכט געוואָרן פון פּאַפּיר, באַצויגן אַ ספּעציעלער פאַרב און פאַרפּאַקט אין קעסטלעך זענען זיי געשיקט געוואָרן צום פאַרקויפן אין אַלע שטעט פון ראַטנפאַרבאַנד. די סאָוויעטישע קינדער, וועלכע האָבן זיך געשפּילט מיט די דאָזיקע לאַלקעס

האָבן נישט געוויסט, אַז זיי זענען פּראָדוצירט דורך זייערע טאַטעס, וועלכע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שקלאַפן.

אַנגעפירט מיט דער פאַבריק האָט אַ יידישער ארעסטאַנט, וועלכער איז אויף דער פריי געווען אַן אינזשיניער־ארכיטעקט. ער איז געווען אַ קאָמוניסט פון דייטשלאַנד נאָך דעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, אין 1935 יאָר איז ער אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. אין דער ערשטער צייט האָט מען זיך צו אים באַצויגן זייער גוט. ער איז געווען באַשעפטיקט אין זיין פּראָפעסיע, ביי בויען הייזער און האָט געהאַט אַפילו גרויסע דערגרייכונגען, אין 1941 יאָר האָט מען אים אַרעסטירט און באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש לטובת דער היטלעריס־טישער רעגירונג. ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר לאַגער.

אין לאַגער איז דער אינזשיניער געווען באַשפטיקט אַ האַלבן טאָג אין דער הויפּט־ביוראָ אַלס אַרכיטעקט, און דעם צווייטן האַלבן טאָג מיט אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע אין דער פאַבריק פון לאַלקעס. צוליב זיינע הויכע קוואַליפיקאַציעס און פעיקייטן, וועלכע די לאַגער־אַדמיניסטראַציע האָט זיך באַמיט אויסצונוצן מאַקסימאַל, האָט ער געהאַט ספּעציעלע באַדינגונגען. ער האָט געהאַט אַ באַ־זונדערן צימער אויסשליסלעך פאַר זיך, פון צייט צו צייט איז ער געפאָרן אין שטאָט כדי ברענגען רוי־שטאָף פאַר די לאַלקעס ווי אויך כדי צו קאָנטראָלירן דאָס אַרויסשיקן די פאַרטיקע פּראָדוקציע.

נאָך פּסח בין איך געשיקט געוואָרן צו דער אַרבעט אין דער פאַבריק, מען האָט מיך אָועקגעשטעלט ביי דער ערגסטער אַרבעט. מיין אויפגאַבע איז געווען צו טינקן די לאַלקעס אין אַ וואַנע מיט ניטראַלאַק, וואָס האָט פאַרפעסטיקט די פאַרב און געגעבן זיי דעם נויטיקן גלאַנץ. די אַרבעט איז נישט געווען קיין שווערע נאָר אַ שעדלעכע. דאָס איינזאַפּן אין זיך דעם ריח פון ניטראַלאַק במשך פון אַ גאַנצן טאָג האָט זייער שעדלעך געווירקט אויף די לונגען. די וואָס זענען פאַר מיר געווען באַשעפטיקט ביי דער אַרבעט האָבן אויס־געהאַלטן צוויי, דריי וואָכן, נאָך דעם זענען זיי קראַנק געוואָרן און אַוועק אין שפּיטאָל.

נאָך פאַר מיין אָנקומען אין דער פאַבריק האָט צבי זיך דערעדט מיטן לייטער, אַז איך וועל נישט אַרבעטן אין די שבתים. די צרה איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אַרבעט אין געווען אַ נאָרמירטע. איך האָב געמוזט אויספירן מיין פּראָצעס ביי אַלע לאַלקעס, וואָס זענען פּראָדוצירט געוואָרן במשך פון טאָג. היות דער אַרבעטספּראָצעס איז געווען אַ פּרימיטיווער, בין איך געווען געצווינגען צו אַרבעטן 12 שעה אין טאָג, און אָפטמאָל נאָך לענגער. דערביי האָב איך נאָך געמוזט מאַכן מיין נאָרמע פון שבת. איך האָב גענומען טראַכטן וועגן ראַציאָנאַליזירן די אַרבעט.

איך האָב פאַרפּראָיעקטירט אַן איינריכטונג, וואָס איז געווען אַ גרויס ראָד. מיט טאַשן אין וועלכע מען האָט אַריינגעלייגט מיטאַמאָל עטלעכע צענדליק לאַלקעס. דרייענדיק דאָס ראָד, האָבן זיך די לאַלקעס געטינקן אין ניטראַלאַק. דאָס האָט אויך אַזויפיל פאַרשנעלערט דעם אַרבעטס־פּראָצעס, אַז דאָס וואָס איך האָב פריער

געמאַכט במשך פון צוויי טעג האָט איצט געדויערט 4—5 שעה, דערביי איז אויך די קוואַליטעט געווען אַ בעסערע.

מיט דער פּראָדוקציע אין דער פאַבריק האָט אנגעפירט אַ פוילישע פרוי, וועלכע איז אויף דער פריי געווען אַ סקולפּטאָרין. זי האָט פּראָיעקטירט די לאַלקעס, געלערנט ווי אַזוי אויסצופירן די באַזונדערע אַרבעטס־פּראָצעסן און איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קוואַליטעט. זי איז געווען צופרידן פון מיין אויסבעסערונג. בכלל האָט זי זיך באַצויגן צו מיר מיט גרויס רעספּעקט. נאָכן ערשטן שבת, ווען איך בין נישט געקומען צו דער אַרבעט, האָט זי מיר געזאָגט, אַז צום ערשטן מאָל באַגעגנט זי אַן אַרעסטאַנט, וועלכער האָט זיך נישט איינ־געבראָכן, נישט אָפּגעשראָקן זיך פאַרן טעראָר פון די סאַטראַפּן און באַוויזן אָפּצוהיטן זיין גלויבן. זי האָט אויסגעדריקט איר באַדויערן, וואָס איך בין באַשעפ־טיקט ביי אַזאַ שעדלעכע אַרבעט. — אָבער צו באַדויערן — האָט זי געזאָגט — קען איך אייך נישט איבערפירן צו אַ צווייטער אַרבעט, ווייל וועגן דעם מוז דעצידירן די אָנפירונג פון לאַגער. זי האָט מיר געראָטן, איך זאָל זיך באַמיען צו באַקומען אַ באַפרייאונג פון דער דאָקטאָרין.

דערווייל האָב איך נישט געקענט טראַכטן וועגן דעם. איך בין געווען געמשפּט צום צווייטן מאָל פון אַרטיקל 58, און דאָס האָט באַדייט, אַז איך דאַרף געהאַלטן ווערן אין אַ ספּעציעל שטרענגן רעזשים. דאָס אַרייגבאַקומען זיך אין דער פאַבריק, האָב איך געקענט באַטראַכטן אַלס גליק, אין מיין לאַגע. איצט בין איך אַפילו געווען צופרידן. איך האָב געהאַט אַביסל מער צייט און אין אָוונטן האָב איך געהאָלפן צבי הערשלען ביי זיין אַרבעט אין דער בוכהאַלטעריע.

זיין אַרבעט איז געווען אַ קאָמפּליצירטע און האָט פאַרנומען אַ סך צייט, ספּעציעל אין די אָוונט־שעהן. יעדן אָוונט האָט ער געמוזט אויסשרייבן צעטלען, וויפיל ברויט יעדער אַרעסטאַנט דאַרף באַקומען אויפן צווייטן טאָג. און די פּאָרציע ברויט איז געווען אָפּהענגיק פון דער נאָרמע, וועלכע דער אַרעסטאַנט האָט אויסגעפירט מיט אַ טאָג פריער. דער סיסטעם אין לאַגער איז געווען אַזוי איינגע־שטעלט, אַז די וואָס האָבן נישט אָוועקגעגעבן די לעצטע כוחות ביי דער שקלאַפן־אַרבעט, זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער. די אַרבעטס־נאָרמעס זענען געווען איבער די כוחות פון די אַרעסטאַנטן. אָבער ווער ס'האָט נישט אויסגעפירט די נאָרמע, האָט אויפן צווייטן טאָג באַקומען נאָר 400 גראַם ברויט. צבי האָט געמוזט זיין פּאַרזיכטיג, ווייל פאַר מאַכן אַ טעות, אין רעזולטאַט פון וועלכן אַן אַרעסטאַנט וואָלט באַקומען עטלעכע גראַם ברויט מער, ווי ס'איז פאַר אים באַשטימט, האָט מען אים געקענט משפּטן פאַר סאַבאָטאַזש, און אין בעסטן פאַל וואָלט ער פאַרלוירן די פונקציע און געשיקט געוואָרן צו שווערע אַרבעט. האָב איך אים געהאָלפן, יעדן אָוונט האָט דאָס געדויערט ביי אונדז ביז נאָך האַלב־נאַכט.

אָבער איך האָב סיירוי נישט געקענט שלאָפן. די גנבים אין מיין באַראַק האָבן מיך וואָס אַן אמת נישט געטשעפּעט, אָבער זיי האָבן גאַנצע נעכט געשפּילט אין קאָרטן, און דערביי געטומלט, אַז ווי נאָר איך פלעג איינדרימלען, האָב איך זיך

אויפגעוועקט מיט קאָפּ־ווייטיק, די שלאָפּלאָזע נעכט האָבן מיך געמאַטערט און מיט יעדן טאָג בין איך געוואָרן שוואַכער. צבי האָט זיך געוואָנדן צו דער דאָק־טאָרין און מיט איר הילף האָט דער קאָמענדאַנט פון לאַגער מיך אַריבערגעפירט אין באַראַק פון די בוכהאַלטערן. ווו איך האָב געוווינט צוזאַמען מיט צבי הערשלען.

נאָך 5 וואָכן אַרבעטן ביים ניטראַלאַק האָב איך זיך אָנגעהויבן פילן שלעכט. עס איז מיר מיט יעדן טאָג געווען אַלץ שווערער צו אָטעמען. איך בין אַוועק אויף אַבאַזוך צו דער דאָקטאָרין. זי האָט זיך געוווּנדערט, הלמאַי דער ידישער לייטער פון דער פאַבריק האָט גראָד מיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שעדלעכער אַרבעט, ביי וועלכער אַלע וואָס זענען ביז איצט געווען דערביי באַשעפטיקט זענען קראַנק געוואָרן. אָבער כדי מען זאָל נישט חושד זיין, אַז איך האָב ביי איר פּראָטעקציע, און היות די טעג דאַרף קומען אַ מעדיצינישע קאָמיסיע מיטן אָנטייל פונעם הויפּט־דאָקטער פון לאַגער, וועט זי דערלעדיקן אַז די קאָמיסיע זאָל מיך איבערפירן אויף אַ צווייטער, גרינגערע אַרבעט.

מיט 4 טעג שפּעטער איז געקומען די קאָמיסיע. דאָס איז געווען ערב שבועות, דעם 24־טן מאַי. אין דער דאָטע איז גראָד געווען מיין געבוירן־טאָג. דער הויפּט־דאָקטאָר האָט מיר אויסגעהערט, אונדזער דאָקטערין האָט אים עפּעס אויפ־געקלערט אויף לאַטייניש, נאָך דעם האָט ער אויסגעשריבען אַ צעטל, אַז מען זאָל מיך איבערפירן אויף אַ לייכטערער אַרבעט, דערביי האָט ער מיר געגעבן א באַפרייאונג אויף דריי טעג. אויף אַזאַ אופן האָט מיר דער אויבערשטער צו־געשיקט אַ לעזונג פאַר מיין זאָרג, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון דער אַרבעט אין יום־טוב. גראָד די דריי טעג זענען געווען שבת־ערב יום טוב און זונטיק מאָנטיק, די צווי טעג שבועות.

אויף די טעג פון שבועות בין איך אַוועק אין באַראַק פון די גנבים. אין דעם באַראַק פון בוכהאַלטערן, ווו איך האָב איצט געוווינט, זענען געווען אַ סך אוקראַינער, אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די היטלעריסטן בעת דער מלחמה און זיי האָבן פיינט געהאַט יידן בתכלית שנאה. דערצו נאָך זענען אַ סך פון זיי געווען מוסרים, וואָס האָבן נאָר געזוכט אַ געלעגנהייט צוצוטראָגן עפּעס אין דער נ.ק.וו.ד. איך האָב דעריבער מורא געהאַט, אַז אויב זיי וועלן זען, אַז איך אַרבעט נישט דריי טעג וועלן זיי צוטראָגן אין נ.ק.וו.ד. אַז איך האָב שוין ווידער געפּראַוועט אַ יידישן יום־טוב, און נישט נאָר איך, נאָר אויך די אויפזעערין קען האָבן דערפון צרות.

די גנבים האָבן מיר אויפגענומען ווי אַ ליבן גאַסט. איך האָב געפּראַוועט דעם יום־טוב אויפן בעסטן אופן, ווי דאָס איז מעגלעך אין די באַדינגונגען פון לאַגער. פאַרשטייט זיך, אַז קיין טראַדיציאָנעלן מילכיקן מאַלצייט האָב איך נישט געהאַט, אָבער איך בין געווען גליקלעך מיטן שטיקל ברויט און צוקער.

דינסטיק נאָך יום־טוב בין איך גאַנץ פרי געקומען צו דער אַרבעט. די אויפזעערין, די אויבן דערמאָנטע פּוילישע פרוי, איז געווען צופרידן וואָס מען

האָט מיך באפרייט פון דער שעדלעכער אַרבעט, און זי האָט שוין באַוויזן פאַר דער צייט אָוועקצושטעלן אַ צווייטן אויף מיין פּלאַץ. מיך דאַקעגן האָט זי באַשטימט צום פּאַקן די לאַלקעס. — דאָס וועט זיין אַ פּאַסיקע ארבעט פאַר אייך, — האָט זי געזאָגט — ווייל דאָס וועט אַייך געבן אַ מעגלעכקייט אומגעשטערט אָפּצוהיטן נישט נאָר דעם שבת, נאָר אויך פרייטיק וועט איר קענען אַרבעטן אַ האַלבן טעג, אָדער אַפילו גאָר נישט.

די זאַך איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ביים פּאַקן די לאַלקעס האָט מען געמוזט לייגן אַכט, אַז די פאַרב זאָל זיין גוט אויסגעטריקנט, אין קעגנפאַל האָט דאָס פּאַפּיר פון דער פּאַקונג זיך צוגעקלעפּט און די לאַלקס זענען באַשעדיקט געוואָרן. היות די פּראָדוקציע איז געווען, אַ פּרימיטיווע און עס איז נישט געווען קיין ספּעציעלע איינריכטונגען צום טריקענען, האָבן זיך געטראָפן טעג, ווען ס'איז נישט געווען וואָס צו פּאַקן, ווייל די לאַלקעס זענען געווען פייכט. דעריבער האָבן מיר געקענט, מיט דער איינשטימונג פון דער אויפזעערין רעגולירן אַזוי, אַז גראָד פרייטיק און שבת איז נישט געווען וואָס צו פּאַקן און איך האָב נישט געמוזט אַרבעטן. פאַרשטייט זיך, אַז מיין אויפגאַבע האָב איך געמוזט אויספירן, ווייל די לאַלקעס וואָס זענען פּראָדוצירט געוואָרן במשך פון דער וואָך, האָב איך געמוזט פאַרפּאַקן און צוגרייטן צום אַרויסשיקן.

מיין אויפגאַבע ביי דער נייער אַרבעט איז געווען נישט נאָר פּאַקן די פאַרטיקע פּראָדוקציע, נאָר אויך קאָנטראָלירן די קוואַליטעט. די אויפזעערין האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דער וואָס איז פריער געווען באַשעפטיקט ביי דער אַרבעט האָט נישט קאָנטראָלירט גענוי די קוואַליטעט און פאַרפּאַקט אויך לאַלקעס, וואָס זענען נישט געווען גוט אויסגעטריקנט. דאָס האָט גורם געווען אַ גרויסע צאָל רעקלאַמאַציעס מצד די קונים, און אַסך האָבן אַפילו צוריקגעשיקט גאַנצע טראַנספּאָרטן מיט לאַלקעס. דאָס האָט פאַרשאַפן דעם לאַגער גרויס היזקות, און די אָנפירונג האָט אפילו נעדראָט, אַז זיי וועלן ליקווידירן די פאַבריק.

דער מערדערישער סיסטעם אין די סאָוויעטישע לאַגערן איז געווען אַזאַ, אַז דאָס לעבן פון די אַרעסטאַנטן איז געווען אָפּהעניק פון דער אַרבעט, ווייל אויב מען האָט נישט אויסגעפירט די נאָרמע אָדער די פּראָדוקציע איז נישט געווען גוט, האָט מען נישט באַקומען די נאָרמע ברויט און עס האָט געדראָט אַ הונגער־טויט. אַזאַ איז אויך געווען די לאַגע אין דער לאַלקע פאַבריק. עס זענען דאָ געווען באַשעפטיקט 100 מענטשן, כמעט אויסשליסלעך זקנים און קראַנקע. דאָס שליסן די פאַבריק האָט באַדייט, מען זאָל זיי שיקן אויף שווערע אַרבעט אין וואַלד, ווו זיי וואָלטן נאָך אַ קורצער צייט אומגעקומען.

איך האָב דאָס פאַרשטאַנען און ווען איך בין אָנגעקומען צו מיין נייער אַרבעט האָב איך פאַרשאַרפט די קאָנטראָל פון דער קוואַליטעט. יעדען טאָג איז אַ גרויסער טייל פון דער פּראָדוקציע אָפּגעוואָרפן געוואָרן און מען האָט די לאַלקעס געמוזט איבעראַרבעטן. די אויפזעערין און דער לייטער פון דער פאַבריק

זענען געווען צופרידן דערפון, די אַרבעטער דאַקעגן נישט. דאָס פאַריכטן די בראַקירטע לאַלקעס האָט פאַרנומען צייט, האָט מען נישט געקענט אויספירן דעם פלאַן. פאַר נישט אויספירן דעם פלאַן, האָבן מיר אַלע באַקומען וויניקער ברויט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אומצופרידנהייט און דער גאַנצער צאָרן איז קאָנצענטרירט געוואָרן קעגן מיר.

איך האָב נישט געוואָלט אויסזען אין די אויגן פון די אַרעסטאַנטן אַלז זייער פאַרפאַלגער, איך האָב אויך מורא געהאַט פאַר אַ נקמה־אַקט. האָב איך זיך געוואַנדן צום לייטער פון דער פאַבריק, אַז ער זאָל צונויפרופן אַלע אַרבעטער און אויפקלערן, אַז דאָס איז פאַר זייער טובה, ווייל אין קעגנפאַל וועט מען שליסן די פאַבריק און מען וועט זיי שיקן אויף שווערע אַרבעט אין וואַלד. דערביי האָב איך אים געבעטן, אַז ביז מיר וועלן אָפּרעגולירן די אַרבעט. זאָל ער אויסשרייבן פאַלשע ראַפּאָרטן, כדי אַלע זאָלן באַקומען די נאָרמאַלע פּאַרציעס ברויט, און ביזן סוף חודש, ווען מען דאַרף אָפּגעבן דעם באַריכט, וועלן מיר אַרבעטן איבערטענסיוועער, כדי דער פלאַן זאָל זיין אויסגעפירט.

אַזוי איז געשען. נאָך אַ חודש צייט האָט זיך אַלץ אָפּרעגולירט און די אומצופרידנהייט איז פאַרשוווּנדן. פאַרקערט, די אַרבעטער האָבן מיך געשעצט און באַצויגן זיך צו מיר מיט גרויס פריינדשאַפט. דאָס האָט אָבער נישט געקענט פאַרטראָגן דער "אָפּער" און זיינע מוסרים.

"אָפּער" איז ר"ת פון רוסישן וואָרט "אָפּערטיוווני ראַבאָטניק", וואָס מיינט אָפּעראַטיווער אַרבעטער. מיט אַזאַ אומשולדיקן נאָמען איז באַצייכנט געוואָרן די פונקציע פונעם אָפיציר פון דער ספּעציעלער אָפּטיילונג פון נ.ק.וו.ד. וועמענס אויפגאַבע איז געווען נאָכצופאָרשן די אויפפירונג פון יעדן אַרעסטאַנט. דער "אָפּער" האָט אויך געהאַט זיין פלאַן און זיינע נאָרמעס אויסצופירן. דער עיקר האָט ער געזוכט חטאים ביי די וועלכע זענען שוין געווען נאָענט צום טערמין פון באַפרייען, כדי מען זאָל זיי קענען ווידער אַמאָל פאַרמשפּטן אויף ווייטערידעק לאַנגע יאָרן לאַגער. צו דעם צוועק האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט מוסרים פון צווישן די אַרעסטאַנטן. דער "אָפּער" האָט אנגעוואָרפן אַ פחד נישט נאָר אויף די אַרעסטאַנטן, נאָר אויך אויף די אָפיצירן פון נ.ק.וו.ד., און נישט איינעם פון זיי האָט ער פאַרוואַנדלט פון אַן ענקאַווּדיסט אין אַ לאַגער אַרעסטאַנט.

אין אַ געווויסן אָוונט האָט מיך אַרויסגערופן דער לייטער פון פאַבריק. און בסוד סודות האָט ער מיר דערציילט, אַז דער "אָפּער" אין געווען ביי אים מיט אַ טענה, הלמאַי ער האָט מיך געשטעלט אויף אַ לייכטע אַרבעט, אין דער צייט ווען איך בין פאַרמשפּט צום צווייטן מאָל פון אַרטיקל 58. דערצו נאָך טאָלערירט ער מיין פּראָוואָקאַטאָרישע אויפפירונג און דערלויבט מיר נישט אַרבעטן אין שבת. ער האָט געפאָדערט פון אים, ער זאָל מיך צוריקשטעלן צו דער אַרבעטביים ניטראַלאַקס. לויט זיין דערקלערונג, האָט ער אים געענטפערט, אַז נישט ער, נאָר אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים האָבן מיך באַפרייט פון דער פריערדיקער אַרבעט. וואָס שייך שבת האָט ער אים געזאָגט, אַז איך פיר אויס מיין אויפגאַבע געוויסנ־

האפט און אפטמאל אַרבעט איך גאַנצע נעכט און ער האָט נישט בדעה מיך צו טוישן.

און ווירקלעך איז מיין אַרבעט גאָר נישט געווען אַזאַ לייכטע. איך האָב געמוזט שלעפען פולע קאַסטנס מיט לאַלקעס. די אייניציקע מעלה איז געווען, וואָס אָפטמאָל האָב איך גאַנצע טעג נישט געאַרבעט, ווייל די לאַלקעס זענען נישט געווען טריקן און דערפאַר האָט זיך נישט געוואָרפן אין אויגן דאָס, וואָס איך אַרבעט נישט אין שבת. עס האָט מיך אָבער געוווּנדערט די מוטיקע האַלטונג פון דעם יידישן אינזשיניער. אין אַנפאַנג, ווען איך האָב באַדערפן אָנקומען אין דער פאַבריק, האָט צבי הערשל געבעטן ביי אים, ער זאָל מיר דערלויבן נישט אַרבעטן אין שבת. ער האָט אים דאַן געענטפערט, אַז ער קען דאָס נישט נעמען אויף זיך נאָר איך זאָל דאָס דערלעדיקן מיט דער אויפזעערין. נאָך מער. ער איז דאַן געווען ביי דער מיינונג, אַז דאָס איז פון מיין זייט אַ קאַפּריז, וואָס איז נישט מעגלעך צו טאָלערירן אין די באַדינגונגען פון לאַגער. איצט איז ער געווען גאָר אַ צווייטער מענטש. ביים סוף פון אונדזער שמועס האָט ער געזאָגט:

— איך בין לאַנגע יאָרן געווען פאַרבלענדט אין קאָמוניזם. דאָ, אין רוסלאַנד האָב איך ערשט דערזען, ווי ווייט מען האָט אונדז אָפּגענאַרט. איך בין אייך פשוט מקנא מיט אייער טיפן גלויבן, דערמיט וואָס אין אייער אמונה גייט איר נישט אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן, אַפילו אין די אומענשלעכע באַדינגונגען פון לאַגער, האָט איר באַוויזן צו היטן די מענטשלעכע ווירדע, וואָס דאַרף דינען אַלס ביישפּיל פאַר יעדן. קען זיין — האָט ער צוגעגעבן — אַז אין דעם איז די האַנט פון אויבערשטן. איז לאָמיר האָפן, אַז ער וועט אונדז ביידן באַשיצן אויך קעגן דעם רשע, דעם "אַפּער".

איך בין געווען גערירט פון זיינע ווערטער. אָבער דער רשע, דער "אַפּער" האָט נישט אַזוי לייכט רעזיגנירט. אין דער צייט האָט מען געבראַכט צו אונדז אין לאַגער אַ ייד, וואָס איז אויף דער פריי געווען אַ הויכער באַאַמטער. דאָס איז געווען אַ קראַנקער, שוואַכער מענטש אין עלטער פון העכער 60 יאָר. מען האָט אים געשיקט צו אַ שווערער אַרבעט, און היות ער איז נישט געווען בכוח אויס־צופירן די נאָרמעס, האָט ער באַקומען נאָר 400 גראַם ברויט, און עס האָט אים נעדראָט, אומקום.

אין אַ געוויסן אָוונט, ווען איך האָב געאַרבעט ביינאַכט, איז ער געקומען צו מיר און דערציילט, אַז מיט אַ טאָג פריער האָט אים אַרויסגערופן צו זיך דער "אַפּער" און פאַרגעשלאָגן, ער זאָל אָנשרייבן מסירות אויף מיר, דערביי האָט ער אים געזאָגט, אַז ער זאָל שרייבן, אַז ער האָט געהערט ווי איך האָב אַגוטירט די אַרעסטאַנטן פון דער פאַבריק אַז זיי זאָלן שטרייקן און פאָדערן צו פאַרקלענערן די אַרבעטס שעהן און בעסער עסען.

דער ייד האָט זיך צעוויינט — "אויב איך וועל זיין געצווינגען ווייטער צו די שווערע אַרבעטן" — האָט ער געזאָגט — "וועט ער באַגיין זעלבסטמאָרד". דער

ביי האָט אים דער ״אַפּער״ צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט אים דינען אַלס מוסר, וועט ער אים איינאָרדענען אין אַ מאַגאַזין, ווו ער וועט גאָר נישט טאָן און האָבען צו עסן און טרינקן. אָבער דער עצם פאַקט, וואָס ער איז געקומען מיר דערציילן וועגן דעם, וואָס אויב דער ״אַפּער״ זאָל זיך וועגן דעם דערוויסן, וואָלט ער דעפאַר געקענט באַצאָלן אַפילו מיטן לעבן, האָט געזאָגט וועגן דעם, אַז דאָס איז אַ ביז גאָר אָנשטענדיקער מענטש. איך האָב אים בעדאַנקט און באַרואיקט אַז ער זאָל האָבן געדולד, און מיטן אויבערעשטנס הילף וועלן מיר געפונען אַן אויסוועג אים צו העלפן.

איך בין אַוועק צו צבי הערשלען און מיר זענען געקומען צום אויספיר, אַז דער איינציקער אויסוועג איז, אַוועקשיקען אים אין צענטראַלן שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען מיט 50 קילאָמעטער ווייטער, ווייל אין אונדזער לאַגער וועט דער ״אַפּער״ אים שוין נישט לאָזן במנוחה. אויפן צווייטן טאָג, ווען דער ״אַפּער״ איז גראָד נישט געווען אין לאַגער האָט די דאָקטערין אים אָפּגעשיקט אין הויפּט שפּיטאָל, מיט דעם דיאַגנאָז, אַז ער נויטיקט זיך אין אַ באַלדיקע אָפּעראַציע.

פאַרשטייט זיך, אַז דער דיאַגנאָז איז געווען אַ פאַלשער. אָבער אונדזער דאָקטערין האָט זיך פאַר דער צייט פאַרשטענדיקט מיטן דאָקטער פון הויפּט־שפּיטאָל און געבעטן, מען זאָל דעם ייד דאָרט פאַרהאַלטן אויף עטלעכע טעג היילונג און נאָך דעם איבערלאָזן אין יענעם לאַגער ביי אַ לייכטע אַרבעט. איך האָב שפּעטער געהאַט גרוסן פון אים, אַז ער איז אונדז זייער דאַנקבאַר וואָס מיר האָבן אים געהאָלפן ארויסרייסן זיך פון דעם ״אַפּער״ און געראַטעוועט פון אומקום.

פון די קעסט אין לאַגער האָט זיך באַנייט מיין מאָגן־קרענק. די דאָקטערין האָט מיך געשיקט מאַכן אַ רענטגען און עס האָט אַרויסגעוויזן, אַז עס האָט זיך ביי מיר צוריק געעפנט דער געשוויר אויפן מאָגן. אונדזער דאָקטערין האָט מיר געראָטן נישט מאַכן קיין אָפּעראַציע. אָבער איך מוז האָבן לכל הפחות 200 גראַם ווייס ברויט אַ טאָג, און דאָס ברויט וואָס איך באַקום אין לאַגער דאַרף איך טריקענען אויף סוכאַרן און עסן עס געטינקן אין הייסן וואַסער. אָבער צו באַקומען ווייס ברויט אין לאַגער איז געוואָרן אלץ שווערער. אפילו צבי האָט מיר נישט געקענט אַ סך העלפן, ווייל מען האָט פּשוט אויפגעהערט אויסשרייבן ווייס ברויט אין לאַגער, אַפילו פאַר שווער קראַנקע.

אין דער צייט האָט מען געבערענגט אין לאַגער אַ רומענישן ייד, אַ קונסט־מאָלער. אין 1940 יאָר, ווען די סאָוויעטישע אַרמיי האָט ״באַפרייט״ אַ טייל געביטן פון רומעניע, דורך אָפּרייסן פון איר בעסאַראַביע און בוקאָווינע, האָט מען אים אַרעסטירט אַלס אָנפירער פון ציוניסטן. אין דער ערשטער צייט האָט מען אים געשיקט צו שווער־פיזישע אַרבעטן. איינמאל האָט מען אים געכאַפּט ביים צייכענען אַ פּאָרטרעט. דער אָפיציר צו וועלכען מען האָט אים געבראַכט, איז געווען אויסער זיך מיט דער שיינקייט פון דעם בילד און ער האָט עס געוויזן דעם נאַטשאַלניק. אַזוי אַרום האָט מען זיך דערוווסט אַז דער דאָזיקער אַרעסטאַנט איז

אַ הויך טאַלאַנטירטער וועלכער קען ברענגען נוצן, קודם כל די נאַטשאַלניקעס גופא.

פון דאַן איז ער נישט נאָר באַפרייט געוואָרן פון שווערער אַרבעט, נאָר באַקומען אויך אַ מעגלעכקייט צו זיין אויסערן לאַגער. די בילדער האָט ער געמוזט מאָלן אין די דירות פון די נאַטשאַלניקעס, האָט ער באַקומען אַ דער־לויבעניש אַרויסצוגיין אין שטאָט אָן דער אויפזיכט פון דער וואַך. אין לאַגער פלעגט ער קומען צוויי דריי מאָל אין וואָך זיך מעלדן, כדי באשטעטיקן, אַז ער איז נישט אַנטלאָפן. ביי דער געלעגענהייט האָט ער געמאַכט אויך בילדער פאַר אַנדערע מענטשן און אַפילו גוט פאַרדינט.

דערוויסענדיק זיך וועגן מיין קרענק, האָט דער ייד מיר געבראַכט פון שטאָט ווייס ברויט און פון צייט צו צייט אַפילו אַ פלעשעל מילך אויך. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן און ריזיקע, ווייל אים איז נישט דערלויבט אַריינצוברענגען עפּעס וואָס אין לאַגער. אויב ער האָט אָנגעטראָפן גראָד אויף אַ שלעכטן אָפיציר פון דער וואַך, האָט מען ביי אים געמאַכט אַ רעוויזיע, דאָס ברויט איז קאָנפיסקירט געוואָרן און מען האָט נאָך אָנגעשריבן אַ ראַפּאָרט קעגן אים.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס ברויט האָט ער געקענט פאַרקויפן אין לאַגער פאַר גרויסע געלטער, ווען איך האָב אים געוואָלט באַצאָלן, האָט ער זיך באַליידיקט. כדי איך זאָל זיך נישט פילן געטראָפן, האָט ער גענומען פון מיר אַזויפיל, וויפיל ער האָט באַצאָלט פאַר דעם ברויט אין געשעפט, דאָס זענען געווען קאָפּיקעס, וואָס האָבן אַפילו אין די באַדינגונגען פון לאַגער נישט געהאָט קיין באַדייטונג.

עס האָט מיך שטאַרק געוווּנדערט, ווען ער האָט מיר געזאָגט: — איך האַלט דאָס פאַר אַ זכות און מצווה, וואָס איך קען מיט עפּעס העלפן אַ צווייטן יידן, און דערצו נאָך אַזאַ ייד ווי איר, וואָס האָט דעם גרויסן כוח אָפּצוהיטן יידישקייט אין די דאָזיקע שרעקלעכע באַדינגונגען פון לאַגער. איך בין דערצויגן געוואָרן אין אַן אָפּגעהיטן־פרומע משפחה — האָט ער ווייטער געזאָגט — עטלעכע יאָר שוין נאָך מיין בר מצווה האָב איך קיין איין טאָג נישט פאַרפעלט צו לייגן תפילין. ערשט שפּעטער, ווען איך בין אַוועק פון דער היים און געלערנט אין דער הויכשול פאַר קונסט, בין אויף אַביסל אַוועק פון רעליגעזן שטייגער לעבן. ווען איך האָב דערזען, דאָ אין לאַגער, אַ ייד מיט אַ באָרד און פיאות, האָב איך זיך שיעור נישט צעוויינט. איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין טאַטן, אין מיין אַמאָליקער היים. וואָס איך וועל נאָר זיין בכוח וועל איך טאָן כדי אייך העלפן. און עס האָט זיך באַשטעטיקט, אַז ער האָט געהאַלטן וואָרט.

מיט אַקורצער צייט שפּעטער איז ער געקומען צו מיר און דערציילט אַז ער איז איצט באַשעפטיקט אין שטוב פונעם לאַגער נאַטשעלניק, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גאָר אַ ייד. ער האָט געמאָלט אַ בילד פון זיין פרוי. ביי דער געלעגענהייט האָט ער איר דערציילט וועגן מיר. ער האָט איר איבערגעגעבן,

אַז אין לאַגער איז פאַראַן אַ ייד, וואָס געפונט זיך אין לאַגער שוין העכער 10 יאָר און במשך פון דער גאַנצער צייט עסט ער נישט די מאַכלים פון דער קיך, צוליב דעם וואָס ער היט אָפּ כשרות. ער איז פאַרמשפּט צו לעבן אויף אַ שטיקל טריקן שוואַרץ ברויט, וואָס האָט גורם געווען אַ שווערע מאָגן־קראַנקהייט. ער האָט זי געבעטן, זי זאָל אינערוועניר בײַ איר מאַן, ער זאָל אַרויסגעבן אַ פאַראָרדענונג אויסצושרייבן פאַר מיר פּראָדוקטן רויערהייט, כדי איך זאָל דאָס קענען אַליין קאָכן, ווען נישט דראָט מיר אומצוקומען פון הונגער.

די פרוי האָט וואָס אַן אמת אַרויס געוויזן גרויס מיטלייד מיט מיר, אָבער זי האָט דערקלערט, אַז זי קען נישט קומען מיט אַזאַ פאַרשלאַג צו איר מאַן, ווייל דאָס קען ארויסרופן אַ חשד, אַז איין ייד העלפט דעם צווייטן, בפרט ווען דאָס האַנדלט זיך וועגן אַ ייד, וואָס איז געמשפּט געוואָרן פאַר "קלעריקאַליזם". אָבער זי האָט געפונען אַן אויסוועג. זי האָט געגעבן אַן עצה, אַז אויף מיין בקשה זאָל די דאָקטערין פון לאַגער אנשרייבן צו איר מאַן אַ ראַפּאָרט, אַז צוליב מיין קראַנקהייט קען איך נישט עסן פון דער אַלגעמיינער קיך, ווייל איך נויטיק זיך אין אַספּעציעלער דיעטע. דאַן וועט דער מאַן קענען אַרויס געבן די נויטיקע פאַראָרדענונג און דערביי אויסמיידן וועלכן עס איז חשד קעגן אים.

איך בין גלייך אַוועק צו דער דאָקטערין און דערציילט איר דעם אמת, בעטנדיק זי זאָל אָנשרייבן דעם ראַפּאָרט. אָבער אויך זי האָט מורא געהאַט. אָבער זי האָט מיר צוגעזאָגט צו דערלעדיקן דעם ענין דורך דער מעדיצינישער קאָמיסיע, כדי אויך אויף איר זאָל נישט פאַלן קיין שום חשד פון פּראָטעקציע לגבי דעם פרומען יידן.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז געקומען אַ קאָמיסיע אין שפּיץ מיטן הויפּט־דאָקטאָר פון לאַגער. איך האָב זיך אָפיציעל געוואָנדן צו דער קאָמיסיע און מיין דאָקטערין האָט באַשטעטיקט, אַז מיין קראַנקהייט פאָדערט אָפּצוהיטן אַ שטרענגע דיעטע, ווייזנדיק דער קאָמיסיע די קלישע פון מיין לעצטן רענטגען.

נאָך צוויי וואָכן האָט מען מיך אַרויסגערופן אין דער אַדמיניסטראַציע און ווען איך האָב באַקומען דעם דאָקומענט, האָב איך נישט געגלויבט זיך אליין. עס איז דאָרט געווען געשריבן, מען זאָל מיר אויסשרייבן יעדע וואָך טריקענע פּראָ־דוקטן אין די נאָרמעס, וואָס זענען באַשטימט פאַר קראַנקע אין שפּיטאָל. דערצו נאָך איז די פאַראָרדענונג נישט געווען באַגרענעצט אין צייט.

ווען איך האָב געבראַכט די באַשטעטיקונג צו צבי איז ער אויפגעשפּרונגען פון פרייד. ער איז טאַקע געווען דער, וואָס זאָט לויט דער פונקציע מיר אויס־געשריבן דעם אָרדער אויף די פּראָדוקטן. אין דער נאָרמע איז אויך געווען באַשטימט פלייש. צבי האָט מיר אפילו געזאָגט איך זאָל דאָס נעמען, כאָטש איך וועל דאָס נישט עסן ווייל דאָס פלייש איז געווען טריף, אָבער איך האָב געקענט דערפאַר באַקומען אַ גאַר גוטן פרייז. ערשטנס האָב איך נישט געוואָלט געניסן דערפון. אַ חוץ דעם האָבן אַלע אין לאַגער געוווסט, אַז איך עס נישט קיין פלייש, און עס האָבן נישט געפעלט קיין מוסרים, וועלכע וואָלטן דאָס גלייך איבער־

געגעבן דעם "אַפּער", וועלכער האָט כסדר געזוכט אַלע מעגלעכע פּרעטעקסטן כּדי מיך קענען פּאַרפּאַלגן.

איצט בין איך געווען אַ גביר. איך האָב באַקומען פּיש, 800 גראַם בוימל, גראַפּן און אַנדערע פּראָדוקטן. עס איז אָבער נישט אַזוי פּשוט צו היטן אַזאַ עשירות אין לאַגער. ביי מיר אויף דער אַרבעט האָב איך געהאַט אַן אייזערנעם קאַסטן. האָב איך דאָרט באַהאַלטן דאָס פּאַרמעגן, כּדי מען זאָל מיר דאָס נישט גנבענען און די מייז זאָלן עס נישט אויפפרעסן. יעדן טאָג האָב איך אַרויסגענומען מיין פּאָרציע, און אויסמיידנדיק, ווי ווייט מעגלעך אַ בייז אויג, האָב איך אויף אַ פייער פון צונויפגעקליבענע שפּעדלעך אָפּגעקאָכט זיך אַ ביסל עסן. נאָך אַ קורצער צייט פון מיין ניער דערנערונג, זענען כמעט ווי פאַרשווינדן די מאָגן־ווייטיקן און מיט יעדן טאָג האָב איך זיך געפילט אַלץ בעסער.

# ווען עס האָבן זיך דערנענטערט די ימים טובים

עס האָבן זיך דערנענטערט די ימים טובים. איך בין געווען שטאַרק באַזאָרגט, ווייל גראַד איז אויסגעפאַלן ראש השנה אין די טעג פון מאָנטיק און דינסטיק, יוכ"פּ איז אויסגעפאַלן מיטוואָך מיט אַ וואָך שפּעטער, און גלייך נאָך דעם צו צוויי טעג, מאָנטיק און דינסטיק איין וואָך נאָך דער צווייטער די ערשטע און צווייטע טעג סוכות, דאָס האָט באַדייט נישט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט 7 טעג אין אַ צייט־אָפּשניט פון נישט קיין גאַנצע דריי וואָכן.

איך האָב באַשלאָסן צו רעדן וועגן דעם מיט דער אויפזעערין. איך בין געווען ממש גערירט פון איר באַמיאונג. — עס איז פאַר מיר אַ גרויסער כּבוד צו קענען העלפן אַזאַ מענטשן ווי איר, וואָס איז גרייט אויף אַלע קרבנות פאַר זיין אמונה. — האָט זי געזאָגט. — "נעמט זיך נישט איבער" — האָט זי צוגעגעבן — "איך וועל אַזוי רעגולירן די אַרבעט, אַז ביז ערב יום־טוב וועט איר קענען פאַרפּאַקן און אַרויסשיקן די גאַנצע פּאַרטיקע פּראָדוקציע און גראַד אין די טעג פון יום־טוב וועלן נישט זיין קיין טריקענע לאַלקעס, במילא וועט זיך קיינער נישט קענען צו אונדז טשעפּן". זי האָט זיך פאַרשריבן גענוי אַלע דאַטעס פון די ימים טובים און צום סוף געזאָגט; — "זייט רואיק, אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג, און אויב עס וועט זיין נויטיק, וועל איך אַליין העלפן פאַרפּאַקן די זאַפּאַסן, וואָס וועלן זיך אָנקלייבן".

ערב ראש השנה, זונטיק דעם 16־טן סעפּטעמבער 1947 בין איך אַוועק אין באַראַק פון די גנבים און געזאָגט אין שטיל דעם עלטסטן, אַז פון היינט אָוונט זענען ביי אונדז צוויי טעג יום־טוב און איך וויל פאַר דער צייט זיך פאַרהאַלטן אין באַראַק, כּדי קיינער זאָל מיר נישט שטערן. ער האָט מיך אויפגענומען ביז גאָר פריינטלעך און צוגעגעבן, אַז ער דערמאָנט זיך פון די קינדער

יאָרן, ווען ער האָט געלעבט צווישן יידן, אַז אין דער צייט זענען ביי יידן די גרעסטע ימים־טובים און ער וועט אַלץ טאָן, כדי מיר העלפן. אין יעדן באַראַק איז געווען אַ קליין צימערל צום טריקענען די מלבושים. ער האָט אָפּגעגעבן דאָס צימער צו מיין אויסשליסלעכע דיספּאָזיציע, ער האָט באַפוילן זיינע מענטשן מיר מאַכן אַ שליסל און קיינער זאָל דאָרט נישט שטערן במשך פון אַלע טעג יום־טוב. איך האָב אים געפרעגט מיט וואָס איך וועל אים קענען אָפּדאַנקען. — "נעם זיך נישט איבער". — האָט ער געענטפערט. — "איך האָב נישט מורא פאַר דער נאַטשאַלסטוואַ, מיר וועלן זיי שוין סיי ווי מער גאָר נישט טאָן. דעריבער איז דאָס פון מיין זייט נישט אַזאַ גרויסער קרבן. אָבער אַזאַ מענטש ווי דו, איז כדאי צו העלפן".

איך האָב געבעטן ביי צבי, ער זאָל צונויפשטעלן אַ רשימה פון אַלע יידן, וואָס זענען געווען אין אונדזער לאַגער כדי זיי מעלדן ווען ס'איז יום כפור, און אויב מיר וועלן נישט קענען צונויפקלייבן זיך צום דאַווענען בציבור, זאָלן על כל פנים נישט אַרבעטן אין דעם טאָג.

צבי האָט געוווּסט ווו יעדער פון די יידישע אַרעסטאַנטן געפונען זיך און ער האָט טאָקע באַוויזן אַלע אָנצוזאָגן ווען ס'איז יוכ"פ. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז צוליב פאָרזיכטיקייט זאָל יעדער פאַסטן באַזונדער, דאַקעגן וועלן מיר זיך אַלע אָפּפאַסטן צוזאַמען אין אַרכיוו. צבי האָט במשך פון דער וואָך צוגעגרייט אַ געהעריקע צאָל פּראָדוקטן, ברויט, הערינג, טיי און צוקער.

אויף יום־כפור האָט מיר צבי געגעבן די שליסלען פון אַרכיוו. איך האָב דאָרט געזאָגט כל נדרי או צומאַרגנס איז אויך געקומען צבי און מיר האָבן געדאַוונט צוזאַמען. פאַרנאַכט, צו נעילה, זענען געקומען אויך דער אינזשיניער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער פאַבריק פון לאַלקעס, דער מאָלער און נאָך צוויי יידישע אַרעסטאַנטן וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין ביורא פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג. נישט אַלע האָבן אַפילו געקענט דאַווענען, אָבער אַלע האָבן אויסגעהערט און צום סוף האָבן מיר אַלע צוזאַמען אָפּגעפאַסט מיט די פּראָדוקטן, וועלכע צבי האָט צוגעגרייט.

די מאָלצייט פון מוצאי יום כפור איז געווען אַזוי שטאַרק צום האַרצן פון אַלע אַז מיר האָבן באַשלאָסן אויך סוכות צו פאַרברענגען צוזאמען. יעדן אָוונט זענען מיר זיך צונויפגעקומען אין אַרכיוו, יעדער האָט געבראַכט מיט זיך וואָס ער האָט געקענט און מיר האָבן געמאַכט אַ געמיינזאַמע סעודה, שמחת תורה האָט דער אינזשיניער אונדז געמאַכט אַ גרויסן סיופּריז. ער האָט געבראַכט אַ פלעשל משקה, וואָס איז אין לאַגער געווען אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך, ווייל דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. איך האָב געמאַכט קידוש, מיר האָבן אויסגעטרינקן לחיים. מיר זענען לאַנג געזעסן, דערמאָנט אונדזערע היימען, אונדזערע משפחות און געוווּנטשן זיך, אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו באַגעגען זיך אויף דער פריי און פראַווען שמחות צוזאַמען מיט אונדזערע משפחות.

צומאַרגנס אין אָוונט האָט דער אינזשיניער מיך פאַרבעטן צו זיך אין

צימער. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס האָט ער געהאַט אַן אינערלעכע באַדערפעניש אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן. — "איר ווייסט" — האָט ער אָנגעהויבן. — "איך פיל זיך, ווי איך וואָלט זיך מגייר געווען. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך געפאַסט יום כפור, און צום ערשטן מאָל האָב איך פאַבראַכט שמחת תורה. איך בין טאַקע פון אַ יידישע היים, אָבער פון רעפאָרמער יידן. ווו דאָס גאַנצע יידישקייט איז באַשטאַנען אין מל זיין אַ קינד, צו בר מצווה האָט מען איינמאָל אין לעבן אָנגעטאָן תפילין און אויב מ'האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידישער טאָכטער, איז געקומען אַ ראַביי און מ'האָט געשטעלט אַ חופה. איך בין פון דעם אויך אַוועק, ווייל פון די יונגסטע יאָרן בין איך געווען אַ קאָמוניסט".

— "די גאַנצע צייט, זינט איך האָב אייך באַקענט", — האָט ער ווייטער געזאָגט — "קוק איך אויף אייך מיט ווונדער. ווען איך וואָלט נישט געווען אליין אַן עדות דערפון, וואָלט איך נישט געגלויבט, אַז עס איז מעגלעך אין די שרעקלעכע באַדינגונגען פון אונדזער לאַגער אָפּצוהיטן שבת און עסן נאָר כשר. און איר האָט דאָס באוויזן במשך פון העכער 10 יאָר צייט... אַזאַ זאַך קען מען באַוויזן נאָר מיט טיפער אמונה". נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן האָט ער צוגעגעבן. — "אַבסערווירנדיק אייך דאָ אין לאַגער, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז נאָר אַ דאַנק דער אמונה, נאָר מיטן טיפן אָפּהיטן די רעליגיעזע מנהגים, האָט זיך אויפגעהאַלטן דאָס יידישע פאָלק. אָן דעם וואָלטן מיר שוין לאַנג נישט עקזיסטירט אַלס פאָלק".

איך בין געווען גערירט פון זיינע רייד. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט געדויערט אונדזער שמועס. — "איך זאָג אייך צו ווי אַ נדר, ווי לאַנג איך וועל זיין דאָ צוזאַמען מיט אייך, וועל איך אייך העלפן מיט וואָס איך וועל נאָר קענען, כדי איר זאָלט קענען אָפּהיטן אלע מצוות, און אויב איך וועל זוכה זיין באַפרייט צו ווערן וועל איך אויך אָפּהיטן די יידישע דינים". "עס קען זיין" — האָט ער געזאָגט צום סוף. — "אַז עס איז נויטיק געווען איך זאָל אַזויפיל ליידן אין לאַגער, כדי זיך אָפּטרייסלען פון קאָמוניזם און צוריקומען צום יידישן גלויבן".

# א פארביטערטער קאמף מיטן "אפער"

די דאָזיקע אידיליע האָט לאַנג נישט געדויערט. ווידער בין איך געשטאַנען פאַר שווערע נסיונות. אין ערשטע טעג נאָך סוכות האָט זיך געענדיקט דער 10 יאָריקע טערמין פון צבי הערשלס אורטייל. ער איז געווען פול מיט האָפענונג, אַז ענדלעך וועט ער אַרויס פון דעם גהינום און זוכה זיין צו זען זיין פרוי און טאָכטער. אָבער אַנשטאָט צו באַפרייען האָט מען אים שפּעט אין דער נאַכט אַרויסגערופן אין דער "ספּעצ־טשאַסט" (ספּעציעלע אָפּטיילונג) פון לאַגער. דאָס איז געווען די געהיימע אָפּטיילונג פון נ.ק.וו.ד. וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט

אויסגעפונען אַלץ נײַע חטאים אויף די אַרעסטאַנטן. װער עס איז אַרײַנגעפאַלן אין זײַערע לאַפּעס, איז זעלטן װען אַרויס מיטן לעבן.

צבי איז צוריקגעקומען פון דאָרט אַ צעבראָכענער. ער הט זיך צעװײנט װי אַ קינד. אין "ספּעצ־טשאַסט" האָט מען אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז אנשטאָט אַ היים, װערט ער פאַרשיקט אויף װײַטערדיקע 10 יאָר קײַן סיביר.

איך האָב אים געפּרופט באַרויקן, אַז קען זײַן מען זאָל אים נישט פאַר־שיקן קײַן סיביר נאָר ערגעץ אין קאַזאַכסטאַן, װוּהין ער װעט קענען אַריבערנעמען די משפּחה זײַנע און דערװײַל אײַנאָרדנען דאָס לעבן, ביז דער אויבערשטער װעט העלפן און ער װעט זיך באַפרײַען. איך האָב אים געטרײסט אָפּגעבנדיק זיך אַ חשבון, אַז דאָס איז נישט מער װי אַ טרײסט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אים אין דער נאַכט אַרויסגעשלעפּט פון בעט, און אַ קאָנוואָאי פון צװײ באַוואָפנטע סאָלדאָטן האָבן אים גלײַך אַרויס־געפירט פון לאַגער. היות צו מיר האָט ער נישט געטאָרט שרײַבן, האָב איך בײַם געזעגענען אים געבעטן שרײַבן צום הויפּט־בוכהאַלטער פון לאַגער און בײַ אים װעל איך כאָטש קענען זיך דערװיסן װעגן זײַן װײַטערדיקן גורל.

נאָך עטלעכע װאָכן איז אָנגעקומען אַ בריװ פון צבי. ער האָט געשריבן, אַז מען האָט אים גיבראַכט מיטן עטאַפּ אין אַ קלײן שטעטל פון קאַזאַכסטאַן, װוּ ער איז באַשעפטיקט אין זײַן ספּעציאַליטעט אַלס בוכהאַלטער. נאָר היות מען דערלויבט אים נאָך נישט דאָרט צו פאַרבלײַבן אויף סטאַביל, און ער קען נישט פאָררויסזען װוּהין מען װעט אים װײַטער טרײַבן, האָט ער באַשלאָסן דערװײַל נישט אַריבערצופירן די משפּחה צו זיך.

בערך פיר װאָכן נאָך דעם װי מען האָט צוגענומען צבי הערשלען האָט אין אַ געװיסן פרימאָרגן מיך אויפגעװעקט דער נאַריאַדטשיק און געזאָגט: — איך האָב אַ באַפעל פון "אַפּער", דיך אַראָפּצונעמען פון דער אַרבעט אין דער לאַלקעס פאַבריק און שיקן דיך אין דער בריגאַדע פון די "װויקאַטקעס". אין דער בריגאַדע זענען געװען די שטאַרקסטע און געזונטסטע אַרעסטאַנטן. די אַרבעט איז באַשטאַנען פון אַרויסשלעפּן מיט שטריק שװערע קלעצער פון טײַך, און ציען זײ אויף דעם ברעג פון טײַך און שפּעטער זײ אָפּלײגן אין גלײַכע, הויכע סטענדן.

— איך פאַרשטײ נישט — האָט געזאָגט דער נאַריאַדטשיק — פאַר װאָס דער "אַפּער" האָט גראָד דיך, אַזאַ שװאַכן מענטש, געשיקט דװקא אויף די שװערסטע אַרבעט. דו װעסט דאָרט לאַנג נישט אויסהאַלטן. דער "אַפּער" איז נאָך נישט אַװעק — האָט ער צוגעגעבן — איך ראָט דיר אַרײַנגײן צו אים און בעטן ער זאָל דיך באַפרײַען פון דער אַרבעט און איבערלאָזן אין דער פאַבריק פון לאַלקעס.

איך האָב געקענט די מעטאָדן פון נ.ק.װ.ד. און פון אונדזער "אַפּער" בפרט. װען זײ האָבן געװאָלט אײַנברעכן אַן אַרעסטאַנט און אַרויסבאַקומען פון אים פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן אַ צװײטן אַרעסטאַנט אָדער גאָר קעגן זיך אַלײן, האָבן זײ אים איבערגעפירט פון אַ לײַכטער צו די שװערסטע אַרבעטן און װען

דער מענטש איז דערפירט געוואָרן צו פאַרצווייפלונג, האָט ער אונטערגעשריבן אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס דערוואַרט מיך אַ גרויסע צרה, אָבער שוין נישט צום ערשטן מאָל האָב איך באַשלאָסן אויפצונעמען דעם קאַמף. איך האָב געענטפערט דעם נאַריאַדטשיק, אַז איך האָב נישט וואָס צו בעטן ביים "אָפער", ווייל אויב איך בין אַן אַרעסטאַנט אין לאַגער, מוז איך אויספירן אַלע אַרבעטן, צו וועלכע די אָנפירונג באַשטימט.

אונדזער געשפרעך איז פאָרגעקומען 5 אַזייגער פאַרטאָג. מיט אַ שעה שפּעטער בין איך שוין געשטאַנען ביים טויער גרייט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט מיט מיין נייער בריגאַדע. ווען איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין וואָס פאַראַ געזעלשאַפט איך געפון זיך, איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. דאָס זענען געווען 30 אַרעסטאַנטן פון צווישן די ערגסטע פאַרברעכער. יעדער פון זיי האָט געהאַט אויף זיין געוויסן צו עטלעכע מאָרדן. זיי זענען אַלע געווען געזונטע און יונגע.

מיר זענען אַרויס פון לאַגער און נאָך אַ וועג פון עטלעכע קילאָמעטער זענען מיר אָנגעקומען צו אַ טייך פול מיט שווערע, גרויסע קלעצער. מיר האָבן זיך אַרויסגעדראַפּעט אויף אַ הויכן באַרגייקן ברעג, אויף וועלכן מען האָט אַרויפגעשלעפט און אָנגעלייגט אין סטענדן די אַרויסגעצויגענע פון טייך קלעצער. דער אַרבעטס פּראָצעס איז געווען אַזאַ, אַז פון הונטן אין טייך האָט מען פאַרבונדן פון ביידע זייטן דאָס קלאָץ מיט שטריק, פאַר וועלכע צוויי מענטשן האָבן עס אַרויפגעצויגן אויפן באַרג.

מיך האָט מען צוזאַמענגעפּאָרט מיט אַ געזונטן יונגען גזלן. ער האָט טאַקע געצויגן, אָבער איך, ביי מיין גרעסטער אָנשטרענגונג, האָב אַפילו נישט געקענט רירן דאָס קלאָץ פונעם אָרט. עס האָט געדראָט, אַז מיר זאָלן נישט אויספירן די נאָרמע, און פאַר נישט אויספירן די נאָרמע האָט מען אָנשטאָט 800 גראַם באַקומען נאָר 400 גראַם ברויט. די פּאַיקע ברויט איז אין לאַגער געווען אַ פּראַגע פון לעבן און טויט.

די מורא פאַרן שטיקל ברויט האָט געצווינגען מיין פּאַרטנער צו אַרבעטן אויך פאַר מיר. נאָך דעם ווי ער האָט אַרויפגעצויגן זיין זייט, איז ער אַריבער צו מיין שטריק און אַזוי האָט ער אויסגעפירט די אַרבעט פאַר ביידע. אויך פאַר אים איז דאָס געווען איבער די כוחות. ער האָט שווער געהאָרעוועט און דער שוויס האָט זיך פון אים געגאָסן. איך האָב געפילט ווי עס וואַקסט אין אים דער כעס, אָבער איך בין געווען הילפלאָז.

5 אַזייגער אָוונט, ווען מיר האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט, האָט ער מיר געזאָגט מיט דער גאַנצער קאַלטבלוטיקייט: "וואָס מיינסט דו, אַז איך וועל פאַר דיר אַרבעטן און דו וועסט זיצן מיטן שטריק אין האַנט? איך קען נישט אויספירן די נאָרמע פאַר צוויי און צוליב דיר וועל איך פאַרלירן די פּאַיקע ברויט און אויסגיין פון הונגער. אויב איך וועל מאָרגן דאַרפן אַרבעטן מיט דיר, וועל איך דיך אויפן אָרט אַוועקלייגן אַ טויטן. איך האָב סיי ווי נישט וואָס אָנצוווערן. איך

האָב געהרגט 12 מענטשן, וועסטו זיין דער דרייצענטער. דו האָסט איין אויס־וועג" — האָט ער געזאָגט הויך אין דער אַנוועזנהייט פון דער גאַנצער בריגאַדע — "בעט ביים בריגאַדיר ער זאָל דיך שטעלן צו אַ צווייטער אַרבעט און מיר זאָל מען געבן אַ צווייטן פּאַרטנער".

נאָכן צוריקקומען אין לאַגער האָט מיך אַרויסגערופן דער נאַריאַדטשיק און געזאָגט, אַז דער בריגאַדיר האָט אים געמאָלדן, אַז אַ גאַנצן טאָג האָב איך גאָר נישט געטאָן. — היינט איז דאָך נישט שבת ביי דיר — האָט ער געזאָגט — דו ווייסט וואָס עס באַדייט סאַבאָטירן די אַרבעט ? . . .

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב נישט בדעה צו סאַבאָטירן, דער בעסטער באַווייז איז, וואָס איך האָב זיך נישט אָפּגעזאָגט צו גיין צו דער אַרבעט מיט דער בריגאַדע לויטן באַפעל פון "אָפּער". אָבער דאָס איז איבער מיינע כוחות. דער איינציקער אויסוועג איז, צו שיקן מיך אויף אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, וועלכע וועט דעצידירן צו איך בין פעיק צו שלעפּן די קלעצער.

— איך האָב נישט קיין רעכט צו שיקן אויף אַ קאָמיסיע. דאָס איז אָפּהענ־גיק נאָר פון "אָפּער". איך ראָט דיר — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ צווידייטיקן שמייכל — זאָלסט גיין צו אים. דאָרט האַנדלט זיך אין אַ קלייניקייט, און דו וועסט האָבן פאַרזיכערט אַ לייכטע אַרבעט. דיין פּלאַץ אין דער פאַבריק איז נאָך נישט פאַרנומען. יעדער אויף דיין אָרט וואָלט אַזוי געהאַנדלט. דיר וועט זיין לייכט און איך וועל נישט האָבן קיין צרות מיט דער בריגאַדע צוליב דיר.

יעצט איז שוין געווען פאַר מיר קלאָר, אַז דער "אָפּער" האָט זיך אָנגע־זעצט אויף מיר און וויל מיך צווינגען צו ווערן זיינס אַ מוסר. אויב איך וועל מאַכן נאָר איין פאַלשן שריט און אַרויסווייזן דעם קלענסטן סימן פון פּחד, בין איך אַ פאַרשפּילטער. איך בין צום "אָפּער" נישט געגאַנגען.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט דער נאַריאַדטשיק מיך ווידער געשיקט אויף דער זעלבער אַרבעט פון נעכטן. דערביי האָט ער מיך געוואָרנט, אַז אויב איך וועל היינט אויך מאַכן די זעלבע שטיק און נישט אויספירן די נאָרמע צוגלייך מיט אַלע, וועלן די אַרסטאַנטן פון דער בריגאַדע געפונען אַ וועג ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון מיר. ווען ער האָט געזען, אַז זיין וואָרענונג האָט נישט געהאַט די געהעריקע ווירקונג, האָט ער צום סוף געזאָגט: ס'איז נאָך נישט צו שפּעט. דער "אָפּער" איז נאָך נישט אַוועק. איך האָב נישט געהאַט בדעה צו גיין צום "אָפּער", און דערקלערט דעם נאַריאַדטשיק, אַז איך גיי צו דער אַרבעט וווהין מען שיקט מיך. אויפן וועג האָט מיר מיין נעכטיקער פּאַרטנער געזאָגט, אַפילו אין אַ העפ־לעכן טאָן, אָבער זייער קאַטעגאָריש: מיט מיר וועסטו מער נישט אַרבעטן. בעט ביים בריגאַדיר ער זאָל דיך שטעלן אויף אַ צווייטן פּלאַץ.

אויף מיין ווענדונג האָט דער בריגאַדיר געענטפערט: איך קען דיר געבן אַ לייכטערע אַרבעט, אָבער איך מוז דיך וואָרענען, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ גרויסע סכנה און יעדעס מאָל דאַרף מען וואָרפן גורל וועמען צו באַשטימען אויף דער אַרבעט, ווייל דאָרט איז מען נישט זיכער מיטן לעבן. דאָס איז אָפּצו־

לייגן די סטענדן. אויב דו וועסט מסכים זיין וועל איך באַפרייען דעם מענטש אויף וועלכן עס איז געפאַלן היינט דער גורל, ער וועט זיך גערן טוישן מיט דיר. איך האָב מסכים געווען.

די אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אַרויסגעשלעפּטע פון וואַסער קלעצער האָט מען אָנגעלייגט אין קווער צו 20 קלעצער אין אַ ריי ביז 18 רייען אין דער הויך. די קלעצער זענען געווען געשמירט מיט אַ ספּעציעלע פעטיקייט, כדי עס זאָל זיין לייכטער זיי צו שלעפּן. היות עס האָבן געטראָפן גרעבערע און דינע־רע קלעצער, איז אָפטמאָל געשען, אַז ווען מען האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּלייגן די אויבערשטע שיכטן, האָט זיך פון די אונטערשטע אַרויסגעגליטשט אַ קלאָץ אָדער צוויי, און די גאַנצע סטערטע איז איינגעפאַלן, פאַרשיטענדיק אונטער זיך דעם מענטש, וואָס איז געשטאַנען אויפן סטענד, פון וועלכן עס פאַרבלייט נאָר אַ בלוטיקע מאַסע.

איידער איך בין צוגעטרעטן צו דער אַרבעט האָט מיך דער בריגאַדיר געוואָרנט און געגעבן אָנווייזונגען ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין אין פאַל פון סכנה. — אויב דו וועסט נאָר פילן, אַז עפּעס רירט זיך, זאָלסטו מאָמענטאַל שפּרינגען פון דער סטערטע, אָן אונטערשיד ווי הויך דו וועסט זיך געפונען, און דערביי זאָלסט דו זיך באַמיען צו שפּרינגען וואָס ווייטער.

איך בין צוגעטרעטן צו דער נייער אַרבעט מיט מיין נייעם פאַרטנער, אַ יונגער אַרעסטאַנט, וואָס איז געווען פאַרמשפּט פאַר קרימינעלע פאַרברעכנס. פון אָנפאַנג האָט דאָס מיר אויסגעזען נישט שלעכט. די אַרבעט איז נישט געווען קיין שווערע און אַלץ איז געגאַנגען בסדר. בערך 12 אַזייגער, מיר האָבן שוין געהאַט אָפּגעלייגט עטלעכע סטענדן, האָב איך פּלוצים געפילט עפּעס אַ טרייסל. מיין פאַרטנער האָט אין דער זעלבער רעגע געמאַכט אַ גוואַלט און מיר זענעןביידע געשפּרונגען. הגם דאָס איז נישט געווען הויך, בערך 4־5 מעטער, האָב איך ביים שפּרינגען זיך פאַרטשעפּעט אין אַ קלאָץ, וואָס האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון סטענד. איך בין געפאַלן און פון גרויס ווייטיק האָב איך פאַרלוירן דעם באַוווסט־זיין.

ווען איך בין געקומען צו זיך האָב איך דערזען, אַז איך ליג אויף דער ערד און זיי האָבן מיך געמונטערט מיט וואַסער. איך האָב דערפילט נאָר שטאַרקע ווייטיקן אין זייט און גענומען שרייען. אַפילו אויף די פאַרברעכער, צווישן וועלכע עס זענען געווען אייניקע מערדער, האָט דער פאַרפאַל מיט מיר געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. די גאַנצע בריגאַדע האָט אויפגעהערט אַרבעטן און גע־בעטן ביי די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אונדז געהיטן, זיי זאָלן דערלויבן פאַרענדיקן דעם אַרבעטס טאָג, כדי זיי זאָלן קענען מיך אָפּטראָגן אין לאַגער־שפּיטאָל. — איר זעט דאָך — האָבן זיי געזאָגט — דער מענטש קען דאָך דאָ שטאַרבן, אויב ער וועט נישט באַקומען באַלדיקע הילף.

די סאָלדאַטן האָבן אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון. — מיר האָבן אַ גענויען באַפעל, אַז די אַרעסטאַנטן וואָס ווערן אַרויסגעפירט צו דער אַרבעט

7 אַזייגער פרי, קאָנען נישט געבראַכט ווערן צוריק אין לאַגער פאַר 6 אַזייגער אָוונט, אַן אונטערשיד אַפילו ווען עס זענען פאַראַן פאַרפאַלן מיט פאַרווונדעטע אָדער גאָר טויטע.

דער בריגאַדיר, הגם ער איז געווען אַ גזלן, איז אויך געוואָרן אויפגעבראַכט פון דער ברוטאַלער האַנדלונג. ער האָט דערקלערט, אַז די גאַנצע בריגאַדע וועט סייווינישט אַרבעטן ביז מען וועט מיך נישט אָפפירן אין שפּיטאָל. אָבער די סאָלדאַטן זענען געווען פאַרעקשנט. — דער איינציקער רעזולטאַט פון אייער האַנדלונג וועט זיין, וואָס אַנשטאָט 800 גראַם, וועט איר באַקומען נאָר 300 גראַם ברויט, ווייל סיי ווי וועלן מיר פאַר דער באַשטימטער צייט נישט צוריקפירן אייך אין לאַגער, — האָבן געענטפערט די סאָלדאַטן.

אָבער אויך די דאָזיקע דראונג האָט נישט געהאָלפן. קיינער איז נישט צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. צום ערשטן מאָל פון מיין העכער 10 יאָריקער דער־פאַרונג אין לאַגער בין איך צום ערשטן מאָל געווען אַן עדות פון אַ קאָלעקטיוון פּראָטעסט. אין שטאַרקע שמערצן בין איך געלעגן ביז 5 אַזייגער אָוונט. זיי האָבן צונויפגעשטעלט אַ בעטל פון עטלעכע שטעקנס און צווייגן אויף וועלכן זיי האָבן מיך אַרויפגעלייגט און געטראָגן ביז צום לאַגער.

מען האָט מיך גלייך אָוועקגעפירט אין שפּיטאָל און אַרויסגערופן די דאָק־טאָרין. נאָך דער ערשטער אונטערזוכונג האָט זי געזאָגט, אַז וואַרשיינלעך זענען ביי מיר צעבראָכן צוויי ריפּן, אָבער עס איז נאָך נויטיק צו מאַכן אַ רענטגען. דערוויל האָט זי מיך אָוועקגעלייגט און געגעבן רפואות צו שטילן די ווייטיקן.

די ווייטיקן זענען אָבער נישט אָפּגעטרעטן. אַ גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן. גאַנץ פרי איז געקומען די דאָקטאָרין און נאָך אַ גענויע אונטערזוכונג האָט זיך מיך באַרואיקט, אַז דער מצב איז נישט אַזוי שלעכט. עס איז אַפילו נישט נויטיק געווען צו לייגן מיך אין גיבס. מען האָט מיך באַנדאַזשירט און זי האָט געזאָגט, אַז נאָך אַ קורצער צייט וועט זיך אַלץ צוריק צונויפוואַקסן.

נאָך אַ געוויסער צייט איז די דאָקטאָרין געקומען צו מיר. איצט האָב איך ערשט באַמערקט, אַז זי איז שטאַרק דענערווירט. זי איז אַרויס צו מיר מיט אַ גרויסער טענה. — איר האָט געטאָן אַ גרויסע עוולה זיך און מיר, — האָט זי געזאָגט. — איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אַ מענטש ווי איר קען אָנטאָן אַזאַ נאַרישקייט. דאָס האָט איר מיר אָפּגעצאָלט פאַר מיין גוטע באַציאונג צו אייך. — און אָט וואָס זי האָט מיר דערציילט:

נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק איז אָנגעקומען אין לאַגער אַ פאָדערונג צו באַשטימען אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, וואָס זאָל צושטעלן אַ רשימה פון שווערע קראַנקע, אומהיילבאַרע אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען נישט פעיק צו אַרבעטן אין די באַדינגונגען פון לאַגער. די וועלכע וועלן באַשטעטיקט ווערן דורכן ספּעציעלן לאַגער־געריכט, וועלן באַפרייט ווערן.

— איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט — האָט זי געזאָגט — און צו־געשיקט צו דער קאָמיסיע אייערע אַקטן, מיטן פאָרשלאָג אייך צו באַפרייען. איצט

שטעלט אייך פאַר, אַז נעכטן, נאָכן פאַרפאַל מיט אייך, האָב איך געמוזט שרייבן אַ צווייטן אַקט, וואָס איז אין סתירה מיטן ערשטן. דאָרט האָב איך געשריבן, אַז איר זייט נישט פעיק צו קיין שום אַרבעט און איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איר זייט געווען באַשעפטיקט ביי דער שווערסטער אַרבעט. דעם דאָזיקן אַקט האָב איך געמוזט שרייבן, ווייל די גאַנצע בריגאַדע האָט נישט געאַרבעט אַ האַלבן טאָג צייט, און מען וואָלט זיי געמשפט פאַר סאַבאָטאַזש, וואָס האָט געקענט קאָסטן דאָס לעבן פון אייניקע פון זיי.

— פאַרשטייט זיך — האָט זי ווייטער געזאָגט — אַז זיי וועלן נישט נע־מען אין אַכט צו עס האָט אייך ווער געצווינגען צו דער אַרבעט, נאָר זיי וועלן פאַרגלייכן בײדע אַקטן און פעסטשטעלן, אַז דער ערשטער אַקט איז אַ פאַלשער. איר טאָרט נישט פאַרגעסן, אַז אַ חוץ אַ דאָקטאָר בין איך אַן אָפיציר פון נ.ק.וו.ד. און פאַר אַזאַ האַנדלונג קאָן מען מיך דערגראַדירן און אַפילו פאַרמשפּטן אויף 10 יאָר לאַגער. דאָס וועט זיין מיין לוין, פאַר דער גוטער באַציאונג צו אייך — האָט זי געזאָגט מיט פאַרדרוס.

— פאַר וואָס זענט איר נישט געקומען צו מיר, ווען מען האָט אייך געשיקט אויף דער אַרבעט ? איך וואָלט אייך געווען באַפרייט, נישט געקוקט אויפן באַפעל פון "אָפּער", ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט דאָס צו טאָן. איצט האָט איר אָנגעמאַכט צרות זיך און מיר — האָט זי געזאָגט און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

איך האָב זי באַרואיקט, אַז בײדע אַקטן געפונען זיך נאָך וואַרשיינלעך ביים היופּט־דאָקטאָר פון לאַגער, וועלכער איז אַן אַנשטענדיקער מענטש און וועט איר קיין שלעכטס נישט טאָן. איז דער איינציקער אויסוועג, פאַרשטענדיקן זיך וואָס שנעלער מיט אים. ערשט איצט האָב איך איר דערציילט די סיבות, פאַר וואָס איך בין נישט געקומען זי בעטן מיך באַפרייען פון דער שווערער אַרבעט. היות דער נאַריאַדטשיק האָט עטלעכע מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס איז געווען אַ באַפעל פונעם "אָפּער", און כסדר מיך אָנגערעדט איך זאָל גיין צו אים בעטן באַפרייען מיך פון דער אַרבעט, איז דאָך געווען קלאָר, אַז דער "אָפּער" וויל פון מיר עפּעס אַ מסירה קעגן אַ צווייטן אַרעסטאַנט. און קען גאָר זיין, אַז דאָס איז קעגן צבי הערשלען, ווייל שוין עטלעכע וואָכן ווי עס איז פון אים קיין בריוו נישט געווען. "אין אַזאַ פאַל" — האָב איך געזאָגט — מוז איך ריזיקירן אַפילו מיט מיין לעבן, כדי נישט ברענגען שאָדן אַ צווייטן ייד, בפרט אַ מענטש וואָס האָט מיר אַזויפיל געהאָלפן, זייט מוחל וואָס איך האָב אייך פאַרשאַפט צער — האָב איך געזאָגט צום סוף — נאָר איר דאַרפט האָבן בטחון, דער אויבערשטער וועט נישט לאָזן פאַלן אַ מענטש, וואָס האָט געטאָן אַ טובה אַ ייד.

אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. "איר זייט אַ משונהדיקער מענטש, אַזעלכן האָב איך באַגעגנט צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן". זי איז אַוועק און כאָטש איך האָב זי באַרואיקט בין איך באמת געווען באַזאָרגט. מיין

איינציקע האָפענונג איז געווען, אַז דער אויבערשטער וועט באַווייזן אַ נס אַז די דאָזיקע איידעלע און גוטע פרוי וועט נישט ליידן צוליב מיר.

אין אָוונט איז זי צוריקגעקומען און מיר דערציילט אַ גוטע בשורה. זי האָט דערציילט, אַז גלייך נאָך אונדזער שמועס איז געפאָרן צום הויפּט דאָקטער און דערציילט אים דעם גאַנצן אמת. ער האָט איר צוריקגעגעבן דעם ערשטן אַקט, אין וועלכן עס איז געווען דער פאָרשלאָג מיך צו באַפרייען אַלס שווער קראַנקן. ער האָט צוגעגעבן, אַז סייווי האָב איך נישט געהאַט קיין שאַנסן באַפרייט צו ווערן, ווייל דער אַקט האָט געמוזט באַשטעטיקט ווערן דורכן "אָפּער" און נאָך דעם וואָס זי האָט אים דערציילט, וואָלט דער "אָפּער" נישט באַשטעטיקט דעם אַקט וועגן מיין באַפרייאונג. דאָקעגן וועט דער אַקט פון מיין פאַרפאַל ביי דער אַרבעט, זיין אַ בייטש קעגן אים. דער הויפּט־דאָקטער האָט באַשלאָסן איבערשיקן דעם אַקט קיין מאָסקווע כדי באַווייזן, וואָס פאַראַ פאַרשווין עס איז באַשעפטיקט אין אונדזער לאַגער אַלס "אָפּער", אַזאַ מענטש וואָס האָט געהאַט אַ באַשטעטיקונג פון אַ מע־דיציניש קאָמיסיע אַלסשווער קראַנקער, איז געשיקט געוואָרן צו דער שווערסטער אַרבעט און שיעור נישט געהרגעט געוואָרן. — איר דאַרפט זיך גרייטן צו אַ שווערע מלחמה מיטן דאָזיקן מנוול. — האָט זי געזאָגט צום סוף פון אונדזער שמועס.

# ווי אזוי צבי הערשל האט געוואלט דערמארדן בעריען

נאָך צוויי וואָכן בין איך געקומען צום געזונט. די שפּאַלטן אין מיינע ריפּן האָבן זיך פאַרהיילט. איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן, וואָס וועט זיין ווייטער. אַרום 12 אַזייגער ביינאַכט איז געקומען אַ סאָלדאַט מיט אַ באַפעל, איך זאָל גלייך קומען צום "אָפּער". די דאָקטערין איז נישט געווען. איך האָב נישט געקענט שטעלן קיין ווידערשטאַנד, ווייל דער סאָלדאַט איז געשטאַנען איבער מיר מיט קייטלען אין די הענט. אויב איך וואָלט נישט געגאַנגען מיט גוטן, פאַרלייגט ער מיר די קייטן אויף די הענט. און ביי די קייטן זענען געווען רינגען מיט ספּרוזשינעס וועלכע האָבן אַרויסגערופן געוואַלטיקע יסורים, און בשעת מעשה איז דער מענטש געווען גרייט אַלץ צו טאָן, אַבי מען זאָל אים באַפרייען פון די קייטן. און, אַז דער "אָפּער" גיט אַ באַפעל, מוז מען אויספירן. בין איך געגאַנגען.

איך בין אַריין אין אַ גרויסן צימער. ביים עק פון אַ לאַנגן טיש איז געזעסן דער "אָפּער". מיך האָט ער געהייסן זיצן ביים צווייטן עק טיש. כדי אים צו ווייזן, אַז איך האָב זיך נישט איינגעבראָכן און אַז דאָס וועט אים אויך להבא נישט געלונגען, האָב איך באַשלאָסן גלייך פון ערשטן מאָמענט איבערצוגיין אין אָנגריף. ווען ער האָט מיך געהייסן זיצן, האָב איך אים געענטפערט; — "מיט

12 יאָר צוריק האָט אַן אויספאָרשער מיך געבעטן זיצן, אַזוי זיץ איך נאָך ביזן היינטיקן טאָג. דערפאַר וויל איך בעסער שטיין און הערן וואָס ער וויל פון מיר״.

דער ״אַפּער״ האָט אויף מיר געוואָרפן אַ בייזן בליק און געזאָגט ; — ״אין אייער מצב וואָלט איך זיך נישט געוויצלט. איר פאַרגעסט, אַז איר קענט דערפאַר באַצאָלן מיטן לעבן״.

״עס ווענדט זיך ווי דער מענטש פילט זיך״. — האָב איך געענטפערט. — ״איך פיל זיך אומשולדיק און דאַרף קיינעם נישט בעטן מחילה, ווייל איך בין נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן. שוין 12 יאָר זיץ איך אומזיסט. איך האָף, אַז סוף כל סוף וועט אויפגעקלערט ווערן דער ווילדער טעות, דער שרעקלעכער טעות און די עוולה וואָס ווערט באַגאַנגען לגבי מיר״.

ווי ער זאָל נישט וועלן ווייטער זיך אַריינגלאָזן אין אַ וויכוח האָט ער געפרעגט ; — ״איר באַקומט נאָך אייער עסן אין טריקענע פּראָדוקטן ?״

״ניין. — האָב איך געענטפערט. ״אָבער צוליב וואָס פרעגט איר. איר ווייסט דאָך וועגן דעם. אין בוכהאַלטעריע האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס האָט איר פאַרבאָטן מיר אַרויסגעבן טריקענע פּראָדוקטן און באַפוילן, איך זאָל עסן פון קיך, ווי אַלע. און איר ווייסט, אַז איך וועל פון קיך נישט עסן, ווייל מיין גלויבן דערלויבט דאָס נישט״.

אַ ווײַלע האָט ער געקיקט אויף מיר מיט כעס און ביטול. — ״איר זייט אַ מאָדנע מענטש. אמת, איך האָב פאַרבאָטן, און איך האָב אַלע רעכט דערצו, ווייל ווי לאַנג איר געפונט זיך אין לאַגער דאַרפט איר עסן ווי אַלע אַרעסטאַנטן, אין קיך. פאַרשטייט זיך״. — האָט ער צוגעגעבן מיט שמייכל — ״אַז מען וויל, קען מען געפונען אַן אויסוועג צו גיין אויף דער האַנט. פאַר אייך צום ביישפּיל איז פאַראַן אַ ראַפּאָרט, אַז איר זייט קראַנק אויפן מאָגן. כאָטש ביי אייך איז דאָס מער אַ קרענק פון פאַנאַטיזם צו אייער רעליגיע. אָבער מען קען דערויף מוותר זיין און גיין אויף קאָמפּראָמיסן. אָבער די קאָמפּראָמיסן מוזן זיין קעגנזייטיקע. און איר זייט אַ האַרטער מענטש, איר ווילט פון אַלץ געניסן, אַלע דאַרפן אייך העלפן, נאָר איר ווילט אונדז נישט העלפן מיט דער מינדעסטער קלייניקייט. איז האָב איך אייך איצט אַרויסגערופן כדי רעדן מיט אייך ווי מיט אַ דערוואַקסענעם מענטש. איך וויל אייך וואָרענען, אַז דער גורל פון אייער לעבן איז אין אייערע הענט. איר קענט שוין פון היינט באַקומען אַ לייכטע אַרבעט, אַפילו אין בוכהאַלטעריע. איר וועט באַקומען צוריק אייער נאָרמע עסן אין טריקענע פּראָדוקטן, און איר וועט לעבן אין לאַגער נישט אין ערגערע באַדינגונגען ווי אויף דער פריי״.

ער האָט גענומען אַ טעקע מיט אַקטן, וועלכע זענען געלעגן צוגעגרייט אויפן טיש, ער האָט געבישטערט אין די דאָקומענטן. צום סוף האָט ער אַרויסגענומען אַ דרוק־בויגן וואָס איז מיר געווען שוין גוט באַקאַנט אין מיין אַרעסטאַנטסקע קאַרייערע. דאָס איז געווען אַ פאָרמולאַר צו פּראָטאָקאָל פון אַ אויספאָרשונג.

— "איר קענט אַ מענטש מיטן נאָמען צבי הערשל?" — איז געווען די ערשטע פראַגע.

— "יאָ" — האָב איך געענטפערט. — "ער איז דאָך געווען דאָ ביי אונדז אין לאַגער.

— "צו איז אמת, אַז דאָס האָט ער אייך אונטערגעוואָרפן ברויט און צוקער, וואָס ער האָט צוגענומען ביי אַנדערע אין קיך, אַז ער האָט אייך געהאָלפן באַקו־מען אַ לייכטע אַרבעט און טריקענע פּראָדוקטן?"

נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, איז שוין אַריבער צו ווייטערדיקע פראַגן. איך האָב אים איבערגעריסן און גיבעטן פאַרשרייבן אין ענטפער אויף דער פראַגע — "ניין".

ער האָט אַ קיק געגעבן אויף מיר מיט כעס הלמאַי איך שטער אים אין דער אַרבעט, און נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף מיינע ווערטער איז ער אַריבער צו דער דריטער און ווירטיקסטער פראַגע:

— "עס איז אונדז באַקאַנט, אַז איר זייט געווען באַפריינדעט מיט צבי הערשלען, אַז ער האָט זיך פאַר אייך פאַרטרויט וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט. צווישן אַנדערן האָט ער אייך דערציילט וועגן זיין חשבון מיט אונדזער מיניסטער בעריאַ. ער האָט אייך דערציילט, אַז מיט יאָרן צוריק, ווען ער — צבי הערשל — איז געווען אַ הויכער באַאַמטער אין מאָסקווע איז ער איין מאָל אַרויסגעטרעטן מיט אַ שאַרפער קריטיק קעגן בעריאַ. נאָך דעם, ווי בעריאַ איז געוואָרן אַ מיטגליד אין פּאָליט־ביוראָ און אינערן־מיניסטער, האָט ער זיך נוקם געווען אין אים, געשיקט אים אין לאַגער און איצט אויף פאַרשיקונג".

— "און ווייטער האָט אייך געזאָגט צבי הערשל — האָט געלייענט דער 'אָפּער' פון פּראָטאָקאָל און מיר האָט פון אויפרעגונג דאָס בלוט געשלאָגן אין קאָפּ". — היות בעריאַ האָט צעבראָכן זיין לעבן, האָט ער באַשלאָסן נוקם צו זיין זיך אין אים. איצט, ווען ער וועט נישט זיין אין לאַגער נאָר אויף פאַרשיקונג, וועט ער אַנטלויפן קיין מאָסקווע און דאָרט אויספירן אַ מאָרד אַטענטאַט אויף מיניסטער בעריאַ.

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ טויט שטילקייט. נאָך דעם האָט דער "אָפּער" געזאָגט; — איר ווייסט מסתמה, אַז אויך אייך קען מען דערפאַר משפטן לויטן פּאַראַ־גראַף 12—58 פאַר אויסבאַהאַלטן אַ ידיעה, אַז עס ווערט צוגעגרייט אַן אַטענטאַט אויף אַ מיטגליד פון דער סאָוויעטישער רעגירונג און איר האָט וועגן דעם נישט געמאָלדן אין די געהעריקע אָרגאַנען. אָבער ווי געזאָגט. ביי קעגנזייטיקער פאַר־שטענדעניש וועט איר אָפּקומען מיט די 8 יאָר לאַגער, וואָס זענען אייך פאַרבליבן, דערביי וועל איך אייך פאַרזיכערן די בעסטע באַדינגונגען".

און ווי ער זאָל שוין זיין מיט מיר פערטיק, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו מיר און דערלאַנגט מיר דעם פּראָטאָקאָל אונטערצושרייבן.

— "איך וועל נישט אונטערשרייבן קיין פאַלשע דערקלערונגען, פּונקט ווי איך האָב דאָס נישט געטאָן ביז איצט". — האָב איך אים דער קלערט.

ער האָט זיך אומגעקערט צום טיש, אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ פּאָר־שריבענעם פּראָטאָקאָל פון אַן אויספאָרשונג און אַוועקלייגענדיק דאָס פּאָר מיינע אויגן האָט ער געזאָגט; — ״איר זעט? צבי הערשל האָט זיך אַליין מודה געווען צו דעם אַלעס וואָס איך האָב אייך געלייענט. איר דערקענט געוויס זיין אונטער־שריפט?״

דאָס איז באמת געווען דער אָרגינעלער אונטערשריפט פון צבי הערשלען, אָבער וואָס עס איז געווען געשריבן אין דעם פּראָטאָקאָל, דאָס האָב איך נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו זען. איבעריקנס, דאָס האָט מיך נישט אינטערעסירט. איך האָב געזען בפירוש, אַז דאָס איז איינע פון זייערע פּראָוואָקאַציעס.

— ״איך וועל אייך נאָך עפּעס זאָגן״. — האָט ער צוגעגעבן — ״דריי מיטאַרבעטער זיינע פון דער בוכהאַלטעריע האָבן באַשטעטיקט, אַז אויך זיי האָט ער דאָס זעלבע געזאָגט״.

—״אויב אַזוי״ — האָב איך געזאָגט — ״צו וואָס דאַרפט איר שוין מיין עדות דערקלערונג?״

— ״דאָס איז שוין אונדזער ענין״ — האָט ער געענטפערט, שוין אַביסל אַ דענערווירטער.

איך בין געבליבן זיצן שטיל. — ״וואָס טראַכט איר?״ — האָט אויסגערופן דער ״אַפּער״.

— ״איך טראַכט, אַז איר זיינט נישט פון די בעסטע אויספאָרשער אין נ.ק.וו.ד. אייער עלעמענטאַרע פליכט איז דאָך געווען, אַז איידער איר האָט מיך גענומען אויף דעם פאַרהער, האָט איר באַדאַרפן באַקענען זיך מיט מיינע פער־אַקטן. ווען איר וואָלט דאָס געטאָן, וואָלט איר געזען, אַז אין אַלע חקירות ודרישות פון די פריערדיקע יאָרן, האָט מיך קיינער נישט געקענט צווינגען אונטערצושרייבן פאַלשע דערקלערונגען. און עס זענען צווישן זיי געווען בעסערע אויספאָרשער פון אייך. דעריבער איז אומזיסט אייער טרחה״.

ער איז אויפגעשפּרינגען פון כעס. באַלד איז ער איבערגאַנגען אויף דו און גענומען מיך באַשיטן מיט די ערגסטע זידל־ווערטער. — ״דו ביסט אַן אַכזר אויף זיך אַליין. צבי הערשל וועט סייווי באַקומען 25 יאָר. איך האָב דיר נאָר געוואָלט העלפן. אויב די האָסט נישט קיין רחמנות אויף זיך אַליין, וועסט דו דאָ אומקומען ווי אַ הונט. דו וועסט שוין פון מיינע הענט נישט אַרויס קיין לעבע־דיקער. אויף אַזאַ חוצפּה האָט זיך נאָך קיינער נישט דערלויבט ביי אונדז. וועסט טייער באַצאָלן דערפאַר״.

צומאָרגנס האָט מיך אַרויסגערופן דער נאַריאַדטשיק און דערקלערט, אַז אויפן באַפעל פון ״אַפּער״ ווער איך פון היינט באַשטימט אויף אַ נייער אַרבעט. איך וועל רייניקן די אָפּטריטן אין לאַגער. — ״אמת״ — האָט ער געזאָגט — ״דאָס איז נישט אַזאַ אַנגענעמע אַרבעט, און אפשר טאַקע נישט פאַר דיר, אָבער אַז מען האָט נישט קיין שכל, דאַרף מען נישט האָבן קיין יאָרן...״ ער האָט מיך באַטראַכט מיט מיטלייד און געזאָגט: — ״איך האָב דיך געהאַלטן פאַר אַ קלוגן

מענטש. אָבער ווייזט אויס, אַז העכער 11 יאָר לאַגער האָבן דיך נאָך ווייניק געלערנט. דו ווילסט פירן מלחמה מיטן 'אַפּער'?... שטאַרקערע פאַר דיר, נישט נאָר אַרעסטאַנטן, נאָר אַפילו אָפיצירן פון נ.ק.וו.ד. האָבן דאָס נישט באַוויזן... האָסט געקענט האָבן אַ לייכטן לעבן, און איצט..." ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ, און ווי ער זאָל זיך וועלן פאַרטיידיקן פאַר מיר האָט ער צוגעגעבן:

— "האָב נישט קיין פאַראיבל אויף מיר. איך בין נאָר אַ נאַריאַדטשיק. וואָס מען באַפעלט מיר, מוז איך אויספירן. איך האָב נישט דיין כוח צו קענען קעמפן מיט אַלע.

— "איך האָב צו דיר קיין טענות" — האָב איך געענטפערט — "נאָר גלויב מיר, אַז עס איז פאַר מיר מער כבוד צו רייניקן אָפּטריטן ווי זיין אין גוטע באַציאונגען מיטן 'אַפּער' פאַרן פרייז פון אָפּגעבן פאַלשע דערקלערונגען און מסירות אויף אומשולדיקע מענטשן. אָבער דרוויל וועל איך צו דער דאָזיקער אַרבעט נישט גיין". — האָב איך צוגעגעבן. — "ווי באַלד דער 'אַפּער' האָנאָרירט נישט אַ באַשטעטיקונג פון אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, אַז איך דאַרף באַקומען לייכטע אַרבעט, וועל איך ווייטער גיין מיט מיין בריגאַדע צום שלעפּן די קלעצער".

"היינט איז שוין די בריגאַדע אַרויס פון לאַגער צו דעראַרבעט" — האָט געענטפערט דער נאַריאַדטשיק. — "מאָרגן וועט מען זען. כאָטש איך ווייס נישט וואָס פאַראַ גוטס עס דערוואַרט דיך אין דער בריגאַדע".

איך בין אַוועק צו דער דאָקטערין און איבערגעגעבן דעם גאַנצן ענין, בעטנדיק איר עצה און הילף. זי האָט מיר געגעבן אַ באַפרייאונג פון דער אַרבעט אויף דעם טאָג. איינצייטיק האָט זי זיך פאַרשטענדיקט טעלעפאָניש מיטן הויפּט דאָקטער, וועלכער האָט איר געענטפערט, אַז דאָס איז שוין איצט נישט קיין ענין פון אַן אַרעסטאַנט, נאָר פונעם פּרעזטיש פון דער מעדיצינישער דינסט אין לאַגער און דעריבער קענען דאָס שוין נישט פאַרשווייגן.

צומאָרגנס אינדערפרי איז געקומען דער נאַריאַדטשיק צו מיר און געזאָגט, אַז מען האָט אים טעלעפאָנירט פון דער "ספּעצטשאַסט" (ספּעציעלער אָפּטיילונג), אַז אין הסכם מיט דער פאַראָרדענונג פון דער מעדיצינישער קאָמיסיע, זאָל ער מיך באַשעפטיקן נאָר ביי לייכטער אַרבעט. ער האָט מיר באמת געוואָלט פאַר־גיטיקן פאַר מיינע ליידן און פאָרגעשלאָגן גיין אַרבעטן אין קיך. די אַרבעט אין קיך איז אין לאַגער באַטראַכט געוואָרן אַלס גרויס גליק, ווייל זי איז נישט געווען שווער, אונטערן דאָך און ניטש אויף שנייען, פרעסט און רעגן, און דער עיקר, מען האָט געקענט עסן צו דער זעט. דעריבער איז דער נאַריאַדטשיק געווען אויסער זיך און נישט געקענט פאַרשטיין, אַז איך זאָג זיך אָפּ פון דער אַרבעט אין קיך — "איר קענט מיך צוריקשיקן אין דער בריגאַדע צו שלעפּן די קלעצער" — האָב איך אים געזאָגט.

דעם טאָג האָב איך ווידער נישט געאַרבעט. ביינאַכט איז געקומען דער נאַריאַדטשיק און געזאָגט: — "ווייזט אויס, אַז דו ביסט שוין גאָר קיין נאָר נישט... עס איז דאָ אַ באַפעל, אַז דו קענסט גיין אַרבעטן אין דיין פּראָפעסיע,

אין דער בוכהאַלטעריע. נאָך מיטן באַדינגג, אַז דער הויפּט־בוכהאַלטער וועט פּעסט־שטעלן דיינע קוואַליפיקאַציעס און מסכים זיין דיך צו באַשעפטיקן ביי אים".

איך בין גלייך אַוועק צום בוכהאַלטער, וועלכער האָט שוין געקענט מיינע קוואַליפיקאַציעס דערפון, וואָס איך האָב זיינער צייט געהאָלפן אין דער אַרבעט פון צבי הערשלען. ער האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט מיך גלייך צו באַשעפ־טיקן. — "אָבער וואָס וועט זיין מיטן שבת?" — האָט ער געפרעגט. — "איך וואָלט געווען צופרידן, אַז איר זאָלט אַנשטאָט שבת אַרבעטן זונטיק, ווייל עס איז גראָד נויטיק אַזאַ מענטש אויף דעם טאָג, ווען די אַרעסטאַנטן אַרבעטן נישט און קומען אויפקלערן פאַרשידענע ענינים זייערע. אָבער דער 'אַפער' וועט אויף דעם נישט דערלויבן".

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך אייל זיך נישט, ווייל דערווייל קאָן איך זיין אַ געוויסע צייט אין שפּיטאָל. איך האָב געוווּסט, אַז ס'איז סוף יאָר און דער בוכהאַלטער מוז אָפּגעבן דעם יאָר־בילאַנס. קיין קוואַליפיצירטע בוכהאַלטערס האָט ער נישט געהאַט. במילא וועט ער שוין זוכן אַן אויסוועג.

די דאָקטערין האָט מיך אַריינגענומען אַלס קראַנקן אין שפּיטאָל. איך האָב אָבער מורא געהאַט איך זאָל נישט פאַרלירן די אַרבעט אין בוכהאַלטעריע, ווייל מען קאָן אפשר געפונען אַ צווייטן אַרעסטאַנט אין באַשטימען אויף דעם אָרט. האָב איך געבעטן די דאָקטערין, זי זאָל זיך דורכרעדן מיטן בוכהאַלטער, אַז דער־ווייל קאָן איך ביי אים אַרבעטן נישט אָפיציעל. איך וועל אים העלפן מאַכן דעם בילאַנס און אין דער עוודענץ וועל איך פיגורירן, אַז איך ליג אין שפּיטאָל.

דער בוכהאַלטער האָט אויפגענומען מיין פאָרשלאָג ווי אַ מתנה פון הימל. איך האָב באַקומען אין שפּיטאָל אַ צימער מיט נאָך איינעם, אַגב באמת אַ שווער קראַנקן מענטש, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין דער בוכהאַלטעריע. מען האָט באַשטימט, אַז שלאָפן וועל איך אין שפּיטאָל און אַרבעטן אין צימער פון אַרכיוו.

איך בין געווען צופרידן, וויל קודם כל האָב איך דערווייל געהאַט געלייזט דעם ענין פון שבת, ווייל אין שפּיטאָל מוז איך כלל נישט אַרבעטן. צווייטנס האָב איך יעדן טאָג באַקומען אין טריקענע פּראָדוקטן מיין פּאָרציע עסן פון שפּיטאָל, די פּאַיקע ברויט, אַ גלעזל מילך, אַ ביסל צוקער און פון צייט צו צייט אויך עטלעכע קאַרטאָפל.

לכתחילה האָט ער מיר אַרויסגעגעבן אַרבעט אויף איין טאָג. אָבער מיט דער צייט, ווען ער האָט געזען, ווי אַזוי איך מאַך דאָס, האָט ער מיר געגעבן אַרבעט אויף אַ גאַנצע וואָך, און איך האָב זיך גענומען צוגרייטן דעם בילאַנס. אַזוי האָב איך געאַרבעט במשך פון די חדשים נאָוועמבער און דעצעמבער.

# די נקמה פון דער "אפּער" און דער מסירת נפש פון א יידישער טאַכטער

נאָך צוויי חדשים אַרבעט האָט דער הויפּט־בוכהאַלטער זיך איבערצייגט אין מיינע קוואַליפיקאַציעס. איך האָב זיך באַמיט אויסצופירן מיין אַרבעט מיט דער גרעסטער פּונקטלעכקייט. די ביז איצט באַשעפטיקע זענען אין גרעסטן טייל נישט געווען קיין קוואַליפיצירטע בוכהאַלטערן פון דער פריי, נאָר האָבן זיך אויסגעלערנט די פּראָפעסיע אין לאַגער און זיי האָבן געמאַכט אַ סך פעלערן, וואָס מען האָט געמוזט פאַריכטן.

אפשר נישט אַזוי ווייט צוליב פריינטשאַפט צו מיר, כאָטש ער האָט זיך צו מיר באַצויגן קאָרעקט — אָבער דער עיקר, ווייל עס איז געלעגן אויף אים דער עול פון מאַכן דעם בילאַנס, און פאַר נישט אָפּגעבן דעם בילאַנס צו דער צייט האָבן אים געדראָט האַרבע קאָנסעקווענצן, האָט דער הויפּט־בוכהאַלטער אויסגעדריקט זיין צופרידנהייט מיט מיין אַרבעט.

דעם 6־טן יאַנואַר 1948 יאָר האָט מיר דער הויפּט־בוכהאַלטער געמאָלדן, אַז ער האָט דערלעדיקט מיט דער לאַגער אַנפירונג, אַז פון דעם טאָג גיי איך אָפיציעל איבער אַרבעטן אין בוכהאַלטעריע. און, אַז עסן און שלאָפן וועל איך דערווייל קענען אין שפּיטאָל. איך בין געזעסן מיט אים אין איין צימער און מיר האָבן צוגעגרייט דעם באַלאַנס פאַרן יאָר 1947. איך האָב נישט געשפּאָרט קיין לייסטונגען און אָפט מאָל האָב איך געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך האָב זיך באַמיט, אַז ער זאָל זיין וואָס מער פאַראינטערסירט אין מיין אַרבעט, מיט דער אויסרעכענונג, אַז דאַן וועל איך האָבן שאַנסן צו פאַרבלייבן, וואָס האָט מיר געגעבן אַ גוט מעגלעכקייט אָפּצוהיטן שבת און יו"ט.

מיין פרייד האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. מיטוואָך, י' שבט — דעם 21־טן יאַנואַר האָט מיך די דאָקטערין אַרויסגערופן צו זיך און בסודי סודות איבערגעגעבן אַ ידיעה, פון וועלכער איך בין שיעור נישט געפאַלן אין חלשות.

ביי אונדז אין לאַגער איז געווען אַ גרעסער צאָל דייטשע מלחמה פאַר־ברעכער, וועלכע זענען אין די יאָרן 1945—1946 געמשפּט געוואָרן פאַר זייערע מעשים אויף די אָקופּירטע געביטן. די מערהייט פון זיי זענען געווען פאַרמשפּט אויף טויט, וואָס איז זיי פאַרביטן געוואָרן אויף 25 יאָר לאַגער. מען האָט זיי פאַרשיקט אין אַ ספּעציעל לאַגער אויפן ווייטן צפון. אָבער אַ טייל פון זיי זענען אויפן וועג קראַנק געוואָרן און זענען צייטווייליק פאַרהאַלטן געוואָרן אין אונדזער לאַגער. מיט אַ וואָך פריער איז געקומען פון מאָסקווע אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע האָט איבערגעקוקט די פּערסאָנעלע אַקטן פון אַלע דייטשן און עס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ רשימה פון העכער טויזנט מענטשן, וועלכע וועלן במשך פון צוויי וואָכן צייט אַוועק מיטן עטאַפּ אים אַ ספּעציעל שווערן לאַגער פאַר דייטשע מלחמה פאַרברעכער.

— ״שטעלט אייך פאָר, אַז ביים איבערקוקן די רשימה האָב איך דערזען אייער נאָמען. איך בין דערשיטערט. ווו איז דאָס מעגלעך, אַז מען זאָל אייך שיקן מיט די דאָזיקן יידן מערדער, מיט די נאַציס, וואָס האָבן אויסגעמאָרדעט אייער פאָלק ? דאָס איז אַ נקמה אַקט פון דער ׳אָפער׳. ער האָט צוגעשטעלט דער קאָמיסיע די פּערסאָנעלע אַקטן פון די דייטשן און דאָרט אַריינגעשטופּט אויף אייער אַקטן. איך צום באַדויערן״, — האָט זי געזאָגט כמעט מיט טרערן אין די אויגן — ״קאָן אייך גאָר נישט העלפן, ווייל די רשימה איז שוין געחתמעט דורך דער קאָמיסיע פון מאָסקווע. דער איינציקער וואָס קאָן אייך העלפן איז דער הויפּט־פּאַרוואַלטער פון לאַגער. ער קען זיך גלייך פאַרשטענדיקן מיט דער קאָמיסיע און אויפקלערן, אַז ס׳איז געשען אַ פאַטאַלער טעות, ווייל ווו קומט איר אַ ייד, צווישן די דייטשע יידן־מערדער. נאָר איך בעט אייך רחמים — האָט זי געזאָגט צום סוף — קיינער טאָר זיך אַפילו נישט אָנשטויסן, אַז דאָס האָט איר פון מיר זיך דערוווּסט וועגן דעם. איר מוזט גערענקן, אַז איך בין אַן אַפּיציר. איך בין זיך מודה פאַר אייך, אַז ווען עס זאָל זיך נישט האַנדלען אין אייער לעבן, ווייל איר וועט דאָס נישט אויסהאַלטן, און דערצו נאָך אַדרפּט איר זיין פאַרמשפּט אומצוקומען צווישן די יידן־מערדער, וואָלט איך אייך וועגן דעם נישט געזאָגט. אָבער איר טאָרט נישט פאַלן ביי זיך. איר מוזט ענערגיש און שנעל האַנדלען״.

איך האָב זי באַרואיקט און פאַרזיכערט, אַז אַפילו ווען עס זאָל מיר דראָען דער טויט וועל איך זיך קיינמאָל נישט ראַטעווען אויפן חשבון פון אַ צווייטן מענטש. בפרט נאָך, וועל איך דאָס נישט טאָן לגבי אייך. ווייזט אויס — האָב איך געזאָגט — אַז איר זייט דער שליח אויף צו ראַטעווען מיין לעבן. איך האָף, אַז דער אויבערשטער, וואָס האָט מיך אַרויסגענומען פון אַזוי פיל געפאַרן במשך פון די יאָרן אין די לאַגערן, וועט אויך דאָס מאָל מיך ראַטעווען פון דער צרה, און דאָס וועט זיכער זיין אָן אייער שאָדן.

אַ גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן פון זאָרג. איך האָב אָן אויפהער געזוכט אַן אויסוועג, ווי אַזוי הייבט מען אָן די דאָזיקע קעגנווירקונג, אויס איך קען אַפילו נישט זאָגן, אַז איך ווייס וועגן דעם אומגליק מיינעם.

צומאָרגנס, ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט איז די שלאָפלאָזע נאַכט געווען ווייזט אויס קענטיק אויף מיר. ווען דער הויפּט בוכהאַלטער האָט מיך געפרעגט : — ״וואָס איז מיט אייך ? איר זעט מיר אויס עפּעס פאַרענדערט. צו זייט איר שוין ווידער קראַנק ?״

אין דעם מאָמענט איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק און איך האָב אים געזאָגט :

— ״קראַנק בין איך אפשר נישט, נאָר איך האָב געהאַט אַ ביטערן חלום, וואָס צעשטערט מיין רו״.

ער האָט אויף מיר געוואָרפן אַ בליק פון פאַרוווּנדערונג און איראָניע און געזאָגט : ״מילא, אַז איר זייט פרום, דאָס פאַרשטיי איך. אָבער אין חלומות גלויבט איר אויך ?״

— "איר דאַרפט גאָר נישט אַזוי שטאַרק שפּאַסן פון דעם" — האָב איך אים געענטפערט — "איך וועל אייך דערציילן פון מיינע אָן איבערלעבונג, וועט איר זיך איבערצייגן, אַז איך בין גאָר נישט אַזוי נאַיוו. מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק, ווען עס האָט זיך געענדיקט דער טערמין פון ערשטן אורטייל פון 10 יאָר, און איך האָב זיך שוין געגרייט צו פאָרן אַ היים, איז מיין מאַמע מיר געקומען צום חלום. זי האָט מיר דאַן געזאָגט: "זון מיינער. עס דערוואַרט דיך מאָרגן אַ שווערער טאָג, אַנשטאָט אַ היים, וועט מען דיך שיקן אויף ווייטערדיקע יאָרן אין לאַגער. נאָר זאָלסט זיך נישט איינבערעכן. איך וועל בעטן אין הימל מען זאָל דיר פאַרהיטן דאָס לעבן און זאָלסט צוריקקומען צו דיין משפחה. שטעלט אייך פאָר, אַז צומאָרגנס נאָך דעם חלום האָט מען פאַרפירט קעגן מיר אַ נייע אויספאָרשונג און פאַרמשפּט אויף ווייטערדיקע 10 יאָר, וועלכע איך זיץ איצט".

"שטעלט אייך פאָר" — האָב איך ווייטער געצויגן מיין מעשהלע — "אַז די נאַכט האָט זיך מיר ווידער געחלומט מיין מאַמע. זי האָט מיך געוואָרנט: זון מיינער! עס דראָט דיר אַ גרויס געפאַר. פון לאַגער דאַרף מען אַרויסשיקן אַן עטאַפּ מיט שרעקלעכע פאַרברעכער. דו מוזט שוין טאָן אַלץ, כדי מען זאָל דיך חלילה נישט אַריינפּאַקן צווישן זיי, ווייל דו וועסט דאָרט אומקומען".

דער בוכהאַלטער האָט זיך צעלאַכט — "עס וווּנדערט מיך" — האָט ער געזאָגט — "אַזאַ געבילדעטער און קלוגער מענטש ווי איר זאָל גלויבן אין אַזעלכע בבא מעשיות. איבעריקנס, איך האָב נישט געהערט, אַז עס זאָל זיך ביי אונדז גרייטן אַן עטאַפּ אין וועג אַריין".

— "זעט איר" — האָב איך אים איבערגעריסן — "דאָס באַווייזט, אַז איר זייט שלעכט אינפאָרמירט. צווישן די אַרעסטאַנטן רעדט מען, אַז מען גרייט די דייטשן צום עטאַפּ אויפן ווייטן צפון".

— אָבער ווי קומט איר צו די דייטשן? — האָט ער ווייטער אָפּאַנירט — איר זייט אַ ייד, און זיי זענען יידן־מערדער. זיי האָבן אויפן געוויסן שווערע פאַרברעכנס און זענען פאַרמשפּט אויף אורטיילן צו 20 און 25 יאָר און איר וועט אַוודאי אין קורצן באַפרייט ווערן פאַרן טערמין, ווייל פאַקטיש איז דאָך נישטאָ קיין באַווייזן קעגן אייך און איר זיצט אומשולדיק. ביי אונדז אין בוכהאַלטעריע זענען באַשעפטיקט צוויי אוקראַינער, וועלכע האָבן געדינט די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן און געמאָרדעט מענטשן, זיי האָבן אורטיילן צו 25 יאָר, און זיי שיקט מען נישט, וועט מען אייך שיקן. איי, איר רעדט זיך סתם איין פּוסטע זאַכן" — האָט ער געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט.

— "דאָס זענען נישט קיין פּוסטע זאַכן נאָר אַ נקמה אַקט פונעם 'אַפּער'" — האָב איך געזאָגט. "און איר ווייסט פאַר וואָס?" — דאָ האָב איך אים דערציילט די גאַנצע מעשה פונעם פּרווו אַרויסצובאַקומען פון מיר פאַלשע דערקלערונגען קעגן צבי הערשלען. — "איר קענט וועגן מיר טראַכטן וואָס איר ווילט. אָבער אין די געשאַפענע באַדינגונגען קען איך ווייטער נישט אַרבעטן און

נאָך היינט גיי צוריק אין שפּיטאָל. אפשר וועל איך דאָרט באַווייזן אויסצומיידן דאָס אומגליק..."

איצט האָט דער הויפּט בוכהאַלטער געגומען דעם ענין ערנסט. ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט. — "דאָס איז אַן אַכזריות" — האָט ער אויסגערופן — "אייך צו פאַרשיקן צוזאַמען מיט די דייטשן... אָבער זיצט רואיק ביי דער אַרבעט. איך האָב אַן איינפאַל, ווי אַזוי געגוי זיך צו דערוויסן, צו אייערע מורא איז באַרעכטיקט" — האָט ער געזאָגט — "איך גיי שוין אין 'ספּעצאָדיעל' (ספּעציעלע אָפּטיילונג) און דערקלערן, אַז היות איך האָב געהערט, אַז מען גרייט צו אַרויסצושיקן אַן עטאַפּ, וויל איך וויסן צו עס איז נישט צווישן זיי פאַראַן ווער פון די, וואָס זענען באַשעפטיקט אין בוכהאַלטעריע, כדי איך זאָל קענען באַצייטנס צוגרייטן אַנדערע אויף זייער אָרט, איך מוז צוגרייטן דעם בילאַנס צום באַשטימטן טערמין. זיי זענען מחויב מיר דאָס צו זאָגן".

ערשט פאַרנאַכט איז ער צוריגעקומען אַ דענערווירטער און דערשלאָגענער.

— "יאָ" — האָט ער אויסגערופן — "דו ביסט גערעכט. איך הויב שוין אָן צו גלויבן אין חלומות. אייער מוטער איז וואַרשיינלעך געווען אַ הייליקע פרוי. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די ידיעה איז אַ ריכטיקע. די צוויי אוקראַאינער פון דער בוכהאַלטעריע זענען טאַקע אין דער רשימה פון די, וואָס זענען באַשטימט צום עטאַפּ, און..." — אַ ווײַלע איז ער געזיצן שטיל, ווי ער וואָלט נישט געקענט ברענגען דאָס וואָרט פון מויל — "און איר אויך..." — האָט ער אויסגערופן. "איך האָב זיך געקריגט מיט זיי, אַז דאָס איז אַ שאַנדע אייך צו שיקן מיט די דייטשן, האָבן זיי מיר געזאָגט בסוד, אַז זיי קענען גאָר נישט אויפטאָן, איך זאָל גיין אינטערווענירן ביים 'אָפּער', ווייל דאָס איז זיין פּערזענלעכע פאַראָרדענונג".

— שטעלט אייך פאָר — האָט ער ווייטער געזאָגט — אַז איך בין געווען ביים "אָפּער". איר ווייסט וואָס ער האָט מיר געענטפערט? איך האָב דעם איינדרוק, אַז איר האָט זיך אַליין אָנגעמאַכט צרות. אַז איר האָט נישט געוואָלט אונטערשרייבן פאַלשע דערקלערונגען, דאָס פאַרשטיי איך. אָבער צו וואָס האָט איר אים אַרויסגעוויזן אַ ביטול באַציאונגע?... דאָס פאַרדריסט אים שטאַרק. ער האָט מיר אָפן געזאָגט, אַז דערפאַר וואָס איר האָט זיך דערלויבט צו חוזקן פון אים, וועט ער אייך נישט געבן קיין רו. ער וויל נישט מסכים זיין, אַז איר זאָלט ווייטער פאַרבלייבן אין דעם לאַגער און דערפאַר האָט ער אויסגענוצט די געלעגענהייט צו שיקן אייך מיט דעם עטאַפּ.

— "דאָס איינציקע וואָס איך האָב געקענט טאָן פאַר אייך" — האָט ער ווייטער געזאָגט — "איז אויפהאַלטן דאָס אויספירן פון דער גזירה. עס וועלן זיין צוויי עטאַפּן, דער ערשטער וועט אַרויסגעשיקט אין אַ וואָך אַרום און דער צווייטער אין דריי וואָכן. איר זייט פאַקטיש געווען באַשטימט שוין צום ערשטן עטאַפּ. האָב איך קוים אויסגעפּועלט ביי אים, איר זאָלט פאַרבלייבן צום צווייטן. איך האָב אים געדראָט, אַז אַן אייך וועל איך נישט מאַכן דעם בילאַנס צו דער צייט און עס וועט זיין אַ סקאַנדאַל אין וועלכן מאָסקווע קען זיך אַריינמישן. האָבן

מיר פאַרדינט דריי וואָכן" — האָט ער געזאָגט צום סוף. — "אפשר וועט איר פאַר דער צייט קענען עפּעס צוטראַכטן כדי זיך צו ראַטעווען".

איך האָב גאָר נישט געענטפערט. אונדזער שמועס איז געבליבן אַ נישט פאַרענדיקטער, איך האָב ווייטער געאַרבעט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער הויפּט בוכהאַלטער וויל מיר קיין שלעכטס נישט טאָן. אפשר וועט ער אַדאַנק מיין אַרבעט מיר קענען עפּעס העלפן.

איך האָב אָן אויפהער געטראַכט, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם יידישן מאָלער, וואָס קומט אָפט אין די שטיבן פון נאַטשאַל־ניקעס. די אַרבעט פון די קונסט מאָלער איז שוין פאַר דער צייט געוואָרן אַן אינדוסטריע אין לאַגער, וואָס האָט באַרייכערט די נאַטשאַלניקעס. אין הויז וווּ עס האָט זיך געפונען די פאַבריק פון לאָלקעס איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ ספּע־ציעלער צימער אויף אַן אַטעליע, אין וועלכער 5 טאַלאַנטירטע קינסטלער האָבן געמאָלן טייערע בילדער שוין נישט נאָר פאַר די אָפיצירן פון אונדזער לאַגער, נאָך זענען אויך געפירט געוואָרן קיין מאָסקווע, ווו זיי זענען פאַרקויפט געוואָרן פאַר גרויסע געלטער, וועלכע זענען פאַרשטייט זיך געפלאָסן אין די קעשענעס פון די נאַטשאַלניקעס פון לאַגער.

איך בין אַוועק צו מיין באַקאַנטן מאָלער און האָב אים דערציילט וועגן די געפאַר וואָס הענגט איבער מיר. ער איז געוועזן דערשיטערט פון דער ידיעה. — איר ווייסט — האָט ער געזאָגט — איך מאָל איצט גראַד אַ בילד אין שטוב פונעם פאַרוואַלטער פון לאַגער. ער איז דאָך פאָרט אַ ייד... אָדער אפשר דורך זיין פרוי. זי איז אַן אָנשטענדיקע. איך וועל פּרוּוון זי איבערצייגן, זי זאָל ווירקן אויפן מאַן מען זאָל אייך אַרויסנעמען פון דער רשימה.

איך בין אַוועק פון אים מיט אַ פונק פון האָפענונג. אָבער די טעג זענען געלאָפן עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט געזאָגט דעם אמת. פאַר דער צייט האָט מען אַרויסגעשיקט דעם ערשטן עטאַפּ, און איך האָב נאָך אַלץ געוואַרט אויף אַן ענטפער.

היות קיין ענטפער איז נישט געקומען בין איך אַ געוויסן אָוונט אַוועק צום וואַך־טויער מיט דער אויסזיכט, אַז איך וועל דאָרט באַגעגענען דעם מאָלער, ווען ער קומט צוריק נאָך דער אַרבעט אין שטאָט. איך האָב אים געפונען, אָבער גלייך ביים באַגריסן זיך האָט ער געזאָגט, אַז קיין גוטע בשורה האָט צום באַדויערן נישט פאַר מיר.

— איך האָב גערעדט מיט דער פרוי פון לאַגער־פאַרוואַלטער — האָט ער דערציילט — אין ערשטן מאָמענט האָט זי זיך שטאַרק איבערגענומען מיט אייער גורל. — דאָס וואָלט געווען אַ שרעקלעכע עוולה — האָט זי אויסגערופן — ווען מען זאָל אַזאַ ייד פאַרשיקן צוזאַמען מי די דייטשע מערדער. זי איז געווען איבער־צייגט, אַז איר מאַן האָט נישט געוווסט וועגן דעם און אַז ער וועט געוויס טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך, כדי צו פאַריכטן דעם פאַטאַלן טעות. אָבער ווען איך בין געקומען צומאָרגנס האָט זי שוין גערעדט גאַנץ אַנדערע דיבורים — האָט ער

געזאָגט מיט פאַרדרוס — איר טאָרט נישט פאַרגעסן, אַז מיר זענען יידן — האָט זי געטענהט — איר ווייסט אַוודאי וואָס עס טוט זיך לעצטנס ביי אונדז לגבי יידן. מיין מאַן שרעקט זיך לעצטנס פאַרן אייגענעם שאָטן. ער האָט מורא, אַז יעדן טאָג קען מען אים אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט און אַפילו משפטן. כאָטש אין דער היעראַרכיע שטייט מיין מאַן אַ סך העכער פונעם "אָפער", איז אָבער איצט אַזאַ צייט, אַז ער קען אים גאַנץ לייכט, פאַרוואַנדלען פון אַ פאַרוואַלטער אין אַן אַרעסטאַנט, בפרט ווען עס הנדלט זיך אין אַן אינטערוועניץ פאַר אַ ייד. ער וואָלט גערן געוואָלט העלפן — האָט זי צוגעגעבן — אָבער ער איז הילפסלאָז.

פון דער דאָזיקע בשורה איז מיר געוואָרן נאָך מער ביטער אויפן האַרצן. נאָך איין האָפענונג איז פאַרשוואונדן. איך בין געווען נידערגעשלאָגן. די אַרבעט איז ביי מיר נישט געגאַנגען. איך האָב געטראַכט: רבש"ע אַל תביאני לא לידי נסיון ולא לידי בזיון. צו דען וועל איך געפּרופט ווערן מיט די ליידן צו זיין צוזאַמען מיט די רוצחים, די נאַציס. איך האָב געהאָפט, אַז דער אויבערשטער וועט מיך דאָך מציל זיין. איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע מיינע כוחות ביים צונויפשטעלן דעם בילאַנס, מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט דאָס משפיע זיין מען זאָל מיך נישט אַרויסשיקן מיט דעם פאַרשאָלטענעם עטאַפּ.

נאָך עטלעכע טעג, אין אָוונט, ווען איך בין געווען פאַרטאָן אין דער אַר־בעט איז געקומען אַ שיק־יונגל, דאָס איז געווען אַ מינדעריעריקע אַרעסטאַנט וואָס פלעגט רופן די מענטשן צום אָנפירערע פון לאַגער, און געזאָגט מיר, אַז איך דאַרף תיקף קומען אין צימער פון דעם אָנפירער פון דער לאָלקע־פאַבריק, וווּ מען וואַרט אויף מיר.

ווען איך האָב געעפנט די טיר איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ יונג מיידל, אָנגעטאָן עלעגאַנט. נאָך יאָרן זיין אין לאַגער, ווען איך האָב זיך צוגעוווינט צו זען נאָר אַרעסטאַנטן אָדער מענטשן אין מונדירן, האָט זי אויסגעזען אין מיינע אויגן, ווי אַ פּרינצעסען. זי איז געווען עלעגאַנט געקליידעט, איר פּנים האָט עדות געזאָגט אַז זי לעבט אין גאָר גוטע באַדינגונגען. זי האָט אויסגעזען צו זיין אין עלטער פון 18—19 יאָר. זי האָט זיך באַגריסט מיט מיר אויף רוסיש, נישט דער־לאַנגענדיק מיר די האַנט און געבעטן מיך זעצן.

— איך ווייס אַלץ וועגן אייך — האָט זי אָנגעהויבן דעם געשפּרעך מיט מיר — איך ווייס אַפילו, אַז מען האָט אייך אַריינגעשטעלט אין אַ רשימה צו שיקן אין עטאַפּ צוזאַמען מיט די דייטשע מערדער. איך וויל אייך העלפן אויסמיידן די דאָזיקע ליידן, נאָר דערצו מוז איך וויסן גענוי אייניגע פּרטים פון אייער ביאָגראַפיע.

דער דאָזיקער משונהדיקער צוזאַמענטרעף האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. ווער איז זי, דאָס דאָזיקע געהיימניספולע מיידל? איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי איז געקומען פון דער פריי. איז ווי אַזוי איז זי אַריינגעקומען ווער האָט זי געשיקט, געגעבן מיין נאָמען, דערציילט וועגן מיר? אפשר איז זי אונטערגעשיקט דורך דער נ.ק.וו.ד. איז מיט וועלכן ציל? און אפשר

איז זי גאָר מיין מלאך הגואל? צוליב פּאַרזיכטיקייט האָב איך באַשלאָסן דערווייל נישט זאָגן איר מער פון דעם, וואָס עס איז פאַרשריבן אין מיינע אַקטן. ווי זי וואָלט אויסגעפילט מיינע מחשבות, האָט זי געזאָגט:

— זייט נישט ברוגז אויף מיר פאַר די פראַגן, וואָס איך דערלויב זיך אייך שטעלן אָבער דאָס איז נויטיק כדי אייך צו ראַטעווען. איך בעט אייך ענטפערן גענוי און איך פאַרזיכער אייך, אַז דאָס וועט בלייבן נאָר צווישן אונדז.

— זאָגט מיר — האָט זי זיך אָנגערופן — פאַר דער גאַנצער צייט פון אייער אַרעסט, איז דער לאַגער אין וועלכן איר זייט געווען, קיינמאָל נישט געווען פאַרנומען דורך די דייטשן, אַפילו נישט אויף קיין איין טאָג, אויף איין שעה?

מיין קינד! — האָב איך אויסגערופן. איך ווייס נישט ווער איר זייט. אָבער ווען דער לאַגער אין וועלכן איך האָב זיך געפונען וואָלט כאָטש אויף איין מאָמענט געווען פאַרנומען דורך די דייטשן, וואָלט איר מיט מיר נישט גערעדט, ווייל איך וואָלט שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע, זיי וואָלטן מיך דערמאָרדעט, פונקט ווי זיי האָבן דאָס געטאָן מיט אַלע יידן. איבעריקנס, דאָס קען מען שטענדיק פעסטשטעלן אין מיינע דאָקומענטן.

— אויב אַזוי — האָט זי געזאָגט — איז פאַר מיר אַלץ קלאָר. אַ ווײַלע האָט זי זיך פאַרטראַכט, און אויסגערופן — רבי! גיט מיר אייער ברכה, אַז איך זאָל מצליח זיין. איך האָב באַשלאָסן צו טאָן אַלץ, כדי אייך ראַטעווען, אַפילו ווען איך זאָל דאַרפן צאָלן דערפאַר דעם טייערסטן פּרייז. נאָר איך באַשווער אייך, אַז קיינער טאָר זיך נישט דערוויסן, אַז איך בין דאָ געווען ביי אייך.

איך האָב איר געווונטשן, אַז דער אויבערשטער זאָל באַגליקן איר וועג און צוגעזאָגט צו האַלטן דעם סוד. אין דער לאַגע האָט נישט געהאַט קיין זינען צו פרעגן זי, ווער זי איז. עס איז מיר געוואָרן פריילעכער אויפן האַרצן. אויך אין דעם סדום זענען פאַראַן מענטשן וואָס טראַכטן וועגן מיר, וואָס ווילן מיר העלפן — האָב איך געטראַכט.

איך בין צוריקגעגאַנגען צו דעראַרבעט אין בוכהאַלטעריע. עס האָט גע־דויערט אַ וואָך צייט, און איך האָב נישט געהאַט קיין שום סימן פון איר. גענוי מיט 8 טאָג שפּעטער איז ווידער געקומען דער זעלבער שליח מיט דער בשורה, אַז מען רופט מיך קומען אין דעם זעלבן צימער פונעם לייטער פון דער פאַבריק פון לאַלקעס.

ווען איך בין אַריין איז געזעסן פאַר מיר דאָס זעלבע מיידל, אָבער אַזוי געענדערט, אַז ס'איז שווער געווען זי צו דערקענען. איר פּנים האָט פאַרלוירן די פרייערדיקע פרישקייט, די באַקן איינגעפאַלן און בלאַס, די אונטערגעהאַקטע אויגן האָבן אויסגעזען צו זיין טיפער. זי האָט מיך באַגעגנט מיט אַ שמייכל און פריידיק אויסגערופן — איך בין געקומען אייך גראַטולירן! מען האָט אייך אַרויסגענומען פון דער פאַרשאַלטענער רשימה און איר וועט נישט פאַרשיקט ווערן מיט די נאַצי פאַרברעכער. אָבער ביז איך וועל אייך גענוי אַלץ דערציילן, בעט איך אייך, ברענגט מיר פון די מאַלער אַ גלעזל טיי מיט עפּעס צו פאַרבייסן, ווייל אויב

נישט, קען איך אייך נאָך מאַכן דאָ אַ חלוש, איידער איר וועט זיך עפּעס וואָס דערוויסן.

איך בין געווען צעטומלט פון דער דאָזיקער מיסטעריע. איך בין אַוועק צו די מאַלער, ביי וועלכע עס איז שטענדיק געווען עסן בשפע, ווייל די נאָ־טשאַלסטווע, וועלכע האָבן געמאַכט מיט זייערע בילדער גוטע געשעפטן, האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָל זיי נישט פעלן פון אַלעם בעסטן. איך האָב קיינמאָל ביי זיי גאָר נישט געבעטן, זענען זיי געווען פאַרוווּנדערט פון מיין וויזיט. אָבער זיי האָבן מיר געגעבן טיי מיט צוקער און אַפילו אַ פּעקל ביסקוויטן, מיט גרויס חשק.

מיין גאַסט האָט זיך געוואָרפן אויף דער טיי מיט די ביסקוויטן, ווי זי וואָלט דאָס געוואָלט מיט איינמאָל איינשלינגען. עס האָט אויסגעזען, אַז זי איז שטאַרק אויסגעהונגערט. איך בין געזעסן און זי באַטראַכט, וואָס ס׳קען ווערן פון אַ מענטש במשך פון עטלעכע טעג? ערשט ווען זי האָט אַלץ אויפגעגעסן האָט זי זיך באַרואיקט און געזאָגט:

— עס וווּנדערט אייך מסתמא מיין אויפפירונג? אָבער איצט קען איך ערשט אייך אַלץ דערציילן. אָבער פריער מוז איך אייך דאָך זאָגן ווער איך בין. אַלזאָ, איך בין די טאָכטער פון דעם פאַרוואַלטער פון לאַגער. מיט צוויי וואָכן פאַר מיין ערשטן באַזוך ביי אייך האָט ביי אונדז אין שטוב געאַרבעט דער ידישער מאַלער. ער האָט געמאַכט אַ פּרעכטיקן פּרעסק אויף דער וואַנט ביי אונדז אין סאַלאָן. בעת דער אַרבעט פלעגט מיין מאַמע זיצן מיט אים אין צימער, צוגעבן אים עסן, ווייל עס איז איר געווען אַ רחמנות, אַז דער מענטש זיצט אומשולדיקט און אַרבעט אומזיסט. זיי האָבן גערעדט דאָס מאָל ידיש, און איך האָב נישט פאַרשטאַנען, ווייל איך קען נישט די שפּראַך. אָבער איך האָב באַמערקט, אַז בעת דעם שמועס, האָבן זיי ביידע זיך צעוויינט, און די מאַמע האָט אים באַרואיקט.

דעם זעלבן אָוונט, שפּעט ביינאַכט, האָט די מאַמע געפירט אַ לאַנגן וויכוח מיטן טאַטן, און ער האָט אַלץ געענטפערט, ניין, איך קען נישט. און ווידער האָבן זיי אַריינגעמישט אין געשפּרעך אַ סך ידישע ווערטער, ווייזט אויס כדי איך זאָל נישט פאַרשטיין.

דער ענין האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעגירט און ממש אויפגערעגט. עס איז ביי אונדז נישט אָנגענומען, אַז אַ קינד זאָל זיך מישן אין די ענינים פון עלטערן. אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער וויכוח צווישן מיינע עלטערן האָט געהאַט אַ שייכות מיטן פריערדיקן שמועס צווישן דער מאַמען מיטן מאַלער. ווען ער איז צומאָרגנס געקומען צו דער אַרבעט האָב איך זיך באַמיט אונטערצוהערן זייער געשפּרעך. און ווידער האָבן זיי ביידע געהאַט טרערן אין די אויגן און די מאַמע האָט אַלץ איבערגעחזרט, אַז ניין, דאָס איז נישט מעגלעך א.א.וו.

ווען דער מאַלער איז אַוועק, האָב איך זיך מודה געווען פאַר דער מאַמען, אַז צופעליק האָב איך געהערט זייער געשפּרעך און, אַז עס האַנדלט זיך אַוודאי אין געלט, וואָס דער מאַלער דאַרף שיקן זיין משפּחה. אויב זיי קענען אים נישט

העלפן — האָב איך געזאָגט — האָב איך אָנגעזאַמלט מיינע 400 רובל. איז זאָל מען דאָס אים געבן.

די מאַמע האָט זיך שטאַרק צעוויינט און געזאָגט: ניין מיין טאָכטער! נישט אין געלט האַנדלט זיך. דו ביסט נאָך צו יונג, כדי דיך צו פאַרפּלאָנטערן אין אַזאַ ענין. איבעריקנס, דו וועסט סיי־ווי נישט קענען העלפן אין דעם.

וויפיל איך האָב זי געבעטן, האָט זי מיר נישט געוואָלט זאָגן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. האָב איך איר נישט געגלויבט. אויפן צווייטן טאָג, האָב איך ספּעציעל אויפגעפּאַסט אַ מאָמענט, ווען די מאַמע איז אַוועק אין מאַרק איינקויפן און איך בין אַריין אין צימער פון מאָלער, מיט מיינע 400 רובל אין האַנט. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב דעם איינדרוק, אַז ער איז אין גרויסער פאַר־לעגענהייט צוליב געלט, וויל איך אים באָרגן מיינע אָפּשפּאָרונגען, אפשר וועט ער מיר אַ מאָל קענען אָפּגעבן.

דער מאָלער איז געוועזן זייער גערירט. אָבער אויך ער האָט מיר דער־קלערט, אַז עס האַנדלט זיך כלל נישט אין קיין געלט, און אויך ער, פּונקט ווי מיין מאַמע האָט מיר נישט געוואָלט זאָגן, וועגן עצם ענין, מיטן אויסרייד, אַז סייווי וועל איך נישט קענען העלפן. אָבער ווען איך האָב נישט אָפּגעטרעטן, האָט ער מיר דערציילט אַלץ וועגן אייך.

— ער האָט מיר דערציילט, אַז איר געפינט זיך אין די לאַגערן שוין באַלד 12 יאָר, און די איינציקע שולד אייערע איז, וואָס איר זייט פרום און היט טריי אָפּ אייער אמונה. איצט וויל מען אייך פאַרשיקן אין אַ ספּעציעלן לאַגער פאַר נאַצי־פאַרברעכער, וואָס האָבן געמאָרדעט די יידן.

— ווען ער האָט מיר דאָס דערציילט, האָט ער זיך צעוויינט און געזאָגט: אויב איר זייט אַ יידישע טאָכטער און איר האָט אַ יידיש האַרץ דאַרפט איר ווירקן אויף אייער פאָטער כדי צו ראַטעווען דעם דאָזיקן יידן, ווייל דאָס פאַרשיקן אים אין דאָזיקן לאַגער באַדייט טויט שטראָף פאַר אים — איך דאַרף אייך דאָס אפשר נישט זאָגן — האָט ער צוגעגעבן — נאָר אייער פאָטער האָט אונטערגעשריבן דעם באַפעל אים צו שיקן מיט דעם עטאַפּ און נאָר אייער פאָטער קען דאָס מבטל מאַכן. דערביי האָט ער מיך געוואָרנט, אַז אויב איך וועל וועמען עס איז אויסגעבן, אַז דאָס האָט ער מיר דערציילט וועגן דעם, דראָט אויך אים אַ גרויס געפאַר.

דאָס אַלץ האָט געמאַכט אויף מיר אַ שרעקלעכן איינדרוק און איך האָב באַשלאָסן צו רעדן וועגן דעם מיט מיין טאַטן. איך וויל אייך זאָגן, אַז איך ווייס נישט וואָס מען טראַכט וועגן אים. קען זיין, אַז די אַרעסטאַנטן האַלטן אים פאַר אַ שלעכטן מענטש, ווייל סוף כל סוף איז ער דאָך דער נאַטשאַלניק פון לאַגער. אָבער איך וויל אייך פאַרזיכערן, אַז ער איז אַן אָנשטענדיקער מענטש. איך האָב קיינמאָל נישט באַמערקט ביי אים קיין פאַלשקייט, ער זאָגט נישט קיין ליגן און אויך ער קען מיר עפּעס נישט אויפקלערן, שווייגט ער און וויל נישט רעדן מיט מיר וועגן דעם.

— כמעט יעדן אָוונט קומט דער טאַטע צו מיר אין צימער פאַרן גיין שלאָפן

כדי זאָגן אַ גוטע נאַכט און ביי דער געלעגנהייט שמועסן מיר וועגן מיין לערע, וועגן ביכער וואָס איך לייען, א.א.וו. דעם אָוונט ווען דער טאַטע איז געקומען האָב איך אים גלייך געזאָגט אַז איך ווייס וועגן גאַנצן ענין אייערן. — ווי האָסטו געקענט אויפהייבן די האַנט אונטערצושרייבן אַזאַ באַפעל, ווען דו ווייסט, אַז דו שיקסט אַן אומשולדיקן מענטש אויף אַ זיכערן טויט, און דערצו נאָך אַזאַ מענטש. — האָב איך געפרעגט. — דו ביסט דאָך אויך אַ ייד. אמת נישט אַזאַ פרומער ווי דער ייד, אָבער פאָרט אַ ייד. האָסט דו איין ברירה. אָדער דו ציסט צוריק דיין אונטערשריפט און דערלעדיקסט, אַז דער ייד זאָל פאַרבלייבן דאָ אין לאַגער, אָדער דו ווערסט פאַרלירן דיין איינציקע טאָכטער.

— אין ערשטן מאָמענט איז דער טאַטע געווען זייער אויפגערעגט. — וואָס מיינסטו צו זאָגן, איך וועל דיך פאַרלירן ? — האָ ער געפרעגט — וואָס טראַכסטו טאָן ?

— איך וועל דערקלערן אַ הונגער שטרייק — האָב איך געענטפערט מיט דער גאַנצער דעצידירקייט אויפצופירן מיין דראונג. איך וועל נישט עסן גאָר נישט ביז דו ווערסט נישט צריקציען דיין אונטערשריפט צו פאַרשיקן דעם ייד מיט די פאַרשאָלטענע נאַציס.

— דער טאַטע איז אויפגעשפרונגען פון אָרט — ביסט אַראָפּ פון זינען ? — האָט ער אויסגערופן — דו שטעלסט דיר פאָר וואָס דו נעמסט אויף זיך ? און דאָס, אַז דו קענסט בלייבן אָן אַ טאַטן, וועגן דעם האָסטו אויך געטראַכט ? — ער האָט זיך אָוועקגעזעצט און ווי ער וואָלט זיך באַהערשט האָט ער גענומען רעדן מיט מיר געלאַסן.

— איך האָב דיר ביז איצט גאָר נישט דערציילט וועגן מיין אַרבעט. — האָט ער אָנגעהובין — נאָר היות עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, וועל איך דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת. דו ביסט שוין גענוג דערוואַקסן און דאַרפסט דאָס ווייסן. אויב די נעמסט דיך אָן די עוולה פון דעם ייד, דאַרפסט דו געדענקן, אַז איך בין אויך אַ ייד. און די לאַגע פון אונדז יידן איז איצט אַ ביז גאָר שווערע. איך האָב נאָר פאָרמאָל אונטערגעשריבן דעם באַפעל וועגן פאַרשיקן דעם ייד מיט די דייטשן אָבער דער איניציאַטאָר דערפון איז געווען דער אַפּעראַטיווער אָפיציר פון נ.ק.וו.ד. און כאָטש איך בין אָפיציעל דער נאַטשאַלניק פון לאַגער, איז ער דער פאַקטישער בעלעבאָס. אמת איז, אַז דאָס אַ נישט געזעצלעכערע שריט מצד דעם „אַפּער". אָבער די לאַגע איז אַזאַ, אַז אויב איך וועל אויפהויבן אַ קאַמף מיט אים, וועט ער מיך פאַרוואַנדלען פון אַ נאַטשאַלניק אויף אַן אַרעסטאַנט, און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז איך וועל באַצאָלן מיטן לעבן.

— אַ לענגערע ווײַלע איז מיר געווען שווער צו געפינען אַן ענטפער אויף זיינע אַרגומענטן. איך האָב ערשט איצט פאַרשטאַנען, אַז מיין טאַטע געפינט זיך אין אַ טראַגישע לאַגע. איך האָב זיך צעוויינט און אויסגערופן: — דו זאָגסט אַליין, אַז דאָס איז נישט געזעצלעך. צו האָסטו דעריבער רעכט צו ראַטעווען זיך אויפן חשבון פונעם לעבן פון דעם דאָזיקן אומשולדיקן ייד ? אי־

בעריקנס — האָב איך געזאָגט — אויב דער "אַפּער" איז אַזאַ אַנטיסעמיט און באַנדיט, וועט ער דיך סייווי נישט שוינען. וואָס פריער דו וועסט זיך אַנטקעגנ־שטעלן, אַלץ מער דרך ארץ וועט ער האָבן פאַר דיר. און פאַרקערט, אויב דו וועסט אים נאָכגעבן, וועט ער דיך נאָך מער טרעטן. יעדנפאַלס, דו האָסט מיך נישט איבערצייגט. פון היינט וועל איך אַזוי לאַנג הונגערן, ביז דו וועסט דערלעדיקן, אַז דער ייד זאָל פאַרבלייבן דאָ אין לאַגער. — אַפילו ווען איך זאָל באַצאָלן דערפאַר מיט מיין לעבן.

— דער טאַטע איז געוואָרן אין כעס. ער איז אַרויס פון צימער, נישט זאָגנדיק אַפילו אַ גוטע נאַכט.

— צומאָרגנס איז געווען דער ערשטער טאָג פון מיין הונגער־שטרייק. אַ גאַנצן טאָג האָב איך גאָר נישט געגעסן און נישט געטרונקען. די מאַמע האָט אָן אויפהער געוויינט. אין אָוונט איז זי אַריינגעקומען צו מיר און געפּרוווט מיך איבערצייגן. — דעם ייד וועסטו מיט גאָר נישט העלפן — האָט זי געזאָגט — אָבער מיך מיטן טאַטן און זיך אַליין וועסטו אומברענגען. ס'איז איצט אַזאַ צייט, ווען מען רודפט יידן, זיי זוכן נאָר אַ פּרעטעקסט, כדי צו קענען מאַכן אַ משפּט. און עס איז געגנוג, מען זאָל זיך נאָר דערוויסן וועגן דיין הונגער־שטרייק, און אַז דו ווייסט בכלל וואָס ס'קומט פאָר אין לאַגער, אַז מען זאָל מאַכן אַ משפּט דעם טאַטן.

— עס איז מיר געווען אַ גרויס רחמנות אויף דער מאַמען. אירע ליידן האָבן מיך געריסן ביים האַרץ, איך האָב שוין אויך אָנגעהויבן פילן דעם הונגער, ווייל אין מיין לעבן האָב איך ביז דאַן נישט געהונגערט קיין איין טאָג. איך האָב גע־פילט, אַז אויב איך וועל אָנהייבן אַ דיסקוסיע מיט דער מאַמען, וועל איך זיך איינברעכן. האָב איך איר געזאָגט, אַז אירע רייד זענען אומזיסט, איך האַלט זיך ביי מיין דעציזיע. זי איז אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געוויין און איז אַרויס פון צימער.

אין דריטן טאָג בין איך געווען זייער שוואַך, עס האָט זיך מיר געדרייט אין קאָפּ. אין אָוונט האָט דער טאַטע געעפנט די טיר פון מיין צימער. ער האָט אויף מיר געקוקט, און נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט איז ער אַוועק. אין אַ צייט אַרום איז ער געקומען, צוזאַמען מיט אַ יידישן פּראָפעסאָר, אַ באַקאַנטן.

דער פּראָפעסאָר האָט מיך אונטערזוכט. איך האָב נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. איך האָב געבעטן דעם פּראָפעסאָר, אַז ער זאָל מיך נישט צווינגען מיט כוח צום עסן. דערביי האָב איך געוואָרנט, אַז אויב זיי וועלן מיך פּרובירן קאָרמען מיט כוח, וועל איך מאַכן אַ סקאַנדאַל, אַז די שכנים וועלן זיך צוזאַמענ־לויפן.

איך האָב נישט געהערט גענוי, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט דעם טאַטן, אָבער פון זיינע באַוועגונגען האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער האַלט מיין צושטאַנד פאַר אַ שווערן.

צומאַרגנס, דאָס איז שוין געווען דער פערטער טאָג פון מיין הונגערן, איז דער זעלבער פּראָפעסאָר געקומען אַליין אין די פאַרמיטאָג שעהן. דער טאַטע איז נישט געווען אין שטוב. ער האָט מיך ווידער אונטערזוכט און געפּרווט מיך איבער־צייגן, איך זאָל כאָטש טרינקן אַ ביסל מילך — אין קעגנפאַל — האָט ער גע־זאָגט — דראָט דיר אַ לעבנס געפאַר.

איך בין געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז איך האָב נישט געקענט רעדן. איך האָב אים מיט דער האַנט געוויזן, אַז איך בין נישט מסכים. ער איז אַרויס צוזאַ־מען מיט דער מאַמען פון צימער. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן טעלעפאָנירט צום טאַטן, וועלכער איז גלייך געקומען פון דער אַרבעט.

— צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך דאַן געזען מיין טאַטן וויינען. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער מיך געבעטן. איך זאָל כאָטש עפּעס טרינקן, צוזאָגנדיק, אַז ער וועט נאָך דעם זעלבן טאָג פּרובירן רעדן מיטן "אָפּער", און אפשר וועט אים געלונגען צו ענדערן די פאַראָרדענונג וועגן אייך.

— איך בין נאָך געווען אויף אַזויפיל ביים באַוווּסטזיין, אַז איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז איך בין שוין נאָענט צום זיג. ווען דער טאַטע האָט געוואָלט מיר אַריינגיסן אין מויל אַ ביסל מילך, האָב איך פאַרהאַקט די ציין, און אַלץ האָט זיך אויסגעגאָסן דערנעבן.

דער טאַטע איז אַוועק. שפּעט אין אָוונט איז ער געקומען און ווי נאָר ער איז אַריין אין מיין צימער האָט ער אויסגערופן: טאָכטער מיינע! האָסט דער־גרייכט דיין ציל. איצט קענסטו שוין אויפהערן מיט דיינע ווילדע שטיק. איך האָב אויסגעשטראָכן דעם דאָזיקן ייד פון דער רשימה.

— דער טאַטע איז געווען שטאַרק באַליידיקט, ווען איך האָב אים נישט געוואָלט גלויבן אין ערשטן מאָמענט. — איך גיב דיר מיין וואָרט — האָט ער געזאָגט: — מיר האָבן אויפן אָרט פון דעם ייד אַריינגעשטעלט אין דער רשימה אַ דייטש, אַן אינזשיניער, וועלכן מיר האָבן פריער געוואָלט איבערלאָזן ביי אונדז. צוליב דעם וואָס ער איז אַ ספּעציאַליסט און מיר האָבן זיך גענויטיקט אין זיין אַרבעט.

— איך מוז אייך זאָגן, אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, ווען איך האָב נישט געגלויבט מיין טאַטן. אָבער נאָך דעם ווי ער האָט מיר געגעבן זיין ערן־וואָרט, האָב איך זיך איבערגעבעטן מיט אים. דערביי האָט דער טאַטע מסכים געווען, אַז ווי נאָר איך וועל קומען צו די כוחות און קענען זיך באַוועגן, וועט ער מיך נעמען מיט זיך אין ביוראָ און ווייזן מיר די רשימה, כדי איך זאָל זיין פולשטענדיק זיכער.

— און ער האָט געהאַלטן וואָרט. היינט איז דער ערשטער טאָג, ווען איך בין אַראָפּ פון בעט. דער טאַטע האָט מיך דאָ געברענגט מיט זיך אין דער מאַשין. איך האָב גערעדט מיט זיינס אַ פאַרטרויערליכן מיטאַרבעטער פון "ספּעצ־טשאַסט", וועלכער האָט מיר באַשטעטיקט, אַז איר זייט אַרויסגענומען געוואָרן פון דער רשימה, און אויף אייער אָרט וועט געשיקט ווערן דער דאָזיקער אינזשיניער,

וועלכער האָט אויף זיין געוויסן דאָס לעבן פון אַ סך יידן. בין איך געקומען אייך אָנזאָגן די דאָזיקע פריילעכע בשורה.

הערנדיק די אויסטערלישע געשיכטע פון דעם מיידל האָב איך אַפילו נישט געפילט, ווי די גאַנצע צייט האָב איך געוויינט. די באָרד איז ביי מיר געווען נאַס פון טרערן. איך בין געזעסן פאַרגאַפּט און במשך פון דער גאַנצער צייט האָב איך איר נישט איבערגעריסן מיט אַ וואָרט. אויך איצט, ווען זי האָט געענדיקט, האָב איך אַ לענגערע צייט נישט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט פון מויל. איך האָב געטראַכט, ווו קומט עס צו אַזאַ קינד, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ שטוב, ווו מען האָט נישט געוווסט פון יידישקייט, אַז דווקא אַזאַ קינד זאָל האָבן אין זיך דעם כוח פון מסירת נפש פאַר ראַטעווען אַ ייד, און דערצו נאָך אַ מענטש, וועלכן זי האָט קיינמאָל אויף די אויגן נישט געזען? איך האָב געזען אין דעם נאָר אַ נס מן השמים.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט אין צימער, וועלכע זי האָט איבערגעריסן. ווענדנדיק זיך צו מיר מיט אויסערגעוויינלעכע צאַרטקייט האָט זי געזאָגט:

— נו רבי, איצט דאַרפט איר שוין נישט וויינען. ערשט איצט האָב איך זיך ווי אויפגעוועקט פון אַ חלום. איך האָב איר שטאַרק געדאַנקט און אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז דער אויבערשטער וועט איר דערפאַר העלפן און אָפּהיטן פון שלעכטס.

— איך האָב צו אייך אַ פראַגע — האָט זי געזאָגט — וואָס איז דער באַ־דייט פונעם וואָרט עולם הבא? בעת דעם וויכוח צווישן טאַטן מיט דער מאַמען וועגן אייך, האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דאָס וואָרט. איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז אַ יידיש וואָרט, אָבער איך ווייס נישט וואָס דאָס באַדייט.

איך האָב איר געגעבן צו פאַרשטיין דעם חוב פון יעדן ייד אָפּצוהיטן די דינים פון דער תורה, אַז פאַר זינדיקן קען מען חס ושלום אָנקומען אין גיהנום, און אַז פאַר מעשים טובים דערוואַרט דעם מענטש דאָס גן עדן.

אייך רבי — האָט זי אויסגערופן — דערוואַרט זיכער דאָס גן עדן, אויב איר האָט דעם כוח אין די באַדינגונגען פון לאַגער אָפּצוהיטן די דינים פון דער תורה, נישט אַרבעטן שבת, נישט עסן טריפות. מיך דערוואַרט זיכער דאָס גיהנום. ביי אונדז אין שטוב עסט מען טריפות, מען היט נישט אָפּ דעם שבת, איך האָב אַפילו נישט קיין אַנונג, ווי אַזוי מען דאַוונט.

איך האָב איר איבערגעריסן און געזאָגט: אונדזער הייליקע תורה זאָגט: "המקיים נפש אַחת מישראל כאילו קיים עולם מלא", דאָס מיינט, אַז אַ מענטש וואָס ראַטעוועט איין ייד, איז ווי ער וואָלט געראַטעוועט די גאַנצע וועלט. דערי־בער מיין קינד, זיי וויסן, אַז דו האָסט געטאָן די גרעסטע מצווה, צו וועלכער איך האָב נאָך נישט זוכה געווען, און איך מיין, אַז דיין גן עדן וועט זיין אַן אָן ערך גרעסער פון מיינעם.

— איר זייט אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש — האָט זי געזאָגט — צום

ערשטן מאָל אין לעבן באַגעגן איך אַזאַ. איך וויל אייך פאַרזיכערן, אַז ווי ווייט איך וועל קענען וועל איך זיך באַמיען צו פאַרבלייבן אַן ערלעכע יידישע טאָכטער. איך וואָלט גערן געוואָלט, אַז איר זאָלט זיך אין דעם איבערצייגן. דעריבער וויל איך איר זאָלט מיר צוזאָגן, אַז נאָך דער באַפרייאונג, וועט איר מיך באַזוכן. איר וועט זיין ביי מיר, און איך גלויב, אַז אויך ביי מיינע עלטערן, דער בעסטער גאַסט.

און כדי צו באַווייזן, אַז די דאָזיקע איינלאַדונג איז נישט סתם קיין זשעסט, נאָר זי מיינט דאָס ערנסט, האָט זי צוגעגעבן: איר ווייסט? לעצטנס נעמט מען אַראָפּ די יידן פון אַלע אָנפירנדיקע אַמטן. מיין טאַטע איז אַ קלוגער ייד. ער וויל נישט וואַרטן ביז מען וועט אים באַזייטיקן, און אפשר גאָר איינזעצן. האָט ער באַשלאָסן אַליין זיך צו באַפרייען פון דעם איצטיקן אַמט. ער האָט שוין אַפילו זיך געשאַפן אַ דירה אין אַ צווייטער שטאָט, ווו עס וווינען אונדזער קרובים. מיר ווילן זיין וואָס ווייטער פון דאַנען. וועל איך אייך געבן דעם אַדרעס און איר מוזט מיר צוזאָגן, אַז ווי נאָר איר וועט זיך באַפרייען, און איך האָף, אַז דער טאָג וועט קומען, וועט איר אונדז באַזוכן.

— מיין קינד! — האָב איך איר געזאָגט — לויטן יידישן דין קען איך נישט נעמען אויף זיך אַזאַ נדר. אָבער איך האָף, אַז ווען איך וועל אי״ה באַפרייט ווערן און איך וועל האָבן אַ מעגלעכקייט צו פאָרן אין דער שטאָט, וועל איך אייך באַשטימט באַזוכן. איך האָף, אַז ביז דאַן וועסט דו מיטן אויבערשטנס הילף חתנה האָבן, און דווקא נאָר מיט אַ יידישן בחור, און וועסט שוין אַוודאי אויך האָבן קינדערלעך.

— זי האָט געקוקט אויף מיר און ווידער האָבן זיך טרערן באַוויזן אין אירע אויגן. — איך ווייס נישט צו מיר וועלן זיך נאָך באַגעגען. איז גיט מיר אייער ברכה אַז אייערע ווערטער זאָלן מקוים ווערן.

איך האָב אויסגעפירט איר בקשה און זי איז אַריין אין צימער פון די מאַלער. דאָס האָט זי געטאָן דערפאַר, ווייל סיי ביים ערשטן באַזוך און סיי איצט האָט זי דאָס געמאַכט אונטערן פּרעטעקסט, אַז דאָס איז זי געקומען צו די מאַלער. דאָס איז געווען אָנגענומען, ווייל דאָרט פלעגן קומען די משפחה מיטגלידער פון דער גאַנצער אָנפירונג כדי פאָזירן צו זייער בילדער. דאָס האָט זי געוואָלט אויס-מיידן, אַז אויב עס וועט זי ווער באַמערקן, זאָל נישט פאַלן אַ חשד, אַז זי האָט זיך געטראָפן אין לאַגער מיט אַן אַרעסטאַנט, וואָס האָט געקענט ברענגען ביז גאָר שווערע פאָלגן איר טאַטן, בפרט אין יענער געשפּאַנטער צייט.

אויפמאָרגן, איז געקומען צו מיר אין באַראַק אַ איד. איך האָב אים גיגעבן שלום און ער האָט זיך זייער שטאַרק צווייגט. ער האָט מירגעזאָגט: — ״ר׳ אברהם איר ווייסט דאָך ווער איך בין — מיר רופטמען דוד און איך האָב געאַרבעט אַלעס אַגראַנאָם אין אַ לאַגער 8 יאָר. איך האָב אָנגעפירט מיט דער לאַנד-וויר-טשאַפט. איך האָב געלעבט (אין די באַדינגונגען פון לאַגער) ניט שלעכט. נאָר יעצט האָט מען מיר אַראָפּגענומען פון מיין אַרבעט און אַוועקגעשיקט אין דער ׳פּערסילקע׳ און פון דאַנען דאַרף איך אַוועקגעשיקט-ווערן אין אַ אַנדער ׳ספּע-

ציעל־לאַגער׳ וואָס איז גאָר פאַר גרויסע פאַרברעכער. און מען זאָגט אַז פון יענעם לאַגער האָט נאָך קיינער ניט אומגיקערט זיך. מיר איז געבליבן אַ יאָר מיט עטליכע חדשים. צודערצו איז אַחוץ וואָס איך האָב פאַרלאָרן אין אויג איז די אַנדערע אויג האָט אויך אופגעהערט גוט זעהן. דריבער בעט איך ביי אייך אַ ברכה אַז איך זאָל זיך אומקערן פון יענעם לאַגער צו מיין משפחה מיט אַ געזונטער אויג״. און ער האָט ווידער אָנגעהייבן וויינען. איך האָב אים געענפערט:

— ״איהר מיינט דאָך ר׳ דוד אַז ווייל איר זענט דאָך אַ קלוגער מענטש דערפאַר האָט איר זיך געהאַלטן די 8 יאָר אויף אַ גרינגער אַרבעט. האָט איר אַ טעות. איר דאַרפט וויסן ר׳ דוד אַז עס איז פאַראַן אַ רבונו־של־עולם ער האָט באַשפן די וועלט און ער פירט די וועלט. און ער האָט אייך געגעבן אַזאַ גרינגען לעבן אין די 8 יאָר אין לאַגער. איז איצטער ווען איר גייט אין אַ אַנדער לאַגער — איז דאָרט אויך פאַראַן דער רבונו־של־עולם און ער וועט אייך דאָרטן באַזאָרגן מיט אַ גרינגע אַרבעט און ער וועט אייך ברייגגן צו אייער משפחה געזונטער הייט. און מיט דער אויג וועט איר זעהן אייער משפחה און זוכה זיין זעהן ארץ ישראל. דער עיקר ר׳ דוד איז דער שטאַרקער בטחון אין דעם אויבערשטן און ער וועט אונדז אַלעמען אַרויסנעמען פון דאַנען און ברייגגען אַהיים״.

ר׳ דוד האָט אויפגעהערט וויינען. אין דער צייט איז שוין צו געלאָפן צו אים מיט אַ געשריי דער ״נאַריידאַשיק״ פון פערעסילקע״ און האָט אים געהייסן גיין גיכער צו דעם ״עטאַפּ״. ר׳ דוד האָט זיך מיט מיר צוקושט, און מיר האָבן זיך געזעגנט, מיט גוטע ווונטשען, איינער דעם אַנדערן. און מען האָט אונדז צושיידט. ערשט אין 19 יאָר אַרום נאָך אונדזער צושיידונג האָבן זיך מיר ווייטער באַגעגענט אָבער אין אַ גוטען צושטאַנד — אויף דערפריי. וועגן דעם וווּנדערליכן באַגע־געניש וועל איך אי״ה דערציילן אין אַ ספּעציעלן בוך.

# איך אַרבעט אין בוכהאַלטעריע

אויפן צווייטן טאָג אין אָוונט בין איך אַוועק צו דער דאָקטערין און איבערגעגעבן איר די פריילעכע בשורה. ווען זי האָט דערהערט, אַז מען האָט מיך אַרויסגענומען פון דער רשימה צו פאַרשיקן מיטן עטאַפּ פון די דייטשן, האָט זי אויסגערופן מיט באַגייסטערונג: איצט זע איך, אַז עס איז דאָ אַ רבונו־של־עולם!

צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט דאָס וואָרט פון איר מויל, הגם זי פלעגט אויך פריער אַריינוואַרפן פון צייט צו צייט אַ יידיש וואָרט אין אונדזערע געשפּרעכן. איר פרייד איז געווען גרויס און זי האָט מיר געזאָגט, אַז דערווייל קען איך ווייטער וווינען אין שפּיטאָל.

דעם עטאַפּ מיט די דייטשן האָט מען אַרויסגעשיקט. מיין געענדערטע צום בעסערן לאַגע האָט מיר צוגעגעבן מוט. איך האָב געאַרבעט אינטענסיוו ביז אין די שפּעטע נאַכט שעהן. עס איז איצט געווען מיין אַמביציע צו מאַכן דעם יאָר־

בילאַנס מיט 15 טעג פאַרן טערמין, ד. ה. ביזן 1־טן מערץ. פאַרשטייט זיך, אַז דערפאַר האָט דער הויפּט־בוכהאַלטער, און נישט איך, באַקומען אַ פּרעמיע. אָבער דאָס האָט אויך פאַרשטאַרקט מיין פּאָזיציע און פאַרגרעסערט מיינע שאַנסן צו פאַרבלייבן אַרבעטן סטאַביל אין דער בוכהאַלטעריע.

מען דאַרף אָבער זאָגן, אַז דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט זיך מיר אָפּגעדינט מיט וואָס ער האָט געקענט. און אפשר האָט ער דאָס געטאָן, ווייל ער איז געווען פאַראינטערעסירט אין מיין אַרבעט ביי אים ? דעם בילאַנס האָב איך געמאַכט צום טערמין. עטלעכע שעה האָב איך אים געניי אויפגעקלערט אַלע ציפערן און אויפן צווייטן טאָג האָט ער זיך געגרייט פאָרן קיין מאָסקווע כדי אָפּצוגעבן דעם בילאַנס אין דער צענטראַלע בוכהאַלטעריע. ער איז געווען אַזוי צופרידן פון מיין אַרבעט, אַז ער איז אַוועק צום הויפּט אָנפירער פון לאַגער און צריקגעקומען מיט עטלעכע גוטע בשורות פאַר מיר.

פאַר מיין גוטער אַרבעט האָט ער אויסגעפועלט ביים לאַגער־אָנפירער מען זאָל מיר אויסשרייבן אַ מתנה — 10 קילאָ פרישע קאַרטאָפל. דאָס איז געווען אַ פאַרמעגן אין מיינע ערשטע זאַפּאַסן צום דערנעענטערנדיקן זיך פּסח. אָבער נאָך מער דערפרייענדיק איז פאַר מיר געווען די ידיעה, אַז דער פאַרשאַלטענער "אַפּער" פאַרלאָזט אונדזער לאַגער און ווערט געשיקט אויף אַ־צוויי־יאָריקן קורס קיין מאָסקווע. און דאָס וויכטיקסטע : נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען האָט דער אָנ־פירער פון לאַגער מסכים געווען, אַז נאָכן אומקערן זיך פונעם הויפּט־בוכהאַלטער פון מאָסקווע גיי איך איבער אָפיציעל אַרבעטן אין בוכהאַלטעריע דערביי האָט דער נאַטשאַלניק אויך מסכים געווען — פאַרשטייט זיך נישט אָפיציעל — "אַז איך וועל זיין באַפרייט פון דער אַרבעט אין די שבתים און יום־טובים. דאָס — דערווייל, ביז מיין צוריקקומען — האָט געזאָגט דער הויפּט־בוכהאַלטער — קענט איר זיך אָפּרוען, קיינער וועט אייך נישט טשעפּען", און מיר האָבן זיך געזעגנט.

קודם כל בין איך אַוועק איינקאַסירן מיינע קאַרטאָפל. אין לאַגער איז געווען אַ מאַגאַזין, ווו די אַרעסטאַנטן האָבן געהאַלטן זייערע ווערטפולע זאַכן, ווי צ.ב. אַז מען האָט דערהאַלטן אַ פּעקל פון דער פריי א.א. דאָרט זענען געווען צוויי עלטערע אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן דאָרט געוווינט און געהיטן אַ גאַנצן מעת לעת, אַז קיינער זאָל נישט גנבענען. איך האָב דאָרט אויך געהאַט מיינס אַ פאַרשלאָסענע וואַליזע. דאָרט האָב איך אויך אַריינגעלייגט די קאַרטאָפל. איך בין אַוועק שלאָפן אין שפּיטאָל.

ווען איך בין אַריין אין מיין צימער האָב איך דערזען, אַז אויפן צווייטן בעטל, וואָס איז אַ לענגערע צייט געווען ליידיק, איז געלעגן מיינס אַ נייער שכן. פאַרטאָג, ווען איך בין אויפגעשטאַנען איז ער נאָך געשלאָפן. איך בין אַוועק אין אַן אָפּגעזונדערט אָרט, ווו איך פלעג אַלע טאָג דאַווענען. ווען איך בין צוריק־געקומען האָט ער זיך מיט מיר באַגריסט אויף יידיש און זיך פאַרגעשטעלט מיטן נאָמען — יוסף.

ער איז געווען אַ מענטש אין עלטער פון בערך 30 יאָר. ווי אַחים לצרה האָבן מיר גלייך פון ערשטן מאָמענט געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַ ווילנער. אין 1941 יאָר, נאָכן איבערפאַל פון די היטלעריסטן אויפן ראַטנפאַרבאַנד האָט ער זיך פרייוויליק מאָביליזירט אין דער סאָוויעטישער אַרמיי. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, ווען עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ באַזונדערע ליטווישע אַרמיי, איז ער אַריבער געפירט געוואָרן אין דער ליטווישער בריגאַדע. ער איז געווען אויפן פראָנט כמעט ביזן סוף פון דער מלחמה. דריי מאָל איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן און יעדעס מאָל איז ער גיגיין צוריק אויף די קאָמפּ׳ס פּאָזיציעס. אָבער נישט געקוקט דערויף האָט ער, און נאָך אַנדערע יידן, וועלכע האָבן מיט צוזאַמען געדינט, נישט באַקומען קיין איין אויסצייכענונג, אין דער צייט, ווען די ליטווינער, צווישן זיי אַפילו אַזעלכע וואָס האָבן כמעט נישט אַנטייל גענומען אין די קאָמפן, זענען געווען באַהאָנגען מיט אָרדערן און מעדאַלן.

דאָס איז געווען שוין אין יאַנואַר 1945, ווען זיי זענען שוין געווען אויף דער דייטשער טעריטאָריע, איז ער געזעסן ביינאַכט מיט אייניקע פון זיינע יידישע חברים. ווי דער שטייגער אין אַזעלכע פאַלן, האָט מען גערעדט וועגן די יידישע צרות. דאַן האָט ער געזאָגט צו זיינע חברים, אַז די יידן, וואָס האָבן זוכה געווען איבערצולעבן היטלערן, דאַרפן נאָך דער דאָזיקער מלחמה פאָרן קיין ישראל, אָרגאַניזירן אַן אייגענע מדינה און נישט זיין מער קיין סובלאָקאַטאָרן ביי פרעמדע פעלקער אין פרעמדע מדינות.

אין דער זעלבער נאַכט האָט מען אים אויפגעוועקט און אַפּגעפירט אין "אָסאָבאָדיעל" ד.ה. די נ.ק.וו.ד. אָפּטיילונג אין דער אַרמיי. נאָך לאַנגע שעהן פון פאַרשונגען אַן איבעררייס, האָט מען אים געגעבן אונטערשרייבן אַ פּראָטאָקאָל. היות ער האָט נישט געקענט קיין רוסיש, האָט ער געבעטן רופן אַ צווייטן ייד, וועלכער האָט געדינט צוזאַמען מיט אים, כדי יענער זאָל דאָס אים איבערזעצן.

די ערשטע זאַצן פון פּראָטאָקאָל זענען פאַקטיש געווען געענוי דאָס, וואָס ער האָט יענער נאַכט געזאָגט צו זיינע חברים, אָבער נאָך דעם זענען געווען צוגע־געבן פאָלגענדיקע ווערטער, וועלכע ער האָט אויך כלומרשט דאַן געזאָגט: "היות מען וועט אונדז פון דאַנען נישט אַרויסלאָזן, דאַרפן מיר יידן אָרגאַניזירן אַן אויפּ־שטאַנד כדי אַראָפּצוואַרפן די ראַטנמאַכט און צוריק איינשטעלן די מאַכט פון צאַר, ווייל נאָר דאַן וועלן אַלע רוסישע יידן קענען פאָרן קיין ישראל און דאָרט אָרגאַ־ניזירן זייער אייגענע מדינה".

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן די דאָזיקע שקרים. דאַן האָט דער אויספאָרשער אַרויסגערופן דריי סאָלדאַטן, וועלכע האָבן גענומען אים מערדערלעך שלאָגן. דערביי האָבן זיי אים צעבראָכן די רעכטע האַנט, איבערייסנדיק אַלע אָדערן. פון די גרויסע יסורים האָט ער געחלשט.

ווען ער איז געקומען צו זיך, איז ער געלעגן איינער אַליין אין אַ צימער. די ווייטיקן זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקע. ער האָט געשריגן מען זאָל אים ברענגען

אַ דאָקטער. אָבער קיינער האָט אַפילו נישט געעפנט די טיר פון צימער. צום סוף, נאָך עטלעכע שעה, האָט מען אים, אין אַזאַ מצב, צוריקגעפירט צום אויספאָרשער.

ער האָט זיך געקלעמט פון יסורים און דער אויספאָרשער האָט צו אים געזאָגט מיט אַ ציניש שמייכל: — "מיט דער רעכטער האַנט וועסטו שוין וואַר־שיינלעך דעם פּראָטאָקאָל נישט אונטערשרייבן. דאָס איז באמת אַ שאָד. נאָר דו האָסט נאָך איין אויסוועג. קענסט אונטערשרייבן מיט דער לינקער האַנט. אויב דו וועסט ווייטער זיין אַן עקשן, האָב איך מורא, אַז דו וועסט דאָס שוין נישט קענען טאָן אויך מיט דער לינקער... אָבער אָן אַ שפּאַס". — האָט ער געזאָגט, גלייך ווי ער וואָלט דערציילט אַ געלונגענעם וויץ — "אויב דו וועסט אונטער־שרייבן, וועלן מיר דיך גלייך אָפּשיקן אין שפּיטאָל, ווו מען וועט דיר אויסהיילן די האַנט און נאָך דעם, וועלן מיר דיך באַפרייען, סיי פון דער תפיסה, און סיי פון מיליטער".

אַ שרעק איז אים באַפאַלן. ער האָט געזען, אַז דער אויספאָרשער איז גרייט אויסצופירן זיין דראָאונג. בלייבן אַ קאַליקע אָן הענט, דאָס איז דאָך ערגער ווי דער טויט. האָט ער אונטערגעשריבן.

מען האָט אים טאַקע אָפּגעפירט אין אַ שפּיטאָל, אָבער קיין היילונג האָט ער נישט באַקומען. ער איז דאָרט געלעגן עטלעכע וואָכן. דאָס געשווילעכץ איז אַוועק. אָבער די אָפּגעריסענע האַנט האָט אָפּגעטריקנט און געבליבן הענגען. ער איז פאַרבליבן אַן אינוואַליד אויף דער רעכטער האַנט. נאָך עטלעכע חדשים תפיסה, האָט דאָס מיליטערישע געריכט אים פאַרמשפּט אויף 10 יאָר לאַגער.

אין דעם פריערדיקן לאַגער, ווו ער איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון זיין שטראָף, איז אים געווען פאַרהעלטנישמעסיק גוט. ער האָט געאַרבעט אין קיך, ס'איז אים נישט געווען אַזוי שווער און ער האָט געקענט עסן צו דער זעט. האָט מען זיך אָבער דערמאָנט, אַז ער איז אַ ציוניסט, וואָס איז דאָן געווען אין דער מאָדע אַלס דאָס גרעסטע פאַרברעכן. עס איז געקומען אַ באַפעל צו שיקן אים אין אַ לאַגער מיט אַ ספּעציעל שטרענגען רעזשים.

העכער צוויי חדשים צייט, בעת דעם שווערן ווינטער האָט ער זיך געשלעפּט מיטן עטאַפּ פון טורמע צו טורמע. אין וועג האָט זיך דערקילט און באַקומען הויכע היץ. האָט מען אים נעכטן אין אָוונט געבראַכט אין איבערזידלונגס פּונקס פון אונדזער לאַגער. די דאָקטערין האָט אים דאָרט אונטערזוכט און געהייסן גלייך אָפּפירן אין שפּיטאָל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געהאַט אַ שווערע אָנצינדונג.

ווען ער האָט מיך דערזען, איז ער געווען זייער איבעראַשט. ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט צו באַגעגענען אין לאַגער אַ ייד מיט אַ באָרד און פּאות. ער איז געווען פולשטענדיק צעבראָכן, פיזיש און גייסטיק. נאָך אין דער צייט פון זיין מיליטער דינסט איז ער געווען אין ווילנע. ער האָט נישט געפונען קיינעם פון זיין פאַרצווייגטער משפחה און קרובים. אַלע זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן. און ער, דער איינציקער וואָס איז ניצל געוואָרן נאָך אַזויפיל ליידן

און קאַמף, ווערט ווייטער געפּייניקט דורך די, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געקעמפּט.

— פאַר וואָס קומט אונדזער פאָלק אַזעלכעליידן? — האָט ער אויס־גערופן. כדי אים טרייסטן און צוגעבן מוט, האָב איך אים דערציילט וועגן מיינע איבערלעבונגען במשך העכער 13 יאָר לאַגערן. — איר ווייסט פון וואַנען איך האָב געשעפּט כוחות דאָס אַלץ איבערצוהאַלטן — האָב איך אים געזאָגט. — אין אונדזער אמונה. מען דאַרף זען אַלע דערשיינונגען נישט נאָר מיטן טרוקענעם שכל, נאָר קודם כל אין דער השגחה עליונה. במשך פון 2 טויזנט יאָר גלות האָבן מיר איבערגעלעבט נישט איין חורבן, אָבער דער אויבערשטער האָט אונדז נישט פאַרלאָזט און מיר האָבן איבערגעלעבט אונדזערע שנאים און פאַרבליבן אַלס יידיש פאָלק. ער איז געווען אָפּגעריסן פון די געשעענישן אין דער וועלט און נישט געהאַט קיין שום אינפאָרמאַציע. איך האָב אים דערציילט וועגן דעם אויפבוי פון די יידישע ישובים אין אייראָפּע, און דער עיקר, וואָס דווקא נאָכן גרויסן חורבן בעת דער מלחמה, איז אויפגעקומען צו תחית המתים די יידישע מדינה אין ישראל. מיטן אויבערשטנס הילף, וועלן מיר נאָך אויך זוכה זיין צו קומען קיין ישראל.

איך האָב געזען בפועל ממש, אַז מיינע שמועסן מיט אים האָבן אַ גרויסע השפּעה, אַז ביסלעכווייז הייבט ער אָן צוריק געווינען די גלייכגעוויכט און דעם גלויבן, אַ סך האָט אים אויך געהאָלפן די דאָקטערין. זי האָט אים געגעבן די בעסטע רפואות וואָס איז געווען מעגלעך אין די באַדינגונגען פון לאַגער, ווי אויך עסן צו דער זעט.

נאָך צוויי וואָכן איז ער געווען אַ צווייטער מענטש. ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און אויך אין זיינע אַנשויאונגען איז געקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. דער מענטש, וואָס איז במשך פון לאַנגע יאָרן געווען אָפּגעפרעמדט פון יידישקייט, האָט אָנגעהויבן מאַכן ברכות און יעדן טאָג געדאַוונט פון מיין סידור. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיך געמוזט שטאַרק היטן בפרט ווען איבער אים איז געהאָנגען די באַשולדיקונג אין ציוניזם, וואָס איז געווען אַ שרעקלעך פאַרברעכן.

איך האָב אָנגעהויבן מאַכן באַמיאונגען, אַז יוסף זאָל פאַרבלייבן אין אונדזער לאַגער, ווי איך האָב איצט געהאַט אַזאַ פּאָזיציע, וואָס האָט מיר דער־מעגלעכט אים איינצואָרדענען אויף אַ לייכטע אַרבעט. די דאָקטערין האָט מסכים געווען אים אויסצושטעלן אַ באַשטעטיקונג, אַז ער איז אַ פולער אינוואַליד, וואָס האָט איבעריקנס אַנטשפּראָכן דערווירקלעכקייט. אויף דעם סמך האָט ער געהאַט אַ רעכט צו זיין באַשעפטיקט נאָר ביי לייכטער אַרבעט.

אויך דער לייטער פון דער לאָקעס פאַבריק, דער יידישער אינזשיניער פון דייטשלאַנד, האָט נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן. ווען איך האָב אים דער־ציילט די איבערלעבונגען פון דעם ייד, האָט ער גלייך מסכים געווען אים צו באַשעפטיקן ביי זיך און אויך געגעבן אים אַן אָרט אין באַראַק פון די אַרבעטער פון דער פאַבריק, וווּ עס זענען געווען בעסערע באַדינגונגען, ווי צוזאַמען מיט גנבים און מערדער.

נאָך אַ קורצער צייט האָט יוסף זיך צוגעוווינט אַרבעטן מיט דער לינקער האַנט און אַפּילו אויסגעפּירט די נאַרמעס, וואָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו באַקומען אַ נאַרמאַלע נאַרמע ברויט און צוקער. יעדן שבתצונאַכט האָבן מיר פאַרברענגט צוזאַמען. איך האָב אים דערציילט פון זכרון פון חומש און תנ״ך. מיט דער צייט איז יוסף געוואָרן נישט צום דערקענען. ער איז געוואָרן אַ ייד מיט בטחון, וואָס האָט אים געהאָלפן איבערהאַלטן די ביטערע יאָרן.

אויך אין מיין לאַגע איז פאַרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. דער הויפּט־בוכהאַלטער איז צוריקגעקומען פון מאָסקווע אַ צופרידענער פון דער אַרבעט, וועלכע איך האָב געמאַכט, און ער האָט באַקומען אַ פּרעמיע. מיט עטלעכע טעג פריער איז געקומען אַ נייער הויפּט־אַנפירער פון לאַגער, אויפן אָרט פון דעם ייד, וועלכן מען האָט באַזייטיקט פון דעם אַמט.

דער בוכהאַלטער האָט מיך אַרויסגערופן צו זיך און דערקלערט, אַז ער האָט שוין דערלעדיקט מיטן נייעם נאַטשאַלניק, אַז איך וועל אָפיציעל זיין זיין פאַרטרעטער. איך וועל זיצן צוזאַמען מיט אים אין איין צימער און וועל אַפילו האָבן די רעכט אונטערצושרייבן דאָקומענטן בעת זיין אָפּוועזנהייט. זייער אָפּט איז ער געפאָרן אויף עטלעכע טעג קאָנטראָלירן די פינאַנסן אין די באַזונדערע אָפּטיילונגען פון לאַגער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער געגנט. פאַרשטייט זיך, אַז אין באַנק וועט מען מיין אונטערשריפט נישט באַשטעטיקן, ווייל איך בין אַן אַרעסטאַנט. אין אַזעלכע פאַלן, וועט אויף מיין פאַרשלאַג אונטערשרייבן די נויטיקע דאָקומענטן איינער פון די דיזשורירנדיקע אָפיצירן. עס איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן, אַז איך וועל וווינען אין באַראַק פון די בוכהאַלטערן.

אויפן צווייטן טאָג האָט דער נייער אַנפירער פון לאַגער אַרויסגערופן צו זיך מיך צוזאַמען מיטן הויפּט־בוכהאַלטער. גלייך פון ערשטן מאָמענט האָט ער געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק פון אַ ליבעראַלן מענטש, וואָס איז געווען זעלטן צו טרעפן צווישן די לאַגער, אַנפירער. ער האָט נישט גערעדט מיט מיר פון דער פּאָזיציע צווישן נאַטשאַלניק פון לאַגער און אַרעסטאַנט. ער האָט מיך געבעטן זיצן. אַ ווײַלע האָט ער מיך באַטראַכט און געזאָגט :

— דאָס זייט איר דער פרומער ייד, וועלכער פאַרשאַפט אַזויפיל קלאָפּאָטן מיט זיין אויפפירונג... די עיקר צרה איז מיט אייער באָרד און פּיאות. איך האָב שוין אַפילו אַ ראַפּאָרט וועגן דעם. איך ווייס — האָט ער צוגעגעבן, — אַז איר וועט פון דעם נישט רעזיגנירן. איבעריקנס. איך וויל נישט זיין דער, וואָס וועט אייך דאָס אויפצווינגען. איך וויל אָבער, אַז דער ענין זאָל זיין פאָרמעל דערלע־דיקט, כדי דער אָפיציר וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָפּהיטן דעם רעזשים אין הסכם מיט די פאַרשריפטן, זאָל נישט קומען כסדר צו מיר מיט טענות. מיין עצה איז, איר זאָלט זיך ווענדן צו דער לייטערין פון דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג, צו דער דאָקטערין, אַז זי זאָל אייך געבן אַן אָפיציעלע דערלויבעניש צו טראָגן די באָרד און פּאות און באַשטעטיקן, אַז פון סאַניטאַרן שטאַנדפּונקט האָט זי נישט קיין שום באַוואָרעניש.

נאָך דעם אַריינפיר זענען מיר צוגעטרעטן צו באַשטימען מיינע פליכטן און אויפגאַבן. דער נאַטשאַלניק איז שוין געווען אינפאָרמירט וועגן דעם, אַז איך אַרבעט נישט אין די שבתים און יום־טובים. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט גאָר נישט קעגן דעם, מיטן באַדינג, אַז איך וועל אין די איבעריקע טעג אויספירן אַלע מיינע אויפגאַבן. דערביי האָט ער אויף מיר אַרויפגעלייגט אַ נישט אַנגענעמע אויפגאַבע, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַן סאָוועטישן סיסטעם בכלל.

דער נאַטשאַלניק האָט מיר געזאָגט, אַז זייער אָפט קומען צו אים אָפיצירן מיט בקשות אויסשרייבן זיי געלט אָדער זאַכן פון מאַגאַזין, צו וואָס זיי האָבן נישט קיין רעכט, און וואָס איז אַפילו נישט דערלויבט.

— אָבער איר פאַרשטייט, — האָט ער געזאָגט — איך קען זיך נישט אַרומרייסן מיט אַלע. און איך בין נישט מחויב אַריינצודרינגען אין אַלע איינצל־הייטן. איך וועל דעריבער געבן אַ פאַראָרדענונג דעם קאַסירער און מאַגאַזינער, אַז אָן אייער אונטערשריפט זאָלן זיי קיינעם גאָר נישט אַרויסגעבן, אַפילו ווען איך האָב דאָס געחתמעט. איר דאַרפט זיך אויך מיט דעם נישט רעכענען, נאָר אויב דאָס איז נישט אין הסכם מיט די פאָרשריפטן, זייט איר פאַראַנטוואָרטלעך, אַז איר זאָלט דאָס נישט אונטערשרייבן. איך ווייס — האָט ער צוגעגעבן, — אַז די אָפיצירן וועלן אייך זידלען און דראָען. אָבער איך וועל אייך נישט לאָזן טאָן קיין עוולה צוליב דעם.

די דאָזיקע פאַראָרדענונג איז פאַר מיר נישט געווען קיין נייעס. איך האָב דאָס געקענט פון מיין לאַנגיאָריקער פּראַקטיק אַלס בוכהאַלטער אין די סאָ־וויעטישע אינטערנעמונגען. אויף אַזאַ אויפן האָבן די גרויסע אָפּגעצויגן פון זיך דעם צאָרן פון פּשוטן מענטש און געריכטעט אים אויף די קלענערע באַאַמטע. אין דעם פאַל איז עס געווען ביז גאָר באַקוועם, ווייל דאָס איז געווען שייך אַן אַרעסטאַנט.

איך האָב אים געדאַנקט און דערקלערט, אַז היות ער ווייזט מיר אַרויס אַזויפיל פאַרשטענדעניש און אַפילו פריינדשאַפט, וועל איך נישט שפּאָרן מיין צייט און כוח, אַז אַלץ זאָל געמאַכט ווערן צו דער צייט און אין הסכם מיט זיינע פאַראָרדענונגען.

דער הופּט בוכהאַלטער איז נישט געווען קיין שלעכטער מענטש. אָבער ווי די מערהייט רוסן, האָט ער ליב געהאַט דעם טרונק... אָפטמאָל איז ער אונטערן פּרעטעקסט פון קאָנטראָלן, פאַרפאָרן צו זיינע פריינד און עטלעכע טעג געמאַכט אַ לחיים. איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך ווייס נישט וועגן דעם און און באַמיט זיך, אַז דאָס זאָל נישט האָבן קיין השפּעה אויף אונדזער אַרבעט, אַז אַלץ זאָל געמאַכט ווערן צו דער צייט. ער האָט דאָס אויך דערשאַצט און געהאַלטן זיין צוזאָג. פרייטיק און שבת איז ער שטענדיק געווען אין ביוראָ, כדי עס זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן מיין אָפּוועזנהייט אין די טעג. אונדזער צוזאַמענ־אַרבעט איז געווען אַ גוטע. און בײדע צדדים זענען געווען צופרידן.

דעם 10־טן אַפּריל האָב איך באַקומען אַ פּעקל פון דער פריי. די באַ־

שעפּטיקטע אויף דער פֿאַסט זענען געווען פֿאַרוווּנדערט ווען זיי האָבן געזען, אַז דאָס גאַנצע פּעקל איז נאָר מצה. אָבער איך בין געווען גליקלעך. צוזאַמען מיט די 10 קילאָ קאַרטאָפֿל, בין איך שוין געווען פֿאַרזיכערט אויף פּסח. איך האָב דאָס פֿאַרפּאַקט אין אַ ריינעם ליילעך און אָפּגעטראָגן אין אַרכיוו פֿון בוכהאַלטעריע, איבער וועלכן איך בין שוין איצט געווען אַליין בעל־הבית. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך דערהאַלטן נאָך איין פּעקל, דאָס מאָל האָב איך באַקומען טיי, ניס, און צוקער. די דאָזיקע פּראָדוקטן האָב געקענט סטייען פֿאַר מיר און פֿאַר יוספֿן אויף אַלע טעג פּסח.

איך האָב זיך געטראָפֿן מיט יוספֿן און געגעבן אים צו פֿאַרשטיין די האַרבּ־קייט פֿון עסן חמץ אין פּסח און איבערצייגט אים, אַז ער דאַרף עסן צוזאַמען מיט מיר און צוזאַמען פּראַווען דעם סדר. וואָס שייך דעם סדר, האָט ער גלייך מסכים געווען. ער האָט אָבער געהאַט פֿאַרבאַהאַלטן, צו ער האָט אַ רעכט, אין די הונגער באַדינגונגען פֿון לאַגער, צו עסן מיינע פּראָדוקטן.

איך האָב אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז די תורה זאָגט, „כל ישראל ערבים זה לזה”. די פּעקלעך האָט טאַקע געשיקט מיין פֿרוי, אָבער זי וואָלט נישט געווען בכוח דאָס אַליין צו דערגרייכן, ווען נישט די הילף פֿון אַ סך יידן. דער געפֿיל, אַז עס זענען פֿאַראַן מענטשן, וואָס באַמיען זיך צו העלפֿן אַ צווייטן ייד אין אַן עת צרה, גרינגער צו מאַכן דעם שווערן מצב, אין וועלכן מיר געפֿונען זיך אין לאַגער, דער געפֿיל, אַז איך בין נישט איינזאַם, אַז איך האָב אַ גרויסן בונד מיט אַלע מיינע קרובים און פֿריינט אויף דער פֿריי, דאָס אַלץ גיט צו כוח אויסצוהאַלטן די ליידן, נישט שרעקן זיך, נישט פֿאַרלירן די האָפֿענונג, אַז מיר וועלן נאָך דער־לעבן צו זיין באמת פֿרייע מענטשן.

איך האָב אים געבראַכט אַלס ביישפּיל דעם קאַמף וואָס איך האָב געהאַט מיט דעם אָפֿיציר, וואָס האָט דווקא געוואָלט מיר אָפּשערן די באָרד און פּאות. ער האָט געפֿירט מיט מיר אַ נערוון מלחמה. דערפֿאַר וואָס איך האָב זיך נישט איינגעבראָכן האָט מיר דער אויבערשטער געהאָלפֿן, צוגעשיקט די דאָקטוירין, וועלכע האָט באַשטעטיקט, אַז די באָרד איז ביי מיר ריין און איך בין נישט פֿאַרפּליכטעט זי אָפּצושערן. דער מענטש ווערט כסדר געשטעלט פֿאַר נסיונות. אָבער נאָך דעם, ווען איז גובר די שווערייקייטן זעט מען ערשט, ווי נאַריש מיר וואָלטן געהאַנדלט, אויב מיר וואָלטן נישט אויסגעהאַלטן דעם פּרווו און זיך אונטערגעגעבן.

פֿון מיין דערפֿאַרונג במשך פֿון העכער 10 יאָר זיין אין לאַגער האָב איך געלערנט אויף יעדן שפּאַן, אַז איך וואָלט שוין לאַנג געווען אומגעקומען, אויב איך וואָלט אַפֿילו אין די שווערסטע מאָמענטן פֿאַרלוירן דעם בטחון. מיין כוח איז אין דער האָפֿענונג, אַז דער אויבערשטער וועט אונדז העלפֿן און מיר וועלן באַפֿרייט ווערן און קומען קיין ישראל, ווו מיר וועלן לעבן ווי פֿרייע יידן.

פֿרייטיק איז אויסגעפֿאַלן ערב פּסח. אין הסכם מיט אונדזער אָפּמאַך, האָט מיר דער הויפּט־בוכהאַלטער געזאָגט, אַז איך קען רואיק פּראַווען מיין יום־טוב,

נאָר ער האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל זיך פאַרהאַלטן אַזוי, אַז קיינער זאָל זיך חלילה וועגן דעם נישט דערוויסן.

נאָך האַלבן טאָג בין איך אַוועק אין אַרכיוו, ווו איך האָב געהאַט שוין פון פריער צוגעגרייט נייע כלים, וועלכע איך האָב גענומען פון מאַגאַזין און געכשרט. איך האָב געפונען דאָס עלעקטרישע אייוועלע, וואָס איז געווען באַהאַלטן נאָך פון פריערדיקן יאָר, ווען איך האָב געפּראַוועט סדר צוזאַמען מיט צבי הערשלען. איך האָב אויפגערוימט דאָס שטיקל צימער, אָפּגעקאָכט קאַרטאָפל און טיי. אין אָוונט איז געקומען יוסף, מיר האָבן געדאַוונט און געזעצט זיך צום סדר.

ווען מיר זענען שוין געווען ביים פערטן כוס, פאַרשטייט זיך נישט פון ווייַן, נאָר זיסע טיי, האָט זיך יוסף צעוויינט. — איך בין איצט אַלט 31 יאָר. — האָט ער געזאָגט. — צום לעצטן מאָל בין איך געזעסן ביים סדר פּסח, ווען איך בין געווען אַ 13 יעריק ייִנגל. נאָך דעם בין איך געווען פולשטענדיק אָפּגעריסן פון ייִדישקייט. און איצט, נאָך אַזויפיל יאָר, זיץ איך ווידער ביי אַ סדר, און דאָס אין אַ סאָוויעטישן לאַגער.

מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען ביז האַלבנאַכט. נאָך דעם בין איך אַוועק צו זיך און יוסף אין זיין באַראַק שלאָפן. איך האָב אים געגעבן עטלעכע געבאַקענע קאַרטאָפל אויף פרישטיק אויפן צומאָרגנס, און אָפּגעשמועסט מיט אים, אַז אויף מיטאָג וועט ער קומען צו מיר אין אַרכיוו, און איך וועל צוגרייטן אויף מיטאָג קאַרטאָפל און מצה, כדי ער זאָל נישט עסן קיין חמץ.

יוסף האָט געהאַלטן וואָרט. במשך פון אַלע טעג פּסח האָט ער נישט געגעסן קיין חמץ. ער איז געקומען אויף מיטאָג, און אין אָוונט האָבן מיר ווידער אָפּגעקאָכט קאַרטאָפל און טיי און געפּראַוועט דעם צווייטן סדר. מיר האָבן פאַרבראַכט ביז שפּעט און ביידע זענען מיר פאַרבליבן נעכטיקן אין אַרכיוו. צומאָרגנס, היות ס'איז געווען זונטיק און ער האָט נישט געמוזט גיין צו דער אַרבעט, האָבן מיר צוזאַמען געדאַוונט און פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג אין אַ יום־טובדיקער שטימונג.

נאָך אין זעלבן אָוונט בין איך אַוועק אין בוכהאַלטעריע כדי אָפּאַרבעטן די טעג פון יום־טוב. איך האָב אָפּגערעדט מיט יוספן, אַז איך וועל אַלע טעג פון חל־מועד צוגרייטן עסן פאַר ביידע און יעדן אָוונט און פאַרטאָג, וועלן מיר זיך טרעפן אין אַרכיוו, כדי נעמען דאָס עסן.

די צווייטע טעג פּסח זענען אויסגעפאַלן פרייטיק און שבת. עס איז מיר איינגעפאַלן צו מאַכן אַ פּרוּוו פאַר באַפרייען יוספן פון דער אַרבעט אין די טעג. יוסף האָט גערן מסכים געווען, כאָטש ער האָט נישט געגלויבט, אַז דאָס וועט מיר געלונגען.

איך בין אַוועק צו דער אויפזעערין, די פּוילישע סקולפּטורין אין דער פאַבריק פון לאַלקעס. איך האָב געפּרוּווט געפינען עפּעס אַ תירוץ, אָבער זי האָט מיר גלייך געזאָגט: — איך ווייס, אַז איצט איז ביי אייך פּסח. איך ווינטש אייך פון גאַנצן האַרצן איר זאָלט גוט פאַרברענגען. נאָר היט אייך פאַר די מוסרים, ווייל מיר קענען אַלע צוזאַמען אַריינפאַלן און ליידן.

דאַנערשטיק אין אָוונט איז יוסף געקומען צו מיר אין אַרכיוו. מיר האָבן זיך צוגעגרייט אַ מאַלצייט. און נאָך דעם ווי מיר האָבן געדאַוונט און אָפּגעגעסן האָב איך אים אויפגעקלערט דעם נס פון קריעת ים סוף. דער דאָזיקער נס איז נאָך איין באַווייז, אַז מיטן אויבערשטנס כוח, קען זיך דער מענטש געוויס אַנטקעגנ־שטעלן אַפילו דעם שטראָם פון וואַסער. אויך אין אונדזער לעבן טרעפט אָפּט, אַז דאָס שלעכטס וויל אונדז פאַרפלייצן. נאָר מיטן כוח פון אונדזער אמונה קענען מיר זיך אַנטקעגנשטעלן דעם שטראָם און פאַרבלייבן ערלעכע יידן און ווירדיקע מענטשן.

אַ בולטער ביישפּיל איז געווען אונדזער אייגענער לאַגע. מיר זענען געווען אין אַ לאַגער מיט אַ שווערן רעזשים. דווקא אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן מיר, צוויי יידן געפּראַוועט סדר, אָפּגעהיטן אונדזער יום־טוב, נישט געגעסן קיין חמץ און אַלע שונאים אַרום אונדז האָבן אונדז נישט געקענט שטערן.

ביידע טעג זענען מיר כמעט נישט אַרויסגעגאַנגען פון אַרכיוו. מיר האָבן זיך נישט געוואָלט וואַרפן אין די אויגן פון דער נאַטשאַלסטווע, כדי זיי זאָלן נישט באַמערקן, אַז מיר אַרבעטן נישט. מיר האָבן אַ סך גערעדט אויך וועגן די געשע־ענישן אין דער וועלט. יוסף האָט מיר מודה געווען, אַז פאַר זיין אָנקומען אין דעם לאַגער איז ער געווען אַנטוישט אין אַלץ און אַלעמען, ממש נאָענט צו זעלבסט־מארד. איצט האָט ער אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז נישט עס לעבט זיך אַליין פון זיך זעלבסט, נישט עס פירט זיך אַליין, אַז עס איז פאַראַן אַ בעל־הבית, דער אויבער־שטער, וואָס פירט מיט דער וועלט, אַז עס זענען פאַראַן דינים, וועלכע מען דאַרף אָפּהיטן.

עס איז געקומען דער אָוונט. מיר האָבן מקבל שבת געווען, אָפּגעגעסן אַ שבת־יום־טובדיקע סעודה, געזונגען זמירות, און מיר זענען שוין פאַרבליבן ביידע נעכטיקן אין אַרכיוו. צומאָרגנס נאָכן דאַווענען און אָפּעסן, האָב איך גערעדט מיט אים וועגן הלכות שבת, וועגן דער באַדייטונג פון נשמה יתירה און מלוה מלכה. און אַזוי האָבן מיר נישט באַמערקט ווען ס׳איז פאַרביי דער טאָג. מיר האָבן גע־דאַוונט מנחה מעריב און געמאַכט הבדלה. די דאָזיקע טעג וואָס מיר האָבן פאַר־ברענגט צוזאַמען האָבן געמאַכט אויף אונדז אַן איינדרוק, ווי מיר וואָלטן כלל נישט געווען אין דעם פאַרשאָלטענעם לאַגער. מיר האָבן זיך געפילט ווי פרייע מענטשן. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן, צונויפצוקומען זיך אין צימער פון אַרכיוו יעדן פרייטיקצונאַכט, מקבל שבת זיין, מאַכן קידוש און פאַרברענגען ווי יידן אין שבת. דאָס איז אונדז אָבער נישט געווען באַשערט.

צוויי טעג נאָך פסח האָט מיך גערופן צו זיך די דאָקטערין. זי האָט מיר דערציילט בסוד, אַז עס איז געקומען אַ קאָמיסיע וועלכע וועט אויסוויילן אַ באַשטימטע צאָל מענטשן פון צווישן די קראַנקע און שוואַכע אַרעסטאַנטן, וועלכע וועלן געשיקט ווערן אין לאַגער אין קאַזאַכסטאַן, ווו זיי וועלן באַשעפטיקט אין דער לאַנדווירטשאַפט. דער קלימאַט איז דאָרט אַ לייכטערער, דער רעזשים אין דעם לאַגער איז נישט אַזאַ שטרענגער ווי דאָ, און די אַרבעט אויך אַ גרינגערע.

— אמת — האָט זי געזאָגט —, אַז דערווייל האָט זיך אייער לאַגע דאָ פאַרבעסערט. אָבער ווער קען וויסן וואָס מאָרגן וועט זיין. דערווייל בין איך דאָ און איך קען אייך העלפן. אין אַ שיינעם טאָג קאָן מען מיך אויך אָוועקשיקן פון דאַנען. אויב איר ווילט קען איך אייך שטעלן פאַר דער קאָמיסיע און דערלעדיקן, אַז זיי זאָלן אייך שיקן אין קאַזאַכסטאַן.

איך האָב איר געדאַנקט און געזאָגט, אַז איך קלויב זיך נישט אויס קיין לאַגער איך פאַרלאָז זיך אויפן אויבערשטן. ווו ער פירט, אַזוי איז גוט. האָבן מיר באַשלאָסן, אַז זי וועט נישט מאַכן קיין שום באַמיאונגען. ווי די קאָמיסיע וועט באַשטימען, אַזוי וועלן מיר אָננעמען פאַר גוט.

צומאָרגנס בין איך, צוזאַמען מיט עטלעכע טויזנט אַרעסטאַנטן געשטאַנען פאַר דער קאָמיסיע. די ערשטע פראַגע איז געווען, ביי וואָס איך בין באַשעפטיקט. ווען איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך בין באַשעפטיקט אין ביוראָ אַלס בוכ־האַלטער, האָבן זיי געזאָגט אַז אַלס ספּעציאַליסט דאַרף איך בלייבן אויפן אָרט. בפרט ווען איך אַרבעט נישט אין וואַלד, און היות איך בין שוין דאָ אַזויפיל יאָר, האָב איך זיך שוין צוגעוויינט צום קלימאַט און עס דראָט מיר נישט קיין שום געפאַר.

אין אָוונט איז יוסף געקומען צו מיר און מיט גרויס שמחה דערציילט, אַז די קאָמיסיע האָט באַשטעטיקט אים צו שיקן אין קאַזאַכסטאַן. ער איז געווען זייער צופרידן ווייל ער האָט שטאַרק געליטן פון די פרעסט. עס איז אים נאָר געווען שווער צו צעשיידן זיך מיט מיר.

דעם אמת געזאָגט איז פאַר מיר אויך געווען שווער די צעשיידונג. אָבער איך האָב אים געטרייסט, אַז דער אויבערשטער איז אומעטום. דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס אין יענעם לאַגער זענען די באַציאונגען געווען בעסערע, די אַרבעט אַ לייכטערע און עס זענען געווען גרעסערע שאַנסן באַפרייט צו ווערן. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר זיך געזעגנט. איך האָב באַקומען פאַר אים אַ ביסל סוכאַרעס אויפן וועג. ער איז אַוועק און בין ווידער פאַרבליבן פאַראיינזאַמט, נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך שטאַרק דערנעטערט צו זיך און געפילט זיך ווי ברידער.

# איך אַנטלויף פון אונטער דעם מעסער

מיין לאַגע איז וואָס אַן אמת געווען אַ בעסערע, אָבער מיין אַרבעט איז געווען אַ שווערע. דער הויפּט־בוכהאַלטער איז אַוועקגעפאָרן אויף גאַנצע וואָכן און איך בין געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ. אַ גאַנצן טאָג בין איך געווען פאַרנומען מיט אינטערעסאַנטן און ערשט אין אָוונט האָב איך געמוזט אַרבעטן ביי דער בוכהאַלטעריע ביז אין די שפּעטע נאַכט שעהן.

עס איז אָנגעקומען שבועות, וואָס איז אין דעם יאָר אויסגעפאַלן אין די טעג פון זונטיק און מאָנטיק, דעם 13־טן און 14־טן יוני. דאָס האָט באַדייט, אַז איך האָב נישט געקענט אַרבעטן דריי טעג נאָכאַנאַנד. דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט מיר טאַקע נישט געמאַכט קיין שום שטערונגען. איך האָב געקענט אַלע דריי טעג זיצן ביי מיר אין אַרכיוו, דאַווענען, זאָגן תהילים און אָפּרוען. אָבער גלייך נאָך יום־טוב האָב דאָס געמוזט אָפּאַרבעטן. ווידער איז געווען אַ יאָגעניש אין דער אַרבעט, ווייל אין 1־טן אויגוסט איז געווען דער טערמין אָפּצוגעבן דעם האַלביאָר־בילאַנס.

דעם בילאַנס האָב איך געמאַכט צו דער צייט, אָבער מיין געזונט צושטאַנד האָט זיך כסדר פאַרערגערט. אַ חוץ מיין געשוויר אויפן מאָגן, האָט זיך מיר צו־געשטעפּעט אַ נייע קרענק — מערידן, וואָס האָט מיר פאַרביטערט דאָס לעבן. איך האָב פאַרלוירן אַ סך בלוט. אַלע רפואות וואָס די דאָקטערין האָט מיר געגעבן, האָבן נישט געהאָלפן. די עיקר סיבה איז געווען, וואָס איך האָב געגעסן דאָס שוואַרצע, קלעפּיקע ברויט. אָבער דאָס דאָזיקע ברויט איז געווען מיין איינציקע דערנערונג. דאָס טריפענע עסן פון קיך האָב איך נישט געקענט נעמען, און קיין אַנדער ברויט האָב איך נישט געקענט באַקומען.

די דאָקטערין האָט מיר געזאָגט, איך מוז מיך אונטערגעבן אַן אָפּעראַציע, ווייל עס דראָט ממש אַ געפאַר פאַר מיין לעבן. זי האָט מיך באַרואיקט, אַז דער לייטער פון צענטראַלן שפּיטאָל אין לאַגער איז אַ ווילער ייד, און דערצו נאָך אַ כירורג, וועט זי מיך דאָרט שיקן און אים בעטן, אַז ער אַליין זאָל מיר מאַכן בײדע אָפּעראַציעס, פון מאָגן און פון די מערידן. זי האָט מיר פאַרזיכערט, אַז נאָך צוויי חדשים וועל איך זיין פולשטענדיק געזונט און קענען עסן אַפילו דאָס שוואַרצע ברויט.

איך האָב גערעדט מיטן הויפּט־בוכהאַלטער און צוגעגרייט אים, ער זאָל איבערנעמען אַלע מיינע אַרבעטן אויף דער צייט, וואָס איך וועל זיין אין שפּיטאָל. איך האָב זיך איינגעשאַפן אַ ווייס העמד, פון וועלכן איך האָב מיר געמאַכט אַ ווייסע יאַרמלקע און אַ ספּעציעלן טלית קטן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ העמד, מיט די ציצית אַריינגעלאָזט אינעווייניק, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז זיי וועלן מיר נישט דערלויבן טראָגן מיין נאָרמאַלן טלית קטן.

אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען אַ מאַשין און מען האָט מיך אָפּגעפירט אין צענטראַלן שפּיטאָל פון לאַגער. מען האָט מיך געשיקט אין באָד אַריין און איך האָב באַקומען פרישע וועש. אין באָד האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך מוז אָפּשערן די באָרד און פאות. אין קעגנפאַל וועט מען מיך נישט אַריינעמען אין שפּיטאָל.

עס איז מיר געוואָרן שוואַך אויפן האַרצן. איך האָב געזען דורכן פענסטער, אַז די מאַשין איז נאָך נישט אַוועקגעפאָרן, האָב איך דערקלערט, מען זאָל מיר צוריק געבן מיינע מלבושים און איך פאָר צוריק אין לאַגער. איך וועל זיך אין קיין פאַל נישט לאָזן אָפּשערן די באָרד און פאות. ער האָט אַרויסגערופן אַ דאָקטער,

וועלכער האָט פאַרשטייט זיך באַשטעטיקט, אַז מען מוז מיך אָפּשערן. אויך אים האָב איך קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז איך זאָג זיך אָפּ פון דער אָפּעראַציע און וועל נישט דערלויבן מיר אָפּשערן די באָרד און פאות.

ער איז אַוועק און נאָך אַ ווײַלע איז געקומען אַ קראַנקן־שוועסטער. זי האָט עפּעס גערעדט מיטן בעדער און לויט זײַנע זעסטיקולאַציעס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז נאָך אַ קורצן וויכוח האָט ער מיט איר מסכים געווען. זי איז אַוועק און ער איז צוגעקומען צו מיר און געזאָגט — פאַר וואָס האָט איר גלײַך נישט געזאָגט, אַז איר זײַט אַ ייִדישער רב. אויב אַזוי וועט מען אײַך לאָזן אײַער באָרד.

דער דאָקטער וואָס נעמט אויף די קראַנקע האָט באַקוקט מײַנע פּאַפּירן, ער האָט מיך אונטערזוכט און געזאָגט: — מיר וועלן אײַך מאַכן ביידע אָפּע־ראַציעס מיטאַמאָל. נעמט זיך נישט איבער. אַלץ וועט זײַן אין בעסטן אָרדענונג — האָט ער צוגעגעבן, ווען ער האָט געזען, אַז די דאָזיקע ידיעה האָט אַביסל איבער־געשראָקן.

איך האָב געזען, אַז דער דאָקטער איז אַ גוי. איך האָב זיך שטאַרק גע־וווּנדערט און געטראַכט. צו האָט מיך מײַן דאָקטערין אָפּגענאַרט, ווען זי האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דער הויפּט־דאָקטער, דער כירורג וואָס דאַרף מיך אָפּערירן איז אַ ייִד? איך האָב גאָר נישט געענטפערט און מען האָט מיך אָפּגעפירט אין אַ צימער און געוויזן מײַן אָרט.

עטלעכע מינוט שפּעטער איז אַרײַנגעקומען די זעלבע קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט פריער אינטערווענירט ביים בעדער מען זאָל מיר נישט אָפּשערן די באָרד. איך האָב גלײַך דערקענט, אַז זי איז אַ ייִדישע. איך האָב זי גאַנץ אָפן געפרעגט וואָס שייך מײַנע ספקות.

— אײַער דאָקטערין האָט אײַך גוט אינפאָרמירט. — האָט זי געזאָגט. — נאָר איר האָט שלעכט געטראָפן. גראָד מיט צוויי טעג צוריק איז ער געפאָרן קיין מאָסקווע און דער כירורג איז זײַן פאַרטרעטער. אָבער איך וויל אײַך וואָרענען, אַז ער איז אַ וולאַסאָוויעץ, אַ שונא ישראל, און איך וואָלט אײַך נישט געראָטן אונטערצוגעבן זיך ביידע אָפּעראַציעס מיטאַמאָל, בפרט די אָפּעראַציע אויפן מגן, וואָס איז אַ שווערע.

דאָ בין איך שולדיק די לייענער אַן אויפקלערונג. וולאַסאָוו איז געווען אַ סאָוועטישער גענעראַל און אָנגעפירט מיט אַ גרויסער אַרמיי אין אוקראַינע. שוין אין די ערשטע טעג פון דער סאָוויעטיש־דײַטשער מלחמה אין יוני 1941 איז ער אַריבער צו די היטלעריסטן. נישט נאָר וואָס ער האָט אַליין פאַראַטן, נאָר ער האָט אויך זײַן גאַנצע אַרמיי אָנגעטאָן אין דײַטשע מונדירן און געקעמפט אויף זייער זײַט קעגן דער סאָוועטישער אַרמיי. די וולאַסאָווצעס האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט ביים מאָרדן די ייִדן אין די אָקופּירטע דורך די דײַטשן שטעט און שטעטלעך פון פּוילן, אוקראַינע, ליטע ווײַסרוסלאַנד א.א.

נאָך דער מפּלה פון היטלערן איז וולאַסאָוו און אַ גרויסער טייל פון זײַנע אָפיצירן און סאָלדאַטן געכאַפּט געוואָרן דורך די סאָוויעטן. פאַרשטייט זיך, אַז

זיי זענען געמשפּט געוואָרן. דער דאָזיקער דאָקטער, וועלכער האָט באַקומען 10 יאָר פאַרשיקונג, איז געווען איינער פון זיי.

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז דערווייל וועל איך בעטן מיר מאַכן נאָר די אָפּעראַציע פון מערידן. דאָס איז נישט קיין קאָמפּליצירטער ענין, און דערצו איז דאָס געווען גרינגענד, כדי אָפּצושטעלן ביי מיר דעם אָפּפלוס פון בלוט. פאַר דער צייט, האָבן מיר גערעכנט, וועט אפשר צוריקקומען דער יידישער כירורג פון מאָסקווע.

די שוועסטער האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב גוט געטאָן וואָס איך האָב געבראַכט אַ ווייסע יאַרמלקע, ווייל אַ צווייטע וואָלט דער דאָקטער נישט דערלויבט מיר טראָגן. זי האָט זיך אָבער שטאַרק געוווּנדערט, צו וואָס איך טראָג צוויי העמדער. ווען איך האָב איר אויפגעקלערט, אַז דאָס איז נישט קיין העמד נאָר אַ טלית קטן, האָט זי מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל באַהאַלטן די ציצית, ווייל אויב דער וולאַסאָוויעץ וועט דאָס זען, וועט ער מיר דאָס צונעמען, אונטערן פּרעטעקסט פון אָפּהיטן די סאַניטאַרע פאַרשריפטן.

עס איז אויך אויפגעקומען דער פּראָבלעם פון עסן. מיין געזונט צושטאַנד האָט געפאָדערט צו עסן יעדן טאָג געקעכץ. אָבער איך האָב דאָך נישט געקענט געניסן פון דער טריפענער קוך. היות איך האָב געהאַט מיט זיך אַ ביסל געלט, האָט זי מיר געקויפט מאַנע־גרויפּן. — ביי מיר אין צימער — האָט זי געזאָגט — איז פאַראַן אַן עלעקטריש אייוועלע צום קאָכן די נאָדלען צו איינשפּירצונגען. יעדן טאָג, 11 אַזייגער נאָכן וויזיט פון דאָקטער, וועט איר קומען צו מיר אין צימער, איך וועל אייך ברענגען אויך מילך, און איר וועט זיך קענען אַליין קאָכן יעדן טאָג קאַשע.

אַזוי איז פאַרביי עטלעכע טעג, איך בין געקומען אַביסל צו די כוחות און מען האָט מיך צוגעגרייט צו דער אָפּעראַציע. אַלץ איז אַדורך בשלום. די אָפּעראַציע איז נישט געווען קייען שווערע. 5 טעג נאָך דעם האָב איך נישט געגעסן, נאָר גע־לעבט אויסשליסלעך אויף טיי און מילך. אויפן זעקסטן טאָג האָט מיך דער דאָקטער אונטערזוכט און געזאָגט, אַז פון היינט אָן מעג איך שוין עסן, נישט נאָר קאַשע, נאָר אויך ווייס ברויט.

עס איז שוין געווען 7 טעג נאָך דער אָפּעראַציע, אָבער פאַר דער גאַנצער צייט האָב איך קיין איין מאָל זיך נישט אויסגעליידיקט דעם מאָגן. איך האָב באַקומען בויך־שמערצן, וועלכע זענען מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ שטאַרקער. איך האָב געפילט, אַז איך גיי אויס.

אָבער דאָס מזל האָט מיר צוגעשפּילט און דער אויבערשטער האָט מיר צוגעשיקט אַ יידישן דאָקטער פון שכנותדיקן לאַגער, וועלכער איז צופעליק גע־קומען אין שפּיטאָל אַריין מיט זיינע קראַנקע. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך געפין זיך אין שפּיטאָל, איז ער געקומען מיך מבקר חולים זיין. ווען איך האָב אים דערציילט וועגן מיינע בויך־ווייטיקן, האָט ער זיך שטאַרק איבערשראָקן און גלייך אַוועק צום דאָקטער.

זיי זענען צוריקגעקומען צוזאַמען אוןביידע האָבן מיך אונטערזוכט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָך דער אָפּעראַציע האָט מען מיר פאַרקלעפּט מיט אַ באַנדאַזש די גראָבע קישקע און דאָס האָט באַדאַרפן באַזייטיקט ווערן נאָך דער אָפּעראַציע אַ טאָג צוויי. אָבער ביז דאַן איז דאָס נישט געטאָן געוואָרן.

דער וואָלאָסאָוויעץ האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע. ער האָט אַרויסגערופן די קראַנקן־שוועסטער און איר געמאַכט פאַרוואָרפן, הלמאי זי האָט נישט אויסגעפירט זיין פאַראָדענונג און נישט באַזייטיקט צו דער צייט דעם באַנדאַזש.

די שוועסטער האָט געשוויגן. זי האָט מורא געהאַט אַנטקעגנצורעדן, נאָך דערצו אין דער אָנוועזנהייט פון אַ פרעמדן דאָקטער. אָבער שפּעטער האָט זי געשוואוירן פאַר מיר, אַז ער האָט איר גאָר נישט געזאָגט וועגן דעם, און אַז ער דאָס אַוודאי געטאָן בכיוון. איצט ערשט האָט ער פאַראָרדנט, מען זאָל מיר מאַכן בעדער און געגעבן ספּעציעלע רפואות. דאָס האָט טאַקע געהאָלפן. נאָך עטלעכע שעה האָט זיך דער מאָגן ביי מיר אויסגעליידיקט און די שמערצן זענען פאַר־שוווּנדן.

דער יידישער דאָקטער האָט זיך צוליב מיר פאַרהאַלטן אין שפּיטאָל איבער נאַכט. אויפן צווייטן טאָג איז ער געקומען צו מיר. איך האָב זיך געפילט ווי אַ ניי געבוירענער. — איר האָט מזל — האָט ער געזאָגט. — ווען דאָס זאָל דויערן נאָך אַ טאָג צוויי, וואָלטן זיך ביי אייך פאַרדרייט די קישקעס און איר וואָלט שוין איצט געווען אין גן־עדן. דאָס איז נישט מעגלעך, ביי אַזאַ דערפאַרענער דאָקטער, ווי דער וואָלאָסאָוויעץ קען נישט צופעליק געשען אַזאַ זאַך. דאָס האָט ער וואָרשיינ־לעך געמאַכט בכיוון, כדי אייך אומצוברענגען.

ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך שטיי נאָך פאַר אַ שווער אָפּעראַציע פון מאָגן, האָט ער אויסגערופן: — רבי! בשום אופן זאָלט איר זיך נישט לאָזן אָפּערירן פון דעם שונא ישראל.

ס'איז גוט צו זאָגן נישט לאָזן... אין לאַגער פרעגט מען נישט ביים אַרעסטאַנט, אַפילו ווען ער איז קראַנק, וואָס ער וויל יאָ אָדער נישט. דער איינ־ציקער אויסוועג איז געווען, אַנטלויפן. אָבער ווי אַזוי?

אין מיינעם אַ וואַטענעם מלבוש האָב איך געהאַט איינגענייט 100 רובל, וועלכע איך האָב באַהאַלטן אויף אַן עת צרה. איך האָב געבעטן די יידישע קראַנקן־שוועסטער, זי זאָל אַרויסבאַקומען פון מאַגאַזין דעם מלבוש, כדי איך זאָל קענען אַרויסבאַקומען דאָס געלט. אין שפּיטאָל איז געווען באַשעפטיקט אַ נאַריאַדשיק וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט איבערשיקן די אויסגעהיילטע אַרעסטאַנטן צוריק אין זייער לאַגער. איך האָב געוווסט, אַז געלט נעמט יעדער און איך האָב באַשלאָסן צו מאַכן מיט דעם נאַריאַדטשיק אַ טראַנזאַקציע.

איך האָב געבעטן די שוועסטער, זי זאָל איבערגעבן דעם נאַריאַדטשיק, אַז איך וועל אים באַצאָלן 100 רובל, וואָס איז אין לאַגער געווען אַ גרויסע סומע, אויב ער וועט מיך אַריינשטעלן אין אַ רשימה פון אַרעסטאַנטן, וואָס ווערן באַפ־רייט פון שפּיטאָל, און אויף אַזאַ אופן וועל איך צוריקקומען אין מיין לאַגער.

אויפן צווייטן טאָג נאָכמיטאָג איז געקומען דער נאַריאַדטשיק און געזאָגט, אַז אין דעם זעלבן אָוונט ווערן באַפרייט פון שפּיטאָל 6 אַרעסטאַנטן, וועלכע מען וועט פירן אין מיין לאַגער. אויב איך בין מסכים, קען ער מיר צושרייבן צו דער רשימה. ער האָט מיך דערביי געוואָרנט, אַז דעם וועג, אַ מהלך פון קרוב 50 קילאָ־מעטער, וועל איך מוזן גיין צו פיס ווי די איבעריקע אַרעסטאַנטן.

איך האָב זיך אַפילו נישט פאַרטראַכט אויף וואָס פאַרא סכנה איך שטעל זיך אויס און געענטפערט, אַז איך גיי מיט זיי. מען האָט מיר געבראַכט מיינע בגדים. און אין אָוונט, ווען דער דאָקטער איז שוין לאַנג נישט געווען, בין איך, צוזאַמען מיט די 6 אַנדערע אַרעסטאַנטן אין באַגלייטונג פון 2 סאָלדאַטן, אַרויס אין דעם ריזיקאַלן וועג.

מיר זענען אָפּגעגאַנגען בערך 5 קילאָמעטער, האָב איך זיך דערפילט זייער שוואַך. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די ווונד נאָך דער אָפּעראַציע האָט זיך ביי מי״ר געעפנט, ווייל איך האָב געגומען שטאַרק בלוטיקן. איך האָב נישט געקענט גיין ווייטער און געבעטן די סאָלדאַטן פון קאַנוואי, אַז מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן, כדי איך זאָל קענען אָפּרוען.

דער סאָלדאַט האָט געפרעגט, וואָס ס׳איז מיט מיר געשען. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין נאָך אַן אָפּעראַציע, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן. — איז פאַר וואָס האָבן זיי דיך אויסגעשריבן אין אַזאַ צושטאַנד ? — האָט ער גע־פרעגט. איך האָב זיך פאַר אים מודה געווען, אַז מען האָט מיך נישט אויסגעשריבן, נאָר איך בין אַנטלאָפן ווייל איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם וולאַסאָוויעץ. מיט דעם האָב איך געווינען זיין סימפּאַטיע, ווייל זיי זענען אויך געווען פאַרהאַסט קעגן די דאָזיקע פאַרעטער.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין פעלד. נאָך עטלעכע מינוט איז צופעליק פאַרבייגעפאָרן אַ פּויער אויף אַ וואָגן געשפּאַנט אין אַ פערד. די סאָלדאַטן האָבן אים אָפּגעשטעלט, אַרויפגעלייגט מיך אויפן וואָגן און באַפוילן אים פאָרן מיט אונדז אין לאַגער. דער פּויער האָט זיך געפּרוווט אַנטקעגנשטעלן. זיי האָבן אים געוויזן די ביקסן און געזאָגט: — אָדער דו פאָרסט מיט אונדז אָדער דו קענסט אַראָפּ פון וואָגן און מיר וועלן אַליין טרייבן דאָס פערד. דער פּויער האָט אַרויס־געלאָזט אַ סעריע קללות און מיר האָבן גערירט פון אָרט.

מיר האָבן זיך געשלעפּט אַ גאַנצע נאַכט. אין לאַגער זענען מיר אָנגעקומען פאַרטאָג. איך האָב זיך געפילט שלעכט און נישט געקענט אַראָפּגיין פון וואָגן מיט אייגענע כוחות. זיי האָבן מיך אַריינגעטראָגן אין שפּיטאָל און אַוועקגעלייגט אין קאָרידאָר.

נאָך בערך צוויי שעה איז געקומען די דאָקטערין. זי האָט זיך שטאַרק גע־וווּנדערט און אויסגערופן: — וואָס איז געשען מיט אייך ?

איך האָב איר דערציילט אַלץ וואָס ס׳איז מיט מיר געשען פאַר דער צייט. זי האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געזאָגט: — איר זייט אַ גליקלעכער מענטש. איר דאַרפט דאַנקען דעם אויבערשטן ווייל איר האָט זיך פשוט געראַטעוועט

פון טויט. מען האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַ צימער, אַוועקגעלייגט אויפן בעט און די דאָקטערין האָט מיך אונטערזוכט.

— אײַער צושטאַנד איז נישט קיין געפערלעכער. — האָט זי געזאָגט. — איר וועט ליגן דאָ אַ געוויסע צייט און די ווונד וועט זיך פאַרהיילן. איך וועל אײַך אויף דער צייט פאַרשרײַבן אַ ספּעציעלע דיעטע, וועט איר אפשר דערווייל אויסקומען אָן דער אָפּעראַציע פון מאָגן.

צומאָרגנס איז געקומען די דאָקטערין און מיר דערציילט, אַז אין פאַבריקן אָוונט איז זי ספּעציעל געפאָרן צום הויפּט-דאָקטער פון לאַגער און אים איבערגעגעבן דעם גאַנצן ענין. ער האָט זיך גלייך פאַרשטענדיק טעלעפאָניש מיט דעם ייִדישן דאָקטער, וועלכער האָט מיך געראַטעוועט און יענער האָט דאָס אַלץ באַשטעטיקט. דער הויפּט-דאָקטער האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז מען זאָל נישט דערלויבן מער דעם וולאַסאָוויעץ צו אָפּערירן און אויף זײַן אָרט איז צײַטווײַליק באַשטימט געוואָרן טאַקע דער ייִדישער דאָקטער, ביז דער הויפּט-כירורג וועט זיך אומקערן פון מאָסקווע.

# דער באַפֿעל אָפּצושערן מיר די באָרד און פּאות

נאָך דרײַ וואָכן האָב איך זיך געפילט שוין גוט. די דאָקטערין האָט מיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל און איך בין אַוועק צוריק צו מײַן אַרבעט. שוין אין ערשטן טאָג האָב איך געזען, אַז דער הויפּט-בוכהאַלטער האָט זיך שטאַרק פאַרשיכּורט און די אַרבעט איז געווען ביז גאָר פאַרנאַכלעסיקט. דער סאָוויעטישער סיסטעם איז אַזאַ, אַז די גאַנצע ווירטשאַפט איז אָפּהענגיק פון דער בוכהאַלטעריע. אין די ווירטשאַפט פון לאַגער טאַקע געווען אַ קלאָגעדיקע. עס נישט געווען קיין געלט צו קויפן עסן פאַר די אַרעסטאַנטן און אויך נישט אויף אויסצאָלן די געהאַלטן פון פערסאָנעל.

פאַרשטייט זיך, אַז דער נאַטשאַלניק האָט געשיקט די מענטשן אין בוכהאַלטעריע. היות דער הויפּט-בוכהאַלטער האָט זיך אַ גאַנצע וואָך נישט געוויזן אין ביוראָ, האָב איך געמוזט אַלע אָפּזאָגן אויסצוצאָלן, ווײַל די קאַסע איז געווען ליידיק. דאָס האָט געצויגן אויף מיר דעם גאַנצן צאָרן פון די אָפּיצירן. מײַן לאַגע איז געוואָרן שווערער מיט יעדן טאָג.

ביז מײַן קרענק האָט דער הויפּט-בוכהאַלטער אָנשטענדיק אויסגעפירט אונדזער אָפּמאַך און אַפילו ווען ער איז אַ גאַנצע וואָך נישט געווען אין ביוראָ, איז ער פרײַטיק געקומען, כדי איך זאָל קענען אַוועקגיין צו דער צייט אויף מײַן שבת אָפּרו. דאָס מאָל איז ער נישט געקומען. עס איז שוין געווען באַלד 12 אַזייגער בײַטאָג, ווען איך בין געווײַנלעך אַוועק פון דער אַרבעט, און ער איז נישט געקומען.

איך האָב אָנגעקלונגען צו אים אין שטוב. אָבער אַנשטאָט אים האָט די פרוי געענטפערט, אַז דער מאַן איז נישטאָ. איך האָב זי געבעטן אויפזוכן דעם מאַן און אים איבערגעבן, אַז אויב ער וועט נישט גלייך קומען אין ביוראָ, פאַרלאָז איך די אַרבעט און גיי צוריק אין שפּיטאָל זיך היילן און וועל מער אין בוכ־האַלטעריע נישט אַרבעטן.

וואַרשיינלעך איז ער געווען אין שטוב. די פרוי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט באַלד קומען. עס איז שוין אָבער געווען 2 אַזייגער, דער שבת האָט זיך דערנענטערט און דעם בעל דבר האָב איך נישט געזען. איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג נאָר אָנהייבן אַן אָפענעם קאָנפליקט.

איך בין אַוועק צום נאַטשאַלניק פון לאַגער און דערקלערט: — איך ווייס נישט וואָס איר וועט טאָן מיט מיר, קען זיין, אַז איר וועט מיך משפּטן פאַר אָפּזאָגן זיך פון דער אַרבעט. איך קען מיין לאַגע, אַז איך בין נאָר אַן אַרעסטאַנט. אָבער איך בין געקומען אייך מעלדן, אַז מער אין בוכהאַלטעריע וועל איך נישט אַרבעטן. איר זייט געווען אַן עדות פון אונדזער אָפּמאַך, אַז פרייטיק פון 12 אַזייגער בייטאָג בין איך באַפרייט פון דער אַרבעט ביז זונטיק. איך האָב אַלע מיינע פליכטן אויסגעפירט. איך בין אַוועק אַ קראַנקער פון שפּיטאָל, כדי מאַכן די אַרבעט, וועלכע ער האָט פאַרנאַכלעסיקט, און ער האַלט נישט וואָרט. ס'איז שוין באַלד שבת און ער איז נישט געקומען. דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט מורא פאַר די אָפיצירן וואָס קומען מאָנען געלט. און די קאַסע איז ביי אונדז ליידיק נאָר צוליב זיין שולד.

איך האָב געטראַכט, אַז ער וועט שאַרף רעאַגירן. אָבער צו מיין פאַר־ווונדערונג האָט ער מיך גאָר גענומען באַרויקן. וואַרשיינלעך איז אים נישט געגאַנגען אין אָפּהיטן מיין כבוד. ער האָט פּשוט געוואָלט זיך דערוויסן פון מיר די פאַקטישע סיבות פון דעם פאַטאַלן מצב אין די פינאַנסן פון לאַגער.

איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז די אַרעסטאַנטן וואָס זענען מיט אַ צייט צוריק אַרויסגעשיקט מיט עטלעכע עטאַפּן פון אונדזער לאַגער, זענען אַוועק אין אונדזער קליידונג, מיר האָבן זיי געגעבן עסן אויפן וועג, און מיר האָבן געדעקט די אויסגאַבן פון איבערפירן זיי. דאָס איז אַ חוב פון קרוב צוויי מיליאָן רובל, וועלכע מען האָט באַדאַרפן אויפמאָנען. און ער האָט דאָס נישט געטאָן און דער־פאַר איז אונדזער קאַסע פּוסט.

דער נאַשטאַלניק האָט מיך אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט און נישט אין דער פאָרם פון אַ באַפעל, נאָר ממש געבעטן מיך צוריקגיין אין ביוראָ, פאַר־זיכערנדיק, אַז אין עטלעכע צענדליק מינוטן וועט דער בוכהאַלטער זיין אויפן אָרט.

איך בין אַוועק אין ביוראָ און נאָך בערך 20 מינוט איז געקומען אַ מאַשין, וועלכע האָט געבראַכט דעם בוכהאַלטער. ער איז געווען אין אַ שרעקלעכן מצב. שיכור ווי לוט און געהאַלטן זיך קוים אויף די פיס. רעדן מיט אים האָט נישט געהאַט קיין זין, ווייל ער האָט סיי ווי גאָר נישט פאַרשטאַנען. איך האָב אים

אָוועקגעלייגט אויפן טיש און ביוראָ און אָנגעזאָגט דעם וועכטער, אַז ער זאָל קיינעם נישט אַריינלאָזן און אַלעמען זאָגן, אַז דער בוכהאַלטער פילט זיך נישט גוט און קען צייטווייליק נישט אויפנעמען קיין אינטערסאַנטן. איך האָב געהאָפט, אַז איבער נאַכט וועט ער זיך אויסניכטערן און וועט כאָטש צומאָרגנס זיין ביי דער אַרבעט. זאָל ער כאָטש איין טאָג דאַרפן ענטפערן אַלע, פאַרוואָס מען צאָלט נישט אויס זייער געהאַלט.

ווען איך בין געקומען זונטיק צו דער אַרבעט האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל ווי עס וואָלט גאָר נישט געשען. און אפשר האָט ער באמת נישט געדענקט? ער האָט דאָך אַ גאַנצע וואָך געשיכרט. איך האָב אים אויך נישט דער־מאָנט וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, איך האָב נישט געוואָלט פאַרטיפערן דעם קאָנפליקט צווישן אונדז. סוף כל סוף בין איך געווען אַן אַרעסטאַנט. אָבער איך האָב געזען, אַז לאַנג אַרבעטן מיט אים וועל איך נישט קענען.

און אַרבעטן האָב איך געמוזט שווער, ביז אין דער טיפער נאַכט. איך האָב געמוזט צוגרייטן אַלע דאָקומענטן און חשבונות פון די חובות. נאָך עטלעכע טעג, האָב איך אַלץ צוזאַמענגעשטעלט און געשיקט אין דער הויפּט אָנפירונג פון די לאַגערן אין מ.וו.ד. אין מאָסקווע, און איינצייטיק טעלעגראַפירט, אַז צוליב די חובות האָבן מיר נישט קיין געלט אויף אויסצוצאָלן די געהאַלטן. עס האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און פון באַנק האָט מען געמאָלדן, אַז אויף דער קאָנטע פון לאַגער איז איבערגעפירט געוואָרן אַ גרויסע סומע פון מאָסקווע.

דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען, אַז איך האָב אים פשוט געראַטעוועט און ער האָט געמאַכט באַמיאונגען צוריק צו פאַרבעסערן די באַציאונגען צווישן אונדז. נישט זאָגנדיק מיר פאַרויס וועגן דעם, האָט ער אָנ־געשריבן אַ ראַפּאָרט צום נאַטשאַלניק פון לאַגער אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן, אַז איך בין אַרויס פון שפּיטאָל פאַר דער צייט, ווייל איך בין נויטיק געווען ביי דער אַרבעט. אַז איך האָב געאַרבעט זייער אינטענסיוו און אַ סך געהאָלפן אין ליקווידירן דעם פינאַנסיעלן קריזיס, בעט ער דעריבער, מען זאָל אַלס פּרעמיע מיר געבן טריקענע נאָרמעס עסן לכל הפחות אויף אַ חודש צייט. ער האָט דאָס מאָטיווירט דערמיט, אַז איך האָב אַ קראַנקן מאָגן און קען נישט עסן פון קיך, ווייל איך מוזן לעבן אויף אַ דיעטע.

טריקענע עסן א.ג. "סוכאָי פּאַיאָק" און דערצו נאָך פאַר אַ קראַנקן לויט אַ דיעטע איז געווען אַ פאַרמעגן. דאָס האָט באַדייט באַקומען אַלע פּראָדוקטן וועלכע זענען געווען באַשטימט לויטן רעגולאַמין. אָבער פון וועלכע מען האָט, אויב דאָס איז געגעבן געוואָרן אויף נאָרמאַלן וועג דורך דער קיך, אַראָפּגעגנבעט מער ווי אַ העלפט. אויפן צווייטן טאָג האָב איך דאָס, אומגערעכט פאַר מיר, באַקומען. דערווייל האָט זיך דערנעענטערט ראש השנה פון תש"ט און עס האָבן מיך דערוואַרט נייע צרות.

שבתצונאַכט, גראָד ערב ראש השנה, האָט מיך אומאומדערוואַרט אַרויס־גערופן צו זיך דער אָפּיציר פון רעזשים. ווי נאָר איך בין אַריין אין זיין צימער

האָט ער מיר אַרויסגעלייענט אַ באַפעל, אַז איך דאַרף פון באַלד אָפשערן די באָרד און פאות. ווען איך האָב אים געפרעגט, ווער עס האָט אונטערגעשריבן דעם באַפעל, האָט ער געענטפערט, אַז ער איז נישט מחויב צו דערציילן יעדן אַרעסטאַנט, ווער עס שרייבט אונטער יעדן באַפעל, דאָקעגן איז ער דאָ, כדי צו היטן, אַז די באַפעלן זאָלן אויסגעפירט ווערן.

איך האָב קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם באַפעל. דאַן האָט ער אַרויסגערופן דעם קאָמענדאַנט פון דער וואַך. מען האָט מיך געבונדן די הענט און פיס. דער פריזיער וואָס האָט באַדאַרפן אויספירן דעם גוואַלט־טאַט איבער מיר, איז געווען פון צווישן די גנבים, מיט וועלכע איך האָב אַ געוויסע צייט געוווינט צוזאַמען אין איין באַראַק. ווען ער האָט דערזען, אַז דאָס האָט מען אים גערופן צו מיר און דערצו נאָך האָט מען מיר געבונדן די הענט און פיס, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם באַפעל. — איך קען אים. — האָט ער אויס־גערופן. — ער טראָגט די באָרד צוליב זיין אמונה און מען טאָר אים נישט אָפּשערן.

דער אָפיציר האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט. ער האָט אונדזביידע גענומען זידלען און געדראָט, אַז מיר וועלן דערפאַר טייער באַצאָלן. דעם פריזיער האָט ער אַרויסגעוואָרפן מיר האָט מען אויפגעבונדן נאָר די פיס. ער האָט באַפוילן אַ סאָלדאַט ער זאָל מיך אָנפירן מיט פאַרבונדענע הענט אין קאַרצער. דאָס איז געווען קעגן דעם רעגולאַמין, ווייל איינזעצן אין קאַרצער האָט מען געקענט נאָר אויפן באַפעל פון לאַגער־אָנפירער.

אין קאַרצער זענען גראָד געזעסן עטלעכע פון מיינע באַקאַנטע גנבים. ווען איך האָב זיי דערציילט די געשיכטע, פאַר וואָס איך בין דאָ געשיקט געוואָרן, האָבן זיי געזידלט און געשאָלטן דעם רעזשים־אָפיציר, וועלכע זיי האָבן אויך געהאַסט פאַר זיין ברוטאַלע באַציאונג צו זיי. איינער פון זיי האָט געפונען עפּעס אַ שאַרפן קעגנשטאַנד. אַ לענגערע צייט האָט ער געמייסטערעוועט ביז ער האָט איבערגעשניטן די שטריק און אויפגעבונדן מיר די הענט.

צומאָרגנס אינדערפרי האָב איך באַדאַרפן קומען צו דער אַרבעט. ווען דער בוכהאַלטער האָט געזען, אַז איך בין נישטאָ, איז ער געגאַנגען זיך דערוויסן וואָס ס'איז געשען. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין אין קאַרצער, איז ער אַוועק צום נאַטשאַלניק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יענער האָט גאָר נישט געוווּסט וועגן דעם און ער האָט באַפוילן מען זאָל מיך גלייך באַפרייען.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט דער נאַטשאַלניק מיך אַרויסגערופן. — דו זעסט אַליין — האָט ער אָנגעהויבן אונדזער שמועס — אַז איך גיי דיר אויף דער האַנט. איך פאַרשטיי, אַז דו ביסט אַ רעליגעזער מענטש און דיין אמונה דערלויבט דיר נישט אַרבעטן אין שבת. האָב איך מסכים געווען צו באַפרייען דיך פון דער אַרבעט אין די טעג. אָבער די באָרד און פאות, דאָס איז שוין אַ קאַפּריז. דערביי וואַרפט זיך דאָס אין די אויגן און יעדער וואָס קומט פרעגט זיך, פאַר וואָס איך דערלויב אויף אַזאַ ווילדקייט, וואָס איז קעגן רעגולאַמין. דו מוזט פאַרשטיין ווו

דו געפּונסט זיך. איך באַקום כסדר ראַפּאָרטן פון אָפּיצירן קעגן דיר, און איך מוז זיך רעכענען מיט זייער מיינונג. דאָס וואָס דער רעזשים אָפּיציר האָט געטאָן לגבי דיר נעכטן, איז ברוטאַל. איך וויל נישט אַז עס זאָל דיר געשען אַן עוולה. בפרט ווען דו ביסט אַ גוטער בוכהאַלטער און מיר זענען צופרידן פון דיין אַרבעט. אָבער אַזוי קען עס ווייטער נישט זיין. איך גיב דיר דעריבער אַ וואָך צייט צום פאַרטראַכטן. אין לעבן מוז מען גיין אויף קאָמפּראָמיסן. איך האָף, אַז דו וועסט אַליין אָפּשערן די באָרד, כדי מען זאָל דיך נישט דאַרפן צווינגען דערצו.

אין אָוונט בין איך אַוועק אין אַרכיוו פון דער בוכהאַלטעריע, ווי איך האָב געפּראַוועטביידע טעג פון ראש השנה. דאָס מאָל האָב איך געדאַוונט אַליין. איך בין געווען איינזאַם. איך האָב אַ סך געטראַכט וועגן מיין לאַגע און געקומען צום אויספיר, אַז די סיבות פון מיינע נייע צרות איז קנאה. ווייזט אויס, אַז איך אַרבעט שוין צו לאַנג אין דער בוכהאַלטעריע. דאָס שטעכט אין די אויגן פון די אַנטעסעמיטן. פון צווישן די בוכהאַלטערן, וואָס האָבן געמוזט אויספירן מיינע אָנווייזונגען ביי דער אַרבעט, זענען געווען אַ סך געוועזענע גנבים. זיי האָבן געקענט מאַכן לינקע געשעפטן אַפילו צוזאַמען מיט אָפּיצירן. איך בין געווען פאַר זיי אַ שטערונג. זיי האָבן געזוכט אַ וועג ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון מיר. האָבן זיי דאָס אַוודאי אונטערגעהעצט דעם רעזשים־אָפּיציר אָנצוהייבן די מלחמה קעגן מיר. איך האָב באַשלאָסן וואָס שנעלער זיך צו באַפרייען פון דער בוכהאַלטעריע. איך האָב געהאַט גוטע אויסזיכטן דערצו.

# מיין אַרבעט אין דער בוי־אונטערנעמונג

אין לאַגער איז געווען אַ בוי־אונטערנעמונג, וועלכע האָט דער עיקר זיך פאַרנומען מיט מאַכן רעמאָנטן, נישט נאָר אין די געביידעס אין לאַגער, נאָר אויך אין די הייזער וואָס האָבן געהערט צום לאַגער אויף דער פריי און אויך געבויט נייע הייזער אין דער אונטערנעמונג איז געווען באַשעפטיקט איין באַאַמ־טער, וועלכע האָט באַדאַרפן זיין נישט אַזוי ווייט אַ בוכהאַלטער, נאָר עקאָנאָמיסט. זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין צונויפשטעלן די קאַלקולאַציעס פון די אויס־געפירטע אַרבעטן. דערביי איז די פּראָספּעריטי און עצם עקזיסטענץ פון דער אונטערנעמונג און די פאַרדינסט פון די באַשעפטיקטע געווען אָפּהענגיק אין די דאָזיקע קאַלקולאַציעס, אפשר מער ווי אין זייער פּאַקטישער אַרבעט. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער ענין פאַר זיך, צו וועלכן איך וועל זיך אומקערן.

דער אָנפירער פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג איז געווען אַ גרוזינער. אַ טיכטיקער און קלוגער מענטש, וועלכער האָט גראָד געזוכט אַ פּאַסיקן קאַנדידאַט צו דער אַרבעט. מיט אַ צייט פריער האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל אַריבערגיין צו אים. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך וועל נישט דאַרפן אַרבעטן

שבת און אין די יום־טובים. קיינער וועט מיך דערפאַר נישט טשעפּן, ווייל איך וועל זיין אַליין און קיינעם אינטערעסירט נישט ווען איך אַרבעט יאָ אָדער נישט. דער עיקר איז, אַז מיין אַרבעט זאָל זיין געמאַכט.

איך בין אַוועק צום גרוזינער און דערקלערט, אַז אויב ער האָט אַ מעג־לעכקייט צו דערלעדיקן ביים נאַטשאַלניק פון לאַגער, אַז ער זאָל מיך אַריבערפירן צו אים צו דער אַרבעט, בין איך גרייט דערצו. דער גרוזינער האָט זיך דערפרייט מיט מיין פאָרשלאַג. — האָסט גראָד גוט געטראָפן. — האָט ער געזאָגט. — איך מאַך איצט אַ רעמאָנט אין דער דירה פון נאַטשאַלניק. פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף מאַכן די קאַלקולאַציע אַזוי, אַז אַלץ זאָל זיין אויפן חשבון פון דער מלוכה. איז ער אין מיינע הענט און ער וועט מיר נישט אָפּזאָגן.

אויפן צווייטן טאָג האָט מיך אַרויסגערופן דער נאַטשאַלניק און דער־קלערט, אַז היות אין בוי־אונטערנעמונג איז נישטאָ קיין פּלאַנאָוויק (אַזוי האָט מען באַצייכנט דעם דאָזיקן אַמט) וואָס דראָט מיט אַרונטערייסן די פּלענער פון דער אונטערנעמונג, וויל ער מיך אַריבערפירן אויף אַ צייט פון דריי חדשים צו דער דאָזיקער אַרבעט.

— איך בין נאָר אַן אַרעסטאַנט און בין מחויב אויסצופירן די באַפעלן. — האָב איך געענטפערט. דעם זעלבן טאָג האָב איך זיך געזעגנט מיט דער בוכ־האַלטעריע און אַוועק אויף מיין נייער אַרבעט.

אין סאָוויעטישן סיסטעם זענען אויף בוי־אַרבעטן איינגעשטעלט צענטראַלע א.ג. ״סמעטעס״, דאָס מיינט געוויסע פּרייז־קוראַנטן מיט אַ קאַלקולאַציע אין וועלכער עס ווערט אָנגעגעבן וועלכע און וויפיל מאַטעריאַלן עס דאַרפן פאַרנוצט ווערן, וויפיל אַרבעטס־צייט עס איז נויטיק און די קוואַליטעט פון דער אַרבעט. אויף דעם סמך ווערט באַשטימט דער לוין פון די אַרבעטער, דער ריווח פון דער אונטערנעמונג און דער פּרייז, וועלכן עס דאַרף באַצאָלן דער קליענט. די דאָזיקע סמעטעס זענען אָבער אַזוי געמאַכט, אַז זיי געבן אַ ברייט פעלד פאַר מאַלווער־סאַציעס, וועלכע זענען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, ווייל אַלע, פון די נידעריקסטע ביז די העכסטע שטאַפּלען זענען אין דעם פאַראינטערעסירט. דעריבער ווערט דאָס דורך אַלע טאָלערירט, פאַר שטייט זיך ביזן מאָמענט, ווען מען דאַרף וועמען מאַכן אַ שוי־פּראָצעס...

די עיקר צרה זענען די לוינען, וועלכע זענען ביז גאָר נידעריקע. דערצו נאָך זענען אין קאַלטן צפון די אַרבעטס־באַדינגונגען אין דער בויאונג ביז גאָר שווערע, און די אַרבעטס־פּראָדוקטיוויטעט אַ נידעריקע. אין דער בוי אונטער־נעמונג זענען געווען באַשעפטיקט נישט נאָר אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן געמוזט אַרבעטן פאַר יעדן פּרייז, נאָר אויך אַ גרויסע צאָל מענטשן פון דער פריי, דער עיקר ספּעציאַליסטן, מיט קוואַליפיקאַציעס, ווי מוירערס, סטאָלער, שלאָסער, אינסטאַלאַטאָרן א.א. די דאָזיקע מענטשן האָט מען געמוזט פאַרזיכערן אַ מינימום לוין, כדי זיי זאָלן זיין פאַראינטערעסירט אין דער אַרבעט, ווייל עס איז שטענדיק געווען אַ מאַנגל אין אַרבעטס הענט.

די איינציקע מעגלעכקייט דערצו איז געווען, אַז מען האָט שטענדיק פאַר־שריבן טאָפּלט אַזויפיל אַרבעטן, וויפיל זיי האָבן פאַקטיש געמאַכט. אויף אַזאַ אופן זענען די אַרבעטער געווען שלאַגלער, זיי האָבן אויסגעפירט זייערע נאָרמעס אויף העכער 200 פּראָצענט. כדי צו באַרעכטיקן די אַרבעטן, וועלכע זענען קיינמאָל נישט אויסגעפירט געוואָרן, האָט מען אויך באַדאַרפן פאַרנוצן די נויטיקע צאָל בוי־מאַטעריאַלן, וועלכע מען האָט קיינמאָל נישט פאַרנוצט . . .

די "פּאַראַיבעריקטע" אויף אַזאַ אופן מאַטעריאַלן האָבן די מייסטערס, די אינזשינירן און נאַטשאַלניקעס פאַרקויפט פאַר גרויסע געלטער אויפן פרייען מאַרק, אָדער אויסגעפירט פּריוואַטע רעמאָנטן און מיטן געלט זיך צעטיילט צווישן זיך. אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע "אָפּשפּאָרונגען" זענען אויך פאַרנוצט געוואָרן אויף אויספירן רעמאָנטן אין די פּריוואַטע דירות פון די נאַטשאַלניקעס און אָפיצירן פון לאַגער.

אָבער מיט די אַלע קונצן איז די אינטערנעמונג געווען כסדר אין דעפיציט. כדי צו באַקומען געלט אויף אויסצואָלן די לוינען און קויפן מאַטעריאַלן, האָט מען געמוזט צושטעלן אין באַנק חשבונות אויף געביידעס, וועלכע זענען נאָך ווייט נישט געווען אויסגעפערטיקט. אַזוי צום ביישפּיל, ווען איך האָב איבער־גענומען די אַרבעט האָב איך זיך געמוזט יאָגן, כדי ביזן 1־טן נאָוועמבער צושטעלן די רעכענונגען אויף געביידעס, וועלכע האָבן באַדאַרפן זיין אויסגעענדיקט אין בעסטן פאַל אין סוף מערץ פון קומענדיקן יאָר.

ווען דער גרוזינער האָט מיך אַריינגעפירט אין די דאָזיקע "סודות" האָב איך זיך פשוט דערשראָקן. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך ווייס נישט צו איך וועל זיך מיט דעם אַן עצה געבן.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרווּנדערונג און אויסגערופן: עס איז נישט מעגלעך, אַז אַ ייד, און דערצו אַזאַ קלוגער ייד ווי דו זאָל דאָס נישט קענען מאַכן. דער עיקר, — האָט ער געזאָגט — איז דער זכרון. דו דאַרפסט שטענדיק געדענקען ווען וואָס און וויפיל אויסצושרייבן כדי זיך נישט פאַרפּלאָנטערן און אויסשרייבן מער מאַטעריאַל, וויפיל מיר האָבן באַקומען. אין די ערשטע טעג וועט דיר אפשר זיין שווער. אָבער איך פאַרזיכער דיר, אַז די וועסט דאָס באַהערשן און דאָס וועט אַפילו זיין לייכט פאַר דיר. די הויפּט זאַך איז, אַז די ציפערן זאָלן שטימען.

אין די ערשטע טעג האָב איך טאַקע געאַרבעט זייער שווער כדי צו באַהערשן די דאָזיקע מיסטעריע פון פאַלשע ציפערן. דערצו נאָך זענען גראָד אין די טעג אויסגעפאַלן יוכ"פ און סוכות און עס האָבן מיר געפעלט טעג כדי צו מאַכן צו דער באַשטימטער צייט די נויטיקע אַרבעט.

אָבער מיט אומגעהויערע אָנשטרענגונג האָב איך, זונטיק דעם 31־טן אָק־טאָבער געגעבן מיין נייעם שעף אַלע נויטיקע חשבונות און געוואָרט מיט אומ־געדולד, צו זיי וועלן באַשטעטיקט ווערן דורך דער באַנק.

צומאָרגנס אין אָוונט איז דער גרוזינער געקומען אַ צופרידענער. קיין איין חשבון איז נישט אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער באַנק, וואָס איז געווען אַ זעלטנ־

הייט. דער פּלאַן איז געווען ״אויסגעפּירט״ ביזן סוף יאָר און די אונטערנעמונג האָט באַקומען דאָס געלט. איצט — האָט ער געזאָגט — קענסטו זיך אַ ביסל אָפּרוען...

עס איז אָבער נישט געווען קיין צייט ווען זיך אָפּצורוען. נאָך עטלעכע טעג האָט ער געבראַכט אַזויפיל אַרבעט, וואָס כדי דאָס מאַכן צום טערמין, האָט מען באַדאַרפן באַשעפטיקן כאָטש דריי מענטשן. עס האָט זיך געפאָדערט אַ רעכן־מאַשין, וועלכע איז אין לאַגער נישט געווען. איך האָב געאַרבעט 18 שעה אין מעת לעת. קיין טריקענע פּראָדוקטן האָב איך שוין נישט באַקומען און געלעבט נאָר אויף דער נאַרמע ברויט און צוקער. איך בין געפאַלן פון די כוחות.

איך האָב אָבער נישט געקענט זיך אָפּזאָגן פון דער אַרבעט, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין אויסוועג. צוריקגיין אין בוכהאַלטעריע האָב איך נישט געקענט. מיין פּלאַץ איז שוין געווען פאַרנומען. די גנבים זענען געווען גליקלעך וואָס זיי זענען פון מיר פּטור געוואָרן. אַ חוץ דעם וואָלט דאָס באַדייט אַ קאַפּיטולאַציע און דערלויבן זיי מיר אָפּשערן די באָרד און פאות. האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם שפּאַנישן יינגל און באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּרווו צו אַנגאַזשירן אים אַלס מיין געהילף. די געשיכטע פון דעם יינגל איז אינטערעסאַנט אַן און פאַר זיך.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין שפּיטאָל נאָך מיין אָפּעראַציע, האָב איך דאָרט באַגעגנט אַ יאַטל פון אַ יאָר 16, וועלכן מען האָט גערופן ״דער שפּאַניער״. זיין פאָטער איז אומגעקומען בעת די קאַמפן פון בירגער — קריג אין שפּאַניע. ער מיט זיין מוטער זענען, אין 1939 יאָר געשיקט געוואָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד צוזאַמען מיט אַנדערע שפּאַנישע רעוואָלוציאָנערן.

די מוטער האָט שווער געהאָרעוועט און ער האָט געלערנט אין שול. ער איז געווען זייער אינטעלעגענט און אַרויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן, סיי אין מאַטע־מאַטיק און סיי אין הומאַניסטישע לימודים. אין 1946 יאָר, אַלס שילער פון 8־טן קלאַס האָט ער אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין דער וואַנט־צייטונג פון שול, אין וועלכן ער האָט קריטיקירט דעם לערן־סיסטעם, הלמאי מען לערנט נישט וועגן דער מערבקולטור. ער האָט אָנגעוויזן, אַז עס זענען פאַראַן דערשיינונגען אין דער מערב־קולטור, פון וועלכער מען קען עפּס לרנען און, אַז די סאָוויעטישער קולטור שטייט סייווי העכער פון דער מערבדיקער, איז נישט פאַראַן קיין סיבה מורא צו האָבן פאַר דער קאָנקורענץ.

נישט געקוקט דערויף וואָס דאָס יינגל איז דאַן אַלט געווען קוים 14 יאָר, האָט מען אים אַרעסטירט און אונטערגעגעבן אַ שווערע אויספאָרשונג. מען האָט געפאָדערט פון אים, ער זאָל אונטערשרייבן אַ דערקלערונג, אַז דאָס האָט אים זיין מוטער אָנגערעדט און געהאָלפן שרייבן דאָס אַרטיקל אין דער וואַנט צייטונג, אַז די מוטער איז אַן אַגענטין פון אימפּעריאַליזם און חוזקט אָפּ פון דער סאָוויע־טישער קולטור.

מען האָט אים געשלאָגן און געפּייניקט, איינגעזעצט אין אַ פינסטערן

קאָרצער מיט מייז, ביז דאָס יינגל האָט זיך איינגעבראָכן און אונטערגעשריבן די פאַלשע באַשולדיקונג קעגן זיין מוטער. מען האָט זיי בײדע געשטעלט פאַרן געריכט און זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרן, יעדער אויף 10 יאָר לאַגער. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט נישט געוווּסט וווּהין די מוטער איז פאַרשיקט געוואָרן און די מוטער האָט נישט געוווּסט, ווו איר קינד געפינט זיך.

ווען ער איז אָנגעקומען אין לאַגער איז ער געווען שטאַרק פאַרביטערט און באַשלאָסן צו ווענדן זיך דירעקט צו סטאַלינען. אין זיין בריוו צום "פאָטער פון די פעלקער" האָט ער געשריבן, אַז עס קען נישט געמאָלט זיין, אַז אין דער סאָוויעטישער אָרדענונג זאָל מען פאַרשיקן אין לאַגער אַזאַ יונגן מענטש ווי ער, וועלכער איז נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן, נאָר אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג. אין זיין נאַיווקייט האָט ער נאָך צוגעגעבן, אַז אַזאַ האַנדלונג איז מעגלעך געווען ביים צאַר אָדער איצט אין פאַשיסטישן שפּאַניע. דערצו נאָך האָט ער דערמאָנט, אַז מען האָט אים געצווּנגען אונטערצושרייבן אַ פאַלשע דערקלערונג נישט נאָר קעגן זיך, נאָר אויך קעגן זיין מוטער.

ער האָט דערוואַרט, אַז נאָך דעם בריוו וועט מען אים באַפרייען און ער וועט זיך צוריק פאַראייניקן מיט זיין מוטער. עס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט און אַנשטאָט באַפרייען, האָט מען אים גערופן אויף אַ נייע אויספאָרשונג. מען האָט געפאָדערט פון אים, ער זאָל אָנווייזן, ווער עס האָט אים אָנגערעדט צו שרייבן דעם בריוו און ווער עס האָט אים געהאָלפן דאָס אָנשרייבן.

דאָס מאָל האָט ער שוין אָבער געהאַט די ביטערע דערפאַרונג און אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן פאַלשע דערקלערונגען. מען האָט אים לאַנג געפייניקט און מערדערלעך געשלאָגן, ביז ער האָט, בעת איינער פון די אויספאָרשונגען, פאַרלוירן דעם באַוווּסטזיין. מען האָט אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל און עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז זיי האָבן אים אָפּגעהאַקט אַ לונג. דערביי האָט דער "אָפּער" אַרויס־געגעבן דער דאָקטערין אַ באַפעל, אַז זי טאָר אים נישט היילן. דאָס האָט באַדייט, אַז ער זאָל אויסגיין אין יסורים און אויף אַזאַ אופן אָפּווישן די שפּאָרן פון דעם פאַרברעכן.

אין אַזאַ לאַגע האָב איך אים באַקענט אין שפּיטאָל. איך האָב גערעדט מיט דער דאָקטערין וועגן דעם גרויסן פאַרברעכן, וואָס זי נעמט אויף איר געוויסן. זי האָט אָבער שטאַרק מורא געהאַט פאַרן "אָפּער". האָבן מיר דאַן באַשלאָסן, אַז זי זאָל אים אַריינלייגן אין איין צימער מיט מיר. די נויטיקע פאַר אים רפואות האָט זי מיר געגעבן און איך האָב זיך מיט אים פאַרנומען, און קיינער אויסער אונדז האָט וועגן דעם נישט געוווּסט.

עס איז מיר געווען אַ גרויס רחמנות אויף דעם אומגליקלעכן קינד. עס איז געווען אַ נחת מיט אים צו שמועסן. איך האָב באַוווּנדערט זיין רייפקייט און אינ־טעליגענץ. איך האָב אים ליב באַקומען און ער האָט זיך צוגעבונדן צו מיר, ווי צו זיין איינציקן אָפּטרופּס. מיט דער צייט איז ער געקומען אַ ביסל צו די כוחות. ווען איך בין שוין נישט געווען אין שפּיטאָל האָבן ווייזט אויס מוסרים צוגע־

טראָגן דעם "אַפער", אַז ער איז געזונט געוואָרן, און דער דאָזיקער מערדער האָט באַפוילן אים צו שיקן צו שווערע אַרבעט.

אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען דער נאַריאַדטשיק און געשיקט אים אַר־בעטן אַלס טרעגער אין די מאַגאַזינען פון לאַגער. שוין אין ערשטן טאָג, ווען ער האָט געשלעפּט אויף זיך זעק אין אַ וואָג פון העכער 100 קילאָגראַם, איז ער געפאַלן אונטער דער לאַסט. מען האָט אים צוריק אָפּגעפירט אין שפּיטאָל.

איך האָב געזאָגט דעם שפּאַניער, אַז איך וועל אים ברענגען די דאָקומענטן אין שפּיטאָל אַריין. איך בין געווען איבערצייגט, אַז ער וועט דאָס מאַכן נישט ערגער, און אַפילו שנעלער פון מיר. און אַזוי איז געווען. נאָך עטלעכע וואָכן האָב איך, אַ דאַנק זיין הילף, באַוויזן צו מאַכן אַלע נויטיקע חשבונות צום סוף פון יאָר. אַלע זענען געווען צופרידן. עס האָט מיך אָבער דערוואַרט אַ נייער סיופּריז.

פון 1־טן יאַנואַר איז דער גרויזן באַשטימט געוואָרן אַלס נאַטשאַלניק פון אַ גרויסער בוי־אונטערנעמונג אין אַ צווייטן לאַגער און זיין אָרט איז געקומען אַ וולאַסאָוויעץ, אַ שונא ישראל. מיין מזל איז געווען, וואָס דער גרוזינער האָט אים געוואָרנט, אַז אויב ער וויל האָבן אַ רואיקן קאָפּ מיט די חשבונות, זאָל ער מיך נישט באַזייטיקן. איך בין טאַקע אַ ייד, — האָט ער אים געזאָגט, — נאָר איך קען אויסגעצייכנט די קונץ פון מאַכן די חשבונות.

מיר ווידער האָט דער גרוזינער געזאָגט, אַז מיין נייער באַלעבאָס איז אַ גרויסער שיכור, און אויב איך וויל זיין זיכער מיט מיין פּאָסטן, זאָל איך זיך באַמיען פון צייט צו צייט אים געבן אַ מתנה, אַ טרינק משקה... דאָס איז אָבער נישט געווען אַזוי פּשוט. משקה האָט מען געקענט קויפן נאָר אויף דער פריי, אויסער דעם לאַגער. אַ חוץ דעם האָט אַ פלעשל בראָנפן געקאָסט 25 רובל. אָבער דער אויבערשטער שיקט די רפואה פאַר דער מכה.

אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען צו מיר דער הויפּט־בוכהאַלטער, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט באַצויגן צו מיר פריינטלעך, און געפרעגט, צו איך וואָלט מסכים געווען איינצובונדן די דאָקומענטן פון די פאַרגאַנגענע יאָרן, פאַר אַ באַשטימטן אָפּצאָל. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב גערן מסכים געווען. די אַרבעט איז פאַר מיר נישט געווען שווער. היות איך בין אַליין געווען אַ בוכהאַלטער, האָב איך דאָס געמאַכט גענוג שנעל און פאַר יעדן בוך האָב איך באַקומען אַ רובל.

יעדן טאָג בין איך, נאָך מיין אַרבעט אין דער בוי־אונטערנעמונג אַוועק אין אַרכיוו און במשך פון די ערשטע צוויי וואָכן האָב איך געמאַכט 25 ביכער. פאַר די ערשטע 25 רובל האָב איך פאַרשטייט זיך געקויפט אַ פלאַש בראָנפן. ווען איך האָב געגעבן מיין באַלעבאָס, דעם וולאַסאָוויעץ די דאָזיקע מתנה, האָט ער מיר שטאַרק געדאַנקט. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז צופרידן נישט נאָר פון בראָנפן, נאָר אויך דערפון, וואָס ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט אַן עסק...

איך האָב איצט געלעבט רואיקער ווי פריער. מיין אַרבעט אין ביוראָ האָב איך געמאַכט במשך פון 5־6 שעה אין טאָג. קיינער האָט זיך צו מיר נישט געמישט, קיינער האָט נישט געוווּסט צו איך אַרבעט נישט אין די שבתים. דער עיקר איז געווען, אַז די חשבונות זענען געווען צו דער צייט. איך האָב געהאַט גענוג צייט צו אַרבעטן ביים איינבונדן די בוכהאַלטעריע דאָקומענטן און פאַרן פאַרדינטן געלט געקענט מהנה זיין מיין באַלעבאָס מיט אַ פלעשל.

אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט די אידיליע. עס האָט זיך אין מיר דערמאַנט דער "אָפּער".

אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען דער וואָלאָטאָוויטש און מיך געפרעגט: פאַר וואָס איז דער "אָפּער" אַזוי פאַרהאַסט אויף אייך? איך האַלט אייך פאַר אַ קלוגן ייד, און אַ קלוגער מענטש טאָר נישט פאַרגעסן ווו מיר געפונען זיך. איך וואָלט נישט געוואָלט אַז איר זאָלט אַוועקגיין פון מיר. איך בין צופרידן פון אייער אַרבעט. איך האָב אַ רואיקן קאָפּ, איר מאַכט דאָס גוט און צו דער צייט. עס אַרט מיך נישט וואָס איר אַרבעט נישט שבת. קיינער ווייסט נישט וועגן דעם און דאָס קען מען ווייטער אויסבאַהאַלטן. אָבער וואָס האָט איר זיך איינגעעקשנט מיט אייער באָרד און פאות. צו איז דאָס טאַקע אַזוי וויכטיק? איר זייט דאָך אין לאַגער און זיי וועלן דאָס נישט דולדן. דער "אָפּער" האָט מיר בפירוש דערקלערט, אַז דאָס איז אַ פּאָליטישער ענין, און באַפוילן אייך אַראָפּצונעמען פון דער אַרבעט.

איך האָב נישט געהאַט בדעה אָנצוהייבן מיט אים די גאַנצע דיסקוסיע אויפסניי. איך האָב אָבער געוווּסט, אַז מיין קאַריערע אין דער בוי־אונטערנעמונג איז געענדיקט. מיט צוויי טעג שפּעטער איז געקומען נאַראַדטשיק מיט אַ באַפעל, אַז איך ווער געשיקט צוריק צו דער אַרבעט אין דער פאַבריק פון לאַלקעס.

# מיין נייער חבר לצרה — אַלעקסאַנדער

די אַרבעטס־אויפזעערין, די פּוילישע סקולפּטורין האָט מיך אויפגענומען מיט פריינטשאַפט. זי האָט מיך געטרייסט און צוגעזאָגט, אַז איך וועל זיין צוריק באַשעפטיקט ביי מיין פריערדיקער אַרבעט, ביים פּאַקן און שבת וועל איך זיין באַפרייט פון דער אַרבעט. איך האָב איר געדאַנקט און אַלץ איז געווען נאָרמאַל.

עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אויפן איבערזידלונגס — פּונקט איז אָנגעקומען אַ נייע גרופּע אַרעסטאַנטן, צווישן זיי אַ יידישער יונגער־מאַן, וועלכער האָט זיך געפרעגט אויף מיר. איך בין גלייך אַוועק און באַקענט דעם יונגערמאַן וועלכער האָט זיך פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען אַלעקסאַנדער. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז געווען פאַרמשפּט אויף 5 יאָר און עס איז אים נאָך פאַרבליבן ביזן סוף פון אורטייל נישט קיין גאַנצע צוויי יאָר. אין פריערדיקן לאַגער האָט ער געהאַט אַ גרינגע אַרבעט און ער האָט געהאָפט, אַז מען וועט אים

אפשר באפרייען פאַרן טערמין. אָבער דער "אפער" האָט זיך דאָרט צו אים צו־געטשעפּעט און געוואָלט מאַכן פון אים זיינס אַ מוסר. היות ער האָט נישט געוואָלט מסכים זיין, האָט ער אים פאַרשיקט אין דעם לאַגער צו שווערער אַרבעט. אַ ייד מיט וועלכן ער איז געווען צוזאַמען האָט אים געגעבן מיין נאָמען מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועל איך אים קענען העלפן, אַז ער זאָל זיך דאָ אַריינ־באַקומען צו אַ לייכטער אַרבעט.

איך האָב אים באַרואיקט, אַז דער אויבערשטער וועט אונדז נישט פאַרלאָזן. פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע טעג וועט ער מוזן גיין צו שווער פיזישע אַרבעט. שפּעטער וועט מען זען. די ערשטע זאַך איז אָבער געווען צו באַזאָרגן אים מיט וואַרעמע בגדים און אַ פּאָר וואַלענקעס אויף די פיס, ווייל אָן דעם וועט ער אומקומען פון די פרעסט און קעלט. איך האָב געטראַכט, אַז אויב ער וועט אָנגע־נומען ווערן צו דער אַרבעט אין דער בוי־אונטערנעמונג, וועט ער באַקומען וואַרעמע קליידונג און וועט האָבן אַ פּערספּעקטיוו איבערצוגיין נאָך אַ קורצער צייט צו אַ לייכטער אַרבעט.

איך בין אַוועק צום נאַריאַדטשיק און אים פאַרגעשלאָגן אַ האַלבן קילאָ צוקער, וואָס איז געווען מיין נאָרמע פאַר אַ גאַנצן חודש, אויב ער וועט שיקן אַלעקסאַנדערן אין דער בריגאַדע פון בוי־אַרבעטער. פאַרשטייט זיך, אַז דער נאַריאַדטשיק האָט גערן אָנגענומען מיין פאַרשלאָג. אויפן צווייטן טאָג האָט אַלעקסאַנדער שוין געהאַט וואַרעמע מלבושים און איז אַוועק אַרבעטן אין דער בוי־בריגאַדע.

איך האָב אים אָנגעזאָגט, אַז אין די ערשטע טעג זאָל ער זיך באַמיען צו אַרבעטן מיט אַלע כוחות כדי צו געווינען די סימפּאַטיע פון דער בריגאַדע, וואָס איז ביז גאָר וויכטיק פאַר זיין ווייטערדיקער "קאַריערע". נאָך אַ וואָך צייט האָבן מיר מיט פאַרשידענע מיטלען באַקומען אַ פלאַש בראָנפן און איך מיט אַלעקסאַנדערן זענען מיר אַוועק צום לייטער פון דער בוי־אונטערנעמונג, דעם מיין געוועזענעם באַלעבאָס, דעם וולאַסאָוויעץ.

ער האָט זיך מיט מיר דערפרייט, ווי מיטן אַן אַלטן באַקאַנטן, בפרט ווען ער האָט דערזען די פלאַש בראָנפן, וואָס איך האָב אַוועקגעשטעלט אויף זיין טיש. נאָך דעם ווי ער האָט געמאַכט אַ לחיים, האָב איך אים דערציילט, אַז אַלעקסאַנדער איז אויף דער פריי געווען לאַנגע יאָרן אַ דירעקטאָר פון גרויסע האַנדלס־אונטער־נעמונגען, ער איז באַוואוסט אין בוכהאַלטעריע און קען זיך אויס אויף בוי־אַרטיקלען, דעריבער וואָלט ער געקענט זיין אַ פּאַסיקער קאַנדידאַט אויף אַ מאַגאַזינער ביי אים. דערביי האָב איך אָנגעוויזן, אַז עס איז אים שוין נישט פאַרבליבן קיין סך צייט ביזן סוף פון אורטייל און עס וועט נישט זיין קיין שוועריקייט צו באַקומען פאַר אים אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין אויסער די ראַמען פון לאַגער. מיט איין וואָרט. ער וועט האָבן אין אים אַ מענטש, אויף וועלכן מען קען זיך פאַרלאָזן.

דער וולאַסאָוויעץ האָט גערן אָנגענומען אונדזער פאַרשלאָג און צוגעזאָגט

צו דערלעדיקן דעם ענין, כאָטש דאָס מוז דויערן עטלעכע טעג, ווייל ער מוז זיך פריער פאַרשטענדיקן וועגן דעם מיט זיין אָנפירונג. ער האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג.

און אַזוי איז געווען. גראָד ראָש חודש ניסן, דעם 31־טן מערץ 1949 יאָר איז געקומען צו מיר אַלעקסאַנדער מיט דער גוטער בשורה, אַז ער האָט שוין איבערגענומען דעם מאַגאַזין. ער האָט שוין אויך געהאַט אַ באַשטעטיקונג, אַז עס איז אים דערלויבט אַרויסצוגיין אָן אַ וואַך אויסערן שטח פון לאַגער, אויף דער טראַסע צווישן לאַגער און די גאַס ווו עס געפונט זיך דער מאַגאַזין. אָבער דאָס איז שוין געווען אַ פאַרבינדונג מיט דער פריי, און אַלעקסאַנדער איז געוואָרן אַ גרויסער יחסן צווישן די אַרעסטאַנטן. נאָך דער ערשטער וואָך האָט ער געבראַכט די דאָקומענטן און איך האָב אים געהאָלפן מאַכן די ערשטע חשבונות.

דעם 10־טן אַפּריל, י״א ניסן האָט מען מיר געמאָלדן, אַז עס איז אָנגעקומען פאַר מיר אַ פּעקל. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מצה אויף פּסח. איך האָב זיך באַזאָרגט מיט עטלעכע בויגן ריין פּאַפּיר און בין אַוועק אויף דער פּאָסט. אויף דער פּאָסט זענען געווען באַשעפטיקט נייע מענטשן האָבן זיי געהאַט ספקות, צו עס איז דערלויבט מיר אָפּגעבן די מצה. בין איך אַוועק צו דער דאָקטערין. זי האָט מיר געגעבן אַ באַשטעטיקונג, אַז די מצה איז נויטיק פאַר מיין דיעטע, צוליב מיין מאָגן קראַנקהייט.

איצט איז פאַר מיר געשטאַנען די פראַגע ווו צו פּראַווען דעם סדר. פון אַרכיוו האָב איך מער נישט געקענט געניסן, איך האָב מורא געהאַט פאַר מסירה פון די בוכהאַלטערן. איך האָב אָפּגעטראָגן די מצה אין מאַגאַזין, ווו די אַרעסטאַנטן האָבן אָפּגעגעבן צום באַהאַלטן זייערע זאַכן. דאָרט זענען געווען באַשעפטיקט צוויי עלטערע אַרעסטאַנטן פון ווייסרוסלאַנד. זיי האָבן דאָרט אויך געוווינט און געהיטן דעם מאַגאַזין אַ גאַנצן מעת לעת. דאָס זענען געווען אָנשטענדיקע מענטשן, לאַנגע יאָרן האָבן זיי געלעבט צווישן יידן און געקענט די יידישע מנהגים. ווען זיי האָבן געזען, אַז איך האָב געבראַכט מצה, און איך זוך אַן אָפּגעזונדערטן, ריינעם פּלאַץ ווו דאָס צו באַהאַלטן, האָבן זיי מיך געפרעגט ווען ס׳איז ביי יידן פּסח און זיי האָבן אַפילו געוווסט, אַז מען פּראַוועט אַ סדר. איך האָב באַשלאָסן צו געניסן דאָס מאָל פון זייער הילף.

ביים מאַגאַזין איז געווען אַ קליין צימערל, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר זיי צום שלאָפן. אָבער זיי האָבן סיי־ווי דערפון נישט גענאָסן, ווייל דאָרט איז געווען קאַלט און זיי זענען געשלאָפן אין מאַגאַזין. איך האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן מיר דערלויבן צו געניסן פון דעם צימערל אין די טעג פון פּסח, צוזאַמען מיט מיינעם אַ חבר, אַ יונגען בחור. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיי גלייך מכבד געווען מיט צוויי מצות, און צוגעזאָגט, אַז איך וועל זיי אויך געבן אַ ביסל קאַרטאָפל.

נאָך אַ קורצן ישוב הדעת האָבן זיי מסכים געווען, מיטן באַדינג, אַז מיר וועלן אַריינגיין און אַרויסגיין שפּעט ביינאַכט אָדער פאַרטאָג, אַז קיינער זאָל

אונדז נישט באַמערקן. איך האָב גלייך אויפגערוימט דעם צימער, אַריינגעטראָגן די קאַרטאָפל, וואָס איך האָב ביז איצט געהאַלטן אין אַרכיוו פון דער בוכהאַלטעריע ווי אויך נייע כלים, כשר לפסח, מיט וועלכע איך האָב זיך באַצייטנס באַזאָרגט.

אלעקסאַנדער איז געקומען האָב איך אים געזאָגט, אַז מיר האָבן שוין אַלץ גרייט צום פסח און מיר וועלן פּראַווען דעם סדר צוזאַמען. ער האָט זיך געפרייט און אויסגערופן: איך בין שוין נישט געזעסן ביים סדר אַ שאָק מיט יאָרן. צום לעצטן מאָל בין איך געזעסן מיטן טאַטן ביים סדר, ווען איך בין געווען אַ קליין קינד. איך קען נישט אַפילו קיין עברי און וועל נישט קענען זאָגן די הגדה.

איך האָב אים באַרואיקט, אַז מיר וועלן זיך יאַקאַש אַן עצה געבן, אויב ער וועט נאָר אַרויסווייזן גוטן ווילן, וועל איך אויסלערנען נישט נאָר דאַווענען, נאָר אויך חומש און די דינים פון שולחן ערוך.

מיטוואָך ערב יום־טוב, ווען עס איז געוואָרן גוט פינסטער זענען מיר אַוועק אין אונדזער צימער ביים מאַגאַזין. איך האָב שוין פריער צוגעגרייט געקאָכטע קאַרטאָפל און טיי אויף אַרבעה כוסות. דעם ערשטן סדר האָבן מיר געפּראַוועט אַזוי, אַז איך האָב געלייענט די הגדה און אלעקסאַנדער האָט נאָכגעזאָגט יעדעס וואָרט פון אויסנווייניק. איך האָב אים אויפגעקלערט די באַדייטונג פון יום־טוב פסח און אַרום 12 אַזייגערביינאַכט, זענען מיר זיך פאַנאַדערגעגאַנגען. מיר האָבן באַשטימט צוריקצוקומען פאַרטאָג, עסן די קאַרטאָפל מיט אַ שטיקל מצה, וואָס איז געבליבן פון סדר, כדי נישט עסן קיין חמץ. אלעקסאַנדער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז היות ער גייט אַרויס אויסער דעם לאַגער, איז אים נישט שווער צו באַקומען אַ ביסל קאַרטאָפל, וועלכע ער קען אָנבאַקן ביי דער אַרבעט, און דאָס וועט אים סטייען ביזן אָוונט, ווען מיר וועלכן פּראַווען דעם צווייטן סדר.

דעם צווייטן סדר האָבן מיר געפּראַוועט אַזוי, אַז נאָך יעדן שטיקל פון דער הגדה האָב איך אים דאָס איבערזעצט אויף רוסיש, כדי ער זאָל פאַרשטיין דעם אינהאַלט. איך האָב אים דערציילט וועגן נס פון קריעת ים סוף, וואָס באַווייזט, אַז אַ ייד טאָר קיינמאָל נישט אַריינפאַלן אין יאוש. ווער עס האָט אין זיך אמונה, דעם פאַרלאָזט נישט דער אויבערשטער, אַפילו אין די שווערסטע מאָמענטן. דער בעסטער באַווייז איז, אַז אין די באַדינגונגען פון טעראָר אין לאַגער פּראַווען מיר דעם סדר, דעם יום־טוב פון אונדזער באַפרייאונג. די גאולה פון מצרים איז אָבער נאָך נישט געווען אַ פולשטענדיקע, ווייל נאָך דעם איז געקומען דער חורבן פון בית המקדש און מיר זענען ווידער פאַרטריבן געוואָרן אין גלות. עס שטייט אָבער אין חומש: "והוצאתי, וגאלתי, ולקחתי, והצלתי". דאָס מיינט, אַז דער אויבערשטער איז מציל דאָס יידישע פאָלק און מיר גלויבן, אַז ווען משיח וועט קומען, וועט זיין די פולשטענדיקע גאולה. דער אויבערשטער וועט אונדז אָוועקפירן קיין ישראל, ווו מיר וועלן לעבן ווי אַן אויסגעלייזט פאָלק אין אונדזער מדינה און קענען דינען דעם אויבערשטן אָן שטערונגען. אַלע אומות וועלן קומען צו אונדז און מודה זיין, אַז דער אויבערשטער פירט מיט דער וועלט.

דעם יום־טוב, וואָס מיר האָבן פאַרברענגט צוזאַמען האָט געהאַט אַ שטאַרקע

ווירקונג אויף אַלעקסאַנדערן. ער האָט שוין געקענט אַליין מאַכן אַ ברכה, און ער האָט אויסגעדריקט זיין שטרעבונג אויסצולערנען זיך לשון קודש, כדי ער זאָל קענען דאַווענען.

איך האָב אים אויסגעשריבן אויף אַ פּאַפּיר די יידישע אותיות. נאָך דעם האָב איך אָנגעשריבן גאַנצע פּסוקים פון תפילות, געבנדיק ביי דער זייט מיט רוסישע בוכשטאַבן דעם פאָנעטישן אויסלייג, ווי אַזוי דאָס לייענט זיך, ווי אויך אַ רוסישע איבערזעצונג פונעם אינהאַלט. נאָך עטלעכע וואָכן האָט אַלעקסאַנדער געקענט שוין דאַווענען פון אויסנווייניק. זייער אָפט, אין ראַמען פון מעגלעכקייט האָבן מיר פאַרברענגט די שבתים צוזאַמען און געלערנט די פּרשה פון דער וואָך.

מוצאי־שבת, דעם 30־טן אַפּריל האָט מען מיך אויפגעוועקט אין דער נאַכט. ביי מיין בעט איז געשטאַנען אַן ענקאַוודיסט, וועלכער האָט מיר באַפוילן גיין מיט אים. ער האָט מיך אָנגעפירט גלייך אין קאַרצער, וועלכער איז שוין געווען איבערפולט, אַז איך האָב זיך קוים אַריינגעשטיפּט. ווען איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין וואָס פאַרא געזעלשאַפט איך געפון זיך, האָב איך געזען, אַז כמעט אַלע זענען געמשפּטע פון פּאַראַגראַף 58, דאָס מיינט פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די איניציאַטיוו פון אונדזער "אָפּער", צו איזאָלירן אונדז, כדי מיר זאָלן חלילה נישט שטערן אין דער שמחה פונעם "באַפרייאונגס יום־טוב", דעם 1־טן מאַי. ערשט שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אונדז אַרויס־געלאָזט מידע און הונגעריקע.

צומאָרגנס ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט, האָט מיך דערוואַרט אַ נייער סיורפּריז. די אַרבעטס־אָיפּזעערין, די פּוילישע סקולפּטורין האָט מיר געזאָגט, אַז מיט גרויס באַדויערן מוז זיך מיך שיקן צו דער אַרבעט ביי ניטראָלאַק, ווייל אַזאַ באַפעל האָט זי באַקומען פון "אָפּער". דאָס איינציקע וואָס זי האָט געקענט טאָן אין דער לאַגע איז געווען, וואָס זי האָט אויסגעקעמפט, אַז ביי דער אַרבעט וועלן זיין באַשעפטיקט צוויי מענטשן און איך וועל אַרבעטן איין טאָג ביים ניטראָלאַק און דעם צווייטן טאָג ביים פּאַקן די לאָלקעס. אַ חוץ דעם האָט זי געמאַכט ספּעציעלע מאַסקעס, וואָס מיר וועלן טראָגן בעת דער אַרבעט. צום סוף האָט זי מיר געזאָגט שטיל, אַז אין מיין פאָרמולאַר איז בפירוש פאַרשריבן דורך דער דאָקטערין, אַז עס איז נישט דערלויבט מיך צו באַשעפטיקן ביי דער דאָזיקער אַרבעט צוליב מיין געזונט צושטאַנד. זי האָט מיר אַפילו געראָטן, איך זאָל זיך אָפּזאָגן אַאויסצופירן איר באַפעל און גיין צו דער דאָקטערין אויף אַן אָנקלאַגע.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ נייע סאַנקציע פונעם נייער "אָפּער" און געקומען צום אויספיר, אַז איך האָב נישט קיין שום שאַנסן צו געווינען און דעריבער איז נישט כדאי יעצט אויפצוהייבן אַ קאַמף. איך בין אַוועק צו מיין אַלט־נייער אַרבעט. איך האָב אָנגעטאָן די מאַסקע, אָבער עס איז געווען מיט איר נאָך ערגער. די מאַסקע איז געווען שווער און עס האָט אויסגעפעלט אין איר אָטעם. איך האָב זי גלייך אַראָפּגעוואָרפן און געאַרבעט אָן דער מאַסקע.

מיין פאַרטנער איז געווען אַ יונגער שייגעץ. אויסערלעך האָט ער אויס־געזען אַ שטאַרק געזונטער, אָבער פונקט ווי איך האָט ער זיך אויך כסדר געשטיקט ביי דער אַרבעט מיטן ניטראַלאַק. ער האָט זיך אויך געהאַט מיט עפּעס פאַרזינדיקט און מיר זענען ביידע געווען פאַרמשפּט אויפן צאָרן פונעם "אַפּער". "איך האָב געאַרבעט ביים ניטראַלאַק מאָנטיק, מיטוואָך און פרייטיק און דער שייגעץ דינסטיק, דאָנערשטיק און שבת.

עס איז אַוועק אַ חודש צייט און איך האָב זיך געפילט כסדר אַלץ ערגער. עס האָט מיך גענומען מאַטערן אַ הוסט, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון מיין אַרבעט ביי דעם ניטראַלאַק. עס האָבן זיך מיר אויך באַנייט די ווייטיקן פון מאָגן. דערווייל איז אָנגעקומען שבועות, וואָס איז אין דעם יאָר אויסגעפאַלן אין די טעג פון פרייטיק און שבת. איך האָב געבעטן מיין פאַרטנער, ער זאָל פאַר מיר אַרבעטן דעם פרייטיק און איך וועל פאַר אים אָפּאַרבעטן אַ טאָג אין זונטיק. אַלס באַלוינונג פאַר דער טראַנזאַקציע, צו וועלכער ער האָט מסכים געווען, האָב איך אים צוגעגעבן מיין נאָרמע צוקער פאַרן חודש.

יום־טוב האָבאיך גערוט. עס איז געקומען אלעקסאַנדער, וועלכער האָט זיך שוין פאַר דער צייט אויסגעלערנט זיך דאַווענען, און מיר האָבן געדאַוונט צוזאַמען. אין אָוונט האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען און איך האָב אים דערציילט וועגן דער באַדייטונג פון יום־טוב־מתן תורה.

עס זענען אַוועק נאָך עטלעכע וואָכן און מיין געזונט צושטאַנד האָט זיך כסדר פאַרערגערט. איך האָב נישט געקענט עטעמען און געטראַכט וועגן ווענדן זיך צו דער דאָקטערין, זי זאָל מיך נעמען אין שפּיטאָל אַריין. דערווייל איז געשען אַ פאַרפאַל, וועלכער האָט אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן לאַגער.

ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיט אַ טאָג פריער איז מיין פאַרטנער, דער יונגער שייגעץ אַוועקגעפאַלן בעת דער אַרבעט ביים ניטראַלאַק. מען האָט אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. אָבער אויפן וועג איז ער געשטאָרבן. איך האָב זיך דערשראָקן און אַוועק צו דער דאָקטערין. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ סעקציע און פעסטגעשטעלט, אַז דער שייגעץ איז פאַרסמט געוואָרן מיטן ניטראַלאַק. צוזאַמען מיטן הויפּט־דאָקטער האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, וואָס פאַרווערט דער אונטערנעמונג צו באַנוצן זיך מיט ניטראַלאַק.

די אָפּטיילונג פון ניטראַלאַק איז צייטווייליק געשלאָסן געוואָרן און די אויפזעערין האָט מיך אַוועקגעשטעלט צו מיין פריערדיקער אַרבעט ביים פּאַקן די לאַלקעס. נאָך עטלעכע שעה איז געקומען דער "אַפּער" און באַפוילן צוריק צו עפענען די אָפּטיילונג און מיך ווייטער שיקן צום ניטראַלאַק. דאָס מאָל האָט די אויפזעערין אָפּגעזאָגט אויסצופירן זיין באַפעל. זי האָט אים געוויזן די מעדיצינישע פאַראָרדענונג, אונטערגעשריבן דורך דריי דאָקטוירים, אין שפּיץ מיטן הויפּט־דאָקטער פון לאַגער. דאַן איז ער אַוועק, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, און פאַרהאַקט אונטער זיך די טיר מיט כעס.

אויפֿן צווייטן טאָג האָט מען באַזייטיקט דעם ניטראָלאַק און עס איז איינגעפּירט געוואָרן אַ נייער מעטאָד פֿון פאַרבן די לאָלקעס מיט געווײנלעכן לאַק, וואָס איז נישט געווען שעדלעך פֿאַרן געזונט. מיך האָט מען ווידער באַשטימט צו דער אַרבעט, צוזאַמען מיט נאָך צוויי אַרעסטאַנטן.

די אַרבעט איז איצט באמת נישט געווען קיין שעדלעכע און אַפּילו אַ לייכטע. דער רוי־שטאָף האָט אָבער געקאָסט טייערער און די אַרבעטס פּראָדוקטיוויטעט איז געווען אַ קלענערע. עס איז אַוועק צוויי חדשים נאָך דעם פֿאַל און פֿון מאָסקווע איז אָנגעקומען אַ באַפֿעל צו ליקווידירן די פֿאַבריק פֿון לאָלקעס, מיטן מאָטיוו, אַז די פּראָדוקציע ברענגט דעפּיציטן. אַלע זענען געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ נקמה אַקט מצד דעם "אַפּער".

דאָס איז געווען 7 טאָג אין אלול, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1949 יאָר. אויפֿן צווייטן טאָג נאָכן שליסן די לאָלקע פֿאַבריק איז געקומען דער נאַריאַדטשיק און געבראַכט אַ באַפֿעל, איך זאָל גיין אַרבעטן ביים אויפֿקאָפּן די "בראָווקעס". די בראָווקע", דאָס איז געווען אַ פּאַס ערד אַרום דער פֿאַרצוימונג פֿון לאַגער וואָס מען האָט יעדן טאָג פֿריש אויפֿגעאַקערט, כדי אין פֿאַל ווען אַן אַרעסטאַנט וועט פּרוּוון אַנטלויפֿן, זאָל מען זען פֿון ווייטן די שפּאָרן פֿון זיינע טריט אויף דער פֿריש אויפֿגעאַקערטע ערד.

דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט, ווייל זי איז אויסגעפֿירט געוואָרן אויפֿן פּרימיטיוווסטן אופֿן, מיט דער הילף פֿון אַ לאָפּאַטע און גראַבלע. דערביי איז געווען אַ נאָרמע פֿון אַ באַשטימטע צאָל קוואַדראַט־מעטער, וועלכע מען האָט געמוזט אויספֿירן. דערצו נאָך האָט זיך די דאָזיקע אַרבעט געפֿונען אונטער דער דירעקטער אויפֿזיכט פֿון דער נ.ק.וו.ד., דאָס הייסט אונטער דער השגחה פֿונעם "אַפּער".

דער נאַריאַדטשיק האָט מיר אָפּגעמאָסטן אַ שטח ערד, וואָס איך האָב באַדאַרפֿן אויפֿאַקערן במשך פֿון טאָג. איך בין אָבער געווען זייער אָפּגעשוואַכט, און ביז פֿאַרנאַכט האָב איך באַוויזן צו מאַכן קוים צוויי דריטל פֿון דער נאָרמע. עס איז אָנגעקומען דער "אַפּער", וואָס איז געווען אַן אויסנאַם, ווייל ער האָט געהאַט געגנוג משרתים, אָבער דאָס מאָל האָט ער זיך אַליין מטריח געווען, ווייזט אויס צוליב מיר. ווען ער האָט דערזען ווי איך האַלט, האָט ער באַפֿוילן, מען זאָל מיך פֿריער נישט אָפּלאָזן, ביז איך וועל נישט מאַכן די פֿולע נאָרמע.

איך האָב געאַרבעט שפּעט אין דער נאַכט ביז איך האָב פֿאַראַקערט דעם גאַנצן אָפּגעמאָסטענעם שטח. אָבער נישט געקוקט דערויף האָב איך אויפֿן צווייטן טאָג באַקומען נאָר 300 גראַם ברויט, אַלס שטראָף פֿאַר נישט אויספֿירן מיין אַרבעטס נאָרמע, אָבער דאָס איז געווען די לעצטע רשעות, וואָס דער דאָזיקער "אַפּער" האָט מיר אָפּגעטאָן. צומאָרגנס האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין דער זעלבער נאַכט האָט ער באַקומען אַ שווערן אַטאַק פֿון האַרצן און מען האָט אים אָפּגעפֿירט אויף אַן עראָפּלאַן אין אַ שפּיטאָל פֿון מאָסקווע.

דאָס איז געווען אין אַ פֿרייטיק. נאָך האַלבן טאָג איז געקומען אַ שליח מיט אַ באַפֿעל, אַז איך זאָל זיך גלייך מעלדן אין דער סאַניטאַר־אָפּטיילונג. די דאָק־

טערין האָט באַשטעטיקט, אַז מען האָט דעם "אַפּער" טאַקע צוגענומען אין אַ שפּיטאָל קיין מאָסקווע און לויט איר מיינונג, וועט ער אַזוי שנעל נישט צוריקקומען. — דאַרף מען אויסנוצן די צייט. — האָט זי געזאָגט. — איך האָב פאַרווערט דעם נאַריאַדטשיק צו באַשעפטיקן אייך ביים אָקערן די בראָווקעס, ווייל דאָס איז צו שווער פאַר אייער געזונט צושטאַנד. איר האָט אַ רעכט נישט צו גיין צו דער אַרבעט, ביז ער וועט אייך נישט געבן אַ באַשעפטיקונג וואָס זאָל זיין אַנטשפּרעכנד צו אייערע פיזישע מעגלעכקייטן.

די פאָרשריפטן זענען געווען אַזאַ, אַז אויב עס איז אַנערקענט געוואָרן, אַז אַן אַרעסטאַנט האָט נישט געאַרבעט צוליב דער שולד פונעם נאַריאַדטשיק, איז ער באַשטראָפט געוואָרן מיט 20 רובל פאַר יעדן טאָג וואָס דער אַרעסטאַנט איז געגאַנגען ליידיק. דער נאַריאַדטשיק האָט מיך טאַקע גלייך גערופן צו זיך און פאַרגעשלאָגן, איך זאָל זיך אַליין אויסקלויבן וועלכע עס איז אַרבעט, ווייל ער וויל נישט צוליב מיר באַשטראָפט ווערן.

דאָס מאָל האָב איך זיך נישט געאיילט. די דאָקטערין האָט מיר דערציילט, אַז אין לאַגער געפונט זיך זינט עטלעכע טעג אַ קאָמיסיע פון מאָסקווע, וועלכע קאָנטראָלירט די בוכהאַלטעריע. זיי האָבן פעסטגעשטעלט, אַז עס איז דאָרט אַ גרויסער באַלאַגאַן. דער הויפּט-בוכהאַלטער האָט געשיכרט און זיינע געהילפן האָבן אָנגעמאַכט אַ פּלאָנטער, קאָן זיין, אַז צוליב דעם וואָס זיי זענען נישט קיין פאַכלייט, אָדער אפשר גאָר האָבן זיי דאָס געמאַכט בכיוון, כדי צו פאַרווישן די שפּאָרן פון זייערע גנבות. יעדנפאַלס. לויט ווי די דאָקטערין האָט זיך דערוווסט, האָבן די קאָנטראָלערן פון מאָסקווע אָנגעשריבן אַ ראַפּאָרט צום נאַטשאַלניק פון לאַגער, אין וועלכן זיי פאָדערן צו מאַכן אַן אָרדענונג אין בוכהאַלטעריע במשך פון אַ באַשטימטן טערמין, כדי קענען מאַכן דעם בילאַנס צו דער באַשטימטער צייט.

צום סוף האָט די דאָקטערין מיר געזאָגט, אַז לויט די קלאַנגען וואָס זענען צו איר דערגאַנגען, קען איך זיך ריכטן, אַז מען וועט מיך פּשוט בעטן איך זאָל גיין צוריק אַרבעטן אין בוכהאַלטעריע. און אַזוי איז געווען. אויפן צווייטן טאָג איז געקומען דער נאַריאַדטשיק און געזאָגט, אַז איך זאָל וואָס שנעלער גיין צום הויפּט-בוכהאַלטער.

# מײַנע צװאַנציק יאָר
# אין סאָװעטישע טורמעס

פון

אברהם נעצאַך

◆

איבערלעבונגען פון אַ רוסישן אידן, װאָס האָט זיך געראַטעװעט
פון צװאַנציק יאָר געפאַנגענשאַפט אין טורמעס און שקלאַפן־
אַרבעטס־לאַגערן אין סאָװעט רוסלאַנד

— פינפטער טײל —

# אינהאַלט

## דער פינפטער טייל

איך אַרבעט ווידער אין בוכהאַלטעריע . . . . . . . . 87
דער וויזיט פון מיין פרוי . . . . . . . . 93
מיין ערשטער אָפּרו אין לאַגער . . . . . . . . 96
אויף אַן אינזעל מיט היטלעריסטעשע מערדער . . . . . . . 112
צום צווייטן מאָל אין צענטראַלן שפּיטאָל . . . . . . . 135
די גנבים שטעלן מיך צו זייער משפּט . . . . . . . . 165
איך ווער בעפרייט פון לאַגער . . . . . . . . 172

פינפטער טייל

# איך אַרבעט ווידער אין בוכהאַלטעריע

דער הויפּט-בוקהאַלטער האָט מיך אויפגענומען ווי אַן אַלטן פריינט. בעת דעם שמועס האָט ער אַנגעוואָנדן אַלע מיטלען, כדי מיך איבערצייגן אין זיין אויפריכטיקייט לגבי מיר. — דאָס באַזייטיקן אייך פון דער אַרבעט איז געווען אַ נקמה — אַקט מצד דעם ״אָפּער״ נישט נאָר קעגן אייך, נאָר אויך קעגן מיר. — האָט ער אָנגעהויבן. — נאָך דעם ווי ער האָט אייך באַזייטיקט, האָט ער מיך אַרומגערינגלט אין דער בוכהאַלטעריע מיט זיינע מענטשן, גנבים, וועלכע האָבן פאַרפלאָנטערט אַלע חשבונות מיט אַ בפירושן ציל, אַרונטערצורייסן מיין אויטאָ־ריטעט און אפשר אויך כדי מיך משפטן. איצט, אַז מיר זענען פּטור געוואָרן פונעם ״אָפּער״ מוזן מיר אויך וואָס שנעלער זיך באַפרייען פון זיינע מענטשן.

— איך האָב גערעדט מיטן לייטער פון לאַגער, — האָט ער ווייטער געצויגן — און ער האָט מסכים געווען צו באַשטימען אייך אַלס מיין פאַרטרעטער. איר דאַרפט פאַרגעסן אין דער עוולה, וואָס איז אייך געשען. דער עיקר איז איצט, וואָס שנעלער צוזאַמענצושטעלן אַ נייעם פּערסאָנעל ביז עס וועט קומען אַ נייער ״אָפּער״, כדי מיר זאָלן נישט האָבן קיין נייע שטערונגען. איך האָב באַקומען פונעם לייטער אַ דערלויבעניש צו באַשעפטיקן אַפילו פּאָליטיש-אַרעסטירטע, אַבי זיי זאָלן זיין פאַכלייט און מיר זאָלן מאַכן דעם בילאַנס צו דער צייט.

נישט וואַרטנדיק אויף מיין הסכמה, איז ער באַלד צוגעטרעטן צו פּראַק־טישע ענינים. — נאָך היינט אין אָוונט — האָט ער געזאָגט — וועט קומען דער נאַריאַרטשיק מיט אַ רשימה פון אַרעסטאַנטן און מיר וועלן אויסקלייבן 6־7 מענטשן, וועלכע וועלן שוין פון מאָרגן צוטרעטן, צוזאַמען מיט אייך צו דער אַרבעט. די דאָזיקע גנבים וויל איך דאָ מער נישט זען...

און אַזוי איז געווען. עס איז געקומען דער נאַריאַדטשיק און מיר האָבן אויסגעקליבן 6 מענטשן, וועלכע האָבן אָנגעגעבן אין זייערע דאָקומענטן, אַז זיי זענען קוואַליפיצירטע בוכהאַלטערן. ווידער האָב איך געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. די שווערסטע אויפגאַבע איז געווען צו קאָנטראָלירן אַלע דאָקומענטן פאַרן גאַנצן יאָר. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ גרויסער טייל פון זיי זענען נישט געווען געבוכט און פאָרמעל נישט גילטיק, ווייל עס האָבן געפעלט די נויטיקע אונטערשריפטן.

נאָך צוויי וואָכן, האָט דער הויפּט-בוכהאַלטער פאַרזאַמלט אַלע מיטאַרבע־טער און פון דער אָפּשאַצונג איז געווען קלאָר, אַז מיר זענען שוין אַרויף אויפן וועג פון איבערווינדן דעם געשאַפענעם קריזיס. דער הויפּט-בוכהאַלטער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג און צוגעזאָגט, אַז אויב מיר וועלן ענדיקן צום טערמין,

ד. ה. ביזן 15־טן אָקטאָבער דעם דריי פערטל יאָר בילאַנס, וועלן אַלע בוכהאַלטערן באַקומען אַ פּרעמיע — 10 קילאָגראַם קאַרטאָפל. דער בילאַנס איז געווען צו דער צייט און דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט געהאַלטן וואָרט.

און צווישנצייט זענען אָנגעקומען די ימים־נוראים און סוכות. מיט אַלעקסאַנדערן האָב איך זיך זייער אָפט באַגעגנט. ר״ה האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען. ער האָט שוין געקענט אַליין דאַווענען. ערב יום־כּיפּור האָבן מיר צונויפגעזאַמלט אַלע יידן אין דעם צימערל ביים מאַגאַזין. מיר האָבן צוזאַמען פאַרפאַסט מיט ברויט און טיי און געזאָגט כּל נדרי. מוצאי יום־כּיפּור האָבן מיר זיך ווידער צוזאַמענגענומען, געדאַוונט צוזאַמען נעילה און מעריב און אָפּגעפאַסט מיט ברויט און קאַרטאָפל. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק געוווּנטשן וואָס שנעלער פּטור צו ווערן פון דעם גיהנום און זוכה זיין צוריקצוקומען אין אונדזערע היימען, צו אונדזערע משפּחות.

אין בוכהאַלטעריע איז די אַרבעט ווייטער געווען אַן אָנגעשטרענגטע. מיר האָבן באַדאַרפן מאַכן צום טערמין דעם בילאַנס פאַרן יאָר 1949. עס האָבן אויסגעפעלט קוואַליפיצירטע בוכהאַלטערן. די אָנפירונג פון לאַגער האָט אונדז דעריבער געגעבן די אויפגאַבע צו דעלעגירן אונדזער פאַרשטייער אויפן איבערזידלונגס — פּונקט יעדעס מאָל ווען עס זענען אָנגעקומען נייע טראַנספּאָרטן מיט אַרעסטאַנטן, כּדי פון צווישן זיי ווערבירן מענטשן צו דער אַרבעט אין בוכהאַלטעריע. היות דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט, האָט מען אויף מיר אַרויפגעלייגט די דאָזיקע אויפגאַבע.

דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג יאַנואַר 1950 יאָר. עס איז אָנגעקומען אַן ״עטאַפּ״. איך בין געזעסן ביי מיין טישל און פאַרנומען זיך מיט די אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן אָנגעגעבן, אַז זיי זענען בוכהאַלטערן. פּלוצים האָב איך צווישן די אַרעסטאַנטן באַמערקט אַ יונגערמאַן מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן, אָנגעטאָן אין אַן אָפיצירן מונדיר, פאַרשטייט זיך אָן די דיסטינקציעס. מען האָט נישט באַדאַרפן זיין קיין גרויסער מבין, כּדי צו זען, אַז איך האָב פאַר זיך אַ ייד.

איך האָב אים צוגערופן און געפרעגט אויף רוסיש, וואָס פאַראַ קוואַליפיקאַציעס ער האָט. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער איז געווען אַן אָפיציר אין דער אַרמיי און זיינע קוואַליפיקאַציעס זענען אַ מיליטערישער סוד, ועלכן ער קען מיר נישט זאָגן. דאַן האָב איך אים געזאָגט שטיל אויף יידיש: שרייבט איין אין פאָרמולאַר, אַז איר זייט אַ בוכהאַלטער און וואַרט דאָ ביזן סוף, ווען איך וועל אייך ווידער רופן. דאָס איבעריקע וועל איך שוין דערלעדיקן, ווען נישט, וועט מען אייך שיקן צו אַ שווערע אַרבעט, ווו איר וועט לאַנג נישט אויסהאַלטן. דערוויל באַמיט זיך צו האַלטן אין אַ זייט כּדי איר זאָלט זיך נישט וואַרפן אין די אויגן פון דער קאָמיסיע.

איך האָב ספּעציעל פאַרלאַנגזאַמערט מיין אַרבעט. גראָד האָב איך געהאַט עטלעכע מענטשן וועלכע האָבן אָנגעגעבן, אַז זיי זענען בוכהאַלטערן. איך האָב מיט יעדן פון זיי געמאַכט אַן עקזאַמין אויפן אָרט, און עס האָט זיך טאַקע אַרויס־

געוויזן, אַז קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט די נויטיקע קוואַליפיקאַציעס. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב קיינעם פון זיי נישט אַנגאַזשירט, אָבער דערוויייל האָט עס גענומען אַ ביסל צייט און ביז עס איז געקומען די ריי אויף דעם יידישן יונגערמאַן, זענען די איבעריקע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע שוין אַוועק.

ווען איך האָב גענומען זיין פאָרמולאַר, האָב איך געזען, אַז ער איז 35 יאָר אַלט און איז פאַרמשפּט אויף 10 יאָר פון אַרטיקל 58, דאָס איז געווען דער זעלבער אַרטיקל פון וועלכן איך בין געמשפּט געוואָרן פאַר פאַראַט קעגן דער ראַטנמאַכט. איך האָב געמאַכט דעם אַנשטעל, אַז איך עקזאַמינירן אים און ער האָט מיר דערציילט אין וואָס עס זענען באַשטאַנען זיינע זינד...

ער איז געווען אַ יתום און דערצויגן געוואָרן אין אַ סאָוויעטישער קינדערהיים. ער האָט כמעט נישט געקענט קיין יידיש וואָרט. אין דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג איז ער פריייוויליק אַוועק אין דער סאָוויעטישער אַרמיי, ווו ער האָט אַוואַנסירט אויף אַן אָפיציר. נאָכן אַנשטיין פון מדינת ישראל האָט ער אָנגעשריבן אַ ראַפּאָרט צו זיין אָנפירונג און געבעטן, מען זאָל אים דערלויבן צו פאָרן קיין ישראל, כדי צו העלפן דער ניי אַנשטאַנענער מדינה אין דער באַפרייאונגס מלחמה קעגן די אַראַבער.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען אים אַרעסטירט. העכער 6 חדשים האָט מען אים געפּייניקט מיט שווערע אויספאָרשונגען. זיי האָבן נישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס האָט ער געשריבן פון אייגענער איניציאַטיוו, נאָר געפאָדערט ער זאָל דערציילן, ווער עס האָט אים ווערבירט אין אימפּעריאַליסטישן שפּיאָנאַזש.

ער האָט זיך פאַרטיידיקט, אַז דאָס האָט דאָך דער פאַרשטייער פון דער סאָוויעטישער רעגירונג געשטימט פאַר דער רעזאָלוציע פון שאַפן די מדינה... זיי האָבן אָבער געטענהט אַז ער איז דערצויגן אין דער סאָוויעטישער אָרדענונג, און דערצו נאָך אַ קאָמוניסט, (ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי) איז ווו קומט דאָס, אַז ער האָט געוואָלט פאַראַטן זיין סאָוויעטיש פאָטערלאַנד און פאָרן קעמפן פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישער־אימפּעריאַליסטישער מלוכה.

העכער אַ האַלב יאָר צייט האָט מען געפּייניקט אין אַ מיליטערישע תפיסה. פאַר דער גאַנצער צייט האָט מען אים נישט דערלויבט זען זיך מיט זיין פרוי און אויך נישט שרייבן קיין בריוו אָדער באַקומען פון איר בריוו. צום סוף האָט מען אים אַרויסגערופן און געמאָלדן, אַז ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אונטער די אויגן דורך אַ "טראָיקע" (אַ קאָמיסיע פון דריי אָפיצירן) אויף 10 יאָר פאַר פאַראַטן דאָס פאָטערלאַנד. (איזמיענאַ ראָדיני.)

אין זיינע דאָקומענטן איז געווען פאַרשריבן "ספּעצ־לאַגער", דאָס מיינט, אַז ער דאַרף אָפּקומען זיין שטראָף אין אַ לאַגער מיט אַ פאַרשאַרפטן רעזשים ביי שווערע פיזישע אַרבעט. איך האָב דעריבער געצווייפלט, צו עס וועט געלונגען אים צו פאַרהאַלטן. אָבער מען דאַרף מאַכן אַ פּרווו. איך האָב אים געראָטן אַז דערוויייל זאָל ער זאָגן אַז ער איז קראַנק און בעטן מען זאָל אים שיקן צו אַ דאָקטער.

מיר האָבן זיך צעשיידט און ווי נאָר איך בין אָנגעקומען אין לאַגער בין איך אַוועק צו דער דאָקטערין און דערציילט איר די גאַנצע מעשה, בעטנדיק איר הילף ביים ראַטעווען דעם ייד. מיט עטלעכע שעה שפּעטער איז דער יידישער אָפיציר שוין געלעגן אין שפּיטאָל פון אונדזער לאַגער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געקענט די קונץ פון מאַכן זיך הויכע טעמפּעראַטור...

צומאָרגנס האָב איך דערציילט דעם הויפּט־בוכהאַלטער וועגן אים און געבעטן, אַז ער זאָל אים באַשעפטיקן ביי אונדז אין בוכהאַלטעריע. מיין באַלעבאָס האָט עפּעס געלערנט פון דער דערפאַרונג און בדרך כלל איז מיר אַנטקעגנגעקומען, אויב איך האָב עפּעס וואָס ביי אים געבעטן. אויך דאָס מאָל האָט ער נישט אָפּגעזאָגט. נאָך דעם זעלבן טאָג איז ער צוריקגעקומען פון דער הויפּט־אָנפירונג פון לאַגער און דערקלערט, אַז דער ענין איז באַשטעטיקט געוואָרן, מיטן באַדינג, אַז איך וועלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין אַרבעט.

איך האָב אים געדאַנקט און מיט צוויי טעג שפּעטער איז דער אָפיציר "געזונט געוואָרן". איך האָב אים דערלעדיקט אַן אָרט אין באַראַק פאַר בוכהאַלטערן. היות ער איז געווען אַ מענטש מיט בילדונג, האָט ער נישט געהאַט קיין גרויסע שוועריקייטן און נאָך עטלעכע טעג האָט ער זיך אויסגעלערנט די אַרבעט, וועלכע איך האָב אים באַשטימט.

אָבער דאָס גליק האָט ביי אים לאַנג נישט געדויערט. נאָך דריי וואָכן האָט די נ.ק.וו.ד. זיך דערמאָנט אין אים. עס איז געקומען אַ באַפעל צו שיקן אים אין אַ ספּעץ־לאַגער. מיט אַ ביטער האַרץ האָבן מיר זיך געזעגנט. די איינציקע עצה וואָס איך האָב אים געקענט געבן איז געווען, אַז אויפן נייעם פּלאַץ זאָל ער זיך באַמיען אַנצוקומען אין הויפּט־שפּיטאָל פון די לאַגערן. דאָן וועט אונדזער דאָקטערין קענען אפשר עפּעס טאָן, אַז נאָך אַ געוויסער צייט זאָל ער דאָרט פאַרבלייבן אויף אַ לייכטערע אַרבעט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז נישט געווען דער איינציקער, וועלכן מען האָט אין יענערצייט געמשפּט פאַר וועלן פאָרן קיין ישראל.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, בעת איך בין געווען ביים אויפנעמען אַן "עטאַפּ" האָט דער אָנפירער פון דער קאָמיסיע צוגעשיקט צו מיין טיש אַ יידישן בחור אין עלטער פון 25 יאָר, וועלכער האָט אָנגעגעבן, אַז ער איז פון פאַך אַ בוכהאַלטער. ער האָט גלייך דערקענט ווער איך בין, און דערציילט, אַז ער האָט זיך געוואַנדן מיט אַ בקשה מען זאָל אים דערלויבן פאָרן קיין ישראל, כדי פאַראייניקן זיך מיט זיין משפּחה.

מען האָט אים גלייך אַרעסטירט. אויך ביי אים איז געווען ענלעך ווי אין פריערדיקן פאַל. מען האָט אים געפּייניקט און זיי האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל אונטערשרייבן אַ דערקלערונג, וועגן זיין אָנגעהעריקייט צו אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט פירן אַנטי־סאָוויעטישער טעטיקייט און ווערבירט יידן צו פאָרן קיין ישראל. צום סוף האָט מען אויך אים פאַרמשפּט אויף 10 יאָר פון אַרטיקל 58, פאַר מלוכה פאַראַט.

פון דער דערפאַרונג מיטן אָפּיציר האָב איך געוווּסט, אַז עס וועט נישט געלונגען אים צו פאַרהאַלטן ביי אונדז. איך האָב באַשלאָסן דאָס מאָל צו פּרוּוון אַ צווייטן אופן. איך האָב אים געראָטן פאָרן אין ספּעץ־לאַגער, וווהין מען וועט אים שיקן. נאָך עטלעכע טעג אַרבעט זאָל ער סימולירן אַן אינערלעכע קרענק. פון ספּעצ־לאַגער האָט מען אין אַזאַ פאַל געשיקט היילן אין צענטראַלן שפּיטאָל. אויב דאָס וועט אים געלונגען, האָב איך אים געזאָגט, זאָל ער זיך ווענדן דאָרט צו דער שוועסטער אָדער צום יידישן דאָקטער, פאַרופנדיק זיך אויף מיר, און זיי וועלן אים דערלעדיקן, אַז נאָכן אויסשרייבן פון שפּיטאָל, זאָל ער געשיקט ווערן צו אונדז.

עס איז אַוועק קרוב צוויי חדשים און צו מיין גרויסער פרייד איז דער בחור געווען ביי אונדז. איך האָב זיך דערעדט מיט נאַריאַדטשיק, ער זאָל אים באַשעפּ־טיקן אַלס נאַכט־וועכטער. אויף אַזאַ אופן האָט ער אויסגעמיטן שווערע אַרבעט און באַקומען אַ נאָרמאַלע נאָרמע ברויט. אין פרייער צייט בייטאָג פלעגט ער קומען צו מיר צו דער אַרבעט, און איך האָב אים געלערנט בוכהאַלטעריע.

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט זיך באַפרייט דער פּלאַץ פון ״אוטשאָטשיק״ אין אַ פאַבריק, וואָס האָט זיך געפונען אויפן געביט פון לאַגער. ״אוטשאָטשיק״ איז געווען דער מענטש, וואָס האָט פאַרשריבן אויף די אַרבעטס־קאַרטן, וואָס יעדער אַרבעטער האָט געמאַכט אין געגעבענעם טאָג. איך האָב גערעדט מיטן אָנפירער פון דער פאַבריק, אַן אינזשיניער פון צווישן די אַרעסטאַנטן, און ער האָט אים גערן באַשעפטיקט. דאָרט איז טאַקע פאַרבליבן אַרבעטן אַ לאַנגע צייט.

יאַנואַר און פעברואַר 1950 איז געווען פאַר מיר אַ צייט פון גרויסער אָנשטרענגונג. אַלע אין דער בוכהאַלטעריע האָבן געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט ביים מאַכן דעם בילאַנס. דעם 1־טן מערץ, ד. ה. מיט 15 טעג פאַרן טערמין זענען מיר געווען גרייט. דער הויפּט־בוכהאַלטער איז געווען זייער צופרידן. פאַר אַזאַ דערגרייכונג האָט אים דערוואַרט אַ גרויסע פּרעמיע. ער איז געפאָרן מיטן בילאַנס קיין מאָסקווע און איך האָב דערווייל געהאַט אַ פּאָר וואָכן פון כמעט אָפּרו.

אַלעקסאַנדער איז דערווייל געוואָרן אַ גרויסער יחסן. ער האָט געהאַט אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין אויסער דעם שטח פון לאַגער, וואָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו באַגעגען מיט מענטשן אויף דער פריי, עפּעס קויפן א.א.וו. כמעט יעדן טאָג פלעגט ער קומען אין בוכהאַלטעריע אָפּגעבן זיינ באַריכטן פון מאַגאַזין. אין די אָוונטן פלעגן מיר אַ סך פאַברענגען צוזאַמען. ער האָט שוין איצט געקענט נישט נאָר דאַווענען, נאָר אויך לערנען אַ פּסוק חומש. אַ יידישער אינ־זשיניער אויף דער פריי, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט, האָט אים געגעבן אַ חומש און ער פלעגט קומען צו מיר מיט שאלות, ווען ער האָט עפּעס וואָס נישט פאַרשטאַנען געגנוי.

איך בין געווען זייער צופרידן פון אַלעקסאַנדערן, און ער איז געווען נישט ווייניקער צופרידן, וואָס ער האָט מיך באַגעגנט. איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט: קען זיין, אַז מיינע ליידן אין לאַגער זענען געווען נויטיק, כדי איך זאָל אייך דאָ

באַגעגעָן און איר זאָלט זיין מיין שליח, אַז איך זאָל צוריק אַרויף אויפן דרך הישר, ווערן אַ שומר מצוות.

עס האָט זיך דערנעענטערט פסח, ווען עס איז היי יאָר געווען אַ שווערער. דער יום־טוב איז אויסגעפאַלן אין די ערשטע טעג אַפּריל, ווען עס איז נאָך געווען שטאַרק קאַלט, ערב פסח איז געווען שבת, אַזוי, אַז מען האָט געמוזט פאַרלאָזן די אַרבעט מיטאָמאָל אויף דריי און אַ האַלבן טאָג. אַלעקסאַנדער האָט אויסגענוצט זיינע מעגלעכקייטן, פון באַוועגן זיך אויסער דעם לאַגער, און יעדן טאָג האָט ער געבראַכט אַ 2־3קילאָ קאַרטאָפל, וואָס מיר האָבן געזאַמלט כדי צו האָבן וואָס צו עסן פסח. עס איז געשטאַנען אַ פראַגע, ווו צו פּראַווען דעם סדר. אין דעם צימערל, ווו מיר האָבן געפּראַוועט מיט אַ יאָר צוריק, איז נישט געווען באַקוועם. דאָרט האָט מען נישט געקענט אַריינגיין בייטאָג, נאָר ווען ס'איז געוואָרן גוט פינסטער. וואָלט אויסגעקומען צוצוגרייטן אַלץ ערשט מוצאי שבת, דאַן וואָלטן מיר געקענט זיך זעצן צום סדר ערשט 12 אַזייגער אין דער נאַכט. האָבן מיר באַשלאָסן צו פּראַווען דאָס מאָל אין אַרכיוו פון דער בוכהאַלטעריע.

אין צווישנצייט איז דער הויפּט־בוכהאַלטער צוריקגעקומען פון מאָסקווע. ווי געוויינלעך האָב איך אים שוין מיטוואָך געזאָגט, אַז פון פרייטיק נאָכמיטאָג וועל איך נישט קומען צו דער אַרבעט ביז דינסטיק צוליבן פסח. צו מיין גרויס פאַרווונדערונג האָט ער געפרעגט: "צו איז נישט ביי אייך צופיל די ימים־טובים?..."

דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן. איך האָב אים געזאָגט, וואָס עס איז ביי מ׳ר געווען אויפן הארצן — "איך האָב געאַרבעט איבער די כוחות ביים בילאַנס, פאַר וועלכן איר האָט באַקומען אַ פּרעמיע". — האָב איך אויסגערופן — "איר זייט געקומען פון מאָסקווע און וואַרשיינלעך געבראַכט מתנות פאַר אייער פרוי און קינדער. אָבער אין אונדז האָט איר פאַרגעסן. עס האַנדלט זיך נישט אין מיר, נאָר אין די איבעריקע בוכהאַלטערן און איצט זאָגט איר מיר גאָר, אַז ביי אונדז זענען צופיל ימים־טובים. איר ווייסט דאָך, אַז איך וועל אַפילו פאַרן פרייז פון לעבן אין יום־טוב נישט אַרבעטן"...

אַ ווייַלע האָט געהערשט אַ טויט שטילקייט. ער האָט זיך פּשוט פאַרשעמט און מודה געווען, אַז איך בין גערעכט — "איך וועל אויסשרייבן פאַר אַלע בוכהאַלטערן פלייש און גרויפּן". — האָט ער געזאָגט. — "אָבער איז עסט דאָך נישט קיין פלייש, וועל איך אייך אויסשרייבן גרויפּן און קאַרטאָפל".

ער האָט געטראָפן. — האָב איך זיך געטראַכט. גרויפּן אויף פסח... איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז גרויפּן דאָס איז חמץ, וואָס איז נישט דערלויבט צו עסן פסח. מיט קאַרטאָפל בין איך אויך שוין פאַרזאָרגט. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער קען מיר אויסשרייבן מייערן און צוקער. אויפן צווייטן טאָג האָב איך באַקומען 10 קילאָ מייערן און צוויי קילאָ האַרטן צוקער. ער האָט מיר געווונטשן אַ פריילעכן יום־טוב און איך האָב אים געדאַנקט.

פרייטיק בין איך אַוועק פריער פון דער אַרבעט אין אַרכיוו און צוגעגרייט

אַלץ צום סדר. איך האָב אַלץ אָנגעקאָכט און מוצאי שבת איז געקומען אלעקסאַנ־דער און מיר האָבן ווידער צוזאַמען געפּראַוועט דעם סדר. דאָס מאָל האָב איך שוין ניט געדאַרפֿן אונטערזאָגן אלעקסאַנדערן די הגדה. ער האָט געקענט עברי און אַפילו מפרש זיין דעם אינהאַלט. אַ גאַנצן יום־טוב האָבן מיר פאַרבראַכט יעדן אָוונט צוזאַמען. געדאַוונט און געלערנט. צום ערשטן מאָל, נאָך לאַנגע יאָרן, האָט אלעקסאַנדער נישט געגעסן קיין חמץ במשך פון אַלע טעג פסח, און דאָס דווקא אין די באַדינגונגען פון לאַגער.

# דער וויזיט פון מיין פרוי

נאָך פסח זענען נאָך געווען פרעסט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין האָלץ צום הייצן און אין ביוראָ איז געווען זייער קאַלט. איך האָב זיך פאַרקילט, באַקומען אַ שווערע אַנגינע מיט הויכע טעמפּעראַטור. די דאָקטערין האָט מיר געגעבן אַ באַפרייאונג און איך בין געלעגן אין בעט אין מיין באַראַק.

דעם 26־טן אַפּריל, אין די פרימאָרגן שעהן, איז געקומען צו מיר אַן אַרעסטאַנט און געזאָגט, אַז מיין פרוי געפינט זיך אונטערן וואַך־טויער און וואַרט אויף מיר.

איך האָב דאָס אָנגענומען ווי אַ וויץ. איך האָב אים געזידלט, אַז ער האָט נישט געפונען קיין בעסערע צייט צו שפּאַסן פון מיר, נאָר דאַן, ווען איך בין קראַנק. מיין פרוי געפינט זיך עטלעכע טויזנט קילאָמעטער פון דאַנען. זי האָט נישט קיין געלט אויף רייזע קאָסטן, און אַ חוץ דעם, האָב איך גראָד מיט צוויי טעג פריער באַקומען פון איר אַ בריוו, געשיקט דורך דער לופט־פּאָסט, ער איז גע־גאַנגען בסך הכל 6 טעג, און זי האָט גאָר נישט דערמאָנט, אַז זי האָט בדעה צו קומען צו מיר. איז ווי קען דאָס זיין ? — האָב איך געטראַכט.

מיט אַ שעה שפּעטער איז אָבער געקומען אַ צווייטער אַרעסטאַנט, וועלכער האָט געפירט וואַסער און געהאַט אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין אויסער דעם טויער פון לאַגער און אויך ער האָט מיר געבראַכט די זעלבע בשורה. דערביי האָט ער געשילדערט ווי זי זעט אויס, וואָס האָט פאַקטיש געשטימט.

איך האָב זיך גלייך אָנגעטאָן און געבעטן דעם אַרעסטאַנט, ער זאָל צופאָרן מיטן פעסל, און אין טויער זאָל ער זיך פאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע. איך האָב זיך געשטעלט פון דער צווייטער זייט און ווען דאָס טויער האָט זיך געעפנט, האָב איך נאָך 10 יאָר דערזען מיין פרוי פון ווייטן. איך האָב איר אַפילו נישט געקענט געבן קיין צייכן.

איך האָב אויפגעזוכט אלעקסאַנדערן, וועלכער האָט געהאַט אַ דערלויבע־ניש אַרויסצוגיין אויסערן תחום פון לאַגער. ער איז אַרויס אין אָפּגעגעבן איר אַ גרוס פון מיר און געזאָגט איר, זי זאָל אָנשרייבן אַ בקשה צום הויפּט־נאַטשאַלניק

פון לאַגער, ער זאָל איר געבן אַ דערלויבעניש אויף אַ זעאונג מיט מיר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי וועט נישט האָבן ווו צו נעכטיקן. האָב איך איר איבערגעשיקט דעם אַדרעס פון עקספּעדיטאָר, וועלכער האָט געפירט די פּאָסט־פּעקלעך צו אונדז אין לאַגער. ער האָט געוווינט נישט ווייט פון לאַגער און לויט זיין גוטער באַציִאונג צו מיר האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער וועט נישט אָפּזאָגן זי צו איבערנעכטיקן.

צומאָרגנס איז אַלעקסאַנדער אַוועק זיך דערוויסן, וואָס ס'איז געשען און ער איז צוריקגעקומען מיט אַ ביטערע בשורה. דער נאַטשאַלניק האָט אָפּגעזאָגט צו געבן אַ דערלויבעניש אויף אַ זעאונג מיטן מאָטיוו, אַז איך בין אַ שווערער פאַרברעכער און האָב נישט קיין רעכט צו זען זיך מיט מיין משפּחה.

מיין האַרץ איז געוועז ביי מיר פאַרקלעמט. שוין 10 יאָר ווי איך האָב נישט געזען מיין פרוי. צום לעצטן מאָל האָבן מיר זיך געזען אין 1940 יאָר, און דאָס נאָר במשך פון 15 מינוט. איצט האָט זי געמאַכט אַזאַ שווערע רייזע, זיך געבאָרגט אַוודאי געלט אויף הוצאות, מיר געפינען זיך אַזוי נאָענט צו זיך און איינצייטיק אַזוי ווייט. איך האָב באַשלאָסן צו פּרוּוון מזל.

איך האָב אָנגעשריבן אַ בקשה צום לאַגער אָנפירער, אַז היות מיין פרוי איז געקומען פון אַזוי ווייט זאָל ער מיר דערלויבן צו זען זיך מיט איר כאָטש אויף צוויי שעה צייט. די בקשה האָב איך נישט איבערגעגעבן דירעקט צום לאַגער־אָנפירער, נאָר צום אָפיציר פון דער לאַגער וואַך, וואָס איז געווען אין הסכם מיטן רעגולאַמין. דער אָפיציר איז גראָד געווען אַ צוגענגלעכער מענטש, האָב איך געבעטן, ער זאָל מיין בקשה איבערגעבן צוזאַמען מיט אַנדערע דאָקומענטן צום אונטערשרייבן, דאַן וועט דער נאַטשאַלניק נישט לייגן דערויף קיין ספּעציעלן אַכט.

און כך הווה. ער האָט וואַרשיינלעך אַפילו נישט באַמערקט ווען ער האָט דאָס אונטערגעשריבן און מיט אַ דריי שעה שפּעטער האָט מען מיך גערופן. לויט די אָנגענומענע פאַרשריפטן האָט מען זי אַריינגעפירט פון איין זייט און מיך פון דער צווייטער זייט. דאָס איז געווען אַ קליין צימערל. צווישן אונדז איז געזעסן אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט געוואָרנט, אַז מיר דאַרפן רעדן נאָר אין רוסיש, ווען נישט וועט ער גלייך איבעררייסן די זעאונג.

אין ערשטן מאָמענט האָבן מיר בכלל נישט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט פון מויל. מיר זענען געזעסן און געשוויגן, טרערן זענען געריגען פון אונדזערע אויגן איך האָב איר נישט באַוויזן קיין סך צו זאָגן, און די צייט איז פאַרביי, אַז מיר האָבן נישט באַמערקט, ווען דאָס איז געשען. איך האָב איר נאָר באַוויזן צו זאָגן, אַז זי זאָל נאָך נישט אַוועקפאָרן און איך וועל זיך באַמיען צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף נאָך איין זעאונג אויפן צווייטן טאָג.

אַ גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן און געטראַכט, ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכן. גאַנץ פרי בין איך דאָס מאָל אַליין אַוועק צום נאַטשאַלניק. איך האָב אים געדאַנקט פאַר זיין גוטהאַרציקייט... וואָס ער האָט מיר דערלויבט זיך זען מיט מיין פרוי. אָבער דאָס איז געווען אונדזער ערשטע באַגעגעניש נאָך 10 יאָר

און מיר האָבן נישט באַוויזן כמעט צו רעדן מיט זיך. דעריבער בעט איך אים, ער זאָל מיר געבן אַ דערלויבעניש נאָך איין מאָל זיך צו זען מיט איר.

מיין מזל איז געווען, וואָס איך האָב אים געטראָפן גראָד אין אַ גוטער שטימונג. ער האָט מיר געענטפערט ״לאַדנאָ, לאַדנאָ״, וואָס האָט באַדייט גוט. מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט עטלעכע שעה. צום סוף האָט מען ווידער גערופן.

דאָס מאָל איז אָבער אונדזער זעאונג געווען אַ קורצע. עס האָט זיך גראָד געטוישט די וואַך און נאָך אַ האַלבע שעה האָט דער אָפיציר אונדז געהייסן איבער־רייסן, צוזאָגנדיק, אַז די איבעריקע אַנדערהאַלבן שעה וועט ער אונדז אָפּגעבן צו מאָרגנס. אָבער נאָך איידער מיין פרוי האָט באַוויזן אַרויסצוגיין איז אַריין אין צימער אַ ענקקאַווודיסט, ציוויל געקליידעט און אין דער אַנוועזנהייט פון מיין פרוי און דעם סאָלדאַט, האָט ער מיך געהייסן אויסטאָן נאַקעט. ער האָט געמאַכט אַ גענויע רעוויזיע אין מיינע מלבושים, אַראָפּגעריסן די זוילן פון מיינע שיך. ער האָט געזוכט דעם פּאַספּאָרט, וואָס מיין פרוי האָט מיר כלומרשט געבראַכט, כדי איך זאָל קענען אַנטלויפן. — דו ביסט אַ שווערער פאַרברעכער, וואָס האָט שוין איינמאָל געמאַכט אַ פּרווו צו אַנטלויפן. — האָט ער געשריגן.

אויף מיר, און נאָך מער אויף מיין פרוי, האָט דער דאָזיקער ברוטאַלער איבערפאַל געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. אָבער דער אָפיציר האָט געהאַלטן וואָרט. צומאָרגנס האָט ער אונדז דערלויבט צו פאַרענדיקן אונדזער זעאונג במשך פון אַנדערהאַלבן שעה. מיין פרוי האָט מיר דערציילט אַז פאַר דער זעאונג האָט זי געזאָגט דעם אָפיציר, אַז ווען זי זאָל וויסן, אַז מיט איר קומען וועט זי פאַרשאַפן אַזויפיל צרות איר מאַן, וואָלט זי רעזיגנירט פון דער שווערער רייזע, נישט געקוקט דערויף, וואָס מיר האָב זיך שוין נישט געזען 10 יאָר צייט. זי פאָרט צוריק אַ צעבראָכענע, נאָך דעם ווי זי האָט געזען, ווי מען פייניקט מיך.

דער אָפיציר האָט זיך אַנגעכאַפּט אין אירע לעצטע ווערטער און געפרעגט, צו דאָס האָב איך איר דערציילט, אַז מען פייניקט מיך.

מיין פרוי האָט אים דערקלערט, אַז נישט איך האָב איר דאָס געזאָגט, נאָר זי האָט דאָס געזען מיט אירע אויגן. און דאַן האָט זי אים דערציילט וועגן דער רעוויזיע וואָס מען האָט געמאַכט ביי מיר אין איר אַנוועזנהייט.

דער אָפיציר האָט זיך פאַרשעמט און גענומען פאַרטיידיקן, אַז דאָס האָט געמאַכט נישט די וואַך, נאָר די נ.ק.וו.ד. דערביי האָט ער איר געזאָגט, אַז דאָס איז זיין רעכט און פליכט, ווייל איך האָב שוין איינמאָל געמאַכט אַ פּרווו צו אַנטלויפן. אָבער ווייזט אויס אַלס באַגיטיגונג איז די קאָנטראָל בעת דער זעאונג דאָס מאָל נישט געווען אַזאַ שטרענגע. דער סאָלדאַט האָט אונדז נישט געהיטן אַזוי שטאַרק און מיר האָבן באַוויזן אַפילו אַריינצווואַרפן אין אונדזער שמועס אַביסל יידישע ווערטער.

איך האָב באַוויזן צו דערציילן מיים פרוי וועגן דעם, אַז מען האָט מיך געוואָלט מיט אַ יאָר צוריק שיקן אין לאַגער מיט די דייטשן, און וועגן דער

יידישן מיידל, וואָס האָט ריזיקירט מיט איר לעבן כדי מיך ראַטעווען, און אַז זי דאַרף אַריינגיין צו איר און איר דאַנקן דערפאַר. דערביי האָב איך איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דעם אַדרעס וועט איר איבערגעבן אַלעקסאַנדער.

די צייט איז שנעל פאַרביי. מיר האָבן זיך געזעגנט. מיין פרוי האָט זיך שטאַרקט צעוויינט. איך האָב זי געגומען ביי דער האַנט, צוגעפירט צו דער טיר און געטרייסט, אַז בקרוב וועל איך אַ היים קומען און מיר וועלן זיין צוזאַמען.

קען זיין, אַז דער ענקאַווודיסט האָט אונטערגעהערט אונטער דער טיר. יעדנפאַל, אין דעם מאָמענט ווען איך האָב דאָס געזאָגט האָט זיך געעפנט די טיר און ער איז אַריין מיט אַ געשריי: — ווו האָט איר דעם פּאַספּאָרט וואָס זי האָט אייך געבראַכט? איך האָב דאָך בפירוש געהערט ווי איר האָט זיך אָפּגעשטימט מיט איר צו באַגעגענען...

נישט געקוקט אויף מיין שווער געמיט אין דעם מאָמענט, האָב איך זיך שטאַרק צעלאַכט. דער ענקאַווודיסט האָט זיך אַביסל פאַרלוירן. אָבער באַלד איז ער אַריין אין כעס גלייך מיך צו שלאָגן.

מיט דער גאַנצער רואיקייט, אויף וויפיל איך האָב זיך געקענט באַהערשן האָב איך אים געזאָגט: — מיר יידן גלויבן, אַז משיח וועט קומען און אונדז אויסלייזן. דאָס קען געשען יעדן טאָג. דאַן וועלן נישט זיין קיין לאַגערן און איר וועט נישט דאַרפן מיך היטן. דאַמאָלט וועל איך קומען אַ היים, אין מיין היים...

די סאָלדאַטן פון דער וואַך, וועלכע זענען געווען עדות פון דעם אינצידענט, זענען אַרויס מיט אַ געלעכטער. דער נקאַווודיסט האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט. ער האָט נאָר באַוויזן צו געבן אַ שפּיי אין כעס, און נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט איז ער אַוועק.

מיט דריי טעג שפּעטער איז געקומען דער עקספּעדיטאָר. ער האָט מיר געבראַכט אַ גרוס פון מיין פרוי, אַז זי איז שוין צוריקגעפאָרן אַ היים, ווי אויך אַ בריוול פון איר. זי האָט געשריבן, אַז זי האָט אויך אָפּגעגעבן אַ גרוס דעם מיידל, וועלכע האָט זי אויפגענומען זייער וואַרעם און געווונטשן, אַז אינגיכן זאָל מיר ביידע צוזאַמען קענען זיין אירע געסט.

# מיין ערשטער אָפּרו אין לאַגער

מיר האָבן געאַרבעט אינטענסיוו. און דער בילאַנס פאַרן ערשטן קוואַטאַל פון 1950 יאָר איז געווען געמאַכט צו דער צייט, דעם 15־טן מאַי. דער הויפּט־בוכהאַלטער איז געווען זייער צופרידן און דאָס מאָל האָט ער זיך באַמיט, אַז אויך מיר זאָלן זיין צופרידן. אַלע מיטאַרבעטער פון דער בוכהאַלטעריע זענען איינגעלאַדנט געוואָרן אין קאַבינעט פון נאַטשאַלניק פון לאַגער און דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט, אין אונדזער אַנוועזנהייט אים געמאַלדן, אַז דער בילאַנס איז

געמאַכט געוואָרן גוט און צו דער צייט אַדאַנק אונדז איבערגעגעבער אַרבעט. ער האָט געבעטן, אַז אַלס באַלוינונג, זאָל ער אונדז געבן אַ וואָך אָפּרו.

וואָרשיינלעך האָט ער וועגן דעם זיך פריער פאַרשטענדיקט מיטן נאַטשאַלניק, וועלכער האָט גלייך מסכים געווען. ער האָט אָנגעשריבן אַ באַפעל, אַז דערפאַר וואָס מיר האָבן געאַרבעט ערלעך און טריי גיט ער אונדז אַלעמען אַ וואָך אָפּרו, פון 17־טן ביזן 24־טן מאַי.

דער אָפּרו האָט פאַר אונדז סיווי נישט געהאַט קיין פּראַקטישע באַדייטונג, ווייל אונדזער אַרבעט האָבן מיר סיווי געמוזט מאַכן. פאַר מיר איז דאָס אָבער געווען אַ גרויס געווינס. דעם 22־טן און 23־טן איז גראָד געווען שבועות, וואָס איז היי יאָר אויסגעפאַלן אין די טעג מאָנטיק און דינסטיק. דאָס האָט באַדייט, אַז איך וואָלט זיך געמוזט באַפרייען פון דער אַרבעט אויף 4 טעג מיטאַמאָל. איצט האָב איך צום ערשטן מאָל אין לאַגער געהאַט אָפּרו און צום ערשטן מאָל האָב איך געקענט פראַווען יום־טוב אָן פחד און שטערונגען.

און געפּראַוועט האָבן מיר, צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדערן, דעם יום־טוב ווי קיינמאָל ביז איצט. אַלעקסאַנדער האָט אפילו געבראַכט פון דער פריי אַ שטיקל פּוטער, מיר האָבן געמאַכט אַ מילכיקע סעודה, מיר האָבן געדאַוונט און איך האָב אים מסביר געווען די באַדייטונג פון שבועות, אַלס דער יום־טוב פון מתן תורה.

אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט אונדזער פרייד. מיט צוויי חדשים שפּעטער איז אָנגעקומען אַ ידיעה, וועלכע האָט אָנגעזאָגט, אַז עס קומען שווערע צייטן פאַר מיר.

אין אויגוסט 1950 איז אָנגעקומען אַ נייע אָנפירער פון לאַגער. געווען איז דאָס נישט קיין צווייטער, נאָר דער געוועזענער "אָפּער", וואָס האָט מיך אָן אויפהער פאַרפאָלגט, דער זעלבער, וועלכער איז מיט צוויי יאָר צוריק געשיקט געוואָרן אויף אַ ספּעציעלן קורס קיין מאָסקווע. איצט איז ער צוריקגעקומען אַן "אויסגעלערנטער", וואָס האָט באַדייט פאַר אים אַ גרויסער אַוואַנס און פערזענלעכע סאַטיספאַקציע. איך האָב פון דעם נישט געקענט דערוואַרטן קיין שום גוטס.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט דער הויפּט־בוכהאַלטער מיך גערופן צו זיך און דערציילט אַז מיט אַ טאָג פריער האָט אים אַרויסגערופן דער נייער אָנפירער און געהייסן זיך ווייזן די רשימה פון אַלע אַרעסטאַנטן וועלכע זענען באַשעפטיקט אין דער בוכהאַלטעריע ווען ער האָט געזען אייער נאָמען, האָט ער זיך שטאַרק געוווּנדערט און קאַטעגאָריש געפאָדערט, איך זאָל אייך גלייך באַזייטיקן. — איך קען נישט דערלויבן, אַז אַ מענטש וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל חוצפּה זאָל זיין באַשעפטיקט ביי מיר אַלס בוכהאַלטער. דאָס איז אַ פאַרביסענער שונא פון דער ראַטנמאַכט — האָט ער געזאָגט — און איך וויל אים נישט זען אויף די אויגן.

דער בוכהאַלטער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט לאַנג געפּרוווט אים

איבערצייגן, אַז איך אַרבעט זייער ערלעך און בין אַן אויסגעצייכנטער ספּעציאַ־ליסט. ער האָט אים אויך דערציילט וועגן דעם פּלאַנטער, וואָס איז געווען אין דער צייט וואָס איך בין געווען באַזייטיקט פון דער אַרבעט און, אַז די בילאַנסן וואָס איך האָב געמאַכט זענען זייער הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן אין מאָסקווע. דאָס אַלץ האָט אים נישט איבערצייגט. ער האָט געגעבן דעם הויפּט־בוכהאַלטער אַ חודש צייט אויף געפונען אַ צווייטן אויף מיין אָרט און מיך באַזייטיקן.

דאָס מאָל האָב איך געגלויבט דעם הויפּט־בוכהאַלטער. ער האָט געוווסט דעם אמת, אַז ער איז נישט קיין גרויסער ספּעציאַליסט און אַן מיר וועט אים זיין שווערער ווי מיר אָן אים. איך האָב זיך אָבער אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז עס דער־וואַרט מיך אַ שווער לעבן. מיין האָפענונג איז אָבער געווען, אַז ווען עס וועט זיך דערנענטערן דער טערמין פון אָפּגעבן דעם בילאַנס וועלן זיי סייווי מוזן אָנקומען צו מיר.

עטלעכע טעג שפּעטער, דעם 31־טן אויגוסט האָט דער הויפּט־בוכהאַלטער מיך אַריינגערופן צו זיך אין צימער און געוויזן מיר אַ באַפעל פונעם אָנפירער פון לאַגער, אַז פון 1־טן סעפּטעמבער, ד.ה. צומאָרגנס, ווערט די בוכהאַלטעריע אַריבערגעפירט אין דער געביידע פון דער לאַגער־דירעקציע, וואָס האָט זיך גע־פונען אויסער דעם תחום פון לאַגער. דאָס האָט באַדייט, אַז אַלע באַשעפטיקטע אין דער בוכהאַלטעריע וועלן מוזן האָבן דערלויבענישן אַרויסצוגיין אויף דער פריי. עס איז געווען קלאָר, אַז איך וועל אַזאַ דערלויבעניש נישט באַקומען.

דער בוכהאַלטער האָט נישט אויסבאַהאַלטן פאַר מיר זיין פאַרלעגנהייט און פאַרדראָס, וואָס דער נאַטשאַלניק האָט נישט געהאַלטן פאַר נויטיק פריער צו באַראַטן זיך מיט אים וועגן דעם און אַפילו נישט צו זאָגן אים וועגן דעם אַ פּאָר טעג פריער, נאָר געשיקט דעם באַפעל אין דער לעצטער מינוט. צום סוף האָט ער אַרויסגעריקט אַ פאָרשלאַג, אויף וועלכן איך האָב זיך נישט גערעכט.

— אויב איר וועט מסכים זיין צו קומען שבת צו דער אַרבעט — האָט ער געזאָגט — גלויב איך, אַז איך וועל איבערצייגן דעם נאַטשאַלניק, מען זאָל אייך לאָזן אויף דער אַרבעט און איר וועט באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין אויסער דעם תחום פון לאַגער. צווישן אונדז גערעדט — האָט ער צוגעגעבן — וועט איר אַפילו נישט מוזן אַרבעטן, עס האַנדלט זיך נאָר אין דעם, אַז פאָרמעל זאָלט איר קומען צו דער אַרבעט, כדי דער נאַטשאַלניק זאָל האָבן די סאַטיספאַקציע, אַז ער האָט איינגעבראָכן אייער עקשנות. איר ווייסט וואָס אַזאַ דערלויבעניש באַדייט? — האָט ער געזאָגט צום סוף — איר וועט לעבן כמעט ווי אַ פרייער מענטש. אין קעגנפאַל, ווער ווייסט צו וואָס פאַרא אַרבעט מען וועט אייך שיקן.

— "עס וווּנדערט מיך אויף אייך" — האָב איך אים געזאָגט — "איר קענט גענוי מיין פאַרגאַנגענהייט, דאַרפט איר דאָך וויסן, אַז מען פייניקט מיך שוין 14 יאָר צוליב מיין אמונה. דאָס איז מיין איינציקער פאַרברעכן. איז מיינט איר, אַז איך וועל נתפעל ווערן און נאָך מיינע אַלע ליידן מוותר זיין?... מיטן אויבערשטנס הילף וועל איך אויסקומען אָן דער בוכהאַלטעריע".

איך האָב אָבער געזען, אַז ער נעמט זיך באמת איבער מיט דעם, וואָס ער וועט זיך מוזן מיט מיר צעשיידן. ער איז נישט געווען קיין שלעכטער מענטש און געוויס האָט ער געהאַט רחמנות אויף מיר, אָבער דער עיקר איז אים געגאַנגען אין זיין אייגענער טובה. ער האָט שוין געהאַט נישט איין געלעגנהייט אָפּצושאַצן מיין אַרבעט. האָב איך אים דערקלערט ווי אַזוי איך זע דעם ענין.

דער נייער נאַטשאַלניק איז אַ מענטש מיט אַ גרויסער דערפאַרונג. לאַנגע יאָרן איז ער געווען "אפער", און דערצו איז ער נאָר וואָס געקומען פון אַ ספּע־ציעלע שול. אויב ער האָט באַשלאָסן אַרויסצופירן די בוכהאַלטעריע אויסער דעם לאַגער, האָט ער אין דעם בריייטערע כוונות און נישט נאָר כדי מיך צו באַפרייען, ווייל דאָס האָט ער געקענט דערגרייכן אויך אָן דער גאַנצער אָפּעראַציע. אָבער ביי דעם האָט ער נישט גענומען אין באַטראַכט אַלע אומשטענדן און ער האָט נישט פאָרויסגעזען, וואָס פאַראַ קאָמפּליקאַציעס דאָס וועט גורם זיין. און טאַקע אויס־רעכנענדיק אויף די קאָמפּליקאַציעס, בין איך איבערצייגט, אַז איך וועל ווייטער אַרבעטן אין בוכהאַלטעריע.

מיינע אַרגומענטן האָבן אים שטאַרק פאַראינטערעסירט, איך האָב אים אויפגעקלערט אַז יעדן טאָג מוז די בוכהאַלטעריע צושטעלן אַ חשבון, וואָס האָט זיך גערופן "נאַריאַד", אין וועלכן עס ווערט אָנגעגעבן, וויפיל דער געגעבענער אַרעסטאַנט האָט אויסגעפירט די נאָרמע פאַרן געגעבענעם טאָג. דאָס מוז געמאַכט ווערן יעדן אָוונט, ווען די אַרעסטאַנטן קומען צוריק פון דער אַרבעט. אויב דער מאַגאַזין באַקומט נישט דעם זעלבן טאָג דעם "נאַריאַד" באַקומט דער אַרעסטאַנט אויפן צווייטן טאָג נאָר 400 גראַם ברויט. איצט שטעלט אייך פאָר, אויב הונדער־טער אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן איבערגעשטיגן זייער אַרבעטס נאָרמעס און עס קומט זיי 800 גראַם ברויט, וועלן אַנשטאָט דעם באַקומען די הונגער־נאָרמע פון 400 גראַם. אויב עס געשעט איצט אַזאַ פאַראייגצלטער פאַל, קומט דער אַרעסטאַנט גלייך אין בוכהאַלטעריע און מיר קלערן דאָס אויף און פאַריכטן אויפן אָרט דעם פעלער. איצט שטעלט אייך פאָר, אַז דאָס וועט געשען מיט הונדערטער אַרעס־טאַנטן, וועלכע זענען נאָך דערצו אָפּגעריסן פון דער בוכהאַלטעריע, ווייל זיי קענען דאָך נישט אַרויס אויסער דעם תחום פון לאַגער? עס וועט זיך מאַכן אַ פּלאָנטער, הונדערטער אַרעסטאַנטן וועלן נישט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, און דאַן וועט אויסברעכן אַ סקאַנדאַל.

אַ חוץ דעם דערנעטערט זיך דער ווינטער. מען וועט דאַרפן אויסשרייבן וואַרעמע מלבושים. און ווידער מוז דאָס געמאַכט ווערן לויט קאַרטן, ווייל יעדער אַרעסטאַנט באַקומט אַ פופייקע איינמאָל אויף צוויי יאָר. דאַרף מען ווידער וויסן ווען עס קומט און ווען נישט, דערביי מוז דער דאָקומענט צו באַקומען דעם מלבוש זיין אונטערגעשריבן דורך דער בוכהאַלטעריע. דער אַרעסטאַנט וואָס באַקומט נישט דעם מלבוש, האָט אַ רעכט נישט צו גיין צו דער אַרבעט. איר ווייסט דאָך, אַז עס קען געשען, אַז אין איין טאָג זאָלן זיין אַרום 500 אַזעלכע. און יעדער טאָג אַרבעט פון אַן אַרעסטאַנט קאָסט 20 רובל, דאָס הייסט 10 טויזנט

רובל, מיט וועלכע עס וועט באַלאַסטעט ווערן די אָנפירונג פון לאַגער. און דער שולדיקער וועט זיין דער נאַטשאַלניק, ווייל ער האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפעל.

דאַן וועט ער ערשט קומען צו אייך. ביי דער דאָזיקער אַרבעט דאַרפן זיין באַשעפטיקט ווייניקסטנס צוויי בוכהאַלטערן, און דערצו נאָך איינער, וואָס קען זיך אויס אויף די ענינים, וועלכער האָט אַ רעכט אונטערצושרייבן די דאָקומענטן. איר האָט וועמען אויסער מיך, וואָס קען דאָס מאַכן? איז דעריבער פירט אויס דעם באַפעל. מיר וועלן זען, וואָס פון דעם וועט אַרויס. איך יעדנפאַלס האָב נאָך נישט פאַרלוירן די האָפענונג.

מיינע אַרגומענטן האָבן איבערצייגט דעם הויפּט־בוכהאַלטער און ער האָט מער נישט אינטערוועניִרט ביים נאַטשאַלניק, נאָר אויסגעפירט זיין באַפעל. דעם זעלבן טאָג האָט ער אַרויסגערופן אַ מאַשין און די גאַנצע בוכהאַלטעריע איז איבערגעפירט געוואָרן אין דער געביידע פון דער לאַגער־אָנפירונג. פון 8 אַרעסטאַנטן, באַשעפטיקטע אין דער בוכהאַלטעריע, האָבן נאָר 5 באַקומען דערלויבעניש אַרויסצוגיין אויסער דעם תחום פון לאַגער. צוויי פון די איבערגעבליבענע זענען אויפן צווייטן טאָג געשיקט געוואָרן אין פאַרשידענע בריגאַדעס. איך האָב זיך נישט געיאָגט. איך האָב געהאַט אַ באַשטעטיקונג, אַז איך בין קראַנק און קען זיין באַשעפטיקט נאָר ביי לייכטע אַרבעט.

דאָס איז געווען אין אַ פרייטיק. איך בין אַוועק אין מיין באַראַק און געלייגט זיך שלאָפן. צומאָרגנס האָב איך געהאַט דער רואיקסטן שבת, וואָס איך האָב ווען נישט איז געהאַט אין לאַגער. קיינער האָט זיך צו מיר נישט געטשעפּעט. דער נאַרידאַטשיק האָט געהאַט גענוג קלאָפּאָטן אָן מיר. שוין אויפן צווייטן טאָג נאָך דער ענדערונג, זענען צענדליקער אַרעסטאַנטן נישט אַרויס צו דער אַרבעט. ווער עס האָט נישט באַקומען די געהעריקע נאָרמע ברויט, אַנדערע צוליב דעם, וואָס זיי האָבן נישט באַקומען די נויטיקע מלבושים. עס האָט זיך שוין געמאַכט אַ גרויסער פּלאָנטער.

ווי איך האָב פאָרויסגעזען, איז דער הויפּט־בוכהאַלטער געקומען צו מיר שוין זונטיק און דערציילט, אַז נעכטן אין אָוונט האָט דער נאַטשאַלניק אים געמאַכט אַ סקאַנדאַל און אַפילו געדראָט, אַז ער וועט אים אַרעסטירן פאַר סאַבאָטאַזש, ווייל ער האָט דערלאָזט צו אַזאַ באַלאַגאַן. פאַרשטייט זיך, אַז דער בוכהאַלטער האָט אים, גאַנץ רואיק געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז נאָר זיין שולד. צום סוף זענען זיי געקומען צו אַן אויסגלייך, אַז איך און די איבעריקע צוויי מיטאַרבעטער פון בוכהאַלטעריע, וועלכע האָבן נישט באַקומען קיין דערלויבעניש אַרויסצוגיין פון לאַגער, וועלן זיין באַשעפטיקט אין דער פריערדיקער ביוראָ ביים פירן די דאָזיקע קאַרטאַטעקס, דערמיט, אַז איך וועל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצער אַרבעט און וועל דאַרפן חתמענען די דאָקומענטן. פאַרשטייט זיך, אַז אַ חוץ דעם האָט ער נאָך געפאָדערט, אַז איך זאָל ווייטער אַרבעטן ביים בילאַנס.

מען האָט צוריקגעבראַכט עטלעכע טישן, איך בין איצט געזעסן אין קאַבינעט פון הויפּט־בוכהאַלטער, וואָס האָט געהויבן מיין אויטאָריטעט און אַפילו

געשטאָכן אין די אויגן, נישט אַזוי ווייט פון די אַרעסטאַנטן, ווי פון אייניקע אָפיצירן, וועלכע זענען געווען געצוווּנגען צו זיין מיינע קליענטן. און דער אמת איז, אַז איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט כדי זיך נוקם זיין אין זיי.

די אָפיצירן האָבן יעדן חודש באַקומען אַ באַשטימטע נאָרמע פּראָדוקטן. יעדער אָפיציר האָט געהאַט זיין קאַרטאָטעקע און עס איז געווען אַ גענויע אינ־סטרוקציע פון מיניסטעריום, וואָס זיי דאַרפן באַקומען. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער פון זיי האָט געוואָלט באַקומען מער, און בעסערע פּראָדוקטן ווי עס איז געווען באַשטימט. אויף דעם סמך זענען אָפטמאָל געווען סכסוכים. ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָט אָפטמאָל געטראָפן, אַז דער נאַטשאַלניק האָט אונטער־געשריבן געוויסע דאָקומענטן, וועלכע איך האָב נישט האָנאָרירט, ווייל זיי זענען געווען קעגן די אָנווייזונגען פון מיניסטעריום. אין אַזאַ פאַל האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסן, הלמאַי אַן אַרעסטאַנט האָט די חוצפה אָפּצוזאָגן אַן אָפיציר, און אַפילו נישט רעכענען זיך מיטן אונטערשריפט פון נאַטשאַלניק. זיי האָבן אָבער דאָס געמוזט אַראָפּשלינגען, ווייל זיי האָבן געוווּסט, דאָס איז אין הסכם מיט די פאַר־שריפטן און קיין שום אַנקלאַגעס וועט זיי נישט העלפן.

אַ חוץ דעם איז אין מיין צימער געווען איין בענקל, אויף וועלכן איך בין געזעסן. האָט זיי ווידער פאַרדראָסן, אַז איך, אַן אַרעסטאַנט זיץ און זיי מוזן וואַרטן ביי מיר שטייענדיק. איך האָב זיך געמאַכט תמעוואַטע, גענוי קאָנטראָלירט יעדע קאַרטאָטעקע. האָט געטראָפן, ווען עס זענען גראָד געווען עטלעכע אָפיצירן, האָט איינער פון זיי, דווקא איינער וואָס האָט נישט איינמאָל געצאַפּט מיין בלוט, אויסגערופן: — וואָס איז דאָ ביי אייך. איר זיצט זיך און מיר דאַרפן דאָ שטיין ביי אייך שעות, גלייך ווי מיר וואָלטן געווען אייערע אַרעסטאַנטן.

— איר האָט איין אויסוועג, ברענגען מיט זיך אַ בענקל פון דער היים. — האָב איך אים געענטפערט קאַלטבלוטיק. אייניקע, די מער גוטמוטיקע זענען אַרויס מיט אַ געלעכטער. דאָס האָט אים נאָך מער פאַרדראָסן. ער און אייניקע וואָס האָבן אים אונטערגעהאַלטן האָבן גענומען שרייען און מיך זידלען, הלמאַי איך דערלויב זיך גאָר חוזקן פון זיי.

איך האָב זיי שטיל, אָבער קאָנסעקווענט געענטפערט, אַז איך חוזק נישט פון זיי, און נישט איך קען פאַראָרדענען, מען זאָל דאָ אַריינשטעלן בענקלעך. עס איז אויסגעבראָכן פון דעם אַ סקאַנדאַל און זיי האָבן זיך באַקלאָגט פאַרן נאַטשאַלניק.

אָבער נאָך אַ גרעסערער סקאַנדאַל איז אויסגעבראָכן צומאָרגנס. עס איז מיטאַמאָל געקומען עטלעכע אָפיצירן. זיי האָבן זיך אויפגערעגט, הלמאַי זיי דאַרפן לאַנג וואַרטן. זיי האָבן געשריגן, גערעדט הויך צווישן זיך און געררויכערט. האָב איך זיי העפלעך איבערגעבעטן און געפּאַדערט, זיי זאָלן פאַרלאָזן דעם צימער און אַריינקומען איינצלוויַיז, לויט דער ריי, ווייל איך קען נישט אַרבעטן אין אַזעלכע באַדינגונגען. היות זיי האָבן נישט געוואָלט אויספירן מיין פאַראָרדענונג, האָב איך זיך אָפּגעזאָגט אויסצושרייבן זיי די דאָקומענטן.

דאָס האָט זיי שוין גאָר אַרויסגעפירט פון די כלים. זיי זענען געבליבן אין פאַרלעגענהייט. זיי האָבן געשריגן. אָבער איך האָב נישט געלייגט קיין אַכט דערויף, גלייך ווי נישט מיך מיינט מען. צום סוף זענען זיי אַלע אוועק צום נאַטשאַלניק. דערווייל איז צוגעפאַלן דער אָוונט. איך האָב פאַרמאַכט די ביוראָ און בין אוועק.

צומאָרגנס, גאַנץ פרי איז געקומען דער הויפּט־בוכהאַלטער אַן איבער־געשראָקענער און אויסגערופן : וואָס האָט איר אָפּגעטאָן ? איר שטעלט זיך פאָר, וואָס פאַראַ סקאַנדאַל איר האָט גורם געווען ?

איך האָב אים באַרואיקט און אויפגעקלערט, אַז אין דעם פאַל קען אפילו דער נאַטשאַלניק מיך דערפאַר נישט באַשטראָפן, ווייל איך האָב געהאַנדלט לויטן געזעץ. איך מוז אויספירן די אָנווייזונגען פון מיניסטעריום און קאָנטראָלירן גענוי, אַז איך זאָל אויסשרייבן יעדן, דאָס וואָס ס׳קומט אים. מוז איך האָבן די נויטיקע באַדינגונגען דערצו. דאָס איז איבעריקנס אין זייער אייגענעם אינטערעס. איך מוז אויך קאָנטראָלירן, אַז איך זאָל אויסשרייבן אַזעלכע פּראָדוקטן, וואָס זענען פאַראַן אין מאַגאַזין, ווען נישט וועלן זיי ווידער זיך באַקלאָגן אויף מיר, און דאַן וועלן זיי טאַקע זיין גערעכט. פריער איז געווען באַשעפטיקט ביי דער אַרבעט אַ מענטש וואָס האָט זיך געשראָקן פאַר זייערע געשרייען און אויסגעשריבן אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט, האָט ער טאַקע אַלץ פאַרפּלאָנטערט און איר זייט שפּעטער געווען דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך. אויב איר און דער נאַטשאַלניק ווילן, אַז דאָס זאָל געפירט ווערן אין אָרדענונג, מוזן זיי אויך זיך אויפפירן ווי עס פּאַסט פאַר אָפיצירן און נישט שרייען און זידלען. איבעריקנס — האָב איך אים געזאָגט. — דאָס איז דאָך אַ צוגאַב אַרבעט, וואָס איר האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט איר פּאַדערט דאָך, אַז איך זאָל מאַכן דעם בילאַנס. איז אפשר וועט איר איבערגעבן די דאָזיקע אַרבעט אַ צווייטן.

דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט מיט מיר גאָר נישט מאַכן. ווייזט אויס, אַז ער האָט באַוויזן צו איבערצייגן אויך דעם נאַטשאַל־ניק. עס איז גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע אָפיצירן. וואָס דאָרט איז געזאָגט געוואָרן האָב איך פאַרשטייט זיך נישט געוווּסט. דער בוכהאַלטער האָט מיר נאָר געזאָגט, אַז דער נאַטשאַלניק האָט דערקלערט, אַז איך בין טאַקע אַ פאַר־ברעכער, נאָר אין דער אַרבעט בין איך אַ ספּעציאַליסט און איך האַנדל אין הסכם מיט די פאַרשריפטן.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען געברענגט בענקלעך. די אָפיצירן זענען אַריינגעקומען צו מיר אין צימער איינציקווייז, לויט דער ריי. מער זענען נישט געווען קיין זידלערייען און סקאַנדאַלן.

פאַקטיש איז מיר איצט געווען לייכטער. איך האָב געאַרבעט רואיק און קיינער האָט מיר נישט געשטערט. איך בין געווען באַלעבאָס פאַר זיך. דער הויפּט־בוכהאַלטער דאַקעגן איז געווען נישט אַזוי שטאַרק צופרידן פון דער ענדערונג. ער איז געווען צו נאָענט צום נאַטשאַלניק, וועלכער האָט ליב געהאַט אומעטום

אַריינצוקוקן. איצט האָט ער זיך נישט געקענט דערלויבן צו פאַרשווינדן אויף גאַנצע טעג ביים פלעשל.

פרייטיק נאָכמיטאָג און שבת איז דער הויפּט־בוכהאַלטער געקומען אין ביוראָ אין לאַגער, ווייל איך האָב דאַן נישט געאַרבעט און עס האָט געמוזט זיין ווער עס זאָל אונטערשרייבן די לויפנדיקע דאָקומענטן. איז ער געווען צופרידן, וואָס ער קען זיך אָפּרייסן פון אונטער דער אויפזיכט פון נאַטשאַלניק כאָטש אויף איין טאָג אין דער וואָך, ווען ער האָט טאַקע געקענט אויך כאַפּן אַ טרינק... כאָטש דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן, האָט ער נישט געקענט זיך איינהאַלטן.

דעם 15־טן אויגוסט 1950 האָב איך פאַרענדיקט דעם האַלביאָריקן בילאַנס. איך האָב אויפגעקלערט דעם הויפּט־בוכהאַלטער אַלע ציפערן און ער איז אַוועק צום נאַטשאַלניק אונטערשרייבן דעם בילאַנס. נאָך אַ געוויסער צייט האָט אָנגעקלינגען דער טעלעפאָן. מען האָט מיר געמאָלדן, אַז דער נאַטשאַלניק געפינט זיך אין זיין קאַבינעט אויפן געביט פון לאַגער און רופט מיך קומען צו אים.

ווען איך בין אַריין האָט זיך דאָרט געפונען אויך דער הויפּט־בוכהאַלטער. דער נאַטשאַלניק האָט מיך געבעטן זיצן. ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט קיינעם נישט געטרויט. פון די פראַגן וואָס ער האָט געשטעלט איז אָבער געווען קענטיק, אַז ער האָט עפּעס געלערנט אויף דעם קורס. ער האָט זיך זייער גוט אָריענטירט אין די ציפערן, און ווייזט אויס, אַז נישט אַלע ענטפערס פונעם הויפּט־בוכהאַלטער האָבן אים באַפרידיקט. דאַן האָט ער געמוזט מודה זיין, אַז גענוי אַלע ציפערן קען איך אויפקלערן, ווייל איך האָב פאַקטיש געמאַכט דעם בילאַנס. און כאָטש זיין שנאה צו מיר איז געווען גרויס, ער האָט אַפילו געזאָגט מיט אַ צייט פריער דעם הויפּט־בוכהאַלטער, אַז ער וויל מיך נישט זען אויף זיינע אויגן, האָט ער דאָך מותר געווען און מיך אַרויסגערופן, כדי זיין זיכער מיט יעדער ציפער וואָס ער שרייבט אונטער.

איך האָב אים געגעבן גענויער אויפקלערונגען אויף אַלע פראַגן. בעת מעשה האָב איך באַמערקט, אַז ער איז געווען צופרידן, כאָטש ער האָט דאָס חלילה נישט אַרויסגעוויזן. פאַרקערט, ווען איך האָב געענדיקט האָט ער געזאָגט: — ווי צום ערשטן מאָל קען איך דעם בילאַנס באַשטעטיקן. איך וויל אָבער, אַז איר זאָלט וויסן, אַז איך קען זיך אויס אויף די ציפערן און צום צווייטן מאָל קענט איר דאָס מאַכן אַ ביסל קלאָרער.

איך בין נישט געבליבן אים שולדיק און געענטפערט: — "יעדע זאַך קען מען מאַכן נאָך בעסער. אין אַ גרויסער מאָס ווענדט זיך דאָס אָבער אין דער באַציאונג פון דער אָנפירונג צו די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע". צום ערשטן מאָל בעת דעם גאַנצן געשפּרעך, האָט ער איצט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אונדזערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן... איך האָב זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט, צו עס איז דערלויבט מיר שוין אַוועקצוגיין. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און איך בין אַרויס.

עס האָט זיך דערנעענטערט ראש השנה, וואָס איז אין דעם יאָר אויסגעפֿאַלן אין די טעג פֿון דינסטיק און מיטוואָך. ווי תּמיד, האָב איך פֿריער געמאָלדן דעם הויפּט־בוכהאַלטער, אַז אין די טעג וועט ער מוזן קומען אין דער ביוראָ פֿון לאַגער. איך האָב אים געגעבן אַ פֿלאַש בראָנפֿן כּדי עס זאָל אים נישט זײַן לאַנג־ווײַליק אין די צוויי טעג...

צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדערן האָבן מיר באַשלאָסן, אַז יום־טובֿ וועלן מיר פּראַווען אין אַרכיוו. איך האָב געדאַוונט פֿון מײַן סידור און אַלעקסאַנדער פֿון די בלעטלעך, אויף וועלכע ער האָט אַליין איבערגעשריבן אַלע תּפֿילות. ער האָט שוין איצט געקענט גוט עבֿרי און ער האָט געדאַוונט מיט גרויס התלהבֿות. מיר האָבן בײדע פֿאַרגאָסן אַ סך טרערן און געענדיקט דאָס דאַווענען זייער שפּעט. נאָך דעם האָבן מיר זיך געזעצט צו דער סעודה, וואָס איך האָב פֿריער צוגעגרייט, קאַרטאָפֿל מיט ברויט און זיסע טיי.

די אָוונטן פֿון יום־טובֿ האָבן מיר פֿאַרברענגט צוזאַמען. דער עיקר פֿאַר־שטייט זיך, האָבן מיר געשמועסט וועגן אונדזערע דאגות און אונדזערע האָפֿע־נונגען. אַלעקסאַנדער האָט געזאָגט, אַז פֿון ראָש השנה האָט זיך געגעבן אַ נדר אָפּצוהיטן כּשרות און מער נישט געניסן פֿון דער לאַגער קוך. בפֿרט ווען ער האָט אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין אויסער דעם לאַגער, קען ער פֿון צײַט צו צײַט זיך קויפֿן אַ גלעזל מילך און אַפֿילו אַ שטיקל פּוטער. ער האָפֿט, אַז ער וועט אויסהאַלטן. ער טראַכט אַפֿילו וועגן אָפּהיטן די קדושה פֿון שבת. יעדנפֿאַלס, אין ראָש השנה האָט ער נישט געשריבן, כאָטש ער געמוזט אָפּיציעל גיין צו דער אַרבעט. אָבער ער האָט אָפּגעלייגט אַלע דאָקומענטן און מיר האָבן זיי צוזאַמען געמאַכט נאָך יום־טובֿ.

מיר האָבן גערעדט וועגן דעם, וועלכע מלאָכות זענען האַרבע, וואָס מען טאָר בשום אופֿן נישט אויספֿירן אין שבת, און וועלכע זענען נישט אַזוי האַרב. דערבײַ האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט, אַז די בוי־אַרבעט ענדיקט זיך שוין בקרובֿ און ער וועט מוזן סײַ ווי טראַכטן וועגן אַ נײַער אַרבעט. מיר זענען געקומען צום אויספֿיר, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען ער קען באַקומען אַ שטעלע אַלס נאַכט־וועכטער. דאַן איז ער נישט געצווינגען אויסצופֿירן אַ וועלכע עס איז קאָנק־רעטע אַרבעט.

איך האָב אים געטרייסט, אַז אויב ער האָט גענומען אויף זיך אָפּצוהיטן כּשרות, וועט דער אויבערשטער אים געוויס העלפֿן. איך האָב אים דערמאָנט, אַז די גמרא זאָגט: „בדרך שאדם רוצה ללכת מוליכין אותו", דער עיקר איז, דער ווילן פֿון מענטש, דאַן העלפֿט דער אויבערשטער, אַז מען זאָל קענען מקיים זײַן.

יום כּיפּור איז אויסגעפֿאַלן דאָנערשטיק. איך האָב וועגן דעם צוויסן געגעבן נאָך צוויי ייִדן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין אונדזער לאַגער. מיטוואָך, גלײַך נאָך דער אַרבעט זענען זיי געקומען אין אַרכיוו, וווּ מיר האָבן צוזאַמען פֿאַרפֿאַסט. מיר האָבן אָנגעצונדן אַ ליכטל, וואָס אַלעקסאַנדער האָט באַקומען אויף

דער פריי און שפּעט בייגאַכט, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפן האָבן מיר זייער שטיל געזאָגט צוזאַמען כל נדרי ביי יעדן פון אונדז איז דאָן געווים געווען אַן אמתע התעוררות תשובה. מיר האָבן געבעטן דעם אויבערשטן אונדז מוחל פאַר די זינד וואָס מיר זענען באַגאַנגען בעל כרחו, אין שרעק און פּיין פון די לאַגער באַדינגונגען.

יוכ״פ בייטאָג האָב איך גערדאַווענט איינער אַליין. די איבעריקע זענען געווען געצווינגען צו גיין צו דער אַרבעט. אָבער אַלע האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן נישט אַרבעטן און נישט עסן. אין אָוונט זענען זיי געקומען צו מיר. מיר האָבן געדאַוונט צוזאַמען מעריב און צוזאַמען אָפּגעפאַסט. מיר האָבן ווידער פאַרגאָסן אַ סך טרערן און געוווּנטשן זיך קעגנזייטיק, מיר זאָלן זוכה זיין אַרויסצורייסן זיך פון דעם לאַגער און פון דער ביטערע פאַר אונדז מדינה

די מינוטן צוזאַמען פאַרברענגטע אין יום כיפור האָבן פאַרטיפט ביי יעדן פון אונדז דאָס געפיל פון געמיינזאַמען גורל, די פאַרבינדונג פון פריינטשאַפט. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן, אַז אַלע 4 אָוונטן פון יו״ט סוכות וועלן מיר זיך ווידער צוזאַמענעמען אין אַרכיוו, דאַווענען צוזאַמען און עסן אַ געמיינזאַמע סעודה, פאַרשטייט זיך פון אונדזער סטאַבילן און איינציקן מאכל, קאַרטאָפל מיט טיי... אויף שמחת תורה האָט אלעקסאַנדער געברענגט אויך אַ פלעשל בראָנפן. מיר האָבן זיך אויף אַן אמת משמח געווען און אין דעם אָוונט פון שמחת תורה זענען מיר, 4 יידישע אַרעסטאַנטן אין שטרענג באַוואַכטן לאַגער געווען באמת בני חורין, איבער וועלכע די אַלע אַכזריותדיקע נאַטשאַלניקעס און וועכטער האָבן נישט געהאַט קיין שליטה.

בערך אין דער העלפט פון אָקטאָבער האָט דער היופּט־בוכהאַלטער טעלע־פאָנירט צו מיר, אַז איך דאַרף גלייך קומען אין דער צענטראַלער בוכהאַלטעריע. פאַרשטייט זיך, אַז קיין דערלויבעניש אַרויסצוגיין האָט מען מיר נישט געגעבן. עס איז געקומען אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט מיך געפירט מיט דער ביקס גרייט צום שיסן, אין פאַל ווען דער געפערלעכער פאַרברעכער וועט מאַכן אַ פּרווו צו אַנטלויפן.

דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט מיר געזאָגט, אַז היות מען דאַרף וואָס שנעלער מאַכן דעם בילאַנס, האָט ער באַקומען אַ דערלויבעניש פון נאַטשאַלניק, אַז 2־3 טעג אין וואָך וועל איך אַרבעטן אין דער צענטראַלע. מען האָט אויסגעטיילט פאַר מיר אַ ספּעציעלן צימער, און אַ גאַנצן טאָג וועט אונטער דער טיר שטיין אַ סאָלדאַט, וועלכער וועט מיך היטן און וועלכער וועט מיך אויך פירן צו דער אַרבעט און צוריק.

דעם זעלבן טאָג, ווען איך בין צוריקגעקומען פון דער אַרבעט האָט אויף מיר געוואַרט אלעקסאַנדער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מען האָט געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין אַ שווער קראַנקן ייד, און עס וואָלט געווען כדאי צו זען ווער דאָס איז און צו מען קען אים העלפן. בדרך כלל האָט מען נישט אַריינגעלאָזט קיין אַרעסטאַנטן אין שפּיטאָל אויף באַזוכן צו קראַנקע. איך האָב געהאַט אַ ספּע־

ציעלע דערלויבעניש, ווייל איך האָב דאָרט קאָנטראָלירט די דאָקומענטן פון די פאַרנוצטע פּראָדוקטן.

איך בין גלייך אַוועק. דאָס איז געווען אַ ייד אין עלטער פון העכער 60 יאָר. ער האָט געליטן פון אַ הויכן בלוט־דרוק און געהאַט מוראַדיקע קאָפּ־שמערצן. ער האָט מיר דערציילט, אַז מען האָט אים געהאַלטן אויף שווערע אויספאָרשונגען אין תפיסה אַ יאָר צייט, נאָך דעם האָט מען אים פאַרמשפט אויף 25 יאָר לאַגער. ער האָט מיר נישט געזאָגט, פאַר וואָס ער האָט באַקומען אַזאַ שווערן אורטייל, אָבער איך האָב זיך משער געווען, אַז דאָס איז געווען פאַר עקאָנאָמישע פאַר־ברעכנס.

דער ייד האָט מיר דערציילט, אַז ער איז זייער אַ רייכער מענטש. פאַר דער צייט וואָס ער איז געזעסן אין תפיסה האָבן די פרוי און טאָכטער, וואָס זענען פאַרבליבן אויף דער פריי, אים געשיקט עטלעכע מאָל פּעקלעך און געלט. אָבער ער האָט פון דעם גאָר נישט באַקומען. ער האָט מיך געבעטן, צו איך קען נישט אַרויסשיקן אַ טעלעגראַמע צו זיין פרוי און טאָכטער. אויב זיי וועלן נאָר וויסן ווו ער געפינט זיך, וועלן זיי זיכער קומען און אפשר וועלן זיי קענען אים מיט עפּעס העלפן.

ער האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס פון דער פרוי. אָבער ווי אַזוי שיקט מען די טעלעגראַמע ? דער איינציקער וועג איז געווען, די פאַרמיטלונג פונעם עקספּע־דיטאָר, וועלכער האָט געברענגט צו אונדז די פּעקלך פון דער פּאָסט. מיין פרוי האָט אים גוט באַלוינט פאַר די עטלעכע טעג וואָס זי האָט ביי אים געוווינט, בעת זי האָט מיך באַזוכט מיט אַ צייט צוריק. איך האָב געהאָפט, אַז ער וועט מיר נישט אָפּזאָגן, בפרט ווען איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז די דאָזיקע פרוי איז רייך און אויב זי וועט קומען, וועט זי אים גוט באַלוינען דערפאַר.

איך האָב אים געגעבן דעם אַדרעס און געלט און ער האָט געהאַלטן וואָרט. עטלעכע טעג שפּעטער האָט אַלעקסאַנדער מיר דערציילט, אַז בעת ער איז אַריינ־געגאַנגען אין לאַגער האָט ער ביים טויער באַגעגנט צוויי פרויען, אַן עלטערע און יונגע, וואָרשיינלעך די משפחה פון דעם ייד. זיי האָבן געבעטן אַ דערלויבעניש צו זען זיך מיט זייער מאַן און פאָטער.

אָבער אַזאַ דערלויבעניש האָט מען נישט געגעבן אַזוי לייכט. מען האָט זיי געהייסן קומען מאָרגן. אין צווישנצייט איז דער ייד געשטאָרבן. מען האָט אים גלייך קובר געווען אויף דעם ספּעצילן בית־עלמן פאַר אַרעסטאַנטן.

מאָנטיק אינדערפרי, ווען מען האָט מיך געברענגט צו פירן צו דער אַרבעט איז אַריין צו מיר דער הויפּט־בוכהאַלטער און געזאָגט : — עס זענען געקומען די פרוי און טאָכטער פון דעם אַרעסטאַנט, וואָס איז געשטאָרבן מיט צוויי טעג צוריק. זיי טענה׳ן אַז זיי האָבן אַרויסגעשיקט דעם פאַרשטאָרבענעם 1000 רובל, וועלכע ער האָט נישט דערהאַלטן און זיי בעטן, מען זאָל זיי צוריקגעבן דאָס געלט. בעט איך אייך, איר זאָלט געפונען דעם פּאָסט־איבערווייז און קאָנטראָלירן,

צו מיר האָבן דאָס געלט דערהאַלטן, און אויסשטעלן אַ קוויט מען זאָל זיי דאָס געלט אויסצאָלן.

דער בוכהאַלטער האָט געגעבן דעם סאָלדאַט, וואָס האָט מיך געהיטן, אַ פאַראָרדענונג מען זאָל די פרויען אַריינלאָזן צו מיר, כדי איך זאָל קענען קאָנט־ראָלירן זייערע דאָקומענטן.

עס זענען אַריין צוויי פּאַרוויינטע פרויען. איך האָב זיי געבעטן זיצן. זיי האָבן שוין געהאַט וועגן מיר גענויע אינפאָרמאַציעס און אָן שום אַריינפירן האָט די עלטערע פרוי געזאָגט: — עס איז אַ נס, וואָס מיר האָבן געטראָפן צו אייך. עס האַנדלט זיך אונדז נישט אַזוי ווייט אין די טויזנט רובל. מיר האָבן צו אייך אַ בקשה. איר זייט אַ פרומער ייד און איר טאָרט אונדז דאָס נישט אָפּזאָגן. איך וויל אַרויסנעמען דעם גוף פון מיין פאַרשטאָרבענעם מאַן און ברענגען אים צו קבר ישראל אין אונדזער שטאָט. איך שפּאָר נישט קיין אָנשטרענגונג און נישט קיין געלט כדי דאָס צו רעאַליזירן. איך האָב שוין אַפילו אַ דערלויבעניש פון דער סאַניטאַרער מאַכט ווי אויך אַ מעטאַלענעם קאָסטן. אַלץ איז גרייט, נאָר זיי ווילן אונדז נישט זאָגן דעם נומער פונעם קבר.

איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַז איך וועל אַזוי לאַנג זוכן דאָס פּאָסט־צעטל פון די טויזנט רובל, ביז איך וועל זיך דערוויסן געגוי דעם נומער פונעם קבר, כאָטש איך האָב נישט די זיכערקייט, צו דאָס וועט זיך מיר איינגעבן און מען דאַרף אויך האָבן מזל, אַז מען זאָל מיך ווייטער דאָ ברענגען צו דער אַרבעט. יעדנפאַל, האָבן מיר זיך אָפּגעשטימט, אַז זיי וועלן מאָרגן קומען מאָנען דאָס געלט . . .

די עווידענץ פון די אַרעסטאַנטן, סיי לעבעדיקע און סיי טויטע, האָט זיך געפונען אין דער ספּעציעלער אָפּטיילונג "ספּעצ־טשאַסט". דאָס איז געווען די נ.ק.וו.ד. און עס איז נישט געווען אַזוי לייכט זיך עפּעס וואָס צו דערוויסן פון דאָרט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אין בוכהאַלטעריע איז געווען באַשעפטיקט אַ מיידל, וואָס האָט געאַרבעט שלעכט, זי האָט געמאַכט אַ סך טעותן און דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט זיך איינמאָל אויפגערעגט און באַזייטיקט זי פון דער אַרבעט.

זי איז געווען אַ יתומה, אירע עלטערן זענען אומגעקומען אין דער מלחמה.

זי איז געקומען צו מיר מיט אַ געוויין, אַז עס דראָט איר אומצוקומען פון הונגער, ווייל אין אַזאַ פאַל, וועט מען זי נישט אַנגאַזשירן אין אַ צווייטער ביורא, און צו שווער פיזישע אַרבעט איז זי נישט געווען פעיק. איך האָב אויף איר געהאַט רחמנות און אויף מיין אחריות זי געהייסן ווייטער קומען צו דער אַרבעט. איך האָב געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט אַדורך דער כעס ביים הויפּט־בוכהאַלטער און עס וועט מיר געלונגען אים איבערצוצייגן, אַז על־כל־פּנים זאָל ער איר געבן אַ נאָרמאַלע קינדיגונג, כדי זי זאָל קענען באַקומען אַ צווייטן פּאָסטן.

אָבער איידער איך האָב באַוויזן צו רעדן מיט אים וועגן דעם, איז ער אַ געוויסן טאָג אַריין אין דעם צימער אין זי דערזען. אויף זיין פראַגע, וואָס זי טוט דאָ, האָט זי געענטפערט, אַז איך האָב איר געהייסן ווייטער אַרבעטן.

דער הויפט־בוכהאַלטער האָט מיך אַרויסגערופן צו זיך מיט אַ שטאַרקע טענה. — "ווער איז דאָ באַלעבאָס?" — האָט ער אויסגערופן — "ווער האָט אייך געגעבן רעכט צו ענדערן מיין פאַראָרדענונג? איר נעמט זיך צופיל רעכט און איר מישט זיך אַריין אין ענינים פון קאַדרען".

איך האָב געוווסט, אַז אין תוך איז ער נישט קיין שלעכטער מענטש. איך האָב זיך פאַר אים אַנטשולדיקט און אויפגעקלערט, אַז איך האָב נישט בדעה צו ענדערן זיינע פאַראָרדענונגען. איך האָב זיך דערלויבט דערוויייל זי צו לאָזן ביי דער אַרבעט, ווייל איך האָב געוואָלט מיט אים נאָך רעדן וועגן דעם, נאָר איך האָב נישט באַוויזן.

זי איז דאָך אַ יתומה. — האָב איך געזאָגט. אַז איר וועט זי פאַרטרייבן אויף אַזאַ אופן און זי וועט בלייבן אָן ברויט, וואָס וועט פון איר ווערן? איך האָב באַמערקט, אַז דער כעס איז אַוועק. קען זיין, אַז עס איז אים נישט געווען ניחה, וואָס איך, אַ ייד נעם זיך אָן די עוולה פון אַ רוסיש מיידל.

ביי אונדז קען זי טאַקע נישט אַרבעטן — האָב איך געזאָגט — אָבער זי איז אַן ערלעך קינד, אַ שטילע, געטריי דער סאָוויעטישער אָרדענונג. איז פאַר וואָס זי סתם אַרויסוואַרפן. אפשר קענט איר דערלעדיקן, מען זאָל זי איבערפירן אין אַ צווייטע אָפּטיילונג, ווו עס זענען נישט נויטיק קיין ספּעציעלע קוואַליפיקאַציעס.

מיינע אַרגומענטן האָבן אים ווייזט אויס איבערצייגט און ער האָט מסכים געווען. גראָד האָט מען באַדאַרפן אַ מענטש אין קאַרטאָטעק פון ספּעצ־טשאַסט" און נאָך צוויי וואָכן איז זי דאָרט איבערגעפירט געוואָרן. ווען עס איז אויפגעקומען דער ענין פון געפונען דעם קבר פון דעם ידישן אַרעסטאַנט, האָט זי געאַרבעט דאָרטן שוין צוויי חדשים צייט. אָבער ביז זי איז אַריבער אין דער "ספּעצ־טשאַסט" האָט זי זיך געדרייט אין בוכהאַלטעריע קרוב אַ חודש צייט. היות ס'איז פריער געווען אַ באַפעל זי צו באַפרייען, האָט זי נישט באַקומען קיין געהאַלט פאַר דעם חודש.

איצט האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם. אונטערן פּרעטעקסט, צו דערלעדיקן דעם ענין פון אין געהאַלט פאַר דעם חודש, האָב איך אָנגעקלינגען אין דער ספּעציעלער אָפּטיילונג און געבעטן, זי זאָל קומען צו מיר, כדי דאָס אויפקלערן.

זי איז גלייך געקומען, אַ צופרידענע, אַז ענדלעך וועט זי באַקומען די פאַר רובל אויף וועלכע זי האָט אַזוי לאַנג געוואַרט. איך האָב איר פאַרזיכערט, אַז איך וועל איר דאָס דערלעדיקן אין די נאָענסטע טעג. אָבער די אמתע סיבה, צוליב וואָס איך האָב דיך געבעטן איצט קומען איז, וואָס איך דאַרף דיין טובה — האָב איך איר געזאָגט.

— פאַר אייך וועל איך טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך — האָט זי אויסגערופן.

דאָן האָב איך איר דערציילט וועגן דעם אַרעסטאַנט, וואָס איז געשטאָרבן. אין אַזאַ פאַל — האָב איך איר אויפגעקלערט — ווערט געמאַכט אַן אַקט און אין

דער קאַרטאָטעק פון געשטאָרבענעם שרייבט מען איין די סיבה פונעם טויט און דעם נומער פון קבר, ווו ער איז באַגראָבן געוואָרן. איך האָב איר אָנגערופן דעם נאָמען און געזאָגט, איך דאַרף דעם נומער פון דעם קבר.

— אָבער דאָס איז אין הסכּם מיט די פאָרשריפטן? — האָט זי געפרעגט.

ניין — האָב איך איר געזאָגט — דאָס איז קעגן די פאָרשריפטן און וועגן דעם טאָר זיך קיינער נישט דערוויסן. איך גיב דיר מיין וואָרט, אַז איך וועל אין אַלע אומשטענדן האַלטן דעם סוד. און די מוזט אויך וועגן דעם געדענקן, דאַן קען דיר נישט דראָען קיין שום געפאַר. איבעריקנס, דאָס איז נישט אַזאַ גרויס פאַרברעכן. עס האַנדלט זיך אין אַ טויטן, וועלכער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטיר־לעכן טויט. איך מוז דאָס האָבן, און דאָס וואָס שנעלער. מיר האָבן באַשטימט, אַז אויב זי וועט געפונען דעם נומער פון קבר, קומט זי גלייך צוריק צו מיר, אונטער דעם זעלבן אויסרייד פון דערליידיקן איר געהאַלט.

און ווירקלעך. עס האָט געדויערט נישט קיין גאַנצע שעה, האָט זי מיר געבראַכט דעם נומער פון קבר. זי האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוגיין פון מיין צימער, איז גראָד אַריין דער הויפּט־בוכהאַלטער. — וואָס טוט איר דאָ? — האָט ער אויסגערופן. דאָס מיידל האָט זיך פאַרלוירן. איך האָב נישט געוואָרט ביז זי וועט ענטפערן און געזאָגט — זי איז געקומען מאָנען ביי מיר דעם געהאַלט פאַר דעם חודש. אמת איז — האָב איך צוגעגעבן, אַז איך האָב איר געהייסן איבערבלייבן ביי דער אַרבעט, קעגן אייער ווילן, און איך בין פאַר דעם פאַראַנט־וואָרטלעך. אָבער איך בין אַן אַרעסטאַנט און האָב נישט קיין געלט צו באַצאָלן. איך האָב באַמערקט, אַז ער איז גראָד אין אַ גוטער שטימונג, האָב אים דער־לאַנגט, אַ צוגעגרייטע פריער פאַראָרדענונג, מען זאָל איר אויסצאָלן דעם געהאַלט. ער האָט אַ קוק געגעבן אויף דעם מיידל מיט אַ שמייכל, אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט און אויסגערופן: — נו גוט, איך וועל שוין צום סוף פּטור ווערן פון דעם ענין. ער האָט אונטערגעשריבן דעם דאָקומענט, דערלאַנגט דעם מיידל. זי איז אַרויס אַ צופרידענע.

נאָכמיטאָג איז געקומען די פרוי מיט דער טאָכטער, כלומרשט מאָנען דאָס געלט. איך האָב באמת נאָך נישט געהאַט געפונען פּאָסט־צעטל. איך האָב זיי געבעטן וואַרטן און פאַרזיכערט, אַז זיי קענען שוין זיין רואיק, איך וועל שוין אַלץ געפונען... איך האָב טאַקע געפונען דעם פּאָסט־צעטל, איך האָב זיי אויסגעשריבן אַ דאָקומענט צו באַקומען דאָס געלט, און בעת איך האָב זיי אַלץ אויפגעקלערט, האָב איך איר געזאָגט עטלעכע מאָל דעם נומער פון קבר, כדי זיי זאָל דאָס פאַרגעדענקן. זיי האָבן מיר געדאַנקט און אַוועק.

עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָבן זיי עקסהומירט דעם קערפּער און אויפן צווייטן טאָג זענען זיי אַוועק.

מיט בערך צוויי חדשים שפּעטער האָט מיך אַרויסגערופן צו זיך דער "אַפּער". איך בין געווען באַאומרואיקט. שוין אַ לענגערע צייט ווי מען האָט זיך צו מיר נישט געטשעפּעט. כמעט די גאַנצע צייט זינט עס איז אָנגעקומען דער

נייער "אַפער" האָט ער נאָך קיין איין מאָל מיך נישט גערופן צו זיך. איך בין געווען איבערצייגט, אַז עס הייבט זיך אָן אַ נייע פּראָוואָקאַציע קעגן מיר.

דער "אַפער" האָט מיך אויפגענומען מיט אַן אויפגעצווּנגענע גאַסטפריינט־לעכקייט ער האָט מיך געבעטן זיצן און גאָר גענומען מיר פּראָוון קאָמפּלי־מענטן. — איך האָב געהערט פון הויפּט־בוכהאַלטער און אַפילו פון נאַטשאַלניק, אַז איר זייט אַ מענטש מיט אַ סך מעלות. — האָט ער געזאָגט — זיי זענען צו־פרידן פון אייער אַרבעט. בין איך געקומען צום אויספיר, אַז אפשר וועט איר קענען אויך מיר העלפן אין אויפקלערן אַ געוויסן ענין.

געטראָפן דעם אַדרעס. — האָב איך זיך געטראַכט. ער האָט ווייטער גע־זאָגט: — איר האָט אַוודאי געהערט וועגן דעם, אַז די משפחה פון דעם יידישן אַרעסטאַנט וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ צייט צוריק, האָט באַוויזן אַרויסצופירן זיין קערפּער. לעולם האָבן זיי דאָס געמאַכט געזעצלעך. דאָס איז אָבער געשען קעגן אונדזער ווילן. מיר האָבן נישט בדעה צו מאַכן פון דעם אַ גרויסן ענין. אַ טויטער מענטש האָט נישט פאַר אונדז קיין ספּעציעלע באַדייטונג. עס שטעלט זיך אָבער די פראַגע: פון וואַנען האָבן זיי געוווּסט גענוי דעם נומער פונעם קבר? איז אפשר קענט איר מיר העלפן אויפקלערן דעם ענין?

איך האָב אים געענטפערט אויפן יידישן שטייגער, מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע. — פאַר וואָס ווענדט איר זיך דווקא צו מיר וועגן דעם? איר ווייזט דאָך מן הסתם, אַז אויב איך גיי אַרויס פון לאַגער, איז עס נאָר אונטער אַ וואַך, וועלכע היט מיך און שטייט אונטער דער טיר פון צימער ווי איך אַרבעט. איז וואָס פאַראַ שייכות האָב איך מיט דעם ענין?

ער האָט געוואָרפן אויף מיר אַ בייזן בליק און געזאָגט: — אַז מען וויל דווקא האָט איר אַפילו אַ שטיקל שייכות דערצו. איך ווייס, אַז די פרויען זענען געווען ביי אייך. און נישט נאָר דאָס ווייסן מיר. — האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ ווײַלע — מיר ווייסן אויך ווו איר דאַוונט און ווער ס'דאַוונט מיט אייך צוזאַמען. מיר ווייסן אַלץ, אַפילו ווען מיר רעאַגירן נישט. אַלץ איז ביי אונדז גענוי פאַר־שריבן אין אייער קאַרטאָטעקע און, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, ווען דאָס וועט זיין נויטיק, וועלן מיר אייך דערמאָנען אין דעם.

— איצט — האָט ער געזאָגט צום סוף — לאָז איך אייך אָפּ. דער גאַנצער ענין שפּילט נישט ביי אונדז קיין גרויסע ראָל. איך וויל נאָר, אַז איר זאָלט ווייסן, אַז מיר האָבן זייער גוטע אויגן און אויערן... איר קענט האָבן צו אונדז צוטרוי און ווען איך שטעל אייך אַ פראַגע, זאָלט איר ענטפערן מיט אַ ריכטיקע תשובה, און נישט ווי דאָס מאָל, ווען איר פּרוווט זיך אַרויסדרייען.

פאַקטיש איז געווען אַזוי. דער בריגאַדיר פון די קברנים האָט זיך אָנגע־שיכרט און אויסגעפּלאַפּלט, אַז ער האָט באַקומען אַ גרויסע סומע געלט פאַר אויס־גראָבן דעם ייד פון קבר. זיי האָבן נישט געמאַכט אַרום דעם קיין אויספאָרשונג, ווייל זי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ קאָמפּראָמיטאַציע. פאַקטיש איז זייער האַנדלונג

געוועז נישט געזעצלעך, ווייל זיי זענען געוועז מחויב צו זאָגן דער פּרוי געגנוי ווו עס געפונט זיך דער קבר פון איר מאַן.

א וואָך שפּעטער איז געקומען אַלעקסאַנדער מיט אַ פרײדיקער בשורה. מען האָט אים באַפרייט פאַר דער צייט. נאָך מיט אַ יאָר פריער האָט ער אָנגע־שריבן אַ בקשה. עס איז סיי ווי שוין נישט פאַרבליבן קיין סך צייטן ביזן סוף פון אורטייל. אַ חוץ דעם, איז ער נישט געמשפּט געוואָרן פאַר פּאָליטישע פאַר־ברעכנס, נאָר פאַר ספּעקולאַציע. און די "ספּעקולאַציע" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געקויפט אויפן שוואַרצן מאַרק אַ שטיקל ברויט פאַר זיך.

אונדזער צעשיידונג איז געוועז אַ רירנדיקע. פון איין זייט האָט דאָס האַרץ זיך געפרייט, אַז דער דאָזיקער יונגער בחור ווערט באַפרייט, אפשר וועט אים דער אויבערשטער העלפן, ער זאָל זיך איינאָרדענען דאָס לעבן, שאַפן אַ משפחה. אָבער איך האָב פאַרלוירן אַ האַרציקן, און איינציקן נאָענטן מענטש אין מיינע ליידן. מערקווירדיק, איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט דאָס געפילט אפשר שטאַרקער פון מיר. מיר האָבן זיך צעקישט. ער האָט נישט געקענט קיין וואָרט אויסרעדן. ער האָט זיך צעוויינט און איז אַוועק.

מיר איז טאַקע געוועז שווער אין מיין איינזאַמקייט. ספּעציעל האָב איך דאָס געפילט אין די שבתים און יום־טבים, כאָטש מיינע באַדינגונגען זענען איצט געוועז בעסערע ווי פריער. יעדעס מאָל ווען עס האָט מיר געדראָט אַ געפאַר האָט דער הויפּט־בוכהאַלטער מיך געוואָרנט וועגן דעם און געטאָן אַלץ, כדי מיר העלפן.

אין אַ געוויסן טאָג איז ער געקומען צו מיר און דערציילט, אַז ער האָט גערעדט מיטן נאַטשאַלניק און געבעטן, מען זאָל מיר געבן אַ סטאַבילע דער־לויבעניש אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט אין דער צענטראַלע בוכהאַלטעריע אָן אַ וואָך. ער האָט אָבער אָפּגעזאָגט. איך וועל אים נישט טשעפּן — האָט ער געענטפערט, — אָבער איך קען נישט דערלויבן אַזאַ מענטש זאָל האָבן אַ מעג־לעכקייט אַרויסצוגיין פון לאַגער אָן אויפזיכט.

איך בין געקומען צום אויספיר, אַז לאַנג וועט ער מיך נישט טאָלערירן. איך האָב געטראַכט, צו עס איז נישט כדאי צו זוכן אַ וועג מען זאָל מיך איבער־שיקן אין צענטראַלן שפּיטאָל, ווו מען האָט גראָד געזוכט אַ בוכהאַלטער.

איך האָב גערעדט וועגן דעם מיט דער דאָקטערין, וועלכע איז איצט געוועז דער איינציקער מענטש, פאַר וועלכער איך האָב זיך געקענט פאַרטרויען. — ווי לאַנג דער נאַטשאַלניק איז באַפריינדעט מיטן הויפּט־בוכהאַלטער, דראָט אייך נישט קיין שום געפאַר — האָט זי געזאָגט — זיי זענען פאַראינטערעסירט אין אייער אַרבעט. דער נייער "אַפּער" איז גראָד נישט דער ערגסטער. ער טשעפּעט אייך נישט, כאָטש ער ווייסט, אַז איר אַרבעט נישט שבת און יום־טוב, אַז איר דאַוונט א.א.וו. אין צענטראַלן שפּיטאָל דאַקעגן איז געקומען אַ נייער "אַפּער" און מען קען נישט וויסן, וואָס מאָרגן וועט זיין.

איך בין געקומען צום אויספיר, אַז זי איז גערעכט. אַ מענטש דאַרף נישט

צופיל טראַכטן און נישט אַרויסרופן דעם וואָלף פון וואַלד... מען דאַרף זיך פאַרלאָזן אויפן אויבערשטן.

אין סעפטעמבער 1951 האָט מיר אָנגעהויבן רינען בלוט פון די ציין. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז עס האָט זיך מיר באַנייט די אַלטע קרענק — שקאַרבוט, אָדער ווי מען האָט דאָס גערופן אין לאַגער — "צינגאַ". די דאָזיקע קרענק איז געווען אַ רעזולטאַט פונעם פעלן פון וויטאַמינען אין דעם שווערן קלימאַט פון צפון. עס האָבן פון איר געליטן נישט נאָר אַרעסטאַנטן, נאָך אויך אָפיצירן און וועכטער פון לאַגער.

די דאָקטוירין האָט פעסטגעשטעלט, אַז מיין צושטאַנד איז אַ שווערע און מען האָט מיך גענומען אין שפּיטאָל אַריין, וווּ איך בין געלעגן העכער דריי חדשים. אין אַ געוויסער מאָס בין איך געווען צופרידן. גראָד אין דער צייט זענען אויס־געפאַלן די יומים־נוראים און סוכות. אין שפּיטאָל האָב איך נישט געהאַט קיין דאגות ווו צו פראַווען יום־טוב.

מען האָט מיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל אין יאַנואַר 1952 יאָר, גראָד אין סאַמע ברען ביי דער אַרבעט איבערן בילאַנס. דער בוכהאַלטער איז געווען צופרידן וואָס איך בין צוריקגעקומען און ער האָט מיר אויסגעשריבן אַ ביסל קאַרטאָפל און צוקער, אַז איך זאָל נישט פאַלן פון כוחות. אפשר איז דאָס נישט געווען אַזוי ווייט פון רחמנות כאָטש ער האָט געהאַט צו מיר אַ גוטע באַציאונג, נאָר ער איז פשוט געווען פאַראינטערעסירט איך זאָל קענען אַרבעטן.

מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער האָט מיך דערוואַרט אַ נייע צרה. אין אויגוסט 1952 האָט מיך אַרויסגערופן די דאָקטערין און איבערגעגעבן מיר אַ ביטערע בשורה. זי האָט זיך דערוווסט, אַז עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו שיקן מיך אין אַ "ספּעצ־לאַגער" מיט אַ שווערן רעזשים, ווו עס געפינען זיך די דייטשע מערדער — קען זיין, אַז עס איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן. — האָט זי מיך גע־פרווט טרייסטן — עס דאַרף גראָד קומען דער הויפּט־דאָקטער פון צענטראַלן שפּיטאָל. אפשר וועט אונדז געלונגען עפּעס זו צוטראַכטן.

דאָס מאָל איז דאָס אָבער נישט געלונגען.

# אויף אַן אינזל מיט היטלעריסטישע מערדער

29 טאָג אין מנחם אָב, תשי"ב, דעם 20־טן אויגוסט 1952 יאָר, אַרום איינס אַזייגער ביינאַכט האָט מען מיך אויפגעוועקט פון שלאָף און געהייסן אָנטאָן. איך בין אַרויס פון באַראַק. עס האָבן געוואַרט אויף מיר צוויי ענקאַוודיסטן אין ציווילער קליידונג זיי האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט פאַר מיר און אויך נישט געפרעגט מיין נאָמען. זיי האָבן מיר געוויזן אַ באַפעל, אַז איך דאַרף גיין מיט זיי. ווען איך האָב געפרעגט: וווהין, האָט איינער פון זיי געענטפערט:

— דאָס ווייסטו זיך שפּעטער דערוויסן. נאָך אַזאַ צייט זיין אין לאַגער דאַרפסטו שוין האָבן אויף אַזויפיל דערפאָרונג, אַז אַן אַרעסטאַנט פרעגט נישט, נאָר ענטפערט אויף פראַגן... האָסט עפּעס פון דיינע זאַכן אין באַראַק? — האָט ער געפרעגט, און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער האָט ער מיר דערלאַנגט אַ זאַק און געזאָגט: — נעם צוזאַמען אַלץ אין דעם זאַק און קום גלייך אַרויס.

ווען איך בין צוריקגעקומען האָט ער געפרעגט: — דאָס איז אַלץ? איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב נאָך אַ וואַליזע אין דער דעפּאָנירונגס־קאַמער. זענען זיי מיט מיר אַוועק. מיר האָבן אויפגעוועקט די צוויי אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן געהיטן די קאַמער. איך האָב אַרויסגענומען די ווינטערדיקע מלבושים, אַ פּאָר וואַטענע הויזן און דעם בושלאַט. עטלעכע קלייניקייטן, אַ טעפּל, לעפל א.א. וואָס זענען פאַרבליבן האָב איך פאַרשלאָסן און געוואָלט איבערלאָזן די וואַליזע.

— פאַר וועמען לאָזט דו דאָס איבער? האָט ער געפרעגט.

איך האָב נישט קיין כוח צו טראָגן די וואַליזע.

— אַז מען הייסט דיך נעמען, זאָלסט דו נישט ענטפערן מיט חוצפּה. — האָט ער מיר איבערגעריסן די רייד און באַפוילן צו גיין פאַרויס. ביים טויער האָבן זיי געוויזן דער וואַך אַ צעטל מיט אַ קאָפּיע, אויף וועלכן עס איז געווען פאַרשריבן מיין נאָמען. איין קאָפּיע האָבן זיי אונטערגעשריבן און געגעבן דעם וועכטער. מיר זענען אַרויס.

צום ערשטן מאָל בין איך געגאַנגען איבער די גאַסן פון דער שטאָט אין וועלכער איך האָב זיך געפונען שוין עטלעכע יאָר. אָבער אויך איצט האָב איך נישט געוווּסט ווּ איך געפין זיך. אַלץ איז געווען איינגעהילט אין פינסטערניש. נאָך בערך אַ שעה צייט זענען מיר צוגעקומען צו אַ טייך. ביים ברעג איז גע־שטאַנען אַ קליין שיפל. זיי האָבן מיך געהייסן אַריינזעצן, זיי זענען אַריין נאָך מיר. איינער האָט געלאָזט אין באַוועגונג דעם מאָטאָר.

ווי לאַנג מיר זענען געשווומען ווייס איך נישט. פאַר מיר איז דאָס געווען אַן אייביקייט. אַ גאַנצן וועג האָבן זיי נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. ווּהין און צו וואָס מען פירט מיך, האָב איך נישט געוווּסט. עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, ווען מיר זענען צוגעקומען צום ברעג פון אַ קליינעם אינזל. עס זענען דאָרט געווען דריי באַראַקן און פון דער צווייטער זייט אַ גרעסערע הילצערנע געביידע. דאָס אַלץ איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ פּלויט, מיט עטלעכע שיכטן פון שטעכל־דראָטן איבער וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעהויבן די באַקאַנטע מיר וואַך־טורעמס, אין וועלכע מען האָט געזען די סילועטן פון סאָלדאַטן מיט ביקסן אין האַנט. איך האָב שוין פאַרשטאַנען ווּ איך געפין זיך...

זיי האָבן מיך אַרויסגעזעצט אויפן ברעג און גלייך האָבן מיר זיך געפונען ביים טויער פון לאַגער. אין וועכטער צימער ביים אַריינגאַנג זענען געווען צוויי סאָלדאַטן און אַן אָפיציר, וועלכער האָט פאַרשריבן מיין נאָמען. מיינע באַגלייטער האָבן זיך אונטערגעשריבן און זענען אַוועק. איך בין געבליבן מיט מיינע נייע באַלעבאַטים.

דער אָפיציר האָט מיך געהייסן אַרויסלייגן אַלץ פונעם זאַק. ער האָט געמאַכט אַ גענויע רעוויזיע. די וואַליזקע האָט ער צוריק פאַרשלאָסן. אָפּגעבנדיק מיר דעם שליסל האָט ער געזאָגט, אַז דערוויַיל וועט אַלץ בלייבן ביי זיי, ביז איך וועל באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצונעמען מיינע זאַכן. אין קעגנפאַל וועט דאָס געגעבן ווערן צום באַהאַלטן אין דעפּאָזיט־קאַמער, ביז איך וועל באַפרייט ווערן. דערביי האָט ער דאָס וואָרט "באַפרייט ווערן" אַרויסגעזאָגט מיט אַ סאַר־קאַסטישן שמייכל און די צוויי סאָלדאַטן האָבן זיך צעלאַכט אויפן קול. דאָס האָט געזאָלט זיין פאַר מיר אַן אָנדייטונג, אַז פון דאַנען איז נישטאָ קיין גרויסע האָפענונג באַפרייט צו ווערן. אינטערסאַנט, אַז ער האָט מיר איבערגעלאָזט מיין סדור צום דאַווענען, מיט דער וואָרענונג, אַז קיינער אויסער מיר טאָר פון דעם נישט געניסן.

די וואַרטאָווניע איז געווען אַ קליין ביידל פון איין צימערל. דער אָפיציר האָט מיך געהייסן אַוועקזעצן זיך אין אַ זייט און אַליין האָט ער זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש וואַרשיינלעך מיטן נאַטשאַלניק פון לאַגער. צו מיר זענען נאָר דער־גאַנגען אָפּגעריסענע פראַזן פון זיין געשפּרעך, פון וועלכע איך האָב זיך אָבער געקענט אַריענטירן ווו איך געפין זיך. ער האָט דערמאָנט מיין נאָמען און געמאָלדן, אַז עס האָבן מיך געבראַכט די צוויי, וועלכע מען האָט געשיקט נאָך מיר. אָבער היות זיי האָבן נישט געבראַכט מיט זיך מיינע פּערסאָנעלע אַקטן, ווייטס ער נישט ווהין מיך צו שיקן און ווי זיך נוהג צו זיין מיט מיר.

דער אָפיציר האָט אָנגעשטעלט זיין שאַרפן בליק אויף מיר, נישט אַראָפּ־לאָזנדיק מיך אויף אַ סעקונדע פון אויג, האָט ער זיך איינגעהערט צו די ווערטער וואָס זענען דערגאַנגען פון דער צווייטער זייט. אין צימער האָט געהערשט אַ טויט שטילקייט און צו מיר זענען דערגאַנגען אָפּגעהאַקטע ווערטער פון דער צווייטער זייט פון טעלעפאָן דראָט, ווי "שווערער פּאָליטישער פאַרברעכער", "שעדלעכער מענטש", "פולשטענדיקע איזאָלאַציע"...

— קלאָר — האָט געזאָגט דער אָפיציר — איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען. שטרענגער רעזשים. צום באַפעל — האָט ער פאַרענדיקט. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן טרייבל און מיך באַטראַכט, ווי איך וואָלט געקומען פון אַ צווייטער וועלט. נאָך דעם האָט ער אויסגערופן: טו זיך אויס!

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס וועט ער מיר מאַכן די באַליידיקנדיקע פּער־זענלעכע רעוויזיע, וועלכע איך האָב שוין נישט איינמאָל איבערגעלעבט. איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ס'האָט נישט קיין זין צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. איך האָב אויסגעפילט דעם באַפעל און געבליבן שטיין, ווי די מאַמע האָט מיך געבוירן. ער האָט אַריינגערופן די צוויי סאָלדאַטן, וועלכע האָבן גענוי אונטערזוכט מיינע מלבושים, געטאַפּט אין אַלע נענט, אַפילו אַראָפּגעריסן די פּאַדעשוועס פון די שיך. נאָך דעם האָט ער מיך געהייסן אויסדרייען זיך מיטן ריקן צו אים און אַראָפּבייגן זיך. אָבער ביז איך האָב דאָס באַוויזן צו מאַכן, האָט איינער פון זיי

מיך אַנגעכאַפּט ביים קאַרק און אַראָפּגעבויגן מיין קאָפּ וואָס טיפער צו דער ערד, בעת דער צווייטער האָט מיט אַ לעמפּל אין האַנט מיר אַריינגעקוקט פון אונטען, זוכנדיק דאָרט וואַרשיינלעך די קאָנטררעוואָלוציע וועלכע איך קען חלילה אַריינשמוגלען אין לאַגער...

די פּראָצעדור האָט געדויערט אַ לענגערע צייט. נאָך דעם האָט דער אָפיציר באַפוילן איך זאָל זיך אָנטאָן, דערביי האָט ער מיך געוואָרנט: — דאָ איז אַ לאַגער מיט אַ שטרענגן רעזשים און קיינער וועט נישט דולדן דיינע פּוילע שטיק. יעדער קלענסטער דיסציפּלין ברוך ווערט שאַרף באַשטראָפט. און אַנטלויפן וועסט דו שוין אויך מער נישט, ווייל פון דאַנען קען מען לויפן נאָר אין הימל אַריין... און כאָטש דו ביסט זייער אַ פּרומער. — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ צבעותדיקן שמייכל — גלויב איך, אַז דו יאָגסט זיך נישט צו דעם. ער האָט געהייסן איינעם פון די סאָלדאַטן מיך אָנפירן צום נאַריאַדטשיק.

דער זעלנער האָט מיך צוגעפירט צו איינעם פון די באַראַקן און געהייסן איך זאָל זיך דאָרט מעלדן. ווי אין אַלע לאַגערן איז דער נאַריאַדטשיק געווען אויך אַן אַרעסטאַנט. ער האָט מיך געבעטן זיצן, געפרעגט מיין נאָמען און גענומען זוכן אין קעסטל מיט פּערסאָנעלע קאַרטאָטעקעס, וואָס איז געשטאַנען ביי אים אויפן טיש.

— איך האָב נאָך אַפילו נישט אייער פאָרמולאַר — האָט ער געזאָגט — וויפיל צייט האָט איר מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן? — האָט ער געפרעגט.

די פראַגע האָט מיך שטאַרק פאַרוווּנדערט און אַפילו אַביסל אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט — וועגן וואָס פאַראַ מיטאַרבעט מיט די דייטשן רעדט איר האָב איך אויסגערופן. שוין העכער 17 יאָר געפין איך זיך אין לאַגער, איז וואָס פאַראַ שייכות קען איך האָבן מיט די פאַרשאָלטענע דייטשן.

איצט האָט ער אויף מיר געקוקט מיט נאָך גרעסערע פאַרוווּנדערונג. — איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָ קומט פאָר — האָט ער אויסגערופן און געבעטן מיך אַרויסגיין פון צימער. ער איז אַרויס צוזאַמען מיט מיר, בעטנדיק מיך איך זאָל וואַרטן ביים באַראַק איז ער אַוועק צו דער וואַך. אַ לענגערע צייט האָב איך געוואַרט. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער מיך אַ לענגערע ווײַלע באַטראַכט און אויסגערופן — איצט איז מיר אַלץ קלאָר.

מיר זענען צוריק אַריין אין צימער און פון ערשטן מאָמענט האָט ער געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק פון אַן אויפריכטיקן מענטש.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת. אייער לאַגע איז אַ ביז גאָר שווערע — האָט ער אָנגעהויבן — איך בין אַליין פון ווייס־רוסלאַנד. איך בין דערצויגן געוואָרן צווישן יידן און אַלע יאָרן האָב איך געאַרבעט צוזאַמען מיט יידן. ווען איך זע אייך, אַ ייד מיט אַ באָרד און פּיאות קען איך נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס זיי האָבן אייך דאָ אַהער געשיקט. אפשר זייט איר באַגאַנגען עפּעס אַ גרויסן פאַרברעכן? דאָ איז אַ לאַגער מיט אַ ספּעציעל שווערן רעזשים. עס געפינען זיך דאָ די גרעסטע מלחמה פאַרברעכער, עס־עס־לייט, הויכע אָפיצירן פון געסטאַפּאָ,

וועלכע האָבן אויף זייער געוויסן דאָס לעבן פון טויזנטער מענטשן, און דער עיקר, דאָס זענען די, וועלכע האָבן אויסגעמאָרדעטן הונדערטער טויזנטער יידן אין די געטאָס פון פוילן, אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד. כמעט אַלע פון זיי זענען פאַר־משפּט געוואָרן אויף טויט און מען האָט זיי די שטראָף פאַרביטן אויף לעבנס־לענגלעכע תפיסה אָדער אויף 25 יאָר. איז ווו קומט דאָס וואָס זיי האָבן אייך געשיקט צו זיין אין אַזאַ געזעלשאַפט ? . . .

איך האָב אים איבערגעריסן און געזאָגט: גלויבט מיר, אַז איך האָב נישט אויסגעפירט קיין שום פאַרברעכן. מען קען מיך אַפילו נישט באַטראַכטן אַלס פּאָליטישן פאַרברעכער, ווייל פאַקטיש האָב איך נישט געפירט קיין שום טעטיקייט וועגן דער ראַטנמאַכט. מיין איינציקער פאַרברעכן איז, וואָס איך בין אַ ייד, איך גלויב אין אויבערשטן און היט אָפּ די געזעצן פון אונדזער תורה. זיי ווילן מיך איינברעכן און דאָס וועט זיי נישט געלונגען. זיי פּרוּוון שוין דאָס מאַכן מיט פאַרשידענע מיטלען במשך פון העכער 17 יאָר. אָבער זיי וועט דאָס נישט געלונגען. פאַר מיין אמונה בין איך גרייט אַפילו צו שטאַרבן. און זיי קענען דאָס פּשוט נישט פאַרשטיין.

— איך וויל אייך נישט מאַכן קיין שווער האַרץ — האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק — אָבער פון דעם וואָס עס האָט מיר געזאָגט דער אָפיציר פון דער וואַרטע איז געדרינגען, אַז איר געפונט זיך דאָ אויף אַ סך ערגערע באַדינגונגען ווי די דייטשע מערדער. מען טאָר אייך כמעט אין ערגעץ נישט באַשעפטיקן. דאָס באַדייט, אַז איר וועט באַקומען נאָר 400 גראַם ברויט אַ טאָג. היות איר עסט נישט פון דער קוך, ווי איר האָט מיר געזאָגט צוליב אייער פרומקייט, וועט איר ממש אומקומען פון הונגער.

— איך וואָלט אייך גערן באַשעפטיקט ביי מיר — האָט ער ווייטער גע־זאָגט — איר זייט דאָך אַ גראַמאַטנע מענטש און איך האָב אַ סך ביוראָ־אַרבעט. אָבער זיי וועלן דאָס נישט דערלויבן, ווייל איר ווערט באַטראַכט אַלס אַ געפער־לעכער שונא צו וועלכן מען טאָר נישט האָבן קיין צוטרוי, און ביי מיר דאָ געפונען זיך די פּערסאָנעלע אַקטן פון אַרעסטאַנטן. עס איז מיר נישט דערלויבט אַפילו אייך אַריינצולאָזן אין דעם צימער.

— עס איז פאַראַן נאָך אַ צרה. די דאָזיקע מערדער זענען שרעקלעכע אַנטי־סעמיטן. און ווען איר וועט דאַרפן שלאָפן מיט זיי אין איין באַראַק איז פאַראַן אַן ערנסטע געפאַר, אַז ביינאַכט קענען זיי אייך דערשטיקן אָדער שעכטן און קיינער וועטאַפילו נישט דערגיין, ווער עס האָט דאָס געטאָן. די דאָזיקע מערדער זענען הפקר מענטשן, זיי האָבן שוין נישט וואָס אָנצוּווערן. זיי ווייסן, אַז זיי זענען פאַרמשפּט צו פאַרבלייבן ביזן טויט אויף דעם אינזל. קיין גרעסערע שטראָף קען מען זיי סייווי שוין נישט געבן. וועלן זיי אויסלאָזן זייער כעס צו נאָך איין ייד ... האָב איך איין אויסוועג. היות מען האָט אייך דערוויל נישט צוגעטיילט צו קיין שום אַרבעט, וועל איך דערלעדיקן מיטן דניעוואַלנע פון באַראַק, ער זאָל אייך אַריינלאָזן שלאָפן בייטאָג, און אין אָוונט, ווען די דייטשן קומען פון דער

אַרבעט, וועט איר אַרויס. איר וועט זיך מוזן ערגעץ אויסבאַהאַלטן, ווייל אויפן שטח פון לאַגער איז נישט דערלויבט זיך צו באַוועגן פון 10 ביינאַכט ביז 5 פאַר־טאָג. די וואַך קען אייך שיסן. עס וועט אייך זיין שרעקלעך שווער, אָבער קיין צווייטן אויסוועג זע איך נישט. איך וואָלט אייך דערלויבט שלאָפן אין דעם צימער פון מיין ביוראָ, אָבער איר פאַרשטייט דאָך...

מיר זענען צוזאַמען אַרויס און ער האָט מיך צוגעפירט צו איינעם פון די באַראַקן. דער ״דניעוואַלנע״ פון באַראַק איז געווען אַ אוקראַינער, אַ מענטש אין די עלטערע יאָרן ער האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט ווען דער נאַריאַדטשיק האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל מיר דערלויבן שלאָפן בייטאָג און אויפוועקן מיך פאַר־נאַכט, איידער די דייטשן קומען פון דער אַרבעט, ווייל ביינאַכט וועל איך נישט זיין אין באַראַק. ער האָט מיר אָנגעוויזן וועלכעס בעטל איך קען פאַרנעמען. דער נאַריאַדטשיק איז אַוועק. איך האָב אים געדאַנקט, אַוועקגעלייגט זיך און פון גרויס מידקייט בין איך גלייך איינגעשלאָפן.

עס האָט מיך אויפגעוועקט דאָס קלאַפּן אין טיר. דאָס איז געווען דער ״דניעוואַלני״. עס איז שוין געווען 5 אַזייגער פאַרנאַכט. ער האָט מיר געבראַכט מיין פּאַרציע ברויט פון 400 גראַם. און געזאָגט, אַז ער האָט באַקומען אַ באַפעל מיר דאָס צו ברענגען ווייל היות איך עס נישט פון דער לאַגער־קוך איז מיר נישט דערלויבט דאָרט אַריינצוגיין — איך וועל אייך ברענגען כאָטש אַ ביסל הייסע וואַסער — האָט ער געזאָגט, ווי ער זאָל מיר וועלן ווייזן זיין מיטלייד מיט מיר.

איך בין געווען שטאַרק אויסגעהונגערט האָב איך זיך גלייך געוואַשן און געזעצט עסן מיין ״מאַלצייט״. דער אַלטער גוי איז געזעסן אַנטקעגן מיר און אָבסערווירט מיך מיט מיטלייד. צום סוף האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און גע־זאָגט: אַנטשולדיקט מיר וואָס איך מיש זיך אפשר אין אייערע ענינים. אָבער לויט אייער אויסזען זענט איר דאָכט זיך אַ ייד? איז וואָס פאַראַ פאַרברעכנס זייט איר באַגאַנגען וואָס האָבן גורם געווען, אַז מען באַהאַנדלט אייך אַ סך ערגער ווי די דייטשע באַנדיטן וועלכע האָבן אונדז געמאַרדעט, און אין דער ערשטער ריי אייך ידדן? איר ווייסט — האָט ער ווייטער געזאָגט — זיי אַרבעטן דאָ אין דער פאַבריק גאָר נישט אַזוי שווער און זיי באַקומען ווייניקסטן 800 גראַם ברויט אַ טאָג, און אַ סך פון זיי באַקומען אַפילו אַ קילאָ און אַ קילאָ מיט 200 גראַם. אַ חוץ דעם באַקומען זיי אויך 50 ביז 80 רובל אַ חודש און פאַר דעם געלט קענען זיי קויפן אין דער קראָם פון לאַגער טאַבאַק, סיגאַרעטן, און אַפילו צוקער און פּאַווידלע. מען האָט מיר געזאָגט, אַז אייך איז דאָס אַלץ נישט דערלויבט. איך בין אייך נישט מקנא אויב איר וועט דאַרפן לעבן אויף די 400 גראַם ברויט אַ טאָג.

גיי פאַרטיידיק זיך פאַר יעדן — האָב איך זיך געטראַכט. איך האָב זיך אָבער אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אין מיין לאַגע בין איך אויך אָפּהענגיק פון דעם דניעוואַלני און אויך פון זיין פריינדשאַפט טאָר איך נישט מבטל זיין. איך האָב אים געזאָגט דאָס זעלבע וואָס איך האָב פריער געזאָגט דעם נאַריאַדטשיק — מיין

איינציקער פאַרברעכן איז, וואָס איך בין אַ ייד און וויל לעבן ווי אַ ייד. די אַלע דראַקאָנישע מיטלען קעגן מיר האָבן דעם ציל מיך איינצוברעכן.

איך האָב אָפּגעגעסן און אַוועק צום נאַריאַדטשיק. איך האָב אים געבעטן צו ער קען מיר אפשר העלפן מען זאָל מיר אָפּגעבן די וואַרעמע מלבושים. היות איך וועל מוזן אַ גאַנצע נאַכט זיין אויפן גאַס און בייַנאַכט איז שוין קאַלט. איך האָב אים דערציילט אַז די וואַך האָט צוגענומען ביי מיר די וואַרעמע מלבושים און זיי האָבן געזאָגט, אַז איך וועל דאָס צוריקבאַקומען, ווען מען וועט מיך באַפרייען. דערביי האָב איך דערמאָנט ווי זיי האָבן זיך צעלאַכט בעת זיי האָבן דערמאָנט וועגן "באַפרייען"...

ער האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט און אויסגערופן — זיי זענען נישט בעסער ווי די היטלעריסטן...

איך האָב געפילט, אַז ער מיינט דאָס ערלעך און איך האָב אים דערציילט וועגן מיינע איבערלעבונגען ביזן אַרעסט און במשך פון די 17 יאָר וואָס זיי פייניקן מיך אין די לאַגערן וואָס האָט גורם געווען, אַז איך בין איצט אַ שווער קראַנקער מענטש.

ווייזט אויס, אַז ער האָט אויך געפילט אַ באַדערפעניש אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן. מיין רעלאַציע האָט מיטגעווירקט, אַז עס האָט זיך צווישן אונדז געשאַפן גלייך אַ קעגנזייטיקער צוטרוי. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַ לאַנגיאָריקער מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז געווען אַ די־רעקטאָר פון אַ גרויסע אונטערנעמונג. אָבער דאָס אויספירן דעם פּלאַן אין זיין אונטערנעמונג איז געווען אָפּהענגיק פון צושטעלן די נויטיקע רוי־שטאָפן דורך אייניקע פאַבריקן.

אין רוסלאַנד איז געווען אַ סיסטעם, הגם נישט קיין אָפיציעלער אָבער דורך אַלע טאַלערירטער, אַז אויב מען האָט געוואָלט באַקומען די נויטיקע רוי־שטאָפן צו דער צייט האָט מען געגעבן כאַבאַר דער אָנפירונג פון דער פאַבריק, אָן וועלכער דאָס איז געווען אָפּהענגיק.

מיין נאַריאַדטשיק ווען ער איז געווען דירעקטאָר האָט אויך אָנגעוואַנדן די דאָזיקע פּראַקטיק. דער מענטש וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די דאָזיקע ענינים האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע אַ ספּעציעלן, פאַרשטייט זיך נישט לעגאַלן, פאָנד פון באַדייטנדיקע סומעס, וואָס זענען אויסגעגעבן געוואָרן אויף כאַבאַר. אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען אומגעשטערט במשך פון יאָרן. די דאָזיקע פּראַקטיק האָט אָבער אויך געדינט אַלס בייטש אין אַ פאַל, ווען מען האָט געוואָלט "אויסענדיקן" די אָנפירונג פון אַ געוויסע אונטערנעמונג. און אַזוי איז עס געשען מיט אים.

אין אַ געוויסן טאָג איז אָנגעקומען אַ קאָנטראָל פון מאָסקווע און געמאַכט אַ גענויע רעוויזיע אין דער בוכהאַלטעריע. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן גלייך געפונען גרויסע סומעס געלט, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט במשך פון יאָרן, אויף וועלכע עס זענען נישט געווען קיין קאָנקרעטע חשבונות. ער האָט דאָן נישט גהאַט

קיין אַנדערן אויסוועג ווי זאָגן דעם אמת אויף וואָס דאָס געלט איז אויסגעגעבן געוואָרן, כדי מען זאָל אים נישט חושד זיין, אַז ער האָט דאָס גענומען פאַר זיך.

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אים גלייך אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי, געשטעלט פאַרן געריכט און ער האָט באַקומען זיין "צענערל"... אָבער אין לאַגער האָט מען דאָך גענומען אין אַכט זיינע פאַרדינסטן, דער עיקר פון דער צייט פון דער מלחמה, ווען ער איז צוויי מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן אויפן פראָנט קעגן די דייטשן, און מען האָט אים באַשטימט אויף דעם פּאָסטן פון נאַריאַדטשיק.

אומקערנדיק זיך צום ענין פון מיינע וואַרעמע מלבושים האָט ער געזאָגט: איר פאַרשטייט דאָך אַוודאי, אַז קיין גרויסע דעה ביי דער נאַטשאַלסטווע האָב איך נישט, אָבער איך האָב אַן אויסוועג. קיין סטאַבילער דאָקטער איז אין דעם לאַגער נישט פאַראַן. עס איז דאָ אַ מעדיצינישער פּונקט מיט דריי בעטלעך פאַר ספּעציעלע פאַלן. אָבער איין מאָל אין חודש קומט צו אונדז אַ דאָקטער פון דעם לאַגער, ווו איר זייט געווען. עס טרעפט אויף, אַז עס קומט די לייטערין פון דער סאַניטאַרע אָפּטיילונג, דאָס איז זייער אַן אַנשטענדיקע פרוי. איר קענט זי אַוודאי. גראָד די טעג דאַרף דאָ קומען דער דאָקטער, וועל איך אייך אַרויסרופן אַלס קראַנקן. און ווען דער דאָקטער וועט אייך געבן אַ צעטל מוזן זיי אייך אַרויסגעבן אייערע וואַרעמע מלבושים.

איך האָב אים אַפילו נישט באַוויזן צו זאָגן, אַז די דאָקטערין איז באַפ־ריינדעט מיט מיר, ווייל עס זענען גראָד אַריינגעקומען אַרעסטאַנטן און איך האָב נישט געוואָלט, אַז עס זאָל ווער זען, אַז מיר שמועסן צווישן זיך. איך האָב אים געדאַנקט און בין אַרויס.

דער שמועס מיטן נאַריאַדטשיק האָט מיך אַ ביסל באַרואיקט וואָס שייך מיין ווייטערדיקן גורל. הגם מיין מצב איז געווען אַ שווערער האָב איך געזען באַשיינפּערלעך, אַז דער אויבערשטער שיקט די רפואה פאַר דער מכה. כאָטש איך האָב נישט געהאַט די איבערצייגונג צו דער נאַריאַדטשיק איז אַזאַ גרויסער אוהב ישראל, האָט ער אָבער שטאַרק פיינט געהאַט די דייטשע מערדער און אויך די סאַטראַפּן פון דער לאַגער־אַנפירונג, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס מיטגעווירקט צו די געפילן פון מיטלייד וואָס ער האָט מיר אַרויסגעוויזן פון ערשטן מאָמענט.

איך בין אַריין אין באַראַק כדי מאַכן אַן אָרדענונג אין זאַק מיט מיינע זאַכן, וועלכע זענען ביי מיר פאַרבליבן. איידער איך האָב באַוויזן זיך אומצוקוקן זענען אָנגעקומען די דייטשן פון דער אַרבעט. זיי זענען געווען הויכע און געזונטע און ס איז אויף זיי כלל נישט געווען קענטיק די אויסגעמאַטערטקייט, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע אַרעסטאַנטן אין די סאָוויעטישע לאַגערן.

אין ערשטן מאָמענט האָט קיינער פון זיי גאָר נישט געזאָגט נאָר געקוקט אויף מיר מיט אַ פאַרשערישן, בייזן בליק. איינער פון זיי, ווי איך האָב זיך שפּע־טער דערוויסט איז דאָס געווען זייער בריגאַדיר, וועלכער איז אין דער צייט פון דער מלחמה געווען אַן אָפיציר פון עס־עס אין הויכן ראַנג, האָט אויסגערופן אויף דייטש, זייענדיק זיכער, אַז איך פאַרשטיי נישט די שפּראַך:

— ווייזט אויס, אַז מיר האָבן שלעכט אויסגעפּירט די באַפעלן פון פּירער, אויב זיי האָבן נאָך געפונען אַזאַ טיפּ ייד... זיי האָבן אים געשיקט אין אונדזער באַראַק, כדי עס זאָל אונדז זיין פריילעכער — האָט ער געזאָגט און אַלע זענען אַרויס מיט אַ הילכיק געלעכטער.

— ער וועט פאַרשטינקען דעם באַראַק מיט קנאָבל — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער.

— נעמט זיך נישט איבער. מיר וועלן שוין עפּעס צוטראַכטן, אַז ער זאָל דאָ לאַנג נישט שטינקען... — האָט געענטפערט דער בריגאַדיר.

איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך האָב גאָר נישט פאַרשטאַנען און נישט אויסערעדנדיק קיין וואָרט בין איך אַרויס פון באַראַק.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך געוואָלגערט אונטערן פרייען הימל. האָב איך זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל אונטער אַ באַראַק. עס האָט מיך געקלעמט פון קעלט, אָבער איך האָב מורא געהאַט זיך אויפצושטעלן און צו מאַכן וועלכע עס איז באַוועגונג, אַז די וואַך זאָל מיך נישט כאַפּן, אָבער גאָר שיסן צו מיר. פאַרטאָג איז געוואָרן נאָך קעלטער און איך האָב געציטערט ווי אין פיבער און קוים דער־וואַרט זיך די מינוט, ווען איך האָב דערהערט דעם סיגנאַל צום פרימאָרגן אַפּעל.

די דייטשן זענען אויפגעשטאַנען, געלאָפן אין קוך עסן און אַוועק צו דער אַרבעט דאַן בין איך אַריין אין באַראַק. דער דניעוואַלני האָט מיך אָנגעקוקט מיט באַדויערן און ווייטער געטאָן זיין אַרבעטביים רוימען. איך האָב זיך געוואַשן, אָפּגעדאַוונט און אויפגעגעסן מיין פאַרציע ברויט פון 400 גראַם מיט איין מאָל און געלייגט זיך שלאָפן.

אַרום 4 אַזייגער נאָכמיטאָג האָט מיך דער דניעוואַלני אויפגעוועקט און געזאָגט, איך זאָל באַלד גיין צום נאַריאַדטשיק. ווען איך בין אַריין אין זיין צימער האָט ער אויסגערופן: — איר האָט אַן אויסערגעווינלעך מזל. שטעלט אייך פאָר, אַז די דאָקטערין איז געקומען. פאַר וואָס האָט איר מיר נישט געזאָגט נעכטן, אַז זי קען אייך אַזוי גוט? ווען איך האָב איר געזאָגט אייער נאָמען, האָט זי זיך שטאַרק געוווּנדערט ווי אַזוי מען האָט אייך דאָ אַהער געשיקט און זי האָט אַפילו וועגן דעם נישט געוווּסט. זי וואַרט אויף אייך אין מעדיצינישן פונקט.

די דאָקטערין איז געווען זייער אויפגעבראַכט. — ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז איר האָט מיר אַפילו נישט געזאָגט, אַז מען שיקט אייך דאָ אַהער? — האָט זי אויסגערופן.

איך האָב איר אויפגעקלערט די שווערע לאַגע אין וועלכער איך געפין זיך, אַז איך בין פאַרמשפּט צו לעבן אויף די 400 גראַם שוואַרצן ברויט אַ טאָג, און ווען אַפילו עס וואָלט מיר געלונגען צו באַקומען אַ פּאָר קאַרטאָפל, וואָלט איך אויך נישט געקענט געניסן דערפון, ווייל מיין קעסעלע צום קאָכן, דאָס טעפל אויף וואַסער און אַפילו דער לעפל געפינען זיך אין מיין וואַליזע, וועלכע זיי האָבן ביי מיר צוגענומען צוזאַמען מיט די וואַרעמע מלבושים.

איך האָב איר אויך דערציילט וועגן דעם שמועס פון די דייטשן, מיט

װעלכע איך בין געצװוּנגען צו װוינען אין אײן באַראַק, און צוליב דער מורא פֿאַר מײן לעבן בין איך געצװוּנגען אַרומצװואַלגערן זיך אַ גאַנצע נאַכט און גײ אױס פֿאַר קעלט. איך האָב זי געבעטן, צו זי קען מיר אפשר העלפֿן איך זאָל אַרױס־באַקומען די װאַרעמע מלבושים און מײנע כלים צום עסן.

זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי דאַרף באַלד זײן בײם נאַטשאַלניק. — קײן גרױסער צדיק איז ער נישט. — האָט זי געזאָגט. — אָבער ער איז גראָד מײנער אַ באַקאַנטער און איך װעל זיך באַמיען אים אױפֿצוצװינגען, אַז מען זאָל אױך על־כל־פּנים אָפּגעבן אײערע זאַכן. װאַרט דאָ אױף מיר ביז איך װעל צוריקקומען און דאַן װעל איך זען, װאָס מען קען טאָן כּדי אײך העלפֿן.

זי איז אַװעק און געקומען נאָך אַ שעה צײט. זי האָט מיר געזאָגט, אַז נאָך אײן זעלבן טאָג װעל איך באַקומען מײנע זאַכן. זי האָט מיר אױך געגעבן אַ באַ־שטעטיקונג, אַז צוליב מײן מאָגן־קראַנקהײט מוז איך לעבן אױף אַ שטרענגע דיעטע, װאָס האָט מיר דערמעגלעכט צו באַקומען אַ מינימום פֿון טריקענע פּראָ־דוקטן און געגעבן אױך אַ רפֿואה צו באַרואיקן די שמערצן פֿון מאָגן. מער רעדן האָבן מיר שױן נישט געקענט װײל עס האָבן אָנגעהױבן צו קומען די דײטשע אַרעסטאַנטן. איך האָב איר האַרציק געדאַנקט און בין אַװעק.

נאָך דעם זעלבן אָװנט האָב איך באַקומען מײנע זאַכן. איך בין אַװעק אין באַראַק. די װאַרעמע מלבושים האָב איך אָנגעטאָן אױף זיך און דעם זאַק און די װאַליזע מיט די איבעריקע זאַכן האָט דער דניעװאַלני מיר אױסבאַהאַלטן אין זײן צימערל, װאָס איז געװען אין באַראַק.

אין דער נאַכט האָב איך זיך מחיה געװען. אין די װינטער בגדים האָב איך נישט געפֿילט די קעלט. איך האָב זיך פֿאַרשטעקט אונטער אײנעם פֿון די באַראַקן און אַפֿילו געכאַפּט אַ דרימל. אין דער פֿרי, װען די דײטשן זענען אַװעק צו דער אַרבעט בין איך װידער אַרײן אין באַראַק, זיך געװאַשן, געדאַװנט און אָפּגענומען מײן פּאַרציע ברױט, װעלכע איך האָב װי געװײנלעך גלײך אױפֿגעגעסן, און גע־לײגט זיך שלאָפֿן.

אַזױ זענען אַװעק עטלעכע טעג. פֿרײטיק בין איך אױפֿגעשטאַנען פֿריער. די פּאַרציע ברױט פֿאַר דעם טאָג האָב איך באַהאַלטן אױפֿן אָװנט, כּדי איך זאָל האָבן אױף װאָס צו מאַכן קידוש. אַרום 6 פֿאַרנאַכט, װען איך האָב זיך געגרײט מקבל שבת זײן איז אָנגעקומען דער נאַריאַדטשיק און געזאָגט, אַז דער קאָמענ־דאַנט פֿון לאַגער רופֿט מיך צו זיך.

דער נאַריאַדטשיק האָט מיך באַגלײט אין דער ביוראָ פֿון דער לאַגער־פֿאַרװאַלטונג, װאָס האָט זיך געפֿונען אױף דער צװײטער זײט פֿון אינזל. אױפֿן װעג האָט ער מיר געזאָגט, אַז דער קאָמענדאַנט איז פֿון ראַנג אַ קאָלאָנעל, אַ גע־בילדעטער מענטש, אָבער זײער אַ שטרענגער און דערפֿאַר דאַרף איך זײן זײער פֿאָרזיכטיק בעת דעם שמועס מיט אים — איר דאַרפֿט זיך היטן מיט יעדן װאָרט — האָט ער מיך געװאָרנט — אין דער באַנעמונג איז דער קאָמענדאַנט ביז גאָר העפֿלעך, ער רעדט אײדל און פֿײן, אָבער איר מוזט זיך היטן און נישט אַרױס־

ברענגען פאַר אים אַלע אייערע מחשבות, ווייל ביי אים שפּילט נישט קיין גרויסע ראָל צו שיקן אַ מענטש צום טויט. ער האָט מיך צוגעפירט ביז צום צימער פון קאָמענדאַנט און איז אַוועק.

דער קאָמענדאַנט האָט מיך ווירקלעך אויפגענומען ביז גאָר העפלעך. ער האָט מיך געבעטן זיצן. און ווען איך בין ווייטער געבליבן שטיין האָט ער געזאָגט:

— איר קענט זיצן און בכלל זיך פילן פריי. איך האָב נישט בדעה אייך שלעכטס צו טאָן. איך האָב זיך נאָר וואָס באַקענט מיט אייערע פּערסאָנעלע אַקטן, האָב איך געוואָלט אייך אויך פּערזענלעך באַקענען. ווייל עס וואונדערט מיך זייער פאַר וואָס מען האָט אייך געשיקט אין מיין לאַגער אויף דעם אינזל. איר ווייסט דאָך מן הסתם, אַז דאָ געפינען זיך מענטשן, וועלכע מען האָט שוין לאַנג געדאַרפט שיקן אויף יענער וועלט. דאָס זענען פאַשיסטישע מערדער, וועלכע האָבן פאַר־ניכטעט הונדערטער טויזנטער מענטשן, אין גרעסטן טייל טאַקע יידן. אָבער די ראַטנמאַכט האָט אַ הומאַניטאַרע באַציאונג אַפילו צו אַזעלכע מערדער און האָט זיי פאַרביטן די טויט שטראָף אויף 25 יאָר לאַגער. און אַפילו דאָ באַציען מיר זיך צו זיי מענטשלעך, כאָטש זיי האָבן דערויף נישט פאַרדינט. איז ווי קומט איר דאָ אין דער געזעלשאַפט?...

אַ לענגערע ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט. ער האָט מיך אָבסערווירט ווי ער זאָל וואַרטן אויף מיין ענטפער. היות איך האָב באַשלאָסן דערווייל שווייגן, האָט ער אָנגעהויבן שטעלן מיר פראַגן.

— איך האָב באַקומען אַ מעלדונג, אַז במשך פון העכער אַ וואָך צייט וואָס איר געפינט זיך דאָ, האָט איר נאָך קיין איין מאָל נישט געגעסן אין קיך, אויסער ברויט. איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז איך האָב פּערזענלעך שוין נישט איינמאָל קאָנטראָלירט און פעסטגעשטעלט, אַז אין אונדזער קוך איז ריין, די פּראָדוקטן זענען שטענדיק פרישע און אַ פילו אַ קראַנקער קען דאָס עסן.

— עס ליגט דאָ פאַר מיר אַ צעטל פון דער דאָקטערין — האָט ער ווייטער געזאָגט — אין וועלכן זי באַשטעטיקט, אַז איר ליידט אויף אַ שווערע מאָגן־קראַנקהייט און אַז איר דאַרפט לעבן אויף אַ שטרענגע דיעטע. אָבער איך קען נישט נאָכקומען איר בקשה צו געבן אייך טריקענע פּראָדוקטן. איך האָב דעריבער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל פאַר אייך קאָכן ספּעציעל פלייש און גרויפּן לויט דער דיעטע. איר וועט אויך באַקומען יעדן טאָג אַ פּאָרציע פּוטער.

איך האָב אים געדאַנקט און דערקלערט, אַז איך עס נישט אין קיך נישט צוליב דעם וואָס דאָרט איז נישט ריין אָדער דאָס עסן שמעקט מיר נישט, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז נישט אין הסכם מיט מיין אמונה — איר זעט דאָך, אַז איך טראָג אַ בראָד און פּיאות ווייל איך בין אַ שטרענג רעליגיעזער מענטש. לויט אונדזער רעליגיע טאָר אַ ייד נישט עסן דאָס פלייש וואָס איז נישט געשאָכטן דורך אַ שוחט לויטן יידישן דין, מען טאָר נישט עסן פון די כלים אין וועלכע מען קאָכט מילכיקס און פליישיקס א. א. דעריבער, אויב איר קענט מיר נישט אויסשרייבן טריקענע פּראָדוקטן, בין איך געצוווּנגען ווייטער צו לעבן אויף דער

פּאַרציע טריקענעם ברויט, און קען נישט געניסן פון דער דיעטע, וועלכע איר האָט באַוויליקט מיר צו באַשטימען.

— אָבער איר מוזט דאָך פאַרשטיין, אַז עס איז אייך נאָך פאַרבליבן אַ סך יאָרן צו זיצן — האָט ער מיר איבערגעריסן — און אויף אַ טריקן שטיקל ברויט, וועט איר לאַנג נישט אויסהאַלטן. מיר זענען דאָ דערויף, אַז דער פאַרמשפּטער זאָל אָפּקומען זיין שטראָף אין הסכם מיט די סאָוויעטישע געזעצן, און דער עיקר, כדי אים איבערדערציען, אַז ער זאָל ווערן אַ פולווערטיקער סאָוויעטישער בירגער — האָט ער ווייטער געזאָגט — אָבער מיר ווילן קיינעם נישט דערפירן צום טויט, אַפילו נישט די דייטשן, און שוין אַוודאי נישט אַ סאָוועטישן בירגער.

איך האָב אים איבערגעריסן די צביעותדיקע רייד און דערקלערט, אַז וואָס שייך דער טערמין פון מיין שטראָף, בין איך איבערצייגט, אַז אַזוי לאַנג וועל איך שוין נישט זיין אין לאַגער, ווייל אין מיין לעבן בין איך נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן. איך האָף דעריבער, אַז בקרוב וועט מען נאָכאַמאָל באַטראַכטן מיין משפּט און זיכער אויסגעפונען, אַז איך בין אומשולדיק און מען וועט מיך באַפרייען.

אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט זיך פאַרקרימט פון אויפרעגונג. אַ ווײַלע האָט ער מיר אויפמערקזאַם באַטראַכט און איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין צו דער דאָזיקער בליק איז ביי אים אַן אויסדרוק פון כעס, פאַרוווּנדערונג אָדער גאָר ביטל לגבי מיר. צום סוף האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך קוק אויף אייך און קען אייך נישט פאַרשטיין. איר זייט עפּעס אַ מאָדנער מענטש. די דאָקטערין האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט אַ קלוגער און אינטעליגענטער מענטש. אויך דער נאַטשאַלניק פון דעם לאַגער, פון וועלכן איר זייט געקומען, האָט וועגן אייך אַזאַ מיינונג. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט געאַרבעט גוט און ערלעך אין דער בוכהאַלטעריע. איז צו וואָס שלעפּט איר אַליין אויף זיך צרות ?...

— וואָס שייך אייער פּראָצעס — האָט ער ווייטער געזאָגט — האָב איך דעם איינדרוק, אַז איר לעבט אין אַ טעות. ביי אונדז אין ראַנטפּאַרבאַנד זיצט קיינער נישט אומזיסט. נאָך מער. איך וויל אייך פאַרזיכערן, אַז דער באַפעל צו פאַרשיקן אייך דאָ אויף דער אינזל איז געקומען פון מאָסקווע. איז מסתמא האָבן זיי באַרעכטיקטע סיבות דערצו.

— אָבער נישט געקוקט דערויף בין איך גרייט אייך צו העלפן — האָט ער ווייטער געזאָגט — ביי אונדז איז אויך דאָ אַ בוכהאַלטעריע און מיר נויטיקן זיך גראָד אין אַ מענטש מיט אייערע קוואַליפיקאַציעס. און איר פאַרשטייט דאָך — האָט ער צוגעגעבן — אַז ביי דער אַרבעט אין בוכהאַלטעריע וועט איר האָבן בעסערע באַדינגונגען פון אַנדערע אַרעסטאַנטן, בפרט ווען איר האָט רעקאָמענדאַציע פון דער דאָקטערין צו געבן אייך עסן אויף אַ דיעטע. מיר וועלן געפונען פאַר אייך אַ פּלאַץ, כדי איר זאָלט נישט דאַרפן וווינען אין איין באַראַק מיט די דייטשן. איך קען אַפילו דערלויבן אַריינצושטעלן פאַר אייך אַ בעטל מיט ריין

בעטגעוואַנד אין אַ צימער פון דער ביוראָ. עס איז נאָר נויטיק איין באַדינג: איר דאַרפט ענדלעך זיך אויפפירן נאָרמאַל, אָפּשערן די באָרד און פּיאות, עסן צוזאַמען מיט אַלע אין קיך, כדי דאָרט אין מאָסקווע זאָל מען זען, אַז איר האָט עפּעס וואָס פאַרשטאַנען במשך פון די יאָרן איבערדערציאונג אין לאַגער. דאָס וועט אויך געוויס צויאָגן דעם טערמין פון אייער באַפרייאונג.

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ טויט שטילקייט, און ווי ער זאָל לייענען אין מיינע מחשבות, האָט ער צוגעגעבן:

— ניין, איך פאָדער נישט פון אייך קיין באַלדיקע תשובה אויפן אָרט. איך פאַרשטיי אַז איר דאַרפט זיך פאַרטראַכטן. מיר וועלן וואַרטן עטלעכע טעג.

איך דאַרף זיך נישט פאַרטראַכטן — האָב איך געזאָגט. איך בין אַ דיסציפּ־לינירטער מענטש און בין גרייט אויסצופירן אַלע באַפעלן, אויסער די, וואָס זענען קעגן די דינים פון מיין אמונה. איך בין גרייט צו אַרבעטן ערלעך אין בוכהאַל־טעריע. אָבער פאַר קיין שום פּרייז וועל איך נישט מסכים זיין אָפּשערן די באָרד און פּיאות, עסן טריפות אָדער אַרבעטן אין שבת. — איך בין אייך דאַנקבאַר פאַר אייער זאָרג וועגן מיר, אָבער היות איך גלויב אין רבונו־של־עולם האָף איך, אַז ער וועט מיך אויסהיטן פון שלעכטס.

— איך האָב נאָר געוואָלט אייער טובה — האָט ער אויסגערופן שוין אַ ביסל אין אַ טאָן פון אויפרעגונג — יעדער איז אַ באַלעבאָס איבער זיין לעבן. אייער גורל איז אין אייערע אייגענע הענט. פאַרטראַכט זיך ערנסט, ווייל קיין גוטס פאַר אייך וועט אייער האַנדלונג נישט ברענגען. איר דאַרפט אויך געדענקן ווו איר געפונט זיך קיין ספּעציעלן רעזשים פאַר אייך וועל איך דאָ נישט שאַפן. און הדי מיו געבן צו פאַרשטיין, אַז ער האַלט דעם שמועס פאַר פאַרענדיקט האָט ער זיך אויפגעשטעלט. איך האָב זיך אויך אויפגעשטעלט און געפרעגט, צו עס איז מיר דערלויבט אַוועקצוגיין. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. איך בין אַרויס.

דער נאַריאַדטשיק האָט מיך אָנגעוואַרט און באַגלייט מיך ביז צום באַראַק. ווען איך האָב אים דערציילט דעם פאַרלויף פונעם געשפּרעך מיטן קאָמענדאַנט, האָט ער זיך שטאַרק געוואונדערט און פּשוט נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס ער איז זיך באַגאַנגען מיט מיר אַזוי איידל. — איר האָט עפּעס אַן אויסער־געוויינלעך מזל — האָט ער געזאָגט — צום ערשטן מאָל הער איך, אַז אַ שמועס ביים קאָמענדאַנט האָט זיך פאַרענדיקט אָן זידלעריי און געוואַלטן. אָבער נאָך מער האָט ער נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס איך האָב נישט מסכים געווען אויף די באַדינגונגען פון קאָמענדאַנט כדי באַקומען אַזאַ גוטע אַרבעט אין בוכ־האַלטעריע. — איך שטעלט זיך פאַר וואָס פאַראַ שאַנס איר האָט אָפּגעלאָזט?... ער האָט געקוקט אויף מיר ווי איך וואָלט געווען חסר דעה. ער האָט האַסטיק אויסגעשפּיגן און אויסגערופן: איך פאַרשטיי שוין גאָר נישט... און איז אַוועק.

וואָס מער עס האָט זיך דערנעענטערט דער האַרבסט, אַלץ ערגער איז געוואָרן מיין לאַגע. די נעכט זענען געוואָרן אַלץ קעלטער און אַפילו אין די ווינטער מלבו־

שים איז שווער געווען אויסצוהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט אונטערן פרייען הימל בפרט איז מיר געווען ביטער ווען עס האָט גערעגנט אין דער נאַכט. ביים מאַגאַזין פון פּראָדוקטן איז געווען אַ בײדל, ווייזט אויס פאַר אַ וועכטער, וואָס איז אָבער צו מיין גליק געווען ליידיק. האָב איך דאָס בײדל פאַרוואַנדלט אין מיין "אפּאַרטאַמענט". ספּעציעל איז מיר דאָס צונוצגעקומען ראָש השנה, יום־כּיפּור, סוכות און שמחת תורה. ביינאַכט האָב איך דאָרט געקענט דאַווענען און קיינער האָט מיר נישט געשטערט.

נאָך ערגער איז געווען ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פרעסט. פון זיצן אויף איין אָרט האָט מען געקענט פאַרשטייפט ווערן. פון 10 ביינאַכט ביז 5 פאַרטאָג איז געווען שטרענג פאַרבאָטן צו באַוועגן זיך אויפן געביט פון לאַגער. האָב איך טאַקע געליטן גרויסע צרות. אָבער ווי תמיד, שיקט דער אויבערשטער די רפואה צו דער מכה.

אין איינע פון די דאָזיקע נעכט האָב איך זיך גענומען אַ ביסל באַוועגן אין שאָטן פונעם באַראַק, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען די באָד און די וועשעריי, אַזוי, אַז די וועכטער זאָלן מיך נישט באַמערקן. גראָד האָט מיך באַגעגנט אַן אוקראַינישער אַרעסטאַנט, וועלכער איז געווען דער לייטער פון דער וועשעריי און באָד. ער איז אַרויס קאָנטראָלירן צו די רערן פלאַצן נישט פון דער פראָסט.

— ווען היט איר דאָ ? — האָט ער געפרעגט.

— מיין לעבן — האָב איך אים געענטפערט. איך האָב אים דערציילט די סיבות, פאַר וואָס איך קען נישט שלאָפן אין באַראַק מיט די דייטשן. ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך. איך האָב טאַקע אויפגעלעבט אין דער וואַרעמקייט, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך קען קומען צו אים זיך אָנוואַרעמען יעדע נאַכט פון 1 ביז 4 אַזייגער פאַרטאָג, ווען קיינער אויסער אים איז דאָרט נישטאָ.

די דאָזיקע באַגעגענישן האָבן זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין אַ פריינטשאַפט צווישן אונדז. ביז זיין אַרעסט איז ער געווען אַ לאַנגיאָריקער מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און הויכער מלוכה באַאַמטער. זיין חטא איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין 1939 יאָר, האָט ער זיך אויסגעדריקט קריטיש וועגן דעם היטלער־סטאַלין אָפּמאַך ביי פאַנאַנדערטיילן פּוילן. דערביי האָט ער דאָס געזאָגט נאָר אין קרייז פון זיינע קרובים. עס איז אַדורך אַזאַ בלוטיקע מלחמה און ער האָט שוין לאַנג געהאַט וועגן דעם פאַרגעסן. איז אָבער געשען אַ פאַל, אַז זיינער אַ שוואָגער, וועלכער האָט פאַרנומען אַ הויכן ווירטשאַפטלעכן אַמט האָט דעפּראודירט הונדערט טויזנט רובל מלוכהשע געלטער. מען האָט אים אַרעסטירט און עס האָט אים געדראָט אַ גרויסער אורטייל. מען האָט אים אָבער געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. דער באַדינג איז געווען צו ווערן אַ קאָנפידענט פון דער נ.ק.וו.ד. און קודם כל אָנווייזן אַ מענטש, וועלכען מען קען משפּטן אַלס שונא פון דער ראַנטמאַכט.

האָט זיך דער שוואָגער דערמאָנט אין יענער משפּחה מסיבה פון פאַר דער מלחמה און אָנגעשריבן אַ מסירה. די נ.ק.וו.ד. האָט געהאַלטן וואָרט. דעם שוואָגער

האָבן זיי באַפרייט און אים האָט מען געהאַלטן אויף דער אויספאָרשונג אַנדערט־האַלבן יאָר און נאָך דעם אים פאַרמשפּט אויף 10 יאָר לאַגער.

ער איז געווען אַן אַבסאָלווענט פון אַ ראַדיאָ־טעכניקום. ווען ער איז אָנגעקומען אויף דעם ווייסטן אינזל האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אַ ספּעציאַליסט פון רעמאָנטירן ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. די נאַטשאַלסטווע האָט זיך זייער געוויטיקט אין אַזאַ מענטש פאַר זייערע אייגענע פּריוואַטע באַדערפעניש. האָט מען אים באַשטימט אַלס אויפזעער איבער דער וועשעריי און באָד. פאַקטיש האָט ער זיך פאַרנומען מיט פאַריכטן די אַפּאַראַטן פון די אָפיצירן אין לאַגער.

פון דער באַקאַנטשאַפט מיט דעם אוקראַינער האָב איך געהאַט אַ טאָפּלטן נוצן. ער האָט זיך באַמיט אַזוי צו אַרבעטן, אַז שטענדיק האָט ער געהאַט ביי זיך אַ ראַדיאָ אַפּאַראַט, אַזוי, אַז אַ חוץ דעם וואָס איך האָב ביי אים געקענט זיך אויסבאַהאַלטן אין די נעכט אין וואַרעמען צימער, האָב איך נאָך אויך געקענט הערן ראַדיאָ אוידיציעס.

אין איינע פון די נעכט פון דעצעמבער 1952, ווען ער האָט אויסגעפּרוּווט אַן אַפּאַראַט, וועלכן ער האָט רעמאָנטירט פאַר אַ העכערן אָפיציר, האָט ער גראָד געכאַפּט די ראַדיאָ־סטאַציע פון מאָסקווע, ווען מען האָט איבערגעגעבן וועגן אַרעסט פון די יידישע דאָקטוירים. אין אַ לענגערע אוידיציעס איז איבערגעגעבן געוואָרן די "פאַרברעכנס פון די מערדער אין ווייסע כאַלאַטן", וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען די סאָוויעטישע אָנפירער.

איך בין געווען דערשיטערט און בין געקומען צום אויספיר, אַז דאָס פאַרשיקן מיך אויף דעם אינזל האָט אַ שייכות צו דער מעשה נורא. נאָך מער בין איך געווען איבערצייגט אין דעם, ווען איך האָב די ידיעה אַסאָציִרט מיט אַ באַגעגעניש וואָס איך האָב געהאַט מיט עטלעכע טעג פריער.

אין אַ געוויסן טאָג, אַרום 5 אַזייגער פאַרנאַכט, ווען איך בין געגאַנגען אָפּנעמען מיין פאַרציע ברויט, איז מיר אַנטקעגנגעקומען דער "אָפּער" פון מיין פריערדיקן לאַגער, ער האָט זיך כלומרשט געוווּנדערט, אַז איך געפין זיך דאָ און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער האָט ביז איצט נישט געוווּסט וועגן דעם. — פון וואַנען קומט איר דאָ אַהער ? — האָט ער געפרעגט.

מען האָט מיך געבראַכט מיט אַ שיף — האָב איך געענטפערט אין זעלבן טאָן.

ער האָט מיך גאָר גענומען באַדויערן און אויסגעדריקט די מיינונג, אַז איך פיל זי אַוודאי נישט גוט מיט די דייטשע מערדער. — אַ חוץ דעם — האָט ער געזאָגט — מוזט איר זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז איר זייט אויסגעשטעלט אויף אַ לעבנס געפאַר. די דאָזיקע מערדער קענען אייך הרגענען און קיינער וועט אפילו נישט וויסן ווען דאָס איז געשען. אויב איר ווילט — האָט ער ווייטער געזאָגט — קען איך רעדן מיטן קאָמענדאַנט פון לאַגער מיר זאָלן אַנשרייבן קיין מאָסקווע, אַז עס איז געשען אַ טעות מיטן שיקן אייך אויף דעם אינזל צוזאַמען מיט די דייטשן. פאַר וואָס דאַרפט איר באמת אַזויפיל ליידן ? . . .

איך האָב אים געדאַנקט און דערקלערט, אַז דאָס לעבן האָט מיך אויסגעלערנט נישט צו גלויבן אין חסד פון מענטש נאָר אין חסד פון אויבערשטן. און היות איך בין אַ גלויביקער, גלויב איך, אַז דער אויבערשטער וועט מיר העלפן, אַז איך זאָל באַפרייט ווערן אויך פון דעם לאַגער און אָנקומען דאָרט, ווו איך דאַרף זיין.

ער האָט אויף מיר געוואָרפן אַ בליק פול מיט שפּאָט און סאַרקאַזם און אויסגערופן:

— אַלע זענען ביי דער מיינונג, אַז איר זייט אַ קלוגער מענטש. אָבער איך זע דאָס נישט. איך האָב דעם איינדרוק, אַז איר האָט שוין בכלל פאַרלוירן דעם שכל. איר האָט זיך פּשוט פאַרלוירן אין די צרות. אָבער עס איז נאָך נישט צו שפּעט. איך פאָר באַלד אָפּ און איך קען דערלעדיקן, אַז נאָך היינט זאָל מען אייך צוריקשיקן אין פריערדיקן לאַגער.

איך האָב אים גאָר נישט געענטפערט און ער איז אַוועק. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז סיי די באַגעגעניש און שוין אַוודאי דער פאָרשלאָג פון "אָפּער" איז נישט קיין צופעליקע. יעדער ענקאַווודיסט האָט געהאַט זיינע מעטאָדן פון ברעכן מענטשן. דער דאָזיקער "אָפּער" האָט שטענדיק אָנגעהויבן מיט גוטע רייד און מיט צוזאָגן פאַרשידענע גליקן. בין איך טאַקע געווען איבערצייגט, אַז עס דערוואַרטן מיך עפּעס נייע צרות. איצט, ווען איך האָב געהערט וועגן אַרעסט פון די יידישע דאָקטאָאוירים אין מאָסקווע האָט ביי מיר אויפגעבליצט אַ געדאַנק. צי איז נישט די דאָזיקע "צופעליקע" באַגעגעניש פאַרבונדן מיט דער אַנטי־יידישער פּראָוואָקאַציע אין מאָסקווע? און איך האָב קיין טעות נישט געהאַט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז געקומען דער דניעוואַלני און געזאָגט, אַז איך דאַרף גלייך זיך מעלדן אין ביוראָ פון נאַריאַדטשיק. אין ביוראָ האָט געוואַרט אויף מיר אַ מענטש אין אַ מונדיר פון נ.ק.וו.ד. אין ראַנג פון מאַיאָר. גלייך פון ערשטן בליק איז נישט געווען שווער צו דערקענען, אַז ער איז אַ ייד. ער האָט געבעטן דעם נאַריאַדטשיק פאַרלאָזן דעם צימער און גלייך נאָך דעם איז ער צוגעטרעטן צום ענין.

ער האָט אָנגעהויבן ווי געוויינלעך מיט קאָנטראָלירן מיינע פּערסאָנאַליעס און וויזט אויס כדי צו געווינען מיין צוטרוי האָט ער מיך געפרעגט אויף יידיש:

— ווי אַזוי איז דאָס געשען, וואָס מען האָט אייך דאָ פאַרשיקט צוזאַמען מיט די מערדער פון אונדזער פאָלק? נאָך דעם איז ער איבערגעגאַנגען אויף רוסיש און געזאָגט: — עס איז דערגאַנגען צו אונדז קיין מאָסקווע, אַז איר געפינט זיך דאָ אין שרעקלעכע באַדינגונגען, אַז עס איז באַגאַנגען געוואָרן לגבי אייך אַ פאַרברעכן און איר זייט אויסגעשטעלט ממש אויף אַ טויט געפאַר. בין איך ספּעציעל געקומען פון מאָסקווע כדי אויספאָרשן דעם ענין און ווי ווייט מעגלעך אייך העלפן. איר דאַרפט מיר אָבער אַלץ דערציילן וואָס דאָ קומט פאָר.

ער האָט געוואַרט אויף מיין תשובה. איך האָב אָבער געשוויגן. דאַן האָט

ער ווידער איבערגעחזרט זײַן פֿראַגע און צוגעגעבן: — וואָס איר האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס איך האָב אײַך געזאָגט?

איך האָב גוט פֿאַרשטאַנען אײַערע פֿראַגן. — האָב איך געענטפֿערט. — נאָר איך בין בײַ דער מײנונג, אַז אויב עס אינטערעסירט אײַך באמת מײַן לאַגע, אויב איר זאָגט אַלײן, אַז אין מאָסקווע ווייסט מען, אַז ער דראָט מיר דאָ אַ לעבנס געפֿאַר און אַז עס איז לגבי מיר באַגאַנגען געוואָרן אַן עוולה, איז דאָך די לײַכסטע און ריכטיקסטע האַנדלונג געווען, אַרויסצוגעבן אַ באַפֿעל מען זאָל מיך צוריק שיקן אין דעם לאַגער פֿון וואַנען איך בין געקומען און באַשעפֿטיקן מיך אין בוכ־האַלטעריע, ווו איך האָב געאַרבעט אָן פֿאַרוואָרפֿן. איז צוליב וואָס האָט איר באַדאַרפֿן פֿטרען מלוכהשע געלטער אויף הוצאות און ספּעציעל קומען צו מיר.

— איך ווייס נישט פֿאַר וואָס איר גיט מיר אַזאַ שאַרפֿן ענטפֿער אין דער צײַט ווען איך וויל אײַך באמת העלפֿן. איר מעגט זײַן מיט מיר אויפֿריכטיק. איך וועל אײַך אויך אויפֿריכטיק זאָגן, אַז עס איז געשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע אַן אינפֿאָרמאַציע, אַז איר זײַט געווען אין לאַגער, וואָס איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן אויף אַ געוויסער צײַט דורך די דײַטשן און דערפֿאַר האָט מען אײַך דאָ געשיקט. דער ענין האָט אונדז אויסגעזען צו זײַן פֿאַרדעכטיקט און דערפֿאַר האָב איך, ווי נאָר איך בין געקומען קאָנטראָלירט אײַערע אַקטן און פֿעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז אַ ליגן. אָבער איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן, אַז פֿון אײַך איז אַגהעניק, אַז איך זאָל אײַך קענען העלפֿן און אַרויסראַטעווען פֿון דאַנען.

אַ ווײַלע האָט ער מיך באַטראַכט, ווי ער זאָל וועלן דערגיין צו מײַנע מחשבות און נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבן פֿון אַ גאַנץ אַנדערע טעמע. ער האָט מיך געפֿרעגט ווי איך פֿיל זיך מיטן געזונט, צו אויף דעם אינזל זענען פֿאַראַן נאָך ייִדן אויסער מיר, צו איך האָט אַ מעגלעכקייט צו הערן ראַדיאָ אָדער לייענען אַ מאָל אַ צײַטונג און צו איך אַדיענטיר זיך בכלל, וואָס עס קומט פֿאַר אין לאַנד און אין דער וועלט.

די דאָזיקע פּראָוואָצירנדיקע פֿראַגן האָבן נאָך מער באַפֿעסטיקט מײַנע ספֿקות וואָס שייך דער ערלעכקייט פֿון זײַנע כוונות. איך האָב אים געענטפֿערט, אַז אַלס מענטש וואָס אַרבעט אין דער צענטראַלע פֿון נ.ק.וו.ד. ווייסט ער געוויס, אַז דער אינזל איז פֿולשטענדיק איזאָלירט פֿון דער אויסערלעכער וועלט און, אַז איך פּערזענלעך האָב נישט געהערט קיין ראַדיאָ און נישט געזען קיין צײַטונג שוין במשך פֿון יאָרן. דעריבער ווייס איך טאַקע נישט וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט און איך וועל זײַן צופֿרידן אויב ער וועט מיר עפּעס זאָגן אויף דער טעמע.

ווי מיר וואָלטן גאָר נישט גערעדט ביז איצט האָט ער אָנגעהויבן פֿון אַ גאַנץ נײַעם ענין.

— איר האָט אפֿשר געהערט אַ מאָל וועגן שלמה מיכאָעלס? — האָט ער געפֿרעגט — דאָס איז געווען אַ גרויסער ייִדישער קינסטלער און בויער פֿון דער ייִדיש־סאָוויעטישער קולטור. ער איז געווען אַ גרויסער סאָוועטישער פּאַטריאָט מיט וועלכן אַפֿילו סטאַלין האָט זיך גערעכנט. אין דער צײַט פֿון דער מלחמה

איז ער געווען אין אַמעריקע אין שליחות פון ראַנטפּאַרבאַנד. ער האָט געזאַמלט ביי די דאָרטיקע יידן גרויסע סומעס געלט אויף יידישע צוועקן אין ראַנטפּאַרבאַנד, הויפּטזעכלעך אויף קינדער אַנשטאַלטן פאַר יידישע יתומים, וועמענס עלטערן זענעם געפאַלן אין קאַמף מיט די היטלעריסטישע מערדער. אין מאָסקווע — האָט ער ווייטער געזאָגט — ווערט איצט צוגעגרייט צום דרוק אַ גרויס בוך וועגן מיכאָעלסן. אויב איר האָט וועלכע עס איז זכרונות וועגן אים, וואָלט איר דאָס געקענט אָנשרייבן און איך וועל אייך העלפן מען זאָל דאָס איינשליסן אין דאָזיקן בוך. דאָס וואָלט אויך אפשר אייך געהאָלפן צום צווייַלן אייער באַפרייאונג.

איצט איז שוין פאַר מיר אַלץ געווען קלאָר. איך האָב זיך געטראַכט, וואָס פאַראַ נס וואָס איך האָב אין יענעם טאָג צופעליק געהערט די ראַדיאָ אוידיציע פון מאָסקווע. עס איז דאָרט צווישן אַנדערן דערמאָנט געוואָרן, אַז די פאַרשווערונג פון די יידישע דאָקטוירים איז געמאַכט געוואָרן נאָך מיט דער פאַרשטענדיקונג פון מיכאָעלסן, וועלכע איז צוזאַמען מיטן שרייבער איציק פעפער באַצייכנט געוואָרן אַלס אגענטן פון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש און אַז די דאָזיקע פאַרעטערישע טעטיקייט האָבן זיי געפירט אין פאַרשטענדיקונג מיטן "דזשאָינט". האָב איך באַשלאָסן ווייטער שפּילן די ראָל פון מאַכן זיך תמעוואַטע.

איר ווייסט דאָך, אַז איך געפון זיך שוין 17 יאָר אין לאַגער און בין פול־שטענדיק אָפּגעריסן פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט. איך ווייס אַפילו נישט, אַז בעת דער מלחמה איז געווען אַ דעלעגאַציע פון יידן אין אַמעריקע. דעם נאָמען מיכאָעלס האָב איך מיט יאָרן צוריק געהערט, ער איז געווען דער אָנפירער פון יידישן טעאַטער אין מאָסקווע. איך ווייס אַפילו נישט צו ער לעבט נאָך. אָבער איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ רעליגיעזער מענטש און אין טעאַטער בין איך קיינמאָל נישט געווען און איך האָב מיכאָעלסן אויף מיינע אויגן קיינמאָל נישט געזען. איז ווי קען איך שרייבן זכרונות וועגן אים ?

— אָבער וועגן אַ יידישע אָרגאַניזאַציע וואָס רופט זיך "דזשאָינט" האָט איר געוויס געהערט ? די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט זיינער צייט געגעבן גרויסע הילף אויך די סאָוויעטישע יידן, הויפּטזעכלעך פאַר אויפשטעלן יידישע קאָלכאָזן אין קרים. — דאָ האָט ער ווייזט אויס נישט אויסגעהאַלטן און עס האָט געגומען ביי אים די אויבערהאַנט דער נ.ק.וו.ד. — אויספאָרשער. — איך האָב דעם איינ־דרוק, אַז איר זייט נישט איינמאָל געווען אין מאָסקווע ביי די אָנפירער פון "דזשאָינט" ?

זאָגט מיר, איך בעט אייך וואָס איז דאָס פאַראַ נאָמען "דזשאָינט", דערביי האָב איך אַרויסגעזאָגט דעם ענגלישן נאָמען אין אַ ביז גאָר צעקאַליעטשער פאָרם, איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָס באַדייט און וואָס פאַראַ אָרגאַניזאַציע דאָס איז. און דער, עיקר, וואָס פאַראַ שייכות האָט דאָס אַלץ מיט מיר ?

דאָ האָט ער שוין נישט אויסגעהאַלטן און אויסגערופן : — איך זע, אַז עס איז באמת אַ שאָד מיין צייט און דאָס געלט וואָס איך האָב אויסגעגעבן אויף קומען אַ הער. איך וויל אָבער אייך וואָרענען, אַז די ראַנטמאַכט קען אַ מענטש

אויפהייבן ביז צום הימל און זי קען אויך אַ מענטש צעקוועטשן ווי אַ וואָרם. אין דער ערשטער ריי איז דאָס אָפּהענגיק פון מענטש גופא. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: איר וועט דאָ שטאַרבן אויף דעם אינזל און קיינער וועט אַפילו נישט וויסן ווו אייער געביין געפונט זיך. אָבער עס איז נאָך נישט צו שפּעט. — האָט ער אויסגעשריגן אַן אויפגערעגטער — איך לאָז אייך איבער מיין אַדרעס אין דער נ.ק.וו.ד. אין מאָסקווע. ווען איר וועט אָנשרייבן, און איר ווייסט וואָן מען דאַרף שרייבן... וועט מען אייך גלייך אַריבערפירן צוריק אין פריערדיקן לאַגער אויף דער פריערדיקער אַרבעט און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, מען זאָל אייך באַפרייען פון לאַגער בכלל.

דאָס מאָל האָב איך זיך געוואָנדן צו אים אין יידיש: — יונגערמאַן! שטאַרקערע פון אייך האָבן נישט באַוויזן מיך צו צעברעכן. — האָב איך אים געזאָגט. — אויב איר זייט אַמאָל געווען אַ ייד דאַרפט איר וויסן, אַז איך פאַרלאָז זיך נישט אויף אייך נאָר אויפן חסד פון אויבערשטן.

ער איז אַרויס פון צימער און גלייך נאָך דעם איז ער אוועק פון אינזל. איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפון, אַז זיינע דראונגען זענען נישט קיין פוסטע רייד אַז עס דערוואַרטן מיך נייע פּרוּוון און ביטערע צייטן. מיין איינציקער כוח איז געווען דער בטחון אין אויבערשטן, אַז סוף סוף וועט ער מיך מציל זיין פון די הענט פון די דאָזיקע מערדער און איך וועל זוכה זיין צוריק צו קומען אין מיין היים.

עס האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט. אַ קורצע צייט נאָך דעם באַזוך, אין מערץ 1953 איז אָנגעקומען צו אונדז אין לאַגער די גוטע בשורה, אַז דער "פירער פון פעלקער" סטאַלין ימ"ש איז געשטאָרבן. הגם מיר האָבן נישט דערוואַרט, אַז מיט זיין טויט וועט זיך אַ סך ענדערן האָט דאָס דאָך אַרויסגערופן אַ געוויסע טרייסט און האָפענונג. ס'איז געווען אַ שטיקל שמחה, וואָס מען האָט פּטור געוואָרן פון אַזאַ שרעקלעכן גזלן און עס האָט זיך געוועקט ביי אונדז די האָפענונג, אַז אפשר וועט דאָס דערנעטערן אונדזער באַפרייאונג.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען איך בין אין דער נאַכט אַריין צום בעדער זיך אָנוואַרעמען האָבן מיר געהערט די ראַדיאָ סטאַציע פון מאָסקווע. עס איז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג האָט דערקלערט אַן אמנע־סטיע. מיר זענען געווען גליקלעך און געטראַכט, אַז מיר זענען שוין פרייע מענטשן. אָבער מיט אַ טאָג שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט פּרטים פון דער אמנעסטיע איז געוואָרן פאַר אונדז קלאָר, אַז דאָס מיינט מען נישט אונדז, אַז באַפרייט וועלן ווערן נאָר געוויינלעכע פאַרברעכער, גנבים און מערדער. די וועלכע זענען געמשפּט געוואָרן פאַר פּאָליטישע חטאים וועלן ווייטער בלייבן אין די לאַגערן.

אָבער דאָך האָט מיך אויך דערוואַרט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג צום בעסערן. דינסטיק, ראָש חודש ניסן תשי"ג, דעם 17־טן מערץ 1953 יאָר איז געקומען צו מיר דער נאַטשאַדשיק און אָנגעזאָגט מיר אַ גוטע בשורה. ער האָט מיר געזאָגט

איך זאָל שנעל צונויפנעמען מיינע זאַכן, ווייל עס וואַרטן אויף מיר שוין די וועכטער, וועלכע וועלן מיך אָנפירן צוריק אין דעם לאַגער, פון וואַנען איך בין געקומען. זיי האָבן מיך אָוועקגעפירט צום ברעג און מיט דריי שעה שפּעטער בין איך שוין געווען ביים טויער פון דעם לאַגער, פון וואַנען מען האָט מיך אַרויס־געפירט מיט אַ האַלב יאָר צוריק.

די אָפיצירן פון דער וואַך האָבן מיך אויפגענומען ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, אַפילו מיט געוויסע דאזע פון גאַסטפריינטלעכקייט.

— דו ביסט באמת אַ מענטש וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַ זיידן העמדל — האָט ער אויסגערופן. — אויסהאַלטן אויפן אינזל אַ גאַנצן ווינטער אויף אַזעלכע שטאַרקע פרעסט, דאַרף מען טאַקע האָבן מזל. דערצו נאָך ביסטו גראַד גוט געקומען. נעכטן איז אָנגעקומען פאַר דיר אַ פּעקל פון דער פריי...

איך בין געווען איבעראַשט פון דער העפלעכקייט פון די וואַך־אָפיצירן. איך האָב זיי געדאַנקט פאַר די גוטע ווערטער און זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט געבעטן איך זאָל גלייך קומען צו אים.

דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט מיך אויפגענומען ביז גאָר פריינטלעך. ווי נאָר איך בין אַריין אין זיין צימער איז ער אויפגעשפּרינגען פון בענקל, ער איז אַנטקעגנגעגאַנגען און אויסגערופן: — איר זייט געקומען צו דער ריכטיקער צייט. און ווי ער וואָלט געוואָלט אויסמיידן צו רעדן וועגן מיינעליידן מיט דעם פאַרשיקן מיך אויפן אינזל האָט ער געזאָגט: — איר ווייסט אַוודאי נישט, אַז עס וואַרט אויף אייך אַ לייטיש שטיקל אַרבעט. שטעלט אייך פאָר, אַז מען האָט אונדז צוריקגעשיקט פון מאָסקווע דעם בילאַנס פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר און מען מוז דאָרט מאַכן אַ סך איבערבעסערונגען.

ער האָט אַ קוק געגעבן אויף מיר מיט אַן אויסדרוק פון באַדויערן און פריינטשאַפט און געזאָגט: — איך ווייס, אַז איר זענט אויסגעמאַטערט פון די צרות און איבערלעבונגען. נאָר לאָמיר בעסער איצט נישט רעדן דערפון. איך האָב וועגן דעם געטראַכט און איך האָב זיך דערעדט מיטן באַלעבאָס (נאַטשאַלניק פון לאַגער) מען זאָל אייך אויסשרייבן פּראָדוקטן וואָס זענען באַשטימט פאַר אַ קראַנ־קן כדי איר זאָלט קומען אַביסל צו זיך. ווינען וועט איר דערווייל אין אַרכיוו פון בוכהאַלטעריע כדי קיינער זאָל אייך נישט שטערן און איר וועט קענען אַליין קאָכן פאַר זיך. איך גלויב, אַז איר וועט זיך באַלד נעמען צו דער אַרבעט.

איך האָב אים געדאַנקט. ער האָט מיר געגעבן די שליסלען פון אַרכיוו און איך בין אַוועק אויף דער פּאָסט פון לאַגער אָפּנעמען מיין פּעקל. ווי איך האָב זיך משער געווען זענען דאָס געווען מצות. איך האָב אָפּגענומען דאָס פּעקל און פאַר־שלאָסן די מצות אין דער אייזערנער שאַנק פון אַרכיוו. איך בין געווען גליקלעך וואָס איך בין שוין פאַרזאָרגט מיט מצות אויף פּסח.

במשך פון דער וואָך האָב איך געאַרבעט זייער שווער פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך האָב געמוזט איבערשרייבן כמעט דעם גאַנצן בילאַנס. צום סוף האָב איך אים איבערגעגעבן דעם הויפּט־בוכהאַלטער צו דער באַשטימטער

צייט. ער איז גלייך אַוועק צום קאָמענדאַנט פון לאַגער כדי דאָס אונטערשרייבן און אָפּשיקן צוריק קיין מאָסקווע.

מיט אַ צוויי שעה שפּעטער איז געקומען אַ סאָלדאַט און געזאָגט, אַז דער קאָמענדאַנט רופט מיך צו זיך. ער האָט מיך אויפגענומען אַפילו העפלעך און גלייך געבעטן איך זאָל אים אויפקלערן די באַזונדערע פּאָזיציעס פון בילאַנס, און דער עיקר, די סיבות פונעם דעפיציט וואָס דער בילאַנס ווייזט אַרויס.

איך האָב זיך נישט געקענט באַהערשן און באַשלאָסן נקמה צו נעמען פאַר מיינע ליידן. — הער קאָמענדאַנט! — האָב איך געזאָגט — איך קען נישט זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר מעשים וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין מיין אָפּוועזנהייט. כדי קענען אייך אַלץ אויפקלערן, דאַרף איך מאַכן אַלץ פונדאַסניי. אויף דעם איז שוין איצט נישטאָ קיין צייט. דעריבער וועט איר מוזן אונטערשרייבן דעם בילאַנס, אַזוי ווי ער איז. דאָס איז דער פּרייז, וואָס איר צאָלט פאַר דער עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן לגבי מיר. — האָב איך צוגעגעבן. — פאַרוואָס איז מיר געקומען אַזאַ שטראָף, צו זיין פאַרשיקט מיט די דייטשע רוצחים, מיט די וואָס האָבן אויסגעמאָרדעט מיין פאָלק.

איך האָב באַמערקט, ווי דער הויפּט־בוכהאַלטער, וועלכער איז געווען אַן עדות פון דעם געשפּרעך, איז געוואָרן רויט פון שרעק. איך האָב זיך אַפילו אַליין אַביסל דערשראָקן פאַר מיינע אייגענע רייד, און איך בין געווען זיכער, אַז עס וועט דערגיין צו אַ סקאַנדאַל. אָבער צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג האָט דער קאָמענדאַנט זיך גאָר גענומען פאַרענטפערן.

— דאָס איז געווען אַ טעות. — האָט ער געזאָגט — דערביי איז דאָס נישט געווען מיין שולד. דער באַפעל אייך צו שיקן אויף דעם אינזל איז געקומען דירעקט פון מאָסקווע.

איך האָב זיך ווייטער נישט געקענט באַהערשן און אויסגערופן: — דאָס איז נישט אמת. איך ווייס גענוי, אַז אין דער נאַכט ווען מען האָט מיך אַוועקגעפירט אויף דעם אינזל זייט איר געווען דער הויפּט־אָנפירער פון לאַגער און איר האָט אַרויסגעגעבן דעם דאָזיקן באַפעל. אָבער נישט געקוקט דערויף, איז ווי נאָר איך בין צוריקגעקומען האָב איך געאַרבעט בייטאָג און נאַכט כדי פאַריכטן דאָס, וואָס האָט זיך נאָך געלאָזט פאַריכטן. דעריבער דאַרפט איר נישט האָבן צו מיר קיין טענות, נאָר זאָגן מיר אַ דאַנק.

אַזאַ חוצפה האָט ער ווייזט אויס שוין נישט געקענט דולדן. ער האָט אַרויסגערופן דעם סאָלדאַט און געהייסן מיך אָפּפירן צוריק אין לאַגער, נישט ענטפערנדיק אַפילו אויף מיין געזעגענונג.

נאָך אַ געוויסע צייט איז געקומען דער הויפּט־בוכהאַלטער. ווי נאָר ער איז אַריין אין צימער האָט ער אויסגערופן: — איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז איר זייט אַזאַ נישט פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, קודם כל לגבי זיך אַליין. איר פאַרגעסט פּשוט אין וואָס פאַראַ מצב איר געפינט זיך, אַז סוף כל סוף זייט איר אַן אַרעסטאַנט. איך פאַרשטיי, אַז איר האָט אַ סך געליטן און עס טוט אייך וויי.

אָבער מיט אייער האַנדלונג קאָמפּליצירט איר נאָך מער אייער לאַגע. איר שטעלט זיך פאַר וואָס פאַרא צאָרן איר האָט געשאַפן קעגן זיךביים קאָמענדאַנט ? ער איז גרייט אייך אָפּצושיקן אין אַ צווייטן לאַגער, ווו איר וועט ווידער האָבן נייע צרות. איך האָב געפּרוווט אים באַרואיקן און איך האָב אייך פאַרטיידיקט, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אייער פאַרביטערונג. אָבער איך בין נישט זיכער צו דאָס איז מיר געלונגען.

איך האָב אים האַרציק געדאַנקט און דערקלערט, אַז איך ווייס וועגן דעם, אַז ער איז מיין איינציקער פריינד אין דעם לאַגער. — קען זיין — האָב איך געזאָגט — אַז איך האָב אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. אָבער איך האָב אים געמוזט זאָגן דעם אמת. זאָל ער ויסן, אַז איך קען זיך אויס אויף זיין צווייפּניס־דיקער שפּיל. איך האָב אים געמוזט איבערצייגן, אַז איך האַנדל ערלעך, דאַן וועט ער זיך באַציען צו מיר מיט מער דרך־ארץ.

דער בוכהאַלטער האָט מיר נאָך אַמאָל געדאַנקט פאַר איבעראַרבעטן דעם בילאַנס און געזאָגט : — איצט וואַרט אויף אייך אַ נייע אַרבעט. אין צוזאַמענ־האַנג מיט דער אַמנעסטיע ווערן באַפרייט אַ גרויסע צאָל אַרעסטאַנטן פון צווישן די גנבים און מערדער. עס איז דאָ אַ באַפעל, אַז אַלע באַפרייטע דאַרפן באַקומען נייע בגדים. די דאָזיקע פאַרברעכער נוצן דאָס אויס און אייניקע פון זיי איז שוין געלונגען צו באַקומען צוויי און דריי מאָל נייע קאָסטיומען. דאָס קען אונדז מאַכן אַ דעפיציט, פון וועלכן מיר וועלן שפּעטער נישט אַרויס. האָב איך צו אייך אַ בקשה. איר זאָלט איבערנעמען די קאָנטראָל איבערן אויסשרייבן די נייע זאַכן. דאָס וועט דויערן עטלעכע וואָכן. אָבער איך האָף, אַז איר וועט זיך דערמיט אַן עצה געבן און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג.

איך האָב אים געענטפערט, אַז היות ער האָט צו מיר אַזאַ גוטע באַציאונג, קען איך אים נישט אָפּזאָגן. אָבער ער דאַרף געדענקן, אַז אין דער קומענדיקער וואָך, דינסטיק און מיטוואָך פאַלן אויס די ערשטע טעג פּסח און מאָנטיק און דינסטיק פון דער צווייטער וואָך די צווייטע טעג פּסח. און ווי ער ווייסט, וועל איך אין יום־טוב נישט אַרבעטן, וועט ער אין די טעג מוזן זיין אין ביוראָ און אַליין אויספירן די דאָזיקע אַרבעט.

די נייע אויפגאַבן האָבן מיר פאַרשאַפט אַ סך אַרבעט. עס איז נישט געווען לייכט גאַנצע טעג צו האָבן צו טאָן מיט הונדערטער פאַרברעכער, בפרט נאָך זענען זיי געוואָרן זייער חוצפּהדיק אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער באַפרייאונג. אין אָוונט איז אַריין צו מיר אין צימער אַן אָפיציר. ער האָט געהיימניספול פאַרמאַכט די טיר און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער וויל מיר פאַרטרויען אַ גרויסן סוד.

— איך האָב צו אייך אַ בקשה. — האָט ער געזאָגט — איך וויל איר זאָלט מיר אויסשרייבן אַ קאָמפּלעט מלבושים פאַר אַרעסטאַנטן. איר וווּנדערט זיך גע־וויס, צו וואָס איך דאַרף דאָס ? — האָט ער צוגעגעבן — איך וועל אייך זאָגן דעם אמת. די באַפרייטע אַרעסטאַנטן לאָזן זיך ווילגיין. זיי באַפאַלן אונדז אָפי־צירן אויפן וועג פון לאַגער. עס האָט שוין געטראָפן פאַלן, ווען זיי האָבן אויס־

געטאָן נאַקעט, באַרויבט און נאָך געשלאָגן אויך. מיר האָבן אַ באַפעל נישט צו באַנוצן זיך מיט געווער קעגן זיי כדי נישט אַרויסצורופן גרעסערע אינצידענטן. איז דער איינציקער אויסוועג, אויפן וואַך־טויער זיך איבערצוטאָן און אַרויסגיין נישט ווי אַן אָפיציר נאָר ווי אַן אַרעסטאַנט.

איך האָב גלייך אויסגעפירט זיין בקשה, דערביי האָב איך אים דערציילט דעם וויץ אַז די באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד ווערט געטיילט אויף דריי קאַטעגאָריעס: די וואָס זענען געזעסן, די וואָס זיצן און אַזעלכע וואָס וועלן זיצן אין די לאַגערן. איז אפשר דאַרף אייך דער קאָסטיום דינען כדי זיך צוגעוווינען צו דער צוקונפט?...

ער האָט זיך צעלאַכט דערקלערנדיק, אַז ער ווייסט אַז איך האָב אים דאָס נישט געזאָגט פון בייזוויליקייט, נאָר אַלס וויץ. ער האָט מיר געדאַנקט פאַר דער "מתנה" און איז אַוועק. אויפן צווייטן טאָג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז נישט געווען דער איינציקער קליענט. דעם זעלבן טאָג האָב איך אויסגעשריבן 6 קאָנפלעטן אַרעסטאַנטסקע קליידונג פאַר אָפיצירן פון לאַגער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאַכן זיי נישט אויף אייגענער האַנט, נאָר דאָס איז אַ ווונק פון אויבן...

צומאָרגנס, ווי נאָר איך בין געקומען צו דער אַרבעט איז אַריין דער הויפּט־בוכהאַלטער אין באַגלייטונג מיט אַן אָפיציר פון נ.ק.וו.ד. אין ראַנג פון מאַיאָר. צו מיין גרויס פאַרוווּנדערונג האָט דער אָפיציר אויסגעשטרעקט די האַנט צו באַגריסן זיך מיט מיר. איך האָב אים אויך געגעבן די האַנט, כאָטש לויטן רעגולאַמין איז נישט געווען דערלויבט אַן אַרעסטאַנט צו באַגריסן זיך ווי אַ גלייכער מיט אַן אָפיציר.

דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט מיר געזאָגט, אַז דער דאָזיקער אָפיציר איז אַ נייער מענטש וועלכער איז געשיקט געוואָרן פון מאָסקווע איבערצונעמען דעם אַמט פונעם לייטער פון "טשיס" און ער בעט מיך, איך זאָל אים באַקענען מיט די פּראָבלעמען פון דער אָפּטיילונג.

"טשיס" איז געווען די ווירטשאַפטלעכע אָפּטיילונג וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט באַזאָרגן די אַרעסטאַנטן מיט עסן, אָנטאָן און מיט דער ווירטשאַפט אין לאַגער. דער דאָזיקער אָפיציר איז נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן פון מיליטער און האָט נישט געקענט די באַדינגונגען אין די לאַגערן.

דער גאַסט האָט געמאַכט אויף מיר אַ זער גוטן איינדרוק. איך האָב אַוועקגעלייגט מיין אַרבעט און בין אַוועק מיט אים באַזוכן די מאַגאַזינען. איך האָב אים באַקענט מיט די נאָרמעס פון עסן און אָנטאָן, וואָס עס קומט די באַזונדערע אַרעסטאַנטן, אין הסכם מיט די אויסגעפירטע אַרבעטס־נאָרמעס. נאָך דעם זענען מיר אַוועק אין ביוראָ ווו איך האָב אים באַקענט מיט די אינסטרוקציעס פון מיניסטעריום, איך האָב אים געגעבן אייניקע שריפטלעכע אָנווייזונגען, און אָפילו באַקענט מיט די "לינקע שפּיצלעך" אויף וועלכע ער וועט זיך זיכער אָנטרעפן, כדי מען זאָל אים נישט קענען אָפּנאַרן.

ער איז געווען זייער צופרידן און ביים געזעגענען זיך געזאָגט, אַז ער ווינטש מיר איך זאָל וואָס שנעלער באַפרייט ווערן. נאָר אויב עס וועט אייך אויס־קומען נאָך צו זיצן און איר וועט אָנקומען אין לאַגער, ווו איך וועל אַרבעטן, וועל איך אייך באַהאַנדלען ווי אַן אייגענעם פאָטער.

איך האָב אים האַרציק געדאַנקט און געזאָגט, אַז איך גלויב אין אויבערשטן וועלכער וועט זיך אויף מיר מרחם זיין און מען וועט מיך באַפרייען פון לאַגער. און טאַקע אויף דער פריי וועט ער זיין ביי מיר אַן אָנגעלייגטער גאַסט. — אָבער היות איר האָט אַרויסגעוויזן צו מיר אַ מענטשלעכע באַציאונג, אויף וועלכע איך האָב זיך זעלטן אָנגעטראָפן מצד אָפּיצירן פון נ.ק.וו.ד. במשך פון 18 יאָר וואָס איך געפון זיך אין די לאַגערן, דערלויב איך זיך צו זיין מיט אייך אַ ביסל אויפ־ריכטיק. איך וויל אייך ווינטשן, אַז אין אייער נייער אַרבעט זאָלט איר נישט פאַרלירן אייער מענטשלעכע באַציאונג צו אַרעסטאַנטן. איך וויל, אַז איר זאָלט געדענקן, אַז עס זענען פאַראַן אַרעסטאַנטן, וואָס שטייען מאָראַליש אַ סך העכער ווי די באַלעבאַטים פון די לאַגערן. מענטשן וועלכע מען דאַרף אַפילו אָפּגעבן כבוד און פאַרגרינגערן די שווערע ליידן, וואָס זענען אויף זיי נגזר געוואָרן.

ער האָט מיך אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט. צום סוף האָט ער מיר דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט: — איך דאַנק אייך זייער פאַר די אויפריכטיקע און קלוגע ווערטער. איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וועל זיי נישט פאַרגעסן און אויף וויפיל דאָס וועט זיין אָפּהענגיק אין מיר, וועל איך זיך באַמיען אַזוי צו האַנדלען. ער איז אַוועק און איך האָב נישט געוווסט, אַז דער גורל וועט מיך זייער שנעל ווידער צונויפפירן מיט דעם מענטש.

## צום צווייטן מאָל אין צענטראַלן שפּיטאָל

דער פסח איז דאָס מאָל געווען פאַר מיר אַן אומעטיקער. איך האָב גע־פּראַוועט דעם סדר איינזאַם און אַליין. אַלעקסאַנדער איז שוין לאַנג געווען אויף דער פריי. דער ייד, וועלכן איך האָב געהאָלפן איינאָרדענען אין דער פאַבריק, האָט זיך נאָך נישט געהאַט באַפרייט פונעם פחד פון דער אויספאָרשונג און מורא געהאַט צו קומען צו מיר.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער זומער. עס איז שוין געווען אַ וואָך נאָך שבועות, ווען דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט מיך אַרויסגערופן צו זיך און אָנגע־זאָגט אַ נייע בשורה... ער האָט מיר געזאָגט, אַז אין צוויי וואָכן אַרום גייט ער אַוועק אויף אַ נייעם אַמט אין דער הויפּט אָנפירונג פון די לאַגערן. אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער געוועזענער קאָנטראָלער, אַ קאָמוניסט און דערצו נאָך אַ שלעכטער מענטש.

איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז ער וועט מיר אָנטאָן צרות אין

צוזאַמענהאַנג מיט מיין נישט אַרבעטן אין שבת. איך בין געקומען צום אויספיר, אַז דער בעסטער אויסוועג איז אַריינצובאַקומען זיך אין צענטראַלן שפּיטאָל אויף היילונג און מיט דער צייט וועט מיר אפשר געלונגען דאָרט בלייבן אַרבעטן. איך בין אַוועק צו דער דאָקטערין. צום באַדויערן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן אויף אַן אומבאַשטימטע צייט. מיין פּלאַן איז דערווייל געווען אומ־מעגלעך צו רעאַליזירן.

עטלעכע וואָכן שפּעטער, דעם 15־טן יולי איז מיין ביז איצטיקער באַלע־באָס געקומען מיטן נייעם הויפּט־בוכהאַלטער. ער האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר מיר און דערקלערט, אַז פון היינט נעמט ער איבער זיין אַמט און איך דאַרף אויספירן זיינע פאַראָרדענונגען.

איך האָב געענטפערט, אַז איך בין נישט מער ווי אַן אַרעסטאַנט און פיר אויס די באַפעלן, אויב דאָס איז נאָר נישט אין סתירה צו מיין רעליגיעזע איבער־צייגונג.

מיינע לעצטע ווערטער זענען נישט געפעלן געוואָרן דעם נייעם באַלעבאָס. ער האָט אָבער נישט רעאַגירט, ווי ער וואָלט דאָס נישט געהערט און זיי זענען אַוועק.

אויף די רעזולטאַטן האָב איך לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. צומאָרגנס איז געקומען דער נייער בוכהאַלטער און מיר געזאָגט, היות איך אַרבעט נישט שבת, קען איך נישט זיין זיין פאַרטרעטער, ווייל מען דאַרף אונטערשרייבן דאָקומענטן און ער האָט נישט בדעה צו קומען מיך פאַרבייטן אין די טעג, ווי דאָס האָט געטאָן מיין פריערדיקער שעף, ווייל סוף כל סוף — האָט ער געזאָגט — זענט איר מיין פאַרטרעטער און נישט פאַרקערט. ער האָט באַשטימט אויף מיין אָרט אַ צווייטן בוכהאַלטער, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט אויסשרייבן די מלבושים פאַר די אַרעסטאַנטן און איך האָב איבערגענומען די אַרבעט פון יענעם.

וואָס אַן אמת בין איך געווען צופרידן פון דער ענדערונג. ווייניקער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט, ווייניקער דאגות. כאָטש די דאָזיקע אַרבעט האָט פאַרשאַפט קלאָפּאָטן, אָפט מאָל האָט מען באַדאַרפן זיך דינגען מיט די אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען גרייט געווען אַפילו צו פראַפּאַנירן כאַבאַר פאַר טוישן זייער אַן אָפּגעריסן בגד אויף אַ נייעם. אָבער נישט געקוקט דערויף איז די אַרבעט געווען בעסער פאַר מיר דער עיקר דערפאַר, וואָס דער נייער שעף האָט זיך נישט געטשעפּעט צו מיר צוליב נישט קומען צו דער אַרבעט אין שבת.

דערווייל האָב איך געהאַט פאַרהעלטנישמעסיק מנוחה. עס איז אַדורך דער זומער. עס האָבן זיך דערנעענטערט די ימים נוראים. ראש השנה און יום־כיפור האָב איך געדאַוונט אין אַרכיוו. נישט געקוקט דערויף, וואָס דער ייד, וועלכער האָט געאַרבעט אין פאַבריק האָט מורא געהאַט צו האָבן מיט מיר וועלכע עס איז מגע־ומשא, בין איך אַ טאָג פאַר ערב יום־כיפור אַוועק צו אים אין באַראַק און אָפּעלירט צו אים, ער זאָל מיר צוזאָגן, אַז צומאָרגנס אין אָוונט וועט ער פאַרפאַסטן און אויב ער וויל, קען ער קומען צו מיר מוצאי יום־כיפור אָפּפאַסטן צוזאַמען.

ער האָט מיר געגעבן זיין וואָרט, אַז ער וועט פאַסטן, כאָטש קומען צו מיר גראָד אין דעם טאָג האָט ער מורא. דאַקעגן וועט ער קומען פאַרברענגען מיט מיר צוזאַמען אין דער נאַכט פון שמחת תורה, וואָס איז אויסגעפאַלן אין אַ פרייטיק.

ער האָט געהאַלטן וואָרט. מיר האָבן צוזאַמען פאַרברענגט די נאַכט פון שמחת תורה. ביי דער געלעגענהייט האָב איך אים דערציילט וועגן דעם נייעם בוכהאַלטער, וואָס איז אַ רשע און שונאי ישראל. איך בין געווען איבערצייגט, אַז אויב ער וועט זיך דערוויסן, אַז דער דאָזיקער ייד, וועלכער איז נאָך דערצו געמשפט געוואָרן פאַר וועלן פאָרן קיין ישראל, איז באַשעפטיקט ביי אַ לייכטער אַרבעט, וועט ער אים גלייך באַזייטיקן.

איך האָב אים געגעבן אַן עצה, אַז אויב דאָס וועט געשען, זאָל ער בעטן די דאָקטוירין, אַז זי זאָל אים אַריינגעמען אין שפּיטאָל אַלס קראַנקן און פון דאָרט זאָל ער זיך באַמיען, מען זאָל אים שיקן אין צענטראַלן שפּיטאָל. איך גלויב, אַז בקרוב וועט מיר אויך געלונגען אַריינבאַקומען זיך אין צענטראַלן שפּיטאָל און דאָרט פאַרבלייבן. דאַן וועל איך אים קענען אפשר העלפן, אַז ער זאָל אויך דאָרט בלייבן. ער האָט מיר געדאַנקט און מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט.

זונטיק, 25 טעג אין תשרי תשי"ד, דעם 4־טן אָקטאָבער 1953 יאָר איז געקומען צו מיר אַ סאָלדאַט און געזאָגט, אַז דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט באַפוילן מיך פירן צו דער אַרבעט אין דער צענטראַלער בוכהאַלטעריע, וואָס האָט זיך געפונען אויסערן טויער פון לאַגער. איך בין אַוועק און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך וועל דאָרט אַרבעטן אַ לענגערע צייט ביים צונויפשטעלן דעם בילאַנס.

דאָנערשטיק, דעם 8־טן אָקטאָבער האָט מיך דער סאָלדאַט געבראַכט צו פירן צו דער אַרבעט, ווי יעדן טאָג 7 אַזייגער פרי. קיינער איז נאָך דאַן אין ביוראָ נישט געווען ווייל די פרייע אַרבעטער פון דער בוכהאַלטעריע און אויך די אַרעס־טאַנטן וועלכע האָבן געהאַט דערלויבענישן פריי זיך צו באַוועגן אויסער דעם טויער אָן אַ וואַך, זענען געקומען צו דער אַרבעט ערשט 8 אַזייגער. פּלוצים איז אַריינגעקומען אַ מאַיאָר, וועלכער איז געווען דער קאָמענדאַנט פון דער לאַגער־וואַך און באַפוילן, איך זאָל נעמען אַ בליי און פּאַפּיר און גיין מיט אים אויספירן אַ דרינגענדע אַרבעט.

דער סאָלדאַט וואָס האָט מיך געהיטן ביי דער טיר האָט נישט רעאַגירט, זעענדיק, אַז איך גיי אין דער געזעלשאַפט פון אַן אָפיציר אין אַזאַ הויכן ראַנג. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין זיין ביורא, וואָס האָט זיך געפונען אין דער קאַ־זאַרמע פון די סאָלדאַטן.

— איר וועט האָבן אַ לייטיש שטיקל אַרבעט, פון וועלכער איר וועט זיכער זיין צופרידן — האָט ער געזאָגט. איך האָב גאָר נישט געענטפערט, טראַכטנדיק, פון וואָס קען איך שוין דאָ זיין צופרידן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אין אַ געוויסער מאָס איז ער געווען גערעכט.

דער מאַיאָר האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט מיר צוזאַמען ביים טיש. ער האָט

מיר דערלאַנגט פּאַפּיר מיט אַ קאָפּיע און געהייסן אָנשרייבן אַן אַקט פון ליקווי־דירן די בילדער פון בעריאַ...

אין ערשטן מאָמענט בין איך געבליבן אַ געפּלעפּטער. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך האָב פאַרהערט זיינע ווערטער. בעריע איז געווען דער מיניסטער פון מ.וו.ד. אַלע צימערן אין די אַמטן פון די לאַגערן זענען געווען באַצירט מיט זיינע בילדער, וועלכע זענען שטענדיק געהאַנגען באַנאַנד מיט די בילדער פון סטאַלין. איצט הייסט ער מיך מאַכן אַן אַקט פון ליקווידירן די בילדער פון בעריע?... אָבער דער מאיאָר האָט דאָס נאָך אַמאָל איבערחזרט, צוגעבנ־דיק — איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז דאָס וועט זיין אַן אַרבעט פון וועלכער איר וועט האָבן אַ הנאה...

מיר האָבן אָנגעהויבן פון זיין קאַבינעט. די צוויי סאָלדאַטן, וועלכע ער האָט גערופן צו דער אַרבעט זענען געווען נאָך מער פון מיר פאַרווונדערט, ווען ער האָט זיי געהייסן אַראָפּנעמען פון דער וואַנט דאָס גרויסע בילד פון זייער „מיניסטער" אַרויסנעמען עס פון דער ראַם און נאָך דעם, ווי איך האָב פעסט־געשטעלט און פאַרשריבן דעם פּרייז, האָט ער געהייסן דאָס בילד צערייסן און וואַרפן אויף דער ערד. נאָך דעם זענען זיי אַוועק אין די איבעריקע צימערן און געבראַכט פון דאָרט עטלעכע צענדליק בילדער, וועלכע מען האָט אַראָפּגעשריבן פון אינווענטאַר. נאָך דעם האָבן דער מאיאָר, איך און די צוויי סאָלדאַטן אונטער־געשריבן דעם אַקט אַלס עדות, אַז די בילדער זענען פאַרברענט געוואָרן און זיי האָבן מיך צוריקגעפירט אין דער בוכהאַלטעריע.

די דאָזיקע אַרבעט האָט געדויערט בערך צוויי שעה. ווען איך בין צוריק־געקומען אין דער הויפּט־בוכהאַלטער אַרויס צו מיר מיט אַ טענה, הלמאי איך בין אַוועק פון דער אַרבעט אָן זיין וויסן. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס האָט מיך דער מאיאָר גענומען מיט זיך און דעריבער קען ער נישט האָבן צו מיר קיין טענות, האָט ער אויסגערופן אין כעס:

— איר זייט אונטערגעאָרדנט מיר און אויב דער מאיאָר דאַרף אייך האָבן, דאַרף זיך ווענדן צו מיר און נישט דירעקט צו אייך. און איידער איך האָב אים באַוויזן צו ענטפערן, האָט ער צוגעגעבן: וואָס האָט איר דאָס געטאָן, וואָס איז געווען אַזוי דרינגענד?

— איך האָב דעם איינדרוק, אַז דאָס זעלבע וועלן מיר באַלד מוזן מאַכן אויך דאָ. איך האָב אָנגעשריבן אַן אַקט פון ליקווידירן אַלע בילדער פונעם חבר מיניסטער בעריע... דאָס וואָרט „חבר מיניסטער" האָב איך ספּעציעל אונטער־געשטראָכן.

ער איז געווען אַוודאי איבערצייגט, אַז איך בין חסר דעה. אַ ווייַלע איז ער געבליבן שווייגנדיק, נישט וויסנדיק וואָרשיינלעך ווי אַזוי צו רעאַגירן. אין דעם מאָמענט איז גראָד אַריין אין צימער דער מאיאָר און דערלאַנגט אים דעם אַקט, וועלכן מיר האָבן נאָר וואָס געמאַכט.

ווען ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן אַקט איז ער געוואָרן אַזוי צעמישט,

אז ער האָט ווייזט אויס פאַרגעסן, אַז איך, אַן אַרעסטאַנט געפֿון זיך אין צימער און בין אַן עדות פון זייער געשפּרעך. דער מאיאָר האָט אים געזאָגט:

— היינט 5 פאַרטאָג איז געקומען פון מאָסקווע אַ ראַדיאָ טעלעגראַמע, אַז בעריע איז אַרעסטירט געוואָרן אַלס שונא פון פאָלק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען אַ פאַמאַסקירטער אַגענט פון אימפּעריאַליזם. דערביי איז געווען אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע זיינע בילדער זאָלן וואָס שנעלער באַזייטיקט ווערן פון אונדזערע אַנשטאַלטן און אַראָפּגעשריבן ווערן פון אינוועטנטאַר.

ערשט ווען דער מאיאָר איז אַוועק האָט זיך דער בוכהאַלטער געכאַפּט, אַז איך בין געווען אַן עדות פון זייער געשפּרעך. עס האָט אים ווייזט אויס פאַרדראָסן, וואָס איך אַן אַרעסטאַנט, האָב פריער געוווּסט וועגן דער מעשה, און ער, אַ מיט־גליד אין דער פּאַרטיי, דער הויפּט־בוכהאַלטער פון לאַגער איז נישט אינפאָרמירט געוואָרן צו דער צייט פאַר דער דאָזיקער קאָמפּראָמיטאַציע האָט ער אויסגעלאָזט דעם כעס צו מיר.

— איך וועל שוין אַליין מאַכן דעם בילאַנס — האָט ער אויסגערופן — איר וועט צוריקגיין אויף אייער פריערדיקן פּלאַץ. עס וואַרטן דאָרט מענטשן, וועלכע מען דאַרף אויסשרייבן קליידער. ער האָט אַרויסגערופן דעם סאָלדאַט און געהייסן מיך אָפּפירן צוריק אין לאַגער.

דאָס מאָל בין איך געגאַנגען אין לאַגער אַריין מיט גרויס חשק. עס איז מיר געווען פריילעך אויפן האַרצן וואָס נאָך דעם הויפּט מערדער סטאַלין, זענען מיר אויך פּטור געוואָרן פונעם גרויסן גזלן בעריע. צווייטנס האָב איך זיך גע־פרייט, וואָס איך בין פּטור געוואָרן פון דעם שונאי ישראל, דעם בוכהאַלטער און איך וועל נישט זיין געצוווּנגען צו זיין אַ גאַנצן טאָג אונטער זיין דירעקטער אויפזיכט.

דעם ערשטן נאָוועמבער האָט מען מיר געבראַכט אַ באַפעל, אַז דעם 8־טן נאָוועמבער דאַרף געמאַכט ווערן אַן אינוועטנטאַריזאַציע פון דער קליידונג פון אַרעסטאַנטן און, אַז איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער אינוועטנטאַריזאַציע. מיין אויפגאַבע איז געווען צו אָרגאַניזירן אַ גרע־סערע גרופּע בוכהאַלטערן, וועלכע האָבן דורכגעפירט אַ גענויע קאָנטראָל אין די מאַגאַזינען, פאַרשריבן וויפיל עס געפונט זיך דאָרט קליידונג, ווי אויך פאַרשרייבן גענוי די צאָל און דעם צושטאַנד פון די קליידער וואָס געפונען זיך ביי יעדן אַרעסטאַנט. אויף אויספירן די דאָזיקע אַרבעט איז באַשטימט געוואָרן דריי וואָכן און צום באַשטימטן טערמין, דעם 1־טן דעצעמבער 1953 יאָר האָב איך איבער־געגעבן דעם הויפּט־בוכהאַלטער די גאַנצע דאָקומענטאַציע פון דער אינוועטנטאַ־ריזאַציע.

מיט עטלעכע שעה שפּעטער איז געקומען אַ סאָלדאַט און מיך געפירט צו קאָמענדאַנט פון לאַגער. ער האָט מיך אויפגענומען פריינטלעך און אויסגעדריקט מיר זיין אָנערקענונג פאַר מיין אַרבעט ביי דער אינוועטנטאַריזאַציע, וועלכע איך האָב אויסגעפירט גוט און צו דער צייט. ער האָט מיך געבעטן זיצן און געזאָגט:

— איך האָב צו אייך אַן ענין. זיינער צייט האָט מען געמוזט אַרויסגעבן איינציקע אָפּיצירן 4 פּאָר וואַלענקעס און 4 קאָמפּלעקטן וואַרעמע מלבושים מיט פוטער. אין צווישנצייט זענען די אָפּיצירן געשיקט געוואָרן אין אַנדערע לאַגערן, און היות זיי זענען געפאָרן אין ווינטער, האָבן זיי נישט געקענט אומקערן די מלבושים, וועלכע זענען נאָך ביז איצט פאַרשריבן אויפן חשבון פון מאַגאַזינער, אגב אַן אַרעסטאַנט. דעריבער איז נויטיק, אַז אין דער איצטיקער אינווענטאַרי־זאַציע זאָלט איר ביי דער געלעגנהייט אַראָפּשרייבן די דאָזיקע 4 קאָמפּלעקטן. איר זייט אַ בוכהאַלטער און איך גלויב, אַז איר ווייסט ווי אַזוי דאָס צו מאַכן — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

איך האָב זיך אַנגעבויגן נאָענטער צו אים און שטיל געזאָגט: וואָס שייך אַזעלכע פּראָדוקטן ווי מעל, צוקער, גרויפּן און אפילו ברויט, ווערט געגעבן אַ באַניפיקאַטע פון אַ האַלבן פּראָצענט אויף פאַרלוסט ביים טראַנספּאָרט, וואָג אד.גל. דעריבער איז ביי די אַרטיקלען שטענדיק פאַראַן אַ מעגלעכקייט אויס־צוגלייכן דעם חשבון, לויט די באַדערפענישן... אָבער אויף קליידונג זענען נישט פאַראַן אַזעלכע מעגלעכקייטן. איך קען אַראָפּשרייבן פון אינווענטאַר די 4 קאָמ־פּלעטן נאָר אויף אייער שריפטלעכן באַפעל, און אויך דאַן בין איך מחויב גלייך אַנצושרייבן אַ ראַפּאָרט וועגן דעם אין מיניסטעריום.

ער האָט מיר אפילו נישט געענטפערט, נאָר אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן טרייבל און געהייסן דעם סאָלדאַט מיך אָפּפירן צוריק אין לאַגער. איך האָב קוים באַוויזן צו נעמען זיך צו מיין אַרבעט ווי עס האָט זיך באַוויזן דער הויפּט־בוכ־האַלטער. ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט, אָבער ער האָט נישט אויסגערעדט קיין איבעריק וואָרט צו מיר. ער האָט מיר באַפוילן גלייך פון אָרט איבערצוגעבן מיין אַרבעט און אַלע דאָקומענטן זיין פאַרטרעטער, וועלכער האָט פריער איבער־גענומען פון מיר דעם דאָזיקן אַמט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מען מיך באַפרייט פון דער אַרבעט אין דער בוכהאַלטעריע און וואַרשיינלעך וועט מען ווידער פאַרשיקן אין אַ צווייטן לאַגער.

וואָס אַן אמת האָב איך דאָס נישט באַדויערט אַזוי שטאַרק. זינט דער דאָזיקער שונאי ישראל איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־בוכהאַלטער האָב איך קיין לייכט לעבן נישט געהאַט. אַ חוץ דעם האָב איך פאַרשטאַנען, אַז נאָך דעם ווי איך האָב געוואַגט אָפּצוזאָגן דעם נאַטשאַלניק אויסצופירן זיין גנבישן באַפעל, קען איך דאָ קיין גוטס נישט דערוואַרטן. עס האָט מיך נאָר באַאומראַיקט דעם פאַקט, וואָס דאָס איז געשען גראַד אין ווינטער. ווער ווייסט וווהין מען וועט מיך טרייבן אין די פרעסט וואָס האָבן דערגרייכט צו אונטער 30 גראַד צעליוס.

בער 12 אַזייגער בייטאָג האָב איך שוין געהאַט אַלץ איבערגעגעבן און איך בין אַוועק אין מיין באַראַק. איך האָב גענומען צוזאַמענקלויבן מיינע זאַכן, זייענדיק איבערצייגט, אַז באַלד וועט מען מיך הייסן פּאַקן אין וועג אַריין.

און אַזוי איז געשען. עס האָט מיך אָבער דערוואַרט אַ גרויסער סיורפּריז. עס האָט זיך באַוויזן דער נאַריאַדטשיק און ווי נאָר ער איז אַריין אין צימער

האָט ער אויסגערופן: דו האָסט טאַקע מער מזל ווי שכל... און אפשר איז עס טאַקע אויך אַדאַנק דיין שכל? — האָט ער צוגעגעבן — שטעל דיר פאָר, אַז מען שיקט דיך אין דעם צענטראַלן שפּיטאָל. ווען דער נאַטשאַלניק האָט מיך אַרויסגערופן און געהייסן ברענגען דיינע דאָקומענטן, בין איך געווען זיכער, אַז מען וועט דיך ווידער פאַרשיקן ערגעץ אויף צרות. האָט ער מיר גאָר דערלאַנגט אַ צעטל, מען זאָל דיך שיקן אין שפּיטאָל. לויט דער דאַטע ווייזט זיך אַרויס, אַז די דאָקטערין האָט דאָס אויסגעשריבן נאָך מיט עטלעכע חדשים צוריק. איך ווייס נישט, פאַר וואָס ער האָט זיך היינט גראַד דערמאָנט אין דעם. אפשר טאַקע דערפאַר וואָס דו האָסט מזל? גראַד היינט גייט אַ מאַשין מיט קראַנקע, ווען נישט וואָלסט דו געגאַנגען צופוס מיט אַ קאָנוואָי עטלעכע טעג אויף די פרעסט. פּאַק זיך שנעל צונויף — האָט ער געזאָגט און איז אַרויס.

דאָס "מזל" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט מיך, צוזאַמען מיט אַנדערע קראַנקע אַרעסטאַנטן געפירט אויף אַן אָפענע מאַשין און מיר זענען געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט אויף אַ שטאַרקע פראָסט. ווען מיר זענען אָנגעקומען אויפן אָרט, זענען מיר אַלע געווען פאַרפרוירן ביז שטייפקייט און מיר האָבן זיך נישט געקענט באַוועגן. עס זענען געקומען סאַניטאַרן, וועלכע האָבן אונדז אַריינגעטראָגן אין באָד. ערשט אונטערן וואַסער אין באָד האָבן מיר אויפגעטייעט. נאָך דעם האָט מען אונדז אָנגעטאָן אין שפּיטאָל־וועש און אָפּגעפירט אין די באַזונדערע אָפּטיילונגען פון שפּיטאָל.

מיך האָט מען אַוועקגעלייגט אין דער אָפּטיילונג פאַר אינערלעכע קראַנקהייטן. גראַד אין דעם טאָג האָט געהאַט וואָך אַ געוויסער דאָקטער סערגיי, וועלכער האָט מיך געקענט, ווייל פריער האָט ער געאַרבעט אין דעם לאַגער וווּ איך בין געווען. ער האָט מיך זייער גוט אויפגענומען און געפרעגט, מיט וואָס ער קען מיר העלפן.

איך האָב אים געבעטן, אַז דערווייל זאָל ער מיך האַלטן כאָטש אַ וואָך צייט אין שפּיטאָל כדי איך זאָל זיך קענען אַביסל אויסרוען. שפּעטער וועט מען ווייטער טראַכטן וואָס צו טאָן.

נאָך עטלעכע טעג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער נאַטשאַלניק פון דעם לאַגער, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דער שפּיטאָל, איז דער מיליטערמאַן, וועלכן איך האָב זיינער צייט באַקענט מיט דער אַרבעט און וועלכער האָט מיר צוגעזאָגט אַזעלכע גליקן, אויב דער גורל וועט מיך פאַרוואַרפן אין דעם לאַגער, איבער וועלכן ער וועט זיין באַלעבאָס. האָב איך באַשלאָסן זיך צו איבערצייגן, צו ער וועט האַלטן וואָרט.

איך האָב געבעטן דעם דאָקטער ער זאָל מיך אויסשרייבן צו דער אַרבעט. אין הסכם מיטן רעגולאַמין האָב איך זיך געמאָלדן ביים נאַריאַדטשיק. איך האָב אים געזאָגט, אַז אין פריערדיקן לאַגער בין איך געווען באַשעפטיקט אין בוכהאַלטעריע. ער האָט מיר באַשטימט אַ פּלאַץ אין באַראַק פאַר עלטערע, נישט

אַרבעטספעציקע אַרעסטאַנטן. עס איז דאָרט געווען קאַלט, נאַס און פינסטער. דאָס איז געווען דאָנערשטיק אין אָוונט.

פרייטיק אינדערפרי האָט ער מיך געפירט צו דער אַרבעט און געהייסן מיך קאָפּען די "בראָווקעס", דאָס מיינט אַ פּאַס ערד, אונטערן פּאַרקן פון לאַגער וואָס איז יעדן טאָג פריש אויפגעאַקערט געוואָרן, כדי מען זאָל דערקענען די שפּאָרן, אויב אַן אַרעסטאַנט וועט אַנטלויפן.

איך האָב געאַרבעט ביז מיטאָג. ווען עס האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן און עס האָט זיך דערנענטערט דער שבת, האָב איך געוואָרפן די אַרבעט און אַוועק אין באַראַק. צומאָרגנס, שבת בין איך אויך פאַרשטייט זיך נישט אַרויס צו דער אַרבעט. דער נאַריאַדטשיק איז געקומען אויף אַ קאָנטראָל, ווייל עס זענען געווען אויך אַנדערע אַרעסטאַנטן פון דעם באַראַק וועלכע זענען נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ באַפרייאונג פון דאָקטער. ווען עס איז געקומען צו מיר, האָב איך אים דערקלערט, אַז איך אַרבעט נישט שבת צוליב מיין רעליגעזע איבערצייגונג.

ער האָט מיך געהייסן גיין מיט זיך צום נאַטשאַלניק פון לאַגער כדי אָפּגעבן אַ ראַפּאָרט אַז איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן. ווען מיר זענען אַריין אין קאַבינעט פון נאַטשאַלניק האָב איך דערזען, אַז דאָס איז טאַקע דער מאַיאָר, וועלכן איך האָב דאַן אַריינגעפירט אין די פּראָבלעמען פון לאַגער.

ווי נאָר מיר זענען אַריין האָט ער אויסגערופן — איר זייט דאָ, אין מיין לאַגער? ווען האָט מען אַהער געבראַכט? דער נאַריאַדטשיק איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. ער האָט שוין נישט גערעדט וועגן ראַפּאָרט קעגן מיר פאַר מיין אָפּזאָגן זיך פון דער אַרבעט. אָנשטאָט דעם האָט ער געזאָגט: דער דאָזיקער אַרעסטאַנט איז נעכטן געקומען פון שפּיטאָל און דערקלערט, אַז אין פריערדיקן לאַגער איז ער געווען באַשעפטיקט אין דער בוכהאַלטעריע. האָב איך אים געבראַכט צו אייך, איר זאָלט באַשטימען, וווּ ער דאַרף אַרבעטן.

דער מאַיאָר האָט מיך געבעטן זיצן און דעם נאַריאַדטשיק האָט ער געזאָגט, אַז ער איז פריי. ווען מיר זענען פאַרבליבן אַליין האָט ער מיך געפרעגט, ווי אַזוי איך בין דאָ געקומען. איך האָב אים דערציילט, אַז דער נאַטשאַלניק פון יענעם לאַגער האָט מיך אַרויסגעוואָרפן ווייל איך האָב נישט געוואָלט אָנשרייבן אַ פאַלשן אַקט אויף מלבושים, וועלכע אָפיצירן האָבן צוגענומען פאַר זיך אומגעזעצלעך.

— דאָס מזל האָט מיר אָבער צוגעשפּילט — האָב איך געזאָגט — מען האָט מיך געשיקט אין שפּיטאָל אַריין. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איר זייט דער נאַטשאַלניק פון דעם לאַגער. איך האָב זיך דערמאָנט אין אייער צוזאָג; האָב איך זיך באַמיט אָנצוקומען צו אייך.

— איר קענט זיין רואיק — האָט ער געזאָגט — איך געדענק וואָס איך האָב אייך געזאָגט און איך וועל האַלטן וואָרט. איר וועט זיין באַשעפטיקט אין דער בוכהאַלטעריע אויף אַ זעלבסטשטענדיקע אַרבעט. קיינער וועט אייך נישט יאָגן, שבת און יום־טוב וועט איר נישט מוזן אַרבעטן אין הסכם מיט אייער אמונה.

איך קענט צו מיר שטענדיק קומען ווי צו אַ פריינד, און נישט ווי אַן אַרעסטאַנט. נאָר איך בעט אייך — האָט ער צוגעגעבן — קיינער טאָר וועגן דעם נישט וויסן. אָפיציעל, אין דער אָנוועזנהייט פון מענטשן, וועל איך אייך טראַקטירן ווי יעדן אַרעסטאַנט.

איך האָב אים האַרציק געדאַנקט און פאַרזיכערט, אַז איך ווייסט ווי זיך אויפצופירן, כדי נישט מיסברויכן מיט זיין גוטהאַרציקייט. איך האָב שוין אַ דער־פאַרונג פון 18 יאָר... ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל באַקומען אַ פלאַץ אין באַראַק פון די בוכהאַלטערן, ווי עס איז ריינער און בעסערע באַדינגונגען. איך האָב אים אויפגעקלערט פאַר וואָס איך קען נישט עסן פון דער אַלגעמיינער קיך און געבעטן, מען זאָל מיר אויסשרייבן טריקענע פּראָדוקטן. איך האָב דערביי אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס איז לעגאַל ווייל איך בין באמת קראַנק אויף אַן אולקוס און אין פריערדיקן לאַגער האָב איך געהאַט אַזאַ דערלויבעניש פון דאָק־טער, כאָטש דאָס איז נישט שטענדיק האָנאָרירט געוואָרן דורך דער אָנפירונג פון לאַגער.

ער האָט אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל און אָנגעקלינגען צום לייטער פון שפּיטאָל. כאַראַקטעריסטיש, וואָס נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס איז אויך געוועזן אַן אַרעסטאַנט, האָט דער נאַטשאַלניק זיך געוואָנדן צו אים לויט זיין טיטל־פּראָפעסאָר. ער האָט אים געזאָגט, אַז אַן אַרעסטאַנט האָט זיך צו אים געוואָנדן מיט אַ בקשה מען זאָל אים אויסשרייבן טרוקענע פּראָדוקטן מחמת ער איז אַ קראַנקער אויפן מאָגן, און געפרעגט, צו ער קען דערלעדיקן דעם ענין.

לויטן געשפּרעך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער פּראָפעסאָר האָט באַ־וואָרענישן לגבי דעם. צום סוף האָט דער מאַיאָר געענטפערט: ריכטיק. אָבער איך גלויב, אַז דאָס וועט זיין פּאָזיטיוו דערלעדיקט. ווענדנדיק זיך צו מיר האָט ער געזאָגט: דער פּראָפעסאָר האָט מיר דערקלערט, אַז כדי עס זאָלן נישט זיין קיין מיספאַרשטענדענישן וויל ער דעם ענין דערלעדיקן פאָרמעל. ער וועט בעטן שיקן אים אייערע דאָקומענטן מיטן דיאַגנאָז פון אייער קראַנקהייט, און ווי ער האָט מיר פאַרזיכערט, וועט ער עס דערלעדיקן פּאָזיטיוו. דאָס וועט דויערן אַ פּאָר טעג. דערווייל וועט מען עפּעס צוטראַכטן, אַז איר זאָלט נישט הונגערן. מיר האָבן זיך געזעגנט און ער האָט מיך געהייסן קומען צו אים צומאָרגנס אינדערפרי כדי דער־לעדיקן דעם ענין פון מיין אַרבעט.

צומאָרגנס ווען איך בין געקומען איז שוין דאָרט געוועזן דער הויפּט־בוכהאַלטער. דער מאַיאָר האָט מיך פאַרגעשטעלט, אַז איך האָב געאַרבעט אין בוכהאַלטעריע און דערביי אַפילו דערציילט אין מיין אָנוועזנהייט דעם אינצידענט, וואָס איך האָב געהאַט מיטן פריערדיקן נאַטשאַלניק צוליבן אָפּזאָג פון אונטער־שרייבן דעם אַקט.

— כאָטש איך בין אַליין אַ נאַטשאַלניק פון אַ לאַגער — האָט ער גע־זאָגט — מוז איך מודה זיין, אַז אַן אַרעסטאַנט וואָס האָט דעם מוט אויף אַזאַ

האַנדלונג פאַרדינט דעם פולן צוטרוי. דווקא אַזאַ מענטש איז אונדז נויטיק צו די נייע אויפגאַבן אין דער בוכהאַלטעריע — האָט ער צוגעגעבן.

און מיינע נייע אויפגאַבן, ווי עס האָט מיר זיי דערקלערט דער הויפּט־בוכהאַלטער זענען געווען פאָלגענדיקע: ביים לאַגער זענען געווען טעטיק פאַר־שידענע אונטערנעמונגען ווי אַ מעבל פאַבריק, בוי־אונטערנעמונגען, באַדינונגס אַנשטאַלטן א.א. ביז איצט איז די בוכהאַלטעריע פון די אַלע אונטערנעמונגען געפירט געוואָרן צוזאַמען און עס איז קיינמאָל נישט געווען קלאָר, וועלכע פון זיי געבן רווחים און וועלכע האָבן דעפיציטן.

איך האָב באַדאַרפט זאָרגן דערפאַר, אַז די חשבונות פון יעדער אונטער־נעמונג זאָל געבוכט ווערן באַזונדער, און צום סוף פון יעדן חודש צוזאַמענשטעלן אַ חשבון, וואָס זאָל געבן אַ בילד וועגן עקאָנאָמישן מצב פון יעדער אונטערנעמונג.

איך האָב זיך גענומען צו מיין נייער אַרבעט און נאָך עטלעכע טעג האָט מען געקלינגען פון שפּיטאָל, אַז איך דאַרף זיך מעלדן ביים פּראָפעסאָר אין ענין פון מיין בקשה וועגן באַקומען טריקענע פּראָדוקטן. דעם פּראָפעסאָר האָב איך געקענט פון דער צייט, ווען איך בין געווען אין שפּיטאָל. ער האָט געהאַט אַ שם אַלס אַנשטענדיקער מענטש, און דער עיקר, אַלס גרויסער ספּעציאַליסט. אין מאָסקווע איז ער געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע כירורגן.

דער פּראָפעסאָר האָט מיך אויפגענומען זייער פריינטלעך, וואָס האָט מיך אַפילו אַביסל איבעראַשט. איך האָב אים געגעבן אָנצוהערן, אַז איך ווייס וועגן דעם, אַז דאָס האָט אים דער נאַטשאַלניק פון לאַגער געבעטן מיר געבן טריקענע פּראָדוקטן און ער האָט דאָס אויפגעהאַלטן.

אַ ווײַלע האָט ער מיך באַטראַכט און געזאָגט: איך וועל אייך זאָגן דעם אמת. מיינע ערשטע 10 יאָר האָב איך באַקומען צוליב דער מסירה פון אַ יידן. מיין אויספאָרשער איז אויך געווען אַ ייד. איז פאַרשטייט איר דאָך, אַז נאָך דעם בין איך נישט געווען קיין גרויסער יידן־פריינד. אָבער ווען איך האָב מיט אייך באַקענט האָב איך באַקומען דרך ארץ פאַר אַ ייד און איך האָב זיך איבערצייגט, אַז אין יעדן פאָלק זענען פאַראַן פאַרשידענע מענטשן. איר זייט דער ערשטער אַרעסטאַנט, וועלכן איך האָב באַגעגנט, וועלכן די לאַגער אָנפירונג האָט נישט געקענט איינברעכן. אין די באַדינגונגען פון לאַגער היט איר אָפּ אַלע אייערע רעליגיעזע דינים. איז גלויבט מיר, אַז איך וויל אייך חלילה נישט טאָן קיין שלעכטס, נאָר פאַרקערט. איך האָב געוואָלט האָבן די געשיכטע פון אייער קרענק, ווייל איך וויל אייך טאַקע באמת היילן.

— אַ חוץ דעם — האָט ער ווייטער געזאָגט — דאַרף מען נישט אויס־שטעלן דעם נאַטשאַלניק אויף דער געפאַר, אַז אין פאַל פון אַ קאָנטראָל זאָל מען אים מאַכן פאַרווורפן, אַז ער האָט דאָס געטאָן צוליב פּראָטעקציע. ער איז גראָד אַן אָנשטענדיקער מענטש, וואָס זעלטן צו באַגעגענען אויפן דאָזיקן אַמט. האָב איך געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין פאָרמעל אין אָרדענונג. איך קען אייך פאַרזיכערן,

אַז ווען איך זאָל נישט באַקומען דיאַגנאָז פון יענעם לאַגער, וואָלט איך אייך אַליין פאַרשריבן די דיעטע.

ער האָט מיר געגעבן אַ באַשטעטיקונג צו באַקומען טריקענע פראָדוקטן לויט אַ דיעטע פאַר קראַנקע און אַ לענגערע צייט האָבן מיר נאָך געפירט אַ פּריינט־לעכן שמועס. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב מזל וואָס איך בין אָנגעקומען אין דעם לאַגער, ווייל סיי דער נאַטשאַלניק און סיי דער הויפּט־בוכהאַלטער זענען אָנשטענדיקע מענטשן, כאָטש זיי זענען קאָמוניסטן — אָבער מען קען קיינמאָל נישט וויסן וואָס מאָרגן וועט זיין — האָט ער צוגעגעבן — אויב ס׳וועט אייך זיין שלעכט אָדער דראָען װעלכעס עס איז געפאַר, קענט איר שטענדיק קומען צו מיר אין שפּיטאָל. קודם כל וועל איך אייך האַלטן אַ געוויסע צייט אויף היילונג. עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסן צו באַשעפטיקן אייך אין ביוראָ פון שפּיטאָל, שטענדיק איז דאָרט נויטיק אַ מענטש וואָס קען זיך אויס אין בוכהאַלטעריע.

איך האָב אים געדאַנקט און בין אַוועק מיטן צעטל אונטערשרייבן צום נאַטשאַלניק און גלייך פון אין מאַגאַזין ווו איך האָב באַקומען קאַרטאָפל, גרויפּן, צוקער און פּוטער. מיט איין וואָרט, אַ פאַרמעגן... וועלכן איך האָב באַהאַלטן אין דער אייזערנע שאַנק פון דער בוכהאַלטעריע.

נאָך אַ לענגערע צייט פון הונגערן האָב איך ווידער געקענט אָפּעסן צו דער זעט. אָבער ז׳ער חודש איז פאַר מיר נישט געווען קיין לייכטער. די אַרבעט איז געווען פאַר מיר אַ נייע און איך האָב געמוזט זיך אָפּגעבן גרויס מי כדי זי מאַכן גוט און צו דער צייט. מיין סאַטיספאַקציע איז געווען, ווען איך האָב איבער־געגעבן דעם בוכהאַלטער דעם חשבון פאַרן חודש יאַנואַר, איז ער געווען זייער צופרידן און אויסגעדריקט זיין אַנערקענונג.

דעם 10־טן פעברואַר אינדערפרי בין איך אַוועק צום נאַטשאַלניק פון לאַ־גער אונטערשרייבן מיין דערלויבעניש צו באַקומען טריקענע פראָדוקטן לויט דער דיעטע, ווי דאָס איז מיר פאַרשריבן געוואָרן אין פאַריקן חודש. אָבער צו מיין גרויס באַדויערן און פאַרוווּנדערונג, האָב איך געזען, אַז דער נאַטשאַלניק רעדט מיט מיר נישט קלאָר, עפּעס ווי ער וואָלט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט. צום סוף האָט ער געזאָגט:

— עס טוט מיר זייער לייד וואָס איך מוז אייך דאָס זאָגן, אָבער איך מוז זיך דערוויילי אָפּהאַלטן פון אונטערשרייבן אייך דעם דאָקומענט. איך ווייס — האָט ער ווייטער געזאָגט — אַז דאָס איז פאַר אייך אַ לעבנס פראַגע. אָבער איר פאַרשטייט...

— איך פאַרשטייט, דער "אַפּער" איז שוין אין אָנהייב יאַנואַר, ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איר האָט באַקומען טריקענע פראָדוקטן, געקומען צו מיר מיט אַ טענה, הלמאי איך טאָלעריר דיסציפּלין ברוך און גיב פּרעמיעס פאַר אָפּזאָגן זיך פון דער אַרבעט. ער האָט געמיינט דאָס, וואָס איר אַרבעט נישט אין די שבתים. לויט זיין מיינונג, הייסט דאָס, אַז איך שטיץ אונטער קלעריקאַליזם... איר דאַרפט זיך נישט צופיל איבערנעמען. מיר וועלן זען צו געפונען עפּעס אַן

אויסוועג. איך האָף, אַז מיט דער צייט וועט איר ווידער באַקומען טריקענע פראָ־דוקטן. אָבער דערווייל...

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ טויט שטילקייט. מיר איז געווען ביטער אויפן האַרצן. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ווידער וועל זיין אויסגעשטעלט אויף הונגער. דער נאַטשאַלניק האָט מיר געקוקט אין די אויגן, ווי ער זאָל בעטן ביי מיר אַנטשולדיקונג פאַר דעם אָפּזאָג, וועלכער איז אויף אים אויפגעצווינגען געוואָרן. און ווי ער זאָל זיך וועלן פאַרטיידיקן פאַר מיר, אָדער פון דער נויטווענדיקייט רייַנצוואַשן זיין געוויסן, האָט ער געעפנט פאַר מיר זיין האַרץ, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך ער איז אַ קרבן פון דעם ברוטאַלן סיסטעם, וועלכן ער האָט געדינט מיט גלויבן און ערלעכקייט אַ גאַנץ לעבן.

— גלויבט מיר, אַז דאָס איז אָפּילו נישט די שולד פון "אָפּער" — האָט ער זיך אָנגערופן — **דאָס איז דער סיסטעם**... דערביי האָט ער ביים אַרויסזאָגן די לעצטע ווערטער אונטערגעשטראָכן יעדע סילאבע — איך האָב זיך אין דעם איבערצייגט אויף מיין אייגענער לעבנס דערפאַרונג.

— איך בין געבוירן און דערצויגן אין דאָרף, אין אַ משפּחה פון פּויערים, וועלכע זענען באַצייכנט געוואָרן אַלס דער מיטלשטאַנד קלאַס. מיר האָבן געהאַט אַן אייגן פערד, צווי קי, עטלעכע העקטאַר ערד. נאָר היות מיר זענען געווען עטלעכע זון אין דער משפּחה, מיר האָבן געאַרבעט שווער, זענען מיר נישט געווען פון די אָרעמסטע.

אין דער צייט פון דער מלחמה מיט די פּאָלאַקן, אין 1920 יאָר בין איך אַוועק פּרייוויליק אויפן פראָנט. איך בין דאַן אַלט געווען 20 יאָר. ווייזט אויס, אַז איך האָב געהאַט וועלכע עס איז פעיקייטן, ווייל מען האָט מיך געשיקט אין אַן אָפיצערן שולע. אַזוי בין איך שוין פאַרבליבן אַלס אָפיציר אין דער רויטער אַרמיי, איך בין געוואָרן אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי.

— איך האָב געהאַט זייער אַ גוטע פּאָזיציע אין מיליטער. קען זיין, אַז דערפאַר בין איך געווען אָפּגעריסן פון ווירקלעכן לעבן ביי אונדז אין לאַנד. אין דער מלחמה קעגן די היטלעריסטן האָב איך אָנגעפירט מיט אַ פּאָלק. צוויי מאָל בין איך געווען פאַרוווּנדעט. צום סוף פון דער מלחמה, ווען איך בין שוין געווען אַן אינוואַליד פון די וווּנדן, האָט מען מיך איבערגעפירט אין שטאַב פון דער אַרמיי אויפן מערב־פראָנט. וווּ איך האָב אויך געאַרבעט אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה. דאָרט האָב איך געזען צו וואָס מענטשן זענען פעיק, אָדער צו וואָס מען קען דערפירן מענטשן, וועלכע לעבן אין שרעק.

מיט אַ צייט צוריק האָט מען מיך געשיקט אין איינע פון ביז גאָר וויכטיקע מיליטערישע אינסטיטוציעס. צופעליק האָב איך דאָרט באַגעגנט אַן אָפיציר פון זעלבן ראַנג וואָס איך, אַן אָפּשטאַמיקער פון מיין דאָרף. מיר זענען געווען כמעט פון זעלבן עלטער און פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיך גוט געקענט איינער דעם צווייטן. ער איז געווען אַ זון פון אַ רייכן פּויער אין אונדזער דאָרף, וועלכער איז אין דער צייט פון דער קאָלעקטיוויזאַציע פאַרשיקט געוואָרן אַלס "קולאַק".

גלויבט מיר — האָט ער געזאָגט — איך האָב חלילה נישט געהאַט בדעה אים צו מסרן. איבעריקנס, וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס געהאַט איצט, נאָך דער דאָזיקער שרעקלעכער מלחמה, ווען דאָס גאַנצע דאָרף איז פאַרניכטעט געוואָרן, די איינ־ווױנער אויסגעמאָרדעט און די וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, זענען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

— אָבער ער האָט מורא געהאַט, און די דאָזיקע מורא האָט אים ווייזט אויס געטריבן דערצו, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ מסירה אויף מיר, אַז דאָס בין איך גאָר געווען אַ זון פון אַ קולאַק. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט נישט געשטימט מיט מיין ביאָגראַפיע, וועלכע איך האָב אַלע יאָרן געשריבן אנצאָליקע מאָל. מען האָט מיך געשלעפּט אָן אויפהער אויף אויספאָרשונגען אין דער ספּעציעלער אָפּטיילונג פון מיליטער. צו מיין ביטער מזל, האָב איך נישט געקענט געפונען קיין איין מענטש פון אונדזער דאָרף, וועלכער זאָל קענען עדות זאָגן לטובות מיר. און היות ער האָט דער ערשטער אָנגעשריבן קעגן מיר, האָט מען אים געגלויבט...

דער דאָזיקער מאַיאָר האָט דאָך געהאַט מזל, וואָס די אויספאָרשונג האָט זיך פאַרצויגן און צווישנצייט איז סטאַלין געשטאָרבן, עס האָבן אָנגעהויבן ווייען אַנדערע ווינטן. דאָס האָט מיטגעווירקט, אַז מען האָט גענומען אין אַכט זיינע פאַרדינסטן אין מיליטער און הויפּטזעכלעך אויפן פראָנט. דערפאַר איז ער אָנגע־קומען אין לאַגער נישט ווי אַן אַרעסטאַנט. נאָר ווי נאַטשאַלניק איבער אַרעס־טאַנטן. אָבער פון דער דאָזיקער לעקציע האָט ער אַ סך געלערנט.

— אַלע יאָרן האָב איך געלעבט אין אַ גאָר אַנדערע וועלט און נישט געזען וואָס עס טוט זיך אַרום מיר — האָט ער געזאָגט — איך האָב געדינט טריי דער ראַטנמאַכט, איך האָב געלעבט רואיק מיט מיין פרוי און קינדער. מיין געזעלשאַפט איז געווען מערסטנטייל מענטשן פון צווישן מיליטער לייט און איך בין געווען איבערצייגט אַז אַלע זענען טאַקע ערלעך, אַז אַלץ וואָס מען זאָגט און מען שרייבט איז אמת. איצט, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט די אַקטן און מיט די מענטשן אין לאַגער...

פּלוצים האָט ער אָפּגעריסן אין מיטן פון זאַץ, ווי ער זאָל מורא האָבן אַרויסצוברענגען דאָס וואָרט פון מויל. ער האָט פאַרויכערט אַ סיגאַרעט און ווי ער זאָל וועלן, אַז איך זאָל פאַרגעסן וועגן דעם וואָס ער האָט נאָר וואָס גערעדט, האָט ער געזאָגט:

— איר דאַרפט נישט פאַרלירן די האָפענונג. איך ווייס, אַז עס איז אייך שווער. אָבער איך וועל אייך העלפן מיט וואָס ס'וועט נאָר זיין מעגלעך. איר פאַרשטייט דאָך, אַז אין מיין לאַגע קען איך נישט איצט אָנהייבן אַ מלחמה מיטן אָפּער... אָבער ער איז נאָך אַ יונגער מענטש און איך בין איבערצייגט, אַז מיט דער צייט וועט ער זיך איבערצייגן אין אייער ערלעכקייט און מיר וועלן אייך קענען אויסשרייבן די טריקענע פּראָדוקטן.

איך האָב אים געדאַנקט און מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט. נאָך 18 יאָר לעבן אין אַ וועלט פון רשעות בין איך אַרויס נאָך דעם שמועס אַ ביסל אַ דער־

מוטיקער. איך האָב דערזען, אַז אויך צווישן די אַנפירער פון לאַגער טרעפן זיך אַנשטענדיקע מענטשן, אַז עס קען זיין אַ לאַגע, ווען די פייניקער און די געפּייניקטע זענען אין דער זעלבער מאָס קרבנות פון דעם פאַרשאָלטענעם סיסטעם.

אָבער לייכטער איז מיר פון דעם נישט געוואָרן. איך בין געווען אויסגעשטעלט צו לעבן אויף אַ שטיקל טריקן, שוואַרץ ברויט. איך האָב געהונגערט, און די אַרבעט איז נישט געווען קיין לייכטע. איך בין געווען פאַרנומען ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך האָב געמאַכט אַלע באַמיאונגען אויסצופירן גוט מיינע אויפגאַבן, ווייל איך האָב געוואָלט זיין אין אָרדענונג לגבי דעם נאַטשאַלניק, וועלכער האָט געעפנט פאַר מיר זיין האַרץ, וועלכער האָט מיך טראַקטירט נישט ווי אַן אַרעסטאַנט, נאָר ווי אַ פריינד. אין דער לאַגע האָט מיין אולקוס געלאָזט הערן וועגן זיך. די ווייטיקן זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקערע און איך האָב געמוזט אָנקומען אין שפּיטאָל אריין.

דער פּראָפעסאָר איוואַן פּיעטראָוו האָט מיך אונטערזוכט און דערקלערט, אַז אויב דער מצב וועט זיך נישט פאַרבעסערן, וועל איך מוזן זיך אונטערגעבן אַן אָפּעראַציע. דערווייל האָט ער מיך אָוועקגעלייגט אונטער זיין אויפזיכט אין דער כירורגישער אָפּטיילונג.

נאָך קרוב צוויי וואָכן, בעת וועלכע איך האָב באַקומען יעדן טאָג אַ פּאַרגרעסערטע פּאָרציע ווייס ברויט, מילך און אַ שטיקל פּוטער, ווי אויך רפואות האָט זיך מיין געזונט-צושטאַנד פאַרבעסערט און נאָכן מאַכן אַ רענטגען האָט דער פּראָפעסאָר פעסטגעשטעלט, אַז דערווייל איז נישט כדאי צו מאַכן קיין אָפּעראַציע. מען האָט מיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל און איך בין צוריק געגאַנגען אויף מיין אַרבעט.

עס איז אַוועק דער חודש מערץ. דער בוכהאַלטער איז געווען צופרידן פון מיין אַרבעט און האָט זיך באַצויגן צו מיר מיט גרויס אַכטונג. אָבער קיין פּראָדוקטן האָב איך ווייטער נישט באַקומען. די איינציקע פאַרבעסערונג איז געווען, וואָס איצט האָב איך באַקומען ווייס ברויט און דערצו נאָך אין אַ פּאַרגרעסערטער נאָרמע. אויף דעם האָט דער "אַפּער" נישט געהאַט קיין שליטה.

איך בין אַוועק צום נאַטשאַלניק דערוויסן, צו איך קען דערוואַרטן עפּעס אַן ענדערונג אין דער שטעלונג פון "אַפּער".

— איך טראַכט וועגן אייך — האָט ער געזאָגט — איך האָב שוין אַפילו געפּרוווט ווירקן אויפן "אַפּער" דורך דער פאַרמיטלונג פון פאַרשידענע מענטשן. ביז איצט צום באַדויערן אָן רעזולטאַט. אַלע האָבן מורא מען זאָל זיי נישט חושד זיין אין אונטערשטיצן קלעריקאַלע פאַראורטיילן...

— איר ווייסט ? — האָט ער געזאָגט נאָך אַ ווילע פון פאַרטראַכטונג — עס וואָלט געווען גוט, ווען איר קענט האָבן אייערע אייגענע עטלעכע רובל. דאַן וואָלט מען אפשר געקענט עפּעס טאָן, אַז איר זאָלט זיך קענען קויפן אַ ביסל פּראָדוקטן.

איך האָב אים דערציילט, אַז אין פריערדיקן לאַגער האָב איך אַ געוויסע צייט

געאַרבעט צוגאַבלעך ביים איינבונדן די דאָקומענטן פון דער בוכהאַלטעריע און דערפאַר באַקומען אַ רובל פאַר אַ בוך. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו דערלעדיקן מיטן בוכהאַלטער, אַז איך זאָל באַקומען די דאָזיקע אַרבעט.

ער האָט געהאַלטן וואָרט. מיט עטלעכע טאָג שפּעטער האָט מיר דער בוכהאַלטער פאָרגעשלאָגן צו מאַכן די אַרבעט. פאַר די ערשטע צוויי וואָכן האָב איך פאַרדינט 20 רובל און איך בין שוין געווען אַ נגיד...

אין לאַגער האָבן אויסגעפירט פאַרשידענע אַרבעטן אויך מענטשן פון דער פריי. צווישן זיי זענען געווען אַן אינזשיניער און אַן אַגראָנאָם, מיט וועלכע איך בין געווען אין כסדרדיקן קאָנטאַקט צוליב דעם, וואָס זיי זענען געקומען דער־לעדיקן פאַרשידענע פאָרמאַליטעטן און חשבונות אין דער בוכהאַלטעריע. פאַר־שטייט זיך, אַז עס איז פאַר זיי געווען שטרענג פאַרבאָטן צו האָבן וועלכע עס איז מגע ומשא מיט אַרעסטאַנטן. אָבער איך האָב געוווּסט, אַז זיי זענען אָנשטענדיקע מענטשן, צו וועלכע מען קען האָבן צוטרוי. איך האָב זיי טאַקע דערציילט וועגן מיין לאַגע און געבעטן זיי זאָלן פון צייט צו צייט קויפן פאַר מיר אויף דער פריי פּראָדוקטן און אין קליינע קוואַנטומס מיר דאָס ברענגען.

און אַזוי האָב איך באַקומען אַ ביסל פּוטער, מאַנע־גרויפּן, צוקער אַ מאָל אויך אַ שטיקל ברויט. ערגער איז געווען מיט קאַרטאָפל און גרינס. דאָס האָט פאַרנומען צופיל פּלאַץ, עס איז געווען אָנזעעוודיג און עס איז שווער געווען אַריינצושמוגלען אין לאַגער. אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, האָב איך איצט שוין געקענט שטילן כאָטש אַביסל דעם הונגער.

עס האָט זיך דערנעענטערט פּסח. מצות האָב איך, ווי יעדעס יאָר באַקומען צוגעשיקט פון דער פריי. אָבער בלויז מיטן פּעקל מצות איז שווער געווען צו שטילן דעם הונגער במשך פון 8 טעג. איך האָב געמוזט געפינען אַן אויסוועג צו באַקומען אַ ביסל קאַרטאָפל. איך בין אַוועק צום נאַטשאַלניק און אים געזאָגט, אַז אין פריערדיקן לאַגער פלעג איך יעדעס מאָל נאָכן פאַרענדיקן דעם בילאַנס צום טערמין באַקומען אַ פּרעמיע פון 10 קילאָ קאַרטאָפל.

דער איינפאַל איז אים געפעלן און ער האָט באַשטימט מיטן הויפּט־בוכהאַלטער, אַז אויב איך וועל העלפן מאַכן דעם בילאַנס פאַרן ערשטן קוואַרטל פון 1954 יאָר פאַרן טערמין, וואָס איז געווען באַשטימט אויפן 10־טן אַפּריל, וועל איך באַטראַכט ווערן אַלס שלאָגלעך און באַקומען אַ פּרעמיע.

איך האָב געאַרבעט מיט גרויס אָנשטרענגונג און דעם 9־טן אַפּריל, אַ טאָג פאַר דעם באַשטימטן טערמין, דאָס איז גראָד געווען אין אַ פּרייטיק, האָב איך אינדערפרי איבערגעגעבן דעם הויפּט־בוכהאַלטער דעם בילאַנס. ער איז געווען צופרידן און איך האָב באַקומען די פּרעמיע, 10 קילאָ קאַרטאָפל.

דער פּסח איז געווען פאַר מיר אַ ביז גאָר אומעטיקער. אַמשטאַרקסטן פיל זיך די איינזאַמקייט דווקא אין דעם יום־טוב, ווען מען דאַרף פּראַווען דעם סדר איינער אַליין און עס איז נישטאָ פאַר וועמען צו דערציילן די הגדה... אויפן

האָרצן איז מיר געווען ביטער אויך דערפאַר, וואָס שוין אַ לענגערע צייט האָב איך נישט געהאַט קיין שום ידיעה פון מיין פרוי.

נאָך סטאַלינס טויט איז איינגעפירט געוואָרן אין די לאַגערן אַ נייער סיסטעם, וועלכער איז כלומרשט געווען לטובות די אַרעסטאַנטן און פּאַקטיש האָט ער געהאַט פאַר אַ ציל נאָך מער זיי צו פאַרשלאָפן. דער נייער סיסטעם איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אויב אַן אַרעסטאַנט האָט אויסגעפירט 120 פּראָצענט פון זיין אַרבעטס נאָרמע האָט מען אים פאַרעכנט איין טאָג לאַגער פאַר אַנדער־האַלבן טאָג, אויב ער האָט אויסגעפירט העכער 150 פּראָצענט, האָט מען אים פאַרעכנט איין טאָג פאַר צוויי טעג, וואָס האָט פאַרשנעלערט דעם טערמין פון זיין באַפרייאונג פאַר דער באַשטימטער צייט פון אורטייל.

וואָס שייך אַרעסטאַנטן וועלכע זענען נישט געווען באַשעפטיקט דירעקט אין דער פּראָדוקציע נאָר ביי באַדינונג, ווי אין בוכהאַלטעריע, קיך, מאַגאַזינען א.א. האָט דער סיסטעם געגעבן אַ מעגלעכקייטן פון מיסברויכן און אויסאיבן אַ דרוק אויפן אַרעסטאַנט. נאָך יעדע דריי חדשים האָט זיך צונויפגענומען אַ קאָמיסיע אין וועלכער עס זענען געווען: דער נאַטשאַלניק פון לאַגער, דער הויפּט־בוכהאַלטער, דער לייטער פון דער פּלאַניר אָפּטיילונג און זיי האָבן אָפּגעשאַצט די ווערט פון די אַרבעט פון די אַרעסטאַנטן פאַר דער צייט. אויב דער לייטער פון דער געגעבענער אָפּטיילונג, ווי אין מיין פאַל דער הויפּט־בוכהאַלטער, האָט באַצייכנט מיין אַרבעט מיט דער מיינונג "גוט", האָט מען מיר פאַרעכנט אַנדער־האַלבן חדשים פאַר אַ חודש, אויב די מיינונג איז געווען "זייער גוט" האָט מען מיר באַדאַרפט פאַרעכנען דאָפּלט, פאַר דריי חדשים אַרבעט "זייער גוט" האָט מען מיר באַדאַרפט אַראָפּרעכענען אַ האַלב יאָר פון מיין אורטייל.

נאָך די ערשטע דריי חדשים האָב זיך געוואַנדן צום הויפּט־בוכהאַלטער. איך האָב געוואָלט וויסן, וויפיל צייט פון מיין אורטייל איך האָב "פאַרדינט". צו מיין גרויס פאַרוווּנדערונג האָט ער מיר געזאָגט, אַז מען האָט מיר פאַרעכנט נאָר אַ העלפט. ער האָט מיר דערביי פאַרזיכערט, אַז דאָס איז נישט זיין שולד. ער האָט מיר אויסגעשטעלט די "זייער גוט", ער האָט אַפילו געגעבן אַלס אַרגומענט דעם פאַקט, אַז מען האָט מיר געגעבן אַ פּרעמיע פאַר העלפן מאַכן דעם בילאַנס פאַרן טערמין, און ער האָט אויך געהאַט די אונטערשטיצונג פון נאַטשאַלניק. אָבער דער "אָפּער" איז געווען פאַרעקשנט און געטענהט, אַז איך קען נישט באַקומען דעם העכסטן לוין, ווייל איך זאָג זיך אָפּ צו אַרבעטן שבת.

צוזאַמען מיט מיר אין ביוראָ איז געווען באַשעפטיקט אַלס נאַרמיראָווּשטשיק אַן אינזשיניער, אויך אַן אַרעסטאַנט. זיין אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין פאַרשרייבן און אויסרעכענען וויפיל יעדע בריגאַדע און יעדער אַרעסטאַנט באַזונדער, האָט אויסגעפירט די נאָרמע פאַרן געגעבענעם טאָג. ער איז געווען אַ קרענקלעכער אַלקאָהאָליק און לכבוד דעם יום־טוב פון ערשטן מאַי האָט ער זיך אַזוי אָנגעשיכּרט, אַז דריי טאָג איז ער נישט געקומען צו דער אַרבעט.

עס איז דאָן געקומען צו מיר דער לייטער פון דער פּלאַנירונגס אָפּטיילונג.

וועלכער איז געווען זיין באַלעבאָס, און געבעטן מיך רחמים איך זאָל אויספירן דערווייל זיין אַרבעט, ווייל אויב מען האָט נישט געמאַכט די ראַפּאָרטן צו דער צייט, האָבן די אַרעסטאַנטן נישט באַקומען אויפן צווייטן טאָג זייערע נאָרמעס ברויט. און דאָס האָט געקענט גורם זיין אַ גרויסן סקאַנדאַל.

בדרך כלל האָב איך זיך באַמיט צו לעבן בשלום מיט די אַלע, מיט וועלכע איך האָב געהאַט אַ מגע ומשא אין מיין אַרבעט. איך האָב פאַרטרעטן דעם נאַר־מיראָוושטשיק, כאָטש דאָס האָט פאַרנומען אַ סך צייט און איך האָב געמוזט אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך האָב נאָר נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס דער לייטער פון דער פּלאַניר אָפּטיילונג נעמט אין שוץ אַן אַרעסטאַנט, אַ שיכור, וועלכער פאַרשאַפט אים אַזויפיל צרות, בפרט ווען דאָס איז שוין נישט געווען דער ערשטער פאַל.

ווען דער נאַרמיראָוושטשיק האָט זיך אויסגענויכטערט און צוריקגעקומען צו דער אַרבעט האָט ער זיך פאַר מיר שטאַרק אַנטשולדיקט און געדאַנקט, וואָס איך האָב אין דער צייט אים פאַרטרעטן. איך האָב אים אָבער געוואָרנט, אַז ער זאָל זיך היטן, ווייל נאָך אַמאָל וועל איך שוין נישט אַרבעטן פאַר אים.

ער האָט מיר דאַן אויפריכטיק געזאָגט, אַז שולדיק אין זיין שיכרות זענען פאַקטיש די "פּראַראבן", ד. ה. די אַרבעטס אָנפירער פון די בויאונגען. דאָס זענען געווען מענטשן פון דער פריי. זיי האָבן אים רעגולער געצאָלט געלט און גע־ברענגט אויך אין לאַגער אַריין בראָנפן פאַר אים אַלס באַלוינונג פאַר אָנעמען ביי זיי און פאַרשרייבן די פאַלשע ראַפּאָרטן, אין וועלכע זיי האָבן אָפּגעגעבן פאַרשידענע אַרבעטן, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל נישט אויסגעפירט. דאַן האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, אַז אויך דער לייטער פון דער פּלאַניר אָפּטיילונג האָט ביי דעם אָפּגעלעקט זיין ביינדל...

מיט דער צייט האָבן מיר געמאַכט אַ דשענטלמען אָפּמאַך: איך האָב אים פאַרטרעטן אין די טעג ווען ער האָט געשיכרט, און ער האָט מיך פאַרטרעטן אין שבת און ימים־טובים, כדי מיין אָפּוועזנהייט אין די טעג זאָל זיך נישט וואַרפן אַזוי שטאַרק אין די אויגן פון מיינע שונאים. צום ערשטן מאָל ווען איך האָב געגנאָסן אין אַ גרעסערע מאָס פון דעם אָפּמאַך זענען געווען די צוויי טעג שבועות.

באַלד נאָך שבועות איז געקומען דער לייטער פון דער פּלאַניר אָפּטיילונג און פאַרגעלייגט מיר אַ צוגאָב אַרבעט ביי אים. די פּלאַניר אָפּטיילונג האָט יעדן טאָג צונויפגעשטעלט אַ ראַפּאָרט וועגן די אויסגעפירטע פּלענער אין אַלע אונטער־נעמונגען פון לאַגער און צום סוף פון חודש, אַן אַלגעמיינעם באַריכט וועגן דעם אויסגעפירטן פּלאַן פאַרן פאַרגאַנגענעם חודש. ביי די דאָזיקע ראַפּאָרטן איז געווען באַשעפטיקט אַ מיידל, וועלכע האָט דאָס געמאַכט נישט געגנוי און זייער אָפט זענען געווען טעותן פאַר וועלכע דער לייטער פון דער אָפּטיילונג האָט באַקומען פאַרוואָרפן פון דער צענטראַלע אין מאָסקווע. די אויפגאַבע וועלכע ער האָט אַרויפ־געלייגט אויף מיר איז געווען צו קאָנטראָלירן די דאָזיקע ראַפּאָרטן און זאָרגן דערפאַר, אַז אַלץ זאָל שטימען.

דאָס איז געווען נישט קיין לײַכטע אויפֿגאַבע, בפֿרט ווען דאָס איז געווען אַ צוגאָב צו מײַן נאָרמאַלער אַרבעט אין דער בוכהאַלטעריע. נאָך אַ ישוב הדעת האָב איך דאָך מסכּים געווען צוליב צוויי טעמים. ערשטנס איז דער לײַטער פֿון דער פּלאַניר אָפּטײלונג געזעסן אין דער קאָמיסיע, וועלכע איך האָב פֿריער דער־מאָנט, וואָס האָט באַשטימט די צאָל טעג וואָס מען דאַרף מיר פֿאַרעכענען פֿאַר מײַן אַרבעט צום טערמין פֿון אורטייל. האָב איך געוואָלט דערמיט געווינען זײַן אונטערשטיצונג פֿאַר מיר, וואָס האָט געשאַפֿן אַ שאַנס פֿריער באַפֿרײַט צו ווערן פֿון לאַגער.

די צווייטע סיבה איז געווען נאָך וויכטיקער. אין יענע טעג האָט דער פּראָפֿעסאָר איוואַן פּיעטראַוו מיר דערציילט, אַז עס איז אָנגעקומען אַ פֿאַראָרדע־נונג פֿון מאָסקווע וועגן דעם, אַז קראַנקע אַרעסטאַנטן וועלכע זענען נישט אַרבעטס פֿעאיק און וועלכע עס איז פֿאַרבליבן אַ קורצע צײַט צום סוף פֿונעם טערמין פֿון זייער אורטייל קענען באַפֿרײַט ווערן פֿאַר דער צײַט. וועגן דער באַפֿרײַאונג פֿון די דאָזיקע אַרעסטאַנטן האָט דעצידירט אַ מעדיצינישע קאָמיסיע. אין שפּיץ פֿון דער דאָזיקער קאָמיסיע איז געזעסן די לײַטערין פֿון צענטראַלן שפּיטאָל, אַ דאָק־טערין וועלכע איז געווען די פֿרוי פֿונעם לײַטער פֿון דער פּלאַניר־אָפּטײלונג. מיט מײַן אַרבעט האָב איך געהאָפֿט וועל איך זיך אײַנקויפֿן ביים אים פּראָטעקציע צו זײַן פֿרוי.

נאָך עטלעכע טעג האָט דער פּראָפֿעסאָר איוואַן פּיעטראַוו מיר געזאָגט, אַז ער האָט געבראַכט מײַנע דאָקומענטן פֿאַר דער קאָמיסיע מיטן פֿאָרשלאָג מיך צו באַפֿרײַען. דערבײַ האָט ער מיר פֿאַרזיכערט, אַז אין הסכּם מיט דער אינסטרוקציע פֿון מאָסקווע האָב איך אַלע רעכט באַפֿרײַט צו ווערן. אָבער די דאָקטערין האָט אָפּגעזאָגט אונטערצושרײַבן דעם אַקט. זי האָט זיך דערבײַ נישט געשעמט און אָפֿן דערקלערט, אַז זי וועט נישט אונטערשרײַבן קיין אַקט פֿאַר באַפֿרײַען דעם ייד מיט דער באָרד, וואָס אַרבעט נישט שבת און פֿירט זיך אויף חוצפּהדיק קעגן דער ראַטנמאַכט.

פּראָפֿעסאָר איוואַן פּיעטראַוו איז אויך נישט געווען קיין גרויסער אוהב ישׂראל, אָבער ער האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן אַזאַ גרויסע עוולה — דאָס איז פּשוט ווילדער אַנטיסעמיטיזם — האָט ער געזאָגט. אפֿשר וועט איר רעדן מיט איר מאַן, ער זאָל ווירקן אויף איר. איר מוזט זיך אײַלן — האָט ער צוגעגעבן — ווײַל קען זײַן, אַז מיר וועט געלונגען אַליין זיך צו באַפֿרײַען אויפֿן סמך פֿון דער פֿאַראָרדענונג, און דאַן וועט אײַך זײַן נאָך שווערער.

אַ חוץ דער מאָגן־קראַנקהייט האָט זיך בײַ מיר אויך פֿאַרערגערט דער צושטאַנד פֿון די פֿיס. נאָך מיט יאָרן פֿריער זענען בײַ מיר אָפּגעפֿרוירן געוואָרן די פֿינגער, דאָס בלוט איז נישט דערגאַנגען צום אונטערשטן טייל פֿון רעכטן פֿיס, און עס האָט געדראָט מיט אַ גאַנגרענע און נויטווענדיקייט צו אַמפּוטירן דעם פֿיס. דער פּראָפֿעסאָר האָט געזאָגט, אַז אויב עס וועט מיר געלונגען צו באַפֿרײַען זיך

פֿאַר זיין אָפּפֿאָרן, וועט ער מיך נעמען מיט זיך קיין מאָסקווע צוא ספּעציאַליסט וועלכער וועט קענען מיך ראַטעווען פֿון דעם אומגליק.

מיט אַ וואָך שפּעטער אין אָוונט איז געקומען צו מיר אין ביוראָ דער לייטער פֿון דער פּלאַניר־אָפּטיילונג מיטן ראַפּאָרט פֿאַרן חודש יולי און געבעטן, איך זאָל דאָס מאַכן מיט צוויי טעג פֿאַרן טערמין — פֿון דעם איז אָפּהענגיק מיין פּרעמיע — האָט ער געזאָגט — און אויב איך וועל באַקומען אַ פּרעמיע — האָט ער צוגע־געבן — וועט איר אויך קענען כאַפּן אַ טרינק...

ער איז גראָד געווען אַ ביסל בגלופֿן האָט ער מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער וועט מיר אויך געבן די מעגלעכקייט צו נעמען כאַבאַר, ווי עס טוט דאָס דער נאַרמיראָווטשיק. איך האָב אים געענטפֿערט, אַז איך טרינק נישט קיין משקה ווייל איך האָב אַ קראַנקן מאָגן. איך האָב אים צוגעזאָגט אויסצופֿירן זיין בקשה, כאָטש איך וועל מוזן זיך אָפּזאָגן פֿון דריי נעכט שלאָפֿן. נאָר אויב ער וויל זיך באמת מיר רעוואַנזשירן און מיט עפּעס העלפֿן, האָב איך צו אַ בקשה, אַז ער זאָל רעדן מיט זיין פֿרוי און ווירקן אויף איר זי זאָל אונטערשרייבן דעם אַקט פֿון מיין באַפֿרייאונג, טאַקע אויפֿן סמך פֿון מיין קראַנקהייט.

מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן צו דערלעדיקן אַלע ענינים און אין טיר פֿון ביוראָ האָט זיך באַוויזן זיין פֿרוי, די דאָקטערין. איך האָב באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגענהייט און געוואַנדן זיך דירעקט צו איר.

— איך בעט נישט ביי אייך, אַז איר זאָלט חלילה האַנדלען קעגן די פֿאַר־שריפֿטן — האָב איך געזאָגט — איר האָט אַ מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דער געשיכטע פֿון מיין קרענק פֿאַר אַלע יאָרן וואָס איך געפֿין זיך אין לאַגער. איר האָט מיינע רענטגען קלישעס נאָך פֿון פֿריערדיקן לאַגער און איר זייט דאָך אַ דאָקטער און קענט מיך אַליין אונטערזוכן. איך בין אַ קראַנקער מענטש און געפֿין זיך אין לאַגער שוין העכער 18 יאָר. סוף כל סוף בין איך נישט באַגאַנגען קיין שום פֿאַרברעכן. מיין איינציקע שולד איז, וואָס איך בין רעליגעז.

איך בין געווען זיכער, אַז אַפֿילו זי וועט מיר נישט העלפֿן, וועט זי על כל פּנים נישט זיין אַזוי פֿאַרביסן קעגן מיר. אָבער איך האָב געהאַט אַ טעות. זי איז געווען אַן אויסוואורף וואָס האָט זעלטן געטראָפֿן אַפֿילו צווישן די סאַטראַפּן פֿון דער נ.ק.וו.ד. זי האָט זיך נישט געפּרוווט פֿאַרטיידיקן מיט פֿאַרשריפֿטן אָדער מאַכן אַן אָנשטעל פֿון העפֿלעכקייט. זי האָט געענטפֿערט מיט דער גאַנצער ציניש־קייט און אַכזריות — איך וועל בשום אופֿן נישט אונטערשרייבן אייער אַקט פֿון באַפֿרייאונג.

ווען איך האָב זי געפֿרעגט, וואָס עס איז די סיבה פֿון איר אַזאַ האַרבער שטעלונג, האָט זי געזאָגט: לויט דער אינסטרוקציע קען מען באַפֿרייען אַ מענטש אויב דער אולקוס איז אַ בלוטיקער, ווען דאָס בלוט גיסט זיך פֿון האַלדז. ביי אייך איז דערווייל נאָך נישט אַזאַ מצב. אַ חוץ דעם זענט איר באַשעפֿטיקט אויף אַ לייכטע אַרבעט און עס דראָט אייך נישט קיין שום געפֿאַר.

איר ענטפֿער האָט מיך אַרויסגעפֿירט פֿון גלייכגעוויכט. איך בין געקומען

צום אויספיר, אַז פון איר קען איך סיי ווי קיין גוטס נישט דערוואַרטן, האָב איך איר כאָטש געזאָגט דאָס, וואָס איז מיר געלעגן אויפן האַרצן.

— איך קען פאַקטן, ווען איר פּערזענלעך האָט באַשטעטיקט באַפרייאונגס אַקטן פון אַרעסטאַנטן, ביי וועלכע דער אולקוס איז נישט געווען קיין בלוטיקער. דערביי זענען דאָס געווען מענטשן וועלכע זענען געזעסן ערשט 2-3 יאָר און זענען געווען פאַרמשפּט אויף אורטיילן פון 25 יאָר, וואָס איז זיי פאַרביטן געוואָרן פון טויט־שטראָף. איר האָט די דאָזיקע אַקטן אונטערגעשריבן. נאָר יענע זענען נישט געמשפּט געוואָרן, ווי איך, פאַר רעליגעזע איבערצייגונג, נאָר דערפאַר ווייל זיי האָבן געהאָלפן די היטלעריסטישע רוצחים אויסמאָרדן די יידן...

זי איז געוואָרן רויט פון כעס און נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט איז זי אַרויס, פאַרהאַקנדיק אונטער זיך די טיר. איר מאַן איז אַ ווילע געשטאַנען אַ צע־טומלטער פון דער אומגעריכטן סקאַנדאַל. צום סוף האָט ער געעפנט די טיר און גענומען זי רופן. זי האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט. ער איז אַוועק נאָך איר. איך האָב נאָר געזען, ווי זיינע פיס האָבן זיך גענומען וואַקלען אונטער אים. ווייזט אויס, אַז דער בראַנפן האָט גענומען ווירקן.

צוזאַמען מיט מיר אין באַראַק האָט געוווינט אַן אַרעסטאַנט, וועלכער האָט געהאַט אַ דערלויבעניש צו באַוועגן זיך אויסערן לאַגער און ער איז געווען באַ־שעפטיקט אַלס הויז דינער ביי דער לייטערין פון צענטראַלן שפּיטאַל, טאַקע ביי דער דאָקטערין, אָפטמאָל פלעגט ער דאָרט אויך נעכטיקן ביי זיי אין שטוב.

אויפן צווייטן טאָג האָט ער מיר דערציילט, אַז דער מאַן האָט איר געמאַכט אַ סקאַנדאַל און אַפילו געשלאָגן. אַלע שכנים האָבן געהערט. אָבער אין רוסלאַנד איז אַ מנהג, אַז אַ מאַן שלאָגט אַ ווייב, מישן זיך נישט די שכנים. דאָס ווערט באַטראַכט אַלס אַן אינערלעכער משפּחה ענין...

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַ ווייטערדיקער טייל פון דעם אינצידענט, פון וועלכן איך בין געווען דער גורם. איך האָב נאָר נישט געוווּסט, ווי אַזוי דער לייטער פון דער פלאַניר־אָפּטיילונג וועט האַנדלען.

אָבער ווען ער איז געקומען אויפמאָרגען האָט ער זיך פאַר מיר אַנטשול־דיקט — צוליב אייך האָב איך זיך אַפילו צעקריגט מיט מיין ווייב — האָט ער געזאָגט — גלויבט מיר, אַז איך וואָלט אייך גערן געהאָלפן. אָבער איך קען גאָר נישט אויפטאָן. איר האָט זיך אַוודאי מיט עפּעס געמוזט פאַרזינדיקן. איך האָב דעם איינדרוק, אַז זי האָט עפּעס אַ רוגז אויף אייך.

איך האָב אים געדאַנקט פאַר זיין גוטן ווילן און פאַרזיכערט, אַז זיין פרוי קען נישט האָבן צו מיר קיין שום ספּעציעלן פאַרדראָס, ווייל פאַר דער גאַנצער צייט וואָס איך געפון זיך אין דעם לאַגער האָב איך זי אין יענעם אָוונט געזען צום ערשטן מאָל.

ער האָט מיך געבעטן, אַז דער אינצידענט זאָל נישט משפּיעה זיין אויף מיין אַרבעט ביי אים, צוזאָגנדיק מיר, אַז ער וועט נאָך מאַכן אַלע באַמיאונגען מיר צו העלפן.

איך האָב געאַרבעט אַ גאַנצן זומער אויף ביידע פּאָסטנס. אָפּטמאָל האָט זיך דער נאַרמיראָווטשיק אָנגעשיכּרט און האָב נאָך געמוזט אויספירן זיין אַרבעט אויך איך בין געקומען צום אויספיר, אַז ווי לאַנג די דאָזיקע וועט זיין די לייטערין פון דער געזונטהייטס־אָפּטיילונג האָב איך נישט קיין שום שאַנסן באַפרייט צו ווערן פאַרן טערמין.

אין אַ געוויסן האַרבסט טאָג, געגנוי אין ראש חודש חשון תשט״ו, דעם 28־טן אָקטאָבער 1954 יאָר אין אָונט האָט מען אונדז אַלע אַרעסטאַנטן אַרויסגעטריבן פון די באַראַקן און געהייסן צונויפזאַמלען זיך אויפן לאַגער פּלאַץ, ווו עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ טריבונע. מיר האָבן נישט געוווסט וואָס ס׳איז געשען. צום סוף איז אָנגעקומען דער נאַטשאַלניק פון לאַגער אין באַגלייטונג פון עטלעכע אָפיצירן און זענען אַרויף אויף דער צוגעגרייטער טריבונע.

דער נאַטשאַלניק פון לאַגער האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג און דערקלערט, אַז עס איז געקומען ספּעציעל פון מאָסקווע קאָלאָנעל פון דער צענטראַלער אָנפירונג פון די לאַגערן, וועלכער וועט האָבן מיט אונדז אַן אינפאָרמאַציע שמועס וועגן די אַקטועלע פּראָבלעמען פון לאַנד — מיר בעטן איר זאָלט אויסהערן מיט אויפמערקזאַמקייט און צום סוף וועט איר קענען שטעלן פראַגן, אויף וועלכע איר וועט באַקומען אַן ענטפער.

דער קאָלאָנעל האָט גערעדט העכער אַ שעה צייט. דער גאַנצע שמועס האָט זיך באַגרענעצט צו איין טעמע. ער האָט אונדז דערציילט, אַז עס איז געשען אַ נס וואָס עס איז דעמאַסקירט געוואָרן אַ גרויסער שונא פון פאָלק. דער דאָזיקער שונא איז נישט קיין אַנדערער ווי לאַווריענטי בעריא, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס גרויסער פאַרברעכער, אַלס אַ שפּיאָן פון היטלער־דייטשלאַנד, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן דעם שונא די וויכטיקסטע מיליטערישע סודות, וואָס האָט גורם געווען די ערשטע פאַרלוסטן ביים אָנהייב פון דער מלחמה, פאַר וועלכע דאָס סאָוויעטישע פאָלק האָט באַצאָלט מיט מיליאָנען קרבנות. איצט, נאָך סטאַלינס טויט האָט בעריא געוואָלט פאַרכאַפּן די מאַכט, באַזייטיקן די לעניניסטיש־מאַרקסיסטישע אָנפירונג און אומקערן אין רוסלאַנד די בורזשואזע אָרדענונג. צום סוף האָט ער איבערגעגעבן, אַז דער דאָזיקער פאַרעטער האָט זיך מודה געווען אין די פאַרברעכנס. ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן — האָט ער פאַרענדיקט.

דער רעדנער און די עטלעכע אָפיצירן אויף דער טריבונע האָבן גענומען קלאַפּן בראַוואָ. זיי האָבן דערוואַרט, אַז די אַרעסטאַנטן וועלן אויפנעמען זיינע רייד מיט אַפּלאָדיסמענטן. אָבער פון צווישן עולם האָבן נאָר עטלעכע הענט געענטפערט מיט בראַוואָ. די נאַטשאַלסטווע איז געווען אין פאַרלעגנהייט. דער דער נאַטשאַלניק האָט געדאַנקט דעם רעדנער און אויסגערופן: ביטע, ווער האָט פראַגן?

אַ לענגערע צייט האָט געהערשט אַ טויט שטילקייט. צום סוף האָט זיך

אַנגערופן אַ יונג שייגעצל אין עלטער פון 15 יאָר — איך האָב אַ פראַגע. אַלע זענען געשטאַנען אין שפּאַנונג. וואָס וועט ער דאָ פרעגן ?

דער חשובער רעדנער האָט אונדז דערציילט — האָט ער אָנגעהויבן — אַז בעריע איז געווען אַ שונא, אַז דאָס האָט ער פאַרשיקט און אומגעבראַכט אין די לאַגערן אַ סך אומשולדיקע מענטשן. אָבער צו האָט ער דאָס געטאָן איינער אַליין ? און איר בירגער קאָלאָנעל, איר האָט נישט פאַרניכטעט מענטשן אין די לאַגערן ? איז פאַר וואָס האָט מען אייך און אַנדערע אויך נישט צוגעצויגן צו דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט ?

עס איז געוואָרן אַ שטאַרקע קאָנסטערנאַציע. אויף אַזאַ חוצפּה מצד דעם יונגל האָט זיך קיינער נישט געריכט. דער רעדנער איז גלייך אַראָפּ פון דער טריבונע און נאָך אים די איבעריקע אָפיצירן. זיי זענען אין איילעניש אַריין אין זייערע מאַשינען און אַוועק.

מיר האָבן נאָך לאַנג קאָמענטירט די דאָזיקע געשעעניש. עס איז אונדז געווען פריילעכער אויפן האַרצן. מיר האָבן געזען וואָס פאַרא ראַדיקאַלע ענדערונג עס איז פאָרגעקומען נאָכן טויט פון סטאַלינען, כאָטש מיר האָב נאָך נישט געוווּסט, צו דער דאָזיקער נקמה אַקט וועלכן עס האָט געבראַכט צום אויסדרוק דאָס דאָזיקע דרייסטע יונגל, וועט נישט גורן זיין שווערע קאָנסעקווענצן פאַר אַלע אַרעסטאַנטן.

דאָס איז געווען אין סוף נאָוועמבער. מיין מיטאַרבעטער, דער נאָרמיראָוו־שטשיק האָט זיך ווי געווינלעך אָנגעשיכרט און עטלעכע טאָג נישט געקומען צו דער אַרבעט. האָב איך פאַרשטייט זיך געמוזט אָנעמען ביי די בריגאַדירן די ראַפּאָרטן און באַשטעטיקן אויף וויפיל פּראָצענט זיי האָבן אויסגעפירט די אַרבעטס־נאָרמעס.

בדרך כלל האָב איך זיך באַמיט אויסצומידן סכסוכים מיט זיי. ווען זיי האָבן פאַרשריבן מער ווי זיי האָבן פאַקטיש אויסגעפירט, האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך ווייס נישט וועגן דעם און באַשטעטיקט זייערע ראַפּאָרטן. איך האָב זיך געטראַכט, איך פאַרטרעט אים נאָר פון צייט צו צייט איז צו וואָס זיך אָנמאַכן צרות...

גראָד אין יענעם טאָג איז אַריינגעקומען אַ יונגל, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין אין עלטער פון 17־18 יאָר. ער איז געווען פון מיטעלן וווּקס, פעסט געבויט מיט אַ שיין פּנים און ער האָט געמאַכט אויף מיר אַ אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. איך האָב אים געזען צום ערשטן מאָל. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס בריגאַדיר און דערלאַנגט מיר אַ ראַפּאָרט פון זיין בריגאַדע, וועלכע האָט געאַרבעט אין וואַלד. אין זיין ראַפּאָרט איז געווען פאַרשריבן צוויי מאָל אַזויפיל אַרבעט, וויפיל זיי האָבן פאַקטיש אויסגעפירט. היות איך האָב פריער באַקומען אַ ראַפּאָרט פונעם מענטש, וועלכער האָט צוגענומען פון וואַלד די קלעצער וועלכע זיין בריגאַדע האָט אויסגעהאַקט און דאָרט איז געווען פאַרשריבן פונקט די העלפט פון דעם וואָס ער האָט אויפגעגעבן, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך קען דאָס נישט באַשטעטיקן.

ער האָט אויף מיר געוואָרפן אַ בליק, אויף זיין שיינעם פנים האָט זיך באַוויזן אַ ציניִשער שמייכל און ער האָט געזאָגט: אַזוי, איר קענט דאָס נישט אונטערשרייבן? איז וואָס זאָל איך טאָן? איך בין אַ בריגאַדיר נישט פון היינט. איך מוז זאָרגן, אַז אַלע אַרעסטאַנטן פון מיין בריגאַדע זאָלן האָבן זייער קילאָ ברויט אַ טאָג, און דער עיקר, זיי זאָלן האָבן די "זאַטשאָטן" (זאַטשאָטן מיינס דאָס אַראָפּרעכענען פון אורטייל צוגאָב טעג לויט די אויסגעפירטע אַרבעטס נאָרמעס) איז ווי וועל איך אויסזען, אַז איר וועט מיר נישט אָנעמען מיינע ראַפּאָרטן?

און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער האָט ער פּלוצים זיך געוואָנדן צו מיר אין יידיש: רב ייד, פון וואַנען זייט איר? און ווען איך האָב אָנגערופן מיין שטאָט, האָט ער אויסגערופן — איך האָב דערקענט אין אייער אויסשפּראַך, אַז מיר זענען שכנים, און. ער האָט אָנגערופן די שטאָט פון וואַנען ער שטאַמט.

און ווירקלעך, זיין יידיש איז געווען אין דעם דיאַלעקט, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר מיין אָפּשטאַם ראַיאָן. איך בין געווען אַ ביסל צעטומלט. איך האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט צו באַגעגענען אין לאַגער אַ יידיש קינד, מיט אַזאַ איידעלען אויסזען דאָ אין לאַגער, און דערצו נאָך אַלס בריגאַדיר פון פאַר־ברעכער... און כאַראַקטעריסטיש, אַז במשך פון דער גאַנצער צייט וואָס איך האָב מיט אים גערעדט האָב איך נישט געהערט פון אים קיין איין זידל וואָרט, וואָס איז געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג אין לאַגער.

און אַזוי אין גאַנג פון אונדזער שמועס, ווען איך האָב זיך באַמיט אים איבערצייגן, אַז טראָץ מיין גוטן ווילן, בפרט נאָך דעם ווי איך האָב זיך דערוווסט, אַז ער איז אַ ייד, קען איך אים נישט באַשטעטיקן דעם ראַפּאָרט, האָט דאָס "איידעלע יונגעלע" אַרויסגעצויגן פון טאַש אַ מעסער און ווענדנדיק זיך צו מיר, דווקא אין יידיש, האָט ער זייער שטיל און פּאַוואָלע, אונטערשטרייכנדיק יעדע סילאַבע געזאָגט:

— איז זעט דאָס מעסער? דאָס איז אַזאַ מכשיר, מיט וועלכן מען טאָר זיך נישט שפּילן, ווייל עס קען שניידן... מיינע חברים אויף דער פריי וואַרטן אויף מיר — האָט ער ווייטער געזאָגט — איך האָב געהאַט אַן אורטייל פון 5 יאָר. דריי פון זיי בין איך שוין אָפּגעקומען. אַנדערהאַלבן יאָר האָב איך פאַרדינט אויף די "זאַטשאַטן" און דאָס איבעריקע האַלבע יאָר מוז איך דערלעדיקן במשך פון 3 חדשים און איר ווילט פאַרלענגערן מיין אורטייל. פאַרשטייט איר דען נישט, אַז איר ריזיקירט מיטן לעבן?

דאָס אַלץ האָט ער געזאָגט שטיל און געלאַסן. איך האָב געזען, אַז ער מאַכט נישט קיין שפּאַס. נאָך מער איבעראַשט בין איך געוואָרן ווען ער האָט אויף מיין פראַגע געענטפערט, אַז ער איז געמשפּט געוואָרן פון אַרטיקל 59.3 פון שטראָף קאָדעקס, וואָס האָט באַדייט באַוואָפנטער רויב אָנפאַל.

פון אונדזער ווייטערדיקן שמועס האָב איך זיך דערוויסט, אַז ער איז אַ זון פון אַ באַוווסטן אינזשיניער, וועלכער פירט אָן מיט גרויסע בויאונגען אין ראָנטפּאַרבאַנד. ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד איז די מוטער געשטאָרבן. דער

פּאָטער האָט חתנה געהאַט צום צווייטן מאָל, אָבער ער האָט נישט געקענט אויס־קומען מיט דער שטיף־מוטער און איז אַנטלאָפן פון שטוב. דאַן האָט ער זיך, אין עלטער פון 15 יאָר אַנגעשלאָסן אין באַנדע פון יונגע איינברעכער, פון וועלכע ער איז געוואָרן דער אָנפירער.

ער איז געווען אַ ביז גאָר אינטעליגענטער בחור, און ווען מען האָט גערעדט מיט אים האָט מען זיך אַפילו נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס דאָזיקע איידעלע קינד איז אַזוי טיף פאַרדאָרבן. ער האָט געהאַט אַ טיפּישע פּסיכאָלאָגיע פון אַ גנב, דערביי זענען דאָס געווען גנבים מיט אַן אָרגינעלע טעאָריע.

זיי האָבן געגנבעט נאָר ביי רייכע מענטשן. זיי פלעגן איינברעכן זיך אין די שטיבן פון זייערע קרבנות מיט געווער אין האַנט. אָבער דאָס געווער האָט זיי געדינט נאָר צום דראָען. קיינמאָל האָבן זיי זיך דערמיט נישט באַנוצט. זיי זענען זיך באַגאַנגען מיט זייער קרבנות איידל. זיי האָבן געבעטן אָפּגעבן זיי דאָס געלט, גאָלד און צירינג. קיין אַנדערע זאַכן האָבן זיי נישט גערירט.

— איר ווייסט דאָך — האָט ער געזאָגט — אַז פון ערלעכע אַרבעט קען מען ביי אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן אין בעסטן פאַל, אַ שטיקל טריקן ברויט. איז פון וואַנען האָבן זיי געגומען אַזויפיל געלט און גאָלד? זיי האָבן געגנבעט ביי דער מלוכה. האָבן מיר דאָס אָנגענומען ביי זיי און דערמיט אויסגעגלייכט די עוולה. איז מיט וואָס זענען מיר ערגער פון די דאָזיקע נאַטשאַלניקעס, וועלכע האָבן דעראָבערט דאָס דאָזיגע געלט מיט שווינדל און אָפּנאַרן די ראַטנמאַכט?

און כאַראַקטעריסטיש. פּונקט ווי אַלע געוויינלעכע פאַרברעכער האָט ער אויך באַטראַכט די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אַלס שונאים, מיט וועלכע מען דאַרף נישט האָבן קיין מגע ומשא.

— און איצט — האָט ער געזאָגט — ווען מיר האָבן שוין גערעדט ווי אַ ייד מיט אַ ייד, וויל איך, אַז איר זאָלט וויסן, אַז אַ גנב געדענקט ווען מען טוט אים אַ טובה, אָבער נאָך מער פאַרגעסט ער נישט אַן עוולה. בעט איך אייך, איר זאָלט מיר אונטערשרייבן דעם ראַפּאָרט, אַזוי ווי איך האָב אים אייך געגעבן.

איך האָב געזען, אַז איך האָב נישט קיין אַנדערן אויסוועג, האָב איך אים געזאָגט אַז איך וועל דאָס אים מאַכן, אָבער צום ערשטן און לעצטן מאָל. אויף להבא האָב איך אים געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל זיך פריער פאַרשטענדיקן מיט דעם, וואָס נעמט אָן ביי אים די אַרבעט, אַז די ציפערן אין זייערע ראַפּאָרטן זאָלן שטימען. ער האָט מיר געענטפערט, ווידער מיט זיין ציניש שמייכל אויף די ליפּן: זאָרגט נישט. אַלץ וועט שוין ביי מיר שטימען...

שפּעטער האָב איך זיך דערוויסט ביי די גנבים, אַז דאָס דאָזיקע ייִנגעלע, האָט ביי זיי אַ גרויסן אויטאָריטעט און איז פאַקטיש זייער אָנפירער. ער איז דאַן אַלט געווען 19 יאָר. זיין פאַרברעכערישע קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן אין עלטער פון 15 יאָר.

נאָך דעם פלעגט ער יעדן אָוונט קומען אין ביוראָ מיט די ראַפּאָרטן פון זיין בריגאַדע. אָבער וויפיל מאָל איך האָב געפּרוווט מיט אים אַנבונדן אַ שמועס,

האָט ער דאָס אויסגעמיטן, דערקלערנדיק: איר זייט אַ פּאָליטשער, דאָס הייסט, אַז איר זייט אַ קעגנער פון דער ראַטנמאַכט. איך בין פאַר דער ראַטנמאַכט. דע־ריבער קען איך מיט אייך נישט האָבן קיין שום פאַרבונדונג. דאָס קען ברענגען שאָדן מיין ווייטערדיקער קאַריערע...

כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָס איז געווען די מיינונג פון אַלע אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען געמשפּט געוואָרן פאַר געוויינלעכע פאַרברעכנס. זיי האָבן זיך באַמיט וואָס מער צו איזאָלירן פון די פּאָליטישע, וועלכע זיי האָבן באַצייכנט מיט דער גאַנצער ערנסטקייט, אַלס שונאים פון פאָלק, אַלס פאַשיסטן.

שבתצונאַכט, דעם 7־טן יאַנואַר 1955 יאָר האָט פּראָפעסאָר איוואַן פּיעטראָוו מיך געבעטן דריגנדיק קומען צו אים. ער האָט מיר דערציילט אַז מיט עטלעכע טעג צוריק איז אָנגיקומען אין שפּיטאָל אַריין אַ ייד אין עלטער פון בערך 60 יאָר וועלכער געפונט זיך ממש אין אַ לעבנס געפאַר. ערליידט פון אַ הויכן בלוט דרוק, און ער האָט זיך פולשטענדיק איינגעבראָכן פסיכיש. דער דאָזיקע נערוון צושטאַנד ווירקט צום פאַרטיפערן פון זיין קרענק. שוין צוויי טעג ווי ער האָט אויפגעהערט עסן, כאָטש ער באַקומט פון דעם היים גוטע פעקלעך און אויך גוט עסן פון דער קיך.

— היות דאָס איז אַ ייד — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר — האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב אייך צו רופן. אפשר וועט איר קענען ווירקן אויף דעם קראַנקן. דער עיקר דאַרפט איר זיך דערוויסן די סיבה פון זיין אויפרעגונג און דאַן ווירקן אויף אים, ער זאָל זיך באַרואיקן, און דער עיקר, ער זאָל אָנהייבן עסן, ווייל ער איז נאָענט צו אַ קאַטאַסטראָפע.

איך בין גלייך אַוועק אין שפּיטאָל. ווי נאָר איך בין אַריין אין זיין צימער האָב איך דערקענט, אַז דאָס איז דער ייד, וועלכן איך האָב מיט אַ צייט צוריק באַגעגנט אויפן איבערזידלונגס פונקט, ווען איך בין דאָרט געווען כדי ווערבירן צו דער אַרבעט בוכהאַלטערן פון צווישן די ניי אָנגעקומענע אַרעסטאַנטן. איך האָב אים דאַן געהאָלפן פאַרהאַלטן זיך אויף אַ געוויסער צייט, ביז ער האָט באַקו־מען זיינע צוויי פעקלעך פון דער היים, וועלכע זענען דאַן געווען אין וועג. נאָך דעם האָט מען אים אָפּגעשיקט אין אַ לאַגער, און איך האָב נישט געוווסט ווו ער געפונט זיך.

אויך ער האָט מיך דערקענט און ווי נאָר איך בין אַריין אין צימער האָט ער אויסגערופן: גוט אָוונט רבי! פון וואַנען זענט איר דאָ אַהער געקומען?

איך האָב אים דערציילט, אַז איך געפון זיך דאָ אין לאַגער, איך אַרבעט אין בוכהאַלטעריע. איך האָב זיך דערוווסט, אַז ער געפונט זיך דאָ, בין איך גע־קומען אים מבקר חולה זיין — איך האָב דאָ ברייטע פאַרבינדונגען און אויב איר נויטיקט זיך אין עפּעס, וועל איך אפשר אייך קענען העלפן.

— וואָס קענט איר מיר העלפן? — האָט ער געענטפערט מיט אַ זיפץ — איך באַקום גוטע פעקלעך פון דער היים און איך האָב גענוג צו עסן. עס איז

אָבער ביי מיר אַן אַנדערע צרה. איך בין באַהערשט דורך אַ פּחד, אַז איך קען שוין מער נישט לעבן.

דער ייד האָט זיך פּשוט צעוויינט און דערציילט, אַז נאָך אונדזער לעצטע באַגעגענישט האָט מען אים געשיקט אין אַ לאַגער מיט אַ שטרענגן רעזשים. עס זענען דאָרט כמעט אויסשליסלעך באַנדיטן־רעצידיוויסטן. מען האָט אים באַשטימט דאָרט אַלס נאָרמיראָוושטשיק. זיי האָבן אָנגעשריבן אין די ראַפּאָרטן צוויי און דריי מאָל אַזויפיל אַרבעט, ווי זיי האָבן פאַקטיש אויסגעפירט. ער האָט פּשוט מורא געהאַט אונטערצושרייבן די דאָזיקע פאַלשע ראַפּאָרטן, האָבן זיי אים געדראָט מיט מעסערס. איינמאָל האָבן זיי אַפילו געפּרוווט אויספירן די דראָונג, נאָר אַ דאַנק די סאָלדאַטן האָט ער זיך געראַטעוועט פון טויט. פון דעם לעבן אין שטענדיקן פּחד האָט ער באַקומען אַ הויכן בלוט־דרוק. ער האָט געחלשט ביי דער אַרבעט און דער דאָקטער פון לאַגער האָט זיך דערשראָקן און געשיקט אים אין צענטראַלן שפּיטאָל.

— איך קען זיך שוין מער נישט מאַטערן — האָט ער אויסגערופן — איך האָב אַן אורטייל פון 25 יאָר, פון וועלכע עס איז מיר נאָך פאַרבליבן 23. זיי וועלן מיר גאָר נישט שענקן... איצט וועט מען מיך ווידער צוריקשיקן צו די באַנדיטן. איז צו וואָס דאַרף איך זיך פּייניקן ביז זיי וועלן מיך הרגענען? און נאָך דערצו מאַטערן מיין משפּחה, זיי זאָלן מיר כסדר שיקן פּעקלעך. בעסער איך זאָל דאָ שטאַרבן רואיק.

איך האָב אים גענומען טרייסטן, אַז אַ מענטש טאָר קיינמאָל נישט פאַרלירן די האָפענונג, דעם גלויבן אין בורא עולם, אָנווייזנדיק אויפן מיין אייגענעם ביישפּיל. אָט בין איך געווען פאַרמשפּט אויף 20 יאָר און דאָך וועל איך בקרוב באַפרייט ווערן מיט דער הילף פון אויבערשטן. בפרט איצט, נאָך סטאַלינס טויט, זענען די שאַנסן אַסך גרעסערע. קען זיין, אַז מען וועט אים פאַרקלערן דעם אור־טייל, עס איז דאָ דער סיסטעם פון "זאַטשאַטן", וואָס גיט אַ מעגלעכקייט צו פאַר־קלענערן דעם טערמין פון אורטייל, אַזוי, אַז עס זענען פאַראַן רעאַלע מעגלעכ־קייטן, אַז נאָך עטלעכע יאָר זאָל ער באַפרייט ווערן און אומקערן זיך צו זיין משפּחה.

אַ חוץ דעם איז דאָ אַ דין אין דער תורה, אַז אַ מאבד עצמו לדעת, דער וואָס באַגייט זעלבסטמאָרד איז פאַרמשפּט אויף אייביקע יסורים, ער האָט אַפילו נישט קיין מעגלעכקייט תשובה צו טאָן. דעריבער האָב איך אים געוואָרנט, אַז ער זאָל אַפילו וועגן דעם מער נישט רעדן. וואָס שייך דער מורא מען זאָל אייך נישט צוריקשיקן צו די באַנדיטן אין אייער לאַגער, וועל איך זיך באַמיען, איר זאָלט דאָ פאַרבלייבן. איך וועל אייך דערלעדיקן מען זאָל אייך באַשעפטיקן אין דער בוכהאַלטעריע צוזאַמען מיט מיר. מיר איז נאָך פאַרבליבן בסך הכל עטלעכע חדשים, וועט איר במילא פאַרבלייבן אויף מיין פּאָסטן — האָב איך געזאָגט — סיי דער הויפּט־בוכהאַלטער און סיי דער נאַטשאַלניק זענען אַנשטענדיקע מענטשן. איר באַקומט אויך פּעקלעך פון דער היים, און איר וועט דאָ אויסהאַלטן ביז איר וועט אי"ה באַפרייט ווערן.

איך האָב נישט געוואָרט אויף זיין הסכמה. איך האָב זיך מיט אים געזעגנט און געזאָגט, אַז ער זאָל זיך צוגרייטן, ווייל וואַרשיינלעך וועט מיר געלונגען צו דערלעדיקן מען זאָל אים מאַרגן אינדערפרי אויסשרייבן פון שפּיטאָל. איך וועל קומען און נעמען אייך צו מיר.

איך האָב גלייך איבערגעגעבן דעם פּראָפעסאָר איוואַן פּיעטראָוו וואָס דער ייד האָט מיר דערציילט, ווי אויך מיין פּאָרשלאָג, וועגן אויסשרייבן אים פון שפּיטאָל. דער פּראָפעסאָר איז געווען ביי דער זעלבער מיינונג, אַז דעם אַרויס־נעמען אים פון שפּיטאָל וועט האָבן אַ גוטע ווירקונג אויף פּאַרבעסערן זיין געזונט צושטאַנד. די באַשעפטיקונג און די נייע אַטמאָספער וועט מיטווירקן צו באַרואיקן זיינע נערוון און במילא צו אַראָפּנידעריקן דעם בלוט־דרוק.

גאַנץ פרי בין איך אַוועק צום נאַטשאַלניק און דערציילט וועגן דעם פאַל, בעטנדיק אים אַ דערלויבעניש צו באַשעפטיקן אים אין דער בוכהאַלטעריע — מען קען אַפילו דערלעדיקן מיטן פּראָפעסאָר, אַז ער זאָל אים דערווייל האַלטן אויף די רשימה פון קראַנקע און ער וועט אַפילו נישט דאַרפן פאַר אים קיין ספּעציעלן ערלויבניש. היות איך דאַרף זיך בקרוב באַפרייען, וועט ער האָבן אַ גוטן בוכהאַל־טער און ערלעכן מענטש אויף מייז אָרט.

אויך דער בוכהאַלטער האָט גערן מסכים געווען. בפרט ווען ער האָט געהאַט אַ מענטש צו דער אַרבעט אומזיסט, פאַר וועלכן ער האָט אַפילו נישט באַדראַפן קיין געצאָלט. און אַזוי האָט דער ייד נאָך דעם זעלבן טאָג אָנגעהויבן אַרבעטן מיט מיר. כדי ער זאָל נישט דאַרפן יעדן טאָג גיין אין שפּיטאָל האָב איך געשאַפן אַ בעטל און אַריינגעשטעלט צו מיר אין באַראַק. מיר האָבן צוזאַמען געוווינט און דער ייד איז געווען געראַטעוועט פון אומקום. ער האָט זיך געפילט וואָס אַמאָל בעסער. ער האָט באַקומען פּעקלעך. איז מיר אויך געווען גרינגער אין דער אַרבעט און פון דעם, וואָס איך האָב געהאַט נעבן זיך נאָך אַ ייד.

צוויי טעג אין שבט תשט״ו, דעם 25־טן יאַנואַר 1955 בין איך געשטעלט געוואָרן פאַר נאָך איין נסיון. עס איז אָנגעקומען אַ קאָמיסיע פון באַקאַנטן אין רוסלאַנד לאַגער אין ווייטן צפון־קאָלימאַ. זיי האָבן געהאַט די באַפולמעכטיקונג פון דער צענטראַלע אין מאָסקווע אויסצוגעפונען ספּעציאַליסטן־בוכהאַלטערן פון צווישן די אַרעסטאַנטן אין פאַרשידענע לאַגערן און נעמען זיי מיט זיך אין עטאַפּ. זיי האָבן דורכגעקוקט די אַקטן פון אַלע אַרעסטאַנטן און פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן מיך אויך אויסגעקליבן צווישן זייערע קאַנדידאַטן. דער נאַריאַדטשיק, וועל־כער האָט מיר אָנגעזאָגט די דאָזיקע בשורה האָט צוגעגעבן, אַז דאָס איז אַ שטיקל אַרבעט פון ״אַפּער״, וועלכער האָט שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון מיר.

מיין לאַגע איז געווען אַ ביז גאָר שווערע. דער נאָמען קאָלימאַ האָט אָנגע־וואָרפן אַ שרעק אויף אַלע בירגער פון ראַטנפאַרבאַנד. דער דאָזיקער לאַגער איז געווען דער סינאָנים פון לײדן און פּיין. אַ חוץ דעם האָט דער וועג מיטן עטאַפּ אין דעם ווייטן צפון געדויערט העכער דריי־פיר חדשים. אין צווישנצייט איז

אויסגעפאַלן פּסח. האָט מיר געדראָט, אַז איך וועל פּסח זיין אין וועג און ממילא וועל איך נישט האָבן וואָס צו עסן אַ וואָך צייט.

אויך מיין געזונט־צושטאַנד איז געווען אַזאַ, אַז איך האָב געצווייפלט צי איך וועל פיזיש אויסהאַלטן די רייזע מיט אַזאַ עטאַפּ. אַ חוץ דער מאָגן־קראַנקהייט האָבן זיך כסדר פאַרשטאַרקט ביי מיר די ווייטיקן פון די פיס. דאָ אין לאַגער האָב איך באַקומען רפואות צו שטילן די שמערצן און געהאַט מער ווייניק נאָר־מאַלע באַדינגונגען, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך אין אַ סאָוויעטישן לאַגער, וואָס האָט מיר געגעבן אַ שאַנס איבערצוהאַלטן. און דאָס אַלץ איז געשען עטלעכע חדשים פאַר מיין באַפרייאונג נאָך 20 יאָר ליידן...

איך האָב זיך געוואַנדן צום לייטער פון דער פּלאַניר־אָפּטיילונג און געבעטן ביים אים פּראָטעקציע צו זיין פרוי, די לייטערין פון דער מעדיצינישער אָפּטיילונג, אַז זי זאָל באַשטעטיקן, אַז מיין געזונט צושטאַנד דערלויבט נישט שיקן מיך אין אַזאַ ווייטן עטאַפּ, בפרט ווען עס זענען שוין פאַרבליבן בלויז עטלעכע חדשים צום סוף פון מיין אורטייל.

אָבער די דאָזיקע אַכזריותדיקע פרוי, וועלכע האָט ווי אויף אַ איראָניע פון גורל זיך אויסגעקליבן אַ פּראָפעסיע וואָס איז באַשטימט צו העלפן מענטשן, האָט אויך דאָס מאָל אַרויסגעוויזן איר אַנטיסעמיטיש חזר־פּיסל — דאָס איז די בעסטע געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון דעם זשיד (דאָס וואָרט "זשיד" איז אין דער רוסישער שפּראַך אַ באַליידנדיקע באַצייכענונג פון אַ ייד). אויב אַפילו ער וועט אומקומען אויפן וועג — האָט זי געזאָגט — איז אויך נישט קיין אומגליק, וועט זיין מיט איינעם ווייניקער...

איך בין אַוועק צום נאַטשאַלניק פון לאַגער און אַפילו אים געשפּילט אויף דער אַמביציע. איך האָב אים דערציילט וועגן דעם ענין און דעם ענטפער פון די דאָקטערין און איך האָב אים געפרעגט: צו באמת דעצידירן דאָ ביי אייך אַזעלכע מענטשן ווי דער "אָפּער" און די דאָזיקע פרוי דאָקטער?

ער האָט פאַרשטאַנען דעם רמז. קען זיין, אַז ער האָט באמת נישט געוואָלט האָבן אויף זיין געוויסן אַזאַ שווערע עוולה. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל צוריקגיין צו מיין אַרבעט — זייט רואיק! — האָט ער צוגעגעבן — איר וועט אין ערגעץ נישט פאָרן פון דאַנען וועט איר באַפרייט ווערן.

דעם זעלבן טאָג נאָך מיטאָג איז געקומען צו מיר דער נאַריאַדטשיק און אויסגערופן: איר האָט באמת מזל! שטעלט אייך פאָר, אַז דער נאַטשאַלניק האָט אונטערגעשריבן אַ באַפעל איבערצולאָזן אייך אין אונדזער לאַגער און נישט שיקן מיטן עטאַפּ. איר ווייסט וואָס ס'הייסט האָבן מזל — האָט ער ווייטער גע־זאָגט — שטעלט אייך פאָר, אַזאַ מענטש ווי פּראָפעסאָר איוואַן פּיעטראָוו. די טעג איז אויף דער קאָמיסיע באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון באַפרייען אים פאַר דער צייט צוליב זיין געזונט צושטאַנד. איר דאַרפט געדענקן, אַז ער איז אַ מענטש שוין אין עלטער פון העכער 65 יאָר און די דאָזיקע... וועלכע טראָגט נאָך דערצו דעם טיטל דאָקטער, און דער "אָפּער", האָבן זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט,

מאָטיווירנדיק דאָס דערמיט, אַז דער פּראָפעסאָר איז אַ שווערער פּאָליטישער פאַר־ברעכער און מוז אָפּקומען די פולע שטראָף. זעט איר שוין, אַז מען דאַרף האָבן מזל...

דעם 1־טן פעברואַר האָט דער הויפּט־בוכהאַלטער מיר געזאָגט, אַז היות אין 1־טן מערץ מוז ער אָפּגעבן דעם בילאַנס פאַר פאַרגאַנגענעם יאָר בעט ער מיך איך זאָל אָפּלייגן אַלע אַנדערע אַרבעטן און פאַרנעמען זיך נאָר מיטן בילאַנס — אויב איר וועט דאָס מאַכן צום טערמין — האָט ער געזאָגט — וועל איך זיך באַמיען, ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, איר זאָלט באַקומען אַלס פּרעמיע 10 קילאָ קאַרטאָפל.

איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז אַלץ וועט זיין צו דער צייט, בפרט ווען דער נייער בוכהאַלטער, דער ייד וועט קענען פאַר דער צייט אויספירן אַלע לויפנדיקע אַרבעטן און איך וועל זיך פאַרנעמען אויסשליסלעך מיטן בילאַנס.

דעם 1־טן מערץ איז טאַקע דער בילאַנס געווען געמאַכט און איך האָב איינקאַסירט מיין פּרעמיע, די 10 קילאָ קאַרטאָפל, וועלכע איך האָב באַהאַלטן אין דער אייזענער שאַנק ווי אַן אוצר. מיט אַ האַלבער פרנסה אויף פּסח בין איך שוין געווען פאַרזיכערט.

אין די ערשטע טעג אַפּריל איז, ווי יעדעס יאָר, אָנגעקומען פאַר מיר אַ פּעקל מצות. איך האָב צוגערופן מיין מיטאַרבעטער, דעם ייד און ווייזנדיק אים מיין פאַרמעגן אין שראַנק געזאָגט: איצט קענען מיר שוין פּראַווען פּסח.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג און געפרעגט: וואָס, דאָ אין לאַגער וועט איר פּראַווען פּסח?...

נישט איך וועל פּראַווען, נאָר מיר, מיר ביידע צוזאַמען וועלן מיר פּראַווען דעם פּסח און אָפּריכטן דעם סדר — האָב איך אים געענטפערט — זאָרגט אייך נישט, דאָס ביסל קאַרטאָפל און מצה וועט סטייען פאַר ביידע.

און אַזוי איז טאַקע געווען. לויט מיין דערפאַרונג האָב איך צוגעגרייט דעם סדר אין אַרכיוו פון דער בוכהאַלטעריע. קיינער האָט אונדז דאָרט נישט געשטערט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ייד האָט געזאָגט די הגדה נישט ערגער פון מיר, ער האָט געקענט אויך דעם פירוש המילים פון דער הגדה און תפילות. ביי דער געלעגנהייט האָט ער מיר דערציילט, אַז צוליב זיין מוטער, וועלכע וווינט ביי אים, ווערט אין זיין שטוב געפירט אַ כשרע קיך, און ער האָט יעדעס יאָר געפּראַוועט דעם סדר. פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ איז געטאָן געוואָרן בסתר, קיינער פון די שכנים זאָל זיך חלילה נישט דערוויסן וועגן דעם, ווייל ער האָט פאַרנומען אַ הויכן פּאָסטן.

— איך האָב זיך אָבער נישט פאַרגעשטעלט, אַז דאָ, אין די באַדינגונגען פון לאַגער וועל איך האָבן אַ געלעגנהייט צו פּראַווען דעם סדר. צו זיצן מיט אַזאַ ייד ווי איר און רעדן וועגן תורה... ער האָט זיך צעוויינט — אָבער דאָס איז אַוודאי דעם לעצטער סדר וועלכן איך פּראַווע — האָט ער אויסגערופן — איר וועט זיך בקרוב באַפרייען און איך דאַרף נאָך דאָ פאַרבלייבן 23 יאָר... איר

שטעלט זיך פאָר, 23 יאָר פאַר אַ מענטש אין מיין עלטער מיט מיין געזונט, מיינט מער שוין נישט זען מיין משפחה, מער שוין נישט פילן דעם טעם פון אַ פרייען מענטש...

איך ווייס נישט צו מיינע טרייסט ווערטער האָבן אים איבערצייגט. אָבער ער האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט. דעם יום־טוב האָבן מיר געגסן און פאַרברענגט צוזאַמען אין בענגשאַפט אָבער אין אַ דערהויבענער שטימונג.

נאָך פסח האָב איך שוין אָנגעהויבן ציילן די טעג וואָס זענען נאָך פאַר־בליבן ביז מיין באַפרייאונג. לויט ווי עס האָט מיר געזאָגט דער הויפט־בוכהאַלטער, איז דער טערמין פון מיין באַפרייאונג געווען דער 7־טער מאַי 1955. ער האָט מיך דערביי געבעטן, איך זאָל צוגרייטן מיין פאַרטרעטער, דעם ייד, אויסצופירן מיין אַרבעט. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט דאָס מאַכן נישט ערגער פון מיר און געבעטן, אַז ער זאָל זיך באַציען צו אים מיט ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט, נעמענדיק אין אַכט דעם געזונט צושטאַנד, און ספּעציעל דעם נערוון צושטאַנד פון דעם מענטש.

אין אַן אָוונט פון סוף אַפּריל איז געקומען צו מיר דער יידישער בחור, וואָס איז געווען אַן בריגאַדיר ביי די גנבים. היות אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי ווערט ער באַפרייט האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו קומען געזעגענען זיך מיט מיר. דער עיקר האָט ער מיך געוואָלט איבערבעטן פאַר דעם, וואָס ער האָט מיר דאַן געדראָט מיטן מעסער.

— איך האָב נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געשעדיקט פיזיש אַ מענטשן. און שוין אָוודאי האָב איך דאָס נישט געהאַט בדעה צו טאָן אייך. אָבער איר פאַרשטייט — האָט ער צוגעגעבן מיט ציניש שמייכל — אין לאַגער, אז מען וויל לעבן, און נאָך דערצו, ווען מען איז אַ בריגאַדיר, דאַרף מען אָנווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען. איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער הילף. מיר האָבן זיך געזעגנט און ער איז אַוועק.

די פרייד פון דער באַפרייאונג אז געווען אויך אָנגעלאַדנט מיט דאגות און אַפילו געפאַרן. דער טאָג פון מיין באַפרייאונג, דער 7־טער מאַי איז אויסגעפאַלען גראַד אין אַ שבת. די פאַרשריפטן זענען געווען אַזעלכע, אַז דער מענטש וועלכן מען האָט באַפרייט האָט מען אין דעם טאָג אינדערפרי אַרויסגעטריבן פון לאַגער. נאָך דעם האָט מען געמוזט גיין אין דער אָנפירונג פון לאַגער כדי באַקומען די באַפרייאונגס דאָקומענטן. און די געביידע פון דער אָנפירונג האָט זיך געפונען אויף אַ וויטן מהלך, וואָס איז פאַר מיר, מיט מיינע קראַנקע פיס, נישט געווען מעגלעך צו דערגיין. אויפן וועג איז נאָך געלעגן דער שניי, קיין קאָמוניקאַציע איז נישט געווען. מען האָט באַדראָפן האָבן מזל צו באַגעגענען גראַד אַ לאַסט מאַשין. אָבער אויך דאַן האָבן די שאָפערן געפאָדערט אַ הויכן אָפּצאָל. ווען זיי האָבן געזען אַ מענטש אין אַרעסטאַנטסקע קליידער האָבן זיי זיך בכלל נישט אָפּגעשטעלט אַפילו, פאַרשטייענדיק, אַז אַן אַרעסטאַנט האָט נישט קיין געלט צו באַצאָלן.

איבעריקנס. אַפּילו ווען איך וועל שוין האָבן אַ געלעגענהייט, וועל איך דאָך סיי ווי נישט קענען פאָרן אום שבת. אַ חוץ דעם האָט מען ביים דערלעדיקן יעדע פאָרמאַליטעט געמוזט זיך אונטערשרייבן. מיט איין וואָרט. דאָס באַפרייען זיך גראָד אין אַ שבת איז געווען פאַר מיר אוממעגלעך. האָב איך געמוזט געפינען אַ וועג, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען עטלעכע טעג פריער.

איך בין אַוועק צום לייטער פון דער פּלאַניר־אָפּטיילונג און געמאַכט אים פאַלגנדיקן חשבון. אויב ער וויל, אַז דער חודש ראַפּאָרט זאָל געמאַכט ווערן צום טערמין, ד. ה. ביזן 4־טן מאַי, מוז איך אַרבעטן אין די טעג פון 1־טן און 2־טן מאַי, וועלכע זענען אין רוסלאַנד טעג פון נאַציאָנאַלן יום־טוב און אַפּילו אַרעס־טאַנטן זענען אין די טעג באַפרייט פון דער אַרבעט. לויט די פאָרשריפטן פון די ״זאַטשאַטן״ דאַרף מען מיר פאַר די דאָזיקע טעג פאַרעכענען דאָפּלט, ד. ה. פאַר צוויי טעג דאַרף איך באַפרייט ווערן מיט 4 טעג פריער, ד. ה. אַנשטאָט דעם 7־טן זאָל איך באַפרייט ווערן דעם 4־טן מאַי.

ער האָט מסכים געווען אויף מיין פאָרשלאָג. היות דער ״אַפּער״ איז גראָד געווען אויסער דעם לאַגער זענען נישט געווען קיין שום שטערונגען. דער נאַט־שאַלניק האָט דאָס באַשטעטיקט און איך בין שוין געווען רואיק, מיט אַ פאַרזיכערטן טערמין פון מיין באַפרייאונג. עס האָט מיך אָבער דערוואַרט נאָך איין, אומגע־ריכטער אָבער ביז גאָר שווערער נסיון, אין וועלכן איך האָב שיעור נישט באַצאָלט מיטן לעבן דווקא עטלעכע טעג פאַר דער באַפרייאונג.

# די גנבים שטעלן מיך צו זייער משפט

גראָד אין די טעג ווען איך האָב געמוזט זיך שטאַרק אָנשטרענגען כדי מאַכן דעם חודש ראַפּאָרט צו דער צייט, פון וואָס עס איז געווען אָפּהענגיק דער טערמין פון מיין באַפרייאונג איז מיין געהילף, דער ייד פון דער בוכהאַלטעריע קראַנק געוואָרן און מען האָט אים גענומען אין שפּיטאָל אַריין. איך האָב געאַרבעט גאַנצע נעכט.

אין איינער אַזאַ נאַכט, בערך 1 אַזייגער 26 טאָג אין ניסן, דעם 18־טן אַפּריל איז אַריין צו מיר אין ביוראָ אַ מענטש אין עלטער פון בערך 40 יאָר. ער איז געווען אָנגעטאָן עלעגאַנט, אין אַן אויסלענדישן אָנצוג, שיינע שיך און אַ טייער פוטערן היטל אויפן קאָפּ. אַזוי אויסגעפּוצט האָבן געקענט זיין נאָר די יחסנים פון צווישן די גנבים.

— איך האָב צו אייך אַ בקשה — האָט ער געזאָגט — איך דאַרף האָבן אַ פּאָר נייע וואַלענקעס, אַזעלכע וואָס מען שרייבט אויס פאַר אָפּיצירן. איר דאַרפט נאָר אויסשרייבן דעם צעטל און דער מאַגאַזינער וועט מיר שוין דאָס אַרויסגעבן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס קען ברענגען אויף מיר אַ צרה, אָבער איך

האָב נישט געהאַט קיין אויסוועג און געזאָגט, אַז צום באַדויערן קען איך דאָס נישט טאָן פאַר אים, ווייל די וואַלענקעס וואָס געפונען זיך אין מאַגאַזין זענען אויסשליסלעך צו דער דיספּאָזיציע פון הויפּט־נאַטשאַלניק פון לאַגער און נאָר ער האָט אַ רעכט דאָס אויסצושרייבן.

— דאַכט זיך, אַז איר זיצט שוין אין לאַגער גענוג לאַנג — האָט ער געזאָגט — דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז אויב איך בין געקומען צו אייך אין דער שעה, איז דאָס אַן ערנסטער ענין. איך האָב אויף מאָרגן באַשטימט אויף אַ געביידע אויסער דעם לאַגער אַ באַגעגעניש מיט אַ פרוי, וועלכע איז פאַר מיר אַ נאָענטער מענטש. איך וועל אַרויסגיין צוזאַמען מיט דער בוי־בריגאַדע. איר זעט די שיך? — דאָ האָט ער מיר געוויזן זיינע פיס — איר פאַרשטייט דאָך, אַז אין די שיך קען איך זיך נישט אַרומדרייען אַ גאַנצן טאָג, איך וועל דאָך צוריקקומען מיט געפרוירענע פיס.

איך האָב אויסגעטאָן מיינע וואַלענקעס און געזאָגט: דאָס איינציקע מיט וואָס איך קען אייך העלפן, איז געבן אייך מיינע וואַלענקעס. ביטע זייער. איך טו דאָס פון גאַנצן האַרצן. איך דאַרף זיי שוין נישט אַזוי נייטיק האָבן. עס איז מיר סך הכל פאַרבליבן נאָר עטלעכע טעג צו מיין באַפרייאונג. איבעריקנס. איך זיץ אין ביורא. מאָרגן, ווען איר וועט צוריקקומען, וועט איר מיר זיי אָפּגעבן.

ער האָט אויף מיר געוואָרפן אַ בליק פול מיט רציחה און אויסגערופן: איר ווייסט מיט וועמען איר רעדט? ... איר האָט אַ חוצפה מיר צו פּראָפּאָנירן אַרויפ־צוגעמען אויף מיינע פיס אייערע פאַרשוויצטע וואַלענקעס? איר ווייסט וואָס דאָס קען אייך קאָסטן? ...

איך האָב זיך אַזוי שטאַרק אויפגערעגט, אַז איך האָב זיך נישט געקנט באַהערשן און געענטפערט אים: איך ווייס נישט וואָס דאָס קען מיך קאָסטן, איך ווייס אָבער אַז איך דאַרף מאַכן שווערע חשבונות פון וועלכע עס איז אָפּהעניק דער טערמין פון מיין באַפרייאונג נאָך 20 יאָר, און דערצו איז מיין פאַרטרעטער אין שפּיטאָל און איר שטערט מיר אין דער אַרבעט.

אויף מיינע ווערטער האָט ער אויפגעקאָכט און געוואָרפן זיך אויף מיר שלאָגן. ער איז אָבער געווען נידעריקער און שוואַכער פון מיר. איך האָב אויך געהאַט אַ שטיקל דערפאַרונג פון מיין לאַגער לעבן, האָב איך אים אָנגענומען ביים קאָלנער און אַן שווערקייטן אַרויסגעוואָרפן און פאַרמאַכט אונטער אים די טיר.

איך האָב זיך צוריק געזעצט צו מיין אַרבעט. איך האָב נאָך נישט באַוויזן זיך צו באַרואיקן ווי איך האָב ווידער דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר. אויף מיין פראַגע — ווער קלאַפּט? האָט זיך אָנגערופן אַ קליין שייגעצל, וועלכער איז גע־ווען אַ שיק יינגל אין לאַגער, מיט וועלכן די גנבים האָבן זיך שטענדיק באַנוצט.

— דו ווייסט וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן? — האָט ער אויסגערופן, און איך האָב געזען אַז ער איז אויף אַן אמת באַאומרואיקט — דו האָסט שווער באַליידיקט און אַרויסגעוואָרפן אונדזער נייעם "באַטקאַ". ("באַטקאַ" איז געווען דער נישט געקרוינטער קעניג פון די גנבים, פאַר וועלכן נישט נאָר די אַרעסטאַנטן, נאָר

אויך די אַדמיניסטראַציע האָט מורא געהאַט און אויסגעמיטן צו טשעפּען.) דו ביסט אין אַ גרויס געפאַר — האָט ער ווייטער געזאָגט — די גנבים קלויבן זיך צוזאַמען און אין אַ שעה צוויי קענסט דו שוין זיין אַ טויטער. אויב די וועסט נאָך באַוויזן, איז ראַטעווע זיך.

איך האָב ערשט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פון דער גרויסער סכנה. איך האָב גענומען זיך פאַרטיידיקן פאַר דעם שייגעצל, מיט דער אויסרעכענונג, אַז ער וועט דאָס איבערגעבן צו די גנבים און אפשר וועט דאָס מיר העלפן — שוין אַ וואָך צייט ווי איך שלאָף נישט. דו ווייסט דאָך דעם מצב פון אַ מענטש וועלכער דאַרף זיך באַפרייען נאָך 20 יאָר לאַגער. די נערוון זענען ביי מיר אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז איך קען זיך נישט באַהערשן און איך קען אַפילו נישט קאָנטראָלירן מיינע מעשים.

— דו האָסט איין אויסוועג — האָט ער געזאָגט — לויף אַריין אויף דער וואַרטע און באַהאַלט זיך אויס צווישן די וועכטער. אפשר וועט דיר געלונגען זיך צו ראַטעווען.

אָבער אַנטלויפן האָב איך שוין נישט געקענט. די ביוראָ פון בוכהאַלטעריע האָט זיך געפונען פונקט אַנטקעגן דער וואַרטע. ווען איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער האָב איך געזען דאָרט שוין אַ גרעסערע גרופּע גנבים. דער וועג צום אַנטלויפן איז געווען פאַרמאַכט. איידער איך האָב באַוויזן געני צו פאַרטראַכטן זיך וועגן מיין לאַגע, האָט דאָס זעלבע שייגעצל ווידער אָנגעקלאַפּט אין טיר. דאָס מאָל איז ער געקומען אַלס אָפיציעלער שליח. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די גנבים רופן מיך צו שטעלן זיך פאַר זייער משפט, וועלכער וועט פאָרקומען אין זייער באַראַק.

איך האָב זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש מיטן הויפּט־בוכהאַלטער און איבערגעגעבן אים די גאַנצע מעשה נורא. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער קען מיר גאָר נישט העלפן ווייל ער וויל נישט ריזיקירן מיט זיין אייגן לעבן, און האָט אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן טרייבל.

איך בין נישט געווען פעיק גאָר צוטראַכטן. מיינע ליפּן האָבן גענומען פּליסטערן די ווידוי... איך ווייס נישט ווי לאַנג דאָס האָט געדוירעט און ווידער האָט זיך באַוויזן דאָס שייגעצל.

— זיי וואַרטן אויף דיר — האָט ער געזאָגט — בעסער דו זאָלסט גיין צום משפט, ווייל אויב זיי וועלן קומען צו דיר, וועט זיין נאָך ערגער...

ווען איך בין אַריין צו זיי האָב איך געזען אין מיטן פון באַראַק אַ גרויסן טיש באַדעקט מיט אַ רויט טישטעך. ביים טיש זענען געזעסן דריי פאַרשוין אין דער זייט איז געשטאַנען דער "באַטקאַ", וועלכן איך האָב אַרויסגעוואָרפן. זיי האָבן מיך געהייסן זעצן אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען ביים טיש אַנטקעגן די דריי פאַרשוין, וועלכע מען האָט מיר פאָרגעשטעלט, אַלס די ריכטער, וועלכע וועלן מיך משפטן. עס זענען צוגעקומען נאָך צוויי, איינער פון זיי איז געווען דער פּראָקוראָר, און דער צווייטער מיין פאַרטיידיקער.

איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז פון דאַנען קען איך שוין נישט אַרויס. אַפילו ווען עס זאָל מיר געלונגען צו אַלאַרמירן די סאָלדאַטן פון דער וואַך, וואָלטן זיי מיר נישט געקענט העלפן, ווייל אין לאַגער טאָרן זיי נישט באַנוצן זיך מיט געווער, און אַן געווער וועלן זיי נישט וואַגן דאָ אַריינצוגיין, ווייל די פאַרברעכער זענען געווען באַוואָפנט מיט לאַנגע מעסערס.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער משפּט. דער פאָרזיצער פון געריכט האָט איבערגעלייענט פון אַ צעטל דאָס באַשולדיקונגס־אַקט, אין וועלכן עס איז געווען געגנוי באַשריבן דער פאַרלויף פון אינצידענט מיט זייער ״באטקא״. נאָך דעם האָט ער מיך געפרעגט, צו איך באַשטעטיק, אַז אַזוי איז עס געווען. איך האָב באַשטעטיקט.

נאָך דעם האָט גענומען אַ וואָרט דער פּראָקוראָר. ער האָט גערעדט אפשר אַ האַלבע שעה. ער האָט אָנגעהויבן פון דעם, אַז וואָס אַן אמת האָב איך זיך נישט פאַרדינט דעם טויט, בפרט ווען איך געפון זיך שוין עטלעכע טעג פאַר דער באַפּרייאונג נאָך 20 יאָר לאַגער. אָבער מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז מען זאָל אונדז באַשמוצן און באַליידיקן — האָט ער געזאָגט — בפרט ווען מיר זענען דאָ עטלעכע צענדליק מענטשן, און זיי, די פאַשיסטן (אַזוי האָבן זיי באַצייכנט די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן) זענען דאָ קרוב צוויי טויזנט. אויב מיר וועלן לאָזן אַזעלכע האַנדלונגען קעגן אונדז אומבאַשטראָפט, וועלן זיי אונדז צעטרעטן מיט די פיס. און היות קיין אַנדערן אורטייל ווי טויט שטראָף קענען זיי נישט רעאַליזירן, מוז דער דאָזיקער אורטייל אויסגעפירט ווערן נאָך אין דער היינטיקער נאַכט.

נאָך דעם האָט גענומען אַ וואָרט מיין פאַרטיידיקער. ער האָט גערעדט זייער לאַנג. ער האָט אויסגערעכנט אַלע מיינע מעלות, אַז איך בין אַן אויסנאַם צווישן די ״פאַשיסטן״, וועלכער האָט געהאַט אַ גוטע באַציאונג צו אונדז גנבים, אַז איך האָב זיי אויסגעשריבן נייע מלבושים, אָנגענומען די ראַפּאָרטן אין וועלכע עס איז געווען פאַרשריבן מער אַרבעט, וויפיל זיי האָבן פאַקטיש אויסגעפירט, און קיינמאָל האָב איך נישט געפאָדערט דערפאַר קיין כאבאר, ווי דאָס טאָן אַנדערע. נאָכן אויסרעכענען די אַלע מעלות טובות האָט ער געזאָגט: אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע מעלות מוז איך מיט גרויס הארץ ווייטיק מסכים זיין מיטן פּראָקוראָר, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג, ווי אויספירן אויף אים אַ טויט אורטייל, כדי דאָס זאָל אָפּשרעקן אַנדערע.

נאָך דעם האָט גענומען דאָס וואָרט דער באַליידיקטער. ער האָט געזאָגט, אַז פאַקטיש האָט ער נישט וואָס צוצוגעבן צו דעם, וואָס עס האָבן שוין געזאָגט דער פּראָקוראָר און דער פאַרטיידיקער. אַלע זענען מסכים, אַז מיר מוזן ווירקן מיט אָפּשרעקונגס מיטלען, כדי יעדער זאָל וויסן, אַז ווער עס באַשמוצט אונדזערס אַ מענטש, דער וועט באַצאָלן מיט זיין קאָפּ.

אויף דער פראַגע, צו איך האָב פראַגן, האָב איך געענטפערט — ניין. צום סוף האָבן זיי מיר געגעבן דאָס לעצטע וואָרט פון באַשולדיקטן. דערביי האָבן זיי אונטערגעשטראָכן, אַז וואָס אַן אמת האָב איך אַ רעכט צו אַ באַגרענעצטער צייט

פון עטלעכע מינוט. נאָר היות זיי נעמען אין אַכט, אַז איך בין פּאַרט אָן אַנשטענ־דיקער מענטש און ביז איצט נישט געהאַט קיין קאָנפליקטן מיט גנבים, דער־לויבן זיי מיר צו רעדן וויפיל איך וועל וועלן. נאָר מיטן באַדינג, אַז דאָס טאָר נישט דויערן לענגער ווי ביז פאַרטאָג, ווייל דער גאַנצער ענין, מיטן אויספירן דעם אורטייל איינשליסלעך מוז פאַרענדיקט ווערן פאַר דעם פרימאָרגן אַפּעל.

אין די אויערן האָט מיר אָן אויפהער געקלינגען: דאָס לעצטע וואָרט... דאָס לעצטע וואָרט... דאָס לעצטע וואָרט... מיין מוח האָט באַנומען נאָר איין געדאַנק, עס איז מיר פאַרבליבן צו לעבן נאָר אַזויפיל צייט וויפיל איך וועל באַווייזן צו רעדן. אָבער די צונג מיינע איז געווען ווי פאַראַליזשירט. איך האָב נישט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט פון מויל.

פּלוצים האָט ביי מיר אויפגעבליצט אַ פונק פון זכרון. איך האָב נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון דעם הויפּט־העלד פון מיין באַשולדיקונג. עפּעס ווי אַ פאַרנעפּלט בילד אויף וועלכן עס האָט זיך אויך געפונען דער דאָזיקער פאַר־ברעכער. איך האָב זיך געפּייניקט און נישט געקענט אַסאָצירן דאָס דאָזיקע בילד מיט דער צייט און אָרט. ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט ווייס איך נישט. די אויגן פון די אַלע פאַרברעכער זענען געווען אָנגעשטעלט אין מיר ווי שפּיזן. אַרום האָט געהערשט אַ טויט שטילקייט פון דערוואַרטונג. פּלוצים האָט ביי מיר זיך אויפגע־וועקט דער זכרון. יאָ, איך ווייס שוין אַלץ גענוי.

דאָס איז געווען מיט העכער 19 יאָר צוריק, אין 1935 יאָר. אין די ערשטע טעג נאָך מיין אַרעסט. איך בין דאַן געזעסן אין אַ גרויסער טורמע אין אַ באַקאַנ־טער שטאָט, וווּ איך האָב געוווינט. די טורמע איז געווען איבערפולט. אין ראַטנ־פאַרבאַנד לעבן מענטשן תמיד אין גרויסער ענגשאַפט נישט נאָר אין די דירות אויף דער פריי, נאָר אויך, און אפשר אַפילו נאָך אין אַ גרעסערער מאָס ווי אויף דעם פריי, אין די תפיסות. און ענג איז געווען נישט נאָר אין די קאַמערס נאָר אויך אויפן הויף, ווי מען האָט אונדז יעדן טאָג אַרויסגעפירט אויף אַ 15 מינוטיקן שפּאַציר.

דער סדר פונעם שפּאַציר איז געווען אַזאַ. אויף דער ערד פון הויף איז געווען אָנגעצייכנט אַ קרייז, אַרום וועלכן מיר זענען געגאַנגען איינע אונטערן אַנדערן און פון וועלכן מיר האָבן נישט געטאָרט אַרויס. יעדע קאַמער האָט מען געפירט באַזונדער. איך בין געווען אין קאַמער 31 אין וועלכער עס האָבן זיך גע־פונען נאָר אויסשליסלעך פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, אָנגעקלאָגטע פון אַרטיקל 58 און אין דער שכנותדיקער קאַמער 32 זענען געזעסן געוויינלעכע פאַרברעכער, גנבים און רוצחים. היות ס'האָט זיי נישט געסטייעט קיין צייט צו פירן יעדע קאַמער באַזונדער, צוליב דער הויכער פרעקווענץ אין תפיסה, האָבן זיי אַרויסגעפירט אויפן שפּאַציר צוזאַמען די אַרעסטאַנטן פון צוויי קאַמערס, איינע פון פּאָליטישע און די צווייטע פון געוויינלעכע פאַרברעכער. אונדז האָט מען געפירט צוזאַמען מיט די אַרעסטאַנטן פון קאַמער 32.

צווישן די דאָזיקע פאַרברעכער האָב איך באַמערקט איינעם, אָן אויסגע־

דאָרטן, בלייבן און שוואַכן אַרעסטאַנט, וועלכער האָט אויסגעזען, אַז אָט אָט שטאַרבט ער. ער האָט געוועקט ביי מיר רחמנות. איך האָב דאַן באַקומען פעקלעך פון מיין פרוי. איך האָב געהאַט פוטער, צוקער און אַנדערע פּראָדוקטן. צוקער איז אין תפיסה איינער פון די וויכטיקסטע דערנערונגס מיטלען, וואָס פאַרטרעט אַ סך אַנדערע פּראָדוקטן. יעדן טאָג, ווען מיר זענען אַרויס אויפן שפּאַציר האָב איך מיטגענומען מיט זיך עטלעכע שטיקלעך צוקער און אונטערגעוואָרפן דעם דאָזיקן קראַנקן אַרעסטאַנט, וואָס האָט אים זיכער דערהאַלטן ביים לעבן.

וואָס מער איך האָב זיך איינגעקוקט אין דעם "באַליידיקטן" פאַרברעכער, וועלכער האָט מיך געשטעלט צו זייער משפּט, איז פאַר מיר שוין נישט געווען קיין שום ספק, אַז דאָס איז ער. דאָס דער, וועלכן איך האָב דאַן געוויס געראַטעוועט פון טויט. ער האָט געהאַט אויף זיין געוויסן אַ גרויס פאַרברעכן, דווקא לגבי זיינע חברים־גנבים. איך האָב זיך אָבער געוואָלט פאַרזיכערן, צו איז ער עס טאַקע דער זעלבער, צו איך האָב נישט קיין טעות.

ענדלעך האָט זיך ביי מיר דאָס מויל געעפנט. איך האָב געפרעגט דעם פאַרזיצער פון געריכט, צו עס איז מיר דערלויבט צו שטעלן אַ פראַגע, טראָץ דעם וואָס איך האָב זיך פריער אָפּגעזאָגט פון פראַגן. אָבער איצט האָב איך זיך דער־מאָנט אין אַ זייער וויכטיקן פאַקט.

ווען ער האָט מיר דערלויבט, האָב איך זיי דערציילט די געשיכטע מיטן צוקער און ווענדנדיק זיך צו מיין אַנקלאָגער האָב איך אים געפרעגט: מען זאָגט, אַז גנבים פאַרגעסן נישט קיין שלעכטס וואָס מען באַגייט לגבי זיי, אָבער זיי פאַרגעסן אויך נישט ווען מען טוט פאַר זיי גוטס. עס איז ריכטיק, אַז איך האָב אייך באַליידיקט. אָבער נעמענדיק אין אַכט, אַז איך האָב אייך אויך אַמאָל גע־ראַטעוועט דאָס לעבן, דאַרפט איר מיר דערפאַר מוחל זיין די איצטיקע באַליי־דיקונג.

די "ריכטער" האָבן זיך געוואַנדן צו אים. צו מיין גרויסער איבעראַשונג און פרייד האָט ער באַשטעטיקט דעם פאַקט, וואָס איך האָב דערציילט אָבער צום סוף האָט ער געזאָגט:

— דערפאַר וואָס איר האָט מיר דאַן געהאָלפן יעדן טאָג מיט אַ ביסל צוקער און באמת מיך געראַטעוועט פון אַ הונגער טויט, קומט אייך אַ דאַנק. אָבער אַזאַ שאַנדע ווי איר האָט מיר, און דורך מיר אַלע איבעריקע דאָ זיצנדיקע, אָנגע־טאָן, קען מען אָנוואַשן נאָר מיט בלוט, און מיר קענען אייך נישט באַפרייען פון דער משפּט.

דאַן האָב איך באַשלאָסן אָנצווענדן דעם לעצטן אַרגומענט, מיט וועלכן איך האָב נישט געהאַט בדעה זיך צו באַנוצן, אויב עס וואָלט זיך נישט געהאַנדלט אין סכנת נפשות. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און דערקלערט — איך וויל אייך זאָגן, אַז דער גאַנצער משפּט אייערער איז אַ פאַלשער.

— איר רעדט נאַרישקייטן. — האָט אויסגערופן זייער פאַרזיצער — איר דאַרפט וויסן, אַז מיר האָבן אייך נישט טראַקטירט ווי די אַנדערע "פּאַשיסטן" נאָר

דערפאַר, ווייל איר זענט אויך אַנדערש ווי זיי, איר היט אָפּ אייער רעליגיע און איר האָט ביז איצט נישט געטאָן קיין עוולה אונדזערס אַ מענטש. דערפאַר האָבן מיר לגבי אייך געהאַנדלט ווי מיט איינעם פון אונדזערע מענטשן און געשטעלט אייך פאַר אַ געריכט, און נישט סתם אַזוי אַוועקגעלייגט... איז דערפאַר דערלויבט איר זיך גאָר באַליידיקן דאָס געריכט ?...

— חלילה — האָב איך אויסגערופן — איך האָב נישט געוואָלט באַליידיקן אייער געריכט. איך האָב אייך נאָר געוואָלט זאָגן, אַז דער משפט איז נישט קיין ריכטיקער, ווייל דער וואָס איז אייער עלטסטער און באַשולדיקט מיך, ער איז אַ מוסר פון נ.ק.וו.ד. וואָס האָט גורם געווען דעם טויט פון עטלעכע זיינע חברים.

עס איז געוואָרן אַ קאָנסטערנאַציע. מיין באַשולדיקער, וועלכער איז ביז איצט געווען אַזוי תקיפתדיק, איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט און גענומען ציטערן. דאַן האָב איך זיי געזאָגט: אין דער תפיסה, אין וועלכער מיר זענעןביידע געזעסן מיט קרוב 20 יאָר צוריק, האָט דער מענטש געהאַט אַ צווייטן נאָמען. אין איינער אַ נאַכט האָט ער פאַרשפּילט אַ סך געלט אין קאָרטן. אין רעזולטאַט דערפון איז דערגאַנגען צווישן אים און די איבעריקע אַרעסטאַנטן אין קאַמער צו אַ סכסוך. ער האָט זיך דאַן געוואַנדן נאָך הילף צו די תפיסה־וועכטער.

אין דער זעלבער צייט איז גראָד געווען שוין פערטיק אַן אונטערגראָבונגען, איבער וועלכן די אַרעסטאַנטן האָבן געאַרבעט בערך צוויי חדשים, און אַלץ איז געווען שוין גרייט. היות זיי האָבן מורא געהאַט, אַז ער וועט זיי אויסגעבן, האָבן זיי צוגעאיילט דעם טערמין און נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָבן זיי געמאַכט אַ פּרווו צו אַנטלויפן. דאָס וואָלט זיי זיכער געלונגען. אָבער דער דאָזיקער מענטש, וועלכער שטייט דאָ פאַר אייך אַלס אייער אָנפירער, האָט שוין באַוויזן פריער דאָס איבערצוגעבן דער נ.ק.וו.ד. זיי האָבן געמאַכט אַ פאַסטקע און אין רעזולטאַט דערפון זענען 5 אַרעסטאַנטן דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט און די איבעריקע זענען געכאַפּט געוואָרן. זאָל ער פּרובירן דאָס אָפּלייקענען מיר אין די אויגן.

דער דאָזיקער פאַרברעכער איז געווען אַזוי שטאַרק צעטומלט, אַז ער האָט אַפילו נישט געפּרוווט זיך פאַרטיידיקן. ער איז געשטאַנען אַ געליימטער, ווי ער וואָלט פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין. ווען איך האָב פאַרענדיקט ריידן האָב איך דערפילט אַן אויסערגעוויינלעכע מידקייט, וואָס איז געווען וואַרשיינלעך אַ רע־זולטאַט פון דער גרויסער נערוון אָנשטרענגונג. איך האָב זיך ווי אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק און געבליבן זיצן.

דאָס געריכט איז אַרויס פון באַראַק. נאָך דעם האָבן זיי גערופן דעם "העלד". איך געדענק נישט ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, אָבער קיין סך צייט האָט עס נישט גענומען. זיי זענען צוריקגעקומען און דערקלערט, אַז איך בין באַפרייט פון יעדער שולד. פאַרקעט. זיי האָבן מיר אויסגעדריקט אַ דאַנק, וואָס איך האָב זיי געהאָלפן דעמאַסקירן אַ פאַרעטער, איבער וועלכן עס ווערט שוין איצט אויסגעפירט אַ גערעכטער אורטייל...

**איך בין אַרויס פון באַראַק, און כאָטש די נאַכט איז געווען אַ פראָסטיקע,**

בין געווען נאָס פון שווייס. ערשט איצט האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ פולן דין חשבון פון דער גרויסער סכנה אין וועלכער איך האָב זיך געפונען און דער גרויסער נס מן השמים. איך בין אַוועק אין ביוראָ, געבענטשט גומל און מתפלל געווען צום אויבערשטן וועלכער האָט מיך געראַטעוועט פון די הענט פון די דאָזיקע גזלנים.

# איך ווער באַפרייט פון לאַגער

איך האָב זיך געגרייט צו מיין באַפרייאונג. דעם חודש ראַפּאָרט האָב איך געמאַכט מיט צוויי טעג פאַרן טערמין, און דעם 2־טן מאַי האָב איך אים אָפּגעגעבן דעם לייטער פון דער פּלאַניר־אָפּטיילונג, וועלכער האָט מיר געדאַנקט און איבער־געבעטן פאַר צרות, וואָס איך האָב געליטן פון זיין ווייב. די אַרבעט אין בוכ־האַלטעריע האָב איך שוין געהאַט איבערגעגעבן מיין פּאַרטרעטער, דעם ייד, וועלכער האָט זיך מיט עטלעכע טעג פריער באַפרייט פון שפּיטאָל. דער ייד האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס פון זיין משפחה אין מאָסקווע. איך האָב אים צוגעזאָגט אי״ה זיי צו באַזוכן און איבערגעבן זיי אַ לעבעדיקן גרוס פון אים, כאָטש דאָס האָט זיך מיר נאָך אַלץ נישט געלאָזט גלויבן.

דעם זעלבן טאָג האָט אָנגעקלינגען פּראָפעסאָר איוואַן פּיעטראַוו און גע־בעטן איך זאָל באַלד קומען צו אים. ווען איך בין אַריין צו אים האָט ער מיר געזאָגט: גייט אין דריטן קאָרפּוס, אין 6־טן צימער ליגט אַ ייד, וועלכער געפונט זיך אין אַ גרויס געפאַר, אפשר וועט איך קענען העלפן אים צו ראַטעווען.

אין דעם צימער זענען געלעגן 6 קראַנקע. ווי נאָר איך בין אַריין האָב איך דער קענט וועלכער עס איז דער ייד, כאָטש איך האָב אים געזען צום ערשטן מאָל. ער איז געלאָפן איבערן צימער, אַ צעבראָכענער, אַן אויפגערעגטער, ממש אין אַ נישט נאָרמאַלן צושטאַנד. איך האָב זיך מיט אים באַגריסט און געפּרוווט אָבינדן אַ שמועס. אָבער ער האָט מיר געענפערט, אַז איך זאָל אים לאָזן צורו, ער וויל נישט קיין הליף פון קיינעם און ער האָט נישט געוואָלט רעדן מיט מיר.

איך בין אַוועק צום פּראָפעסאָר, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך זאָל וואַרטן און מאַכן נאָך איין פּרווו, נאָך דעם ווי די שוועסטער וועט אים באַלד מאַכן אַן איינשפּריצונג פון מאָרפין, וואָס וועט אים באַרואיקן. קען זיין, אַז דאַן וועט ער מיט אייך רעדן רואיקער. ער האָט מיר דערציילט, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט אַ גאַנגרען אויף איין פיס, אין אַזאַ מצב, וואָס מען מוז באַלד אָפּערירן דורך באַזייטיקן דעם פיס, ווען נישט זענען זיינע טעג געציילטע. אָבער ער דערלויבט נישט צו מאַכן די אָפּעראַציע. ער האָט אויפגעהערט עסן. ער שרייט, אַז סיי ווי איז ער פאַרמשפּט אויפן גאַנצן לעבן צו זיין אין לאַגער, איז בעסער צו שטאַרבן וואָס שנעלער. איר מוזט מיט אים רעדן, אפשר וועט אייך געלונגען אים אויפ־

צוקלערן, ווי דאָס איז געווען מיט דעם ייד, וועלכער איז איצט אויף אייער אָרט אין בוכהאַלטעריע.

ווען איך בין אַריין צום אים צום צווייטן מאָל איז ער געלעגן אין בעט, אַ רואיקע אָבער נידערגעשלאָגענער. דאָס מאָל האָט ער זיך מיט מיר באַגרוסט. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין רעזולטאַט פון אַ בלבול איז ער אַרעסטירט געוואָרן און ער האָט אַ גרויסן אורטייל פאַר פּאָליטישע פאַרברעכנס. אין וואַלד איז ביי אים אָפּגעפרוירן דער פיס. ער גלויבט נישט, אַז ער וועט אַמאָל אַרויס פון דעם לאַגער. ער האָט שוין נישט קיין כוח, און ער זעט נישט קיין זין ווייטער זיך צו פּייניקן. איז שוין בעסער וואָס שנעלער...

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך דאַרף מאָרגן אַרויסגיין פון לאַגער נאָך 20 יאָר. אויב איך האָב דערצו זוכה געווען — האָב איך אים געזאָגט — איז נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב קיינמאָל נישט פאַרלוירן דעם בטחון, דערפאַר האָט מיר דער אויבערשטער געהאָלפן אויסהאַלטן. בפרט איצט, נאָכן טויט פון סטאַלינען טאָר מען אַוודאי נישט פאַרלירן די האָפענונג. איך גלויב, אַז מיר וועלן זיך נאָך טרעפן אַלס פרייע יידן אין ישראל.

דער ייד האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג. איך האָב זיך מיט אים געזעגנט און געוווּנטשן, אַז די אָפּעראַציע זאָל אַדורך ביי אים בשלום און צוגע־זאָגט, אַז איך וועל אים שיקן פון מאָסקווע אַ רפואה, וועלכע דער פּראָפעסאָר וועט פאַרשרייבן, וואָס וועט אים לינדערן די ווייטיקן פון די פיס.

צומאָרגנס גאַנץ פרי בין איך אַוועק אין שפּיטאָל זיך איבערצייגן, צו מיינע טרייסט ווערטער האָבן געהאַט אַ ווירקונג. איך האָב אים נישט געטראָפן. די קראַנקן־שוועסטער האָט מיר געזאָגט, אַז מען האָט אים שוין גענומען צו דער אָפּעראַציע.

ווען איך בין צוריקגעקומען האָט דער נאַטשאַלניק געהאַט צו מיר אַ טענה, הלמאי איך דערלעדיקט נישט די פאָרמאַליטעטן פון מיין באַפרייאונג, ווייל איך דאַרף גלייך פאַרלאָזן דעם לאַגער.

איך האָב זיך געזעגנט מיט מיינע מיטאַרבעטער און ווען איך בין אַרויס איבערן טויער בין איך אַ לענגערע ווײַלע געבליבן שטיין, ווי איך וואָלט מורא געהאַט צו גיין ווייטער. איך האָב נישט געגלויבט, אַז דאָס בין איך שוין באמת פריי און קען זיך באַוועגן אָן דער באַגלייטונג פון אַ באַוואָפנטן וועכטער.

איך בין אַוועק אין ביוראָ פון דער לאַגער פאַרוואַלטונג, ווו איך האָב באַ־דאַרפן אויספילן אייניקע פאָרמולאַרן און באַקומען דעם צעטל פון דער באַפריי־אונג. נאָך דעם האָט מיך נאָך געוואַרט אַ וועג פון אַ סך קילאָמעטער אין שטעטל אַריין, ווו עס האָט זיך געפונען די ביוראָ פון דער צענטראַלע פון אַ גאַנצע גרופּע לאַגערן. דאָרט האָב איך באַדאַרפן דערלעדיקן די איבעריקע פאָרמאַליטעטן פון דער באַפרייאונג, באַקומען מיין פּאַספּאָרט, געלט און אַ בילעט צו פאָרן אַ היים. אָבער מיט וואָס איך וועל זיך דערקלייבן אין שטעטל אַריין, האָב איך נישט געוווּסט.

צופעליק האָט מיך דער נאַטשאַלניק פון לאַגער באַמערקט אין קאָרידאָר. ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אין קאַבינעט. איך האָב סיי ווי געהאַט בדעה אַריינ־צוגיין צו אים זיך געזעגענען. בעת אונדזער שמועס האָט ער געזאָגט, אַז ער פאָרט גראָד היינט אין דער צענטראַלע און ער וועט מיך מיטנעמען אין זיין מאַשין.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט פאַר דער געביידע פון דער לאַגער־פאַרוואַל־טונג און מיט מיינע מחשבות בין איך שוין געווען ווייט פון דאַנען. אָבער ווען איך האָב זיך געמאַכט מיין פּלאַן, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז מיין לאַגע איז ווידער אַ ביסל אַ קאָמפּליצירטע.

דער וועג אַ היים האָט געפירט דורך מאָסקווע, וווהין מען האָט באַדאַרפן פאָרן מיט דער באַן 4 מעת־לעת. איך האָב געמאַכט דעם חשבון, אַז אַפילו עס זאָל מיר געלונגען צו באַקומען אַ בילעט אויפן צווייטן טאָג, דאָס איז געווען דאָנערשטיק, וועט מיר אויסקומען שבת צו זיין אין באַן. ווו צו פאַרבלייבן איבער שבת האָב איך דאָ נישט געהאַט. דאָס געלט וואָס איך האָב באַדאַרפן באַקומען, האָט קוים געקענט סטייען אויף די נויטיקסטע אויסגאַבן אויפן וועג. וואָס טוט מען ?

דערווייל איז אָנגעקומען די מאַשין. אויפן וועג האָב איך דערציילט דעם נאַטשאַלניק וועגן מיינע קלאָפּאָטן.

— אַזאַ ייד ווי איר איז באמת שווער צו זיין — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל. — אָבער נעמט זיך נישט איבער. מען וועט שוין עפּעס צוטראַכטן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין דער צענטראַלע האָט ער מיך געהייסן וואַרטן אין קאָרידאָר און אַליין איז ער אַוועק דערלעדיקן פאַר מיר די פאָרמאַלי־טעטן. איך האָב שפּעטער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט כלל נישט באַדאַרפן זיין אין דער צענטראַלע נאָר ער איז געפאָרן צוליב מיר.

נאָך אַ קורצער צייט איז ער צוריקגעקומען און געזאָגט: איך האָב שוין דערלעדיקט אַלע פאָרמאַליטעטן. איר וועט נאָר דאַרפן אָפּנעמען דאָס געלט און דעם פּאַספּאָרט. אַ בילעט האָב איך פאַר אייך גענומען אויף זונטיק — האָט ער צוגעגעבן.

ווו וועל איך זיין ביז זונטיק — האָב איך אים איבערגעריסן.

— אין האָטעל — האָט ער געענטפערט — וואָס אַן אמת נעמט מען דאָרט נישט אַריין קיין באַפרייטע אַרעסטאַנטן, ווייל דער האָטעל איז באַשטימט פאַר אָפיצירן און באַאַמטע פון דער לאַגער פאַרוואַלטונג. אָבער איך האָב דאָ באַקאַנטע, וועלכע פאַרנעמען אַ צימער אין וועלכן עס איז דאָ אַ פריי בעט. זיי האָבן מסכים געווען איר זאָלט זיך ביי זיי פאַרהאַלטן די עטלעכע טעג. איר וועט אַפילו נישט דאַרפן גאָר באַצאָלן, ווייל דער צימער איז אָפּגעדינגען דורך דער אַדמיניסטראַציע.

איך האָב אים האַרציק געדאַנקט. איך בין געווען אַזוי שטאַרק גערירט פון זיין האַנדלונג, אַז טרערן האָבן זיך באַוויזן אין מיינע אויגן. ווען מיר האָבן זיך געזעגנט האָט ער געזאָגט: איך האָב אייך נאָר געוואָלט איבערצייגן, אַז אויך אין דער אַדמיניסטראַציע פון די לאַגערן זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע האַלטן וואָרט...

צומאָרגנס, דאָנערשטיק האָב איך אָפּגענומען מיינע פּאָר רובל, איך האָב איינגעקויפט אַ ביסל פּראָדוקטן און צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע יאָרן האָב איך געפּראַוועט שבת במנוחה, אָן שטערונגען.

מיטוואָך בין איך אָנגעקומען קיין מאָסקווע. מיין ערשטער וויזיט איז געווען אין "גום", דאָס זענען די ר"ת פון הויפּט אוניווערמאַג אין מאָסקווע, וואָס איז דאָס גרעסטע געשעפט נישט נאָר דין דער סאָוויעטישער הויפּט־שטאָט, נאָר אין גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט האָב איך זיך געקויפט נייע וועש, שיך און אַ בגד. פון דאָרט בין איך אַוועק אין באָד, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אַלטע בגדים, און עס האָט מיר אויסגעדאַכט, אַז איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די צרות פון לאַגער. נאָך דעם בין איך ערשט אַוועק אויפן אַדרעס פון דער משפחה פון מיין חבר לצרה, דער ייד וואָס איז געבליבן אויף מיין אָרט אין דער בוכהאַלטעריע אין לאַגער.

זיי האָבן געוואַרט אויף מיר ווי אויף אַן אַלטן פריינד. נאָך מיט אַ חודש פריער האָבן זיי דערהאַלטן אַ בריוו וועגן מיין אָנקומען צו זיי. ביי זיי איז טאַקע געווען אַ כשרע קיך, נאָר היות מיין חבר האָט זיי געשריבן, אַז איך בין זייער אַ מדקדק, האָבן זיי געקויפט ספּעציעל פאַר מיר ניי געשיר. איך האָב זיי אָפּגע־געבן אַ לעבעדיקן גרוס פון זייער זון מאַן און פאָטער און בין אַוועק אין דער גרויסער מאָסקווער שול.

צום ערשטן מאָל נאָך 20 יאָר האָב איך געדאַוונט מיט אַ מנין. נאָך דעם בין איך געפאָרן אין דער הויפּט־אַפּטייק פון מאָסקווע, ווו איך האָב געקויפט די רפואה פאַר דעם קראַנקן ייד און אָפּגעשיקט מיט לופט־פּאָסט, צולייגנדיק אַ בריוול צום פּראָפעסאָר איוואַן פּיעטראָוו, אין וועלכן איך האָב אים געדאַנקט פאַר דעם וואָס ער האָט געטאָן פאַר מיר און פאַר דער הילף ביים ראַטעווען דאָס לעבן פון דעם ייד. אויפן צווייטן טאָג בין איך אָפּגעפאָרן אַ היים, ווו עס האָט געוואַרט אויף מיר מיין אויסגעבענקטע פרוי.

וועגן מיינע איבערלעבונגען אויף דער פריי און וועגן מיין פאַרלאָזן רוס־לאַנד, ווען איך האָב זוכה געווען עולה צו זיין קיין ישראל, און וועגען דעם ווייטערדיגן גורל פון אַרעסטאַנטען וואָס זיינען באַשריבען געוואָרען אין דעם בוך, האָף איך אי"ה בלי נדר אָנצושרייבן אין ווייטערדיקן טייל פון מיינע זכרונות.